STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05126

# SEFER NEVIIM RISHONIM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ספר

# נביאים ראשונים

מדויק היטב על פי המסורה

הוגהו בעיון נמרץ על ידי החכם המובהק מהור"ר

## מאיר הלוי לעטערים.

איבערזעצט אין א ריינעם מאָדערנעם אידיש

לויט די נייע און אַלטע מפרשים.

צווייטע פערבעסערטע אויפלאַגע

New York:
HEBREW PUBLISHING COMPANY
50-52 Eldridge Street
1914.

# THE HOLY BIBLE

Translated into Yiddish

by

**Ch. Neuhausen, A. Hyman Charlap, and others.**

---

Copyright 1912,

by the Hebrew Publishing Company, New York.

# ספר
# נביאים ראשונים

יהושע — שמואל ב׳
שופטים — מלכים א׳
שמואל א׳ — מלכים ב׳

# יהושע

# LIBER JEHOSUAH.

## CAPUT I. א

א וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ
2 בִּן־נוּן מְשָׁרֵת מֹשֶׁה לֵאמֹר׃ מֹשֶׁה עַבְדִּי מֵת וְעַתָּה קוּם
עֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה אַתָּה וְכָל־הָעָם הַזֶּה אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר
3 אָנֹכִי נֹתֵן לָהֶם לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ כָּל־מָקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ
כַּף־רַגְלְכֶם בּוֹ לָכֶם נְתַתִּיו כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־מֹשֶׁה׃
4 מֵהַמִּדְבָּר וְהַלְּבָנוֹן הַזֶּה וְעַד־הַנָּהָר הַגָּדוֹל נְהַר־פְּרָת כֹּל
אֶרֶץ הַחִתִּים וְעַד־הַיָּם הַגָּדוֹל מְבוֹא הַשָּׁמֶשׁ יִהְיֶה גְּבוּלְכֶם׃
ה לֹא־יִתְיַצֵּב אִישׁ לְפָנֶיךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ כַּאֲשֶׁר הָיִיתִי עִם־
6 מֹשֶׁה אֶהְיֶה עִמָּךְ לֹא אַרְפְּךָ וְלֹא אֶעֶזְבֶךָּ׃ חֲזַק וֶאֱמָץ
כִּי אַתָּה תַּנְחִיל אֶת־הָעָם הַזֶּה אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי
7 לַאֲבוֹתָם לָתֵת לָהֶם׃ רַק חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת
כְּכָל־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוְּךָ מֹשֶׁה עַבְדִּי אַל־תָּסוּר מִמֶּנּוּ יָמִין
8 וּשְׂמֹאול לְמַעַן תַּשְׂכִּיל בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ׃ לֹא־יָמוּשׁ סֵפֶר
הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה לְמַעַן תִּשְׁמֹר
לַעֲשׂוֹת כְּכָל־הַכָּתוּב בּוֹ כִּי־אָז תַּצְלִיחַ אֶת־דְּרָכֶךָ וְאָז
9 תַּשְׂכִּיל׃ הֲלוֹא צִוִּיתִיךָ חֲזַק וֶאֱמָץ אַל־תַּעֲרֹץ וְאַל־תֵּחָת כִּי
י עִמְּךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ׃ וַיְצַו יְהוֹשֻׁעַ אֶת־
11 שֹׁטְרֵי הָעָם לֵאמֹר׃ עִבְרוּ | בְּקֶרֶב הַמַּחֲנֶה וְצַוּוּ אֶת־הָעָם
לֵאמֹר הָכִינוּ לָכֶם צֵידָה כִּי בְּעוֹד | שְׁלֹשֶׁת יָמִים אַתֶּם עֹבְרִים
אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה לָבוֹא לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה

אלהיכם

* הפטרת שמחת תורה. v. 6. פתח באתנח. v. 7. סבירין ממנה. ibid. מלא ו'. v. 9. קמץ בז"ק

# יהושע

## קאַפּיטעל א

1 נאָכדעם אַז משה, גאָט'ס דיענער, איז געשטאָרבען, האָט גאָט געזאָגט צו יהושע, נון'ס זוהן, משה'ס דיענער, אַזוי צו זאָגען:

2 משה מיין דיענער איז טויט, יעצט שטעה דו אויף און געה איבער דעם ירדן מיט דאָס גאַנצעס פאָלק, צום לאַנד וואָס איך גיב זיי, די קינדער ישראל.

3 יעדער אָרט וואָס דער טריט פון אייער פוס וועט איהם בעטרעטען האָב איך אייך געגעבען — ווי איך האָב גערעדט צו משה'ן.

4 פון דער וויסטע ביז דעם גרויסען טייך פּרת און דעם לבנון — דאָס גאַנצע חתי'ער לאַנד ביז'ן גרויסען ים; ביים זונן אונטערגאַנג וועט זיין אייער גרענעץ.

5 עס וועט זיך קיינער קעגען דיר שטעלען צייט דיין לעבען — אַזוי ווי איך בין געוועזען מיט משה'ן וועל איך זיין מיט דיר, איך וועל דיר ניט אָבלאָזען און ניט פערלאָזען.

6 זיי שטאַרק און פעסט! וואָרום דו וועסט דיעזע פאָלק מאַכען ערבען דאָס לאַנד, וואָס איך האָב צו זייערע פאָטערס געשוואָרען זיי צו געבען.

7 זיי נאָר שטאַרק און פעסט צו היטען און טהאָן די גאַנצע לעהרע וואָס מיין דיענער משה האָט דיר בעפעהלען! זאָלסט דערפון ניט אָבקעה־רען רעכטס אָדער לינקס, אום דו זאָלסט בעגליקען וואו נאָר דו וועסט געהן.

8 דאָס לעהרע־בוך זאָל ניט אָבגעטהאָן ווערען פון דיין מויל, זאָלסט ווע־גען איהם רעדען טאָג און נאַכט, אום צו היטען און טהאָן אַלעס וואָס איז אין איהם געשריעבען — נאָר דאַן וועסטו בעגליקען אין דיינע וועגען, נאָר דאַן וועסטו קלוג האַנדלען.

9 איך האָב דיר שוין בעפעהלען: „זיי שטאַרק און פעסט!” ווער־זשע ניט צובראָכען און דערשראָקען, וואָרום גאָט איז מיט דיר וואו נאָר דו געהסט.

10 דאַן האָט יהושע בעפעהלען די פאָלקס־בעאַמטע זאָגענדיג:

11 געהט דורך דעם לאַגער און בעפעהלט דאָס פאָלק זאָגענדיג: גרייט אייך אָן שפּייז, וואָרום נאָך דריי טעג געהט איהר איבער דיעזען ירדן צו קומען בעזיצען דאָס לאַנד, וואָס אייער גאָט גיט אייך אַלס אַ בעזיץ.

12 אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן לָכֶם לְרִשְׁתָּהּ׃ וְלָרֽאוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי
13 שֵׁבֶט הַֽמְנַשֶּׁה אָמַר יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹֽר׃ זָכוֹר אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר
צִוָּה אֶתְכֶם מֹשֶׁה עֶֽבֶד־יְהוָה לֵאמֹר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם מֵנִיחַ
14 לָכֶם וְנָתַן לָכֶם אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּֽאת׃ נְשֵׁיכֶם טַפְּכֶם וּמִקְנֵיכֶם
יֵשְׁבוּ בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וְאַתֶּם
תַּעַבְרוּ חֲמֻשִׁים לִפְנֵי אֲחֵיכֶם כֹּל גִּבּוֹרֵי הַחַיִל וַעֲזַרְתֶּם
טו אוֹתָֽם׃ עַד אֲשֶׁר־יָנִיחַ יְהוָה ׀ לַאֲחֵיכֶם כָּכֶם וְיָרְשׁוּ גַם־
הֵמָּה אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן לָהֶם וְשַׁבְתֶּם
לְאֶרֶץ יְרֻשַּׁתְכֶם וִירִשְׁתֶּם אוֹתָהּ אֲשֶׁר ׀ נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה
16 עֶבֶד יְהוָה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרַח הַשָּֽׁמֶשׁ׃ וַֽיַּעֲנוּ אֶת־יְהוֹשֻׁעַ
לֵאמֹר כֹּל אֲשֶׁר־צִוִּיתָנוּ נַעֲשֶׂה וְאֶל־כָּל־אֲשֶׁר תִּשְׁלָחֵנוּ
17 נֵלֵֽךְ׃ כְּכֹל אֲשֶׁר־שָׁמַעְנוּ אֶל־מֹשֶׁה כֵּן נִשְׁמַע אֵלֶיךָ רַק
18 יִהְיֶה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם־מֹשֶֽׁה׃ כָּל־אִישׁ
אֲשֶׁר־יַמְרֶה אֶת־פִּיךָ וְלֹא־יִשְׁמַע אֶת־דְּבָרֶיךָ לְכֹל אֲשֶׁר־
תְּצַוֶּנּוּ יוּמָת רַק חֲזַק וֶאֱמָֽץ׃

## ב Cap. II. ב

א וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן מִן־הַשִּׁטִּים שְׁנַיִם אֲנָשִׁים מְרַגְּלִים
חֶרֶשׁ לֵאמֹר לְכוּ רְאוּ אֶת־הָאָרֶץ וְאֶת־יְרִיחוֹ וַיֵּלְכוּ וַיָּבֹאוּ
2 בֵּית אִשָּׁה זוֹנָה וּשְׁמָהּ רָחָב וַיִּשְׁכְּבוּ־שָֽׁמָּה׃ וַיֵּאָמַר לְמֶלֶךְ
יְרִיחוֹ לֵאמֹר הִנֵּה אֲנָשִׁים בָּאוּ הֵנָּה הַלַּיְלָה מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל
3 לַחְפֹּר אֶת־הָאָֽרֶץ׃ וַיִּשְׁלַח מֶלֶךְ יְרִיחוֹ אֶל־רָחָב לֵאמֹר
הוֹצִיאִי הָאֲנָשִׁים הַבָּאִים אֵלַיִךְ אֲשֶׁר־בָּאוּ לְבֵיתֵךְ כִּי
4 לַחְפֹּר אֶת־כָּל־הָאָרֶץ בָּֽאוּ׃ וַתִּקַּח הָאִשָּׁה אֶת־שְׁנֵי הָאֲנָשִׁים
וַֽתִּצְפְּנוֹ וַתֹּאמֶר כֵּן בָּאוּ אֵלַי הָאֲנָשִׁים וְלֹא יָדַעְתִּי מֵאַיִן
ה הֵֽמָּה׃ וַיְהִי הַשַּׁעַר לִסְגּוֹר בַּחֹשֶׁךְ וְהָאֲנָשִׁים יָצָאוּ לֹא
יָדַעְתִּי אָנָה הָלְכוּ הָאֲנָשִׁים רִדְפוּ מַהֵר אַחֲרֵיהֶם כִּי
6 תַשִּׂיגֽוּם׃ וְהִיא הֶעֱלָתַם הַגָּגָה וַֽתִּטְמְנֵם בְּפִשְׁתֵּי הָעֵץ

הערכות

א v. 18. כ״א אל ibid. ע״ב ב׳ v. 1. הפטרת שלח לך v. 5. קמץ בז״ק

12 צו דעם ראובני, גדי און האלבען שטאם מנשה האט יהושע אזוי געזאגט:
13 געדיינקט דאס וואס משה, גאט'ס דיענער האט אייך בעפעהלט זאגענדיג: אייער גאט לאזט אייך דא בלייבען און האט אייך אוועקגעבען די דאזיגע לאנד,
14 אייערע פרויען, קינדער און פיה קענען בלייבען אין דאס לאנד וואס משה האט אייך געגעבען ביי דעם זייט ירדן, אבער איהר, אלע קריעגהעלדען זאלט אריבער געוואפענטע פאר אייערע ברידער און זאלט זיי העלפען.
15 ביז גאט וועט אייערע ברידער אזוי ווי אייך רוהע געבען, און זיי וועלען אויך בעזיצען דאס לאנד, וואס אייער גאט גיט זיי, דאן וועט איהר זיך צוריק קעהרען צו אייער בעזיץ־לאנד, וואס משה, גאט'ס דיענער, האט אייך געגעבען ביים ברעג ירדן, זונן־אויפגאנג צו, און וועט עס בעזיצען.
16 און זיי האבען געענטפערט יהושע'ן זאגענדיג: אלעס וואס דו האסט אונז בעפעהלען וועלען מיר טהאן, און וואו נאר דו וועסט אונז שיקען וועלען מיר געהן;
17 ווי מיר האבען געהערט משה'ן אזוי וועלען מיר דיר הערען, זאל נאר גאט זיין מיט דיר ווי ער איז געוועזען מיט משה'ן!
18 יעדער איינער וואס וועט ווידערשפעניגען דיין בעפעהל, און וועט דיר ניט געהארכזאם זיין אין אלעם וואס דו וועסט איהם בעפעהלען, זאל גלייך געטויט ווערען; זיי נאר שטארק און פעסט!

## קאפיטעל ב

1 דאן האט יהושע, נון'ס זוהן, געשיקט אין געהיים פון שטים צוויי מענער אויסזעהער, זאגענדיג: געהט בעקוקט דאס לאנד און יריחו. זיי זיינען געגאנגען, אריין אין הויז פון א גאסען־פרוי, ביים נאמען רחב, און איבערגעשלאפען דארטען.
2 עס איז אבער אנגעזאגט געווארען דעם קעניג פון יריחו פאלגענדעס: מענער פון די קינדער ישראל, זיינען אהער אנגעקומען ביי נאכט אום אויסצוזעהן דאס לאנד.
3 דאן האט דער קעניג פון יריחו געשיקט זאגען רחב'ן: „ברענג ארויס די מענער וואס זיינען צו דיר געקומען (וואס זיינען געקומען אין דיין הויז), ווייל אויסצוזעהען דאס לאנד זיינען זיי געקומען".
4 די פרוי האט אבער גענומעןביידע מענער און יעדערן פון זיי בעהאלטען, נאכהער האט זי געזאגט: ריכטיג, די מענער זיינען צו מיר געקומען; איך האב אבער ניט געוואוסט פון וואנען זיי זיינען —
5 נאר אין צייט פון טהויער פערשליסען, זיינען די מענער ארויס אין דער פינסטער; איך וויים ניט וואו זיי זיינען געגאנגען. יאגט זיי נאך שנעל, איהר וועט זיי כאפען!
6 אליין האט זי זיי ארויפגענומען אויפ'ן דאך און האט זיי בעהאלטען אין איהרע צוזאמענגעלייגטע פלאקס־שטעקלאך אויפ'ן דאך.

7 הָעֲרֻכוֹת לָהּ עַל־הַגָּג׃ וְהָאֲנָשִׁים רָדְפוּ אַחֲרֵיהֶם דֶּרֶךְ
הַיַּרְדֵּן עַל הַמַּעְבְּרוֹת וְהַשַּׁעַר סָגָרוּ אַחֲרֵי כַּאֲשֶׁר יָצְאוּ
8 הָרֹדְפִים אַחֲרֵיהֶם׃ וְהֵמָּה טֶרֶם יִשְׁכָּבוּן וְהִיא עָלְתָה
9 עֲלֵיהֶם עַל־הַגָּג׃ וַתֹּאמֶר אֶל־הָאֲנָשִׁים יָדַעְתִּי כִּי־נָתַן
יְהוָה לָכֶם אֶת־הָאָרֶץ וְכִי־נָפְלָה אֵימַתְכֶם עָלֵינוּ וְכִי
י נָמֹגוּ כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ מִפְּנֵיכֶם׃ כִּי שָׁמַעְנוּ אֵת אֲשֶׁר־
הוֹבִישׁ יְהוָה אֶת־מֵי יַם־סוּף מִפְּנֵיכֶם בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם
וַאֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם לִשְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן
11 לְסִיחֹן וּלְעוֹג אֲשֶׁר הֶחֱרַמְתֶּם אוֹתָם׃ וַנִּשְׁמַע וַיִּמַּס
לְבָבֵנוּ וְלֹא־קָמָה עוֹד רוּחַ בְּאִישׁ מִפְּנֵיכֶם כִּי יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם הוּא אֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל־הָאָרֶץ מִתָּחַת׃
12 וְעַתָּה הִשָּׁבְעוּ־נָא לִי בַּיהוָה כִּי־עָשִׂיתִי עִמָּכֶם חָסֶד
וַעֲשִׂיתֶם גַּם־אַתֶּם עִם־בֵּית אָבִי חֶסֶד וּנְתַתֶּם לִי אוֹת
13 אֱמֶת׃ וְהַחֲיִתֶם אֶת־אָבִי וְאֶת־אִמִּי וְאֶת־אַחַי וְאֶת־אַחוֹתַי
14 וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר לָהֶם וְהִצַּלְתֶּם אֶת־נַפְשֹׁתֵינוּ מִמָּוֶת׃ וַיֹּאמְרוּ
לָהּ הָאֲנָשִׁים נַפְשֵׁנוּ תַחְתֵּיכֶם לָמוּת אִם לֹא תַגִּידוּ אֶת־
דְּבָרֵנוּ זֶה וְהָיָה בְּתֵת יְהוָה לָנוּ אֶת־הָאָרֶץ וְעָשִׂינוּ עִמָּךְ
טו חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ וַתּוֹרִדֵם בַּחֶבֶל בְּעַד הַחַלּוֹן כִּי בֵיתָהּ בְּקִיר
16 הַחוֹמָה וּבַחוֹמָה הִיא יוֹשָׁבֶת׃ וַתֹּאמֶר לָהֶם הָהָרָה לֵּכוּ
פֶּן־יִפְגְּעוּ בָכֶם הָרֹדְפִים וְנַחְבֵּתֶם שָׁמָּה שְׁלֹשֶׁת יָמִים
17 עַד שׁוֹב הָרֹדְפִים וְאַחַר תֵּלְכוּ לְדַרְכְּכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלֶיהָ
הָאֲנָשִׁים נְקִיִּם אֲנַחְנוּ מִשְּׁבֻעָתֵךְ הַזֶּה אֲשֶׁר הִשְׁבַּעְתָּנוּ׃
18 הִנֵּה אֲנַחְנוּ בָאִים בָּאָרֶץ אֶת־תִּקְוַת חוּט הַשָּׁנִי הַזֶּה
תִּקְשְׁרִי בַּחַלּוֹן אֲשֶׁר הוֹרַדְתֵּנוּ בוֹ וְאֶת־אָבִיךְ וְאֶת־אִמֵּךְ
וְאֶת־אַחַיִךְ וְאֵת כָּל־בֵּית אָבִיךְ תַּאַסְפִי אֵלַיִךְ הַבָּיְתָה׃
19 וְהָיָה כֹּל אֲשֶׁר־יֵצֵא מִדַּלְתֵי בֵיתֵךְ הַחוּצָה דָּמוֹ בְרֹאשׁוֹ
וַאֲנַחְנוּ נְקִיִּם וְכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה אִתָּךְ בַּבַּיִת דָּמוֹ בְרֹאשֵׁנוּ

אם־

v. 7. קמץ בז״ק  v. 13. אחיותי ק  v. 18. הה׳ בצרי

7 דעם קעניג׳ס מענשען זיינען געלאָפען נאָך זיי אַרום ירדן אויף די ווע־
גען, און דעם שטאָדט־טהויער האָט מען פערשלאָסען נאָכדעם .ווי
די נאָכיאָגער זיינען ארויס נאָך זיי.

8 איידער זיי האָבען זיך געלייגט איז זי ארויף צו זיי אויפ׳ן דאַך,

9 און געזאָגט די מענער: איך פערשטעה אַז גאָט האָט אייך אוועקגעגעבען
דאָס לאַנד, ווייל אייער שרעק איז געפאַלען אויף אונז און אַלע איינ־
וואוינער פונ׳ם לאַנד שוידערן פאַר אייך.

10 מיר האָבען שוין געהערט דאָס וואָס גאָט האָט פאַר אייך ארויסגעהענ־
דיג פון מצרים אויסגעטריקענט די ים־סוף וואַסער, אויך וואָס איהר
האָט געטהאָן צו די צוויי אמרי קעניגען, צו סיחן און עוג, וואָס אויף
יענעם זייט ירדן, וועלכע איהר האָט פערניכטעט.

11 זינט מיר האָבען עס דערהערט איז אונז די הארץ צוגאַנגען, און עס
האַלט זיך ביי קיינעם דער אָטהעם איבער אייך, ווייל אייער גאָט איז
גאָט אין הימעל פון אויבען און אויף דער ערד אונטען.

12 יעצט שווערט מיר, איך בעט, ביי גאָט — איך האָב זיך דאָך מיט אייך
בעגאַנגען פריינדליך, זאָלט איהר אויך פריינדליך האַנדלען מיט מיין
פאָטער׳ס הויז און געבען מיר אַ זיכערן צייכען

13 אַז איהר וועט לעבען לאָזען מיין פאָטער, מיין מוטער, מיינע ברידער,
מיינע שוועסטער און אַלע זייערע — איהר זאָלט אונז רעטען פון טויט.

14 און די מענער האָבען צו איהר געזאָגט: מיר וועלען שטאַרבען פון
אייערט וועגען אויב דו וועסט ניט אויסזאָגען דעם געשפּרעך אונזערן,
און אַז גאָט וועט אונז געבען דאָס לאַנד וועלען מיר מיט דיר אָבטהאָן
וואהרע פריינדליכקייט.

15 דאַן האָט זי זיי אַראָבגעלאָזען דורכ׳ן פענסטער; ווייל איהר הויז איז
געוועזען אין שטאָדט־וואַנד און אין מויער־וואַנד האָט זי געוואוינט.

16 און זי האָט צו זיי געזאָגט: געהט באַרג־צו, אום די יאָגער זאָלען אייך ניט
טרעפען. בעהאַלט זיך דאָרטען דריי טעג ביז די יאָגער וועלען זיך צוריק
קעהרען, נאָכדעם וועט איהר זיך געהן אייער וועג.

17 האָבען די מענער צו איהר געזאָגט: מיר זיינען יעצט פריי פון דיין
בעשווערונג וואָס דו האָסט אונז בעשוואָרען!

18 דאָך ווי מיר קומען אינ׳ם לאַנד זאָלסטו דעם רויטען פאָדעם־שנור אָנ־
בינדען אָן דעם פענסטער דורך וועלכען דו האָסט אונז אַראָבגעלאָזען,
און דיין פאָטער, דיין מוטער, דיינע ברידער און דיין פאָטער׳ס גאַנצע
הויז־געזינד נעהם אריין צו דיר אין הויז.

19 ווער עס וועט ארויסגעהן פון דיין הויז־טהיר ארויס, איז זיין בלוט אויף
זיין קאָפּ און מיר בלייבען אונשולדיג, יעדער אָבער וואָס וועט זיין מיט
דיר אין הויז איז זיין בלוט אויף אונזערע קעפּ אויב אַ האַנד וועט איהם
בעריהרען.

אִם־יָד תִּהְיֶה־בּוֹ׃ וְאִם־תַּגִּידִי אֶת־דְּבָרֵנוּ זֶה וְהָיִינוּ נְקִיִּם כ
מִשְּׁבֻעָתֵךְ אֲשֶׁר הִשְׁבַּעְתָּנוּ׃ וַתֹּאמֶר כְּדִבְרֵיכֶם כֶּן־הוּא 21
וַתְּשַׁלְּחֵם וַיֵּלֵכוּ וַתִּקְשֹׁר אֶת־תִּקְוַת הַשָּׁנִי בַּחַלּוֹן׃ וַיֵּלְכוּ 22
וַיָּבֹאוּ הָהָרָה וַיֵּשְׁבוּ שָׁם שְׁלֹשֶׁת יָמִים עַד־שָׁבוּ הָרֹדְפִים
וַיְבַקְשׁוּ הָרֹדְפִים בְּכָל־הַדֶּרֶךְ וְלֹא מָצָאוּ׃ וַיָּשֻׁבוּ שְׁנֵי 23
הָאֲנָשִׁים וַיֵּרְדוּ מֵהָהָר וַיַּעַבְרוּ וַיָּבֹאוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן
וַיְסַפְּרוּ־לוֹ אֵת כָּל־הַמֹּצְאוֹת אוֹתָם׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ 24
כִּי־נָתַן יְהוָה בְּיָדֵנוּ אֶת־כָּל־הָאָרֶץ וְגַם־נָמֹגוּ כָּל־יֹשְׁבֵי
הָאָרֶץ מִפָּנֵינוּ׃

## Cap. III. ג

ג

וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ בַּבֹּקֶר וַיִּסְעוּ מֵהַשִּׁטִּים וַיָּבֹאוּ עַד־הַיַּרְדֵּן א
הוּא וְכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיָּלִנוּ שָׁם טֶרֶם יַעֲבֹרוּ׃ וַיְהִי מִקְצֵה 2
שְׁלֹשֶׁת יָמִים וַיַּעַבְרוּ הַשֹּׁטְרִים בְּקֶרֶב הַמַּחֲנֶה׃ וַיְצַוּוּ 3
אֶת־הָעָם לֵאמֹר כִּרְאֹתְכֶם אֵת אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
וְהַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם נֹשְׂאִים אֹתוֹ וְאַתֶּם תִּסְעוּ מִמְּקוֹמְכֶם
וַהֲלַכְתֶּם אַחֲרָיו׃ אַךְ ׀ רָחוֹק יִהְיֶה בֵּינֵיכֶם וּבֵינָו כְּאַלְפַּיִם 4
אַמָּה בַּמִּדָּה אַל־תִּקְרְבוּ אֵלָיו לְמַעַן אֲשֶׁר־תֵּדְעוּ אֶת־הַדֶּרֶךְ
אֲשֶׁר תֵּלְכוּ־בָהּ כִּי לֹא עֲבַרְתֶּם בַּדֶּרֶךְ מִתְּמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃
וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם הִתְקַדָּשׁוּ כִּי מָחָר יַעֲשֶׂה ה
יְהוָה בְּקִרְבְּכֶם נִפְלָאוֹת׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הַכֹּהֲנִים 6
לֵאמֹר שְׂאוּ אֶת־אֲרוֹן הַבְּרִית וְעִבְרוּ לִפְנֵי הָעָם וַיִּשְׂאוּ
אֶת־אֲרוֹן הַבְּרִית וַיֵּלְכוּ לִפְנֵי הָעָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה 7
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ הַיּוֹם הַזֶּה אָחֵל גַּדֶּלְךָ בְּעֵינֵי כָּל־יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר יֵדְעוּן כִּי כַּאֲשֶׁר הָיִיתִי עִם־מֹשֶׁה אֶהְיֶה עִמָּךְ׃
וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת־הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי אֲרוֹן־הַבְּרִית לֵאמֹר 8
כְּבֹאֲכֶם עַד־קְצֵה מֵי הַיַּרְדֵּן בַּיַּרְדֵּן תַּעֲמֹדוּ׃ וַיֹּאמֶר 9
יְהוֹשֻׁעַ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל גֹּשׁוּ הֵנָּה וְשִׁמְעוּ אֶת־דִּבְרֵי יְהוָה

אלהיכם

ג׳ v. 4. ובינו ק

20 וועסטו אָבער אויסזאָגען דעם געשפרעך אונזערן זיינען מיר ריין פון
דיין שבועה וואָס דו האָסט אונז בעשוואָרען.
21 און זי האָט געזאָגט: עס איז ריכטיג ווי איהר רעדט! זי האָט זיי פריי
געלאָזען און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, דאַן האָט זי אָנגעבונדען דעם רויד־
טען שנור אויפ'ן פענסטער.
22 און זיי זיינען געגאַנגען און געקומען צום באַרג, דאָרטען האָבען זיי גע־
זאַמט דריי טעג ביז די יאָגער האָבען זיך צוריק געקעהרט, וואָרום זיי
האָבען געזוכט די גאַנצע וועג און ניט געפונען.
23 דאַן זיינען די צוויי מענער ווידער אַראָב פון באַרג, אַוועק און געקומען
צו יהושע'ן, נון'ס זוהן, און דערצעהלט איהם אַלעס וואָס עס האָט זיי
געטראָפען,
24 און געזאָגט צו יהושע'ן: „גאָט האָט אין אונזערע הענד איבערגעבען
דאָס גאַנצע לאַנד און די איינוואוינער שווידערן פאַר אונז...

## קאַפּיטעל ג

1 יהושע איז אויפגעשטאַנען פריה, און ער מיט אַלע קינדער ישראל
האָבען אַוועקגעצויגען פון שטים, זיי זיינען געקומען ביז'ן ירד'ן און
איבערגענעכטיגט דאָרטען איידער זיי זיינען אַריבער.
2 ענדע דריי טעג זיינען די בעאַמטע דורכגעגאַנגען דעם לאַגער
3 און בעפעהלען דעם פאָלק זאָגענדיג: ווי איהר וועט דערזעהען די קאַסטען
פון אייער גאָט'ס בונד, און די כהנים מיט די לוים וואָס טראָגען איהם,
זאָלט איהר אַוועק פון אייער אָרט און נאָכגעהן איהם.
4 נאָר ווייט זאָל זיין צווישען אייך און איהם געמאָסטענע צוויי טויזענד
איילען (נאָהענט צו איהם קומט ניט!), אום איהר זאָלט וויסען דעם וועג
וואו איהר געהט, וועיל איהר זייט אַזאַ וועג ניט געגאַנגען נעכטען,
עהערנעכטען.
5 און יהושע האָט געזאָגט צום פאָלק: זייט צו געגרייט! מאָרגען וועט
גאָט אונטער אייך טהאָן וואונדערליכעס.
6 צו די כהנים האָט יהושע געזאָגט: נעהמט דעם בונדעס קאַסטען און
געהט פאָראויס דעם פאָלק. און זיי האָבען גענומען דעם בונדעס־קאַסטען
און געגאַנגען פאַר דעם פאָלק.
7 און גאָט האָט געזאָגט צו יהושע'ן: היינט וועל איך אָנפאַנגען דיר
גרויס מאַכען אין די אויגען פונ'ם גאַנצען ישראל, אום זיי זאָלען וויסען
אַז אַזוי ווי איך בין געוועזען מיט משה'ן וועל איך זיין מיט דיר,
8 און דו בעפעהל די כהנים, די בונדעס־קאַסטען טרעגער אַזוי צו זאָגען:
ווי איהר קומט אַריין אין ירדן ביז'ן אָנפאַנג ירדן־וואַסער, בלייבט
שטעהן.
9 דאַן האָט יהושע געזאָגט צו די קינדער ישראל: קומט אַהער און הערט
די ווערטער פון אייער גאָט.

י אֱלֹהֵיכֶם׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ בְּזֹאת תֵּדְעוּן כִּי אֵל חַי בְּקִרְבְּכֶם
וְהוֹרֵשׁ יוֹרִישׁ מִפְּנֵיכֶם אֶת־הַכְּנַעֲנִי וְאֶת־הַחִתִּי וְאֶת־
11 הַחִוִּי וְאֶת־הַפְּרִזִּי וְאֶת־הַגִּרְגָּשִׁי וְהָאֱמֹרִי וְהַיְבוּסִי׃ הִנֵּה
12 אֲרוֹן הַבְּרִית אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ עֹבֵר לִפְנֵיכֶם בַּיַּרְדֵּן׃ וְעַתָּה
קְחוּ לָכֶם שְׁנֵי־עָשָׂר אִישׁ מִשִּׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ־אֶחָד
13 אִישׁ־אֶחָד לַשָּׁבֶט׃ וְהָיָה כְּנוֹחַ כַּפּוֹת רַגְלֵי הַכֹּהֲנִים
נֹשְׂאֵי אֲרוֹן יְהוָה אֲדוֹן כָּל־הָאָרֶץ בְּמֵי הַיַּרְדֵּן מֵי הַיַּרְדֵּן
14 יִכָּרֵתוּן הַמַּיִם הַיֹּרְדִים מִלְמָעְלָה וְיַעַמְדוּ נֵד אֶחָד׃ וַיְהִי
בִּנְסֹעַ הָעָם מֵאָהֳלֵיהֶם לַעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן וְהַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי
טו הָאָרוֹן הַבְּרִית לִפְנֵי הָעָם׃ וּכְבוֹא נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן עַד־
הַיַּרְדֵּן וְרַגְלֵי הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן נִטְבְּלוּ בִּקְצֵה הַמָּיִם
16 וְהַיַּרְדֵּן מָלֵא עַל־כָּל־גְּדוֹתָיו כֹּל יְמֵי קָצִיר׃ וַיַּעַמְדוּ
הַמַּיִם הַיֹּרְדִים מִלְמַעְלָה קָמוּ נֵד־אֶחָד הַרְחֵק מְאֹד
בָאָדָם הָעִיר אֲשֶׁר מִצַּד צָרְתָן וְהַיֹּרְדִים עַל יָם הָעֲרָבָה
17 יָם־הַמֶּלַח תַּמּוּ נִכְרָתוּ וְהָעָם עָבְרוּ נֶגֶד יְרִיחוֹ׃ וַיַּעַמְדוּ
הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן בְּרִית־יְהוָה בֶּחָרָבָה בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן
הָכֵן וְכָל־יִשְׂרָאֵל עֹבְרִים בֶּחָרָבָה עַד אֲשֶׁר־תַּמּוּ כָּל־הַגּוֹי
לַעֲבוֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן׃

## CAP. IV. ד

ד

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־תַּמּוּ כָל־הַגּוֹי לַעֲבוֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן ◦ וַיֹּאמֶר
2 יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ קְחוּ לָכֶם מִן־הָעָם שְׁנֵים עָשָׂר
3 אֲנָשִׁים אִישׁ־אֶחָד אִישׁ־אֶחָד מִשָּׁבֶט׃ וְצַוּוּ אוֹתָם לֵאמֹר
שְׂאוּ־לָכֶם מִזֶּה מִתּוֹךְ הַיַּרְדֵּן מִמַּצַּב רַגְלֵי הַכֹּהֲנִים הָכִין
שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה אֲבָנִים וְהַעֲבַרְתֶּם אוֹתָם עִמָּכֶם וְהִנַּחְתֶּם
4 אוֹתָם בַּמָּלוֹן אֲשֶׁר־תָּלִינוּ בוֹ הַלָּיְלָה׃ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ
אֶל־שְׁנֵים הֶעָשָׂר אִישׁ אֲשֶׁר הֵכִין מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ־
ה אֶחָד אִישׁ־אֶחָד מִשָּׁבֶט׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ עִבְרוּ לִפְנֵי

ארון

ג v. 16. מאדם ק   ד v. 1. פסקא באמצע פסוק

10 און יהושע האָט געזאָגט: דערמיט וועט איהר וויסען, אַז אַ לעבעדיגער גאָט איז מיט אייך, וועלכער וועט געוויס פאַרטרייבען פאַר אייך דעם כנעני, חתי, חוי, פרזי, גרגשי, אמרי און יבוסי:

11 אָט דער בונדעס־קאַסטען פון הערן איבער'ן גאַנצען וועלט געהט איבער, אייך פאַראויס, דעם ירדן.

12 יעצט נעהמט אייך צוועלף מענער פון די שטאַמען ישראל'ס צו איין מאַן פון אַ שטאַם.

13 ווען די כהנים'ס פיס־טריט, די טרעגער פון גאָט'ס קאַסטען, דער הערר פון דער גאַנצער וועלט, וועלען שטעהן בלייבען אין די ירדן־וואַסער, וועט די ירדן־וואַסער וואָס פליסט פון אויבען אָבגעשטעלט ווערען און וועלען שטעהן בלייבען ווי אַ וואַנד.

14 ווען דאָס פאָלק האָט ארויסגעצויגען פון זייערע געצעלטען אריבערצוגעהן דעם ירדן, מיט די כהנים די בונדעס קאַסטען־טרעגער פאַראויס,

15 ווי די קאַסטען־טרעגער זיינען געקומען צום ירדן און די פיס פון די כהנים, די קאַסטען־טרעגער זיינען איינגעטונקט געוואָרען אין די ברעג־וואַסער (דער ירדן איז אימער פול איבער אַלע ברעגען די גאַנצע שניט־צייט)

16 זיינען די וואַסער וואָס פליסען פון אויבען, זייער ווייט אַזש ביי דער שטאָדט אדם (נעבען צרתן) שטעהן געבליבען ווי אַ וואַנד; און די וואָס פליסען אַראָב צום ים פלוין (דער געזאַלצענער ים) זיינען אין גאַנצען אַוועק. דאַן איז דאָס פאָלק אַריבער קעגען יריחו.

17 די כהנים וואָס טראָגען גאָט'ס בונדעס קאַסטען זיינען פעסט געשטאַנען אין מיטען ירדן אויף טריקענים ביז דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבער דעם ירדן, וואָרום גאַנץ ישראל זיינען אַריבער אין טריקענים.

## קאַפּיטעל ד

1 אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיגט אַריבערגעהן דעם ירדן, האָט גאָט געזאָגט צו יהושע'ן אַזוי:

2 נעהמט אייך פונ'ם פאָלק צוועלף מענער, צו איין מאַן פון אַ שטאַם,

3 און בעפעהלט זיי זאָגענדיג: טראָגט אייך ארויס פון ירדן, פון דעם שטעל וואו די כהנים'ס פיס שטעהען פעסט, צוועלף שטיינער; נעהמט זיי אַרי־בער מיט אייך און לאָזט זיי אין נאַכט־לאַגער, וואו איהר וועט נעכטיגען די נאַכט.

4 און יהושע האָט גערופען די צוועלף מענער, וואָס ער האָט בעשטימט פון די קינדער ישראל צו איין מאַן פון אַ שטאַם.

5 און יהושע האָט זיי געזאָגט: געהט אריין פאַר דעם קאַסטען פון אייער

אֲרוֹן יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֶל־תּוֹךְ הַיַּרְדֵּן וְהָרִימוּ לָכֶם אִישׁ
6 אֶבֶן אַחַת עַל־שִׁכְמוֹ לְמִסְפַּר שִׁבְטֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל׃ לְמַעַן
תִּהְיֶה זֹאת אוֹת בְּקִרְבְּכֶם כִּֽי־יִשְׁאָלוּן בְּנֵיכֶם מָחָר לֵאמֹר
7 מָה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה לָכֶם׃ וַאֲמַרְתֶּם לָהֶם אֲשֶׁר נִכְרְתוּ
מֵימֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה בְּעָבְרוֹ בַּיַּרְדֵּן נִכְרְתוּ
מֵי הַיַּרְדֵּן וְהָיוּ הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה לְזִכָּרוֹן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עַד־
8 עוֹלָם׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוֹשֻׁעַ וַיִּשְׂאוּ
שְׁתֵּֽי־עֶשְׂרֵה אֲבָנִים מִתּוֹךְ הַיַּרְדֵּן כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־
יְהוֹשֻׁעַ לְמִסְפַּר שִׁבְטֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲבִרוּם עִמָּם אֶל־
9 הַמָּלוֹן וַיַּנִּחוּם שָׁם׃ וּשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה אֲבָנִים הֵקִים יְהוֹשֻׁעַ
בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן תַּחַת מַצַּב רַגְלֵי הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי אֲרוֹן
י הַבְּרִית וַיִּהְיוּ שָׁם עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן
עֹמְדִים בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן עַד־תֹּם כָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה
יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ לְדַבֵּר אֶל־הָעָם כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה מֹשֶׁה
11 אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיְמַהֲרוּ הָעָם וַיַּעֲבֹרוּ׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־תַּם כָּל־
הָעָם לַעֲבוֹר וַיַּעֲבֹר אֲרוֹן־יְהוָה וְהַכֹּהֲנִים לִפְנֵי הָעָם׃
12 וַיַּעַבְרוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה חֲמֻשִׁים
13 לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶם מֹשֶׁה׃ כְּאַרְבָּעִים
אֶלֶף חֲלוּצֵי הַצָּבָא עָבְרוּ לִפְנֵי יְהוָה לַמִּלְחָמָה אֶל עַרְבוֹת
14 יְרִיחוֹ׃ בַּיּוֹם הַהוּא גִּדַּל יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ בְּעֵינֵי כָּל־
יִשְׂרָאֵל וַיִּרְאוּ אֹתוֹ כַּאֲשֶׁר יָרְאוּ אֶת־מֹשֶׁה כָּל־יְמֵי חַיָּיו׃
טו 16 וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ צַוֵּה אֶת־הַכֹּהֲנִים
17 נֹשְׂאֵי אֲרוֹן הָעֵדוּת וְיַעֲלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְצַו יְהוֹשֻׁעַ אֶת־
18 הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר עֲלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְהִי בַּעֲלוֹת הַכֹּהֲנִים
נֹשְׂאֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה מִתּוֹךְ הַיַּרְדֵּן נִתְּקוּ כַּפּוֹת רַגְלֵי
הַכֹּהֲנִים אֶל הֶחָרָבָה וַיָּשֻׁבוּ מֵי־הַיַּרְדֵּן לִמְקוֹמָם וַיֵּלְכוּ
19 כִתְמוֹל־שִׁלְשׁוֹם עַל־כָּל־גְּדוֹתָיו׃ וְהָעָם עָלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן

בעשור

v. 18. בעלות ק

גאָט אין ירדן, און הויבט אייך אויף יעדער איין שטיין אויף זיין אַקסעל, נאָכ'ן צאָהל פון די קינדער ישראל'ס שטאַמען;

6 אום דאָס זאָל זיין אַלס אַ צייכען ביי אייך, אז אייערע קינדער וועלען אייך ווען־עס־איז פרעגען: „וואָס בעדייטען ביי אייך דיעזע שטיינער?"

7 זאָלט איהר זיי זאָגען: „ווייל די ירדן־וואַסער האָבען זיך פונאַנדערגע־טהיילט פאַר גאָט'ס בונדעס־קאַסטען — ווען ער איז אריין אין יוּרדן האָבען זיך די ירדן־וואַסער צוטהיילט". די שטיינער זאָלען זיין ביי די קינדער ישראל אַלס אייביגער אַנדענקונג.

8 די קינדער ישראל האָבען געטהאָן ווי יהושע האָט בעפעהלען — זיי האָ־בען ארויסגעטראָגען צוועלף שטיינער פון ירדן, ווי גאָט האָט געהייסען יהושע'ן, נאָכ'ן צאָהל פון די קינדער ישראל'ס שטאַמען, האָבען זיי אריבערגענומען מיט זיך אין נאַכטלעגער, און געלאָזען זיי דאָרטען.

9 און צוועלף שטיינער האָט יהושע אַוועקגעשטעלט אין ירדן, וואו עס זיינען געשטאַנען די פיס פון די כהנים, די טרעגער פון בונדעס קאַסטען; זיי זיינען דאָרטען פאַרבליבען ביז יעצט.

10 די כהנים, די קאַסטען טרעגער, זיינען שטעהן געבליבען אין ירדן, ביז די ענדע פון דעם אויפטראַג וואָס גאָט האָט יהושע'ן געהייסען רעדען צום פאָלק, (אַזוי ווי משה נאָך האָט בעפעהלען יהושע'ן) דאַן איז דאָס פאָלק שנעל אריבער.

11 אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיגט אריבערגעהן זיינען די כהנים מיט גאָט'ס קאַסטען אריבער פאַראויס דעם פאָלק.

12 עס זיינען אויך אריבער ראובן'ס און גד'ס קינדער מיט'ן האַלבען שטאַם מנשה, בעוואַפענטע, פאַר די קינדער ישראל, ווי משה האָט זיי געהייסען.

13 ביי פערציג טויזענד קריעגס בעוואָפענטע זיינען זיי אריבער אין די פּלוינס פון יריחו, צו גאָט'ס קריעג.

14 אין יענעם טאָג האָט גאָט גרויס געמאַכט יהושע'ן אין די אויגען פון גאַנץ ישראל און זיי האָבען איהם רעספּעקטירט ווי זיי האָבען רעספּעקטירט משה'ן זיין גאַנצען לעבען.

15 און גאָט האָט געזאָגט יהושע'ן אַזוי:

16 בעפעהל די כהנים וואָס טראָגען די צייגנים־קאַסטען אַז זיי זאָלען ארויס פון ירדן.

17 און יהושע האָט בעפעהלען די כהנים זאָגענדיג: געהט ארויס פון ירדן!

18 ווי די כהנים וואָס טראָגען גאָט'ס בונדעס־קאַסטען זיינען ארויס פון ירדן, ווי נאָר די כהנים'ס פיס־טריט האָבען זיך אָבגערוקט אויף טריקע־נים, האָבען די ירדן־וואַסער זיך צוריקגעקעהרט צו זייער אָרט און זיינען אַוועק איבער די ברעגען ווי נעכטען עהערנעכטען.

19 דאָס פאָלק איז ארויס פון ירדן אין צעהנטען טאָג צום ערשטען מאָנאַט און האָבען געלאַגערט אין גלגל, ביים מזרח־זייט פון יריחו.

בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן וַיַּחֲנוּ בַּגִּלְגָּל בִּקְצֵה מִזְרַח יְרִיחוֹ׃
כ וְאֵת שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר לָקְחוּ מִן
21 הַיַּרְדֵּן הֵקִים יְהוֹשֻׁעַ בַּגִּלְגָּל׃ וַיֹּאמֶר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לֵאמֹר אֲשֶׁר יִשְׁאָלוּן בְּנֵיכֶם מָחָר אֶת־אֲבוֹתָם לֵאמֹר
22 מָה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה׃ וְהוֹדַעְתֶּם אֶת־בְּנֵיכֶם לֵאמֹר
23 בַּיַּבָּשָׁה עָבַר יִשְׂרָאֵל אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה׃ אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֶת־מֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵיכֶם עַד־עָבְרְכֶם
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְיַם־סוּף אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ
24 מִפָּנֵינוּ עַד־עָבְרֵנוּ׃ לְמַעַן דַּעַת כָּל־עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת־יַד
יְהוָה כִּי חֲזָקָה הִיא לְמַעַן יְרָאתֶם אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כָּל־הַיָּמִים׃

## Cap. V. ה

ה

א וַיְהִי כִשְׁמֹעַ כָּל־מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן יָמָּה
וְכָל־מַלְכֵי הַכְּנַעֲנִי אֲשֶׁר עַל־הַיָּם אֵת אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ יְהוָה
אֶת־מֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל עַד־עָבְרָנוּ וַיִּמַּס לְבָבָם
2 וְלֹא־הָיָה בָם עוֹד רוּחַ מִפְּנֵי בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל׃ בָּעֵת
הַהִיא אָמַר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ עֲשֵׂה לְךָ חַרְבוֹת צֻרִים
3 וְשׁוּב מֹל אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שֵׁנִית׃ וַיַּעַשׂ־לוֹ יְהוֹשֻׁעַ חַרְבוֹת
4 צֻרִים וַיָּמָל אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־גִּבְעַת הָעֲרָלוֹת׃ וְזֶה
הַדָּבָר אֲשֶׁר־מָל יְהוֹשֻׁעַ כָּל־הָעָם הַיֹּצֵא מִמִּצְרַיִם
הַזְּכָרִים כֹּל ׀ אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה מֵתוּ בַמִּדְבָּר בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתָם
ה מִמִּצְרָיִם׃ כִּי־מֻלִים הָיוּ כָּל־הָעָם הַיֹּצְאִים וְכָל־הָעָם
6 הַיִּלֹּדִים בַּמִּדְבָּר בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתָם מִמִּצְרַיִם לֹא־מָלוּ׃ כִּי ׀
אַרְבָּעִים שָׁנָה הָלְכוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר עַד־תֹּם כָּל־
הַגּוֹי אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַיֹּצְאִים מִמִּצְרַיִם אֲשֶׁר לֹא־שָׁמְעוּ
בְּקוֹל יְהוָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לָהֶם לְבִלְתִּי הַרְאוֹתָם
אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבוֹתָם לָתֶת לָנוּ אֶרֶץ

זבת

יט v. 1. עמים קרי v. 2. הפטרה יום ראשון של פסח

20 די צוועלף שטיינער וואָס זיי האָבען ארויסגענומען פון ירדן האָט יהושע אװעקגעשטעלט אין גלגל,

21 און האָט די קינדער ישראל אזוי געזאָגט: אויב אייערע קינדער וועלען ווען־עס־איז פרעגען זייערע עלטערן—„וואָס זיינען דאָס פאַר שטיינער?"

22 זאָלט איהר זיי בעקאַנט מאַכען זאָגענדיג: ווי אויף טריקענים איז דאָס פאָלק ישראל אריבער דעם ירדן,

23 ווײלע אייער גאָט האָט אויסגעטריקענט די ירדן־וואַסער פאַר אייך ביז איהר זייט אריבערגעגאַנגען, אזוי ווי אייער גאָט האָט געטהאָן מיט'ן ים־סוף, וועלכען ער האָט פאַר אונז טרוקען געמאַכט ביז מיר זיינען אריבער געגאַנגען.

24 אום אַלע פעלקער דער וועלט זאָלען אנערקענען ווי שטאַרק גאָט'ס האַנד איז, און אום איהר זאָלט אימער פאַר אייער גאָט פירכטען.

## קאַפּיטעל ה

1 אז עס האָבען דערהערט אַלע קעניגע פון אמרי, וואָס אויפ'ן ברעג ירדן מערב־צו, אויך אַלע קעניגע פון כנעני וואָס ביים ים, אז גאָט האָט פאַר די קינדער ישראל אויסגעטריקענט די ירדן־וואַסער ביז זיי זיינען אריבער, איז זייער האַרץ צוגאַנגען און זיי האָבען קיין אָטהעם ניט געהאַט איבער די קינדער ישראל.

2 אין יענע צייט האָט גאָט געזאָגט צו יהושע'ן: מאַך זיך שטיינערנע מע־סערס און בעשנייד ווידער די קינדער ישראל, דעם צווייטען מאָל.

3 און יהושע האָט זיך געמאַכט שטיינערנע מעסערס און האָט בעשניטען די קינדער ישראל ביים בערגעל ערלות.

4 דערפאַר האָט עס יהושע זיי יעצט בעשניטען: אַלע מאַנספּערזאָנען וואָס זיינען ארויס פון מצרים, אַלע קריעגס־לייט, זיינען אויסגעשטאָר־בען אויפ'ן וועג געהענדיג פון מצרים אין דער וויסטע.

5 וואָרום אַלע ארויסגעהער זיינען בעשניטען געווען, און אַלע וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אויפ'ן וועג געהענדיג פון מצרים, אין דער וויסטע, האָט מען ניט בעשניטען.

6 ווייל פערציג יאָהר זיינען די קינדער ישראל ארומגעגאַנגען אין דער וויסטע ביז עס זיינען אומגעקומען אַלע קריעגס לייט אונטער די וואָס זיי־נען ארויס פון מצרים, וועלכע האָבען ניט צוגעהערט גאָט'ס שטימע, וואָס דערפאַר האָט ער געשוואָרען ניט צו ווייזען זיי דאָס לאַנד וואָס ער האָט געשוואָרען צו זייערע אור־פּאָטער'ס אונז צו געבען — אַ לאַנד וואָס פליסט מילך און האָניג.

זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃ וְאֶת־בְּנֵיהֶם הֵקִים תַּחְתָּם אֹתָם מָל 7
יְהוֹשֻׁעַ כִּי־עֲרֵלִים הָיוּ כִּי לֹא־מָלוּ אוֹתָם בַּדָּרֶךְ׃ וַיְהִי 8
כַּאֲשֶׁר־תַּמּוּ כָל־הַגּוֹי לְהִמּוֹל וַיֵּשְׁבוּ תַחְתָּם בַּמַּחֲנֶה עַד
חֲיוֹתָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ הַיּוֹם גַּלּוֹתִי אֶת־ 9
חֶרְפַּת מִצְרַיִם מֵעֲלֵיכֶם וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא גִּלְגָּל
עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיַּחֲנוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּגִּלְגָּל וַיַּעֲשׂוּ אֶת־הַפֶּסַח י
בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב בְּעַרְבוֹת יְרִיחוֹ׃ וַיֹּאכְלוּ 11
מֵעֲבוּר הָאָרֶץ מִמָּחֳרַת הַפֶּסַח מַצּוֹת וְקָלוּי בְּעֶצֶם הַיּוֹם
הַזֶּה׃ וַיִּשְׁבֹּת הַמָּן מִמָּחֳרָת בְּאָכְלָם מֵעֲבוּר הָאָרֶץ וְלֹא־ 12
הָיָה עוֹד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל מָן וַיֹּאכְלוּ מִתְּבוּאַת אֶרֶץ כְּנַעַן
בַּשָּׁנָה הַהִיא׃ וַיְהִי בִּהְיוֹת יְהוֹשֻׁעַ בִּירִיחוֹ וַיִּשָּׂא עֵינָיו 13
וַיַּרְא וְהִנֵּה־אִישׁ עֹמֵד לְנֶגְדּוֹ וְחַרְבּוֹ שְׁלוּפָה בְּיָדוֹ וַיֵּלֶךְ
יְהוֹשֻׁעַ אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ הֲלָנוּ אַתָּה אִם־לְצָרֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר ׀ 14
לֹא כִּי אֲנִי שַׂר־צְבָא־יְהוָה עַתָּה בָאתִי וַיִּפֹּל יְהוֹשֻׁעַ
אֶל־פָּנָיו אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ וַיֹּאמֶר לוֹ מָה אֲדֹנִי מְדַבֵּר אֶל־
עַבְדּוֹ׃ וַיֹּאמֶר שַׂר־צְבָא יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ שַׁל־נַעַלְךָ מֵעַל טו
רַגְלֶךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עֹמֵד עָלָיו קֹדֶשׁ הוּא וַיַּעַשׂ
יְהוֹשֻׁעַ כֵּן׃

## Cap. VI. ו

ו
וִירִיחוֹ סֹגֶרֶת וּמְסֻגֶּרֶת מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵין יוֹצֵא וְאֵין א
בָּא׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ רְאֵה נָתַתִּי בְיָדְךָ אֶת־ 2
יְרִיחוֹ וְאֶת־מַלְכָּהּ גִּבּוֹרֵי הֶחָיִל׃ וְסַבֹּתֶם אֶת־הָעִיר כֹּל 3
אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַקֵּיף אֶת־הָעִיר פַּעַם אֶחָת כֹּה תַעֲשֶׂה
שֵׁשֶׁת יָמִים׃ וְשִׁבְעָה כֹהֲנִים יִשְׂאוּ שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת 4
הַיּוֹבְלִים לִפְנֵי הָאָרוֹן וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תָּסֹבּוּ אֶת־הָעִיר
שֶׁבַע פְּעָמִים וְהַכֹּהֲנִים יִתְקְעוּ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וְהָיָה בִּמְשֹׁךְ ׀ ה
בְּקֶרֶן הַיּוֹבֵל בְּשָׁמְעֲכֶם אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר יָרִיעוּ כָל־הָעָם

תרועה

ה׳ v. 14. קמץ בז״ק   v. 15. חסר יו״ד   ו׳ v. 5. כשמעכם קרי

7 אָבער זייע'ע קינדער האָט ער אויפגעהאַלטען אנשטאָט זיי, זיי האָט עס יהושע בעשניטען, ווייל זיי זיינען אונבעשניטען געוועזען — זייענדיג אויפ'ן וועג האָט מען זיי ניט בעשניטען.

8 ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז שוין בעשניטען געוועזען זיינען זיי פאַרבליבען אויפ'ן שטעל אין לאַגער ביז זיי זיינען געזונד געוואָרען.

9 און גאָט האָט געזאָגט צו יהושע'ן: היינט האָב איך פון אייך אַראָבגענומען דאָס לעסטערונג פון מצרים. יענעם אָרט האָט מען גערופען „גלגל" ביז יעצט.

10 די קינדער ישראל האָבען געלאַגערט אין גלגל און געמאַכט דעם פסח־אָפּפער אין אַבענד פון פערצעהנטען טאָג צום מאָנאַט, אין פלוין יריחו.

11 אויף מאָרגען נאָך פסח האָבען זיי שוין געגעסען מצות און געברענטע זאַנגען פון די געטריידע פונ'ם לאַנד; פונקט אין דעם טאָג.

12 דער מן האָט אין גאַנצען אויפגעהערט, פון אויף מאָרגען ווי זיי האָבען געגעסען די געטריידע פון לאַנד, האָבען די קינדער ישראל מעהר קיין מן געהאַט, יענעם יאָהר האָבען זיי געגעסען געטריידע פונ'ם לאַנד כנען.

13 ווען יהושע איז געוועזען אין יריחו האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און געזעהען אַ מאַן שטעהט קעגען איהם מיט אַן ארויסגעצויגענעם שווערד אין זיין האַנד; יהושע איז צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט: געהערסטו צו אונז אָדער צו אונזערע פיינד?

14 און ער האָט געזאָגט: „ניין! איך בין פירסט פון גאָט'ס אַרמעע, איך בין נאָר וואָס געקומען". דאן איז יהושע געפאַלען מיט'ן געזיכט צו דער ערד און האָט בוקענדיג זיך געזאָגט צו איהם: וואָס בעפעהלט מיין העררזיין קנעכט?!

15 און דער פירסט פון גאָט'ס אַרמעע האָט געזאָגט צו יהושע'ן: „ציה אַראָב דיינע שיך פון די פיס! וואָרום דער אָרט וואָס דו שטעהסט אויף איהם איז אַ היילינגטהום". יהושע האָט אַזוי געטהאָן.

## קאַפּיטעל ו

1 יריחו איז געוועזען שטאַרק פערשלאָסען פאַר די קינדער ישראל, קיינער איז ניט ארויסגעגאַנגען און ניט אריינגעקומען.

2 און גאָט האָט געזאָגט צו יהושע'ן: איך האָב שוין געגעבען אין דיין האַנד יריחו מיט איהר קעניג, און די קריעגס־לייט.

3 איהר זאָלט אַרומרינגלען די שטאָדט, אַלע קריעגס־לייט, זאָלען אַרומרינגלען די שטאָדט איין מאָל; אַזוי זאָלסטו טהאָן זעקס טעג.

4 זיעבען כהנים זאָלען טראָגען זיעבען שופרות פון ווידערס, פאַר דעם אָרון, אין דעם זיעבעטען טאָג זאָלט איהר אַרומרינגלען די שטאָט זיעבען מאָל, און די כהנים זאָלין בלאָזען מיט די שופרות.

5 ווען מען וועט לאַנג בלאָזען מיט'ן האָרן פון ווידער, ווען איהר וועט הערען די שטים פון דעם שופר, זאָל דאָס גאַנצע פאָלק אויפהויבען אַ גרוים געשריי, וועלען די מויערן פון שטאָדט אויפ'ן שטעל איינפאַלען, און דאָס פאָלק וועט ארויפגעהן איטליכער פאָראוים.

תְּרוּעָה גְדוֹלָה וְנָפְלָה חוֹמַת הָעִיר תַּחְתֶּיהָ וְעָלוּ הָעָם
6 אִישׁ נֶגְדּוֹ׃ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן אֶל־הַכֹּהֲנִים וַיֹּאמֶר
אֲלֵהֶם שְׂאוּ אֶת־אֲרוֹן הַבְּרִית וְשִׁבְעָה כֹהֲנִים יִשְׂאוּ שִׁבְעָה
7 שׁוֹפְרוֹת יוֹבְלִים לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָעָם
עִבְרוּ וְסֹבּוּ אֶת־הָעִיר וְהֶחָלוּץ יַעֲבֹר לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה׃
8 וַיְהִי כֶּאֱמֹר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם וְשִׁבְעָה הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאִים
שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת הַיּוֹבְלִים לִפְנֵי יְהוָה עָבְרוּ וְתָקְעוּ
9 בַּשּׁוֹפָרוֹת וַאֲרוֹן בְּרִית יְהוָה הֹלֵךְ אַחֲרֵיהֶם׃ וְהֶחָלוּץ
הֹלֵךְ לִפְנֵי הַכֹּהֲנִים תָּקְעוּ הַשּׁוֹפָרוֹת וְהַמְאַסֵּף הֹלֵךְ אַחֲרֵי
י הָאָרוֹן הָלוֹךְ וְתָקוֹעַ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וְאֶת־הָעָם צִוָּה יְהוֹשֻׁעַ
לֵאמֹר לֹא תָרִיעוּ וְלֹא־תַשְׁמִיעוּ אֶת־קוֹלְכֶם וְלֹא־יֵצֵא
מִפִּיכֶם דָּבָר עַד יוֹם אָמְרִי אֲלֵיכֶם הָרִיעוּ וַהֲרִיעֹתֶם׃
11 וַיַּסֵּב אֲרוֹן־יְהוָה אֶת־הָעִיר הַקֵּף פַּעַם אֶחָת וַיָּבֹאוּ הַמַּחֲנֶה
12 וַיָּלִינוּ בַּמַּחֲנֶה׃ וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ בַּבֹּקֶר וַיִּשְׂאוּ הַכֹּהֲנִים
13 אֶת־אֲרוֹן יְהוָה׃ וְשִׁבְעָה הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאִים שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת
הַיֹּבְלִים לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה הֹלְכִים הָלוֹךְ וְתָקְעוּ בַּשּׁוֹפָרוֹת
וְהֶחָלוּץ הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם וְהַמְאַסֵּף הֹלֵךְ אַחֲרֵי אֲרוֹן יְהוָה
14 הוֹלֵךְ וְתָקוֹעַ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וַיָּסֹבּוּ אֶת־הָעִיר בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי
פַּעַם אַחַת וַיָּשֻׁבוּ הַמַּחֲנֶה כֹּה עָשׂוּ שֵׁשֶׁת יָמִים׃
טו וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיַּשְׁכִּמוּ בַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר וַיָּסֹבּוּ
אֶת־הָעִיר כַּמִּשְׁפָּט הַזֶּה שֶׁבַע פְּעָמִים רַק בַּיּוֹם הַהוּא
16 סָבְבוּ אֶת־הָעִיר שֶׁבַע פְּעָמִים׃ וַיְהִי בַּפַּעַם הַשְּׁבִיעִית
תָּקְעוּ הַכֹּהֲנִים בַּשּׁוֹפָרוֹת וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם
17 הָרִיעוּ כִּי־נָתַן יְהוָה לָכֶם אֶת־הָעִיר׃ וְהָיְתָה הָעִיר
חֵרֶם הִיא וְכָל־אֲשֶׁר־בָּהּ לַיהוָה רַק רָחָב הַזּוֹנָה
תִּחְיֶה הִיא וְכָל־אֲשֶׁר אִתָּהּ בַּבַּיִת כִּי הֶחְבְּאַתָה אֶת־
18 הַמַּלְאָכִים אֲשֶׁר שָׁלָחְנוּ׃ וְרַק־אַתֶּם שִׁמְרוּ מִן־הַחֵרֶם

פֶּן־

7 v. ויאמר קרי   v. 9 תקעי קרי   v. 13 הלוך קרי   15 v. כעלות קרי

6 און יהושע נון'ס זוהן האָט גערופען די כהנים, און האָט צו זיי געזאָגט: טראָגט דעם בונדעס־קאַסטען און זיעבען כהנים זאָלען טראָגען זיעבען שופרות פון ווידערס פאַר גאָט'ס אָרון.

7 און צום פאָלק, האָט ער געזאָגט: געהט רינגעלט אַרום די שטאָדט — די געוואָפענטע זאָלען געהן פאַר גאָט'ס אָרון.

8 ווי יהושע האָט געזאָגט צום פאָלק אַזוי איז געוועזען — די זיעבען כהנים וואָס האָבען געטראָגען זיעבען שופרות פון ווידערס פאַר גאָט זיינען געגאַנגען, און געבלאָזען מיט די שופרות, גאָט'ס בונדעס־קאַס־טען איז זיי נאָכגעגאַנגען.

9 פאַר די כהנים וואָס האָבען געבלאָזען מיט שופרות, זיינען געגאַנגען די געוואָפענטע, און די פערזאַמלער זיינען געגאַנגען הינטער'ן אָרון, געהענדיג האָבען זיי געבלאָזען מיט די שופרות.

10 דעם פאָלק האָט יהושע געבאָטען זאָגענדיג: איהר זאָלט ניט שרייען און ניט לאָזען הערען אייער קול, עס זאָל קיין וואָרט פון אייער מויל ארויסגעהן ביז דעם טאָג וואָס איך וועל אייך הייסען שרייען, דאַן זאָלט איהר שרייען.

11 ווען דער אָרון פון גאָט האָט ארומגערינגעלט די שטאָדט איין מאָל, זיי־נען זיי געקומען אין לאַגער, און האָבען גענעכטיגט אין'ם לאַגער.

12 אַז יהושע איז אויף מאָרגען פריה אויפגעשטאַנען, האָבען די כהנים געטראָגען דעם אָרון פון גאָט,

13 און די זיעבען כהנים וואָס טראָגען די זיעבען שופרות פון ווידער'ס פאַר דעם אָרון פון גאָט, זיינען געגאַנגען בלאָזענדיג מיט די שופרות, די געוואָפענטע זיינען פאָראויס געגאַנגען, און די פערזאַמלער זיינען געגאַנגען הינטער דעם אָרון פון גאָט, געגאַנגען בלאָזענדיג מיט די שופרות.

14 אויך דעם אַנדער טאָג האָבען זיי ארומגערינגעלט די שטאָדט גאַר איין מאָהל — אַזוי האָבען זיי געטהאָן זעקס טעג.

15 דעם זיעבעטען טאָג, זיינען זיי פריה אויפגעשטאַנען, ווי דער מאָרגענ־שטערן איז אויפגעגאַנגען, און זיי האָבען די שטאָדט ארומגערינגעלט אויף אַזאַ אָרט זיעבען מאָל — נור דעם טאָג האָבען זיי ארומגערינגעלט די שטאָדט זיעבען מאָל;

16 און ווען די כהנים האָבען געבלאָזען מיט די שופרות דאָס זיעבעטע מאָל, האָט יהושע געזאָגט צום פאָלק: „שרייט! וואָרום גאָט האָט אייך איבערגעגעבען די שטאָדט;

17 און די שטאָדט זאָל ווערען פערוויסטעט צו גאָט, זי און אַלעס וואָס אין איהר, נור רחב די גאַסען־פרוי זאָל לעבען בלייבען, זי, און אַלע וואָס זיינען ביי איהר אין הויז, ווייל זי האָט בעהאַלטען די אויסזעהער וואָס מיר האָבען געשיקט.

18 איהר אָבער זאָלט אייך היטען פונ'ם פערוויסטונג, איהר זאָלט ניט

פֶּן־תַּחֲרִימוּ וּלְקַחְתֶּם מִן־הַחֵרֶם וְשַׂמְתֶּם אֶת־מַחֲנֵה
19 יִשְׂרָאֵל לְחֵרֶם וַעֲכַרְתֶּם אוֹתוֹ׃ וְכֹל ׀ כֶּסֶף וְזָהָב וּכְלֵי
כ נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל קֹדֶשׁ הוּא לַיהוָה אוֹצַר יְהוָה יָבוֹא׃ וַיָּרַע
הָעָם וַיִּתְקְעוּ בַּשֹּׁפָרוֹת וַיְהִי כִשְׁמֹעַ הָעָם אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר
וַיָּרִיעוּ הָעָם תְּרוּעָה גְדוֹלָה וַתִּפֹּל הַחוֹמָה תַּחְתֶּיהָ וַיַּעַל
21 הָעָם הָעִירָה אִישׁ נֶגְדּוֹ וַיִּלְכְּדוּ אֶת־הָעִיר׃ וַיַּחֲרִימוּ אֶת־
כָּל־אֲשֶׁר בָּעִיר מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה מִנַּעַר וְעַד־זָקֵן וְעַד שׁוֹר
22 וָשֶׂה וַחֲמוֹר לְפִי־חָרֶב׃ וְלִשְׁנַיִם הָאֲנָשִׁים הַמְרַגְּלִים אֶת־
הָאָרֶץ אָמַר יְהוֹשֻׁעַ בֹּאוּ בֵּית־הָאִשָּׁה הַזּוֹנָה וְהוֹצִיאוּ
מִשָּׁם אֶת־הָאִשָּׁה וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתֶּם
23 לָהּ׃ וַיָּבֹאוּ הַנְּעָרִים הַמְרַגְּלִים וַיֹּצִיאוּ אֶת־רָחָב וְאֶת־
אָבִיהָ וְאֶת־אִמָּהּ וְאֶת־אַחֶיהָ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ וְאֵת כָּל־
24 מִשְׁפְּחוֹתֶיהָ הוֹצִיאוּ וַיַּנִּיחוּם מִחוּץ לְמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל׃ וְהָעִיר
שָׂרְפוּ בָאֵשׁ וְכָל־אֲשֶׁר־בָּהּ רַק ׀ הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב וּכְלֵי
כה הַנְּחֹשֶׁת וְהַבַּרְזֶל נָתְנוּ אוֹצַר בֵּית־יְהוָה׃ וְאֶת־רָחָב הַזּוֹנָה
וְאֶת־בֵּית אָבִיהָ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ הֶחֱיָה יְהוֹשֻׁעַ וַתֵּשֶׁב
בְּקֶרֶב יִשְׂרָאֵל עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּי הֶחְבִּיאָה אֶת־הַמַּלְאָכִים
26 אֲשֶׁר־שָׁלַח יְהוֹשֻׁעַ לְרַגֵּל אֶת־יְרִיחוֹ׃ וַיַּשְׁבַּע יְהוֹשֻׁעַ
בָּעֵת הַהִיא לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ לִפְנֵי יְהוָה אֲשֶׁר יָקוּם
וּבָנָה אֶת־הָעִיר הַזֹּאת אֶת־יְרִיחוֹ בִּבְכֹרוֹ יְיַסְּדֶנָּה וּבִצְעִירוֹ
27 יַצִּיב דְּלָתֶיהָ׃ וַיְהִי יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיְהִי שָׁמְעוֹ
בְּכָל־הָאָרֶץ׃

## ז CAP. VII. ז

א וַיִּמְעֲלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מַעַל בַּחֵרֶם וַיִּקַּח עָכָן בֶּן־כַּרְמִי
בֶּן־זַבְדִּי בֶן־זֶרַח לְמַטֵּה יְהוּדָה מִן־הַחֵרֶם וַיִּחַר־אַף יְהוָה
2 בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ אֲנָשִׁים מִירִיחוֹ הָעַי
אֲשֶׁר עִם־בֵּית אָוֶן מִקֶּדֶם לְבֵית־אֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם
לֵאמֹר עֲלוּ וְרַגְּלוּ אֶת־הָאָרֶץ וַיַּעֲלוּ הָאֲנָשִׁים וַיְרַגְּלוּ אֶת־

נעהמען פון דעם פערוויסטונג, און דאַמיט פערוויסטען די מחנה פון ישראל, און איהם אונגליקליך מאַכען:
19 אַלע זילבער און גאָלד געפעס, קופּערנע און אייזערנע זיינען הייליג צו גאָט, אין גאָט׳ס אוצר זאָל עס אריינגעבראַכט ווערען.״
20 און דאָס פאָלק האָט געשריען, און האָבען געבלאָזען מיט שופרות; ד. ה. ווען דאָס פאָלק האָט געהערט דאָס קול פון שופר, האָט דאָס פאָלק געשריען אַ גרויס געשריי, דאַן איז דער מויער אויפ׳ן שטעל איינגע־פאַלען; און דאָס פאָלק איז אריינגעגאַנגען אין שטאָדט, איטליכער פאַראויס, און האָבען איינגענומען די שטאָדט.
21 און זיי האָבען פערוויסט מיט׳ן שווערד אַלעס וואָס איז געוועזען אין שטאָדט: מאַן און פרוי, יונג און אַלט, אָקס, לאַם, און אייזעל.
22 צו די צוויי מענער, וואָס האָבען אויסגעזעהען דאָס לאַנד, האָט יהושע געזאָגט: געהט אריין אין הויז פון דער גאַסען־פרוי, און ברענגט ארויס פון דאָרט די פרוי און אַלעס וואָס געהערט צו איהר, אַזוי ווי איהר האָט איהר געשוואָרען!
23 און די יונגען, די אויסזעהער, זיינען אריינגעקומען, און ארויסגעבראַכט רחב׳ן, איהר פאָטער, איהר מוטער, איהרע ברידער, און אַלעס וואָס געהערט צו איהר — איהר גאַנצע פאַמיליע האָבען זיי ארויסגעבראַכט, און ארויסגעפיהרט זיי אויסער דעם לאַגער פון ישראל.
24 דאַן האָבען זיי די שטאָדט, און אַלעס וואָס אין איהר, פערברענט אין פייער, נור דאָס זילבער און גאָלד, די קופּערנע און אייזערנע כלים האָבען זיי אריינגעגעבען אין אוצר פון גאָט׳ס הויז.
25 רחב די גאַסען־פרוי מיט איהר פאָטער׳ס הויז־געזינד, און אַלעס וואָס געהערט צו איהר האָט יהושע געלאָזט לעבען, און זי האָט געוואוינט צווישען ישראל ביז היינטיגען טאָג; ווייל זי האָט בעהאַלטען די אויס־זעהער וואָס יהושע האָט געשיקט יריחו אויסצוזעהען.
26 צו דערזעלביגער צייט האָט יהושע געשוואָרען, זאָגענדיג: פאַר גאָט, זאָל פערשאָלטען זיין דער מאַן וואָס וועט אויפשטעהן און אָפּבויען דיזע שטאָדט יריחו! מיט זיין עלטסטען זוהן זאָל ער דעם גרונד־שטיין לייגען, און מיט זיין יונגסטען — איהרע טהירען אויפשטעלען.
27 גאָט איז געוועזען מיט יהושע׳ן, און מען האָט פון איהם געהערט אין דעם גאַנצען לאַנד.

## קאַפּיטעל ז

1 אָבער די קינדער ישראל האָבען געפעלשט אַ פעלשונג אין פערוויסטונג — עכן, זוהן פון כרמי, זוהן פון זבדי, זוהן פון זרח פון שבט יהודה, האָט גענומען פון פערוויסטונג. דערפאַר האָט גאָט׳ן צאָרן געברענט אויף די קינדער ישראל.
2 יהושע האָט געשיקט מענער פון יריחו נאָך עי, וואָס איז ביי בית אָון מזרח זייט פון בית אל, און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „געהט זעהט אויס דאָס לאַנד!״ די מענער זיינען געגאַנגען און אויסגעזעהען עי.

3 הָעָי׃ וַיָּשֻׁבוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אַל־יַעַל כָּל־הָעָם
כְּאַלְפַּיִם אִישׁ אוֹ כִּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ יַעֲלוּ וְיַכּוּ אֶת־
4 הָעָי אַל־תְּיַגַּע־שָׁמָּה אֶת־כָּל־הָעָם כִּי מְעַט הֵמָּה׃ וַיַּעֲלוּ
מִן־הָעָם שָׁמָּה כִּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ וַיָּנֻסוּ לִפְנֵי אַנְשֵׁי
ה הָעָי׃ וַיַּכּוּ מֵהֶם אַנְשֵׁי הָעַי כִּשְׁלֹשִׁים וְשִׁשָּׁה אִישׁ וַיִּרְדְּפוּם
לִפְנֵי הַשַּׁעַר עַד־הַשְּׁבָרִים וַיַּכּוּם בַּמּוֹרָד וַיִּמַּס לְבַב־הָעָם
6 וַיְהִי לְמָיִם׃ וַיִּקְרַע יְהוֹשֻׁעַ שִׂמְלֹתָיו וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו אַרְצָה
לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה עַד־הָעֶרֶב הוּא וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלוּ עָפָר
7 עַל־רֹאשָׁם׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֲהָהּ ׀ אֲדֹנָי יֱהוִה לָמָה הֵעֲבַרְתָּ
הַעֲבִיר אֶת־הָעָם הַזֶּה אֶת־הַיַּרְדֵּן לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי
8 לְהַאֲבִידֵנוּ וְלוּ הוֹאַלְנוּ וַנֵּשֶׁב בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן׃ בִּי אֲדֹנָי מָה
9 אֹמַר אַחֲרֵי אֲשֶׁר הָפַךְ יִשְׂרָאֵל עֹרֶף לִפְנֵי אֹיְבָיו׃ וְיִשְׁמְעוּ
הַכְּנַעֲנִי וְכֹל יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ וְנָסַבּוּ עָלֵינוּ וְהִכְרִיתוּ אֶת־
י שְׁמֵנוּ מִן־הָאָרֶץ וּמַה־תַּעֲשֵׂה לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ קֻם לָךְ לָמָּה זֶּה אַתָּה נֹפֵל עַל־פָּנֶיךָ׃
11 חָטָא יִשְׂרָאֵל וְגַם עָבְרוּ אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר צִוִּיתִי אוֹתָם
וְגַם לָקְחוּ מִן־הַחֵרֶם וְגַם גָּנְבוּ וְגַם כִּחֲשׁוּ וְגַם שָׂמוּ
12 בִכְלֵיהֶם׃ וְלֹא יֻכְלוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לָקוּם לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם
עֹרֶף יִפְנוּ לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם כִּי הָיוּ לְחֵרֶם לֹא אוֹסִיף לִהְיוֹת
13 עִמָּכֶם אִם־לֹא תַשְׁמִידוּ הַחֵרֶם מִקִּרְבְּכֶם׃ קֻם קַדֵּשׁ אֶת־
הָעָם וְאָמַרְתָּ הִתְקַדְּשׁוּ לְמָחָר כִּי כֹה אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל חֵרֶם בְּקִרְבְּךָ יִשְׂרָאֵל לֹא תוּכַל לָקוּם לִפְנֵי
14 אֹיְבֶיךָ עַד־הֲסִירְכֶם הַחֵרֶם מִקִּרְבְּכֶם׃ וְנִקְרַבְתֶּם בַּבֹּקֶר
לְשִׁבְטֵיכֶם וְהָיָה הַשֵּׁבֶט אֲשֶׁר־יִלְכְּדֶנּוּ יְהוָה יִקְרַב
לַמִּשְׁפָּחוֹת וְהַמִּשְׁפָּחָה אֲשֶׁר־יִלְכְּדֶנָּה יְהוָה תִּקְרַב לַבָּתִּים
טו וְהַבַּיִת אֲשֶׁר יִלְכְּדֶנּוּ יְהוָה יִקְרַב לַגְּבָרִים׃ וְהָיָה הַנִּלְכָּד
בַּחֵרֶם יִשָּׂרֵף בָּאֵשׁ אֹתוֹ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ כִּי עָבַר אֶת־

ברית

v. 7. כצ״ל v. 9. הש׳ בצרי

3 זיי זיינען צוריקגעקומען צו יהושע׳ן, און האָבען איהם געזאָגט: לאָז ניט דאָס גאַנצע פאָלק געהן; ביי צוויי טויזענד אָדער דריי טויזענד מאַן זאָלען געהן און שלאָגען עי, דו דארפסט ניט אהין בעמיהען דאָס גאַנצע פאָלק, וואָרום זיי זיינען גאַנץ ווייניג.

4 זיינען אהין געגאַנגען פון פאָלק ביי דריי טויזענד מאַן, אָבער זיי זיינען ענטלאָפען פאַר די לייט פון עי —

5 די לייט פון עי, האָבען פון זיי דערשלאָגען זעקס און דרייסיג מאַן, זיי האָבען זיי פאַריאָגט פון טויער ביז שברים, און האָבען זיי געשלאָגען ביים אַרונטערגעהן. דען איז דאָס הארץ פון פאָלק צוגאַנגען און איז געוואָרען ווי וואסער...

6 אויך יהושע האָט צוריסען זיינע קליידער, און איז געפאַלען מיט זיין געזיכט צו דער ערד פאַר׳ן אָרון פון גאָט, ער און די עלטסטע פון ישראל, און זיי האָבען ארויפגעלייגט ערד אויף זייערע קעפּ ביז׳ן אָבענד.

7 און יהושע האָט געזאָגט: אַך, מיין גאָט! פאַר וואָס האָסטו אַריבער־געפיהרט דאָס דאָזיגע פאָלק איבער׳ן ירדן, אונז צו איבערגעבען אין דער האנד פון אמורי, אומצוברענגען? מיר וואָלטען שוין בעסער וועלען בלייבען אויף יענעם זייט ירדן!

8 איך בעט, מיין גאָט, וואָס זאָל איך זאָגען, נאָכדעם אז ישראל האָט דעם נאַקען אומגעקעהרט פאַר זיינע פיינד? !

9 ווען די כנענים, און אלע איינוואוינער פון לאַנד וועלען עס הערען וועלען זיי אונז ארומרינגלען, און וועלען פערניכטען אונזער נאָמען פון דער ערד. וואָס וועסטו דאַן טהאָן צו דיין גרויסען נאָמען?

10 און גאָט האָט געזאָגט צו יהושע׳ן: שטעל זיך אויף! פאַר וואָס ביזטו געפאַלען אויף דיין געזיכט?

11 ישראל האָט געזינדיגט, זיי האָבען אויך איבערטראָטען מיין בונד, וואָס איך האָב זיי געבאָטען: זיי האָבען גענומען פון פערוויסטונג, אויך גע׳גנב׳עט, פארלייקענט און אריינגעלייגט עס אויך אין זייערע כלים —

12 דאַרום האָבען די קינדער ישראל ניט געקענט בעשטעהן פאַר זייערע פיינד, דעם נאַקען וועלען זיי קעהרען פאַר זייערע פיינד, דען זיי זיינען געוואָרען פערוויסט... איך וועל ניט מעהר מיט אייך זיין, אויב איהר וועט ניט אויסראָטען דעם פערברעכען פון צווישען אייך!

13 שטעה אויף, הייליג דאָס פאָלק, און זאָג: הייליגט אייך צו מאָרגען! וואָרום אזוי זאָגט דער גאָט פון ישראל: אַ פערברעכען איז צווישען דיר, ישראל! דו וועסט ניט קענען בעשטעהן פאַר דיינע פיינד ביז איהר וועט דעם פערברעכען אויסראָטען פון צווישען אייך.

14 אין דער פריה זאָלט איהר קומען נאָך אייערע שטאַמען. דער שטאַם אויף וועמען גאָט׳ס גורל פאַלט, זאָל קומען נאָך זיינע פאַמיליען, די פאַמיליע — נאָך איהרע הויזגעזינדען, און דאָס הויז־געזינד אויף וועל־כע גאָט׳ס גורל פאַלט, זאָל קומען מענער־ווייז;

15 דער וואָס וועט געכאַפּט ווערען אין פערברעכען, זאָל פאַרברענט ווערען אין פייער, ער און אַלעס וואָס צו איהם געהערט, ווייל ער האָט איבער־טראָטען גאָט׳ס בעפעהל און שענדליכעס געטהאָן פאַר ישראל.

16 בְּרִית יְהוָה וְכִי־עָשָׂה נְבָלָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ
בַּבֹּקֶר וַיַּקְרֵב אֶת־יִשְׂרָאֵל לִשְׁבָטָיו וַיִּלָּכֵד שֵׁבֶט יְהוּדָה׃
17 וַיַּקְרֵב אֶת־מִשְׁפַּחַת יְהוּדָה וַיִּלְכֹּד אֵת מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי
18 וַיַּקְרֵב אֶת־מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי לַגְּבָרִים וַיִּלָּכֵד זַבְדִּי׃ וַיַּקְרֵב
אֶת־בֵּיתוֹ לַגְּבָרִים וַיִּלָּכֵד עָכָן בֶּן־כַּרְמִי בֶן־זַבְדִּי בֶּן־זֶרַח
19 לְמַטֵּה יְהוּדָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־עָכָן בְּנִי שִׂים־נָא כָבוֹד
לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְתֶן־לוֹ תוֹדָה וְהַגֶּד־נָא לִי מֶה עָשִׂיתָ
כ אַל־תְּכַחֵד מִמֶּנִּי׃ וַיַּעַן עָכָן אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמַר אָמְנָה
אָנֹכִי חָטָאתִי לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְכָזֹאת וְכָזֹאת עָשִׂיתִי׃
21 וָאֶרְאֶה* בַשָּׁלָל אַדֶּרֶת שִׁנְעָר אַחַת טוֹבָה וּמָאתַיִם שְׁקָלִים
כֶּסֶף וּלְשׁוֹן זָהָב אֶחָד חֲמִשִּׁים שְׁקָלִים מִשְׁקָלוֹ וָאֶחְמְדֵם
וָאֶקָּחֵם וְהִנָּם טְמוּנִים בָּאָרֶץ בְּתוֹךְ הָאָהֳלִי וְהַכֶּסֶף תַּחְתֶּיהָ׃
22 וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ מַלְאָכִים וַיָּרֻצוּ הָאֹהֱלָה וְהִנֵּה טְמוּנָה
23 בְּאָהֳלוֹ וְהַכֶּסֶף תַּחְתֶּיהָ׃ וַיִּקָּחוּם מִתּוֹךְ הָאֹהֶל וַיְבִאוּם
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ וְאֶל כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּצִּקֻם לִפְנֵי יְהוָה׃
24 וַיִּקַּח יְהוֹשֻׁעַ אֶת־עָכָן בֶּן־זֶרַח וְאֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־הָאַדֶּרֶת
וְאֶת־לְשׁוֹן הַזָּהָב וְאֶת־בָּנָיו וְאֶת־בְּנֹתָיו וְאֶת־שׁוֹרוֹ וְאֶת־
חֲמֹרוֹ וְאֶת־צֹאנוֹ וְאֶת־אָהֳלוֹ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ וְכָל־
כה יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ וַיַּעֲלוּ אֹתָם עֵמֶק עָכוֹר׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ מֶה
עֲכַרְתָּנוּ יַעְכָּרְךָ יְהוָה בַּיּוֹם הַזֶּה וַיִּרְגְּמוּ אֹתוֹ כָל־יִשְׂרָאֵל
26 אֶבֶן וַיִּשְׂרְפוּ אֹתָם בָּאֵשׁ וַיִּסְקְלוּ אֹתָם בָּאֲבָנִים׃ וַיָּקִימוּ
עָלָיו גַּל־אֲבָנִים גָּדוֹל עַד הַיּוֹם הַזֶּה וַיָּשָׁב יְהוָה מֵחֲרוֹן
אַפּוֹ עַל־כֵּן קָרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא עֵמֶק עָכוֹר עַד
הַיּוֹם הַזֶּה׃

## ח CAP. VIII. ח

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אַל־תִּירָא וְאַל־תֵּחָת קַח עִמְּךָ
אֵת כָּל־עַם הַמִּלְחָמָה וְקוּם עֲלֵה הָעָי רְאֵה ׀ נָתַתִּי בְיָדְךָ
אֶת־

ז v. 21. וארא ק׳ ח v. 1. קמץ בז״ק

16 און יהושע איז אויפגעשטאַנען אינ׳ם פריה מאָרגען, און האָט געמאַכט
גענעהנען ישראל נאָך זיינע שטאַמען, איז אריינגעפאלען דער שבט יהודה.
17 דאן האָט ער געמאַכט גענעהנען די פאַמיליען פון יהודה, איז אריינגע־
פאַלען די פאַמיליע זרח! ער האָט געמאַכט גענעהנען די פאַמיליע זרח
נאָך די הויזגעזינדען איז אַריינגעפאלען דאָס הויז פון זבדי.
18 ער האָט געמאַכט גענעהנען זיין הויזגעזינד מענער־ווייז, איז אַריינ־
געפאלען עכן זוהן פון כרמי, זוהן פון זבדי, זוהן פון זרח פון שטאַם יהודה.
19 און יהושע האָט געזאָגט צו עכן: מיין זוהן! איך בעט דיך, מאַך עהרע,
דעם גאָט פון ישראל, — ערקלעהר זיך שולדיג און זאָג מיר וואָס האָסטו
געטהאָן, בעהאַלט ניט פון מיר!
20 און עכן האָט געענטפערט יהושע׳ן און האָט געזאָגט: ריכטיג, איך האָב
געזינדיגט, קעגען דעם גאָט פון ישראל, אַזוי און אַזוי האָב איך גע־
טהאָן —
21 ווען איך האָב געזעהען אונטער דעם רויב אַ שעהנעם מאַנטעל, פון שנער,
צוויי הונדערט זילבער שקלים, און אַ צונג (שטיק) גאָלד, פופציג שקלים
זיין געוויכט, האָב איך זיי געגלוסט, האָב זיי צוגענומען; זיי זיינען בע־
בְּיַד֙ גֹּאֵ֣ל הַדָּ֔ם עַד־עָמְד֖וֹ לִפְנֵ֥י הָעֵדָֽה׃

## כא Cap. XXI. כא

וַֽיִּגְּשׁ֗וּ רָאשֵׁי֙ אֲב֣וֹת הַלְוִיִּ֔ם אֶל־אֶלְעָזָר֙ הַכֹּהֵ֔ן וְאֶל־יְהוֹשֻׁ֖עַ א
בִּן־נ֑וּן וְאֶל־רָאשֵׁ֛י אֲב֥וֹת הַמַּטּ֖וֹת לִבְנֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיְדַבְּר֨וּ 2
אֲלֵיהֶ֜ם בְּשִׁלֹ֗ה בְּאֶ֤רֶץ כְּנַ֙עַן֙ לֵאמֹ֔ר יְהוָה֙ צִוָּ֣ה בְיַד־מֹשֶׁ֔ה
לָתֶת־לָ֥נוּ עָרִ֖ים לָשָׁ֑בֶת וּמִגְרְשֵׁיהֶ֖ן לִבְהֶמְתֵּֽנוּ׃ וַיִּתְּנ֨וּ בְנֵֽי־ 3
יִשְׂרָאֵ֧ל לַלְוִיִּ֛ם מִנַּחֲלָתָ֖ם אֶל־פִּ֣י יְהוָ֑ה אֶת־הֶעָרִ֥ים הָאֵ֖לֶּה
וְאֶת־מִגְרְשֵׁיהֶֽן׃ וַיֵּצֵ֥א הַגּוֹרָ֖ל לְמִשְׁפְּחֹ֣ת הַקְּהָתִ֑י וַיְהִ֡י 4
לִבְנֵי֩ אַהֲרֹ֨ן הַכֹּהֵ֜ן מִן־הַלְוִיִּ֗ם מִמַּטֵּ֣ה יְ֠הוּדָה וּמִמַּטֵּ֨ה
הַשִּׁמְעֹנִ֜י וּמִמַּטֵּ֣ה בִנְיָמִ֗ן בַּגּוֹרָ֔ל עָרִ֖ים שְׁל֥שׁ עֶשְׂרֵֽה׃

ולבני



כ v. 8. גולן קרי   כ״א v. 3. סבירין על־פי

2 רייד צו די קינדער ישראל אזוי: „בעשטימט אייך די ענטרינונגס־
שטעדט, ווי איך האב אייך געהייסען דורך משה׳ן.

3 אהין זאל אנטלויפען א מערדער, וואס דערשלאגט א פערזאן אונוויליג
— ניט ווייסענדיג. זיי זאלען ביי אייך זיין א רעטונגס ארט פון בלוט־
פערוואנדטען.

4 ווען איינער אנטלויפט אין איינע פון דיעזע שטעדט, זאל ער שטעהן
בלייבען ביי׳ן שטאדט־טהויער און זאל דערצעהלען די עלטסטע פון
שטאדט זיין פאסירונג, דאן וועלען זיי איהם צו זיי אין שטאדט אריינ־
נעהמען און געבען איהם אן ארט און ער זאל מיט זיי וואוינען.

5 אז דער בלוט־פערוואנדטער וועט נאכיאגען איהם, זאלען זיי דעם מער־
דער איהם ניט ארויסגעבען — ער האט דאך ניט ווייסענדיג דערשלאגען
זיין פריינד, וועמען ער האט ניט פיינד געהאט פון נעכטען עהערנעכטען.

6 ער זאל זיך אין יענע שטאדט אויפהאלטען ביז ער וועט שטעהן פאר׳ן
געמיינדע־געריכט, און נאכדעם ביז עס וועט שטארבען דער אבער־כהן
וואס וועט זיין אין יענע צייט; דאן ערשט קען זיך דער מערדער צוריק־
קעהרען און קומען צו זיין שטאדט אין זיין הויז — צו דער שטאדט
פון וועלכע ער איז אנטלאפען.

7 און זיי האבען בעשטימט קדש אין גליל, אויף דעם בארג פון נפתלי, שכם
אויף דעם בארג פון אפרים, און קרית ארבע, (דאס איז חברון) אויף דעם
בארג פון יהודה.

8 און פון יענער זייט ירדן, ביי יריחו אין דער מזרח־זייט, האבען זיי אבגע־
געבען — בצר אין דער מדבר, אין פליין פון שבט ראובן, ראמות אין
גלעד פון שבט גד, גולן אין בשן פון שבט מנשה.

9 די דאזיגע זיינען געוועזען די בעשטימטע שטעדט פאר אלע קינדער ישראל,
אויך פאר דעם פרעמדען וואס האלט זיך אויף צווישען זיי. אז עס זאל
דארט אהין אנטלויפען איטליכער וואס דערשלאגט א פערזאן אומגערן,
אום ער זאל ניט שטארבען דורך די האנד פון דעם בלוט־פערוואנדטען
ביז ער וועט זיך שטעלען פאר דער געמיינדע.

## קאפיטעל כא

1 און די הויפט פאטערס פון די לוים האבען גענעהנט צו אלעזר דעם כהן,
און צו יהושע בן־נון, און צו די הויפט־פאטערס פון די שבטים פון די
קינדער ישראל.

2 און זיי האבען צו זיי גערעדט אין שלה, אין דעם לאנד כנען, אזוי צו
זאגען: „גאט האט געבאטען דורך משה׳ן, אז מען זאל אונז געבען שטעדט
צו וואוינען און ווידע פלעצער פאר אונזערע בהמות.״

3 דאן האבען די קינדער ישראל געגעבען די לוים, לויט גאט׳ס בעפעהל,
פאלגענדע שטעדט מיט זייערע ווידע־פלעצער.

4 און עס איז ארויס דער גורל פאר דער פאמיליע קהתי און עס איז געוועזען
פאר אהרן דעם כהן׳ס זיהן, פון די לוים; פון שבט יהודה, פון שבט
שמעון, און פון שבט בנימן, — דורך א גורל — דרייצעהן שטעדט.

ה וְלִבְנֵי קְהָת הַנּוֹתָרִים מִמִּשְׁפְּחֹת מַטֵּה־אֶפְרַיִם וּמִמַּטֵּה־
6 דָן וּמֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה בַּגּוֹרָל עָרִים עָשֶׂר׃ וְלִבְנֵי
גֵרְשׁוֹן מִמִּשְׁפְּחוֹת מַטֵּה־יִשָּׂשכָר וּמִמַּטֵּה־אָשֵׁר וּמִמַּטֵּה
נַפְתָּלִי וּמֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה בַבָּשָׁן בַּגּוֹרָל עָרִים שְׁלֹשׁ
7 עֶשְׂרֵה׃ לִבְנֵי מְרָרִי לְמִשְׁפְּחֹתָם מִמַּטֵּה רְאוּבֵן
8 וּמִמַּטֵּה־גָד וּמִמַּטֵּה זְבוּלֻן עָרִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה׃ וַיִּתְּנוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לַלְוִיִּם אֶת־הֶעָרִים הָאֵלֶּה וְאֶת־מִגְרְשֵׁיהֶן
9 כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה בַּגּוֹרָל׃ וַיִּתְּנוּ מִמַּטֵּה
בְּנֵי יְהוּדָה וּמִמַּטֵּה בְּנֵי שִׁמְעוֹן אֵת הֶעָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר־
י יִקְרָא אֶתְהֶן בְּשֵׁם׃ וַיְהִי לִבְנֵי אַהֲרֹן מִמִּשְׁפְּחוֹת הַקְּהָתִי
11 מִבְּנֵי לֵוִי כִּי לָהֶם הָיָה הַגּוֹרָל רִאשֹׁנָה׃ וַיִּתְּנוּ לָהֶם אֶת־
קִרְיַת אַרְבַּע אֲבִי הָעֲנוֹק הִיא חֶבְרוֹן בְּהַר יְהוּדָה וְאֶת־
12 מִגְרָשֶׁהָ סְבִיבֹתֶיהָ׃ וְאֶת־שְׂדֵה הָעִיר וְאֶת־חֲצֵרֶיהָ נָתְנוּ
13 לְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה בַּאֲחֻזָּתוֹ׃ וְלִבְנֵי ׀ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן נָתְנוּ
אֶת־עִיר מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־חֶבְרוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־
14 לִבְנָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ וְאֶת־יַתִּר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־
טו אֶשְׁתְּמֹעַ וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ וְאֶת־חֹלֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־
16 דְּבִר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ וְאֶת־עַיִן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־יֻטָּה
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־בֵּית שֶׁמֶשׁ וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים תֵּשַׁע
17 מֵאֵת שְׁנֵי הַשְּׁבָטִים הָאֵלֶּה׃ וּמִמַּטֵּה בִנְיָמִן אֶת־
18 גִּבְעוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גֶּבַע וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־עֲנָתוֹת
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־עַלְמוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
19 כָּל־עָרֵי בְנֵי־אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה עָרִים וּמִגְרְשֵׁיהֶן׃
כ וּלְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵי־קְהָת הַלְוִיִּם הַנּוֹתָרִים מִבְּנֵי קְהָת
21 וַיְהִי עָרֵי גוֹרָלָם מִמַּטֵּה אֶפְרָיִם׃ וַיִּתְּנוּ לָהֶם אֶת־עִיר
מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־שְׁכֶם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ בְּהַר אֶפְרָיִם וְאֶת־
22 גֶּזֶר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ וְאֶת־קִבְצַיִם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־בֵּית

חרון

v. 10. ראשנה קרי

5 און פאַר קהת'ס איבעריגע זיהן פון די פאַמיליעז פון שבט אפרים פון שבט דן, און פון האַלבען שבט מנשה, — דורך אַ גורל צעהן שטעדט.

6 און פאַר גרשון'ס זיהן פון די פאַמיליען פון שבט יששכר, פון שבט אשר, פון שבט נפתלי, און פון האַלבען שבט מנשה, אין בשן — דורך אַ גורל — דרייצעהן שטעדט.

7 פאַר מררי'ס זיהן נאָך זייערע פאַמיליען פון שבט ראובן, פון שבט גד, און פון שבט זבולן — צוועלף שטעדט.

8 און די קינדער ישראל האָבען אַוועקגעגעבען די לוים דיעזע שטעדט, מיט זייערע ווײדע פלעצער דורך אַ גורל, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען דורך משה'ן.

9 און זיי האָבען געגעבען פון שבט פון יהודה'ס זיהן און פון שבט פון שמעון'ס זיהן, דיעזע שטעדט וואָס מען האָט זיי גערופען ביי דעם נאָמען.

10 דאָס האָט בעלאַנגט צו אַהרן'ס קינדער, פון פאַמיליע קהת, פון לוי'ס קינדער, ווייל פאַר זיי איז ארויס דער ערשטער גורל.

11 זיי האָבען זיי אָבגעגעבען קרית ארבע פון דעם פאָטער פון ענוק, (דאָס איז חברון) אויף דעם באַרג יהודה, מיט איהרע ווײדע פלעצער רינגס ארום.

12 און דאָס פעלד פון דער שטאָדט און זייערע דערפער האָבען זיי געגעבען צו כלב דעם זוהן פון יפנה, אַלס זיין נחלה.

13 און צו די קינדער פון אַהרן הכהן האָבען זיי געגעבען די מערדער ענטלויפונגס שטעדט, חברון מיט איהרע ווײדע פלעצער, און לבנה מיט איהרע ווײדע פלעצער.

14 יתר מיט איהרע ווײדע פלעצער, און אשתמוע מיט איהרע ווײדע פלעצער.

15 חולון מיט איהרע ווײדע פלעצער, און דביר מיט איהרע ווײדע פלעצער.

16 עין מיט איהרע ווײדע פלעצער, יטה מיט איהרע ווײדע פלעצער, און בית־שמש מיט איהרע ווײדע פלעצער — נײן שטעדט פון די דאָזיגע צוויי שבטים.

17 פון דעם שבט בנימין — גבעון מיט איהרע ווײדע פלעצער, און גבע מיט איהרע ווײדע פלעצער.

18 ענתות מיט איהרע ווײדע פלעצער, און עלמון מיט איהרע ווײדע פלעצער — פיער שטעדט.

19 אַלע שטעדט פאַר אהרן'ס קינדער די כהנים — דרייצעהן שטעדט מיט זייערע ווײדע פלעצער.

20 פאַר די פאַמיליען פון קהת'ס קינדער — די לוים וואָס זענען איבערגעבליעבען פון די קינדער קהת — די שטעדט פון זייער גורל זענען געוועזען פון שבט אפרים.

21 זיי האָבען זיי געגעבען די מערדער ענטלויפונגס שטעדט שכם מיט איהרע ווײדע פלעצער, אויף דעם באַרג אפרים, און גזר מיט איהרע ווײדע פלעצער.

22 קבצים מיט איהרע ווײדע פלעצער, און בית חורון מיט איהרע ווײדע פלעצער — פיער שטעדט.

חֹרוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃ וּמִמַּטֵּה־דָן אֶת־ 23
אֶלְתְּקֵא וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גִּבְּתוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־אַיָּלוֹן 24
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גַּת־רִמּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
וּמִמַּחֲצִית מַטֵּה מְנַשֶּׁה אֶת־תַּעְנַךְ וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־גַּת כה
רִמּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שְׁתָּיִם׃ כָּל־עָרִים עֶשֶׂר 26
וּמִגְרְשֵׁיהֶן לְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵי־קְהָת הַנּוֹתָרִים׃ וְלִבְנֵי גֵרְשׁוֹן 27
מִמִּשְׁפְּחֹת הַלְוִיִּם מֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה אֶת־עִיר מִקְלַט
הָרֹצֵחַ אֶת־גָּלוֹן בַּבָּשָׁן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־בְּעֶשְׁתְּרָה וְאֶת־
מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שְׁתָּיִם׃ וּמִמַּטֵּה יִשָּׂשכָר אֶת־קִשְׁיוֹן 28
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־דָּבְרַת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־יַרְמוּת וְאֶת־ 29
מִגְרָשֶׁהָ אֶת־עֵין גַּנִּים וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
וּמִמַּטֵּה אָשֵׁר אֶת־מִשְׁאָל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־עַבְדּוֹן וְאֶת־ ל
מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־חֶלְקָת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־רְחֹב וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ 31
עָרִים אַרְבַּע׃ וּמִמַּטֵּה נַפְתָּלִי אֶת־עִיר ׀ מִקְלַט הָרֹצֵחַ 32
אֶת־קֶדֶשׁ בַּגָּלִיל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־חַמֹּת דֹּאר וְאֶת־
מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־קַרְתָּן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שָׁלֹשׁ׃ כָּל־עָרֵי 33
הַגֵּרְשֻׁנִּי לְמִשְׁפְּחֹתָם שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה עִיר וּמִגְרְשֵׁיהֶן׃
וּלְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵי־מְרָרִי הַלְוִיִּם הַנּוֹתָרִים מֵאֵת מַטֵּה זְבוּלֻן 34
אֶת־יָקְנְעָם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־קַרְתָּה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־ לה
דִּמְנָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־נַהֲלָל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
* וּמִמַּטֵּה־גָד אֶת־עִיר מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־רָמֹת 36
בַּגִּלְעָד וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־מַחֲנַיִם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־ 37
חֶשְׁבּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־יַעְזֵר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ כָּל־עָרִים

ארבע

v. 27. גלן קרי   v. 36. בקצת ספרים נמצא כאן ב׳ פסוקים האלה, לקוחים מדברי הימים א׳ ו׳ פסוק ס״ג וס״ד. וכפי המסורה אינם ראוים להיות, ולמען לא יחסרו לקורא הצגנום פה בגליון:

* וּמִמַּטֵּה רְאוּבֵן אֶת־בֶּצֶר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־יַהְצָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃
אֶת־קְדֵמוֹת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־מֵיפַעַת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃

23 פון דעם שבט דן — אלתקא מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און גבתון מיט איהרע ווײדע פּלעצער.

24 אילון מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און גת־רמון מיט איהרע ווײדע פּלעצער — פיער שטעדט.

25 פון דעם האַלבען שבט מנשה — תענך מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און גת רמון מיט איהרע ווײדע פּלעצער — צוויי שטעדט.

26 אַלע שטעדט מיט זײערע ווײדע פּלעצער פאַר די פאַמיליען פון קהת׳ס איבריגע קינדער זיינען געוועזען צעהן.

27 גרשון׳ס קינדער פון די לוים פאַמיליע, האָט מען געגעבען פון האַלבען שבט מנשה — די מערדער ענטרינונג־שטאָדט גולן מיט איהרע ווײדע פּלאַץ אין בשן און בעשתרה מיט איהר ווײדע פּלאַץ — צוויי שטעדט.

28 פון שבט יששכר — קשיון מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און דברת מיט איהרע ווײדע פּלעצער.

29 ירמות מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און עין גנים מיט איהרע ווײדע פּלעצער — פיער שטעדט.

30 פון שבט אָשר — משאַל מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און עבדון מיט איהרע ווײדע פּלעצער.

31 חלקת מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און רחוב מיט איהרע ווײדע פּלעצער — פיער שטעדט.

32 פון דעם שבט נפתלי האָבען זיי געגעבען אַלס מערדער ענטלויפונגס שטאָדט, קדש אין גליל מיט איהרע ווײדע פּלעצער, חמות־דואר מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און קרתן מיט איהרע ווײדע פּלעצער — דריי שטעדט.

33 אַלע שטעדט פון גרשני, נאָך זײערע פאַמיליען זענען געוועזען דרייצעהן שטעדט מיט זײערע ווײדע פּלעצער.

34 צו די פאַמיליען פון מררי׳ס קינדער די איבריגע לוים — פון דעם שבט זבולן — יקנעם מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און קרתה מיט איהרע ווײדע פּלעצער.

35 דמנה מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און נהלל מיט איהרע ווײדע פּלעצער— פיער שטעדט.

36 *) פון דעם שבט גד האָבען זיי געגעבען אַלס מערדער אַנטלויפונגס שטעדט, רמות און גלעד מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און מחנים מיט איהרע ווײדע פּלעצער.

37 חשבון מיט איהרע ווײדע פּלעצער, און יעזר מיט איהרע ווײדע פּלעצער — אַלע שטעדט פיער.

*) אין אַלע תנך׳ן זיינען דאָ פאַלש געצייכענטע צוויי פסוקים פון דברי הימים א׳ סג—סד, ריכטיג זיינען זיי אַזוי: ומעבר לירדן ירחו למזרח הירדן ממטה ראובן את בצר במדבר ואת מגרשיה, ואת יהצה ואת מגרשיה. ואת קדמות ואת מגרשיה, ואת מיפעת ואת מגרשיה. (ת. ש. נ.)

38 אַרְבַּע׃ כָּל־הֶעָרִים לִבְנֵי מְרָרִי לְמִשְׁפְּחֹתָם הַנּוֹתָרִים
39 מִמִּשְׁפְּחוֹת הַלְוִיִּם וַיְהִי גּוֹרָלָם עָרִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה׃ כֹּל
עָרֵי הַלְוִיִּם בְּתוֹךְ אֲחֻזַּת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל עָרִים אַרְבָּעִים וּשְׁמֹנֶה
מ וּמִגְרְשֵׁיהֶן׃ תִּהְיֶינָה הֶעָרִים הָאֵלֶּה עִיר עִיר וּמִגְרָשֶׁיהָ
41 סְבִיבֹתֶיהָ כֵּן לְכָל־הֶעָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל
אֶת־כָּל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לָתֵת לַאֲבוֹתָם וַיִּרָשׁוּהָ וַיֵּשְׁבוּ
42 בָהּ׃ וַיָּנַח יְהוָה לָהֶם מִסָּבִיב כְּכֹל אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע לַאֲבוֹתָם
וְלֹא־עָמַד אִישׁ בִּפְנֵיהֶם מִכָּל־אֹיְבֵיהֶם אֵת כָּל־אֹיְבֵיהֶם
43 נָתַן יְהוָה בְּיָדָם׃ לֹא־נָפַל דָּבָר מִכֹּל הַדָּבָר הַטּוֹב אֲשֶׁר־
דִּבֶּר יְהוָה אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל הַכֹּל בָּא׃

## CAP. XXII. כב

כב

א אָז יִקְרָא יְהוֹשֻׁעַ לָרְאוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה׃
2 וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אַתֶּם שְׁמַרְתֶּם אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה אֶתְכֶם
מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה וַתִּשְׁמְעוּ בְקוֹלִי לְכֹל אֲשֶׁר־צִוִּיתִי אֶתְכֶם׃
3 לֹא־עֲזַבְתֶּם אֶת־אֲחֵיכֶם זֶה יָמִים רַבִּים עַד הַיּוֹם הַזֶּה
4 וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־מִשְׁמֶרֶת מִצְוַת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְעַתָּה הֵנִיחַ
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לַאֲחֵיכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָהֶם וְעַתָּה פְּנוּ וּלְכוּ
לָכֶם לְאָהֳלֵיכֶם אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם אֲשֶׁר ׀ נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה
ה עֶבֶד יְהוָה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן׃ רַק ׀ שִׁמְרוּ מְאֹד לַעֲשׂוֹת אֶת־
הַמִּצְוָה וְאֶת־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה אֶתְכֶם מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה
לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְלָלֶכֶת בְּכָל־דְּרָכָיו וְלִשְׁמֹר
מִצְוֹתָיו וּלְדָבְקָה־בוֹ וּלְעָבְדוֹ בְּכָל־לְבַבְכֶם וּבְכָל־נַפְשְׁכֶם׃
6 7 וַיְבָרְכֵם יְהוֹשֻׁעַ וַיְשַׁלְּחֵם וַיֵּלְכוּ אֶל־אָהֳלֵיהֶם׃ וְלַחֲצִי ׀
שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה נָתַן מֹשֶׁה בַּבָּשָׁן וּלְחֶצְיוֹ נָתַן יְהוֹשֻׁעַ עֵבֶר
אֲחֵיהֶם מֵעֵבֶר הַיַּרְדֵּן יָמָּה וְגַם כִּי שִׁלְּחָם יְהוֹשֻׁעַ אֶל־
8 אָהֳלֵיהֶם וַיְבָרְכֵם׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם לֵאמֹר בִּנְכָסִים רַבִּים
שׁוּבוּ אֶל־אָהֳלֵיכֶם וּבְמִקְנֶה רַב־מְאֹד בְּכֶסֶף וּבְזָהָב

ובנחשת

כ״ב v. 4. נ״א וסעו   v. 7. בעבר קרי

38 אלע שטעדט פון מררי'ס קינדער נאָך זייערע פאמיליען, וואָס זענען איבערגעבליבען פון די לוים פאמיליע, זייער גורל איז געוועזען — צוועלף שטעדט.

39 אלע שטעדט פון די לוים, צווישען דעם בעזיץ פון די קינדער ישראל, זיינען געוועזען אכט און פערציג שטעדט מיט זייערע ווידע פלעצער.

40 די דאָזיגע שטעדט זיינען געוועזען איטליכע שטאָדט מיט איהרע ווידע פלעצער רינגס ארום; אזוי זיינען געוועזען אלע דיעזע שטעדט.

41 אזוי האָט גאָט אוועקגעגעבען צו ישראל דאָס גאנצע לאנד וואָס ער האָט געשוואָרען זייער אור־פאָטערס אוועקצוגעבען — זיי האָבען עס צוגע־נומען און זיך דאָרטען בעזעצט.

42 און גאָט האָט זיי געגעבען רוה רינגס ארום, אזוי ווי ער האָט געשוואָרען צו זייערע אור־פאָטערס; קיין מענש פון אלע זייערע פיינד האָט געקענטביישטיין פאר זיי — אלע זייערע פיינד האָט גאָט געגעבען אין זייערע הענד.

43 עס איז ניט אָבגעפאלען קיין זאך פון דעם גאנצען גוטען צוזאָג וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט דעם הויז ישראל; אלעס איז געקומען!...

## קאפיטעל כב

1 דאן האָט יהושע גערופען דעם שבט ראובן, און גד און דעם האלבען שבט מנשה,

2 און האָט צו זיי געזאָגט: איהר האָט געהיט אלעס וואָס משה גאָט'ס דיע־נער האָט אייך געבאָטען, איהר האָט אויך געהאָרכט צו מיין קול אין אלעס וואָס איך האָב אייך געבאָטען.

3 איהר האָט ניט פערלאָזען אייערע ברידער שוין פיעלע טעג, ביז צום היינטיגען טאָג, און איהר האָט געהיט די היטונג פון אייער גאָט'ס געבאָט.

4 און יעצט האָט אייער גאָט געגעבען רוה צו אייערע ברידער אזוי ווי ער האָט זיי צוגעזאָגט, אלזאָ קעהרט אייך אום און געהט צו אייערע געצעלטען אין דעם לאנד פון אייער בעזיץ, וואָס משה גאָט'ס דיענער האָט אייך געגעבען אויף דער אנדערע זייט ירדן.

5 נור היט זעהר צו טהאָן די בעפעהלען פון דער תורה וואָס משה גאָט'ס דיענער האָט אייך געבאָטען —צו ליעבען אייער גאָט, צו געהן אין אלע זיינע וועגען, צו היטען זיינע בעפעהלען, זיך אן איהם בעהעפטען, און דיענען איהם מיט אייער גאנצען הארץ און מיט אייער גאנצע זעעלע.

6 יהושע האָט זיי געבענשט און האָט זיי אוועקגעשיקט, און זיי זיינען גע־גאנגען צו זייערע געצעלטען.

7 (צו איין האלבען שבט מנשה האָט משה איינגעטהיילט אין בשן, און צום אנדערען האלבען האָט יהושע געגעבען צווישען זייערע ברידער אויף דער אנדערע זייט ירדן, מערב־זייט אויך זיי האָט יהושע געבענשט, ווען ער האָט זיי אוועקגעשיקט צו זייערע געצעלטען.)

8 און האָט צו זיי געזאָגט, אזוי צו זאָגען: מיט פיעל רייכטום קעהרט צוריק צו אייערע געצעלטען — מיט זעהר פיעל בהמות, מיט זילבער,

וּבִנְחֹשֶׁת וּבְבַרְזֶל וּבִשְׂלָמוֹת הַרְבֵּה מְאֹד חִלְקוּ שְׁלַל
9 אֹיְבֵיכֶם עִם־אֲחֵיכֶם׃ וַיָּשֻׁבוּ וַיֵּלְכוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־
גָד וַחֲצִי ׀ שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִשִּׁלֹה אֲשֶׁר־
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן לָלֶכֶת אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזָּתָם
י אֲשֶׁר נֹאחֲזוּ־בָהּ עַל־פִּי יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־
גְּלִילוֹת הַיַּרְדֵּן אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַיִּבְנוּ בְנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־
גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה שָׁם מִזְבֵּחַ עַל־הַיַּרְדֵּן מִזְבֵּחַ גָּדוֹל
11 לְמַרְאֶה׃ וַיִּשְׁמְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הִנֵּה־בָנוּ בְנֵי־רְאוּבֵן
וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה אֶת־הַמִּזְבֵּחַ אֶל־מוּל אֶרֶץ
12 כְּנַעַן אֶל־גְּלִילוֹת הַיַּרְדֵּן אֶל־עֵבֶר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁמְעוּ
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּקָּהֲלוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שִׁלֹה לַעֲלוֹת
13 עֲלֵיהֶם לַצָּבָא׃ וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־בְּנֵי־רְאוּבֵן
וְאֶל־בְּנֵי־גָד וְאֶל־חֲצִי שֵׁבֶט־מְנַשֶּׁה אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד אֶת־
14 פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן׃ וַעֲשָׂרָה נְשִׂאִים עִמּוֹ נָשִׂיא אֶחָד
נָשִׂיא אֶחָד לְבֵית אָב לְכֹל מַטּוֹת יִשְׂרָאֵל וְאִישׁ רֹאשׁ
טו בֵּית־אֲבוֹתָם הֵמָּה לְאַלְפֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־בְּנֵי־רְאוּבֵן
וְאֶל־בְּנֵי־גָד וְאֶל־חֲצִי שֵׁבֶט־מְנַשֶּׁה אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד וַיְדַבְּרוּ
16 אִתָּם לֵאמֹר׃ כֹּה אָמְרוּ כֹּל ׀ עֲדַת יְהוָה מָה־הַמַּעַל
הַזֶּה אֲשֶׁר מְעַלְתֶּם בֵּאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לָשׁוּב הַיּוֹם מֵאַחֲרֵי
יְהוָה בִּבְנוֹתְכֶם לָכֶם מִזְבֵּחַ לִמְרָדְכֶם הַיּוֹם בַּיהוָה׃
17 הַמְעַט־לָנוּ אֶת־עֲוֹן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא־הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד
18 הַיּוֹם הַזֶּה וַיְהִי הַנֶּגֶף בַּעֲדַת יְהוָה׃ וְאַתֶּם תָּשֻׁבוּ הַיּוֹם
מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְהָיָה אַתֶּם תִּמְרְדוּ הַיּוֹם בַּיהוָה וּמָחָר אֶל־
19 כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל יִקְצֹף׃ וְאַךְ אִם־טְמֵאָה אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם
עִבְרוּ לָכֶם אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזַּת יְהוָה אֲשֶׁר שָׁכַן־שָׁם מִשְׁכַּן
יְהוָה וְהֵאָחֲזוּ בְּתוֹכֵנוּ וּבַיהוָה אַל־תִּמְרֹדוּ וְאֹתָנוּ אַל־
תִּמְרֹדוּ בִּבְנֹתְכֶם לָכֶם מִזְבֵּחַ מִבַּלְעֲדֵי מִזְבַּח יְהוָה
כ אֱלֹהֵינוּ׃ הֲלוֹא ׀ עָכָן בֶּן־זֶרַח מָעַל מַעַל בַּחֵרֶם וְעַל־

כָּל־

מיט גאָלד, מיט קופּער, מיט אייזען, און מיט זעהר פיעל קליידער; טהיילט אָבער דעם רויב פון אייערע פֿיינד מיט אייערע ברידער!

9 און ראובן'ס קינדער, און גד'ס קינדער, און דער האַלבער שבט מנשה האָבען זיך אומגעקעהרט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען פון די קינדער ישראל, פון שלוה, וואָס איז אין דעם לאַנד כנען, אום צו געהן צום לאַנד גלעד, צו זייער בעזיץ־לאַנד, וואָס זיי האָבען אין בעזיץ גענומען נאָך גאָט'ס בעפעהל דורך משה'ן.

10 אז זיי זיינען געקומען צו די פּראָווינצען פון ירדן וואָס אין דעם לאַנד כנען, האָבען די קינדער פון ראובן, פון גד, און דער האַלבער שבט מנשה געבויט דאָרט אַ מזבח ביי דעם ירדן — אַ גרויסען מזבח — צום אָנזעהען.

11 און די קינדער ישראל האָבען דערהערט זאָגענדיג: זעה, די קינדער פון ראובן, גד, און דער האַלבער שבט מנשה האָבען געבויט אַ מזבח קעגען איבער דעם לאַנד כנען, ביי די ירדן פּראָווינצען קעגען איבער די קינדער ישראל.

12 ווען די קינדער ישראל האָבען דאָס דערהערט האָט זיך די גאַנצע גע־מיינדע פערזאַמעלט אין שלוה, צו געהן מיט זיי מלחמה האַלטען.

13 נאָר די קינדער ישראל האָבען געשיקט צו די קינדער פון ראובן, פון גד, און דעם האַלבען שבט מנשה, אין גלעד — פנחס, אלעזר דעם כהן'ס זוהן

14 און צעהן פירסטען מיט איהם, איין פירסט פון יעדער הויפּט־הויז פון אַלע שבטים פון ישראל — איטליכער מאַן איז געוועזען דער הויפּט פון זייערע פאַמיליען הייזער — צו די טויזענדע פון ישראל,

15 זיי זיינען געקומען צו די קינדער פון ראובן, פון גד, און צו דעם האַלבען שבט מנשה קיין גלעד, און האָבען מיט זיי גערעדט אַזוי צו זאָגען:

16 אַזוי זאָגט די גאַנצע גאָט'ס געמיינדע: וואָס איז די דאָזיגע איבערטרע־טונג, וואָס איהר האָט איבערטרעטען קעגען דעם גאָט פון ישראל אָפּצו־קעהרען יעצט פון גאָט בויענדיג אַ מזבח? היינט זייט איהר קעגען גאָט?

17 איז דען ווינציג פאַר אונז די זינד פון פעור, פון וועלכע מיר זיינען נאָך ניט גערייניגט ביז צו דעם הייגטיגען טאָג, אָבוואָהל עס איז שוין געוועזען אַ פּלאָג אין דער געמיינדע פון גאָט?

18 און איהר געהט יעצט אוועק פון גאָט? די ענדע וועט זיין — איהר וועט היינט ווידערשפּעניגען קעגען גאָט, און מאָרגען וועט גאָט צאָרנען איבער דער גאַנצער געמיינדע פון ישראל...

19 אויב דאָס לאַנד פון אייער בעזיץ איז אומריין, געהט אַריבער צו גאָט'ס לאַנד, דער בעזיץ וואו גאָט'ס משכן רוהט, און נעהמט בעזיץ צווישען אונז. אָבער קעגען גאָט זאָלט איהר ניט ווידערשפּעניגען, אויך קעגען אונז זאָלט איהר ניט ווידערשפּעניגען, מיט אייער בויען אַ מזבח אויסער גאָט'ס מזבח.

20 האָט דען ניט עכן, זרח'ס זוהן אַליין אַ זינד בעגאַנגען אין דעם פער־וויסטונג און דער צאָרן איז געוועזען איבער דער גאַנצער געמיינדע פון ישראל? דער איין מאַן האָט ניט אַליין געליטען פאַר זיין זינד...

כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל הָיָה קָצֶף וְהוּא אִישׁ אֶחָד לֹא גָוַע
21 בַּעֲוֺנוֹ׃ וַיַּעֲנוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה
22 וַיְדַבְּרוּ אֶת־רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל׃ אֵל ׀ אֱלֹהִים ׀ יְהוָה
אֵל ׀ אֱלֹהִים ׀ יְהוָה הוּא יֹדֵעַ וְיִשְׂרָאֵל הוּא יֵדָע אִם־
23 בְּמֶרֶד וְאִם־בְּמַעַל בַּיהוָה אַל־תּוֹשִׁיעֵנוּ הַיּוֹם הַזֶּה׃ לִבְנוֹת
לָנוּ מִזְבֵּחַ לָשׁוּב מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְאִם־לְהַעֲלוֹת עָלָיו עוֹלָה
וּמִנְחָה וְאִם־לַעֲשׂוֹת עָלָיו זִבְחֵי שְׁלָמִים יְהוָה הוּא יְבַקֵּשׁ׃
24 וְאִם־לֹא מִדְּאָגָה מִדָּבָר עָשִׂינוּ אֶת־זֹאת לֵאמֹר מָחָר
יֹאמְרוּ בְנֵיכֶם לְבָנֵינוּ לֵאמֹר מַה־לָּכֶם וְלַיהוָה אֱלֹהֵי
כה יִשְׂרָאֵל׃ וּגְבוּל נָתַן־יְהוָה בֵּינֵנוּ וּבֵינֵיכֶם בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־
גָד אֶת־הַיַּרְדֵּן אֵין־לָכֶם חֵלֶק בַּיהוָה וְהִשְׁבִּיתוּ בְנֵיכֶם
26 אֶת־בָּנֵינוּ לְבִלְתִּי יְרֹא אֶת־יְהוָה׃ וַנֹּאמֶר נַעֲשֶׂה־נָּא לָנוּ
27 לִבְנוֹת אֶת־הַמִּזְבֵּחַ לֹא לְעוֹלָה וְלֹא לְזָבַח׃ כִּי עֵד הוּא
בֵּינֵינוּ וּבֵינֵיכֶם וּבֵין דֹּרוֹתֵינוּ אַחֲרֵינוּ לַעֲבֹד אֶת־עֲבֹדַת
יְהוָה לְפָנָיו בְּעֹלוֹתֵינוּ וּבִזְבָחֵינוּ וּבִשְׁלָמֵינוּ וְלֹא־יֹאמְרוּ
28 בְנֵיכֶם מָחָר לְבָנֵינוּ אֵין־לָכֶם חֵלֶק בַּיהוָה׃ וַנֹּאמֶר וְהָיָה
כִּי־יֹאמְרוּ אֵלֵינוּ וְאֶל־דֹּרֹתֵינוּ מָחָר וְאָמַרְנוּ רְאוּ אֶת־
תַּבְנִית מִזְבַּח יְהוָה אֲשֶׁר־עָשׂוּ אֲבוֹתֵינוּ לֹא לְעוֹלָה וְלֹא
29 לְזֶבַח כִּי־עֵד הוּא בֵּינֵינוּ וּבֵינֵיכֶם׃ חָלִילָה לָּנוּ מִמֶּנּוּ
לִמְרֹד בַּיהוָה וְלָשׁוּב הַיּוֹם מֵאַחֲרֵי יְהוָה לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ
לְעֹלָה לְמִנְחָה וּלְזָבַח מִלְּבַד מִזְבַּח יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אֲשֶׁר
ל לִפְנֵי מִשְׁכָּנוֹ׃ וַיִּשְׁמַע פִּינְחָס הַכֹּהֵן וּנְשִׂיאֵי הָעֵדָה
וְרָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר אִתּוֹ אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר
דִּבְּרוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וּבְנֵי מְנַשֶּׁה וַיִּיטַב בְּעֵינֵיהֶם׃
31 וַיֹּאמֶר פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אֶל־בְּנֵי רְאוּבֵן וְאֶל־
בְּנֵי־גָד וְאֶל־בְּנֵי מְנַשֶּׁה הַיּוֹם יָדַעְנוּ כִּי־בְתוֹכֵנוּ יְהוָה
אֲשֶׁר לֹא־מְעַלְתֶּם בַּיהוָה הַמַּעַל הַזֶּה אָז הִצַּלְתֶּם אֶת־
32 בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִיַּד יְהוָה׃ וַיָּשָׁב פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן ׀

והנשיאים

21 די קינדער פון ראובן, פון גד, און דער האַלבער שבט מנשה האָבען געענט־פערט און האָבען גערעדט מיט די הויפּטען פון די טויזענדע פון ישראל:

22 נאָר איין גאָט וויים, אויך ישראל זאָל עס וויסען — אויב מיר האָבען עס געטהאָן וועגען ווידערשפּעניגקייט אָדער וועגען איבערטרעטונג קעגען גאָט, זאָלסט דו אונז ניט העלפען היינטיגען טאָג!

23 האָבען מיר אונז געבויט אַ מזבח אָפּצוקעהרען פון נאָכצופאָלגען גאָט, אויפצוברענגען בראַנד־אָפּפער, שפּייז־אָפּפער, אָדער פריעד־אָפּפער — זאָל עס גאָט אליין פאָדערען!

24 האָבען מיר דען ניט געטהאָן וועגען זאָרג, זאָגענדיג: ווען־עס־איז וועלען אייערע קינדער זאָגען צו אונזערע קינדער אַזוי — „וואָס האָט איהר צו טהאָן מיט דעם גאָט פון ישראל?

25 א גרענעץ האָט גאָט געמאַכט דעם ירדן צווישען אונז און צווישען אייך, איהר קינדער פון ראובן, און גד; איהר האָט ניט קיין טהייל אין גאָט!" אַזוי וועלען אייערע קינדער אונזערע קינדער מאַכען אויפהערען גאָט צו פאָרכטען.

26 דאַריבער האָבען מיר בעשלאָסען: מיר וועלען אונז אָט אַזוי אויף בויען אַ מזבח — ניט צו בראַנד־אָפּפער, און שלאַכט־אָפּפער,

27 נאָר ער זאָל זיין פאַר אַ בעווייז צווישען אונז און אייך, און אונזערע דורות וואָס וועלען דערלעבען נאָך אונז, צו דיענען דעם דיענסט פון גאָט פאַר איהם, מיט אונזערע בראַנד־אָפּפער, שלאַכט־אָפּפער, און פריעד־אָפּפער, אום אייערע קינדער זאָלען ניט ווען־עס־איז זאָגען צו אונזערע קינדער: „איהר האָט ניט קיין חלק אין גאָט!"

28 דאריבער האָבען מיר דאָס בעשלאָסען. ווען זיי וועלען יא אַזוי צו אונז און אונזערען דורות ווען־עס־איז ריידען, וועלען מיר זאָגען: זעהט, די גע־שטאַלט פון גאָט'ס מזבח וואָס אונזערע עלטערן האָבען געמאַכט, ניט פאַר בראַנד־אָפּפער און שלאַכט־אָפּפער, נאָר ער זאָל זיין אַ בעווייז צווי־שען אונז און אייך.

29 עס איז ווייט פון אונז, מיר זאָלען ווידערשפּעניגען קעגען גאָט אָפּצו־קעהרען היינט פון גאָט און בויען אַ מזבח פאַר בראַנד־אָפּפער, שפּייז־אָפּפער און שלאַכט־אָפּפער, אויסער גאָט'ס מזבח, וואָס איז פאַר זיין משכן.

30 ווען פנחס דער כהן, די פירסטען פון דער געמיינדע און די הויפּטען פון די טויזענדע פון ישראל האָבען געהערט די ווערטער וואָס די קינדער פון ראובן גד, און מנשה האָבען גערעדט, איז עס וואויל געפאַלען אין זייערע אויגען.

31 און פנחס, אלעזר דעם כהן'ס זוהן האָט געזאָגט צו די קינדער פון ראובן, גד, און מנשה: היינט וויסען מיר אַז גאָט איז צווישען אונז און דאָס איהר האָט ניט געזינדיגט קעגען גאָט מיט די דאָזיגע זינד, איהר האָט גערעטעט די קינדער ישראל פון גאָטס שטראָף.

32 און פנחס, אלעזר דעם כהן'ס זוהן מיט די פירסטען האָבען זיך אומגע־קעהרט פון די קינדער ראובן, און גד פון גלעד, צו דעם לאַנד כנען, צו די קינדער ישראל און האָבען זיי געבראַכט אַן ענטפער.

וְהַנְּשִׂיאִים מֵאֵת בְּנֵי־רְאוּבֵן וּמֵאֵת בְּנֵי־גָד מֵאֶרֶץ הַגִּלְעָד
אֶל־אֶרֶץ כְּנַעַן אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיָּשִׁבוּ אוֹתָם דָּבָר׃ וַיִּיטַב 33
הַדָּבָר בְּעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיְבָרְכוּ אֱלֹהִים בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא
אָמְרוּ לַעֲלוֹת עֲלֵיהֶם לַצָּבָא לְשַׁחֵת אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר בְּנֵי־
רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד יֹשְׁבִים בָּהּ׃ וַיִּקְרְאוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד 34
לַמִּזְבֵּחַ כִּי עֵד הוּא בֵּינֹתֵינוּ כִּי יְהוָה הָאֱלֹהִים׃

## Cap. XXIII. כג

כג

וַיְהִי מִיָּמִים רַבִּים אַחֲרֵי אֲשֶׁר־הֵנִיחַ יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל מִכָּל־ א
אֹיְבֵיהֶם מִסָּבִיב וִיהוֹשֻׁעַ זָקֵן בָּא בַּיָּמִים׃ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ 2
לְכָל־יִשְׂרָאֵל לִזְקֵנָיו וּלְרָאשָׁיו וּלְשֹׁפְטָיו וּלְשֹׁטְרָיו וַיֹּאמֶר
אֲלֵהֶם אֲנִי זָקַנְתִּי בָּאתִי בַּיָּמִים׃ וְאַתֶּם רְאִיתֶם אֵת כָּל־ 3
אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְכָל־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִפְּנֵיכֶם
כִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם הוּא הַנִּלְחָם לָכֶם׃ רְאוּ הִפַּלְתִּי לָכֶם 4
אֶת־הַגּוֹיִם הַנִּשְׁאָרִים הָאֵלֶּה בְּנַחֲלָה לְשִׁבְטֵיכֶם מִן־הַיַּרְדֵּן
וְכָל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִכְרַתִּי וְהַיָּם הַגָּדוֹל מְבוֹא הַשָּׁמֶשׁ׃
וַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם הוּא יֶהְדֳּפֵם מִפְּנֵיכֶם וְהוֹרִישׁ אֹתָם ה
מִלִּפְנֵיכֶם וִירִשְׁתֶּם אֶת־אַרְצָם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
לָכֶם׃ וַחֲזַקְתֶּם מְאֹד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת אֵת כָּל־הַכָּתוּב 6
בְּסֵפֶר תּוֹרַת מֹשֶׁה לְבִלְתִּי סוּר מִמֶּנּוּ יָמִין וּשְׂמֹאול׃
לְבִלְתִּי־בוֹא בַּגּוֹיִם הָאֵלֶּה הַנִּשְׁאָרִים הָאֵלֶּה אִתְּכֶם 7
וּבְשֵׁם אֱלֹהֵיהֶם לֹא־תַזְכִּירוּ וְלֹא תַשְׁבִּיעוּ וְלֹא תַעַבְדוּם
וְלֹא תִשְׁתַּחֲווּ לָהֶם׃ כִּי אִם־בַּיהוָה אֱלֹהֵיכֶם תִּדְבָּקוּ 8
כַּאֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיּוֹרֶשׁ יְהוָה מִפְּנֵיכֶם 9
גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצוּמִים וְאַתֶּם לֹא־עָמַד אִישׁ בִּפְנֵיכֶם עַד
הַיּוֹם הַזֶּה׃ אִישׁ־אֶחָד מִכֶּם יִרְדָּף־אָלֶף כִּי ׀ יְהוָה י
אֱלֹהֵיכֶם הוּא הַנִּלְחָם לָכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם׃ וְנִשְׁמַרְתֶּם 11
מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ כִּי ׀ אִם־ 12

שׁוּב

כ״ג v. 6 יתיר ו׳

33 דאָס וואָרט איז וואוילגעפאלען אין די אויגען פון די קינדער ישראל, און די קינדער ישראל האָבען געדאנקט גאָט, און האָבען ניט מעהר געטראכט קעגען זיי מלחמה האַלטען, און פערדארבען דאָס לאַנד וואָס די קינדער פון ראובן און גד וואוינען דארין.

34 די קינדער פון ראובן און גד האָבען גערופען דעם מזבח „עד" וואָרום ער איז אַ בעוויז צווישען אונז, אַז נאָר גאָט איז אַ גאָט.

## קאַפּיטעל כג

1 נאָך פיעל טעג אַז גאָט האָט געמאַכט ישראל רוהען פון אַלע זייערע פיינד רינגס אַרום, און יהושע איז אַלט געוואָרען, געקומען אין טעג,

2 האָט יהושע גערופען גאַנץ ישראל, זייערע עלטסטע, הויפּטלייטע, ריכטער, און זייערע אַמטסלייטע, און האָט זיי געזאָגט: איך בין אַלט, איך בין שוין געקומען אין טעג;

3 איהר האָט דאָך געזעהען אַלעס וואָס אייער גאָט האָט געטהאָן פאַר אייך צו אַלע די דאָזיגע פעלקער; וואָרום נאָר אייער גאָט האָט פאַר אייך מלחמה געהאַלטען,

4 זעהט איך האָב פאַר אייך פאַלען געלאָזען אַלס בעזיץ צו אייערע שבטים די דאָזיגע פעלקער, וואָס זיינען איבערגעבליבען ביי'ן ירדן, אויך אַלע פעלקער וואָס איך האָב פערשניטען, ביז'ן גרויסען ים וואו די זונן געהט אונטער.

5 אייער גאָט, וועט זיי נאָך פערשטויסען פאַר אייך, און וועט זיי פער־טרייבען פון אייך, אום איהר זאָלט בעזיצען זייער לאַנד, אַזוי ווי אייער גאָט האָט אייך צוגעזאָגט.

6 שטאַרקט אייך זעהר צו היטען און טהאָן אַלעס וואָס שטעהט געשריעבען אין משה'ס געזעץ־בוך—איהר זאָלט ניט אָפּקעהרען רעכטס אָדער לינקס —

7 אום איהר זאָלט ניט אריינקומען צווישען די דאָזיגע פעלקער, וואָס זיינען אונטער אייך איבערגעבליבען, איהר זאָלט ניט דערמאָנען די נעמען פון זייערע אָפּגעטער, איהר זאָלט ביי זיי ניט שווערען, איהר זאָלט זיי ניט דיענען, און איהר זאָלט אייך צו זיי ניט בוקען.

8 בעהעפט אייך נאָר אין אייער גאָט, אַזוי ווי איהר האָט געטהאָן ביז דעם היינטיגען טאָג.

9 וואָרום ער וועט פאַר אייך פערטרייבען גרויסע און שטאַרקע פעלקער, אַזוי ווי עס האָט פאַר אייך קיין מענש געקענט בעשטעהן ביז היינטיגען טאָג.

10 איין מאַן פון אייך וועט נאָכיאָגען טויזענד, וואָרום אייער גאָט וועט פאַר אייך מלחמה האַלטען, אַזוי ווי ער האָט אייך צוגעזאָגט.

11 היט זיך, ביי אייערע זעעלען, צו ליעבען אייער גאָט!

12 וואָרום ווען איהר וועט אייך אוועקקעהרען און בעהעפטען צו די דאָזיגע פעלקער, די וואָס זיינען צווישען אייך איבערגעבליבען, און איהר וועט

שׁוֹב תָּשׁוּבוּ וּדְבַקְתֶּם בְּיֶתֶר הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה הַנִּשְׁאָרִים
הָאֵלֶּה אִתְּכֶם וְהִתְחַתַּנְתֶּם בָּהֶם וּבָאתֶם בָּהֶם וְהֵם בָּכֶם׃
13 יָדוֹעַ תֵּדְעוּ כִּי לֹא יוֹסִיף יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְהוֹרִישׁ אֶת־
הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלִּפְנֵיכֶם וְהָיוּ לָכֶם לְפַח וּלְמוֹקֵשׁ וּלְשֹׁטֵט
בְּצִדֵּיכֶם וְלִצְנִנִים בְּעֵינֵיכֶם עַד אֲבָדְכֶם מֵעַל הָאֲדָמָה
14 הַטּוֹבָה הַזֹּאת אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְהִנֵּה
אָנֹכִי הוֹלֵךְ הַיּוֹם בְּדֶרֶךְ כָּל־הָאָרֶץ וִידַעְתֶּם בְּכָל־לְבַבְכֶם
וּבְכָל־נַפְשְׁכֶם כִּי לֹא־נָפַל דָּבָר אֶחָד מִכֹּל ׀ הַדְּבָרִים
הַטּוֹבִים אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם עֲלֵיכֶם הַכֹּל בָּאוּ לָכֶם
טו לֹא־נָפַל מִמֶּנּוּ דָּבָר אֶחָד׃ וְהָיָה כַּאֲשֶׁר־בָּא עֲלֵיכֶם כָּל־
הַדָּבָר הַטּוֹב אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲלֵיכֶם כֵּן יָבִיא
יְהוָה עֲלֵיכֶם אֵת כָּל־הַדָּבָר הָרָע עַד־הַשְׁמִידוֹ אוֹתְכֶם
מֵעַל הָאֲדָמָה הַטּוֹבָה הַזֹּאת אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם יְהוָה
16 אֱלֹהֵיכֶם׃ בְּעָבְרְכֶם אֶת־בְּרִית יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר צִוָּה
אֶתְכֶם וַהֲלַכְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם
לָהֶם וְחָרָה אַף־יְהוָה בָּכֶם וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ
הַטּוֹבָה אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם׃

## CAP. XXIV. כד

# כד

א וַיֶּאֱסֹף יְהוֹשֻׁעַ אֶת־כָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁכֶמָה וַיִּקְרָא
לְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וּלְרָאשָׁיו וּלְשֹׁפְטָיו וּלְשֹׁטְרָיו וַיִּתְיַצְּבוּ לִפְנֵי
2 הָאֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־כָּל־הָעָם כֹּה־אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַנָּהָר יָשְׁבוּ אֲבוֹתֵיכֶם מֵעוֹלָם תֶּרַח
3 אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ וָאֶקַּח
אֶת־אֲבִיכֶם אֶת־אַבְרָהָם מֵעֵבֶר הַנָּהָר וָאוֹלֵךְ אוֹתוֹ בְּכָל־
4 אֶרֶץ כְּנָעַן וָאַרְבֶּ* אֶת־זַרְעוֹ וָאֶתֶּן־לוֹ אֶת־יִצְחָק׃ וָאֶתֵּן
לְיִצְחָק אֶת־יַעֲקֹב וְאֶת־עֵשָׂו וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו אֶת־הַר שֵׂעִיר
ה לָרֶשֶׁת אוֹתוֹ וְיַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרָיִם׃ וָאֶשְׁלַח אֶת־

משֶׁה

כ״ד v. 3. וארבה ק׳

איך מיט זיי פערהייראטהען, איהר וועט צו זיי אריינקומען און זיי צו
אייך.

13 זאָלט איהר געוויס וויסען, אז אייער גאָט וועט ניט מעהר פערטריי־
בען די דאָזיגע פעלקער פאר אייך, אָבער זיי וועלען אייך זיין אַלס א נעץ
און א שטרויכלונג, שטעכערס אין אייערע זייטען, און דערנער אין אייערע
אויגען, ביז איהר וועט פערטיליגט ווערען פון דעם גוטען לאַנד וואָס
אייער גאָט האָט אייך געגעבען.

14 אָט איך געה היינט דעם וועג פון דער גאַנצער וועלט, איהר פיהלט מיט
אייער גאַנצען הארץ און זעעלע, אַז עס האָט ניט געפעהלט איין וואָרט
פון אַלע גוטע ווערטער וואָס אייער גאָט האָט וועגען אייך גערעדט, —
אַלעס איז אייך אָנגעקומען, עס האָט ניט דערפון געפעהלט איין וואָרט.

15 אַלזאָ, אזוי ווי אַלע גוטע זאַכען, וואָס אייער גאָט האָט אייך צוגעזאָגט,
זיינען אייך אָנגעקומען, אזוי וועט גאָט אייך ברייננגען אויף אייך דעם
גאַנצען שלעכטען צוזאָג, ביז ער וועט אייך פערטיליגען פון דעם גוטען
לאַנד, וואָס אייער גאָט האָט אייך געגעבען.

16 ווען איהר וועט איבערטרעטען דעם בעפעהל פון אייער גאָט, וואָס ער
האָט אייך געבאָטען, און איהר וועט געהן און דיענען אַנדערע געטער,
און וועט אייך צו זיי בוקען, וועט דער צאָרן פון גאָט ברענען אויף אייך,
און איהר וועט געשווינד פערלוירען ווערען פון דעם גוטען לאַנד וואָס
ער האָט אייך געגעבען.

## קאַפּיטעל כד

1 און יהושע האָט איינגעזאַמעלט אַלע שבטים פון ישראל קיין שכם,
און ער האָט גערופען די עלטסטע פון ישראל, זייערע הויפּטלייטע,
זייערע ריכטער און אַמטסלייטע, און זיי האָבען זיך געשטעלט פאר
גאָט.

2 דאַן האָט יהושע געזאָגט צו דעם גאַנצען פאָלק: אַזוי האָט געזאָגט
דער גאָט פון ישראל — אויף יענער זייט טייך האָבען אייערע על־
טערן געוואוינט פון אייביג אָן, תרח אברהם'ס פאָטער, און נחור'ס
פאָטער, און זיי האָבען געדיענט פרעמדע אָפּגעטער.

3 האָב איך גענומען אייער פאָטער, אברהם, פון יענער זייט טייך האָב
איהם דורכגעפיהרט דאָס גאַנצע לאַנד כנען, האָב געמעהרט זיינע קינדער
און האָב איהם געגעבען יצחק'ן,

4 יצחק'ן האָב איך געגעבען יעקב און עשו, — צו עשו האָב איך געגעבען
דעם באַרג שעיר ער זאָל עס בעזיצען, אָבער יעקב מיט זיינע קינדער
זיינען אַראָפּגעגאַנגען נאָך מצרים.

5 דאַן האָב איך געשיקט משה און אהרן, און איך האָב געשלאָגען מצרים,
ווי עס איז בעוואוסט וואָס איך האָב זיי געטהאָן, און דערנאָך האָב איך
אייך ארויסגעבראַכט,

מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן וָאֶגֹּף אֶת־מִצְרַיִם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי בְּקִרְבּוֹ
6 וְאַחַר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם׃ וָאוֹצִיא אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מִמִּצְרַיִם
וַתָּבֹאוּ הַיָּמָּה וַיִּרְדְּפוּ מִצְרַיִם אַחֲרֵי אֲבוֹתֵיכֶם בְּרֶכֶב
7 וּבְפָרָשִׁים יַם־סוּף׃ וַיִּצְעֲקוּ אֶל־יְהוָה וַיָּשֶׂם מַאֲפֵל
בֵּינֵיכֶם ׀ וּבֵין הַמִּצְרִים וַיָּבֵא עָלָיו אֶת־הַיָּם וַיְכַסֵּהוּ
וַתִּרְאֶינָה עֵינֵיכֶם אֵת אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי בְּמִצְרָיִם וַתֵּשְׁבוּ
8 בַמִּדְבָּר יָמִים רַבִּים׃ וָאָבִיאָה אֶתְכֶם אֶל־אֶרֶץ הָאֱמֹרִי
הַיּוֹשֵׁב בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וַיִּלָּחֲמוּ אִתְּכֶם וָאֶתֵּן אוֹתָם בְּיֶדְכֶם
9 וַתִּירְשׁוּ אֶת־אַרְצָם וָאַשְׁמִידֵם מִפְּנֵיכֶם׃ וַיָּקָם בָּלָק בֶּן
צִפּוֹר מֶלֶךְ מוֹאָב וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא לְבִלְעָם
י בֶּן־בְּעוֹר לְקַלֵּל אֶתְכֶם׃ וְלֹא אָבִיתִי לִשְׁמֹעַ לְבִלְעָם וַיְבָרֶךְ
11 בָּרוֹךְ אֶתְכֶם וָאַצִּל אֶתְכֶם מִיָּדוֹ׃ וַתַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן
וַתָּבֹאוּ אֶל־יְרִיחוֹ וַיִּלָּחֲמוּ בָכֶם בַּעֲלֵי־יְרִיחוֹ הָאֱמֹרִי
וְהַפְּרִזִּי וְהַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהַגִּרְגָּשִׁי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי וָאֶתֵּן
12 אוֹתָם בְּיֶדְכֶם׃ וָאֶשְׁלַח לִפְנֵיכֶם אֶת־הַצִּרְעָה וַתְּגָרֶשׁ
אוֹתָם מִפְּנֵיכֶם שְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי לֹא בְחַרְבְּךָ וְלֹא
13 בְקַשְׁתֶּךָ׃ וָאֶתֵּן לָכֶם אֶרֶץ ׀ אֲשֶׁר לֹא־יָגַעְתָּ בָּהּ וְעָרִים
אֲשֶׁר לֹא־בְנִיתֶם וַתֵּשְׁבוּ בָּהֶם כְּרָמִים וְזֵיתִים אֲשֶׁר לֹא־
14 נְטַעְתֶּם אַתֶּם אֹכְלִים׃ וְעַתָּה יְראוּ אֶת־יְהוָה וְעִבְדוּ אֹתוֹ
בְּתָמִים וּבֶאֱמֶת וְהָסִירוּ אֶת־אֱלֹהִים אֲשֶׁר עָבְדוּ אֲבוֹתֵיכֶם
טו בְּעֵבֶר הַנָּהָר וּבְמִצְרַיִם וְעִבְדוּ אֶת־יְהוָה׃ וְאִם רַע
בְּעֵינֵיכֶם לַעֲבֹד אֶת־יְהוָה בַּחֲרוּ לָכֶם הַיּוֹם אֶת־מִי
תַעֲבֹדוּן אִם אֶת־אֱלֹהִים אֲשֶׁר־עָבְדוּ אֲבוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר
בְּעֵבֶר הַנָּהָר וְאִם אֶת־אֱלֹהֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר אַתֶּם יֹשְׁבִים
16 בְּאַרְצָם וְאָנֹכִי וּבֵיתִי נַעֲבֹד אֶת־יְהוָה׃ וַיַּעַן הָעָם וַיֹּאמֶר
17 חָלִילָה לָּנוּ מֵעֲזֹב אֶת־יְהוָה לַעֲבֹד אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ כִּי
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הוּא הַמַּעֲלֶה אֹתָנוּ וְאֶת־אֲבוֹתֵינוּ מֵאֶרֶץ

מצרים

v. 8. ואביא ק   v. 14. אי נחה   v. 15. מעבר ק

6 אַז איך האָב אייערע עלטערן אַרויסגעבראַכט פון מצרים, איז ווען איהר
זיינט געקומען צום ים האָבען די מצרים אייערע עלטערן נאָכגעיאָגט
מיט רייטוועגען און רייטער ביז צום ים סוף,

7 האָבען זיי געשריגען צו גאָט, האָט ער געמאַכט אַ פינסטערניס צווי־
שען זיי און צווישען די מצרים, ער האָט איבער זיי געבראַכט דעם ים,
און עס האָט זיי בעדעקט; אייערע אויגען האָבען דאָך געזעהען וואָס איך
האָב געטהאָן אין מצרים. אין דער מדבר האָט איהר זיך לאַנג אויפגע־
האַלטען, פיעלע טעג.

8 ביז איך האָב אייך געבראַכט צו דעם לאַנד פון אמורי וואָס האָט גע־
וואוינט אויף יענער זייט ירדן; זיי האָבען מיט אייך מלחמה געהאַל־
טען, נאָר איך האָב זיי אין אייערע הענד געגעבען, און איהר האָט אָבגע־
נומען זייער לאַנד, ווייל איך האָב זיי פאַר אייך פערטיליגט.

9 איז אויפגעשטאַנען בלק, צפור׳ס זוהן קעניג פון מואָב, און האָט מלחמה
געהאַלטען מיט ישראל, ער האָט אויך געשיקט און גערופען בלעם׳ן
בעור׳ס זוהן אייך צו פלוכען.

10 אָבער איך האָב ניט געוואָלט הערען צו בלעם׳ן — האָט ער אייך געמוזט
בענשען, און איך האָב אייך געראַטעוועט פון זיין האַנד.

11 אַז איהר זייט אַריבער דעם ירדן, און געקומען צו יריחו, האָבען
די מענער פון יריחו מיט אייך מלחמה געהאַלטען: דער אמורי, פרזי,
כנעני, חתי, גרגשי, חוי און יבוסי, וועלכע איך האָב געגעבען אין אייערע
הענד.

12 איך האָב פאַר אייך אויך די וועספּען געשיקט, און זיי האָבען זיי פון
פאַר אייך פערטריבען — די צוויי מלכים פון אמורי — ניט מיט דיין
שווערט און ניט מיט דיין בויגען.

13 און איך האָב אייך געגעבען דאָס לאַנד איבער וועלכעס איהר האָט אייך
ניט בעמיט, און שטעדט וואָס איהר האָט ניט געבויט, האָט איהר בע־
וואוינט; וויינגערטען און איילבערטען וואָס איהר האָט ניט געפלאַנצט,
עסט איהר;

14 יעצט, האָט מורא פאַר גאָט, דיענט איהם מיט גאַנצקייט און מיט אמת,
און שאַפט אָפּ די אָפּגעטער וואָס אייערע עלטערען האָבען געדיענט אויף
יענער זייט טייך, און אין מצרים, און דיענט גאָט אַליין.

15 אויב עס איז שלעכט אין אייערע אויגען צו דיענען גאָט, קלייבט אייך
היינט אויס וועמען איהר ווילט דיענען, ענטוועדער דעם גאָט וואָס איי־
ערע עלטערן האָבען געדיענט אויף יענער זייט טייך, אָדער די אָפּגעטער
פון די אמורים וואָס איהר וואוינט אין זייער לאַנד — איך און מיין
הויזגעזינד וועלען אימער דיענען נאָר גאָט!

16 און דאָס פאָלק האָט געענטפערט און געזאָגט: וויים זאָל עס זיין פון
אונז צו פערלאָזען גאָט אום צו דיענען אַנדערע געטער!

17 נאָר אונזער גאָט, דער וואָס האָט אונז און אונזערע עלטערן אַרויסגע־
בראַכט פון מצרים, פון דעם דיענסט־הויז, און וואָס האָט געטהאָן די דאָ־
זיגע גרויסע צייכען פאַר אונזערע אויגען, און וואָס האָט אונז געהיט

מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים וַאֲשֶׁר עָשָׂה לְעֵינֵינוּ אֶת־הָאֹתוֹת
הַגְּדֹלוֹת הָאֵלֶּה וַיִּשְׁמְרֵנוּ בְּכָל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלַכְנוּ בָהּ
18 וּבְכֹל הָעַמִּים אֲשֶׁר עָבַרְנוּ בְּקִרְבָּם׃ וַיְגָרֶשׁ יְהוָֹה אֶת־
כָּל־הָעַמִּים וְאֶת־הָאֱמֹרִי יֹשֵׁב הָאָרֶץ מִפָּנֵינוּ גַּם־אֲנַחְנוּ
19 נַעֲבֹד אֶת־יְהוָֹה כִּי־הוּא אֱלֹהֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם
לֹא תוּכְלוּ לַעֲבֹד אֶת־יְהוָֹה כִּי־אֱלֹהִים קְדֹשִׁים הוּא אֵל־
כ קַנּוֹא הוּא לֹא־יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם וּלְחַטֹּאותֵיכֶם׃ כִּי תַעַזְבוּ
אֶת־יְהוָֹה וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהֵי נֵכָר וְשָׁב וְהֵרַע לָכֶם וְכִלָּה
21 אֶתְכֶם אַחֲרֵי אֲשֶׁר־הֵיטִיב לָכֶם׃ וַיֹּאמֶר הָעָם אֶל־יְהוֹשֻׁעַ
22 לֹא כִּי אֶת־יְהוָֹה נַעֲבֹד׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם עֵדִים
אַתֶּם בָּכֶם כִּי־אַתֶּם בְּחַרְתֶּם לָכֶם אֶת־יְהוָֹה לַעֲבֹד אוֹתוֹ
23 וַיֹּאמְרוּ עֵדִים׃ וְעַתָּה הָסִירוּ אֶת־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר אֲשֶׁר
בְּקִרְבְּכֶם וְהַטּוּ אֶת־לְבַבְכֶם אֶל־יְהוָֹה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃
24 וַיֹּאמְרוּ הָעָם אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אֶת־יְהוָֹה אֱלֹהֵינוּ נַעֲבֹד וּבְקוֹלוֹ
כה נִשְׁמָע׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹשֻׁעַ בְּרִית לָעָם בַּיּוֹם הַהוּא וַיָּשֶׂם לוֹ
26 חֹק וּמִשְׁפָּט בִּשְׁכֶם׃ וַיִּכְתֹּב יְהוֹשֻׁעַ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
בְּסֵפֶר תּוֹרַת אֱלֹהִים וַיִּקַּח אֶבֶן גְּדוֹלָה וַיְקִימֶהָ שָּׁם תַּחַת
27 הָאַלָּה אֲשֶׁר בְּמִקְדַּשׁ יְהוָֹה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־
כָּל־הָעָם הִנֵּה הָאֶבֶן הַזֹּאת תִּהְיֶה־בָּנוּ לְעֵדָה כִּי־הִיא
שָׁמְעָה אֵת כָּל־אִמְרֵי יְהוָֹה אֲשֶׁר דִּבֶּר עִמָּנוּ וְהָיְתָה
28 בָכֶם לְעֵדָה פֶּן־תְּכַחֲשׁוּן בֵּאלֹהֵיכֶם׃ וַיְשַׁלַּח יְהוֹשֻׁעַ
29 אֶת־הָעָם אִישׁ לְנַחֲלָתוֹ׃ וַיְהִי אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
וַיָּמָת יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן עֶבֶד יְהוָֹה בֶּן־מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים׃
ל וַיִּקְבְּרוּ אוֹתוֹ בִּגְבוּל נַחֲלָתוֹ בְּתִמְנַת־סֶרַח אֲשֶׁר בְּהַר־
31 אֶפְרָיִם מִצְּפוֹן לְהַר־גָּעַשׁ׃ וַיַּעֲבֹד יִשְׂרָאֵל אֶת־יְהוָֹה כֹּל
יְמֵי יְהוֹשֻׁעַ וְכֹל ׀ יְמֵי הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר הֶאֱרִיכוּ יָמִים
אַחֲרֵי יְהוֹשֻׁעַ וַאֲשֶׁר יָדְעוּ אֵת כָּל־מַעֲשֵׂה יְהוָֹה אֲשֶׁר

עשה

v. 19. מלא ו׳

אויף דעם גאַנצען וועג וואָס מיר זיינען געגאַנגען, און אונטער אַלע פעלקער וואָס מיר זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען.

18 און גאָט האָט פערטריבען פאַר אונז אַלע פעלקער, אויך דעם אמורי וואָס האָט געוואוינט אין דעם לאַנד; דארום וועלען מיר דיענען גאָט, וואָרום נאָר ער איז אונזער גאָט!

19 און יהושע האָט געזאָגט צום פאָלקס: איהר קענט ניט דיענען גאָט, וואָרום ער איז אַ היילינער גאָט, ער איז אַ ראַכגעהמעריגער גאָט, ער וועט ניט פערצייען אייערע פאַרברעכען און זינד.

20 אויב איהר וועט גאָט פערלאָזען, נאָכדעם ווי ער האָט אייך גוטעס געטהאָן, און איהר וועט דיענען פרעמדע געטער, וועט ער זיך אָבקעהרען, וועט אייך שלעכטס טהאָן און וועט אייך פערניכטען.

21 אָבער דאָס פאָלק האָט געזאָגט צו יהושע: ניין, נאָר גאָט וועלען מיר דיענען!

22 האָט יהושע געזאָגט צו דעם פאָלק: „איהר זיינט קעגען אייך אליין עדות דאָס איהר האָט אייך אויסגעקליבען גאָט, איהם צו דיענען". און זיי האָבען געזאָגט: מיר זיינען עדות!

23 „יעצט, טהוט אָפּ די פרעמדע געטער וואָס זיינען ביי אייך, און נייגט אייערע הערצער צו גאָט — דעם גאָט פון ישראל".

24 און דאָס פאָלק האָט געזאָגט צו יהושע'ן: נאָר אונזער גאָט וועלען מיר דיענען, און זיין קול וועלען מיר צו הערען!

25 דאַן האָט יהושע מיט דעם פאָלק דעמזעלבינען טאָג אַן אָבמאַך געשלאָסען אין שכם און ער האָט דאָס געמאַכט פאַר אַ געזעץ און אַ רעכט.

26 און יהושע האָט איינגעשריעבען די דאָזיגע ווערטער אין גאָט'ס לעהרע-בוך, האָט גענומען אַ גרויסען שטיין און ער האָט איהם דאָרטען אויפגע-שטעלט אונטער דעם לינדען-בוים נעבען גאָט'ס מקדש.

27 און יהושע האָט געזאָגט צו דעם גאַנצען פאָלק: זעהט, דער דאָזיגער שטיין זאָל זיין אַן עדות צווישען אונז, וואָרום ער האָט געהערט אַלע רייד פון גאָט וואָס ער האָט מיט אונז גערעדט, און עס זאָל דארום זיין קעגען אייך אַלס עדות, איהר זאָלט ניט פאַלש זיין אייער גאָט.

28 דאַן האָט יהושע אוועקגעשיקט דאָס פאָלק איטליכען צו זיין בעזיץ.

29 נאָך די דאָזיגע פּאַסירונג איז יהושע בן נון גאָט'ס קנעכט געשטאָרבען, אין עלטער פון הונדערט מיט צעהן יאָהר.

30 און זיי האָבען איהם בעגראָבען אין דער גרענעץ פון זיין ערבטייל, אין תמנת סרח, וואָס איז אויף דעם באַרג אפרים, אין דער צפון-זייט צו דעם באַרג געש.

31 און ישראל האָט געדיענט גאָט אַלע טעג פון יהושע, און אַלע טעג פון די עלטסטע וואָס האָבען נאָך יהושע'ן לענגער געלעבט און וואָס האָבען געזעהען אַלע גאָט'ס טהאטען וואָס ער האָט געטהאָן צו ישראל.

32 עָשָׂה לְיִשְׂרָאֵל׃ וְאֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף אֲשֶׁר־הֶעֱלוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם קָבְרוּ בִשְׁכֶם בְּחֶלְקַת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר
קָנָה יַעֲקֹב מֵאֵת בְּנֵי־חֲמוֹר אֲבִי־שְׁכֶם בְּמֵאָה קְשִׂיטָה
33 וַיִּהְיוּ לִבְנֵי־יוֹסֵף לְנַחֲלָה׃ וְאֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן מֵת וַיִּקְבְּרוּ
אֹתוֹ בְּגִבְעַת פִּינְחָס בְּנוֹ אֲשֶׁר נִתַּן־לוֹ בְּהַר אֶפְרָיִם׃

# חזק

סכום הפסוקים של יהושע שש מאות וחמשים וששה. ותרן לשון אלם סימן: וחציו. ומחשבון עד רמת המצפה: וסדריו ארבעה עשר. היתה עלי יד יי׳ סימן:

---

32 יוסף'ס ביינער וואס די קינדער ישראל האבען ארויפגעבראכט פון מצרים האבען זיי בעגראבען אין שכם, אין דעם פעלד טהייל וואס יעקב האט געקויפט פון חמור'ס קינדער, דעם פאטער פון שכם, פאר הונדערט קשיטה, און עס איז געבליבען ביי יוסף'ס קינדער אלס בעזיץ טהייל.

33 אויך אלעזר אהרן'ס זוהן איז געשטארבען, האבען זיי איהם בעגראבען אויף דעם בארג פון פינחס זיין זוהן, וואס מען האט איהם געגעבען אין דעם בארג אפרים.

**חזק.**

אין ספר יהושע זיינען זעקס הונדערט פופציג זעקס פסוקים, די העלפט דערפון איז קאפיטעל יג, כו, ער האט פיער און צוואנציג קאפיטלאך.

# שופטים

# LIBER JUDICUM.

## CAPUT I. א

א וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת יְהוֹשֻׁעַ וַיִּשְׁאֲלוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּיהוָה לֵאמֹר
2 מִי יַעֲלֶה־לָּנוּ אֶל־הַכְּנַעֲנִי בַּתְּחִלָּה לְהִלָּחֶם בּוֹ׃ וַיֹּאמֶר
3 יְהוָה יְהוּדָה יַעֲלֶה הִנֵּה נָתַתִּי אֶת־הָאָרֶץ בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר
יְהוּדָה לְשִׁמְעוֹן אָחִיו עֲלֵה אִתִּי בְגוֹרָלִי וְנִלָּחֲמָה בַּכְּנַעֲנִי
4 וְהָלַכְתִּי גַם־אֲנִי אִתְּךָ בְּגוֹרָלֶךָ וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ שִׁמְעוֹן׃ וַיַּעַל
יְהוּדָה וַיִּתֵּן יְהוָה אֶת־הַכְּנַעֲנִי וְהַפְּרִזִּי בְּיָדָם וַיַּכּוּם בְּבֶזֶק
ה עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים אִישׁ׃ וַיִּמְצְאוּ אֶת־אֲדֹנִי בֶזֶק בְּבֶזֶק וַיִּלָּחֲמוּ
6 בוֹ וַיַּכּוּ אֶת־הַכְּנַעֲנִי וְאֶת־הַפְּרִזִּי׃ וַיָּנָס אֲדֹנִי בֶזֶק וַיִּרְדְּפוּ
7 אַחֲרָיו וַיֹּאחֲזוּ אוֹתוֹ וַיְקַצְּצוּ אֶת־בְּהֹנוֹת יָדָיו וְרַגְלָיו׃ וַיֹּאמֶר
אֲדֹנִי־בֶזֶק שִׁבְעִים ׀ מְלָכִים בְּהֹנוֹת יְדֵיהֶם וְרַגְלֵיהֶם
מְקֻצָּצִים הָיוּ מְלַקְּטִים תַּחַת שֻׁלְחָנִי כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי כֵּן
8 שִׁלַּם־לִי אֱלֹהִים וַיְבִיאֻהוּ יְרוּשָׁלִַם וַיָּמָת שָׁם׃ וַיִּלָּחֲמוּ
בְנֵי־יְהוּדָה בִּירוּשָׁלִַם וַיִּלְכְּדוּ אוֹתָהּ וַיַּכּוּהָ לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־
9 הָעִיר שִׁלְּחוּ בָאֵשׁ׃ וְאַחַר יָרְדוּ בְּנֵי יְהוּדָה לְהִלָּחֵם
י בַּכְּנַעֲנִי יוֹשֵׁב הָהָר וְהַנֶּגֶב וְהַשְּׁפֵלָה׃ וַיֵּלֶךְ יְהוּדָה אֶל־
הַכְּנַעֲנִי הַיּוֹשֵׁב בְּחֶבְרוֹן וְשֵׁם־חֶבְרוֹן לְפָנִים קִרְיַת אַרְבַּע
11 וַיַּכּוּ אֶת־שֵׁשַׁי וְאֶת־אֲחִימַן וְאֶת־תַּלְמָי׃ וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם אֶל־
12 יוֹשְׁבֵי דְּבִיר וְשֵׁם־דְּבִיר לְפָנִים קִרְיַת־סֵפֶר׃ וַיֹּאמֶר כָּלֵב
אֲשֶׁר־יַכֶּה אֶת־קִרְיַת־סֵפֶר וּלְכָדָהּ וְנָתַתִּי לוֹ אֶת־עַכְסָה
13 בִתִּי לְאִשָּׁה׃ וַיִּלְכְּדָהּ עָתְנִיאֵל בֶּן־קְנַז אֲחִי כָלֵב הַקָּטֹן

ממנו

v. 10. פתח באתנח

# שופטים

## קאפיטעל א

1 נאך יהושע'ס טוידט האבען די קינדער ישראל געפרעגט ביי גאט, זאגענ־
דיג : „ווער פון אונז זאל דער ערשטער געהען געגען כנעני צו שטרייטען
מיט איהם"?

2 האט גאט געענטפערט : „זאל יהודה געהען ! איך וועל איהם איבער־
געבען דאס לאנד".

3 דאן האט יהודה געזאגט צו זיין ברודער שמעון : „קום דו מיט מיר
שטרייטען געגען כנעני פאר מיין טהייל, וועל איך אויך מיט דיר געהן
שטרייטען פאר דיין טהייל". איז שמעון מיט איהם געגאנגען.

4 יהודה איז געגאנגען און גאט האט איבערגעגעבען זיי דעם כנעני מיט'ן
פרזי — און אין בזק האבען זיי ערשלאגען פון זיי צעהן טויזענד מאן.

5 ווען זיי האבען געשלאגען די כנעני'ער און פרזי'ער האבען זיי געפונען
דעם הערשער פון בזק אין בזק, און האבען אויך געגען איהם געשטרי־
טען.

6 אבער דער הערשער פון בזק איז אנטלאפען ; האבען זיי איהם נאכגע־
יאגט און געכאפט איהם. אז זיי האבען אבגעהאקט זיינע גראבע פינ־
גער פון די הענד און פון די פיס

7 האט דער הערשער פון בזק געזאגט : „זיעבציג קעניגע מיט אבגע־
האקטע דיומען פון די הענד און פון די פיס, האבען ברעקלאך געקליע־
בען אונטער מיין טיש — ווי איך האב פארדיענט אזוי האט מיר גאט
באצאהלט". מ'האט איהם געבראכט אין ירושלים און ער איז דארט
געשטארבען.

8 די בעפעלקערונג פון יהודה האט געשטריטען געגען ירושלים : אז זיי האבען
איהר איינגענומען האבען זיי די איינוואהנער מיט'ן שווערד גע'הרג'עט
און די שטאדט אנגעצונדען מיט פייער.

9 נאכדעם איז די בעפעלקערונג פון יהודה געגאנגען שטרייטען געגען כנעני,
דער בעוואהנער פון בארג און טהאל, דרום צו.

10 פון דארטען איז יהודה אוועק צום כנעני וואס בעוואהנט חברון (חברון
האט א מאל געהייסען „קרית ארבע") ; אז זיי האבען ערשלאגען
ששי, אחימן און תלמי

11 זיינען זיי פון דארטען אוועק צו די בעוואהנער פון דביר, דאן האט דביר
געהייסען „קרית ספר",

12 האט כלב געזאגט : „דער וואס וועט שלאגען קרית ספר און איינ־
נעהמען איהר, פאר יענעם וועל איך פערהייראטהען מיין טאכטער
עכסה !"

14 מִמֶּנּוּ וַיִּתֶּן־לוֹ אֶת־עַכְסָה בִתּוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיְהִי בְּבוֹאָהּ
וַתְּסִיתֵהוּ לִשְׁאֹל מֵאֵת־אָבִיהָ הַשָּׂדֶה וַתִּצְנַח מֵעַל הַחֲמוֹר
טו וַיֹּאמֶר־לָהּ כָּלֵב מַה־לָּךְ׃ וַתֹּאמֶר לוֹ הָבָה־לִּי בְרָכָה
כִּי אֶרֶץ הַנֶּגֶב נְתַתָּנִי וְנָתַתָּה לִי גֻּלֹּת מָיִם וַיִּתֶּן־לָהּ כָּלֵב
16 אֵת גֻּלֹּת עִלִּית וְאֵת גֻּלֹּת תַּחְתִּית׃ וּבְנֵי קֵינִי חֹתֵן
מֹשֶׁה עָלוּ מֵעִיר הַתְּמָרִים אֶת־בְּנֵי יְהוּדָה מִדְבַּר יְהוּדָה
17 אֲשֶׁר בְּנֶגֶב עֲרָד וַיֵּלֶךְ וַיֵּשֶׁב אֶת־הָעָם׃ וַיֵּלֶךְ יְהוּדָה אֶת־
שִׁמְעוֹן אָחִיו וַיַּכּוּ אֶת־הַכְּנַעֲנִי יוֹשֵׁב צְפַת וַיַּחֲרִימוּ אוֹתָהּ
18 וַיִּקְרָא אֶת־שֵׁם־הָעִיר חָרְמָה׃ וַיִּלְכֹּד יְהוּדָה אֶת־עַזָּה
וְאֶת־גְּבוּלָהּ וְאֶת־אַשְׁקְלוֹן וְאֶת־גְּבוּלָהּ וְאֶת־עֶקְרוֹן וְאֶת־
19 גְּבוּלָהּ׃ וַיְהִי יְהוָה אֶת־יְהוּדָה וַיֹּרֶשׁ אֶת־הָהָר כִּי
כ לֹא לְהוֹרִישׁ אֶת־יֹשְׁבֵי הָעֵמֶק כִּי־רֶכֶב בַּרְזֶל לָהֶם׃ וַיִּתְּנוּ
לְכָלֵב אֶת־חֶבְרוֹן כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה וַיּוֹרֶשׁ מִשָּׁם אֶת־
21 שְׁלֹשָׁה בְּנֵי הָעֲנָק׃ וְאֶת־הַיְבוּסִי יֹשֵׁב יְרוּשָׁלִַם לֹא הוֹרִישׁוּ
בְּנֵי בִנְיָמִן וַיֵּשֶׁב הַיְבוּסִי אֶת־בְּנֵי בִנְיָמִן בִּירוּשָׁלִַם עַד הַיּוֹם
22 הַזֶּה׃ וַיַּעֲלוּ בֵית־יוֹסֵף גַּם־הֵם בֵּית־אֵל וַיהוָה עִמָּם׃
23 24 וַיָּתִירוּ בֵית־יוֹסֵף בְּבֵית־אֵל וְשֵׁם־הָעִיר לְפָנִים לוּז׃ וַיִּרְאוּ
הַשֹּׁמְרִים אִישׁ יוֹצֵא מִן־הָעִיר וַיֹּאמְרוּ לוֹ הַרְאֵנוּ נָא אֶת־
כה מְבוֹא הָעִיר וְעָשִׂינוּ עִמְּךָ חָסֶד׃ וַיַּרְאֵם אֶת־מְבוֹא הָעִיר
וַיַּכּוּ אֶת־הָעִיר לְפִי־חָרֶב וְאֶת־הָאִישׁ וְאֶת־כָּל־מִשְׁפַּחְתּוֹ
26 שִׁלֵּחוּ׃ וַיֵּלֶךְ הָאִישׁ אֶרֶץ הַחִתִּים וַיִּבֶן עִיר וַיִּקְרָא שְׁמָהּ
27 לוּז הוּא שְׁמָהּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְלֹא־הוֹרִישׁ מְנַשֶּׁה
אֶת־בֵּית־שְׁאָן וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ וְאֶת־תַּעְנַךְ וְאֶת־בְּנֹתֶיהָ וְאֶת־
יֹשְׁב דּוֹר וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ וְאֶת־יוֹשְׁבֵי יִבְלְעָם וְאֶת־בְּנֹתֶיהָ
וְאֶת־יוֹשְׁבֵי מְגִדּוֹ וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ וַיּוֹאֶל הַכְּנַעֲנִי לָשֶׁבֶת
28 בָּאָרֶץ הַזֹּאת׃ וַיְהִי כִּי־חָזַק יִשְׂרָאֵל וַיָּשֶׂם אֶת־הַכְּנַעֲנִי
29 לָמַס וְהוֹרֵישׁ לֹא הוֹרִישׁוֹ׃ וְאֶפְרַיִם לֹא הוֹרִישׁ

אֶת־

v. 15. קמץ בז״ק   v. 27. ישבי ק   v. 28. פתח באתנח

13 עתניאל, קנז'ס זוהן, כלב'ס קלענערער ברודער האט איהר איינגענומען
און כלב האט צו איהם זיין טאכטער עכסה פערהייראטה.

14 ווען זי איז געקומען אין פעלד בעגריסען איהר פאטער האט זי זיך שנעל
אראבגעגליטשט פון עזעל: האט איהר פאטער געזאגט צו איהר:
„וואס פערלאנגסטו?” האט זי צו איהם לוסטיג גערעדט

15 און געזאגט: גיעב מיר א וואסער-פעלד, דו האסט מיר גאר טרוקענע
ערד געשאנקען, אלזא גיעב מיר יעצט וואסער-קוועלען”. האט ער איהר
געגעבען הויבע און ניעדריגע וואסער-קוועלען.

16 די פאמיליע קיני (משה'ס שווער) וואס האבען געוואהנט אין פאלמען-
שטאדט (שפעטער אין וויסטע יהודה) אין דרום-זייט פון ערד, זיינען מיט
געגאנגען מיט די בעפעלקערונג פון יהודה און פארבליעבען מיט דאס
פאלק.

17 אז יהודה איז מיטגעגאנגען מיט זיין ברודער שמעון האבען זיי געשלאג-
גען דעם כנעני, דעם בעוואהנער פון צפת, זיי האבען די שטאדט פער-
ניכטעט און א נאמען געגעבען איהר „חרמה”.

18 יהודה האט אויך איינגענומען עזה מיט איהרע פארשטעדטלאך, אשקלון
מיט איהרע פארשטעדטלאך, און עקרון מיט איהרע פארשטעדטלאך.

19 גאט האט יהודה'ן געהאלפען און ער האט פאריאגט די בארג בעוואה-
נער — די טהאל בעוואהנער האט מען ניט געקענט פאריאגען ווייל זיי
האבען געהאט אייזערנע וועגען.

20 דאן האט מען כלב'ן אוועקגעגעבען חברון (אזוי ווי משה האט איהם
פערשפראכען) ער האט פאריאגט פון דארטען די דריי יונגע ריעזען.

21 דעם יבוסי, וואס האט בעוואהנט ירושלים, האבען די בעפעלקערונג פון
בנימין ניט פאריאגט, דערפאר איז דער יבוסי פארבליעבען אין ירושלים
מיט די בעפעלקערונג פון בנימין ביז דעם טאג.

22 אויך יוסף'ס פאמיליע זיינען געגאנגען געגען בית-אל און גאט האט זיי
געהאלפען.

23 ווען יוסף'ס פאמיליע האבען בעקוקט בית-אל (א מאל האט די שטאדט גע-
הייסען „לוז”)

24 האבען די וואכען דערזעהען א מאן ארויסגעהענדיג פון שטאדט און האבען
צו איהם געזאגט: וויז אונז וואו דער אריינגאנג פון שטאדט איז, מיר
וועלען דיר פריינדליך בעהאנדלען!

25 אז ער האט זיי געוויעזען דעם אריינגאנג פון שטאדט האבען זיי די
גאנצע שטאדט מיט'ן שווערד ערשלאגען; דעם מאן מיט זיין גאנצע
פאמיליע האבען זיי פריידליך אוועק געלאזען.

26 דער מאן איז אוועק אין לאנד פון די חתי'ער און האט אויסגעבויט א
שטאדט וועלכע ער האט א נאמען געגעבען „לוז”, דער נאמען איז פער-
בליעבען ביז היינט.

27 מנשה האט ניט פאריאגט די איינוואהנער בית-שאן מיט איהרע ארומיגע
שטעדטלאך, אויך תענך, דור, יבלעם און מגדו מיט זייערע ארומיגע
שטעדטלאך — דער כנעני האט בעשלאסען צו פערבלייבען אין דיעזען
לאנד.

28 זאגאר ווען ישראל איז שטארקער געווארען און געמאכט דעם כנעני צינז-
באר, האבען זיי איהם אויך ניט פאריאגט.

אֶת־הַכְּנַעֲנִי הַיּוֹשֵׁב בְּגָזֶר וַיֵּשֶׁב הַכְּנַעֲנִי בְּקִרְבּוֹ בְּגָזֶר׃
ל זְבוּלֻן לֹא הוֹרִישׁ אֶת־יוֹשְׁבֵי קִטְרוֹן וְאֶת־יוֹשְׁבֵי
31 נַהֲלֹל וַיֵּשֶׁב הַכְּנַעֲנִי בְּקִרְבּוֹ וַיִּהְיוּ לָמַס׃ אָשֵׁר לֹא
שְׂמֹאולָם בַּלַּפִּדִים וּבְיַד־יְמִינָם הַשּׁוֹפָרוֹת לִתְקוֹעַ וַיִּקְרְאוּ
21 חֶרֶב לַיהוָה וּלְגִדְעוֹן׃ וַיַּעַמְדוּ אִישׁ תַּחְתָּיו סָבִיב לַמַּחֲנֶה
22 וַיָּרָץ כָּל־הַמַּחֲנֶה וַיָּרִיעוּ וַיָּנִיסוּ׃ וַיִּתְקְעוּ שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת
הַשּׁוֹפָרוֹת וַיָּשֶׂם יְהוָה אֶת־חֶרֶב אִישׁ בְּרֵעֵהוּ וּבְכָל־
הַמַּחֲנֶה וַיָּנָס הַמַּחֲנֶה עַד־בֵּית הַשִּׁטָּה צְרֵרָתָה עַד שְׂפַת־

אבל

v. 13. צליל ס  v. 20. יתיר ו  v. 21. וינוסו ק

11 אז דו וועסט הערען וואס זיי רעדען וועסטו מוטה בעקומען און וועסט שוין געהן אין לאגער אריין". ער איז אוועק מיט זיין דיענער פרה ביז'ן ברעג פון די געוואפענטע, וואס אין לאגער.

12 מדין און עמלק און אלע מארגענלענדערישע פעלקער זיינען געלעגען אין טהאל, אזוי פיעל ווי היישעריקען ; אויך זייערע קעמלען זיינען געווען אהן א צאהל, אזוי פיעל ווי זאמד אויפ'ן ברעג ים.

13 און גדעון איז צוגאנגען צום לאגער האט איינער דעם אנדערען דער־צעהלט א חלום, ער האט געזאגט : „איך האב אין חלום געזעהען א קיכעל פון גערשטען ברויט דרעהט זיך ארום אינ'ם לאגער פון מדין, ער איז נאהענט געקומען צו א געצעלט און האט איהם א קלאפ געטהאן פא־לענדיג, איז דער געצעלט געפאלען און איבערגעקעהרט זיך ארויף".

14 דער אנדערער האט געענטפערט און געזאגט : „דאס מיינט ניט קיין אנ־דער זאך, נאר דער שווערד פון גדעון יואש'ס זוהן — גאט האט איהם איבערגעגעבען מדין מיט דעם גאנצען לאגער.

15 אז גדעון האט דערהערט די ערצעהלונג פון חלום און זיין בעדייטונג, האט ער זיך געבוקט. ער איז צוריקגעגאנגען צום לאגער פון ישראל און געזאגט: „שטעהט אויף ! גאט האט אייך איבערגעגעבען מדין'ס לאגער".

16 די דריי הונדערט מאן האט ער צוטהיילט אויף דריי טרופען ער האט יע־דערען פון זיי געגעבען א שופר, א ליידיגען קרוג און א פאקעל אין קרוג,

17 און ער האט צו זיי געזאגט : „קוקט אויף מיר, און טהוט וואס איך וועל טהאן ! אז איך וועל צוגעהען צום ברעג לאגער זאלט איהר טהאן וואס איך וועל טהאן.

18 ווען איך מיט די מעננער וואס זיינען מיט מיר וועלען בלאזען מיט א שופר, זאלט איהר אויך בלאזען מיט שופרות ארומגעהענדיג דעם לאגער, און זאלט שרייען : „פאר גאט און גדעון !"

19 גדעון און הונדערט מעננער וואס מיט איהם זיינען געקומען צום ברעג פון לאגער אין אנפאנג פון מיטעלסטען נאכט־טהייל, ווען מ'האט אנגע־שטעלט די וואכ־לייט ; זיי האבען גענומען בלאזען מיט שופרות און צוברעכען די קריג וואס זיי האבען געהאט.

20 אלע דריי טרופען האבען געבלאזען מיט שופרות און צובראכען די קריג ; דאן האבען זיי אלע אין דער לינקער האנד געהאלטען די פאקעלען, און אין די רעכטע — די שופרות צו בלאזען, זיי האבען געשריען : „מיט'ן שווערד, פאר גאט און גדעון !"

21 זיי זיינען געשטאנען יעדער אויף זיין ארט ארום לאגער, און דער גאנצער לאגער איז געלאפען, און זיי האבען געבלאזען און זיינען אנטלאפען.

22 די דריי הונדערט שופרות האבען געבלאזען, און גאט האט יעדערען גע־ווארפען אויפ'ן שווערד פון צווייטען, אזוי דעם גאנצען לאגער, דער לא־גער איז געלאפען ביז בית־שטה צררת (ביים גרענעץ פון אבל מחולה) ביז טבת.

23 אָבֵל מְחוֹלָה עַל־טַבָּת׃ וַיִּצָּעֵק אִישׁ־יִשְׂרָאֵל מִנַּפְתָּלִי
24 וּמִן־אָשֵׁר וּמִן־כָּל־מְנַשֶּׁה וַיִּרְדְּפוּ אַחֲרֵי מִדְיָן׃ וּמַלְאָכִים
שָׁלַח גִּדְעוֹן בְּכָל־הַר אֶפְרַיִם לֵאמֹר רְדוּ לִקְרַאת מִדְיָן
וְלִכְדוּ לָהֶם אֶת־הַמַּיִם עַד בֵּית בָּרָה וְאֶת־הַיַּרְדֵּן וַיִּצָּעֵק
כָּל־אִישׁ אֶפְרַיִם וַיִּלְכְּדוּ אֶת־הַמַּיִם עַד בֵּית בָּרָה וְאֶת־
כה הַיַּרְדֵּן׃ וַיִּלְכְּדוּ שְׁנֵי שָׂרֵי מִדְיָן אֶת־עֹרֵב וְאֶת־זְאֵב
וַיַּהַרְגוּ אֶת־עוֹרֵב בְּצוּר־עוֹרֵב וְאֶת־זְאֵב הָרְגוּ בְיֶקֶב־זְאֵב
וַיִּרְדְּפוּ אֶל־מִדְיָן וְרֹאשׁ־עֹרֵב וּזְאֵב הֵבִיאוּ אֶל־גִּדְעוֹן
מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן׃

## ח Cap. VIII. ח

א וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אִישׁ אֶפְרַיִם מָה־הַדָּבָר הַזֶּה עָשִׂיתָ לָּנוּ
לְבִלְתִּי קְרֹאות לָנוּ כִּי הָלַכְתָּ לְהִלָּחֵם בְּמִדְיָן וַיְרִיבוּן
2 אִתּוֹ בְּחָזְקָה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מֶה־עָשִׂיתִי עַתָּה כָּכֶם הֲלֹא
3 טוֹב עֹלְלוֹת אֶפְרַיִם מִבְצִיר אֲבִיעֶזֶר׃ בְּיֶדְכֶם נָתַן אֱלֹהִים
אֶת־שָׂרֵי מִדְיָן אֶת־עֹרֵב וְאֶת־זְאֵב וּמַה־יָּכֹלְתִּי עֲשׂוֹת כָּכֶם
4 אָז רָפְתָה רוּחָם מֵעָלָיו בְּדַבְּרוֹ הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיָּבֹא גִדְעוֹן
הַיַּרְדֵּנָה עֹבֵר הוּא וּשְׁלֹשׁ־מֵאוֹת הָאִישׁ אֲשֶׁר אִתּוֹ עֲיֵפִים
ה וְרֹדְפִים׃ וַיֹּאמֶר לְאַנְשֵׁי סֻכּוֹת תְּנוּ־נָא כִּכְּרוֹת לֶחֶם לָעָם
אֲשֶׁר בְּרַגְלָי כִּי־עֲיֵפִים הֵם וְאָנֹכִי רֹדֵף אַחֲרֵי זֶבַח
6 וְצַלְמֻנָּע מַלְכֵי מִדְיָן׃ וַיֹּאמֶר שָׂרֵי סֻכּוֹת הֲכַף זֶבַח
7 וְצַלְמֻנָּע עַתָּה בְּיָדֶךָ כִּי־נִתֵּן לִצְבָאֲךָ לָחֶם׃ וַיֹּאמֶר גִּדְעוֹן
לָכֵן בְּתֵת יְהוָה אֶת־זֶבַח וְאֶת־צַלְמֻנָּע בְּיָדִי וְדַשְׁתִּי אֶת־
8 בְּשַׂרְכֶם אֶת־קוֹצֵי הַמִּדְבָּר וְאֶת־הַבַּרְקֳנִים׃ וַיַּעַל מִשָּׁם
פְּנוּאֵל וַיְדַבֵּר אֲלֵיהֶם כָּזֹאת וַיַּעֲנוּ אוֹתוֹ אַנְשֵׁי פְנוּאֵל
9 כַּאֲשֶׁר עָנוּ אַנְשֵׁי סֻכּוֹת׃ וַיֹּאמֶר גַּם־לְאַנְשֵׁי פְנוּאֵל לֵאמֹר
י בְּשׁוּבִי בְשָׁלוֹם אֶתֹּץ אֶת־הַמִּגְדָּל הַזֶּה׃ וְזֶבַח וְצַלְמֻנָּע
בַּקַּרְקֹר וּמַחֲנֵיהֶם עִמָּם כַּחֲמֵשֶׁת עָשָׂר אֶלֶף כֹּל הַנּוֹתָרִים

מכל

ח v. 1. יתיר ו׳ v. 2. הבי רפה v. 6. סבירין ויאמרו

23 דאַן האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען מענער פון ישראל פון נפתלי, פון אשר און גאַנץ מנשה, און האָבען נאָכגעיאָגט נאָך מדין.

24 אויך האָט גדעון פאַנאַדער געשיקט לייטע איבער'ן גאַנצען בארג אפרים, זאָגענדיג: „געהט אַרונטער געגען מדין און פערכאַפּט פון זיי די וואַסער ביז בית ברה און דעם ירדן!” אַלע מענער פון אפרים האָבען זיך צונויפגעקליבען און פערכאַפּט די וואַסער ביז בית ברה און דעם ירדן.

25 זיי האָבען אויך געכאַפּט מדין'ס צוויי פירשטען: ערב און זאב. ערב'ן האָבען זיי געה'הרג'עט נעבען צור עורב, און זאב'ן — נעבען יקב זאב. ווען זיי האָבען געענדיגט נאָכיאָגען מדין, האָבען זיי פון יענער זייט ירדן געבראַכט צו גדעון די קעפּ פון ערב און זאב.

## קאַפּיטעל ח

1 דאַן האָבען צו איהם געזאָגט די מענער פון אפרים: „וואָס האָסטו אונז אַזעלכעס געטהאָן? — אונז ניט צו רופען ווען דו ביזט געגאַנגען שטרייטען מיט מדין!” זיי האָבען זיך שטאַרק געקריעגט מיט איהם.

2 אָבער ער האָט זיי געזאָגט: „וואָס האָב איך דען אַזוינס געטהאָן אין פערגלייך מיט אייך? איז ניט בעסער די אָרומקלייבונג אפרים'ס פאַר דעם פרוכט קלייבען אביעזר'ס?

3 אין אייערע הענד האָט גאָט געגעבען די פירשטען פון מדין, ערב און זאב, וואָס האָב איך שוין געקענט טהאָן אין פערגלייך מיט אייך?” דאַן, ווען ער האָט דאָס געזאָגט, איז זייער צאָרן בערוהיגט געוואָרען.

4 אַז גדעון איז געקומען ביז'ן ירדן (ער איז פאָראויס געגאַנגען און די דריי הונדערט מענער וואָס זיינען מיט איהם געווען זיינען מיעד געווען נאָכיאָגענדיג),

5 האָט ער געזאָגט צו די מענשען פון סכות: „גיט שטיקער ברויט די לייטע וואָס געהען מיט מיר, וואָרום זיי זיינען מיעד, און איך מוז נאָך לויפען נאָך זבח און צלמנע, די קעניגע פון מדין!”

6 האָבען די בעאַמטע פון סכות געזאָגט: „האַלטסטו שוין זבח און צלמנע פאַר די פיס, וואָס מיר דאַרפען דיינע טרופען געבען ברויט?”

7 האָט גדעון געענטפערט: דערפאַר אַז גאָט וועט געבען זבח און צלמנע אין מיין האַנד וועל איך אייך די לייב צודרעשען מיט די ווילדע דערנער און דיסטלען!

8 פון דאָרטען איז ער אַוועק אין פנואל, ער האָט צו זיי דאָס זעלביגע געזאָגט; אָבער די לייטע פון פנואל האָבען איהם געענטפערט ווי עס האָבען איהם געענטפערט די לייטע פון סכות.

9 ער האָט צו די מענער פון פנואל געזאָגט: ווען איך וועל פריעדליך צוריק געהען וועל איך צושטערען דעם טהורעם.

10 זבח און צלמנע זיינען געווען אין קרקר, מיט זיי איז געווען אַ לאַגער פון פונפצעהען טויזענד מאַן, אַלע וואָס זיינען געבליעבען פון די מאָרגענ־

מִכֹּל֙ מַחֲנֵ֣ה בְנֵי־קֶ֔דֶם וְהַנֹּ֣פְלִ֔ים מֵאָ֨ה וְעֶשְׂרִ֥ים אֶ֛לֶף אִ֖ישׁ
11 שֹׁ֥לֵֽף חָֽרֶב׃ וַיַּ֣עַל גִּדְע֗וֹן דֶּ֚רֶךְ הַשְּׁכוּנֵ֣י בָאֳהָלִ֔ים מִקֶּ֥דֶם
לְנֹ֖בַח וְיָגְבֳּהָ֑ה וַיַּךְ֙ אֶת־הַֽמַּחֲנֶ֔ה וְהַֽמַּחֲנֶ֖ה הָ֥יָה בֶֽטַח׃
12 וַיָּנֻ֗סוּ זֶ֚בַח וְצַלְמֻנָּ֔ע וַיִּרְדֹּ֖ף אַחֲרֵיהֶ֑ם וַיִּלְכֹּ֞ד אֶת־שְׁנֵ֣י ׀ מַלְכֵ֣י
13 מִדְיָ֗ן אֶת־זֶ֙בַח֙ וְאֶת־צַלְמֻנָּ֔ע וְכָל־הַֽמַּחֲנֶ֖ה הֶחֱרִֽיד׃ וַיָּ֛שָׁב
14 גִּדְע֥וֹן בֶּן־יוֹאָ֖שׁ מִן־הַמִּלְחָמָ֑ה מִלְמַעֲלֵ֖ה הֶחָֽרֶס׃ וַיִּלְכָּד־
נַ֛עַר מֵאַנְשֵׁ֥י סֻכּ֖וֹת וַיִּשְׁאָלֵ֑הוּ וַיִּכְתֹּ֨ב אֵלָ֜יו אֶת־שָׂרֵ֤י סֻכּוֹת֙
טו וְאֶת־זְקֵנֶ֔יהָ שִׁבְעִ֥ים וְשִׁבְעָ֖ה אִֽישׁ׃ וַיָּבֹא֙ אֶל־אַנְשֵׁ֣י סֻכּ֔וֹת
וַיֹּ֕אמֶר הִנֵּ֖ה זֶ֣בַח וְצַלְמֻנָּ֑ע אֲשֶׁר֩ חֵרַפְתֶּ֨ם אוֹתִ֜י לֵאמֹ֗ר הֲ֠כַף
זֶ֤בַח וְצַלְמֻנָּע֙ עַתָּ֣ה בְּיָדֶ֔ךָ כִּ֥י נִתֵּ֛ן לַאֲנָשֶׁ֥יךָ הַיְּעֵפִ֖ים לָֽחֶם׃
16 וַיִּקַּח֙ אֶת־זִקְנֵ֣י הָעִ֔יר וְאֶת־קוֹצֵ֥י הַמִּדְבָּ֖ר וְאֶת־הַבַּרְקֳנִ֑ים
17 וַיֹּ֣דַע בָּהֶ֔ם אֵ֖ת אַנְשֵׁ֥י סֻכּֽוֹת׃ וְאֶת־מִגְדַּ֥ל פְּנוּאֵ֖ל נָתָ֑ץ
18 וַיַּהֲרֹ֖ג אֶת־אַנְשֵׁ֥י הָעִֽיר׃ וַיֹּ֗אמֶר אֶל־זֶ֙בַח֙ וְאֶל־צַלְמֻנָּ֔ע
אֵיפֹה֙ הָאֲנָשִׁ֔ים אֲשֶׁ֥ר הֲרַגְתֶּ֖ם בְּתָב֑וֹר וַיֹּאמְרוּ֙ כָּמ֣וֹךָ
19 כְמוֹהֶ֔ם אֶחָ֕ד כְּתֹ֖אַר בְּנֵ֥י הַמֶּֽלֶךְ׃ וַיֹּאמַ֕ר אַחַ֥י בְּנֵֽי־אִמִּ֖י
כ הֵ֑ם חַי־יְהוָ֕ה ל֚וּ הַחֲיִתֶ֣ם אוֹתָ֔ם לֹ֥א הָרַ֖גְתִּי אֶתְכֶֽם׃ וַיֹּ֙אמֶר֙
לְיֶ֣תֶר בְּכוֹר֔וֹ ק֖וּם הֲרֹ֣ג אוֹתָ֑ם וְלֹא־שָׁלַ֨ף הַנַּ֤עַר חַרְבּוֹ֙ כִּ֣י
21 יָרֵ֔א כִּ֥י עוֹדֶ֖נּוּ נָֽעַר׃ וַיֹּאמֶר֩ זֶ֨בַח וְצַלְמֻנָּ֜ע ק֤וּם אַתָּה֙ וּפְגַע־
בָּ֔נוּ כִּ֥י כָאִ֖ישׁ גְּבוּרָת֑וֹ וַיָּ֣קָם גִּדְע֗וֹן וַֽיַּהֲרֹג֙ אֶת־זֶ֣בַח וְאֶת־
צַלְמֻנָּ֔ע וַיִּקַּח֙ אֶת־הַשַּׂ֣הֲרֹנִ֔ים אֲשֶׁ֖ר בְּצַוְּארֵ֥י גְמַלֵּיהֶֽם׃
22 וַיֹּאמְר֤וּ אִֽישׁ־יִשְׂרָאֵל֙ אֶל־גִּדְע֔וֹן מְשָׁל־בָּ֙נוּ֙ גַּם־אַתָּ֔ה גַּם־
23 בִּנְךָ֖ גַּ֣ם בֶּן־בְּנֶ֑ךָ כִּ֥י הוֹשַׁעְתָּ֖נוּ מִיַּ֥ד מִדְיָֽן׃ וַיֹּ֤אמֶר אֲלֵהֶם֙
גִּדְע֔וֹן לֹֽא־אֶמְשֹׁ֤ל אֲנִי֙ בָּכֶ֔ם וְלֹֽא־יִמְשֹׁ֥ל בְּנִ֖י בָּכֶ֑ם יְהוָ֖ה יִמְשֹׁ֥ל
24 בָּכֶֽם׃ וַיֹּ֨אמֶר אֲלֵהֶ֜ם גִּדְע֗וֹן אֶשְׁאֲלָ֤ה מִכֶּם֙ שְׁאֵלָ֔ה וּתְנוּ־לִ֕י אִ֖ישׁ
כה נֶ֣זֶם שְׁלָל֑וֹ כִּֽי־נִזְמֵ֤י זָהָב֙ לָהֶ֔ם כִּ֥י יִשְׁמְעֵאלִ֖ים הֵֽם׃ וַיֹּאמְר֖וּ
נָת֣וֹן נִתֵּ֑ן וַיִּפְרְשׂוּ֙ אֶת־הַשִּׂמְלָ֔ה וַיַּשְׁלִ֣יכוּ שָׁ֔מָּה אִ֖ישׁ נֶ֥זֶם
26 שְׁלָלֽוֹ׃ וַיְהִ֗י מִשְׁקַ֞ל נִזְמֵ֤י הַזָּהָב֙ אֲשֶׁ֣ר שָׁאָ֔ל אֶ֥לֶף וּשְׁבַע־



v. 10. כצ״ל v. 26. קמץ בז״ק

לענדרישע פעלקער. [געפאַלען זיינען יענעם טאָג הונדערט מיט צוואַנ־
ציג טויזענד מאַן, געאיבטע מיט׳ן שווערד.]
11 גדעון איז געגאַנגען, דורך די געצעלטען־וואָהנער, מזרח צו פון נבח
און יגבהה, ווען דער לאַגער האָט גערוהט און האָט דעם לאַגער גע־
שלאָגען.
12 זבח און צלמנע זיינען אַנטלאָפען, האָט ער זיי נאָכגעיאָגט און האָט
געכאַפּט ביידע קעניגע פון מדין — זבח און צלמנע, דעם גאַנצען לאַגער
האָט ער איבערראַשט.
13 ווען גדעון יואש׳ס זוהן איז צוריקגעגאַנגען פון שטרייט איז שוין די זונן
אויפגעגאַנגען.
14 ער האָט געכאַפּט אַ אינגעל פון די איינוואָהנער פון סכות און האָט איהם
געבעטען, האָט ער איהם אויסגעשריעבען די בעאַמטע פון סכות און
עלטסטע — זיעבען און זיעבציג מאַן.
15 דאַן איז ער אַריין צו די לייטע פון סכות און האָט געזאָגט: אָט זיינען
זיי — זבח און צלמנע, וואָס איהר האָט פון מיר געלאַכט זאָגענדיג:
„האַלטסטו שוין זבח און צלמנע פאַר די פיס, אַז מיר דאַרפען דיינע
מיעדע מענשען ברויט געבען?״
16 ער האָט גענומען די עלטסטע פון סכות און האָט זיי געשלאָגען מיט דער־
נער און דיסטלען, פאַר אַלע בעוואָהנער פון סכות.
17 אויך דעם טהורעם פון פנואל האָט ער צושמעטערט און אויסגע׳הרג׳עט
די מענשען פון שטאָדט.
18 דאַן האָט ער געזאָגט צו זבח און צלמנע: ווי האָבען אויסגעזעהען די
מענשען וואָס איהר האָט ערשלאָגען אין תבור? האָבען זיי געזאָגט:
„זיי האָבען אויסגעזעהען פּונקט ווי דו — ווי עס ווייזען אויס קעניגליכע
קינדער״.
19 האָט ער געזאָגט: מיינע ברידער, דאָס איז מיין מוטער׳ס קינדער!
ביי גאָט, ווען איהר וואָלט זיי לעבען געלאָזען, וואָלט איך אייך ניט ער־
שלאָגען!
20 און ער האָט געזאָגט צו יתר׳ן, זיין ערשטגעבוירענעם: „נעהם און ער־
שלאָג זיי!״ דער אינגעל האָט אָבער זיין שווערד ניט אַרויסגעצויגען,
ער האָט זיך געשראָקען, וואָרום ער איז נאָך גאַנ׳ן יונג געוועזן.
21 האָבען זבח און צלמנע געזאָגט: „נעהם הרג׳ע דו אונז — ווי דער מענש
איז אַזאַ מוטה האָט ער!״ דאַן האָט גדעון זעלבסט גע׳הרג׳עט זבח
און צלמנע און צוגענומען די בעפּוצטע צוימען וואָס אויף די העלזער
פון זייערע קעמלען.
22 נאָך דער פּאַסירונג האָבען די מענער פון ישראל געזאָגט צו גדעון׳ען:
קוים האָסטו אונז גערעטעט פון מדין קומט דיר אַז דו זאָלסט איבער
אונז רעגיערען, אויך דיין זוהן און דיין זוהן׳ס זוהן!
23 האָט גדעון צו זיי געזאָגט: „ניט איך וועל איבער אייך רעגיערען און
ניט מיין זוהן דאַרף איבער אייך רעגיערען — גאָט רעגיערט איבער אייך!
24 אַ מאָל האָט גדעון געזאָגט צו זיי: איך וויל אייך עטוואָס בעטען —
גיט מיר יעדער דעם נאָז־רינג וואָס איהר האָט גערויבט [די מדין׳ער
פלעגען טראָגען נאָז־רינגען אַזוי ווי די ישמעאלים.]
25 האָבען זיי געזאָגט: מיר גיעבען גלייך! זיי האָבען אויסגעשפּרייט אַ
קלייד און יעדער האָט דאָרטען אַריינגעוואָרפען דעם נאָז־רינג וואָס
ער האָט גערויבט.
26 די וואָג גאָלד פון די נאָז־רינגען וואָס ער האָט געפאָדערט, איז געוועזן —

מֵאוֹת זָהָב לְבַד מִן־הַשַּׂהֲרֹנִים וְהַנְּטִפוֹת וּבִגְדֵי הָאַרְגָּמָן
שֶׁעַל מַלְכֵי מִדְיָן וּלְבַד מִן־הָעֲנָקוֹת אֲשֶׁר בְּצַוְּארֵי
27 גְמַלֵּיהֶם׃ וַיַּעַשׂ אוֹתוֹ גִדְעוֹן לְאֵפוֹד וַיַּצֵּג אוֹתוֹ בְעִירוֹ
בְּעָפְרָה וַיִּזְנוּ כָל־יִשְׂרָאֵל אַחֲרָיו שָׁם וַיְהִי לְגִדְעוֹן וּלְבֵיתוֹ
28 לְמוֹקֵשׁ׃ וַיִּכָּנַע מִדְיָן לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא יָסְפוּ לָשֵׂאת
רֹאשָׁם וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ אַרְבָּעִים שָׁנָה בִּימֵי גִדְעוֹן׃
29 ל וַיֵּלֶךְ יְרֻבַּעַל בֶּן־יוֹאָשׁ וַיֵּשֶׁב בְּבֵיתוֹ׃ וּלְגִדְעוֹן הָיוּ שִׁבְעִים
31 בָּנִים יֹצְאֵי יְרֵכוֹ כִּי־נָשִׁים רַבּוֹת הָיוּ לוֹ׃ וּפִילַגְשׁוֹ אֲשֶׁר
בִּשְׁכֶם יָלְדָה־לּוֹ גַם־הִיא בֵּן וַיָּשֶׂם אֶת־שְׁמוֹ אֲבִימֶלֶךְ׃
32 וַיָּמָת גִּדְעוֹן בֶּן־יוֹאָשׁ בְּשֵׂיבָה טוֹבָה וַיִּקָּבֵר בְּקֶבֶר יוֹאָשׁ
33 אָבִיו בְּעָפְרָה אֲבִי הָעֶזְרִי׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר מֵת גִּדְעוֹן
וַיָּשׁוּבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּזְנוּ אַחֲרֵי הַבְּעָלִים וַיָּשִׂימוּ לָהֶם
34 בַּעַל בְּרִית לֵאלֹהִים׃ וְלֹא זָכְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־יְהוָה
לה אֱלֹהֵיהֶם הַמַּצִּיל אוֹתָם מִיַּד כָּל־אֹיְבֵיהֶם מִסָּבִיב׃ וְלֹא־
עָשׂוּ חֶסֶד עִם־בֵּית יְרֻבַּעַל גִּדְעוֹן כְּכָל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה
עִם־יִשְׂרָאֵל׃

## Cap. IX. ט

ט
א וַיֵּלֶךְ אֲבִימֶלֶךְ בֶּן־יְרֻבַּעַל שְׁכֶמָה אֶל־אֲחֵי אִמּוֹ וַיְדַבֵּר
2 אֲלֵיהֶם וְאֶל־כָּל־מִשְׁפַּחַת בֵּית־אֲבִי אִמּוֹ לֵאמֹר׃ דַּבְּרוּ־
נָא בְּאָזְנֵי כָל־בַּעֲלֵי שְׁכֶם מַה־טּוֹב לָכֶם הַמְשֹׁל בָּכֶם
שִׁבְעִים אִישׁ כֹּל בְּנֵי יְרֻבַּעַל אִם־מְשֹׁל בָּכֶם אִישׁ אֶחָד
3 וּזְכַרְתֶּם כִּי־עַצְמְכֶם וּבְשַׂרְכֶם אָנִי׃ וַיְדַבְּרוּ אֲחֵי־אִמּוֹ
עָלָיו בְּאָזְנֵי כָּל־בַּעֲלֵי שְׁכֶם אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיֵּט
4 לִבָּם אַחֲרֵי אֲבִימֶלֶךְ כִּי אָמְרוּ אָחִינוּ הוּא׃ וַיִּתְּנוּ־לוֹ
שִׁבְעִים כֶּסֶף מִבֵּית בַּעַל בְּרִית וַיִּשְׂכֹּר בָּהֶם אֲבִימֶלֶךְ
ה אֲנָשִׁים רֵיקִים וּפֹחֲזִים וַיֵּלְכוּ אַחֲרָיו׃ וַיָּבֹא בֵית־אָבִיו
עָפְרָתָה וַיַּהֲרֹג אֶת־אֶחָיו בְּנֵי־יְרֻבַּעַל שִׁבְעִים אִישׁ עַל־
אֶבֶן אֶחָת וַיִּוָּתֵר יוֹתָם בֶּן־יְרֻבַּעַל הַקָּטֹן כִּי נֶחְבָּא׃

טויזענד זיבען הונדערט גאָלד־שטיק ; אויסער די בעפּוצטע צוימען, שניר און פּורפּור קליידער, וואָס די קעניגע פון מדין האָבען געטראָגען, אויך אויסער די בענדער וואָס אויף די העלזער אויף זייערע קעמלען.

27 גדעון האָט דערפון געמאַכט אַן אפוד און האָט איהם אװעקגעשטעלט אין זיין שטאָדט, אויפ׳ן זאמד פעלד. גאַנץ ישראל האָבען צוליעב איהם פערקעהרט אהין, דאָס איז געװעזען אַ דורכפאַל פאַר גדעון און זיין הויז.

28 פון דער צייט איז מדין נידערגעשלאָגען געוואָרען פאַר ישראל, זיי האָבען שוין מעהר קיין קאָפּ ניט אויפגעהויבען. אין דער צייט פון גדעון איז פערציג יאָהר רוהיג געװעזען אין לאַנד.

29 ירבעל, יואש׳ס זוהן איז אװעק און בעזעצט זיך צווישען זיין פאַמיליע.

30 גדעון האָט געהאַט זיבציג זיהן, וואָס זיינען ביי איהם געבוירען געוואָרען, וואָרום ער האָט פיעל װייבער געהאַט.

31 אויך זיין קעבסווייב וואָס אין שכם האָט איהם געבוירען אַ זוהן, ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען אבימלך.

32 גדעון יואש׳ס זוהן איז געשטאָרבען אין אַ גוטען עלטער און איז בע־ערדיגט געוואָרען אין זיין פאָטער׳ס בעערדיגונגס פּלאַץ, אינ׳ם זאמד־פעלד פון אביעזר.

33 אַז גדעון איז געשטאָרבען האָבען די קינדער ישראל צוריק אָבגעקעהרט נאָך די בעל געצען, זיי האָבען זיך געמאַכט בעל־ברית פאַר אַ גאָט.

34 די קינדער ישראל האָבען מעהר ניט דערמאָהנט זייער גאָט, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון זייערע אַלע פיינדע רינגס ארום.

35 זיי זיינען אויך ניט דאַנקבאַר געװעזען די פאַמיליע ירבעל (גדעון) פאַר אַל דאָס גוטס וואָס ער האָט געטהאָן צו ישראל.

## קאַפּיטעל ט

1 אבימלך, ירבעל׳ס זוהן, איז אװעק אין שכם צו זיין מוטער׳ס ברידער ; ער האָט גערעדט צו זיי און צו דער גאַנצער פאַמיליע פון זיין מוטער׳ס פאָטער, אַזוי צו זאָגען :

2 רעדט איבער מיט אַלע איינוואָהנער פון שכם : „ווי איז פאַר אייך בעסער — עס זאָל איבער אייך הערשען זיבציג מאַן, אַלע ירבעל׳ס זיהן, אָדער איין מאַן זאָל הערשער זיין. איהר דאַרפט אויך וויסען אַז איך בין אַן אייגענער מענש אייערער !"

3 זיין מוטער׳ס ברידער האָבען וועגען איהם גערעדט די אַלע רייד פאַר די איינוואָהנער פון שכם, און זייער הארץ האָט גענייגט נאָך אבימלך׳ן, זיי האָבען געזאָגט : „ער איז דאָך אונזער אַ פריינד !"

4 זיי האָבען איהם געגעבען זיבציג זילבער־שטיק פון בעל־ברית׳ס הויז, מיט זיי האָט אבימלך געדונגען ליידיג געהער און לייכטזיניגע מענשען. זיי זיינען מיט איהם אװעק.

5 ער איז געקומען אין זיין פאָטער׳ס הויז, אין עפרה, און האָט אויסגע־הרג׳עט זיינע ברידער, ירבעל׳ס זיהן, אַלע זיבציג מאַן אויף איין שטיין. עס איז נאָר געבליעבען יותם, ירבעל׳ס קלענסטער זוהן, ווייל ער האָט זיך בעהאַלטען.

6 וַיֵּאָסְפוּ כָּל־בַּעֲלֵי שְׁכֶם וְכָל־בֵּית מִלּוֹא וַיֵּלְכוּ וַיַּמְלִיכוּ
7 אֶת־אֲבִימֶלֶךְ לְמֶלֶךְ עִם־אֵלוֹן מֻצָּב אֲשֶׁר בִּשְׁכֶם׃ וַיַּגִּדוּ
לְיוֹתָם וַיֵּלֶךְ וַיַּעֲמֹד בְּרֹאשׁ הַר־גְּרִזִּים וַיִּשָּׂא קוֹלוֹ וַיִּקְרָא
וַיֹּאמֶר לָהֶם שִׁמְעוּ אֵלַי בַּעֲלֵי שְׁכֶם וְיִשְׁמַע אֲלֵיכֶם
8 אֱלֹהִים׃ הָלוֹךְ הָלְכוּ הָעֵצִים לִמְשֹׁחַ עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ וַיֹּאמְרוּ
9 לַזַּיִת מָלְוֹכָה עָלֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הַזַּיִת הֶחֳדַלְתִּי אֶת־
דִּשְׁנִי אֲשֶׁר־בִּי יְכַבְּדוּ אֱלֹהִים וַאֲנָשִׁים וְהָלַכְתִּי לָנוּעַ עַל־
י הָעֵצִים׃ וַיֹּאמְרוּ הָעֵצִים לַתְּאֵנָה לְכִי־אַתְּ מָלְכִי עָלֵינוּ׃
11 וַתֹּאמֶר לָהֶם הַתְּאֵנָה הֶחֳדַלְתִּי אֶת־מָתְקִי וְאֶת־תְּנוּבָתִי
12 הַטּוֹבָה וְהָלַכְתִּי לָנוּעַ עַל־הָעֵצִים׃ וַיֹּאמְרוּ הָעֵצִים לַגָּפֶן
13 לְכִי־אַתְּ מָלְוֹכִי עָלֵינוּ׃ וַתֹּאמֶר לָהֶם הַגֶּפֶן הֶחֳדַלְתִּי אֶת־
תִּירוֹשִׁי הַמְשַׂמֵּחַ אֱלֹהִים וַאֲנָשִׁים וְהָלַכְתִּי לָנוּעַ עַל־
14 הָעֵצִים׃ וַיֹּאמְרוּ כָל־הָעֵצִים אֶל־הָאָטָד לֵךְ אַתָּה מְלָךְ־
טו עָלֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר הָאָטָד אֶל־הָעֵצִים אִם בֶּאֱמֶת אַתֶּם מֹשְׁחִים
אֹתִי לְמֶלֶךְ עֲלֵיכֶם בֹּאוּ חֲסוּ בְצִלִּי וְאִם־אַיִן תֵּצֵא אֵשׁ
16 מִן־הָאָטָד וְתֹאכַל אֶת־אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן׃ וְעַתָּה אִם־בֶּאֱמֶת
וּבְתָמִים עֲשִׂיתֶם וַתַּמְלִיכוּ אֶת־אֲבִימֶלֶךְ וְאִם־טוֹבָה עֲשִׂיתֶם
17 עִם־יְרֻבַּעַל וְעִם־בֵּיתוֹ וְאִם־כִּגְמוּל יָדָיו עֲשִׂיתֶם לוֹ׃ אֲשֶׁר־
נִלְחַם אָבִי עֲלֵיכֶם וַיַּשְׁלֵךְ אֶת־נַפְשׁוֹ מִנֶּגֶד וַיַּצֵּל אֶתְכֶם
18 מִיַּד מִדְיָן׃ וְאַתֶּם קַמְתֶּם עַל־בֵּית אָבִי הַיּוֹם וַתַּהַרְגוּ אֶת־
בָּנָיו שִׁבְעִים אִישׁ עַל־אֶבֶן אֶחָת וַתַּמְלִיכוּ אֶת־אֲבִימֶלֶךְ
19 בֶּן־אֲמָתוֹ עַל־בַּעֲלֵי שְׁכֶם כִּי אֲחִיכֶם הוּא׃ וְאִם־בֶּאֱמֶת
וּבְתָמִים עֲשִׂיתֶם עִם־יְרֻבַּעַל וְעִם־בֵּיתוֹ הַיּוֹם הַזֶּה שִׂמְחוּ
כ בַּאֲבִימֶלֶךְ וְיִשְׂמַח גַּם־הוּא בָּכֶם׃ וְאִם־אַיִן תֵּצֵא אֵשׁ
מֵאֲבִימֶלֶךְ וְתֹאכַל אֶת־בַּעֲלֵי שְׁכֶם וְאֶת־בֵּית מִלּוֹא וְתֵצֵא
אֵשׁ מִבַּעֲלֵי שְׁכֶם וּמִבֵּית מִלּוֹא וְתֹאכַל אֶת־אֲבִימֶלֶךְ׃
21 וַיָּנָס יוֹתָם וַיִּבְרַח וַיֵּלֶךְ בְּאֵרָה וַיֵּשֶׁב שָׁם מִפְּנֵי אֲבִימֶלֶךְ

אחיו

v. 8. מלכה קרי v. 12. מלכי קרי

6 אַלע איינוואָהנער פון שכם און פון פעסטונג הויז האָבען זיך פערזאַמעלט, זיי זיינען צוזאַמענגעקומען און ערקלעהרט אבימלך אַלס קעניג ביי'ן שטעהענדיגען בוים וואָס נעבען שכם.

7 אַז מ'האָט דאָס דערצעהלט יותם'ן איז ער אַוועק און געשטעלט זיך אויפ'ן שפּיץ באַרג גרזים, און האָט הויך אויפ'ן קול אויסגעשריען און געזאָגט צו זיי: „הערט מיר אויס איינוואָהנער פון שכם, וועט אייך גאָט אויסהערען!

8 — אַ מאָל זיינען זיך די בוימער צוזאַמענגעקומען זאַלבען אַ קעניג פאַר זיך. זיי האָבען געזאָגט צום אוילבוים: „זיי אונזער קעניג!"

9 האָט דער אוילבוים זיי געענטפערט: „זאָל איך אויפגעבען מיין פעטס־קייט, פאַר וועלכען גאָט און מענשען עהרען מיך, און זאָל געהען וואַנ־דערען צווישען די וואַלד־בוימער?"

10 האָבען די בוימער געזאָגט צום פייגענבוים: „געה, ווער דו אונזער קעניג!"

11 דער פייגענבוים האָט זיי געענטפערט: „זאָל איך אויפגעבען מיין זיס־קייט און גוטען פרוכט. אום צו געהען וואַנדערען צווישען די וואַלד־בוימער?"

12 האָבען די בוימער געזאָגט צום וויינשטאָק: „געה, זיי דו אונזער קעניג!"

13 דער וויינשטאָק אָבער האָט זיי געענטפערט: „זאָל איך אויפגעבען מיין טרויבענזאַפט, וואָס איז אַ פרייד פאַר גאָט און לייט, און געהען וואַנדע־רען צווישען די וואַלד־בוימער?"

14 דאַן האָבען אַלע בוימער געזאָגט צום שטעכיגען דאָרען: „געה, ווער דו אונזער קעניג!"

15 האָט דער שטעכיגער דאָרען געענטפערט די בוימער: אויב איהר זאַלבט מיר ווירקליך פאַר אַ קעניג איבער אייך, קומט און בעשיצט זיך אין מיין שאָטען; אויב אָבער ניט — וועט אַרויס אַ פייער פון דאָרען און פערברענגען די צעדערען פון לבנון".

16 יעצט איז אַזוי — אויב איהר האָט ווירקליך ערנסט געטהאָן ווען איהר האָט אבימלך'ן אַלס קעניג ערקלעהרט, אויב איהר האָט דערמיט גוטעס געטהאָן מיט ירבעל'ן און זיין פאַמיליע, און אויב איהר האָט איהם גע־צאָהלט נאָך זיינע פערדיענסטען —

17 ווייל מיין פאָטער האָט פאַר אייך קריעג געפיהרט און געשטעלט זיין לעבען אין געפאַהר אום אייך צו רעטען פון מדין'ס מאַכט.

18 און איהר האָט זיך אויפגעהויבען געגען מיין פאָטער'ס הויז אין מיטען העלען טאָג, און האָט אויסגע'הרג'עט אַלע זיינע זיעבציג זיהן אויף איין שטיין, און דעם זוהן פון זיין דיענסט, אבימלך'ן, האָט איהר אַלס קעניג ערקלעהרט איבער די איינוואָהנער פון שכם, ווייל ער איז אייער פריינד.

19 אויב איהר האָט דאָס ווירקליך ערנסט געהאַנדעלט דעם טאָג געגען ירבעל'ן און זיין פאַמיליע, דאַן פרעהט איהר זיך מיט אבימלך'ן און זאָל ער זיך פרעהען מיט אייך;

20 אויב עס איז ניט ערנסט — זאָל אַרויס אַ פייער פון אבימלך'ן און פער־ברענגען די איינוואָהנער פון שכם און פון פעסטונג הויז, און זאָל אַרויס אַ פייער פון די איינוואָהנער פון שכם און דעם פעסטונג הויז און פער־ברענגען אבימלך'ן".

21 דאַן איז יותם אַוועקגעלאָפען, ער איז אַנטלאָפען און אַוועק אין בארה פון זיין ברודער אבימלך, דאָרטען האָט ער זיך בעזעצט.

22 אֶחָיו׃ וַיָּשַׂר אֲבִימֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל שָׁלֹשׁ שָׁנִים׃
23 וַיִּשְׁלַח אֱלֹהִים רוּחַ רָעָה בֵּין אֲבִימֶלֶךְ וּבֵין בַּעֲלֵי שְׁכֶם
24 וַיִּבְגְּדוּ בַעֲלֵי־שְׁכֶם בַּאֲבִימֶלֶךְ׃ לָבוֹא חֲמַס שִׁבְעִים בְּנֵי־
יְרֻבָּעַל וְדָמָם לָשׂוּם עַל־אֲבִימֶלֶךְ אֲחִיהֶם אֲשֶׁר הָרַג אוֹתָם
וְעַל בַּעֲלֵי שְׁכֶם אֲשֶׁר־חִזְּקוּ אֶת־יָדָיו לַהֲרֹג אֶת־אֶחָיו׃
כה וַיָּשִׂימוּ לוֹ בַעֲלֵי שְׁכֶם מְאָרְבִים עַל רָאשֵׁי הֶהָרִים וַיִּגְזְלוּ
אֵת כָּל־אֲשֶׁר־יַעֲבֹר עֲלֵיהֶם בַּדָּרֶךְ וַיֻּגַּד לַאֲבִימֶלֶךְ׃
26 וַיָּבֹא גַּעַל בֶּן־עֶבֶד וְאֶחָיו וַיַּעַבְרוּ בִּשְׁכֶם וַיִּבְטְחוּ־בוֹ בַּעֲלֵי
27 שְׁכֶם׃ וַיֵּצְאוּ הַשָּׂדֶה וַיִּבְצְרוּ אֶת־כַּרְמֵיהֶם וַיִּדְרְכוּ וַיַּעֲשׂוּ
הִלּוּלִים וַיָּבֹאוּ בֵּית אֱלֹהֵיהֶם וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ וַיְקַלְלוּ אֶת־
28 אֲבִימֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר ׀ גַּעַל בֶּן־עֶבֶד מִי־אֲבִימֶלֶךְ וּמִי־שְׁכֶם
כִּי נַעַבְדֶנּוּ הֲלֹא בֶן־יְרֻבַּעַל וּזְבֻל פְּקִידוֹ עִבְדוּ אֶת־אַנְשֵׁי
29 חֲמוֹר אֲבִי שְׁכֶם וּמַדּוּעַ נַעַבְדֶנּוּ אֲנָחְנוּ׃ וּמִי יִתֵּן אֶת־
הָעָם הַזֶּה בְּיָדִי וְאָסִירָה אֶת־אֲבִימֶלֶךְ וַיֹּאמֶר לַאֲבִימֶלֶךְ
ל רַבֶּה צְבָאֲךָ וָצֵאָה׃ וַיִּשְׁמַע זְבֻל שַׂר הָעִיר אֶת־דִּבְרֵי
31 גַּעַל בֶּן־עָבֶד וַיִּחַר אַפּוֹ׃ וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל־אֲבִימֶלֶךְ
בְּתָרְמָה לֵאמֹר הִנֵּה גַעַל בֶּן־עֶבֶד וְאֶחָיו בָּאִים שְׁכֶמָה
32 וְהִנָּם צָרִים אֶת־הָעִיר עָלֶיךָ׃ וְעַתָּה קוּם לַיְלָה אַתָּה
33 וְהָעָם אֲשֶׁר־אִתָּךְ וֶאֱרֹב בַּשָּׂדֶה׃ וְהָיָה בַבֹּקֶר כִּזְרֹחַ
הַשֶּׁמֶשׁ תַּשְׁכִּים וּפָשַׁטְתָּ עַל־הָעִיר וְהִנֵּה־הוּא וְהָעָם אֲשֶׁר־
אִתּוֹ יֹצְאִים אֵלֶיךָ וְעָשִׂיתָ לּוֹ כַּאֲשֶׁר תִּמְצָא יָדֶךָ׃
34 וַיָּקָם אֲבִימֶלֶךְ וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר־עִמּוֹ לָיְלָה וַיֶּאֶרְבוּ עַל־
לה שְׁכֶם אַרְבָּעָה רָאשִׁים׃ וַיֵּצֵא גַּעַל בֶּן־עֶבֶד וַיַּעֲמֹד פֶּתַח
שַׁעַר הָעִיר וַיָּקָם אֲבִימֶלֶךְ וְהָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ מִן־הַמַּאְרָב׃
36 וַיַּרְא־גַעַל אֶת־הָעָם וַיֹּאמֶר אֶל־זְבֻל הִנֵּה־עָם יוֹרֵד
מֵרָאשֵׁי הֶהָרִים וַיֹּאמֶר אֵלָיו זְבֻל אֵת צֵל הֶהָרִים אַתָּה
37 רֹאֶה כָּאֲנָשִׁים׃ וַיֹּסֶף עוֹד גַּעַל לְדַבֵּר וַיֹּאמֶר הִנֵּה־עָם



v. 33. למדנחאי אִתְּךָ

22 דריי יאָהר האָט אבימלך געהערשט איבער ישראל,
23 ביז גאָט האָט אַראָבגעשיקט אַ בייזען גייסט צווישען אבימלך און די
לייטע פון שכם, און די איינוואָהנער פון שכם זיינען אבימלכ'ן אונטריי
געוואָרען.
24 [אום די געוואַלדטהאַט געגען די זיעבציג ירבעל'ס זיהן, און זייער אונ־
שולדיגע בלוט זאָל פאַלען אויף זייער ברודער אבימלך, וועלכער האָט זיי
גע'הרג'עט, אויך אויף די איינוואָהנער פון שכם, וואָס האָבען איהם גע־
האָלפען ערשלאָגען זיינע ברידער.]
25 די איינוואָהנער פון שכם האָבען געגען איהם אָנגעשטעלט לויערער אויף
די שפּיצען פון די בערג, זיי פלעגען בערויבען יעדערען וואָס פלעגט געהען
אויפ'ן וועג איבער די בערג. מ'האָט עס דערצעהלט אבימלכ'ן.
26 אין דער זעלביגער צייט איז געל, עבד'ס זוהן, מיט זייער פריינד דורכ־
געגאַנגען שכם; די איינוואָהנער פון שכם האָבען זיך פערטרויט אויף
איהם.
27 זיינען זיי ארויס אין פעלד קלייבען די פרוכט פון זייערע וויינגערטנער,
זיי האָבען עס געטראָטען און געזונגען לויב־ליעדער, זיי זיינען אויך
אריין אינ'ם הויז פון זייערע געצען, זיי האָבען געגעסען און געטרונקען,
און געשאָלטען אבימלכ'ן.
28 געל, עבד'ס זוהן, האָט געזאָגט: „ווער אַזוינער איז אבימלך, און וואָס
וועט ווערען פון שכם אויב מיר וועלען איהם אונטערטהאַן זיין? ! פיע־
לייכט וויל ער איז ירבעל'ס אַ זוהן און זבל איז זיין פערטרעטער? !
דיענט בעסער חמור'ס לייטע, דער גרינדער פון שכם, פאַר וואָס זאָלען
מיר איהם דיענען?
29 ווען איך וואָלט דיעזעס פאָלק אין מיין מאַכט געהאַט, וואָלט איך שוין
אבימלכ'ן לאַנג אבגעשאַפט!" ער האָט אויך געשיקט זאָגען אבימלכ'ן:
„נעהם צוזאַמען אַ גרויסע אַרמעע, און קום ארויס!"
30 אַז זבל, דער פערוואַלטער פון שטאָדט האָט דערהערט די רייד פון געל,
עבד'ס זוהן, איז ער זעהר בייז געוואָרען.
31 און האָט פאָרזיכטיג געשיקט לייטע אָנזאָגען אבימלכ'ן: געל עבד'ס
זוהן מיט זיינע פריינד זיינען געקומען אין שכם און רייצען אויף די
שטאָדט קעגען דיר;
32 אַלזאָ שטעה אויף ביי־נאַכט, דו און די טרופּעס וואָס זיינען מיט דיר און
לויערן אין פעלד;
33 אין דער־פריה, ווען די זונן וועט אויפגעהן, זאָלסטו וואָס גיכער קומען
און בעפאַלען די שטאָדט; און ווען ער מיט זיינע מענשען וועלען
ארויס קעגען דיר וועסטו איהם טהאָן וואָס דו וועסט קענען."
34 אבימלך און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט איהם זיינען אויפגעשטאַנען
ביי־נאַכט און האָבען געלויערט ארום שכם אין פיער טהיילען.
35 אַז געל עבד'ס זוהן איז ארויס און אַוועקגעשטעלט זיך אין טהיר פון
שטאָדט־טהויער, איז אבימלך מיט זיינע מענשען ארויס פון לויערונגס־
אָרט.
36 ווען געל האָט דערזעהען די טרופּען, האָט ער געזאָגט צו זבל'ן: „מיר
שיינט אַז מענשען געהען אראָב פון די שפּיצען בערג". זבל האָט צו
איהם געזאָגט: „דער שאָטען פון די בערג דוכט זיך דיר ווי מענשען!"
37 געל האָט אָבער ווידער געזאָגט: „עס געהען דאָך מענשען אראָב פון

יֹרְדִים מֵעִם טַבּוּר הָאָרֶץ וְרֹאשׁ־אֶחָד בָּא מִדֶּרֶךְ אֵלוֹן
38 מְעוֹנְנִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו זְבֻל אַיֵּה אֵיפוֹא פִיךָ אֲשֶׁר תֹּאמַר
מִי אֲבִימֶלֶךְ כִּי נַעַבְדֶנּוּ הֲלֹא זֶה הָעָם אֲשֶׁר־מָאַסְתָּה בּוֹ
39 צֵא־נָא עַתָּה וְהִלָּחֶם בּוֹ׃ וַיֵּצֵא גַעַל לִפְנֵי בַּעֲלֵי שְׁכֶם
מ וַיִּלָּחֶם בַּאֲבִימֶלֶךְ׃ וַיִּרְדְּפֵהוּ אֲבִימֶלֶךְ וַיָּנָס מִפָּנָיו וַיִּפְּלוּ
41 חֲלָלִים רַבִּים עַד־פֶּתַח הַשָּׁעַר׃ וַיֵּשֶׁב אֲבִימֶלֶךְ בָּארוּמָה
42 וַיְגָרֶשׁ זְבֻל אֶת־גַּעַל וְאֶת־אֶחָיו מִשֶּׁבֶת בִּשְׁכֶם׃ וַיְהִי
43 מִמָּחֳרָת וַיֵּצֵא הָעָם הַשָּׂדֶה וַיַּגִּדוּ לַאֲבִימֶלֶךְ׃ וַיִּקַּח אֶת־
הָעָם וַיֶּחֱצֵם לִשְׁלֹשָׁה רָאשִׁים וַיֶּאֱרֹב בַּשָּׂדֶה וַיַּרְא וְהִנֵּה
44 הָעָם יֹצֵא מִן־הָעִיר וַיָּקָם עֲלֵיהֶם וַיַּכֵּם׃ וַאֲבִימֶלֶךְ
וְהָרָאשִׁים אֲשֶׁר עִמּוֹ פָּשְׁטוּ וַיַּעַמְדוּ פֶּתַח שַׁעַר הָעִיר
וּשְׁנֵי הָרָאשִׁים פָּשְׁטוּ עַל־כָּל־אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה וַיַּכּוּם׃
מה וַאֲבִימֶלֶךְ נִלְחָם בָּעִיר כֹּל הַיּוֹם הַהוּא וַיִּלְכֹּד אֶת־הָעִיר
וְאֶת־הָעָם אֲשֶׁר־בָּהּ הָרָג וַיִּתֹּץ אֶת־הָעִיר וַיִּזְרָעֶהָ מֶלַח׃
46 וַיִּשְׁמְעוּ כָּל־בַּעֲלֵי מִגְדַּל שְׁכֶם וַיָּבֹאוּ אֶל־צְרִיחַ
47 בֵּית אֵל בְּרִית׃ וַיֻּגַּד לַאֲבִימֶלֶךְ כִּי הִתְקַבְּצוּ כָּל־בַּעֲלֵי
48 מִגְדַּל־שְׁכֶם׃ וַיַּעַל אֲבִימֶלֶךְ הַר־צַלְמוֹן הוּא וְכָל־הָעָם
אֲשֶׁר־אִתּוֹ וַיִּקַּח אֲבִימֶלֶךְ אֶת־הַקַּרְדֻּמּוֹת בְּיָדוֹ וַיִּכְרֹת
שׂוֹכַת עֵצִים וַיִּשָּׂאֶהָ וַיָּשֶׂם עַל־שִׁכְמוֹ וַיֹּאמֶר אֶל־הָעָם
49 אֲשֶׁר־עִמּוֹ מָה רְאִיתֶם עָשִׂיתִי מַהֲרוּ עֲשׂוּ כָמוֹנִי׃ וַיִּכְרְתוּ
גַם־כָּל־הָעָם אִישׁ שׂוֹכֹה וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי אֲבִימֶלֶךְ וַיָּשִׂימוּ
עַל־הַצְּרִיחַ וַיַּצִּיתוּ עֲלֵיהֶם אֶת־הַצְּרִיחַ בָּאֵשׁ וַיָּמֻתוּ גַּם
נ כָּל־אַנְשֵׁי מִגְדַּל־שְׁכֶם כְּאֶלֶף אִישׁ וְאִשָּׁה׃ וַיֵּלֶךְ
51 אֲבִימֶלֶךְ אֶל־תֵּבֵץ וַיִּחַן בְּתֵבֵץ וַיִּלְכְּדָהּ׃ וּמִגְדַּל־עֹז הָיָה
בְתוֹךְ־הָעִיר וַיָּנֻסוּ שָׁמָּה כָּל־הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְכֹל בַּעֲלֵי
52 הָעִיר וַיִּסְגְּרוּ בַּעֲדָם וַיַּעֲלוּ עַל־גַּג הַמִּגְדָּל׃ וַיָּבֹא אֲבִימֶלֶךְ
עַד־הַמִּגְדָּל וַיִּלָּחֶם בּוֹ וַיִּגַּשׁ עַד־פֶּתַח הַמִּגְדָּל לְשָׂרְפוֹ
53 בָאֵשׁ׃ וַתַּשְׁלֵךְ אִשָּׁה אַחַת פֶּלַח רֶכֶב עַל־רֹאשׁ אֲבִימֶלֶךְ

די הויכע בערג און איין טרופּ קומט פון'ם וועג צום וואלד מעוננים !"
38 האָט זבל צו איהם געזאָגט : „וואו איז יעצט דיין מויל ? דו האָסט דאָך געזאָגט „ווער איז דאָס אבימלך אַז מיר זאָלען איהם דיענען ?" — דאָס איז דאָך דאָס זעלביגע פאָלק פון וועמען דו האָסט שפּאַט געמאַכט, געה נאָר יעצט און שטרייט קעגען איהם !"
39 געל איז פאָראויס געגאַנגען פאַר די לייטע פון שכם און געשטריטען קעגען אבימלך'ן.
40 אָבער אבימלך האָט איהם פעריאָגט און ער איז פון איהם ענטלאָפען ביז'ן טהיר פון טהויער ; פיעל זיינען געפאַלען ערשלאַגענע.
41 אבימלך האָט זיך בעזעצט אין ארומה ; דאַן האָט זבל ארויסגעטריבען געל'ן מיט זיינע פריינד פון שכם.
42 אויף מאָרגען איז דאָס פאָלק ארויס אין פעלד און דערצעהלט אבימלך'ן.
43 ער האָט גענומען דאָס פאָלק און צוטהיילט זיי אויף דריי טהיילען אום צו לויערן אין פעלד, און ווי ער פלעגט דערזעהען מענשען ארויסגעהענדיג פון שטאָדט פלעגט ער זיי בעפאַלען און הרג'נען זיי.
44 אבימלך מיט זיינע טרופּען האָבען זיך פונאַנדערגעשפּרייט און געשטעלט זיך ביים אריינגאַנג פון שטאָדט טהויער, ווען יענע צוויי טהיילען האָבען פערנומען די גאַנצע פעלד און ערשלאַגען אַלעמען.
45 יענעם גאַנצען טאָג האָט אבימלך געשטריטען קעגען שטאָדט ביז ער האָט די שטאָדט איינגענומען און אַלע איהרע איינוואוינער אויסגע'הרג'עט ; ער האָט די שטאָדט צושמעטערט און אָנגעשאָטען זאַלץ.
46 אַז די לייטע פון טהורעם פון שכם האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי זיך פערקליבען אין טהורעם פון געצענ־הויז ברית.
47 אַז מען האָט אבימלך'ן דערצעהלט וואו די לייטע פון טהורעם שכם האָבען זיך פערזאַמעלט —
48 איז אבימלך ארויף אויפ'ן בארג צלמון, ער מיט אַלע מענשען זיינע, דאַן האָט אבימלך גענומען אַ האַק אין האַנד האָט אָבגעשניטען אַ צווייג, ארויפגעלעגט אויפ'ן שולטער און געטראָגען. צום פאָלק וואָס איז מיט איהם געוועזען האָט ער געזאָגט : „וואָס איהר האָט מיר געזעהען טהוענדיג, טהוט שנעל דאָס זעלביגע !"
49 יעדער פון'ם פאָלק האָט אָבגעשניטען אַ צווייג און זיינען געגאַנגען נאָך אבימלך'ן. זיי האָבען מיט די צווייגען ארומגעלעגט דעם טהורעם און אָנגעצונדען מיט זיי דעם טהורעם אין פייער. אַזוי זיינען אומגעקומען אַלע מענשען פון טהורעם שכם, מענער און פרויען — נאָהענט פון טויזענד מאַן.
50 דאַן איז אבימלך אַוועק אין תבץ, ער האָט תבץ בעלאַגערט און איינגענומען איהר.
51 אין מיטען שטאָדט איז געוועזען אַ שטאַרקער טהורעם, זיינען אהין אַוועקגעלאָפען אַלע מענער און פרויען — אַלע איינוואוינער פון שטאָדט — זיי האָבען זיך בעפעסטיגט און ארויף אויפ'ן דאַך פון טהורעם.
52 אבימלך איז צוגעגאַנגען צום טהורעם צו בעקעמפּפען איהם ; ער איז שוין צוגעגאַנגען אויף דעם טהורעם פערברענען אין פייער,
53 האָט אַ פרוי אראָבגעוואָרפען אַ שטיק מיהלשטיין אויף אבימלך'ס קאָפּ און האָט איהם צובראָכען דעם שארבען.

54 וַתָּרִץ אֶת־גֻּלְגָּלְתּוֹ׃ וַיִּקְרָא מְהֵרָה אֶל־הַנַּעַר ׀ נֹשֵׂא כֵלָיו
וַיֹּאמֶר לוֹ שְׁלֹף חַרְבְּךָ וּמוֹתְתֵנִי פֶּן־יֹאמְרוּ לִי אִשָּׁה הֲרָגָתְהוּ
נה וַיִּדְקְרֵהוּ נַעֲרוֹ וַיָּמֹת׃ וַיִּרְאוּ אִישׁ־יִשְׂרָאֵל כִּי־מֵת אֲבִימֶלֶךְ
56 וַיֵּלְכוּ אִישׁ לִמְקֹמוֹ׃ וַיָּשֶׁב אֱלֹהִים אֵת רָעַת אֲבִימֶלֶךְ
57 אֲשֶׁר עָשָׂה לְאָבִיו לַהֲרֹג אֶת־שִׁבְעִים אֶחָיו׃ וְאֵת כָּל־רָעַת
אַנְשֵׁי שְׁכֶם הֵשִׁיב אֱלֹהִים בְּרֹאשָׁם וַתָּבֹא אֲלֵיהֶם קִלְלַת
יוֹתָם בֶּן־יְרֻבָּעַל׃

## ף CAP. X. י

א וַיָּקָם אַחֲרֵי אֲבִימֶלֶךְ לְהוֹשִׁיעַ אֶת־יִשְׂרָאֵל תּוֹלָע בֶּן־פּוּאָה
בֶּן־דּוֹדוֹ אִישׁ יִשָּׂשכָר וְהוּא־יֹשֵׁב בְּשָׁמִיר בְּהַר אֶפְרָיִם׃
2 וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל עֶשְׂרִים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה וַיָּמָת וַיִּקָּבֵר
3 בְּשָׁמִיר׃ וַיָּקָם אַחֲרָיו יָאִיר הַגִּלְעָדִי וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל
4 עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה׃ וַיְהִי־לוֹ שְׁלֹשִׁים בָּנִים רֹכְבִים עַל־
שְׁלֹשִׁים עֲיָרִים וּשְׁלֹשִׁים עֲיָרִים לָהֶם לָהֶם יִקְרְאוּ ׀ חַוֺּת
ה יָאִיר עַד הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ הַגִּלְעָד׃ וַיָּמָת יָאִיר
6 וַיִּקָּבֵר בְּקָמוֹן׃ וַיֹּסִפוּ ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה וַיַּעַבְדוּ אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־הָעַשְׁתָּרוֹת וְאֶת־
אֱלֹהֵי אֲרָם וְאֶת־אֱלֹהֵי צִידוֹן וְאֵת ׀ אֱלֹהֵי מוֹאָב וְאֵת אֱלֹהֵי
בְנֵי־עַמּוֹן וְאֵת אֱלֹהֵי פְלִשְׁתִּים וַיַּעַזְבוּ אֶת־יְהוָה וְלֹא
7 עֲבָדוּהוּ׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּמְכְּרֵם בְּיַד פְּלִשְׁתִּים
8 וּבְיַד בְּנֵי עַמּוֹן׃ * וַיִּרְעֲצוּ וַיְרֹצְצוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּשָּׁנָה
הַהִיא שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה שָׁנָה אֶת־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּעֵבֶר
9 הַיַּרְדֵּן בְּאֶרֶץ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בַּגִּלְעָד׃ וַיַּעַבְרוּ בְנֵי־עַמּוֹן
אֶת־הַיַּרְדֵּן לְהִלָּחֵם גַּם־בִּיהוּדָה וּבְבִנְיָמִין וּבְבֵית אֶפְרָיִם
י וַתֵּצֶר לְיִשְׂרָאֵל מְאֹד׃ וַיִּזְעֲקוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה לֵאמֹר
חָטָאנוּ לָךְ וְכִי עָזַבְנוּ אֶת־אֱלֹהֵינוּ וַנַּעֲבֹד אֶת־הַבְּעָלִים׃
11 וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֲלֹא מִמִּצְרַיִם וּמִן

האמרי

ף v. 8. חצי הספר בפסוקים

54 ער האָט שנעל צוגערופען דעם אינגעל, וואָס האָט איהם נאָכגעטראָגען זיינע וואפען, און האָט צו איהם געזאָגט: „ציה ארויס דיין שווערד און טוידט מיר! אום מען זאָל ניט זאָגען: „אַ פרוי האָט איהם ערשלאָגען!" דער אינגעל האָט איהם געשטאָכען און ער איז געשטאָרבען.

55 אַז די מענער פון ישראל האָבען דערזעהען אַז אבימלך איז טוידט, זיינען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדער צו זיין אָרט.

56 דערמיט האָט גאָט צוריקגעצאָהלט פאר דאָס שלעכטס וואָס אבימלך האָט געטהאָן צו זיין פאטער'ס פאמיליע, ערשלאָגענדיג זיינע זיעבציג ברידער.

57 אויך די שלעכטע טהאטען פון די שכם איינוואוינער האָט גאָט אויף זייערע קעפּ געבראכט — עס איז זיי אָנגעקומען די קללה פון יותם ירבעל'ס זוהן.

## קאַפּיטעל י

1 נאָך אבימלך'ן איז אויפגעשטאַנען צו רעטען ישראל תולע פואה'ס זוהן (זוהן פון דודו) פון שטאַם יששכר, ער האָט געוואוינט אין שמיר, אויפ'ן בארג אפרים.

2 ער האָט געריכטעט ישראל דריי־און־צוואַנציג יאָהר; אַז ער איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין שמיר.

3 נאָך איהם איז געוועזען יאיר פון גלעד, ער האָט געריכטעט ישראל צוויי־און־צוואַנציג יאָהר.

4 ער האָט געהאַט דרייסיג זיהן, זיי האָבען געריטען אויף דרייסיג יונגע עזלען און האָבען בעזעסען דרייסיג שטעדט. [נאָך היינט רופט מען זיי „יאיר'ס דערפער" וואָס אינ'ם פראָווינץ גלעד.]

5 אַז יאיר איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין קמון.

6 די קינדער ישראל האָבען ווידער געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען: זיי האָבען געדיענט ביעל־געצען, עשתרות, אויך די געטער פון ארם, צידון, מואב, עמון און פלשתים. גאָט האָבען זיי פערלאָזען און ניט געדיענט איהם.

7 דאַן האָט גאָט'ס צאָרען געברענט אויף ישראל און ער האָט זיי איבערגעגעבען אין די האַנד פון פלשתים און עמון.

8 זיי האָבען געפּייניגט און אונטערדריקט די קינדער ישראל אין יענעם יאָהר, גאַנצע אכצעהן יאָהר — גאַנץ ישראל וואָס ביים זייט ירדן, אינ'ם לאַנד פון אמרי וואָס אין גלעד.

9 די עמונים זיינען אריבער דעם ירדן אום צו שטרייטען אויף קעגען יהודה, בנימין און אפרים; ישראל האָט פון זיי זעהר געליטען.

10 אַז די קינדער ישראל האָבען געשריען צו גאָט זאָגענדיג: מיר האָבען קעגען דיר געזינדיגט, און דאָס איז אונזער שטראָף ווייל מיר האָבען גאָט פערלאָזען און געדיענט די בעל־געצען".

11 אָבער גאָט האָט געזאָגט צו די קינדער ישראל: „**האָב איך אייך ניט** געראטעט פון מצרים, אמרי, עמון, פלשתים?

12 הָאֱמֹרִי מִבְּנֵי עַמּוֹן וּמִפְּלִשְׁתִּים׃ וְצִידוֹנִים וַעֲמָלֵק
וּמָעוֹן לָחֲצוּ אֶתְכֶם וַתִּצְעֲקוּ אֵלַי וָאוֹשִׁיעָה אֶתְכֶם מִיָּדָם׃
13 וְאַתֶּם עֲזַבְתֶּם אוֹתִי וַתַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים לָכֵן לֹא־
14 אוֹסִיף לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם׃ לְכוּ וְזַעֲקוּ אֶל־הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר
טו בְּחַרְתֶּם בָּם הֵמָּה יוֹשִׁיעוּ לָכֶם בְּעֵת צָרַתְכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה חָטָאנוּ עֲשֵׂה־אַתָּה לָנוּ כְּכָל־הַטּוֹב
16 בְּעֵינֶיךָ אַךְ הַצִּילֵנוּ נָא הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיָּסִירוּ אֶת־אֱלֹהֵי
הַנֵּכָר מִקִּרְבָּם וַיַּעַבְדוּ אֶת־יְהוָה וַתִּקְצַר נַפְשׁוֹ בַּעֲמַל
17 יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּצָּעֲקוּ בְּנֵי עַמּוֹן וַיַּחֲנוּ בַּגִּלְעָד וַיֵּאָסְפוּ בְּנֵי
18 יִשְׂרָאֵל וַיַּחֲנוּ בַּמִּצְפָּה׃ וַיֹּאמְרוּ הָעָם שָׂרֵי גִלְעָד אִישׁ
אֶל־רֵעֵהוּ מִי הָאִישׁ אֲשֶׁר יָחֵל לְהִלָּחֵם בִּבְנֵי עַמּוֹן יִהְיֶה
לְרֹאשׁ לְכֹל יֹשְׁבֵי גִלְעָד׃

## CAP. XI. יא

יא

א וְיִפְתָּח הַגִּלְעָדִי הָיָה גִּבּוֹר חַיִל וְהוּא בֶּן־אִשָּׁה זוֹנָה וַיּוֹלֶד
2 גִּלְעָד אֶת־יִפְתָּח׃ וַתֵּלֶד אֵשֶׁת־גִּלְעָד לוֹ בָּנִים וַיִּגְדְּלוּ
בְנֵי־הָאִשָּׁה וַיְגָרְשׁוּ אֶת־יִפְתָּח וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֹא־תִנְחַל בְּבֵית־
3 אָבִינוּ כִּי בֶּן־אִשָּׁה אַחֶרֶת אָתָּה׃ וַיִּבְרַח יִפְתָּח מִפְּנֵי
אֶחָיו וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ טוֹב וַיִּתְלַקְּטוּ אֶל־יִפְתָּח אֲנָשִׁים רֵיקִים
4 וַיֵּצְאוּ עִמּוֹ׃ וַיְהִי מִיָּמִים וַיִּלָּחֲמוּ בְנֵי־עַמּוֹן עִם־יִשְׂרָאֵל׃
ה וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־נִלְחֲמוּ בְנֵי־עַמּוֹן עִם־יִשְׂרָאֵל וַיֵּלְכוּ זִקְנֵי גִלְעָד
6 לָקַחַת אֶת־יִפְתָּח מֵאֶרֶץ טוֹב׃ וַיֹּאמְרוּ לְיִפְתָּח לְכָה
7 וְהָיִיתָה לָּנוּ לְקָצִין וְנִלָּחֲמָה בִּבְנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמֶר יִפְתָּח
לְזִקְנֵי גִלְעָד הֲלֹא אַתֶּם שְׂנֵאתֶם אוֹתִי וַתְּגָרְשׁוּנִי מִבֵּית
8 אָבִי וּמַדּוּעַ בָּאתֶם אֵלַי עַתָּה כַּאֲשֶׁר צַר לָכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ
זִקְנֵי גִלְעָד אֶל־יִפְתָּח לָכֵן עַתָּה שַׁבְנוּ אֵלֶיךָ וְהָלַכְתָּ עִמָּנוּ
וְנִלְחַמְתָּ בִּבְנֵי עַמּוֹן וְהָיִיתָ לָּנוּ לְרֹאשׁ לְכֹל יֹשְׁבֵי גִלְעָד׃
9 וַיֹּאמֶר יִפְתָּח אֶל־זִקְנֵי גִלְעָד אִם־מְשִׁיבִים אַתֶּם אוֹתִי

להלחם

יא v. 1. הפטרת חקת

12 אויך ווען די צידונים, עמלק און מעון האָבען אייך געדריקט, האָט איהר
צו מיר געשריעען און איך האָב אייך געהאָלפען פון זייערע הענד,
13 און נאָך דעם האָט איהר מיך פערלאָזען און געדיענט אַנדערע געטער —
דערפאר וועל איך אייך מעהר ניט העלפען!
14 געהט און שרייט צו די געטער וואָס איהר האָט אייך אויסערוועהלט;
זאָלען זיי אייך העלפען אויך ווען איהר זייט אונטערדריקט."
15 דאן האָבען די קינדער ישראל געזאָגט צו גאָט: „מיר האָבען געזינדיגט,
טהו מיט אונז וואָס דו ווילסט, נאָר העלף אונז היינט!"
16 זיי האָבען אָבגעשאפט די פרעמדע געטער פון זיי און געדיענט בלויז גאָט,
דאן אין זיין צאָרן אוועק צוליעב די ליידען פון ישראל.
17 די ארמעען פון עמון האָבען זיך פערזאמעלט און געלאגערט אין גלעד,
די קינדער ישראל האָבען זיך צונויפגעקליבען און געלאגערט אין מצפה.
18 דאָס פאָלק האָט געזאָגט איינער צום אנדערן: ווער פון די אנפיהרער פון
גלעד וואָס וועט אנפאנגען שטרייטען קעגען עמון דער וועט זיין דער
הויפט־מאַן איבער אַלע איינוואוינער פון גלעד.

## קאַפיטעל יא

1 יפתח דער גלעד'ער איז געווען אַ העלדישער מאַן (ער איז געווען דער זוהן
פון אַ גאסען־פרוי), גלעד האָט ערצויגען יפתח'ן.
2 אַז גלעד'ס פרוי האָט איהם געבוירען זיהן און זיי זיינען אויסגעוואַקסען,
האָבען זיי יפתח'ן אַרויסגעטריעבען, זיי האָבען צו איהם געזאָגט: „דו
קענסט ניט וואוינען אין אונזער פאטער'ס הויז — דו ביזט אַ זוהן פון אַ
גאַנץ אנדער פרוי."
3 איז יפתח ענטלאָפען פון זיינע ברידער און האָט זיך בעזעצט אינ'ם לאנד
טוב; צו איהם האָבען זיך צונויפגעקליבען מענשען ליידיג־געהער און
לייכטזיניגע און זיינען אַוועק מיט איהם.
4 אין פערלויף פון צייט האָבען די עמונים געשטריטען מיט ישראל;
5 דאן, ווען עמון האָט געשטריטען מיט ישראל, זיינען די עלטסטע פון
גלעד געגאנגען ברענגען יפתח'ן פונ'ם לאנד טוב.
6 זיי האָבען צו יפתח'ן געזאָגט: „קום, ווער אונזער אנפיהרער און מיר
וועלען שטרייטען מיט די עמונים".
7 אָבער יפתח האָט געזאָגט צו די עלטסטע פון גלעד: „איהר האָסט מיך
דאָך און האָט מיך ארויסגעטריעבען פון מיין פאטער'ס הויז, ווארום זשע
זייט איהר געקומען צו מיר יעצט ווען אייך איז שלעכט?"
8 האָבען די עלטסטע פון גלעד געזאָגט צו יפתח'ן: „ווייל מיר זיינען
יעצט צו דיר געקומען, דארפסטו געהן מיט אונז; דו וועסט אנפיהרען
דעם שטרייט קעגען עמון און וועסט ווערען ביי אונז, ביי אַלע איינוואוי־
נער פון גלעד, דער הויפט־אנפיהרער."
9 דאן האָט יפתח געענטפערט די עלטסטע פון גלעד: „אַז איהר נעהמט

לְהִלָּחֵם בִּבְנֵי עַמּוֹן וְנָתַן יְהוָה אוֹתָם לְפָנָי אָנֹכִי אֶהְיֶה
לָכֶם לְרֹאשׁ׃ וַיֹּאמְרוּ זִקְנֵי־גִלְעָד אֶל־יִפְתָּח יְהוָה יִהְיֶה י
שֹׁמֵעַ בֵּינוֹתֵינוּ אִם־לֹא כִדְבָרְךָ כֵּן נַעֲשֶׂה׃ וַיֵּלֶךְ יִפְתָּח 11
עִם־זִקְנֵי גִלְעָד וַיָּשִׂימוּ הָעָם אוֹתוֹ עֲלֵיהֶם לְרֹאשׁ וּלְקָצִין
וַיְדַבֵּר יִפְתָּח אֶת־כָּל־דְּבָרָיו לִפְנֵי יְהוָה בַּמִּצְפָּה׃
וַיִּשְׁלַח יִפְתָּח מַלְאָכִים אֶל־מֶלֶךְ בְּנֵי־עַמּוֹן לֵאמֹר מַה־לִּי 12
וָלָךְ כִּי־בָאתָ אֵלַי לְהִלָּחֵם בְּאַרְצִי׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ בְּנֵי־ 13
עַמּוֹן אֶל־מַלְאֲכֵי יִפְתָּח כִּי־לָקַח יִשְׂרָאֵל אֶת־אַרְצִי בַּעֲלוֹתוֹ
מִמִּצְרַיִם מֵאַרְנוֹן וְעַד־הַיַּבֹּק וְעַד־הַיַּרְדֵּן וְעַתָּה הָשִׁיבָה
אֶתְהֶן בְּשָׁלוֹם׃ וַיּוֹסֶף עוֹד יִפְתָּח וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל־ 14
מֶלֶךְ בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה אָמַר יִפְתָּח לֹא־לָקַח טו
יִשְׂרָאֵל אֶת־אֶרֶץ מוֹאָב וְאֶת־אֶרֶץ בְּנֵי עַמּוֹן׃ כִּי בַּעֲלוֹתָם 16
מִמִּצְרָיִם וַיֵּלֶךְ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר עַד־יַם־סוּף וַיָּבֹא קָדֵשָׁה׃
וַיִּשְׁלַח יִשְׂרָאֵל מַלְאָכִים ׀ אֶל־מֶלֶךְ אֱדוֹם לֵאמֹר אֶעְבְּרָה־ 17
נָּא בְאַרְצֶךָ וְלֹא שָׁמַע מֶלֶךְ אֱדוֹם וְגַם אֶל־מֶלֶךְ מוֹאָב
שָׁלַח וְלֹא אָבָה וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּקָדֵשׁ׃ וַיֵּלֶךְ בַּמִּדְבָּר 18
וַיָּסָב אֶת־אֶרֶץ אֱדוֹם וְאֶת־אֶרֶץ מוֹאָב וַיָּבֹא מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ
לְאֶרֶץ מוֹאָב וַיַּחֲנוּן בְּעֵבֶר אַרְנוֹן וְלֹא־בָאוּ בִּגְבוּל מוֹאָב
כִּי אַרְנוֹן גְּבוּל מוֹאָב׃ וַיִּשְׁלַח יִשְׂרָאֵל מַלְאָכִים אֶל־ 19
סִיחוֹן מֶלֶךְ־הָאֱמֹרִי מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן וַיֹּאמֶר לוֹ יִשְׂרָאֵל
נַעְבְּרָה־נָּא בְאַרְצְךָ עַד־מְקוֹמִי׃ וְלֹא־הֶאֱמִין סִיחוֹן אֶת־ כ
יִשְׂרָאֵל עֲבֹר בִּגְבֻלוֹ וַיֶּאֱסֹף סִיחוֹן אֶת־כָּל־עַמּוֹ וַיַּחֲנוּ
בְּיָהְצָה וַיִּלָּחֶם עִם־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּתֵּן יְהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל 21
אֶת־סִיחוֹן וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ בְּיַד יִשְׂרָאֵל וַיַּכּוּם וַיִּירַשׁ יִשְׂרָאֵל
אֵת כָּל־אֶרֶץ הָאֱמֹרִי יוֹשֵׁב הָאָרֶץ הַהִיא׃ וַיִּירְשׁוּ אֵת 22
כָּל־גְּבוּל הָאֱמֹרִי מֵאַרְנוֹן וְעַד־הַיַּבֹּק וּמִן־הַמִּדְבָּר וְעַד־
הַיַּרְדֵּן׃ וְעַתָּה יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הוֹרִישׁ אֶת־הָאֱמֹרִי 23
מִפְּנֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל וְאַתָּה תִּירָשֶׁנּוּ׃ הֲלֹא אֵת אֲשֶׁר יוֹרִישְׁךָ 24

כמויש

מיך יעצט צוריק אום צו שטרייטען מיט עמון איז אז גאָט וועט זיי אי־
בערגעבען אין אייער האנד, וועל איך נאָכדעם ביי אייך זיין א הויפּט־
אנפיהרער ? !"

10 האָבען די עלטסטע פון גלעד געזאָגט צו יפתח'ן : „גאָט הערט אונז אלע־
מען ! — מיר וועלען טהאָן אלץ וואָס דו וועסט זאָגען."

11 יפתח איז געגאנגען מיט די עלטסטע פון גלעד און דאָס פאָלק האָט איהם
אָנגענומען אלס זייער הויפּטמאַן און אנפיהרער. דאן האָט יפתח מיט זיי
געשלאָסען אן אָבמאַך אין גאָט'ס הויז, אין מצפּה.

12 און יפתח האָט געשיקט לייטע צום קעניג פון עמון איהם צו זאָגען :
„וואָס האָבען מיר איינער צום אַנדערן אז דו ביזט געקומען צו מיר
שטרייטען קעגען מיין לאנד ?"

13 דער קעניג פון עמון האָט געענטפערט יפתח'ס לייטע : „ווייל געהענדיג
פון מצרים האָט ישראל מיין לאנד פערנומען פון ארנון ביז יבק און ירדן ;
אלזאָ גיב עס מיר אָב פריעדליך."

14 דאן האָט יפתח ווידער געשיקט צום קעניג פון עמון מען זאָל איהם זאָגען :

15 „אזוי האָט יפתח געזאָגט — ישראל האָט קיין מאָל ניט גענומען דאָס
לאנד פון מואב אָדער עמון,

16 ארויסגעהענדיג פון מצרים איז ישראל געגאנגען דורכ'ן מדבר ביז'ן ים
סוף. אז ער איז געקומען אין קדש

17 האָט ישראל געשיקט לייטע צום קעניג פון אדום זאָגענדיג : „איך וויל
דורכגעהן דיין לאנד !" אָבער דער קעניג פון אדום האָט ניט איינגע־
שטימט. ער האָט אויך געשיקט צום קעניג פון מואב און יענער האָט אויך
ניט ערלויבט, איז ישראל פערבליעבען אין קדש.

18 פון דאָרט איז עס אוועק מיט'ן מדבר און ארומגעגאנגען דאָס לאנד אדום
און מואב, עס איז צוגעגאנגען ביז'ן מזרח־זייט פון מואב'ס לאנד און
געלאגערט ביים ברעג ארנון — אין גרענעץ פון מואב זיינען זיי ניט
אריין, דען ארנון איז אויף מואב'ס גרענעץ.

19 דאן האָט ישראל געשיקט לייטע צו סיחון קעניג פון אמרי און חשבון,
ישראל האָט איהם געשיקט זאָגען : „קען איך דורכגעהן דיין לאנד אום
צו קומען צו מיין אָרט ?"

20 סיחון האָט ניט געטרויט ישראל זיין גרענעץ אריבערגעהן ; סיחון האָט
פערזאמעלט זיין גאנצע פאָלק, זיי האָבען געלאגערט ביי יהצה און גע־
שטריטען מיט ישראל.

21 אָבער דער גאָט פון ישראל האָט איבערגעגעבען סיחון מיט זיין גאנצע
פאָלק אין האַנד פון ישראל, זיי האָבען זיי געשלאגען און ישראל האָט
צוגענומען דעם גאנצען גרענעץ פון אמרי, וואָס האָט בעוואוינט יענע
לאַנד.

22 זיי האָבען צוגענומען דעם גאנצען בעזיץ פון אמרי — פון ארנון ביז יבק,
און פון מדבר ביז'ן ירדן.

23 אלזאָ, דער גאָט פון ישראל האָט פערטריעבען דעם אמרי צוליעב זיין פאָלק
ישראל, און דו ווילסט דאָס יעצט צונעהמען !

24 בלייבט ניט ביי דיר וואָס דיין גאָט כמוש העלפט דיר אבצונעהמען ?

כְּמוֹשׁ אֱלֹהֶיךָ אוֹתוֹ תִירָשׁ וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר הוֹרִישׁ יְהוָה
כה אֱלֹהֵינוּ מִפָּנֵינוּ אוֹתוֹ נִירָשׁ׃ וְעַתָּה הֲטוֹב טוֹב אַתָּה
מִבָּלָק בֶּן־צִפּוֹר מֶלֶךְ מוֹאָב הֲרֹב רָב עִם־יִשְׂרָאֵל אִם־
26 נִלְחֹם נִלְחַם בָּם׃ בְּשֶׁבֶת יִשְׂרָאֵל בְּחֶשְׁבּוֹן וּבִבְנוֹתֶיהָ
וּבְעַרְעוֹר וּבִבְנוֹתֶיהָ וּבְכָל־הֶעָרִים אֲשֶׁר עַל־יְדֵי אַרְנוֹן
27 שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וּמַדּוּעַ לֹא־הִצַּלְתֶּם בָּעֵת הַהִיא׃ וְאָנֹכִי
לֹא־חָטָאתִי לָךְ וְאַתָּה עֹשֶׂה אִתִּי רָעָה לְהִלָּחֶם בִּי יִשְׁפֹּט
28 יְהוָה הַשֹּׁפֵט הַיּוֹם בֵּין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבֵין בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְלֹא
שָׁמַע מֶלֶךְ בְּנֵי עַמּוֹן אֶל־דִּבְרֵי יִפְתָּח אֲשֶׁר שָׁלַח אֵלָיו׃
29 וַתְּהִי עַל־יִפְתָּח רוּחַ יְהוָה וַיַּעֲבֹר אֶת־הַגִּלְעָד וְאֶת־
מְנַשֶּׁה וַיַּעֲבֹר אֶת־מִצְפֵּה גִלְעָד וּמִמִּצְפֵּה גִלְעָד עָבַר בְּנֵי
ל עַמּוֹן׃ וַיִּדַּר יִפְתָּח נֶדֶר לַיהוָה וַיֹּאמַר אִם־נָתוֹן תִּתֵּן אֶת־
31 בְּנֵי עַמּוֹן בְּיָדִי׃ וְהָיָה הַיּוֹצֵא אֲשֶׁר יֵצֵא מִדַּלְתֵי בֵיתִי
לִקְרָאתִי בְּשׁוּבִי בְשָׁלוֹם מִבְּנֵי עַמּוֹן וְהָיָה לַיהוָה
32 וְהַעֲלִיתִיהוּ עוֹלָה׃ וַיַּעֲבֹר יִפְתָּח אֶל־בְּנֵי עַמּוֹן לְהִלָּחֶם
33 בָּם וַיִּתְּנֵם יְהוָה בְּיָדוֹ׃ וַיַּכֵּם מֵעֲרוֹעֵר וְעַד־בּוֹאֲךָ מִנִּית
עֶשְׂרִים עִיר וְעַד אָבֵל כְּרָמִים מַכָּה גְּדוֹלָה מְאֹד וַיִּכָּנְעוּ
34 בְּנֵי עַמּוֹן מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹא יִפְתָּח הַמִּצְפָּה
אֶל־בֵּיתוֹ וְהִנֵּה בִתּוֹ יֹצֵאת לִקְרָאתוֹ בְּתֻפִּים וּבִמְחֹלוֹת
לה וְרַק הִיא יְחִידָה אֵין־לוֹ מִמֶּ*נּוּ בֵּן אוֹ־בַת׃ וַיְהִי כִרְאוֹתוֹ
אוֹתָהּ וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו וַיֹּאמֶר אֲהָהּ בִּתִּי הַכְרֵעַ הִכְרַעְתִּנִי
וְאַתְּ הָיִית בְּעֹכְרָי וְאָנֹכִי פָּצִיתִי פִי אֶל־יְהוָה וְלֹא אוּכַל
36 לָשׁוּב׃ וַתֹּאמֶר אֵלָיו אָבִי פָּצִיתָה אֶת־פִּיךָ אֶל־יְהוָה
עֲשֵׂה לִי כַּאֲשֶׁר יָצָא מִפִּיךָ אַחֲרֵי אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ יְהוָה
37 נְקָמוֹת מֵאֹיְבֶיךָ מִבְּנֵי עַמּוֹן׃ וַתֹּאמֶר אֶל־אָבִיהָ יֵעָשֶׂה
לִּי הַדָּבָר הַזֶּה הַרְפֵּה מִמֶּנִּי שְׁנַיִם חֳדָשִׁים וְאֵלְכָה וְיָרַדְתִּי
38 עַל־הֶהָרִים וְאֶבְכֶּה עַל־בְּתוּלַי אָנֹכִי וְרֵעִיֹתָי׃ וַיֹּאמֶר לֵכִי

וישלח

v. 33. ע״כ  v. 34. סבירין ממנה  v. 37. ורעותי קרי

אזוי איז וואָס אונזער גאָט האָט פאַר אונז צוגענומען וועלען מיר בע־
זיצען!"

25 ביזטו דען בעסער פון בלק, צפּור'ס זוהן, קעניג פון מואב? האָט ער
קריעג געפיהרט מיט ישראל? האָט ער מיט זיי געשטריטען?

26 ווען ישראל איז געזעסען אין חשבון און איהרע דערפער, אין ערעור און
איהרע דערפער און אין אלע שטעדט וואָס אַרום ארנון — אַ צייט פון
דריי הונדערט יאָהר — פאַרוואָס האָט איהר דאָס דאַן ניט אָבגענומען?

27 איך פערזענליך האָב קעגען דיר ניט פערבראָכען און דו בעהאַנדעלסט
מיך שלעכט און ווילסט מיט מיר שטרייטען; זאָל גאָט, דער ריכטיגער
ריכטער, אורטהיילען היינט צווישען די קינדער פון ישראל און די קינ־
דער פון עמון!"

28 דער קעניג פון עמון האָט ניט געהערט צו יפתח'ס רייד וואָס ער האָט צו
איהם געשיקט.

29 דאַן האָט גאָט'ס גייסט ערמוטהיגט יפתח'ן און ער איז דורכגעגאַנגען
גלעד און מנשה; ער איז אויך אַוועק אין מצפּה (גלעד) און פון מצפּה
איז ער אוועק צו עמון.

30 יפתח האָט אַ צוזאָג געגעבען פאַר גאָט זאָגענדיג: „אויב דו וועסט געבען
עמון אין מיין האַנד,

31 איז דער ערשטער וואָס וועט אַרויסגעהן פון מיין הויז־טהיר מיר אנט־
קעגען, ווען איך וועל אַלס בעזיעגער קומען פון עמון, וועט יענער צו
גאָט בעלאַנגען, ווי איך וואָלט איהם אַלס גאַנץ־אָפּפער ברענגען!"

32 יפתח איז אוועק שטרייטען קעגען עמון, און גאָט האָט זיי געגעבען אין
זיין האַנד —

33 ער האָט זיי געשלאָגען פון ערוער ביז'ן וועג פון מנית — צוואַנציג
שטעדט, ביז'ן פּלאַץ פון די וויינגערטנער, זעהר אַ גרויסע ניעדערלאַגע.
דאַן זיינען עמון ניעדערגעבויגען געוואָרען פאַר ישראל.

34 אַז יפתח איז געקומען צו זיין הויז איז זיין טאָכטער אַרויס איהם אנט־
קעגען מיט פּויקען און טענץ [זי איז אַן איין־איינציגע געווען ביי איהם,
אויסער איהר האָט ער ניט געהאַט ניט קיין זוהן און ניט קיין טעכטער.]

35 אַז ער האָט איהר דערזעהען האָט ער צוריסען זיינע קליידער און גע־
זאָגט: „וועה, מיין טאָכטער! דו האָסט מיר פון די פיס אַראָבגע־
שלאָגען און דו ביזט מיין אונגליק געוואָרען. איך האָב מיט מיין מויל
גאָט צוגעזאָגט און קען ניט צוריק ציהען!"

36 זי האָט איהם אָבער געענטפערט: פאָטער מיינער! אויב דו האָסט
וואָס גאָט פערשפּראָכען, טהו, זאָגאר מיט מיר, דאָס וואָס דו האָסט
גערעדט! נאָכדעם ווען גאָט האָט דורך דיר ראַכע גענומען פון דיינע
פיינד, פון עמון!"

37 זי האָט געזאָגט צו איהר פאָטער: „זאָל עס אויסגעפיהרט ווערען אויף
מיר! לאָז מיר אָב אויף צוויי מאָנאַטען, איך וועל געהן מיט מיינע פריינ־
דינען אויף די בערג פון דאָרטען וועל איך אַראָבגעהן און בעווינען מיין
יוגענד."

38 האָט ער צו איהר געזאָגט: „געה!" און ער האָט איהר אוועקגעשיקט

וַיִּשְׁלַח אוֹתָהּ שְׁנֵי חֳדָשִׁים וַתֵּלֶךְ הִיא וְרֵעוֹתֶיהָ וַתֵּבְךְּ
עַל־בְּתוּלֶיהָ עַל־הֶהָרִים׃ וַיְהִי מִקֵּץ ׀ שְׁנַיִם חֳדָשִׁים 39
וַתָּשָׁב אֶל־אָבִיהָ וַיַּעַשׂ לָהּ אֶת־נִדְרוֹ אֲשֶׁר נָדָר וְהִיא
לֹא־יָדְעָה אִישׁ וַתְּהִי־חֹק בְּיִשְׂרָאֵל׃ מִיָּמִים ׀ יָמִימָה מ
תֵּלַכְנָה בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל לְתַנּוֹת לְבַת־יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי אַרְבַּעַת
יָמִים בַּשָּׁנָה׃

## יב Cap. XII. יב

וַיִּצָּעֵק אִישׁ אֶפְרַיִם וַיַּעֲבֹר צָפוֹנָה וַיֹּאמְרוּ לְיִפְתָּח מַדּוּעַ ׀ א
עָבַרְתָּ ׀ לְהִלָּחֵם בִּבְנֵי־עַמּוֹן וְלָנוּ לֹא קָרָאתָ לָלֶכֶת עִמָּךְ
בֵּיתְךָ נִשְׂרֹף עָלֶיךָ בָּאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר יִפְתָּח אֲלֵיהֶם אִישׁ רִיב 2
הָיִיתִי אֲנִי וְעַמִּי וּבְנֵי־עַמּוֹן מְאֹד וָאֶזְעַק אֶתְכֶם וְלֹא־הוֹשַׁעְתֶּם
אוֹתִי מִיָּדָם׃ וָאֶרְאֶה כִּי־אֵינְךָ מוֹשִׁיעַ וָאָשִׂימָה נַפְשִׁי 3
בְכַפִּי וָאֶעְבְּרָה אֶל־בְּנֵי עַמּוֹן וַיִּתְּנֵם יְהוָה בְּיָדִי וְלָמָּה
עֲלִיתֶם אֵלַי הַיּוֹם הַזֶּה לְהִלָּחֶם בִּי׃ וַיִּקְבֹּץ יִפְתָּח אֶת־ 4
כָּל־אַנְשֵׁי גִלְעָד וַיִּלָּחֶם אֶת־אֶפְרָיִם וַיַּכּוּ אַנְשֵׁי גִלְעָד אֶת־
אֶפְרַיִם כִּי אָמְרוּ פְּלִיטֵי אֶפְרַיִם אַתֶּם גִּלְעָד בְּתוֹךְ אֶפְרַיִם
בְּתוֹךְ מְנַשֶּׁה׃ וַיִּלְכֹּד גִּלְעָד אֶת־מַעְבְּרוֹת הַיַּרְדֵּן לְאֶפְרָיִם ה
וְהָיָה כִּי יֹאמְרוּ פְּלִיטֵי אֶפְרַיִם אֶעֱבֹרָה וַיֹּאמְרוּ לוֹ אַנְשֵׁי־
גִלְעָד הַאֶפְרָתִי אַתָּה וַיֹּאמֶר לֹא׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ אֱמָר־נָא 6
שִׁבֹּלֶת וַיֹּאמֶר סִבֹּלֶת וְלֹא יָכִין לְדַבֵּר כֵּן וַיֹּאחֲזוּ אוֹתוֹ
וַיִּשְׁחָטוּהוּ אֶל־מַעְבְּרוֹת הַיַּרְדֵּן וַיִּפֹּל בָּעֵת הַהִיא מֵאֶפְרַיִם
אַרְבָּעִים וּשְׁנַיִם אָלֶף׃ וַיִּשְׁפֹּט יִפְתָּח אֶת־יִשְׂרָאֵל שֵׁשׁ 7
שָׁנִים וַיָּמָת יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי וַיִּקָּבֵר בְּעָרֵי גִלְעָד׃
וַיִּשְׁפֹּט אַחֲרָיו אֶת־יִשְׂרָאֵל אִבְצָן מִבֵּית לָחֶם׃ וַיְהִי־לוֹ 8 9
שְׁלֹשִׁים בָּנִים וּשְׁלֹשִׁים בָּנוֹת שִׁלַּח הַחוּצָה וּשְׁלֹשִׁים
בָּנוֹת הֵבִיא לְבָנָיו מִן־הַחוּץ וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל שֶׁבַע
שָׁנִים׃ וַיָּמָת אִבְצָן וַיִּקָּבֵר בְּבֵית לָחֶם׃ וַיִּשְׁפֹּט אַחֲרָיו י 11

אֶת־

י״ב v. 3. ואשימה כתיב וקרי

אויף צוויי מאָנאַטען, זי איז געגאַנגען מיט איהרע פריינדינען ביז די
בערג און האָט דאָרט בעוויינט איהר יוגענד.

39 נאָך די צוויי מאָנאַטען איז זי צוריקגעקומען צו איהר פאָטער, דערמיט
האָט ער אויף איהר ערפילט דעם צוזאָג וואָס ער האָט געגעבען וואָס זי
איז געבליעבען אונפערהייראַט. זי (יפתח׳ס טאָכטער) איז געבליעבען
אונפערגעסליך אין ישראל.

40 פון צייט צו צייט, פיער מאָל אַ יאָהר, פלעגען קומען די טעכטער ישראל׳ס
רעדען מיט דער טאָכטער פון יפתח דעם גלעד׳ער.

## קאפיטעל יב

1 דאן האָבען זיך פערזאַמעלט מענער פון אפרים, זיי זיינען אין געהיים
געקומען און געזאָגט צו יפתח׳ן: „ווייל דו ביזט געגאַנגען שטרייטען
מיט עמון און אונז האָסטו ניט גערופען מיר זאָלען געהן מיט דיר, וועלען
מיר דיין הויז מיט דיר צוזאַמען פערברענען אין פייער!”

2 יפתח האָט זיי געענטפערט: איך און מיין פאָלק האָבען זעהר אַ שווע־
רען שטרייט געהאַט מיט עמון; איך האָב זיך צו אייך געווענדעט און
איהר האָט מיר קענגען זיי קיינע הילף געגעבען,

3 אז איך האָב דערזעהען אַז קיינער העלפט מיר ניט, האָב איך געשטעלט
מיין לעבען אין געפאהר און בין אוועק צו עמון און נאָר איין גאָט האָט
זיי איבערגעגעבען אין מיין האַנד; וואָס אַלזאָ זייט איהר היינט צו מיר
געקומען קריעגען זיך מיט מיר?

4 דאן האָט יפתח צוזאַמענגעקליבען אַלע מענער פון גלעד און האָט גע־
שטריטען קעגען אפרים. די מענער פון גלעד האָבען געשלאָגען די
אפרים׳ער ווייל זיי האָבען געזאָגט: „איהר גלעד׳ער זייט צוזאַמענגעלאָ־
פענע אונטער אפרים אַזוי ווי אונטער מנשה.”

5 די גלעד׳ער האָבען פערכאַפּט אפרים׳ס בריקען איבער׳ן ירדן; און אויב
איינער פון די צולאָפענע פון אפרים פלעגט וועלען אריבערגעהן, פלעגען
די מענער פון גלעד פרעגען: „ביזטו פון אפרים?” און אז ער האָט
געזאָגט: „ניין!”

6 פלעגען זיי איהם הייסען זאָגען: „שבלת!” פלעגט ער זאָגען „סבלת”,
ווייל ער האָט ניט ריכטיג אויסגעשפּראָכען; פלעגען זיי איהם כאַפּען
און קוילען ביים ירדן־בריק. און אין יענער צייט זיינען פון אפרים
געפאַלען צוויי־און־פערציג טויזענד.

7 יפתח האָט געריכטעט ישראל זעקס יאָהר. אז יפתח דער גלעד׳ער איז
געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין איינע פון די שטעדט אין
גלעד.

8 נאָך איהם האָט געריכטעט ישראל אבצן פון בית לחם.

9 ער האָט געהאַט דרייסיג זיהן און דרייסיג טעכטער. די דרייסיג טעכטער
זיינע האָט ער אויסגעגעבען „פון זיך” און דרייסיג טעכטער האָט ער
גענומען „צו זיך” פאר זיינע זיהן. ער איז געווען ריכטער אין ישראל
זיעבען יאָהר.

10 אז אבצן איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין בית לחם.

אֶת־יִשְׂרָאֵל אֵילוֹן הַזְּבוּלֹנִי וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל עֶשֶׂר
12 שָׁנִים׃ וַיָּמָת אֵילוֹן הַזְּבוּלֹנִי וַיִּקָּבֵר בְּאַיָּלוֹן בְּאֶרֶץ זְבוּלֻן׃
13 וַיִּשְׁפֹּט אַחֲרָיו אֶת־יִשְׂרָאֵל עַבְדּוֹן בֶּן־הִלֵּל הַפִּרְעָתוֹנִי׃
14 וַיְהִי־לוֹ אַרְבָּעִים בָּנִים וּשְׁלֹשִׁים בְּנֵי בָנִים רֹכְבִים עַל־
טו שִׁבְעִים עֲיָרִם וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל שְׁמֹנֶה שָׁנִים׃ וַיָּמָת
עַבְדּוֹן בֶּן־הִלֵּל הַפִּרְעָתוֹנִי וַיִּקָּבֵר בְּפִרְעָתוֹן בְּאֶרֶץ אֶפְרַיִם
בְּהַר הָעֲמָלֵקִי׃

## CAP. XIII. יג

יג

א וַיֹּסִפוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיִּתְּנֵם יְהוָה
2 בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ וַיְהִי אִישׁ אֶחָד מִצָּרְעָה
מִמִּשְׁפַּחַת הַדָּנִי וּשְׁמוֹ מָנוֹחַ וְאִשְׁתּוֹ עֲקָרָה וְלֹא יָלָדָה׃
3 וַיֵּרָא מַלְאַךְ־יְהוָה אֶל־הָאִשָּׁה וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ הִנֵּה־נָא אַתְּ־
4 עֲקָרָה וְלֹא יָלַדְתְּ וְהָרִית וְיָלַדְתְּ בֵּן׃ וְעַתָּה הִשָּׁמְרִי נָא
ה וְאַל־תִּשְׁתִּי יַיִן וְשֵׁכָר וְאַל־תֹּאכְלִי כָּל־טָמֵא׃ כִּי הִנָּךְ
הָרָה וְיֹלַדְתְּ בֵּן וּמוֹרָה לֹא־יַעֲלֶה עַל־רֹאשׁוֹ כִּי־נְזִיר
אֱלֹהִים יִהְיֶה הַנַּעַר מִן־הַבָּטֶן וְהוּא יָחֵל לְהוֹשִׁיעַ אֶת־
6 יִשְׂרָאֵל מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַתָּבֹא הָאִשָּׁה וַתֹּאמֶר לְאִישָׁהּ
לֵאמֹר אִישׁ הָאֱלֹהִים בָּא אֵלַי וּמַרְאֵהוּ כְּמַרְאֵה מַלְאַךְ
הָאֱלֹהִים נוֹרָא מְאֹד וְלֹא שְׁאִלְתִּיהוּ אֵי־מִזֶּה הוּא וְאֶת־שְׁמוֹ
7 לֹא־הִגִּיד לִי׃ וַיֹּאמֶר לִי הִנָּךְ הָרָה וְיֹלַדְתְּ בֵּן וְעַתָּה אַל־
תִּשְׁתִּי ׀ יַיִן וְשֵׁכָר וְאַל־תֹּאכְלִי כָּל־טֻמְאָה כִּי־נְזִיר אֱלֹהִים
8 יִהְיֶה הַנַּעַר מִן־הַבֶּטֶן עַד־יוֹם מוֹתוֹ׃ וַיֶּעְתַּר מָנוֹחַ אֶל־
יְהוָה וַיֹּאמַר בִּי אֲדוֹנָי אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר שָׁלַחְתָּ יָבוֹא־
9 נָא עוֹד אֵלֵינוּ וְיוֹרֵנוּ מַה־נַּעֲשֶׂה לַנַּעַר הַיּוּלָּד׃ וַיִּשְׁמַע
הָאֱלֹהִים בְּקוֹל מָנוֹחַ וַיָּבֹא מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים עוֹד אֶל־
הָאִשָּׁה וְהִיא יוֹשֶׁבֶת בַּשָּׂדֶה וּמָנוֹחַ אִישָׁהּ אֵין עִמָּהּ׃
י וַתְּמַהֵר הָאִשָּׁה וַתָּרָץ וַתַּגֵּד לְאִישָׁהּ וַתֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה

נראה

יג v. 6. מלא ר׳ ibid. הל׳ בדגש

11 נאָך איהם האָט געריכטעט ישראל אילון פון שטאַם זבולון, ער איז געוועזן
ריכטער אין ישראל צעהן יאָהר.

12 אַז אילון, פון שטאַם זבולון, איז געשטאָרבען, האָט מען איהם בעערדיגט
אין אילון, אינ'ם לאַנד פון זבולון.

13 נאָך איהם האָט געריכטעט ישראל עבדון, הלל'ס זוהן, פון פרעתון.

14 ער האָט געהאַט פערציג זיהן און דרייסיג אייניקלעך, זיי האָבען געריי־
טען אויף זיעבציג יונגע עזלען. ער איז געוועזן ריכטער אין ישראל אַכט
יאָהר.

15 אַז עבדון הלל'ס זוהן איז געשטאָרבען, האָט מען איהם בעערדיגט אין
פרעתון, אינ'ם לאַנד אפרים,ביים באַרג עמלק.

## קאַפּיטעל יג

1 די קינדער ישראל האָבען ווידער געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס
אויגען, האָט זיי גאָט איבערגעגעבען אין די מאַכט פון פלשתים פערציג
יאָהר.

2 אין יענער צייט איז געוועזן אַ מאַן פון צרעה פון די פאַמיליע דני, מען
האָט איהם גערופען מנוח. זיין פרוי איז געוועזן קינדערלאָז — זי האָט
קיינמאָל ניט געבוירען.

3 אַמאָל האָט זיך גאָט'ס אַ מלאך בעוויעזען צו דער פרוי און געזאָגט צו
איהר: „דו ביזט דאָך קינדערלאָז און האָסט קיינמאָל ניט געבוירען,
וועסטו אָבער שוואַנגערן און געבוירען אַ זוהן.

4 דו זיי נאָר פאָרזיכטיג — טרינק ניט קיין וויין אָדער ביער און עסס ניט
קיין אונריינעס,

5 דו וועסט שוואַנגערן און געבוירען אַ זוהן, אָבער קיין שערמעסער זאָל
אויף זיין קאָפּ בענוצט ווערען, דען פון געבורט וועט דער אינגעל זיין אַ
געטליכער פירשט; איהם וועט אָבגליקען צו רעטען ישראל פון די
פלשתים'ס מאַכט".

6 די פרוי איז געקומען און דערצעהלט איהר מאַן, זאָגענדיג: אַ געטלי־
כער מאַן איז צו מיר געקומען, אויסגעזעהען האָט ער ווי אַ מלאך פון
הימעל — זעהר שרעקליך; איך האָב איהם ניט געפרעגט פון וואַנען ער
איז און זיין נאָמען האָט ער מיר ניט געזאָגט.

7 ער האָט מיר געזאָגט: „דו שוואַנגערסט און וועסט אַ זוהן געבוירען,
אַלזאָ טרינק ניט קיין וויין און ביער, און עסס ניט קיין אונריינעס, וואָ־
רום דער אינגעל דאַרף זיין אַ געטליכער פירשט פון געבוירען ביז שטאַר־
בען."

8 דאַן האָט מנוח גאָט געבעטען און געזאָגט: „איך בעט דיך, אַ גאָט!
דעם געטליכען מאַן וועמען דו האָסט געשיקט, זאָל ער נאָך אַמאָל קומען
צו אונז און בעלעהרען אונז וואָס מיר זאָלען טהאָן מיט'ן געבוירענעם
אינגעל!"

9 גאָט האָט געהערט מנוח'ס געבעט — גאָט'ס מלאך איז נאָך אַמאָל גע־
קומען צו דער פרוי [זי איז דאַן געזעסען אין פעלד און מנוח איהר מאַן
איז נעבען איהר ניט געוועזן],

10 די פרוי איז שנעל געלאָפען אַנזאָגען איהר מאַן; זי האָט צו איהם גע־

נִרְאָה אֵלַי הָאִישׁ אֲשֶׁר־בָּא בַיּוֹם אֵלָי׃ וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ מָנוֹחַ 11
אַחֲרֵי אִשְׁתּוֹ וַיָּבֹא אֶל־הָאִישׁ וַיֹּאמֶר לוֹ הַאַתָּה הָאִישׁ
אֲשֶׁר־דִּבַּרְתָּ אֶל־הָאִשָּׁה וַיֹּאמֶר אָנִי׃ וַיֹּאמֶר מָנוֹחַ עַתָּה 12
יָבֹא דְבָרֶיךָ מַה־יִּהְיֶה מִשְׁפַּט הַנַּעַר וּמַעֲשֵׂהוּ׃ וַיֹּאמֶר 13
מַלְאַךְ יְהוָה אֶל־מָנוֹחַ מִכֹּל אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי אֶל־הָאִשָּׁה
תִּשָּׁמֵר׃ מִכֹּל אֲשֶׁר־יֵצֵא מִגֶּפֶן הַיַּיִן לֹא תֹאכַל וְיַיִן וְשֵׁכָר 14
אַל־תֵּשְׁתְּ וְכָל־טֻמְאָה אַל־תֹּאכַל כֹּל אֲשֶׁר־צִוִּיתִיהָ
תִּשְׁמֹר׃ וַיֹּאמֶר מָנוֹחַ אֶל־מַלְאַךְ יְהוָה נַעְצְרָה־נָּא אוֹתָךְ טו
וְנַעֲשֶׂה לְפָנֶיךָ גְּדִי עִזִּים׃ וַיֹּאמֶר מַלְאַךְ יְהוָה אֶל־מָנוֹחַ 16
אִם־תַּעְצְרֵנִי לֹא־אֹכַל בְּלַחְמֶךָ וְאִם־תַּעֲשֶׂה עֹלָה לַיהוָה
תַּעֲלֶנָּה כִּי לֹא־יָדַע מָנוֹחַ כִּי־מַלְאַךְ יְהוָה הוּא׃ וַיֹּאמֶר 17
מָנוֹחַ אֶל־מַלְאַךְ יְהוָה מִי שְׁמֶךָ כִּי־יָבֹא דְבָרֶיךָ וְכִבַּדְנוּךָ׃
וַיֹּאמֶר לוֹ מַלְאַךְ יְהוָה לָמָּה זֶּה תִּשְׁאַל לִשְׁמִי וְהוּא־פֶלִאי׃ 18
וַיִּקַּח מָנוֹחַ אֶת־גְּדִי הָעִזִּים וְאֶת־הַמִּנְחָה וַיַּעַל עַל־הַצּוּר 19
לַיהוָה וּמַפְלִא לַעֲשׂוֹת וּמָנוֹחַ וְאִשְׁתּוֹ רֹאִים׃ וַיְהִי בַעֲלוֹת כ
הַלַּהַב מֵעַל הַמִּזְבֵּחַ הַשָּׁמַיְמָה וַיַּעַל מַלְאַךְ־יְהוָה בְּלַהַב
הַמִּזְבֵּחַ וּמָנוֹחַ וְאִשְׁתּוֹ רֹאִים וַיִּפְּלוּ עַל־פְּנֵיהֶם אָרְצָה׃
וְלֹא־יָסַף עוֹד מַלְאַךְ יְהוָה לְהֵרָאֹה אֶל־מָנוֹחַ וְאֶל־אִשְׁתּוֹ 21
אָז יָדַע מָנוֹחַ כִּי־מַלְאַךְ יְהוָה הוּא׃ וַיֹּאמֶר מָנוֹחַ אֶל־ 22
אִשְׁתּוֹ מוֹת נָמוּת כִּי אֱלֹהִים רָאִינוּ׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אִשְׁתּוֹ 23
לוּ חָפֵץ יְהוָה לַהֲמִיתֵנוּ לֹא־לָקַח מִיָּדֵנוּ עֹלָה וּמִנְחָה
וְלֹא הֶרְאָנוּ אֶת־כָּל־אֵלֶּה וְכָעֵת לֹא הִשְׁמִיעָנוּ כָּזֹאת׃ וַתֵּלֶד 24
הָאִשָּׁה בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שִׁמְשׁוֹן וַיִּגְדַּל הַנַּעַר וַיְבָרְכֵהוּ
יְהוָה׃ וַתָּחֶל רוּחַ יְהוָה לְפַעֲמוֹ בְּמַחֲנֵה־דָן בֵּין צָרְעָה כה
וּבֵין אֶשְׁתָּאֹל׃

## יד CAP. XIV. יד

וַיֵּרֶד שִׁמְשׁוֹן תִּמְנָתָה וַיַּרְא אִשָּׁה בְּתִמְנָתָה מִבְּנוֹת א

פלשתים

ר״נ v. 17. יתיר י — v. 18. יתיר א — v. 25. ע״כ

זאָגט : עס האָט זיך צו מיר בעוויזען דער מאַן וואָס איז יענעם טאָג געקומען צו מיר.

11 מנוח איז גלייך אַוועק נאָך זיין פרוי. אַז ער איז געקומען צום מאַן האָט ער צו איהם געזאָגט : „ביזטו דאָס דער מאַן וואָס האָט גערעדט צו די פרוי ?” ער האָט געענטפערט : איך בין דאָס !

12 האָט מנוח געזאָגט : „יעצט ערקלעהר וואָס פאַר אַ כאַראַקטער וועט דער אינגעל האָבען און וואָס פאַר אַן אויפפיהרונג ?”

13 האָט גאָט'ס מלאך געזאָגט צו מנוח'ן : די פרוי זאָל זיך היטען פון אַלץ וואָס איך האָב איהר שוין געזאָגט —

14 זי זאָל ניט עסען קיין זאַך פון דאָס וואָס עס געהט ארוים פון וויינשטאָק, וויין און ביער זאָל זי ניט טרינקען, קיין אונרייינעס זאָל זי ניט עסען — זי זאָל אבהיטען אַלץ וואָס איך האָב איהר געהייסען !

15 דאַן האָט מנוח געזאָגט צו גאָט'ס מלאך : „איך וועל דיר עטוואָס אויפ־האַלטען ביז איך וועל פאַר דיר צורעכט מאַכען אַ יונגע ציגעלע.”

16 האָט גאָט'ס מלאך געזאָגט צו מנוח'ן : „זאָגאר אויב דו וועסט מיר אויפהאַלטען וועל איך דיין שפּייז ניט עסען ; ווילסטו אַן אָפּפער ברענ־גען, ברענג עס צו גאָט !” מנוח האָט נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען אַז דאָס איז גאָט'ס אַ מלאך —

17 האָט מנוח געזאָגט צו גאָט'ס מלאך : „ווי איז דיין נאָמען ? מיר ווע־לען דיר בעעהרען ווען דיינע רייד וועלען ערפילט ווערען.”

18 האָט גאָט'ס מלאך צו איהם געזאָגט : וואָס פרעגסטו זיך אַזוי נאָך מיין נאָמען ? איז ער דען אונבעוואוסט ?

19 דאַן האָט מנוח גענומען די יונגע ציגעל מיט אַ שפּייז־אָפּפער און פער־ברענט אויף'ן שטיין פון גאָטס וועגען. דאָ האָט זיך געוויזען אַ וואונ־דער, וועלכען נאָר מנוח און זיין פרוי האָבען געזעהען.

20 ווען עס האָט זיך אויפגעהויבען דער פלאַם פון מזבח, איז גאָט'ס מלאך אויפ'ן הימעל אַרויף מיט'ן מזבח־פלאַם. אַז מנוח און זיין פרוי האָבען דאָס דערזעהען, זיינען זיי געפאַלען מיט'ן געזיכט צו דר'ערד.

21 מנוח און זיין פרוי האָבען מעהר גאָט'ס מלאך ניט געזעהען ; ערשט דאַן האָט מנוח פערשטאַנען אַז דאָס איז געווען גאָט'ס אַ מלאך.

22 האָט מנוח געזאָגט צו זיין פרוי : „מיר וועלען געוויס שטאַרבען, וואָ־רום מיר האָבען געזעהען אַ געטליכע ערשיינונג !”

23 אָבער זיין פרוי האָט צו איהם געזאָגט : „ווען גאָט וואָלט אונז וועלען טויטען, וואָלט ער ניט גענומען פון אונז דעם גאַנץ־און שפּייז־אָפּפער, ער וואָלט אונז דאָס אַלעס ניט געוויזען אויך וואָלט ער אונז יעצט ניט אַנגעזאָגט אַזעלכעס”.

24 די פרוי האָט געבוירען אַ זוהן און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען שמשון. דער אינגעל איז געוואקסען ווי גאָט האָט איהם געבענשט —

25 ואָט'ס גייסט האָט איהם אָנגעפאַנגען בעגייסטערען זייענדיג אינ'ם לאַגער פון דן, צווישען צרעה און אשתאל.

## קאַפּיטעל יד

1 אַ מאָל איז שמשון אַוועק אין תמנת, אין תמנת האָט ער דערזעהען אַ יונגע פרוי אונטער די טעכטער פון פלשתים.

2 פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּעַל וַיַּגֵּד לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ וַיֹּאמֶר אִשָּׁה רָאִיתִי
בְתִמְנָתָה מִבְּנוֹת פְּלִשְׁתִּים וְעַתָּה קְחוּ־אוֹתָהּ לִי לְאִשָּׁה׃
3 וַיֹּאמֶר לוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ הַאֵין בִּבְנוֹת אַחֶיךָ וּבְכָל־עַמִּי אִשָּׁה
כִּי־אַתָּה הוֹלֵךְ לָקַחַת אִשָּׁה מִפְּלִשְׁתִּים הָעֲרֵלִים וַיֹּאמֶר
שִׁמְשׁוֹן אֶל־אָבִיו אוֹתָהּ קַח־לִי כִּי־הִיא יָשְׁרָה בְעֵינָי׃
4 וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵיְהוָה הִיא כִּי־תֹאֲנָה הוּא־מְבַקֵּשׁ
מִפְּלִשְׁתִּים וּבָעֵת הַהִיא פְּלִשְׁתִּים מֹשְׁלִים בְּיִשְׂרָאֵל׃
ה וַיֵּרֶד שִׁמְשׁוֹן וְאָבִיו וְאִמּוֹ תִּמְנָתָה וַיָּבֹאוּ עַד־כַּרְמֵי תִמְנָתָה
6 וְהִנֵּה כְּפִיר אֲרָיוֹת שֹׁאֵג לִקְרָאתוֹ׃ וַתִּצְלַח עָלָיו רוּחַ
יְהוָה וַיְשַׁסְּעֵהוּ כְּשַׁסַּע הַגְּדִי וּמְאוּמָה אֵין בְּיָדוֹ וְלֹא הִגִּיד
7 לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה׃ וַיֵּרֶד וַיְדַבֵּר לָאִשָּׁה
8 וַתִּישַׁר בְּעֵינֵי שִׁמְשׁוֹן׃ וַיָּשָׁב מִיָּמִים לְקַחְתָּהּ וַיָּסַר לִרְאוֹת
אֵת מַפֶּלֶת הָאַרְיֵה וְהִנֵּה עֲדַת דְּבוֹרִים בִּגְוִיַּת הָאַרְיֵה
9 וּדְבָשׁ׃ וַיִּרְדֵּהוּ אֶל־כַּפָּיו וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְאָכֹל וַיֵּלֶךְ אֶל־
אָבִיו וְאֶל־אִמּוֹ וַיִּתֵּן לָהֶם וַיֹּאכֵלוּ וְלֹא־הִגִּיד לָהֶם כִּי
מִגְּוִיַּת הָאַרְיֵה רָדָה הַדְּבָשׁ׃ וַיֵּרֶד אָבִיהוּ אֶל־הָאִשָּׁה
11 וַיַּעַשׂ שָׁם שִׁמְשׁוֹן מִשְׁתֶּה כִּי כֵּן יַעֲשׂוּ הַבַּחוּרִים׃ וַיְהִי
12 כִּרְאוֹתָם אוֹתוֹ וַיִּקְחוּ שְׁלֹשִׁים מֵרֵעִים וַיִּהְיוּ אִתּוֹ׃ וַיֹּאמֶר
לָהֶם שִׁמְשׁוֹן אָחוּדָה־נָּא לָכֶם חִידָה אִם־הַגֵּד תַּגִּידוּ
אוֹתָהּ לִי שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה וּמְצָאתֶם וְנָתַתִּי לָכֶם
13 שְׁלֹשִׁים סְדִינִים וּשְׁלֹשִׁים חֲלִפֹת בְּגָדִים׃ וְאִם־לֹא תוּכְלוּ
לְהַגִּיד לִי וּנְתַתֶּם אַתֶּם לִי שְׁלֹשִׁים סְדִינִים וּשְׁלֹשִׁים
חֲלִיפוֹת בְּגָדִים וַיֹּאמְרוּ לוֹ חוּדָה חִידָתְךָ וְנִשְׁמָעֶנָּה׃
14 וַיֹּאמֶר לָהֶם מֵהָאֹכֵל יָצָא מַאֲכָל וּמֵעַז יָצָא מָתוֹק וְלֹא
יָכְלוּ לְהַגִּיד הַחִידָה שְׁלֹשֶׁת יָמִים׃ וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי
טו וַיֹּאמְרוּ לְאֵשֶׁת־שִׁמְשׁוֹן פַּתִּי אֶת־אִישֵׁךְ וְיַגֶּד־לָנוּ אֶת־
הַחִידָה פֶּן־נִשְׂרֹף אוֹתָךְ וְאֶת־בֵּית אָבִיךְ בָּאֵשׁ הַלְיָרְשֵׁנוּ
16 קְרָאתֶם לָנוּ הֲלֹא׃ וַתֵּבְךְּ אֵשֶׁת שִׁמְשׁוֹן עָלָיו וַתֹּאמֶר

2 ער איז געקומען און דערצעהלט זיין פאָטער און מוטער. ער האָט גע־
זאָגט: אין תמנת האָב איך געזעהען אַ יונגע פרוי אונטער די טעכטער
פון פלשתים, אַלזאָ ערלויבט מיר הייראַטהען איהר.
3 האָבען זיין פאָטער און מוטער געזאָגט צו איהם: „איז ניטאָ אונטער
די טעכטער פון דיינע פריינד אָדער אין'ם גאַנצען פאָלק אַ יונגע פרוי,
וואָס דו געהסט נעהמען אַ פרוי פון די באַרבאַרישע פלשתים?" אָבער
שמשון האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: „נאָר יענע נעהם פאַר מיר, ווייל
זי געפעהלט מיר!"
4 זיין פאָטער און מוטער האָבען ניט געוואוסט אַז דאָס איז פון גאָט —
אַז ער זוכט אַ געלעגענהייט [ראַכע צו נעהמען] פון פלשתים. אין יענער
צייט האָבען פלשתים בעהערשט ישראל.
5 שמשון מיט זיין פאָטער און מוטער זיינען אַוועק אין תמנת, ערשט אַ
יונגער בריללענדער לייב איז איהם אַנטקעגען געקומען —
6 דאַן האָט איהם דורכגענומען אַ געטליכע קראַפט און ער האָט איהם צוריי־
סען ווי מ'צורייסט אַ קליין ציגעל, אָבוואָהל ער האָט קיין זאַך ניט געהאַט
אין האַנד. זיין פאָטער און מוטער האָט ער ניט דערצעהלט וואָס ער האָט
געטהאָן.
7 ער איז געקומען און גערעדט צו דער יונגער פרוי, וועלכע איז איהם גע־
פעהלען געוועזן.
8 ווען ער איז אין אַ צייט אַרום געגאַנגען הייראַטהען איהר, האָט ער אָב־
געקעהרט פונ'ם וועג אום צו זעהען דעם לייב'ס קערפּער, ערשט אין לייב'ס
קערפּער איז אַ גאַנצע מאַססע ביהנען און האָניג.
9 ער האָט עס אַריינגעשאַרט אין הויפען און איז אַוועק, געהענדיג און עסענ־
דיג, ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פאָטער און מוטער, ער האָט זיי אויך
געגעבען און זיי האָבען געגעסען. ער האָט זיי ניט געזאָגט אַז ער האָט
אַרויסגעשאַרט דעם האָניג פון לייב'ס קערפּער.
10 אַז זיינע עלטערען זיינען צו דער פרוי געקומען, האָט שמשון געמאַכט אַ
מאָהלצייט, ווי עס האָבען איינגעפיהרט די יונגע לייט.
11 אַז זיי האָבען איהם דערזעהן, האָבען דרייסיג פריינד בעשלאָסען צו
פערבלייבען מיט איהם.
12 שמשון האָט צו זיי געזאָגט: „איך וויל אייך פרעגען אַ רעטעניס;
אויב איהר וועט עס מיר ענטפערען אין פערלויף פון די זיבען מאָהל־
צייטס טעג, און איהר וועט טרעפען, וועל איך אייך געבען דרייסיג ליי־
לאַכער און דרייסיג אַנצוגען;
13 אויב אָבער איהר וועט מיר ניט קענען ענטפערען, דאַרפט איהר מיר
געבען דרייסיג ליילאַכער און דרייסיג אַנצוגען". זיי האָבען צו איהם
געזאָגט: „פרעג דעם רעטעניס — לאָמיר הערען!"
14 האָט ער צו זיי געזאָגט: „פון עסער איז אַרויס אַן עסענוואַרג און פון
שטאַרקען איז אַרויס זיסקייט". דריי טעג האָבען זיי ניט געקענט ענט־
פערען די רעטעניס.
15 אויפ'ן זיבעטען טאָג האָבען זיי געזאָגט צו שמשון'ס ווייב: רייד איין
דיין מאַן און זאָל ער דיר אויסזאָגען די רעטעניס, ווען ניט וועלען מיר
פערברענען דיר מיט דיין פאָטער'ס הויז אין פייער. האָסטו אונז גערו־
פען אום צו פעראָרעמען אונז? איז עס ניט אַזוי?
16 דאַן האָט שמשון'ס ווייב געוויינט פאַר איהם און געזאָגט: „דו האָסט

רַק־שְׂנֵאתַנִי וְלֹא אֲהַבְתָּנִי הַחִידָה חַדְתְּ לִבְנֵי עַמִּי וְלִי
לֹא הִגַּדְתְּה וַיֹּאמֶר לָהּ הִנֵּה לְאָבִי וּלְאִמִּי לֹא הִגַּדְתִּי וְלָךְ
אַגִּיד׃ וַתֵּבְךְּ עָלָיו שִׁבְעַת הַיָּמִים אֲשֶׁר־הָיָה לָהֶם הַמִּשְׁתֶּה 17
וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיַּגֶּד־לָהּ כִּי הֱצִיקַתְהוּ וַתַּגֵּד הַחִידָה
לִבְנֵי עַמָּהּ׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ אַנְשֵׁי הָעִיר בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי בְּטֶרֶם 18
יָבֹא הַחַרְסָה מַה־מָּתוֹק מִדְּבַשׁ וּמֶה עַז מֵאֲרִי וַיֹּאמֶר לָהֶם
לוּלֵא חֲרַשְׁתֶּם בְּעֶגְלָתִי לֹא מְצָאתֶם חִידָתִי׃ וַתִּצְלַח עָלָיו 19
רוּחַ יְהוָה וַיֵּרֶד אַשְׁקְלוֹן וַיַּךְ מֵהֶם ׀ שְׁלֹשִׁים אִישׁ וַיִּקַּח
אֶת־חֲלִיצוֹתָם וַיִּתֵּן הַחֲלִיפוֹת לְמַגִּידֵי הַחִידָה וַיִּחַר אַפּוֹ וַיַּעַל
בֵּית אָבִיהוּ׃ וַתְּהִי אֵשֶׁת שִׁמְשׁוֹן לְמֵרֵעֵהוּ אֲשֶׁר רֵעָה לוֹ׃ כ

## טו
## Cap. XV. טו

וַיְהִי מִיָּמִים בִּימֵי קְצִיר־חִטִּים וַיִּפְקֹד שִׁמְשׁוֹן אֶת־אִשְׁתּוֹ א
בִּגְדִי עִזִּים וַיֹּאמֶר אָבֹאָה אֶל־אִשְׁתִּי הֶחָדְרָה וְלֹא־נְתָנוֹ
אָבִיהָ לָבוֹא׃ וַיֹּאמֶר אָבִיהָ אָמֹר אָמַרְתִּי כִּי־שָׂנֹא שְׂנֵאתָהּ 2
וָאֶתְּנֶנָּה לְמֵרֵעֶךָ הֲלֹא אֲחוֹתָהּ הַקְּטַנָּה טוֹבָה מִמֶּנָּה תְּהִי־
נָא לְךָ תַּחְתֶּיהָ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם שִׁמְשׁוֹן נִקֵּיתִי הַפַּעַם 3
מִפְּלִשְׁתִּים כִּי־עֹשֶׂה אֲנִי עִמָּם רָעָה׃ וַיֵּלֶךְ שִׁמְשׁוֹן וַיִּלְכֹּד 4
שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת שׁוּעָלִים וַיִּקַּח לַפִּדִים וַיֶּפֶן זָנָב אֶל־זָנָב וַיָּשֶׂם
לַפִּיד אֶחָד בֵּין־שְׁנֵי הַזְּנָבוֹת בָּתָוֶךְ׃ וַיַּבְעֶר־אֵשׁ בַּלַּפִּידִים ה
וַיְשַׁלַּח בְּקָמוֹת פְּלִשְׁתִּים וַיַּבְעֵר מִגָּדִישׁ וְעַד־קָמָה וְעַד־
כֶּרֶם זָיִת׃ וַיֹּאמְרוּ פְלִשְׁתִּים מִי עָשָׂה זֹאת וַיֹּאמְרוּ שִׁמְשׁוֹן 6
חֲתַן הַתִּמְנִי כִּי לָקַח אֶת־אִשְׁתּוֹ וַיִּתְּנָהּ לְמֵרֵעֵהוּ וַיַּעֲלוּ
פְלִשְׁתִּים וַיִּשְׂרְפוּ אוֹתָהּ וְאֶת־אָבִיהָ בָּאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם 7
שִׁמְשׁוֹן אִם־תַּעֲשׂוּן כָּזֹאת כִּי אִם־נִקַּמְתִּי בָכֶם וְאַחַר
אֶחְדָּל׃ וַיַּךְ אוֹתָם שׁוֹק עַל־יָרֵךְ מַכָּה גְדוֹלָה וַיֵּרֶד וַיֵּשֶׁב 8
בִּסְעִיף סֶלַע עֵיטָם׃ וַיַּעֲלוּ פְלִשְׁתִּים וַיַּחֲנוּ בִּיהוּדָה 9
וַיִּנָּטְשׁוּ בַּלֶּחִי׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ יְהוּדָה לָמָה עֲלִיתֶם עָלֵינוּ י

ויאמרו

טו v. 6. כ״א ואת־בית אביה v. 8. כ״א וילך

מיר נאָר און ליעבסט מיר ניט, דו האָסט געפרעגט מיינע לאַנדסלייט אַ
רעטענים און מיר האָסטו ניט געזאָגט". האָט ער צו איהר געזאָגט: איך
האָב דאָך זאָגאַר מיין פאָטער און מוטער ניט געזאָגט, ווילסטו איך זאָל
דיר זאָגען?
17 אַזוי האָט זי פאַר איהם געוויינט די זיעבען טעג וואָס זיי האָבען דעם
מאָהלצייט געהאַט; זי האָט איהם אַזוי געקוואָלען אַז ער האָט איהר
אויסגעזאָגט דעם זיעבעטען טאָג. זי האָט עס גלייך אויסגעזאָגט איהרע
לאַנדסלייט.
18 האָבען די שטאָדט לייט געזאָגט צו איהם דעם זיעבטען טאָג, בעפאָר זונענ־
אונטערגאַנג: „וואָס איז זיסער פאַר האָניג, און וואָס איז שטאַרקער פאַר
אַ לייב?!" האָט ער זיי געענטפערט: אַז איהר וואָלט זיך ניט בעראַטהען
מיט מיין קאַלב וואָלט איהר מיין רעטענים ניט געטראָפען".
19 עס האָט איהם דורכגענומען אַ געטליכע קראַפט און ער איז אַוועק אין
אַשקלון אוי ערשלאָגען דרייסיג מאַן פון זיי, ער האָט אַראָבגענומען זייערע
קליידער און אַוועקגעגעבען די אָנצוגען צו די וואָס האָבען געענטפערט
די רעטענים. ער איז בייז געוואָרען און אַוועק אין זיין פאָטער'ס הויז.
20 אונטערדעסען איז שמשון'ס ווייב אויסגעגעבען געוואָרען פאַר איינעם
פון זיינע פריינד, וואָס ער האָט דאָרטען ערוואָרבען.

## קאַפּיטעל טו

1 אַמאָל, אין צייט פון ווייץ־שניט האָט שמשון בעזוכט זיין ווייב מיט
אַ יונגע ציעגעל אַלס פּרעזענט; ער האָט געדענקט איך וועל אַריין צו
מיין ווייב אין צימער, אָבער איהר פאָטער האָט איהם ניט אַריינגעלאָזען.
2 איהר פאָטער האָט געזאָגט: „איך האָב געדענקט אַז דו האַסט איהר
שוין געווים, האָב איך איהר אויסגעגעבען פאַר דיינעם אַ פריינד. איז ניט
איהר קלענערע שוועסטער בעסער פאַר איהר? זאָל זי זיין דיינע אָנ־
שטאָט איהר.
3 אָבער שמשון האָט זיי געזאָגט: „יעצט האָב איך אַן ענטשולדיגונג קע־
גען די פּלשתים זאָגאַר ווען איך וועל זיי וואָס שלעכטס טהאָן!"
4 און שמשון איז געגאַנגען און געכאַפּט דריי הונדערט פוקסען; ער
האָט גענומען פאַקלען און נאָכדעם ווי ער האָט צוזאַמענגעבונדען אַן
עק צו אַן עק, האָט ער אַריינגעשטעלט אַ פאַקעל אין מיטען, צווישען
ביידע עקען.
5 אַז ער האָט די פאַקלען אָנגעצונדען האָט ער זיי פריי געלאָזען איבער
די געטריידע פעלדער פון די פּלשתים, דערמיט האָט ער אָנגעצונדען אין
פייער ווי די קופּעס אָבגעשניטענע געטריידע אַזוי אויך די נאָך שטעהע־
דיגע, ווייגשטאָקען און אוילבוימער.
6 די פּלשתים האָבען צווישען זיך גערעדט: „ווער האָט דאָס געקענט
טהאָן?" האָט מען געזאָגט: „שמשון, דער תמני'ער איידעם האָט דאָס
געטהאָן, ווייל מ'האָט צוגענומען זיין ווייב און אַוועקגעגעבען איהר צו
זיינעם אַ פריינד. דאַן זיינען געקומען פּלשתים און פערברענט איהר מיני
איהר פאָטער אין פייער.
7 אָבער שמשון האָט זיי געזאָגט: אויב איהר טהוט אַזוי, וועל איך פון
אייך ראַכע נעהמען, נאַכהער וועל איך אויפהערען.
8 ער האָט זיי שרעקליך ערשלאָגען — הענד און פיס האָט ער זיי צובראָ־
כען; דאַן איז ער אַוועק און בעזעצט זיך אין אַ שפּאַלט פון פעלז עיטם.
9 די פּלשתים זיינען אַרויף און געלאַגערט אַרום יהודה, זיי האָבען זיך
פאַנאַנדער געשפּרייט אין לחי.
10 האָבען די מענער פון יהודה געפרעגט: „נאָך וואָס זייט איהר צו אונז

וַיֹּאמְרוּ לֶאֱסוֹר אֶת־שִׁמְשׁוֹן עָלִינוּ לַעֲשׂוֹת לוֹ כַּאֲשֶׁר
11 עָשָׂה לָנוּ׃ וַיֵּרְדוּ שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ מִיהוּדָה אֶל־סְעִיף
סֶלַע עֵיטָם וַיֹּאמְרוּ לְשִׁמְשׁוֹן הֲלֹא יָדַעְתָּ כִּי־מֹשְׁלִים בָּנוּ
פְּלִשְׁתִּים וּמַה־זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ וַיֹּאמֶר לָהֶם כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ
12 לִי כֵּן עָשִׂיתִי לָהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֶאֱסָרְךָ יָרַדְנוּ לְתִתְּךָ
בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים וַיֹּאמֶר לָהֶם שִׁמְשׁוֹן הִשָּׁבְעוּ לִי פֶּן־תִּפְגְּעוּן
13 בִּי אַתֶּם׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֵאמֹר לֹא כִּי־אָסֹר נֶאֱסָרְךָ וּנְתַנּוּךָ
בְיָדָם וְהָמֵת לֹא נְמִיתֶךָ וַיַּאַסְרֻהוּ בִּשְׁנַיִם עֲבֹתִים חֲדָשִׁים
14 וַיַּעֲלוּהוּ מִן־הַסָּלַע׃ הוּא־בָא עַד־לֶחִי וּפְלִשְׁתִּים הֵרִיעוּ
לִקְרָאתוֹ וַתִּצְלַח עָלָיו רוּחַ יְהוָֹה וַתִּהְיֶינָה הָעֲבֹתִים אֲשֶׁר־
עַל־זְרוֹעוֹתָיו כַּפִּשְׁתִּים אֲשֶׁר בָּעֲרוּ בָאֵשׁ וַיִּמַּסּוּ אֱסוּרָיו
טו מֵעַל יָדָיו׃ וַיִּמְצָא לְחִי־חֲמוֹר טְרִיָּה וַיִּשְׁלַח יָדוֹ וַיִּקָּחֶהָ
16 וַיַּךְ־בָּהּ אֶלֶף אִישׁ׃ וַיֹּאמֶר שִׁמְשׁוֹן בִּלְחִי הַחֲמוֹר חֲמוֹר
17 חֲמֹרָתָיִם בִּלְחִי הַחֲמוֹר הִכֵּיתִי אֶלֶף אִישׁ׃ וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ
לְדַבֵּר וַיַּשְׁלֵךְ הַלְּחִי מִיָּדוֹ וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא רָמַת
18 לֶחִי׃ וַיִּצְמָא מְאֹד וַיִּקְרָא אֶל־יְהוָֹה וַיֹּאמַר אַתָּה נָתַתָּ
בְיַד־עַבְדְּךָ אֶת־הַתְּשׁוּעָה הַגְּדֹלָה הַזֹּאת וְעַתָּה אָמוּת
19 בַּצָּמָא וְנָפַלְתִּי בְּיַד הָעֲרֵלִים׃ וַיִּבְקַע אֱלֹהִים אֶת־
הַמַּכְתֵּשׁ אֲשֶׁר־בַּלֶּחִי וַיֵּצְאוּ מִמֶּנּוּ מַיִם וַיֵּשְׁתְּ וַתָּשָׁב
רוּחוֹ וַיֶּחִי עַל־כֵּן ׀ קָרָא שְׁמָהּ עֵין הַקּוֹרֵא אֲשֶׁר בַּלֶּחִי
כ עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל בִּימֵי פְלִשְׁתִּים
עֶשְׂרִים שָׁנָה׃

## CAP. XVI. טז טז

א וַיֵּלֶךְ שִׁמְשׁוֹן עַזָּתָה וַיַּרְא־שָׁם אִשָּׁה זוֹנָה וַיָּבֹא אֵלֶיהָ׃
2 לָעַזָּתִים ׀ לֵאמֹר בָּא שִׁמְשׁוֹן הֵנָּה וַיָּסֹבּוּ וַיֶּאֶרְבוּ־לוֹ כָל־
הַלַּיְלָה בְּשַׁעַר הָעִיר וַיִּתְחָרְשׁוּ כָל־הַלַּיְלָה לֵאמֹר עַד־אוֹר
3 הַבֹּקֶר וַהֲרַגְנֻהוּ׃ וַיִּשְׁכַּב שִׁמְשׁוֹן עַד־חֲצִי הַלַּיְלָה וַיָּקָם ׀
בַּחֲצִי הַלַּיְלָה וַיֶּאֱחֹז בְּדַלְתוֹת שַׁעַר־הָעִיר וּבִשְׁתֵּי הַמְּזוּזוֹת

געקומען ?" האָבען זיי געענטפערט : „בינדען שמשון'ען זיינען מיר געקומען, אום צו טהאָן איהם ווי ער האָט אונז געטהאָן".

11 זיינען דריי טויזענד מאַן פון יהודה אוועקגעגאַנגען צום שפּאַלט פון פעלז עיטם און האָבען געזאָגט צו שמשון : „דו ווייסט דאָך אז די פּלשתים הערשען איבער אונז, פאַר וואָס־זשע האָסטו אונז אַזוינס געטהאָן ?" האָט ער צו זיי געזאָגט : „ווי זיי האָבען מיר געטהאָן האָב איך זיי געטהאָן !"

12 האָבען זיי צו איהם געזאָגט : מיר זיינען אַראָבגעקומען דיר בינדען און איבערגעבען די פּלשתים אין האַנד. דאַן האָט שמשון צו זיי געזאָגט : „שווערט אַז איהר וועט מיר ניט שעדיגען".

13 האָבען זיי איהם געענטפערט : „ניין ; מיר ווילען דיר נאָר בינדען און איבערגעבען אין זייער האַנד — טוידטען ווילען מיר דיר ניט !" זיי האָבען איהם געבונדען מיט צוויי נייע שטריק און ארויפגעבראַכט פון פעלז.

14 אַז מ'האָט איהם געבראַכט ביז לחי זיינען די פּלשתים אַרויס קעגען איהם מיט ליאַרמען, האָט איהם דורכגענומען אַ געטליכע מאַכט און די שטריק וואָס אויף זיינע אָרעמס זיינען געוואָרען ווי פלאַקס וואָס איז צוברענט פון פייער — די שטריק זיינען אויף זיינע הענד צוגאַנגען.

15 ער האָט געפונען אַ פייכטען עזעלשען באַק־ביין, האָט ער אויסגעצויגען זיין האַנד און אויפגעהויבען איהם און גע'הרג'עט ז'ערמיט טויזענד מאַן.

16 דאַן האָט שמשון געזאָגט : „מיט אַן עזעל־באַק קעגען פיעל עזלען, — האָב איך טויזענד מאַן גע'הרג'עט.

17 אַז ער האָט געענדיגט די רעדע האָט ער דעם באַק־ביין אוועקגעוואָרפען. יענעם אָרט רופט מען „רמת לחי".

18 ער איז אָבער זעהר דאָרשטיג געווען, האָט ער גאָט געבעטען און געזאָגט: „דו האָסט דורך דיין קנעכט אַזאַ גרויסען זיעג געבראַכט, און יעצט זאָל איך שטאַרבען פון דאָרשט אָדער אַריינפאַלען אין די הענד פון די באַר־באַרען ?".

19 האָט גאָט דורכגעבראָכען דעם קוואַל־עפענונג וואָס אין לחי און עס איז פון איהם אַרויס וואַסער — ער האָט געטרונקען, און ערפרישט זיך און אָבגעלעבט, דערפאַר האָט מען דעם אָרט גערופען „עין הקורא" וואָס איז אין לחי, ביז יעצט.

20 ער האָט געריכטעט ישראל אין דער צייט פון די פּלשתים'ס הערשאַפט צוואַנציג יאָהר.

## קאַפּיטעל טז

1 אַ מאָל איז שמשון אַוועק אין עזה, ער האָט דאָרטען דערזעהען אַ גאַסען פרוי און איז צו איהר געקומען.

2 די איינוואָהנער פון עזה האָט מען אָנגעזאָגט : „שמשון איז אַהער געקומען !„ האָבען זיי געלויערט רינגס אַרום די גאַנצע נאַכט, זיי האָבען גאַנץ שטיל געלעדט די גאַנצע נאַכט ביי'ן טהויער פון שטאָדט און בע־שלאָסען ; „אין דער פריה ווען עס וועט ליכטיג ווערען, ווילען מיר איהם ערשלאָגען".

3 שמשון האָט געשלאָפען ביז האַלבע נאַכט. אין מיטען נאַכט איז ער אויפ־געשטאַנען, ער האָט אָנגענומען די טהירען פון שטאָדט־טהויער מיט

וַיִּסָּעֵם עִם־הַבְּרִיחַ וַיָּשֶׂם עַל־כְּתֵפָיו וַיַּעֲלֵם אֶל־רֹאשׁ
4 הָהָר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי חֶבְרוֹן׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיֶּאֱהַב
ה אִשָּׁה בְּנַחַל שֹׂרֵק וּשְׁמָהּ דְּלִילָה׃ וַיַּעֲלוּ אֵלֶיהָ סַרְנֵי
פְלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ לָהּ פַּתִּי אוֹתוֹ וּרְאִי בַּמֶּה כֹּחוֹ גָדוֹל
וּבַמֶּה נוּכַל לוֹ וַאֲסַרְנֻהוּ לְעַנֹּתוֹ וַאֲנַחְנוּ נִתַּן־לָךְ אִישׁ
6 אֶלֶף וּמֵאָה כָּסֶף׃ וַתֹּאמֶר דְּלִילָה אֶל־שִׁמְשׁוֹן הַגִּידָה־
7 נָּא לִי בַּמֶּה כֹּחֲךָ גָדוֹל וּבַמֶּה תֵאָסֵר לְעַנּוֹתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר
אֵלֶיהָ שִׁמְשׁוֹן אִם־יַאַסְרֻנִי בְּשִׁבְעָה יְתָרִים לַחִים אֲשֶׁר
8 לֹא־חֹרָבוּ וְחָלִיתִי וְהָיִיתִי כְּאַחַד הָאָדָם׃ וַיַּעֲלוּ־לָהּ סַרְנֵי
פְלִשְׁתִּים שִׁבְעָה יְתָרִים לַחִים אֲשֶׁר לֹא־חֹרָבוּ וַתַּאַסְרֵהוּ
9 בָּהֶם׃ וְהָאֹרֵב יֹשֵׁב לָהּ בַּחֶדֶר וַתֹּאמֶר אֵלָיו פְּלִשְׁתִּים
עָלֶיךָ שִׁמְשׁוֹן וַיְנַתֵּק אֶת־הַיְתָרִים כַּאֲשֶׁר יִנָּתֵק פְּתִיל־
י הַנְּעֹרֶת בַּהֲרִיחוֹ אֵשׁ וְלֹא נוֹדַע כֹּחוֹ׃ וַתֹּאמֶר דְּלִילָה
אֶל־שִׁמְשׁוֹן הִנֵּה הֵתַלְתָּ בִּי וַתְּדַבֵּר אֵלַי כְּזָבִים עַתָּה
11 הַגִּידָה־נָּא לִי בַּמֶּה תֵּאָסֵר׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אִם־אָסוֹר
יַאַסְרוּנִי בַּעֲבֹתִים חֲדָשִׁים אֲשֶׁר לֹא־נַעֲשָׂה בָהֶם מְלָאכָה
12 וְחָלִיתִי וְהָיִיתִי כְּאַחַד הָאָדָם׃ וַתִּקַּח דְּלִילָה עֲבֹתִים
חֲדָשִׁים וַתַּאַסְרֵהוּ בָהֶם וַתֹּאמֶר אֵלָיו פְּלִשְׁתִּים עָלֶיךָ
שִׁמְשׁוֹן וְהָאֹרֵב יֹשֵׁב בֶּחָדֶר וַיְנַתְּקֵם מֵעַל זְרֹעֹתָיו כַּחוּט׃
13 וַתֹּאמֶר דְּלִילָה אֶל־שִׁמְשׁוֹן עַד־הֵנָּה הֵתַלְתָּ בִּי וַתְּדַבֵּר
אֵלַי כְּזָבִים הַגִּידָה לִי בַּמֶּה תֵּאָסֵר וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אִם־
14 תַּאַרְגִי אֶת־שֶׁבַע מַחְלְפוֹת רֹאשִׁי עִם־הַמַּסָּכֶת׃ וַתִּתְקַע
בַּיָּתֵד וַתֹּאמֶר אֵלָיו פְּלִשְׁתִּים עָלֶיךָ שִׁמְשׁוֹן וַיִּיקַץ מִשְּׁנָתוֹ
טו וַיִּסַּע אֶת־הַיְתַד הָאֶרֶג וְאֶת־הַמַּסָּכֶת׃ וַתֹּאמֶר אֵלָיו אֵיךְ
תֹּאמַר אֲהַבְתִּיךְ וְלִבְּךָ אֵין אִתִּי זֶה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים הֵתַלְתָּ
16 בִּי וְלֹא־הִגַּדְתָּ לִי בַּמֶּה כֹּחֲךָ גָּדוֹל׃ וַיְהִי כִּי־הֵצִיקָה לּוֹ
בִדְבָרֶיהָ כָּל־הַיָּמִים וַתְּאַלֲצֵהוּ וַתִּקְצַר נַפְשׁוֹ לָמוּת׃

ויגד

v. 5. חת׳ בפתח    v. 16. הל רפה

די פּאָסטען און עס אַרויפגעלעגט אויף זיין שולטער און אַרויפגעטראָ־
גען אויפ׳ן שפּיץ באַרג נעבען חברון.
4 נאָך דער פּאַסירונג האָט ער זיך פערליעבט אין אַ פרוי אין טהאָל שורק,
איהר נאָמען איז געווען דלילה.
5 זיינען צו איהר געקומען די פירשטען פון פּלשתים און געזאָגט צו איהר:
„רייד איבער דיין מאַן און געפין אויס אין וואָס איז זיין גרויסע קראַפט
און מיט וואָס וואָלטען מיר איהם געקענט בייקומען און בינדען איהם
אום צו פּייניגען, מיר וועלען דיר געבען יעדער פון אונז טויזענד מיט
הונדערט זילבער שטיק״.
6 האָט דלילה געזאָגט צו שמשון: זאָג מיר, איך בעט דיר, אין וואָס איז
דיין גרויסע קראַפט, און מיט וואָס קענסטו זיין געבונדען אום דו זאָלסט
שוואַך ווערען?
7 האָט שמשון צו איהר געזאָגט: „אַז מ׳זאָל מיר בינדען מיט זיעבען
פרישע שטריק, וואָס זיינען נאָך ניט טרוקען, וועל איך שוואַך ווערען
און זיין ווי אַן איינפאַכער מענש.״
8 דאַן האָבען די פירשטען פון פּלשתים געבראַכט צו איהר זיעבען פריש־
נייע שטריק, נאָך ניט טרוקענע, און זי האָט איהם מיט זיי געבונדען.
9 אַ לויערער איז ביי איהר אין צימער געזעסען. אַז זי האָט איהם געזאָגט:
„פּלשתים בעפאַלען דיר, שמשון!״ האָט ער איבערגעריסען די שטריק
ווי עס צורייסט זיך אַ פלאָקס פאָדים ווען ער פיהלט פייער; ניט אָנגע־
שטריינגט זיין קראַפט.
10 דאַן האָט דלילה געזאָגט צו שמשון: דו האָסט דאָך פון מיר נאַר שפּאַס
געמאַכט און געזאָגט מיר אַ ליגען, זאָג מיר יעצט מיט וואָס קען מען דיר
בינדען?
11 האָט ער צו איהר געזאָגט: „אַז מ׳זאָל מיר גוט בינדען מיט נייע גע־
פלאָכטענע שטריק, מיט וועלכע מ׳האָט קיין אַרבייט געטהאָן, וועל איך
שוואַך ווערען ווי אַן איינפאַכער מענש.
12 דאַן האָט דלילה גענומען נייגעפלאָכטענע שטריק, זי האָט איהם מיט זיי
געבונדען און געזאָגט צו איהם: „פּלשתים בעפאַלען דיר, שמשון!״
(דער לויערער איז אין צימער געזעסען) האָט ער זיי אָבגעריסען פון זיינע
אָרעמס ווי אַ פאָדים.
13 דאַן האָט דלילה געזאָגט צו שמשון: ביז יעצט האָסטו נאַר שפּאַס גע־
מאַכט פון מיר און האָסט מיר נאַר ליעגען געזאָגט; זאָג מיר אויס
מיט וואָס מען קען דיר בינדען. האָט ער צו איהר געזאָגט: „אויב דו
וועסט אַריינוועבען מיינע זיעבען לאָקען אין אַ וועבמאַשין״.
14 האָט זי דעם מאַשין מיט אַ טשוועק צוגעקלאַפּט און געזאָגט צו איהם:
„פּלשתים בעפאַלען דיר, שמשון!״ האָט ער זיך פון שלאָף אַ כאַפּ גע־
טהאָן און אַרויסגעריסען די וועב מאַשין מיט׳ן טשוועק.
15 דאַן האָט זי צו איהם געזאָגט: „ווי קענסטו זאָגען „איך ליעב דיר״ אַז
דיין האַרץ געהערט נאַר צו מיר ניט? ! שוין דריי מאָל אַז דו שפּאַסט
פון מיר און האָסט מיר ניט געזאָגט וואָס איז די אורזאַכע פון דיין גרוי־
סע קראַפט״.
16 זי האָט איהם אַזוי דערעסען מיט איהרע שטענדיגע פּאָרווירפע, און
אַזוי ענג געמאַכט, אַז ער האָט זיך דעם טוידט געוואונשען,

17 וַיַּגֶּד־לָהּ אֶת־כָּל־לִבּוֹ וַיֹּאמֶר לָהּ מוֹרָה לֹא־עָלָה עַל־
רֹאשִׁי כִּי־נְזִיר אֱלֹהִים אֲנִי מִבֶּטֶן אִמִּי אִם־גֻּלַּחְתִּי וְסָר
18 מִמֶּנִּי כֹחִי וְחָלִיתִי וְהָיִיתִי כְּכָל־הָאָדָם׃ וַתֵּרֶא דְלִילָה
כִּי־הִגִּיד לָהּ אֶת־כָּל־לִבּוֹ וַתִּשְׁלַח וַתִּקְרָא לְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים
לֵאמֹר עֲלוּ הַפַּעַם כִּי־הִגִּיד לָהּ אֶת־כָּל־לִבּוֹ וְעָלוּ אֵלֶיהָ
19 סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים וַיַּעֲלוּ הַכֶּסֶף בְּיָדָם׃ וַתְּיַשְּׁנֵהוּ עַל־בִּרְכֶּיהָ
וַתִּקְרָא לָאִישׁ וַתְּגַלַּח אֶת־שֶׁבַע מַחְלְפוֹת רֹאשׁוֹ וַתָּחֶל
כ לְעַנּוֹתוֹ וַיָּסַר כֹּחוֹ מֵעָלָיו׃ וַתֹּאמֶר פְּלִשְׁתִּים עָלֶיךָ שִׁמְשׁוֹן
וַיִּקַץ מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אֵצֵא כְּפַעַם בְּפַעַם וְאִנָּעֵר וְהוּא לֹא
21 יָדַע כִּי יְהוָה סָר מֵעָלָיו׃ וַיֹּאחֲזוּהוּ פְלִשְׁתִּים וַיְנַקְּרוּ אֶת־
עֵינָיו וַיּוֹרִידוּ אוֹתוֹ עַזָּתָה וַיַּאַסְרוּהוּ בַּנְחֻשְׁתַּיִם וַיְהִי טוֹחֵן
22 בְּבֵית הָאֲסִירִים׃ וַיָּחֶל שְׂעַר־רֹאשׁוֹ לְצַמֵּחַ כַּאֲשֶׁר גֻּלָּח׃
23 וְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ לִזְבֹּחַ זֶבַח־גָּדוֹל לְדָגוֹן
אֱלֹהֵיהֶם וּלְשִׂמְחָה וַיֹּאמְרוּ נָתַן אֱלֹהֵינוּ בְּיָדֵנוּ אֵת שִׁמְשׁוֹן
24 אוֹיְבֵנוּ׃ וַיִּרְאוּ אֹתוֹ הָעָם וַיְהַלְלוּ אֶת־אֱלֹהֵיהֶם כִּי אָמְרוּ
נָתַן אֱלֹהֵינוּ בְיָדֵנוּ אֶת־אוֹיְבֵנוּ וְאֵת מַחֲרִיב אַרְצֵנוּ וַאֲשֶׁר
כה הִרְבָּה אֶת־חֲלָלֵינוּ׃ וַיְהִי כִּי*טוֹב לִבָּם וַיֹּאמְרוּ קִרְאוּ
לְשִׁמְשׁוֹן וִישַׂחֶק־לָנוּ וַיִּקְרְאוּ לְשִׁמְשׁוֹן מִבֵּית הָאֲסִי*רִים
26 וַיְצַחֵק לִפְנֵיהֶם וַיַּעֲמִידוּ אוֹתוֹ בֵּין הָעַמּוּדִים׃ וַיֹּאמֶר
שִׁמְשׁוֹן אֶל־הַנַּעַר הַמַּחֲזִיק בְּיָדוֹ הַנִּיחָה אוֹתִי וְהֵ*מִשֵׁנִי
אֶת־הָעַמֻּדִים אֲשֶׁר הַבַּיִת נָכוֹן עֲלֵיהֶם וְאֶשָּׁעֵן עֲלֵיהֶם׃
27 וְהַבַּיִת מָלֵא הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְשָׁמָּה כֹּל סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים
וְעַל־הַגָּג כִּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ וְאִשָּׁה הָרֹאִים בִּשְׂחוֹק
28 שִׁמְשׁוֹן׃ וַיִּקְרָא שִׁמְשׁוֹן אֶל־יְהוָה וַיֹּאמַר אֲדֹנָי יְהוִה זָכְרֵנִי
נָא וְחַזְּקֵנִי נָא אַךְ הַפַּעַם הַזֶּה הָאֱלֹהִים וְאִנָּקְמָה נְקַם־
29 אַחַת מִשְּׁתֵי עֵינַי מִפְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּלְפֹּת שִׁמְשׁוֹן אֶת־שְׁנֵי ׀
עַמּוּדֵי הַתָּוֶךְ אֲשֶׁר הַבַּיִת נָכוֹן עֲלֵיהֶם וַיִּסָּמֵךְ עֲלֵיהֶם אֶחָד

בימינו

v. 18. לי ק׳ v. 21. האסורים ק׳ v. 25. כטוב ק׳ ibid. האסורים ק׳ v. 26. והמישני ק׳ v. 28. דחי רפה

17 און האָט פאַר איהר אויסגערעדט זיין האַרץ; ער האָט איהר געזאָגט: „קיין שערמעסער איז אויף מיין קאָפּ געקומען, אָבגעזונדערט צו גאָט זייט מיין מוטער האָט מיך געבוירען, נאָר אויב איך זאָל זיך לאָזען אָבּ־ראַזירען, וועט אויפהערען מיין קראַפט, איך וועל דאַן שוואַך ווערען ווי אַן איינפאַכער מענש".

18 יעצט האָט זיך דלילה איבערצייגט אַז ער האָט איהר די וואהרהייט געזאָגט, האָט זי געשיקט רופען די פירשטען פון די פלשתים און זאָגען זיי: „קומט גלייך! ער האָט מיר אויסדערצעהלט זיין גאַנצע האַרץ". די פירשטען פון פלשתים זיינען צו איהר געקומען און מיטגעבראַכט דאָס געלד.

19 זי האָט איהם איינגעשלעפערט אויף איהרע קניע, נאָכהער האָט זי געשיקט רופען אַ מאַן און מ'האָט אָבגעשאָרען זיינע זיעבען לאָקען. גלייך האָט ער אָנגעפאַנגען ווערען קראַפטלאָז ביז זיין קראַפט איז אין גאַנצען אַוועק פון איהם.

20 דאַן האָט זי געזאָגט: „פלשתים בעפאַלען דיר, שמשון!" ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געטראַכט: „איך וועל אַרויס ווי אַלע מאָל און אַ טרייסעל טהאָן זיך" — ער האָט אָבער ניט געוואוסט אַז די מאַכט איז פון איהם אַוועק.

21 די פלשתים האָבען איהם אָנגענומען, אויסגעשטאָכען זיינע אויגען און אַוועקגעפיהרט איהם אין עזה; דאָרטען האָט מען איהם געשמידט אין קייטען און ער האָט געמאָלען אין געפענגעניס.

22 ווען די האָאר פון זיין קאָפּ האָט אָנגעפאַנגען וואַקסען נאָכ'ן אָבשערען.

23 די פירשטען פון פלשתים האָבען זיך פערזאַמעלט גרויסע אָפּפער צו ברענגען זייער גאָט דגון און פרעהלאַך זיין, זיי האָבען געזאָגט: „אונ־זער גאָט האָט אין אונזער האַנד געגעבען אונזער פיינד שמשון!"

24 אַז דאָס פאָלק האָט איהם דערזעהן, האָבען זיי געלויבט זייער גאָט, זאָגענ־דיג: אונזער גאָט האָט אין אונזער האַנד געגעבען אונזער פיינד, דער צושטערער פון אונזער לאַנד וועלכער האָט פיעל פון אונז ערשלאָגען.

25 אַז זיי זיינען לוסטיג געוואָרען, האָבען זיי געזאָגט: „ברענגט שמשון'ען און זאָל ער פאַר אונז לוסטיג מאַכען!" מ'האָט געבראַכט שמשון'ען פון געפענגעניס און ער האָט זיי לוסטיג געמאַכט. אַז מ'האָט איהם אַוועק־געשטעלט צווישען די זיילען,

26 האָט שמשון געזאָגט צום אינגעל וואָס האָט איהם פאַר'ן האַנד געפיהרט: „פיהר מיר צו און לאָז מיר אָנגעהמען די זיילען אויף וועלכע די הויז איז אַוועקגעשטעלט, איך וויל זיך עטוואָס אָנשפּאַרען אויף זיי".

27 דאָס הויז איז פול געווען מיט מענער און פרויען, דאָרטען זיינען געווען אַלע פלשתי'שע פירשטען; זאָגאַר אויפ'ן דאַך זיינען געווען אַרום דריי טויזענד מענער און פרויען, וואָס האָבען צוגעזעהען שמשון'ס לוסטיג מאַכען זיך.

28 שמשון האָט גאָט געבעטען און געזאָגט: אַ גאָט! דערמאָן מיר און שטאַרק מיר נאָר דעם מאָל, אַ אַלמעכטיגער! העלף מיר איין מאָל ראַכע נעהמען פון פלשתים פאַר ביידע אויגען מיינע!"

29 און שמשון האָט אַרומגענומען ביידע מיטעל זיילען, אויף וועלכע דאָס הויז איז געשטאַנען — איינעם מיט זיין רעכטע האַנד און איינעם מיט זיין לינקע, אַז ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי,

ל בִּימִינוֹ וְאֶחָד בִּשְׂמֹאלוֹ׃ וַיֹּאמֶר שִׁמְשׁוֹן תָּמוֹת נַפְשִׁי עִם־
פְּלִשְׁתִּים וַיֵּט בְּכֹחַ וַיִּפֹּל הַבַּיִת עַל־הַסְּרָנִים וְעַל־כָּל־הָעָם
אֲשֶׁר־בּוֹ וַיִּהְיוּ הַמֵּתִים אֲשֶׁר הֵמִית בְּמוֹתוֹ רַבִּים מֵאֲשֶׁר
31 הֵמִית בְּחַיָּיו׃ וַיֵּרְדוּ אֶחָיו וְכָל־בֵּית אָבִיהוּ וַיִּשְׂאוּ אֹתוֹ
וַיַּעֲלוּ ׀ וַיִּקְבְּרוּ אוֹתוֹ בֵּין צָרְעָה וּבֵין אֶשְׁתָּאֹל בְּקֶבֶר מָנוֹחַ
אָבִיו וְהוּא שָׁפַט אֶת־יִשְׂרָאֵל עֶשְׂרִים שָׁנָה׃

## Cap. XVII. יז

2 א וַיְהִי־אִישׁ מֵהַר־אֶפְרָיִם וּשְׁמוֹ מִיכָיְהוּ׃ וַיֹּאמֶר לְאִמּוֹ
אֶלֶף וּמֵאָה הַכֶּסֶף אֲשֶׁר לֻקַּח־לָךְ וְאַתִּי אָלִית וְגַם אָמַרְתְּ
בְּאָזְנַי הִנֵּה־הַכֶּסֶף אִתִּי אֲנִי לְקַחְתִּיו וַתֹּאמֶר אִמּוֹ בָּרוּךְ
3 בְּנִי לַיהוָה׃ וַיָּשֶׁב אֶת־אֶלֶף־וּמֵאָה הַכֶּסֶף לְאִמּוֹ וַתֹּאמֶר
אִמּוֹ הַקְדֵּשׁ הִקְדַּשְׁתִּי אֶת־הַכֶּסֶף לַיהוָה מִיָּדִי לִבְנִי
4 לַעֲשׂוֹת פֶּסֶל וּמַסֵּכָה וְעַתָּה אֲשִׁיבֶנּוּ לָךְ׃ וַיָּשֶׁב אֶת־
הַכֶּסֶף לְאִמּוֹ וַתִּקַּח אִמּוֹ מָאתַיִם כֶּסֶף וַתִּתְּנֵהוּ לַצּוֹרֵף
ה וַיַּעֲשֵׂהוּ פֶּסֶל וּמַסֵּכָה וַיְהִי בְּבֵית מִיכָיְהוּ׃ וְהָאִישׁ מִיכָה
לוֹ בֵּית אֱלֹהִים וַיַּעַשׂ אֵפוֹד וּתְרָפִים וַיְמַלֵּא אֶת־יַד אַחַד
6 מִבָּנָיו וַיְהִי־לוֹ לְכֹהֵן׃ בַּיָּמִים הָהֵם אֵין מֶלֶךְ בְּיִשְׂרָאֵל
7 אִישׁ הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה׃ וַיְהִי־נַעַר מִבֵּית לֶחֶם
8 יְהוּדָה מִמִּשְׁפַּחַת יְהוּדָה וְהוּא לֵוִי וְהוּא גָר־שָׁם׃ וַיֵּלֶךְ
הָאִישׁ מֵהָעִיר מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה לָגוּר בַּאֲשֶׁר יִמְצָא
9 וַיָּבֹא הַר־אֶפְרַיִם עַד־בֵּית מִיכָה לַעֲשׂוֹת דַּרְכּוֹ׃ וַיֹּאמֶר־
לוֹ מִיכָה מֵאַיִן תָּבוֹא וַיֹּאמֶר אֵלָיו לֵוִי אָנֹכִי מִבֵּית לֶחֶם
י יְהוּדָה וְאָנֹכִי הֹלֵךְ לָגוּר בַּאֲשֶׁר אֶמְצָא׃ וַיֹּאמֶר לוֹ מִיכָה
שְׁבָה עִמָּדִי וֶהְיֵה־לִי לְאָב וּלְכֹהֵן וְאָנֹכִי אֶתֶּן־לְךָ עֲשֶׂרֶת
11 כֶּסֶף לַיָּמִים וְעֵרֶךְ בְּגָדִים וּמִחְיָתֶךָ וַיֵּלֶךְ הַלֵּוִי׃ וַיּוֹאֶל
הַלֵּוִי לָשֶׁבֶת אֶת־הָאִישׁ וַיְהִי הַנַּעַר לוֹ כְּאַחַד מִבָּנָיו׃
12 וַיְמַלֵּא מִיכָה אֶת־יַד הַלֵּוִי וַיְהִי־לוֹ הַנַּעַר לְכֹהֵן וַיְהִי בְּבֵית

מיכה

יז v. 1. קמץ בטרחא v. 2. ואת קרי

30 האָט שמשון געזאָגט: „זאָל מיין לעבען זיך ענדיגען מיט די פּלשתים!
ער האָט זיך מיט'ן גאַנצען קראַפט אַ בויג געטהאָן איז די הויז איינגע־
פאַלען מיט די פירשטען און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין איהם. די וואָס
ער האָט געטוידט ביי זיין שטאַרבען זיינען געווען מעהר ווי די וואָס ער
האָט געטוידט ביי זיין לעבען.

31 זיינע ברידער און דאָס גאַנצע הויז זיין פאָטער'ס זיינען געקומען און
האָבען איהם אַוועקגעטראָגען און בעערדיגט אין זיין פאָטער מנוח'ס
בעערדיגונגס פּלאַץ, צווישען צרעה און אשתאול. ער איז געווען ריכטער
אין ישראל צוואַנציג יאָהר.

## קאַפּיטעל יז

1 עס איז געווען אַ מאַן פון'ם בארג אפרים, זיין נאָמען איז געווען מיכיהו,

2 האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער: „די טויזענד און הונדערט זילבערשטיק
וואָס איז ביי דיר צוגענומען געוואָרען און דו האָסט געשאָלטען און
געזאָגט צו מיר אַז איך האָב דאָס גענומען — אָט זיינען די זילבערשטי־
קער!" האָט זיין מוטער געזאָגט: געבענשט זיי, מיין זוהן, פון גאָט!"

3 אַז ער האָט זיין מוטער צוריקגעגעבען די טויזענד און הונדערט זילבער־
שטיק, האָט זיין מוטער געזאָגט: „איך האָב די זילבערשטיקער צו גאָט
געהייליגט, עס געהט יעצט איבער פון מיין בעזיץ צו מיין זוהן אום
צו מאַכען דערפון אַ געגאָסענעם בילד; אַלזאָ גיעב איך דיר דאָס צוריק.

4 ער האָט דאָס געלד אָבגעגעבען זיין מוטער. זי אָבער האָט גענומען צוויי
הונדערט זילבערשטיק און האָט געגעבען אַ זילבערשמיער, ער האָט דערפון
געמאַכט אַ געגאָסענעם בילד, וועלכען מ'האָט אַוועקגעשטעלט אין
מיכיהו'ס הויז.

5 דער מאַן, מיכה, האָט אַ טעמפּעל געהאַט, ער האָט זיך איינגעשאַפט אפוד
און תרפים און האָט בעפאָלמעכטיגט איינעם פון זיינע זיהן ער זאָל
ביי איהם אַלס כהן זיין.

6 [אין יענער צייט איז אין ישראל קיין קעניג געווען — יעדער האָט געטהאָן
וואָס ער האָט געוואָלט].

7 עס איז אויך געווען אַ איינגעל פון בית לחם יהודה, פון די פאַמיליע יהודה,
(געשטאַמט האָט ער פון לוי) נאָר האָט דאָרטען געוואָהנט.

8 ער איז אַוועק פון בית לחם יהודה אום צו געפינען אַ וואָהנונג, מאַכענ־
דיג זיין וועג איז ער געקומען צום באַרג אפרים, ביז מיכיהו'ס הויז.

9 האָט מיכה צו איהם געזאָגט: „פון וואַנען קומסטו?" ער האָט איהם
געענטפערט: „איך בין אַ לוי, פון בית לחם יהודה, איך געה אויס־
זוכען פאַר זיך אַן אָרט צו וואָהנען".

10 אָבער מיכה האָט צו איהם געזאָגט: „פערבלייב איך וועל דיר פאַר אַ
געוויסער צייט געבען צעהן זילבערשטיק, אַנשטענדיגע קליידער און
עסען". דער לוי האָט אָנפאַנגס געוואָלט אַוועקגעהען,

11 ער האָט אָבער איינגעווילליגט צו פערבלייבען מיט דעם מאַן, און דער
איינגעל איז געוואָרען ביי איהם ווי איינער פון זיינע זיהן.

12 מיכה האָט דעם לוי בעפאָלמעכטיגט און דער איינגעל איז ביי איהם פער־
בליעבען אַלס פּריעסט. אַז ער איז פערבליעבען אין מיכה'ס הויז,

13 מִיכָה׃ וַיֹּאמֶר מִיכָה עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי־יֵיטִיב יְהוָה לִי כִּי
הָיָה־לִי הַלֵּוִי לְכֹהֵן׃

## יח CAP. XVIII. יח

א בַּיָּמִים הָהֵם אֵין מֶלֶךְ בְּיִשְׂרָאֵל וּבַיָּמִים הָהֵם שֵׁבֶט הַדָּנִי
מְבַקֶּשׁ־לוֹ נַחֲלָה לָשֶׁבֶת כִּי לֹא־נָפְלָה לּוֹ עַד־הַיּוֹם הַהוּא
2 בְּתוֹךְ שִׁבְטֵי־יִשְׂרָאֵל בְּנַחֲלָה׃ וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־דָן ׀
מִמִּשְׁפַּחְתָּם חֲמִשָּׁה אֲנָשִׁים מִקְצוֹתָם אֲנָשִׁים בְּנֵי־חַיִל
מִצָּרְעָה וּמֵאֶשְׁתָּאֹל לְרַגֵּל אֶת־הָאָרֶץ וּלְחָקְרָהּ וַיֹּאמְרוּ
אֲלֵהֶם לְכוּ חִקְרוּ אֶת־הָאָרֶץ וַיָּבֹאוּ הַר־אֶפְרַיִם עַד־בֵּית
3 מִיכָה וַיָּלִינוּ שָׁם׃ הֵמָּה עִם־בֵּית מִיכָה וְהֵמָּה הִכִּירוּ
אֶת־קוֹל הַנַּעַר הַלֵּוִי וַיָּסוּרוּ שָׁם וַיֹּאמְרוּ לוֹ מִי־הֱבִיאֲךָ
4 הֲלֹם וּמָה־אַתָּה עֹשֶׂה בָּזֶה וּמַה־לְּךָ פֹה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם
כָּזֹה וְכָזֶה עָשָׂה לִי מִיכָה וַיִּשְׂכְּרֵנִי וָאֱהִי־לוֹ לְכֹהֵן׃
5 וַיֹּאמְרוּ לוֹ שְׁאַל־נָא בֵאלֹהִים וְנֵדְעָה הֲתַצְלִיחַ דַּרְכֵּנוּ
6 אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ הֹלְכִים עָלֶיהָ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הַכֹּהֵן לְכוּ
7 לְשָׁלוֹם נֹכַח יְהוָה דַּרְכְּכֶם אֲשֶׁר תֵּלְכוּ־בָהּ׃ וַיֵּלְכוּ
חֲמֵשֶׁת הָאֲנָשִׁים וַיָּבֹאוּ לָיְשָׁה וַיִּרְאוּ אֶת־הָעָם אֲשֶׁר־
בְּקִרְבָּהּ יוֹשֶׁבֶת לָבֶטַח כְּמִשְׁפַּט צִדֹנִים שֹׁקֵט ׀ וּבֹטֵחַ
וְאֵין־מַכְלִים דָּבָר בָּאָרֶץ יוֹרֵשׁ עֶצֶר וּרְחֹקִים הֵמָּה
8 מִצִּדֹנִים וְדָבָר אֵין־לָהֶם עִם־אָדָם׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־אֲחֵיהֶם
צָרְעָה וְאֶשְׁתָּאֹל וַיֹּאמְרוּ לָהֶם אֲחֵיהֶם מָה אַתֶּם׃
9 וַיֹּאמְרוּ קוּמָה וְנַעֲלֶה עֲלֵיהֶם כִּי רָאִינוּ אֶת־הָאָרֶץ
וְהִנֵּה טוֹבָה מְאֹד וְאַתֶּם מַחְשִׁים אַל־תֵּעָצְלוּ לָלֶכֶת
י לָבֹא לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ׃ כְּבֹאֲכֶם תָּבֹאוּ ׀ אֶל־עַם בֹּטֵחַ
וְהָאָרֶץ רַחֲבַת יָדַיִם כִּי־נְתָנָהּ אֱלֹהִים בְּיֶדְכֶם מָקוֹם אֲשֶׁר
11 אֵין־שָׁם מַחְסוֹר כָּל־דָּבָר אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃ וַיִּסְעוּ מִשָּׁם
מִמִּשְׁפַּחַת הַדָּנִי מִצָּרְעָה וּמֵאֶשְׁתָּאֹל שֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ חָגוּר
12 כְּלֵי מִלְחָמָה׃ וַיַּעֲלוּ וַיַּחֲנוּ בְּקִרְיַת יְעָרִים בִּיהוּדָה עַל־כֵּן

קראו

13 האָט מיכה געזאָגט: „יעצט בין איך זיכער אַז גאָט וועט מיר בעגליקען, וואָרום ער האָט מיר צוגעשיקט אַ לוי אַלס פריעסט״.

## קאַפּיטעל יח

1 אין יענער צייט איז ביי ישראל קיין קעניג געווען. אויך האָט אין דע־זעלביגער צייט דער שבט דן געזוכט פאַר זיך אַ לאַנד צום בעזיץ, ביז יענער צייט האָט ער נאָך קיין טהייל בעקומען צווישען די איבריגע שבטים פון ישראל.

2 און די בעפעלקערונג פון דן האָבען פון זייער פאַמיליע געשיקט פינף מאַן, פון זייער גרענעץ בעוואָהנער, העלדישע מענער פון צרעה און אשתאול, אום דורכצוגעהען די לאַנד און ערפאָרשען איהר. זיי האָבען צו זיי געזאָגט: „געהט, ערפאָרשט דאָס לאַנד!״ אַז זיי זיינען געקומען אויפ׳ן באַרג אפרים, ביז מיכה׳ס הויז, האָבען זיי גענעכטיגט דאָרטען.

3 ווען זיי זיינען געווען אין מיכה׳ס הויז האָבען זיי דערקענט דעם אינגעלס שטימע, דעם לוי׳ס; זיינען זיי אַהין אריין און געזאָגט צו איהם: „ווער האָט דיר אַהער געבראַכט? וואָס טהוסטו דאָ? און וואָס האָסטו דאָ?

4 האָט ער צו זיי געזאָגט: אָט אַזוי בעשעפטיגט מיר מיכה — ער האָט מיר געדונגען און איך בין ביי איהם פערבליעבען אַלס פריעסט״.

5 האָבען זיי צו איהם געזאָגט: „פרעג נאָר גאָט און לאָמיר וויסען אויב מיר וועלען גליק האָבען אין דעם וועג וואָס מיר געהען״.

6 דער פריעסט האָט זיי געענטפערט: „געהט אין פריעדען! דער וועג אויף וועלכען איהר געהט איז דער ריכטיגער פון גאָט״.

7 די פינף מענער זיינען אַוועק און געקומען אין ליש, זיי האָבען בעטראַכט דאָס פאָלק וואָס אין איהר אַז זיי זיינען פריעדליכע איינוואָהנער, אַזאַ אַרט ווי די צידנים, אָבוואָהל זיי זיינען ווייט פון די צידנים — שטיל, רוהיג און קיין זאַך פעהלט אינ׳ם לאַנד; אַ נאָכפאָלגער איז הערשער און זיי האָבען מיט קיינעם צו טהאָן.

8 אַז זיי זיינען געקומען צו זייערע ברידער פון צרעה און אשתאול, האָבען זייערע ברידער זיי געפרעגט: „וואָס האָט איהר אויסגעפונען?״

9 האָבען זיי געזאָגט: „קומט, לאָמיר זיי בעפאַלען! וואָרום דאָס לאַנד ווי מיר האָבען עס געזעהען איז אַ גוטע. לעגט ניט אָב און זייט ניט פויל צו געהען אַהין אָבנעהמען דאָס לאַנד.

10 קומען וועט איהר צו אַ שטילע פאָלק און דאָס לאַנד איז גרויס און ברייט, עס איז אַזוי ווי גאָט וואָלט דאָס שוין אייך אין האַנד געגעבען — עס איז אַ אָרט וואו עס פעהלט קיין זאַך פון לאַנד אייגענשאַפטען.

11 דאַן זיינען אַוועק פון דאָרטען, פון צרעה און אשתאול, זעקס הונדערט מאַן פון דן׳ס פאַמיליע, אַלע אָנגעגורט מיט וואַפען.

12 זיי זיינען געקומען און געלאַגערט אין קרית יערים וואָס נעבען יהודה;

קָרְאוּ לַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנֵה־דָן עַד הַיּוֹם הַזֶּה הִנֵּה אַחֲרֵי
13 קִרְיַת יְעָרִים׃ וַיַּעַבְרוּ מִשָּׁם הַר־אֶפְרָיִם וַיָּבֹאוּ עַד־בֵּית
14 מִיכָה׃ וַיַּעֲנוּ חֲמֵשֶׁת הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים לְרַגֵּל אֶת־הָאָרֶץ
לַיִשׁ וַיֹּאמְרוּ אֶל־אֲחֵיהֶם הַיְדַעְתֶּם כִּי יֵשׁ בַּבָּתִּים הָאֵלֶּה
אֵפוֹד וּתְרָפִים וּפֶסֶל וּמַסֵּכָה וְעַתָּה דְּעוּ מַה־תַּעֲשׂוּ׃
טו וַיָּסוּרוּ שָׁמָּה וַיָּבֹאוּ אֶל־בֵּית־הַנַּעַר הַלֵּוִי בֵּית מִיכָה
16 וַיִּשְׁאֲלוּ־לוֹ לְשָׁלוֹם׃ וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ חֲגוּרִים כְּלֵי
17 מִלְחַמְתָּם נִצָּבִים פֶּתַח הַשָּׁעַר אֲשֶׁר מִבְּנֵי דָן׃ וַיַּעֲלוּ
חֲמֵשֶׁת הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים לְרַגֵּל אֶת־הָאָרֶץ בָּאוּ שָׁמָּה
לָקְחוּ אֶת־הַפֶּסֶל וְאֶת־הָאֵפוֹד וְאֶת־הַתְּרָפִים וְאֶת־הַמַּסֵּכָה
וְהַכֹּהֵן נִצָּב פֶּתַח הַשַּׁעַר וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת הָאִישׁ הֶחָגוּר כְּלִי
18 הַמִּלְחָמָה׃ וְאֵלֶּה בָּאוּ בֵּית מִיכָה וַיִּקְחוּ אֶת־פֶּסֶל הָאֵפוֹד
וְאֶת־הַתְּרָפִים וְאֶת־הַמַּסֵּכָה וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם הַכֹּהֵן מָה אַתֶּם
19 עֹשִׂים׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ הַחֲרֵשׁ שִׂים־יָדְךָ עַל־פִּיךָ וְלֵךְ עִמָּנוּ
וֶהְיֵה־לָנוּ לְאָב וּלְכֹהֵן הֲטוֹב ׀ הֱיוֹתְךָ כֹהֵן לְבֵית אִישׁ
כ אֶחָד אוֹ הֱיוֹתְךָ כֹהֵן לְשֵׁבֶט וּלְמִשְׁפָּחָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיִּיטַב
לֵב הַכֹּהֵן וַיִּקַּח אֶת־הָאֵפוֹד וְאֶת־הַתְּרָפִים וְאֶת־הַפָּסֶל
21 וַיָּבֹא בְּקֶרֶב הָעָם׃ וַיִּפְנוּ וַיֵּלֵכוּ וַיָּשִׂימוּ אֶת־הַטַּף וְאֶת־
22 הַמִּקְנֶה וְאֶת־הַכְּבוּדָּה לִפְנֵיהֶם׃ הֵמָּה הִרְחִיקוּ מִבֵּית
מִיכָה וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר בַּבָּתִּים אֲשֶׁר עִם־בֵּית מִיכָה נִזְעֲקוּ
23 וַיַּדְבִּיקוּ אֶת־בְּנֵי־דָן׃ וַיִּקְרְאוּ אֶל־בְּנֵי־דָן וַיַּסֵּבּוּ פְּנֵיהֶם
24 וַיֹּאמְרוּ לְמִיכָה מַה־לְּךָ כִּי נִזְעָקְתָּ׃ וַיֹּאמֶר אֶת־אֱלֹהַי
אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי לְקַחְתֶּם וְאֶת־הַכֹּהֵן וַתֵּלְכוּ וּמַה־לִּי עוֹד וּמַה־
כה זֶּה תֹּאמְרוּ אֵלַי מַה־לָּךְ׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו בְּנֵי־דָן אַל־תַּשְׁמַע
קוֹלְךָ עִמָּנוּ פֶּן־יִפְגְּעוּ בָכֶם אֲנָשִׁים מָרֵי נֶפֶשׁ וְאָסַפְתָּה
26 נַפְשְׁךָ וְנֶפֶשׁ בֵּיתֶךָ׃ וַיֵּלְכוּ בְנֵי־דָן לְדַרְכָּם וַיַּרְא מִיכָה
27 כִּי־חֲזָקִים הֵמָּה מִמֶּנּוּ וַיִּפֶן וַיָּשָׁב אֶל־בֵּיתוֹ׃ וְהֵמָּה לָקְחוּ

את



הט׳ כדגש v. 21

דערפאַר האָט מען יענעם אָרט גערופען „מחנה דן" ביז יעצט, דאָס איז
הינטער קרית יערים.
13 פון דאָרטען זיינען זיי אַוועק צום באַרג אפרים און געקומען ביז צו מיכה'ס
הויז.
14 די פינף מענער, וועלכע זיינען געגאַנגען אויסזוכען דעם פּראָווינץ ליש,
האָבען געזאָגט צו זייערע ברידער : „ווייסט איהר אַז אין איינעם פון
די הייזער איז דאָ אַ אפוד און תרפים אויך אַ געגאָסענער בילד ? אַלזאָ
ווייסט וואָס איהר האָט צו טהאָן !"
15 זיי האָבען פערקעהרט אַהין און אַריין אין'ם הויז פון יונגען לוי, (ד. ה.
מיכה'ס הויז) און האָבען איהם בעגריסט.
16 די זעקס הונדערט מאַן פונ'ם בעפעלקערונג פון דן, וועלכע זיינען געווען
אָנגעגורט מיט וואַפען, זיינען שטעהען געבליבען ביי'ן אַריינגאַנג פון
טהויער.
17 נאָר די פינף מאַן וועלכע זיינען פריהער געגאַנגען אויסזוכען דאָס לאַנד,
זיינען אַהין אַריין און האָבען צוגענומען דעם געגאָסענעם בילד מיט'ן
אפוד און תרפים, [דער פּריעסט איז אויך געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון
טהויער מיט די זעקס הונדערט מאַן, וואָס זיינען אָנגעגורט געווען מיט
וואַפען].
18 ווען יענע זיינען אַריין אין מיכה'ס הויז, און צוגענומען דעם געגאָסענעם
בילד מיט'ן אפוד און תרפים האָט דער פּריעסט צו זיי געזאָגט :
„וואָס טהוט איהר ?"
19 האָבען זיי צו איהם געזאָגט : „שווייג ! לעג אַרויף דיין האַנד אויפ'ן
מויל און קום מיט אונז, דו וועסט ביי אונז זיין אַ פאָטער און אַ פּריעסט !
ווי איז פאַר דיר בעסער — זיין אַ פּריעסט אין איין מאַן'ס הויז אָדער
דו זאָלסט ווערען אַ פּריעסט ביי אַ גאַנצען שבט און פאַמיליע אין
ישראל ?
20 דאָס איז דעם פּריעסט געפעהלען, ער האָט גענומען דעם אפוד, די תרפים
און דעם בילד און איז אַריין צווישען דאָס פאָלק.
21 זיי האָבען זיך אָפּגעקעהרט און אַוועק. די קליינע קינדער, די יונגע פיה
און די פּעק האָבען זיי געלאָזען געהען פאָראויס.
22 זיי האָבען זיך נאָר ערווייטערט פון מיכה'ס הויז, ערשט די מענשען פון
די הייזער, וואָס נעבען מיכה'ס הויז, האָבען זיך פערזאַמעלט און אָנגע־
יאָגט די לייטע פון דן.
23 זיי האָבען גערופען די לייטע פון דן, יענע האָבען אָבגעקעהרט זייערע
געזיכטער און געזאָגט צו מיכה'ן : „וואָס איז דיר געשעהען וואָס דו
פערזאַמעלסט מענשען ?"
24 האָט ער געזאָגט : „מיין גאָט וואָס איך האָב זיך געמאַכט האָט איהר
צוגענומען מיט'ן פּריעסט צוזאַמען און איהר זייט זיך אַוועק ; וואָס איז
מיר יעצט געבליבען ? און איהר פרעגט נאָך „וואָס איז געשעהען ?"
25 אָבער די לייטע פון דן האָבען צו איהם געזאָגט : „זאָלסט אונז קיין
איינציגען וואָרט ריידען ! אַז ניט וועלען אייך בעפאַלען פערביטערטע
מענשען און דו וועסט פערליערען דיין לעבען און דעם לעבען פון דיין
גאַנצע הויז געזינד".
26 און די לייטע פון דן זיינען זיך אַוועק זייער וועג. אַז מיכה האָט געזעהען
אַז זיי זיינען שטאַרקער פאַר איהם, האָט ער זיך אָבגעקעהרט און אַוועק
צוריק צו זיין הויז.
27 אַזוי האָבען זיי צוגענומען זיין גאָט וואָס מיכה האָט געמאַכט מיט'ן

אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה מִיכָה וְאֶת־הַכֹּהֵן אֲשֶׁר הָיָה־לוֹ וַיָּבֹאוּ עַל־
לַיִשׁ עַל־עַם שֹׁקֵט וּבֹטֵחַ וַיַּכּוּ אוֹתָם לְפִי־חָרֶב וְאֶת־הָעִיר
28 שָׂרְפוּ בָאֵשׁ׃ וְאֵין מַצִּיל כִּי רְחוֹקָה־הִיא מִצִּידוֹן וְדָבָר
אֵין־לָהֶם עִם־אָדָם וְהִיא בָּעֵמֶק אֲשֶׁר לְבֵית־רְחוֹב וַיִּבְנוּ
29 אֶת־הָעִיר וַיֵּשְׁבוּ בָהּ׃ וַיִּקְרְאוּ שֵׁם־הָעִיר דָּן בְּשֵׁם דָּן
אֲבִיהֶם אֲשֶׁר יוּלַּד לְיִשְׂרָאֵל וְאוּלָם לַיִשׁ שֵׁם־הָעִיר
ל לָרִאשֹׁנָה׃ וַיָּקִימוּ לָהֶם בְּנֵי־דָן אֶת־הַפָּסֶל וִיהוֹנָתָן בֶּן־
גֵּרְשֹׁם בֶּן־מְנַשֶּׁה הוּא וּבָנָיו הָיוּ כֹהֲנִים לְשֵׁבֶט הַדָּנִי עַד־
31 יוֹם גְּלוֹת הָאָרֶץ׃ וַיָּשִׂימוּ לָהֶם אֶת־פֶּסֶל מִיכָה אֲשֶׁר
עָשָׂה כָּל־יְמֵי הֱיוֹת בֵּית־הָאֱלֹהִים בְּשִׁלֹה׃

## יט CAP. XIX. יט

א וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וּמֶלֶךְ אֵין בְּיִשְׂרָאֵל וַיְהִי ׀ אִישׁ לֵוִי
גָּר בְּיַרְכְּתֵי הַר־אֶפְרַיִם וַיִּקַּח־לוֹ אִשָּׁה פִּילֶגֶשׁ מִבֵּית
2 לֶחֶם יְהוּדָה׃ וַתִּזְנֶה עָלָיו פִּילַגְשׁוֹ וַתֵּלֶךְ מֵאִתּוֹ אֶל־בֵּית
אָבִיהָ אֶל־בֵּית לֶחֶם יְהוּדָה וַתְּהִי־שָׁם יָמִים אַרְבָּעָה
3 חֳדָשִׁים׃ וַיָּקָם אִישָׁהּ וַיֵּלֶךְ אַחֲרֶיהָ לְדַבֵּר עַל־לִבָּהּ
לַהֲשִׁיבוֹ וְנַעֲרוֹ עִמּוֹ וְצֶמֶד חֲמֹרִים וַתְּבִיאֵהוּ בֵּית אָבִיהָ
4 וַיִּרְאֵהוּ אֲבִי הַנַּעֲרָה וַיִּשְׂמַח לִקְרָאתוֹ׃ וַיֶּחֱזַק־בּוֹ חֹתְנוֹ
אֲבִי הַנַּעֲרָה וַיֵּשֶׁב אִתּוֹ שְׁלֹשֶׁת יָמִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ וַיָּלִינוּ
ה שָׁם׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הָרְבִיעִי וַיַּשְׁכִּימוּ בַבֹּקֶר וַיָּקָם לָלֶכֶת
וַיֹּאמֶר אֲבִי הַנַּעֲרָה אֶל־חֲתָנוֹ סְעָד לִבְּךָ פַּת־לֶחֶם וְאַחַר
6 תֵּלֵכוּ׃ וַיֵּשְׁבוּ וַיֹּאכְלוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּו וַיִּשְׁתּוּ וַיֹּאמֶר אֲבִי
7 הַנַּעֲרָה אֶל־הָאִישׁ הוֹאֶל־נָא וְלִין וְיִטַב לִבֶּךָ׃ וַיָּקָם הָאִישׁ
8 לָלֶכֶת וַיִּפְצַר־בּוֹ חֹתְנוֹ וַיָּשָׁב וַיָּלֶן שָׁם׃ וַיַּשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר
בַּיּוֹם הַחֲמִישִׁי לָלֶכֶת וַיֹּאמֶר ׀ אֲבִי הַנַּעֲרָה סְעָד־נָא לְבָבְךָ
9 וְהִתְמַהְמְהוּ עַד־נְטוֹת הַיּוֹם וַיֹּאכְלוּ שְׁנֵיהֶם׃ וַיָּקָם הָאִישׁ
לָלֶכֶת הוּא וּפִילַגְשׁוֹ וְנַעֲרוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ חֹתְנוֹ אֲבִי הַנַּעֲרָה

הנה

יח. v. 29. הל׳ בדגש   v. 30. נ׳ תלויה   יט. v. 3. להשיבה קרי   v. 5. הע׳ בקמץ

פריעסט וואָס ער האָט געהאַט, און זיינען אַוועק אין ליש, געגען אַ רוהיגע און שטילע פאָלק; זיי האָבען זיי מיט׳ן שווערד ערשלאָגען און פערברענט די שטאָדט אין פייער.

28 קיינער האָט זיי ניט גערעטעט וואָרום זיי זיינען וויט געווען פון צידון און ניט געהאַט צו טהאָן מיט קיינעם (עס איז געווען אין אַ טהאָל נעבען בית רחוב), זיי האָבען איבערגעבויט די שטאָדט און בעזעצט זיך אין איהר.

29 די שטאָדט האָבען זיי גערופען „דן״, נאָכ׳ן נאָמען פון זייער פאָטער דן, וואָס איז געבוירען געוואָרען ביי ישראל; פריהער האָט מען די שטאָדט גערופען ליש.

30 די בעפעלקערונג פון דן האָבען זיך אויפגעשטעלט דעם בילד און יהונתן, גרשם׳ס זוהן, (זוהן פון מנשה) ער און זיינע קינדער זיינען געווען פריעסטער פאַר׳ן שבט דן, ביז מ׳האָט זיי פונ׳ם לאַנד פערטריעבען.

31 זיי האָבען ביי זיך געהאַטלען די בילד וואָס מיכה האָט געמאַכט די גאַנצע צייט וואָס גאָט׳ס הויז איז געווען אין שלה.

## קאַפּיטעל יט

1 עס האָט פּאַסירט אין יענער צייט וואָס אין ישראל איז קיין קעניג געווען. אַ מאַן, אַ לוי האָט געוואָהנט ביי׳ן ברעג פון באַרג אפרים; ער האָט גענומען אַ קעבסווייב פון בית לחם יהודה.

2 זיין קעבסווייב איז אונטריי געוואָרען און אַוועק פון איהם צו איהר פאָטער אין בית לחם יהודה, זי איז דאָרט פערבליעבען אַ צייט פון פיער מאָנאַטען.

3 דאַן איז איהר מאַן אויפגעשטאַנען און אַוועק נאָך איהר, איהר איבערעדען און צוריקברענגען. ער האָט מיטגענומען זיין דיענער און אַ פּאָאַר עזלען. זי האָט איהם אריינגענומען אין איהר פאָטער׳ס הויז; אַז דער ווייבעל׳ס פאָטער האָט איהם דערזעהען איז ער צופריעדען געווען.

4 זיין שווער, דער ווייבעל׳ס פאָטער, האָט איהם פערהאַלטען; ער האָט זיך ביי איהם אָבגעשטעלט אויף דריי טאָג, זיי האָבען געגעסען, געטרונקען און גענעכטיגט דאָרט.

5 אויפ׳ן פיערטען טאָג זיינען זיי גאַנץ פריה אויפגעשטאַנען און ער האָט זיך שוין געקליעבען צו געהען, האָט דער ווייבעל׳ס פאָטער געזאָגט צו זיין איידעם: „ביים וואָס צו און נאָכהער וועט איהר געהען״.

6 זיי האָבען זיך ביידע אַוועקגעזעצט און האָבען געגעסען און געטרונקען; האָט דער ווייבעל׳ס פאָטער געזאָגט צום מאַן: „בלייב שוין דאָ נעכטיגען און זאָל דיר וואויל בעקומען!״

7 דער מאַן האָט געוואָלט אַוועק, נאָר זיין שווער האָט איהם זעהר געבעטען איז ער דאָרט געבליעבען נעכטיגען.

8 אַז ער איז אויפ׳ן פינפטען טאָג אויפגעשטאַנען אום אַוועק צו געהען, האָט דער ווייבעל׳ס פאָטער געזאָגט צו איהם: „ביים וואָס צו און פערזאַמט זיך ביז דער טאָג וועט אַוועק״, און זיי האָבען ווידער געגעסען צוזאַמען.

9 אַז דער מאַן האָט זיך גענומען קלייבען אין וועג, ער מיט זיין קעבסווייב און זיין דיענער, האָט זיין שווער, דער ווייבעל׳ס פאָטער, געזאָגט

הִנֵּה־נָא רָפָה הַיּוֹם לַעֲרוֹב לִינוּ־נָא הִנֵּה חֲנוֹת הַיּוֹם לִין
פֹּה וְיִיטַב לְבָבֶךָ וְהִשְׁכַּמְתֶּם מָחָר לְדַרְכְּכֶם וְהָלַכְתָּ
י לְאֹהָלֶךָ׃ וְלֹא־אָבָה הָאִישׁ לָלוּן וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ וַיָּבֹא עַד־
נֹכַח יְבוּס הִיא יְרוּשָׁלִָם וְעִמּוֹ צֶמֶד חֲמוֹרִים חֲבוּשִׁים
11 וּפִילַגְשׁוֹ עִמּוֹ׃ הֵם עִם־יְבוּס וְהַיּוֹם רַד מְאֹד וַיֹּאמֶר הַנַּעַר
אֶל־אֲדֹנָיו לְכָה־נָּא וְנָסוּרָה אֶל־עִיר־הַיְבוּסִי הַזֹּאת וְנָלִין
12 בָּהּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲדֹנָיו לֹא נָסוּר אֶל־עִיר נָכְרִי אֲשֶׁר
13 לֹא־מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵנָּה וְעָבַרְנוּ עַד־גִּבְעָה׃ וַיֹּאמֶר לְנַעֲרוֹ
לְךָ וְנִקְרְבָה בְּאַחַד הַמְּקֹמוֹת וְלַנּוּ בַגִּבְעָה אוֹ בָרָמָה׃
14 וַיַּעַבְרוּ וַיֵּלֵכוּ וַתָּבֹא לָהֶם הַשֶּׁמֶשׁ אֵצֶל הַגִּבְעָה אֲשֶׁר
טו לְבִנְיָמִן׃ וַיָּסֻרוּ שָׁם לָבוֹא לָלוּן בַּגִּבְעָה וַיָּבֹא וַיֵּשֶׁב בִּרְחוֹב
16 הָעִיר וְאֵין אִישׁ מְאַסֵּף־אוֹתָם הַבַּיְתָה לָלוּן׃ וְהִנֵּה ׀ אִישׁ
זָקֵן בָּא מִן־מַעֲשֵׂהוּ מִן־הַשָּׂדֶה בָּעֶרֶב וְהָאִישׁ מֵהַר אֶפְרַיִם
17 וְהוּא־גָר בַּגִּבְעָה וְאַנְשֵׁי הַמָּקוֹם בְּנֵי יְמִינִי׃ וַיִּשָּׂא עֵינָיו
וַיַּרְא אֶת־הָאִישׁ הָאֹרֵחַ בִּרְחוֹב הָעִיר וַיֹּאמֶר הָאִישׁ הַזָּקֵן
18 אָנָה תֵלֵךְ וּמֵאַיִן תָּבוֹא׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו עֹבְרִים אֲנַחְנוּ מִבֵּית־
לֶחֶם יְהוּדָה עַד־יַרְכְּתֵי הַר־אֶפְרַיִם מִשָּׁם אָנֹכִי וָאֵלֵךְ עַד־
בֵּית־לֶחֶם יְהוּדָה וְאֶת־בֵּית יְהוָה אֲנִי הֹלֵךְ וְאֵין אִישׁ מְאַסֵּף
19 אוֹתִי הַבָּיְתָה׃ וְגַם־תֶּבֶן גַּם־מִסְפּוֹא יֵשׁ לַחֲמוֹרֵינוּ וְגַם
לֶחֶם וָיַיִן יֶשׁ־לִי וְלַאֲמָתֶךָ וְלַנַּעַר עִם־עֲבָדֶיךָ אֵין מַחְסוֹר
כ כָּל־דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר הָאִישׁ הַזָּקֵן שָׁלוֹם לָךְ רַק כָּל־מַחְסוֹרְךָ
21 עָלָי רַק בָּרְחוֹב אַל־תָּלַן׃ וַיְבִיאֵהוּ לְבֵיתוֹ וַיָּבוֹל לַחֲמוֹרִים
22 וַיִּרְחֲצוּ רַגְלֵיהֶם וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ׃ הֵמָּה מֵיטִיבִים אֶת־לִבָּם
וְהִנֵּה אַנְשֵׁי הָעִיר אַנְשֵׁי בְנֵי־בְלִיַּעַל נָסַבּוּ אֶת־הַבַּיִת
מִתְדַּפְּקִים עַל־הַדָּלֶת וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָאִישׁ בַּעַל הַבַּיִת הַזָּקֵן
23 לֵאמֹר הוֹצֵא אֶת־הָאִישׁ אֲשֶׁר־בָּא אֶל־בֵּיתְךָ וְנֵדָעֶנּוּ׃ וַיֵּצֵא
אֲלֵיהֶם הָאִישׁ בַּעַל הַבַּיִת וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַל־אַחַי אַל־

v. 13. חסר ה׳   v. 21. ויבל קרי

צו איהם: „אַט דער טאָג איז שוין שוואַך — עס איז שוין דונקעל,
בלייבט דאָ נעכטיגען! רוהע זיך אויס נאָך דעם טאָג, נעכטיג דאָ און
זאָל דיר וואויל בעקומען; מאָרגען גאַנץ פריה וועט איהר אויפשטעהען
און וועסט זיך געהען דיין וועג ביז דיינע געצעלטען."
10 דער מאַן האָט אָבער ניט געוואָלט פערבלייבען, ער איז אויפגעשטאַנען
און איז אַוועק, מיט זיין פּאָאר געזאָטעלטע עזלען און זיין קעבסווייב,
זיי זיינען געקומען ביז קעגען יבוס, ד. ה. ירושלים.
11 ווען זיי זיינען געקומען נעבען יבוס איז שוין דער טאָג געזעצט געוועזן,
האָט דער דיענער געזאָגט צו זיין הערן: „קום, לאָמיר פאַרקעהרען
אין די יבוסי'שע שטאָדט און אין איהר איבערנעכטיגען".
12 האָט זיין הערר צו איהם געזאָגט: „מיר דאַרפען ניט פאַרקעהרען אין
אַ פרעמדע שטאָדט, וואָס בעלאַנגט ניט צו די בעפעלקערונג פון ישראל,
לאָמיר שוין צו געהען צו גבעה!"
13 ער האָט צו זיין דיענער געזאָגט: קום, לאָמיר נעהנטער צוגעהען צו
וועלכען עס איז אָרט און מיר וועלען דאָרט נעכטיגען — אין גבעה אָדער
אין רמה".
14 זיי זיינען אַוועק און ווייטער געגאַנגען. נעבען גבעה, וואָס בעלאַנגט צו
בנימין, איז די זונן אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען.
15 זיי האָבען אהין, אין גבעה, פערקעהרט אום צו נעכטיגען. זיי זיינען אריין
און אָבגעשטעלט זיך אין שטאָדט אין איינע פון די גאַסען; אָבער קיי־
נער נעהמט ניט זיי אריין אין הויז איבערנעכטיגען.
16 גראַדע איז ביי נאַכט אַן אַלטער מאַן אָנגעקומען פון פעלד, פון זיין
אַרבייט, דער מאַן איז געוועזן פון בארג אפרים און האָט געוואָהנט אין
גבעה. די איינוואָהנער פון דעם אָרט זיינען געוועזן פון בנימין.
17 אַז ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהען דעם רייזענדען
מאַן אין גאַס פון שטאָדט, האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט: „וואו
געהסטו, און פון וואַנען קומסטו?"
18 האָט ער איהם געענטפערט: „מיר רייזען פון בית לחם יהודה צום
בערג פון אפרים. איך בין פון דאָרטען, נאָר איך בין געוועזן אין בית
לחם יהודה, יעצט זוך איך אַ פרומע הויז, און קיינער לאָזט מיר אין
הויז ניט אריין.
19 אויך שטרוי און פוטער פאַר מיינע עזלען, אויך ברויט און וויין פאַר
מיר, פאַר מיין דיענסט און דעם דיענער, וואָס קען זיין מיט דיינע
קנעכט, האָב איך — עס פעהלט מיר קיין זאַך ניט".
20 האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט: „פריעדען צו דיר! זאָגאר ווען איך
וואָלט דיר געדאַרפט אַלץ געבען וואָלסטו אויך אין גאַס ניט גענעכטיגט!"
21 ער האָט איהם אריינגעפיהרט אין זיין הויז, ער האָט די עזלען געגעבען
עסען און אויך זיי האָבען זייערע פיס געוואַשען דאַן געגעסען און געטרונ־
קען.
22 ווען זיי האָבען זיך אונטערהאַלטען האָבען די שטאָדט מענשען, פער־
דאָרבענע מענער ארומגערינגעלט די הויז; זיי האָבען געקלאַפּט אין
טהיר און געזאָגט צום אַלטען מאַן, דעם בעל הבית: „פיהר ארויס דעם
מאַן וואָס איז צו דיר געקומען, מיר ווילען איהם בעטראַכטען!"
23 דער אַלטער מאַן, דער בעל הבית, איז ארויס צו זיי און געזאָגט: „ניין,

תָּרֵעוּ נָא אַחֲרֵי אֲשֶׁר־בָּא הָאִישׁ הַזֶּה אֶל־בֵּיתִי אַל־תַּעֲשׂוּ
24 אֶת־הַנְּבָלָה הַזֹּאת׃ הִנֵּה בִתִּי הַבְּתוּלָה וּפִֽילַגְשֵׁהוּ אוֹצִֽיאָה־
נָּא אוֹתָם וְעַנּוּ אוֹתָם וַעֲשׂוּ לָהֶם הַטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם וְלָאִישׁ
כה הַזֶּה לֹא תַעֲשׂוּ דְּבַר הַנְּבָלָה הַזֹּאת׃ וְלֹא־אָבוּ הָאֲנָשִׁים
לִשְׁמֹעַ לוֹ וַיַּחֲזֵק הָאִישׁ בְּפִֽילַגְשׁוֹ וַיֹּצֵא אֲלֵיהֶם הַחוּץ
וַיֵּדְעוּ אוֹתָהּ וַיִּתְעַלְּלוּ־בָהּ כָּל־הַלַּיְלָה עַד־הַבֹּקֶר וַיְשַׁלְּחוּהָ
26 בַּעֲלוֹת הַשָּׁחַר׃ וַתָּבֹא הָאִשָּׁה לִפְנוֹת הַבֹּקֶר וַתִּפֹּל
27 פֶּתַח בֵּית־הָאִישׁ אֲשֶׁר־אֲדוֹנֶיהָ שָּׁם עַד־הָאוֹר׃ וַיָּקָם
אֲדֹנֶיהָ בַּבֹּקֶר וַיִּפְתַּח דַּלְתוֹת הַבַּיִת וַיֵּצֵא לָלֶכֶת לְדַרְכּוֹ
וְהִנֵּה הָאִשָּׁה פִילַגְשׁוֹ נֹפֶלֶת פֶּתַח הַבַּיִת וְיָדֶיהָ עַל־הַסַּף׃
28 וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ קוּמִי וְנֵלֵכָה וְאֵין עֹנֶה וַיִּקָּחֶהָ עַל־הַחֲמוֹר
29 וַיָּקָם הָאִישׁ וַיֵּלֶךְ לִמְקֹמוֹ׃ וַיָּבֹא אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּקַּח אֶת־
הַמַּאֲכֶלֶת וַיַּחֲזֵק בְּפִילַגְשׁוֹ וַיְנַתְּחֶהָ לַעֲצָמֶיהָ לִשְׁנֵים עָשָׂר
ל נְתָחִים וַיְשַׁלְּחֶהָ בְּכֹל גְּבוּל יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה כָל־הָרֹאֶה
וְאָמַר לֹא־נִהְיְתָה וְלֹא־נִרְאֲתָה כָּזֹאת לְמִיּוֹם עֲלוֹת בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַד הַיּוֹם הַזֶּה שִׂימוּ־לָכֶם עָלֶיהָ
עֻצוּ וְדַבֵּרוּ׃

## CAP. XX. כ

כ

א וַיֵּצְאוּ כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַתִּקָּהֵל הָעֵדָה כְּאִישׁ אֶחָד לְמִדָּן
2 וְעַד־בְּאֵר שֶׁבַע וְאֶרֶץ הַגִּלְעָד אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה׃ וַיִּתְיַצְּבוּ
פִּנּוֹת כָּל־הָעָם כֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל בִּקְהַל עַם הָאֱלֹהִים
3 אַרְבַּע מֵאוֹת אֶלֶף אִישׁ רַגְלִי שֹׁלֵף חָרֶב׃ וַיִּשְׁמְעוּ
בְּנֵי בִנְיָמִן כִּי־עָלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הַמִּצְפָּה וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי
4 יִשְׂרָאֵל דַּבְּרוּ אֵיכָה נִהְיְתָה הָרָעָה הַזֹּאת׃ וַיַּעַן הָאִישׁ
הַלֵּוִי אִישׁ הָאִשָּׁה הַנִּרְצָחָה וַיֹּאמַר הַגִּבְעָתָה אֲשֶׁר לְבִנְיָמִן
ה בָּאתִי אֲנִי וּפִילַגְשִׁי לָלוּן׃ וַיָּקֻמוּ עָלַי בַּעֲלֵי הַגִּבְעָה
וַיָּסֹבּוּ עָלַי אֶת־הַבַּיִת לָיְלָה אוֹתִי דִּמּוּ לַהֲרֹג וְאֶת־פִּילַגְשִׁי



י״ט v. 25. כעלות ק׳ כ׳ v. 2. פ׳ כצ״ל

מיינע ברידער ! טהוט איהם קיין שלעכטס ; קוים איז ער מיין גאסט זאלט איהר איהם קיין שעדליכע זאך טהאן —

24 איך וועל צו אייך ארויספיהרען מיין טאכטער די מיידעל און זיין קעבס־ווייב, פייניגט זיי און טהוט מיט זיי וואס איהר ווילט — דעם מאן אבער זאלט איהר קיין שענדליכעס זאך ניט טהאן".

25 די לייטע האבען איהם אבער ניט געוואלט הערען ; דאן האט דער מאן גענומען זיין קעבסווייב און האט איהר צו זיי ארויסגעפיהרט אין גאס. זיי האבען איהר געפייניגט און געשענדעט א גאנצע נאכט, ביז עס איז טאג געווארען ; זיי האבען איהר אוועקגעלאזען ערשט ווען דער מארגען שטערען האט אויפגעשיינט.

26 די פרוי איז פארטאג געקומען און איז ליגען געבליעבען ביי'ן טהיר פון מאנ'ס הויז, וואו איהר הערר איז געווען, ביז עס איז ליכטיג געווארען.

27 אז איהר הערר איז אין דער פריה אויפגעשטאנען, האט ער געעפענט די טהיר פון הויז און איז ארויס אום אין וועג צו געהען, ערשט די פרוי, זיין קעבסווייב, ליעגט ביי'ן טהיר פון הויז מיט די הענד אויף'ן שוועל.

28 האט ער צו איהר געזאגט : „שטעה אויף, לאמיר געהען !" אבער קיין ענטפער. ער האט איהר ארויפגענומען אויפ'ן עזעל און איז אוועק צו זיין ארט.

29 אז ער איז געקומען א היים האט ער גענומען א מעסער און האט זיין קעבסווייב צושניטען גליעדערווייז, אויף צוועלף שטיקער, און פאנאנ־דער געשיקט איבער אלע גרענעצען פון ישראל.

30 ווער עס האט דאס דערזעהען האט געזאגט : „אזא זאך איז ניט גע־שעהען געווארען זינט ישראל זיינען פון מצרים ארויס ביז דעם טאג ! בעטראכט דאס, בעראטה זיך און בעשליסט וואס צו טהאן !"

## קאפיטעל כ

1 דאן איז ארויס גאנץ ישראל ווי איין מאן ; פון דן ביז באר שבע און די געמיינדע האט זיך פערזאמעלט צו גאט'ס געצעלט אין מצפה.

2 עס האבען זיך אויסגעשטעלט אלע פארשטעהער פונ'ם פאלק, פון אלע שבטים ישראל'ס, מיט א פערזאמלונג פון א שטארקע ארמעע — פיער הונדערט טויזענד מאן פוסגעהער, געאיבטע מיט'ן שווערד.

3 [די איינוואהנער פון בנימין האבען דערהערט אז די קינדער ישראל האבען זיך פערזאמעלט אין מצפה] די פארשטעהער פון ישראל האבען געזאגט : „דערצעהל ווי האט די שאנדטהאט פאסירט ?"

4 האט דער מאן פון לוי געענטפערט, ד. ה. דער מאן פון דער ערמארדע־טע פרוי, און האט געזאגט : „אין גבעה, וואס בעלאנגט צו בנימין בין איך געקומען נעכטיגען, איך מיט מיין קעבסווייב,

5 זיינען אויפגעשטאנען אויף מיר די לייטע פון גבעה און האבען מיר ביי נאכט ארומגערינגעלט אינ'ם הויז — זיי האבען מיר געוואלט הרג'ענען, נאר מיין קעבסווייב האבען זיי ביז צום טוידט געפייניגט ;

6 עִנּוּ וַתָּמֹת׃ וָאֹחֵז בְּפִילַגְשִׁי וָאֲנַתְּחֶהָ וָאֲשַׁלְּחֶהָ בְּכָל־
7 שְׂדֵה נַחֲלַת יִשְׂרָאֵל כִּי עָשׂוּ זִמָּה וּנְבָלָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ הִנֵּה
8 כֻלְּכֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָבוּ לָכֶם דָּבָר וְעֵצָה הֲלֹם׃ וַיָּקָם
כָּל־הָעָם כְּאִישׁ אֶחָד לֵאמֹר לֹא נֵלֵךְ אִישׁ לְאָהֳלוֹ וְלֹא
9 נָסוּר אִישׁ לְבֵיתוֹ׃ וְעַתָּה זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר נַעֲשֶׂה לַגִּבְעָה
י עָלֶיהָ בְּגוֹרָל׃ וְלָקַחְנוּ עֲשָׂרָה אֲנָשִׁים לַמֵּאָה לְכֹל ׀ שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל וּמֵאָה לָאֶלֶף וְאֶלֶף לָרְבָבָה לָקַחַת צֵדָה לָעָם
לַעֲשׂוֹת לְבוֹאָם לְגֶבַע בִּנְיָמִן כְּכָל־הַנְּבָלָה אֲשֶׁר עָשָׂה
11 בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּאָסֵף כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל אֶל־הָעִיר כְּאִישׁ אֶחָד
12 חֲבֵרִים׃ וַיִּשְׁלְחוּ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֲנָשִׁים בְּכָל־שִׁבְטֵי
13 בִנְיָמִן לֵאמֹר מָה הָרָעָה הַזֹּאת אֲשֶׁר נִהְיְתָה בָּכֶם׃ וְעַתָּה
תְּנוּ אֶת־הָאֲנָשִׁים בְּנֵי־בְלִיַּעַל אֲשֶׁר בַּגִּבְעָה וּנְמִיתֵם
וּנְבַעֲרָה רָעָה מִיִּשְׂרָאֵל וְלֹא אָבוּ ° בִּנְיָמִן לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל
14 אֲחֵיהֶם בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּאָסְפוּ בְנֵי־בִנְיָמִן מִן־הֶעָרִים
טו הַגִּבְעָתָה לָצֵאת לַמִּלְחָמָה עִם־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּתְפָּקְדוּ
בְּנֵי בִנְיָמִן בַּיּוֹם הַהוּא מֵהֶעָרִים עֶשְׂרִים וְשִׁשָּׁה אֶלֶף אִישׁ
שֹׁלֵף חָרֶב לְבַד מִיֹּשְׁבֵי הַגִּבְעָה הִתְפָּקְדוּ שְׁבַע מֵאוֹת
16 אִישׁ בָּחוּר׃ מִכֹּל ׀ הָעָם הַזֶּה שְׁבַע מֵאוֹת אִישׁ בָּחוּר
אִטֵּר יַד־יְמִינוֹ כָּל־זֶה קֹלֵעַ בָּאֶבֶן אֶל־הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא׃
17 וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל הִתְפָּקְדוּ לְבַד מִבִּנְיָמִן אַרְבַּע מֵאוֹת
18 אֶלֶף אִישׁ שֹׁלֵף חָרֶב כָּל־זֶה אִישׁ מִלְחָמָה׃ וַיָּקֻמוּ וַיַּעֲלוּ
בֵית־אֵל וַיִּשְׁאֲלוּ בֵאלֹהִים וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִי יַעֲלֶה־
לָּנוּ בַתְּחִלָּה לַמִּלְחָמָה עִם־בְּנֵי בִנְיָמִן וַיֹּאמֶר יְהוָה יְהוּדָה
19 בַתְּחִלָּה׃ וַיָּקוּמוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּבֹּקֶר וַיַּחֲנוּ עַל־הַגִּבְעָה׃
כ וַיֵּצֵא אִישׁ יִשְׂרָאֵל לַמִּלְחָמָה עִם־בִּנְיָמִן וַיַּעַרְכוּ אִתָּם אִישׁ־
21 יִשְׂרָאֵל מִלְחָמָה אֶל־הַגִּבְעָה׃ וַיֵּצְאוּ בְנֵי־בִנְיָמִן מִן־הַגִּבְעָה
וַיַּשְׁחִיתוּ בְיִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַהוּא שְׁנַיִם וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אִישׁ

ארצה

v. 13 בני קרי ולא כתיב

6 דאָן האָב איך גענומען מיין קעבסווייב, איך האָב איהר צושניטען און פאַנאַנדער געשיקט איבער׳ן גאַנצען לאַנד פון בעזיץ ישראל׳ס — וואָרום זיי האָבען אַ אויסגעלאַסענהייט און שאַנד געטהאָן אונטער ישראל.

7 אַט זייט איהר אַלע פערטרעטער פון ישראל, רעדט זיך צוזאַמען און בעראַטהט זיך דאָ אויפ׳ן פּלאַץ !״

8 דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אויפגעשטעלט ווי איין מאַן זאָגענדיג : „מיר וועלען פון דאַנען קיינער צו זיין געצעלט געהען און ניט פּארקעהרען אַ היים !

9 אַט וואָס מ׳דאַרף מיט גבעה טהאָן : מיר וועלען צוליעב איהר וואַרפען גורל —

10 מיר וועלען נעהמען צו צעהען מענשען פון הונדערט, פון אַלע שבטים ישראל׳ס, צו הונדערט פון יעדער טויזענד און צו טויזענד פון יעדער צעהען־טויזענד, זיי זאָלען צוגרייטען שפּייז פאַר׳ן פאָלק, און פאַרטיג מאַכען ביז זיי וועלען קומען אין גבע בנימין, (אום צו בעשטראָפען זיי) פאַר דעם שאַנדטהאַט וואָס זיי האָבען געטהאָן אין ישראל.

11 אַלע מענער פון ישראל האָבען זיך פערזאַמעלט צום שטאָדט, פעראייניגט ווי איין מענש.

12 און די שבטים פון ישראל האָבען געשיקט מענשען איבער אַלע פאַמיליען פון בנימין, זאָגענדיג : „וואָס איז די אורזאַכע פון דעם שאַנדטהאַט וואָס איז ביי אייך געשעהען ?״

13 אַלזאָ, גיט אַרויס די מענשען, די פערדאָרבענע יונגען פון גבעה, און מיר וועלען זיי טוידטען און אויסראָמען דעם פערברעכען פון ישראל״. אָבער די לייטע פון בנימין האָבען ניט געוואָלט הערען די שטימע פון זייערע ברידער, די קינדער ישראל.

14 און די בעפעלקערונג פון בנימין האָט זיך פערזאַמעלט פון אַלע שטעדט אין גבעה, אום אַרויסצוגעהען אין קריעג קעגען די קינדער ישראל.

15 פון בנימין׳ס לייטע האָבען זיך יענעם טאָג צוזאַמענגעצעהלט פון די שטעדט, זעקס און צוואַנציג טויזענד מאַן, געאיבטע מיט׳ן שווערד ; אויסער דעם האָבען זיך צוזאַמענגעצעהלט זיבען הונדערט אויסגעקליעבענע מענשען פון די איינוואָהנער פון גבעה.

16 פונ׳ם גאַנצען בעפעלקערונג זיעבען הונדערט געקליעבענע מענשען, יעדער האָט געקענט האָבענדיג פערבונדען די רעכטע האַנד וואַרפען אַ שטיין ציעלענדיג אין אַ האָאַר, און ניט פעהלען צו טרעפען.

17 מענער פון ישראל האָבען זיך צוזאַמענגעצעהלט, (אויסער בנימין) פיער הונדערט טויזענד מאַן, געאיבטע מיט׳ן שווערד — די אַלע זיינען געווען קריעגס לייט.

18 זיי זיינען אויפגעשטאַנען און אַוועק אין בית אל, די קינדער ישראל האָבען געזאָגט : „ווער פון אונז זאָל פריהער געהן אין קריעג קעגען די בעפעלקערונג פון בנימין ?״ האָט גאָט געענטפערט : „יהודה זאָל דער ערשטער געהען !״

19 די קינדער ישראל זיינען פריה אויפגעשטאַנען און בעלאַגערט גבעה.

20 דאָן זיינען די מענער פון ישראל אַרויס אין קריעג מיט בנימין, די מענער פון ישראל האָבען זיך אין קריעגס אָרדנונג געשטעלט ביי גבעה.

21 זיינען די לייטע פון בנימין ארויס פון גבעה און האָבען אין יענעם טאָג ערשלאָגען פון ישראל צוויי־און־צוואַנציג טויזענד מאַן אויפ׳ן פּלאַץ.

22 אַרְצָה׃ וַיִּתְחַזֵּק הָעָם אִישׁ יִשְׂרָאֵל וַיֹּסִפוּ לַעֲרֹךְ מִלְחָמָה
23 בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר עָרְכוּ־שָׁם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן׃ וַיַּעֲלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
וַיִּבְכּוּ לִפְנֵי־יְהוָה עַד־הָעֶרֶב וַיִּשְׁאֲלוּ בַיהוָה לֵאמֹר הַאוֹסִיף
לָגֶשֶׁת לַמִּלְחָמָה עִם־בְּנֵי בִנְיָמִן אָחִי וַיֹּאמֶר יְהוָה עֲלוּ
24 אֵלָיו׃ וַיִּקְרְבוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־בְּנֵי בִנְיָמִן בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי׃
כה וַיֵּצֵא בִנְיָמִן ׀ לִקְרָאתָם מִן־הַגִּבְעָה בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי וַיַּשְׁחִיתוּ
בִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עוֹד שְׁמֹנַת עָשָׂר אֶלֶף אִישׁ אַרְצָה כָּל־
26 אֵלֶּה שֹׁלְפֵי חָרֶב׃ וַיַּעֲלוּ כָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְכָל־הָעָם וַיָּבֹאוּ
בֵית־אֵל וַיִּבְכּוּ וַיֵּשְׁבוּ שָׁם לִפְנֵי יְהוָה וַיָּצוּמוּ בַיּוֹם־הַהוּא
27 עַד־הָעָרֶב וַיַּעֲלוּ עֹלוֹת וּשְׁלָמִים לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּשְׁאֲלוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּיהוָה וְשָׁם אֲרוֹן בְּרִית הָאֱלֹהִים בַּיָּמִים
28 הָהֵם׃ וּפִינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן עֹמֵד ׀ לְפָנָיו בַּיָּמִים
הָהֵם לֵאמֹר הַאוֹסִף עוֹד לָצֵאת לַמִּלְחָמָה עִם־בְּנֵי־בִנְיָמִן
אָחִי אִם־אֶחְדָּל וַיֹּאמֶר יְהוָה עֲלוּ כִּי מָחָר אֶתְּנֶנּוּ בְיָדֶךָ׃
29 ל וַיָּשֶׂם יִשְׂרָאֵל אֹרְבִים אֶל־הַגִּבְעָה סָבִיב׃ וַיַּעֲלוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל אֶל־בְּנֵי בִנְיָמִן בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַיַּעַרְכוּ אֶל־הַגִּבְעָה
31 כְּפַעַם בְּפָעַם׃ וַיֵּצְאוּ בְנֵי־בִנְיָמִן לִקְרַאת הָעָם הָנְתְּקוּ
מִן־הָעִיר וַיָּחֵלּוּ לְהַכּוֹת מֵהָעָם חֲלָלִים כְּפַעַם ׀ בְּפַעַם
בַּמְסִלּוֹת אֲשֶׁר אַחַת עֹלָה בֵית־אֵל וְאַחַת גִּבְעָתָה בַּשָּׂדֶה
32 כִּשְׁלֹשִׁים אִישׁ בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי בִנְיָמִן נִגָּפִים הֵם
לְפָנֵינוּ כְּבָרִאשֹׁנָה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אָמְרוּ נָנוּסָה וּנְתַקְּנוּהוּ
33 מִן־הָעִיר אֶל־הַמְסִלּוֹת׃ וְכֹל ׀ אִישׁ יִשְׂרָאֵל קָמוּ מִמְּקוֹמוֹ
וַיַּעַרְכוּ בְּבַעַל תָּמָר וְאֹרֵב יִשְׂרָאֵל מֵגִיחַ מִמְּקֹמוֹ מִמַּעֲרֵה־
34 גָבַע׃ וַיָּבֹאוּ מִנֶּגֶד לַגִּבְעָה עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים אִישׁ בָּחוּר
מִכָּל־יִשְׂרָאֵל וְהַמִּלְחָמָה כָּבֵדָה וְהֵם לֹא יָדְעוּ כִּי־נֹגַעַת
לה עֲלֵיהֶם הָרָעָה׃ וַיִּגֹּף יְהוָה ׀ אֶת־בִּנְיָמִן לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל
וַיַּשְׁחִיתוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּבִנְיָמִן בַּיּוֹם הַהוּא עֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה

אלף

v. 31. חלי דגושה v. 32. הקי דגושה

22 אָבער די מענער פון ישראל האָבען זיך געשטאַרקט און האָבען ווידער געעפענט די קריעג, אויף דעם זעלביגען אָרט וואו זיי האָבען זיך אין קריעגס־אָרדנונג געשטעלט דעם ערשטען טאָג.

23 בעפאָר אָבער זיינען די קינדער ישראל געקומען און געוואוינט פאר גאָט'ס געצעלט ביז'ן אווענד. זיי האָבען אויך גאָט געפרעגט זאָגענדיג: „זאָל איך ווידער צוטרעטען מיט קריעג קעגען די בעפעלקערונג פון מיין ברודער בנימין?" גאָט האָט געענטפערט: „געהט קעגען איהם!"

24 זיינען די קינדער ישראל אויף דעם צווייטען טאָג צוגעגאַנגען צו די בע־פעלקערונג פון בנימין.

25 אָבער בנימין איז קעגען זיי אַרויס פון גבעה אויף דעם צווייטען טאָג און האָבען יענעם טאָג ערשלאָגען פון ישראל נאָך אכצעהן טויזענד מאַן אויפ'ן פלאַץ, די אַלע זיינען געווען געאיבטע מיט'ן שווערד.

26 דאַן איז גאַנץ ישראל געקומען אין בית אל און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געוויינט; זיי זיינען דאָרטען פערבליעבען פאר גאָט'ס געצעלט און האָבען יענעם טאָג געפאַסט ביז'ן אווענד. זיי האָבען אויך געבראַכט פאר גאָט גאַנץ־אָפּפער און פריעדען־אָפּפער.

27 די קינדער ישראל האָבען ווידער געפרעגט ביי גאָט [אין יענער צייט איז דאָרטען געווען דער קאַסטען מיט גאָט'ס געזעץ.

28 און פנחס, אלעזר'ס זוהן, דער זוהן פון אהרן איז דאַמאַלס אַנגעשטעלט געווען אין גאָט'ס געצעלט]: „זאָל איך געהן נאָך אַמאָל אין קריעג מיט מיין ברודער בנימין, אָדער אויפהערען? האָט גאָט געענטפערט: „געהט! מאָרגען וועל איך איהם אייך אין האַנד געבען."

29 דאַן האָט ישראל אַנגעשטעלט לויערער אַרום גבעה,

30 און די קינדער ישראל זיינען דעם דריטען מאָל אַוועק צו די בעפעלקע־רונג פון בנימין און געשטעלט זיך אין קריעגס־אָרדנונג ווי די איינציגע מאָל פריהער.

31 די לייטע פון בנימין זיינען אַרויס קעגען פאָלק, זיי זיינען אַרויס פון שטאָדט און גענומען וואַרפען פון פאָלק ערשלאָגענע ווי די פריהערדיגע פאָאָר מאָל, אויף ביידע וועגען פון וועלכע איינע פיהרט צו בית־אל און איינע צו גבעה; אויף איין פעלד האָבען זיי געטוידטעט דרייסיג מאַן פון ישראל.

32 און די מענער פון בנימין האָבען שוין געדענקט „זיי פאַלען פאר אונז ווי פריהער", אָבער די קינדער פון ישראל האָבען געדענקט „מיר וועלען זיך מאַכען ענטלויפענדיג ביז מיר וועלען זיי אַרויסקריגען פון שטאָדט צו די וועגען."

33 דאַן זיינען אַלע מענער פון ישראל אויפגעשטאַנען יעדער פון זיין אָרט און האָבען זיך אין קריעגס אָרדנונג געשטעלט אין בעל תמר, ביז די לויערער פון ישראל זיינען אַרויס פון בעהעלטענים פונ'ם הייהל נעבען גבע.

34 צעהן טויזענד מענער געקליבענע, פון גאַנץ ישראל, זיינען אַרויס קעגען גבעה, וואו די הויפּט שלאַכט איז געווען; זיי (פון בנימין) האָבען ניט געוואוסט אַז עס קומט אויף זיי אַן אונגליק.

35 גאָט האָט בנימין געמאַכט פאַלען פאר ישראל, יענעם טאָג האָבען די קינדער ישראל ערשלאָגען פון בנימין פינף־און־צוואַנציג טויזענד און הונדערט מאַן, אַלע געאיבטע מיט'ן שווערד.

36 אֶלֶף וּמֵאָה אִישׁ כָּל־אֵלֶּה שֹׁלֵף חָרֶב׃ וַיִּרְאוּ בְנֵי־בִנְיָמִן
כִּי נִגָּפוּ וַיִּתְּנוּ אִישׁ־יִשְׂרָאֵל מָקוֹם לְבִנְיָמִן כִּי בָטְחוּ אֶל־
37 הָאֹרֵב אֲשֶׁר שָׂמוּ אֶל־הַגִּבְעָה׃ וְהָאֹרֵב הֵחִישׁוּ וַיִּפְשְׁטוּ
אֶל־הַגִּבְעָה וַיִּמְשֹׁךְ הָאֹרֵב וַיַּךְ אֶת־כָּל־הָעִיר לְפִי־חָרֶב׃
38 וְהַמּוֹעֵד הָיָה לְאִישׁ יִשְׂרָאֵל עִם־הָאֹרֵב הֶרֶב לְהַעֲלוֹתָם
39 מַשְׂאַת הֶעָשָׁן מִן־הָעִיר׃ וַיַּהֲפֹךְ אִישׁ־יִשְׂרָאֵל בַּמִּלְחָמָה
וּבִנְיָמִן הֵחֵל לְהַכּוֹת חֲלָלִים בְּאִישׁ־יִשְׂרָאֵל כִּשְׁלֹשִׁים
אִישׁ כִּי אָמְרוּ אַךְ נִגּוֹף נִגָּף הוּא לְפָנֵינוּ כַּמִּלְחָמָה
מ הָרִאשֹׁנָה׃ וְהַמַּשְׂאֵת הֵחֵלָּה לַעֲלוֹת מִן־הָעִיר עַמּוּד עָשָׁן
וַיִּפֶן בִּנְיָמִן אַחֲרָיו וְהִנֵּה עָלָה כְלִיל־הָעִיר הַשָּׁמָיְמָה׃
41 וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל הָפַךְ וַיִּבָּהֵל אִישׁ בִּנְיָמִן כִּי רָאָה כִּי־נָגְעָה
42 עָלָיו הָרָעָה׃ וַיִּפְנוּ לִפְנֵי אִישׁ יִשְׂרָאֵל אֶל־דֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר
וְהַמִּלְחָמָה הִדְבִּיקָתְהוּ וַאֲשֶׁר מֵהֶעָרִים מַשְׁחִיתִים אוֹתוֹ
43 בְּתוֹכוֹ׃ כִּתְּרוּ אֶת־בִּנְיָמִן הִרְדִיפֻהוּ מְנוּחָה הִדְרִיכֻהוּ
44 עַד נֹכַח הַגִּבְעָה מִמִּזְרַח־שָׁמֶשׁ׃ וַיִּפְּלוּ מִבִּנְיָמִן שְׁמֹנָה־
מה עָשָׂר אֶלֶף אִישׁ אֶת־כָּל־אֵלֶּה אַנְשֵׁי־חָיִל׃ וַיִּפְנוּ וַיָּנֻסוּ
הַמִּדְבָּרָה אֶל־סֶלַע הָרִמּוֹן וַיְעֹלְלֻהוּ בַּמְסִלּוֹת חֲמֵשֶׁת
אֲלָפִים אִישׁ וַיַּדְבִּיקוּ אַחֲרָיו עַד־גִּדְעֹם וַיַּכּוּ מִמֶּנּוּ אַלְפַּיִם
46 אִישׁ׃ וַיְהִי כָל־הַנֹּפְלִים מִבִּנְיָמִן עֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה אֶלֶף
אִישׁ שֹׁלֵף חֶרֶב בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־כָּל־אֵלֶּה אַנְשֵׁי־חָיִל׃
47 וַיִּפְנוּ וַיָּנֻסוּ הַמִּדְבָּרָה אֶל־סֶלַע הָרִמּוֹן שֵׁשׁ מֵאוֹת אִישׁ
48 וַיֵּשְׁבוּ בְּסֶלַע רִמּוֹן אַרְבָּעָה חֳדָשִׁים׃ וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל
שָׁבוּ אֶל־בְּנֵי בִנְיָמִן וַיַּכּוּם לְפִי־חֶרֶב מֵעִיר מְתֹם עַד־
בְּהֵמָה עַד כָּל־הַנִּמְצָא גַּם כָּל־הֶעָרִים הַנִּמְצָאוֹת
שִׁלְּחוּ בָאֵשׁ׃

## CAP. XXI. כא

# כא

א וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל נִשְׁבַּע בַּמִּצְפָּה לֵאמֹר אִישׁ מִמֶּנּוּ לֹא־יִתֵּן
2 בִּתּוֹ לְבִנְיָמִן לְאִשָּׁה׃ וַיָּבֹא הָעָם בֵּית־אֵל וַיֵּשְׁבוּ שָׁם עַד־

הָעֶרֶב

36 דאַן האָבען די לייטע פון בנימין געזעהען אַז זיי ווערען געשלאָגען. די
מענער פון ישראל האָבען געלאָזען בנימין פערקלייבען זיך אין אַן אָרט,
ווארום זיי זיינען אנגעטרויט געווען אויף די לויערער, וואָס זיי האָבען
אָנגעשטעלט ביי גבעה.

37 די לויערער זיינען שנעל אַרויס און צושפּרייט זיך איבער גבעה, דערנאָך
האָבען זיך די לויערער פונאַנדערגעצויגען און ערשלאגען די גאנצע
שטאָדט מיט'ן שווערד.

38 די מענער פון ישראל האָבען מיט די לויערער בעשטימט אַ סיגנאַל —
זיי זאָלען אַ גרויסען רויך מיט א פלאם מאַכען אין שטאָדט.

39 די מענער פון ישראל זיינען יעצט די אנגרייפער געוואָרען. [ווען בנימין
האָט אָנגעפאנגען וואַרפען ערשלאגענע אונטער די מענער פון ישראל —
ביי דרייסיג מאַן, האָבען זיי געדענקט „זיי פאלען פאר אונז ווי אין
ערשטען טאָג פון שלאכט"].

40 ווען דער רויכפלאם האָט אָנגעפאנגען, האָט זיך פון שטאָדט אויפגעהוי־
בען אַ רויכזייל. בנימין האָבען זיך אַ קעהר געטהאָן ערשט די גאנצע
שטאָדט ברענט און די פלאמען געהען צום הימעל.

41 דערצו האָבען זיך נאָך אומגעקעהרט די מענער פון ישראל, דאַן איז
בנימין צומישט געוואָרען, ער האָט שוין איינגעזעהען אַז אַן אונגליק איז
אויף איהם געקומען.

42 זיי האָבען זיך אבגעקעהרט פון די מענער פון ישראל צום מדבר־וועג,
אָבער די קריעגס־לייט האָבען זיי אנגעיאָגט ; די וואָס זיינען אין די
שטעדט פערבליעבען האָט מען זיי דאָרט ערשלאגען.

43 מען האָט בנימין'ען ארומגערינגעלט, מען האָט איהם פעריאָגט, פון זיין
רוהע־פלאַץ פארטריבען, ביז קעגען גבעה, זונען־אויפגאנג־צו.

44 עס זיינען געפאלען פון בנימין אכצעהן טויזענד מאַן, אלע זיינען זיי
געווען קריעגס־לייט.

45 דאַן האָבען זיי זיך אַ קעהר געטהאָן און ענטלאָפען אין מדבר נעבען
סלע רמון, אָבער מען האָט פון זיי איינציגווייז געכאַפּט אויף די וועגען
פינף טויזענד מאַן. מען האָט זיי אויך נאָכגעיאָגט ביז גדעם און ער־
שלאגען צוויי טויזענד מאַן.

46 אַלע וואָס זיינען געפאלען פון בנימין יענעם טאָג איז געווען פינף־און־
צוואנציג טויזענד מאַן, געאיבטע מיט'ן שווערד.

47 די וואָס זיינען דערלאָפען אין מדבר ביז סלע רמון זיינען געווען זעקס
הונדערט מאַן. פיער מאָנאַטען זיינען זיי געזעסען אין סלע רמון.

48 דאַן האָבען זיך די מענער פון ישראל צוריקגעקעהרט צו די בעפעלקערונג
פון בנימין און האָבען זיי ערשלאגען מיט'ן שווערד אין די שטעדט, ווי
מענשען אזוי פיה און אלץ וואָס זיי האָבען געפונען ; אויך די גע־
בליעבענע שטעדט האָבען זיי פערברענט אין פייער.

## קאַפּיטעל כא

1 די מענער פון ישראל האָבען געשוואָרען אין מצפה אַזוי צו זאָגען :
„קיינער פון אונז זאָל זיין טאָכטער ניט פערהייראטען פאר אַ מאַן פון
בנימין."

2 דאַן איז דאָס פאָלק געקומען אין בית־אל, זיי זיינען דאָרט געווען ביז'ן

הָעֶרֶב לִפְנֵי הָאֱלֹהִים וַיִּשְׂאוּ קוֹלָם וַיִּבְכּוּ בְּכִי גָדוֹל׃
3 וַיֹּאמְרוּ לָמָה יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָיְתָה־זֹּאת בְּיִשְׂרָאֵל
4 לְהִפָּקֵד הַיּוֹם מִיִּשְׂרָאֵל שֵׁבֶט אֶחָד׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת
וַיַּשְׁכִּימוּ הָעָם וַיִּבְנוּ־שָׁם מִזְבֵּחַ וַיַּעֲלוּ עֹלוֹת וּשְׁלָמִים׃
ה וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִי אֲשֶׁר לֹא־עָלָה בַקָּהָל מִכָּל־
שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה כִּי הַשְּׁבוּעָה הַגְּדוֹלָה הָיְתָה
לַאֲשֶׁר לֹא־עָלָה אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה לֵאמֹר מוֹת יוּמָת׃
6 וַיִּנָּחֲמוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־בִּנְיָמִן אָחִיו וַיֹּאמְרוּ נִגְדַּע הַיּוֹם
7 שֵׁבֶט אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל׃ מַה־נַּעֲשֶׂה לָהֶם לַנּוֹתָרִים לְנָשִׁים
וַאֲנַחְנוּ נִשְׁבַּעְנוּ בַיהוָה לְבִלְתִּי תֵּת־לָהֶם מִבְּנוֹתֵינוּ
8 לְנָשִׁים׃ וַיֹּאמְרוּ מִי אֶחָד מִשִּׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר לֹא־
עָלָה אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה וְהִנֵּה לֹא בָא־אִישׁ אֶל־הַמַּחֲנֶה
9 מִיָּבֵישׁ גִּלְעָד אֶל־הַקָּהָל׃ וַיִּתְפָּקֵד הָעָם וְהִנֵּה אֵין־שָׁם
י אִישׁ מִיּוֹשְׁבֵי יָבֵשׁ גִּלְעָד׃ וַיִּשְׁלְחוּ־שָׁם הָעֵדָה שְׁנֵים־
עָשָׂר אֶלֶף אִישׁ מִבְּנֵי הֶחָיִל וַיְצַוּוּ אוֹתָם לֵאמֹר לְכוּ
וְהִכִּיתֶם אֶת־יוֹשְׁבֵי יָבֵשׁ גִּלְעָד לְפִי־חֶרֶב וְהַנָּשִׁים וְהַטָּף׃
11 וְזֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּ כָּל־זָכָר וְכָל־אִשָּׁה יֹדַעַת מִשְׁכַּב־
12 זָכָר תַּחֲרִימוּ׃ וַיִּמְצְאוּ מִיּוֹשְׁבֵי יָבֵישׁ גִּלְעָד אַרְבַּע מֵאוֹת
נַעֲרָה בְתוּלָה אֲשֶׁר לֹא־יָדְעָה אִישׁ לְמִשְׁכַּב זָכָר וַיָּבִאוּ
13 אוֹתָם אֶל־הַמַּחֲנֶה שִׁלֹה אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ וַיִּשְׁלְחוּ
כָּל־הָעֵדָה וַיְדַבְּרוּ אֶל־בְּנֵי בִנְיָמִן אֲשֶׁר בְּסֶלַע רִמּוֹן וַיִּקְרְאוּ
14 לָהֶם שָׁלוֹם׃ וַיָּשָׁב בִּנְיָמִן בָּעֵת הַהִיא וַיִּתְּנוּ לָהֶם הַנָּשִׁים
טו אֲשֶׁר חִיּוּ מִנְּשֵׁי יָבֵשׁ גִּלְעָד וְלֹא־מָצְאוּ לָהֶם כֵּן׃ וְהָעָם
נִחָם לְבִנְיָמִן כִּי־עָשָׂה יְהוָה פֶּרֶץ בְּשִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃
16 וַיֹּאמְרוּ זִקְנֵי הָעֵדָה מַה־נַּעֲשֶׂה לַנּוֹתָרִים לְנָשִׁים כִּי־
17 נִשְׁמְדָה מִבִּנְיָמִן אִשָּׁה׃ וַיֹּאמְרוּ יְרֻשַּׁת פְּלֵיטָה לְבִנְיָמִן
18 וְלֹא־יִמָּחֶה שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל׃ וַאֲנַחְנוּ לֹא־נוּכַל לָתֶת־
לָהֶם נָשִׁים מִבְּנוֹתֵינוּ כִּי־נִשְׁבְּעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר

אווענד, געבען גאָט'ס געצעלט ; זיי האָבען אויפגעהויבען זייער קול און שטאַרק געוויינט,

3 זאָגענדיג : „ווארום, אַ גאָט פון ישראל ! איז אזוינס געשעהען אונטער ישראל, עס זאָל היינט פעהלען פון ישראל איין שבט.

4 אויף מאָרגען איז דאָס פאָלק פריה אויפגעשטאַנען און האָבען דאָרט געבויט אַ מזבח, און געבראַכט גאַנץ־אָפּפער און פריעדען־אָפּפער.

5 די קינדער ישראל האָבען געזאָגט : „ווער איז פון די וואָס זיינען ניט געקומען צום פערזאמלונג פאר גאָט, פון אלע שבטים ישראל'ס ?" ווארום די גרויס בעשווערונג איז געווען „דער וואָס וועט ניט קומען צו גאָט'ס געצעלט אין מצפה זאָל געטוידטעט ווערען".

6 עס האָט די קינדער ישראל פערדראָסען אויף בנימין זייער ברודער, און זיי האָבען געזאָגט : „היינט איז פערניכטעט געוואָרען אַ שבט פון ישראל".

7 וואָס קענען מיר טהאָן פאר די איבריגע, פאר זיי פרויען צו נעהמען ? מיר האָבען דאָך געשוואָרען פאר גאָט ניט צו פערהייראַטען פאר זיי אונ־זערע טעכטער ?

8 האָט מען געזאָגט : „איז פיעלייכט דאָ איינער פון די פאמיליען ישראל'ס וואָס איז ניט געקומען צום גרויסען פערזאמלונג אין מצפה ?" און מען האָט אויסגעפונען אַז פון די איינוואוינער פון יבש גלעד איז איינער ניט געקומען צום פערזאמלונג.

9 מען האָט דאָס פאָלק גליך געצעהלט און עס איז איינער ניט געווען פון די איינוואוינער פון יבש גלעד.

10 האָט די געמיינדע געשיקט אהין צוועלף טויזענד מאַן פון די קריעגס־העלדען און האָבען זיי בעפוילען אַזוי צו זאָגען : „געהט און הרג'עט מיט'ן שווערד אלע איינוואוינער פון יבש גלעד, זאָגאר פרויען און קינדער.

11 איהר זאָלט אַזוי טהאָן — יעדער מאַנספּערזאָן און יעדער פרוי וואָס איז פערהייראַט געווען זאָלט איהר פערניכטען.

12 מען האָט געפונען אונטער די איינוואוינער פון יבש גלעד פיער הונדערט יונגע מיידלאך, וואָס האָבען נאָך קיין מאַן געקענט, און מען האָט זיי געבראַכט אין שלה, אין לאַגער וואָס איז'ם לאַנד כנען.

13 דאַן האָט די געמיינדע געשיקט דורכרעדען מיט די לייטע פון בנימין, וואָס זיינען געווען אין סלע רמון ; זיי האָבען זיי ערקלעהרט פריעדען.

14 דאמאלס זיינען די בנימין'ער צוריקגעקומען, מען האָט זיי געגעבען די פרויען, וועלכע זיי האָבען לעבען געלאָזען פון די יבש־גלעד'ער פרויען ; עס איז אָבער פאר זיי ניט גענוג געווען.

15 דאָס פאָלק האָט מיטלייד געהאַט מיט בנימין, ווארום גאָט האָט אַ בראָך געמאַכט אונטער די שבטים פון ישראל.

16 די עלטסטע פון געמיינדע האָבען געזאָגט : „וואָס זאָלען מיר טהאָן מיט די איבריגע וועגען פרויען ? עס פעהלען דאָך ווייבער פאר בנימין ?

17 האָבען זיי בעשלאָסען : — עס מוז אַ רעטונג זיין פאר בנימין ! אום עס זאָל ניט אָבגעמעקט ווערען אַ שבט פון ישראל,

18 אָבער אַזוי ווי מיר קענען זיי ניט געבען פרויען פון אונזערע טעכטער, ווייל די קינדער ישראל האָבען געשוואָרען, זאָגענדיג : „פערשאָלטען זאָל זיין דער וואָס וועט געבען אַ פרוי צו איינעם פון בנימין",

אָר֕וּר נֹתֵ֥ן אִשָּׁ֖ה לְבִנְיָמִֽן׃ וַיֹּאמְר֡וּ הִנֵּה֩ חַג־יְהֹוָ֨ה בְּשִׁל֜וֹ 19
מִיָּמִ֣ים ׀ יָמִ֗ימָה אֲשֶׁ֞ר מִצְּפ֣וֹנָה לְבֵֽית־אֵ֗ל מִזְרְחָ֙ה הַשֶּׁ֔מֶשׁ
לִמְסִלָּ֔ה הָעֹלָ֥ה מִבֵּֽית־אֵ֖ל שְׁכֶ֑מָה וּמִנֶּ֖גֶב לִלְבוֹנָֽה׃ וַיְצַוּ֕ כ
אֶת־בְּנֵ֥י בִנְיָמִ֖ן לֵאמֹ֑ר לְכ֖וּ וַאֲרַבְתֶּ֥ם בַּכְּרָמִֽים׃ וּרְאִיתֶ֗ם 21
וְהִנֵּ֡ה אִם־יֵ֠צְאוּ בְנוֹת־שִׁילוֹ֮ לָח֣וּל בַּמְּחֹלוֹת֒ וִֽיצָאתֶם֙ מִן־
הַכְּרָמִ֔ים וַחֲטַפְתֶּ֥ם לָכֶ֛ם אִ֥ישׁ אִשְׁתּ֖וֹ מִבְּנ֣וֹת שִׁיל֑וֹ וַהֲלַכְתֶּ֖ם
אֶ֥רֶץ בִּנְיָמִֽן׃ וְהָיָ֡ה כִּֽי־יָבֹ֣אוּ אֲבוֹתָם֩ א֨וֹ אֲחֵיהֶ֜ם לָר֣וֹב ׀ אֵלֵ֗ינוּ 22
וְאָמַ֤רְנוּ אֲלֵיהֶם֙ חָנּ֣וּנוּ אוֹתָ֔ם כִּ֣י לֹ֧א לָקַ֛חְנוּ אִ֥ישׁ אִשְׁתּ֖וֹ
בַּמִּלְחָמָ֑ה כִּ֣י לֹ֥א אַתֶּ֛ם נְתַתֶּ֥ם לָהֶ֖ם כָּעֵ֥ת תֶּאְשָֽׁמוּ׃ וַיַּֽעֲשׂוּ־ 23
כֵן֙ בְּנֵ֣י בִנְיָמִ֔ן וַיִּשְׂא֤וּ נָשִׁים֙ לְמִסְפָּרָ֔ם מִן־הַמְּחֹלְל֖וֹת אֲשֶׁ֣ר
גָּזָ֑לוּ וַיֵּלְכ֗וּ וַיָּשׁ֙וּבוּ֙ אֶל־נַ֣חֲלָתָ֔ם וַיִּבְנוּ֙ אֶת־הֶ֣עָרִ֔ים וַיֵּשְׁב֖וּ
בָּהֶֽם׃ וַיִּתְהַלְּכ֨וּ מִשָּׁ֤ם בְּנֵֽי־יִשְׂרָאֵל֙ בָּעֵ֣ת הַהִ֔יא אִ֥ישׁ לְשִׁבְט֖וֹ 24
וּלְמִשְׁפַּחְתּ֑וֹ וַיֵּצְא֣וּ מִשָּׁ֔ם אִ֖ישׁ לְנַחֲלָתֽוֹ׃ בַּיָּמִ֣ים הָהֵ֔ם אֵ֥ין כה
מֶ֖לֶךְ בְּיִשְׂרָאֵ֑ל אִ֛ישׁ הַיָּשָׁ֥ר בְּעֵינָ֖יו יַעֲשֶֽׂה׃

v. 20. ויצוו ק  v. 22. לריב ק

# חזק

סכום הפסוקים של ספר שופטים שש מאות ושמנה עשר. יראו את יי׳ קדשיו סימן: וסדריו י״ד. דובב שפתי ישנים סימן: וחציו. וירעצו וירצצו את בני ישראל:

19 האָבען זיי געזאָגט: פון צייט צו צייט איז אַ גרויסער פייערטאָג אין
שלו, צפון־זייט פון בית־אל אין מזרח־צו צום וועג וואָס פיהרט פון בית־
אל אין שכם, און אין דרום־זייט צו לבונה;

20 האָבען זיי געהייסען די מענער פון בנימין אַזוי צו זאָגען: „געהט לויערט
אין די גערטנער!

21 אַז איהר וועט זעהען אַז די טעכטער פון שילו געהען ארויס טאַנצען,
זאָלט איהר ארויסגעהן פון די וויינגערטנער און כאַפּען יעדער אַ פרוי
פאַר זיך, פון די טעכטער פון שילו, און אוועקגעהן אינ׳ם לאַנד בנימין,

22 און אַז זייערע עלטערן אָדער ברידער וועלען צו אונז קומען בעקלאָגען
זיך אויף אייך, וועלען מיר זיי זאָגען: „האָט מיטלייד מיט זיי! ווען
יעדער פון אונז וואָלט זיין פרוי אין קריעג מיטגענומען, אָדער ווען איהר
זעלבסט וואָלט זיי (אייערע טעכטער) געגעבען, דאַן וואָלט דאָס פון אייך
אַן אונרעכט געווען.״

23 די מענער פון בנימין האָבען אַזוי געטהאָן — זיי האָבען זיך פרויען גע־
נומען ווי פיעל זיי האָבען געדאַרפט, פון די וואָס זיי האָבען פון טאַנצען
צוגענומען, זיי זיינען מיט זיי אוועק צוריק צו זייער בעזיץ, זיי האָבען
אָבגעבויט די שטעדט און בעזעצט זיך אין זיי.

24 דאַן זיינען די קינדער ישראל אוועק פון דאָרטען יעדער צו זיין שבט און
זיין פאַמיליע, ד. ה. יעדער צו זיין בעזיץ.

25 אין יענער צייט איז אין ישראל קיין קעניג געווען, יעדער האָט געטהאָן
וואָס איהם איז געפעהלען.

## חזק.

אַלע פסוקים פון שופטים זיינען זעקס הונדערט מיט אַכצעהן. קאַפּיט־
לאַך איין־און־צוואַנציג.

# שמואל א

# LIBER I. SAMUELIS.

## CAPUT I. א

א וַיְהִי אִישׁ אֶחָד מִן־הָרָמָתַיִם צוֹפִים מֵהַר אֶפְרָיִם וּשְׁמוֹ
אֶלְקָנָה בֶּן־יְרֹחָם בֶּן־אֱלִיהוּא בֶּן־תֹּחוּ בֶן־צוּף אֶפְרָתִי׃
2 וְלוֹ שְׁתֵּי נָשִׁים שֵׁם אַחַת חַנָּה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית פְּנִנָּה וַיְהִי
3 לִפְנִנָּה יְלָדִים וּלְחַנָּה אֵין יְלָדִים׃ וְעָלָה הָאִישׁ הַהוּא מֵעִירוֹ
מִיָּמִים יָמִימָה לְהִשְׁתַּחֲוֹת וְלִזְבֹּחַ לַיהוָה צְבָאוֹת בְּשִׁלֹה
4 וְשָׁם שְׁנֵי בְנֵי־עֵלִי חָפְנִי וּפִנְחָס כֹּהֲנִים לַיהוָה׃ וַיְהִי הַיּוֹם
וַיִּזְבַּח אֶלְקָנָה וְנָתַן לִפְנִנָּה אִשְׁתּוֹ וּלְכָל־בָּנֶיהָ וּבְנוֹתֶיהָ מָנוֹת׃
ה וּלְחַנָּה יִתֵּן מָנָה אַחַת אַפָּיִם כִּי אֶת־חַנָּה אָהֵב וַיהוָה סָגַר
6 רַחְמָהּ׃ וְכִעֲסַתָּה צָרָתָהּ גַּם־כַּעַס בַּעֲבוּר הַרְּעִמָהּ כִּי־
7 סָגַר יְהוָה בְּעַד רַחְמָהּ׃ וְכֵן יַעֲשֶׂה שָׁנָה בְשָׁנָה מִדֵּי
עֲלֹתָהּ בְּבֵית יְהוָה כֵּן תַּכְעִסֶנָּה וַתִּבְכֶּה וְלֹא תֹאכַל׃
8 וַיֹּאמֶר לָהּ אֶלְקָנָה אִישָׁהּ חַנָּה לָמֶה תִבְכִּי וְלָמֶה לֹא
תֹאכְלִי וְלָמֶה יֵרַע לְבָבֵךְ הֲלוֹא אָנֹכִי טוֹב לָךְ מֵעֲשָׂרָה
9 בָּנִים׃ וַתָּקָם חַנָּה אַחֲרֵי אָכְלָה בְשִׁלֹה וְאַחֲרֵי שָׁתֹה
י וְעֵלִי הַכֹּהֵן יֹשֵׁב עַל־הַכִּסֵּא עַל־מְזוּזַת הֵיכַל יְהוָה׃ וְהִיא
11 מָרַת נָפֶשׁ וַתִּתְפַּלֵּל עַל־יְהוָה וּבָכֹה תִבְכֶּה׃ וַתִּדֹּר נֶדֶר
וַתֹּאמַר יְהוָה צְבָאוֹת אִם־רָאֹה תִרְאֶה ׀ בָּעֳנִי אֲמָתֶךָ
וּזְכַרְתַּנִי וְלֹא־תִשְׁכַּח אֶת־אֲמָתֶךָ וְנָתַתָּה לַאֲמָתְךָ זֶרַע
אֲנָשִׁים וּנְתַתִּיו לַיהוָה כָּל־יְמֵי חַיָּיו וּמוֹרָה לֹא־יַעֲלֶה עַל־
12 רֹאשׁוֹ׃ וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי יְהוָה וְעֵלִי שֹׁמֵר
13 אֶת־פִּיהָ׃ וְחַנָּה הִיא מְדַבֶּרֶת עַל־לִבָּהּ רַק שְׂפָתֶיהָ נָּעוֹת

וקולה

v. 1. הפטרה ליום ראשון של ראש השנה   v. 6. ר׳ דגושה   v. 9. כצ״ל

# שמואל א

## קאַפּיטעל א

1 און עס איז געווען אַ געוויסער מאַן, פון רמתים צופים, פון דעם באַרג אפרים, און זיין נאָמען איז געווען אלקנה, זוהן פון ירחם, זוהן פון אליהוא, זוהן פון תחו, זוהן פון צוף, איין אדעלמאַן.

2 און ער האָט געהאַט צוויי ווייבער, דער נאָמען פון איינער איז געווען חנה, און דער נאָמען פון דער אַנדערער פננה. און פננה האָט געהאַט קינדער, אָבער חנה האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

3 און דיעזער מאַן פלעגט אַרויפגעהן פון זיין שטאָדט פון יאָהר צו יאָהר, זיך צו בוקען און צו שלאַכטען (קרבנות), צו גאָט פון די הערשאַרען אין שלה. און דאָרט זיינען געווען די צוויי זיהן פון עלי, חפני און פנחס, כהנים פאַר גאָט.

4 און ווען דער געוויסער טאָג איז געקומען דאָס אלקנה האָט געשלאַכטעט, האָט ער געגעבען צו זיין פרוי פננה און צו אַלע איהרע זיהן און טעכטער טהיילען.

5 און צו חנה האָט ער געגעבען איין טהייל, אָבער מיט אַ פריינדליכען גע־זיכט, דען חנה'ן האָט ער געליעבט, ווען אויך גאָט האָט פערשלאָסען איהר מוטערלייב.

6 און איהרע פיינדין פלעגט איהר קרענקען, שטאַרק קרענקען, אום איהר אויפצורייצען, ווייל גאָט האָט איהר מוטערלייב פערשלאָסען.

7 [און אַזוי פלעגט ער טהאָן יאָהר פאַר יאָהר], און ווען חנה פלעגט אַרויפ־געהן צו דעם הויז פון גאָט, פלעגט יענע איהר קרענקען. און זי האָט גע־וויינט און האָט ניט געגעסען.

8 איין מאָל האָט אלקנה איהר מאַן צו איהר געזאָגט: חנה, ווארום וויינסטו? און ווארום עסטו ניט? און ווארום ביזטו אונמוטהיג? בין איך דיר ניט ליעבער דען צעהן קינדער?

9 און חנה איז אויפגעשטאַנען, נאָכדעם ווי די אַנדערע האָבען געגעסען און געטרונקען אין שלה, און עלי דער כהן איז געזעסען אויף אַ שטוהל ביים אַריינגאַנג פון גאָטס פּאַלאַץ.

10 אָבער זי איז געווען פערטרויערט, און זי האָט געבעטען צו גאָט, און זי האָט שטאַרק געוויינט.

11 און זי האָט אַ נדר געטהאָן און זי האָט געזאָגט: אָ, גאָט פון די הערשאַ־רען, אויב דו ווערסט זעהן דאָס עלענד פון דיין דיענסט, און ווערסט ניט פערגעסען דיין דיענסט, און ווערסט שענקען דיין דיענסט איין מענליכעס קינד, דאַן וועל איך איינעם אָפּגעבען צו גאָט פאַר אַלע זיינע לעבענס־טעג, און קיין שערמעסער זאָל ניט קומען אויף זיין קאָפּ.

12 און עס איז געווען, ווען זי האָט אַזוי לאַנג געבעטען פאַר גאָט, האָט עלי געהיט (בעאָבאַכטעט) איהר מויל.

13 אָבער חנה האָט גערעדט אין איהר האַרץ (שטיל): נור איהרע ליפּען

וְקוֹלָהּ לֹא יִשָּׁמֵעַ וַיַּחְשְׁבֶהָ עֵלִי לְשִׁכֹּרָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ 14
עֵלִי עַד־מָתַי תִּשְׁתַּכָּרִין הָסִירִי אֶת־יֵינֵךְ מֵעָלָיִךְ׃ וַתַּעַן טו
חַנָּה וַתֹּאמֶר לֹא אֲדֹנִי אִשָּׁה קְשַׁת־רוּחַ אָנֹכִי וְיַיִן וְשֵׁכָר
לֹא שָׁתִיתִי וָאֶשְׁפֹּךְ אֶת־נַפְשִׁי לִפְנֵי יְהוָה׃ אַל־תִּתֵּן אֶת־ 16
אֲמָתְךָ לִפְנֵי בַּת־בְּלִיָּעַל כִּי מֵרֹב שִׂיחִי וְכַעְסִי דִּבַּרְתִּי
עַד־הֵנָּה׃ וַיַּעַן עֵלִי וַיֹּאמֶר לְכִי לְשָׁלוֹם וֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל 17
יִתֵּן אֶת־שֵׁלָתֵךְ אֲשֶׁר שָׁאַלְתְּ מֵעִמּוֹ׃ וַתֹּאמֶר תִּמְצָא 18
שִׁפְחָתְךָ חֵן בְּעֵינֶיךָ וַתֵּלֶךְ הָאִשָּׁה לְדַרְכָּהּ וַתֹּאכַל וּפָנֶיהָ
לֹא־הָיוּ־לָהּ עוֹד׃ וַיַּשְׁכִּמוּ בַבֹּקֶר וַיִּשְׁתַּחֲווּ לִפְנֵי יְהוָה 19
וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ אֶל־בֵּיתָם הָרָמָתָה וַיֵּדַע אֶלְקָנָה אֶת־חַנָּה
אִשְׁתּוֹ וַיִּזְכְּרֶהָ יְהוָה׃ וַיְהִי לִתְקֻפוֹת הַיָּמִים וַתַּהַר חַנָּה כ
וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שְׁמוּאֵל כִּי מֵיְהוָה שְׁאִלְתִּיו׃
וַיַּעַל הָאִישׁ אֶלְקָנָה וְכָל־בֵּיתוֹ לִזְבֹּחַ לַיהוָה אֶת־זֶבַח הַיָּמִים 21
וְאֶת־נִדְרוֹ׃ וְחַנָּה לֹא עָלָתָה כִּי־אָמְרָה לְאִישָׁהּ עַד־יִגָּמֵל 22
הַנַּעַר וַהֲבִאֹתִיו וְנִרְאָה אֶת־פְּנֵי יְהוָה וְיָשַׁב שָׁם עַד־עוֹלָם׃
וַיֹּאמֶר לָהּ אֶלְקָנָה אִישָׁהּ עֲשִׂי הַטּוֹב בְּעֵינַיִךְ שְׁבִי עַד־גָּמְלֵךְ 23
אֹתוֹ אַךְ יָקֵם יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ וַתֵּשֶׁב הָאִשָּׁה וַתֵּינֶק אֶת־
בְּנָהּ עַד־גָמְלָהּ אֹתוֹ׃ וַתַּעֲלֵהוּ עִמָּהּ כַּאֲשֶׁר גְּמָלַתּוּ בְּפָרִים 24
שְׁלֹשָׁה וְאֵיפָה אַחַת קֶמַח וְנֵבֶל יַיִן וַתְּבִאֵהוּ בֵית־יְהוָה
שִׁלוֹ וְהַנַּעַר נָעַר׃ וַיִּשְׁחֲטוּ אֶת־הַפָּר וַיָּבִאוּ אֶת־הַנַּעַר אֶל־ כה
עֵלִי׃ וַתֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי חֵי נַפְשְׁךָ אֲדֹנִי אֲנִי הָאִשָּׁה הַנִּצֶּבֶת 26
עִמְּכָה בָּזֶה לְהִתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה׃ אֶל־הַנַּעַר הַזֶּה הִתְפַּלָּלְתִּי 27
וַיִּתֵּן יְהוָה לִי אֶת־שְׁאֵלָתִי אֲשֶׁר שָׁאַלְתִּי מֵעִמּוֹ׃ וְגַם אָנֹכִי 28
הִשְׁאִלְתִּהוּ לַיהוָה כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר הָיָה הוּא שָׁאוּל לַיהוָה
וַיִּשְׁתַּחוּ שָׁם לַיהוָה׃

## ב Cap. II. ב

וַתִּתְפַּלֵּל חַנָּה וַתֹּאמַר עָלַץ לִבִּי בַּיהוָה רָמָה קַרְנִי א

ביהוה

א v. 17. א חסר א

האָבען זיך בּעוועגט, איהר שטים אָבער איז ניט געהערט געוואָרען ; דארום האָט עלי זי גערעכענט פאר אַ בעטרונקענע.
14 און עלי האָט צו איהר געזאָגט : ווי לאנג נאָך וועסטו זיין בעטרונקען ? (טהו אָפּ דיין וויין פון דיר), ניכטער זיך אויס.
15 און חנה האָט געענטפערט און האָט געזאָגט : ניין, מיין הערר, איך בין אַ פרוי מיט אַ שווער געמיטה, און וויין און שטאַרקע געטרענקע האָב איך ניט געטרונקען ; איך האָב נור אויסגעגאָסען מיין געמיטה פאר גאָט.
16 האַלט ניט דיין דיענסט פאר אַ ניעדערטרעכטיגע טאָכטער, דען צוליעב מיין פיעל קומער און מיין פערדרוס האָב איך ביז יעצט גערעדט.
17 און עלי האָט געענטפערט און געזאָגט : געה אין פריעדען, און דער גאָט פון ישראל וועט דיר געבען דיין ביטע, וואָס דו האָסט פון איהם געבעטען.
18 און זי האָט געזאָגט : אָ לאָז דאָך דיין דיענסט געפינען גונסט אין דיינע אויגען ; און די פרוי איז געגאנגען איהר וועג, און זי האָט געגעסען, און איהר געזיכט איז ניט געווען מעהר אונמוטהיג ווי בעפאָר.
19 און זיי זיינען אויפגעשטאַנען פריה מאָרגען, און זיי האָבען זיך געבוקט פאַר גאָט, און האָבען זיך צוריקגעקעהרט און זיינען געקומען נאָך זייער הויז אין רמה. און אלקנה האָט בייגעוואָהנט זיין ווייב חנה, און גאָט האָט אן איהר געדאכט.
20 און נאָך דעם פערלויף פון אַ געוויסע צייט, איז חנה שוואנגער געוואָרען און זי האָט געבאָרען אַ זוהן און זי האָט גערופען זיין נאָמען שמואל. דען (זי האָט געזאָגט) פון גאָט האָב איך איהם אויסגעבעטען.
21 און דער מאַן אלקנה איז ארויפגעגאנגען מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד צו שלאכטען צו גאָט דאָס יעהרליכע אָפּפער, און דעם קרבן פון זיין נדר.
22 אָבער חנה איז ניט ארויפגעגאנגען ; דען זי האָט געזאָגט צו איהר מאַן : ווען דער יונג וועט ענטוואָהנט ווערען, דאַן וועל איך איהם ברענגען, דאָס ער זאָל ערשיינען פאר גאָטס געזיכט, און ער וועט דאָרט פערבלייבען פאר אייביג.
23 און אלקנה איהר מאַן האָט צו איהר געזאָגט : טהו וואָס עס איז גוט אין דיינע אויגען, בלייב צוהויז ביז דו וועסט איהם ענטוואָהנען ; געוויס וועט גאָט זיין וואָרט אויפשטעלען, און די פרוי איז געבליעבען צוהויז און זי האָט געזויגען איהר זוהן, ביז זי האָט איהם ענטוואָהנט.
24 און זי האָט איהם ארויפגעבראכט מיט זיך, נאָכדעם ווי זי האָט איהם ענטוואָהנט, מיט דריי שטירען און איין מאָס מעהל און אַ פלאַש וויין, און זי האָט איהם געבראכט אין דעם הויז פון גאָט נאָך שלה ; און דער יונג איז געווען מונטער.
25 און נאָכדעם ווי מען האָט געשלאכטעט איין שטיר, האָבען זיי (די על־טערן) געבראכט דעם יונג צו עלי.
26 און זי האָט געזאָגט : ביטע, מיין הערר, זאָ וואהר, ווי דיין זעעלע לעבט, איך בין דיזעלבע פרוי וועלכע איז דאָ געשטאַנען נעבען דיר, אום צו בעטען צו גאָט.
27 דיעזען יונג האָב איך אויסגעבעטען ; דען גאָט האָט מיר געגעבען מיין פערלאנג, וואָס איך האָב פון איהם געבעטען.
28 און איך האָב איהם אויך פערליהען (אָבגעגעבען) צו גאָט, די אלע טעג וואָס זיינען איהם בעשטימט, איז ער אָפּגעגעבען צו גאָט. און יעדער האָט זיך דאָרט געבוקט צו גאָט.

## קאַפּיטעל ב

1 און חנה האָט תפלה געטהאָן און זי האָט געזאָגט : מיין האַרץ פרעהט

2 בַּיהוָה רָחַב פִּי עַל־אוֹיְבַי כִּי־שָׂמַחְתִּי בִּישׁוּעָתֶךָ׃ אֵין
3 קָדוֹשׁ כַּיהוָה כִּי־אֵין בִּלְתֶּךָ וְאֵין צוּר כֵּאלֹהֵינוּ׃ אַל־
תַּרְבּוּ תְדַבְּרוּ גְּבֹהָה גְבֹהָה יֵצֵא עָתָק מִפִּיכֶם כִּי אֵל
4 דֵּעוֹת יְהוָה וְלֹא נִתְכְּנוּ עֲלִלוֹת׃ קֶשֶׁת גִּבֹּרִים חַתִּים
ה וְנִכְשָׁלִים אָזְרוּ חָיִל׃ שְׂבֵעִים בַּלֶּחֶם נִשְׂכָּרוּ וּרְעֵבִים
חָדֵלּוּ עַד עֲקָרָה יָלְדָה שִׁבְעָה וְרַבַּת בָּנִים אֻמְלָלָה׃
6 7 יְהוָה מֵמִית וּמְחַיֶּה מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל׃ יְהוָה מוֹרִישׁ
8 וּמַעֲשִׁיר מַשְׁפִּיל אַף־מְרוֹמֵם׃ מֵקִים מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפֹּת
יָרִים אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיב עִם־נְדִיבִים וְכִסֵּא כָבוֹד יַנְחִלֵם
9 כִּי לַיהוָה מְצֻקֵי אֶרֶץ וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל׃ רַגְלֵי חֲסִידָו
יִשְׁמֹר וּרְשָׁעִים בַּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ כִּי־לֹא בְכֹחַ יִגְבַּר־אִישׁ׃
י יְהוָה יֵחַתּוּ מְרִיבָו עָלָו בַּשָּׁמַיִם יַרְעֵם יְהוָה יָדִין אַפְסֵי־
11 אָרֶץ וְיִתֶּן־עֹז לְמַלְכּוֹ וְיָרֵם קֶרֶן מְשִׁיחוֹ׃ וַיֵּלֶךְ אֶלְקָנָה
הָרָמָתָה עַל־בֵּיתוֹ וְהַנַּעַר הָיָה מְשָׁרֵת אֶת־יְהוָה אֶת־פְּנֵי
12 עֵלִי הַכֹּהֵן׃ וּבְנֵי עֵלִי בְּנֵי בְלִיָּעַל לֹא יָדְעוּ אֶת־יְהוָה׃
13 וּמִשְׁפַּט הַכֹּהֲנִים אֶת־הָעָם כָּל־אִישׁ זֹבֵחַ זֶבַח וּבָא נַעַר
14 הַכֹּהֵן כְּבַשֵּׁל הַבָּשָׂר וְהַמַּזְלֵג שְׁלֹשׁ הַשִּׁנַּיִם בְּיָדוֹ׃ וְהִכָּה
בַכִּיּוֹר אוֹ בַדּוּד אוֹ בַקַּלַּחַת אוֹ בַפָּרוּר כֹּל אֲשֶׁר־יַעֲלֶה
הַמַּזְלֵג יִקַּח הַכֹּהֵן בּוֹ כָּכָה יַעֲשׂוּ לְכָל־יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים
טו שָׁם בְּשִׁלֹה׃ גַּם בְּטֶרֶם יַקְטִרוּן אֶת־הַחֵלֶב וּבָא׀ נַעַר
הַכֹּהֵן וְאָמַר לָאִישׁ הַזֹּבֵחַ תְּנָה בָשָׂר לִצְלוֹת לַכֹּהֵן וְלֹא־
16 יִקַּח מִמְּךָ בָּשָׂר מְבֻשָּׁל כִּי אִם־חָי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו הָאִישׁ
קַטֵּר יַקְטִירוּן כַּיּוֹם הַחֵלֶב וְקַח לְךָ כַּאֲשֶׁר תְּאַוֶּה נַפְשֶׁךָ
17 וְאָמַר׀ לוֹ כִּי עַתָּה תִתֵּן וְאִם־לֹא לָקַחְתִּי בְחָזְקָה׃ וַתְּהִי
חַטַּאת הַנְּעָרִים גְּדוֹלָה מְאֹד אֶת־פְּנֵי יְהוָה כִּי נִאֲצוּ
18 הָאֲנָשִׁים אֵת־מִנְחַת יְהוָה׃ וּשְׁמוּאֵל מְשָׁרֵת אֶת־פְּנֵי
19 יְהוָה נַעַר חָגוּר אֵפוֹד בָּד׃ וּמְעִיל קָטֹן תַּעֲשֶׂה־לּוֹ אִמּוֹ

והעלתה

v. 3. ולו ק׳ v. 6. קמץ בז״ק v. 9. חסידיו ק׳ v. 10. מריביו קרי ibid. עליו ק׳ v. 16. לא ק׳

זיך אין גאָט, מיין האָרן איז ערהויבען דורך גאָט, מיין מויל רעדט פריי
קעגען מיינע פיינד, דען איך פרעה מיך מיט דיין הילף.
2 קיינער איז אַזוי הייליג ווי גאָט ; דען אויסער דיר איז ניטאָ קיינער,
און ס'איז ניטאָ אַזאַ שטאַרקהייט ווי אונזער גאָט.
3 רעדט ניט שטאָלצע רייד, זאָלען קיינע פרעכע ווערטער ארויסקומען פון
אייער מויל, דען א גאָט פון (אַלעס) וויסען איז גאָט, און פון איהם ווערען
בעשטימט אַלע פאַסירונגען.
4 די בויגענס, די העלדען, ווערען צובראָכען, די געשטרויכעלטע אָבער
זיי גורטען זיך אָן מיט קראַפט.
5 די זאטע פערדינגען זיך פאר ברויט ; און די הונגעריגע הערען אויף
(צו הונגערן), אין דער צייט וואָס די קינדערלאָזע געבערט זיעבען קינ־
דער, ווערט זי, וואָס האָט געהאַט פיעל קינדער, גאָר עלענד.
6 גאָט טויטעט און מאַכט לעבעדיג, ער ברענגט אַרונטער אין גרוב און ער
ברענגט אַרויף.
7 גאָט מאַכט ארעם און מאַכט רייך, ער ערנידעריגט און ער ערהויבט,
8 שטעלט אויף פון דעם שטויב דעם ארעמען, פון די מיסט ערהויבט ער
דעם בעדירפטיגען, זיי צו זעצען נעבען פירשטען, און ער טהיילט זיי צו
אַ שטוהל פון עהרע, דען די זיילען פון דער ערד געהערען צו גאָט, און
ער, האָט אויף זיי געזעצט די וועלט.
9 ער גיט אַכטונג אויף די טריט פון זיינע פרומע, די זינדיגע אָבער געהען
אונטער אין דער פינסטערניס. דען ניט מיט זיין אייגענער קראפט קען
אַ מענש זיך שטאַרקען.
10 גאָט — די וואָס קריגען זיך מיט איהם ווערען צובראָכען ; פון הימעל
דונערט ער אויף זיי ; גאָט ריכט די ערד פון איין גרענעץ צום אנדערן.
ער גיט שטאַרקהייט צו זיין קעניג, און ער דערהייבט דעם האָרן פון זיין
געזאַלבטען.
11 און אלקנה איז געגאַנגען נאָך רמה, נאָך זיין הויז ; און דער יונג איז
פערבליעבען אַ דיענער צו גאָט, אונטער די אויפפאַסונג פון עלי דעם כהן.
12 אָבער עלי'ס זיהן זיינען געווען ניכטסווירדיגע לייטע, זיי האָבען זיך ניט
געקימערט אום גאָט,
13 אויך ניט אום דאָס רעכט פון די כהנים צו דעם פאָלק. און ווען יעמאַנד
פלעגט ברענגען אן אָפּפער פלעגט קומען דער יונגער כהן, ווען מען האָט
געקאָכט די פלייש, מיט אַ דריי שפּיציגען גאָפּעל אין זיין האַנד.
14 און ער פלעגט עס אריינשטעכען אין דעם בעקען, אין דעם קעסעל, אין פאַן
אָדער אין טאָפּ : אַלעס וואָס דער גאָפּעל האָט אַרויפגענומען פלעגט דער
כהן צונעהמען. אַזוי פלעגען זיי טהאָן צו גאַנץ ישראל וועלכע זיינען דאָרט
געקומען אין שלה.
15 אויך איידער מען האָט געריי‌כערט די פעטס (אויפ'ן מזבח), פלעגט דער
יונגער כהן קומען און זאָגען צו דעם מאַן וואָס האָט געבראַכט דעם
אָפּפער : גיב פלייש צו בראָטען פאר דעם כהן, דען ער וועט ניט נעהמען
פון דיר געקאָכטעס, נור רויהע (פלייש).
16 און ווען דער מאַן האָט צו איהם געזאָגט : זאָ גלייך וועט מען רויכערען
די פעטס, און דערנאָך וועסטו זיך נעהמען וויפיעל דיין זעעלע געלוסט,
פלעגט ער זאָגען : ניין, דו זאָלסט עס גלייך געבען ; און אויב ניט
נעהם איך מיט געוואַלד.
17 דאַרום איז געווען די זינד פון די יונגע לייטע זעהר גרויס פאַר גאָט,
דען דאַדורך האָבען אַלע לייטע ערניעדעריגט די אָפּפער פון גאָט.
18 און שמואל איז געווען אַ דיענער פון גאָט ; נאָך יונג און אָנגעגאַר־
טעלט מיט אַ ליינענעם אפוד (פריעסטער קלייד).

וְהַעַלְתָה לוֹ מִיָּמִים ׀ יָמִימָה בַּעֲלוֹתָהּ אֶת־אִישָׁהּ לִזְבֹּחַ
אֶת־זֶבַח הַיָּמִים׃ וּבֵרַךְ עֵלִי אֶת־אֶלְקָנָה וְאֶת־אִשְׁתּוֹ כ
וְאָמַר יָשֵׂם יְהוָה לְךָ זֶרַע מִן־הָאִשָּׁה הַזֹּאת תַּחַת הַשְּׁאֵלָה
אֲשֶׁר שָׁאַל לַיהוָה וְהָלְכוּ לִמְקוֹמוֹ׃ כִּי־פָקַד יְהוָה אֶת־ 21
חַנָּה וַתַּהַר וַתֵּלֶד שְׁלֹשָׁה־בָנִים וּשְׁתֵּי בָנוֹת וַיִּגְדַּל הַנַּעַר
שְׁמוּאֵל עִם־יְהוָה׃ וְעֵלִי זָקֵן מְאֹד וְשָׁמַע אֵת כָּל־ 22
אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן בָּנָיו לְכָל־יִשְׂרָאֵל וְאֵת אֲשֶׁר־יִשְׁכְּבֻן אֶת־
הַנָּשִׁים הַצֹּבְאוֹת פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם לָמָּה 23
תַעֲשׂוּן כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ אֶת־דִּבְרֵיכֶם
רָעִים מֵאֵת כָּל־הָעָם אֵלֶּה׃ אַל בָּנָי כִּי לוֹא־טוֹבָה 24
הַשְּׁמֻעָה אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ מַעֲבִרִים עַם־יְהוָה׃ אִם־יֶחֱטָא כה
אִישׁ לְאִישׁ וּפִלְלוֹ אֱלֹהִים וְאִם לַיהוָה יֶחֱטָא אִישׁ מִי
יִתְפַּלֶּל־לוֹ וְלֹא יִשְׁמְעוּ לְקוֹל אֲבִיהֶם כִּי־חָפֵץ יְהוָה
לַהֲמִיתָם׃ וְהַנַּעַר שְׁמוּאֵל הֹלֵךְ וְגָדֵל וָטוֹב גַּם עִם־יְהוָה 26
וְגַם עִם־אֲנָשִׁים׃ וַיָּבֹא אִישׁ־אֱלֹהִים אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר 27
אֵלָיו כֹּה אָמַר יְהוָה הֲנִגְלֹה נִגְלֵיתִי אֶל־בֵּית אָבִיךָ בִּהְיוֹתָם
בְּמִצְרַיִם לְבֵית פַּרְעֹה׃ וּבָחֹר אֹתוֹ מִכָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל 28
לִי לְכֹהֵן לַעֲלוֹת עַל־מִזְבְּחִי לְהַקְטִיר קְטֹרֶת לָשֵׂאת אֵפוֹד
לְפָנָי וָאֶתְּנָה לְבֵית אָבִיךָ אֶת־כָּל־אִשֵּׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ לָמָּה 29
תִבְעֲטוּ בְּזִבְחִי וּבְמִנְחָתִי אֲשֶׁר צִוִּיתִי מָעוֹן וַתְּכַבֵּד אֶת־בָּנֶיךָ
מִמֶּנִּי לְהַבְרִיאֲכֶם מֵרֵאשִׁית כָּל־מִנְחַת יִשְׂרָאֵל לְעַמִּי׃
לָכֵן נְאֻם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר אָמַרְתִּי בֵּיתְךָ וּבֵית ל
אָבִיךָ יִתְהַלְּכוּ לְפָנַי עַד־עוֹלָם וְעַתָּה נְאֻם־יְהוָה חָלִילָה לִּי
כִּי־מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד וּבֹזַי יֵקָלּוּ׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים וְגָדַעְתִּי אֶת־ 31
זְרֹעֲךָ וְאֶת־זְרֹעַ בֵּית אָבִיךָ מִהְיוֹת זָקֵן בְּבֵיתֶךָ׃ וְהִבַּטְתָּ צַר 32
מָעוֹן בְּכֹל אֲשֶׁר־יֵיטִיב אֶת־יִשְׂרָאֵל וְלֹא־יִהְיֶה זָקֵן בְּבֵיתְךָ
כָּל־הַיָּמִים׃ וְאִישׁ לֹא־אַכְרִית לְךָ מֵעִם מִזְבְּחִי לְכַלּוֹת אֶת־ 33
עֵינֶיךָ וְלַאֲדִיב אֶת־נַפְשֶׁךָ וְכָל־מַרְבִּית בֵּיתְךָ יָמוּתוּ אֲנָשִׁים׃

וזה

19 און זײַן מוטער פלעגט איהם מאַכען אַ קלײנעם איבער־מאַנטעל, און
פלעגט עס צו איהם אַרױפברענגען, פון יאָהר צו יאָהר, װען זי מיט איהר
מאַן פלעגען אַרױפגעהען צו שלאַכטען דאָס יעהרליכע אָפּפער.
20 און עלי האָט געבענשט אלקנה און זײַן װײַב, און ער האָט געזאָגט ; גאָט
זאָל דיר געבען מעהר קינדער פון דיעזער פרױ, פאַר דאָס לײַהונג, װאָס
דיעזער איז פערליהען צו גאָט, און דאַן האָבען זײ געראײזט נאָך הױז.
21 און גאָט האָט געדאַכט אָן חנה, און זי איז שװאַנגער געװאָרען, און זי
האָט געבאָרען דרײ זיהן און צװײ טעכטער. און דערװײל איז דער יונג
שמואל אױפגעװאַקסען אין גאָט׳ס הױז.
22 און עלי איז געװען זעהר אַלט, און ער האָט געהערט אַלעס, װאָס זײנע
זיהן טהוען צו גאַנץ ישראל, און דאָס זײ בעהאַנדלען אױך שענדליך די
פרױען װעלכע פערזאַמלען זיך בײם אַרײנגאַנג פון דעם אהל מועד,
(שטיפט געצעלט).
23 און ער האָט צו זײ געזאָגט : װאָרום זאָלט איהר טהאָן אַזעלכע זאַכען ?
װי איך הער װעגען אײַערע שלעכטע אױפפיהרונג, פון דעם גאַנצען פאָלק.
24 נײן, מײנע זיהן, די נאַכריכט װאָס איך הער איז ניט גוט, איהר פאַר־
פיהרט גאָט׳ס פאָלק.
25 װען אײן מענש זינדיגט געגען אײן אַנדערען, אַזױ בעשטראָפט איהם
דער ריכטער ; אָבער װען אַ מענש זינדיגט געגען גאָט, װער קען דען
פאַר איהם בעטען ? זײ האָבען אָבער ניט געהערט צו זײער פאָטער׳ס
שטים ; דאַרום האָט גאָט בעשלאָסען זײ צו טױדטען.
26 אינדעסען איז דער יונג שמואל געװאַקסען גרױס, און האָט שטענדיג גע־
פונען מעהר געפעליגקײט בײ גאָט און בײ מענשען.
27 און אַ געטליכער מאַן איז געקומען צו עלי, און ער האָט איהם געזאָגט :
דאָס זאָגט גאָט : האָב איך מיך דאַרום בעװיזען צו דײן פאָטער׳ס הױז,
װען זײ זײנען געװען אין מצרים. אין פרעה׳ס הױז,
28 און האָב איך איהם דאַרום אױסערװעהלט פון אַלע שבטים פון ישראל,
דאָס ער זאָל צו מיר אַ כהן זײן, ער זאָל אָפּפערן אױף מײן מזבח, ער זאָל
רױכערען רױכװאַרג, ער זאָל טראָגען דעם אפוד פאַר מיר, און אָבגעגעבען
האָב איך צו דײן פאָטער׳ס הױזגעזינד אַלע פײער־אָפּפער פון די קינדער
פון ישראל.
29 [האָב איך עס נאָר דאַרום געטהאָן, אום אײך אָפּצושטאָפּען, מיט די
בעסטע ; פעטסטע קרבנות פון מײן פאָלק ישראל ?] װאָרום בריקעט
(פעראַכטעט) איהר מײנע שלאַכט־ און שפּײז־אָפּפער װעלכע איך האָב גע־
באָטען (פאַר אַ הײליגען צװעק) אין מײן װאָהנונג ? און דו צײגסט
דײנע זיהן מעהר עהרע װי מיר.
30 דאַרום זאָגט גאָט, דער גאָט פון ישראל ; אַ מאָל האָב איך געדאַכט, דאָס
דײן הױזגעזינד און דאָס הױזגעזינד פון דײן פאָטער װעלען אַרומגעהען
פאַר מיר אױף אײביג, אָבער יעצט, זאָגט גאָט, פאַרמיטען זאָל עס זײן
פון מיר ; דען צו די װאָס גיעבען מיר עהרע, װעל איך געבען עהרע, אָבער
די װאָס בעלײדיגען מיר װעלען זעלבסט פערשעהמט װערען.
31 זעה, צײטען װעלען קומען, דאָס איך װעל אָפּהאַקען (אָפּשנײדען) דײן
ארם (קראַפט) און דאָס קראַפט פון דײן פאָטער׳ס הױזגעזינד דאָס עס
זאָל מעהר ניט זײן קײן אַנגעזעהנער מאַן אין דײן הױז.
32 און דו װעסט זעהען אַ פײנד אין טעמפּעל, און אַלעס װאָס יענער װעט
טהאָן גוטעס פאַר ישראל ; יאַ, אָבער אײביג װעט קײן אַלטער מאַן
זײן אין דײן הױז.
33 נאָר אין גאַנצען װעל איך ניט אָבשנײדען פון דײן הױזגעזינד מענער
פון מײן מזבח ; אום צו מאַכען אױסגעהען דײנע אױגען, (צו פערגרע־

34 וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת אֲשֶׁר יָבֹא אֶל־שְׁנֵי בָנֶיךָ אֶל־חָפְנִי וּפִינְחָס
לה בְּיוֹם אֶחָד יָמוּתוּ שְׁנֵיהֶם׃ וַהֲקִימֹתִי לִי כֹּהֵן נֶאֱמָן כַּאֲשֶׁר
בִּלְבָבִי וּבְנַפְשִׁי יַעֲשֶׂה וּבָנִיתִי לוֹ בַּיִת נֶאֱמָן וְהִתְהַלֵּךְ לִפְנֵי־
36 מְשִׁיחִי כָּל־הַיָּמִים׃ וְהָיָה כָּל־הַנּוֹתָר בְּבֵיתְךָ יָבוֹא
לְהִשְׁתַּחֲוֺת לוֹ לַאֲגוֹרַת כֶּסֶף וְכִכַּר־לָחֶם וְאָמַר סְפָחֵנִי נָא
אֶל־אַחַת הַכְּהֻנּוֹת לֶאֱכֹל פַּת־לָחֶם׃

## CAP. III. ג

ג
א וְהַנַּעַר שְׁמוּאֵל מְשָׁרֵת אֶת־יְהוָה לִפְנֵי עֵלִי וּדְבַר יְהוָה
2 הָיָה יָקָר בַּיָּמִים הָהֵם אֵין חָזוֹן נִפְרָץ׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַהוּא
וְעֵלִי שֹׁכֵב בִּמְקֹמוֹ וְעֵינָו הֵחֵלּוּ כֵהוֹת לֹא יוּכַל לִרְאוֹת׃
3 וְנֵר אֱלֹהִים טֶרֶם יִכְבֶּה וּשְׁמוּאֵל שֹׁכֵב בְּהֵיכַל יְהוָה
4 אֲשֶׁר־שָׁם אֲרוֹן אֱלֹהִים׃ וַיִּקְרָא יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר
ה הִנֵּנִי׃ וַיָּרָץ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר הִנְנִי כִּי־קָרָאתָ לִּי וַיֹּאמֶר
6 לֹא־קָרָאתִי שׁוּב שְׁכָב וַיֵּלֶךְ וַיִּשְׁכָּב׃ וַיֹּסֶף יְהוָה קְרֹא
עוֹד שְׁמוּאֵל וַיָּקָם שְׁמוּאֵל וַיֵּלֶךְ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר הִנְנִי כִּי
7 קָרָאתָ לִי וַיֹּאמֶר לֹא־קָרָאתִי בְנִי שׁוּב שְׁכָב׃ וּשְׁמוּאֵל
8 טֶרֶם יָדַע אֶת־יְהוָה וְטֶרֶם יִגָּלֶה אֵלָיו דְּבַר־יְהוָה׃ וַיֹּסֶף
יְהוָה קְרֹא־שְׁמוּאֵל בַּשְּׁלִשִׁית וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר
9 הִנְנִי כִּי קָרָאתָ לִי וַיָּבֶן עֵלִי כִּי יְהוָה קֹרֵא לַנָּעַר׃ וַיֹּאמֶר
עֵלִי לִשְׁמוּאֵל לֵךְ שְׁכָב וְהָיָה אִם־יִקְרָא אֵלֶיךָ וְאָמַרְתָּ
דַּבֵּר יְהוָה כִּי שֹׁמֵעַ עַבְדֶּךָ וַיֵּלֶךְ שְׁמוּאֵל וַיִּשְׁכַּב בִּמְקוֹמוֹ׃
י וַיָּבֹא יְהוָה וַיִּתְיַצַּב וַיִּקְרָא כְפַעַם־בְּפַעַם שְׁמוּאֵל ׀ שְׁמוּאֵל
11 וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל דַּבֵּר כִּי שֹׁמֵעַ עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל הִנֵּה אָנֹכִי עֹשֶׂה דָבָר בְּיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
12 כָּל־שֹׁמְעוֹ תְּצִלֶּינָה שְׁתֵּי אָזְנָיו׃ בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶל־
13 עֵלִי אֵת כָּל־אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־בֵּיתוֹ הָחֵל וְכַלֵּה׃ וְהִגַּדְתִּי
לוֹ כִּי־שֹׁפֵט אֲנִי אֶת־בֵּיתוֹ עַד־עוֹלָם בַּעֲוֺן אֲשֶׁר־יָדַע כִּי־

מקללים

ג׳ v. 2. ועינו קרי

סערען דיין פערדרוס), און צו מאַכען שמערצען דיין זעעלע. און אַלע
ערוואַקסענע פון דיין הויז וועלען שטאַרבען (ווען זיי וועלען זיין) מענער.
34 און דאָס וועט צו דיר זיין אַ צייכען ; דאָס וואָס עס וועט קומען אויף
דיינע בייז׳ע זיהן אויף חפני און פנחס ; אין איין טאָג וועלען זיי
ביידע שטאַרבען.
35 און איך וועל מיר אויפשטעלען אַ געטרייען כהן , וועלכער וועט טהאָן
(האַנדלען) נאָך מיין האַרץ און נאָך מיין ווילען, און איך וועל איהם אויפ־
בויען אַ געטרייעס הויז, און ער וועט אַרומגעהען פאַר מיין געזאַלבטען
קעניג אין אַלע צייטען.
36 און עס וועט זיין דאָס יעדער וואָס וועט איבערבלייבען אין דיין הויז
וועט קומען זיך בוקען צו איהם וועגען אַ זילבער גרה (קליינע מטבע)
און אַ לאַבען ברויט, און וועט זאָגען : נעהם מיר דאָך צו, צו איינע פון
די שטעלען, דאָס איך זאָל האָבען צו עסען אַ שטיקעל ברויט.

## קאַפּיטעל ג

1 און דער יונג שמואל האָט בעדיענט גאָט, אונטער עלי׳ס אויפזיכט, און
דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען זעלטען אין יענער צייט, די ערשיינונג
פון נבואה איז ניט געווען פערשפּרייט.
2 און עס איז געווען אין דעם זעלבען טאָג, און עלי איז געלעגען אויף זיין
אָרט, זיינע אויגען האָבען שוין אָנגעהויבען דונקעל צו ווערען, און ער
האָט ניט געקענט זעהען.
3 און דאָס ליכט פון גאָט איז נאָך ניט פערלאָשען געווען אין גאָט׳ס פּאַ־
לאַץ, וואו דאָרט האָט זיך געפונען דער ארון פון גאָט, און שמואל איז
אויך געלעגען.
4 און גאָט האָט גערופען צו שמואל : און ער האָט געענטפערט : דאָ
בין איך.
5 און ער איז געלאָפען צו עלי און ער האָט געזאָגט : דאָ בין איך, דען דו
האָסט מיך גערופען, און ער (עלי) האָט געזאָגט : איך האָב ניט גערופען,
לעג דיך ווידער, און ער איז געגאַנגען און האָט זיך געלעגט.
6 און גאָט האָט נאָך אַ מאָל גערופען : שמואל, און שמואל איז אויפגע־
שטאַנען, און איז געגאַנגען צו עלי, און ער האָט געזאָגט : דאָ בין איך,
דען דו האָסט מיך גערופען. און ער (עלי) האָט געזאָגט : איך האָב ניט
גערופען, מיין זוהן, לעג דיך ווידער.
7 און שמואל האָט נאָך ניט געקענט גאָט, און דאָס וואָרט פון גאָט האָט
זיך נאָך ניט בעוויזען צו איהם.
8 און גאָט האָט ווידער גערופען צום דריטען מאָל : שמואל, און ער איז
אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען צו עלי און ער האָט געזאָגט : דאָ
בין איך, דען דו האָסט מיך גערופען, דאַן האָט עלי פערשטאַנען דאָס
גאָט רופט דעם יונג.
9 און עלי האָט געזאָגט צו שמואל : געה, לעג דיך אַניעדער, און עס וועט
זיין ווען ער וועט דיך רופען, זאָלסטו זאָגען : רייד, אָה גאָט ! דען
דיין קנעכט הערט. און שמואל איז געגאַנגען און ער האָט זיך געלעגט
אויף זיין אָרט.
10 און אַ געטליכע ערשיינונג איז געקומען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט
און האָט גערופען ווי בעפאָר : שמואל, שמואל : און שמואל האָט גע־
זאָגט : רייד, דען דיין קנעכט הערט.
11 און גאָט האָט געזאָגט צו שמואל: איך טהו אַ זאַך אין ישראל, דאָס יעדער,
דער וואָס וועט עס הערען, דעם וועלען זיינע ביידע אויערען קלינגען.
12 אין יענעם טאָג וועל איך ערפילען אויף עלי, אַלעס וואָס איך האָב גע־
רעדט וועגען זיין הויזעגזינד, אָנפאַנגען און פערלענדען.

14 מְקַלְלִים לָהֶם בָּנָיו וְלֹא כִהָה בָּם׃ וְלָכֵן נִשְׁבַּעְתִּי לְבֵית עֵלִי
טו אִם־יִתְכַּפֵּר עֲוֺן בֵּית־עֵלִי בְּזֶבַח וּבְמִנְחָה עַד־עוֹלָם׃ וַיִּשְׁכַּב
שְׁמוּאֵל עַד־הַבֹּקֶר וַיִּפְתַּח אֶת־דַּלְתוֹת בֵּית־יְהוָה וּשְׁמוּאֵל
16 יָרֵא מֵהַגִּיד אֶת־הַמַּרְאָה אֶל־עֵלִי׃ וַיִּקְרָא עֵלִי אֶת־שְׁמוּאֵל
17 וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל בְּנִי וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר מָה הַדָּבָר אֲשֶׁר
דִּבֶּר אֵלֶיךָ אַל־נָא תְכַחֵד מִמֶּנִּי כֹּה יַעֲשֶׂה־לְּךָ אֱלֹהִים וְכֹה
יוֹסִיף אִם־תְּכַחֵד מִמֶּנִּי דָּבָר מִכָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר־דִּבֶּר
18 אֵלֶיךָ׃ וַיַּגֶּד־לוֹ שְׁמוּאֵל אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים וְלֹא כִחֵד מִמֶּנּוּ
19 וַיֹּאמַר יְהוָה הוּא הַטּוֹב בְּעֵינָו יַעֲשֶׂה׃ וַיִּגְדַּל שְׁמוּאֵל וַיהוָה
כ הָיָה עִמּוֹ וְלֹא־הִפִּיל מִכָּל־דְּבָרָיו אָרְצָה׃ וַיֵּדַע כָּל־יִשְׂרָאֵל
מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שָׁבַע כִּי־נֶאֱמָן שְׁמוּאֵל לְנָבִיא לַיהוָה׃
21 וַיֹּסֶף יְהוָה לְהֵרָאֹה בְשִׁלֹה כִּי־נִגְלָה יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל
בְּשִׁלוֹ בִּדְבַר יְהוָה׃

## ד CAP. IV. ד

א וַיְהִי דְבַר־שְׁמוּאֵל לְכָל־יִשְׂרָאֵל וַיֵּצֵא יִשְׂרָאֵל לִקְרַאת
פְּלִשְׁתִּים לַמִּלְחָמָה וַיַּחֲנוּ עַל־הָאֶבֶן הָעֵזֶר וּפְלִשְׁתִּים
2 חָנוּ בַאֲפֵק׃ וַיַּעַרְכוּ פְלִשְׁתִּים לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל וַתִּטֹּשׁ
הַמִּלְחָמָה וַיִּנָּגֶף יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי פְלִשְׁתִּים וַיַּכּוּ בַמַּעֲרָכָה
3 בַּשָּׂדֶה כְּאַרְבַּעַת אֲלָפִים אִישׁ׃ וַיָּבֹא הָעָם אֶל־הַמַּחֲנֶה
וַיֹּאמְרוּ זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לָמָּה נְגָפָנוּ יְהוָה הַיּוֹם לִפְנֵי
פְלִשְׁתִּים נִקְחָה אֵלֵינוּ מִשִּׁלֹה אֶת־אֲרוֹן בְּרִית יְהוָה וְיָבֹא
4 בְקִרְבֵּנוּ וְיֹשִׁעֵנוּ מִכַּף אֹיְבֵינוּ׃ וַיִּשְׁלַח הָעָם שִׁלֹה וַיִּשְׂאוּ
מִשָּׁם אֵת אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה צְבָאוֹת יֹשֵׁב הַכְּרֻבִים וְשָׁם
שְׁנֵי בְנֵי־עֵלִי עִם־אֲרוֹן בְּרִית הָאֱלֹהִים חָפְנִי וּפִינְחָס׃
ה וַיְהִי כְּבוֹא אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיָּרִעוּ כָל־
6 יִשְׂרָאֵל תְּרוּעָה גְדוֹלָה וַתֵּהֹם הָאָרֶץ׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים
אֶת־קוֹל הַתְּרוּעָה וַיֹּאמְרוּ מֶה קוֹל הַתְּרוּעָה הַגְּדוֹלָה

13 און איך זאָג איהם דאָס איך וועל ריכטען זיין הויזגעזינד אויף אייביג ;
פֿאַר די זינד, וואָס ער האָט געוואוסט דאָס זיינע זיהן ברענגען אויף זיך אַ
פֿלוך, און ער האָט זיי ניט געוועהרט.
14 און דאַרום האָב איך געשוואָרען וועגען עלי׳ס הויזגעזינד ; דאָס די זינד
פון דעם הויזגעזינד פון עלי זאָל ניט פערגעבען ווערען דורך שלאַכט־
אָפּפער אָדער שפּייז־אָפּפער אויף אייביג.
15 און שמואל איז געלעגען ביז צו דעם פריה מאָרגען, און ער האָט געעפענט
די טהירען פון דעם הויז פון גאָט ; שמואל אָבער האָט געפירכטעט צו
זאָגען די רייד פון דער ערשיינונג צו עלי.
16 און עלי האָט גערופען שמואל׳ן, און ער האָט געזאָגט : שמואל, מיין
זוהן, און דיעזער האָט געזאָגט דאָ בין איך.
17 און ער (עלי) האָט געזאָגט : וואָס איז דאָס וואָרט, וואָס ער האָט צו
דיר געזאָגט ? זאָלסט ניט לייקענען פון מיר. גאָט זאָל אַזוי דיר טהאָן
(דיך שטראָפען) און נאָך מעהר, אויב דו וועסט לייקענען פון מיר איין
וואָרט פון די אַלע רייד וואָס ער האָט צו דיר גערעדט.
18 און שמואל האָט צו איהם געזאָגט די אַלע רייד, און ער האָט ניט געלייי־
קענט פון איהם. און ער (עלי) האָט געזאָגט : ער איז גאָט ; וואָס עס
איז גוט אין זיינע אויגען (איהם געפעליג) זאָל ער טהאָן.
19 און שמואל איז אויפגעוואַקסען, און גאָט איז געווען מיט איהם, און
ער האָט ניט געלאָזען פאַלען קיינע פון זיינע רייד צו דער ערד, (ער
האָט קיין זאַך ניט פערפעהלט).
20 און גאַנץ ישראל פון דן ביז באר שבע האָט געוואוסט, דאָס שמואל איז
בעשטימט צו זיין אַ נביא צו גאָט.
21 און גאָט האָט זיך נאָך פיעל מאָל בעוויעזען אין שלה, דען גאָט האָט זיך
אפענבארט אין שלו צו שמואל מיט זיינע אויפטראַגען

## קאַפּיטעל ד

1 און דאָס וואָרט פון שמואל איז געווען געאַכטעט ביי גאַנץ ישראל. אין
יענער צייט איז ישראל אַרויסגעגאַנגען קעגען די פּלשתים צום שטרייט,
און זיי האָבען געלאַגערט ביי אבן העזר, און די פּלשתים האָבען געלאַ־
גערט אין אפק.
2 און די פּלשתים האָבען זיך אויסגעשטעלט קעגען ישראל, און דער שטרייט
האָט זיך פערשפּרייט, און ישראל איז געשלאָגען געוואָרען פון די פּלשתים,
און זיי האָבען געשלאָגען אין קריעגס־פעלד אונגעפעהר פיער טויזענד
מאַן.
3 און אלס דאָס פאָלק איז צוריקגעקומען אין לאַגער האָבען די עלטסטע
פון ישראל געזאָגט : ווארום האָט אונז גאָט היינט געפּלאָגט פאַר די
פּלשתים ? לאָמיר ברענגען צו אונז פון שלה דעם ארון פון גאָטס־בונד,
דאַן וועט ער (גאָט) קומען צווישען אונז, און ער וועט אונז העלפען פון
דער האַנד פון אונזערע פיינד.
4 און דאָס פאָלק האָט געשיקט נאָך שלה, און זיי האָבען געטראָגען פון
דאָרט דעם ארון פון דעם בונד פון גאָט פון די הערשאַרען, וועלכער
רעגירט איבער די כרובים ; און דאָרט זיינען געווען ביי דעם ארון פון
גאָטס בונד די צוויי זיהן פון עלי, חפני און פּנחס.
5 און עס איז געווען ווען דער ארון פון גאָטס־בונד איז אָנגעקומען אין
לאַגער, האָט גאַנץ ישראל אויסגעשריען אַ גרויסען פריידענגעשריי, דאָס
די ערד האָט געשטורעמט.
6 און ווען די פּלשתים האָבען געהערט דעם ליארם פון דעם געשריי האָבען
זיי געזאָגט : וואָס בעדייטעט דער ליארם פון דיעזען גרויסען געשריי

הַזֹּ֛את בְּמַחֲנֵ֥ה הָעִבְרִ֑ים וַיֵּ֣דְע֔וּ כִּ֚י אֲר֣וֹן יְהוָ֔ה בָּ֖א אֶל־
7 הַֽמַּחֲנֶֽה׃ וַיִּֽרְאוּ֙ הַפְּלִשְׁתִּ֔ים כִּ֣י אָמְר֔וּ בָּ֥א אֱלֹהִ֖ים אֶל־
הַֽמַּחֲנֶ֑ה וַיֹּאמְרוּ֙ א֣וֹי לָ֔נוּ כִּ֣י לֹ֥א הָֽיְתָ֛ה כָּזֹ֖את אֶתְמ֥וֹל
8 שִׁלְשֹֽׁם׃ א֣וֹי לָ֔נוּ מִ֣י יַצִּילֵ֔נוּ מִיַּ֛ד הָאֱלֹהִ֥ים הָאַדִּירִ֖ים
הָאֵ֑לֶּה אֵ֣לֶּה הֵ֤ם הָֽאֱלֹהִים֙ הַמַּכִּ֣ים אֶת־מִצְרַ֔יִם בְּכָל־מַכָּ֖ה
9 בַּמִּדְבָּֽר׃ הִֽתְחַזְּק֞וּ וִהְי֤וּ לַאֲנָשִׁים֙ פְּלִשְׁתִּ֔ים פֶּ֚ן תַּעַבְד֣וּ
לָֽעִבְרִ֔ים כַּאֲשֶׁ֥ר עָבְד֖וּ לָכֶ֑ם וִהְיִיתֶ֥ם לַאֲנָשִׁ֖ים וְנִלְחַמְתֶּֽם׃
י וַיִּלָּחֲמ֣וּ פְלִשְׁתִּ֗ים וַיִּנָּ֤גֶף יִשְׂרָאֵל֙ וַיָּנֻ֙סוּ֙ אִ֣ישׁ לְאֹהָלָ֔יו
וַתְּהִ֥י הַמַּכָּ֖ה גְּדוֹלָ֣ה מְאֹ֑ד וַיִּפֹּל֙ מִיִּשְׂרָאֵ֔ל שְׁלֹשִׁ֥ים אֶ֖לֶף
11 רַגְלִֽי׃ וַאֲר֥וֹן אֱלֹהִ֖ים נִלְקָ֑ח וּשְׁנֵ֤י בְנֵֽי־עֵלִי֙ מֵ֔תוּ חָפְנִ֖י
12 וּפִֽינְחָֽס׃ וַיָּ֤רָץ אִֽישׁ־בִּנְיָמִן֙ מֵהַֽמַּעֲרָכָ֔ה וַיָּבֹ֥א שִׁל֖ה בַּיּ֣וֹם
13 הַה֑וּא וּמַדָּ֣יו קְרֻעִ֔ים וַאֲדָמָ֖ה עַל־רֹאשֽׁוֹ׃ וַיָּב֡וֹא וְהִנֵּ֣ה
עֵלִי֩ יֹשֵׁ֨ב עַֽל־הַכִּסֵּ֜א יַ֣ךְ דֶּ֣רֶךְ מְצַפֶּ֗ה כִּֽי־הָיָ֤ה לִבּוֹ֙ חָרֵ֔ד
עַ֖ל אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֑ים וְהָאִ֗ישׁ בָּ֚א לְהַגִּ֣יד בָּעִ֔יר וַתִּזְעַ֖ק כָּל־
14 הָעִֽיר׃ וַיִּשְׁמַ֤ע עֵלִי֙ אֶת־ק֣וֹל הַצְּעָקָ֔ה וַיֹּ֕אמֶר מֶ֛ה ק֥וֹל
טו הֶהָמ֖וֹן הַזֶּ֑ה וְהָאִ֣ישׁ מִהַ֔ר וַיָּבֹ֖א וַיַּגֵּ֥ד לְעֵלִֽי׃ וְעֵלִ֕י בֶּן־
תִּשְׁעִ֥ים וּשְׁמֹנֶ֖ה שָׁנָ֑ה וְעֵינָ֣יו קָ֔מָה וְלֹ֥א יָכ֖וֹל לִרְאֽוֹת׃
16 וַיֹּ֨אמֶר הָאִ֜ישׁ אֶל־עֵלִ֗י אָנֹכִי֙ הַבָּ֣א מִן־הַֽמַּעֲרָכָ֔ה וַאֲנִ֕י מִן־
הַֽמַּעֲרָכָ֖ה נַ֣סְתִּי הַיּ֑וֹם וַיֹּ֕אמֶר מֶה־הָיָ֥ה הַדָּבָ֖ר בְּנִֽי׃
17 וַיַּ֨עַן הַֽמְבַשֵּׂ֜ר וַיֹּ֗אמֶר נָ֤ס יִשְׂרָאֵל֙ לִפְנֵ֣י פְלִשְׁתִּ֔ים וְגַ֛ם
מַגֵּפָ֥ה גְדוֹלָ֖ה הָיְתָ֣ה בָעָ֑ם וְגַם־שְׁנֵ֨י בָנֶ֜יךָ מֵ֗תוּ חָפְנִי֙
18 וּפִ֣ינְחָ֔ס וַאֲר֥וֹן הָאֱלֹהִ֖ים נִלְקָֽחָה׃ וַיְהִ֞י כְּהַזְכִּיר֣וֹ ׀ אֶת־
אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֗ים וַיִּפֹּ֣ל מֵֽעַל־הַכִּסֵּא֩ אֲחֹֽרַנִּ֨ית בְּעַ֣ד ׀ יַ֣ד
הַשַּׁ֗עַר וַתִּשָּׁבֵ֤ר מַפְרַקְתּוֹ֙ וַיָּמֹ֔ת כִּֽי־זָקֵ֥ן הָאִ֖ישׁ וְכָבֵ֑ד וְה֛וּא
19 שָׁפַ֥ט אֶת־יִשְׂרָאֵ֖ל אַרְבָּעִ֥ים שָׁנָֽה׃ וְכַלָּת֤וֹ אֵֽשֶׁת־פִּינְחָס֙
הָרָ֣ה לָלַ֔ת וַתִּשְׁמַ֣ע אֶת־הַשְּׁמֻעָ֔ה אֶל־הִלָּקַח֙ אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֔ים
וּמֵ֥ת חָמִ֖יהָ וְאִישָׁ֑הּ וַתִּכְרַ֣ע וַתֵּ֔לֶד כִּי־נֶהֶפְכ֥וּ עָלֶ֖יהָ צִרֶֽיהָ׃



ק׳ יד v. 13.

אין דעם לאַגער פון די עברים ? און זיי זיינען געוואָהר געוואָרען, דאָס
דער ארון פון גאָט איז אָנגעקומען אין לאַגער.
7 און די פלשתים האָבען געפירכטעט, דען זיי האָבען געזאָגט : גאָט איז
געקומען אין לאַגער, און זיי האָבען געזאָגט : וועה אונז ! דען אַזוי
וואָס איז נאָך ניט געשעהן קיינמאָל בעפאָר.
8 וועה אונז ! ווער וועט אונז רעטען פון די האַנד פון דיזע שטאַרקע
געטער, דאָס זיינען דאָך דיזעלבע געטער, וועלכע האָבען געשלאַגען די
מצרים מיט אַלערהאַנד פּלאַגען, אין דער וויסטע.
9 שטאַרקט אייך, און זייט מענער, איהר פלשתים, דאָס איהר זאָלט
ניט דאַרפען ווערען קנעכט צו די עברים, אַזוי ווי זיי זיינען געוועזן קנעכט
צו אַייך, דאַרום שטרייט ווי העלדען.
10 און די פלשתים האָבען געשטריטען, און ישראל איז געשלאַגען געוואָרען,
און יעדער איז אַנטלאָפען צו זיין געצעלט, און די מפלה (ניעדערלאַגע)
איז געוועזן זעהר גרויס, דען עס זיינען געפאַלען פון ישראל דרייסיג טוי־
זענד פוס־געהער.
11 און דער ארון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרען. און די צוויי זיהן
פון עלי, חפני און פנחס זיינען געשטאָרבען.
12 און אַ מאַן פון בנימין איז אַוועקגעלאָפען פון קריעגס־פעלד און ער איז
אָנגעקומען אין דעמזעלבען טאָג נאָך שלה ; און זיינע קליידער זיינען
געוועזן צעריסען, און ערד אויף זיין קאָפּ.
13 און ווען ער איז געקומען, איז דאָן עלי געזעסען אויף אַ שטוהל ביים וועג,
און ער האָט געוואַרט ; דען זיין הארץ איז געוועזן אונרוהיג וועגען דעם
ארון פון גאָט. און אַלס דער מאַן איז געקומען און האָט אָנגעזאָגט אין
שטאָדט, האָט די גאַנצע שטאָדט אויסגעבראָכען אַ יאָמערגעשריי.
14 און עלי האָט געהערט דעם יאָמערגעשריי, און ער האָט געפרעגט : וואָס
בעדייטעט דיעזער גרויסער טומעל ? און דער מאַן האָט געאיילט און
ער איז געקומען, און ער האָט עס אָנגעזאָגט צו עלי.
15 (און עלי איז דאַן אַלט געוועזן אַכט און ניינציג יאָהר, און זיינע אויגען
זיינען געוועזן דונקעל און ער האָט ניט געקענט זעהען.)
16 און דער מאַן האָט געזאָגט צו עלי : איך בין עס דער וואָס איז געקומען
פון קריעגס־פעלד, און איך זעלבסט בין היינט ענטלאָפען פון קריעגס־
פעלד, און ער (עלי) האָט געזאָגט : וואָס האָט דען געטראָפען, מיין
זוהן ?
17 און דער אָנזאָגער האָט געענטפערט און האָט געזאָגט : ישראל איז אַנט־
לאָפען פאַר די פלשתים, און עס איז אויך געוועזן אַ גרויסע ניעדערלאַגע
אונטער דעם פאָלק, אויך דיינעביידע זיהן חפני און פנחס זיינען גע־
שטאָרבען, און דער ארון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרען.
18 און עס איז געשעהען, ווי ער האָט דערמאָהנט דעם ארון פון גאָט, אַזוי
איז ער (עלי) אַרונטערגעפאַלען פון דעם שטוהל, אויף הינטער, און זיין
גניק (קאַרק) איז צובראָכען געוואָרען, און ער איז געשטאָרבען. דען
דער מאַן איז געוועזן אַלט און שווער, און ער האָט געריכט ישראל פער־
ציג יאָהר.
19 און זיינע שנור, די פרוי פון פנחס איז געוועזן שוואַנגער, נאָהענט צו
געבערען, און ווען זי האָט געהערט די נאַכריכט דאָס דער ארון פון גאָט
איז אוועקגענומען געוואָרען, און דאָס איהר שוועהר און איהר מאַן זיינען
געשטאָרבען. האָט זי זיך געבויגען און האָט געגעבען געבורט ; דען
איהרע שמערצען זיינען (פלוצלונג) געקומען שטאַרק.
20 און ווען זי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָבען (די פרויען) די וואָס
זיינען ביי איהר געשטאַנען צו איהר געזאָגט : פירכט ניט, דען דו

וּכְעֵת מוּתָהּ וַתְּדַבֵּרְנָה הַנִּצָּבוֹת עָלֶיהָ אַל־תִּירְאִי כִּי־בֵן כ
יָלָדְתְּ וְלֹא עָנְתָה וְלֹא־שָׁתָה לִבָּהּ׃ וַתִּקְרָא לַנַּעַר אִי־ 21
כָבוֹד לֵאמֹר גָּלָה כָבוֹד מִיִּשְׂרָאֵל אֶל־הִלָּקַח אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
וְאֶל־חָמִיהָ וְאִישָׁהּ׃ וַתֹּאמֶר גָּלָה כָבוֹד מִיִּשְׂרָאֵל כִּי נִלְקַח 22
אֲרוֹן הָאֱלֹהִים׃

## ה Cap. V. ה

וּפְלִשְׁתִּים לָקְחוּ אֵת אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיְבִאֻהוּ מֵאֶבֶן הָעֶזֶר א
אַשְׁדּוֹדָה׃ וַיִּקְחוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיָּבִאוּ אֹתוֹ 2
בֵּית דָּגוֹן וַיַּצִּיגוּ אֹתוֹ אֵצֶל דָּגוֹן׃ וַיַּשְׁכִּמוּ אַשְׁדּוֹדִים 3
מִמָּחֳרָת וְהִנֵּה דָגוֹן נֹפֵל לְפָנָיו אַרְצָה לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה
וַיִּקְחוּ אֶת־דָּגוֹן וַיָּשִׁבוּ אֹתוֹ לִמְקוֹמוֹ׃ וַיַּשְׁכִּמוּ בַבֹּקֶר 4
מִמָּחֳרָת וְהִנֵּה דָגוֹן נֹפֵל לְפָנָיו אַרְצָה לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה
וְרֹאשׁ דָּגוֹן וּשְׁתֵּי ׀ כַּפּוֹת יָדָיו כְּרֻתוֹת אֶל־הַמִּפְתָּן רַק דָּגוֹן
נִשְׁאַר עָלָיו׃ עַל־כֵּן לֹא־יִדְרְכוּ כֹהֲנֵי דָגוֹן וְכָל־הַבָּאִים ה
בֵּית־דָּגוֹן עַל־מִפְתַּן דָּגוֹן בְּאַשְׁדּוֹד עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
וַתִּכְבַּד יַד־יְהוָה אֶל־הָאַשְׁדּוֹדִים וַיְשִׁמֵּם וַיַּךְ אֹתָם בַּעְפֹלִים* 6
אֶת־אַשְׁדּוֹד וְאֶת־גְּבוּלֶיהָ׃ וַיִּרְאוּ אַנְשֵׁי־אַשְׁדּוֹד כִּי־כֵן 7
וְאָמְרוּ לֹא־יֵשֵׁב אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עִמָּנוּ כִּי־קָשְׁתָה יָדוֹ
עָלֵינוּ וְעַל דָּגוֹן אֱלֹהֵינוּ׃ וַיִּשְׁלְחוּ וַיַּאַסְפוּ אֶת־כָּל־סַרְנֵי 8
פְלִשְׁתִּים אֲלֵיהֶם וַיֹּאמְרוּ מַה־נַּעֲשֶׂה לַאֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
וַיֹּאמְרוּ גַּת יִסֹּב אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּסֵּבּוּ אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי אַחֲרֵי ׀ הֵסַבּוּ אֹתוֹ וַתְּהִי יַד־יְהוָה בָּעִיר 9
מְהוּמָה גְּדוֹלָה מְאֹד וַיַּךְ אֶת־אַנְשֵׁי הָעִיר מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל
וַיִּשָּׂתְרוּ לָהֶם עפלים׃ וַיְשַׁלְּחוּ אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עֶקְרוֹן י
וַיְהִי כְּבוֹא אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עֶקְרוֹן וַיִּזְעֲקוּ הָעֶקְרֹנִים לֵאמֹר
הֵסַבּוּ אֵלַי אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לַהֲמִיתֵנִי וְאֶת־עַמִּי׃
וַיִּשְׁלְחוּ וַיַּאַסְפוּ אֶת־כָּל־סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ שַׁלְּחוּ אֶת־ 11

ארון



ה' v. 6. בטחרים קרי   v. 9. טחרים קרי

האָסט געבאָרען אַ זוהן, אָבער זי האָט ניט געענטפערט און זי האָט ניט
געלעגט איהר הארץ (ניט געמערקט זייערע רייד).
21 און זי האָט אַ נאָמען געגעבען דעם יונג „אי כבוד", דאָס הייסט, עס
איז פערשוואונדען די עהרע פון ישראל; ווענען דעם וואָס דער ארון
פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרען, און ווענען איהר שוועהר און איהר
מאַן.
22 און דאָס וואָס זי האָט געזאָגט: פערשוואונדען איז די עהרע פון ישראל,
(דאָס מעהרסטע האָט איהר געריהרט) דאָס וואָס דער ארון פון גאָט איז
אַוועקגענומען געוואָרען.

## קאַפּיטעל ה

1 און די פּלשתים האָבען גענומען דעם ארון פון גאָט, פון אבן העזר, און
זיי האָבען איהם געבראַכט נאָך אשדוד.
2 נאָכהער האָבען די פּלשתים גענומען דעם ארון פון גאָט און זיי האָבען
איהם אַריינגעבראַכט אין דעם הויז פון דגון (זייער געץ), און זיי האָבען
עס געשטעלט נעבען דגון.
3 און ווען די איינוואָהנער פון אשדוד זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פריה,
האָבען זיי געזעהען דאָס דגון ליעגט אויף זיין געזיכט אויף דער ערד
פאַר דעם ארון פון גאָט, און זיי האָבען גענומען דגון און זיי האָבען איהם
אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט.
4 און ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען פריה אין דעם אנדערן מאָרגען, האָבען
זיי געזעהען דאָס דגון ליעגט אויף זיין געזיכט אויף דער ערד, פאַר דעם
ארון פון גאָט, און דער קאָפּ פון דגון און זיינע ביידע הענד ליגען אָב־
געשניטען אויפ'ן שוועל; נור דער קערפּער פון דגון איז איהם איבער־
געבליעבען.
5 דארום טרעטען ניט די פּריסטער פון דגון, און די אַלע וואָס קומען אין
דעם הויז פון דגון, אויף דער שוועל פון דגון אין אשדוד, ביז צו דעם
היינטיגען טאָג.
6 און די האַנד פון גאָט איז געווען שווער אויף די איינוואָהנער פון אשדוד,
און ער האָט זיי פאַרוויסט, און ער האָט זיי געשלאָגען מיט געשוויערען,
אשדוד און איהרע גרענעצען (געגענדען אַרום).
7 און ווען די לייטע פון אשדוד האָבען געזעהען דאָס עס געהט זיי אַזוי,
האָבען זיי געזאָגט: דער ארון פון דעם גאָט פון ישראל קען ניט בלייַ־
בען מיט אונז, דען זיין האַנד איז שווער אויף אונז און אויף דגון אונ־
זער גאָט.
8 און זיי האָבען געשיקט און זיי האָבען פערזאַמעלט אַלע פירשטען פון
פּלשתים, און זיי האָבען געזאָגט: וואָס זאָלען מיר טהאָן מיט דעם
ארון פון דעם גאָט פון ישראל? און די האָבען געזאָגט: נאָך גת זאָל
געבראַכט ווערען דער ארון פון דעם גאָט פון ישראל. און זיי האָבען
געבראַכט דעם ארון פון דעם גאָט פון ישראל דאָרט.
9 און עס איז געווען, דאָס נאָכדעם דאָס זיי האָבען איהם אַריבערגעבראַכט,
איז די האַנד פון גאָט געווען קעגען דער שטאָדט, מיט אַ זעהר גרויסע
פערטומלונג, און ער האָט געשלאָגען די לייטע פון דער שטאָדט פון
קליין ביז גרויס, און די געשווירען האָבען זיי אנגעריסען אין אַלע פער־
באָרגענע ערטער.
10 דאַן האָבען זיי אַוועקגעשיקט דעם ארון פון גאָט נאָך עקרון, און אַלס דער
ארון פון גאָט איז אָנגעקומען אין עקרון האָבען די איינוואָהנער פון עקרון
געשריען און האָבען געזאָגט: זיי האָבען אַריבערגעבראַכט צו מיר דעם
ארון פון דעם גאָט פון ישראל, אום מיך און מיין פאָלק צו טויטען.
11 און זיי האָבען געשיקט און פערזאַמעלט אַלע פירשטען פון די פּלשתים,

אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְיָשֹׁב לִמְקֹמוֹ וְלֹא־יָמִית אֹתִי וְאֶת־
עַמִּי כִּי־הָיְתָה מְהוּמַת־מָוֶת בְּכָל־הָעִיר כָּבְדָה מְאֹד יַד
12 הָאֱלֹהִים שָׁם׃ וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לֹא־מֵתוּ הֻכּוּ בַּעְפֹלִים
וַתַּעַל שַׁוְעַת הָעִיר הַשָּׁמָיִם׃

## CAP. VI. ו

2 א וַיְהִי אֲרוֹן־יְהוָה בִּשְׂדֵה פְלִשְׁתִּים שִׁבְעָה חֳדָשִׁים׃ וַיִּקְרְאוּ
פְלִשְׁתִּים לַכֹּהֲנִים וְלַקֹּסְמִים לֵאמֹר מַה־נַּעֲשֶׂה לַאֲרוֹן
3 יְהוָה הוֹדִעֻנוּ בַּמֶּה נְשַׁלְּחֶנּוּ לִמְקוֹמוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ אִם־
מְשַׁלְּחִים אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אַל־תְּשַׁלְּחוּ אֹתוֹ רֵיקָם
כִּי־הָשֵׁב תָּשִׁיבוּ לוֹ אָשָׁם אָז תֵּרָפְאוּ וְנוֹדַע לָכֶם לָמָּה
4 לֹא־תָסוּר יָדוֹ מִכֶּם׃ וַיֹּאמְרוּ מָה הָאָשָׁם אֲשֶׁר נָשִׁיב לוֹ
וַיֹּאמְרוּ מִסְפַּר סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים חֲמִשָּׁה עָפְלֵי זָהָב וַחֲמִשָּׁה
ה עַכְבְּרֵי זָהָב כִּי־מַגֵּפָה אַחַת לְכֻלָּם וּלְסַרְנֵיכֶם׃ וַעֲשִׂיתֶם
צַלְמֵי עָפְלֵיכֶם וְצַלְמֵי עַכְבְּרֵיכֶם הַמַּשְׁחִיתִם אֶת־הָאָרֶץ
וּנְתַתֶּם לֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כָּבוֹד אוּלַי יָקֵל אֶת־יָדוֹ מֵעֲלֵיכֶם
6 וּמֵעַל אֱלֹהֵיכֶם וּמֵעַל אַרְצְכֶם׃ וְלָמָּה תְכַבְּדוּ אֶת־לְבַבְכֶם
כַּאֲשֶׁר כִּבְּדוּ מִצְרַיִם וּפַרְעֹה אֶת־לִבָּם הֲלוֹא כַּאֲשֶׁר
7 הִתְעַלֵּל בָּהֶם וַיְשַׁלְּחוּם וַיֵּלֵכוּ׃ וְעַתָּה קְחוּ וַעֲשׂוּ עֲגָלָה
חֲדָשָׁה אֶחָת וּשְׁתֵּי פָרוֹת עָלוֹת אֲשֶׁר לֹא־עָלָה עֲלֵיהֶם
עֹל וַאֲסַרְתֶּם אֶת־הַפָּרוֹת בָּעֲגָלָה וַהֲשֵׁיבֹתֶם בְּנֵיהֶם
8 מֵאַחֲרֵיהֶם הַבָּיְתָה׃ וּלְקַחְתֶּם אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וּנְתַתֶּם
אֹתוֹ אֶל־הָעֲגָלָה וְאֵת ׀ כְּלֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הֲשֵׁבֹתֶם לוֹ אָשָׁם
9 תָּשִׂימוּ בָאַרְגַּז מִצִּדּוֹ וְשִׁלַּחְתֶּם אֹתוֹ וְהָלָךְ׃ וּרְאִיתֶם אִם־
דֶּרֶךְ גְּבוּלוֹ יַעֲלֶה בֵּית שֶׁמֶשׁ הוּא עָשָׂה לָנוּ אֶת־הָרָעָה
הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת וְאִם־לֹא וְיָדַעְנוּ כִּי לֹא יָדוֹ נָגְעָה בָּנוּ מִקְרֶה
י הוּא הָיָה לָנוּ׃ וַיַּעֲשׂוּ הָאֲנָשִׁים כֵּן וַיִּקְחוּ שְׁתֵּי פָרוֹת עָלוֹת
11 וַיַּאַסְרוּם בָּעֲגָלָה וְאֶת־בְּנֵיהֶם כָּלוּ בַבָּיִת׃ וַיָּשִׂמוּ אֶת־

ארון

ה v. 12. בטחרים קרי ו v. 4. טחרי קרי v. 5. טחריכם קרי

און זיי האָבען געזאָגט : שיקט אוועק דעם ארון פון דעם גאָט פון ישראל, און לאָז ער צוריקקעהרען צו זיין אָרט ; דאָס ער זאָל ניט טויטען מיך און מיין פאָלק. דען א טויט־שרעק איז געווען אין דער גאַנצער שטאָדט ; זעהר שווער איז דאָרט געווען די האַנד פון גאָט.

12 און די מענשען וואָס זיינען ניט געשטאָרבען, זיינען געשלאגען געוואָרען מיט געשווירען, און דאָס געשריי פון דער שטאָדט איז אַרויפגעגאַנגען ביז צו דעם הימעל.

## קאַפּיטעל ו

1 און דער ארון פון גאָט איז געווען אין פעלד (לאַנד) פון פלשתים זיעבען מאָנאַט.

2 און די פלשתים האָבען גערופען די פּריסטער און צויבערער און זיי האָבען געזאָגט : וואָס זאָלען מיר מאַכען מיט דעם אָרון פון גאָט? לאָזט אונז ווייסען מיט וואָס מיר זאָלען איהם אפּשיקען נאָך זיין אָרט?

3 און זיי האָבען געזאָגט : ווען איהר שיקט אוועק דעם אַרון פון דעם גאָט פון ישראל, שיקט איהם ניט אוועק ליידיג, נור איהר זאָלט מיט איהם געוויס צוריקקעהרען אַ שולד־אָפּפער, דאַן וועט איהר געהיילט ווערען, און עס וועט צו אייך בעוואוסט ווערען ווארום זיין האַנד לאָזט ניט אב פון אייך.

4 און זיי האָבען געזאָגט : וואָס זאָל זיין דער שולד־אָפּפער וואָס מיר זאָלען צוריקקעהרען צו איהם? און **זיי** האָבען געזאָגט : נאָך דעם צאהל פון די פינף פירשטען פון די פלשתים ; פינף גאָלדענע געשווירען, און פינף גאָלדענע מייז, דען דיזעלבע פּלאג איז אויף אייך און אויף אייערע פירשטען.

5 דארום זאָלט איהר מאַכען בילדער פון אייערע געשווירען און בילדער פון אייערע מייז, וועלכע פערדארבען דאָס לאַנד, און גיט דעם גאָט פון ישראל עהרע, פיעלייכט וועט ער לייכטער מאַכען זיין האַנד איבער אייך און איבער אייערע געטער און איבער אייער לאַנד.

6 דען ווארום זאָלט איהר פערהאַרטען אייער האַרץ, ווי די מצרים און פרעה האָבען זייערע הערצער פערהאַרטעט, האָבען זיי ניט געמוזט, נאָכדעם דאָס ער האָט זיי שטאַרק בעשטראָפט, זיי לאָזען געהן פריי (די ישראל) און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען.

7 דאהער מאַכט אַ נייען וואגען, און נעהמט צוויי יונגע קיה, אויף וועלכע עס איז נאָך קיין יאָך ניט אַרויפגעקומען, און איהר זאָלט איינשפּאַנען די קיה אין דעם וואגען, און זייערע קעלבער זאָלט איהר צוריק פיהרען פון הינטער זיי אַהיים,

8 און איהר זאָלט נעהמען דעם ארון פון גאָט און איהר זאָלט איהם לעגען אויף דעם וואגען, און די גאָלדענע געפעס, וועלכע איהר האָט צוריקגעקעהרט צו איהם פאר א שולד־אָפּפער זאָלט איהר לעגען אין א קאסטען ביי זיין זייט ; און איהר זאָלט איהם אַוועקשיקען און ער זאָל געהן.

9 און איהר וועט דאַן זעהן ; אויב אויף דעם וועג פון זיין גרענעץ וועט ער אַרויפגעהן, צו בית שמש, אַזוי האָט ער אונז פעראורזאַכט דיעזען גרויסען אונגליק ; און אויב ניט וועלען מיר ווייסען, דאָס ניט זיין האַנד האָט אונז געשלאַגען, נור אַ צופאל איז דאָס געווען, וואָס עס האָט אונז געטראָפען.

10 און די לייטע האָבען אַזוי געטהאָן ; זיי האָבען גענומען צוויי יונגע קיה, און זיי האָבען זיי איינגעשפּאַנט אין דעם וואגען, און זייערע קעלבער האָבען זיי איינגעשלאָסען אין דעם הויז.

11 און זיי האָבען אַרויפגעלעגט דעם ארון פון גאָט אין דעם וואגען, און

אֲרוֹן יְהוָה אֶל־הָעֲגָלָה וְאֵת הָאַרְגַּז וְאֵת עַכְבְּרֵי הַזָּהָב
12 וְאֵת צַלְמֵי טְחֹרֵיהֶם׃ וַיִּשַּׁרְנָה הַפָּרוֹת בַּדֶּרֶךְ עַל־דֶּרֶךְ
בֵּית שֶׁמֶשׁ בִּמְסִלָּה אַחַת הָלְכוּ הָלֹךְ וְגָעוֹ וְלֹא־סָרוּ יָמִין
וּשְׂמֹאול* וְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים הֹלְכִים אַחֲרֵיהֶם עַד־גְּבוּל בֵּית
13 שָׁמֶשׁ׃ וּבֵית שֶׁמֶשׁ קֹצְרִים קְצִיר־חִטִּים בָּעֵמֶק וַיִּשְׂאוּ
14 אֶת־עֵינֵיהֶם וַיִּרְאוּ אֶת־הָאָרוֹן וַיִּשְׂמְחוּ לִרְאוֹת׃ וְהָעֲגָלָה
בָּאָה אֶל־שְׂדֵה יְהוֹשֻׁעַ בֵּית־הַשִּׁמְשִׁי וַתַּעֲמֹד שָׁם וְשָׁם
אֶבֶן גְּדוֹלָה וַיְבַקְּעוּ אֶת־עֲצֵי הָעֲגָלָה וְאֶת־הַפָּרוֹת הֶעֱלוּ
טו עֹלָה לַיהוָה׃ וְהַלְוִיִּם הוֹרִידוּ ׀ אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וְאֶת־הָאַרְגַּז
אֲשֶׁר־אִתּוֹ אֲשֶׁר־בּוֹ כְלֵי־זָהָב וַיָּשִׂמוּ אֶל־הָאֶבֶן הַגְּדוֹלָה
וְאַנְשֵׁי בֵית־שֶׁמֶשׁ הֶעֱלוּ עֹלוֹת וַיִּזְבְּחוּ זְבָחִים בַּיּוֹם הַהוּא
16 לַיהוָה׃ וַחֲמִשָּׁה סַרְנֵי־פְלִשְׁתִּים רָאוּ וַיָּשֻׁבוּ עֶקְרוֹן בַּיּוֹם
17 הַהוּא׃ וְאֵלֶּה טְחֹרֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הֵשִׁיבוּ פְלִשְׁתִּים
אָשָׁם לַיהוָה לְאַשְׁדּוֹד אֶחָד לְעַזָּה אֶחָד לְאַשְׁקְלוֹן אֶחָד
18 לְגַת אֶחָד לְעֶקְרוֹן אֶחָד׃ וְעַכְבְּרֵי הַזָּהָב מִסְפַּר
כָּל־עָרֵי פְלִשְׁתִּים לַחֲמֵשֶׁת הַסְּרָנִים מֵעִיר מִבְצָר וְעַד
כֹּפֶר הַפְּרָזִי וְעַד ׀ אָבֵל הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר הִנִּיחוּ עָלֶיהָ אֵת
אֲרוֹן יְהוָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה בִּשְׂדֵה יְהוֹשֻׁעַ בֵּית־הַשִּׁמְשִׁי׃
19 וַיַּךְ בְּאַנְשֵׁי בֵית־שֶׁמֶשׁ כִּי רָאוּ בַּאֲרוֹן יְהוָה וַיַּךְ בָּעָם
שִׁבְעִים אִישׁ חֲמִשִּׁים אֶלֶף אִישׁ וַיִּתְאַבְּלוּ הָעָם כִּי־הִכָּה
כ יְהוָה בָּעָם מַכָּה גְדוֹלָה׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי בֵית־שֶׁמֶשׁ מִי
יוּכַל לַעֲמֹד לִפְנֵי יְהוָה הָאֱלֹהִים הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה וְאֶל־מִי
21 יַעֲלֶה מֵעָלֵינוּ׃ וַיִּשְׁלְחוּ מַלְאָכִים אֶל־יוֹשְׁבֵי קִרְיַת־
יְעָרִים לֵאמֹר הֵשִׁבוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־אֲרוֹן יְהוָה רְדוּ הַעֲלוּ
אֹתוֹ אֲלֵיכֶם׃

## ז CAP. VII. ז

א וַיָּבֹאוּ אַנְשֵׁי ׀ קִרְיַת יְעָרִים וַיַּעֲלוּ אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וַיָּבִאוּ

אתו



ד יתיר v. 12. ד

אויף די קאַסטען וואָס האָט ענטהאַלטען די גאָלדענע בילדער פֿון די מייז,
און די בילדער פֿון די געשווירען.
12 און די קיה זיינען געגאַנגען גלייך, אויף דעם ריכטיגען וועג פֿון בית
שמש ; מיט איין וועג, זיי זיינען געגאַנגען און געשריען (געבלעקעט)
און זיי האָבען זיך ניט אָבגעקעהרט פֿון וועג רעכטס אָדער לינקס. און
די פֿירשטען פֿון די פּלשתים זיינען נאָכגעגאַנגען הינטער זיי, ביז דעם
גרענעץ פֿון בית שמש.
13 און די איינוואָהנער פֿון בית שמש האָבען עבען ווייץ געשניטען אין דעם
טהאָל, און אַלס זיי האָבען אויפֿגעהויבען זייערע אויגען און האָבען דער־
זעהן דעם אָרון, האָבען זיי זיך געפֿרעהט איהם צו זעהען.
14 און דער וואָגען איז אָנגעקומען צו דעם פֿעלד פֿון יהושע פֿון בית שמש,
און ער איז דאָרטען געבליעבען שטעהן ; און דאָרטען איז געוועזען אַ
גרויסער שטיין, און זיי האָבען געשפּאַלטען דאָס האָלץ פֿון דעם וואָגען,
און די קיה האָבען זיי אויפֿגעבראַכט פֿאַר אַ גאַנץ־אָפּפֿער צו גאָט.
15 און די לוים האָבען אַראָבגענומען דעם אָרון פֿון גאָט, אויך די קאַסטען
וואָס איז דאַנעבען געוועזען, אין וועלכע עס זיינען געוועזען די גאָלדענע
געפֿעס, און זיי האָבען זיי געלעגט אויף דעם גרויסען שטיין, און די
איינוואָהנער פֿון בית שמש האָבען אין יענעם טאָג אויפֿגעבראַכט גאַנץ־
אָפּפֿער און געשלאַכטעט שלאַכט־אָפּפֿער צו גאָט.
16 און ווען די פֿינף פֿירשטען פֿון די פּלשתים האָבען דאָס געזעהן, האָבען
זיי צוריקגעקעהרט נאָך עקרון אין דעמזעלבען טאָג.
17 און דאָס איז די צאָהל פֿון די גאָלדענע געשווירען, וועלכע די פּלשתים
האָבען צוריקגעקעהרט פֿאַר אַ שולד־אָפּפֿער צו גאָט : פֿאַר אשדוד איינע,
פֿאַר עזה איינע, פֿאַר אַשקלון איינע, פֿאַר גת איינע, פֿאַר עקרון איינע.
18 און די גאָלדענע מייז זיינען געוועזען נאָך דעם צאָהל פֿון די אַלע שטעדט
פֿון די פּלשתים פֿאַר די פֿינף פֿירשטען ; פֿון אַ פֿעסטע שטאָדט, ביז אַן
אָפֿענעם דאָרף, און ביז צו דעם גרויסען שטיין, אויף וועלכען זיי האָבען
אַוועקגעשטעלט דעם אָרון פֿון גאָט. [יענער שטיין געפֿינט זיך נאָך
ביז צו דעם הייניגען טאָג אין דעם פֿעלד פֿון יהושע פֿון בית שמש].
19 אָבער ער (גאָט) האָט געשלאָגען די לייט פֿון בית שמש, ווייל זיי האָבען
אַריינגעקוקט אין דעם אָרון פֿון גאָט, און אויך פֿון דאָס איבריגע פֿאָלק
האָט ער געשלאָגען פֿון (בית שמש) זיעבציג מאַן (און פֿון יענע) פֿופֿציג
טויזענד מאַן. און דאָס פֿאָלק האָט געטרויערט, ווייל גאָט האָט געשלאָגען
דאָס פֿאָלק מיט אַ גרויסען שלאַג.
20 און די איינוואָהנער פֿון בית שמש האָבען געזאָגט : ווער קען בעשטעהן
פֿאַר גאָט, דיעזען הייליגען גאָט? און צו וועמען זאָל ער (דער אָרון)
אַרויפֿגעבראַכט ווערען, איהם אַוועקצונעהמען פֿון אונז?
21 און זיי האָבען געשיקט שלוחים צו די איינוואָהנער פֿון קרית יערים און
האָבען געזאָגט : די פּלשתים האָבען צוריקגעבראַכט דעם אָרון פֿון גאָט,
קומט (אַראָב) און ברענגט איהם צו אייך.

## קאַפּיטעל ז

1 און די איינוואָהנער פֿון קרית יערים זיינען געקומען און זיי האָבען אַרויפֿ־
געבראַכט דעם אָרון פֿון גאָט, און זיי האָבען איהם געבראַכט אין דאָס הויז

אֹתוֹ אֶל־בֵּית אֲבִינָדָב בַּגִּבְעָה וְאֶת־אֶלְעָזָר בְּנוֹ קִדְּשׁוּ
2 לִשְׁמֹר אֶת־אֲרוֹן יְהוָה׃ וַיְהִי מִיּוֹם שֶׁבֶת הָאָרוֹן
בְּקִרְיַת יְעָרִים וַיִּרְבּוּ הַיָּמִים וַיִּהְיוּ עֶשְׂרִים שָׁנָה וַיִּנָּהוּ כָּל־
3 בֵּית יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־כָּל־בֵּית
יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אִם־בְּכָל־לְבַבְכֶם אַתֶּם שָׁבִים אֶל־יְהוָה
הָסִירוּ אֶת־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר מִתּוֹכְכֶם וְהָעַשְׁתָּרוֹת וְהָכִינוּ
לְבַבְכֶם אֶל־יְהוָה וְעִבְדֻהוּ לְבַדּוֹ וְיַצֵּל אֶתְכֶם מִיַּד
4 פְּלִשְׁתִּים׃ וַיָּסִירוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־
ה הָעַשְׁתָּרֹת וַיַּעַבְדוּ אֶת־יְהוָה לְבַדּוֹ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל
קִבְצוּ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל הַמִּצְפָּתָה וְאֶתְפַּלֵּל בַּעַדְכֶם אֶל־
6 יְהוָה׃ וַיִּקָּבְצוּ הַמִּצְפָּתָה וַיִּשְׁאֲבוּ־מַיִם וַיִּשְׁפְּכוּ ׀ לִפְנֵי יְהוָה
וַיָּצוּמוּ בַּיּוֹם הַהוּא וַיֹּאמְרוּ שָׁם חָטָאנוּ לַיהוָה וַיִּשְׁפֹּט
7 שְׁמוּאֵל אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּמִּצְפָּה׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים כִּי־
הִתְקַבְּצוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הַמִּצְפָּתָה וַיַּעֲלוּ סַרְנֵי־פְלִשְׁתִּים אֶל־
8 יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁמְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּרְאוּ מִפְּנֵי פְּלִשְׁתִּים׃ וַיֹּאמְרוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־שְׁמוּאֵל אַל־תַּחֲרֵשׁ מִמֶּנּוּ מִזְּעֹק אֶל־
9 יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְיֹשִׁעֵנוּ מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל טְלֵה
חָלָב אֶחָד וַיַּעֲלֵה עוֹלָה כָּלִיל לַיהוָה וַיִּזְעַק שְׁמוּאֵל אֶל־
י יְהוָה בְּעַד יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲנֵהוּ יְהוָה׃ וַיְהִי שְׁמוּאֵל מַעֲלֶה
הָעוֹלָה וּפְלִשְׁתִּים נִגְּשׁוּ לַמִּלְחָמָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּרְעֵם יְהוָה ׀
בְּקוֹל־גָּדוֹל בַּיּוֹם הַהוּא עַל־פְּלִשְׁתִּים וַיְהֻמֵּם וַיִּנָּגְפוּ לִפְנֵי
11 יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּצְאוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל מִן־הַמִּצְפָּה וַיִּרְדְּפוּ אֶת־
12 פְּלִשְׁתִּים וַיַּכּוּם עַד־מִתַּחַת לְבֵית כָּר׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל
אֶבֶן אַחַת וַיָּשֶׂם בֵּין־הַמִּצְפָּה וּבֵין הַשֵּׁן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמָהּ
13 אֶבֶן הָעָזֶר וַיֹּאמַר עַד־הֵנָּה עֲזָרָנוּ יְהוָה׃ וַיִּכָּנְעוּ הַפְּלִשְׁתִּים
וְלֹא־יָסְפוּ עוֹד לָבוֹא בִּגְבוּל יִשְׂרָאֵל וַתְּהִי יַד־יְהוָה
14 בַּפְּלִשְׁתִּים כֹּל יְמֵי שְׁמוּאֵל׃ וַתָּשֹׁבְנָה הֶעָרִים אֲשֶׁר

לקחו

v. 9. ויעלה קרי

פון אבינדב אין גבעה, און זיין זוהן אלעזר האָבען זיי בעשטימט, צו היטען דעם ארון פון גאָט.

2 און זייט דעם טאָג וואָס דער ארון איז פערבליעבען אין קרית יערים איז פערגאַנגען אַ לאַנגע צייט, צוואַנציג יאָהר, און דאַן האָט דאָס גאַנצע הויז (פאָלק) פון ישראל געבענקט נאָך גאָט.

3 און שמואל האָט געזאָגט צו דעם גאַנצען הויז פון ישראל: אויב מיט אייער גאַנצען האַרצען, קעהרט איהר צוריק צו גאָט, אַזוי שאַפט אָב פון אייער מיטען די פרעמדע געטער, און די עשתרות, און גרייט צו אייער האַרץ צו גאָט, און דיענט איהם אַליין; און דאַן וועט ער אייך רעטען פון די האַנד פון די פלשתים.

4 און די קינדער פון ישראל האָבען אָבגעשאַפט די בעלים און די עשתרות, און זיי האָבען געדיענט גאָט אַליין.

5 און שמואל האָט געזאָגט: פערזאַמעלט גאַנץ ישראל נאָך מצפה, און איך וועל פאַר אייך תפלה טהאָן צו גאָט.

6 און זיי האָבען זיך פערזאַמעלט אין מצפה, און זיי האָבען געשעפט וואַסער און האָבען עס געגאָסען פאַר גאָט. און זיי האָבען געפאַסט און זיך ערקלעהרט שולדיג דאָרט געגען גאָט, און שמואל האָט געריכט די ישראל אין מצפה.

7 און אַלס די פלשתים האָבען געהערט דאָס די קינדער פון ישראל האָבען זיך פערזאַמעלט אין מצפה, אַזוי זיינען די פירשטען פון די פלשתים אַרויפגעגאַנגען קעגען ישראל, און די קינדער פון ישראל האָבען עס געהערט און זיי האָבען געפירכטעט פאַר די פלשתים.

8 און די קינדער פון ישראל האָבען געזאָגט צו שמואל: דו זאָלסט ניט שווייגען וועגען אונז, פון צו שרייען צו גאָט אונזער הערר, דאָס ער זאָל אונז העלפען פון דער האַנד פון די פלשתים.

9 און שמואל האָט גענומען אַ זויגענדע שעפס, און ער האָט עס אויפגעבראַכט פאַר אַ גאַנץ־אָפּפער, אין גאַנצען צו גאָט, און שמואל האָט געשריען צו גאָט וועגען ישראל, און גאָט האָט איהם געענטפערט.

10 און עס איז געשעהען דאָס ווען שמואל האָט אויפגעבראַכט דעם גאַנץ־אָפּפער, אַזוי האָבען די פלשתים גענעהענט צום שטרייט געגען ישראל; און גאָט האָט געדונערט מיט אַ גרויסען ליאַרעם אויף די פלשתים און ער האָט זיי פערטומעלט, און זיי זיינען געשלאָגען געוואָרען פאַר ישראל.

11 און די לייט פון ישראל זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצפה, און זיי האָבען נאָכגעיאָגט די פלשתים, און זיי האָבען זיי געשלאָגען ביז הינטער בית כר.

12 און שמואל האָט גענומען אַ שטיין, און האָט איהם אויפגעשטעלט צווישען מצפה און צווישען שן, און ער האָט זיין נאָמען גערופען אבן העזר, דען ער האָט געזאָגט: ביז דיעזען אָרט האָט אונז גאָט געהאָלפען.

13 און די פלשתים זיינען אונטערטעהניג געוואָרען, און זיי זיינען ניט מעהר געקומען אין די גרענעץ פון ישראל, און די האַנד פון גאָט איז געוועזען איבער די פלשתים אין דאָס גאַנצע לעבענסצייט פון שמואל.

14 און די שטעדט וועלכע די פלשתים האָבען גענאָמען אַוועקגענומען פון

לָקְחוּ־פְלִשְׁתִּים מֵאֵת יִשְׂרָאֵל ׀ לְיִשְׂרָאֵל מֵעֶקְרוֹן וְעַד־
גַּת וְאֶת־גְּבוּלָן הִצִּיל יִשְׂרָאֵל מִיַּד פְּלִשְׁתִּים וַיְהִי שָׁלוֹם
טו בֵּין יִשְׂרָאֵל וּבֵין הָאֱמֹרִי׃ וַיִּשְׁפֹּט שְׁמוּאֵל אֶת־יִשְׂרָאֵל כֹּל
16 יְמֵי חַיָּיו׃ וְהָלַךְ מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה וְסָבַב בֵּית־אֵל וְהַגִּלְגָּל
וְהַמִּצְפָּה וְשָׁפַט אֶת־יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל־הַמְּקוֹמוֹת הָאֵלֶּה׃
17 וּתְשֻׁבָתוֹ הָרָמָתָה כִּי־שָׁם בֵּיתוֹ וְשָׁם שָׁפָט אֶת־יִשְׂרָאֵל
וַיִּבֶן־שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה׃

## ח Cap. VIII. ח

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר זָקֵן שְׁמוּאֵל וַיָּשֶׂם אֶת־בָּנָיו שֹׁפְטִים לְיִשְׂרָאֵל׃
2 וַיְהִי שֶׁם־בְּנוֹ הַבְּכוֹר יוֹאֵל וְשֵׁם מִשְׁנֵהוּ אֲבִיָּה שֹׁפְטִים
3 בִּבְאֵר שָׁבַע׃ וְלֹא־הָלְכוּ בָנָיו בִּדְרָכוֹ וַיִּטּוּ אַחֲרֵי הַבָּצַע
4 וַיִּקְחוּ־שֹׁחַד וַיַּטּוּ מִשְׁפָּט׃ וַיִּתְקַבְּצוּ כֹּל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל
ה וַיָּבֹאוּ אֶל־שְׁמוּאֵל הָרָמָתָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הִנֵּה אַתָּה זָקַנְתָּ
וּבָנֶיךָ לֹא הָלְכוּ בִּדְרָכֶיךָ עַתָּה שִׂימָה־לָּנוּ מֶלֶךְ לְשָׁפְטֵנוּ
6 כְּכָל־הַגּוֹיִם׃ וַיֵּרַע הַדָּבָר בְּעֵינֵי שְׁמוּאֵל כַּאֲשֶׁר אָמְרוּ
תְּנָה־לָּנוּ מֶלֶךְ לְשָׁפְטֵנוּ וַיִּתְפַּלֵּל שְׁמוּאֵל אֶל־יְהוָה׃
7 וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל שְׁמַע בְּקוֹל הָעָם לְכֹל אֲשֶׁר־
יֹאמְרוּ אֵלֶיךָ כִּי לֹא אֹתְךָ מָאָסוּ כִּי־אֹתִי מָאֲסוּ מִמְּלֹךְ
8 עֲלֵיהֶם׃ כְּכָל־הַמַּעֲשִׂים אֲשֶׁר־עָשׂוּ מִיּוֹם הַעֲלֹתִי אוֹתָם
מִמִּצְרַיִם וְעַד־הַיּוֹם הַזֶּה וַיַּעַזְבֻנִי וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים
9 כֵּן הֵמָּה עֹשִׂים גַּם־לָךְ׃ וְעַתָּה שְׁמַע בְּקוֹלָם אַךְ כִּי־הָעֵד
תָּעִיד בָּהֶם וְהִגַּדְתָּ לָהֶם מִשְׁפַּט הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יִמְלֹךְ עֲלֵיהֶם׃
י וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה אֶל־הָעָם הַשֹּׁאֲלִים
11 מֵאִתּוֹ מֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר זֶה יִהְיֶה מִשְׁפַּט הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יִמְלֹךְ
עֲלֵיכֶם אֶת־בְּנֵיכֶם יִקָּח וְשָׂם לוֹ בְּמֶרְכַּבְתּוֹ וּבְפָרָשָׁיו
12 וְרָצוּ לִפְנֵי מֶרְכַּבְתּוֹ׃ וְלָשׂוּם לוֹ שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי
חֲמִשִּׁים וְלַחֲרֹשׁ חֲרִישׁוֹ וְלִקְצֹר קְצִירוֹ וְלַעֲשׂוֹת כְּלֵי־

מִלְחַמְתּוֹ

ז v. 17. בלא קמץ ח v. 3. בדפוס קרי v. 3. קמץ בז״ק v. 11. רק בקמץ

ישראל, זיינען צוריקגעקעהרט געוואָרען צו ישראל; פון עקרון ביז גת,
אויך די געגענדען אַרום יענע שטעדט האָט ישראל גערעטעט פון דער האַנד
פון די פלשתים. אויך איז יעצט געוואָרען פריעדען צווישען ישראל און
צווישען דעם אמרי.
15 און שמואל האָט געריכט ישראל אַלע זיינע לעבענסטעג.
16 און ער פלעגט געהען פון יאָהר צו יאָהר, און ער האָט אַרום געררייזט נאָך
בית אל און גלגל און מצפה, און ער האָט געריכט ישראל אין דיעזע אַלע
ערטער.
17 און ער פלעגט צוריק קומען אין רמה; דען דאָרט איז געוועזן זיין היים,
און דאָרט האָט ער געריכט ישראל, אויך האָט ער דאָרט געבויט אַ מזבח
צו גאָט.

## קאַפּיטעל ח

1 און עס איז געוועזן ווען שמואל איז אַלט געוואָרען, האָט ער געמאַכט זיי־
נע זיהן אַלס ריכטער איבער ישראל.
2 און דער נאָמען פון זיין עלטסטען זוהן איז געוועזן יואל, און דער נאָמען
פון דעם אַנדערען איז געוועזן אביה. זיי זיינען געוועזן ריכטער אין באר
שבע.
3 אָבער זיינע זיהן זיינען ניט געגאַנגען אין זיינע וועגען, און זיי האָבען
זיך געניינגט נאָך געלדגייץ, און זיי האָבען גענומען אונטערקויף, און
זיי האָבען געריכטעט פאַלש.
4 און אַלע עלטסטע פון ישראל האָבען זיך פערזאַמעלט און זיי זיינען גע־
קומען צו שמואל נאָך רמה.
5 און זיי האָבען צו איהם געזאָגט: זעה, דו ביזט אַלט, דיינע זיהן געהען
ניט אין דיינע וועגען; דאַרום מאַך אַ קעניג איבער אונז, וועלכער זאָל
אונז ריכטען, ווי אַלע פעלקער (האָבען).
6 אָבער די זאַך איז ניט געפעהלען געוועזן אין די אויגען פון שמואל;
דאָס וואָס זיי האָבען געזאָגט: גיעב אונז אַ קעניג אונז צו ריכטען, און
שמואל האָט געבעטען צו גאָט.
7 און גאָט האָט געזאָגט צו שמואל: הער צו דער שטים פון דעם פאָלק,
און אַלעס וואָס זיי וועלען זאָגען צו דיר; דען ניט דיך האָבען זיי פער־
אַכטעט, נאָר מיך האָבען זיי פעראַכטעט, דאָס איך זאָל ניט רעגיערען
איבער זיי.
8 ווי די אַלע מעשים (ווערק) וואָס זיי האָבען געטהאָן, פון דעם טאָג אָן
וואָס איך האָב זיי אַרויפגעבראַכט פון מצרים ביז צו דעם היינטיגען טאָג,
און זיי האָבען מיך פערלאָזען און זיי האָבען געדיענט פרעמדע געטער,
אַזוי טהוען זיי עס אויך צו דיר.
9 און יעצט, הער צו זייער שטים; אָבער דו זאָלסט זיי אָנזאָגען, און
זיי ערקלעהרען דעם קעניג'ס אויפפיהרונג וועלכער וועט רעגיערען אי־
בער זיי.
10 און שמואל האָט געזאָגט אַלע ווערטער פון גאָט צו דעם פאָלק, וואָס
האָט פון איהם פערלאַנגט אַ קעניג.
11 און ער האָט געזאָגט: דאָס וועט זיין די אויפפיהרונג פון דעם קעניג
וועלכער וועט רעגיערען איבער אייך; אייערע זיהן וועט ער נעהמען,
און ער וועט זיי האַלטען פאַר זיך ביי זיינע רייטוועגען, און פאַר זיינע
רייטער, און זיי וועלען מוזען לויפען פאַר זיינע רייטוועגען.
12 און ער וועט מאַכען (נאָך זיין וואונש) איבער אייך, עלטסטע איבער טוי־
זענד און עלטסטע איבער פופציג, און צו בעאַקערען זיין אַקער, און צו
שניידען זיין קאָרן־שניט, און צו מאַכען זיינע שטרייט־געוועהר, און
אַלעס וואָס געהערט צו זיינע רייטוועגען.

13 מִלְחַמְתּוֹ וּכְלֵי רִכְבּוֹ׃ וְאֶת־בְּנוֹתֵיכֶם יִקָּח לְרַקָּחוֹת
14 וּלְטַבָּחוֹת וּלְאֹפוֹת׃ וְאֶת־שְׂדוֹתֵיכֶם וְאֶת־כַּרְמֵיכֶם וְזֵיתֵיכֶם
טו הַטּוֹבִים יִקָּח וְנָתַן לַעֲבָדָיו׃ וְזַרְעֵיכֶם וְכַרְמֵיכֶם יַעְשֹׂר
16 וְנָתַן לְסָרִיסָיו וְלַעֲבָדָיו׃ וְאֶת־עַבְדֵיכֶם וְאֶת־שִׁפְחוֹתֵיכֶם
וְאֶת־בַּחוּרֵיכֶם הַטּוֹבִים וְאֶת־חֲמוֹרֵיכֶם יִקָּח וְעָשָׂה
17 לִמְלַאכְתּוֹ׃ צֹאנְכֶם יַעְשֹׂר וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לוֹ לַעֲבָדִים׃
18 וּזְעַקְתֶּם בַּיּוֹם הַהוּא מִלִּפְנֵי מַלְכְּכֶם אֲשֶׁר בְּחַרְתֶּם לָכֶם
19 וְלֹא־יַעֲנֶה יְהוָה אֶתְכֶם בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיְמָאֲנוּ הָעָם לִשְׁמֹעַ
כ בְּקוֹל שְׁמוּאֵל וַיֹּאמְרוּ לֹּא כִּי אִם־מֶלֶךְ יִהְיֶה עָלֵינוּ׃ וְהָיִינוּ
גַם־אֲנַחְנוּ כְּכָל־הַגּוֹיִם וּשְׁפָטָנוּ מַלְכֵּנוּ וְיָצָא לְפָנֵינוּ וְנִלְחַם
21 אֶת־מִלְחֲמֹתֵנוּ׃ וַיִּשְׁמַע שְׁמוּאֵל אֵת כָּל־דִּבְרֵי הָעָם
22 וַיְדַבְּרֵם בְּאָזְנֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל שְׁמַע
בְּקוֹלָם וְהִמְלַכְתָּ לָהֶם מֶלֶךְ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־אַנְשֵׁי
יִשְׂרָאֵל לְכוּ אִישׁ לְעִירוֹ׃

## CAP. IX. ט

א וַיְהִי־אִישׁ מִבֶּן *יָמִין וּשְׁמוֹ קִישׁ בֶּן־אֲבִיאֵל בֶּן־צְרוֹר בֶּן
2 בְּכוֹרַת בֶּן־אֲפִיחַ בֶּן־אִישׁ יְמִינִי גִּבּוֹר חָיִל׃ וְלוֹ־הָיָה בֵן
וּשְׁמוֹ שָׁאוּל בָּחוּר וָטוֹב וְאֵין אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל טוֹב מִמֶּנּוּ
3 מִשִּׁכְמוֹ וָמַעְלָה גָּבֹהַּ מִכָּל־הָעָם׃ וַתֹּאבַדְנָה הָאֲתֹנוֹת
לְקִישׁ אֲבִי שָׁאוּל וַיֹּאמֶר קִישׁ אֶל־שָׁאוּל בְּנוֹ קַח־נָא אִתְּךָ
4 אֶת־אַחַד מֵהַנְּעָרִים וְקוּם לֵךְ בַּקֵּשׁ אֶת־הָאֲתֹנֹת׃ וַיַּעֲבֹר
בְּהַר־אֶפְרַיִם וַיַּעֲבֹר בְּאֶרֶץ־שָׁלִשָׁה וְלֹא מָצָאוּ וַיַּעַבְרוּ
ה בְאֶרֶץ־שַׁעֲלִים וָאַיִן וַיַּעֲבֹר בְּאֶרֶץ־יְמִינִי וְלֹא מָצָאוּ׃ הֵמָּה
בָּאוּ בְּאֶרֶץ צוּף וְשָׁאוּל אָמַר לְנַעֲרוֹ אֲשֶׁר־עִמּוֹ לְכָה
6 וְנָשׁוּבָה פֶּן־יֶחְדַּל אָבִי מִן־הָאֲתֹנוֹת וְדָאַג לָנוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ
הִנֵּה־נָא אִישׁ־אֱלֹהִים בָּעִיר הַזֹּאת וְהָאִישׁ נִכְבָּד כֹּל
אֲשֶׁר־יְדַבֵּר בּוֹא יָבוֹא עַתָּה נֵלֲכָה שָּׁם אוּלַי יַגִּיד לָנוּ אֶת־

דרכנו

רד v. 19 הל׳ דגושה ט׳ v. 1 מבנימין קרי

13 און אײַערע טעכטער װעט ער נעהמען, פֿאַר פּרויען װעלכע מאַכען זאַל־
בען, און קעכינס און בעקערינס.
14 און אײַערע פֿעלדער און אײַערע װײַנגערטנער און אײַערע אױלבױמער,
װעט ער אַװעקנעהמען, און ער װעט זײ געבען צו זײַנע קנעכט.
15 און פֿון אײַערע זאָמען און פֿון אײַערע װײַנגערטנער װעט ער נעהמען אַ
צעהנטען טהײל, און ער װעט עס געבען צו זײַנע דיענער און צו זײַנע
קנעכט.
16 און אײַערע קנעכט און דיענסטען און אײַערע בעסטע יונגע לײט, און
אײַערע אײזלען װעט ער צונעהמען און ער װעט זײ געברױכען צו זײַן
אַרבײט.
17 פֿון אײַערע שאָף װעט ער נעהמען אַ צעהנטען טהײל, און איהר װעט אין
גאַנצען װערען שקלאַפֿען צו איהם.
18 און איהר װעט אין יענעם טאָג שרײען װעגען אײַער קעניג, װעלכען איהר
האָט זיך אױסערװעהלט, אָבער גאָט װעט אײַך ניט ענטפֿערען אין דעם
זעלביגען טאָג.
19 אָבער דאָס פֿאָלק האָט ניט געװאָלט הערען צו דעם שטים פֿון שמואל,
און זײ האָבען געזאָגט: ניין, מיר מוזען דורכאױס האָבען אַ קעניג.
20 און מיר זאָלען אױך זײַן אַזױ װי אַלע פֿעלקער, און אונזער קעניג זאָל
אונז ריכטען, און ער זאָל אַרױסציהען פֿאַר אונז, און ער זאָל פֿיהרען
אונזערע שטרײטען.
21 און שמואל האָט געהערט די אַלע רײד פֿון דעם פֿאָלק, און ער האָט זײ
גערעדט פֿאַר די אױערען פֿון גאָט.
22 און גאָט האָט געזאָגט צו שמואל: האָרך צו זײער שטים, און מאַך איבער
זײ אַ קעניג. און שמואל האָט געזאָגט צו די פֿאָרנעהמסטע פֿון ישראל:
געהט פֿאָרלױפֿיג יעדערר נאָך זײַן שטאָדט.

## קאַפּיטעל ט

1 און עס איז געװעזען אַ מאַן פֿון בנימין, און זײַן נאָמען איז געװעזען קיש,
זוהן פֿון אביאל, זוהן פֿון צרור, זוהן פֿון בכורת, זוהן פֿון אפיה, דער זוהן
פֿון אַ מאַן פֿון בנימין װעלכער איז געװעזען אַ שטאַרקער העלד.
2 און ער האָט געהאַט אַ זוהן, און זײַן נאָמען איז געװעזען שאול; שטאַרק
און שעהן, און קײנער פֿון די קינדער ישראל איז געװעזען שעהנער פֿון איהם.
פֿון זײַן אַקסעל און אַריבער איז ער געװעזען העכער פֿון דעם גאַנצען פֿאָלק.
3 און די אײזעלינען פֿון זײַן פֿאָטער קיש זײַנען פֿערלאָרען געװאָרען, און
קיש האָט געזאָגט צו זײַן זוהן שאול: נעהם דאָך מיט דיר אײנעם פֿון די
יונגען, און שטעה אױף, און געה זוך די אײזעלינען.
4 און ער איז דורכגעגאַנגען דעם בארג אפרים, און ער איז דורכגעגאַנגען
דאָס לאַנד שעלים, און זײ האָבען זײ דאָרט ניט געפֿינען; און ער איז
דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד בנימין און זײ האָבען ניט געפֿונען.
5 ענדליך זײַנען זײ געקומען צו דעם לאַנד צוף, און שאול האָט געזאָגט צו
זײַן יונג װעלכער איז מיט איהם געװעזען: קום, לאָמיר צוריקגעהן, פֿיע־
לײכט װעט מײַן פֿאָטער אױפֿהערען צו זאָרגען װעגען די אײזעלינען און
ער װעט זאָרגען װעגען אונז.
6 און דער (יונג) האָט געזאָגט צו איהם: זעה דאָך! אַ געטליכער מאַן
איז דאָ אין דער שטאָדט, און דיעזער מאַן איז אַן אַנגעזעהענער, אַלעס
װאָס ער רעדט, קומט װירקליך אָן, לאָמיר דאָרט אַהין געהן; פֿיעלײכט
װעט ער אונז זאָגען װעגען אונזער װעג, װעלכער מיר זײַנען געגאַנגען
(דעם צװעק פֿון דער װעג).

דַּרְכֵּנוּ אֲשֶׁר־הָלַכְנוּ עָלֶיהָ׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנַעֲרוֹ וְהִנֵּה 7
נֵלֵךְ וּמַה־נָּבִיא לָאִישׁ כִּי הַלֶּחֶם אָזַל מִכֵּלֵינוּ וּתְשׁוּרָה
אֵין־לְהָבִיא לְאִישׁ הָאֱלֹהִים מָה אִתָּנוּ׃ וַיֹּסֶף הַנַּעַר לַעֲנוֹת 8
אֶת־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הִנֵּה נִמְצָא בְיָדִי רֶבַע שֶׁקֶל כָּסֶף
וְנָתַתִּי לְאִישׁ הָאֱלֹהִים וְהִגִּיד לָנוּ אֶת־דַּרְכֵּנוּ׃ לְפָנִים ׀ 9
בְּיִשְׂרָאֵל כֹּה־אָמַר הָאִישׁ בְּלֶכְתּוֹ לִדְרוֹשׁ אֱלֹהִים לְכוּ
וְנֵלְכָה עַד־הָרֹאֶה כִּי לַנָּבִיא הַיּוֹם יִקָּרֵא לְפָנִים הָרֹאֶה׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנַעֲרוֹ טוֹב דְּבָרְךָ לְכָה ׀ נֵלֵכָה וַיֵּלְכוּ אֶל־ י
הָעִיר אֲשֶׁר־שָׁם אִישׁ הָאֱלֹהִים׃ הֵמָּה עֹלִים בְּמַעֲלֵה 11
הָעִיר וְהֵמָּה מָצְאוּ נְעָרוֹת יֹצְאוֹת לִשְׁאֹב מָיִם וַיֹּאמְרוּ לָהֶן
הֲיֵשׁ בָּזֶה הָרֹאֶה׃ וַתַּעֲנֶינָה אוֹתָם וַתֹּאמַרְנָה יֵּשׁ הִנֵּה לְפָנֶיךָ 12
מַהֵר ׀ עַתָּה כִּי הַיּוֹם בָּא לָעִיר כִּי זֶבַח הַיּוֹם לָעָם בַּבָּמָה׃
כְּבֹאֲכֶם הָעִיר כֵּן תִּמְצְאוּן אֹתוֹ בְּטֶרֶם יַעֲלֶה הַבָּמָתָה 13
לֶאֱכֹל כִּי לֹא־יֹאכַל הָעָם עַד־בֹּאוֹ כִּי־הוּא יְבָרֵךְ הַזֶּבַח
אַחֲרֵי־כֵן יֹאכְלוּ הַקְּרֻאִים וְעַתָּה עֲלוּ כִּי־אֹתוֹ כְהַיּוֹם
תִּמְצְאוּן אֹתוֹ׃ וַיַּעֲלוּ הָעִיר הֵמָּה בָּאִים בְּתוֹךְ הָעִיר וְהִנֵּה 14
שְׁמוּאֵל יֹצֵא לִקְרָאתָם לַעֲלוֹת הַבָּמָה׃ וַיהוָה גָּלָה טו
אֶת־אֹזֶן שְׁמוּאֵל יוֹם אֶחָד לִפְנֵי בוֹא־שָׁאוּל לֵאמֹר׃ כָּעֵת ׀ 16
מָחָר אֶשְׁלַח אֵלֶיךָ אִישׁ מֵאֶרֶץ בִּנְיָמִן וּמְשַׁחְתּוֹ לְנָגִיד
עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וְהוֹשִׁיעַ אֶת־עַמִּי מִיַּד פְּלִשְׁתִּים כִּי רָאִיתִי
אֶת־עַמִּי כִּי בָּאָה צַעֲקָתוֹ אֵלָי׃ וּשְׁמוּאֵל רָאָה אֶת־שָׁאוּל 17
וַיהוָה עָנָהוּ הִנֵּה הָאִישׁ אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ זֶה יַעְצֹר
בְּעַמִּי׃ וַיִּגַּשׁ שָׁאוּל אֶת־שְׁמוּאֵל בְּתוֹךְ הַשָּׁעַר וַיֹּאמֶר 18
הַגִּידָה־נָּא לִי אֵי זֶה בֵּית הָרֹאֶה׃ וַיַּעַן שְׁמוּאֵל אֶת־ 19
שָׁאוּל וַיֹּאמֶר אָנֹכִי הָרֹאֶה עֲלֵה לְפָנַי הַבָּמָה וַאֲכַלְתֶּם עִמִּי
הַיּוֹם וְשִׁלַּחְתִּיךָ בַבֹּקֶר וְכֹל אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ אַגִּיד לָךְ׃
וְלָאֲתֹנוֹת הָאֹבְדוֹת לְךָ הַיּוֹם שְׁלֹשֶׁת הַיָּמִים אַל־תָּשֶׂם כ
אֶת־לִבְּךָ לָהֶם כִּי נִמְצָאוּ וּלְמִי כָּל־חֶמְדַּת יִשְׂרָאֵל הֲלוֹא

לך

7 און שאול האָט געזאָגט צו זיין יונג: אַז מיר וועלען אַהין געהן וואָס וועלען מיר ברענגען צו דעם מאַן? דען די שפּייז איז אויסגעגאַנגען פון אונזערע (כלים) געפעס, און מיר האָבען קיין געשאַנק ניט צו ברענגען צו דעם געטליכען מאַן. וואָס האָבען מיר מיט אונז?

8 און דער יונג האָט נאָך אַ מאָל געענטפערט שאול'ן און ער האָט געזאָגט: זעה דאָך, עס געפינט זיך אין מיין האַנד אַ פערטעל שקל זילבער, דאָס וועל איך געבען דעם געטליכען מאַן, דאָס ער זאָל אונז זאָגען וועגען (דעם צוועק פון) אונזער וועג.

9 (פאַרצייטען ביי ישראל; אַז איינער איז געגאַנגען גאָט צו פאָרשען, האָט ער געזאָגט: לאָמיר געהען צו דעם זעהער, דען וואָס מען רופט היינט אַ נביא, איז פאַרצייטען גערופען געוואָרען אַ זעהער.)

10 און שאול האָט געזאָגט צו זיין יונג: דיין פאָרשלאַג איז גוט, קום לאָמיר געהען, און זיי זיינען געגאַנגען צו דער שטאָדט, אין וועלכער דער געטליכער מאַן איז געוועז.

11 אַלס זיי זיינען אַרויפגעשטיגען צו דעם אַרויפגאַנג פון דער שטאָדט, האָבען זיי אָנגעטראָפען יונגע מעדכענס וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען וואַסער צו שעפּען, און זיי האָבען צו זיי געזאָגט: איז דאָ פאַרהאַנדען דער זעהער?

12 און זיי האָבען זיי געענטפערט און געזאָגט: ער איז דאָ, זעה, ער איז פאַר דיר, איֵיל אַלזאָ, דען היינט איז ער געקומען (פון זיין רייזע) נאָך דער שטאָדט, דען דאָס פאָלק האַלט היינט אַן אָפּפער מאָהלצייט אויף דער במה (אויפ'ן הויכען אָרט),

13 ווען איהר וועט אַריינקומען אין די שטאָדט וועט איהר איהם גלייך טרעפען איידער ער וועט אַרויפגעהען אויף דער במה צו עסען, דען דאָס פאָלק עסט ניט ביז ער קומט, דען ער בענשט דאָס אָפּפער מאָהלצייט. נאַכהער עסען די געלאַדענע, און אצונד געהט אַרויף, דען איהר וועט איהם געוויס טרעפען.

14 און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען אין די שטאָדט, און ווען זיי זיינען געקומען אין דער מיטע פון דער שטאָדט, ערשט שמואל קומט זיי אַנטגעגען, אום אַרויפצוגעהען צו דער במה.

15 און גאָט האָט אָפּענבאַרט דעם אויער פון (פאָראויסגעזאָגט צו) שמואל, נאָך איין טאָג איידער שאול איז געקומען, דיעזע ווערטער:

16 מאָרגען צו דיעזער צייט וועל איך צו דיר שיקען אַ מאַן פון דעם לאַנד בנימין, און דו זאָלסט איהם זאַלבען פאַר אַ פירשט איבער מיין פאָלק ישראל, און ער וועט העלפען מיין פאָלק פון דער האַנד פון די פלשתים; דען איך האָב געזעהען דעם עלענד פון מיין פאָלק; דען זיין געשריי איז צו מיר געקומען.

17 און ווען שמואל האָט געזעהען שאול, האָט גאָט איהם אָנגעשפּראָכען: זעה נאָר, היער איז דיעזער מאַן, וואָס איך האָב צו דיר געזאָגט; דיעזער זאָל געוועלטיגען איבער מיין פאָלק.

18 און שאול האָט בעגעגענט שמואל'ן אין דער מיטען פון דעם טהויער, און ער האָט געזאָגט: זאָג דאָך מיר, וואו איז דאָס הויז פון דעם זעהער?

19 און שמואל האָט געענטפערט שאול'ן און האָט געזאָגט: איך בין דער זעהער; געה אַרויף פאַר מיר צו דער במה, און איהר וועט היינט שפּייזען מיט מיר, און אין דער פריה וועל איך דיך אַוועקשיקען, און אַלעס וואָס איז אין דיין (האַרצען) וועל איך דיר זאָגען.

20 און וועגען די אייזעלינען וועלכע זיינען דיר פערלאָרען געגאַנגען, שוין היינט דריי טעג, בעקימער זיך גאָר ניט, דען זיי זיינען געפונען געוואָרען,

21 לָךְ וּלְכֹל בֵּית אָבִיךָ׃ וַיַּעַן שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הֲלוֹא בֶן
יְמִינִי אָנֹכִי מִקְּטַנֵּי שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וּמִשְׁפַּחְתִּי הַצְּעִרָה
מִכָּל־מִשְׁפְּחוֹת שִׁבְטֵי בִנְיָמִן וְלָמָּה דִּבַּרְתָּ אֵלַי כַּדָּבָר
22 הַזֶּה׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־נַעֲרוֹ וַיְבִיאֵם לִשְׁכָּתָה
וַיִּתֵּן לָהֶם מָקוֹם בְּרֹאשׁ הַקְּרוּאִים וְהֵמָּה כִּשְׁלֹשִׁים אִישׁ׃
23 וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל לַטַּבָּח תְּנָה אֶת־הַמָּנָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לָךְ
24 אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ שִׂים אֹתָהּ עִמָּךְ׃ וַיָּרֶם הַטַּבָּח אֶת־
הַשּׁוֹק וְהֶעָלֶיהָ וַיָּשֶׂם ׀ לִפְנֵי שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הִנֵּה הַנִּשְׁאָר
שִׂים־לְפָנֶיךָ אֱכֹל כִּי לַמּוֹעֵד שָׁמוּר־לְךָ לֵאמֹר הָעָם
כה קָרָאתִי וַיֹּאכַל שָׁאוּל עִם־שְׁמוּאֵל בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיֵּרְדוּ
26 מֵהַבָּמָה הָעִיר וַיְדַבֵּר עִם־שָׁאוּל עַל־הַגָּג׃ וַיַּשְׁכִּמוּ וַיְהִי
כַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר וַיִּקְרָא שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל הַגָּג לֵאמֹר
קוּמָה וַאֲשַׁלְּחֶךָּ וַיָּקָם שָׁאוּל וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם הוּא וּשְׁמוּאֵל
27 הַחוּצָה׃ הֵמָּה יוֹרְדִים בִּקְצֵה הָעִיר וּשְׁמוּאֵל אָמַר אֶל־
שָׁאוּל אֱמֹר לַנַּעַר וְיַעֲבֹר לְפָנֵינוּ וַיַּעֲבֹר וְאַתָּה עֲמֹד כַּיּוֹם
וְאַשְׁמִיעֲךָ אֶת־דְּבַר אֱלֹהִים׃

## CAP. X. י

א וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל אֶת־פַּךְ הַשֶּׁמֶן וַיִּצֹק עַל־רֹאשׁוֹ וַיִּשָּׁקֵהוּ
2 וַיֹּאמֶר הֲלוֹא כִּי־מְשָׁחֲךָ יְהוָה עַל־נַחֲלָתוֹ לְנָגִיד׃ בְּלֶכְתְּךָ
הַיּוֹם מֵעִמָּדִי וּמָצָאתָ שְׁנֵי אֲנָשִׁים עִם־קְבֻרַת רָחֵל בִּגְבוּל
בִּנְיָמִן בְּצֶלְצַח וְאָמְרוּ אֵלֶיךָ נִמְצְאוּ הָאֲתֹנוֹת אֲשֶׁר הָלַכְתָּ
לְבַקֵּשׁ וְהִנֵּה נָטַשׁ אָבִיךָ אֶת־דִּבְרֵי הָאֲתֹנוֹת וְדָאַג לָכֶם
3 לֵאמֹר מָה אֶעֱשֶׂה לִבְנִי׃ וְחָלַפְתָּ מִשָּׁם וָהָלְאָה וּבָאתָ
עַד־אֵלוֹן תָּבוֹר וּמְצָאוּךָ שָּׁם שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים עֹלִים אֶל־
הָאֱלֹהִים בֵּית־אֵל אֶחָד נֹשֵׂא ׀ שְׁלֹשָׁה גְדָיִים וְאֶחָד נֹשֵׂא
4 שְׁלֹשֶׁת כִּכְּרוֹת לֶחֶם וְאֶחָד נֹשֵׂא נֵבֶל־יָיִן׃ וְשָׁאֲלוּ לְךָ
ה לְשָׁלוֹם וְנָתְנוּ לְךָ שְׁתֵּי־לֶחֶם וְלָקַחְתָּ מִיָּדָם׃ אַחַר כֵּן

תבוא

ט מלעיל v. 24. הגגה קרי v. 26. י פתח באתנח v. 2.

און צו וועמען איז דאָס גאַנצע פּראַכט פון ישראל ? געווים צו דיר און
צו דעם גאַנצען הויזגעזינד פון דיין פאָטער.

21 און שאול האָט געענטפערט און געזאָגט : בין איך ניט פון בנימין, פון
די קלענסטע שבטים פון ישראל, און איז ניט מיין פאַמיליע די קלענסטע
פון די אַלע פאַמיליעס פון שבט בנימין ? און וואָרום דען רעדסט דו
צו מיר אַזאַ זאַך ?

22 און שמואל האָט גענומען שאול'ן און זיין יונג, און ער האָט זיי אַריינגע־
בראַכט אין צימער, און ער האָט זיי געגעבען אַ פּלאַץ אויבען אָן ביי
די געלאַדענע, וועלכע זיינען געווען אונגעפעהר דרייסיג מאַן.

23 און שמואל האָט געזאָגט צו דעם קוכער : גיעב אַהער דעם טהייל וואָס
איך האָב דיר געגעבען, און פון וועלכעס איך האָב צו דיר געזאָגט :
לעג עס אוועק ביי דיר.

24 און דער קוכער האָט אויפגעהויבען דאָס שולטער שטיק און וואָס אויף
איהם, און ער האָט עס פאָרגעלעגט פאַר שאול'ן ; און ער (שמואל) האָט
געזאָגט : זעה, דאָס איבערגעבליעבענע, לעג עס פאַר דיר און עס, דען
צו די בעשטימטע צייט איז דאָס געווען בעהאַלטען פאַר דיר ; (איך
האָב עס געזאָגט צום קוכער) ווען איך האָב דאָס פאָלק איינגעלאַדען ;
און שאול האָט געגעסען מיט שמואל'ן דעם זעלביגען טאָג.

25 און זיי זיינען אַראָבגעקומען פון דער במה אין די שטאָדט, און ער האָט
גערעדט מיט שאול'ן אויף דעם דאַך.

26 און זיי זיינען פריה אויפגעשטאַנען ; און עס איז געווען ווען דער מאָר־
גענשטערען איז אויפגעגאַנגען, האָט שמואל גערופען שאול'ן אויף דעם
דאַך, און ער האָט געזאָגט : שטעה אויף, און איך וועל דיך בעגלייטען.
און שאול איז אויפגעשטאַנען, און זיי ביידע, ער און שמואל, זיינען
אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

27 אַלס זיי זיינען אַראָבגעקומען צו דעם ברעג פון דער שטאָדט, האָט
שמואל געזאָגט צו שאול : זאָג צו דעם יונג, דאָס ער זאָל געהן פאָראויס
אונז, דו אָבער בלייב דאָ שטעהן, און איך וועל דיך מאַכען הערען די
רייד פון גאָט. און ער (דער יונג) איז אַוועק פאָראויס.

## קאַפּיטעל י

1 און שמואל האָט גענומען אַ קרוג אויל, און ער האָט געגאָסען אויף זיין
(שאול'ס) קאָפּ, און ער האָט איהם געקושט און האָט געזאָגט : זעה, גאָט
האָט דיך געזאַלבט אַלס אַ פירשט איבער זיין ערבטהייל (פאָלק).

2 ווען דו וועסט היינט פון מיר אַוועקגעהן וועסטו טרעפען צוויי מענער
ביי רחל'ס קבר, אן דער גרענעץ אין בנימין, פון צלצח. און זיי וועלען
צו דיר זאָגען : די אייזעלינען וועלכע דו ביזט געגאַנגען זוכען זיינען גע־
פונען געוואָרען ; און זעה, דיין פאָטער האָט פערלאָזען די זאַך (זאָרג)
וועגען די אייזעלינען און ער ייאָרגט וועגען אַייך, ער זאָגט, וואָס זאָל
איך טהאָן וועגען מיין זוהן ?

3 און דו וועסט פאַרבייגעהן פון דאָרט ווייטער, און דו וועסט אָנקומען צו
דעם פלוין פון תבור, און דאָרט וועלען דיך טרעפען דריי מענשען וועלכע
געהען אַרויף צו גאָט נאָך בית־אל : איינער טראָגט דריי ציקעלאַך, און
איינער טראָגט דריי לאַבענס ברויט, און איינער טראָגט אַ קרוג וויין.

4 און זיי וועלען דיך געריסען מיט שלום, און זיי וועלען דיר געבען צוויי
ברויטען, און דו זאָלסט עס נעהמען פון זיי.

5 נאַכהער וועסטו קומען צו גבעה, די שטאָדט פון גאָט, וואו די מיליטער

תָּבוֹא אֶל־גִּבְעַת הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־שָׁם נְצִבֵי פְלִשְׁתִּים
וִיהִי כְבֹאֲךָ שָׁם הָעִיר וּפָגַעְתָּ חֶבֶל נְבִאִים יֹרְדִים מֵהַבָּמָה
וְלִפְנֵיהֶם נֵבֶל וְתֹף וְחָלִיל וְכִנּוֹר וְהֵמָּה מִתְנַבְּאִים׃
6 וְצָלְחָה עָלֶיךָ רוּחַ יְהוָה וְהִתְנַבִּיתָ עִמָּם וְנֶהְפַּכְתָּ לְאִישׁ
7 אַחֵר׃ וְהָיָה כִּי תְבֹאֶינָה הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה לָךְ עֲשֵׂה לְךָ
8 אֲשֶׁר־תִּמְצָא יָדֶךָ כִּי הָאֱלֹהִים עִמָּךְ׃ וְיָרַדְתָּ לְפָנַי הַגִּלְגָּל
וְהִנֵּה אָנֹכִי יֹרֵד אֵלֶיךָ לְהַעֲלוֹת עֹלוֹת לִזְבֹּחַ זִבְחֵי שְׁלָמִים
שִׁבְעַת יָמִים תּוֹחֵל עַד־בּוֹאִי אֵלֶיךָ וְהוֹדַעְתִּי לְךָ אֵת
9 אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה׃ וְהָיָה כְּהַפְנֹתוֹ שִׁכְמוֹ לָלֶכֶת מֵעִם שְׁמוּאֵל
וַיַּהֲפָךְ־לוֹ אֱלֹהִים לֵב אַחֵר וַיָּבֹאוּ כָּל־הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה
י בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיָּבֹאוּ שָׁם הַגִּבְעָתָה וְהִנֵּה חֶבֶל־נְבִאִים
לִקְרָאתוֹ וַתִּצְלַח עָלָיו רוּחַ אֱלֹהִים וַיִּתְנַבֵּא בְּתוֹכָם׃
11 וַיְהִי כָּל־יוֹדְעוֹ מֵאִתְּמוֹל שִׁלְשֹׁם וַיִּרְאוּ וְהִנֵּה עִם־נְבִאִים
נִבָּא וַיֹּאמֶר הָעָם אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ מַה־זֶּה הָיָה לְבֶן־קִישׁ
12 הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִיאִם׃ וַיַּעַן אִישׁ מִשָּׁם וַיֹּאמֶר וּמִי אֲבִיהֶם
13 עַל־כֵּן הָיְתָה לְמָשָׁל הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִאִים׃ וַיְכַל
14 מֵהִתְנַבּוֹת וַיָּבֹא הַבָּמָה׃ וַיֹּאמֶר דּוֹד שָׁאוּל אֵלָיו וְאֶל־
נַעֲרוֹ אָן הֲלַכְתֶּם וַיֹּאמֶר לְבַקֵּשׁ אֶת־הָאֲתֹנוֹת וַנִּרְאֶה כִּי־
טו אַיִן וַנָּבוֹא אֶל־שְׁמוּאֵל׃ וַיֹּאמֶר דּוֹד שָׁאוּל הַגִּידָה־נָּא
16 לִי מָה־אָמַר לָכֶם שְׁמוּאֵל׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דּוֹדוֹ הַגֵּד
הִגִּיד לָנוּ כִּי נִמְצְאוּ הָאֲתֹנוֹת וְאֶת־דְּבַר הַמְּלוּכָה לֹא־הִגִּיד
17 לוֹ אֲשֶׁר אָמַר שְׁמוּאֵל׃ וַיַּצְעֵק שְׁמוּאֵל אֶת־הָעָם
18 אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה׃ וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כֹּה־אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָנֹכִי הֶעֱלֵיתִי אֶת־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם
וָאַצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד כָּל־הַמַּמְלָכוֹת הַלֹּחֲצִים
19 אֶתְכֶם׃ וְאַתֶּם הַיּוֹם מְאַסְתֶּם אֶת־אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־הוּא
מוֹשִׁיעַ לָכֶם מִכָּל־רָעוֹתֵיכֶם וְצָרֹתֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ לוֹ כִּי־

מלך

v. 5. במקצת ספרים לא נמצא מלת אל v. 7. יתיר ו v. 11. מבצ״ל

בעאַמטע פון די פּלשתּים שטעהען, און עס וועט זיין דאָס ווען דו ווערסט אָנקומען אין די שטאָדט וועסטו בעגעגנען אַ קאָמפּאַניע פון נביאים, וועלכע קומען אַראָב פון דער במה, און זיי האַלטען פאַר זיך פידלען, פּויקען, פלעטהען און האַרפען-און זיי זאָגען נביאות.

6 און דער גייסט פון גאָט וועט אַרויפגעהען אויף דיר, און דו וועסט נביאות זאָגען מיט זיי, און דו וועסט אַן אַנדער מענש ווערען.

7 און עס וועט געשעהען אַז דיעזע צייכענס וועלען צו דיר קומען, דאַן קענסטו טהאָן אַלעס וואָס דיין האַנד וועט געפינען, (וואָס דו פערלאַנגסט) דען גאָט איז מיט דיר.

8 און דו זאָלסט אַראָבגעהען פאַר מיר נאָך גלגל, און זעה, איך וועל צו דיר אַראָבקומען אויפברענגען גאַנץ־אָפּפער, און צו שלאַכטען פריעד־אָפּפער, זיעבען טעג זאָלסטו וואַרטען ביז איך וועל צו דיר קומען, און איך וועל דיר לאָזען וויסען וואָס דו זאָלסט טהאָן.

9 און עס איז געווען ווען ער האָט אָבגעקעהרט זיין שולטער אַוועקצוגעהן פון שמואל, אַזוי האָט גאָט צו איהם געגעבען איין אַנדערעס האַרץ; און אַלע דיעזע צייכענס זיינען אָנגעקומען אין דעם זעלביגען טאָג.

10 און אלס זיי זיינען אָנגעקומען אין גבעה, ערשט אַ קאָמפּאַניע פון נביאים זיינען צו איהם אַנטגעגען געקומען, און דער גייסט פון גאָט איז געקומען איבער איהם, און ער האָט נביאות געזאָגט צווישען זיי.

11 און עס איז געווען דאָס יעדער וועך עס האָט איהם געקענט פון פריהער, ווי זיי האָבען געזעהען דאָס ער זאָגט נביאות מיט די נביאים, האָט דאָס פאָלק געזאָגט איינער צו דעם אַנדערען: וואָס איז דען געוואָרען צו דעם זוהן פון קיש? איז דען אויך שאול צווישען די נביאים?

12 דאַרויף האָט איינער פון דאָרטען געענטפערט און געזאָגט: און ווער איז זייער פאָטער? דאַריבער איז עס געוואָרען אַ שפּריכוואָרט: איז אויך שאול צווישען די נביאים.?

13 און ווען ער האָט אויפגעהערט צו זאָגען נביאות, איז ער דאַן געקומען צו דער במה.

14 און שאול'ס אָנקעל האָט צו איהם און צו זיין יונג געזאָגט: וואו זייט איהר געגאַנגען? און ער האָט געזאָגט: צו זוכען די אייזעלינען; און ווען מיר האָבען געזעהען דאָס זיי זיינען ניט דאָ, זיינען מיר געגאַנגען צו שמואל.

15 און שאול'ס אָנקעל האָט געזאָגט: זאָג מיר דאָך, וואָס האָט שמואל צו אַייך געזאָגט?

16 און שאול האָט געזאָגט צו זיין אָנקעל: ער האָט צו אונז געזאָגט: די אייזעלינען זיינען געפונען געוואָרען, אָבער וואָס אַנבעטרעפט די רעגיערונג פון וועלכעם שמואל האָט צו איהם גערעדט, האָט ער איהם ניט געזאָגט:

17 און שמואל האָט פערזאַמעלט דאָס פאָלק צו גאָט נאָך מצפּה.

18 און ער האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: אַזוי זאָגט גאָט, דער גאָט פון ישראל: איך האָב אַרויפגעבראַכט ישראל פון מצרים, און איך האָב אַייך געראַטעט פון די האַנד פון מצרים, און פון די האַנד פון אַלע קעניגרייכען וואָס האָבען אַייך אונטערדריקט.

19 איהר אָבער האָט היינט פעראַכטעט אַייער גאָט וואָס האָט אַייך געהאָלפען פון אַייערע אַלע ליידען און נויטהען, און איהר האָט צו איהם געזאָגט:

מלך תשים עלינו ועתה התיצבו לפני יהוה לשבטיכם
כ ולאלפיכם׃ ויקרב שמואל את כל־שבטי ישראל וילכד
21 שבט בנימן׃ ויקרב את־שבט בנימן למשפחתו ותלכד
משפחת המטרי וילכד שאול בן־קיש ויבקשהו ולא
22 נמצא׃ וישאלו־עוד ביהוה הבא־עוד הלם איש *
23 ויאמר יהוה הנה־הוא נחבא אל־הכלים׃ וירצו ויקחהו
משם ויתיצב בתוך העם ויגבה מכל־העם משכמו
24 ומעלה׃ ויאמר שמואל אל־כל־העם הראיתם אשר
בחר־בו יהוה כי אין כמהו בכל־העם וירעו כל־העם
כה ויאמרו יחי המלך׃ וידבר שמואל אל־העם את
משפט המלכה ויכתב בספר וינח לפני יהוה וישלח
26 שמואל את־כל־העם איש לביתו׃ וגם־שאול הלך לביתו
27 גבעתה וילכו עמו החיל אשר־נגע אלהים בלבם׃ ובני
בליעל אמרו מה־ישענו זה ויבזהו ולא־הביאו לו מנחה
ויהי כמחריש׃

## CAP. XI. יא

יא

א ויעל נחש העמוני ויחן על־יבש גלעד ויאמרו כל־
2 אנשי יביש אל־נחש כרת־לנו ברית ונעבדך׃ ויאמר
אליהם נחש העמוני בזאת אכרות לכם בנקור לכם כל־
3 עין ימין ושמתיה חרפה על־כל־ישראל׃ ויאמרו אליו
זקני יביש הרף לנו שבעת ימים ונשלחה מלאכים בכל
גבול ישראל ואם־אין מושיע אתנו ויצאנו אליך׃
4 ויבאו המלאכים גבעת שאול וידברו הדברים באזני
ה העם וישאו כל־העם את־קולם ויבכו׃ והנה שאול בא
אחרי הבקר מן־השדה ויאמר שאול מה־לעם כי יבכו
6 ויספרו־לו את־דברי אנשי יביש׃ ותצלח רוח־אלהים
על־שאול בשמעו את־הדברים האלה ויחר אפו מאד׃

ויקח

v. 21. למשפחותיו ק׳ v. 22. פסקא באמצע פסוק v. 24. ר׳ דגושה יא׳ v. 6. כשמעו קי׳

נאָר אַ קעניג מוזטו איבער אונז זעצען, און יעצט, שטעלט אײַך פאַר גאָט נאָך אײַערע שבטים און נאָך אײַערע טויזענדער.
20 און שמואל האָט געמאַכט גענעהענען אַלע שבטים פון ישראל, און דאָס גורל איז אויסגעפאַלען אויף דעם שבט בנימין.
21 און ער האָט געמאַכט גענעהנען דעם שבט בנימין נאָך זיינע פאַמיליעס נאָך, און עס איז אויסגעפאַלען אויף די פאַמיליע מטרי; און ענדליך האָט עס געטראָפען אויף שאול דעם זוהן פון קיש, און זיי האָבען איהם געזוכט, אָבער ער איז (דאָרט) ניט געפונען געוואָרען.
22 און זיי האָבען נאָך אַ מאָל געפרעגט ביי גאָט: איז נאָך יעמאַנד געקומען היער? און גאָט האָט געזאָגט: זעה, ער בעהאַלט זיך צווישען די געפעק.
23 און זיי זיינען געלאָפען און האָבען איהם פון דאָרט גענומען, און ווען ער האָט זיך געשטעלט צווישען דעם פאָלק, איז ער העכער געוועזן פון דעם גאַנצען פאָלק, פון זייער שולטער אָן און אריבער.
24 און שמואל האָט געזאָגט צו דעם גאַנצען פאָלק: האָט איהר געזעהען דעם וועלכען גאָט האָט אויסערוועהלט? ווירקליך, קיינער אין דעם גאַנצען פאָלק איז ניט זיין גלייכען, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויפגע-הויבען אַ פריידענגעשריי, און זיי האָבען געזאָגט: דער קעניג זאָל לעבען.
25 און שמואל האָט גערעדט צו דעם פאָלק די געזעץ פון דער רעגיערונג, און ער האָט עס איינגעשריעבען אין אַ בוך, און ער האָט עס אַוועק-געלעגט פאַר גאָט; און שמואל האָט דאָס גאַנצע פאָלק אַוועקגעשיקט, יעדערן נאָך זיין הויז.
26 און אויך שאול איז געגאַנגען נאָך זיין הויז נאָך גבעה, און מיט איהם זיי-נען געגאַנגען די בראַווע לייט, וועלכע, אין זייער האַרץ האָט גערייכט דאָס וואָרט פון גאָט.
27 אָבער די ניעדערטרעכטיגע לייט האָבען געזאָגט: וואָס וועט אונז דיעזער העלפען? און זיי האָבען איהם פעראַכטעט, און זיי האָבען איהם ניט געבראַכט אַ געשענק, אָבער ער האָט זיך געמאַכט שווייגענדיג.

## קאַפיטעל יא

1 און נחש, דער עמוני, איז אַרויפגעגאַנגען און ער האָט בעלאַגערט יביש גלעד, און אַלע לייטע פון יביש האָבען געזאָגט צו נחש: שליעס מיט אונז אַ בונד, און מיר וועלען דיר דיענען.
2 און נחש דער עמוני האָט צו זיי געזאָגט: אונטער דיעזען בעדינגונג וועל איך מיט אײַך שליעסען אַ בונד; ווען מען זאָל אויסשטעכען יע-דערען פון אײַך דאָס רעכטע אויג, און איך וועל דאָס מאַכען אַ שאַנד אויף גאַנץ ישראל.
3 און די עלטסטע פון יביש האָבען געזאָגט צו איהם: לאָז אונז אָב זיעבען טעג און מיר וועלען שיקען שלוחים אין אַלע גרענעצען פון ישראל, און ווען עס וועט אונז קיינער ניט העלפען, דאַן וועלען מיר אַרויסקומען צו דיר.
4 און די שלוחים זיינען געקומען נאָך גבעת שאול, און זיי האָבען גערעדט דיעזע רייד פאַר די אויערען פון דעם פאָלק, און דאָס גאַנצע פאָלק האָ-בען אויפגעהויבען זייער שטים און זיי האָבען געוויינט.
5 און זעה, שאול איז געקומען הינטער די רינדער פון דעם פעלד, און שאול האָט געזאָגט: וואָס איז געשעהען דאָס פאָלק דאָס זיי וויינען? און מען האָט איהם דערצעהלט די רייד פון די לייטע פון יביש.
6 און גאָט'ס גייסט איז פלוצלונג ערשיענען אויף שאול'ן ווען ער האָט דערהערט דיעזע ווערטער, און עס האָט איהם זעהר געערגערט.

וַיִּקַּח צֶמֶד בָּקָר וַיְנַתְּחֵהוּ וַיְשַׁלַּח בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל 7
בְּיַד הַמַּלְאָכִים ׀ לֵאמֹר אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ יֹצֵא אַחֲרֵי שָׁאוּל
וְאַחַר שְׁמוּאֵל כֹּה יֵעָשֶׂה לִבְקָרוֹ וַיִּפֹּל פַּחַד־יְהוָה עַל־
הָעָם וַיֵּצְאוּ כְּאִישׁ אֶחָד׃ וַיִּפְקְדֵם בְּבָזֶק וַיִּהְיוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל 8
שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אֶלֶף וְאִישׁ יְהוּדָה שְׁלֹשִׁים אָלֶף׃ וַיֹּאמְרוּ 9
לַמַּלְאָכִים הַבָּאִים כֹּה תֹאמְרוּן לְאִישׁ יָבֵישׁ גִּלְעָד מָחָר
תִּהְיֶה־לָכֶם תְּשׁוּעָה בְּחֹם הַשָּׁמֶשׁ וַיָּבֹאוּ הַמַּלְאָכִים וַיַּגִּידוּ
לְאַנְשֵׁי יָבֵישׁ וַיִּשְׂמָחוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי יָבֵישׁ מָחָר נֵצֵא י
אֲלֵיכֶם וַעֲשִׂיתֶם לָּנוּ כְּכָל־הַטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת 11
וַיָּשֶׂם שָׁאוּל אֶת־הָעָם שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים וַיָּבֹאוּ בְתוֹךְ־
הַמַּחֲנֶה בְּאַשְׁמֹרֶת הַבֹּקֶר וַיַּכּוּ אֶת־עַמּוֹן עַד־חֹם הַיּוֹם וַיְהִי
הַנִּשְׁאָרִים וַיָּפֻצוּ וְלֹא נִשְׁאֲרוּ־בָם שְׁנַיִם יָחַד׃ וַיֹּאמֶר הָעָם 12
אֶל־שְׁמוּאֵל מִי הָאֹמֵר שָׁאוּל יִמְלֹךְ עָלֵינוּ תְּנוּ הָאֲנָשִׁים
וּנְמִיתֵם׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לֹא־יוּמַת אִישׁ בַּיּוֹם הַזֶּה כִּי הַיּוֹם 13
עָשָׂה־יְהוָה תְּשׁוּעָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־ 14
הָעָם לְכוּ וְנֵלְכָה הַגִּלְגָּל וּנְחַדֵּשׁ שָׁם הַמְּלוּכָה׃ וַיֵּלְכוּ כָל־ טו
הָעָם הַגִּלְגָּל וַיַּמְלִכוּ שָׁם אֶת־שָׁאוּל לִפְנֵי יְהוָה בַּגִּלְגָּל
וַיִּזְבְּחוּ־שָׁם זְבָחִים שְׁלָמִים לִפְנֵי יְהוָה וַיִּשְׂמַח שָׁם שָׁאוּל
וְכָל־אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל עַד־מְאֹד׃

## יב CAP. XII. יב

וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל הִנֵּה שָׁמַעְתִּי בְקֹלְכֶם לְכֹל א
אֲשֶׁר־אֲמַרְתֶּם לִי וָאַמְלִיךְ עֲלֵיכֶם מֶלֶךְ׃ וְעַתָּה הִנֵּה 2
הַמֶּלֶךְ ׀ מִתְהַלֵּךְ לִפְנֵיכֶם וַאֲנִי זָקַנְתִּי וָשַׂבְתִּי וּבָנַי הִנָּם
אִתְּכֶם וַאֲנִי הִתְהַלַּכְתִּי לִפְנֵיכֶם מִנְּעֻרַי עַד־הַיּוֹם הַזֶּה׃
הִנְנִי עֲנוּ בִי נֶגֶד יְהוָה וְנֶגֶד מְשִׁיחוֹ אֶת־שׁוֹר ׀ מִי לָקַחְתִּי 3
וַחֲמוֹר מִי לָקַחְתִּי וְאֶת־מִי עָשַׁקְתִּי אֶת־מִי רַצּוֹתִי וּמִיַּד־
מִי לָקַחְתִּי כֹפֶר וְאַעְלִים עֵינַי בּוֹ וְאָשִׁיב לָכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ 4

לא

יא v. 7. כ״א ואחרי   v. 9. כחם ק׳   v. 14. הפטרת קרח

7 און ער האָט גענומען איין פּאָאר רינדער, און ער האָט זיי צושניטען,
און ער האָט זיי אַהינגעשיקט דורך די שלוחים אין אַלע גרענעצען פון
ישראל, און ער האָט געלאָזט זאָגען: דער וואָס געהט ניט אַרויס נאָך
שאול און נאָך שמואל (צום שטרייט), זאָל אַזוי געטהאָן ווערען צו זיינע
רינדער. און די פורכט פון גאָט איז געפאַלען איבער דעם פאָלק, און
זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען ווי איין מאַן.
8 און ער האָט זיי געצעהלט אין בזק, און די קינדער פון ישראל זיינען
געווען דריי הונדערט טויזענד, און די מענער פון יהודה דרייסיג
טויזענד.
9 און זיי האָבען געזאָגט צו די שלוחים וואָס זיינען געקומען: אַזוי זאָלט
איהר זאָגען צו די איינוואָהנער פון יביש גלעד: מאָרגען ווען די זונן
איז הייס, (אין מיטען טאָג) וועט צו אייך זיין אַ הילף. און די שלוחים זיי־
נען געקומען און האָבען עס אָנגעזאָגט צו די מענער פון יביש, און דיעזע
האָבען זיך געפרעהט.
10 און די מענער פון יבש האָבען געזאָגט (צו נחש:) מאָרגען וועלען מיר
צו אייך אַרויסגעהען, און איהר זאָלט צו אונז טהאָן אַלעס וואָס עס
איז אייך געפעהלען.
11 און עס איז געווען אם מאָרגען האָט שאול צוטהיילט דאָס פאָלק אין דריי
אבטהיילונגען, און זיי זיינען געקומען אין דעם מיטען פון דעם לאַגער
(פון נחש) אין דער מאָרגען־וואַכע, און זיי האָבען געשלאָגען עמון ביז
אין מיטען טאָג (דער טאָג איז הייס געוואָרען); און די איבערגעבליע־
בענע זיינען צושפּרייט געוואָרען. און עס זיינען ניט איבערגעבליעבען
פון זיי צוויי צוזאַמען.
12 און דאָס פאָלק האָט געזאָגט צו שמואל: ווער איז דער יעניגער וואָס
האָט געזאָגט: זאָל שאול איבער אונז רעגיערען? ברענגט אַהער יענע
מענער און מיר וועלען זיי טוידטען.
13 אָבער שאול האָט געזאָגט: עס זאָל קיינער ניט געטוידט ווערען דעם
היינטיגען טאָג, דען היינט האָט גאָט געטהאָן אַ הילף אין ישראל.
14 און שמואל האָט געזאָגט צו דעם פאָלק: קומט, און מיר וועלען געהן נאָך
גלגל און מיר וועלען דאָרט בענייען דעם וואַהל פון די קעניגרייך.
15 און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַהינגעגאַנגען נאָך גלגל, און זיי האָבען דאָרט
געמאַכט שאול צום קעניג, פאַר גאָט אין גלגל, און זיי האָבען דאָרט גע־
שלאַכט שלאַכט־אָפּפער און פריעד־אָפּפער פאַר גאָט. און שאול און אַלע
לייטע פון ישראל האָבען זיך דאָרטען זעהר געפרעהט.

## קאַפּיטעל יב

1 און שמואל האָט געזאָגט צו גאַנץ ישראל: זעהט, איך האָב געהערט צו
אייער שטים, אין אַלעס וואָס איהר האָט צו מיר געזאָגט, און איך האָב
געקרוינט אַ קעניג איבער אייך.
2 און יעצט זעהט, דער קעניג געהט פאַר אייך, (איז אייער פיהרער), און
איך בין אַלט און גרוי געוואָרען און מיינע זיהן זיינען מיט אייך און
איך בין געווען אייער פיהרער פון מיין יוגענד אָן ביז צו דעם היינ־
טיגען טאָג.
3 זעהט, היער בין איך, צייגט געגען מיר, אין די געגענוואַרט פון גאָט און
אין געגענוואַרט פון זיין געזאַלבטען, וועמעס אָקס האָב איך ווען גע־
נומען? אָדער וועמעס אייזעל האָב איך גענומען? און וועמען האָב
איך בערויבט? און וועמען האָב איך אונטערדריקט? אָדער פון ווע־
מענס האַנד האָב איך גענומען אויסקויף־געלד, און איך האָב פאַרהוילען
מיין אויג (זיך געמאַכט ניט וויסענדיג)? — אויב אַזוי וועל איך עס
אייך צוריקגעבען.

לֹא עֲשַׁקְתָּנוּ וְלֹא רַצּוֹתָנוּ וְלֹא־לָקַחְתָּ מִיַּד־אִישׁ מְאוּמָה׃
ה וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם עֵד יְהוָה בָּכֶם וְעֵד מְשִׁיחוֹ הַיּוֹם הַזֶּה
6 כִּי לֹא מְצָאתֶם בְּיָדִי מְאוּמָה וַיֹּאמֶר עֵד׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל
אֶל־הָעָם יְהוָה אֲשֶׁר עָשָׂה אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן וַאֲשֶׁר
7 הֶעֱלָה אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְעַתָּה הִתְיַצְּבוּ
וְאִשָּׁפְטָה אִתְּכֶם לִפְנֵי יְהוָה אֵת כָּל־צִדְקוֹת יְהוָה אֲשֶׁר־
8 עָשָׂה אִתְּכֶם וְאֶת־אֲבֹתֵיכֶם׃ כַּאֲשֶׁר־בָּא יַעֲקֹב מִצְרָיִם
וַיִּזְעֲקוּ אֲבֹתֵיכֶם אֶל־יְהוָה וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־
אַהֲרֹן וַיּוֹצִיאוּ אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מִמִּצְרַיִם וַיֹּשִׁבוּם בַּמָּקוֹם
9 הַזֶּה׃ וַיִּשְׁכְּחוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיִּמְכֹּר אֹתָם בְּיַד
סִיסְרָא שַׂר־צְבָא חָצוֹר וּבְיַד־פְּלִשְׁתִּים וּבְיַד מֶלֶךְ מוֹאָב
י וַיִּלָּחֲמוּ בָּם׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהוָה וַיֹּאמֶר חָטָאנוּ כִּי עָזַבְנוּ
אֶת־יְהוָה וַנַּעֲבֹד אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־הָעַשְׁתָּרוֹת וְעַתָּה
11 הַצִּילֵנוּ מִיַּד אֹיְבֵינוּ וְנַעַבְדֶךָּ׃ וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־יְרֻבַּעַל
וְאֶת־בְּדָן וְאֶת־יִפְתָּח וְאֶת־שְׁמוּאֵל וַיַּצֵּל אֶתְכֶם מִיַּד
12 אֹיְבֵיכֶם מִסָּבִיב וַתֵּשְׁבוּ בֶּטַח׃ וַתִּרְאוּ כִּי נָחָשׁ מֶלֶךְ בְּנֵי־
עַמּוֹן בָּא עֲלֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ לִי לֹא כִּי־מֶלֶךְ יִמְלֹךְ עָלֵינוּ
13 וַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם מַלְכְּכֶם׃ וְעַתָּה הִנֵּה הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר
בְּחַרְתֶּם אֲשֶׁר שְׁאֶלְתֶּם וְהִנֵּה נָתַן יְהוָה עֲלֵיכֶם מֶלֶךְ׃
14 אִם־תִּירְאוּ אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֹתוֹ וּשְׁמַעְתֶּם בְּקוֹלוֹ וְלֹא
תַמְרוּ אֶת־פִּי יְהוָה וִהְיִתֶם גַּם־אַתֶּם וְגַם־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־
טו מָלַךְ עֲלֵיכֶם אַחַר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְאִם־לֹא תִשְׁמְעוּ בְּקוֹל
יְהוָה וּמְרִיתֶם אֶת־פִּי יְהוָה וְהָיְתָה יַד־יְהוָה בָּכֶם
16 וּבַאֲבֹתֵיכֶם׃ גַּם־עַתָּה הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת־הַדָּבָר הַגָּדוֹל
17 הַזֶּה אֲשֶׁר יְהוָה עֹשֶׂה לְעֵינֵיכֶם׃ הֲלוֹא קְצִיר־חִטִּים
הַיּוֹם אֶקְרָא אֶל־יְהוָה וְיִתֵּן קֹלוֹת וּמָטָר וּדְעוּ וּרְאוּ כִּי־
רָעַתְכֶם רַבָּה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם בְּעֵינֵי יְהוָה לִשְׁאוֹל לָכֶם
מלך

v. 5. ויאמרו סביר v. 10. ויאמרו ק׳

4 און זיי האָבען געזאָגט: דו האָסט אונז ניט בערויבט, און דו האָסט אונז ניט אונטערדריקט, און דו האָסט ניט גענומען פון קיינעמ'ס האַנד דאָס מינדעסטע.

5 און ער האָט צו זיי געזאָגט: גאָט איז געגען אייך אַן עדות, און זיין געזאַלבטער איז דעם היינטיגען טאָג אַן עדות, דאָס איהר האָט ניט געפונען אין מיין האַנד דאָס מינדעסטע, און דאָס פאָלק האָט געזאָגט: ער איז אַן עדות.

6 און שמואל האָט געזאָגט צו דעם פאָלק: (אַן עדות איז) גאָט וועלכער האָט בעשאַפען משה און אהרן, און וועלכער האָט אַרויסגעבראַכט אייערע עלטערען פון דעם לאַנד מצרים.

7 און יעצט שטעלט אייך, און איך וועל זיך דורכרעדען מיט אייך פאַר גאָט, וועגען די אַלע גערעכטיגקייט פון גאָט וואָס ער האָט געטהאָן צו אייך און צו אייערע עלטערן.

8 ווען יעקב איז געקומען נאָך מצרים, האָבען אייערע עלטערן געשריען צו גאָט, דא האָט גאָט געשיקט משה און אהרן און זיי האָבען אייערע עלטערן אַרויסגעבראַכט פון מצרים, און זיי האָבען זיי בעזעצט אין דיעזען אָרט.

9 אָבער זיי האָבען פערגעסען דעם הערר זייער גאָט, דארום האָט ער זיי איבערגעגעבען אין די האַנד פון סיסרא, דעם הערשאַרען פיהרער פון חצור, און אין די האַנד פון די פלשתים, און אין די האַנד פון דעם קעניג פון מואב, און זיי האָבען מיט זיי געשטריטען.

10 און זיי האָבען געשריען צו גאָט און האָבען געזאָגט: מיר האָבען געזינדיגט, דען מיר האָבען פערלאָזען גאָט, און מיר האָבען געדיענט די בעלים און די עשתרות, און יעצט רעט אונז פון די האַנד פון אונזערע פיינד, און מיר וועלען נור דיר דיענען.

11 דאן האָט גאָט געשיקט ירבעל און דעם ריכטער פון דן און יפתח און שמואל, און ער (גאָט) האָט אייך גערעטעט פון די האַנד פון אייערע פיינד רינגס ארום, און איהר זייט געזעסען אין זיכערהייט.

12 אָבער ווען איהר האָט געזעהן דאָס נחש דער קעניג פון די קינדער פון עמון איז קעגען אייך געקומען, דאָ האָט איהר צו מיר געזאָגט: ניין, נור אַ קעניג מוז איבער אונז רעגיערען, ווען גאָט אייער גאָט איז אייער קעניג.

13 און יעצט, היער איז דער קעניג וועלכען איהר האָט אויסערוועהלט, און וועלכען איהר האָט פערלאַנגט, און זעהט גאָט האָט איבער אייך געגעבען אַ קעניג.

14 אויב איהר וועט פירכטען גאָט, און איהר וועט איהם דיענען, און געהאָרכען צו זיין שטים, און איהר וועט ניט איבערטרעטען דעם בעפעהל פון גאָט; דאן וועט איהר, און אויך אייער קעניג וועלכער רעגיערט איבער אייך, שטענדיג געהן אין גאָטס וועגען.

15 ווען איהר וועט אָבער ניט געהאָרכען צו דעם שטים פון גאָט, און איהר וועט איבערטרעטען דעם בעפעהל פון גאָט, אַזוי וועט די האַנד פון גאָט זיין קעגען אייך און אייערע פאָרשטעהער.

16 אויך יעצט שטעלט אייך און זעהט די גרויסע זאַך, וואָס גאָט וועט טהאָן פאַר אייערע אויגען,

17 איז ניט היינט ווייצענשניט? איך וועל צו גאָט רופען, און ער וועט געבען דונערן און רעגען, און (דאדורך) זאָלט איהר דערקענען און זעהן דאָס אייער אונרעכט איז גרויס אין די אויגען פון גאָט, וואָס איהר האָט געטהאָן, דאָס איהר האָט פאַר אייך פערלאַנגט אַ קעניג.

18 מֶלֶךְ׃ וַיִּקְרָא שְׁמוּאֵל אֶל־יְהוָה וַיִּתֵּן יְהוָה קֹלֹת וּמָטָר
בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּירָא כָל־הָעָם מְאֹד אֶת־יְהוָה וְאֶת־שְׁמוּאֵל׃
19 וַיֹּאמְרוּ כָל־הָעָם אֶל־שְׁמוּאֵל הִתְפַּלֵּל בְּעַד־עֲבָדֶיךָ אֶל־
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאַל־נָמוּת כִּי־יָסַפְנוּ עַל־כָּל־חַטֹּאתֵינוּ רָעָה
כ לִשְׁאֹל לָנוּ מֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־הָעָם אַל־תִּירָאוּ
אַתֶּם עֲשִׂיתֶם אֵת כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת אַךְ אַל־תָּסוּרוּ מֵאַחֲרֵי
21 יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֶת־יְהוָה בְּכָל־לְבַבְכֶם׃ וְלֹא תָּסוּרוּ כִּי ׀
אַחֲרֵי הַתֹּהוּ אֲשֶׁר לֹא־יוֹעִילוּ וְלֹא יַצִּילוּ כִּי־תֹהוּ הֵמָּה׃
22 כִּי לֹא־יִטֹּשׁ יְהוָה אֶת־עַמּוֹ בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל כִּי הוֹאִיל
23 יְהוָה לַעֲשׂוֹת אֶתְכֶם לוֹ לְעָם׃ גַּם אָנֹכִי חָלִילָה לִּי מֵחֲטֹא
לַיהוָה מֵחֲדֹל לְהִתְפַּלֵּל בַּעַדְכֶם וְהוֹרֵיתִי אֶתְכֶם בְּדֶרֶךְ
24 הַטּוֹבָה וְהַיְשָׁרָה׃ אַךְ ׀ יְראוּ אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֹתוֹ בֶּאֱמֶת
כה בְּכָל־לְבַבְכֶם כִּי רְאוּ אֵת אֲשֶׁר־הִגְדִּל עִמָּכֶם׃ וְאִם־הָרֵעַ
תָּרֵעוּ גַּם־אַתֶּם גַּם־מַלְכְּכֶם תִּסָּפוּ׃

## Cap. XIII. יג

יג

א בֶּן־שָׁנָה שָׁאוּל בְּמָלְכוֹ וּשְׁתֵּי שָׁנִים מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃
2 וַיִּבְחַר־לוֹ שָׁאוּל שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים מִיִּשְׂרָאֵל וַיִּהְיוּ עִם־
שָׁאוּל אַלְפַּיִם בְּמִכְמָשׂ וּבְהַר בֵּית־אֵל וְאֶלֶף הָיוּ עִם־
יוֹנָתָן בְּגִבְעַת בִּנְיָמִין וְיֶתֶר הָעָם שִׁלַּח אִישׁ לְאֹהָלָיו׃
3 וַיַּךְ יוֹנָתָן אֵת נְצִיב פְּלִשְׁתִּים אֲשֶׁר בְּגֶבַע וַיִּשְׁמְעוּ פְּלִשְׁתִּים
וְשָׁאוּל תָּקַע בַּשּׁוֹפָר בְּכָל־הָאָרֶץ לֵאמֹר יִשְׁמְעוּ הָעִבְרִים׃
4 וְכָל־יִשְׂרָאֵל שָׁמְעוּ לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל אֶת־נְצִיב פְּלִשְׁתִּים
וְגַם־נִבְאַשׁ יִשְׂרָאֵל בַּפְּלִשְׁתִּים וַיִּצָּעֲקוּ הָעָם אַחֲרֵי שָׁאוּל
ה הַגִּלְגָּל׃ וּפְלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ ׀ לְהִלָּחֵם עִם־יִשְׂרָאֵל שְׁלֹשִׁים
אֶלֶף רֶכֶב וְשֵׁשֶׁת אֲלָפִים פָּרָשִׁים וְעָם כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל־
שְׂפַת־הַיָּם לָרֹב וַיַּעֲלוּ וַיַּחֲנוּ בְמִכְמָשׂ קִדְמַת בֵּית אָוֶן׃
6 וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל רָאוּ כִּי צַר־לוֹ כִּי נִגַּשׂ הָעָם וַיִּתְחַבְּאוּ

הָעָם

---

י״ב v. 21 ע׳כ. v. 24 א׳ טה. י״ג v. 2. בס״ן

18 און שמואל האָט גערופען צו גאָט, און גאָט האָט געגעבען דונערן און
אַ רעגענשטורם אין דעמזעלביגען טאָג, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זעהר
געפירכטעט פאר גאָט און פאר שמואל.
19 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט צו שמואל: בעט פאר דיינע קנעכט
צו גאָט דיין גאָט, דאָס מיר זאָלען ניט שטאַרבען; דען מיר האָבען
פערמעהרט אויף אַלע אונזערע זינד נאָך איין אומרעכט; צו פערלאַנגען
פאר אונז אַ קעניג.
20 און שמואל האָט געזאָגט צו דעם פאָלק: פירכטעט ניט, צוואר האָט
איהר ביז יעצט געטהאָן דיעזע אַלע אומרעכט, אָבער קעהרט שוין ניט
ווייטער אָפּ פון גאָט, און דיענט גאָט מיט אייער גאַנצען הארצען.
21 און איהר זאָלט ניט אָפּקעהרען; דען דאַן וועט איהר געהן נאָך וויסטע
(פוסטע) זאכען וועלכע זיי נוצען ניט און זיי רעטען ניט, ווייל זיי זיינען
וויסטע זאכען.
22 אָבער גאָט, ער וועט ניט פערלאָזען זיין פאָלק, פון וועגען זיין גרויסען
נאָמענס וועגען, ווייל גאָט האָט אייך געוואָלט מאַכען צו זיך פאר אַ
פאָלק.
23 אויך איך, פערמידען זאָל דאָס זיין פון מיר, אַז איך זאָל זינדיגען
קעגען גאָט, און זאָל אויפהערען צו בעטען פאר אייך; און אויך וועל
איך אייך לעהרנען צו געהען אין די גוטע און ריכטיגע וועג.
24 נור פירכט אייך פאר גאָט, און דיענט איהם מיט וואהרהייט און מיט
אייער גאַנצען האַרץ, דען זעהט, וואָס פיר גרויס גוטס ער האָט מיט
אייך געטהאָן.
25 אָבער אויב איהר וועט שלעכטס טהאָן, דאַן וועט איהר און אייער קעניג
פערניכטעט ווערען.

## קאַפּיטעל יג

1 איין יאָהר האָט געדויערט ביז שאול האָט זיך בעפעסטיגט אין די רעגיע־
רונג, און ווען ער האָט רעגיערט איבער ישראל צוויי יאָהר.
2 דאַן האָט שאול אויסערוועהלט פאר זיך דריי טויזענד מאַן פון ישראל;
און פון דיעזע זיינען צוויי טויזענד געוועזען מיט שאול אין מכמש און אויף
דעם בארג פון בית אל, און טויזענד זיינען געוועזען מיט יונתן אין גבעה
פון בנימין; און דאָס איבריגע פון דעם פאָלק האָט ער געשיקט יעדערן
נאָך זיינע געצעלטען.
3 און יונתן האָט געשלאָגען די וואך פון די פלשתים וואָס איז געוועזען אין
גבעה, און די פלשתים האָבען עס געהערט, און שאול האָט געלאָזט בלאָ־
זען אַ שופר דורך דאָס גאַנצע לאַנד, און האָט אָנגעזאָגט: די עברים
זאָלען עס הערען, (דאָס עס איז מלחמה).
4 און גאַנץ ישראל האָט געהערט זאָגען דאָס שאול האָט געשלאָגען די וואך
פון די פלשתים, און אויך דאָס ישראל איז פערהאַסט געוואָרען ביי די
פלשתים; און דאָס פאָלק האָט זיך פערזאַמעלט צו שאול'ן נאָך גלגל.
5 און די פלשתים האָבען זיך פערזאַמעלט צו שטרייטען מיט ישראל;
דרייסיג טויזענד רייטוועגען, און זעקס טויזענד רייטער, און פאָלק אַזוי
פיעל ווי זאַמד ביים ברעג פון ים, און זיי זיינען ארויפגעגאַנגען און
האָבען געלאַגערט אין מכמש, אַן דער מזרח־זייט פון בית און.
6 און די מענער פון ישראל האָבען געזעהען דאָס זיי זיינען אין נויטה, דען
דאָס פאָלק איז געוועזען געדריקט; און דאָס פאָלק האָט זיך בעהאַלטען

הָעָם בַּמְּעָרוֹת וּבַחֲוָחִים וּבַסְּלָעִים וּבַצְּרִחִים וּבַבֹּרוֹת׃
7 וְעִבְרִים עָבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן אֶרֶץ גָּד וְגִלְעָד וְשָׁאוּל עוֹדֶנּוּ
8 בַגִּלְגָּל וְכָל־הָעָם חָרְדוּ אַחֲרָיו׃ וַיִּיחֶל ׀ שִׁבְעַת יָמִים
לַמּוֹעֵד אֲשֶׁר שְׁמוּאֵל וְלֹא־בָא שְׁמוּאֵל הַגִּלְגָּל וַיָּפֶץ הָעָם
9 מֵעָלָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל הַגִּשׁוּ אֵלַי הָעֹלָה וְהַשְּׁלָמִים וַיַּעַל
י הָעֹלָה׃ וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ לְהַעֲלוֹת הָעֹלָה וְהִנֵּה שְׁמוּאֵל בָּא
11 וַיֵּצֵא שָׁאוּל לִקְרָאתוֹ לְבָרְכוֹ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל מֶה עָשִׂיתָ
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כִּי־רָאִיתִי כִּי־נָפַץ הָעָם מֵעָלַי וְאַתָּה לֹא־
12 בָאתָ לְמוֹעֵד הַיָּמִים וּפְלִשְׁתִּים נֶאֱסָפִים מִכְמָשׂ׃ וָאֹמַר
עַתָּה יֵרְדוּ פְלִשְׁתִּים אֵלַי הַגִּלְגָּל וּפְנֵי יְהוָה לֹא חִלִּיתִי
13 וָאֶתְאַפַּק וָאַעֲלֶה הָעֹלָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל
נִסְכָּלְתָּ לֹא שָׁמַרְתָּ אֶת־מִצְוַת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר צִוָּךְ
כִּי עַתָּה הֵכִין יְהוָה אֶת־מַמְלַכְתְּךָ אֶל־יִשְׂרָאֵל עַד־עוֹלָם׃
14 וְעַתָּה מַמְלַכְתְּךָ לֹא־תָקוּם בִּקֵּשׁ יְהוָה לוֹ אִישׁ כִּלְבָבוֹ
וַיְצַוֵּהוּ יְהוָה לְנָגִיד עַל־עַמּוֹ כִּי לֹא שָׁמַרְתָּ אֵת אֲשֶׁר־
טו צִוְּךָ יְהוָה׃ וַיָּקָם שְׁמוּאֵל וַיַּעַל מִן־הַגִּלְגָּל גִּבְעַת
בִּנְיָמִן וַיִּפְקֹד שָׁאוּל אֶת־הָעָם הַנִּמְצְאִים עִמּוֹ כְּשֵׁשׁ מֵאוֹת
16 אִישׁ׃ וְשָׁאוּל וְיוֹנָתָן בְּנוֹ וְהָעָם הַנִּמְצָא עִמָּם יֹשְׁבִים
17 בְּגֶבַע בִּנְיָמִן וּפְלִשְׁתִּים חָנוּ בְמִכְמָשׂ׃ וַיֵּצֵא הַמַּשְׁחִית
מִמַּחֲנֵה פְלִשְׁתִּים שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים הָרֹאשׁ אֶחָד יִפְנֶה אֶל־
18 דֶּרֶךְ עָפְרָה אֶל־אֶרֶץ שׁוּעָל׃ וְהָרֹאשׁ אֶחָד יִפְנֶה דֶּרֶךְ
בֵּית חֹרוֹן וְהָרֹאשׁ אֶחָד יִפְנֶה דֶּרֶךְ הַגְּבוּל הַנִּשְׁקָף עַל־
19 גֵּי הַצְּבֹעִים הַמִּדְבָּרָה׃ וְחָרָשׁ לֹא יִמָּצֵא בְּכֹל
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כִּי־אָמַר פְּלִשְׁתִּים פֶּן יַעֲשׂוּ הָעִבְרִים חֶרֶב
כ אוֹ חֲנִית׃ וַיֵּרְדוּ כָל־יִשְׂרָאֵל הַפְּלִשְׁתִּים לִלְטוֹשׁ אִישׁ אֶת־
21 מַחֲרַשְׁתּוֹ וְאֶת־אֵתוֹ וְאֶת־קַרְדֻּמּוֹ וְאֵת מַחֲרֵשָׁתוֹ׃ וְהָיְתָה
הַפְּצִירָה פִים לַמַּחֲרֵשֹׁת וְלָאֵתִים וְלִשְׁלֹשׁ קִלְּשׁוֹן

ולהקרדמים

v. 8. ויוחל ק   v. 11. כ׳ דגושה אחרי ׳   v. 19. אמרו ק

אין היילען, און אין די דערנער, צווישען די פֿעלזען, און אין די טהורעמס
און אין גריבער.
7 און אנדערע עברים זיינען אריבערגעגאנגען דעם ירדן צו דעם לאנד פֿון גד
און גלעד. אָבער שאול איז נאָך געווען אין גלגל, און דאָס גאנצע פֿאָלק
האָבען געאיילט נאָך איהם.
8 און ער האָט געווארט זיעבען טעג אַזוי ווי שמואל האָט איהם בעשטימט ;
אָבער שמואל איז ניט געקומען נאָך גלגל, און דאָס פֿאָלק איז זיך פֿער־
נאַנדער געגאנגען פֿון איהם.
9 און שאול האָט געזאָגט : ברענגט צו מיר אַהער דאָס גאנץ־אָפּפער און די
פֿריעד־אָפּפער ; און ער האָט אויפגעבראַכט דאָס גאַנץ־אָפּפער.
10 און עס איז געשעהן ווי ער האָט געענדיגט אויפצוברענגען דאָס גאנץ־
אָפּפער, איז שמואל אָנגעקומען, און שאול איז ארויסגעגאנגען ענטקעגען
איהם, איהם צו בעגריסען.
11 און שמואל האָט געזאָגט : וואָס האָסטו געטהאָן ? און שאול האָט
געזאָגט : ווייל איך האָב געזעהען אַז דאָס פֿאָלק האָט זיך צושפּרייט
פֿון מיר, און דו ביזט ניט געקומען צו די בעשטימטע צייט, און די
פֿלשתים האָבען זיך פֿערזאַמעלט אין מכמש,
12 האָב איך געדאַכט : יעצט וועלען די פֿלשתים אראָפּנידערן צו מיר
נאָך גלגל, און איך האָב ניט געבעטען גאָטס אנגעזיכט, דארום האָב
איך זיך געשטאַרקט און האָב אויפגעבראכט דעם גאַנץ־אָפּפער.
13 און שמואל האָט געזאָגט צו שאול : דו האָסט נאַריש געהאַנדעלט ! דו
האָסט ניט געהיט דאָס געבאָט פֿון גאָט, דיין גאָט, וואָס ער האָט דיר
געבאָטען ; דען יעצט וואָלט גאָט בעפעסטיגט דיין רעגיערונג אויף
ישראל אויף אייביג.
14 אָבער נון וועט זיך דיין רעגיערונג ניט האַלטען. גאָט האָט זיך אויס־
געזוכט אַ מאַן נאָך זיין הארץ, און גאָט האָט איהם בעשטימט צו זיין אַ
פֿירשט איבער זיין פֿאָלק, ווייל דו האָסט ניט געהיט דאָס וואָס גאָט האָט
דיר געבאָטען.
15 און שמואל איז אויפגעשטאַנען און ער איז ארויפגעגאנגען פֿון גלגל נאָך
גבעה פֿון בנימין, און שאול האָט געצעהלט דאָס פֿאָלק, וועלכע האָבען
זיך געפֿונען מיט איהם, ארום זעקס הונדערט מאַן.
16 און שאול און זיין זוהן יונתן און דאָס פֿאָלק וועלכע האָבען זיך געפֿונען
מיט זיי, זיינען געזעסען אין גבע פֿון בנימין און די פֿלשתים האָבען
געלאַגערט אין מכמש.
17 און די פֿערדארבער זיינען ארויסגעגאנגען פֿון דעם לאַגער פֿון פֿלשתים
אין דריי אבטהיילונגען ; איין אבטהיילונג האָט זיך געקעהרט אויף דעם
וועג פֿון עפרה, צו דעם לאנד פֿון שועל.
18 און איין אבטהיילונג האָט זיך געקעהרט אויף דעם וועג פֿון בית חרון,
און איין אבטהיילונג האָט זיך געקעהרט צו דעם וועג פֿון גרענעץ, פֿון
וואנען מען קען זעהן דעם טהאל צבעים, צו דער מדבר צו.
19 און קיין שמיעד האָט זיך ניט געפֿונען אין דעם גאנצען לאנד פֿון ישראל ,
דען די פֿלשתים האָבען געדאַכט : פֿיעלייכט וועלען די אידען מאַכען
אַ שווערד אָדער אַ שפּיז.
20 דאהער האָבען געמוזט גאַנץ ישראל אראָפּנידערן צו די פֿלשתים, ווען
איינער האָט געדארפֿט שאַרפֿען זיין אקער־אייזען און זיין גראב־אייזען
און זיין האַק, און אלע אקערגעצייג.
21 און זיי האָבען זיך בענוצט מיט פֿיילען, פֿאַר די אקער־אייזענס און גראב־
אייזענס און פֿאַר די דרייציייהנערדיגע הייגאַפּלען און פֿאַר די העק (צו
שאַרפֿען), און אָנצושטעלען דעם געוואָהנאַייזען, (דעם אָקסען־שטעקען).

וּלְהַקַּרְדֻּמִּים וּלְהַצִּיב הַדָּרְבָן׃ וְהָיָה בְּיוֹם מִלְחֶמֶת וְלֹא 22
נִמְצָא חֶרֶב וַחֲנִית בְּיַד כָּל־הָעָם אֲשֶׁר אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־
יוֹנָתָן וַתִּמָּצֵא לְשָׁאוּל וּלְיוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֵּצֵא מַצַּב פְּלִשְׁתִּים 23
אֶל־מַעֲבַר מִכְמָשׂ׃

## Cap. XIV. יד

יד

וַיְהִי הַיּוֹם וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל אֶל־הַנַּעַר נֹשֵׂא כֵלָיו א
לְכָה וְנַעְבְּרָה אֶל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים אֲשֶׁר מֵעֵבֶר הַלָּז וּלְאָבִיו
לֹא הִגִּיד׃ וְשָׁאוּל יוֹשֵׁב בִּקְצֵה הַגִּבְעָה תַּחַת הָרִמּוֹן 2
אֲשֶׁר בְּמִגְרוֹן וְהָעָם אֲשֶׁר עִמּוֹ כְּשֵׁשׁ מֵאוֹת אִישׁ׃ וַאֲחִיָּה 3
בֶן־אֲחִטוּב אֲחִי אִי־כָבוֹד ׀ בֶּן־פִּינְחָס בֶּן־עֵלִי כֹּהֵן יְהוָה
בְּשִׁלֹה נֹשֵׂא אֵפוֹד וְהָעָם לֹא יָדַע כִּי הָלַךְ יוֹנָתָן׃ וּבֵין 4
הַמַּעְבְּרוֹת אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ יוֹנָתָן לַעֲבֹר עַל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים
שֵׁן־הַסֶּלַע מֵהָעֵבֶר מִזֶּה וְשֵׁן־הַסֶּלַע מֵהָעֵבֶר מִזֶּה וְשֵׁם
הָאֶחָד בּוֹצֵץ וְשֵׁם הָאֶחָד סֶנֶּה׃ הַשֵּׁן הָאֶחָד מָצוּק ה
מִצָּפוֹן מוּל מִכְמָשׂ וְהָאֶחָד מִנֶּגֶב מוּל גָּבַע׃ וַיֹּאמֶר 6
יְהוֹנָתָן אֶל־הַנַּעַר ׀ נֹשֵׂא כֵלָיו לְכָה וְנַעְבְּרָה אֶל־מַצַּב
הָעֲרֵלִים הָאֵלֶּה אוּלַי יַעֲשֶׂה יְהוָה לָנוּ כִּי אֵין לַיהוָה
מַעְצוֹר לְהוֹשִׁיעַ בְּרַב אוֹ בִמְעָט׃ וַיֹּאמֶר לוֹ נֹשֵׂא כֵלָיו 7
עֲשֵׂה כָּל־אֲשֶׁר בִּלְבָבֶךָ נְטֵה לָךְ הִנְנִי עִמְּךָ כִּלְבָבֶךָ׃
וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן הִנֵּה אֲנַחְנוּ עֹבְרִים אֶל־הָאֲנָשִׁים וְנִגְלֵינוּ 8
אֲלֵיהֶם׃ אִם־כֹּה יֹאמְרוּ אֵלֵינוּ דֹּמּוּ עַד־הַגִּיעֵנוּ אֲלֵיכֶם 9
וְעָמַדְנוּ תַחְתֵּינוּ וְלֹא נַעֲלֶה אֲלֵיהֶם׃ וְאִם־כֹּה יֹאמְרוּ י
עֲלוּ עָלֵינוּ וְעָלִינוּ כִּי־נְתָנָם יְהוָה בְּיָדֵנוּ וְזֶה־לָּנוּ הָאוֹת׃
וַיִּגָּלוּ שְׁנֵיהֶם אֶל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ פְלִשְׁתִּים הִנֵּה 11
עִבְרִים יֹצְאִים מִן־הַחֹרִים אֲשֶׁר הִתְחַבְּאוּ־שָׁם׃ וַיַּעֲנוּ 12
אַנְשֵׁי הַמַּצָּבָה אֶת־יוֹנָתָן ׀ וְאֶת־נֹשֵׂא כֵלָיו וַיֹּאמְרוּ עֲלוּ
אֵלֵינוּ וְנוֹדִיעָה אֶתְכֶם דָּבָר וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן אֶל־נֹשֵׂא כֵלָיו
עֲלֵה אַחֲרַי כִּי־נְתָנָם יְהוָה בְּיַד יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעַל יוֹנָתָן עַל־ 13

ידיו

22 און אלס די קריעג־צייט איז אָנגעקומען, איז ניט געפונען געוואָרען אַ שווערד און אַ שפּיעז אין דער האַנד פון דעם גאַנצען פאָלק, וועלכע זיינען געוועזען מיט שאול און מיט יונתן; נור ביי שאול און ביי זיין זוהן יונתן האָבען זיך אייניגע געפונען.

23 און אַ פאָרפּאָסט פון די פּלשתים איז ארויסגעגאַנגען צו דער איבער־פאהרט פון מכמש.

## קאפּיטעל יד

1 און עס איז געשעהען איין טאָג, דאָ האָט געזאָגט יונתן שאול'ס זוהן צו דעם יונג, זיין וואפּענטרעגער: קום, און לאָמיר אריבערגעהן צו דעם פאָרפּאָסט פון די פּלשתים, וועלכע איז אויף יענער זייט; אָבער צו זיין פאטער האָט ער עס ניט געזאָגט.

2 און שאול איז געזעסען ביים ברעג פון גבעה אונטער דעם גראַנאַט־בוים פון מגרון, און דאָרטען זיינען אויך געוועזען דאָס פאָלק אונגעפעהר זעקס הונדערט מאַן.

3 (און אין יענער צייט איז געוועזען אחיה דער זוהן פון אחטוב דער ברודער פון אי כבוד, דער זוהן פון פנחס, דער זוהן פון עלי, א כהן (גדול) פאר גאָט אין שלה, און ער האָט געטראָגען דעם אפוד און דאָס פאָלק האָט ניט געוואוסט דאָס יונתן איז אַוועקגעגאַנגען.

4 און צווישען די איבערפאָרטען, וואו יונתן האָט געזוכט אַריבערצוגעהן צו די פאָרפּאָסט פון די פּלשתים, איז געוועזען אַ שפּיציגער פעלזען פון איין זייט, און אַ שפּיטציגער פעלזען פון דער אַנדער זייט; דער נאָמען פון איינעם איז געוועזען בוצץ און דער נאָמען פון דעם אַנדערן סנה.

5 איין שפּיציגער פעלזען ערהעבט זיך פון צפון־זייט קעגען מכמש, און דער אַנדערער אַן דער דרום־זייט קעגען גבע.

6 און יונתן האָט געזאָגט צו דעם יונג, זיין וואפּענטרעגער: קום און לאָמיר אריבערגעהן צו דעם פאָרפּאָסט פון יענע אונבעשניטענע, פיעלייכט וועט גאָט צו אונז טהאָן (אַ נס), דען ביי גאָט איז קיין אָפּהאַלטונג צו העלפען מיט פיעל אָדער ווייניג.

7 און זיין וואפּענ־טרעגער האָט צו איהם געזאָגט: טהו אַלעס וואָס דו דענקסט, ווענד זיך, זעה, איך בין מיט דיר נאָך דיין פערלאַנג נאָך.

8 און יונתן האָט געזאָגט: זעה, מיר וועלען אַריבערגעהן צו יענע לייטע און מיר וועלען זיך צו זיי בעווייזען.

9 אויב זיי וועלען אַזוי זאָגען צו אונז: וואַרט, ביז מיר וועלען קומען צו אייך. זאָלען מיר בלייבען שטעהן אויף אונזער אָרט, און מיר וועלען ניט צו זיי ארויפגעהן.

10 אָבער אויב זיי וועלען אַזוי זאָגען: קומט ארויף צו אונז, דאַן זאָלען מיר ארויפגעהן, דען גאָט האָט זיי געגעבען אין אונזער האַנד. און דאָס וועט זיין צו אונז דער צייכען.

11 און זיי האָבען זיך ביידע בעוויזען צו די פאָרפּאָסט פון די פּלשתים, און די פּלשתים האָבען געזאָגט: זעהט, די עברים קומען ארויס פון די לע־כער, וואו זיי האָבען זיך דאָרט בעהאַלטען.

12 און די מענשען פון דעם לאַגער האָבען גערופען צו יונתן און צו זיין וואפּענ־טרעגער, און זיי האָבען געזאָגט: קומט אַרויף צו אונז, און מיר וועלען אייך לאָזען וויסען אַ זאַך. און יונתן האָט געזאָגט צו זיין וואפּענ־טרעגער: קום ארויף, נאָך מיר, דען גאָט האָט זיי געגעבען אין די האַנד פון ישראל.

13 און יונתן איז ארויפגעגאַנגען אויף זיינע הענד און אויף זיינע פיס, און זיין וואפּענ־טרעגער נאָך איהם. און זיי זיינען געפאַלען פאר יונתן, און זיין וואפּענ־טרעגער האָט זיי הינטער איהם געטויט.

יָדָיו וְעַל־רַגְלָיו וְנֹשֵׂא כֵלָיו אַחֲרָיו וַיִּפְּלוּ לִפְנֵי יֽוֹנָתָן
14 וְנֹשֵׂא כֵלָיו מְמוֹתֵת אַחֲרָֽיו׃ וַתְּהִי הַמַּכָּה הָרִֽאשֹׁנָה
אֲשֶׁר הִכָּה יֽוֹנָתָן וְנֹשֵׂא כֵלָיו כְּעֶשְׂרִים אִישׁ כְּבַחֲצִי
טו מַעֲנָה צֶמֶד שָׂדֶֽה׃ וַתְּהִי חֲרָדָה בַֽמַּחֲנֶה בַשָּׂדֶה וּבְכָל־
הָעָם הַמַּצָּב וְהַמַּשְׁחִית חָרְדוּ גַּם־הֵמָּה וַתִּרְגַּז הָאָרֶץ
16 וַתְּהִי לְחֶרְדַּת אֱלֹהִֽים׃ וַיִּרְאוּ הַצֹּפִים לְשָׁאוּל בְּגִבְעַת
17 בִּנְיָמִן וְהִנֵּה הֶהָמוֹן נָמוֹג וַיֵּלֶךְ וַהֲלֹֽם׃ וַיֹּאמֶר
שָׁאוּל לָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ פִּקְדוּ־נָא וּרְאוּ מִי הָלַךְ מֵעִמָּנוּ
18 וַֽיִּפְקְדוּ וְהִנֵּה אֵין יוֹנָתָן וְנֹשֵׂא כֵלָֽיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל
לַאֲחִיָּה הַגִּישָׁה אֲרוֹן הָאֱלֹהִים כִּֽי־הָיָה אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
19 בַּיּוֹם הַהוּא וּבְנֵי יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיְהִי עַד דִּבֶּר שָׁאוּל אֶל־הַכֹּהֵן
וְהֶהָמוֹן אֲשֶׁר בְּמַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וָרָב
כ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־הַכֹּהֵן אֱסֹף יָדֶֽךָ׃ וַיִּזָּעֵק שָׁאוּל וְכָל־
הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיָּבֹאוּ עַד־הַמִּלְחָמָה וְהִנֵּה הָיְתָה חֶרֶב
21 אִישׁ בְּרֵעֵהוּ מְהוּמָה גְּדוֹלָה מְאֹֽד׃ וְהָעִבְרִים הָיוּ
לַפְּלִשְׁתִּים כְּאֶתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם אֲשֶׁר עָלוּ עִמָּם בַּֽמַּחֲנֶה
סָבִיב וְגַם־הֵמָּה לִהְיוֹת עִם־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עִם־שָׁאוּל
22 וְיוֹנָתָֽן׃ וְכֹל אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמִּתְחַבְּאִים בְּהַר־אֶפְרַיִם
שָֽׁמְעוּ כִּֽי־נָסוּ פְּלִשְׁתִּים וַיַּדְבְּקוּ גַם־הֵמָּה אַחֲרֵיהֶם
23 בַּמִּלְחָמָֽה׃ וַיּוֹשַׁע יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־יִשְׂרָאֵל
24 וְהַמִּלְחָמָה עָבְרָה אֶת־בֵּית אָֽוֶן׃ וְאִֽישׁ־יִשְׂרָאֵל נִגַּשׂ בַּיּוֹם
הַהוּא וַיֹּאֶל שָׁאוּל אֶת־הָעָם לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר־
יֹאכַל לֶחֶם עַד־הָעֶרֶב וְנִקַּמְתִּי מֵאֹיְבַי וְלֹא־טָעַם כָּל־
כה הָעָם לָֽחֶם׃ וְכָל־הָאָרֶץ בָּאוּ בַיָּעַר וַיְהִי דְבַשׁ עַל־פְּנֵי
26 הַשָּׂדֶֽה׃ וַיָּבֹא הָעָם אֶל־הַיַּעַר וְהִנֵּה הֵלֶךְ דְּבָשׁ וְאֵין
27 מַשִּׂיג יָדוֹ אֶל־פִּיו כִּֽי־יָרֵא הָעָם אֶת־הַשְּׁבֻעָֽה׃ וְיוֹנָתָן לֹא־
שָׁמַע בְּהַשְׁבִּיעַ אָבִיו אֶת־הָעָם וַיִּשְׁלַח אֶת־קְצֵה הַמַּטֶּה

אשר

פסקא באמצע פסוק v. 19.

14 און דער ערשטער שלאַג וואָס יונתן און זיין וואפען־טרעגער האָבען געשלאַגען, איז געווען אונגעפעהר צוואַנציג מאַן, אויף אַ שטרעקע פון א האַלבע בייט, פון א פעלד וואָס אַ געשפאַן אָקסען אַקערן עס.

15 און עס איז געווען אַ שרעק אין לאַגער, און אויף דעם פעלד און אונטער דעם גאַנצען פאָלק. די פאָרפּאָסט און די פערדארבערס האָבען אויך געציטערט, און די ערד האָט געציטערט, און עס איז געווען אַ ציטערניס פון גאָט.

16 און די וועכטערס פון שאול אין גבעה פון בנימין האָבען געזעהן, און ערשט דאָס פאָלק געהט פאַנאַנדער, און געהט אַהין און אַהער.

17 און שאול האָט געזאָגט צו דעם פאָלק וואָס איז מיט איהם געווען: צעהלט דאָך און זעהט, ווער פון אונז איז אַוועקגעגאַנגען, און זיי האָבען געצעהלט, און יונתן און זיין וואַפען־טרעגער זיינען ניטאָ.

18 און שאול האָט געזאָגט צו אחיה: ברענג אַהער דעם ארון פון גאָט, דען דער ארון פון גאָט איז געווען אין יענעם טאָג (אין מחנה) מיט די קינדער פון ישראל.

19 און עס איז געווען אַז שאול האָט נאָך גערעדט צו דעם כהן, און דער טומעל אין דעם לאַגער פון די פלשתים איז געוואָרען גרעסער און גרעסער. און שאול האָט געזאָגט צו דעם כהן: ציה צוריק דיין האַנד, (האַלט אָפּ).

20 און שאול און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז מיט איהם געווען האָט זיך פערזאַמעלט, און זיי זיינען געקומען צו דער מלחמה, און ערשט, דאָרט איז געווען דער שווערד פון איינעם קעגען דעם אנדערן; אַ זעהר גרויס געטומעל.

21 און אויך די עברים, וועלכע זיינען (פריהער) געווען מיט די פלשתים, וואָס זיינען מיט זיי ארויפגעגאַנגען אין דעם לאַגער, רינגס ארום, אויך זיי זיינען יעצט צוגעשטאַנען צו די ישראל וועלכע זיינען געווען מיט שאול און מיט יונתן.

22 און אויך די אלע מענער פון ישראל, וועלכע האָבען זיך בעהאַלטען אויף דעם באַרג פון אפרים, ווען זיי האָבען געהערט דאָס די פלשתים זיינען אַנטלאָפען, האָבען זיי אויך געיאָגט נאָך זיי אין דער מלחמה.

23 און גאָט האָט אין יענעם טאָג געהאָלפען די ישראל, און די מלחמה איז אריבערגעגאַנגען ביז נאָך בית־און.

24 אָבער די מענער פון ישראל האָבען זיך אָנגעשטרענגט יענעם טאָג; דען שאול האָט פערשוואָרען דאָס פאָלק און האָט געזאָגט: פערפלוכט זאָל זיין דער מאַן וואָס וועט עסען ברויט ביז אָווענד, און ביז איך וועל ראַכע נעהמען פון מיינע פיינד. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט ניט פערזוכט קיין שפייז.

25 און דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד איז געקומען אין אַ וואַלד, און עס איז געווען האָניג אויף דעם פעלד.

26 און דאָס פאָלק איז געקומען אין דעם וואַלד, און ערשט דאָרטען איז געווען אַ שטראָם האָניג, אָבער קיינער האָט עס ניט דערלאַנגט מיט זיין האַנד צו זיין מויל, דען דאָס פאָלק האָט געפירכטעט וועגען די שבועה.

27 אָבער יונתן האָט ניט געהערט ווען זיין פאָטער האָט פערשוואָרען דאָס פאָלק, און ער האָט אויסגעשטרעקט דאָס ענד פון זיין שטעקען וואָס ער האָט געהאַט אין זיין האַנד, און ער האָט עס איינגעטונקט אין די שטיקער

אֲשֶׁר בְּיָדוֹ וַיִּטְבֹּל אוֹתָהּ בְּיַעְרַת הַדְּבָשׁ וַיָּשֶׁב יָדוֹ אֶל־
28 פִּיו וַתָּרֹאנָה עֵינָיו׃ וַיַּעַן אִישׁ מֵהָעָם וַיֹּאמֶר הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ
אָבִיךָ אֶת־הָעָם לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר־יֹאכַל לֶחֶם
29 הַיּוֹם וַיָּעַף הָעָם׃ וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן עָכַר אָבִי אֶת־הָאָרֶץ רְאוּ־
נָא כִּי־אֹרוּ עֵינַי כִּי טָעַמְתִּי מְעַט דְּבַשׁ הַזֶּה׃ אַף כִּי לוּא ל
אָכֹל אָכַל הַיּוֹם הָעָם מִשְּׁלַל אֹיְבָיו אֲשֶׁר מָצָא כִּי־עַתָּה
31 לֹא־רָבְתָה מַכָּה בַּפְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּכּוּ בַּיּוֹם הַהוּא בַּפְּלִשְׁתִּים
32 מִמִּכְמָשׂ אַיָּלֹנָה וַיָּעַף הָעָם מְאֹד׃ וַיַּעַשׂ הָעָם אֶל־שָׁלָל
וַיִּקְחוּ צֹאן וּבָקָר וּבְנֵי בָקָר וַיִּשְׁחֲטוּ אָרְצָה וַיֹּאכַל הָעָם
33 עַל־הַדָּם׃ וַיַּגִּידוּ לְשָׁאוּל לֵאמֹר הִנֵּה הָעָם חֹטָאִים
לַיהוָה לֶאֱכֹל עַל־הַדָּם וַיֹּאמֶר בְּגַדְתֶּם גֹּלּוּ אֵלַי הַיּוֹם אֶבֶן
34 גְּדוֹלָה׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל פֻּצוּ בָעָם וַאֲמַרְתֶּם לָהֶם הַגִּישׁוּ
אֵלַי אִישׁ שׁוֹרוֹ וְאִישׁ שְׂיֵהוּ וּשְׁחַטְתֶּם בָּזֶה וַאֲכַלְתֶּם וְלֹא־
תֶחֶטְאוּ לַיהוָה לֶאֱכֹל אֶל־הַדָּם וַיַּגִּשׁוּ כָל־הָעָם אִישׁ
שׁוֹרוֹ בְיָדוֹ הַלַּיְלָה וַיִּשְׁחֲטוּ־שָׁם׃ וַיִּבֶן שָׁאוּל מִזְבֵּחַ לה
36 לַיהוָה אֹתוֹ הֵחֵל לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר
שָׁאוּל נֵרְדָה אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים לַיְלָה וְנָבֹזָּה בָהֶם ׀ עַד־אוֹר
הַבֹּקֶר וְלֹא־נַשְׁאֵר בָּהֶם אִישׁ וַיֹּאמְרוּ כָּל־הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ
עֲשֵׂה ◦ וַיֹּאמֶר הַכֹּהֵן נִקְרְבָה הֲלֹם אֶל־הָאֱלֹהִים׃
37 וַיִּשְׁאַל שָׁאוּל בֵּאלֹהִים הַאֵרֵד אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים הֲתִתְּנֵם
38 בְּיַד יִשְׂרָאֵל וְלֹא עָנָהוּ בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל גֹּשׁוּ
הֲלֹם כֹּל פִּנּוֹת הָעָם וּדְעוּ וּרְאוּ בַּמָּה הָיְתָה הַחַטָּאת
39 הַזֹּאת הַיּוֹם׃ כִּי חַי־יְהוָה הַמּוֹשִׁיעַ אֶת־יִשְׂרָאֵל כִּי אִם־
יֶשְׁנוֹ בְּיוֹנָתָן בְּנִי כִּי־מוֹת יָמוּת וְאֵין עֹנֵהוּ מִכָּל־הָעָם׃
מ וַיֹּאמֶר אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל אַתֶּם תִּהְיוּ לְעֵבֶר אֶחָד וַאֲנִי וְיוֹנָתָן
בְּנִי נִהְיֶה לְעֵבֶר אֶחָד וַיֹּאמְרוּ הָעָם אֶל־שָׁאוּל הַטּוֹב
41 בְּעֵינֶיךָ עֲשֵׂה׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל

v. 27. ותראנה ק  v. 32. ויעט ק  ibid. השלל ק  v. 33. א׳ נחה  ibid. כ״א אֶל הבה
v. 36. פסקא באמצע פסוק

האניג, און ער האט זיין האנד צוריקגעקעהרט צו זיין מויל, און זיינע
אויגען זיינען דערלייכטעט געווארען.
28 און איינער פון דעם פאלק האט אויסגעשריען און ער האט געזאגט: דיין
פאטער האט שטרענג פערשווארען דאס פאלק און ער האט געזאגט:
פערפלוכט זאל זיין דער מאן וואס וועט היינט עסען שפייז. און דאס
פאלק איז מיעד געווארען.
29 און יונתן האט געזאגט: מיין פאטער האט אונגליקליך געמאכט דאס
לאנד, זעהט נאר, ווי מיינע אויגען זיינען דערלייכטעט, דען איך האב
פערזוכט א ביסעל פון דיעזען האניג.
30 פיעל מעהר נאך, אז דאס פאלק וואלט היינט געגעסען פון דעם רויב פון
זיינע פיינד וואס מען האט געפונען, וואלט דען ניט יעצט געווען א גרע־
סערער שלאג אונטער די פלשתים?
31 און זיי האבען אין דעמזעלבען טאג געשלאגען די פלשתים פון מכמש
ביז אילון, און דאס פאלק איז זעהר מיעד געווארען.
32 און דאס פאלק איז געפלויגען צו דעם רויב, און זיי האבען גענומען
שאף און רינדער און יונגע רינדער, און זיי האבען זיי געשלאכטעט אויף
דער ערד, און דאס פאלק האט עס געגעסען ביי די בלוט.
33 און מען האט עס אנגעזאגט צו שאול, מיט די ווערטער: זעה, דאס פאלק
זינדיגט קעגען גאט, צו עסען ביי די בלוט, און ער האט געזאגט: איהר
האט געזינדיגט, קייקעלט זאגלייך צו מיר א גרויסען שטיין.
34 און שאול האט געזאגט: פערשפרייט זיך אונטער דעם פאלק און זאגט צו
זיי: ברענגט יעדער צו מיר זיין אקס, און יעדער זיין שעפס, און שלאכ־
טעט עס דא, און עסט עס, אבער איהר זאלט ניט זינדיגען קעגען גאט צו
עסען מיט דעם בלוט. און דאס גאנצע פאלק, יעדער האט געבראכט זיין
אקס אין זיין האנד ביי נאכט, און זיי האבען עס דארט געשלאכטעט.
35 און שאול האט געבויט א מזבח צו גאט; דיעזער איז געווען דער ערשטער
מזבח וואס ער האט געבויט צו גאט.
36 און שאול האט געזאגט: לאמיר אראפנידערן נאך די פלשתים ביי נאכט
און מיר וועלען זיי רויבען ביז צו דעם מארגען־ליכט, און מיר וועלען ניט
איבערלאזען אונטער זיי איין מאן, און זיי האבען געזאגט: אלעס וואס
איז דיר געפעליג טהו און דער כהן האט געזאגט: לאמיר דא גענעהנען
צו גאט.
37 און שאול האט געפרעגט ביי גאט: זאל איך אראפנידערן נאך די
פלשתים? וועסטו זיי געבען אין די האנד פון ישראל? אבער ער האט
איהם ניט געענטפערט אין יענעם טאג.
38 און שאול האט געזאגט: גענעהנט דא אהער אלע פארשטעהער פון׳ם
פאלק, און דערקענט און זעהט, אין וואס איז היינט דיעזע זינד בע־
שטאנען.
39 דען אזוי וואהר ווי גאט לעבט, וואס האט געהאלפען ישראל, דאס
אויך אויב עס זאל זיין אין יונתן מיין זוהן, וועט ער געווים געטויט
ווערען. אבער קיינער פון דעם גאנצען פאלק האט איהם ניט געענט־
פערט.
40 און ער האט געזאגט צו גאנץ ישראל: איהר זאלט זיין אויף איין זייט,
און איך און מיין זוהן יונתן וועלען זיין אויף איין זייט. און דאס פאלק
האט געזאגט צו שאול: וואס עס איז גוט אין דיינע אויגען טהו.
41 און שאול האט געזאגט צו גאט: גאט פון ישראל, גיעב דעם ריכטיגען

42 הָבָה תָמִים וַיִּלָּכֵד יוֹנָתָן וְשָׁאוּל וְהָעָם יָצָאוּ׃ וַיֹּאמֶר
43 שָׁאוּל הַפִּילוּ בֵּינִי וּבֵין יוֹנָתָן בְּנִי וַיִּלָּכֵד יוֹנָתָן׃ וַיֹּאמֶר
שָׁאוּל אֶל־יוֹנָתָן הַגִּידָה לִּי מֶה עָשִׂיתָה וַיַּגֶּד־לוֹ יוֹנָתָן
וַיֹּאמֶר טָעֹם טָעַמְתִּי בִּקְצֵה הַמַּטֶּה אֲשֶׁר־בְּיָדִי מְעַט דְּבַשׁ
44 הִנְנִי אָמוּת׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כֹּה־יַעֲשֶׂה אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִף
מה כִּי־מוֹת תָּמוּת יוֹנָתָן׃ וַיֹּאמֶר הָעָם אֶל־שָׁאוּל הֲיוֹנָתָן יָמוּת
אֲשֶׁר עָשָׂה הַיְשׁוּעָה הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת בְּיִשְׂרָאֵל חָלִילָה חַי־
יְהוָה אִם־יִפֹּל מִשַּׂעֲרַת רֹאשׁוֹ אַרְצָה כִּי־עִם־אֱלֹהִים עָשָׂה
46 הַיּוֹם הַזֶּה וַיִּפְדּוּ הָעָם אֶת־יוֹנָתָן וְלֹא־מֵת׃ וַיַּעַל
שָׁאוּל מֵאַחֲרֵי פְּלִשְׁתִּים וּפְלִשְׁתִּים הָלְכוּ לִמְקוֹמָם׃
47 וְשָׁאוּל לָכַד הַמְּלוּכָה עַל־יִשְׂרָאֵל וַיִּלָּחֶם סָבִיב ׀ בְּכָל־
אֹיְבָיו בְּמוֹאָב ׀ וּבִבְנֵי־עַמּוֹן וּבֶאֱדוֹם וּבְמַלְכֵי צוֹבָה
48 וּבַפְּלִשְׁתִּים וּבְכֹל אֲשֶׁר־יִפְנֶה יַרְשִׁיעַ׃ וַיַּעַשׂ חַיִל וַיַּךְ
49 אֶת־עֲמָלֵק וַיַּצֵּל אֶת־יִשְׂרָאֵל מִיַּד שֹׁסֵהוּ׃ וַיִּהְיוּ בְּנֵי
שָׁאוּל יוֹנָתָן וְיִשְׁוִי וּמַלְכִּי־שׁוּעַ וְשֵׁם שְׁתֵּי בְנֹתָיו שֵׁם הַבְּכִירָה
נ מֵרַב וְשֵׁם הַקְּטַנָּה מִיכַל׃ וְשֵׁם אֵשֶׁת שָׁאוּל אֲחִינֹעַם
בַּת־אֲחִימָעַץ וְשֵׁם שַׂר־צְבָאוֹ אֲבִינֵר בֶּן־נֵר דּוֹד שָׁאוּל׃
51 52 וְקִישׁ אֲבִי־שָׁאוּל וְנֵר אֲבִי־אַבְנֵר בֶּן־אֲבִיאֵל׃ וַתְּהִי
הַמִּלְחָמָה חֲזָקָה עַל־פְּלִשְׁתִּים כֹּל יְמֵי שָׁאוּל וְרָאָה שָׁאוּל
כָּל־אִישׁ גִּבּוֹר וְכָל־בֶּן־חַיִל וַיַּאַסְפֵהוּ אֵלָיו׃

## CAP. XV. טו

טו

א וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל אֹתִי שָׁלַח יְהוָה לִמְשָׁחֳךָ לְמֶלֶךְ
עַל־עַמּוֹ עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַתָּה שְׁמַע לְקוֹל דִּבְרֵי יְהוָה׃
2 כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת פָּקַדְתִּי אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה עֲמָלֵק
3 לְיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־שָׂם לוֹ בַּדֶּרֶךְ בַּעֲלֹתוֹ מִמִּצְרָיִם׃ עַתָּה
לֵךְ וְהִכִּיתָה אֶת־עֲמָלֵק וְהַחֲרַמְתֶּם אֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ וְלֹא
תַחְמֹל עָלָיו וְהֵמַתָּה מֵאִישׁ עַד־אִשָּׁה מְעוֹלֵל וְעַד־יוֹנֵק

משור

ט״ו v. 1. הפטרת פ׳ זכור

אורטהייל, און יונתן און שאול זיינען געטראָפען געוואָרען, און דאָס פאָלק
איז ארוים (פריי).
42 און שאול האָט געזאָגט : וואַרפט (גורל) צווישען מיר און מיין זוהן
יונתן. און יונתן איז געטראָפען געוואָרען.
43 און שאול האָט געזאָגט צו יונתן : זאָג דאָך מיר, וואָס דו האָסט געֿ
טהאָן ? און יונתן האָט איהם דערצעהלט און געזאָגט : איך האָב נאָר
פערזוכט אַ ביסעל האָניג אויף דעם ברעג פון דעם שטעקען וואָס איז געֿ
ווען אין מיין האַנד, זעה, איך בין געפאַסט צו שטאַרבען.
44 און שאול האָט געזאָגט : אַזוי זאָל גאָט צו מיר טהאָן, און אַזוי זאָל ער
ווייטער טהאָן, דאָס דו מוזט געוויס שטאַרבען, יונתן.
45 אָבער דאָס פאָלק האָט געזאָגט צו שאול : ווי ? זאָל יונתן שטאַרבען ?
ער וואָס האָט געמאַכט דיעזע גרויסע הילף אין ישראל, דאָס איז פארמיֿ
דען, אַזוי ווי גאָט לעבט, עס זאָל ניט אַ האָאר פון זיין קאָפּ פאַלען
צו דער ערד ! דען מיט גאָט האָט ער עס דיעזען טאָג געטהאָן. און דאָס
פאָלק האָט אויסגעלעזט יונתן און ער איז ניט געשטאָרבען.
46 און שאול איז אויפגעגאנגען, און האָט ניט געיאָגט די פלשתים, און די
פלשתים זיינען געגאַנגען נאָך זייער אָרט.
47 און שאול האָט בעצוואונגען די רעגיערונג איבער ישראל, און ער האָט געֿ
שטריטען מיט זיינע אַלע פיינד רינגס ארום, מיט מואב, מיט די קינדער
פון עמון, מיט אדום און מיט די קעניגע פון צובה, און מיט די פלשתים,
און איבעראל וואו ער פלעגט זיך קעהרען, פלעגט ער ברענגען שרעקען.
48 און ער האָט בעוויזען שטאַרקהייט, און ער האָט געשלאָגען עמלק, און האָט
געראַטעט ישראל פון דער האַנד פון זיינע רויבער.
49 און שאול'ס זיהן זיינען געוועזען : יונתן און ישוי און מלכישוע, און די
נעמען פון זיינע צוויי טעכטער, דער נאָמען פון דער ערשטגעבאָרענע
מרב, און דער נאָמען פון דער אינגערע מיכל.
50 און דער נאָמען פון שאול'ס ווייב איז געוועזען אחינעם, די טאָכטער פון
אחימעץ. און דער נאָמען פון זיין פעלדמאַרשאל אבינר דער זוהן פון נר,
שאול'ס פעטער.
51 און קיש, דער פאָטער פון שאול און נר דער פאָטער פון אַבנר, זיינען געֿ
וועזען די זיהן פון אביאל.
52 און די מלחמה איז געוועזען שטאַרק קעגען די פלשתים אין די גאַנצע רעֿ
גיערונג צייט פון שאול. און וואו שאול האָט געזעהען אַ שטאַרקען מאַן און
אַ בראַווען מאַן, פלעגט ער איהם צונעהמען צו זיך.

## קאפיטעל טו

1 און שמואל האָט געזאָגט צו שאול : גאָט האָט מיך געשיקט דיך צו זאַלֿ
בען אַלס קעניג איבער זיין פאָלק, איבער ישראל, דארום הער יעצט צו
דעם בעפעהל פון גאָט'ס רייד.
2 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון די הערשאַרען : איך געדיינק וואָס עמלק האָט
געטהאָן צו ישראל ; ווי ער האָט געלויערט אויף איהם אויפ'ן וועג, ווען
ער איז ארויפגעגאנגען פון מצרים.
3 אצונד, געה און שלאָג עמלק, און איהר זאָלט פארוויסטען אַלעס וואָס ער
פערמאָגט, און דו זאָלסט זיך ניט דערבאַרעמען איבער איהם, און זאָלסט
טויטען מאַן און ווייב, קינד און זייגענדיג קינד, פון אָקס ביז שאָף, פון
אַ קעמעל ביז צו אַן אייזעל.

מִשּׁוֹר וְעַד־שֶׂה מִגָּמָל וְעַד־חֲמוֹר׃ וַיְשַׁמַּע שָׁאוּל 4
אֶת־הָעָם וַיִּפְקְדֵם בַּטְּלָאִים מָאתַיִם אֶלֶף רַגְלִי וַעֲשֶׂרֶת
אֲלָפִים אֶת־אִישׁ יְהוּדָה׃ וַיָּבֹא שָׁאוּל עַד־עִיר עֲמָלֵק וַיָּרֶב ה
בַּנָּחַל׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־הַקֵּינִי לְכוּ סֻּרוּ רְדוּ מִתּוֹךְ 6
עֲמָלֵקִי פֶּן־אֹסִפְךָ עִמּוֹ וְאַתָּה עָשִׂיתָה חֶסֶד עִם־כָּל־בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל בַּעֲלוֹתָם מִמִּצְרָיִם וַיָּסַר קֵינִי מִתּוֹךְ עֲמָלֵק׃ וַיַּךְ 7
שָׁאוּל אֶת־עֲמָלֵק מֵחֲוִילָה בּוֹאֲךָ שׁוּר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי
מִצְרָיִם׃ וַיִּתְפֹּשׂ אֶת־אֲגַג מֶלֶךְ־עֲמָלֵק חָי וְאֶת־כָּל־הָעָם 8
הֶחֱרִים לְפִי־חָרֶב׃ וַיַּחְמֹל שָׁאוּל וְהָעָם עַל־אֲגָג וְעַל־ 9
מֵיטַב הַצֹּאן וְהַבָּקָר וְהַמִּשְׁנִים וְעַל־הַכָּרִים וְעַל־כָּל־הַטּוֹב
וְלֹא אָבוּ הַחֲרִימָם וְכָל־הַמְּלָאכָה נְמִבְזָה וְנָמֵס אֹתָהּ
הֶחֱרִימוּ׃ וַיְהִי דְּבַר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל לֵאמֹר׃ נִחַמְתִּי 11
כִּי־הִמְלַכְתִּי אֶת־שָׁאוּל לְמֶלֶךְ כִּי־שָׁב מֵאַחֲרַי וְאֶת־דְּבָרַי
לֹא הֵקִים וַיִּחַר לִשְׁמוּאֵל וַיִּזְעַק אֶל־יְהוָה כָּל־הַלָּיְלָה׃
וַיַּשְׁכֵּם שְׁמוּאֵל לִקְרַאת שָׁאוּל בַּבֹּקֶר וַיֻּגַּד לִשְׁמוּאֵל 12
לֵאמֹר בָּא־שָׁאוּל הַכַּרְמֶלָה וְהִנֵּה מַצִּיב לוֹ יָד וַיִּסֹּב וַיַּעֲבֹר
וַיֵּרֶד הַגִּלְגָּל׃ וַיָּבֹא שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר לוֹ שָׁאוּל 13
בָּרוּךְ אַתָּה לַיהוָה הֲקִימֹתִי אֶת־דְּבַר יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל 14
וּמֶה קוֹל־הַצֹּאן הַזֶּה בְּאָזְנָי וְקוֹל הַבָּקָר אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל מֵעֲמָלֵקִי הֱבִיאוּם אֲשֶׁר חָמַל הָעָם עַל־ טו
מֵיטַב הַצֹּאן וְהַבָּקָר לְמַעַן זְבֹחַ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאֶת־הַיּוֹתֵר
הֶחֱרַמְנוּ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל הֶרֶף וְאַגִּידָה לְּךָ 16
אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֵלַי הַלָּיְלָה וַיֹּאמְרוּ לוֹ דַּבֵּר׃
וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל הֲלוֹא אִם־קָטֹן אַתָּה בְּעֵינֶיךָ רֹאשׁ שִׁבְטֵי 17
יִשְׂרָאֵל אָתָּה וַיִּמְשָׁחֲךָ יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁלָחֲךָ 18
יְהוָה בְּדָרֶךְ וַיֹּאמֶר לֵךְ וְהַחֲרַמְתָּה אֶת־הַחַטָּאִים אֶת־
עֲמָלֵק וְנִלְחַמְתָּ בוֹ עַד־כַּלּוֹתָם אֹתָם׃ וְלָמָּה לֹא־שָׁמַעְתָּ 19

בקול



v. 15. פתוח בס״ם . v. 16. ויאמר קרי

4 און שאול האָט צוזאַמענגערופען דאָס פאָלק און ער האָט זיי געצעהלט אין טלאים, צוויי הונדערט טויזענד פוס־געהערס, און צעהן טויזענד מאַן, מיט די מענער פון יהודה.

5 און שאול איז געקומען ביז צו דער שטאָדט פון עמלק, און ער האָט געשטריטען אין טהאָל.

6 און שאול האָט געזאָגט צו דעם קיני: געהט, קעהרט אָפּ און ניעדערט אראָפּ פון מיטען פון עמלק, איך זאָל דיך ניט מאַכען אומקומען מיט איהם. און דו האָסט געטהאָן גנאַדע מיט אַלע קינדער פון ישראל אין זייער אויפגעהן פון מצרים, און אזוי האָט דער קיני אָפּגעקעהרט פון דעם מיטען פון עמלק.

7 און שאול האָט געשלאָגען דעם עמלק פון חוילה ביז מען קומט צו שור וואָס איז פאַר מצרים.

8 און ער האָט געכאַפּט אגג דעם קעניג פון עמלק לעבעדיג, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט ער פערוויסטעט מיט דעם שארף פון שווערד.

9 און שאול און דאָס פאָלק האָבען זיך דערבארעמט אויף אגג, און אויף די בעסטע שאָף און רינדער, און אויף די פעטע אָקסען, און די געשטאָפּטע שאָף, און איבער אַלעם בעסטע, און זיי האָבען ניט געוואָלט זיי פערוויסטען. אָבער די אַלע פעראַכטעטע און שוואַכע פיה, די האָבען זיי פערוויסטעט.

10 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געקומען צו שמואל אַזוי צו זאָגען:

11 עס פערדריסט מיך וואָס איך האָב שאול'ן געמאַכט פאַר אַ קעניג; ווייל ער האָט זיך אָפּגעקעהרט פון הינטער מיר, און מיינע רייד האָט ער ניט אויפגעשטעלט. און דאָס האָט געערגערט שמואל'ן, און ער האָט געשריען צו גאָט די גאַנצע נאַכט.

12 און שמואל איז אויפגעשטאַנען פריה, צו בעגעגענען שאול'ן אם מאָרגען, און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו שמואל אַזוי: שאול איז געקומען נאָך כרמל, און זעה, ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ דענקמאל, און ער האָט זיך אומגעקעהרט און איז ווייטער געגאַנגען און האָט אראָפּגענידערט נאָך גלגל.

13 און אלס שמואל איז געקומען צו שאול, האָט שאול צו איהם געזאָגט: געבענשט ביזטו צו גאָט, איך האָב אויפגעשטעלט דאָס וואָרט פון גאָט.

14 און שמואל האָט געזאָגט: און וואָס איז דאָס בלעקען פון די שאָף אין מיינע אויערען? און דאָס געשריי פון די רינדער וואָס איך הער?

15 און שאול האָט געזאָגט: פון עמלק האָבען זיי זיי געבראַכט, דען דאָס פאָלק האָט זיך ערבארעמט איבער די בעסטע שאָף און רינדער, אום זיי צו אָפּפערן צו גאָט, דיין גאָט. אָבער דאָס איבעריגע האָבען מיר פערוויסטעט.

16 און שמואל האָט געזאָגט צו שאול: האַלט אָפּ. און איך וועל דיר זאָגען וואָס גאָט האָט צו מיר גערעדט די נאַכט, און ער (שאול) האָט געזאָגט צו איהם: רייד.

17 און שמואל האָט געזאָגט: אָבוואָהל דו האַלסט זיך קליין אין דיינע אויגען, אָבער דו ביזט דאָך די קאָפּ פון אַלע שבטים פון ישראל, און גאָט האָט דיך געזאַלבט פאַר אַ קעניג איבער ישראל.

18 און גאָט האָט דיך געשיקט אין דעם וועג, און ער האָט געזאָגט: געה און פערוויסט די זינדיגע, די עמלקים, און דו זאָלסט שטרייטען מיט איהם ביז דו וועסט זיי פערטיליגען.

19 און וואָרום האָסטו ניט געהאָרכט צו דעם בעפעהל פון גאָט, און ביזט

בְּק֣וֹל יְהוָ֑ה וַתַּ֙עַט֙ אֶל־הַשָּׁלָ֔ל וַתַּ֥עַשׂ הָרַ֖ע בְּעֵינֵ֥י יְהוָֽה׃
כ וַיֹּ֨אמֶר שָׁא֜וּל אֶל־שְׁמוּאֵ֗ל אֲשֶׁ֤ר שָׁמַ֙עְתִּי֙ בְּק֣וֹל
יְהוָ֔ה וָאֵלֵ֕ךְ בַּדֶּ֖רֶךְ אֲשֶׁר־שְׁלָחַ֣נִי יְהוָ֑ה וָאָבִ֗יא אֶת־אֲגַג֙
21 מֶ֣לֶךְ עֲמָלֵ֔ק וְאֶת־עֲמָלֵ֖ק הֶחֱרַֽמְתִּי׃ וַיִּקַּ֨ח הָעָ֧ם מֵהַשָּׁלָ֛ל
צֹ֥אן וּבָקָ֖ר רֵאשִׁ֣ית הַחֵ֑רֶם לִזְבֹּ֛חַ לַיהוָ֥ה אֱלֹהֶ֖יךָ בַּגִּלְגָּֽל׃
22 וַיֹּ֣אמֶר שְׁמוּאֵ֗ל הַחֵ֤פֶץ לַֽיהוָה֙ בְּעֹל֣וֹת וּזְבָחִ֔ים
כִּשְׁמֹ֖עַ בְּק֣וֹל יְהוָ֑ה הִנֵּ֤ה שְׁמֹ֙עַ֙ מִזֶּ֣בַח ט֔וֹב לְהַקְשִׁ֖יב
23 מֵחֵ֥לֶב אֵילִֽים׃ כִּ֤י חַטַּאת־קֶ֙סֶם֙ מֶ֔רִי וְאָ֥וֶן וּתְרָפִ֖ים
הַפְצַ֑ר יַ֗עַן מָאַ֙סְתָּ֙ אֶת־דְּבַ֣ר יְהוָ֔ה וַיִּמְאָסְךָ֖ מִמֶּֽלֶךְ׃
24 וַיֹּ֨אמֶר שָׁא֤וּל אֶל־שְׁמוּאֵל֙ חָטָ֔אתִי כִּֽי־עָבַ֥רְתִּי אֶת־פִּֽי־
יְהוָ֖ה וְאֶת־דְּבָרֶ֑יךָ כִּ֤י יָרֵ֙אתִי֙ אֶת־הָעָ֔ם וָאֶשְׁמַ֖ע בְּקוֹלָֽם׃
כה וְעַתָּ֕ה שָׂ֥א נָ֖א אֶת־חַטָּאתִ֑י וְשׁ֣וּב עִמִּ֔י וְאֶשְׁתַּחֲוֶ֖ה לַיהוָֽה׃
26 וַיֹּ֤אמֶר שְׁמוּאֵל֙ אֶל־שָׁא֔וּל לֹ֥א אָשׁ֖וּב עִמָּ֑ךְ כִּ֣י
מָאַ֙סְתָּה֙ אֶת־דְּבַ֣ר יְהוָ֔ה וַיִּמְאָסְךָ֣ יְהוָ֔ה מִהְי֥וֹת מֶ֖לֶךְ עַל־
27 יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיִּסֹּ֥ב שְׁמוּאֵ֖ל לָלֶ֑כֶת וַיַּחֲזֵ֥ק בִּכְנַף־מְעִיל֖וֹ וַיִּקָּרַֽע׃
28 וַיֹּ֤אמֶר אֵלָיו֙ שְׁמוּאֵ֔ל קָרַ֨ע יְהוָ֜ה אֶת־מַמְלְכ֧וּת
29 יִשְׂרָאֵ֛ל מֵעָלֶ֖יךָ הַיּ֑וֹם וּנְתָנָ֕הּ לְרֵעֲךָ֖ הַטּ֥וֹב מִמֶּֽךָּ׃ וְגַם֙
נֵ֣צַח יִשְׂרָאֵ֔ל לֹ֥א יְשַׁקֵּ֖ר וְלֹ֣א יִנָּחֵ֑ם כִּ֣י לֹ֥א אָדָ֛ם ה֖וּא לְהִנָּחֵֽם׃
ל וַיֹּ֣אמֶר חָטָ֔אתִי עַתָּ֗ה כַּבְּדֵ֥נִי נָ֛א נֶֽגֶד־זִקְנֵ֥י עַמִּ֖י וְנֶ֣גֶד יִשְׂרָאֵ֑ל
31 וְשׁ֣וּב עִמִּ֔י וְהִֽשְׁתַּחֲוֵ֖יתִי לַיהוָ֥ה אֱלֹהֶֽיךָ׃ וַיָּ֥שָׁב שְׁמוּאֵ֖ל
32 אַחֲרֵ֣י שָׁא֑וּל וַיִּשְׁתַּ֥חוּ שָׁא֖וּל לַיהוָֽה׃ וַיֹּ֣אמֶר שְׁמוּאֵ֗ל
הַגִּ֤ישׁוּ אֵלַי֙ אֶת־אֲגַג֙ מֶ֣לֶךְ עֲמָלֵ֔ק וַיֵּ֣לֶךְ אֵלָ֔יו אֲגַ֖ג מַעֲדַנֹּ֑ת
33 וַיֹּ֣אמֶר אֲגָ֔ג אָכֵ֖ן סָ֥ר מַר־הַמָּֽוֶת׃ וַיֹּ֣אמֶר שְׁמוּאֵ֗ל
כַּאֲשֶׁ֨ר שִׁכְּלָ֤ה נָשִׁים֙ חַרְבֶּ֔ךָ כֵּן־תִּשְׁכַּ֥ל מִנָּשִׁ֖ים אִמֶּ֑ךָ
34 וַיְשַׁסֵּ֨ף שְׁמוּאֵ֧ל אֶת־אֲגָ֛ג לִפְנֵ֥י יְהוָ֖ה בַּגִּלְגָּֽל׃ וַיֵּ֥לֶךְ
שְׁמוּאֵ֖ל הָרָמָ֑תָה וְשָׁא֛וּל עָלָ֥ה אֶל־בֵּית֖וֹ גִּבְעַ֥ת שָׁאֽוּל׃
לה וְלֹא־יָסַ֨ף שְׁמוּאֵ֜ל לִרְא֤וֹת אֶת־שָׁאוּל֙ עַד־י֣וֹם מוֹת֔וֹ כִּֽי־

התאבל

v. 20. פתח בס״פ

געפלויגען צו דעם רויב, און האָסט געטהאָן שלעכטס אין די אויגען פון
גאָט.
20 און שאול האָט געזאָגט צו שמואל: איך האָב דאָך יא געהאָרכט צו דעם
בעפעהל פון גאָט, און איך בין געגאַנגען אין דעם װעג וואָס גאָט האָט
מיך געשיקט, און איך האָב געבראַכט אגג דעם קעניג פון עמלק, און די
עמלקים האָט איך פערוויסטעט.
21 אָבער דאָס פאָלק האָט גענומען פון דעם רויב, שאָף און רינדער, דאָס
בעסטע פון די וואָס זאָלען זיין פערוויסטעט, אום זיי צו שלאַכטען צו
גאָט, דיין גאָט, אין גלגל.
22 און שמואל האָט געזאָגט: האָט דען גאָט מעהר לוסט אין בראַנד־אָפּפער
און אין שלאַכט־אָפּפער, אַלס ווי צו געהאָרכען צו זיין בעפעהל?
געהאָרכען איז בעסער אַלס אָפּפער, פאָלגען — איז בעסער פון די פעטס
פון ווידער.
23 דען ווי די זינד פון צויבעריי, אַזוי (גרויס) איז ווידערשפּעניגקייט, און
ווי געצענ־דיענסט און בילדער־ריענסט אַזוי איז די זינד פון ניט פאָלגען.
ווייל דו האָסט פעראַכטעט דעם בעפעהל פון גאָט, האָט ער דיך פעראַכטעט
פון זיין אַ קעניג.
24 און שאול האָט געזאָגט צו שמואל: איך האָב געזינדיגט, דען איך האָב
איבערגעטרעטען דעם בעפעהל פון גאָט, און אויך דיינע רייד, דען איך
האָב זיך געשראָקען פאַר דאָס פאָלק, און איך האָב געהערט צו זייער
שטים.
25 און נון, פערגיעב דאָך מיין זינד, און קעהר צוריק מיט מיר, און איך וועל
זיך בוקען צו גאָט.
26 און שמואל האָט געזאָגט צו שאול: איך וועל מיך ניט אומקעהרען מיט
דיר, דען דו האָסט פעראַכטעט דאָס וואָרט פון גאָט, אַזוי האָט דיך
גאָט פעראַכטעט צו זיין אַ קעניג איבער ישראל.
27 און שמואל האָט זיך אומגעקעהרט אַוועקצוגעהן, אָבער (שאול) האָט אָנ־
געהאַלטען פעסט דעם ברעג פון זיין מאַנטעל, און ער איז צוריסען גע־
וואָרען.
28 און שמואל האָט צו איהם געזאָגט: (דאָס ווייזט דאָס) גאָט האָט היינט
אָבגעריסען די רעגיערונג פון ישראל פון דיר, און האָט עס געגעבען צו
דיין פריינד וועלכער איז בעסער פון דיר.
29 און דער שטאַרקער (גאָט) פון ישראל וועט אויך ניט ליגען זאָגען, און וועט
ניט ענדערן זיין בעשלוס, דען ער איז ניט אַ מענש, צו ענדערן זיין בע־
שלוס.
30 און ער (שאול) האָט געזאָגט: איך האָב געזינדיגט, אָבער יעצט מאַך
מיר דאָך עהרע פאַר די עלטסטע פון מיין פאָלק און פאַר ישראל, און
קעהר מיט מיר צוריק, און איך וועל זיך בוקען צו דיין גאָט.
31 און שמואל האָט זיך אומגעקעהרט (און איז געגאַנגען) נאָך שאול. און
שאול האָט זיך געבוקט צו גאָט.
32 און שמואל האָט געזאָגט: ברענג אַהער צו מיר אגג, דעם קעניג פון עמלק,
און אגג איז געגאַנגען צו איהם אין קייטען און ער האָט געזאָגט: פאַר
וואהר, דער ביטערער טויט קומט שוין.
33 און שמואל האָט געזאָגט: ווי דיין שווערד האָט בעטרויבט ווייבער (זייערע
קינדער), אַזוי זאָל דיין מוטער זיין בעטרויבט פון קינדער, מעהר דען אַנ־
דערע ווייבער. און שמואל האָט געהייסען צושפּאַלטען אגג, פאַר גאָטס
הויז, אין גלגל.
34 און שמואל איז געגאַנגען נאָך רמה, און שאול איז געגאַנגען צו זיין הויז
נאָך גבעה פון שאול.

הִתְאַבֵּל שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל וַיהוָה נִחָם כִּֽי־הִמְלִיךְ אֶת־
שָׁאוּל עַל־יִשְׂרָאֵֽל׃

## טז Cap. XVI. טז

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל עַד־מָתַי אַתָּה מִתְאַבֵּל אֶל־
שָׁאוּל וַאֲנִי מְאַסְתִּיו מִמְּלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל מַלֵּא קַרְנְךָ שֶׁמֶן
וְלֵךְ אֶשְׁלָחֲךָ אֶל־יִשַׁי בֵּית־הַלַּחְמִי כִּֽי־רָאִיתִי בְּבָנָיו לִי
2 מֶֽלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֵיךְ אֵלֵךְ וְשָׁמַע שָׁאוּל וַהֲרָגָנִי
וַיֹּאמֶר יְהוָה עֶגְלַת בָּקָר תִּקַּח בְּיָדֶךָ וְאָמַרְתָּ
3 לִזְבֹּחַ לַיהוָה בָּאתִי׃ וְקָרָאתָ לְיִשַׁי בַּזָּבַח וְאָנֹכִי אוֹדִיעֲךָ
4 אֵת אֲשֶׁר־תַּעֲשֶׂה וּמָשַׁחְתָּ לִי אֵת אֲשֶׁר־אֹמַר אֵלֶיךָ׃ וַיַּעַשׂ
שְׁמוּאֵל אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה וַיָּבֹא בֵּית לָחֶם וַיֶּחֶרְדוּ
ה זִקְנֵי הָעִיר לִקְרָאתוֹ וַיֹּאמֶר שָׁלֹם בּוֹאֶךָ׃ וַיֹּאמֶר ׀ שָׁלוֹם
לִזְבֹּחַ לַיהוָה בָּאתִי הִתְקַדְּשׁוּ וּבָאתֶם אִתִּי בַּזָּבַח וַיְקַדֵּשׁ
6 אֶת־יִשַׁי וְאֶת־בָּנָיו וַיִּקְרָא לָהֶם לַזָּבַח׃ וַיְהִי בְּבוֹאָם
וַיַּרְא אֶת־אֱלִיאָב וַיֹּאמֶר אַךְ נֶגֶד יְהוָה מְשִׁיחוֹ׃
7 וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל אַל־תַּבֵּט אֶל־מַרְאֵהוּ וְאֶל־גְּבֹהַּ
קוֹמָתוֹ כִּי מְאַסְתִּיהוּ כִּי ׀ לֹא אֲשֶׁר יִרְאֶה הָאָדָם כִּי הָאָדָם
8 יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַיהוָה יִרְאֶה לַלֵּבָב׃ וַיִּקְרָא יִשַׁי אֶל־
אֲבִינָדָב וַיַּעֲבִרֵהוּ לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר גַּם־בָּזֶה לֹא־בָחַר
9 יְהוָה׃ וַיַּעֲבֵר יִשַׁי שַׁמָּה וַיֹּאמֶר גַּם־בָּזֶה לֹא־בָחַר יְהוָה׃
י וַיַּעֲבֵר יִשַׁי שִׁבְעַת בָּנָיו לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־
11 יִשַׁי לֹא־בָחַר יְהוָה בָּאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־יִשַׁי הֲתַמּוּ
הַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר עוֹד שָׁאַר הַקָּטָן וְהִנֵּה רֹעֶה בַּצֹּאן וַיֹּאמֶר
שְׁמוּאֵל אֶל־יִשַׁי שִׁלְחָה וְקָחֶנּוּ כִּי לֹא־נָסֹב עַד־בֹּאוֹ פֹה׃
12 וַיִּשְׁלַח וַיְבִיאֵהוּ וְהוּא אַדְמוֹנִי עִם־יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי
13 וַיֹּאמֶר יְהוָה קוּם מְשָׁחֵהוּ כִּי־זֶה הוּא׃ וַיִּקַּח
שְׁמוּאֵל אֶת־קֶרֶן הַשֶּׁמֶן וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ בְּקֶרֶב אֶחָיו וַתִּצְלַח

רוח

2 ׳ פסקא באמצע פסוק  4. ׳ סבירין ויאמרו  7. ׳ הל׳ נפתח  12. ׳ פסקא באמצע פסוק

35 און שמואל האָט ניט מעהר געזעהן שאול'ן ביז צו דעם טאָג פון זיין טויט ;
דען שמואל האָט געטרויערט וועגען שאול, ווייל גאָט האָט זיך בעדענקט
דאָס ער האָט שאול'ן געמאַכט קעניג איבער ישראל.

## קאַפּיטעל טז

1 און גאָט האָט געזאָגט צו שמואל : ווי לאַנג טרויערסטו איבער שאול,
און איך האָב דאָך איהם פעראַכטעט דאָס ער זאָל ניט רעגיערען איבער
ישראל, פיל אָן דיין האָרן מיט אייל, און געה, איך וועל דיך שיקען צו
ישי פון בית לחם, דען איך האָב אויסגעקליבען איינעם פון זיינע זיהן
(פאר מיר) פאר אַ קעניג.
2 און שמואל האָט געזאָגט : ווי קען איך געהן ? ווען שאול וועט עס הע־
רען וועט ער דאָך מיך אומברענגען. און גאָט האָט געזאָגט : דו זאָלסט
אין דיין האַנד נעהמען אַ רינד־קאלב, און זאָלסט זאָגען : איך בין געקו־
מען צו שלאַכטען צו גאָט.
3 און דו זאָלסט איינלאַדען ישי צו דעם אָפּפער, און איך וועל דיר לאָזען
וויסען וואָס דו זאָלסט טהאָן, און דו זאָלסט זאלבען פאר מיר דעם וואָס
איך וועל דיר זאָגען.
4 און שמואל האָט געטהאָן דאָס וואָס גאָט האָט גערעדט און ער איז געקו־
מען נאָך בית לחם, און די עלטסטע פון שטאָדט האָבען געאיילט איהם
צו בעגעגענען, און האָבען געזאָגט : דיין קומען זאָל זיין שלום (פריעדען).
5 און ער האָט געענטפערט : שלום, איך בין געקומען צו אָפּפערן צו גאָט,
הייליגט אייך, און קומט מיט מיר צום שלאַכט־אָפּפער ; און ער האָט
געהייליגט ישי און זיינע זיהן און האָט זיי אײַנגעלאַדען צום אָפּפער.
6 און עס איז געשעהען, ווי זיי זיינען געקומען, האָט ער געזעהן אליאב'ן,
און ער האָט געטראַכט : געוויס, דאַ שטעהט פאר גאָט זיין געזאלבטער.
7 אָבער גאָט האָט געזאָגט צו שמואל'ן : דו זאָלסט ניט קוקען אויף זיין
געשטאַלט, און אויף די הויכקייט פון זיין געוואוקס, דען איך האָב איהם
פעראַכטעט ; דען ניט ווי אַ מענש זעהט (זעהט גאָט), דען דער מענש
זעהט נור נאָך די אויגען, אָבער גאָט זעהט נאָך דעם האַרץ.
8 און ישי האָט גערופען צו אבינדב, און האָט איהם פערבייגעפיהרט פאר
שמואל'ן. און ער (שמואל) האָט געזאָגט : אויך דיעזען האָט גאָט ניט
אויסערוועהלט.
9 און ישי האָט פערבייגעפיהרט שמה, און ער (שמואל) האָט געזאָגט : אויך
דיעזען האָט גאָט ניט אויסערוועהלט.
10 און ישי האָט פערבייגעפיהרט זיינע זיעבען זיהן פאר שמואל, און שמואל
האָט געזאָגט צו ישי : גאָט האָט דיעזע ניט אויסערוועהלט.
11 און שמואל האָט געזאָגט צו ישי : זיינען די יונגען געענדיגט ? (זיינען
דאָס אלע ?) און ער האָט געזאָגט : עס איז נאָך איבערגעבליעבען דער
אינגסטער, זעה, ער ווײדעט די שאָף, און שמואל האָט געזאָגט צו ישי :
שיק דאָך און ברענג איהם דען מיר וועלען זיך ניט זעצען צום מאָהלצייט
ביז ער וועט דאָ קומען.
12 און ער האָט געשיקט און האָט איהם געבראַכט, און דער איז געוועזן רויט
מיט שעהנע אויגען, און פון גוטען אויסזעהען, און גאָט האָט געזאָגט :
שטעה אויף, זאַלב איהם, דען ער איז דאָס.
13 און שמואל האָט גענומען דעם האָרן מיט אייל און האָט איהם געזאלבט
אין מיטען פון זיינע ברידער, און גאָטס גייסט האָט זיך געשטאַרקט אויף

רוּחַ־יְהוָה אֶל־דָּוִד מֵהַיּוֹם הַהוּא וָמָעְלָה וַיָּקָם שְׁמוּאֵל
14 וַיֵּלֶךְ הָרָמָתָה׃ וְרוּחַ יְהוָה סָרָה מֵעִם שָׁאוּל וּבִעֲתַתּוּ
טו רוּחַ־רָעָה מֵאֵת יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי־שָׁאוּל אֵלָיו הִנֵּה־
16 נָא רוּחַ־אֱלֹהִים רָעָה מְבַעִתֶּךָ׃ יֹאמַר־נָא אֲדֹנֵנוּ עֲבָדֶיךָ
לְפָנֶיךָ יְבַקְשׁוּ אִישׁ יֹדֵעַ מְנַגֵּן בַּכִּנּוֹר וְהָיָה בִּהְיוֹת עָלֶיךָ
17 רוּחַ־אֱלֹהִים רָעָה וְנִגֵּן בְּיָדוֹ וְטוֹב לָךְ׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־
18 עֲבָדָיו רְאוּ־נָא לִי אִישׁ מֵיטִיב לְנַגֵּן וַהֲבִיאוֹתֶם אֵלָי׃ וַיַּעַן
אֶחָד מֵהַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר הִנֵּה רָאִיתִי בֵּן לְיִשַׁי בֵּית הַלַּחְמִי
יֹדֵעַ נַגֵּן וְגִבּוֹר חַיִל וְאִישׁ מִלְחָמָה וּנְבוֹן דָּבָר וְאִישׁ תֹּאַר
19 וַיהוָה עִמּוֹ׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים אֶל־יִשָׁי וַיֹּאמֶר שִׁלְחָה
כ אֵלַי אֶת־דָּוִד בִּנְךָ אֲשֶׁר בַּצֹּאן׃ וַיִּקַּח יִשַׁי חֲמוֹר לֶחֶם
וְנֹאד יַיִן וּגְדִי עִזִּים אֶחָד וַיִּשְׁלַח בְּיַד־דָּוִד בְּנוֹ אֶל־שָׁאוּל׃
21 וַיָּבֹא דָוִד אֶל־שָׁאוּל וַיַּעֲמֹד לְפָנָיו וַיֶּאֱהָבֵהוּ מְאֹד וַיְהִי־
22 לוֹ נֹשֵׂא כֵלִים׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל אֶל־יִשַׁי לֵאמֹר יַעֲמָד־נָא
23 דָוִד לְפָנַי כִּי־מָצָא חֵן בְּעֵינָי׃ וְהָיָה בִּהְיוֹת רוּחַ־אֱלֹהִים
אֶל־שָׁאוּל וְלָקַח דָּוִד אֶת־הַכִּנּוֹר וְנִגֵּן בְּיָדוֹ וְרָוַח לְשָׁאוּל
וְטוֹב לוֹ וְסָרָה מֵעָלָיו רוּחַ הָרָעָה׃

## CAP. XVII. יז

א וַיַּאַסְפוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־מַחֲנֵיהֶם לַמִּלְחָמָה וַיֵּאָסְפוּ שֹׂכֹה
אֲשֶׁר לִיהוּדָה וַיַּחֲנוּ בֵּין־שׂוֹכֹה וּבֵין־עֲזֵקָה בְּאֶפֶס דַּמִּים׃
2 וְשָׁאוּל וְאִישׁ־יִשְׂרָאֵל נֶאֶסְפוּ וַיַּחֲנוּ בְּעֵמֶק הָאֵלָה וַיַּעַרְכוּ
3 מִלְחָמָה לִקְרַאת פְּלִשְׁתִּים׃ וּפְלִשְׁתִּים עֹמְדִים אֶל־הָהָר
4 מִזֶּה וְיִשְׂרָאֵל עֹמְדִים אֶל־הָהָר מִזֶּה וְהַגַּיְא בֵּינֵיהֶם׃ וַיֵּצֵא
אִישׁ־הַבֵּנַיִם מִמַּחֲנוֹת פְּלִשְׁתִּים גָּלְיָת שְׁמוֹ מִגַּת גָּבְהוֹ שֵׁשׁ
ה אַמּוֹת וָזָרֶת׃ וְכוֹבַע נְחֹשֶׁת עַל־רֹאשׁוֹ וְשִׁרְיוֹן קַשְׂקַשִּׂים הוּא
לָבוּשׁ וּמִשְׁקַל הַשִּׁרְיוֹן חֲמֵשֶׁת־אֲלָפִים שְׁקָלִים נְחֹשֶׁת׃
6 7 וּמִצְחַת נְחֹשֶׁת עַל־רַגְלָיו וְכִידוֹן נְחֹשֶׁת בֵּין כְּתֵפָיו׃ וְחֵץ

חניתו

וחץ v. 7. ועץ קרי

דוד'ן פון יענעם טאָג אָן און ווייטער. און דאַן איז שמואל אויפגעשטאַנען און געגאַנגען נאָך רמה.
14 אָבער פון שאול האָט גאָטס גייסט אָפּגעקערט, און אַ שלעכטער גייסט פון גאָט פלעגט איהם דערשרעקען.
15 און שאול'ס קנעכט האָבען געזאָגט צו איהם: זעה דאָך, אַ שלעכטער גייסט פון גאָט דערשרעקט דיך.
16 לאָז נור אונזער הערר זאָגען, דיינע קנעכט שטעהן דיר צו דיענען; לאָז מען זוכען אַ מאַן וואָס פערשטעהט צו שפּיעלען פּיעדעל, און עס וועט זיין, ווען עס וועט קומען אויף דיר דער בייזער גייסט פון גאָט, וועט ער שפּיע־לען מיט זיין האַנד, און עס וועט דיר בעסער ווערען.
17 און שאול האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: זעהט דאָך צו געפינען פאַר מיר אַ מאַן וואָס קען גוט שפּיעלען, און ברענגט איהם צו מיר.
18 און איינער פון די יונגען האָט געענטפערט און געזאָגט: זעהט, איך האָב געזעהן אַ זוהן פון ישי פון בית לחם, וועלכער פערשטעהט צו שפּיע־לען, און איז אַ שטאַרקער העלד, און אַ קריעגס־מאַן, און איז פערשטענדיג אין יעדער זאַך, אויך פון שעהנעם אנזעהן, און גאָט איז מיט איהם.
19 און שאול האָט געשיקט שלוחים צו ישי און האָט געזאָגט: שיק דאָך צו מיר דיין זוהן דוד, וועלכער איז ביי די שאָף.
20 און ישי האָט גענומען איין אייזעל בעלאַדען מיט ברויט און אַ לאָגעל וויין, און איין יונגע ציגעלע, און האָט עס געשיקט דורך דוד זיין זוהן צו שאול.
21 און דוד איז געקומען צו שאול און ער איז געשטאַנען פאַר איהם, און ער (שאול) האָט איהם זעהר געליעבט, און ער (דוד) איז געוואָרען זיין וואַ־פען־טרעגער.
22 און שאול האָט געשיקט צו ישי און האָט איהם געלאָזט זאָגען: לאָז דאָך דוד שטעהן פאַר מיר (שטענדיג), דען ער האָט געפונען גונסט אין מיינע אויגען.
23 און עס איז געשעהן, דאָס ווען דער (שלעכטער) גייסט פון גאָט פלעגט קומען אויף שאול, דאַן פלעגט דוד נעהמען די פּידעל און האָט געשפּיעלט מיט זיין האַנד, און עס פלעגט שאול'ן ווערען גרינגער און בעסער, און דער שלעכטער גייסט פלעגט אָפּקעהרען פון איהם.

קאַפּיטעל יז

1 און די פלשתים האָבען פערזאַמעלט זייערע לאַגערס צום שטרייטען; און זיי האָבען זיך פערזאַמעלט אין שוכה וואָס געהערט צו יהודה. און זיי האָבען געלאַגערט צווישען שוכה און עזקה אין אפס דמים.
2 און שאול און די מענער פון ישראל האָבען זיך פערזאַמעלט און האָבען געלאַגערט אין דעם טהאַל פון די לינדען־בוימען, און האָבען זיך געשטעלט אין אָרדנונג קעגען די פלשתים צו דער מלחמה.
3 און די פלשתים זיינען געשטאַנען אויף איין באַרג פון דיעזער זייט, און די ישראל זיינען געשטאַנען אויף איין באַרג פון יענער זייט, און דער טהאַל איז געווען צווישען זיי.
4 און עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ מאַן, אַ פערמיטלער, פון די לאַגערס פון די פלשתים, זיין נאָמען איז געווען גלית, פון גת, זיין הויך איז געווען זעקס איילען און אַ שפּאַן.
5 און אַ הוט פון קופּער (האָט ער געטראָגען) אויף זיין קאָפּ, און מיט אַ שופּענפּאַנצער איז ער געווען אָנגעטהאָן; דאָס געוויכט פון דעם פּאַנ־צער איז געווען פינף טויזענד שקל קופּער.
6 און גלאַנציגע בלעכען פון קופּער (ווי אַ שטערען) אויף זיינע פיס, און אַ שפּיז פון קופּער צווישען זיינע שולטערען.

חֲנִיתוֹ כִּמְנוֹר אֹרְגִים וְלַהֶבֶת חֲנִיתוֹ שֵׁשׁ־מֵאוֹת שְׁקָלִים
8 בַּרְזֶל וְנֹשֵׂא הַצִּנָּה הֹלֵךְ לְפָנָיו׃ וַיַּעֲמֹד וַיִּקְרָא אֶל־מַעַרְכֹת
יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר לָהֶם לָמָּה תֵצְאוּ לַעֲרֹךְ מִלְחָמָה הֲלוֹא
אָנֹכִי הַפְּלִשְׁתִּי וְאַתֶּם עֲבָדִים לְשָׁאוּל בְּרוּ־לָכֶם אִישׁ וְיֵרֵד
9 אֵלָי׃ אִם־יוּכַל לְהִלָּחֵם אִתִּי וְהִכָּנִי וְהָיִינוּ לָכֶם לַעֲבָדִים
וְאִם־אֲנִי אוּכַל־לוֹ וְהִכִּיתִיו וִהְיִיתֶם לָנוּ לַעֲבָדִים וַעֲבַדְתֶּם
י אֹתָנוּ׃ וַיֹּאמֶר הַפְּלִשְׁתִּי אֲנִי חֵרַפְתִּי אֶת־מַעַרְכוֹת יִשְׂרָאֵל
11 הַיּוֹם הַזֶּה תְּנוּ־לִי אִישׁ וְנִלָּחֲמָה יָחַד׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל וְכָל־
יִשְׂרָאֵל אֶת־דִּבְרֵי הַפְּלִשְׁתִּי הָאֵלֶּה וַיֵּחַתּוּ וַיִּרְאוּ מְאֹד׃
12 וְדָוִד בֶּן־אִישׁ אֶפְרָתִי הַזֶּה מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה וּשְׁמוֹ
יִשַׁי וְלוֹ שְׁמֹנָה בָנִים וְהָאִישׁ בִּימֵי שָׁאוּל זָקֵן בָּא בַאֲנָשִׁים׃
13 וַיֵּלְכוּ שְׁלֹשֶׁת בְּנֵי־יִשַׁי הַגְּדֹלִים הָלְכוּ אַחֲרֵי־שָׁאוּל
לַמִּלְחָמָה וְשֵׁם ׀ שְׁלֹשֶׁת בָּנָיו אֲשֶׁר הָלְכוּ בַּמִּלְחָמָה
14 אֱלִיאָב הַבְּכוֹר וּמִשְׁנֵהוּ אֲבִינָדָב וְהַשְּׁלִשִׁי שַׁמָּה׃ וְדָוִד
טו הוּא הַקָּטָן וּשְׁלֹשָׁה הַגְּדֹלִים הָלְכוּ אַחֲרֵי שָׁאוּל׃ וְדָוִד
הֹלֵךְ וָשָׁב מֵעַל שָׁאוּל לִרְעוֹת אֶת־צֹאן אָבִיו בֵּית־לָחֶם׃
16 וַיִּגַּשׁ הַפְּלִשְׁתִּי הַשְׁכֵּם וְהַעֲרֵב וַיִּתְיַצֵּב אַרְבָּעִים יוֹם׃
17 וַיֹּאמֶר יִשַׁי לְדָוִד בְּנוֹ קַח־נָא לְאַחֶיךָ אֵיפַת הַקָּלִיא הַזֶּה
18 וַעֲשָׂרָה לֶחֶם הַזֶּה וְהָרֵץ הַמַּחֲנֶה לְאַחֶיךָ׃ וְאֵת עֲשֶׂרֶת
חֲרִצֵי הֶחָלָב הָאֵלֶּה תָּבִיא לְשַׂר הָאָלֶף וְאֶת־אַחֶיךָ
19 תִּפְקֹד לְשָׁלוֹם וְאֶת־עֲרֻבָּתָם תִּקָּח׃ וְשָׁאוּל וְהֵמָּה וְכָל־
אִישׁ יִשְׂרָאֵל בְּעֵמֶק הָאֵלָה נִלְחָמִים עִם־פְּלִשְׁתִּים׃
כ וַיַּשְׁכֵּם דָּוִד בַּבֹּקֶר וַיִּטֹּשׁ אֶת־הַצֹּאן עַל־שֹׁמֵר וַיִּשָּׂא וַיֵּלֶךְ
כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ יִשָׁי וַיָּבֹא הַמַּעְגָּלָה וְהַחַיִל הַיֹּצֵא אֶל־הַמַּעֲרָכָה
21 וְהֵרֵעוּ בַּמִּלְחָמָה׃ וַתַּעֲרֹךְ יִשְׂרָאֵל וּפְלִשְׁתִּים מַעֲרָכָה
22 לִקְרַאת מַעֲרָכָה׃ וַיִּטֹּשׁ דָּוִד אֶת־הַכֵּלִים מֵעָלָיו עַל־יַד
שׁוֹמֵר הַכֵּלִים וַיָּרָץ הַמַּעֲרָכָה וַיָּבֹא וַיִּשְׁאַל לְאֶחָיו לְשָׁלוֹם׃

והוא

v. 9. קמץ בז״ק   v. 12. הב בפתח

7 און די שטאַנג פון זיין שפּיז איז געווען דיק ווי אַ וועבערס האָלץ, און די
קלינג פון זיין שפּיז איז געווען שווער זעקס הונדערט שקל אייזען. און אַ
שילד־טרעגער איז געגאַנגען פאַר איהם.
8 און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט אויסגעשריען צו די לאַגערס
פון ישראל און האָט געזאָגט צו זיי : וואָרום זאָלט איהר אַרויסגעהן אָנ־
צוריכטען אַ שטרייט ? איך בין דאָך נאָר אַ פּלשתי, איהר אָבער זייט
דאָך קנעכט פון (דעם העלד) שאול, טו קלייבט אייך אויס אַ מאַן און לאָז
ער אַראָבניעדערען צו מיר.
9 אויב ער וועט קענען שטרייטען מיט מיר און וועט מיר ערשלאָגען, דאַן
וועלען מיר זיין קנעכט צו אייך, אָבער אויב איך וועל איהם בייקומען און
וועל איהם ערשלאָגען דאַן זאָלט איהר זיין קנעכט צו אונז און זאָלט אונז
דיענען.
10 און דער פּלשתי האָט ווייטער געזאָגט : איך האָב היינט געלעסטערט די
לאַגערס פון ישראל ; אַלזאָ גיט מיר אַ מאַן און לאָזען מיר שטרייטען
צוזאַמען.
11 און שאול און גאַנץ ישראל האָבען געהערט דיעזע רייד פון דעם פּלשתי,
און זיי זיינען דערשראָקען געוואָרען און האָבען זעהר געפירכטעט.
12 און (ווייעדער וועגען) דוד, ער איז געווען דער זוהן פון יענעם מאַן, דער
אפרתי פון בית לחם יהודה, וואָס זיין נאָמען איז געווען ישי, און ער האָט
געהאַט אַכט זיהן, און ער איז געווען אין די טעג פון שאול אַ עלטסטער
און ער האָט געהערט צו די אַנגעזעהנע מענער.
13 און די דריי זיהן פון ישי זיינען געגאַנגען, נאָך שאול אין דער מלחמה,
און די נעמען פון זיינע דריי עלטערע זיהן וועלכע זיינען געגאַנגען אין
דער מלחמה ; דער ערשטגעבאָרענער אליאב, און זיין צווייטער זוהן
אַבינדב, און דער דריטער שמה.
14 און דוד, ער איז געווען דער אינגסטער, און די דריי עלטסטע זיינען נאָכ־
געגאַנגען נאָך שאול.
15 און דוד פלעגט געהען און צוריקקעהרען פון שאול צו פיטערען זיין פאָ־
טער׳ס שאָף אין בית לחם.
16 און דער פּלשתי האָט אַזוי גענעהנט אין דער פריה און שפּעט אין אָבענד,
און האָט זיך אַזוי געשטעלט (מיט זיין אויפרוף) גאַנצע פערציג טעג.
17 און ישי האָט געזאָגט צו דוד : נעהם דאָך פאַר דיינע ברידער דיעזע מאָס
געברענטע זאַנגען, און דיעזע צעהן ברויטען, און ברענג עס געשווינד אין
דעם לאַגער צו דיינע ברידער.
18 און דיעזע צעהן קעז זאָלסטו ברענגען צו דעם עלטסטען איבער די טויזענד,
און דיינע ברידער זאָלסטו געריסען און זיך ערקונדיגען נאָך זייער וואָהל־
זיין, און נעהם אַוועק זייער באָרגשאַפט, בעצאָהל פאַר אַלעם וואָס זיי
האָבען געבאָרגט.
19 און שאול און זיי און אַלע מענער פון ישראל האָבען געלאַגערט אין טהאָל
פון די לינדענבוימער ; זיי האָבען געשטריטען מיט די פּלשתים.
20 און דוד איז אויפגעשטאַנען פריה אין מאָרגען, און האָט איבערגעלאָזען
דאָס שאָף צו אַ היטער, און האָט געטראָגען (די זאַכען) און איז געגאַנ־
גען, אַזוי ווי ישי האָט איהם געבאָטען, און ער איז געקומען צום צירקעל
פון לאַגער, און צו די זעלנער וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען צום קריעגס־
פּלאַץ, און וואָס האָבען געשאַלט מיט אַ ליאַרעם צו דעם קריעג.
21 און די ישראל און די פּלשתים האָבען זיך אָנגעברייט, אַ קריעגס־אָרדע־
נונג קעגען אַ קריעגס־אָרדענונג.
22 און דוד האָט איבערגעלאָזען די געפּעק וואָס ער האָט געטראָגען, צו דער
האַנד פון דעם היטער פון די געפּעק, און ער איז געלאָפען צו דער שלאַכט

23 וְה֣וּא ׀ מְדַבֵּ֣ר עִמָּ֗ם וְהִנֵּ֣ה אִ֣ישׁ הַבֵּנַ֡יִם עוֹלֶה֩ גָּלְיָ֨ת הַפְּלִשְׁתִּ֤י
שְׁמוֹ֙ מִגַּ֔ת מִמַּעַרְוֺ֣ת פְּלִשְׁתִּ֔ים וַיְדַבֵּ֕ר כַּדְּבָרִ֖ים הָאֵ֑לֶּה
24 וַיִּשְׁמַ֖ע דָּוִֽד׃ וְכֹל֙ אִ֣ישׁ יִשְׂרָאֵ֔ל בִּרְאוֹתָ֖ם אֶת־הָאִ֑ישׁ וַיָּנֻ֙סוּ֙
כה מִפָּנָ֔יו וַיִּֽירְא֖וּ מְאֹֽד׃ וַיֹּ֣אמֶר ׀ אִ֣ישׁ יִשְׂרָאֵ֗ל הַרְּאִיתֶם֙ הָאִ֤ישׁ
הָֽעֹלֶה֙ הַזֶּ֔ה כִּ֛י לְחָרֵ֥ף אֶת־יִשְׂרָאֵ֖ל עֹלֶ֑ה וְֽהָיָ֡ה הָאִ֣ישׁ
אֲשֶׁר־יַכֶּ֩נּוּ֩ יַעְשְׁרֶ֨נּוּ ׀ הַמֶּ֜לֶךְ ׀ עֹ֣שֶׁר גָּד֗וֹל וְאֶת־בִּתּוֹ֙ יִתֶּן־
26 ל֔וֹ וְאֵת֙ בֵּ֣ית אָבִ֔יו יַעֲשֶׂ֥ה חָפְשִׁ֖י בְּיִשְׂרָאֵֽל׃ וַיֹּ֣אמֶר
דָּוִ֗ד אֶֽל־הָאֲנָשִׁ֞ים הָעֹמְדִ֣ים עִמּוֹ֮ לֵאמֹר֒ מַה־יֵּעָשֶׂ֗ה לָאִישׁ֙
אֲשֶׁ֤ר יַכֶּה֙ אֶת־הַפְּלִשְׁתִּ֣י הַלָּ֔ז וְהֵסִ֥יר חֶרְפָּ֖ה מֵעַ֣ל יִשְׂרָאֵ֑ל
כִּ֣י מִ֗י הַפְּלִשְׁתִּ֤י הֶֽעָרֵל֙ הַזֶּ֔ה כִּ֣י חֵרֵ֔ף מַעַרְכ֖וֹת אֱלֹהִ֥ים
27 חַיִּֽים׃ וַיֹּ֤אמֶר לוֹ֙ הָעָ֔ם כַּדָּבָ֥ר הַזֶּ֖ה לֵאמֹ֑ר כֹּ֣ה יֵעָשֶׂ֔ה
28 לָאִ֖ישׁ אֲשֶׁ֥ר יַכֶּֽנּוּ׃ וַיִּשְׁמַ֤ע אֱלִיאָב֙ אָחִ֣יו הַגָּד֔וֹל בְּדַבְּר֖וֹ
אֶל־הָאֲנָשִׁ֑ים וַיִּֽחַר־אַ֨ף אֱלִיאָ֜ב בְּדָוִ֗ד וַיֹּ֣אמֶר ׀ לָמָּה־זֶּ֣ה
יָרַ֗דְתָּ וְעַל־מִ֨י נָטַ֜שְׁתָּ מְעַ֨ט הַצֹּ֤אן הָהֵ֙נָּה֙ בַּמִּדְבָּ֔ר אֲנִ֧י יָדַ֣עְתִּי
אֶת־זְדֹנְךָ֗ וְאֵת֙ רֹ֣עַ לְבָבֶ֔ךָ כִּ֗י לְמַ֛עַן רְא֥וֹת הַמִּלְחָמָ֖ה
29 יָרָֽדְתָּ׃ וַיֹּ֣אמֶר דָּוִ֔ד מֶ֥ה עָשִׂ֖יתִי עָ֑תָּה הֲל֖וֹא דָּבָ֥ר הֽוּא׃
ל וַיִּסֹּ֤ב מֵֽאֶצְלוֹ֙ אֶל־מ֣וּל אַחֵ֔ר וַיֹּ֖אמֶר כַּדָּבָ֣ר הַזֶּ֑ה וַיְשִׁבֻ֤הוּ
31 הָעָם֙ דָּבָ֔ר כַּדָּבָ֖ר הָרִאשֽׁוֹן׃ וַיִּשָּֽׁמְעוּ֙ הַדְּבָרִ֔ים אֲשֶׁ֖ר
32 דִּבֶּ֣ר דָּוִ֑ד וַיַּגִּ֥דוּ לִפְנֵי־שָׁא֖וּל וַיִּקָּחֵֽהוּ׃ וַיֹּ֤אמֶר דָּוִד֙ אֶל־
שָׁא֔וּל אַל־יִפֹּ֥ל לֵב־אָדָ֖ם עָלָ֑יו עַבְדְּךָ֣ יֵלֵ֔ךְ וְנִלְחַ֖ם עִם־
33 הַפְּלִשְׁתִּ֥י הַזֶּֽה׃ וַיֹּ֨אמֶר שָׁא֜וּל אֶל־דָּוִ֗ד לֹ֤א תוּכַל֙ לָלֶ֙כֶת֙
אֶל־הַפְּלִשְׁתִּ֣י הַזֶּ֔ה לְהִלָּחֵ֖ם עִמּ֑וֹ כִּֽי־נַ֣עַר אַ֔תָּה וְה֛וּא אִ֥ישׁ
34 מִלְחָמָ֖ה מִנְּעֻרָֽיו׃ וַיֹּ֤אמֶר דָּוִד֙ אֶל־שָׁא֔וּל רֹעֶ֨ה הָיָ֧ה עַבְדְּךָ֛
לְאָבִ֖יו בַּצֹּ֑אן וּבָ֤א הָֽאֲרִי֙ וְאֶת־הַדּ֔וֹב וְנָשָׂ֥א שֶׂ֖ה מֵהָעֵֽדֶר׃
לה וְיָצָ֧אתִי אַחֲרָ֛יו וְהִכִּתִ֖יו וְהִצַּ֣לְתִּי מִפִּ֑יו וַיָּ֣קָם עָלַ֔י וְהֶחֱזַ֙קְתִּי֙
36 בִּזְקָנ֔וֹ וְהִכִּתִ֖יו וַהֲמִיתִּֽיו׃ גַּ֧ם אֶֽת־הָאֲרִ֛י גַּם־הַדּ֖וֹב הִכָּ֣ה
עַבְדֶּ֑ךָ וְ֠הָיָה הַפְּלִשְׁתִּ֨י הֶעָרֵ֤ל הַזֶּה֙ כְּאַחַ֣ד מֵהֶ֔ם כִּ֣י חֵרֵ֔ף

מערכת

v. 23. ממערכות קרי   v. 25. ר׳ דגושה   v. 34. כצ״ל שה כתיב וקרי   v. 35. הת׳ בדגש

ליניע, און ער האָט געפרעגט זיינע ברידער נאָך זייער וואָהלזיין.
23 און ווען ער האָט גערעדט מיט זיי, ערשט דער פּערמיטלער גלית דער
פּלשתי פון גת איז אַרויפגעגאַנגען, פון די קריעגס ליניע פון די פּלשתים
און ער האָט גערעדט די זעלביגע (דערמאָהנטע) רייד, און דוד האָט עס
געהערט.
24 און אַלע מענער פון ישראל, ווען זיי האָבען דערזעהען דעם מאַן, האָבען
זיי אָבגעוויכט ניט צו קוקען אויף זיין געזיכט, און האָבען זעהר געפירכט.
25 און די מענער פון ישראל האָבען געזאָגט: האָט איהר געזעהען דיעזען
מאַן וואָס געהט אַרויף? דען צו לעסטערען ישראל געהט ער אויף. עס
ווערט אָבער געשעהען דאָס דער מאַן וועלכער ווערט איהם ערשלאָגען, ווערט
דער קעניג איהם רייך מאַכען מיט גרויס רייכטהום, און אויך זיין טאָכטער
ווערט ער געבען צו איהם, און זיין פאָטער'ס הויז (פאַמיליע) ווערט ער
מאַכען פריי (פון אָבגאַבען) אין ישראל.
26 און דוד האָט געזאָגט צו די מענער וואָס זיינען געשטאַנען נעבען איהם:
וואָס ווערט געטהאָן ווערען צו דעם מאַן וועלכער ווערט ערשלאָגען יענעם
פּלשתי, און ווערט אַוועקנעהמען אַ שאַנד פון ישראל? (איז דאָס אַזאַ
גרויסע זאַך?) דען וואָס פאַר אַ ווערטה האָט דיעזער אונבעשניטענער
פּלשתי, ווען ער לעסטערט די קריעגס העלדען פון דעם לעבעדיגען גאָט?
27 אָבער דאָס פאָלק האָט צו איהם געזאָגט וויעדער די זעלביגע: אַזוי און
אַזוי ווערט געטהאָן ווערען צו דעם מאַן וועלכער ווערט איהם ערשלאָגען.
28 און אליאָב זיין עלטסטער ברודער האָט געהערט ווי ער האָט גערעדט מיט
די מענער; און אליאב'ס צאָרן האָט געברענט אויף דוד'ן און ער האָט
געזאָגט: צו וועלכען צוועק ביזטו אַראָבגעקומען? און מיט וועמען
האָסטו איבערגעלאָזען יענע ביסעל שאָף אין דער וויסטע? איך וויים גוט
דיין מוטוויליגקייט און די שלעכטס פון דיין הארץ, געוויס, נאָר זיך איינ־
צוקוקען אויף דער מלחמה ביזטו אַראָבגעקומען.
29 און דוד האָט געזאָגט: וואָס (שלעכטס) האָב איך דען געטהאָן יעצט?
(און וואָס איך רייד) דאָס איז דאָך אָבער אַ וויכטיגע זאַך.
30 און ער (דוד) האָט זיך אָבגעקעהרט פון איהם צו אַן אַנדערען, און האָט
געזאָגט די זעלביגע זאַך, און דאָס פאָלק האָט איהם געגעבען אַן ענטפער
ווי דער ערשטער ענטפער.
31 און די ווערטער וואָס דוד האָט גערעדט, זיינען געהערט געוואָרען, און
מען האָט זיי איבערגעזאָגט פאַר שאול, און ער האָט איהם געלאָזט ברענ־
גען.
32 און דוד האָט געזאָגט צו שאול: לאָז ניט דאָס הארץ פון קיין מענש
פאַלען וועגען איהם, דיין קנעכט ווערט געהן און ווערט שטרייטען מיט
דיעזען פּלשתי.
33 און שאול האָט געזאָגט צו דוד: דו ווערסט ניט קענען געהן צו דיעזען
פּלשתי, צו שטרייטען מיט איהם, דען דו ביזט נאָר אַ איינגעל, ער אָבער
איז אַ קריעגסמאַן פון זיין יוגענד אָן.
34 און דוד האָט געזאָגט צו שאול: דיין קנעכט האָט געפיטערט זיין פאָ־
טער'ס שאָף, און אַ מאָל איז געקומען א לייב מיט אַ בער און איינער
האָט אַוועקגעטראָגען אַ לאַם פון דער הערדע (פון מיינע שעפסען).
35 דאַן בין איך אַרויסגעגאַנגען נאָך איהם, און האָב איהם ערשלאָגען, און
האָב געראַטעוועט (דאָס לאַם) פון זיין מויל; און ווען ער האָט זיך אויפ־
געשטעלט קעגען מיר, האָב איך אָנגענומען ביי זיין באָרד און האָב איהם
ערשלאָגען און געטוידטעט.
36 ביידען, דעם לייב און דעם בער האָט דיין קנעכט ערשלאָגען, נון יעצט
זאָל דיעזער אונבעשניטענער פּלשתי זיין ווי איינער פון זיי, דען ער האָט

37 מערכת אלהים חיים׃ ויאמר דוד יהוה אשר הצלני
מיד הארי ומיד הדב הוא יצילני מיד הפלשתי הזה
* ויאמר שאול אל־דוד לך ויהוה יהיה עמך׃
38 וילבש שאול את־דוד מדיו ונתן קובע נחשת על־ראשו
39 וילבש אתו שריון׃ ויחגר דוד את־חרבו מעל למדיו
ויאל ללכת כי לא־נסה ויאמר דוד אל־שאול לא־אוכל
מ ללכת באלה כי לא נסיתי ויסרם דוד מעליו׃ ויקח
מקלו בידו ויבחר־לו חמשה חלקי־אבנים ׀ מן־הנחל
וישם אתם בכלי הרעים אשר־לו ובילקוט וקלעו בידו
41 ויגש אל־הפלשתי׃ וילך הפלשתי הלך וקרב אל־דוד
42 והאיש נשא הצנה לפניו׃ ויבט הפלשתי ויראה את־
דוד ויבזהו כי־היה נער ואדמני עם־יפה מראה׃
43 ויאמר הפלשתי אל־דוד הכלב אנכי כי־אתה בא־אלי
44 במקלות ויקלל הפלשתי את־דוד באלהיו׃ ויאמר
הפלשתי אל־דוד לכה אלי ואתנה את־בשרך לעוף
מה השמים ולבהמת השדה׃ ויאמר דוד אל־הפלשתי
אתה בא אלי בחרב ובחנית ובכידון ואנכי בא־אליך
בשם יהוה צבאות אלהי מערכות ישראל אשר חרפת׃
46 היום הזה יסגרך יהוה בידי והכיתך והסרתי את־
ראשך מעליך ונתתי פגר מחנה פלשתים היום הזה
לעוף השמים ולחית הארץ וידעו כל־הארץ כי יש
47 אלהים לישראל׃ וידעו כל־הקהל הזה כי־לא בחרב
ובחנית יהושיע יהוה כי ליהוה המלחמה ונתן אתכם
48 בידנו׃ והיה כי־קם הפלשתי וילך ויקרב לקראת דוד
49 וימהר דוד וירץ המערכה לקראת הפלשתי׃ וישלח
דוד את־ידו אל־הכלי ויקח משם אבן ויקלע ויך את־
הפלשתי אל־מצחו ותטבע האבן במצחו ויפל על־פניו

ארצה

v. 37. פסקא באמצע פסוק v. 45. פתח בס״פ

דאָך געלעסטערט די קריעגס־העלדען פון דעם אייביג לעבעדיגען גאָט.

37 און דוד האָט ווייטער געזאָגט : דער זעלביגער גאָט וועלכער האָט מיר געראַטעוועט פון דער האַנד פון דעם לייב, און פון דער האַנד פון דעם בער, ער וועט מיך רעטען פון דער האַנד פון דיעזען פלשתי. און שאול האָט געזאָגט צו דוד'ן : געה, און גאָט זאָל זיין מיט דיר.

38 און שאול האָט אָנגעקליידעט דוד'ן זיינע (אייגענע) קליידער, און ער האָט געזעצט אַ קופּערנעם הוט אויף זיין קאָפּ, און האָט איהם אָנגעקליידעט אַ פּאַנצער.

39 און דוד האָט אָנגעגורט זיין שווערד איבער זיינע קליידער, און האָט אָנגעהויבען געהן, אָבער ער איז ניט געוועזען געוואָהנט, און דוד האָט געזאָגט צו שאול : איך קען ניט געהן מיט דיעזע זאַכען, דען איך בין ניט געוואָהנט. און דוד האָט זיי אַראָבגענומען פון זיך.

40 און ער האָט גענומען זיין שטעקען אין זיין האַנד, און האָט זיך אויסערוועהלט פינף גלאַטע שטיינער פון טהאָל, און האָט זיי אַריינגעלעגט אין זיין הירטענקלייד און אין טאַש, און זיין שליידערער אין זיין האַנד, און ער האָט גענעהנט צו דעם פלשתי.

41 און דער פלשתי איז געגאַנגען און איז געקומען נעהנטער צו דוד, און דער מאַן, דער שילד־טרעגער פאַר איהם.

42 און דער פלשתי האָט געקוקט און האָט דערזעהען דוד, און ער האָט איהם פעראַכטעט ; דען ער איז געוועזען יונג און רויט און דאַצו מיט אַ שעהנעם געשטאַלט.

43 און דער פלשתי האָט געזאָגט צו דוד : בין איך דען א הונד, דאָס דו קומסט צו מיר מיט שטעקענס ? און דער פלשתי האָט געשאָלטען דוד'ן ביי זיין גאָט (דגון).

44 און דער פלשתי האָט געזאָגט צו דוד : קום נאָר אַהער צו מיר, און איך וועל געבען דיין פלייש צו די פויגעלאַך פון הימעל און צו די פיה פון פעלד.

45 און דוד האָט געזאָגט צו דעם פלשתי : דו קומסט צו מיר מיט אַ שווערד און מיט אַ שפּיז און מיט אַ וואורשפּיז, אָבער איך קום צו דיר מיט דעם נאָמען פון גאָט פון די הערשאַרען, דער גאָט פון די קריעגס־ליניען פון ישראל וועלכען דו האָסט געלעסטערט.

46 דעם היינטיגען טאָג וועט גאָט דיך איבערענטפערען אין מיין האַנד, און איך וועל דיך ערשלאָגען, און וועל אַראָבנעהמען דיין קאָפּ פון דיר. און איך וועל געבען די טוידטע קערפּערס פון דעם לאַגער פון די פלשתים, היינטיגען טאָג, צו די פויגעלאַך פון הימעל און צו די ווילדע טהיערען פון דער ערד. און די אַלע איינוואָהנער פון דער ערד זאָלען וויסען דאָס ישראל האָט אַ גאָט.

47 און אַלע דיעזע פערזאַמעלטע זאָלען וויסען דאָס ניט מיט אַ שווערד און מיט אַ שפּיז העלפט גאָט. דען דער זיעג פון מלחמה געהערט צו גאָט, און ער וועט אייך געבען אין אונזער האַנד.

48 און עס איז געשעהען ווען דער פלשתי איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען און האָט זיך גענעהנט קעגען דוד. האָט דוד געאיילט און איז געלאָפען צום קריעגס־פּלאַץ קעגען דעם פלשתי.

49 און דוד האָט געשטרעקט זיין האַנד אין די טאַש, און ער האָט פון דאָרט ארויסגענומען אַ שטיין, און ער האָט געשליידערט, און ער האָט דאַמיט געשלאָגען דעם פלשתי אין זיין שטערען, און דער שטיין איז איינגעזונקען אין זיין שטערען, און ער איז געפאַלען אויף זיין געזיכט צו דער ערד.

נ אָֽרְצָה׃ וַיֶּחֱזַק דָּוִד מִן־הַפְּלִשְׁתִּי בַּקֶּלַע וּבָאֶבֶן וַיַּךְ אֶת־
51 הַפְּלִשְׁתִּי וַיְמִיתֵהוּ וְחֶרֶב אֵין בְּיַד־דָּוִד׃ וַיָּרָץ דָּוִד וַיַּעֲמֹד
אֶל־הַפְּלִשְׁתִּי וַיִּקַּח אֶת־חַרְבּוֹ וַיִּשְׁלְפָהּ מִתַּעְרָהּ וַיְמֹתְתֵהוּ
וַיִּכְרָת־בָּהּ אֶת־רֹאשׁוֹ וַיִּרְאוּ הַפְּלִשְׁתִּים כִּי־מֵת גִּבּוֹרָם
52 וַיָּנֻסוּ׃ וַיָּקֻמוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה וַיָּרִעוּ וַיִּרְדְּפוּ אֶת־
הַפְּלִשְׁתִּים עַד־בּוֹאֲךָ גַיְא וְעַד שַׁעֲרֵי עֶקְרוֹן וַיִּפְּלוּ חַלְלֵי
53 פְלִשְׁתִּים בְּדֶרֶךְ שַׁעֲרַיִם וְעַד־גַּת וְעַד־עֶקְרוֹן׃ וַיָּשֻׁבוּ
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִדְּלֹק אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים וַיָּשֹׁסּוּ אֶת־מַחֲנֵיהֶם׃
54 וַיִּקַּח דָּוִד אֶת־רֹאשׁ הַפְּלִשְׁתִּי וַיְבִאֵהוּ יְרוּשָׁלָםִ וְאֶת־
נה כֵּלָיו שָׂם בְּאָהֳלוֹ׃ וְכִרְאוֹת שָׁאוּל אֶת־דָּוִד יֹצֵא
לִקְרַאת הַפְּלִשְׁתִּי אָמַר אֶל־אַבְנֵר שַׂר הַצָּבָא בֶּן־
מִי־זֶה הַנַּעַר אַבְנֵר וַיֹּאמֶר אַבְנֵר חֵי־נַפְשְׁךָ הַמֶּלֶךְ אִם־
56 יָדָעְתִּי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ שְׁאַל אַתָּה בֶּן־מִי־זֶה הָעָלֶם׃
57 וּכְשׁוּב דָּוִד מֵהַכּוֹת אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיִּקַּח אֹתוֹ אַבְנֵר
58 וַיְבִאֵהוּ לִפְנֵי שָׁאוּל וְרֹאשׁ הַפְּלִשְׁתִּי בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו
שָׁאוּל בֶּן־מִי אַתָּה הַנָּעַר וַיֹּאמֶר דָּוִד בֶּן־עַבְדְּךָ יִשַׁי
בֵּית הַלַּחְמִי׃

## יח CAP. XVIII. יח

א וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ לְדַבֵּר אֶל־שָׁאוּל וְנֶפֶשׁ יְהוֹנָתָן נִקְשְׁרָה
2 בְּנֶפֶשׁ דָּוִד וַיֶּאֱהָבוֹ יְהוֹנָתָן כְּנַפְשׁוֹ׃ וַיִּקָּחֵהוּ שָׁאוּל בַּיּוֹם
3 הַהוּא וְלֹא נְתָנוֹ לָשׁוּב בֵּית אָבִיו׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹנָתָן וְדָוִד
4 בְּרִית בְּאַהֲבָתוֹ אֹתוֹ כְּנַפְשׁוֹ׃ וַיִּתְפַּשֵּׁט יְהוֹנָתָן אֶת־הַמְּעִיל
אֲשֶׁר עָלָיו וַיִּתְּנֵהוּ לְדָוִד וּמַדָּיו וְעַד־חַרְבּוֹ וְעַד־קַשְׁתּוֹ וְעַד־
ה חֲגֹרוֹ׃ וַיֵּצֵא דָוִד בְּכֹל אֲשֶׁר יִשְׁלָחֶנּוּ שָׁאוּל יַשְׂכִּיל וַיְשִׂמֵהוּ
שָׁאוּל עַל אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה וַיִּיטַב בְּעֵינֵי כָל־הָעָם וְגַם
6 בְּעֵינֵי עַבְדֵי שָׁאוּל׃ וַיְהִי בְּבוֹאָם בְּשׁוּב דָּוִד מֵהַכּוֹת
אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַתֵּצֶאנָה הַנָּשִׁים מִכָּל־עָרֵי יִשְׂרָאֵל לָשׁוּר

והמחלות

יח v. 1. ויאהבהו קרי v. 6. לשיר קרי

50 און דוד האָט זיך געשטאַרקט איבער דעם פּלשתי מיט'ן שליידער און מיט
דעם שטיין; און ער האָט איהם געשלאָגען, און נאַכהער געטוידטעט;
און דוד האָט ניט געהאַט אַ שווערד אין זיין האַנד;
51 און דוד איז געלאָפען און האָט זיך געשטעלט ביי דעם פּלשתי, און ער
האָט גענומען זיין אייגענעם שווערד און ער האָט עס אַרויסגעצויגען פון
זיין שייד, און ער האָט איהם געטוידטעט, און ער האָט דאַמיט אָבגעשני־
טען זיין קאָפּ, און אַלס די פּלשתים האָבען געזעהען דאָס זייער העלד איז
טוידט, אַזוי זיינען זיי אַנטלאָפען.
52 און די מענער פון ישראל און יהודה זיינען אויפגעשטאַנען און האָבען גע־
שאַלט, און האָבען נאָכגעיאָגט די פּלשתים ביז צום טהאָל (נעבען עקרון)
און ביז די טהויערען פון עקרון, און די דערשלאָגענע פון די פּלשתים זיי־
נען געפאַלען אין דעם וועג פון די שערים און ביז גת און ביז עקרון.
53 און די קינדער פון ישראל האָבען צוריקגעקעהרט פון דעם הייסען נאָכ־
יאָגען נאָך די פּלשתים. און זיי האָבען געראויבט זייערע לאַגערס.
54 און דוד האָט גענומען דעם קאָפּ פון דעם פּלשתי (און אין אַ צייט שפּעטער
האָט ער איהם געבראַכט נאָך ירושלים), און זיינע געוועהר האָט ער אַוועק־
געלעגט אין זיין געצעלט.
55 און (פריהער) ווען שאול האָט געזעהען ווי דוד געהט אַרויס קעגען דעם
פּלשתי, האָט ער געזאָגט צו אַבנר דעם פעלד הערר: וועמענס זוהן איז
דאָס דיעזער יונג, אַבנר? און אַבנר האָט געזאָגט: זאָ וואַהר ווי דיין
זעעלע לעבט, אָ קעניג, אויב איך ווייס!
56 און דער קעניג האָט געזאָגט: פרעג דו, וועמענס זוהן איז דיעזער יונג.
57 און ווען דוד איז צוריקגעקומען פון שלאָגען דעם פּלשתי, האָט אַבנר איהם
גענומען און האָט איהם געבראַכט פאַר שאול, און דער קאָפּ פון דעם פּלשתי
איז געוועזען אין זיין האַנד.
58 און שאול האָט צו איהם געזאָגט: וועמענס זוהן ביזטו, יונג? און דוד
האָט געזאָגט: דער זוהן פון דיין קנעכט ישי, פון בית לחם.

## קאַפּיטעל יח

1 און עס איז געשעהען, ווי ער האָט געענדיגט ריידען צו שאול, אַזוי איז
די זעעלע פון יהונתן אָנגעבונדען געוואָרען אָן די זעעלע פון דוד. און
יהונתן האָט איהם געליעבט ווי זיך זעלבסט.
2 און שאול האָט איהם גענומען, אין דעם זעלביגען טאָג, און ער האָט איהם
ניט געלאָזען צוריקקעהרען צו זיין פאָטער'ס הויז.
3 און יהונתן האָט געשלאָסען מיט דוד אַ בונד. ווייל ער האָט איהם געליעבט
ווי זיך זעלבסט.
4 און יהונתן האָט אַראָבגעצויגען פון זיך זיין מאַנטעל וואָס ער האָט גע־
טראָגען, און ער האָט עס געגעבען צו דוד, און אויך זיינע אַנדערע
פּרעכטיגע קליידער, ביז צו זיין שווערד און זיין בויגען און זיין גאַרטעל.
5 און דוד איז אַרויסגעצויגען; וואו שאול פלעגט איהם שיקען פלעגט ער
בעגליקען, און שאול האָט איהם געזעצט איבער די קריעגסמענער, און ער
איז געוועזען געפעהלען אין די אויגען פון דעם גאַנצען פאָלק, און אין די
אויגען פון שאול'ס קנעכט.
6 און עס איז געשעהען אין זייער קומען, ווען דוד איז צוריקגעקומען פון
שלאָגען דעם פּלשתי, דאַן זיינען אַרויסגעגאַנגען די ווייבער פון אַלע

והמחלות לקראת שאול המלך בתפים בשמחה
ובשלשים: ותענינה הנשים המשחקות ותאמרן הכה 7
שאול באלפו ודוד ברבבתיו: ויחר לשאול מאד וירע 8
בעיניו הדבר הזה ויאמר נתנו לדוד רבבות ולי נתנו
האלפים ועוד לו אך המלוכה: ויהי שאול עון את־דוד 9
מהיום ההוא והלאה: ויהי ממחרת ותצלח רוח י
אלהים ׀ רעה ׀ אל־שאול ויתנבא בתוך־הבית ודוד מנגן
בידו כיום ׀ ביום והחנית ביד־שאול: ויטל שאול את־ 11
החנית ויאמר אכה בדוד ובקיר ויסב דוד מפניו פעמים:
וירא שאול מלפני דוד כי־היה יהוה עמו ומעם שאול 12
סר: ויסרהו שאול מעמו וישמהו לו שר־אלף ויצא ויבא 13
לפני העם: ויהי דוד לכל־דרכו משכיל ויהוה 14
עמו: וירא שאול אשר־הוא משכיל מאד ויגר מפניו: טו
וכל־ישראל ויהודה אהב את־דוד כי־הוא יוצא ובא 16
לפניהם: ויאמר שאול אל־דוד הנה בתי הגדולה 17
מרב אתה אתן־לך לאשה אך היה־לי לבן־חיל והלחם
מלחמות יהוה ושאול אמר אל־תהי ידי בו ותהי־בו יד־
פלשתים: ויאמר דוד אל־שאול מי אנכי ומי חיי משפחת 18
אבי בישראל כי־אהיה חתן למלך: ויהי בעת תת את־ 19
מרב בת־שאול לדוד והיא נתנה לעדריאל המחלתי
לאשה: ותאהב מיכל בת־שאול את־דוד ויגדו לשאול כ
וישר הדבר בעיניו: ויאמר שאול אתננה לו ותהי־לו 21
למוקש ותהי־בו יד־פלשתים ויאמר שאול אל־דוד
בשתים תתחתן בי היום: ויצו שאול את־עבדו דברו 22
אל־דוד בלט לאמר הנה חפץ בך המלך וכל־עבדיו
אהבוך ועתה התחתן במלך: וידברו עבדי שאול באזני 23
דוד את־הדברים האלה ויאמר דוד הנקלה בעיניכם

התחתן

v. 7 באלפיו קרי   v. 9 עוין קרי   v. 14 דרכיו קרי   v. 22 עבדיו קרי

שטעדט פון ישראל צו זינגען און טאַנצען אַנטקעגען דעם קעניג שאול,
און מיט פּויקען, מיט פרייד, און מיט צימבעלס.
7 און די ווייבער וואָס האָבען געשפּיעלט האָבען געזונגען און געזאָגט:
שאול האָט געשלאָגען זיינע טויזענדער (פיינד) און דוד — זיינע צעהן
טויזענדער.
8 און דאָס האָט שאול'ן זעהר פערדראָסען, און דיזע אויסשפּראַך איז גע־
ווען שלעכט אין זיינע אויגען, און ער האָט געזאָגט: צו דוד'ן האָבען
זיי געגעבען צעהן טויזענדער, און צו מיר האָבען זיי געגעבען בלויז טוי־
זענדער, און וואָס פעהלט איהם נאָך? נאָר די קעניגרייך.
9 און עס איז געשעהען, דאָס פון יענעם טאָג אָן און ווייטער האָט שאול גע־
קוקט אויף דוד'ן מיט פיינדשאַפט.
10 און עס איז געווען דעם אַנדערען מאָרגען, האָט זיך געשטאַרקט אַ שלעכ־
טער גייסט פון גאָט אויף שאול'ן, און ער האָט גערעדט אונזיניגע רייד,
אין הויז, און דוד האָט געשפּיעלט מיט זיין האַנד ווי אַלע טאָג; און דער
שפּיז איז געווען אין שאול'ס האַנד.
11 און שאול האָט געוואָרפען דעם שפּיז און ער האָט געטראַכט: איך וועל
טרעפען דוד'ן און אין וואַנד. אָבער דוד האָט איהם אויסגעמידען, (און
אַזוי) צוויי מאָל.
12 און שאול האָט געפירכטעט פאַר דוד'ן, דען גאָט איז מיט איהם געווען,
אָבער פון שאול'ן האָט ער אָבגעקעהרט.
13 און שאול האָט איהם דערווייטערט פון זיך, און ער האָט איהם געמאַכט
אַן אָנפיהרער איבער טויזענד. און ער איז אַרויסגעגאַנגען און אַריינגע־
קומען פאַר דעם פאָלק.
14 און דוד איז געווען גליקליך אין זיינע אַלע וועגען, ווייל גאָט איז געווען
מיט איהם.
15 און שאול האָט געזעהען, דאָס ער איז זעהר גליקליך, האָט ער זיך גע־
שראָקען פאַר איהם.
16 און גאַנץ ישראל און יהודה האָבען געליעבט דוד'ן, דען ער ציהט אַרויס
און אַריין פאַר זיי.
17 און שאול האָט געזאָגט צו דוד: זעה דאָך, מיין עלטסטע טאָכטער מרב,
די וועל איך דיר געבען פאַר אַ ווייב, נאָר זיי פאַר מיר אַ טאַפּפערער
מאַן, און שטרייט די שטרייטס פון גאָט. שאול אָבער האָט געטראַכט:
לאָז ניט מיין האַנד זיין אַן איהם, און לאָז די האַנד פון די פלשתים זיין
אַן איהם.
18 און דוד האָט געזאָגט צו שאול: ווער בין איך און וואָס איז מיין לעבען,
און וואָס איז די פאַמיליע פון מיין פאָטער אין ישראל, דאָס איך זאָל
ווערען אַן איידעם צום קעניג?
19 און עס איז געווען אין דער צייט דאָס מרב די טאָכטער פון שאול האָט
געזאָלט געגעבען ווערען צו דוד, איז זי געגעבען געוואָרען צו עדריאל
פון מחלת פאַר אַ ווייב.
20 און מיכל די טאָכטער פון שאול האָט געליעבט דוד'ן, און מען האָט עס
געזאָגט צו שאול'ן, און די זאַך איז געווען רעכט אין זיינע אויגען.
21 און שאול האָט געטראַכט: איך וועל איהר געבען צו איהם, און זי וועט
זיין צו איהם אַ שטרויכלונג, און די האַנד פון די פלשתים וועט זיין אַן
איהם. און שאול האָט געזאָגט צו דוד: דורך איינע פון די צוויי וועסטו
היינט (שוין פאַרט) ווערען מיין איידעם.
22 און שאול האָט געבאָטען זיינע קנעכט: רעדט צו דוד'ן אין געהיים און
זאָגט: זעה, דער קעניג פערלאַנגט דיך; און זיינע אַלע קנעכט ליעבען
דיך, און יעצט ווער דעם קעניג'ס איידעם.

24 הִתְחַתֵּן בַּמֶּלֶךְ וְאָנֹכִי אִישׁ־רָשׁ וְנִקְלֶה׃ וַיַּגִּדוּ עַבְדֵי
שָׁאוּל לוֹ לֵאמֹר כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה דִּבֶּר דָּוִד׃
כה וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כֹּה־תֹאמְרוּ לְדָוִד אֵין־חֵפֶץ לַמֶּלֶךְ בְּמֹהַר
כִּי בְּמֵאָה עָרְלוֹת פְּלִשְׁתִּים לְהִנָּקֵם בְּאֹיְבֵי הַמֶּלֶךְ וְשָׁאוּל
26 חָשַׁב לְהַפִּיל אֶת־דָּוִד בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּגִּדוּ עֲבָדָיו לְדָוִד
אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּשַׁר הַדָּבָר בְּעֵינֵי דָוִד לְהִתְחַתֵּן
27 בַּמֶּלֶךְ וְלֹא מָלְאוּ הַיָּמִים׃ וַיָּקָם דָּוִד וַיֵּלֶךְ ׀ הוּא וַאֲנָשָׁיו
וַיַּךְ בַּפְּלִשְׁתִּים מָאתַיִם אִישׁ וַיָּבֵא דָוִד אֶת־עָרְלֹתֵיהֶם
וַיְמַלְאוּם לַמֶּלֶךְ לְהִתְחַתֵּן בַּמֶּלֶךְ וַיִּתֶּן־לוֹ שָׁאוּל אֶת־מִיכַל
28 בִּתּוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיַּרְא שָׁאוּל וַיֵּדַע כִּי יְהוָה עִם־דָּוִד וּמִיכַל
29 בַּת־שָׁאוּל אֲהֵבַתְהוּ׃ וַיֹּאסֶף שָׁאוּל לֵרֹא מִפְּנֵי דָוִד עוֹד
ל וַיְהִי שָׁאוּל אֹיֵב אֶת־דָּוִד כָּל־הַיָּמִים׃ וַיֵּצְאוּ שָׂרֵי
פְלִשְׁתִּים וַיְהִי ׀ מִדֵּי צֵאתָם שָׂכַל דָּוִד מִכֹּל עַבְדֵי שָׁאוּל
וַיִּיקַר שְׁמוֹ מְאֹד׃

## CAP. XIX. יט

יט

א וַיְדַבֵּר שָׁאוּל אֶל־יוֹנָתָן בְּנוֹ וְאֶל־כָּל־עֲבָדָיו לְהָמִית אֶת־
2 דָּוִד וִיהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל חָפֵץ בְּדָוִד מְאֹד׃ וַיַּגֵּד יְהוֹנָתָן
לְדָוִד לֵאמֹר מְבַקֵּשׁ שָׁאוּל אָבִי לַהֲמִיתֶךָ וְעַתָּה הִשָּׁמֶר־
3 נָא בַבֹּקֶר וְיָשַׁבְתָּ בַסֵּתֶר וְנַחְבֵּאתָ׃ וַאֲנִי אֵצֵא וְעָמַדְתִּי
לְיַד־אָבִי בַּשָּׂדֶה אֲשֶׁר אַתָּה שָׁם וַאֲנִי אֲדַבֵּר בְּךָ אֶל־אָבִי
4 וְרָאִיתִי מָה וְהִגַּדְתִּי לָךְ׃ וַיְדַבֵּר יְהוֹנָתָן בְּדָוִד טוֹב
אֶל־שָׁאוּל אָבִיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַל־יֶחֱטָא הַמֶּלֶךְ בְּעַבְדּוֹ
ה בְדָוִד כִּי לוֹא חָטָא לָךְ וְכִי מַעֲשָׂיו טוֹב־לְךָ מְאֹד׃ וַיָּשֶׂם
אֶת־נַפְשׁוֹ בְכַפּוֹ וַיַּךְ אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיַּעַשׂ יְהוָה תְּשׁוּעָה
גְדוֹלָה לְכָל־יִשְׂרָאֵל רָאִיתָ וַתִּשְׂמָח וְלָמָּה תֶחֱטָא בְּדָם
6 נָקִי לְהָמִית אֶת־דָּוִד חִנָּם׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל בְּקוֹל יְהוֹנָתָן
7 וַיִּשָּׁבַע שָׁאוּל חַי־יְהוָה אִם־יוּמָת׃ וַיִּקְרָא יְהוֹנָתָן לְדָוִד

ויגד

י״ח v. 28. פתח בס״פ  v. 29. ויוסף קרי

23 און שאול'ס קנעכט האָבען גערעדט אין די אויערען פון דוד דיעזע רייד, און דוד האָט געזאָגט: איז דאָס אין אייערע אויגען אַ גרינגע זאַך צו ווערען דעם קעניג'ס אַן איידעם? און איך בין דאָך נאָר אַן אָרעמער און אַן אונגעאַכטעטער מאַן.

24 און שאול'ס קנעכט האָבען עס געזאָגט צו איהם (שאול) אַזוי: אַזעלכע רייד האָט דוד גערעדט.

25 און שאול האָט געזאָגט: אַזוי זאָלט איהר זאָגען צו דוד: דער קעניג פערלאַנגט ניט קיין מהר (געשענק), זאָנדערען הונדערט ערלות (פאַרהויטע) פון די פּלשתים, אום ראַכע צו נעהמען פון דעם קעניג'ס פיינד. שאול אָבער האָט געטראַכט צו מאַכען פאַלען דוד'ן אין די האַנד פון די פּלשתים.

26 און זיינע קנעכט האָבען געזאָגט צו דוד'ן דיעזע רייד, און די זאַך איז געפעהלען געוואָרען אין די אויגען פון דוד, צו ווערען דעם קעניג'ס אַן איידעם: און די בעשטימטע צייטען זיינען נאָך ניט פול געוואָרען.

27 און דוד איז אויפגעשטאַנען, און ער מיט זיינע מענער זיינען געגאַנגען, און ער האָט ערשלאָגען פון די פּלשתים צוויי הונדערט מאַן, און דוד האָט געבראַכט זייערע פאַרהויטען, און מען האָט זיי דעם פולען צאָהל אָבגעגעבען דעם קעניג, דאָס ער זאָל ווערען דעם קעניג'ס איידעם, און שאול האָט איהם געגעבען זיין טאָכטער מיכל פאַר אַ ווייב.

28 און שאול האָט אייגעזעהען און געוואוסט דאָס גאָט איז מיט דוד'ן, דען זאָגאַר מיכל, שאול'ס אייגענע טאָכטער האָט איהם געליעבט.

29 און דאַריבער האָט שאול נאָך מעהר געפירכטעט פאַר דוד'ן; און שאול האָט געהאַסט דוד'ן אַלע טעג.

30 און די פירשטען פון די פּלשתים זיינען אַרויסגעגאַנגען (צו מלחמה), אָבער עס איז געשעהען, ווען זיי פלעגען אַרויסגעהן פלעגט דוד זיין גליקליכער מעהר פון אַלע שאול'ס קנעכט, און זיין נאָמען איז געוועזען זעהר געשעצט.

## קאַפּיטעל יט

1 און שאול האָט גערעדט צו יהונתן זיין זוהן, און צו אַלע זיינע קנעכט, צו טוידטען דוד'ן, אָבער יהונתן שאול'ס זוהן איז געוועזען זעהר געניינגט צו דוד.

2 און יהונתן האָט עס בעריכטעט צו דוד און געזאָגט: מיין פאָטער שאול זוכט דיך צו טוידטען. דארום נעהם זיך מאָרגען אין אַכט, און זאָלסט זיצען אין אַ פערבאָרגענעם אָרט, און בעהאַלט זיך.

3 און איך וועל אַרויסגעהען און וועל זיך שטעלען אין דער זייט פון מיין פאָטער, אויף דעם פעלד וואו דו ביזט דאָרט (בעהאַלטען), און איך זעלבסט וועל ריידען וועגען דיר צו מיין פאָטער, און איך וועל זעהען ווי עס האַלט און וועל עס דיר אָנזאָגען.

4 און יהונתן האָט גערעדט וועגען דוד גוטעס צו זיין פאָטער שאול, און ער האָט צו איהם געזאָגט: לאָז דאָך ניט דער קעניג זינדיגען (צו גאָט) ביים טהאָן אַן אומרעכט צו זיין קנעכט דוד; דען ער האָט ניט פערבראָכען קעגען דיר, און פיעל מעהר זיינען זיינע אַלע ווערק זעהר גוט פאַר דיר.

5 און ער האָט זיין לעבען געלעגט אין זיין האַנד, און ער האָט דערשלאָגען דעם פּלשתי; און גאָט האָט געמאַכט אַ גרויסע הילף פאַר גאַנץ ישראל. דו האָסט עס געזעהען און האָסט זיך געפרעהט; און וואָרום זאָלסטו זינדיגען (צו גאָט) מיט אומשולדיגע בלוט, צו טוידטען דוד'ן אומזיסט?

6 און שאול האָט געהערט צום שטים פון יהונתן, און שאול האָט געשוואָרען; זאָ וואָהר ווי גאָט לעבט, ער זאָל ניט געטוידטעט ווערען.

7 און יהונתן האָט גערופען דוד'ן, און יהונתן האָט איהם דערצעהלט אַלע

וַיַּגֶּד־לוֹ יְהוֹנָתָן אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיָּבֵא יְהוֹנָתָן אֶת־
8 דָּוִד אֶל־שָׁאוּל וַיְהִי לְפָנָיו כְּאֶתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃ וַתּוֹסֶף
הַמִּלְחָמָה לִהְיוֹת וַיֵּצֵא דָוִד וַיִּלָּחֶם בַּפְּלִשְׁתִּים וַיַּךְ בָּהֶם
9 מַכָּה גְדוֹלָה וַיָּנֻסוּ מִפָּנָיו׃ וַתְּהִי רוּחַ יְהוָה ׀ רָעָה אֶל־
שָׁאוּל וְהוּא בְּבֵיתוֹ יוֹשֵׁב וַחֲנִיתוֹ בְּיָדוֹ וְדָוִד מְנַגֵּן בְּיָד׃
י וַיְבַקֵּשׁ שָׁאוּל לְהַכּוֹת בַּחֲנִית בְּדָוִד וּבַקִּיר וַיִּפְטַר מִפְּנֵי
שָׁאוּל וַיַּךְ אֶת־הַחֲנִית בַּקִּיר וְדָוִד נָס וַיִּמָּלֵט בַּלַּיְלָה הוּא׃
11 וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים אֶל־בֵּית דָּוִד לְשָׁמְרוֹ וְלַהֲמִיתוֹ
בַּבֹּקֶר וַתַּגֵּד לְדָוִד מִיכַל אִשְׁתּוֹ לֵאמֹר אִם־אֵינְךָ מְמַלֵּט
12 אֶת־נַפְשְׁךָ הַלַּיְלָה מָחָר אַתָּה מוּמָת׃ וַתֹּרֶד מִיכַל אֶת־
13 דָּוִד בְּעַד הַחַלּוֹן וַיֵּלֶךְ וַיִּבְרַח וַיִּמָּלֵט׃ וַתִּקַּח מִיכַל אֶת־
הַתְּרָפִים וַתָּשֶׂם אֶל־הַמִּטָּה וְאֵת כְּבִיר הָעִזִּים שָׂמָה
14 מְרַאֲשֹׁתָיו וַתְּכַס בַּבָּגֶד׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים לָקַחַת
טו אֶת־דָּוִד וַתֹּאמֶר חֹלֶה הוּא׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל אֶת־הַמַּלְאָכִים
לִרְאוֹת אֶת־דָּוִד לֵאמֹר הַעֲלוּ אֹתוֹ בַמִּטָּה אֵלַי לַהֲמִתוֹ׃
16 וַיָּבֹאוּ הַמַּלְאָכִים וְהִנֵּה הַתְּרָפִים אֶל־הַמִּטָּה וּכְבִיר הָעִזִּים
17 מְרַאֲשֹׁתָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־מִיכַל לָמָּה כָּכָה רִמִּיתִנִי
וַתְּשַׁלְּחִי אֶת־אֹיְבִי וַיִּמָּלֵט וַתֹּאמֶר מִיכַל אֶל־שָׁאוּל הוּא־
18 אָמַר אֵלַי שַׁלְּחִנִי לָמָה אֲמִיתֵךְ׃ וְדָוִד בָּרַח וַיִּמָּלֵט וַיָּבֹא
אֶל־שְׁמוּאֵל הָרָמָתָה וַיַּגֶּד־לוֹ אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה־לוֹ שָׁאוּל
19 וַיֵּלֶךְ הוּא וּשְׁמוּאֵל וַיֵּשְׁבוּ בְּנָוֹית׃ וַיֻּגַּד לְשָׁאוּל לֵאמֹר
כ הִנֵּה דָוִד בְּנָוֹית בָּרָמָה׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים לָקַחַת
אֶת־דָּוִד וַיַּרְא אֶת־לַהֲקַת הַנְּבִיאִים נִבְּאִים וּשְׁמוּאֵל עֹמֵד
נִצָּב עֲלֵיהֶם וַתְּהִי עַל־מַלְאֲכֵי שָׁאוּל רוּחַ אֱלֹהִים וַיִּתְנַבְּאוּ
21 גַּם־הֵמָּה׃ וַיַּגִּדוּ לְשָׁאוּל וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֲחֵרִים וַיִּתְנַבְּאוּ
גַּם־הֵמָּה וַיֹּסֶף שָׁאוּל וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים שְׁלִשִׁים וַיִּתְנַבְּאוּ
22 גַּם־הֵמָּה׃ וַיֵּלֶךְ גַּם־הוּא הָרָמָתָה וַיָּבֹא עַד־בּוֹר הַגָּדוֹל

אשר

v. 7. כ״א לשאול   v. 10. סבירין ההוא   v. 18. בניות קרי   v. 19. בניות קרי

דיעזע רייד. און יהונתן האָט געבראַכט דוד'ן צו שאול און ער איז פאַר איהם געווען ווי פריהער.
8 און די שטרייט איז אָנגעגאַנגען ווייטער, און דוד איז אַרויסגעגאַנגען און ער האָט געשטריטען מיט די פּלשתים, און ער האָט געשלאָגען אין זיי אַ גרויסען שלאַג, און זיי זיינען אַנטלאָפען פאַר איהם.
9 און אַ בייזער גייסט פון גאָט איז ווידער געקומען אויף שאול'ן; און ער איז געזעסען אין זיין הויז מיט זיין שפּיז אין זיין האַנד; ווען דוד האָט געשפּיעלט מיט דער האַנד.
10 און שאול האָט געזוכט צו דערשלאָגען דוד'ן מיט'ן שפּיז און צו טרע־פען אין די וואַנד, אָבער ער האָט זיך אָבגעצויגען פון שאול'ס געזיכט, און דער האָט דעם שפּיז געשלאָגען אין די וואַנד, און דוד איז אַנטלאָפען, און איז אַנטרונען געוואָרען אין יענע נאַכט.
11 און שאול האָט געשיקט שלוחים צו דוד'ס הויז איהם צו היטען און איהם צו טוידטען אין דער פריה; אָבער זיין ווייב מיכל האָט אָנגעזאָגט דוד'ן אַזוי: אויב דו רעטעסט ניט דיין לעבען די נאַכט, ביזטו מאָרגען גע־טוידטעט.
12 און מיכל האָט אַראָבגעלאָזען דוד'ן דורך דעם פענסטער, און ער איז אַוועק, און איז אַנטלאָפען און אַנטרונען געוואָרען.
13 און מיכל האָט גענומען די בילדער און האָט זיי אַריינגעלעגט אין בעט, און אַ מאַטראַץ פון ציעגען האָאר האָט זי געלעגט צו קאָפּענס, און זי האָט עס צו געדעקט מיט אַ קלייד.
14 און שאול האָט געשיקט שלוחים צו נעהמען דוד'ן (מיט געוואלד), און זי האָט געזאָגט: ער איז קראַנק.
15 און שאול האָט געשיקט די שלוחים צו זעהען דוד'ן, מיט אַ בעפעהל: ברענגט איהם אַרויף צו מיר מיט דעם בעט, איהם צו טוידטען.
16 און די שלוחים זיינען געקומען, און ערשט, די בילדער זיינען אין בעט, און די מאַטראַץ פון ציעגען האָאר צו קאָפּענס.
17 און שאול האָט געזאָגט צו מיכל: וואָרום האָסטו מיך אַזוי גענאַרט, און האָסט אַוועקגעשיקט מיין פיינד, און ער איז אַנטרונען געוואָרען? און מיכל האָט געזאָגט צו שאול: ער האָט צו מיר געזאָגט: לאָז מיך געהן, וואָרום זאָל איך דיך טוידטען.
18 און דוד איז אַנטלאָפען און אַנטרונען געוואָרען, און ער איז געקומען צו שמואל נאָך רמה, און ער האָט איהם דערצעהלט אַלעס וואָס שאול האָט צו איהם געטהאָן, און ער איז געגאַנגען און שמואל, און זיי זיינען פער־בליעבען אין ניות.
19 און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו שאול: זעה, דוד געפינט זיך אין ניות אין רבה.
20 און שאול האָט געשיקט שלוחים צו ברענגען דוד, און ווי זיי האָבען גע־זעהען די פערזאַמלונג פון די נביאים ריידען בעגייסטערט און שמואל שטעהט און אונטערריכט זיי, דאָ איז געקומען אויף שאול'ס שלוחים גאָט'ס גייסט, און זיי זיינען אויך שטאַרק בעגייסטערט געוואָרען.
21 און מען האָט עס אָנגעזאָגט צו שאול, און ער האָט געשיקט אַנדערע שלוחים, אָבער אויך זיי זיינען בעגייסטערט געוואָרען, און ער האָט גע־מעהרט און ער האָט געשיקט שלוחים צום דריטען מאָל, אָבער אויך די זיינען בעגייסטערט געוואָרען.
22 און ער אַליין איז אויך געגאַנגען נאָך רמה, און ער איז געקומען ביז צו

אֲשֶׁר בַּשֵּׂכוּ וַיִּשְׁאַל וַיֹּאמֶר אֵיפֹה שְׁמוּאֵל וְדָוִד וַיֹּאמֶר
23 הִנֵּה בְּנָוֹית בָּרָמָה׃ וַיֵּלֶךְ שָׁם אֶל־נָוֹית בָּרָמָה וַתְּהִי
עָלָיו גַּם־הוּא רוּחַ אֱלֹהִים וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וַיִּתְנַבֵּא עַד־בֹּאוֹ
24 בְּנָוֹית בָּרָמָה׃ וַיִּפְשַׁט גַּם־הוּא בְּגָדָיו וַיִּתְנַבֵּא גַם־הוּא
לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיִּפֹּל עָרֹם כָּל־הַיּוֹם הַהוּא וְכָל־הַלָּיְלָה עַל־
כֵּן יֹאמְרוּ הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִיאִם׃

## CAP. XX. כ

כ

א וַיִּבְרַח דָּוִד מִנָּוֹות בָּרָמָה וַיָּבֹא וַיֹּאמֶר ׀ לִפְנֵי יְהוֹנָתָן מֶה
עָשִׂיתִי מֶה־עֲוֹנִי וּמֶה־חַטָּאתִי לִפְנֵי אָבִיךָ כִּי מְבַקֵּשׁ אֶת־
2 נַפְשִׁי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ חָלִילָה לֹא תָמוּת הִנֵּה לוֹ־עָשָׂה אָבִי
דָּבָר גָּדוֹל אוֹ דָּבָר קָטֹן וְלֹא יִגְלֶה אֶת־אָזְנִי וּמַדּוּעַ יַסְתִּיר
3 אָבִי מִמֶּנִּי אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֵין זֹאת׃ וַיִּשָּׁבַע עוֹד דָּוִד
וַיֹּאמֶר יָדֹעַ יָדַע אָבִיךָ כִּי־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ וַיֹּאמֶר אַל־
יֵדַע־זֹאת יְהוֹנָתָן פֶּן־יֵעָצֵב וְאוּלָם חַי־יְהוָה וְחֵי נַפְשֶׁךָ כִּי
4 כְפֶשַׂע בֵּינִי וּבֵין הַמָּוֶת׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד מַה־תֹּאמַר
ה נַפְשְׁךָ וְאֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוֹנָתָן הִנֵּה־חֹדֶשׁ
מָחָר וְאָנֹכִי יָשֹׁב־אֵשֵׁב עִם־הַמֶּלֶךְ לֶאֱכוֹל וְשִׁלַּחְתַּנִי
6 וְנִסְתַּרְתִּי בַשָּׂדֶה עַד הָעֶרֶב הַשְּׁלִשִׁית׃ אִם־פָּקֹד יִפְקְדֵנִי
אָבִיךָ וְאָמַרְתָּ נִשְׁאֹל נִשְׁאַל מִמֶּנִּי דָוִד לָרוּץ בֵּית־לֶחֶם
7 עִירוֹ כִּי־זֶבַח הַיָּמִים שָׁם לְכָל־הַמִּשְׁפָּחָה׃ אִם־כֹּה יֹאמַר
טוֹב שָׁלוֹם לְעַבְדֶּךָ וְאִם־חָרֹה יֶחֱרֶה לוֹ דַּע כִּי־כָלְתָה
8 הָרָעָה מֵעִמּוֹ׃ וְעָשִׂיתָ חֶסֶד עַל־עַבְדֶּךָ כִּי בִּבְרִית יְהוָה
הֵבֵאתָ אֶת־עַבְדְּךָ עִמָּךְ וְאִם־יֶשׁ־בִּי עָוֹן הֲמִיתֵנִי אַתָּה וְעַד־
9 אָבִיךָ לָמָּה־זֶּה תְבִיאֵנִי׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן חָלִילָה לָּךְ כִּי ׀
אִם־יָדֹעַ אֵדַע כִּי־כָלְתָה הָרָעָה מֵעִם אָבִי לָבוֹא עָלֶיךָ וְלֹא
י אֹתָהּ אַגִּיד לָךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוֹנָתָן מִי יַגִּיד לִי אוֹ
11 מַה־יַּעַנְךָ אָבִיךָ קָשָׁה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד לְכָה וְנֵצֵא

הַשָּׂדֶה

י״ט v. 22. בניות קרי v. 23. נוית קרי ibid. בנוית קרי כ׳ v. 1. מנוית קרי
v. 2. לא יעשה קרי

די גרויסע גרוב וואָס איז אין שכו, און ער האָט געפרעגט און געזאָגט :
וואו איז שמואל און דוד ? און מען האָט געזאָגט : זעה, אין ניות אין
רמה.
23 און ער איז געגאַנגען דאָרטען, נאָך ניות אין רמה, און עס איז אויך
אויף איהם געווען גאָט'ס גייסט און ער איז געגאַנגען און איז געוואָרען
אַלץ מעהר בעגייסטערט ביז ער איז אָנגעקומען אין ניות אין רמה.
24 און אויך ער האָט אַראָבגענומען זיינע אויבער־קליידער, און אויך ער האָט
געזונגען בעגייסטערט פאַר שמואל, און ער איז געלעגען נאַקעט (אָהן די
אויבער קליידער) יענעם גאַנצען טאָג און די גאַנצע נאַכט. דאַרום האָט
מען ווידער אָנגעהויבען צו זאָגען : איז אויך שאול צווישען די נביאים?

## קאַפּיטעל כ

1 און דוד איז אַנטלאָפען פון ניות רמה און ער איז געקומען און ער האָט
געזאָגט צו יהונתן : וואָס האָב איך געטהאָן, וואָס איז מיין שולד און
וואָס איז מיין זינד קעגען דיין פאָטער דאָס ער זוכט מיין לעבען ?
2 און ער האָט געזאָגט צו איהם : דאָס זאָל זיין ווייט ; דו וועסט ניט
שטאַרבען, זעה, מיין פאָטער טהוט ניט אַ גרויסע זאַך אָדער אַ קליינע
זאַך, דאָס ער זאָל דאָס ניט אָפּענבאַרען צו מיין אויער, און וואָרום זאָל
מיין פאָטער פאַרבאָרגען פון מיר דיזע זאַך ? עס קען ניט זיין.
3 און דוד האָט נאָך אַ מאָל געשוואָרען און געזאָגט : דיין פאָטער ווייס
געוויס אַז איך האָב געפונען גונסט אין דיינע אויגען און ער דענקט : לאָז
ניט יהונתן וויסען דאָס, דאָס ער זאָל ניט האָבען פערדרוס, אָבער אַזוי
וואַהר ווי גאָט לעבט און ווי דיין זעעל לעבט, דאָס עס איז נאָר איין שריט
צווישען מיר און דעם טוידט.
4 און יהונתן האָט געזאָגט צו דוד : וואָס נאָר דיין זעעל וועט זאָגען וועל
איך טהאָן פאַר דיר.
5 און דוד האָט געזאָגט צו יהונתן : זעה, מאָרגען איז ראש חדש, און איך
דאַרף זיצען ווי שטענדיג ביים קיניג'ס טיש צו עסען. אָבער דו שיק מיך
אַוועק, און איך וועל זיך פאַרבאָרגען אין פעלד ביז דעם אָבענד פון דריט־
טען טאָג.
6 אויב דיין פאָטער וועט אָן מיר גערענקען, זאָלסטו זאָגען : דוד האָט פון
מיר שטאַרק געבעטען, צו אַיילען נאָך בית לחם זיין שטאָדט ; דען זיי
האַלטען דאָרט אַ יעהרליכען אָפּפער פאַר די גאַנצע פאַמיליע.
7 ווען ער וועט זאָגען : גוט ! אַזוי איז פריעדען צו דיין קנעכט, אָבער
אויב זיין צאָרן וועט גרימען, דאַן ווייס, דאָס ביי איהם איז בעשלאָסען
שלעכטס קעגען מיר.
8 דו זאָלסט גנאַדע טהאָן מיט דיין קנעכט, דען אין אַ בונד פון גאָט האָסטו
דאָך געבראַכט דיין קנעכט מיט דיר ; אָבער אויב עס איז דאָ אין מיר
אַ שולד, אַזוי טוידט מיך דו, דאָך וואָצו זאָלסטו מיך ברענגען צו דיין
פאָטער ?
9 און יהונתן האָט געזאָגט : ווייט זאָל דאָס זיין פון דיר ; דען ווען איך
זאָל נאָר וויסען דאָס עס איז בעשלאָסען ביי מיין פאָטער צו קומען ברענ־
גען שלעכטס איבער דיך, וועל איך דען ניט גלייך דאָס זאָגען צו דיר ?
10 און דוד האָט געזאָגט צו יהונתן : ווער וועט עס מיר זאָגען, אויב דיין
פאָטער וועט ענטפערען האַרט ?
11 און יהונתן האָט געזאָגט צו דוד : קום, לאָזען מיר אַרויסגעהען אויף
דעם פעלד, און זיי זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען אויף דעם פעלד.

12 הַשָּׂדֶה וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם הַשָּׂדֶה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כִּי־אֶחְקֹר אֶת־אָבִי כָּעֵת ׀ מָחָר
הַשְּׁלִשִׁית וְהִנֵּה־טוֹב אֶל־דָּוִד וְלֹא־אָז אֶשְׁלַח אֵלֶיךָ וְגָלִיתִי
13 אֶת־אָזְנֶךָ׃ כֹּה־יַעֲשֶׂה יְהוָה לִיהוֹנָתָן וְכֹה יֹסִיף כִּי־יֵיטִב
אֶל־אָבִי אֶת־הָרָעָה עָלֶיךָ וְגָלִיתִי אֶת־אָזְנֶךָ וְשִׁלַּחְתִּיךָ
וְהָלַכְתָּ לְשָׁלוֹם וִיהִי יְהוָה עִמָּךְ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם־אָבִי׃
14 וְלֹא אִם־עוֹדֶנִּי חָי וְלֹא־תַעֲשֶׂה עִמָּדִי חֶסֶד יְהוָה וְלֹא אָמוּת׃
טו וְלֹא־תַכְרִית אֶת־חַסְדְּךָ מֵעִם בֵּיתִי עַד־עוֹלָם וְלֹא בְּהַכְרִת
16 יְהוָה אֶת־אֹיְבֵי דָוִד אִישׁ מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹנָתָן
17 עִם־בֵּית דָּוִד וּבִקֵּשׁ יְהוָה מִיַּד אֹיְבֵי דָוִד׃ וַיּוֹסֶף יְהוֹנָתָן
לְהַשְׁבִּיעַ אֶת־דָּוִד בְּאַהֲבָתוֹ אֹתוֹ כִּי־אַהֲבַת נַפְשׁוֹ אֲהֵבוֹ׃
18 וַיֹּאמֶר־לוֹ יְהוֹנָתָן מָחָר חֹדֶשׁ וְנִפְקַדְתָּ כִּי יִפָּקֵד
19 מוֹשָׁבֶךָ׃ וְשִׁלַּשְׁתָּ תֵּרֵד מְאֹד וּבָאתָ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־
נִסְתַּרְתָּ שָּׁם בְּיוֹם הַמַּעֲשֶׂה וְיָשַׁבְתָּ אֵצֶל הָאֶבֶן הָאָזֶל׃
כ וַאֲנִי שְׁלֹשֶׁת הַחִצִּים צִדָּה אוֹרֶה לְשַׁלַּח־לִי לְמַטָּרָה׃
21 וְהִנֵּה אֶשְׁלַח אֶת־הַנַּעַר לֵךְ מְצָא אֶת־הַחִצִּים אִם־אָמֹר
אֹמַר לַנַּעַר הִנֵּה הַחִצִּים ׀ מִמְּךָ וָהֵנָּה קָחֶנּוּ וָבֹאָה כִּי־שָׁלוֹם
22 לְךָ וְאֵין דָּבָר חַי־יְהוָה׃ וְאִם־כֹּה אֹמַר לָעֶלֶם הִנֵּה הַחִצִּים
23 מִמְּךָ וָהָלְאָה לֵךְ כִּי שִׁלַּחֲךָ יְהוָה׃ וְהַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְנוּ
24 אֲנִי וָאָתָּה הִנֵּה יְהוָה בֵּינִי וּבֵינְךָ עַד־עוֹלָם׃ וַיִּסָּתֵר
דָּוִד בַּשָּׂדֶה וַיְהִי הַחֹדֶשׁ וַיֵּשֶׁב הַמֶּלֶךְ עַל־הַלֶּחֶם לֶאֱכוֹל׃
כה וַיֵּשֶׁב הַמֶּלֶךְ עַל־מוֹשָׁבוֹ כְּפַעַם ׀ בְּפַעַם אֶל־מוֹשַׁב הַקִּיר
וַיָּקָם יְהוֹנָתָן וַיֵּשֶׁב אַבְנֵר מִצַּד שָׁאוּל וַיִּפָּקֵד מְקוֹם דָּוִד׃
26 וְלֹא־דִבֶּר שָׁאוּל מְאוּמָה בַּיּוֹם הַהוּא כִּי אָמַר מִקְרֶה
27 הוּא בִּלְתִּי טָהוֹר הוּא כִּי־לֹא טָהוֹר׃ וַיְהִי מִמָּחֳרַת
הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי וַיִּפָּקֵד מְקוֹם דָּוִד וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־יְהוֹנָתָן
בְּנוֹ מַדּוּעַ לֹא־בָא בֶן־יִשַׁי גַּם־תְּמוֹל גַּם־הַיּוֹם אֶל־הַלָּחֶם׃

ויען

v. 18. הפטרה מחר ר״ח ביום א׳   v. 20. הז רפה   v. 24. אל פרי

12 און יהונתן האָט געזאָגט צו דוד: איך שווער ביי גאָט דעם גאָט פֿון
ישׂראל, דאָס ווען איך וועל אויספֿאָרשען מיין פֿאָטער אַרום דיעזע צייט
איבערמאָרגען, און זעהן, אויב ער איז גוט צו דיר, וועל איך דען ניט שי־
קען דאַן און אָפֿענבאַרען דיין אויער?
13 אַזוי זאָל גאָט טהאָן צו יהונתן און אַזוי זאָל ער ווייטער טהאָן. און אויב
עס וועט אָבער געפֿעהלען מיין פֿאָטער צו ברענגען שלעכטס איבער דיר,
וועל איך (אויך) אָפֿענבארען דיין אויער און איך וועל דיך אַוועקשיקען
און דו וועסט געהען אין פֿריעדען. און גאָט וועט זיין מיט דיר ווי ער איז
(אַ מאָל) געווען מיט מיין פֿאָטער.
14 (און דאָס צווייפֿעל איך גאָר ניט), דאָס אויב איך וועל נאָך לעבען, וועסטו
דען ניט טהאָן מיט מיר אַ געטליכע גנאַדע דאָס איך זאָל ניט שטאַרבען
(געטויטעט ווערען).
15 נאָר דאָס בעט איך דיר, דאָס דו זאָלסט ניט אָבברעכען דיין גנאַד אויף
פֿון מיין הויזגעזינד אויף אייביג, און אויך ניט דאַמאלס ווען גאָט וועט
פֿערשניידען דוד׳ס פֿיינד, יעדערען, פֿון דער געזיכט פֿון דער ערד.
16 און יהונתן האָט געשלאָסען אַ בונד מיט דוד׳ס הויזגעזינד, און ער (דוד)
האָט געזאָגט: גאָט זאָל זוכען פֿון די האַנד פֿון דוד׳ס פֿיינד. ד. ה.
גאָט זאָל שטראָפֿען דוד׳ן אויב ער וועט ברעכען דעם בונד.
17 און יהונתן האָט נאָך מעהר געמאַכט שווערען דוד׳ן, מיט (די גרעסטע)
ליעבע פֿאַר איהם, דען ער האָט איהם געליעבט ווי זיין אייגענעם לעבען.
18 און יהונתן האָט געזאָגט צו איהם: מאָרגען איז ראש חדש, און דו וועסט
דערמאָהנט ווערען, דען דיין זיץ וועט זיין לעדיג.
19 און אין דעם דריטען טאָג בעהאַלט זיך זעהר טיעף, און זאָלסט קומען צו
יענעם אָרט וואו דו האָסט זיך בעהאַלטען אין דעם טאָג פֿון יענער גע־
שיכטע, און זאָלסט זיצען ביי דעם שטיין אזל.
20 און איך וועל שיסען דריי פֿיילען ביי דער זייט (פֿון שטיין), אַזוי ווי איך
וואָלט וועלען שיסען צו אַ ציעל.
21 און זעה, איך וועל שיקען דעם יונג, געה, געפֿין די פֿיילען! אויב איך
וועל זאָגען צו דעם יונג: זעה, די פֿיילען זיינען אויף דיין זייט אַהער,
דאַן נעהם דאָס (פֿאַר אַ צייכען) און קום, דען פֿריעדען איז צו דיר, און
קיין זאַך; אַזוי וואהר ווי גאָט לעבט.
22 אָבער אויב איך וועל אַזוי זאָגען צו דעם יונג; זעה, די פֿיילען זיינען
ווייט פֿון דיר, דאַן געה, דען גאָט האָט דיך אַוועקגעשיקט.
23 און די זאַך וואָס מיר האָבען גערעדט, איך און דו, זעה, גאָט איז איין
עדות צווישען מיר און דיר אויף אייביג.
24 און דוד האָט זיך פֿאַרבאָרגען אין פֿעלד; און ס׳איז געקומען ראש חדש,
דאָ האָט זיך דער קעניג געזעצט צום מאָהלצייט צו עסען.
25 און דער קעניג איז געזעסען אויף זיין זיץ, ווי יעדעס מאָל, אויף דעם זיץ
ביי דער וואַנד, און יהונתן איז אויפֿגעשטאַנען, און אַבנר האָט זיך געזעצט
אָן דער זייט פֿון שאול, און דוד׳ס פּלאַץ איז געבליעבען לעדיג.
26 און שאול האָט גאָר ניט גערעדט יענעם טאָג, דען ער האָט געדאַכט;
דאָס איז אַ צופֿאַל, פֿיעלייכט איז ער (דוד) ניט ריין; געווים מוז ער
ניט ריין זיין.
27 און עס איז געשעהען אין דעם צווייטען טאָג פֿון ראש חדש, איז ווייטער
לעדיג געבליעבען דוד׳ס פּלאַץ, און שאול האָט געזאָגט צו זיין זוהן
יהונתן: ווארום איז ניט געקומען דער זוהן פֿון ישי צום מאָהלצייט,
אויך ניט נעכטען און אויך ניט היינט?

28 וַיַּעַן יְהוֹנָתָן אֶת־שָׁאוּל נִשְׁאֹל נִשְׁאַל דָּוִד מֵעִמָּדִי עַד־בֵּית
29 לָחֶם׃ וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֵנִי נָא כִּי זֶבַח מִשְׁפָּחָה לָנוּ בָּעִיר וְהוּא
צִוָּה־לִי אָחִי וְעַתָּה אִם־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אִמָּלְטָה נָּא
וְאֶרְאֶה אֶת־אֶחָי עַל־כֵּן לֹא־בָא אֶל־שֻׁלְחַן הַמֶּלֶךְ׃
ל וַיִּחַר־אַף שָׁאוּל בִּיהוֹנָתָן וַיֹּאמֶר לוֹ בֶּן־נַעֲוַת הַמַּרְדּוּת
הֲלוֹא יָדַעְתִּי כִּי־בֹחֵר אַתָּה לְבֶן־יִשַׁי לְבָשְׁתְּךָ וּלְבֹשֶׁת
31 עֶרְוַת אִמֶּךָ׃ כִּי כָל־הַיָּמִים אֲשֶׁר בֶּן־יִשַׁי חַי עַל־הָאֲדָמָה
לֹא תִכּוֹן אַתָּה וּמַלְכוּתֶךָ וְעַתָּה שְׁלַח וְקַח אֹתוֹ אֵלַי כִּי
32 בֶן־מָוֶת הוּא׃ וַיַּעַן יְהוֹנָתָן אֶת־שָׁאוּל אָבִיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו
33 לָמָּה יוּמַת מֶה עָשָׂה׃ וַיָּטֶל שָׁאוּל אֶת־הַחֲנִית עָלָיו
לְהַכֹּתוֹ וַיֵּדַע יְהוֹנָתָן כִּי־כָלָה הִיא מֵעִם אָבִיו לְהָמִית אֶת־
34 דָּוִד׃ וַיָּקָם יְהוֹנָתָן מֵעִם הַשֻּׁלְחָן בָּחֳרִי־אָף וְלֹא־אָכַל
בְּיוֹם־הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי לֶחֶם כִּי נֶעְצַב אֶל־דָּוִד כִּי הִכְלִמוֹ
לה אָבִיו׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיֵּצֵא יְהוֹנָתָן הַשָּׂדֶה לְמוֹעֵד דָּוִד
36 וְנַעַר קָטֹן עִמּוֹ׃ וַיֹּאמֶר לְנַעֲרוֹ רֻץ מְצָא־נָא אֶת־הַחִצִּים
אֲשֶׁר אָנֹכִי מוֹרֶה הַנַּעַר רָץ וְהוּא־יָרָה הַחֵצִי לְהַעֲבִרוֹ׃
37 וַיָּבֹא הַנַּעַר עַד־מְקוֹם הַחֵצִי אֲשֶׁר יָרָה יְהוֹנָתָן וַיִּקְרָא
יְהוֹנָתָן אַחֲרֵי הַנַּעַר וַיֹּאמֶר הֲלוֹא הַחֵצִי מִמְּךָ וָהָלְאָה׃
38 וַיִּקְרָא יְהוֹנָתָן אַחֲרֵי הַנַּעַר מְהֵרָה חוּשָׁה אַל־תַּעֲמֹד וַיְלַקֵּט
39 נַעַר יְהוֹנָתָן אֶת־הַחִצִּי וַיָּבֹא אֶל־אֲדֹנָיו׃ וְהַנַּעַר לֹא־יָדַע
מ מְאוּמָה אַךְ יְהוֹנָתָן וְדָוִד יָדְעוּ אֶת־הַדָּבָר׃ וַיִּתֵּן יְהוֹנָתָן
אֶת־כֵּלָיו אֶל־הַנַּעַר אֲשֶׁר־לוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ לֵךְ הָבֵיא הָעִיר׃
41 הַנַּעַר בָּא וְדָוִד קָם מֵאֵצֶל הַנֶּגֶב וַיִּפֹּל לְאַפָּיו אַרְצָה וַיִּשְׁתַּחוּ
שָׁלֹשׁ פְּעָמִים וַיִּשְּׁקוּ׀ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וַיִּבְכּוּ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ
42 עַד־דָּוִד הִגְדִּיל׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן לְדָוִד לֵךְ לְשָׁלוֹם אֲשֶׁר
נִשְׁבַּעְנוּ שְׁנֵינוּ אֲנַחְנוּ בְּשֵׁם יְהוָה לֵאמֹר יְהוָה יִהְיֶה׀ בֵּינִי
וּבֵינֶךָ וּבֵין זַרְעִי וּבֵין זַרְעֲךָ עַד־עוֹלָם׃

ויקם

v. 38. החצים קרי v. 42. עד כאן

28 און יהונתן האָט געענטפערט צו שאול: דוד האָט מיך שטאַרק געבעטען
(צו ערלויבען איהם) צו געהן ביז נאָך בית־לחם.
29 און ער האָט געזאָגט: לאָז דאָך מיך געהן, דען מיר האָבען אַ פאַמיליען
אָפּפער אין שטאָדט, און ער איז מיר אַ געבאָט, מיין געליעבטער ברודער,
און יעצט אויב איך האָב געפונען גונסט אין דיינע אויגען, ערלויב דאָך
מיר אַוועקצוגעהן געשווינד, דאָס איך זאָל זעהען מיינע ברידער. דאַרום
איז ער ניט געקומען צו דעם טיש פון דעם קעניג.
30 און דער צאָרן פון שאול האָט געגרימט איבער יהונתן און ער האָט געזאָגט
צו איהם: דו זוהן פון פערדאָרבענהייט, און ווידערשפּעכסטיגקייט, ווייס
איך דען ניט דאָס דו ערוועהלסט דעם זוהן פון ישי, צו דיין אייגענער
שאַנד און צו די שאַנד און שמאַך פון דיין מוטער.
31 דען די אַלע טעג וואָס דער זוהן פון ישי לעבט אויף דער ערד, וועסטו
ניט פעסט שטעהען און ניט דיין קעניגרייך. און יעצט שיק און ברענג
איהם צו מיר. דען ער איז אַ זוהן פון טוידט, (פעראורטהיילט צום טוידט).
32 און יהונתן האָט געענטפערט זיין פאָטער שאול און ער האָט געזאָגט צו
איהם: וואָרום זאָל ער געטוידט ווערען? וואָס האָט ער געטהאָן?
33 און שאול האָט אויף איהם געוואָרפען דעם שפּיז אום איהם צו דערשלאָגען,
און יהונתן האָט געוואוסט דאָס עס איז פעסט בעשלאָסען פון זיין פאָטער
צו טוידטען דוד'ן.
34 און יהונתן איז אויפגעשטאַנען פון דעם טיש אין אַ ברענענדיגען צאָרן,
און ער האָט ניט געגעסען אין צווייטען טאָג פון ראש חדש קיינע שפּייז,
דען ער איז געוועזען בעקימערט וועגען דוד, און דאָס זיין פאָטער האָט איהם
פערשעהמט.
35 און עס איז געוועזען אין דער פריה איז יהונתן ארויסגעגאַנגען אויף דעם
פעלד, צו דעם בעשטימטען אָרט, (וואָס ער האָט אָבגערעדט) מיט דוד'ן,
און אַ קליינער יונג איז געוועזען מיט איהם.
36 און ער האָט געזאָגט צו זיין יונג: לויף, געפין דאָך די פיילען, די איך
שיס, דער יונג איז געלאָפען, ער אָבער האָט געשאָסען דעם פייל, צו מאַ־
כען איהם פאַרבייפאָהרען פון איהם.
37 און דער יונג איז געקומען ביז צו דעם אָרט פון דעם פייל וואָס יהונתן
האָט געשאָסען, און יהונתן האָט גערופען הינטער דעם יונג און ער האָט
געזאָגט: דער פייל איז דאָך ווייט פון דיר, און נאָך ווייטער.
38 און יהונתן האָט נאָכגערופען דעם יונג: געשווינד, אייל, שטעה ניט.
און יהונתן'ס יונג האָט אויפגעקליעבען די פיילען און ער האָט זיי גע־
בראַכט צו זיין הערר'ן.
39 און דער יונג האָט ניט געוואוסט דאָס מינדעסטע, נאָר יהונתן און דוד
האָבען געוואוסט די זאַך.
40 און יהונתן האָט געגעבען זיינע געוועהר צו זיין יונג, און ער האָט געזאָגט
צו איהם: געה, ברענג עס אין די שטאָדט.
41 דער יונג איז געקומען (אין שטאָדט), און דוד איז אויפגעשטאַנען פון
דרום זייט (פון שטיין) און ער איז געפאַלען אויף זיין געזיכט צו דער ערד
און האָט זיך געבוקט דריי מאָל, און זיי האָבען געקושט איינער דעם אַנ־
דערען און זיי האָבען געוויינט איינער מיט דעם אַנדערען, און דוד האָט
זעהר שטאַרק געוויינט.
42 און יהונתן האָט געזאָגט צו דוד: געה אין פריעדען. דען מירביידע האָ־
בען דאָך זיך פערשוואָרען ביי דעם נאָמען פון גאָט, און האָבען געזאָגט:
גאָט זאָל זיין צווישען מיר און דיר, און צווישען מיינע זאָמען און צווישען
דיינע זאָמען (אן עדות). אויף אייביג (ווערט דאָס באַשטעהן).

# כא

## Cap. XXI. כא

וַיָּקָם וַיֵּלַךְ וִיהוֹנָתָן בָּא הָעִיר׃ וַיָּבֹא דָוִד נֹבֶה אֶל־ 2 א
אֲחִימֶלֶךְ הַכֹּהֵן וַיֶּחֱרַד אֲחִימֶלֶךְ לִקְרַאת דָּוִד וַיֹּאמֶר
לוֹ מַדּוּעַ אַתָּה לְבַדֶּךָ וְאִישׁ אֵין אִתָּךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד 3
לַאֲחִימֶלֶךְ הַכֹּהֵן הַמֶּלֶךְ צִוַּנִי דָבָר וַיֹּאמֶר אֵלַי אִישׁ אַל־
יֵדַע מְאוּמָה אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר־אָנֹכִי שֹׁלֵחֲךָ וַאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ
וְאֶת־הַנְּעָרִים יוֹדַעְתִּי אֶל־מְקוֹם פְּלֹנִי אַלְמֹנִי׃ וְעַתָּה מַה־ 4
יֵּשׁ תַּחַת־יָדְךָ חֲמִשָּׁה־לֶחֶם תְּנָה בְיָדִי אוֹ הַנִּמְצָא׃
וַיַּעַן הַכֹּהֵן אֶת־דָּוִד וַיֹּאמֶר אֵין־לֶחֶם חֹל אֶל־תַּחַת יָדִי ה
כִּי־אִם־לֶחֶם קֹדֶשׁ יֵשׁ אִם־נִשְׁמְרוּ הַנְּעָרִים אַךְ מֵאִשָּׁה׃
וַיַּעַן דָּוִד אֶת־הַכֹּהֵן וַיֹּאמֶר לוֹ כִּי אִם־אִשָּׁה עֲצֻרָה־ 6
לָנוּ כִּתְמוֹל שִׁלְשֹׁם בְּצֵאתִי וַיִּהְיוּ כְלֵי־הַנְּעָרִים קֹדֶשׁ וְהוּא
דֶּרֶךְ חֹל וְאַף כִּי־הַיּוֹם יִקְדַּשׁ בַּכֶּלִי׃ וַיִּתֶּן־לוֹ הַכֹּהֵן קֹדֶשׁ 7
כִּי לֹא־הָיָה שָׁם לֶחֶם כִּי־אִם־לֶחֶם הַפָּנִים הַמּוּסָרִים
מִלִּפְנֵי יְהוָה לָשׂוּם לֶחֶם חֹם בְּיוֹם הִלָּקְחוֹ׃ וְשָׁם אִישׁ 8
מֵעַבְדֵי שָׁאוּל בַּיּוֹם הַהוּא נֶעְצָר לִפְנֵי יְהוָה וּשְׁמוֹ דֹּאֵג
הָאֲדֹמִי אַבִּיר הָרֹעִים אֲשֶׁר לְשָׁאוּל׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד 9
לַאֲחִימֶלֶךְ וְאִין יֶשׁ־פֹּה תַחַת־יָדְךָ חֲנִית אוֹ־חָרֶב כִּי גַם־
חַרְבִּי וְגַם־כֵּלַי לֹא־לָקַחְתִּי בְיָדִי כִּי־הָיָה דְבַר־הַמֶּלֶךְ
נָחוּץ׃ וַיֹּאמֶר הַכֹּהֵן חֶרֶב גָּלְיָת הַפְּלִשְׁתִּי אֲשֶׁר־ י
הִכִּיתָ ׀ בְּעֵמֶק הָאֵלָה הִנֵּה־הִיא לוּטָה בַשִּׂמְלָה אַחֲרֵי
הָאֵפוֹד אִם־אֹתָהּ תִּקַּח־לְךָ קָח כִּי אֵין אַחֶרֶת זוּלָתָהּ
בָּזֶה · וַיֹּאמֶר דָּוִד אֵין כָּמוֹהָ תְּנֶנָּה לִּי׃ וַיָּקָם 11
דָּוִד וַיִּבְרַח בַּיּוֹם־הַהוּא מִפְּנֵי שָׁאוּל וַיָּבֹא אֶל־אָכִישׁ
מֶלֶךְ גַּת׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי אָכִישׁ אֵלָיו הֲלוֹא־זֶה דָוִד 12
מֶלֶךְ הָאָרֶץ הֲלוֹא לָזֶה יַעֲנוּ בַמְּחֹלוֹת לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל
בַּאֲלָפָו וְדָוִד בְּרִבְבֹתָו׃ וַיָּשֶׂם דָּוִד אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה 13

בלבבו

v. 10. קמץ בז״ק ibid. הב׳ בפתח ibid. פסקא באמצע פסוק v. 11. פתח בס״פ v. 12. באלפיו קרי
ibid. ברבבותיו קרי

## קאַפּיטעל כא

1 און ער (דוד) איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען, און יהונתן איז
געקומען נאָך דער שטאָדט.
2 און דוד איז געקומען נאָך נב, צו אחימלך דעם כהן, און אחימלך האָט
געאיילט צו בעגעגענען דוד'ן, און ער האָט געזאָגט צו איהם: וואָרום
ביזטו אַליין און קיינער קומט ניט מיט דיר?
3 און דוד האָט געזאָגט צו אחימלך דעם כהן: דער קעניג האָט מיר גע־
באָטען אַ זאַך, און ער האָט צו מיר געזאָגט: קיין מענש זאָל ניט ווי־
סען עטוואָס פון דער זאַך, אין וועלכער איך שיק דיך, און וואָס איך
האָב דיר געבאָטען, און די יונגען האָב איך בעשטימט צו יענעם און
יענעם אָרט (צו קומען).
4 און נון, וואָס האָסטו אונטער דיין האַנד, (ביי זיך), האָסטו פינף ברויטען
אַזוי גיב זיי מיר, אָדער וואָס עס געפינט זיך (ביי דיר).
5 און דער כהן האָט געענטפערט צו דוד און געזאָגט: עס איז ניטאָ קיין
אונהייליגע ברויט אונטער מיין האַנד, נאָר הייליגע ברויט איז דאָ, אויב
די יונגען האָבען זיך נאָר אָפּגעהיט פון אַ פרוי.
6 און דוד האָט געענטפערט דעם כהן און ער האָט געזאָגט צו איהם:
געוויס, מיר זיינען אָפּגעהיט פון אַ פרוי שוין דריי טעג, זייט איך בין
אַוועק (פון צו הויז), און די געפעס פון די יונגען זיינען הייליג, און
אַזוי פערהאַלטען מיר זיך מיט אונהייליגע זאַכען, דאָרום קענסטו אונז
געבען (אפילו) דאָס וואָס איז היינט געוואָרען הייליג אין די געפעס.
7 און דער כהן האָט איהם געגעבען הייליגעס ברויט; דען עס איז דאָרטען
ניט געוועזען קיין אַנדערע ברויט, נור די ברויט, וועלכע ווערען אַראָפּ־
גענומען פון גאָטס טיש, אום אַנידערצולעגען וואַרעמע ברויט ווען יענע
ווערען אַוועקגענומען.
8 און דאָרטען האָט זיך געפונען אין יענעם טאָג אַ מאַן פון שאול'ס קנעכט
ער האָט זיך אויפגעהאַלטען פאַר גאָט (צו טהאָן תפלה), זיין נאָמען איז
געוועזען דאָג דער אדמי, דער אויפזעהער איבער שאול'ס הירטען.
9 און דוד האָט געזאָגט צו אחימלך: האָסטו דאָ ניט אונטער דיין האַנד
אַ שפּיז אָדער אַ שווערד, דען זאָגאַר מיין שווערד און מיין געוועהר האָב
איך ניט גענומען מיט מיר, דען דעם קעניגס בעפעהל איז געקומען
אין איילעניש.
10 און דער כהן האָט געזאָגט: דאָס שווערד פון גלית דעם פלשתי, וועמען
דו האָסט דערשלאַגען אין טהאָל פון די לינדענבוימער, זעה, דאָס איז
איינגעוויקעלט אין אַ קלייד, עס ליגט הינטער דעם אפוד, אויב דו
ווילסט עס דיר נעהמען, נעהם עס, דען קיין אַנדערע איז דאָ ניטאָ
אויסער דיעזע. און דוד האָט געזאָגט: מען דאַרף גאָר קיין בעסערעס
ניט, גיב עס צו מיר.
11 און דוד איז אויפגעשטאַנען און איז אַנטלאָפען פון שאול'ן אין יענעם
טאָג, און ער איז געקומען צו אכיש דעם קעניג פון גת.
12 און די קנעכט פון אכיש האָבען צו איהם (צו אכיש) געזאָגט: איז דאָס
ניט דוד, דער קעניג פון דעם לאַנד? האָבען זיי ניט צו דעם מאַן גע־
זונגען מיט טענץ: שאול האָט דערשלאַגען זיינע טויזענדער (פיינד)
און דוד זיינע צעהן טויזענדער?
13 און דוד האָט זיך גענומען דיעזע רייד צום האַרצען, און ער האָט זיך
זעהר געפירכטט פאַר אכיש דעם קעניג פון גת.

14 בִּלְבָבוֹ וַיִּרָא מְאֹד מִפְּנֵי אָכִישׁ מֶלֶךְ־גַּת׃ וַיְשַׁנּוֹ אֶת־
טַעְמוֹ בְּעֵינֵיהֶם וַיִּתְהֹלֵל בְּיָדָם וַיְתָו עַל־דַּלְתוֹת הַשַּׁעַר
טו וַיּוֹרֶד רִירוֹ אֶל־זְקָנוֹ׃ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־עֲבָדָיו
16 הִנֵּה תִרְאוּ אִישׁ מִשְׁתַּגֵּעַ לָמָּה תָּבִיאוּ אֹתוֹ אֵלָי׃ חֲסַר
מְשֻׁגָּעִים אָנִי כִּי־הֲבֵאתֶם אֶת־זֶה לְהִשְׁתַּגֵּעַ עָלָי הֲזֶה
יָבוֹא אֶל־בֵּיתִי׃

## CAP. XXII. כב

# כב

א וַיֵּלֶךְ דָּוִד מִשָּׁם וַיִּמָּלֵט אֶל־מְעָרַת עֲדֻלָּם וַיִּשְׁמְעוּ אֶחָיו
2 וְכָל־בֵּית אָבִיו וַיֵּרְדוּ אֵלָיו שָׁמָּה׃ וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל־
אִישׁ מָצוֹק וְכָל־אִישׁ אֲשֶׁר־לוֹ נֹשֶׁא וְכָל־אִישׁ מַר־נֶפֶשׁ
3 וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר וַיִּהְיוּ עִמּוֹ כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ׃ וַיֵּלֶךְ
דָּוִד מִשָּׁם מִצְפֵּה מוֹאָב וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־מֶלֶךְ מוֹאָב יֵצֵא־
נָא אָבִי וְאִמִּי אִתְּכֶם עַד אֲשֶׁר אֵדַע מַה־יַּעֲשֶׂה־לִּי
4 אֱלֹהִים׃ וַיַּנְחֵם אֶת־פְּנֵי מֶלֶךְ מוֹאָב וַיֵּשְׁבוּ עִמּוֹ כָּל־יְמֵי
ה הֱיוֹת־דָּוִד בַּמְּצוּדָה׃ וַיֹּאמֶר גָּד הַנָּבִיא אֶל־דָּוִד לֹא תֵשֵׁב
בַּמְּצוּדָה לֵךְ וּבָאתָ לְּךָ אֶרֶץ יְהוּדָה וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַיָּבֹא יַעַר
6 חָרֶת׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל כִּי נוֹדַע דָּוִד וַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר
אִתּוֹ וְשָׁאוּל יוֹשֵׁב בַּגִּבְעָה תַּחַת־הָאֶשֶׁל בָּרָמָה וַחֲנִיתוֹ
7 בְיָדוֹ וְכָל־עֲבָדָיו נִצָּבִים עָלָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לַעֲבָדָיו
הַנִּצָּבִים עָלָיו שִׁמְעוּ־נָא בְּנֵי יְמִינִי גַּם־לְכֻלְּכֶם יִתֵּן בֶּן־
יִשַׁי שָׂדוֹת וּכְרָמִים לְכֻלְּכֶם יָשִׂים שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי
8 מֵאוֹת׃ כִּי קְשַׁרְתֶּם כֻּלְּכֶם עָלַי וְאֵין־גֹּלֶה אֶת־אָזְנִי בִּכְרָת־
בְּנִי עִם־בֶּן־יִשַׁי וְאֵין־חֹלֶה מִכֶּם עָלַי וְגֹלֶה אֶת־אָזְנִי כִּי
9 הֵקִים בְּנִי אֶת־עַבְדִּי עָלַי לְאֹרֵב כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וַיַּעַן
דֹּאֵג הָאֲדֹמִי וְהוּא נִצָּב עַל־עַבְדֵי־שָׁאוּל וַיֹּאמַר רָאִיתִי
י אֶת־בֶּן־יִשַׁי בָּא נֹבֶה אֶל־אֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִטוּב׃ וַיִּשְׁאַל־לוֹ
בַּיהוָה וְצֵידָה נָתַן לוֹ וְאֵת חֶרֶב גָּלְיָת הַפְּלִשְׁתִּי נָתַן לוֹ׃

וישלח

כ״א v. 13. פתח בס״פ   כ״ב v. 5. כ״א אל־ארץ

14 און ער האט פערענדערט זיין כאראקטער, פאר זייערע אויגען, און ווען ער איז געווען אין זייער האנד, האט ער זיך געמאכט נאריש, און ער האט געשריבען אויף די טהירען פון דעם טהויער, און ער האט געלאזען אראפרינען זיינע שפייעכץ אויף זיין בארד.

15 און אכיש האט געזאגט צו זיינע קנעכט: איהר האט דאך געזעהן, דאס דער מאן איז וואהנזיניג, ווארום ברענגט איהר איהם צו מיר?

16 פעהלט מיר דען משוגעים, דאס איהר ברענגט דעם, זיך צו מאכען פאר מיר משוגע? זאל דען דיעזער אין מיין הויז אריינקומען?

## קאפיטעל כב

1 און דוד איז אוועקגעגאנגען פון דארט, און ער איז אנטרונען צו די הייל פון עדלם. און ווען זיינע ברידער, און דאס גאנצע הויזגעזינד פון זיין פאטער האבען דאס געהערט זיינען זיי צו איהם דארט געקומען.

2 און עס האבען זיך צו איהם פערזאמעלט יעדער איינציגער וואס איז געווען געדריקט, און יעדער וואס איז געווען אין שולדען, און אזוי יעדער וואס האט געהאט א ביטער געמיטה; און ער איז געווארען אן אנפיהרער איבער זיי, און עס זיינען מיט איהם געווען אונגעפעהר פיער הונדערט מאן.

3 און דוד איז געגאנגען פון דארט נאך מצפה פון מואב, און ער האט געזאגט צום קעניג פון מואב: ערלויב דאס מיין פאטער און מיין מוטער זאלען ארויסקומען און זאלען זיין מיט אייך, ביז איך וועל וויסען וואס גאט וועט מיט מיר מאכען.

4 און ער האט זיי אהינגעפיהרט פאר דעם קעניג פון מואב, און זיי זיינען פערבליעבען ביי איהם די גאנצע צייט וואס דוד איז געווען אין דער פעסטונג.

5 און גד דער נביא האט געזאגט צו דוד: דו זאלסט ניט בלייבען אין דער פעסטונג, געה און קום נאך דעם לאנד יהודה; און דוד איז געגאנגען און איז געקומען צו דעם וואלד חרת.

6 און שאול האט עס ערפאהרען, דען דוד מיט די לייטע וואס זיינען געווען מיט איהם זיינען בעמערקט געווארען. און שאול איז דאמאלס געזעסען אין גבעה אונטער אן אייכענבוים אין רמה, מיט זיין שפיז אין זיין האנד, און אלע זיינע קנעכט זיינען נעבען איהם געשטאנען.

7 און שאול האט געזאגט צו זיינע קנעכט וואס זיינען נעבען איהם געשטאנען: הערט דאך, איהר זיהן פון בנימין! וועט דען דער זוהן פון ישי אייך אלעמען געבען פעלדער און וויינגערטנער? וועט ער אייך אלעמען מאכען אנפיהרערס איבער טויזענדע און אנפיהרערס איבער הונדערטע?

8 דאס איהר אלע האט געמאכט א בונד קעגען מיר, און קיינער אפענבארט ניט מיינע אויערען, ווייל מיין זוהן האט געשלאסען א בונד מיט דעם זוהן פון ישי, און קיינער פון אייך זארגט ניט פון מיינעטוועגען, און אפענבארט עס מיר. דען מיין אייגענער זוהן האט אויפגעשטעלט מיין קנעכט קעגען מיר צו לויערן אויף מיר, אזוי ווי עס איז דעם היינטיגען טאג.

9 און דאג דער אדומי, וועלכער איז געשטאנען ביי שאול'ס קנעכט, האט געענטפערט און געזאגט: איך האב געזעהן דעם זוהן פון ישי, ווען ער איז געקומען נאך נב צו אחימלך דעם זוהן פון אחטוב.

10 און ער האט פאר איהם געפרעגט ביי גאט, און ער האט איהם געגעבען שפייז, און דאס שווערד פון גלית דעם פלשתי, האט ער צו איהם געגעבען.

11 וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ לִקְרֹא אֶת־אֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִיטוּב הַכֹּהֵן וְאֵת
כָּל־בֵּית אָבִיו הַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר בְּנֹב וַיָּבֹאוּ כֻלָּם אֶל־הַמֶּלֶךְ׃
12 וַיֹּאמֶר שָׁאוּל שְׁמַע־נָא בֶּן־אֲחִיטוּב וַיֹּאמֶר הִנְנִי אֲדֹנִי׃
13 וַיֹּאמֶר אֵלָו שָׁאוּל לָמָּה קְשַׁרְתֶּם עָלַי אַתָּה וּבֶן־יִשָׁי בְּתִתְּךָ
לוֹ לֶחֶם וְחֶרֶב וְשָׁאוֹל לוֹ בֵּאלֹהִים לָקוּם אֵלַי לְאֹרֵב כַּיּוֹם
14 הַזֶּה׃ וַיַּעַן אֲחִימֶלֶךְ אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמַר וּמִי בְכָל־
עֲבָדֶיךָ כְּדָוִד נֶאֱמָן וַחֲתַן הַמֶּלֶךְ וְסָר אֶל־מִשְׁמַעְתֶּךָ
טו וְנִכְבָּד בְּבֵיתֶךָ׃ הַיּוֹם הַחִלֹּתִי לִשְׁאָל־לוֹ בֵאלֹהִים חָלִילָה
לִּי אַל־יָשֵׂם הַמֶּלֶךְ בְּעַבְדּוֹ דָבָר בְּכָל־בֵּית אָבִי כִּי לֹא־
16 יָדַע עַבְדְּךָ בְּכָל־זֹאת דָּבָר קָטֹן אוֹ גָדוֹל׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
17 מוֹת תָּמוּת אֲחִימֶלֶךְ אַתָּה וְכָל־בֵּית אָבִיךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לָרָצִים הַנִּצָּבִים עָלָיו סֹבּוּ וְהָמִיתוּ ׀ כֹּהֲנֵי יְהוָה כִּי גַם־
יָדָם עִם־דָּוִד וְכִי יָדְעוּ כִּי־בֹרֵחַ הוּא וְלֹא גָלוּ אֶת־אָזְנוֹ
וְלֹא־אָבוּ עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ לִשְׁלֹחַ אֶת־יָדָם לִפְגֹעַ בְּכֹהֲנֵי
18 יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְדוֹיֵג סֹב אַתָּה וּפְגַע בַּכֹּהֲנִים
וַיִּסֹּב דּוֹיֵג הָאֲדֹמִי וַיִּפְגַּע הוּא בַּכֹּהֲנִים וַיָּמֶת ׀ בַּיּוֹם
19 הַהוּא שְׁמֹנִים וַחֲמִשָּׁה אִישׁ נֹשֵׂא אֵפוֹד בָּד׃ וְאֵת נֹב
עִיר־הַכֹּהֲנִים הִכָּה לְפִי־חֶרֶב מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה מֵעוֹלֵל
כ וְעַד־יוֹנֵק וְשׁוֹר וַחֲמוֹר וָשֶׂה לְפִי־חָרֶב׃ וַיִּמָּלֵט בֵּן־אֶחָד
21 לַאֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִטוּב וּשְׁמוֹ אֶבְיָתָר וַיִּבְרַח אַחֲרֵי דָוִד׃ וַיַּגֵּד
22 אֶבְיָתָר לְדָוִד כִּי הָרַג שָׁאוּל אֵת כֹּהֲנֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לְאֶבְיָתָר יָדַעְתִּי בַּיּוֹם הַהוּא כִּי־שָׁם דּוֹיֵג הָאֲדֹמִי כִּי־הַגֵּד
23 יַגִּיד לְשָׁאוּל אָנֹכִי סַבֹּתִי בְּכָל־נֶפֶשׁ בֵּית אָבִיךָ׃ שְׁבָה
אִתִּי אַל־תִּירָא כִּי אֲשֶׁר־יְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשִׁי יְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשֶׁךָ
כִּי־מִשְׁמֶרֶת אַתָּה עִמָּדִי׃

## Cap. XXIII. כג

כג

א וַיַּגִּדוּ לְדָוִד לֵאמֹר הִנֵּה פְלִשְׁתִּים נִלְחָמִים בִּקְעִילָה

והמה

כב v. 13. אליו ק׳ v. 15. יתיר ו׳ v. 17. אזני ק׳ v. 18 לדואג ק׳ ibid דואג קרי
v. 20. צרי בסמך v. 22 דואג קרי

11 און דער קעניג האָט געשיקט רופען אחימלך דעם זוהן פון אחיטוב, דעם כהן, און דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון זיין פאַטער, די כהנים וועלכע זיינען געוועזן אין נב. און זיי זיינען אַלע געקומען צו דעם קעניג.

12 און שאול האָט געזאָגט: הער דאָך, דו זוהן פון אחיטוב! און ער האָט געזאָגט: היער בין איך, מיין הערר!

13 און שאול האָט געזאָגט: וואָרום האָט איהר געמאַכט אַ בונד קעגען מיר, דו און דער זוהן פון ישי, דען דו האָסט איהם געגעבען ברויט און אַ שווערד, און דו האָסט פאַר איהם געפרעגט ביי גאָט, אום ער זאָל אויפשטעהן קעגען מיר אַלס אַ לויערער, ווי עס איז געשעהן דעם היינטיגען טאָג.

14 און אחימלך האָט געענטפערט דעם קעניג און ער האָט געזאָגט: און ווער איז צווישען דיינע אַלע קנעכט אַזוי געטריי ווי דוד און (ער איז) דעם קעניגס איידעם, און ער איז פון דיין געהיימע ראַטהגעבער, און איז געאַכטעט אין דיין הויז?

15 האָב איך דען היינט אָנגעפאַנגען צו פרעגען פאַר איהם ביי גאָט? ווייט איז פון מיר (דיעזע בעשולדיגונג), לאָז ניט דער קעניג מאַכען אַזאַ בעשולדיגונג אויף זיין קנעכט, און נאָך מעהר אויף דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון מיין פאָטער. דען דיין קנעכט האָט פון אַלעם דעם גאָרניט געוואוסט, אַ קליינע אָדער אַ גרויסע זאַך.

16 און דער קעניג האָט געזאָגט: דו מוזט שטאַרבען, אחימלך, דו און דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון דיין פאָטער.

17 און דער קעניג האָט געזאָגט צו די שנעלע קריעגס־העלדען וואָס זיינען געשטאַנען אַרום איהם; רינגעלט אַרום די כהנים פון גאָט און טויטעט זיי, דען אויך זייער האַנד איז מיט דוד, און וויל זיי האָבען געוואוסט דאָס ער ענטלויפט (פון מיר) און זיי האָבען עס ניט אָפּענבאַרט צו מיר. אָבער דעם קעניגס קנעכט האָבען ניט געוואָלט אויסשטרעקען זייער האַנד, צו דערשלאָגען די כהנים פון גאָט.

18 און דער קעניג האָט געזאָגט צו דואג: געה דו, און דערשלאָג די כהנים. און דואג דער אדומי איז געגאַנגען און ער זעלבסט האָט דערשלאָגען די כהנים, און ער האָט געטויטעט אין יענעם טאָג פינף און אַכטציג מאַן, וועלכע האָבען געטראָגען ליינענע אפוד'ס.

19 און נב די שטאָדט פון די כהנים האָט ער דערשלאָגען מיט דעם שאַרף פון שווערד, פון מאַן ביז ווייב, פון אַ קליין קינד ביז צו אַ זייגענדיגעס קינד, און אָקס און אייזעל און שאָף, דורך די שאַרף פון דעם שווערד.

20 און איין זוהן פון אחימלך דעם זוהן פון אחטוב איז ענטרונען געווארען, און זיין נאָמען איז געוועזן אביתר, און ער איז ענטלאָפען צו דוד.

21 און אביתר האָט דערצעהלט צו דוד, דאָס שאול האָט ערשלאָגען די כהנים פון גאָט.

22 און דוד האָט געזאָגט צו אביתר: איך האָב עס געוואוסט אין יענעם טאָג, ווען איך האָב דאָרט געזעהען דואג דעם אדומי, דאָס ער וועט עס געוויס אַנזאָגען צו שאול. ליידער, איך האָב פעראורזאַכט דעם טויט פון די אַלע פערזאָנען פון דיין פאָטערס הויזגעזינד.

23 בלייב ביי מיר, פירכט דיך ניט, דען דער זעלבער (פיינד) וואָס זוכט מיין לעבען, זוכט אויך דיין לעבען; דאָרום וועל איך דיך היטען ווי אַ טהייערען שאַץ.

## קאַפּיטעל כג

1 און מען האָט בעריכטעט צו דוד און מען האָט געזאָגט: זעה, די פלשתים שטרייטען מיט קעילה, און זיי רויבען די שייערס.

2 וְהֵ֛מָּה שֹׁסִ֥ים אֶת־הַגֳּרָנֽוֹת׃ וַיִּשְׁאַ֨ל דָּוִ֤ד בַּֽיהוָה֙ לֵאמֹ֔ר
הַאֵלֵ֕ךְ וְהִכֵּ֖יתִי בַּפְּלִשְׁתִּ֣ים הָאֵ֑לֶּה ׀ וַיֹּ֨אמֶר יְהוָ֜ה
אֶל־דָּוִ֗ד לֵ֚ךְ וְהִכִּ֣יתָ בַפְּלִשְׁתִּ֔ים וְהוֹשַׁעְתָּ֖ אֶת־קְעִילָֽה׃
3 וַיֹּ֨אמְר֜וּ אַנְשֵׁ֤י דָוִד֙ אֵלָ֔יו הִנֵּ֨ה אֲנַ֥חְנוּ פֹ֛ה בִּֽיהוּדָ֖ה יְרֵאִ֑ים
4 וְאַף֙ כִּֽי־נֵלֵ֣ךְ קְעִלָ֔ה אֶל־מַֽעַרְכ֖וֹת פְּלִשְׁתִּֽים׃ וַיּ֨וֹסֶף
ע֤וֹד דָּוִד֙ לִשְׁא֣וֹל בַּֽיהוָ֔ה וַֽיַּעֲנֵ֖הוּ יְהוָ֑ה וַיֹּ֗אמֶר ק֚וּם רֵ֣ד
ה קְעִילָ֔ה כִּֽי־אֲנִ֥י נֹתֵ֛ן אֶת־פְּלִשְׁתִּ֖ים בְּיָדֶֽךָ׃ וַיֵּ֣לֶךְ דָּוִד֩ וַאֲנָשָׁ֨ו
קְעִילָ֗ה וַיִּלָּ֤חֶם בַּפְּלִשְׁתִּים֙ וַיִּנְהַג֙ אֶת־מִקְנֵיהֶ֔ם וַיַּ֥ךְ בָּהֶ֖ם
6 מַכָּ֣ה גְדוֹלָ֑ה וַיֹּ֣שַׁע דָּוִ֔ד אֵ֖ת יֹשְׁבֵ֥י קְעִילָֽה׃ וַיְהִ֗י בִּ֠בְרֹחַ
אֶבְיָתָ֧ר בֶּן־אֲחִימֶ֛לֶךְ אֶל־דָּוִ֖ד קְעִילָ֑ה אֵפ֖וֹד יָרַ֥ד בְּיָדֽוֹ׃
7 וַיֻּגַּ֣ד לְשָׁא֔וּל כִּֽי־בָ֥א דָוִ֖ד קְעִילָ֑ה וַיֹּ֣אמֶר שָׁא֗וּל נִכַּ֨ר אֹת֤וֹ
אֱלֹהִים֙ בְּיָדִ֔י כִּ֚י נִסְגַּ֣ר לָב֔וֹא בְּעִ֖יר דְּלָתַ֥יִם וּבְרִֽיחַ׃
8 וַיְשַׁמַּ֥ע שָׁא֛וּל אֶת־כָּל־הָעָ֖ם לַמִּלְחָמָ֑ה לָרֶ֣דֶת קְעִילָ֔ה
9 לָצ֥וּר אֶל־דָּוִ֖ד וְאֶל־אֲנָשָֽׁיו׃ וַיֵּ֣דַע דָּוִ֔ד כִּ֣י עָלָ֔יו שָׁא֖וּל
מַחֲרִ֣ישׁ הָרָעָ֑ה וַיֹּ֨אמֶר֙ אֶל־אֶבְיָתָ֣ר הַכֹּהֵ֔ן הַגִּ֖ישָׁה הָאֵפֽוֹד׃
י וַיֹּאמֶר֮ דָּוִד֒ יְהוָה֙ אֱלֹהֵ֣י יִשְׂרָאֵ֔ל שָׁמֹ֤עַ שָׁמַע֙ עַבְדְּךָ֔
כִּֽי־מְבַקֵּ֥שׁ שָׁא֖וּל לָב֣וֹא אֶל־קְעִילָ֑ה לְשַׁחֵ֥ת לָעִ֖יר בַּעֲבוּרִֽי׃
11 הֲיַסְגִּרֻ֣נִי בַעֲלֵ֣י קְעִילָ֣ה בְ֠יָדוֹ הֲיֵרֵ֨ד שָׁא֜וּל כַּאֲשֶׁ֣ר שָׁמַ֗ע
עַבְדֶּ֙ךָ֙ יְהוָה֙ אֱלֹהֵ֣י יִשְׂרָאֵ֔ל הַגֶּד־נָ֖א לְעַבְדֶּ֑ךָ ׀ וַיֹּ֥אמֶר
12 יְהוָ֖ה יֵרֵֽד׃ וַיֹּ֣אמֶר דָּוִ֔ד הֲיַסְגִּ֜רוּ בַּעֲלֵ֧י קְעִילָ֛ה אֹתִ֥י
13 וְאֶת־אֲנָשַׁ֖י בְּיַד־שָׁא֑וּל וַיֹּ֥אמֶר יְהוָ֖ה יַסְגִּֽירוּ׃ וַיָּקָם֩ דָּוִ֨ד
וַאֲנָשָׁ֜יו כְּשֵׁשׁ־מֵא֣וֹת אִ֗ישׁ וַיֵּצְאוּ֙ מִקְּעִלָ֔ה וַיִּֽתְהַלְּכ֖וּ בַּאֲשֶׁ֣ר
יִתְהַלָּ֑כוּ וּלְשָׁא֣וּל הֻגַּ֗ד כִּֽי־נִמְלַ֤ט דָּוִד֙ מִקְּעִילָ֔ה וַיֶּחְדַּ֖ל
14 לָצֵֽאת׃ וַיֵּ֨שֶׁב דָּוִ֤ד בַּמִּדְבָּר֙ בַּמְּצָד֔וֹת וַיֵּ֥שֶׁב בָּהָ֖ר בְּמִדְבַּר־
זִ֑יף וַיְבַקְשֵׁ֤הוּ שָׁאוּל֙ כָּל־הַיָּמִ֔ים וְלֹֽא־נְתָנ֥וֹ אֱלֹהִ֖ים בְּיָדֽוֹ׃
טו וַיַּ֣רְא דָוִ֔ד כִּֽי־יָצָ֥א שָׁא֖וּל לְבַקֵּ֣שׁ אֶת־נַפְשׁ֑וֹ וְדָוִ֥ד בְּמִדְבַּר־
16 זִ֖יף בַּחֹֽרְשָׁה׃ וַיָּ֙קָם֙ יְהוֹנָתָ֣ן בֶּן־שָׁא֔וּל וַיֵּ֥לֶךְ אֶל־דָּוִ֖ד

חרשה

v. 2. פסקא באמצע פסוק v. 5. ואנשיו ק v. 11. פסקא באמצע פסוק

2 און דוד האָט אָנגעפרעגט ביי גאָט, און האָט געזאָגט: זאָל איך אהינ־
געהן און שלאָגען דיעזע פּלשתים? און גאָט האָט געזאָגט צו דוד: געה
און שלאָג די פּלשתים און דו וועסט העלפען קעילה.
3 און דוד'ס לייטע האָבען צו איהם געזאָגט: זעה, מיר פירכטען אונז אויך
היער אין יהודה, ווי פיעל מעהר נאָך, ווען מיר וועלען געהן נאָך קעילה
קעגען די קריעגס־רייהען פון די פּלשתים.
4 און דוד האָט נאָך אַ מאָל אָנגעפרעגט ביי גאָט, און גאָט האָט איהם גע־
ענטפערט: שטעה אויף, געה אראָפּ קיין קעילה, דען איך גיב די
פּלשתים אין דיין האַנד.
5 און דוד איז געגאַנגען מיט זיינע לייטע נאָך קעילה, און ער האָט גע־
שטריטען מיט די פּלשתים, און ער האָט אַוועקגעפיהרט זייערע פיה,
און ער האָט זיי געשלאָגען מיט אַ גרויסען שלאַג, און אַזוי האָט דוד
געהאָלפען די איינוואָהנער פון קעילה.
6 און עס איז געשעהען דאָס ווען אביתר, דער זוהן פון אחימלך, איז ענט־
לאָפען צו דוד נאָך קעילה, האָט ער מיטגענומען מיט זיך דעם אפוד.
7 און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו שאול דאָס דוד איז געקומען נאָך
קעילה; און שאול האָט געזאָגט: גאָט האָט איהם איבערגעענטפערט
אין מיין האַנד, דען ער האָט זיך זעלבסט איינגעשלאָסען, אינדעם דאָס
ער איז אריינגעקומען אין אַ שטאָדט וואָס האָט טהויערן און ריגלען.
8 און שאול האָט צוזאַמענגערופען דאָס גאַנצע פאָלק צום שטרייט, אום
אראָפּצוגעהען נאָך קעילה, צו בעלאַגערן דוד'ן און זיינע לייט.
9 און דוד האָט אויסגעפונען, דאָס שאול האָט אין געהיים בעשלאָסען (צו
ברענגען) אונגליק אויף איהם. און ער האָט געזאָגט צו אביתר דעם כהן:
ברענג אַהער דעם אפוד (אנצופרעגען ביי גאָט).
10 און דוד האָט געזאָגט: אָ גאָט, דער גאָט פון ישראל! דיין קנעכט
האָט געהערט דאָס שאול טראַכט צו קומען נאָך קעילה, אום צוליעב מיר
די שטאָדט צו פערדאַרבען.
11 וועלען די לייטע פון קעילה מיך איבערענטפערן אין זיין האַנד? וועט
שאול ווירקליך קומען, אַזוי ווי דיין קנעכט האָט געהערט? אָ גאָט!
גאָט פון ישראל, זאָג דאָך עס צו דיין קנעכט, און גאָט האָט געזאָגט:
ער וועט קומען.
12 און דוד האָט נאָך אַ מאָל געפרעגט: וועלען די לייטע פון קעילה איבער־
ענטפערן מיך און מיינע לייטע אין די האַנד פון שאול? און גאָט האָט
געענטפערט: זיי וועלען איבערענטפערען.
13 און דוד און זיינע מענער זיינען אויפגעשטאַנען [און יעצט זיינען זיינע
מענער שוין געוועזען אונגעפעהר זעקס הונדערט מאַן], און זיי זיינען
ארויסגעגאַנגען פון קעילה, און האָבען ארומגעוואַנדערט וואו זיי האָ־
בען (נור) געקענט געהן. און ווען עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו שאול
דאָס דוד איז ענטרונען פון קעילה, האָט ער אויפגעגעבען זיין בעשלוס
ארויסצוגעהן (נאָך דוד).
14 און דוד האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דער וויסטע, אין די בערג־
פעסטונגען, און זיין הויפּט אויפהאַלטונג איז געוועזען אויף דעם באַרג
אין דער וויסטע פון זיף. און שאול האָט איהם שטענדיג געזוכט, אָבער
גאָט האָט איהם ניט איבערגעגעבען אין זיין האַנד.
15 און דוד פלעגט זעהן (אויסגעפינען) ווען שאול פלעגט ארויסגעהן צו זו־
כען זיין לעבען, און ווען דוד איז געוועזען אין דער וויסטע פון זיף אין אַ
געדיכטען וואַלד,
16 דאַן איז אויפגעשטאַנען יהונתן דער זוהן פון שאול און איז אהינגע־

חֹרְשָׁה וַיְחַזֵּק אֶת־יָדוֹ בֵּאלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַל־תִּירָא 17
כִּי לֹא תִמְצָאֲךָ יַד־שָׁאוּל אָבִי וְאַתָּה תִּמְלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל
וְאָנֹכִי אֶהְיֶה־לְּךָ לְמִשְׁנֶה וְגַם־שָׁאוּל אָבִי יֹדֵעַ כֵּן׃ וַיִּכְרְתוּ 18
שְׁנֵיהֶם בְּרִית לִפְנֵי יְהוָה וַיֵּשֶׁב דָּוִד בַּחֹרְשָׁה וִיהוֹנָתָן
הָלַךְ לְבֵיתוֹ׃ וַיַּעֲלוּ זִפִים אֶל־שָׁאוּל הַגִּבְעָתָה 19
לֵאמֹר הֲלוֹא דָוִד מִסְתַּתֵּר עִמָּנוּ בַמְּצָדוֹת בַּחֹרְשָׁה
בְּגִבְעַת הַחֲכִילָה אֲשֶׁר מִימִין הַיְשִׁימוֹן׃ וְעַתָּה לְכָל־אַוַּת כ
נַפְשְׁךָ הַמֶּלֶךְ לָרֶדֶת רֵד וְלָנוּ הַסְגִּירוֹ בְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר 21
שָׁאוּל בְּרוּכִים אַתֶּם לַיהוָה כִּי חֲמַלְתֶּם עָלָי׃ לְכוּ־נָא 22
הָכִינוּ עוֹד וּדְעוּ וּרְאוּ אֶת־מְקוֹמוֹ אֲשֶׁר תִּהְיֶה רַגְלוֹ מִי
רָאָהוּ שָׁם כִּי אָמַר אֵלַי עָרֹם יַעְרִם הוּא׃ וּרְאוּ וּדְעוּ מִכֹּל 23
הַמַּחֲבֹאִים אֲשֶׁר יִתְחַבֵּא שָׁם וְשַׁבְתֶּם אֵלַי אֶל־נָכוֹן
וְהָלַכְתִּי אִתְּכֶם וְהָיָה אִם־יֶשְׁנוֹ בָאָרֶץ וְחִפַּשְׂתִּי אֹתוֹ בְּכֹל
אַלְפֵי יְהוּדָה׃ וַיָּקוּמוּ וַיֵּלְכוּ זִיפָה לִפְנֵי שָׁאוּל וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו 24
בְּמִדְבַּר מָעוֹן בָּעֲרָבָה אֶל יְמִין הַיְשִׁימוֹן׃ וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל כה
וַאֲנָשָׁיו לְבַקֵּשׁ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד וַיֵּרֶד הַסֶּלַע וַיֵּשֶׁב בְּמִדְבַּר
מָעוֹן וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל וַיִּרְדֹּף אַחֲרֵי־דָוִד מִדְבַּר מָעוֹן׃
וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל מִצַּד הָהָר מִזֶּה וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו מִצַּד הָהָר מִזֶּה 26
וַיְהִי דָוִד נֶחְפָּז לָלֶכֶת מִפְּנֵי שָׁאוּל וְשָׁאוּל וַאֲנָשָׁיו עֹטְרִים
אֶל־דָּוִד וְאֶל־אֲנָשָׁיו לְתָפְשָׂם׃ וּמַלְאָךְ בָּא אֶל־שָׁאוּל 27
לֵאמֹר מַהֲרָה וְלֵכָה כִּי־פָשְׁטוּ פְלִשְׁתִּים עַל־הָאָרֶץ׃ וַיָּשָׁב 28
שָׁאוּל מִרְדֹף אַחֲרֵי דָוִד וַיֵּלֶךְ לִקְרַאת פְּלִשְׁתִּים עַל־כֵּן
קָרְאוּ לַמָּקוֹם הַהוּא סֶלַע הַמַּחְלְקוֹת׃ · וַיַּעַל דָּוִד מִשָּׁם 29
וַיֵּשֶׁב בִּמְצָדוֹת עֵין־גֶּדִי׃

## כד Cap. XXIV. כד

וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁב שָׁאוּל מֵאַחֲרֵי פְּלִשְׁתִּים וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר א
הִנֵּה דָוִד בְּמִדְבַּר עֵין גֶּדִי׃ וַיִּקַּח שָׁאוּל שְׁלֹשֶׁת 2

אלפים

בי״ג v. 25. כ״א לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד v. 29. בכ״א כאן תחלת סימן כ״ד

גאנגען צו דוד אין דעם וואלד, און ער האָט פערשטארקט זיין האָפנונג
אין גאָט.
17 און ער האָט געזאָגט צו איהם : פירכט דיך ניט, דען די האנד פון מיין
פאטער שאול וועט דיך ניט דערגרייכען, און דו וועסט רעגיערען איבער
ישראל. און איך ווינש נאָר, דאָס איך זאָל זיין דער צווייטער צו דיר,
און זעלבסט מיין פאטער שאול וויים דאָס.
18 און זיי ביידע האָבען נאָך אַ מאָל געשלאָסען אַ בונד, און האָבען גערופען
גאָט פאר אן עדות. און דוד איז פערבליעבען אין וואלד, און יהונתן
איז געגאנגען נאָך הויז.
19 און די איינוואָהנער פון זיף זיינען ארויפגעגאנגען צו שאול נאָך גבעה
און האָבען געזאָגט : זעה, דוד, פערבארגט זיך ביי אונז אין די בארג־
פעסטונגען אין וואלד, אויף דעם היגעל חכילה וואָס איז אן דער רעכטע
זייט פון דער וויסטע.
20 און יעצט נאָך דעם גאנצען וואונש פון דיין זעעלע, אָ קעניג, אראָפּצו־
נידערן, קענסטו אראפנידערן, און אונזער אויפגאבע וועט זיין איהם
צו איבערענטפּערן אין די האנד פון דעם קעניג.
21 און שאול האָט געזאָגט : געבענשט זאָלט איהר זיין פון גאָט ; דען
איהר האָט אייך איבער מיר דערבארעמט.
22 געהט, איך בעט אייך, און פערברייטעט זיך, מערקט און זעהט דעם אָרט
וואו זיין פוס איז. ווער האָט איהם דאָרט געזעהען, דען מען האָט מיר
געזאָגט, דאָס ער האנדעלט זעהר ליסטיג.
23 און זעהט און מערקט אַלע זיינע בעהאַלטונגס־ערטער, וואו ער בעהאַלט
זיך דאָרט, און קעהרט צוריק צו מיר און ברענגט מיר זיכערע אויס־
קונפט, דאן וועל איך מיט אייך געהן ; און עס וועט זיין דאָס אויב ער
געפינט זיך (נאָר) אין דעם לאנד, וועל איך איהם אויפזוכען אין אַלע
געגענדען פון יהודה.
24 און זיי זיינען אויפגעשטאנען און זיי זיינען געגאנגען נאָך זיף, פאָראויס
פאר שאול'ן. און דוד און זיינע מענער זיינען געווען אין דער וויסטע
מעון, אין דעם פּלוין ביי דער רעכטע זייט פון דער וויסטע.
25 און שאול און זיינע מענער זיינען געגאנגען זוכען. און מען האָט עס
אָנגעזאָגט צו דוד ; און ער איז אראָפּ פון פעלז, און ער איז געבליעבען
אין דער וויסטע מעון. און אלס שאול האָט דאָס געהערט, האָט ער נאָכ־
געיאָגט דוד'ן אין דער וויסטע מעון.
26 און שאול איז געגאנגען אויף איין זייט פון דעם בארג. און דוד און
זיינע מענער אויף דער אַנדערער זייט פון דעם בארג. און דוד איז
געלאָפען אין אַ שרעקליכער האסט אוועקצוגעהן פון שאול'ן, אָבער שאול
און זיינע מענער האָבען ארומגערינגעלט דוד'ן און זיינע מענער ; אום
זיי צו פאנגען.
27 אָבער אינדעם איז געקומען אַ שליח צו שאול און האָט געזאָגט : אייל
דיך און געה ; דען די פּלשתים האָבען זיך פערשפּרייט איבער דעם
לאנד.
28 און שאול האָט צוריקגעקעהרט פון נאָכיאָגען נאָך דוד, און ער איז גע־
גאנגען קעגען די פּלשתים ; דארום האָט מען יענעם אָרט אַ נאָמען
געגעבען סלע המחלקות [דער פעלזען פון די אבטהיילונגען].
29 און דוד איז אַרויפגעגאנגען פון דאָרטען, און ער האָט זיך אויפגעהאַל־
טען אין די בארג־פעסטונגען פון עין גדי.

## קאַפּיטעל כד

1 און עס איז געשעהן ווען שאול האָט צוריקגעקעהרט פון נאָכצויאָגען
די פּלשתים, האָט מען איהם אָנגעזאָגט אזוי : זעה, דוד איז אין דער
וויסטע פון עין גדי.

אֲלָפִים אִישׁ בָּחוּר מִכָּל־יִשְׂרָאֵל וַיֵּלֶךְ לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד
3 וַאֲנָשָׁיו עַל־פְּנֵי צוּרֵי הַיְּעֵלִים׃ וַיָּבֹא אֶל־גִּדְרוֹת הַצֹּאן
עַל־הַדֶּרֶךְ וְשָׁם מְעָרָה וַיָּבֹא שָׁאוּל לְהָסֵךְ אֶת־רַגְלָיו
4 וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו בְּיַרְכְּתֵי הַמְּעָרָה יֹשְׁבִים׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי
דָוִד אֵלָיו הִנֵּה הַיּוֹם אֲשֶׁר־אָמַר יְהוָה אֵלֶיךָ הִנֵּה אָנֹכִי
נֹתֵן אֶת־אֹיִבְךָ בְּיָדֶךָ וְעָשִׂיתָ לּוֹ כַּאֲשֶׁר יִטַב בְּעֵינֶיךָ
וַיָּקָם דָּוִד וַיִּכְרֹת אֶת־כְּנַף־הַמְּעִיל אֲשֶׁר־לְשָׁאוּל בַּלָּט׃
ה וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיַּךְ לֵב־דָּוִד אֹתוֹ עַל אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־כָּנָף
6 אֲשֶׁר לְשָׁאוּל׃ וַיֹּאמֶר לַאֲנָשָׁיו חָלִילָה לִּי מֵיְהוָה אִם־
אֶעֱשֶׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה לַאדֹנִי לִמְשִׁיחַ יְהוָה לִשְׁלֹחַ יָדִי
7 בּוֹ כִּי־מְשִׁיחַ יְהוָה הוּא׃ וַיְשַׁסַּע דָּוִד אֶת־אֲנָשָׁיו בַּדְּבָרִים
וְלֹא נְתָנָם לָקוּם אֶל־שָׁאוּל וְשָׁאוּל קָם מֵהַמְּעָרָה וַיֵּלֶךְ
8 בַּדָּרֶךְ׃ וַיָּקָם דָּוִד אַחֲרֵי־כֵן וַיֵּצֵא מִן *הַמְּעָרָה
וַיִּקְרָא אַחֲרֵי־שָׁאוּל לֵאמֹר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַיַּבֵּט שָׁאוּל
9 אַחֲרָיו וַיִּקֹּד דָּוִד אַפַּיִם אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לְשָׁאוּל לָמָּה תִשְׁמַע אֶת־דִּבְרֵי אָדָם לֵאמֹר הִנֵּה דָוִד
י מְבַקֵּשׁ רָעָתֶךָ׃ הִנֵּה הַיּוֹם הַזֶּה רָאוּ עֵינֶיךָ אֵת אֲשֶׁר־
נְתָנְךָ יְהוָה ׀ הַיּוֹם ׀ בְּיָדִי בַּמְּעָרָה וְאָמַר לַהֲרָגְךָ וַתָּחָס עָלֶיךָ
11 וָאֹמַר לֹא־אֶשְׁלַח יָדִי בַּאדֹנִי כִּי־מְשִׁיחַ יְהוָה הוּא׃ וְאָבִי
רְאֵה גַּם רְאֵה אֶת־כְּנַף מְעִילְךָ בְּיָדִי כִּי בְּכָרְתִי אֶת־כְּנַף
מְעִילְךָ וְלֹא הֲרַגְתִּיךָ דַּע וּרְאֵה כִּי אֵין בְּיָדִי רָעָה וָפֶשַׁע
12 וְלֹא־חָטָאתִי לָךְ וְאַתָּה צֹדֶה אֶת־נַפְשִׁי לְקַחְתָּהּ׃ יִשְׁפֹּט
יְהוָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּנְקָמַנִי יְהוָה מִמֶּךָּ וְיָדִי לֹא תִהְיֶה־בָּךְ׃
13 כַּאֲשֶׁר יֹאמַר מְשַׁל הַקַּדְמֹנִי מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע וְיָדִי לֹא
14 תִהְיֶה־בָּךְ׃ אַחֲרֵי מִי יָצָא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי מִי אַתָּה
טו רֹדֵף אַחֲרֵי כֶּלֶב מֵת אַחֲרֵי פַּרְעֹשׁ אֶחָד׃ וְהָיָה יְהוָה
לְדַיָּן וְשָׁפַט בֵּינִי וּבֵינֶךָ וְיֵרֶא וְיָרֵב אֶת־רִיבִי וְיִשְׁפְּטֵנִי

מידך

v. 5. יתיר י    v. 8. מהמערה קרי

2 און שאול האָט גענומען דריי טויזענד מאַן, אויסערוועהלטע פון גאַנץ
ישראל, און ער איז געגאַנגען זוכען דוד און זיינע מענער אויף די פעל־
זענס פון די שטיינבעק.
3 און ער איז געקומען צו די שאָף שטאַלען, וועלכע זיינען געווען אויפ׳ן
וועג. און דאָרטען איז געווען אַ הייל, און שאול איז דאָרט אַריינגע־
גאַנגען צו בעדעקען זיינ פיס (פאַר זיין באַדערפנים); אָבער דוד און
זיינע מענער זיינען געזעסען אין דער הינטער־זייט פון דער הייל.
4 און דוד׳ס מענער האָבען צו איהם געזאָגט: זעה, דאָס איז דער טאָג פון
וועלכען גאָט האָט צו דיר געזאָגט: זעה, איך וועל געבען דיין פיינד אין
דיין האַנד. דאַרום טהו יעצט צו איהם וואָס עס איז גוט אין דיינע אויִ־
גען. און דוד איז אויפגעשטאַנען און ער האָט שטילערהייט אָפגעשניטען
דעם ברעג פון שאול׳ס מאַנטעל.
5 און עס איז געשעהען נאָכדעם, האָט דוד׳ן געשלאָגען (געקלאַפּט) דאָס
האַרץ; ווייל ער האָט אָפּגעשניטען דם ברעג פון שאול׳ס מאַנטעל.
6 און ער האָט געזאָגט צו זיינע מענער: פערמידען זאָל דאָס זיין פון מיר
אום גאָטעס ווילען, דאָס איך זאָל אַזאַ זאַך טהאָן צו מיין העררן צו דעם
געזאַלבטען פון גאָט; צו לעגען מיין האַנד אויף איהם; דען אַ געזאַלב־
טער פון גאָט איז ער.
7 און מיט דיעזע ווערטער האָט דוד אָפּגעהאַלטען זיינע מענער, און ער
האָט זיי ניט געלאָזען אויפשטעהן קעגען שאול. און שאול איז אויפגע־
שטאַנען פון דער הייל און ער איז געגאַנגען זיין וועג.
8 און אויך דוד איז אויפגעשטאַנען נאכהער, און ער איז אַרויס פון דער
הייל, און ער האָט נאָכגערופען נאָך שאול און האָט געזאָגט: מיין הערר
קעניג! און שאול האָט זיך אַרומגעקוקט, און דוד האָט זיך געבייגט מיט
דעם געזיכט צו דער ערד און האָט זיך געבוקט.
9 און דוד האָט געזאָגט צו שאול: וואָרום זאָלסטו הערען די רייד פון מענ־
שען וואָס זאָגען: זעה, דוד זוכט דיר שלעכטס צו טהאָן?
10 זעה, דיעזען טאָג האָבען דיינע אייגענע אויגען געזעהען, דאָס גאָט האָט
דיך היינט איבערגעגעבען אין מיין האַנד אין דער הייל. און זאָגאַר יע־
מאַנד האָט געזאָגט איך זאָל דיך דערשלאָגען, אָבער מיין זעעלע האָט
דיך געשוינט, און איך האָב געזאָגט: איך וועל ניט לעגען מיין האַנד
אויף מיין העררן, דען ער איז אַ געזאַלבטער פון גאָט.
11 מיין פאָטער! זעה נאָר, און בעטראַכט, דאָס דער ברעג פון דיין מאַנטעל
איז אין מיין האַנד, און דאַדורך דאָס ווען איך האָב אָבגעשניטען דעם
ברעג פון דיין מאַנטעל און האָב דיך ניט דערשלאָגען, קענסטו דיך אי־
בערצייגען און איינזעהן דאָס אין מיר איז ניטאָ קיין שלעכטס און פער־
ברעכען, און דאָס איך האָב קיין מאָל געזינדיגט קעגען דיר; דו אָבער
לויערסט אויף מיין זעעלע, מיר דאָס לעבען אַוועקצונעהמען.
12 גאָט זאָל ריכטען צווישען מיר און דיר, און גאָט זאָל פאַר מיר ראַכע
נעהמען פון דיר, אָבער מיין האַנד וועט ניט קומען אויף דיר (וועט דיך
ניט אָנריהרען).
13 ווי דער אַלטער שפּריכוואָרט זאָגט: פון די שלעכטע קומט אַרויס
שלעכטס, דאַרום וועל איך ניט לעגען מיין האַנד אויף דיר.
14 נאָך וועמען איז דער קעניג פון ישראל אַרויסגעצויגען? נאָך וועמען
יאָגסטו זיך נאָך? נאָך אַ טויטען הונד, נאָך אַן איינציגע פלוי.
15 לאָז גאָט זיין אַ ריכטער, און ער זאָל אורטהיילען צווישען מיר און דיר,
און ער זאָל עס צוזעהן, און ער זאָל פיהרען מיין שטרייט, און ער זאָל
מיר פערשאפען גערעכטיגקייט פון דיין האַנד.

16 מִיָּדֶךָ׃ וַיְהִי ׀ כְּכַלּוֹת דָּוִד לְדַבֵּר אֶת־הַדְּבָרִים
הָאֵלֶּה אֶל־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר שָׁאוּל הֲקֹלְךָ זֶה בְּנִי דָוִד וַיִּשָּׂא
17 שָׁאוּל קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ׃ וַיֹּאמֶר אֶל־דָּוִד צַדִּיק אַתָּה מִמֶּנִּי כִּי
18 אַתָּה גְּמַלְתַּנִי הַטּוֹבָה וַאֲנִי גְּמַלְתִּיךָ הָרָעָה׃ וְאַתְּ הִגַּדְתָּ
הַיּוֹם אֵת אֲשֶׁר־עָשִׂיתָה אִתִּי טוֹבָה אֵת אֲשֶׁר סִגְּרַנִי יְהוָה
19 בְּיָדְךָ וְלֹא הֲרַגְתָּנִי׃ וְכִי־יִמְצָא אִישׁ אֶת־אֹיְבוֹ וְשִׁלְּחוֹ
בְּדֶרֶךְ טוֹבָה וַיהוָה יְשַׁלֶּמְךָ טוֹבָה תַּחַת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר
כ עָשִׂיתָה לִי׃ וְעַתָּה הִנֵּה יָדַעְתִּי כִּי מָלֹךְ תִּמְלוֹךְ וְקָמָה
21 בְּיָדְךָ מַמְלֶכֶת יִשְׂרָאֵל׃ וְעַתָּה הִשָּׁבְעָה לִּי בַּיהוָה אִם־
תַּכְרִית אֶת־זַרְעִי אַחֲרָי וְאִם־תַּשְׁמִיד אֶת־שְׁמִי מִבֵּית אָבִי׃
22 וַיִּשָּׁבַע דָּוִד לְשָׁאוּל וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל אֶל־בֵּיתוֹ וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו
עָלוּ עַל־הַמְּצוּדָה׃

## Cap. XXV. כה

כה
א וַיָּמָת שְׁמוּאֵל וַיִּקָּבְצוּ כָל־יִשְׂרָאֵל וַיִּסְפְּדוּ־לוֹ וַיִּקְבְּרֻהוּ
בְּבֵיתוֹ בָּרָמָה וַיָּקָם דָּוִד וַיֵּרֶד אֶל־מִדְבַּר פָּארָן׃
2 וְאִישׁ בְּמָעוֹן וּמַעֲשֵׂהוּ בַכַּרְמֶל וְהָאִישׁ גָּדוֹל מְאֹד וְלוֹ צֹאן
שְׁלֹשֶׁת־אֲלָפִים וְאֶלֶף עִזִּים וַיְהִי בִּגְזֹז אֶת־צֹאנוֹ בַּכַּרְמֶל׃
3 וְשֵׁם הָאִישׁ נָבָל וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ אֲבִגָיִל וְהָאִשָּׁה טוֹבַת־
שֶׂכֶל וִיפַת תֹּאַר וְהָאִישׁ קָשֶׁה וְרַע מַעֲלָלִים וְהוּא כָלִבּוֹ׃
4 ה וַיִּשְׁמַע דָּוִד בַּמִּדְבָּר כִּי־גֹזֵז נָבָל אֶת־צֹאנוֹ׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד
עֲשָׂרָה נְעָרִים וַיֹּאמֶר דָּוִד לַנְּעָרִים עֲלוּ כַרְמֶלָה וּבָאתֶם
6 אֶל־נָבָל וּשְׁאֶלְתֶּם־לוֹ בִשְׁמִי לְשָׁלוֹם׃ וַאֲמַרְתֶּם כֹּה
לֶחָי וְאַתָּה שָׁלוֹם וּבֵיתְךָ שָׁלוֹם וְכֹל אֲשֶׁר־לְךָ שָׁלוֹם׃
7 וְעַתָּה שָׁמַעְתִּי כִּי גֹזְזִים לָךְ עַתָּה הָרֹעִים אֲשֶׁר־לְךָ הָיוּ
עִמָּנוּ לֹא הֶכְלַמְנוּם וְלֹא־נִפְקַד לָהֶם מְאוּמָה כָּל־יְמֵי
8 הֱיוֹתָם בַּכַּרְמֶל׃ שְׁאַל אֶת־נְעָרֶיךָ וְיַגִּידוּ לָךְ וְיִמְצְאוּ
הַנְּעָרִים חֵן בְּעֵינֶיךָ כִּי־עַל־יוֹם טוֹב בָּנוּ תְּנָה־נָּא אֵת

אשר

v. 18. ואתה ק׳ v. 22. כ״א אֶל v. 3. כ״ה כלבי ק׳ v. 8. חסר אלף

16 און עס איז געשעהן ווען דוד האָט אויפגעהערט צו רעדען דיעזע רייד
צו שאול, דאָ האָט שאול געזאָגט: איז דאָס דיין שטים, מיין זוהן דוד?
און שאול האָט ערהויבען זיין שטים און האָט געוויינט.
17 און ער האָט געזאָגט צו דוד: דו ביזט גערעכט פאַר מיר! דען דו האָסט
מיר גוטעס פערגאָלטען, און איך האָב דיר שלעכטס פערגאָלטען.
18 און דו האָסט היינט איבערצייגט, וואָס פאַר אַ גרויסע גוטעס דו האָסט
מיט מיר געטהאָן; דען גאָט האָט מיך אין דיין האַנד איבערגעגעבען,
און דו האָסט מיך ניט דערשלאָגען.
19 און קען נאָך אַזאַ פאַל געשעהען? דאָס אַ מענש זאָל טרעפען זיין פיינד,
און ער זאָל איהם לאָזען אַוועקגעהן אויף אַזאַ גליקליכען אָרט? דאַרום
זאָל גאָט דיר בעצאָהלען גוטעס, פאַר די גוטעס וואָס דו האָסט צו מיר
דיעזען טאָג געטהאָן.
20 נון אָבער זעה, איך ווייס דאָס דו וועסט געוויס רעגיערען, און דאָס די
קעניגרייך פון ישראל וועט אַ בעשטאַנד האָבען אין דיין האַנד.
21 אַזוי שווער דאָך יעצט צו מיר ביי גאָט, דאָס דו וועסט ניט אויסראָטען
מיין זאָמען (קינדער) נאָך מיר, און דאָס דו וועסט ניט פערטיליגען מיין
נאָמען פון מיין פאָטערס הויז (מיין פאַמיליע).
22 און דוד האָט עס געשוואָרען צו שאול. און שאול איז געגאַנגען נאָך זיין
הויז, און דוד און זיינע מענער זיינען אַרויפגעגאַנגען צו דעם באַרג־
פעסטונג.

## קאַפּיטעל כה

1 און שמואל איז געשטאָרבען, און גאַנץ ישראל האָבען זיך פערזאַמעלט
און זיי האָבען איהם בעקלאָגט, און זיי האָבען איהם בעגראָבען אין זיין
הויז אין רמה. און דוד איז אויפגעשטאַנען און האָט אַראָבגעניעדערט
צו דער וויסטע פארן.
2 און אַ געוויסער מאַן איז געווען אין מעון, און זיין געשעפט איז געווען
אין כרמל, און דיעזער מאַן איז געווען זעהר גרויס, און ער האָט געהאַט
דריי טויזענד שאָף, און טויזענד ציגען, און שטענדיג ווען ער פלעגט
זיינע שאָף שערען, פלעגט ער זיך אויפהאַלטען אין כרמל.
3 און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען נבל, און דער נאָמען פון זיין
ווייב אבגיל; און דאָס ווייב האָט געהאַט אַ גוטען פערשטאַנד און אַ
שעהנע געשטאַלט; דער מאַן אָבער איז געווען האַרט און אַ פערדאָרבע־
נער מענש. ער איז געווען פון דער פאַמיליע פון כלב.
4 און דוד האָט געהערט אין דער וויסטע דאָס נבל שערט זיינע שאָף.
5 און דוד האָט געשיקט צעהן יונגען, און דוד האָט געזאָגט צו די יונגען:
געהט אַרויף נאָך כרמל, און געהט צו נבל, און פרעגט איהם אין מיין
נאָמען נאָך זיין וואָהלבעפינדען.
6 און זאָגט: אַזוי זאָל עס דיר געהן דיין גאַנצען לעבען, און פריעדען צו
דיר, און פריעדען צו דיין הויזגעזינד, און צו אַלעס וואָס דו האָסט,
פריעדען.
7 און יעצט, איך האָב געהערט דאָס מען שערט יעצט דיינע שאָף, נון,
דיינע הירטען זיינען אימער געווען אַרום אונז; מיר האָבען זיי ניט
קיין ביטע ענטזאַגט, אויך איז אַפילו די קלענסטע זאַך ביי זיי ניט פער־
לאָרען געגאַנגען, זאָלאַנג ווי זיי זיינען געווען אין כרמל.
8 פרעג דיינע יונגען און זיי וועלען עס דיר זאָגען. דאַרום לאָזען דאָך מיי־
נע יונגען געפינען גונסט אין דיינע אויגען, דען וויל עס איז אַ פייער־

9 אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדְךָ לַעֲבָדֶיךָ וּלְבִנְךָ לְדָוִד׃ וַיָּבֹאוּ נַעֲרֵי דָוִד
וַיְדַבְּרוּ אֶל־נָבָל כְּכָל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּשֵׁם דָּוִד וַיָּנוּחוּ׃
י וַיַּעַן נָבָל אֶת־עַבְדֵי דָוִד וַיֹּאמֶר מִי דָוִד וּמִי בֶן־יִשָׁי הַיּוֹם
11 רַבּוּ עֲבָדִים הַמִּתְפָּרְצִים אִישׁ מִפְּנֵי אֲדֹנָיו׃ וְלָקַחְתִּי
אֶת־לַחְמִי וְאֶת־מֵימַי וְאֵת טִבְחָתִי אֲשֶׁר טָבַחְתִּי לְגֹזְזָי
12 וְנָתַתִּי לַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לֹא יָדַעְתִּי אֵי מִזֶּה הֵמָּה׃ וַיַּהַפְכוּ
נַעֲרֵי־דָוִד לְדַרְכָּם וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ וַיַּגִּדוּ לוֹ כְּכֹל הַדְּבָרִים
13 הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לַאֲנָשָׁיו חִגְרוּ ׀ אִישׁ אֶת־חַרְבּוֹ
וַיַּחְגְּרוּ אִישׁ אֶת־חַרְבּוֹ וַיַּחְגֹּר גַּם־דָּוִד אֶת־חַרְבּוֹ וַיַּעֲלוּ ׀
אַחֲרֵי דָוִד כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ וּמָאתַיִם יָשְׁבוּ עַל־
14 הַכֵּלִים׃ וְלַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת נָבָל הִגִּיד נַעַר־אֶחָד מֵהַנְּעָרִים
לֵאמֹר הִנֵּה שָׁלַח דָּוִד מַלְאָכִים ׀ מֵהַמִּדְבָּר לְבָרֵךְ אֶת־
טו אֲדֹנֵינוּ וַיָּעַט בָּהֶם׃ וְהָאֲנָשִׁים טֹבִים לָנוּ מְאֹד וְלֹא
הָכְלַמְנוּ וְלֹא־פָקַדְנוּ מְאוּמָה כָּל־יְמֵי הִתְהַלַּכְנוּ אִתָּם
16 בִּהְיוֹתֵנוּ בַּשָּׂדֶה׃ חוֹמָה הָיוּ עָלֵינוּ גַּם־לַיְלָה גַּם־יוֹמָם
17 כָּל־יְמֵי הֱיוֹתֵנוּ עִמָּם רֹעִים הַצֹּאן׃ וְעַתָּה דְּעִי וּרְאִי
מַה־תַּעֲשִׂי כִּי־כָלְתָה הָרָעָה אֶל־אֲדֹנֵינוּ וְעַל־כָּל־בֵּיתוֹ
18 וְהוּא בֶּן־בְּלִיַּעַל מִדַּבֵּר אֵלָיו׃ וַתְּמַהֵר אֲבוֹגַיִל וַתִּקַּח
מָאתַיִם לֶחֶם וּשְׁנַיִם נִבְלֵי־יַיִן וְחָמֵשׁ צֹאן עֲשׂוּוֹת וְחָמֵשׁ
סְאִים קָלִי וּמֵאָה צִמֻּקִים וּמָאתַיִם דְּבֵלִים וַתָּשֶׂם עַל־
19 הַחֲמֹרִים׃ וַתֹּאמֶר לִנְעָרֶיהָ עִבְרוּ לְפָנַי הִנְנִי אַחֲרֵיכֶם
כ בָּאָה וּלְאִישָׁהּ נָבָל לֹא הִגִּידָה׃ וְהָיָה הִיא ׀ רֹכֶבֶת עַל־
הַחֲמוֹר וְיֹרֶדֶת בְּסֵתֶר הָהָר וְהִנֵּה דָוִד וַאֲנָשָׁיו יֹרְדִים
21 לִקְרָאתָהּ וַתִּפְגֹּשׁ אֹתָם׃ וְדָוִד אָמַר אַךְ לַשֶּׁקֶר שָׁמַרְתִּי
אֶת־כָּל־אֲשֶׁר לָזֶה בַּמִּדְבָּר וְלֹא־נִפְקַד מִכָּל־אֲשֶׁר־לוֹ
22 מְאוּמָה וַיָּשֶׁב־לִי רָעָה תַּחַת טוֹבָה׃ כֹּה־יַעֲשֶׂה אֱלֹהִים
לְאֹיְבֵי דָוִד וְכֹה יֹסִיף אִם־אַשְׁאִיר מִכָּל־אֲשֶׁר־לוֹ עַד־אוֹר

הבקר

v. 18 אביגיל ק׳ ibid. עשויות ק׳

טאָג ביי דיר זיינען מיר געקומען, גיעב דאָך וואָס דיין האַנד וועט געפינען
(וואָס דו ביזט אים שטאַנד) צו דיינע קנעכט און צו דיין זוהן דוד.
9 און דוד'ס יונגען זיינען געקומען און זיין האָבען גערעדט צו נבל אַלע
דיעזע ווערטער אין דעם נאָמען פון דוד. און זיי האָבען זיך אָבגערוהט.
10 און נבל האָט געענטפערט צו דוד'ס קנעכט און ער האָט געזאָגט: ווער
איז דאָס דוד, און ווער איז ישי'ס זוהן? היינט זיינען דאָ פיעל קנעכט,
וועלכע רייסען זיך אָפּ, יעדער פון זיין העררן.
11 זאָל איך דען נעהמען מיין ברויט און מיין וואסער, און מיינע שעכטונג
וואָס איך האָב געשאכטען פאר מיינע שעערערס, און זאָל עס אַוועקגעבען
צו אַזעלכע לייטע, וואָס איך ווייס ניט, פון וואנען זיי זיינען?
12 און דוד'ס יונגען האָבען זיך אומגעקעהרט נאָך זייער וועג, און זיי זיינען
צוריקגעקומען און האָבען איהם (דוד'ן) געזאָגט אַלע דיעזע רייד.
13 און דוד האָט געזאָגט צו זיינע מענער: גורט אָן יעדער זיין שווערד,
און יעדער האָט אנגעגארטעלט זיין שווערד, און אויך דוד האָט אָנגע־
גארטעלט זיין שווערד, און עס זיינען געצויגען נאָך דוד אונגעפעהר פיער
הונדערט מאַן. און צוויי הונדערט מאַן זיינען געבליעבען ביי די זאכען
(צו היטען).
14 און צו אביגיל, נבל'ס ווייב, האָט עס אָנגעזאָגט איינער פון די יונגען
און ער האָט געזאָגט: זעה, דוד האָט געשיקט פון דער וויסטע שלוחים
אונזער העררן צו בעגריסען, ער אָבער האָט זיי אַוועקגעיאָגט.
15 און די לייטע זיינען זעהר גוט צו אונז, מיר זיינען ניט פון זיי פער־
שעהמט געוואָרען, און מיר האָבען אויך די קלענסטע זאך ניט פערלאָ־
רען, זאָ לאנג ווי מיר זיינען מיט זיי ארומגעגאנגען, ווען מיר זיינען
געוועזען אויף דעם פעלד.
16 ווי אַ מויער זיינען זיי געוועזען ארום אונז, ביי נאַכט און ביי טאָג. זאָ
לאַנג מיר זיינען מיט זיי (צוזאַמען) געוועזען, ווען מיר האָבען געוויידעט
די שאָף.
17 און יעצט בעדענק און זעה, וואָס דו זאָלסט טהאָן. דען אַן אונגליק
איז בעשלאָסען קעגען אונזער העררן, און אויף זיין גאַנצעס הויזגעזינד,
און ער — ער איז דאָך אַ ניעדערטרעכטיגער מענש, און צו איהם קען
מען דאָך ניט רעדען.
18 און אביגיל האָט געאיילט און זי האָט גענומען צוויי הונדערט ברויט,
און צוויי פלאשען וויין, און פינף צוגעריכטעטע שאָף, און פינף מאָס
געברענטע זאנגענמעהל, און הונדערט פעקלאך ראזינען, און צוויי הונ־
דערט פייגענקוכען, און זי האָט עס געלעגט אויף די אייזלען.
19 און זי האָט געזאָגט צו איהרע יונגען, איהר געהט פאָראויס, זעהט, איך
קום הינטער אייך, אָבער צו איהר מאַן נבל, האָט זי ניט דאפון גע־
זאָגט.
20 און עס איז געשעהן, ווען זי האָט געריטען אויף דעם אייזעל, און זי
האָט אַראָפּגענידערט דעם באַרג אַראָפּ צו דעם דונקעלן טהאל צו, און
ערשט, דוד מיט זיינע מענער קומען אַראָפּ איהר אַנטקעגען, און זי האָט
זיי בעגעגנט.
21 און דוד האָט (צו זיינע לייטע) געזאָגט: יא, אומזיסט האָב איך גע־
היט אַלעם וואָס געהערט צו דיעזען מאַן אין דער וויסטע, דאָס ניט דאָס
מינדעסטע האָט געפעהלט פון אַלעם וואָס געהערט צו איהם, און נון,
פערגילט ער מיר שלעכטס אנשטאט גוטעס.
22 אַזוי זאָל גאָט טהאָן צו די פיינד פון דוד, און אזוי זאָל ער ווייטער טהאָן
(זיי גוטעס), אויב איך וועל איבערלאָזען פון אלעם, וואָס איז זיינע ביז
דער מאָרגען לייכט, אויך ניט אַ הונד.

23 הַבֹּקֶר מַשְׁתִּין בְּקִיר׃ וַתֵּרֶא אֲבִיגַיִל אֶת־דָּוִד וַתְּמַהֵר
וַתֵּרֶד מֵעַל הַחֲמוֹר וַתִּפֹּל לְאַפֵּי דָוִד עַל־פָּנֶיהָ וַתִּשְׁתַּחוּ
24 אָרֶץ׃ וַתִּפֹּל עַל־רַגְלָיו וַתֹּאמֶר בִּי־אֲנִי אֲדֹנִי הֶעָוֺן וּתְדַבֶּר־
כה נָא אֲמָתְךָ בְּאָזְנֶיךָ וּשְׁמַע אֵת דִּבְרֵי אֲמָתֶךָ׃ אַל־נָא יָשִׂים
אֲדֹנִי ׀ אֶת־לִבּוֹ אֶל־אִישׁ הַבְּלִיַּעַל הַזֶּה עַל־נָבָל כִּי כִשְׁמוֹ
כֶּן־הוּא נָבָל שְׁמוֹ וּנְבָלָה עִמּוֹ וַאֲנִי אֲמָתְךָ לֹא רָאִיתִי
26 אֶת־נַעֲרֵי אֲדֹנִי אֲשֶׁר שָׁלָחְתָּ׃ וְעַתָּה אֲדֹנִי חַי־יְהוָה וְחֵי־
נַפְשְׁךָ אֲשֶׁר מְנָעֲךָ יְהוָה מִבּוֹא בְדָמִים וְהוֹשֵׁעַ יָדְךָ לָךְ
וְעַתָּה יִהְיוּ כְנָבָל אֹיְבֶיךָ וְהַמְבַקְשִׁים אֶל־אֲדֹנִי רָעָה׃
27 וְעַתָּה הַבְּרָכָה הַזֹּאת אֲשֶׁר־הֵבִיא שִׁפְחָתְךָ לַאדֹנִי וְנִתְּנָה
28 לַנְּעָרִים הַמִּתְהַלְּכִים בְּרַגְלֵי אֲדֹנִי׃ שָׂא נָא לְפֶשַׁע אֲמָתֶךָ
כִּי עָשֹׂה־יַעֲשֶׂה יְהוָה לַאדֹנִי בַּיִת נֶאֱמָן כִּי־מִלְחֲמוֹת
29 יְהוָה אֲדֹנִי נִלְחָם וְרָעָה לֹא־תִמָּצֵא בְךָ מִיָּמֶיךָ׃ וַיָּקָם
אָדָם לִרְדָפְךָ וּלְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשֶׁךָ וְהָיְתָה נֶפֶשׁ אֲדֹנִי
צְרוּרָה ׀ בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֵת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאֵת נֶפֶשׁ
ל אֹיְבֶיךָ יְקַלְּעֶנָּה בְּתוֹךְ כַּף הַקָּלַע׃ וְהָיָה כִּי־יַעֲשֶׂה יְהוָה
לַאדֹנִי כְּכֹל אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֶת־הַטּוֹבָה עָלֶיךָ וְצִוְּךָ לְנָגִיד עַל־
31 יִשְׂרָאֵל׃ וְלֹא־תִהְיֶה זֹאת ׀ לְךָ לְפוּקָה וּלְמִכְשׁוֹל לֵב
לַאדֹנִי וְלִשְׁפָּךְ־דָּם חִנָּם וּלְהוֹשִׁיעַ אֲדֹנִי לוֹ וְהֵיטִב יְהוָה
32 לַאדֹנִי וְזָכַרְתָּ אֶת־אֲמָתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לַאֲבִגַל*
בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר שְׁלָחֵךְ הַיּוֹם הַזֶּה לִקְרָאתִי׃
33 וּבָרוּךְ טַעְמֵךְ וּבְרוּכָה אָתְּ אֲשֶׁר כְּלִתִנִי הַיּוֹם הַזֶּה מִבּוֹא
34 בְדָמִים וְהֹשֵׁעַ יָדִי לִי׃ וְאוּלָם חַי־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר מְנָעַנִי מֵהָרַע אֹתָךְ כִּי ׀ לוּלֵי מִהַרְתְּ וַתָּבֹאתִי* לִקְרָאתִי
לה כִּי אִם־נוֹתַר לְנָבָל עַד־אוֹר הַבֹּקֶר מַשְׁתִּין בְּקִיר׃ וַיִּקַּח
דָּוִד מִיָּדָהּ אֵת אֲשֶׁר־הֵבִיאָה לוֹ וְלָהּ אָמַר עֲלִי לְשָׁלוֹם
36 לְבֵיתֵךְ רְאִי שָׁמַעְתִּי בְקוֹלֵךְ וָאֶשָּׂא פָּנָיִךְ׃ וַתָּבֹא אֲבִיגַיִל ׀

אל

v. 32. פתח באתנח v. 34. ותבאת ק

23 און ווען אביגיל האָט געזעהען דוד'ן, האָט זי געאיילט און איז אַראָפּ־געשטיגען פון דעם אייזעל, און זי איז געפאַלען פאַר דוד'ן אויף איהר געזיכט, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד,

24 און זי איז געפאַלען צו זיינע פיס און האָט געזאָגט: אין מיר, מיין הערר, איז די שולד; דארום לאָז דאָך דיין דיענסט רעדען בעפאָר דיינע אויערען, און הער די רייד פון דיין דיענסט.

25 לאָז דאָך מיין הערר ניט לעגען זיין הארץ (אכטען) אויף דיעזען ניעדער־טרעכטיגען מאַן; זיך ניט קימערען וועגען נבל, דען ווי זיין נאָמען איז, אזוי איז ער, נבל איז זיין נאָמען, און ניעדערטרעכטיגקייט איז זיין איי־גענשאַפט; אָבער איך, דיין דיענסט האָב ניט געזעהען די יונגען, וועלכע דו האָסט געשיקט.

26 און יעצט, מיין הערר! זאָ וואהר ווי גאָט לעבט, און זאָ וואהר ווי דיינע זעעלע לעבט, דאָס גאָט האָט דיר אָבגעהאַלטען פון קומען צו פערגיסען בלוט, און דאָס דו זאָלסט זיך ניט בענוצען מיט דיין מאַכט. און יעצט זאָלען אַלע דיינע פיינד, און די וואָס זוכען מיין הערר'ן שלעכטס צו טהאָן, לאָזען זיי זיין ווי נבל.

27 און יעצט דאָ איז דאָס קליינע געשענק, וועלכע דיין דיענסט האָט גע־בראַכט צו מיין הערר'ן, און זאָל עס געגעבען ווערען צו די יונגען וואָס בעגלייטען מיין הערר'ן.

28 פערצייהע דאָך דעם פערברעכען פון דיין דיענסט; דען גאָט וועט געוויס אויפשטעלען פאַר מיין הערר'ן אַ דויערהאַפטעס הויז, דען מיין הערר שטרייט די שטרייטס פון גאָט, און זאָלאַנג דו לעבסט, איז נאָך אין דיר קיין שלעכטס געפונען געוואָרען.

29 און ווען אויך אַ געוויסער מענש איז אויפגעשטאַנען דיך נאָכצויאָגען און צו זוכען דיין לעבען; אָבער די זעעלע פון מיין הערר'ן וועט פער־בלייבען איינגעבונדען אים בונד פון אייביגען לעבען מיט דיין גאָט; און די זעעלע פון דיינע פיינד וועט ער אוועקשליידערן, ווי עס ווערט געשליידערט (אַ שטיין) פון דעם מיטען פון אַ שליידער.

30 און עס וועט געשעהן, דאָס ווען גאָט וועט טהאָן צו מיין הערר'ן, אַלעס גוטעס, וואָס ער האָט גערעדט וועגען דיר, און ער וועט דיך געביטען אַלס אַ הערשער איבער ישראל.

31 זאָ זאָל עס דאַן ניט זיין צו דיר פאַר אַ שטרויכלונג, און צו אַ פאָרוואורף אין הארצען פאַר מיין הערר; צו פערגיסען בלוט אומזיסט, און דאָס מיין הערר זאָל זיך בענוצען מיט זיין מאַכט. און ווען גאָט וועט גוטעס טהאָן צו מיין הערר'ן וועסטו זיך עראינערן אַן דיין דיענסט.

32 און דוד האָט געזאָגט צו אביגיל: געלויבט זאָל זיין גאָט, דער גאָט פון ישראל, וואָס האָט דיך געשיקט דיעזען טאָג, ענטקעגען מיר.

33 און געבענשט זאָל זיין דיין פערשטאַנד, און געבענשט זאָלסטו זיין, וואָס דו האָסט מיך צוריקגעהאַלטען דיעזען טאָג פון קומען צו בלוטפערגיסונג, און זיך זעלבסט צו העלפען מיט מיין שטאַרקהייט.

34 אָבער, זאָ וואהר ווי גאָט דער גאָט פון ישראל לעבט, וואָס האָט מיך צוריקגעהאַלטען, דיך אונגליקליך צו מאַכען; דאָס אויב דו וואָלסט ניט געאיילט און געקומען מיר ענטקעגען, וואָלט געוויס ניט איבערגעבליבען פון נבל ביז דעם מאָרגען־ליכט אויך ניט איין הונד.

35 און דוד האָט גענומען פון איהר האַנד דאָס וואָס זי האָט געבראַכט צו איהם, און צו איהר האָט ער געזאָגט: געה אין פריעדען נאָך דיין הויז, איך האָב געהאָרכט צו דיין שטים, און איך האָב געשוינט דיין געזיכט.

36 און אביגיל איז געקומען צו נבל, און ערשט, ער האָט געהאַט אַ מאָהלצייט

אֶל־נָבָל וְהִנֵּה־לוֹ מִשְׁתֶּה בְּבֵיתוֹ כְּמִשְׁתֵּה הַמֶּלֶךְ וְלֵב
נָבָל טוֹב עָלָיו וְהוּא שִׁכֹּר עַד־מְאֹד וְלֹא־הִגִּידָה לּוֹ דָּבָר
37 קָטֹן וְגָדוֹל עַד־אוֹר הַבֹּקֶר׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר בְּצֵאת הַיַּיִן מִנָּבָל
וַתַּגֶּד־לוֹ אִשְׁתּוֹ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיָּמָת לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ
38 וְהוּא הָיָה לְאָבֶן׃ וַיְהִי כַּעֲשֶׂרֶת הַיָּמִים וַיִּגֹּף יְהוָה אֶת־נָבָל
39 וַיָּמֹת׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד כִּי מֵת נָבָל וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֲשֶׁר
רָב אֶת־רִיב חֶרְפָּתִי מִיַּד נָבָל וְאֶת־עַבְדּוֹ חָשַׂךְ מֵרָעָה
וְאֵת רָעַת נָבָל הֵשִׁיב יְהוָה בְּרֹאשׁוֹ וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיְדַבֵּר
בַּאֲבִיגַיִל לְקַחְתָּהּ לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי דָוִד אֶל־
אֲבִיגַיִל הַכַּרְמֶלָה וַיְדַבְּרוּ אֵלֶיהָ לֵאמֹר דָּוִד שְׁלָחָנוּ אֵלַיִךְ
41 לְקַחְתֵּךְ לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַתָּקָם וַתִּשְׁתַּחוּ אַפַּיִם אָרְצָה וַתֹּאמֶר
42 הִנֵּה אֲמָתְךָ לְשִׁפְחָה לִרְחֹץ רַגְלֵי עַבְדֵי אֲדֹנִי׃ וַתְּמַהֵר
וַתָּקָם אֲבִיגַיִל וַתִּרְכַּב עַל־הַחֲמוֹר וְחָמֵשׁ נַעֲרֹתֶיהָ הַהֹלְכֹת
43 לְרַגְלָהּ וַתֵּלֶךְ אַחֲרֵי מַלְאֲכֵי דָוִד וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה׃ וְאֶת־
אֲחִינֹעַם לָקַח דָּוִד מִיִּזְרְעֶאל וַתִּהְיֶיןָ גַּם־שְׁתֵּיהֶן לוֹ לְנָשִׁים׃
44 וְשָׁאוּל נָתַן אֶת־מִיכַל בִּתּוֹ אֵשֶׁת דָּוִד לְפַלְטִי בֶן־לַיִשׁ
אֲשֶׁר מִגַּלִּים׃

## כו Cap. XXVI. כו

א וַיָּבֹאוּ הַזִּפִים אֶל־שָׁאוּל הַגִּבְעָתָה לֵאמֹר הֲלוֹא דָוִד
2 מִסְתַּתֵּר בְּגִבְעַת הַחֲכִילָה עַל פְּנֵי הַיְשִׁימֹן׃ וַיָּקָם שָׁאוּל
וַיֵּרֶד אֶל־מִדְבַּר־זִיף וְאִתּוֹ שְׁלֹשֶׁת־אֲלָפִים אִישׁ בְּחוּרֵי
3 יִשְׂרָאֵל לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד בְּמִדְבַּר־זִיף׃ וַיִּחַן שָׁאוּל בְּגִבְעַת
הַחֲכִילָה אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הַיְשִׁימֹן עַל־הַדָּרֶךְ וְדָוִד יֹשֵׁב
4 בַּמִּדְבָּר וַיַּרְא כִּי בָא שָׁאוּל אַחֲרָיו הַמִּדְבָּרָה׃ וַיִּשְׁלַח
ה דָּוִד מְרַגְּלִים וַיֵּדַע כִּי־בָא שָׁאוּל אֶל־נָכוֹן׃ וַיָּקָם דָּוִד
וַיָּבֹא אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר חָנָה־שָׁם שָׁאוּל וַיַּרְא דָּוִד אֶת־
הַמָּקוֹם אֲשֶׁר שָׁכַב־שָׁם שָׁאוּל וְאַבְנֵר בֶּן־נֵר שַׂר־צְבָאוֹ

וְשָׁאוּל

אין זיין הויז, ווי די מאָהלצייט פֿון אַ קעניג, און נבל איז געווען זעהר פֿרעהליך, דען ער איז געווען זעהר שכור; און זי האָט איהם קיין זאַך ניט געזאָגט, ניט אַ וויכטיגע, ניט אַ מינדעסטע ביז אם פֿריה־מאָרגען.

37 און עס איז געווען אם פֿריה־מאָרגען, אַלס נבל איז ניכטער געוואָרען (דער וויין איז פֿון איהם אַוועק), האָט איהם זיין פֿרוי דערצעהלט דיעזע אַלע בעגעבענהייטען, און זיין הארץ איז אין איהם אָפּגעשטאָרבען, און ער איז געוואָרען ווי פֿערשטיינערט.

38 און אין אונגעפֿעהר צען טעג נאָכהער האָט גאָט געפּלאָגט נבל'ן, און ער איז געשטאָרבען.

39 און אַלס דוד האָט געהערט דאָס נבל איז געשטאָרבען, האָט ער געזאָגט: געלויבט זאָל זיין גאָט וואָס האָט געשטריטען דעם שטרייט פֿון מיין בע־ליידיגונג פֿון נבל'ס האַנד, און ער (גאָט) האָט צוריקגעהאַלטען זיין קנעכט פֿון טהאָן שלעכטס, דען די שלעכטס פֿון נבל האָט גאָט זעלבסט צוריקגעקעהרט אויף זיין קאָפּ. און דוד האָט געשיקט (שלוחים), און ער האָט אָנגעפֿרעגט אַביגיל, (אויב זי איז צופֿריעדען ער זאָל זי) נעהמען צו זיך פֿאַר אַ פֿרוי.

40 און דוד'ס קנעכט זיינען געקומען צו אביגיל נאָך כרמל, און זיי האָבען צו איהר גערעדט אַזוי: דוד האָט אונז צו דיר געשיקט, אום דיך צו נעהמען פֿאַר איהם פֿאַר אַ פֿרוי.

41 און זי איז אויפֿגעשטאַנען און האָט זיך געבוקט מיט דעם געזיכט צו דער ערד, און זי האָט געזאָגט: זעה, דיין דיענסט איז וויליג אויך צו זיין אַ שקלאַפֿין, און אפילו צו וואַשען די פֿיס פֿון די קנעכט פֿון מיין העררן.

42 און אַביגיל האָט געאַיילט און זי איז אויפֿגעשטאַנען און איז געריטען אויף דעם אייזעל, מיט איהרע פֿינף יונגפֿרויען, וועלכע האָבען איהר בעגלייט, און זי איז געגאַנגען נאָך די שלוחים פֿון דוד, און זי איז געוואָרען זיין פֿרוי.

43 און (פֿריהער) האָט דוד געהייראַט אויך אחינועם פֿון יזרעאל, און זיי ביידע זיינען געווען זיינע פֿרויען.

44 און שאול אָבער האָט אַוועקגעגעבען זיין טאָכטער מיכל, דוד'ס ווייב, צו פּלטי, דעם זוהן פֿון ליש, פֿון (שטאָדט) גלים.

## קאַפּיטעל כו.

1 און די זפֿים זיינען געקומען צו שאול נאָך גבעה און האָבען געזאָגט: זעה, דוד פֿערבאָרגט זיך אויף דעם היגעל חכילה, קעגען דער וויסטע צו.

2 און שאול איז אויפֿגעשטאַנען און ער האָט אַראָפּגענידערט נאָך דער וויסטע פֿון זיף, און מיט איהם דריי טויזענד אויסערוועהלטע מענער פֿון ישראל, אום צו זוכען דוד'ן אין דער וויסטע פֿון זיף.

3 און שאול האָט געלאַגערט אויף דעם היגעל חכילה, וועלכע איז קעגען דער וויסטע צו, (ער האָט געלאַגערט) אויף דעם הויפּט־וועג. און דוד האָט זיך אויפֿגעהאַלטען אין דער וויסטע. און אַלס ער האָט געזעהען (פֿערשטאַנען) דאָס שאול קומט איהם נאָך צו דער וויסטע.

4 אַזוי האָט דוד געשיקט שפּיאָנען, און ער האָט ערפֿאַהרען דאָס שאול איז ווירקליך אָנגעקומען.

5 און דוד איז אויפֿגעשטאַנען און איז געקומען נאָהענט צו דעם אָרט וואו שאול האָט געלאַגערט, און ער האָט בעמערקט די שטעלע וואו שאול און אַבנר, דער זוהן פֿון נר, זיין הויפּטפֿיהרער, זיינען געלעגען. און שאול

6 וְשָׁאוּל שֹׁכֵב בַּמַּעְגָּל וְהָעָם חֹנִים סְבִיבֹתָו׃ וַיַּעַן דָּוִד
וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־אֲחִימֶלֶךְ הַחִתִּי וְאֶל־אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה אֲחִי
יוֹאָב לֵאמֹר מִי־יֵרֵד אִתִּי אֶל־שָׁאוּל אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיֹּאמֶר
7 אֲבִישַׁי אֲנִי אֵרֵד עִמָּךְ׃ וַיָּבֹא דָוִד וַאֲבִישַׁי ׀ אֶל־הָעָם
לַיְלָה וְהִנֵּה שָׁאוּל שֹׁכֵב יָשֵׁן בַּמַּעְגָּל וַחֲנִיתוֹ מְעוּכָה־
בָאָרֶץ מְרַאֲשֹׁתָו וְאַבְנֵר וְהָעָם שֹׁכְבִים סְבִיבֹתָו׃
8 וַיֹּאמֶר אֲבִישַׁי אֶל־דָּוִד סִגַּר אֱלֹהִים הַיּוֹם אֶת־אוֹיִבְךָ
בְּיָדֶךָ וְעַתָּה אַכֶּנּוּ נָא בַּחֲנִית וּבָאָרֶץ פַּעַם אַחַת וְלֹא
9 אֶשְׁנֶה לוֹ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי אַל־תַּשְׁחִיתֵהוּ כִּי מִי
שָׁלַח יָדוֹ בִּמְשִׁיחַ יְהוָה וְנִקָּה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד חַי־יְהוָה כִּי
אִם־יְהוָה יִגָּפֶנּוּ אוֹ־יוֹמוֹ יָבוֹא וָמֵת אוֹ בַמִּלְחָמָה יֵרֵד
11 וְנִסְפָּה׃ חָלִילָה לִּי מֵיהוָה מִשְּׁלֹחַ יָדִי בִּמְשִׁיחַ יְהוָה
וְעַתָּה קַח־נָא אֶת־הַחֲנִית אֲשֶׁר מְרַאֲשֹׁתָו וְאֶת־צַפַּחַת
12 הַמַּיִם וְנֵלְכָה לָּנוּ׃ וַיִּקַּח דָּוִד אֶת־הַחֲנִית וְאֶת־צַפַּחַת
הַמַּיִם מֵרַאֲשֹׁתֵי שָׁאוּל וַיֵּלְכוּ לָהֶם וְאֵין רֹאֶה וְאֵין יוֹדֵעַ
וְאֵין מֵקִיץ כִּי כֻלָּם יְשֵׁנִים כִּי תַּרְדֵּמַת יְהוָה נָפְלָה
13 עֲלֵיהֶם׃ וַיַּעֲבֹר דָּוִד הָעֵבֶר וַיַּעֲמֹד עַל־רֹאשׁ־הָהָר מֵרָחֹק
14 רַב הַמָּקוֹם בֵּינֵיהֶם׃ וַיִּקְרָא דָוִד אֶל־הָעָם וְאֶל־אַבְנֵר
בֶּן־נֵר לֵאמֹר הֲלוֹא תַעֲנֶה אַבְנֵר וַיַּעַן אַבְנֵר וַיֹּאמֶר מִי
טו אַתָּה קָרָאתָ אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אַבְנֵר
הֲלוֹא־אִישׁ אַתָּה וּמִי כָמוֹךָ בְּיִשְׂרָאֵל וְלָמָּה לֹא שָׁמַרְתָּ
אֶל־אֲדֹנֶיךָ הַמֶּלֶךְ כִּי־בָא אַחַד הָעָם לְהַשְׁחִית אֶת־הַמֶּלֶךְ
16 אֲדֹנֶיךָ׃ לֹא־טוֹב הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָ חַי־יְהוָה כִּי
בְנֵי־מָוֶת אַתֶּם אֲשֶׁר לֹא־שְׁמַרְתֶּם עַל־אֲדֹנֵיכֶם עַל־מְשִׁיחַ
יְהוָה וְעַתָּה ׀ רְאֵה אֵי־חֲנִית הַמֶּלֶךְ וְאֶת־צַפַּחַת הַמַּיִם
17 אֲשֶׁר מְרַאֲשֹׁתָו׃ וַיַּכֵּר שָׁאוּל אֶת־קוֹל דָּוִד וַיֹּאמֶר הֲקוֹלְךָ
18 זֶה בְּנִי דָוִד וַיֹּאמֶר דָּוִד קוֹלִי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר לָמָּה

זה

v. 16. v. 11. מראשתיו ק   v. 8. יתיר י   ibid. סביבותיו ק   v. 7. מראשתיו ק   v. 5. סביבתיו ק

איז געלעגען אין אַ מיטען פון א צירקעל, און דאָס פאָלק האָט געלאַגערט
רינגס אַרום איהם.
6 און (אַלס דוד איז צוריקגעקומען) האָט ער געזאָגט צו אַחימלך, דעם
חתי און צו אבישי, דעם זוהן פון צרויה, יואב׳ס ברודער: ווער וויל
אראָפּגעהן מיט מיר צו שאול׳ן אין דאָס לאַגער? און אבישי האָט גע־
זאָגט: איך וועל מיט דיר אַראָפּגעהן.
7 און דוד און אַבישי זיינען געקומען צו דעם פאָלק ביי נאַכט, און ערשט,
שאול איז געלעגען און האָט געשלאָפען אין דעם צירקעל, און זיין שפּיז
איז געווען אריינגעשטעקט אין דער ערד ביי זיין צוקאָפּען, און אבנר
און דאָס פאָלק זיינען געלעגען רינגס אַרום איהם.
8 און אבישי האָט געזאָגט צו דוד: גאָט האָט היינט איבערגעגעבען דיין
פיינד אין דיין האַנד. און יעצט לאָז דאָך מיר איהם דערשלאָגען מיט
דעם שפּיז, דאָס ער זאָל איהם דורכגעהן ביז אין דער ערד, און צוואר
מיט איין מאָל, און איך וועל עס ניט דארפען ווידערהאָלען.
9 און דוד האָט געזאָגט צו אבישי: דו זאָלסט איהם ניט אומברענגען,
דען ווער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד אן דעם געזאלבטען פון גאָט,
און איז געבליעבען אונבעשטראָפט?
10 און דוד האָט ווייטער געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, (דו טהאָרסט
איהם ניט טוידטען), דען, אָדער גאָט וועט איהם פּלאָגען, אָדער זיין
בעשטימטער טאָג וועט קומען און ער וועט שטאַרבען, אָדער ער וועט
אראָפּנידערן צו דעם שטרייט און ער וועט אומקומען.
11 פערמידען זאָל עס צו מיר זיין אום גאָטעס ווילען, מיין האַנד אויסצו־
שטרעקען אויף דעם געזאלבטען פון גאָט. און יעצט נעהם נור דעם שפּיז
וואָס איז ביי זיין צוקאָפּען און דעם וואסערקרוג און מיר וועלען געהן
אונזער וועג.
12 און דוד האָט גענומען דעם שפּיז און דעם וואסערקרוג פון שאול׳ס קאָפּ־
זייט און זיי זיינען אַוועקגעגאנגען, און קיינער האָט ניט געזעהן, און
קיינער האָט ניט געמערקט, און קיינער האָט ניט ערוואכט, דען זיי
האָבען אַלע געשלאָפען, ווייל אַ שלאָף פון גאָט (אַן איבערנאַטירליכע
שלאָף) איז געפאַלען אויף זיי.
13 און דוד איז אַריבערגעגאנגען אויף דער אַנדער זייט, און ער האָט זיך
געשטעלט אויף דעם שפּיץ פון דעם באַרג פון ווייטען; צווישען זיי איז
געווען אַ גרויסער רוים.
14 און דוד האָט גערופען צו דעם פאָלק און צו אבנר דעם זוהן פון נר און
האָט געזאָגט: ווילסטו ניט ענטפערן, אבנר? און אבנר האָט געענט־
פערט און געזאָגט: ווער ביזטו, וואָס דו שרייעסט אַזוי ביי דעם קעניג?
15 און דוד האָט געזאָגט צו אבנר: ביזטו ניט אַ פאָרנעהמער מאַן? און
ווער איז דיר גלייך אין ישראל? און ווארום האָסטו ניט בעוואכט דיין
הערן דעם קעניג? דען איינער פון דעם פאָלק איז געקומען אומצו־
ברענגען דעם קעניג, דיין הערר.
16 די זאַך וואָס דו האָסט געטהאָן איז ניט גוט; זאָ וואַהר ווי גאָט לעבט,
דאָס איהר פערדיענט דעם טויט, ווייל איהר האָט ניט געהיט אייער
הערן, דעם געזאלבטען פון גאָט. און יעצט, זעה, וואו איז דעם
קעניגס שפּיז, און דער וואַסערקרוג וואָס איז געווען צו זיין קאָפּענס.
17 און שאול האָט דערקענט דוד׳ס שטים, און ער האָט געזאָגט: איז דאָס
דיין שטים, מיין זוהן דוד? און דוד האָט געזאָגט: עס איז מיין
שטים, מיין הערר קעניג!
18 און ער האָט (מעהר) געזאָגט: ווארום דאָך יאָגט נאָך מיין הערר זיין

זֶה אֲדֹנִי רֹדֵף אַחֲרֵי עַבְדּוֹ כִּי מֶה עָשִׂיתִי וּמַה־בְּיָדִי
19 רָעָה׃ וְעַתָּה יִשְׁמַע־נָא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֵת דִּבְרֵי עַבְדּוֹ אִם־
יְהוָה הֱסִיתְךָ בִי יָרַח מִנְחָה וְאִם ׀ בְּנֵי הָאָדָם אֲרוּרִים
הֵם לִפְנֵי יְהוָה כִּי־גֵרְשׁוּנִי הַיּוֹם מֵהִסְתַּפֵּחַ בְּנַחֲלַת יְהוָה
כ לֵאמֹר לֵךְ עֲבֹד אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ וְעַתָּה אַל־יִפֹּל דָּמִי
אַרְצָה מִנֶּגֶד פְּנֵי יְהוָה כִּי־יָצָא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לְבַקֵּשׁ אֶת־
21 פַּרְעֹשׁ אֶחָד כַּאֲשֶׁר יִרְדֹּף הַקֹּרֵא בֶּהָרִים׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל
חָטָאתִי שׁוּב בְּנִי־דָוִד כִּי לֹא־אָרַע לְךָ עוֹד תַּחַת אֲשֶׁר
יָקְרָה נַפְשִׁי בְּעֵינֶיךָ הַיּוֹם הַזֶּה הִנֵּה הִסְכַּלְתִּי וָאֶשְׁגֶּה
22 הַרְבֵּה מְאֹד׃ וַיַּעַן דָּוִד וַיֹּאמֶר הִנֵּה *הַחֲנִית הַמֶּלֶךְ וְיַעֲבֹר
23 אֶחָד מֵהַנְּעָרִים וְיִקָּחֶהָ׃ וַיהוָה יָשִׁיב לָאִישׁ אֶת־צִדְקָתוֹ
וְאֶת־אֱמֻנָתוֹ אֲשֶׁר נְתָנְךָ יְהוָה ׀ הַיּוֹם בְּיָד וְלֹא אָבִיתִי
24 לִשְׁלֹחַ יָדִי בִּמְשִׁיחַ יְהוָה׃ וְהִנֵּה כַּאֲשֶׁר גָּדְלָה נַפְשְׁךָ הַיּוֹם
הַזֶּה בְּעֵינָי כֵּן תִּגְדַּל נַפְשִׁי בְּעֵינֵי יְהוָה וְיַצִּלֵנִי מִכָּל־צָרָה׃
כה וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד בָּרוּךְ אַתָּה בְּנִי דָוִד גַּם
עָשֹׂה תַעֲשֶׂה וְגַם יָכֹל תּוּכָל וַיֵּלֶךְ דָּוִד לְדַרְכּוֹ וְשָׁאוּל
שָׁב לִמְקוֹמוֹ׃

## כז CAP. XXVII. כז

א וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־לִבּוֹ עַתָּה אֶסָּפֶה יוֹם־אֶחָד בְּיַד־שָׁאוּל
אֵין־לִי טוֹב כִּי הִמָּלֵט אִמָּלֵט ׀ אֶל־אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וְנוֹאַשׁ
מִמֶּנִּי שָׁאוּל לְבַקְשֵׁנִי עוֹד בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל וְנִמְלַטְתִּי
2 מִיָּדוֹ׃ וַיָּקָם דָּוִד וַיַּעֲבֹר הוּא וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ אֲשֶׁר עִמּוֹ
3 אֶל־אָכִישׁ בֶּן־מָעוֹךְ מֶלֶךְ *גַּת׃ וַיֵּשֶׁב דָּוִד עִם־אָכִישׁ בְּגַת
הוּא וַאֲנָשָׁיו אִישׁ וּבֵיתוֹ דָּוִד וּשְׁתֵּי נָשָׁיו אֲחִינֹעַם הַיִּזְרְעֵאלִת
4 וַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת־נָבָל הַכַּרְמְלִית׃ וַיֻּגַּד לְשָׁאוּל כִּי־בָרַח
ה דָּוִד גַּת וְלֹא־*יוֹסֵף עוֹד לְבַקְשׁוֹ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־
אָכִישׁ אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ יִתְּנוּ־לִי מָקוֹם בְּאַחַת

עָרֵי

כ״ו v. 22. חנית קרי   כ״ז v. 2. פתח בס״פ   v. 4. פתח באתנח   ibid. יסף קרי

קנעכט ? דען וואָס האָב איך געטהאָן ? אָדער וואָס פאַר אַ שלעכטס
איז דאָ אין מיין האַנד ?
19 און יעצט לאָז דאָך מיין הערר דער קעניג הערען מיינע רייד פון זיין
קנעכט ; אויב אַ געטליכער געפיהל האָט דיך איבער גערעדט קעגען
מיר, זאָל ער (גאָט) דאָס אָננעהמען (מיינע צרות) אַלס אַן אָפּפער ;
אָבער אויב מענשען (האָבען דיך איבערגערעדט) דאַן זאָלען זיי זיין פער־
פלוכט פאַר גאָט, ווייל זיי האָבען מיך יעצט פערטריעבען פון גאָטעס
ערבטהייל (פון ארץ ישראל). איך האָב ניט קיין פּלאַץ וואו זיך אָנצו־
שליעסען, און זיי זאָגען : געה אַוועק און דין פרעמדע געטער.
20 און יעצט לאָז דאָך ניט מיין בלוט פאַלען צו דער ערד ווייט אַוועק פון
גאָט'ס געגענוואַרט, (לאָז מיך שטאַרבען אין ארץ ישראל) ! דען דער
קעניג פון ישראל איז אַרויסגעגאַנגען זוכען אַ פלוי, מיר נאָכיאָגען ווי
די רויב־פויגעל יאָגט אַרום אויף די בערג.
21 און שאול האָט געזאָגט : איך האָב געזינדיגט, קעהר צוריק, מיין זוהן
דוד, דען איך וועל דיר מעהר קיין שלעכטס טהאָן, דערפאַר וואָס מיין
לעבען איז אַזוי טהייער געוועזן היינט אין דיינע אויגען ; זעה, איך האָב
נאַריש געהאַנדעלט, און איך האָב זעהר פיעל פערזעהען.
22 און דוד האָט געענטפערט און געזאָגט : דאָ איז דעם קעניג'ס שפּיז,
לאָז אַריבערקומען איינער פון די יונגען און עס נעהמען.
23 גאָט אָבער וועט פערגעלטען יעדערן נאָך זיינע גערעכטיגקייט און נאָך
זיינע טרייהייט (און מיר וועט ער פערגעלטען) ; וואָס גאָט האָט דיך
היינט אין מיין האַנד איבערגעגעבען, אָבער איך האָב ניט געוואָלט אויס־
שטרעקען מיין האַנד אויף דעם געזאַלבטען פון גאָט.
24 און זעה, אַזוי ווי דיין לעבען איז היינט געאַכטעט געוועזן אין מיינע
אויגען, אַזוי זאָל מיין לעבען געאַכטעט זיין אין די אויגען פון גאָט, און
ער זאָל מיר רעטען פון דער נויטה.
25 און שאול האָט געזאָגט צו דוד'ן : געבענשט ביזטו, מיין זוהן דוד, דו
וועסט אונטערנעהמען, און וועסט געוויס אויספיהרען. און דוד איז גע־
גאַנגען זיין וועג, און שאול האָט צוריקגעקעהרט צו זיין אָרט.

## קאַפּיטעל כז

1 און דוד האָט געטראַכט אין זיין האַרץ : יעצט וועל איך דאָך אין איין טאָג
אומקומען אין דער האַנד פון שאול ; פאַר מיר איז ניטאָ קיין בעסערע
זאַך נאָר דאָס איך זאָל אַנטרונען צו דעם לאַנד פון די פּלשתים, אַזוי
וועט שאול זיך פערצווייפלען פון מיר, מיך צוזוכען ווייטער אין די אַלע
גרענעצען פון ישראל. און איך וועל אַנטרינען פון זיינע הענד.
2 און דוד איז אויפגעשטאַנען און איז אַריבערגעגאַנגען, ער און זעקס
הונדערט מאַן וואָס זיינען מיט איהם געוועזן צו אכיש דעם זוהן פון
מעוך, דעם קעניג פון גת.
3 און דוד איז פערבליעבען ביי אכיש אין גת, ער און זיינע לייטע ;
יעדער מיט זיין הויזגעזינד, און דוד מיט זיינע צוויי ווייבער ; אַחינעם
פון יזרעאל, און אַביגיל, די (געוועזענע) פרוי פון נבל, פון כרמל.
4 און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו שאול, דאָס דוד איז אַנטלאָפען אין
גת, און ער האָט איהם מעהר ניט געזוכט.
5 און דוד האָט געזאָגט צו אכיש : אויב איך האָב געפונען גונסט אין
דיינע אויגען, זאָל מען מיר געבען איין אָרט אין איינע פון די פּראָווינץ

עָרֵי הַשָּׂדֶה וְאֵשְׁבָה שָּׁם וְלָמָּה יֵשֵׁב עַבְדְּךָ בְּעִיר
6 הַמַּמְלָכָה עִמָּךְ׃ וַיִּתֶּן־לוֹ אָכִישׁ בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־צִקְלָג
לָכֵן הָיְתָה צִקְלַג לְמַלְכֵי יְהוּדָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
7 וַיְהִי מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר־יָשַׁב דָּוִד בִּשְׂדֵה פְלִשְׁתִּים
8 יָמִים וְאַרְבָּעָה חֳדָשִׁים׃ וַיַּעַל דָּוִד וַאֲנָשָׁיו וַיִּפְשְׁטוּ אֶל־
הַגְּשׁוּרִי וְהַגִּרְזִי וְהָעֲמָלֵקִי כִּי הֵנָּה יֹשְׁבוֹת הָאָרֶץ אֲשֶׁר
9 מֵעוֹלָם בּוֹאֲךָ שׁוּרָה וְעַד־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְהִכָּה דָוִד אֶת־
הָאָרֶץ וְלֹא יְחַיֶּה אִישׁ וְאִשָּׁה וְלָקַח צֹאן וּבָקָר וַחֲמֹרִים
י וּגְמַלִּים וּבְגָדִים וַיָּשָׁב וַיָּבֹא אֶל־אָכִישׁ׃ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ
אַל־פְּשַׁטְתֶּם הַיּוֹם וַיֹּאמֶר דָּוִד עַל־נֶגֶב יְהוּדָה וְעַל־נֶגֶב
11 הַיְּרַחְמְאֵלִי וְאֶל־נֶגֶב הַקֵּינִי׃ וְאִישׁ וְאִשָּׁה לֹא־יְחַיֶּה דָוִד
לְהָבִיא גַת לֵאמֹר פֶּן־יַגִּדוּ עָלֵינוּ לֵאמֹר כֹּה־עָשָׂה דָוִד
וְכֹה מִשְׁפָּטוֹ כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר יָשַׁב בִּשְׂדֵה פְּלִשְׁתִּים׃
12 וַיַּאֲמֵן אָכִישׁ בְּדָוִד לֵאמֹר הַבְאֵשׁ הִבְאִישׁ בְּעַמּוֹ בְּיִשְׂרָאֵל
וְהָיָה לִי לְעֶבֶד עוֹלָם׃

## כח Cap. XXVIII. כח

א וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּקְבְּצוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־מַחֲנֵיהֶם לַצָּבָא
לְהִלָּחֵם בְּיִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־דָּוִד יָדֹעַ תֵּדַע כִּי אִתִּי
2 תֵּצֵא בַמַּחֲנֶה אַתָּה וַאֲנָשֶׁיךָ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אָכִישׁ לָכֵן
אַתָּה תֵדַע אֵת אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה עַבְדֶּךָ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־דָּוִד
3 לָכֵן שֹׁמֵר לְרֹאשִׁי אֲשִׂימְךָ כָּל־הַיָּמִים׃ וּשְׁמוּאֵל מֵת
וַיִּסְפְּדוּ־לוֹ כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיִּקְבְּרֻהוּ בָרָמָה וּבְעִירוֹ וְשָׁאוּל
4 הֵסִיר הָאֹבוֹת וְאֶת־הַיִּדְּעֹנִים מֵהָאָרֶץ׃ וַיִּקָּבְצוּ פְלִשְׁתִּים
וַיָּבֹאוּ וַיַּחֲנוּ בְשׁוּנֵם וַיִּקְבֹּץ שָׁאוּל אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּחֲנוּ
ה בַּגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּרְא שָׁאוּל אֶת־מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיִּרָא וַיֶּחֱרַד
6 לִבּוֹ מְאֹד׃ וַיִּשְׁאַל שָׁאוּל בַּיהוָה וְלֹא עָנָהוּ יְהוָה גַּם
7 בַּחֲלֹמוֹת גַּם בָּאוּרִים גַּם בַּנְּבִיאִם׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לַעֲבָדָיו

בקשו־

כ״ז v. 8. והגזרי ק׳    כ״ח v. 3. כ״א את־האבות

שטעדט, און איך וועל דארט וואהנען; דען ווארום זאל דיין קנעכט וואהנען ביי דיר אין דער רעזידענץ?
6 און אכיש האט איהם דאמאלס געגעבען די שטאדט צקלג; דארום גע־הערט צקלג צו די קעניגע פון יהודה, ביז צו דעם היינטיגען טאג.
7 און די צאהל פון די טעג וואס דוד האט געוואהנט אין די לאנדשטאדט פון די פלשתים איז געווען איין יאהר און פיער מאנאטען.
8 און דוד און זיינע לייטע פלעגען ארויפגעהען און פלעגען זיך פערשפריי־טען אויף דעם גשורי און דעם גרזי און עמלק. דען דיעזע זיינען געווען די איינוואהנער פון דעם לאנד פון אלטע צייטען, וואו מען קומט נאך שור און ביז צו דעם לאנד מצרים.
9 און דוד פלעגט שלאגען דאס לאנד, און ער פלעגט ניט לאזען לעבען, ניט קיין מאן און ניט קיין פרוי, און ער פלעגט נעהמען שאף און רינדער און אייזלען און קעמלען און קליידער, און פלעגט צוריקקעהרען און קו־מען צו אכיש.
10 און אז אכיש האט געזאגט: וואוהין האט איהר היינט זיך פארשפרייט? פלעגט דוד זאגען: אויף דער דרום זייט פון יהודה, און אויף דער דרום זייט פון ירחמאל, און אויף דער דרום זייט פון דעם קני.
11 און דארום פלעגט דוד ניט לאזען לעבען קיין מאן און קיין פרוי און זיי ברענגען נאך גת; ווייל ער האט געטראכט: זיי וועלען נאך ווע־גען אונז בעריכטען און זאגען: „אזוי און אזוי האט דוד געטהאן". און אזוי איז געוועזן זיין אויפפיהרונג די גאנצע צייט וואס ער האט גע־וואהנט אין דעם פעלד פון די פלשתים.
12 און אכיש האט געגלויבט אין דוד'ן און ער האט געטראכט: ער האט געוויס פערהאסט זיין פאלק ישראל, און ער וועט זיין אן אייביגער קנעכט צו מיר.

## קאפיטעל כח

1 און עס איז געשעהען אין יענער צייט, דאס די פלשתים האבען פערזאַ־מעלט זייערע לאגערס צום שטרייט, צו פיהרען שטרייט מיט ישראל. און אכיש האט געזאגט צו דוד: דו זאלסט וויסען דאס דו וועסט מיט מיר ארויסגעהן אין דעם לאגער, דו און דיינע לייטע.
2 און דוד האט געזאגט צו אכיש: אויב אזוי, וועסטו זעלבסט וויסען (זיך איבערצייגען) וואס דיין קנעכט וועט טהאן, און אכיש האט געזאגט צו דוד: און דארום וועל איך דיך אנשטעלען צו זיין מיין לייבוועכ־טער שטענדיג, (אלע טעג).
3 און שמואל איז געשטארבען (יעצט אין דער צרה האט מען געפיהלט זיין פערלוסט), און גאנץ ישראל האבען איהם בעקלאגט, און זיי האבען איהם באגראבען אין זיין שטאדט רמה. און א צייט פריהער האט שאול אבגעשאפט די טוידטענ־בעשווערער און די צויבערער פון דעם לאנד.
4 און די פלשתים האבען זיך פערזאמעלט און זיי זיינען געקומען און הא־בען געלאגערט אין שונם, און שאול האט פערזאמעלט גאנץ ישראל און זיי האבען געלאגערט אין גלבע.
5 און ווען שאול האט געזעהען דעם לאגער פון די פלשתים האט ער גע־פירכטעט, און זיין הארץ האט זעהר געציטערט.
6 און שאול האט אנגעפרעגט ביי גאט, אבער גאט האט איהם ניט געענט־פערט; ניט דורך טרוימען, ניט דורך די אורים און ניט דורך די נביאים.
7 און שאול האט געזאגט צו זיינע קנעכט: זוכט מיר אויס א פרוי, וואס

בַּקְּשׁוּ־לִי אֵשֶׁת בַּעֲלַת־אוֹב וְאֵלְכָה אֵלֶיהָ וְאֶדְרְשָׁה־בָּהּ
וַיֹּאמְרוּ עֲבָדָיו אֵלָיו הִנֵּה אֵשֶׁת בַּעֲלַת־אוֹב בְּעֵין דּוֹר׃
8 וַיִּתְחַפֵּשׂ שָׁאוּל וַיִּלְבַּשׁ בְּגָדִים אֲחֵרִים וַיֵּלֶךְ הוּא וּשְׁנֵי
אֲנָשִׁים עִמּוֹ וַיָּבֹאוּ אֶל־הָאִשָּׁה לָיְלָה וַיֹּאמֶר קָסֳומִי־נָא לִי
9 בָּאוֹב וְהַעֲלִי לִי אֵת אֲשֶׁר־אֹמַר אֵלָיִךְ׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה
אֵלָיו הִנֵּה אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה שָׁאוּל אֲשֶׁר הִכְרִית
אֶת־הָאֹבוֹת וְאֶת־הַיִּדְּעֹנִי מִן־הָאָרֶץ וְלָמָה אַתָּה מִתְנַקֵּשׁ
י בְּנַפְשִׁי לַהֲמִיתֵנִי׃ וַיִּשָּׁבַע לָהּ שָׁאוּל בַּיהוָה לֵאמֹר חַי־
11 יְהוָה אִם־יִקְּרֵךְ עָוֺן בַּדָּבָר הַזֶּה׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶת־מִי
12 אַעֲלֶה־לָּךְ וַיֹּאמֶר אֶת־שְׁמוּאֵל הַעֲלִי־לִי׃ וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה
אֶת־שְׁמוּאֵל וַתִּזְעַק בְּקוֹל גָּדוֹל וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־שָׁאוּל
13 לֵאמֹר לָמָּה רִמִּיתָנִי וְאַתָּה שָׁאוּל׃ וַיֹּאמֶר לָהּ הַמֶּלֶךְ אַל־
תִּירְאִי כִּי מָה רָאִית וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־שָׁאוּל אֱלֹהִים
14 רָאִיתִי עֹלִים מִן־הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר לָהּ מַה־תָּאֳרוֹ וַתֹּאמֶר
אִישׁ זָקֵן עֹלֶה וְהוּא עֹטֶה מְעִיל וַיֵּדַע שָׁאוּל כִּי־שְׁמוּאֵל
טו הוּא וַיִּקֹּד אַפַּיִם אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־
שָׁאוּל לָמָּה הִרְגַּזְתַּנִי לְהַעֲלוֹת אֹתִי וַיֹּאמֶר שָׁאוּל צַר־לִי
מְאֹד וּפְלִשְׁתִּים ׀ נִלְחָמִים בִּי וֵאלֹהִים סָר מֵעָלַי וְלֹא־עָנָנִי
עוֹד גַּם בְּיַד־הַנְּבִיאִם גַּם־בַּחֲלֹמוֹת וָאֶקְרָאֶה לְךָ לְהוֹדִיעֵנִי
16 מָה אֶעֱשֶׂה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל וְלָמָּה תִּשְׁאָלֵנִי וַיהוָה סָר
17 מֵעָלֶיךָ וַיְהִי עָרֶךָ׃ וַיַּעַשׂ יְהוָה לוֹ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיָדִי
וַיִּקְרַע יְהוָה אֶת־הַמַּמְלָכָה מִיָּדֶךָ וַיִּתְּנָהּ לְרֵעֲךָ לְדָוִד׃
18 כַּאֲשֶׁר לֹא־שָׁמַעְתָּ בְּקוֹל יְהוָה וְלֹא־עָשִׂיתָ חֲרוֹן־אַפּוֹ
בַּעֲמָלֵק עַל־כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה עָשָׂה־לְךָ יְהוָה הַיּוֹם הַזֶּה׃
19 וְיִתֵּן יְהוָה גַּם אֶת־יִשְׂרָאֵל עִמְּךָ בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים וּמָחָר אַתָּה
וּבָנֶיךָ עִמִּי גַּם אֶת־מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל יִתֵּן יְהוָה בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים׃
כ וַיְמַהֵר שָׁאוּל וַיִּפֹּל מְלֹא־קוֹמָתוֹ אַרְצָה וַיִּרָא מְאֹד מִדִּבְרֵי

שמואל

A v. יתיר י  v. 10. הק׳ דגושה

קען בעשווערען די טוידטע און איך וועל גהען צו איהר, און איך וועל
ביי איהר פֿאָרשען, און זיינע קנעכט האָבען צו איהם געזאָגט: זעה,
אַ פֿרוי וואָס קען בעשווערען די טוידטע געפֿינט זיך אין עין דור.
8 און שאול האָט זיך פֿאַרשטעלט און האָט אָנגעטהאָן אַנדערע קליידער
און ער איז געגאַנגען, און צוויי מענער מיט איהם, און זיי זיינען געקומען
צו דער פֿרוי ביי נאַכט, און ער האָט געזאָגט: צויבער דאָך פֿאַר מיר
דורך טוידטען־בעשווערונג, און ברענג מיר אַרויף דעם וואָס איך וועל
דיר זאָגען.
9 און די פֿרוי האָט צו איהם געזאָגט: זעה, דו ווייסט וואָס שאול האָט
געטהאָן, דאָס ער האָט פֿאַרניכטעט די טוידטען־בעשווערער און די צויי־
בערער פֿון דעם לאַנד, און וואָרום לייגסטו אַ שטרויכלונג פֿאַר מיין
לעבען, מיך צו טוידטען.
10 און שאול האָט צו איהר געשוואָרען ביי גאָט און האָט געזאָגט: זאָ
וואהר ווי גאָט לעבט, דאָס עס וועט דיר ניט טרעפֿען קיין שטראָף ווע־
גען דיעזע זאַך.
11 און די פֿרוי האָט געזאָגט: ועמען זאָל איך דיר אַרויפֿברענגען? און
ער האָט געזאָגט: בּרענג מיר אַרויף שמואל׳ן.
12 און אַלס די פֿרוי האָט געזעהען שמואל׳ן האָט זי אויסגעשריען מיט אַ
לויטער שטים. און די פֿרוי האָט געזאָגט צו שאול: וואָרום האָסטו מיך
גענאַרט? דו זעלבסט ביזט דאָך שאול.
13 און דער קעניג האָט געזאָגט צו איהר: פֿירכט דיך ניט, וואָס האָסטו
דען געזעהען? און די פֿרוי האָט געזאָגט צו שאול: איך האָב געזעהן
אַ געטליכע פֿערזאָן געהט אַרויף פֿון דער ערד.
14 און ער האָט צו איהר געזאָגט: ווי איז זיין געשטאַלט? און זי האָט
געזאָגט: איין אַלטער מאַן שטייגט אַרויף, און ער איז איינגעוויקעלט
אין אַן אויבערמאַנטעל. דאָ האָט שאול געוואוסט, דאָס דער איז שמואל,
און ער האָט זיך גענייגט מיט דעם געזיכט צו דער ערד, און ער האָט זיך
געבוקט.
15 און שמואל האָט געזאָגט צו שאול: וואָרום האָסטו מיך בעאונרוהיגט,
אום מיך אַרויפֿצוברענגען? און שאול האָט געזאָגט: איך בין אין
אַ גרויס נויטה! די פּלשתים שטרייטען מיט מיר, און גאָט איז אָבגע־
וויכען פֿון מיר, און ער האָט מיר ניט מעהר געענטפֿערט ניט דורך די
נביאים און ניט דורך טרוימען; דאָרום האָב איך דיך גערופֿען, דאָס
דו זאָלסט מיר לאָזען וויסען וואָס איך זאָל טהאָן.
16 און שמואל האָט געזאָגט: און וואָרום פֿרעגסטו מיך? אַז גאָט איז
פֿון דיר געוויכען, און ער איז געוואָרען דיין פֿיינד.
17 און גאָט האָט צו איהם (צו שאול) געטהאָן, ווי ער האָט דורך מיר גע־
רעדט, און גאָט האָט אַוועקגעריסען דאָס קעניגרייך פֿון דיין האַנד און
ער האָט עס געגעבען צו דיין פֿערוואַנדטען צו דוד.
18 ווייל דו האָסט ניט געהאָרכט צו דער שטים פֿון גאָט, און דו האָסט ניט
אויסגעפֿיהרט (דאָס געבאָט פֿון) זיין גרימצאָרן אַן עמלק, דאָרום האָט
גאָט דיעזע זאַך צו דיר געטהאָן דעם היינטיגען טאָג.
19 און גאָט וועט אויך געבען ישראל מיט דיר אין די האַנד פֿון די פּלשתים,
און מאָרגען וועסטו און דיינע זיהן מיט מיר זיין, און אויך דאָס לאַגער
פֿון ישראל וועט גאָט איבערגעבען אין די האַנד פֿון די פּלשתים.
20 און שאול איז פּלוצלונג געפֿאַלען אין זיין גאַנצע לענג צו דער ערד,
ווייל ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען פֿון שמואל׳ס רייד. און אויך

שְׁמוּאֵל גַּם־כֹּחַ לֹא־הָיָה בוֹ כִּי לֹא אָכַל לֶחֶם כָּל־הַיּוֹם
21 וְכָל־הַלָּיְלָה׃ וַתָּבוֹא הָאִשָּׁה אֶל־שָׁאוּל וַתֵּרֶא כִּי־נִבְהַל
מְאֹד וַתֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה שָׁמְעָה שִׁפְחָתְךָ בְּקוֹלֶךָ וָאָשִׂים
22 נַפְשִׁי בְּכַפִּי וָאֶשְׁמַע אֶת־דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ אֵלָי׃ וְעַתָּה
שְׁמַע־נָא גַם־אַתָּה בְּקוֹל שִׁפְחָתֶךָ וְאָשִׂמָה לְפָנֶיךָ פַּת־
23 לֶחֶם וֶאֱכוֹל וִיהִי בְךָ כֹּחַ כִּי תֵלֵךְ בַּדָּרֶךְ׃ וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר
לֹא אֹכַל וַיִּפְרְצוּ־בוֹ עֲבָדָיו וְגַם־הָאִשָּׁה וַיִּשְׁמַע לְקֹלָם
24 וַיָּקָם מֵהָאָרֶץ וַיֵּשֶׁב אֶל־הַמִּטָּה׃ ׳ וְלָאִשָּׁה עֵגֶל־מַרְבֵּק
בַּבַּיִת וַתְּמַהֵר וַתִּזְבָּחֵהוּ וַתִּקַּח־קֶמַח וַתָּלָשׁ וַתֹּפֵהוּ מַצּוֹת׃
כה וַתַּגֵּשׁ לִפְנֵי־שָׁאוּל וְלִפְנֵי עֲבָדָיו וַיֹּאכֵלוּ וַיָּקֻמוּ וַיֵּלְכוּ
בַּלַּיְלָה הַהוּא׃

## כט CAP. XXIX. כט

א וַיִּקְבְּצוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־כָּל־מַחֲנֵיהֶם אֲפֵקָה וְיִשְׂרָאֵל חֹנִים
2 בַּעַיִן אֲשֶׁר בְּיִזְרְעֶאל׃ וְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים עֹבְרִים לְמֵאוֹת
וְלַאֲלָפִים וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו עֹבְרִים בָּאַחֲרֹנָה עִם־אָכִישׁ׃
3 וַיֹּאמְרוּ שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים מָה הָעִבְרִים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר אָכִישׁ
אֶל־שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים הֲלוֹא־זֶה דָוִד עֶבֶד ׀ שָׁאוּל מֶלֶךְ־
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיָה אִתִּי זֶה יָמִים אוֹ־זֶה שָׁנִים וְלֹא־מָצָאתִי
4 בוֹ מְאוּמָה מִיּוֹם נָפְלוֹ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּקְצְפוּ עָלָיו
שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ לוֹ שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים הָשֵׁב אֶת־הָאִישׁ
וְיָשֹׁב אֶל־מְקוֹמוֹ אֲשֶׁר הִפְקַדְתּוֹ שָׁם וְלֹא־יֵרֵד עִמָּנוּ
בַּמִּלְחָמָה וְלֹא־יִהְיֶה־לָּנוּ לְשָׂטָן בַּמִּלְחָמָה וּבַמֶּה יִתְרַצֶּה
ה זֶה אֶל־אֲדֹנָיו הֲלוֹא בְּרָאשֵׁי הָאֲנָשִׁים הָהֵם׃ הֲלוֹא־זֶה
דָוִד אֲשֶׁר יַעֲנוּ־לוֹ בַּמְּחֹלוֹת לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל בַּאֲלָפוֹ
6 וְדָוִד בְּרִבְבֹתָו׃ וַיִּקְרָא אָכִישׁ אֶל־דָּוִד וַיֹּאמֶר אֵלָיו
חַי־יְהוָה כִּי־יָשָׁר אַתָּה וְטוֹב בְּעֵינַי צֵאתְךָ וּבֹאֲךָ אִתִּי
בַּמַּחֲנֶה כִּי לֹא־מָצָאתִי בְךָ רָעָה מִיּוֹם בֹּאֲךָ אֵלַי עַד־

היום

כ״ח ׳ חצי הספר בפסוקים 24. כ״ט v 5 באלפיו ק׳ ibid. ברבבתיו ק׳

הָאט ער ניט געהאַט קיין קראַפט, דען ער האָט דעם גאַנצען טאָג און
די גאַנצע נאַכט גאָר ניט געגעסען.
21 און די פרוי איז צוגעקומען צו שאול, און זי האָט געזעהען דאָס ער איז
זעהר דערשראָקען, און זי האָט צו איהם געזאָגט: זעה, דיין דיענסט
האָט געהאָרכט צו דיין שטים, און איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבען
(אין געפאַהר) און איך האָב געהאָרכט צו דיינע רייד וואָס דו האָסט צו
מיר גערעדט.
22 און יעצט, הער דאָך אויך דו, צו דער שטים פון דיין דיענסט, ערלויב
און איך וועל לעגען פאַר דיר אַ שטיקעל ברויט און עס, דאָס דו זאָלסט
האָבען קראַפט ווען דו וועסט געהען אויף דעם וועג.
23 אָבער ער האָט ניט געוואָלט און ער האָט געזאָגט: איך וועל ניט עסען.
אָבער זיינע קנעכט און די פרוי האָבען איהם שטאַרק געבעטען, און ער
האָט געהערט צו זייער שטים, און ער איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד,
און ער האָט זיך געזעצט אויף דאָס בעט.
24 און די פרוי האָט געהאַט אַ געשטאָפּטע קאַלב אין הויז, און זי האָט גע־
איילט און האָט עס געשלאַכט, און זי האָט גענומען מעהל און האָט עס
געקנעטען און האָט געבאַקט מצות.
25 און זי האָט עס דערלאַנגט פאַר שאול און פאַר זיינע קנעכט, און זיי
האָבען געגעסען, און זיי זיינען אויפגעשטאַנען, און זיי זיינען אַוועק־
געגאַנגען נאָך אין די זעלבע נאַכט.

## קאַפּיטעל כט

1 און די פלשתים האָבען פערזאַמעלט אַלע זייערע לאַגערן נאָך אפק. און
די ישראל האָבען געלאַגערט ביין קוואַל וואָס אין יזרעאל.
2 און די פירשטען פון די פלשתים זיינען פאַראיבער געצויגען מיט הונ־
דערטער און טויזענדער; און דוד און זיינע מענער זיינען געצויגען צו
לעצטען מיט אכיש.
3 און די פירשטען פון די פלשתים האָבען געזאָגט: וואָס טהוען דיעזע
עברים דאָ? און אכיש האָט געזאָגט צו די פירשטען פון די פלשתים:
געוויס, דיעזער איז דוד, דער (געוועזענער) קנעכט פון שאול דעם קעניג
פון ישראל, וועלכער איז מיט מיר געוועזען שוין אַ לאַנגע צייט, שוין גאָר
יאָהרען לאַנג, און איך האָב אין איהם קיין שלעכטס ניט געפונען, פון
דעם טאָג אָן, זייט ער האָט זיך בעזעצט, ביז צו דעם היינטיגען טאָג.
4 און די פירשטען פון די פלשתים האָבען אויף איהם געצאָרנט, און די
פירשטען פון די פלשתים האָבען צו איהם געזאָגט: מאַך דעם מאַן
צוגעהן צוריק, און ער זאָל צוריקקעהרען צו זיין אָרט וואָס דו האָסט איהם
בעשטימט. אָבער מיט אונז זאָל ער ניט ציהען אין דעם שטרייט, און
ער זאָל ניט זיין צו אונז אַ שטערער אין דעם שטרייט; דען מיט וואָס
וועט זיך דיעזער בעליעבט מאַכען ביי זיין הערר (שאול)? וואַהרשיינ־
ליך נאָר מיט די קעפּ פון דיעזע מענער, די פלשתים.
5 איז דאָס ניט (דערזעלבער) דוד, וועגען וועמען מען זינגט מיט טענץ,
און מען זאָגט: שאול האָט דערשלאָגען זיינע טויזענדער, דוד —
זיינע צעהן טויזענדער.
6 און אכיש האָט גערופען דוד, און ער האָט צו איהם געזאָגט: זאָ
וואָהר ווי גאָט לעבט! דו ביזט רעכטפאַרטיג, און דיין ארויסציהען
(פון צקלג) און דיין אריינקומען מיט מיר אין דאָס לאַגער, איז זעהר גע־
פעליג אין מיינע אויגען, דען איך האָב אין דיר קיין שלעכטס ניט גע־
פונען, פון דעם טאָג אָן, וואָס דו ביזט צו מיר געקומען ביז צו דעם היינ־

7 הַיּ֖וֹם הַזֶּ֑ה וּבְעֵינֵ֥י הַסְּרָנִ֖ים לֹא־ט֥וֹב אָֽתָּה׃ וְעַתָּ֥ה שׁ֖וּב וְלֵ֣ךְ
8 בְּשָׁל֑וֹם וְלֹֽא־תַעֲשֶׂ֣ה רָ֔ע בְּעֵינֵ֖י סַרְנֵ֥י פְלִשְׁתִּֽים׃ וַיֹּ֨אמֶר
דָּוִ֜ד אֶל־אָכִ֗ישׁ כִּ֣י מֶ֤ה עָשִׂ֙יתִי֙ וּמַה־מָּצָ֣אתָ בְעַבְדְּךָ֔ מִיּוֹם֙
אֲשֶׁ֣ר הָיִ֣יתִי לְפָנֶ֔יךָ עַ֖ד הַיּ֣וֹם הַזֶּ֑ה כִּ֣י לֹ֤א אָבוֹא֙ וְנִלְחַ֔מְתִּי
9 בְּאֹיְבֵ֖י אֲדֹנִ֥י הַמֶּֽלֶךְ׃ וַיַּ֣עַן אָכִישׁ֮ וַיֹּ֣אמֶר אֶל־דָּוִד֒ יָדַ֕עְתִּי כִּ֣י
ט֥וֹב אַתָּ֛ה בְּעֵינַ֖י כְּמַלְאַ֣ךְ אֱלֹהִ֑ים אַ֚ךְ שָׂרֵ֣י פְלִשְׁתִּ֔ים
י אָמְר֕וּ לֹא־יַעֲלֶ֥ה עִמָּ֖נוּ בַּמִּלְחָמָֽה׃ וְעַתָּה֙ הַשְׁכֵּ֣ם בַּבֹּ֔קֶר
וְעַבְדֵ֥י אֲדֹנֶ֖יךָ אֲשֶׁר־בָּ֣אוּ אִתָּ֑ךְ וְהִשְׁכַּמְתֶּ֣ם בַּבֹּ֔קֶר וְא֥וֹר לָכֶ֖ם
11 וָלֵֽכוּ׃ וַיַּשְׁכֵּ֨ם דָּוִ֜ד ה֤וּא וַאֲנָשָׁיו֙ לָלֶ֣כֶת בַּבֹּ֔קֶר לָשׁ֖וּב אֶל־
אֶ֣רֶץ פְּלִשְׁתִּ֑ים וּפְלִשְׁתִּ֖ים עָל֥וּ יִזְרְעֶֽאל׃

## CAP. XXX. ל

ל

א וַיְהִ֞י בְּבֹ֨א דָוִ֧ד וַאֲנָשָׁ֛יו צִֽקְלַ֖ג בַּיּ֣וֹם הַשְּׁלִישִׁ֑י וַעֲמָלֵקִ֣י
פָֽשְׁט֗וּ אֶל־נֶ֙גֶב֙ וְאֶל־צִ֣קְלַ֔ג וַיַּכּוּ֙ אֶת־צִ֣קְלַ֔ג וַיִּשְׂרְפ֥וּ אֹתָ֖הּ
2 בָּאֵֽשׁ׃ וַיִּשְׁבּ֨וּ אֶת־הַנָּשִׁ֤ים אֲשֶׁר־בָּהּ֙ מִקָּטֹ֣ן וְעַד־גָּד֔וֹל לֹ֥א
3 הֵמִ֖יתוּ אִ֑ישׁ וַיִּֽנְהֲג֔וּ וַיֵּלְכ֖וּ לְדַרְכָּֽם׃ וַיָּבֹ֨א דָוִ֤ד וַאֲנָשָׁיו֙ אֶל־
הָעִ֔יר וְהִנֵּ֥ה שְׂרוּפָ֖ה בָּאֵ֑שׁ וּנְשֵׁיהֶ֛ם וּבְנֵיהֶ֥ם וּבְנֹתֵיהֶ֖ם
4 נִשְׁבּֽוּ׃ וַיִּשָּׂ֨א דָוִ֜ד וְהָעָ֤ם אֲשֶׁר־אִתּוֹ֙ אֶת־קוֹלָ֔ם וַיִּבְכּ֕וּ עַ֛ד
ה אֲשֶׁ֥ר אֵין־בָּהֶ֛ם כֹּ֖חַ לִבְכּֽוֹת׃ וּשְׁתֵ֥י נְשֵֽׁי־דָוִ֖ד נִשְׁבּ֑וּ אֲחִינֹ֙עַם֙
6 הַיִּזְרְעֵלִ֔ית וַאֲבִֽיגַ֕יִל אֵ֖שֶׁת נָבָ֥ל הַֽכַּרְמְלִֽי׃ וַתֵּ֨צֶר לְדָוִ֜ד
מְאֹ֗ד כִּֽי־אָמְר֤וּ הָעָם֙ לְסָקְל֔וֹ כִּֽי־מָ֙רָה֙ נֶ֣פֶשׁ כָּל־הָעָ֔ם אִ֥ישׁ
עַל־בְּנָ֖ו וְעַל־בְּנֹתָ֑יו וַיִּתְחַזֵּ֣ק דָּוִ֔ד בַּיהוָ֖ה אֱלֹהָֽיו׃
7 וַיֹּ֣אמֶר דָּוִ֗ד אֶל־אֶבְיָתָ֤ר הַכֹּהֵן֙ בֶּן־אֲחִימֶ֔לֶךְ הַגִּֽישָׁה־נָּ֥א
8 לִ֖י הָאֵפֹ֑ד וַיַּגֵּ֧שׁ אֶבְיָתָ֛ר אֶת־הָאֵפֹ֖ד אֶל־דָּוִֽד׃ וַיִּשְׁאַ֨ל
דָּוִ֤ד בַּֽיהוָה֙ לֵאמֹ֔ר אֶרְדֹּ֕ף אַחֲרֵ֥י הַגְּדוּד־הַזֶּ֖ה הַאַשִּׂגֶ֑נּוּ
9 וַיֹּ֤אמֶר לוֹ֙ רְדֹ֔ף כִּֽי־הַשֵּׂ֥ג תַּשִּׂ֖יג וְהַצֵּ֥ל תַּצִּֽיל׃ וַיֵּ֣לֶךְ דָּוִ֗ד
ה֚וּא וְשֵׁשׁ־מֵא֣וֹת אִישׁ֙ אֲשֶׁ֣ר אִתּ֔וֹ וַיָּבֹ֖אוּ עַד־נַ֣חַל הַבְּשׂ֑וֹר
י וְהַנּוֹתָרִ֖ים עָמָֽדוּ׃ וַיִּרְדֹּ֣ף דָּוִ֔ד ה֖וּא וְאַרְבַּע־מֵא֣וֹת אִ֑ישׁ

ויעמדו

ל v. 6. בניו ק

טיגען טאָג. אָבער אין די אויגען פון די פֿלשתים ביזטו ניט געפֿעליג.
7 און יעצט קעהר זיך צוריק און געה אין פֿריעדען, און טהו ניט דאָס וואָס
איז שלעכט אין די אויגען פון די פירשטען פון פֿלשתים.
8 און דוד האָט געזאָגט צו אכיש: וואָס האָב איך דען געטהאָן? און
וואָס האָסטו געפֿונען אין דיין קנעכט, פון דעם טאָג אָן, דאָס איך בין
פֿאַר דיר געוועזען ביז צו דעם היינטיגען טאָג, דאָס איך זאָל ניט קומען
און שטרייטען מיט די פיינד פון מיין הערר'ן דעם קעניג.
9 און אָכיש האָט געענטפֿערט און געזאָגט צו דוד: איך ווייס עס
וואָהל, דען אין מיינע אויגען ביזטו גוט ווי אַ מלאך פון גאָט, אָבער די
פירשטען פון די פֿלשתים האָבען געזאָגט: ער זאָל ניט אַרויפֿציהען
מיט אונז אין דעם שטרייט.
10 און יעצט, שטעה פריה אויף, מיט די קנעכט פון דיין הערן וועלכע
זיינען מיט דיר געקומען, — יאַ, איהר וועט אויפשטעהען מאָרגען פריה,
און ווען עס וועט ליכטיג ווערען וועט איהר געהן.
11 און דוד איז אויפגעשטאַנען, ער און זיינע מענער אין דער פריה, אום
צו געהן אין פריה מאָרגען צוריק אין דאָס לאַנד פון די פֿלשתים;
די פֿלשתים זיינען אָבער אַרויפגעגאַנגען נאָך יזרעאל.

## קאַפּיטעל ל

1 און עס איז געוועזען ווען דוד און זיינע מענער זיינען אָנגעקומען אין
צקלג, אין דעם דריטען טאָג, (האָבען זיי אויסגעפונען) דאָס די עמלקים
זיינען בעפֿאַלען אויף די דרום זייט און אויף צקלג, און זיי האָבען גע־
שלאָגען, (צושטערט) צקלג און זיי האָבען עס פערברענט אין פייער.
2 און זיי האָבען געפֿאַנגען גענומען די ווייבער וואָס זיינען דאָרט געוועזען,
און פון קליין ביז גרויס, זיי האָבען קיינעם ניט געטוידט, נאָר זיי האָ־
בען זיי אַוועקגעפֿיהרט און זיי זיינען געגאַנגען זייער וועג.
3 און דוד און זיינע מענער זיינען געקומען צו דער שטאָדט, און ערשט,
זי איז פערברענט מיט פייער, און זייערע ווייבער און זייערע זיהן און
טעכטער זיינען געפֿאַנגען גענומען.
4 און דוד און דאָס פֿאָלק וואָס איז מיט איהם געוועזען האָבען אויפגעהוי־
בען זייער שטים און האָבען געוויינט, ביז זיי האָבען מעהר קיין קראַפט
ניט געהאַט צו וויינען.
5 און אויך די צוויי פרויען פון דוד, אַחינעם פון יזרעאל, און אַביגיל די
געוועזענע פרוי פון נבל פון כרמל, זיינען געפֿאַנגען גענומען.
6 און עס איז זעהר ענג געוואָרען צו דוד, דען דאָס פֿאָלק האָט געדאַכט,
צו פערוואַרפען איהם מיט שטיינער, דען דאָס לעבען פון דעם גאַנצען
פֿאָלק איז געוועזען פערביטערט, יעדער וועגען זיינע זיהן און וועגען זיינע
טעכטער. אָבער דוד האָט זיך ערמוטהיגט דורך (דאָס פערטרויען אויף)
גאָט, זיין גאָט.
7 און דוד האָט געזאָגט צו אביתר דעם כהן דעם זוהן פון אַחימלך:
ברענג דאָך מיר אַהער דעם אפוד, און אביתר האָט געבראַכט דעם אפוד
צו דוד.
8 און דוד האָט אָנגעפֿרעגט ביי גאָט און האָט געזאָגט: זאָל איך דיעזע
רויבער־באַנדע נאָכיאָגען? וועל איך זיי דערגרייכען (בעזיעגען)? און
ער (גאָט) האָט צו איהם געזאָגט: יאָג נאָך, דען דו וועסט זיי דער־
גרייכען און זיעגען, און דו וועסט געוויס אַלעס רעטען.
9 און דוד איז אַהינגעגאַנגען, ער און די זעקס הונדערט מאַן, וועלכע זיינען
ביי איהם געוועזען, אַלס זיי זיינען געקומען ביז צו דעם טייך בשור, האָט
געמוזט אַ טהייל פון זיי בלייבען שטעהען.
10 און דוד האָט נאָכגעיאָגט נאָר מיט פיער הונדערט מאַן, און צוויי הונ־

וַיַּעַמְדוּ֙ מָאתַ֣יִם אִ֔ישׁ אֲשֶׁ֣ר פִּגְּר֔וּ מֵעֲבֹ֖ר אֶת־נַ֥חַל הַבְּשֽׂוֹר׃
11 וַיִּמְצְא֤וּ אִישׁ־מִצְרִי֙ בַּשָּׂדֶ֔ה וַיִּקְח֥וּ אֹת֖וֹ אֶל־דָּוִ֑ד וַיִּתְּנוּ־ל֥וֹ
12 לֶ֙חֶם֙ וַיֹּ֔אכַל וַיַּשְׁקֻ֖הוּ מָֽיִם׃ וַיִּתְּנוּ־לוֹ֩ פֶ֨לַח דְּבֵלָ֜ה וּשְׁנֵ֣י
צִמֻּקִ֗ים וַיֹּ֨אכַל֙ וַתָּ֥שָׁב רוּח֖וֹ אֵלָ֑יו כִּ֠י לֹא־אָ֥כַל לֶ֙חֶם֙ וְלֹא־
13 שָׁ֣תָה מַ֔יִם שְׁלֹשָׁ֥ה יָמִ֖ים וּשְׁלֹשָׁ֥ה לֵילֽוֹת׃ וַיֹּ֨אמֶר
ל֤וֹ דָוִד֙ לְמִי־אַ֔תָּה וְאֵ֥י מִזֶּ֖ה אָ֑תָּה וַיֹּ֡אמֶר נַ֣עַר מִצְרִי֩ אָנֹ֨כִי
עֶ֜בֶד לְאִ֣ישׁ עֲמָלֵקִ֗י וַיַּעַזְבֵ֧נִי אֲדֹנִ֛י כִּ֥י חָלִ֖יתִי הַיּ֥וֹם שְׁלֹשָֽׁה׃
14 אֲנַ֣חְנוּ פָּ֗שַׁטְנוּ נֶ֧גֶב הַכְּרֵתִ֛י וְעַל־אֲשֶׁ֥ר לִֽיהוּדָ֖ה וְעַל־נֶ֣גֶב
טו כָּלֵ֑ב וְאֶת־צִקְלַ֖ג שָׂרַ֥פְנוּ בָאֵֽשׁ׃ וַיֹּ֤אמֶר אֵלָיו֙ דָּוִ֔ד הֲתוֹרִדֵ֖נִי
אֶל־הַגְּד֣וּד הַזֶּ֑ה וַיֹּ֡אמֶר הִשָּׁ֣בְעָה לִּי֩ בֵֽאלֹהִ֨ים אִם־תְּמִיתֵ֜נִי
16 וְאִם־תַּסְגִּרֵ֙נִי֙ בְּיַד־אֲדֹנִ֔י וְאוֹרִֽדְךָ֖ אֶל־הַגְּד֥וּד הַזֶּֽה׃ וַיֹּרִדֵ֕הוּ
וְהִנֵּ֥ה נְטֻשִׁ֖ים עַל־פְּנֵ֣י כָל־הָאָ֑רֶץ אֹכְלִ֤ים וְשֹׁתִים֙ וְחֹ֣גְגִ֔ים
בְּכֹל֙ הַשָּׁלָ֣ל הַגָּד֔וֹל אֲשֶׁ֥ר לָקְח֛וּ מֵאֶ֥רֶץ פְּלִשְׁתִּ֖ים וּמֵאֶ֥רֶץ
17 יְהוּדָֽה׃ וַיַּכֵּ֥ם דָּוִ֛ד מֵהַנֶּ֥שֶׁף וְעַד־הָעֶ֖רֶב לְמָֽחֳרָתָ֑ם וְלֹֽא־
נִמְלַ֨ט מֵהֶ֜ם אִ֗ישׁ כִּ֠י אִם־אַרְבַּ֨ע מֵא֜וֹת אִֽישׁ־נַ֗עַר אֲשֶׁר־
18 רָכְב֛וּ עַל־הַגְּמַלִּ֖ים וַיָּנֻֽסוּ׃ וַיַּצֵּ֣ל דָּוִ֔ד אֵ֛ת כָּל־אֲשֶׁ֥ר לָקְח֖וּ
19 עֲמָלֵ֑ק וְאֶת־שְׁתֵּ֥י נָשָׁ֖יו הִצִּ֥יל דָּוִֽד׃ וְלֹ֣א נֶעְדַּר־לָ֠הֶם מִן־
הַקָּטֹ֨ן וְעַד־הַגָּד֜וֹל וְעַד־בָּנִ֤ים וּבָנוֹת֙ וּמִשָּׁלָ֔ל וְעַ֛ד כָּל־אֲשֶׁ֥ר
כ לָקְח֖וּ לָהֶ֑ם הַכֹּ֖ל הֵשִׁ֥יב דָּוִֽד׃ וַיִּקַּ֣ח דָּוִ֔ד אֶת־כָּל־הַצֹּ֖אן
וְהַבָּקָ֑ר נָֽהֲג֗וּ לִפְנֵי֙ הַמִּקְנֶ֣ה הַה֔וּא וַיֹּ֣אמְר֔וּ זֶ֖ה שְׁלַ֥ל דָּוִֽד׃
21 וַיָּבֹ֣א דָוִ֗ד אֶל־מָאתַ֨יִם הָאֲנָשִׁ֜ים אֲשֶׁר־פִּגְּר֣וּ ׀ מִלֶּ֣כֶת ׀ אַחֲרֵ֣י
דָוִ֗ד וַיֹּשִׁיבֻם֙ בְּנַ֣חַל הַבְּשׂ֔וֹר וַיֵּֽצְאוּ֙ לִקְרַ֣את דָּוִ֔ד וְלִקְרַ֖את
הָעָ֣ם אֲשֶׁר־אִתּ֑וֹ וַיִּגַּ֤שׁ דָּוִד֙ אֶת־הָעָ֔ם וַיִּשְׁאַ֥ל לָהֶ֖ם לְשָׁלֽוֹם׃
22 וַיַּ֜עַן כָּל־אִ֣ישׁ ׀ רָ֣ע וּבְלִיַּ֗עַל מֵהָאֲנָשִׁים֮ אֲשֶׁר־הָלְכ֣וּ
עִם־דָּוִד֒ וַיֹּאמְר֗וּ יַ֚עַן אֲשֶׁ֣ר לֹא־הָלְכ֣וּ עִמִּ֔י לֹא־נִתֵּ֣ן לָהֶ֔ם
מֵהַשָּׁלָ֖ל אֲשֶׁ֣ר הִצַּ֑לְנוּ כִּֽי־אִם־אִ֤ישׁ אֶת־אִשְׁתּוֹ֙ וְאֶת־בָּנָ֔יו
23 וְיִנְהֲג֖וּ וְיֵלֵֽכוּ׃ וַיֹּ֣אמֶר דָּוִ֔ד לֹֽא־תַעֲשׂ֥וּ כֵ֖ן אֶחָ֑י אֵ֣ת אֲשֶׁר־

נתן

v. 22. עמו כ״א ibid. פתח באתנח

דערט מאַן זיינען געבליבען שטעהען, ווייל זיי זיינען שוואַך געוואָרען,
און (זיי) האָבען ניט געקענט אַריבערגעהן דעם טייך בשור.
11 און זיי האָבען געפונען אַ מאַן פון מצרים אויף דעם פעלד, און זיי האָ־
בען איהם געבראַכט צו דוד, און זיי האָבען איהם געגעבען ברויט און ער
האָט געגעסען, און זיי האָבען איהם געגעבען וואַסער צו טרינקען.
12 און זיי האָבען איהם געגעבען אַ שטיק פייגענקוכען און צוויי בינט־
לאַך ראָזינען, און ער האָט געגעסען, און זיין גייסט האָט זיך ווידער
צוריקגעקעהרט צו איהם, דען ער האָט ניט געגעסען קיין ברויט און
ניט געטרונקען קיין וואַסער דריי טעג און דריי נעכט.
13 און דוד האָט צו איהם געזאָגט: צו וועמען געהערסטו, און פון וואַ־
נען ביזטו? און ער האָט געזאָגט: איך בין אַ יונג אַ מצרי, און אַ
קנעכט צו אַ מאַן אַן עמלקי, און מיין הערר האָט מיך צוריקגעלאָזען,
ווייל איך בין קראַנק געוואָרען, דריי טעג צוריק פון היינט.
14 מיר זיינען בעפאַלען אויף דעם דרום זייט פון דעם כרתי, און אויף
דעם לאַנד וואָס געהערט צו יהודה, און אויף די דרום זייט פון כלב, און
צקלג האָבען מיר פערברענט מיט פייער.
15 און דוד האָט צו איהם געזאָגט: ווערסטו מיך אַראָבברענגען צו (דעם
אָרט) פון דיעזע רויבער־באַנדע? און ער האָט געזאָגט: שוועהר מיר
ביי גאָט, דאָס דו וועסט מיך ניט טוידטען און דאָס דו וועסט מיך ניט
איבערגעבען אין די האַנד פון מיין הערר, וועל איך דיך אַראָבפיהרען
צו דיעזע באַנדע.
16 און ער האָט איהם אַראָבגעפיהרט, און ערשט, זיי זיינען געווען צושפּרייט
אויף דעם גאַנצען לאַנד; זיי עסען און טרינקען און טאַנצען, וועגען
די פיעל רויב וואָס זיי האָבען אַוועקגענומען פון דעם לאַנד פון די
פלשתים און פון דעם לאַנד פון יהודה.
17 און דוד האָט זיי געשלאָגען פון אָנבּאָגינג אָבענד ביז צו דעם אָבענד פון
דעם אַנדערען טאָג, און קיין קריעגס־מאַן איז פון זיי ניט אַנטרונען,
נאָר פיער הונדערט יונגע מענער וועלכע זיינען געריטען אויף קעמלען
און זיינען אַנטלאָפען.
18 און דוד האָט געראַטעוועט אַלעס, וואָס עמלק האָט אַוועקגענומען, אויך
זיינע צוויי פרויען האָט דוד געראַטעוועט.
19 און עס האָט זיי ניט געפעהלט, פון קליין ביז גרויס, פון זיהן און טעכ־
טער, און ניט פון די רויב און פון אַלעס וואָס זיי האָבען צו זיך גענומען,
אַלעס האָט דוד געבראַכט צוריק.
20 און דוד האָט גענומען אַלע שאָף און רינדער (פון די עמלק): די האָבען
זיי געפיהרט פאָראויס, פאַר יענע פיה, (פאַר זייערע אייגענע), און זיי
האָבען געזאָגט: דאָס איז דער רויב פון דוד.
21 און דוד איז געקומען צו די צוויי הונדערט מאַן, וועלכע זיינען שוואַך
געוואָרען און האָבען ניט געקענט געהן נאָך דוד, און וועלכע זיי האָבען
צוריקגעלאָזען ביי דעם טייך בשור; און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען
אַנטקעגען דוד און אַנטקעגען דעם פאָלק וואָס איז מיט איהם געווען,
און דוד האָט גענעהנט צו דעם פאָלק און ער האָט זיי געפרעגט נאָך
זייער פריעדען.
22 און יעדער שלעכטער און ניכטסווירדיגער מאַן, פון די מענער וואָס זיי־
נען מיט געגאַנגען מיט דוד'ן האָבען געשריען און זיי האָבען געזאָגט:
ווייל זיי זיינען ניט מיט געגאַנגען מיט אונז, אַזוי וועלען מיר זיי ניט
געבען פון דיעם רויב וואָס מיר האָבען געראַטעוועט, נאָר, צו יעדערען זיין
ווייב און זיינע קינדער, און זיי זאָלען זיי אַוועקפיהרען און געהן.
23 אָבער דוד האָט געזאָגט: איהר זאָלט ניט אַזוי טהאָן, מיינע ברידער,

נָתַן יְהוָה לָנוּ וַיִּשְׁמֹר אֹתָנוּ וַיִּתֵּן אֶת־הַגְּדוּד הַבָּא עָלֵינוּ
24 בְּיָדֵנוּ׃ וּמִי יִשְׁמַע לָכֶם לַדָּבָר הַזֶּה כִּי כְּחֵלֶק ׀ הַוֹּרֵד
בַּמִּלְחָמָה וּכְחֵלֶק הַיֹּשֵׁב עַל־הַכֵּלִים יַחְדָּו יַחֲלֹקוּ׃
כה וַיְהִי מֵהַיּוֹם הַהוּא וָמָעְלָה וַיְשִׂמֶהָ לְחֹק וּלְמִשְׁפָּט לְיִשְׂרָאֵל
26 עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיָּבֹא דָוִד אֶל־צִקְלַג וַיְשַׁלַּח מֵהַשָּׁלָל
לְזִקְנֵי יְהוּדָה לְרֵעֵהוּ לֵאמֹר הִנֵּה לָכֶם בְּרָכָה מִשְּׁלַל
27 אֹיְבֵי יְהוָה׃ לַאֲשֶׁר בְּבֵית־אֵל וְלַאֲשֶׁר בְּרָמוֹת־נֶגֶב וְלַאֲשֶׁר
28 בְּיַתִּר׃ וְלַאֲשֶׁר בַּעֲרֹעֵר וְלַאֲשֶׁר בְּשִׂפְמוֹת וְלַאֲשֶׁר
29 בְּאֶשְׁתְּמֹעַ׃ וְלַאֲשֶׁר בְּרָכָל וְלַאֲשֶׁר בְּעָרֵי הַיְּרַחְמְאֵלִי
ל וְלַאֲשֶׁר בְּעָרֵי הַקֵּינִי׃ וְלַאֲשֶׁר בְּחָרְמָה וְלַאֲשֶׁר בְּבוֹר־
31 עָשָׁן וְלַאֲשֶׁר בַּעֲתָךְ׃ וְלַאֲשֶׁר בְּחֶבְרוֹן וּלְכָל־הַמְּקֹמוֹת
אֲשֶׁר־הִתְהַלֶּךְ־שָׁם דָּוִד הוּא וַאֲנָשָׁיו׃

## CAP. XXXI. לא

**לא**

א וּפְלִשְׁתִּים נִלְחָמִים בְּיִשְׂרָאֵל וַיָּנֻסוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי
2 פְלִשְׁתִּים וַיִּפְּלוּ חֲלָלִים בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּדְבְּקוּ פְלִשְׁתִּים
אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־בָּנָיו וַיַּכּוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־יְהוֹנָתָן וְאֶת־אֲבִינָדָב
3 וְאֶת־מַלְכִּי־שׁוּעַ בְּנֵי שָׁאוּל׃ וַתִּכְבַּד הַמִּלְחָמָה אֶל־שָׁאוּל
וַיִּמְצָאֻהוּ הַמּוֹרִים אֲנָשִׁים בַּקָּשֶׁת וַיָּחֶל מְאֹד מֵהַמּוֹרִים׃
4 וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנֹשֵׂא כֵלָיו שְׁלֹף חַרְבְּךָ ׀ וְדָקְרֵנִי בָהּ פֶּן
יָבוֹאוּ הָעֲרֵלִים הָאֵלֶּה וּדְקָרֻנִי וְהִתְעַלְּלוּ־בִי וְלֹא אָבָה
נֹשֵׂא כֵלָיו כִּי יָרֵא מְאֹד וַיִּקַּח שָׁאוּל אֶת־הַחֶרֶב וַיִּפֹּל
ה עָלֶיהָ׃ וַיַּרְא נֹשֵׂא־כֵלָיו כִּי־מֵת שָׁאוּל וַיִּפֹּל גַּם־הוּא עַל־
6 חַרְבּוֹ וַיָּמָת עִמּוֹ׃ וַיָּמָת שָׁאוּל וּשְׁלֹשֶׁת בָּנָיו וְנֹשֵׂא כֵלָיו
7 גַּם כָּל־אֲנָשָׁיו בַּיּוֹם הַהוּא יַחְדָּו׃ וַיִּרְאוּ אַנְשֵׁי־יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר־בְּעֵבֶר הָעֵמֶק וַאֲשֶׁר ׀ בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן כִּי־נָסוּ אַנְשֵׁי
יִשְׂרָאֵל וְכִי־מֵתוּ שָׁאוּל וּבָנָיו וַיַּעַזְבוּ אֶת־הֶעָרִים וַיָּנֻסוּ
8 וַיָּבֹאוּ פְלִשְׁתִּים וַיֵּשְׁבוּ בָּהֶן׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיָּבֹאוּ

פלשתים

ל v. 24. הירד קי׳

דאָס איז דאָך וואָס גאָט האָט אונז געגעבען, און ער האָט אונז געהיט
און ער האָט דאָס רויבער־באַנדע וואָס איז קעגען אונז געקומען, איבער־
געגעבען אין אונזער האַנד.
24 און ווער וועט אייך הערען אין דיעזער זאַך? דען ווי דער טהייל פון
דעם וואָס געהט אראָב אין דעם שטרייט, אַזוי זאָל אויך זיין דער טהייל
פון דעם וואָס פערבלייבט ביי די געפעק; גלייך מוזען זיי זיך טהיילען.
25 און אַזוי איז דאָס געוואָרען פון יענעם טאָג אָן און ווייטער, און ער האָט
עס געמאַכט צום געזעץ און רעכט אין ישראל ביז צו דעם היינטיגען
טאָג.
26 און ווען דוד איז געקומען נאָך צקלג, האָט ער געשיקט פון דעם רויב
צו די עלטסטע פון יהודה, צו זיינע פריינד און ער האָט זיי געלאָזט זאָ־
גען: זעהט, דאָ האָט איהר אַ געשענק פון דעם רויב, פון די פיינד
פון גאָט.
27 צו די פריינד וואָס זיינען געווען אין בית אל, און צו די וואָס זיינען
אין רמות אין דרום זייט, און צו די וואָס זיינען אין יתר.
28 און צו די וואָס זיינען אין ערער, און צו די וואָס זיינען אין שפמות,
און צו די וואָס זיינען אין אשתמע.
29 און צו די וואָס זיינען אין רכל, און צו די וואָס זיינען אין די שטעדט
פון ירחמאל, און צו די וואָס זיינען אין די שטעדט פון דעם קיני.
30 און צו די וואָס זיינען אין חרמה, און צו די וואָס זיינען אין כור עשן,
און צו די וואָס זיינען אין עתך.
31 און צו די וואָס זיינען אין חברון, און צו די אַלע ערטער וואו דוד פלעגט
דאָרטען אַרומגעהן, ער מיט זיינע מענער.

## קאַפּיטעל לא

1 און די פלשתים האָבען געשטריטען מיט ישראל; און די מענער פון
ישראל זיינען אַנטלאָפען פאַר די פלשתים, און פיעל זיינען געפאַלען
דערשלאָגענע אויף דעם באַרג גלבע.
2 און די פלשתים האָבען אָנגעיאָגט שאול מיט זיינע זיהן, און די פלשתים
האָבען געשלאָגען יהונתן, און אבינדב, און מלכישוע, די זיהן פון שאול.
3 און דער שטרייט איז געוואָרען שווער קעגען שאול, און עס האָבען איהם
געטראָפען די שיסער, די בויגענשיסער, און ער האָט זעהר געציטערט
פאַר די שיסערס.
4 און שאול האָט געזאָגט צו זיין וואָפענטרעגער: ציה אַרוים דיין שווערד
און דערשטעך מיך דאַמיט, דאָס דיעזע אונבעשניטענע זאָלען ניט קו־
מען און מיך דערשטעכען, און זיי וועלען שפּאָטען איבער מיר, אָבער
זיין וואָפענטרעגער האָט ניט געוואָלט, דען ער האָט זעהר געפירכטעט,
(צו טהאָן אַזאַ זאַך). און שאול האָט גענומען דאָס שווערד, און האָט זיך
דאַרויף אַרויף געוואָרפען.
5 און ווען זיין וואָפענטרעגער האָט געזעהען דאָס שאול איז געשטאָרבען,
איז ער אויך אויף זיין שווערד געפאַלען, און ער איז געשטאָרבען מיט
איהם צוזאַמען.
6 און אַזוי איז געשטאָרבען שאול און זיינע דריי זיהן און זיין וואָפענ־
טרעגער, און אַלע זיינע מענער אָן דעם זעלבען טאָג צוזאַמען.
7 און אַלס די מענער פון ישראל וואָס זיינען געווען אויף דער אַנדער
זייט פון דעם טהאָל, און וואָס זיינען געווען אויף דער אַנדער זייט פון
ירדן, האָבען געזעהן דאָס די מענער פון ישראל זיינען אַנטלאָפען,
און דאָס שאול און זיינע זיהן זיינען געשטאָרבען. אַזוי האָבען זיי פער־
לאָזען די שטעדט און זיינען אַנטלאָפען, און די פלשתים זיינען געקומען
און זיי האָבען זיך בעזעצט אין זיי.

פְלִשְׁתִּים לְפַשֵּׁט אֶת־הַחֲלָלִים וַיִּמְצְאוּ אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־
9 שְׁלֹשֶׁת בָּנָיו נֹפְלִים בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ׃ וַיִּכְרְתוּ אֶת־רֹאשׁוֹ
וַיַּפְשִׁטוּ אֶת־כֵּלָיו וַיְשַׁלְּחוּ בְאֶרֶץ־פְּלִשְׁתִּים סָבִיב לְבַשֵּׂר
י בֵּית עֲצַבֵּיהֶם וְאֶת־הָעָם׃ וַיָּשִׂמוּ אֶת־כֵּלָיו בֵּית עַשְׁתָּרוֹת
11 וְאֶת־גְּוִיָּתוֹ תָּקְעוּ בְּחוֹמַת בֵּית שָׁן׃ וַיִּשְׁמְעוּ אֵלָיו יֹשְׁבֵי
12 יָבֵישׁ גִּלְעָד אֵת אֲשֶׁר־עָשׂוּ פְלִשְׁתִּים לְשָׁאוּל׃ וַיָּקוּמוּ כָּל־
אִישׁ חַיִל וַיֵּלְכוּ כָל־הַלַּיְלָה וַיִּקְחוּ אֶת־גְּוִיַּת שָׁאוּל וְאֵת
גְּוִיֹּת בָּנָיו מֵחוֹמַת בֵּית שָׁן וַיָּבֹאוּ יָבֵשָׁה וַיִּשְׂרְפוּ אֹתָם שָׁם׃
13 וַיִּקְחוּ אֶת־עַצְמֹתֵיהֶם וַיִּקְבְּרוּ תַחַת־הָאֶשֶׁל בְּיָבֵשָׁה וַיָּצֻמוּ
שִׁבְעַת יָמִים׃

# שמואל ב

# LIBER II. SAMUELIS.

## CAPUT I. א

א וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת שָׁאוּל וְדָוִד שָׁב מֵהַכּוֹת אֶת־הָעֲמָלֵק
2 וַיֵּשֶׁב דָּוִד בְּצִקְלָג יָמִים שְׁנָיִם׃ וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי
וְהִנֵּה אִישׁ בָּא מִן־הַמַּחֲנֶה מֵעִם שָׁאוּל וּבְגָדָיו קְרֻעִים
וַאֲדָמָה עַל־רֹאשׁוֹ וַיְהִי בְּבֹאוֹ אֶל־דָּוִד וַיִּפֹּל אַרְצָה
3 וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ דָוִד אֵי מִזֶּה תָּבוֹא וַיֹּאמֶר אֵלָיו
4 מִמַּחֲנֵה יִשְׂרָאֵל נִמְלָטְתִּי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו דָּוִד מֶה־הָיָה
הַדָּבָר הַגֶּד־נָא לִי וַיֹּאמֶר אֲשֶׁר־נָס הָעָם מִן־הַמִּלְחָמָה
וְגַם־הַרְבֵּה נָפַל מִן־הָעָם וַיָּמֻתוּ וְגַם שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן בְּנוֹ
ה מֵתוּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַנַּעַר הַמַּגִּיד לוֹ אֵיךְ יָדַעְתָּ כִּי־
6 מֵת שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַנַּעַר ׀ הַמַּגִּיד לוֹ נִקְרֹא

נקריתי

א׳ v. 1. הל׳ בקמץ

8 און עס איז געווען, אין דעם מאָרגען נאָכדעם, זיינען געקומען די פּלשתים
צו ענטקליידען די דערשלאָגענע, און זיי האָבען געפונען שאול און זיינע
דריי זיהן געפאַלען אויף דעם באַרג פון גלבע.
9 און זיי האָבען אָבגעשניטען זיין קאָפּ, און אַראָבגעצויגען זיין געוועהר,
און זיי האָבען געשיקט אין דאָס לאַנד פון די פּלשתים רינגס אומהער,
דאָס אָנצוזאָגען אין די הייזער פון זייערע אָבגעטער און צו דעם פאָלק.
10 און זיי האָבען געלעגט זיינע געוועהר אין דאָס הויז פון עשתרות, און
זיין טוידטען קערפּער האָבען זיי אַריינגעשטעקט אין דעם מויער פון
בית־שאָן.
11 און ווען די איינוואָהנער פון יבש גלעד האָבען געהערט וואָס די פּלשתים
האָבען געטהאָן צו שאול.
12 דאַן זיינען אויפגעשטאַנען אַלע העלדען (פון זיי), און זיי זיינען געגאַנ־
גען די גאַנצע נאַכט, און זיי האָבען גענומען דעם טוידטען קערפּער פון
שאול, און די טוידטע קערפּערס פון זיינע זיהן, פון די מויער פון בית
שאן, און זיי זיינען געקומען נאָך יבש, און זיי האָבען זיי דאָרט פער־
ברענט.
13 און זיי האָבען גענומען זייערע ביינער און זיי האָבען זיי בעגראָבען
הינטער דעם אייכענבוים אין יבש, און זיי האָבען געפאַסט זיעבען טעג.

# שמואל ב׳

## קאַפּיטעל א

1 און עס איז געווען נאָך דעם טוידט פון שאול, ווען דוד איז צוריקגעקומען
פון שלאָגען דעם עמלק, און דוד איז געבליעבען צוויי טעג אין צקלג.
2 און עס איז געשעהען אין דעם דריטען טאָג ; און זעה, אַ מאַן איז גע־
קומען פון דער מחנה פון שאול, און זיינע קליידער צוריסען, און ערד
אויף זיין קאָפּ. און עס איז געווען ווען ער איז געקומען צו דוד, איז ער
געפאַלען צו דער ערד, און ער האָט זיך געבוקט.
3 און דוד האָט צו איהם געזאָגט : פון וואַנען קומסטו ? און ער האָט צו
איהם געזאָגט : פון דעם לאַגער פון ישראל בין איך אַנטרונען.
4 און דוד האָט צו איהם געזאָגט : ווי איז די זאַך צוגעגאַנגען ? זאָג מיר
דאָך, און ער האָט צו איהם געזאָגט : אַז דאָס פאָלק איז ענטלאָפען פון
דער מלחמה, און אַז אויך פיעל פון דעם פאָלק זיינען געפאַלען און גע־
שטאָרבען, און אויך שאול און זיין זוהן יהונתן זיינען געשטאָרבען.
5 און דוד האָט געזאָגט צו דעם יונג, וואָס האָט עס איהם אָנגעזאָגט : ווי
אַזוי ווייסטו דאָס שאול איז טוידט, און זיין זוהן יהונתן ?
6 און דער יונג וואָס האָט עס איהם אָנגעזאָגט האָט געזאָגט : איך בין
צופעליג געקומען אויף דעם באַרג גלבע, און זעה, שאול איז אָנגעשפּאַרט
אויף זיין שפּיז, און זעה, די קריעגס וועגען און די רייטער (פון די
פּלשתים) האָבען איהם דעריאָגט.

נִקְרֵיתִי בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ וְהִנֵּה שָׁאוּל נִשְׁעָן עַל־חֲנִיתוֹ וְהִנֵּה
7 הָרֶכֶב וּבַעֲלֵי הַפָּרָשִׁים הִדְבִּקֻהוּ׃ וַיִּפֶן אַחֲרָיו וַיִּרְאֵנִי
8 וַיִּקְרָא אֵלָי וָאֹמַר הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר לִי מִי־אָתָּה וַיֹּאמַר אֵלָיו
9 עֲמָלֵקִי אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי עֲמָד־נָא עָלַי וּמֹתְתֵנִי כִּי אֲחָזַנִי
י הַשָּׁבָץ כִּי־כָל־עוֹד נַפְשִׁי בִּי׃ וָאֶעֱמֹד עָלָיו וַאֲמֹתְתֵהוּ
כִּי יָדַעְתִּי כִּי לֹא יִחְיֶה אַחֲרֵי נִפְלוֹ וָאֶקַּח הַנֵּזֶר ׀ אֲשֶׁר עַל־
רֹאשׁוֹ וְאֶצְעָדָה אֲשֶׁר עַל־זְרֹעוֹ וָאֲבִיאֵם אֶל־אֲדֹנִי הֵנָּה׃
11 וַיַּחֲזֵק דָּוִד בִּבְגָדָו וַיִּקְרָעֵם וְגַם כָּל־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר אִתּוֹ׃
12 וַיִּסְפְּדוּ וַיִּבְכּוּ וַיָּצֻמוּ עַד־הָעָרֶב עַל־שָׁאוּל וְעַל־יְהוֹנָתָן בְּנוֹ
וְעַל־עַם יְהוָה וְעַל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי נָפְלוּ בֶּחָרֶב׃
13 וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַנַּעַר הַמַּגִּיד לוֹ אֵי מִזֶּה אָתָּה וַיֹּאמֶר בֶּן
14 אִישׁ גֵּר עֲמָלֵקִי אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו דָּוִד אֵיךְ לֹא יָרֵאתָ
טו לִשְׁלֹחַ יָדְךָ לְשַׁחֵת אֶת־מְשִׁיחַ יְהוָה׃ וַיִּקְרָא דָוִד לְאַחַד
16 מֵהַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר גַּשׁ פְּגַע־בּוֹ וַיַּכֵּהוּ וַיָּמֹת׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו
דָּוִד דָּמִיךָ עַל־רֹאשֶׁךָ כִּי פִיךָ עָנָה בְךָ לֵאמֹר אָנֹכִי מֹתַתִּי
17 אֶת־מְשִׁיחַ יְהוָה׃ וַיְקֹנֵן דָּוִד אֶת־הַקִּינָה הַזֹּאת עַל־
18 שָׁאוּל וְעַל־יְהוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֹּאמֶר לְלַמֵּד בְּנֵי־יְהוּדָה קָשֶׁת
19 הִנֵּה כְתוּבָה עַל־סֵפֶר הַיָּשָׁר׃ הַצְּבִי יִשְׂרָאֵל עַל־בָּמוֹתֶיךָ
כ חָלָל אֵיךְ נָפְלוּ גִבּוֹרִים׃ אַל־תַּגִּידוּ בְגַת אַל־תְּבַשְּׂרוּ
בְּחוּצֹת אַשְׁקְלוֹן פֶּן־תִּשְׂמַחְנָה בְּנוֹת פְּלִשְׁתִּים פֶּן־תַּעֲלֹזְנָה
21 בְּנוֹת הָעֲרֵלִים׃ הָרֵי בַגִּלְבֹּעַ אַל־טַל וְאַל־מָטָר עֲלֵיכֶם
וּשְׂדֵי תְרוּמֹת כִּי שָׁם נִגְעַל מָגֵן גִּבּוֹרִים מָגֵן שָׁאוּל בְּלִי
22 מָשִׁיחַ בַּשָּׁמֶן׃ מִדַּם חֲלָלִים מֵחֵלֶב גִּבּוֹרִים קֶשֶׁת יְהוֹנָתָן
23 לֹא נָשׂוֹג אָחוֹר וְחֶרֶב שָׁאוּל לֹא תָשׁוּב רֵיקָם׃ שָׁאוּל
וִיהוֹנָתָן הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִם בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ
24 מִנְּשָׁרִים קַלּוּ מֵאֲרָיוֹת גָּבֵרוּ׃ בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל אֶל־שָׁאוּל
בְּכֶינָה הַמַּלְבִּשְׁכֶם שָׁנִי עִם־עֲדָנִים הַמַּעֲלֶה עֲדִי זָהָב עַל

לבושכן

8. v ואמר ק׳ 10. v ר׳ פתוחה ibid. נון כחירק 11 v בבגדיו ק׳ 16. v יחיד י׳

7 און ער האָט זיך אַרומגעקוקט הינטער זיך און ער האָט מיך דערזעהען,
און ער האָט מיך גערופען, און איך האָב געזאָגט : דאָ בין איך.
8 און ער האָט צו מיר געזאָגט : ווער ביזטו ? און איך האָב צו איהם גע־
זאָגט : איך בין איין עמלקי,
9 און ער האָט צו מיר געזאָגט : שטעל זיך דאָך אויף מיך און טוידט מיך,
דען דער קראַמפּף האָט מיך אָנגענומען, און קוים האַלט זיך נאָך מיין זעעל
אין מיר.
10 און איך האָב זיך געשטעלט אויף איהם, און האָב איהם געטוידטעט, דען
איך האָב געוואוסט דאָס ער וועט ניט (מעהר) קענען לעבען נאָך זיין
פאַלען, און איך האָב גענומען די קרוין וואָס איז געווען אויף זיין קאָפּ
און דעם אַרעמבאַנד וואָס איז געווען אויף זיין אָרעם און איך האָב זיי
געבראַכט אַהער צו מיין הערר.
11 און דוד האָט אָנגענומען זיינע קליידער און ער האָט זיי צוריסען, און
אויך די אַלע מענער וואָס זיינען מיט איהם געווען (האָבען אַזוי געטהאָן).
12 און זיי האָבען געקלאָגט, און געוויינט, און געפאַסט ביז אבענד וועגען
שאול, און וועגען יהונתן זיין זוהן, און וועגען דאָס פאָלק פון גאָט, און
וועגען דאָס הויז ישראל, וועלכע זיינען געפאַלען דורך דעם שווערד.
13 און דוד האָט געזאָגט צו דעם יונג וואָס האָט עס איהם אָנגעזאָגט : פון
וואַנען ביזטו ? און ער האָט געזאָגט : איך בין דער זוהן פון א גר, איין
עמלקי.
14 און דוד האָט צו איהם געזאָגט : ווי אַזוי האָסטו ניט געפירכטעט (פאַר
גאָט) אויסצושטרעקען דיין האַנד, אומצוברענגען דעם געזאַלבטען פון
גאָט ?
15 און דוד האָט גערופען איינעם פון די יונגען, און האָט געזאָגט : גענעהן
און שלאָג איהם, און ער האָט איהם דערשלאָגען און ער איז געשטאָרבען.
16 און דוד האָט צו איהם געזאָגט : דיין בלוט איז אויף דיין (אייגענעם)
קאָפּ, (ביזט אַליין שולדיג), דען דיין מויל האָט קעגען דיר עדות געזאָגט,
מיט דיין זאָגען : איך האָב געטוידטעט דעם געזאַלבטען פון גאָט.
17 און דוד האָט געקלאָגט דיעזעם קלאָגליעד אויף שאול און אויף יהונתן
זיין זוהן.
18 און ער האָט געזאָגט : (אַז יעצט) זאָל מען לעהרנען די קינדער יהודה
ווי צו געברויכען דעם בויגען. זעה, (דיעזעם קלאָגליעד) דאָס איז אַיינ־
געשריעבען אין דעם ספר הישר.
19 דו שעהנהייט פון ישראל ! אויף דיינע הויכע בערג ליעגסטו ערשלאָגען.
אַך, ווי זיינען געפאַלען די העלדען !
20 ערצעהלט עס ניט אין גת, איהר זאָלט ניט אָנזאָגען אין די גאַסען פון
אַשקלון, דאָס די טעכטער פון די פלשתים זאָלען זיך ניט פרעהען, דאָס
די טעכטער פון די אונבעשניטענע זאָלען ניט פרעהליך זיין.
21 איהר בערג פון גלבע ! ניט טהוי און ניט רעגען קען אַייערע פעלדער ער־
הויבען, דען דאָרט איז פעראַכטעט געוואָרען דער שילד פון די העלדען,
דער שילד פון שאול — אַזוי ווי ער וואָלט ניט געווען געזאַלבט מיט
אויל.
22 אָהן בלוט פון דערשלאָגענע, אָהן פעטס פון העלדען, האָט זיך דער בויגען
פון יהונתן קיינמאָל ניט צוריקגעצויגען, און דאָס שווערד פון שאול איז
קיינמאָל ניט צוריקגעקעהרט לעדיג.
23 שאול און יהונתן, די געליעבטע און די אַנגענעהמסטע אין זייער לעבען,
אויך אין זייער טוידט זיינען זיי ניט אָבגעשיידט געוואָרען. זיי זיינען
געווען שנעלער פון אָדלערס, זיי זיינען געווען שטאַרקער פון לייבען.
24 איהר טעכטער פון ישראל ! וויינט וועגען שאול, ער, וואָס ער פלעגט אַייך

כה לְבוּשְׁכֶן׃ אֵיךְ נָפְלוּ גִבֹּרִים בְּתוֹךְ הַמִּלְחָמָה יְהוֹנָתָן עַל־
בָּמוֹתֶיךָ חָלָל׃ צַר־לִי עָלֶיךָ אָחִי יְהוֹנָתָן נָעַמְתָּ לִּי מְאֹד 26
נִפְלְאַתָה אַהֲבָתְךָ לִי מֵאַהֲבַת נָשִׁים׃ אֵיךְ נָפְלוּ גִבֹּרִים 27
וַיֹּאבְדוּ כְּלֵי מִלְחָמָה׃

## ב Cap. II. ב

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּיהוָה ׀ לֵאמֹר הַאֶעֱלֶה בְּאַחַת
עָרֵי יְהוּדָה וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו עֲלֵה וַיֹּאמֶר דָּוִד אָנָה אֶעֱלֶה
וַיֹּאמֶר חֶבְרֹנָה׃ וַיַּעַל שָׁם דָּוִד וְגַם שְׁתֵּי נָשָׁיו אֲחִינֹעַם 2
הַיִּזְרְעֵלִית וַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת נָבָל הַכַּרְמְלִי׃ וַאֲנָשָׁיו אֲשֶׁר־ 3
עִמּוֹ הֶעֱלָה דָוִד אִישׁ וּבֵיתוֹ וַיֵּשְׁבוּ בְּעָרֵי חֶבְרוֹן׃ וַיָּבֹאוּ 4
אַנְשֵׁי יְהוּדָה וַיִּמְשְׁחוּ־שָׁם אֶת־דָּוִד לְמֶלֶךְ עַל־בֵּית יְהוּדָה
וַיַּגִּדוּ לְדָוִד לֵאמֹר אַנְשֵׁי יָבֵישׁ גִּלְעָד אֲשֶׁר קָבְרוּ אֶת־
ה שָׁאוּל׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד מַלְאָכִים אֶל־אַנְשֵׁי יָבֵישׁ גִּלְעָד
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם בְּרֻכִים אַתֶּם לַיהוָה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם הַחֶסֶד
הַזֶּה עִם־אֲדֹנֵיכֶם עִם־שָׁאוּל וַתִּקְבְּרוּ אֹתוֹ׃ וְעַתָּה יַעַשׂ־ 6
יְהוָה עִמָּכֶם חֶסֶד וֶאֱמֶת וְגַם אָנֹכִי אֶעֱשֶׂה אִתְּכֶם הַטּוֹבָה
הַזֹּאת אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה ׀ תֶּחֱזַקְנָה יְדֵיכֶם 7
וִהְיוּ לִבְנֵי־חַיִל כִּי־מֵת אֲדֹנֵיכֶם שָׁאוּל וְגַם אֹתִי מָשְׁחוּ
בֵית־יְהוּדָה לְמֶלֶךְ עֲלֵיהֶם׃ וְאַבְנֵר בֶּן־נֵר שַׂר־צָבָא 8
אֲשֶׁר לְשָׁאוּל לָקַח אֶת־אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל וַיַּעֲבִרֵהוּ
מַחֲנָיִם׃ וַיַּמְלִכֵהוּ אֶל־הַגִּלְעָד וְאֶל־הָאֲשׁוּרִי וְאֶל־יִזְרְעֶאל 9
י וְעַל־אֶפְרַיִם וְעַל־בִּנְיָמִן וְעַל־יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה׃ בֶּן־
אַרְבָּעִים שָׁנָה אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל בְּמָלְכוֹ עַל־יִשְׂרָאֵל
וּשְׁתַּיִם שָׁנִים מָלָךְ אַךְ בֵּית יְהוּדָה הָיוּ אַחֲרֵי דָוִד׃ וַיְהִי 11
מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר הָיָה דָוִד מֶלֶךְ בְּחֶבְרוֹן עַל־בֵּית
יְהוּדָה שֶׁבַע שָׁנִים וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים׃ וַיֵּצֵא אַבְנֵר 12
בֶּן־נֵר וְעַבְדֵי אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל מִמַּחֲנַיִם גִּבְעוֹנָה׃

ויואב

א׳ v. 26. דא׳ בפתח

אַנקלײדען אין פּורפּור, מיט פּראַכטיגע ציערונגען, ער, וואָס ער פלעגט
אײך פּוטצען מיט גאָלדענע ציערונגען אויף אײערע קלײדער.
25 אַך ! ווי זײנען געפאַלען די העלדען אין קריעג ! יהונתן ! ווי ליעגסטו
אויף דײנע הויכע בערג ערשלאָגען ?
26 עס טהוט מיר זעהר לײד אום דיך, מײן ברודער יהונתן ! דו ביזט מיר
זעהר ליעבליך געװעזן, וואונדערבאַר שטאַרק איז געװעזן בײ מיר דײן
ליעבע, מעהר ווי די ליעבע פון פרויען (צו זײערע קינדער).
27 אַך ! ווי זײנען געפאַלען די העלדען, און פערלאָרען זײנען די קריעגס־
וואפען.

## קאַפּיטעל ב

1 און עס איז געװעזן נאָכדעם. און דוד האָט געפרעגט בײ גאָט, אַזױ : זאָל
איך אַרױפגעהען אין אײנע פון די שטעדט יהודה ? און גאָט האָט צו
איהם געזאָגט : געה אַרױף. און דוד האָט געזאָגט : אַװאו זאָל איך
אַרױפגעהען ? און ער (גאָט) האָט געזאָגט : נאָך חברון.
2 און דוד איז דאָרט אַרױפגעגאַנגען, און אויך זײנע צװײ װײבער, אחינעם
פון יזרעאל, און אביגיל די (געװעזענע) װײב פון נבל אױס כרמל.
3 און זײנע מענער װאָס זײנען מיט איהם געװעזן האָט דוד (אויך) אַרױפ־
געבראַכט, יעדערען מיט זײן הױזגעזינד, און זײ האָבען זיך בעזעצט איז
די שטעדט פון חברון.
4 און די מענער פון יהודה זײנען געקומען, און זײ האָבען דאָרטען געזאַלבט
דוד׳ן פאַר אַ קעניג איבער דעם הױז יהודה, און מען האָט דוד׳ן געזאָגט
אַזױ : דאָס די מענער פון יבש גלעד זײנען דאָס די יעניגע װעלכע האָ־
בען בעגראָבען שאול׳ן.
5 און דוד האָט געשיקט שלוחים צו די מענער פון יבש גלעד, און ער האָט
צו זײ געזאָגט : געבענשט זאָלט איהר זײן צו גאָט, װײל איהר האָט גע־
טהאָן דיעזען חסד מיט אײער הערר, מיט שאול, און איהר האָט איהם
בעגראָבען.
6 און יעצט, זאָל גאָט אויך מיט אײך טהאָן חסד און אמת, און אויך איך
װעל מיט אײך (גוטס טהאָן) פאַר די דאָזיגע גוטע זאַך, װײל איהר האָט
די דאָזיגע גוטע זאַך געטהאָן.
7 און יעצט לאָזען אײערע הענד געשטאַרקט זײן, (זײט מוטהיג), און זײט
שטאַרקע העלדען, דען אײער הערר שאול איז (דאָך שוין) טױדט ; און
אויך (זאָג איך אײך אָן) אַז דאָס הױז פון יהודה האָט מיך געזאַלבט אַלס
קעניג איבער זײ.
8 און אבנר דער זוהן פון נר דער אָנפיהרער פון שאול׳ס אַרמעע האָט גע־
נומען איש בשת, שאול׳ס זוהן און ער האָט איהם געבראַכט נאָך מחנים.
9 און ער האָט איהם געמאַכט פאַר אַ קעניג איבער גלעד, און איבער דעם
שבט אשור (אשר), און איבער יזרעאל, און איבער אפרים, און איבער
בנימין, און איבער גאַנץ ישראל.
10 איש בשת דער זוהן פון שאול איז אַלט געװעזן פערציג יאָהר, װען ער איז
געװאָרען קעניג איבער ישראל, און צװײ יאָהר האָט ער רעגיערט, אָבער
דאָס הױז פון יהודה האָט געהאַלטען מיט דוד.
11 און די צאָהל פון די טעג װאָס דוד איז געװעזן אַ קיניג איבער דעם הױז פון
יהודה אין חברון, איז געװעזן זיעבען יאָהר און זעקס חדשים.
12 און אײנמאָל איז אַרױסגעגאַנגען אבנר דער זוהן פון נר, און די קנעכט פון
איש בשת, דער זוהן פון שאול, פון מחנים נאָך גבעון.

13 וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה וְעַבְדֵי דָוִד יָצְאוּ וַיִּפְגְּשׁוּם עַל־בְּרֵכַת
גִּבְעוֹן יַחְדָּו וַיֵּשְׁבוּ אֵלֶּה עַל־הַבְּרֵכָה מִזֶּה וְאֵלֶּה עַל־
14 הַבְּרֵכָה מִזֶּה׃ וַיֹּאמֶר אַבְנֵר אֶל־יוֹאָב יָקוּמוּ נָא הַנְּעָרִים
טו וִישַׂחֲקוּ לְפָנֵינוּ וַיֹּאמֶר יוֹאָב יָקֻמוּ׃ וַיָּקֻמוּ וַיַּעַבְרוּ
בְמִסְפָּר שְׁנֵים עָשָׂר לְבִנְיָמִן וּלְאִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל
16 וּשְׁנֵים עָשָׂר מֵעַבְדֵי דָוִד׃ וַיַּחֲזִקוּ אִישׁ ׀ בְּרֹאשׁ רֵעֵהוּ
וְחַרְבּוֹ בְּצַד רֵעֵהוּ וַיִּפְּלוּ יַחְדָּו וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא
17 חֶלְקַת הַצֻּרִים אֲשֶׁר בְּגִבְעוֹן׃ וַתְּהִי הַמִּלְחָמָה קָשָׁה עַד־
מְאֹד בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּנָּגֶף אַבְנֵר וְאַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי עַבְדֵי
18 דָוִד׃ וַיִּהְיוּ שָׁם שְׁלֹשָׁה בְּנֵי צְרוּיָה יוֹאָב וַאֲבִישַׁי וַעֲשָׂהאֵל
19 וַעֲשָׂהאֵל קַל בְּרַגְלָיו כְּאַחַד הַצְּבָיִם אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה׃ וַיִּרְדֹּף
עֲשָׂהאֵל אַחֲרֵי אַבְנֵר וְלֹא־נָטָה לָלֶכֶת עַל־הַיָּמִין וְעַל־
כ הַשְּׂמֹאול מֵאַחֲרֵי אַבְנֵר׃ וַיִּפֶן אַבְנֵר אַחֲרָיו וַיֹּאמֶר הַאַתָּה
21 זֶה עֲשָׂהאֵל וַיֹּאמֶר אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אַבְנֵר נְטֵה לְךָ
עַל־יְמִינְךָ אוֹ עַל־שְׂמֹאלֶךָ וֶאֱחֹז לְךָ אֶחָד מֵהַנְּעָרִים וְקַח־
22 לְךָ אֶת־חֲלִצָתוֹ וְלֹא־אָבָה עֲשָׂהאֵל לָסוּר מֵאַחֲרָיו׃ וַיֹּסֶף
עוֹד אַבְנֵר לֵאמֹר אֶל־עֲשָׂהאֵל סוּר לְךָ מֵאַחֲרָי לָמָּה
23 אַכֶּכָּה אַרְצָה וְאֵיךְ אֶשָּׂא פָנַי אֶל־יוֹאָב אָחִיךָ׃ וַיְמָאֵן
לָסוּר וַיַּכֵּהוּ אַבְנֵר בְּאַחֲרֵי הַחֲנִית אֶל־הַחֹמֶשׁ וַתֵּצֵא
הַחֲנִית מֵאַחֲרָיו וַיִּפָּל־שָׁם וַיָּמָת תַּחְתָּו וַיְהִי כָּל־הַבָּא אֶל־
24 הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־נָפַל שָׁם עֲשָׂהאֵל וַיָּמֹת וַיַּעֲמֹדוּ׃ וַיִּרְדְּפוּ
יוֹאָב וַאֲבִישַׁי אַחֲרֵי אַבְנֵר וְהַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה וְהֵמָּה בָּאוּ
עַד־גִּבְעַת אַמָּה אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי־גִיחַ דֶּרֶךְ מִדְבַּר גִּבְעוֹן׃
כה וַיִּתְקַבְּצוּ בְנֵי־בִנְיָמִן אַחֲרֵי אַבְנֵר וַיִּהְיוּ לַאֲגֻדָּה אֶחָת
26 וַיַּעַמְדוּ עַל־רֹאשׁ גִּבְעָה אֶחָת׃ וַיִּקְרָא אַבְנֵר אֶל־יוֹאָב
וַיֹּאמֶר הֲלָנֶצַח תֹּאכַל חֶרֶב הֲלוֹא יָדַעְתָּה כִּי־מָרָה
תִהְיֶה בָּאַחֲרוֹנָה וְעַד־מָתַי לֹא־תֹאמַר לָעָם לָשׁוּב מֵאַחֲרֵי

אחיהם

v. 23. תחתיו ק׳

13 און יואָב דער זוהן פון צרויה, און די קנעכט פון דוד זיינען (אויך) אַרויסגעגאַנגען, און זיי האָבען זיך בעגעגענט ביי׳ן טייך פון גבעון צוזאַמען, און זיי האָבען זיך געזעצט, דיעזע, ביי דעם טייך פון איין זייט, און די אַנדערע ביי דעם טייך פון דער אַנדער זייט.

14 און אַבנר האָט געזאָגט צו יואָב: לאָזען דאָך די יונגע לייט אויפשטעהן און זאָלען זיי זיך שפּיעלען (ראַנגלען) פאַר אונז, און יואָב האָט געזאָגט: לאָזען זיי אויפשטעהען.

15 און זיי זיינען אויפגעשטאַנען און אַריבערגעגאַנגען נאָך אַ צאָהל נאָך; צוועלף פון בנימין און וואָס געהערען צו איש בשת דעם זוהן פון שאול, און צוועלף פון די קנעכט פון דוד.

16 און זיי האבען איטליכער אָנגענומען אָן דעם קאָפּ פון דעם אַנדערען, און זיין שווערד האָט יעדער אַריינגעשטאָכען אין די זייט פון דעם אַנדערען, און זיינען געפאַלען צוזאַמען. [און יענעם אָרט האָט מען אַ נאָמען געגעבען חלקת הצרים (די פעלד פון שווערדען) וואָס איז אין גבעון].

17 און די מלחמה איז זעהר שטאַרק געוואָרען אין יענעם טאָג, און אַבנר און די מענער פון־ישראל זיינען געשלאָגען געוואָרען פאַר די קנעכט פון דוד.

18 און דאָרטען זיינען געווען די דריי זיהן פון צרויה; יואָב און אַבישי, און עשהאל. און עשהאל איז געווען לייכט אויף זיינע פיס, ווי איינער פון די הירשען אויף דעם פעלד.

19 און עשהאל האָט נאָכגעיאָגט אַבנר, און ער האָט זיך ניט אָבגעקעהרט פון הינטער אַבנר, אַוועקצוגעהען צו דער רעכטער (זייט) אָדער צו דער לינקער זייט.

20 און אבנר האָט זיך אומגעקעהרט און ער האָט געזאָגט: ביזטו עס עשהאל? און ער האָט געזאָגט: איך בין עס.

21 און אַבנר האָט צו איהם געזאָגט: קעהר זיך אָפּ, צו דיין רעכטער זייט, אָדער צו דיין לינקער זייט, און נעהם אָן איינעם פון די יונגען, און־נעהם דיר זיינע געוועהר. אָבער עשהאל האָט ניט געוואָלט אָפּקעהרען פון איהם.

22 און אַבנר האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט צו עשהאל: קעהר זיך אָפּ פון מיר, ווארום זאָל איך דיך שלאָגען צו דער ערד, און ווי וועל איך (קענען) מיין געזיכט אויפהויבען צו יואָב, דיין ברודער?

23 אָבער ער האָט ניט געוואָלט אָפּקעהרען, און אבנר האָט איהם געשלאָגען מיט דעם שטיל פון שפּיז אין פינפטען ריפּ, און דער שפּיז איז אַרויסגעגאַנגען דורך זיין אונטערלייב, און ער איז דאָרטען געפאַלען און ער איז געשטאָרבען. און עס איז געשעהען אַז איטליכער וואָס איז געקומען צו דעם אָרט וואו עשהאל איז דאָרט געפאַלען און איז געשטאָרבען, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט.

24 און יואָב און אַבישי האָבען נאָכגעיאָגט נאָך אַבנר, און די זונן איז אונטער געגאַנגען, און זיי זיינען געקומען ביז גבעת אמה, וואָס איז פאַר גיח, אויף דעם וועג נאָך דעם מדבר פון גבעון.

25 און די קינדער פון בנימין האָבען זיך פערזאַמעלט הינטער אַבנר, און זיי זיינען געוואָרען איין קאָמפּאַניע, און זיי האָבען זיך געשטעלט אויף אַ שפּיטץ פון איין היגעל (בארג).

26 און אַבנר האָט גערופען צו יואָב און האָט געזאָגט: צו דען אויף אייביג וועט פערצערען דאָס שווערד? ווייסטו דען ניט אַז עס וועט צולעצט ביטער זיין? און ביז ווי לאַנג נאָך וועסטו ניט זאָגען צו דעם פאָלק דאָס זיי זאָלען זיך צוריקציהען פון (נאָכיאָגען) זייערע ברידער?

27 אֲחִיהֶֽם׃ וַיֹּ֣אמֶר יוֹאָ֔ב חַ֖י הָאֱלֹהִ֑ים כִּ֚י לוּלֵ֣א דִּבַּ֔רְתָּ כִּ֣י
28 אָ֣ז מֵֽהַבֹּ֗קֶר נַעֲלָ֛ה הָעָ֖ם אִ֥ישׁ מֵאַחֲרֵ֥י אָחִֽיו׃ וַיִּתְקַ֤ע יוֹאָב֙
בַּשּׁוֹפָ֔ר וַיַּעַמְדוּ֙ כָּל־הָעָ֔ם וְלֹֽא־יִרְדְּפ֥וּ ע֖וֹד אַחֲרֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל
29 וְלֹֽא־יָסְפ֥וּ ע֖וֹד לְהִלָּחֵֽם׃ וְאַבְנֵ֣ר וַאֲנָשָׁ֗יו הָֽלְכוּ֙ בָּעֲרָבָ֔ה
כֹּ֖ל הַלַּ֣יְלָה הַה֑וּא וַיַּעַבְר֣וּ אֶת־הַיַּרְדֵּ֗ן וַיֵּֽלְכוּ֙ כָּל־הַבִּתְר֔וֹן
ל וַיָּבֹ֖אוּ מַחֲנָֽיִם׃ וְיוֹאָ֗ב שָׁ֚ב מֵאַחֲרֵ֣י אַבְנֵ֔ר וַיִּקְבֹּ֖ץ אֶת־
כָּל־הָעָ֑ם וַיִּפָּ֨קְד֜וּ מֵעַבְדֵ֥י דָוִ֛ד תִּשְׁעָֽה־עָשָׂ֥ר אִ֖ישׁ וַעֲשָׂהאֵֽל׃
31 וְעַבְדֵ֣י דָוִ֗ד הִכּוּ֙ מִבִּנְיָמִ֔ן וּבְאַנְשֵׁ֖י אַבְנֵ֑ר שְׁלֹשׁ־מֵא֧וֹת וְשִׁשִּׁ֛ים
32 אִ֖ישׁ מֵֽתוּ׃ וַיִּשְׂאוּ֙ אֶת־עֲשָׂהאֵ֔ל וַֽיִּקְבְּרֻ֔הוּ בְּקֶ֖בֶר אָבִ֑יו
אֲשֶׁ֖ר בֵּ֣ית לָ֑חֶם וַיֵּלְכ֨וּ כָל־הַלַּ֜יְלָה יוֹאָ֣ב וַאֲנָשָׁ֗יו וַיֵּאֹ֥ר
לָהֶ֖ם בְּחֶבְרֽוֹן׃

## ג Cap. III. ג

א וַתְּהִ֤י הַמִּלְחָמָה֙ אֲרֻכָּ֔ה בֵּ֚ין בֵּ֣ית שָׁא֔וּל וּבֵ֖ין בֵּ֣ית דָּוִ֑ד
2 וְדָוִד֙ הֹלֵ֣ךְ וְחָזֵ֔ק וּבֵ֥ית שָׁא֖וּל הֹלְכִ֥ים וְדַלִּֽים׃ וַיִּלְד֧וּ
לְדָוִ֛ד בָּנִ֖ים בְּחֶבְר֑וֹן וַיְהִ֤י בְכוֹרוֹ֙ אַמְנ֔וֹן לַאֲחִינֹ֖עַם הַיִּזְרְעֵאלִֽת׃
3 וּמִשְׁנֵ֣הוּ כִלְאָ֔ב לַאֲבִגַ֕ל אֵ֖שֶׁת נָבָ֣ל הַכַּרְמְלִ֑י וְהַשְּׁלִשִׁי֙
4 אַבְשָׁל֣וֹם בֶּֽן־מַעֲכָ֔ה בַּת־תַּלְמַ֖י מֶ֥לֶךְ גְּשֽׁוּר׃ וְהָרְבִיעִ֖י
ה אֲדֹנִיָּ֣ה בֶן־חַגִּ֑ית וְהַחֲמִישִׁ֖י שְׁפַטְיָ֥ה בֶן־אֲבִיטָֽל׃ וְהַשִּׁשִּׁי֙
יִתְרְעָ֔ם לְעֶגְלָ֖ה אֵ֣שֶׁת דָּוִ֑ד אֵ֛לֶּה יֻלְּד֥וּ לְדָוִ֖ד בְּחֶבְרֽוֹן׃
6 וַיְהִ֗י בִּֽהְיוֹת֙ הַמִּלְחָמָ֔ה בֵּ֚ין בֵּ֣ית שָׁא֔וּל וּבֵ֖ין בֵּ֣ית דָּוִ֑ד
7 וְאַבְנֵ֛ר הָיָ֥ה מִתְחַזֵּ֖ק בְּבֵ֥ית שָׁאֽוּל׃ וּלְשָׁא֣וּל פִּלֶ֔גֶשׁ וּשְׁמָ֖הּ
רִצְפָּ֣ה בַת־אַיָּ֑ה וַיֹּ֙אמֶר֙ אֶל־אַבְנֵ֔ר מַדּ֥וּעַ בָּ֖אתָה אֶל־
8 פִּילֶ֥גֶשׁ אָבִֽי׃ וַיִּחַר֩ לְאַבְנֵ֨ר מְאֹ֜ד עַל־דִּבְרֵ֣י אִֽישׁ־בֹּ֗שֶׁת
וַיֹּ֙אמֶר֙ הֲרֹ֣אשׁ כֶּ֤לֶב אָנֹ֙כִי֙ אֲשֶׁ֣ר לִֽיהוּדָ֔ה הַיּ֨וֹם אֶֽעֱשֶׂה־
חֶ֜סֶד עִם־בֵּ֣ית ׀ שָׁא֣וּל אָבִ֗יךָ אֶל־אֶחָיו֙ וְאֶל־מֵ֣רֵעֵ֔הוּ וְלֹ֥א
9 הִמְצִיתִ֖ךָ בְּיַד־דָּוִ֑ד וַתִּפְקֹ֥ד עָלַ֛י עֲוֺ֥ן הָאִשָּׁ֖ה הַיּֽוֹם׃ כֹּֽה־
יַעֲשֶׂ֤ה אֱלֹהִים֙ לְאַבְנֵ֔ר וְכֹ֖ה יֹסִ֣יף ל֑וֹ כִּ֗י כַּאֲשֶׁ֨ר נִשְׁבַּ֤ע

יהוה

ב׳ v. 27. פתח באתנח  ג׳ v. 2. ויולדו ק  v. 3. לאביגל ק  v. 8. מלעיל

27 און יואָב האָט געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, ווען דו וואָלסט עס ניט
גערעדט (זיך צו ראַנגלען) אַזוי וואָלט שוין פון דער פריה אָן, דאָס פאָלק
זיך פאַנאַנדער געגאַנגען איינער פון דעם אַנדערען,
28 און יואָב האָט געבלאָזען מיט דעם שופר, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט
זיך אָפּגעשטעלט, און זיי האָבען ניט מעהר נאָכגעיאָגט נאָך ישראל, און
זיי האָבען ניט געשטריטען מעהר.
29 און אַבנר און זיינע מענער זיינען געגאַנגען אין דער ווימטע יענע גאַנצע
נאַכט, און זיי זיינען אריבערגעגאַנגען דעם ירדן, און זיינען דורכגעגאַנגען
דעם גאַנצען טהאָל, און זיי זיינען געקומען נאָך מחנים.
30 און יואָב האָט צוריקגעקעהרט פון (נאָכצויאָגען) אַבנר, און ער האָט איינ־
געזאַמעלט דאָס גאַנצע פאָלק, און עס האָט געפעהלט פון דוד'ס קנעכט
ניינצעהן מאַן, און עשהאל.
31 און די קנעכט פון דוד האָבען געשלאָגען פון בנימין און פון די מענער פון
אַבנר. דריי הונדערט און זעכציג מאַן זיינען געבליעבען טוידט.
32 און זיי האָבען אַוועקגעטראָגען עשהאל, און זיי האָבען איהם בעגראָבען
אין דעם קבר פון זיין פאָטער וואָס איז אין בית לחם, און יואָב און זיינע
מענער זיינען געגאַנגען די גאַנצע נאַכט, און עס איז ליכטיג געוואָרען
פאר זיי, (ווען זיי זיינען אָנגעקומען) אין חברון.

## קאַפּיטעל ג

1 און עס איז געווען אַ לאַנגער שטרייט צווישען דעם הויז פון שאול, און
צווישען דעם הויז פון דוד, אָבער דוד איז אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער
געוואָרען, און דאָס הויז פון שאול איז אַלץ שוואַכער און שוואַכער גע־
וואָרען.
2 און עס זיינען געבאָרען געוואָרען צו דוד זיהן אין חברון; זיין ערסט־
געבאָרענער איז געווען אַמנון, פון אַחינעם פון יזרעאל.
3 און זיין צווייטער איז געווען כלאב, פון אַביגיל, דאָס ווייב פון נבל פון
כרמל, און דער דריטער איז געווען אַבשלום דער זוהן פון מעכה, די טאָכ־
טער פון תלמי דעם קעניג פון גשור.
4 און דער פיערטער אַדניה דער זוהן פון חגית, און דער פינפטער שפטיה
דער זוהן פון אַביטל.
5 און דער זעקסטער יתרעם פון עגלה דאָס ווייב פון דוד, דיעזע זיינען גע־
באָרען געוואָרען צו דוד אין חברון.
6 און עס איז געשעהען, דאָס ווי לאַנג עס איז געווען קריעג צווישען דאָס
הויז פון שאול, און צווישען דעם הויז פון דוד, האָט אַבנר פעסט געהאַל־
טען אָן די הויז פון שאול.
7 און שאול האָט געהאַט אַ קעבס־ווייב, און זי האָט געהייסען רצפה, די
טאָכטער פון איה, און ער (איש בשת) האָט געזאָגט צו אַבנר: וואָרום
ביזטו געקומען צו מיין פאָטער'ס קעבסווייב?
8 און אַבנר האָט זיך זעהר געערגערט וועגען די רייד פון איש בשת, און
ער האָט געזאָגט: בין איך דען אַ עלטסטער איבער הינט פון יהודה?
(זעה) היינט טהו איך גנאַדע מיט דעם הויז פון דיין פאָטער שאול, צו
זיינע ברידער און צו זיינע פריינד, און איך האָב דיך ניט איבערגעגעבען
אין די האַנד פון דוד, און דו דערמאָהנסט מיר היינט די זינד וועגען דעם
ווייב?
9 אַזוי זאָל גאָט טאָהן צו אַבנר, און נאָך אַזוי פיעל מעהר, — דאָס אַזוי ווי
גאָט האָט געשוואָרען צו דוד, אַזוי וועל איך עס טהאָן צו איהם:

י יְהוָה לְדָוִד כִּי־כֵן אֶעֱשֶׂה־לּוֹ׃ לְהַעֲבִיר הַמַּמְלָכָה מִבֵּית
שָׁאוּל וּלְהָקִים אֶת־כִּסֵּא דָוִד עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַל־יְהוּדָה
11 מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שָׁבַע׃ וְלֹא־יָכֹל עוֹד לְהָשִׁיב אֶת־אַבְנֵר
12 דָּבָר מִיִּרְאָתוֹ אֹתוֹ׃ וַיִּשְׁלַח אַבְנֵר מַלְאָכִים ׀ אֶל־
דָּוִד תַּחְתָּו לֵאמֹר לְמִי־אָרֶץ לֵאמֹר כָּרְתָה בְרִיתְךָ אִתִּי
13 וְהִנֵּה יָדִי עִמָּךְ לְהָסֵב אֵלֶיךָ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר טוֹב
אֲנִי אֶכְרֹת אִתְּךָ בְּרִית אַךְ דָּבָר אֶחָד אָנֹכִי שֹׁאֵל מֵאִתְּךָ
לֵאמֹר לֹא־תִרְאֶה אֶת־פָּנַי כִּי ׀ אִם־לִפְנֵי הֱבִיאֲךָ אֵת מִיכַל
14 בַּת־שָׁאוּל בְּבֹאֲךָ לִרְאוֹת אֶת־פָּנָי׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד
מַלְאָכִים אֶל־אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל לֵאמֹר תְּנָה אֶת־אִשְׁתִּי
אֶת־מִיכַל אֲשֶׁר אֵרַשְׂתִּי לִי בְּמֵאָה עָרְלוֹת פְּלִשְׁתִּים׃
טו וַיִּשְׁלַח אִישׁ בֹּשֶׁת וַיִּקָּחֶהָ מֵעִם אִישׁ מֵעִם פַּלְטִיאֵל בֶּן־
16 לָוִשׁ׃ וַיֵּלֶךְ אִתָּהּ אִישָׁהּ הָלוֹךְ וּבָכֹה אַחֲרֶיהָ עַד־בַּחֻרִים
17 וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְנֵר לֵךְ שׁוּב וַיָּשֹׁב׃ וּדְבַר־אַבְנֵר
הָיָה עִם־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר גַּם־תְּמוֹל גַּם־שִׁלְשֹׁם הֱיִיתֶם
18 מְבַקְשִׁים אֶת־דָּוִד לְמֶלֶךְ עֲלֵיכֶם׃ וְעַתָּה עֲשׂוּ כִּי יְהוָה
אָמַר אֶל־דָּוִד לֵאמֹר בְּיַד ׀ דָּוִד עַבְדִּי הוֹשִׁיעַ אֶת־עַמִּי
19 יִשְׂרָאֵל מִיַּד פְּלִשְׁתִּים וּמִיַּד כָּל־אֹיְבֵיהֶם׃ וַיְדַבֵּר גַּם־
אַבְנֵר בְּאָזְנֵי בִנְיָמִין וַיֵּלֶךְ גַּם־אַבְנֵר לְדַבֵּר בְּאָזְנֵי דָוִד
בְּחֶבְרוֹן אֵת כָּל־אֲשֶׁר־טוֹב בְּעֵינֵי יִשְׂרָאֵל וּבְעֵינֵי כָּל־
כ בֵּית בִּנְיָמִן׃ וַיָּבֹא אַבְנֵר אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹן וְאִתּוֹ עֶשְׂרִים
אֲנָשִׁים וַיַּעַשׂ דָּוִד לְאַבְנֵר וְלַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־אִתּוֹ מִשְׁתֶּה׃
21 וַיֹּאמֶר אַבְנֵר אֶל־דָּוִד אָקוּמָה ׀ וְאֵלֵכָה וְאֶקְבְּצָה אֶל־
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וְיִכְרְתוּ אִתְּךָ בְּרִית וּמָלַכְתָּ
בְּכֹל אֲשֶׁר־תְּאַוֶּה נַפְשֶׁךָ וַיְשַׁלַּח דָּוִד אֶת־אַבְנֵר וַיֵּלֶךְ
22 בְּשָׁלוֹם׃ וְהִנֵּה עַבְדֵי דָוִד וְיוֹאָב בָּא מֵהַגְּדוּד וְשָׁלָל רָב
עִמָּם הֵבִיאוּ וְאַבְנֵר אֵינֶנּוּ עִם־דָּוִד בְּחֶבְרוֹן כִּי שִׁלְּחוֹ

וילך

v. 12 תחתיו קרי   v. 15 ליש קרי

10 אַוועקצונעהמען דאָס קיניגרייך פון דעם הויז פון שאול, און אויפצושטעלען דעם טהראָן פון דוד איבער ישראל און איבער יהודה, פון דן ביז נאָך באר שבע.

11 און ער האָט ניט געקענט ענטפערען מעהר אַבנר'ן אַ וואָרט, ווייל ער האָט פאַר איהם מורא געהאַט.

12 און אַבנר האָט געשיקט צו דוד שלוחים אין געהיים און האָט איהם געלאָזט זאָגען : צו וועמען געהערט דאָס לאַנד ? דאָס מיינט, שליעס אַ בונד מיט מיר, און זעה, מיין האַנד וועט מיט דיר זיין אום צו־צוקעהרען צו דיר גאַנץ ישראל.

13 און ער (דוד) האָט געזאָגט : גוט, איך וועל מיט דיר שליעסען אַ בונד, נאָר איין זאַך בעט איך פון דיר, נעמליך, אַז דו זאָלסט ניט זעהען מיין אַנגעזיכט, אויסער ווען דו ברענגסט פריהער מיכל די טאָכטער פון שאול, ווען דו קומסט צו זעהען מיין אַנגעזיכט.

14 און דוד האָט געשיקט שלוחים צו איש בשת, דעם זוהן פון שאול, און האָט געלאָזט זאָגען : גיעב מיר מיין ווייב מיכל, וועלכע איך האָב פערלאָבט דורך הונדערט פאָרהויטען פון די פלשתים.

15 און איש בשת האָט געשיקט, און ער האָט זי אַוועקגענומען פון דעם מאַן, פון פלטיאל, זוהן פון ליש.

16 און איהר מאַן איז מיט איהר געגאַנגען, געגאַנגען הינטער איהר און געוויינט, ביז נאָך בחרים, און אַבנר האָט צו איהם געזאָגט : געה, קעהר צוריק, און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט.

17 און דאָס וואָרט פון אַבנר איז געוועזן מיט די עלטסטע פון ישראל, אַזוי : שוין נעכטען און עהערנעכטען האָט איהר באַגעהרט דאָס דוד זאָל זיין איבער אייך אַ קעניג.

18 און יעצט טהוט עס, דען גאָט האָט געזאָגט וועגען דוד, אַזוי : דורך מיין קנעכט דוד וועל איך העלפען מיין פאָלק ישראל אויס דער האַנד פון די פלשתים, און אויס דער האַנד פון אַלע זייערע פיינד.

19 און אבנר האָט אויך גערעדט פאר די אויערען (אין געהיים) פון בנימין, און אַבנר איז אויך געגאַנגען צו ריידען אין די אויערען פון דוד אין חברון, דאָס אַלעס וואָס איז געפעהלען אין די אויגען פון ישראל און אין די אויגען פון דעם גאַנצען הויז פון בנימין.

20 און אַבנר איז געקומען צו דוד נאָך חברון, און מיט איהם צוואַנציג מאַן, און דוד האָט געמאַכט פאַר אַבנר און פאַר די מענער וואָס זיינען מיט איהם געווען אַ מאָלהצייט.

21 און אַבנר האָט געזאָגט צו דוד : איך וועל אויפשטעהען און איך וועל געהען, און איך וועל פערזאַמלען צו מיין העררן, דעם קעניג, גאַנץ ישראל, אַז זיי זאָלען מיט דיר שליעסען אַ בונד, און דו וועסט רעגיערען וואו דיין זעעל וועט נאָר געלוסטען. און דוד האָט אַוועקגעשיקט אַבנר, און ער איז געגאַנגען אין פריעדען.

22 און זעה, די קנעכט פון דוד און יואָב זיינען געקומען פון שטרייט, און זיי האָבען מיט זיך געבראַכט פיעל זאַק רויב ; און אַבנר איז ניט געווען מיט דוד אין חברון, דען ער האָט איהם אַוועקגעשיקט און ער איז געגאַנגען אין פריעדען.

וַיֵּלֶךְ בְּשָׁלוֹם׃ וְיוֹאָב וְכָל־הַצָּבָא אֲשֶׁר־אִתּוֹ בָּאוּ וַיַּגִּדוּ 23
לְיוֹאָב לֵאמֹר בָּא־אַבְנֵר בֶּן־נֵר אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיְשַׁלְּחֵהוּ וַיֵּלֶךְ
בְּשָׁלוֹם׃ וַיָּבֹא יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר מֶה עָשִׂיתָה הִנֵּה־ 24
בָא אַבְנֵר אֵלֶיךָ לָמָּה־זֶּה שִׁלַּחְתּוֹ וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ׃ יָדַעְתָּ אֶת־ כה
אַבְנֵר בֶּן־נֵר כִּי לְפַתֹּתְךָ בָּא וְלָדַעַת אֶת־מוֹצָאֲךָ וְאֶת־
מְבוֹאֶךָ וְלָדַעַת אֵת כָּל־אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה׃ וַיֵּצֵא יוֹאָב 26
מֵעִם דָּוִד וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אַחֲרֵי אַבְנֵר וַיָּשִׁבוּ אֹתוֹ מִבּוֹר
הַסִּרָה וְדָוִד לֹא יָדָע׃ וַיָּשָׁב אַבְנֵר חֶבְרוֹן וַיַּטֵּהוּ יוֹאָב 27
אֶל־תּוֹךְ הַשַּׁעַר לְדַבֵּר אִתּוֹ בַּשֶּׁלִי וַיַּכֵּהוּ שָׁם הַחֹמֶשׁ וַיָּמָת
בְּדַם עֲשָׂהאֵל אָחִיו׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד מֵאַחֲרֵי כֵן וַיֹּאמֶר נָקִי 28
אָנֹכִי וּמַמְלַכְתִּי מֵעִם יְהוָה עַד־עוֹלָם מִדְּמֵי אַבְנֵר בֶּן־נֵר׃
יָחֻלוּ עַל־רֹאשׁ יוֹאָב וְאֶל כָּל־בֵּית אָבִיו וְאַל־יִכָּרֵת 29
מִבֵּית יוֹאָב זָב וּמְצֹרָע וּמַחֲזִיק בַּפֶּלֶךְ וְנֹפֵל בַּחֶרֶב וַחֲסַר־
לָחֶם׃ וְיוֹאָב וַאֲבִישַׁי אָחִיו הָרְגוּ לְאַבְנֵר עַל אֲשֶׁר הֵמִית ל
אֶת־עֲשָׂהאֵל אֲחִיהֶם בְּגִבְעוֹן בַּמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד 31
אֶל־יוֹאָב וְאֶל־כָּל־הָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ קִרְעוּ בִגְדֵיכֶם וְחִגְרוּ
שַׂקִּים וְסִפְדוּ לִפְנֵי אַבְנֵר וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד הֹלֵךְ אַחֲרֵי הַמִּטָּה׃
וַיִּקְבְּרוּ אֶת־אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן וַיִּשָּׂא הַמֶּלֶךְ אֶת־קוֹלוֹ וַיֵּבְךְּ 32
אֶל־קֶבֶר אַבְנֵר וַיִּבְכּוּ כָּל־הָעָם׃ וַיְקֹנֵן הַמֶּלֶךְ אֶל־ 33
אַבְנֵר וַיֹּאמַר הַכְּמוֹת נָבָל יָמוּת אַבְנֵר׃ יָדָךְ לֹא־אֲסֻרוֹת 34
וְרַגְלֶיךָ לֹא־לִנְחֻשְׁתַּיִם הֻגָּשׁוּ כִּנְפוֹל לִפְנֵי בְנֵי־עַוְלָה נָפָלְתָּ
וַיֹּסִפוּ כָל־הָעָם לִבְכּוֹת עָלָיו׃ וַיָּבֹא כָל־הָעָם לְהַבְרוֹת לה
אֶת־דָּוִד לֶחֶם בְּעוֹד הַיּוֹם וַיִּשָּׁבַע דָּוִד לֵאמֹר כֹּה יַעֲשֶׂה־
לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יֹסִיף כִּי אִם־לִפְנֵי בוֹא־הַשֶּׁמֶשׁ אֶטְעַם־
לֶחֶם אוֹ כָל־מְאוּמָה׃ וְכָל־הָעָם הִכִּירוּ וַיִּיטַב בְּעֵינֵיהֶם 36
כְּכֹל אֲשֶׁר עָשָׂה הַמֶּלֶךְ בְּעֵינֵי כָּל־הָעָם טוֹב׃ וַיֵּדְעוּ 37
כָל־הָעָם וְכָל־יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַהוּא כִּי לֹא הָיְתָה מֵהַמֶּלֶךְ

לְהָמִית

v. 25. מובאך קרי   v. 34. חסר י׳   ibid. קמץ בז״ק

23 און ווען יואָב און דאָס גאַנצע אַרמעע וואָס איז מיט איהם געוועזן זיינען
אָנגעקומען, האָט מען אָנגעזאָגט יואָב'ן, אַזוי: אַבנר דער זוהן פון נר
איז געקומען צו דעם קעניג, און ער האָט איהם אַוועקגעשיקט, און ער איז
אַוועקגעגאַנגען אין פריעדען.
24 און יואָב איז געקומען צו דעם קעניג און ער האָט געזאָגט: וואָס האָסטו
געטהאָן? זעה, אַבנר איז צו דיר געקומען, ווארום האָסטו איהם אַוועק־
געשיקט, און ער איז זיך אַוועקגעגאַנגען?
25 דו קענסט אבנר דעם זוהן פון נר, דען אום דיר צו איבעררײדען איז ער
געקומען, און אום צו וויסען דיין אויסגאַנג און איינגאַנג, און צו וויסען
אַלעס וואָס דו טהוסט.
26 און יואָב איז אַרויסגעגאַנגען פון דוד און ער האָט געשיקט שלוחים נאָך
אַבנר'ן, און זיי האָבען איהם צוריקגעבראַכט פון דער גרוב סרה. אָבער
דוד האָט עס ניט געוואוסט.
27 און אַבנר האָט זיך צוריקגעקעהרט נאָך חברון, און יואָב האָט איהם אַריינ־
געפיהרט אין דאָס טהויער, צו ריידען מיט איהם שטילערהייט, אָבער ער
האָט איהם דאָרט געשלאָגען אין דער פינפטער ריפּ און ער איז געשטאָר־
בען — פאַר דאָס בלוט פון עשהאל זיין ברודער.
28 און דוד האָט עס נאָכהער געהערט, און ער האָט געזאָגט: איך בין אונ־
שולדיג, און מיין קיניגרייך (אויך), פאַר גאָט אויף אייביג, וועגען דעם
בלוט פון אַבנר דעם זוהן פון נר.
29 עס זאָל פאַלען אויף דעם קאָפּ פון יואָב, און אויף דעם גאַנצען הויזגעזינד
פון זיין פאָטער, און עס זאָל ניט אויסגעהען פון דעם הויזגעזינד פון יואָב,
אַן אייטער פליסיגער (זב), און אַן אויסזאַטציגער (מצורע), און איי־
נער וואָס געהט אויף קריקען (קולעס) און דער וואָס וועט פאַלען דורך אַ
שווערד, און וואָס עס וועט איהם פעהלען ברויט.
30 און יואָב און אַבישי זיין ברודער האָבען ערשלאָגען אַבנר, ווייל ער האָט
געטוידט זייער ברודער עשהאל אין גבעון אין דער מלחמה.
31 און דוד האָט געזאָגט צו יואָב און צו דעם גאַנצען פאָלק וואָס איז מיט
איהם געוועזן; צורייסט אייערע קליידער, און גאַרטעלט אָן טרויער זעק
און טרויערט פאַר אַבנר; און דער קעניג דוד איז נאָכגעגאַנגען הינטער
די מטה.
32 און זיי האָבען אבנר בעגראָבען אין חברון, און דער קעניג האָט אויפגעהויי־
בען זיין שטים, און ער האָט געוויינט ביי דעם קבר פון אַבנר, און דאָס
גאַנצע פאָלק האָט געוויינט.
33 און דער קעניג האָט געקלאָגט איבער אַבנר און ער האָט געזאָגט: האָט
עס געקומט אַבנר'ן דאָס ער זאָל שטאַרבען, ווי איין אונווירדיגער
שטאַרבט?
34 דיינע הענד זיינען ניט געבונדען געוועזן, און דיינע פיס זיינען ניט גע־
בראַכט געוואָרען צו קייטען, אַזוי ווי איינער פאַלט פאַר ניעדערטרעכ־
טיגע מענשען אַזוי ביזטו געפאַלען! — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט נאָך
מעהר איבער איהם געוויינט.
35 און דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען צו געבען עסען דוד'ן שפּייז, ווען עס
איז נאָך געוועזן טאָג, אָבער דוד האָט געשוואָרען און האָט געזאָגט: אַזוי
זאָל מיר גאָט טהאָן און נאָך מעהר, אויב איך וועל פאַר זונאונטערגאַנג
ברויט אָדער וואָס עס איז פערזוכען.
36 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט דאָס דערקענט, און עס איז געפעהלען געוואָ־
רען אין זייערע אויגען; אַלעס וואָס דער קיניג האָט געטהאָן איז געוועזן
געפעליג אין די אויגען פון דעם גאַנצען פאָלק.
37 און דאָס גאַנצע פאָלק און גאַנץ ישראל האָבען איינגעזעהען דעם זעלביגען

38 לְהָמִית אֶת־אַבְנֵר בֶּן־נֵר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
עֲבָדָיו הֲלוֹא תֵדְעוּ כִּי־שַׂר וְגָדוֹל נָפַל הַיּוֹם הַזֶּה
39 בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְאָנֹכִי הַיּוֹם רַךְ וּמָשׁוּחַ מֶלֶךְ וְהָאֲנָשִׁים
הָאֵלֶּה בְּנֵי צְרוּיָה קָשִׁים מִמֶּנִּי יְשַׁלֵּם יְהוָה לְעֹשֵׂה
הָרָעָה כְּרָעָתוֹ׃

## Cap. IV. ד

ד
א וַיִּשְׁמַע בֶּן־שָׁאוּל כִּי מֵת אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן וַיִּרְפּוּ יָדָיו וְכָל־
2 יִשְׂרָאֵל נִבְהָלוּ׃ וּשְׁנֵי אֲנָשִׁים שָׂרֵי־גְדוּדִים הָיוּ בֶן־שָׁאוּל
שֵׁם הָאֶחָד בַּעֲנָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִי רֵכָב בְּנֵי רִמּוֹן הַבְּאֵרֹתִי
3 מִבְּנֵי בִנְיָמִן כִּי גַּם־בְּאֵרוֹת תֵּחָשֵׁב עַל־בִּנְיָמִן׃ וַיִּבְרְחוּ
הַבְּאֵרֹתִים גִּתָּיְמָה וַיִּהְיוּ־שָׁם גָּרִים עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
4 וְלִיהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל בֵּן נְכֵה רַגְלָיִם בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים הָיָה
בְּבֹא שְׁמֻעַת שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן מִיִּזְרְעֶאל וַתִּשָּׂאֵהוּ אֹמַנְתּוֹ
וַתָּנֹס וַיְהִי בְּחָפְזָהּ לָנוּס וַיִּפֹּל וַיִּפָּסֵחַ וּשְׁמוֹ מְפִיבֹשֶׁת׃
ה וַיֵּלְכוּ בְּנֵי־רִמּוֹן הַבְּאֵרֹתִי רֵכָב וּבַעֲנָה וַיָּבֹאוּ כְּחֹם הַיּוֹם
אֶל־בֵּית אִישׁ בֹּשֶׁת וְהוּא שֹׁכֵב אֵת מִשְׁכַּב הַצָּהֳרָיִם׃
6 וְהֵנָּה בָּאוּ עַד־תּוֹךְ הַבַּיִת לֹקְחֵי חִטִּים וַיַּכֻּהוּ אֶל־הַחֹמֶשׁ
7 וְרֵכָב וּבַעֲנָה אָחִיו נִמְלָטוּ׃ וַיָּבֹאוּ הַבַּיִת וְהוּא־שֹׁכֵב עַל־
מִטָּתוֹ בַּחֲדַר מִשְׁכָּבוֹ וַיַּכֻּהוּ וַיְמִתֻהוּ וַיָּסִירוּ אֶת־רֹאשׁוֹ
8 וַיִּקְחוּ אֶת־רֹאשׁוֹ וַיֵּלְכוּ דֶּרֶךְ הָעֲרָבָה כָּל־הַלָּיְלָה׃ וַיָּבִאוּ
אֶת־רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹן וַיֹּאמְרוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ
הִנֵּה־רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל אֹיִבְךָ אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ אֶת־
נַפְשֶׁךָ וַיִּתֵּן יְהוָה לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ נְקָמוֹת הַיּוֹם הַזֶּה מִשָּׁאוּל
9 וּמִזַּרְעוֹ׃ וַיַּעַן דָּוִד אֶת־רֵכָב ׀ וְאֶת־בַּעֲנָה אָחִיו בְּנֵי רִמּוֹן
הַבְּאֵרֹתִי וַיֹּאמֶר לָהֶם חַי־יְהוָה אֲשֶׁר־פָּדָה אֶת־נַפְשִׁי מִכָּל־
י צָרָה׃ כִּי הַמַּגִּיד לִי לֵאמֹר הִנֵּה־מֵת שָׁאוּל וְהוּא־הָיָה
כִמְבַשֵּׂר בְּעֵינָיו וָאֹחֲזָה בוֹ וָאֶהְרְגֵהוּ בְּצִקְלָג אֲשֶׁר לְתִתִּי־
11 לוֹ בְּשֹׂרָה׃ אַף כִּי־אֲנָשִׁים רְשָׁעִים הָרְגוּ אֶת־אִישׁ־צַדִּיק

טאָג, אַז עס איז ניט פון דעם קעניג (מיט זיין וויסען) צו טוידטען אבנר
דעם זוהן פון נר.

38 און דער קעניג האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: געוויס זעהט איהר איין
אַז אַ פירסט און אַ גרויסער מאַן איז היינטיגען טאָג געפאַלען אין ישראל.

39 איך אָבער בין נאָך שוואַך, ערשט געזאַלבט צו זיין אַ קעניג. און דיזע
לייטע די זיהן פון צרויה זיינען שטאַרקער פאַר מיר. גאָט זאָל בעצאָהלען
דעם וואָס טהוט שלעכטס נאָך זיינע שלעכטיגקייט.

## קאַפּיטעל ד

1 און ווען דער זוהן פון שאול האָט געהערט אַז אבנר איז געשטאָרבען אין
חברון, איז ער מוטהלאָז געוואָרען (זיינע הענד זיינען שוואַך געוואָרען)
און גאַנץ ישראל זיינען דערשראָקען געוואָרען.

2 און שאול'ס זוהן האָט געהאַט צוויי מענער מיליטער בעאַמטע, איינער
האָט געהייסען בענה און דער צווייטער האָט געהייסען רכב, די זיהן פון
רמון אויס בארות, פון די קינדער פון בנימין; דען אויך בארות ווערט
גערעכענט צו בנימין.

3 און די בארתים זיינען אַנטלאָפען נאָך גתים, און זיי זיינען דאָרט געבליע־
בען וואָהנען ביז צו דעם היינטיגען טאָג.

4 און יהונתן דער זוהן פון שאול האָט געהאַט אַ זוהן וואָס איז געווען אַ
הינקעדיגער, ער איז אַלט געווען פינף יאָהר ווען די נאַכריכט איז אָנגע־
קומען וועגען שאול און יהונתן אויס יזרעאל; און זיין אַם (ניאַנקע)
האָט איהם גענומען און אַוועקגעלאָפען, און עס איז געשעהען, אַז ווען
זי האָט זיך געאיילט מיט איהם אַוועקצולויפען, איז ער געפאַלען, און
ער איז הינקעדיג געוואָרען. און זיין נאָמען איז געווען מפיבושת.

5 און די זיהן פון רמון דעם בארתי, רכב ובענה זיינען געגאַנגען און אָנגע־
קומען צו דעם הויז פון איש בשת אין די הייסע צייט פון טאָג, און ער
האָט עבען געשלאָפען דעם מיטאָג־שלאָף.

6 און זיי זיינען אַריינגעקומען אינוויינינג אין הויז, אַלס ווייצהענדלער, און
זיי האָבען איהם ערשלאָגען אין דער פינפטער ריפּ, און רכב און זיין ברו־
דער בענה זיינען אַנטלאָפען.

7 דען ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין דעם הויז איז ער געלעגען אויף
זיין בעט אין זיין שלאָף־צימער, אַזוי האָבען זיי איהם געשלאָגען און גע־
טוידט, און זיי האָבען איהם אָבגעשניטען זיין קאָפּ, און זיי זיינען געגאַנ־
גען אויף דעם וועג דורך די סטעפּע די גאַנצע נאַכט.

8 און זיי האָבען געבראַכט דעם קאָפּ פון איש בשת צו דוד נאָך חברון, און
זיי האָבען געזאָגט צו דעם קעניג: זעה, דאָ איז דער קאָפּ פון איש בשת,
דער זוהן פון שאול דיין פיינד, וואָס האָט געזוכט דיין לעבען; און אַזוי
האָט גאָט היינט, מיין (הערר), דעם קעניג, ראַכע פערשאַפט אָן שאול
און אָן זיינע זאָמען.

9 און דוד האָט געענטפערט דעם רכב און דעם בענה זיין ברודער, די זיהן
פון רמון דעם בארתי, און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט
וועלכער האָט בעפרייט מיין לעבען פון אַלע צרות.

10 דאָס, ווען דער (מאַן) וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט: זעה, שאול איז גע־
שטאָרבען, און ער האָט זיך געהאַלטען אין זיינע אויגען פאַר אַ גוטען
אָנזאָגער, דאָך האָב איך איהם אָנגענומען און האָב איהם געטוידט, אין
צקלג, אָנשטאָט איהם צו געבען אָנזאָג־געלד.

11 ווי פיעל מעהר (מכל שכן), ווען מענשען רשעים האָבען ערשלאָגען אַ

בְּבֵיתוֹ עַל־מִשְׁכָּבוֹ וְעַתָּה הֲלוֹא אֲבַקֵּשׁ אֶת־דָּמוֹ מִיֶּדְכֶם
12 וּבִעַרְתִּי אֶתְכֶם מִן־הָאָרֶץ׃ וַיְצַו דָּוִד אֶת־הַנְּעָרִים וַיַּהַרְגוּם
וַיְקַצְּצוּ אֶת־יְדֵיהֶם וְאֶת־רַגְלֵיהֶם וַיִּתְלוּ עַל־הַבְּרֵכָה
בְּחֶבְרוֹן וְאֵת רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת לָקָחוּ וַיִּקְבְּרוּ בְקֶבֶר־
אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן׃

## ה CAP. V. ה

א וַיָּבֹאוּ כָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹנָה וַיֹּאמְרוּ לֵאמֹר
2 הִנְנוּ עַצְמְךָ וּבְשָׂרְךָ אֲנָחְנוּ׃ גַּם־אֶתְמוֹל גַּם־שִׁלְשׁוֹם
בִּהְיוֹת שָׁאוּל מֶלֶךְ עָלֵינוּ אַתָּה הָיִיתָה מוֹצִיא וְהַמֵּבִי
אֶת־יִשְׂרָאֵל • וַיֹּאמֶר יְהוָה לְךָ אַתָּה תִרְעֶה
אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל וְאַתָּה תִּהְיֶה לְנָגִיד עַל־יִשְׂרָאֵל׃
3 וַיָּבֹאוּ כָּל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־הַמֶּלֶךְ חֶבְרוֹנָה וַיִּכְרֹת לָהֶם
הַמֶּלֶךְ דָּוִד בְּרִית בְּחֶבְרוֹן לִפְנֵי יְהוָה וַיִּמְשְׁחוּ אֶת־דָּוִד
4 לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ בֶּן־שְׁלֹשִׁים שָׁנָה דָּוִד בְּמָלְכוֹ
ה אַרְבָּעִים שָׁנָה מָלָךְ׃ בְּחֶבְרוֹן מָלַךְ עַל־יְהוּדָה שֶׁבַע שָׁנִים
וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים וּבִירוּשָׁלַםִ מָלַךְ שְׁלֹשִׁים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה עַל
6 כָּל־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה׃ וַיֵּלֶךְ הַמֶּלֶךְ וַאֲנָשָׁיו יְרוּשָׁלַםִ אֶל־
הַיְבֻסִי יוֹשֵׁב הָאָרֶץ וַיֹּאמֶר לְדָוִד לֵאמֹר לֹא־תָבוֹא הֵנָּה
כִּי אִם־הֱסִירְךָ הַעִוְרִים וְהַפִּסְחִים לֵאמֹר לֹא־יָבוֹא דָוִד
7 8 הֵנָּה׃ וַיִּלְכֹּד דָּוִד אֵת מְצֻדַת צִיּוֹן הִיא עִיר דָּוִד׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד בַּיּוֹם הַהוּא כָּל־מַכֵּה יְבֻסִי וְיִגַּע בַּצִּנּוֹר וְאֶת־
הַפִּסְחִים וְאֶת־הַעִוְרִים שְׂנֻאוּ נֶפֶשׁ דָּוִד עַל־כֵּן יֹאמְרוּ
9 עִוֵּר וּפִסֵּחַ לֹא יָבוֹא אֶל־הַבָּיִת׃ וַיֵּשֶׁב דָּוִד בַּמְּצֻדָה
וַיִּקְרָא־לָהּ עִיר דָּוִד וַיִּבֶן דָּוִד סָבִיב מִן־הַמִּלּוֹא וָבָיְתָה׃
וַיֵּלֶךְ דָּוִד הָלוֹךְ וְגָדוֹל וַיהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת עִמּוֹ׃
11 וַיִּשְׁלַח חִירָם מֶלֶךְ־צֹר מַלְאָכִים אֶל־דָּוִד וַעֲצֵי אֲרָזִים
12 וְחָרָשֵׁי עֵץ וְחָרָשֵׁי אֶבֶן קִיר וַיִּבְנוּ־בַיִת לְדָוִד׃ וַיֵּדַע דָּוִד

כי

ד׳ v. 12. קמץ בז״ק ה׳ v. 2. הויית המוציא ק׳ ibid. והמביא ק
ibid פסקא באמצע פסוק v. 8. שנאי קרי

מאַן אַ צדיק אין זיין הויז, אויף זיין געלעגער, און יעצט, זאָל איך זיין
בלוט ניט פאָדערען פון אייער האַנד, און אייך אויסראָטהען פון דעם
לאַנד?

12 און דוד האָט געבאָטען די יונגען, און זיי האָבען זיי געטוידט, און מען
האָט אָפּגעהאַקט זייערע הענד און זייערע פיס, און מען האָט זיי אויפ־
געהאַנגען ביי דעם טייך אין חברון. און דעם קאָפּ פון איש בשת האָבען
זיי גענומען און בעגראָבען אין דעם קבר פון אבנר אין חברון.

## קאַפּיטעל ה

1 און אַלע שבטים פון ישראל זיינען געקומען צו דוד נאָך חברון, און זיי
האָבען געזאָגט: דאָ זיינען מיר, מיר זיינען דיין ביין און דיין פלייש.

2 שוין נעכטען און עהערנעכטען (פריהער) ווען שאול איז נאָך געווען קעניג
איבער אונז, ביזטו געווען דער וואָס האָט אַרויסגעפיהרט און אַריינ־
געבראַכט די ישראל, און גאָט האָט צו דיר געזאָגט: דו וועסט פיטערען
(פיהרען) מיין פאָלק ישראל, און דו וועסט זיין אַ פירסט איבער ישראל.

3 און די אַלע עלטסטע פון ישראל זיינען געקומען צו דעם קעניג נאָך
חברון, און דער קעניג דוד האָט מיט זיי געשלאָסען אַ בונד אין חברון פאַר
גאָט, און זיי האָבען געזאַלבט דוד צום קעניג איבער ישראל.

4 דוד איז אַלט געווען דרייסיג יאָהר ווען ער איז געוואָרען קעניג, און
פערציג יאָהר האָט ער רעגיערט.

5 אין חברון האָט ער רעגיערט איבער יהודה זיבען יאָהר און זעקס חדשים,
און אין ירושלים האָט ער רעגיערט איבער גאַנץ ישראל און יהודה דריי
און דרייסיג יאָהר.

6 און דער קעניג איז געגאַנגען מיט זיינע מענער נאָך ירושלים קעגען דעם
יבוסי, דעם איינוואָהנער פון דאָס לאַנד, און ער האָט געלאָזט זאָגען צו
דוד, אַזוי: דו וועסט דאָ ניט אַריינקומען סיידען דו זאָלסט אָבשאַ־
פען די בלינדע און די הינקעדיגע (דען אויך זיי וועלען שטרייטען קעגען
דיר), דאָס הייסט: דוד וועט דאָ פאַר קיין פאַל ניט אַריינקומען.

7 און דוד האָט איינגענומען די פעסטונג פון ציון, דאָס איז די שטאָדט פון
דוד.

8 און דוד האָט אין דעם זעלביגען טאָג געזאָגט: ווער עס וועט שלאָגען
דעם יבוסי, און וועט ערגרייפען די וואַסערלייטונג, (און וועט ערגרייפען)
די הינקעדיגע און די בלינדע (די יבוסים) וואָס זיינען געהאַסט פון דוד'ס
זעעל (וועט ווערען אַ הויפּטמאַן). דאַרום איז עס געבליעבען אַ שפּריכ־
וואָרט: דער בלינדער און דער הינקעדיגער (אַ יבוסי) זאָל ניט אַריינ־
קומען אין דעם הויז.

9 און דוד האָט געוואָהנט אין דער פעסטונג, און ער האָט זי גערופען די
שטאָדט פון דוד, און דוד האָט געבויט רינגס אַרום פון פעסטונג מלוא,
ביז ווייטער אין שטאָדט אַריין.

10 און דוד איז אימער גרעסער געוואָרען, און גאָט, דער גאָט פון די הער־
שאַרען איז געווען מיט איהם.

11 און חירם דער קעניג פון צור האָט געשיקט שלוחים צו דוד, און צעדער־
בוימער און האָלץ מייסטערס, און מויער־אַרבייטער, און זיי האָבען גע־
בויט פאַר דוד אַ הויז.

12 און דוד האָט געוואוסט אַז גאָט האָט איהם פעסטגעשטעלט צו זיין אַ

כִּֽי־הֱכִינ֛וֹ יְהוָ֖ה לְמֶ֣לֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵ֑ל וְכִי֙ נִשֵּׂ֣א מַמְלַכְתּ֔וֹ
13 בַּעֲב֖וּר עַמּ֥וֹ יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיִּקַּ֨ח דָּוִ֥ד ע֛וֹד פִּלַגְשִׁ֥ים
וְנָשִׁים֙ מִיר֣וּשָׁלִַ֔ם אַחֲרֵ֖י בֹּא֣וֹ מֵֽחֶבְר֑וֹן וַיִּוָּלְד֥וּ ע֛וֹד לְדָוִ֖ד
14 בָּנִ֥ים וּבָנֽוֹת׃ וְאֵ֙לֶּה֙ שְׁמ֣וֹת הַיִּלֹּדִ֥ים ל֖וֹ בִּירֽוּשָׁלָ֑͏ִם שַׁמּ֣וּעַ
טו וְשׁוֹבָ֔ב וְנָתָ֖ן וּשְׁלֹמֹֽה׃ וְיִבְחָ֥ר וֶאֱלִישׁ֖וּעַ וְנֶ֥פֶג וְיָפִֽיעַ׃
16 17 וֶאֱלִישָׁמָ֥ע וְאֶלְיָדָ֖ע וֶאֱלִיפָֽלֶט׃ וַיִּשְׁמְע֣וּ פְלִשְׁתִּ֗ים
כִּֽי־מָשְׁח֨וּ אֶת־דָּוִ֤ד לְמֶ֙לֶךְ֙ עַל־יִשְׂרָאֵ֔ל וַיַּעֲל֥וּ כָל־פְּלִשְׁתִּ֖ים
18 לְבַקֵּ֣שׁ אֶת־דָּוִ֑ד וַיִּשְׁמַ֣ע דָּוִ֔ד וַיֵּ֖רֶד אֶל־הַמְּצוּדָֽה׃ וּפְלִשְׁתִּ֖ים
19 בָּ֑אוּ וַיִּנָּטְשׁ֖וּ בְּעֵ֥מֶק רְפָאִֽים׃ וַיִּשְׁאַ֨ל דָּוִ֤ד בַּֽיהוָה֙ לֵאמֹ֔ר
הַאֶֽעֱלֶה֙ אֶל־פְּלִשְׁתִּ֔ים הֲתִתְּנֵ֖ם בְּיָדִ֑י * וַיֹּ֨אמֶר
יְהוָ֤ה אֶל־דָּוִד֙ עֲלֵ֔ה כִּֽי־נָתֹ֥ן אֶתֵּ֛ן אֶת־הַפְּלִשְׁתִּ֖ים בְּיָדֶֽךָ׃
כ וַיָּבֹ֨א דָוִ֜ד בְּבַֽעַל־פְּרָצִ֗ים וַיַּכֵּ֥ם שָׁם֙ דָּוִ֔ד וַיֹּ֕אמֶר פָּרַ֨ץ
יְהוָ֧ה אֶת־אֹיְבַ֛י לְפָנַ֖י כְּפֶ֣רֶץ מָ֑יִם עַל־כֵּ֗ן קָרָ֛א שֵֽׁם־הַמָּק֥וֹם
21 הַה֖וּא בַּ֥עַל פְּרָצִֽים׃ וַיַּֽעַזְבוּ־שָׁ֖ם אֶת־עֲצַבֵּיהֶ֑ם וַיִּשָּׂאֵ֥ם
22 דָּוִ֖ד וַאֲנָשָֽׁיו׃ וַיֹּ֥סִפוּ ע֛וֹד פְּלִשְׁתִּ֖ים לַעֲל֑וֹת וַיִּנָּטְשׁ֖וּ
23 בְּעֵ֥מֶק רְפָאִֽים׃ וַיִּשְׁאַ֤ל דָּוִד֙ בַּֽיהוָ֔ה וַיֹּ֖אמֶר לֹ֣א תַעֲלֶ֑ה
24 הָסֵב֙ אֶל־אַ֣חֲרֵיהֶ֔ם וּבָ֥אתָ לָהֶ֖ם מִמּ֥וּל בְּכָאִֽים׃ וִיהִ֗י
בְּשָׁמְעֲךָ֞ אֶת־ק֧וֹל צְעָדָ֛ה בְּרָאשֵׁ֥י הַבְּכָאִ֖ים אָ֣ז תֶּחֱרָ֑ץ כִּ֣י
כה אָ֗ז יָצָ֤א יְהוָה֙ לְפָנֶ֔יךָ לְהַכּ֖וֹת בְּמַחֲנֵ֥ה פְלִשְׁתִּֽים׃ וַיַּ֤עַשׂ
דָּוִד֙ כֵּ֔ן כַּאֲשֶׁ֥ר צִוָּ֖הוּ יְהוָ֑ה וַיַּךְ֙ אֶת־פְּלִשְׁתִּ֔ים מִגֶּ֖בַע עַד־
בֹּאֲךָ֥ גָֽזֶר׃

## ו CAP. VI. ו

א וַיֹּ֨סֶף ע֥וֹד דָּוִ֛ד אֶת־כָּל־בָּח֥וּר בְּיִשְׂרָאֵ֖ל שְׁלֹשִׁ֥ים אָֽלֶף׃
2 וַיָּ֣קָם ׀ וַיֵּ֣לֶךְ דָּוִ֗ד וְכָל־הָעָם֙ אֲשֶׁ֣ר אִתּ֔וֹ מִֽבַּעֲלֵ֖י יְהוּדָ֑ה
לְהַעֲל֣וֹת מִשָּׁ֗ם אֵ֚ת אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֔ים אֲשֶׁר־נִקְרָ֣א שֵׁ֗ם שֵׁ֣ם
3 יְהוָ֧ה צְבָא֛וֹת יֹשֵׁ֥ב הַכְּרֻבִ֖ים עָלָֽיו׃ וַיַּרְכִּ֜בוּ אֶת־אֲר֣וֹן
הָאֱלֹהִ֗ים אֶל־עֲגָלָ֣ה חֲדָשָׁ֔ה וַיִּשָּׂאֻ֔הוּ מִבֵּ֥ית אֲבִינָדָ֖ב אֲשֶׁ֣ר

בגבעה׃

ה׳ v. 19. פסקא באמצע פסוק v. 24. כשמעך קרי ו׳ v. 1. הפטרת שמיני

קעניג איבער ישראל, און דאָס ער האָט ערהויבען זיין קעניגרייך פון
וועגען זיין פאָלק ישראל.
13 און דוד האָט זיך נאָך מעהר קעבסווייבער און ווייבער גענומען פון
ירושלים נאָכדעם אַז ער איז געקומען פון חברון, און עס זיינען צו דוד
געבאָרען געוואָרען נאָך מעהר זיהן און טעכטער.
14 און דאָס זיינען די נעמען פון די וואָס זיינען צו איהם געבאָרען געוואָרען
אין ירושלים: שמוע, און שובב, און נתן און שלמה.
15 און יבחר, און אלישוע, און נפג און יפיע,
16 און אלישמע, און אלידע און אליפלט.
17 און ווען די פלשתים האָבען געהערט אַז מען האָט דוד געזאַלבט אַלס קעניג
איבער ישראל, אַזוי זיינען אַלע פלשתים אויפגעשטאַנען דוד צו זוכען,
און ווען דוד האָט עס געהערט, איז ער אַראָפּגעגאַנגען צום פעסטונג.
18 און די פלשתים זיינען געקומען און זיי האָבען זיך פערשפּרייט אין דעם
טהאָל רפאים.
19 און דוד האָט אָנגעפרעגט ביי גאָט, אַזוי: זאָל איך ארויפגעהען קעגען
די פלשתים? וועסטו זיי איבערגעבען אין מיין האַנד? און גאָט האָט
געזאָגט צו דוד: געה אַרויף, דען איך וועל געוויס איבערגעבען די
פלשתים אין דיין האַנד.
20 און דוד איז געקומען נאָך בעל פרצים, און דוד האָט זיי דאָרט געשלאָגען,
און ער האָט געזאָגט: גאָט האָט פאַר מיר צובראָכען מיינע פיינד ווי
איין אויסברעכענדער שטראָם, דאַרום האָט מען גערופען דעם נאָמען פון
יענעם אָרט בעל פרצים.
21 זיי האָבען דאָרט איבערגעלאָזען זייערע אָבגעטער, און דוד און זיינע
מענער האָבען זיי פערברענט.
22 און די פלשתים זיינען נאָך אַ מאָל ארויפגעגאַנגען, און זיי האָבען זיך
פאַרשפּרייט אין דעם טהאָל רפאים.
23 און דוד האָט אָנגעפרעגט ביי גאָט, און ער (גאָט) האָט געזאָגט: דו זאָלסט
ניט אַרויפגעהען, ווענד דיך (און קוק) הינטער זיי, דאָס דו זאָלסט קומען
צו זיי קעגען די אוילבערטבוימער.
24 און עס וועט געשעהען אַז ווען דו וועסט הערען אַ גערויש פון טריט אויף
די שפּיצען פון די אוילבערטבוימער, דאַן זאָלסטו שנעל בעפאָלען, דען
דאַן איז גאָט ארויסגעגאַנגען פאַר דיר צו שלאָגען אין דער מחנה פון
די פלשתים.
25 און דוד האָט אַזוי געטהאָן, ווי גאָט האָט איהם געבאָטען, און ער האָט גע־
שלאָגען די פלשתים פון גבע אָן ביז מען קומט נאָך גזר.

## קאַפּיטעל ו

1 און דוד האָט ווידער פערזאַמעלט אַלע אויסדערוועהלטע אין ישראל, דריי־
סיג טויזענד.
2 און דוד איז אויפגעשטאַנען און ער איז געגאַנגען מיט דעם גאַנצען פאָלק
וואָס איז מיט איהם געוועזן (נאָך בעלי יהודה; קרית יערים), (און
זיי זיינען געגאַנגען) פון בעלי יהודה, אַרויפצוברענגען פון דאָרט דעם
ארון פון גאָט, וואָס ער איז געוועזן גערופען מיט דעם נאָמען, מיט דעם
נאָמען פון גאָט פון די הערשאַרען וועלכער זיצט אויף די כרובים.
3 און זיי האָבען געפיהרט דעם אָרון פון גאָט אין אַ נייעם וואָגען, און זיי
האָבען איהם געטראָגען פון דעם הויז פון אבינדב וואָס איז געוועזן אויף

בַּגִּבְעָה וְעֻזָּא וְאַחְיוֹ בְּנֵי אֲבִינָדָב נֹהֲגִים אֶת־הָעֲגָלָה
4 חֲדָשָׁה׃ וַיִּשָּׂאֻהוּ מִבֵּית אֲבִינָדָב אֲשֶׁר בַּגִּבְעָה עִם אֲרוֹן
ה הָאֱלֹהִים וְאַחְיוֹ הֹלֵךְ לִפְנֵי הָאָרוֹן׃ וְדָוִד ׀ וְכָל־בֵּית
יִשְׂרָאֵל מְשַׂחֲקִים לִפְנֵי יְהוָה בְּכֹל עֲצֵי בְרוֹשִׁים וּבְכִנֹּרוֹת
6 וּבִנְבָלִים וּבְתֻפִּים וּבִמְנַעַנְעִים וּבְצֶלְצֶלִים׃ וַיָּבֹאוּ עַד־
גֹּרֶן נָכוֹן וַיִּשְׁלַח עֻזָּה אֶל־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיֹּאחֶז בּוֹ כִּי
7 שָׁמְטוּ הַבָּקָר׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּעֻזָּה וַיַּכֵּהוּ שָׁם הָאֱלֹהִים
8 עַל־הַשַּׁל וַיָּמָת שָׁם עִם אֲרוֹן הָאֱלֹהִים׃ וַיִּחַר לְדָוִד עַל
אֲשֶׁר פָּרַץ יְהוָה פֶּרֶץ בְּעֻזָּה וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא פֶּרֶץ
9 עֻזָּה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּרָא דָוִד אֶת־יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא
י וַיֹּאמֶר אֵיךְ יָבוֹא אֵלַי אֲרוֹן יְהוָה׃ וְלֹא־אָבָה דָוִד לְהָסִיר
אֵלָיו אֶת־אֲרוֹן יְהוָה עַל־עִיר דָּוִד וַיַּטֵּהוּ דָוִד בֵּית עֹבֵד־
11 אֱדֹם הַגִּתִּי׃ וַיֵּשֶׁב אֲרוֹן יְהוָה בֵּית עֹבֵד אֱדֹם הַגִּתִּי
שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים וַיְבָרֶךְ יְהוָה אֶת־עֹבֵד אֱדֹם וְאֶת־כָּל־
12 בֵּיתוֹ׃ וַיֻּגַּד לַמֶּלֶךְ דָּוִד לֵאמֹר בֵּרַךְ יְהוָה אֶת־בֵּית עֹבֵד
אֱדֹם וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ בַּעֲבוּר אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיֵּלֶךְ דָּוִד
וַיַּעַל אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים מִבֵּית עֹבֵד אֱדֹם עִיר דָּוִד
13 בְּשִׂמְחָה׃ וַיְהִי כִּי צָעֲדוּ נֹשְׂאֵי אֲרוֹן־יְהוָה שִׁשָּׁה צְעָדִים
14 וַיִּזְבַּח שׁוֹר וּמְרִיא׃ וְדָוִד מְכַרְכֵּר בְּכָל־עֹז לִפְנֵי יְהוָה
טו וְדָוִד חָגוּר אֵפוֹד בָּד׃ וְדָוִד וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל מַעֲלִים
16 אֶת־אֲרוֹן יְהוָה בִּתְרוּעָה וּבְקוֹל שׁוֹפָר׃ וְהָיָה אֲרוֹן יְהוָה
בָּא עִיר דָּוִד וּמִיכַל בַּת־שָׁאוּל נִשְׁקְפָה ׀ בְּעַד הַחַלּוֹן
וַתֵּרֶא אֶת־הַמֶּלֶךְ דָּוִד מְפַזֵּז וּמְכַרְכֵּר לִפְנֵי יְהוָה וַתִּבֶז
17 לוֹ בְּלִבָּהּ׃ וַיָּבִאוּ אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וַיַּצִּגוּ אֹתוֹ בִּמְקוֹמוֹ
בְּתוֹךְ הָאֹהֶל אֲשֶׁר נָטָה־לוֹ דָּוִד וַיַּעַל דָּוִד עֹלוֹת לִפְנֵי
18 יְהוָה וּשְׁלָמִים׃ וַיְכַל דָּוִד מֵהַעֲלוֹת הָעוֹלָה וְהַשְּׁלָמִים
19 וַיְבָרֶךְ אֶת־הָעָם בְּשֵׁם יְהוָה צְבָאוֹת׃ וַיְחַלֵּק לְכָל־הָעָם

לכל

v. 7. פתח באתנח

דעם היגעל, און עזא און אחיו די זיהן פון אבינדב האָבען געפיהרט דעם
נײַעם וואָגען.
4 און ווען זיי האָבען איהם געטראָגען פון דעם הויז פון אבינדב וואָס איז
געוועזען אויף דעם היגעל, (איז עזה געווען נאָהענט) ביי דעם ארון פון
גאָט, און אחיו איז געגאַנגען פאַר דעם ארון.
5 און דוד און דאָס גאַנצע הויז ישראל האָבען געשפּיעלט פאַר גאָט מיט
אַלערליי (כלי זמר, געמאַכט) פון ציפּרעסען־האָלץ, און מיט פידלען
און מיט האַרפען און מיט פּויקען און מיט גיטאַרען און מיט צימבלען.
6 און ווען זיי זיינען געקומען ביז צו דעם שייער נכון, האָט עזה אויסגע־
שטרעקט זיין האַנד צו דעם ארון פון גאָט, און ער האָט איהם אָנגענומען,
ווייל די רינדער האָבען איהם אַ נייג געטהאָן.
7 און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט איבער עזה, און גאָט האָט איהם
דאָרט דערשלאָגען צוליעב דעם פערזעהען, און ער איז דאָרט געשטאָר־
בען ביי דעם ארון פון גאָט.
8 און עס האָט דוד לייד געטהאָן ווייל גאָט האָט געבראַכט אַ בראָך אַן
עזה, און ער האָט יענעם אָרט גערופען פרץ עזה. ביז צו דעם היינטיגען
טאָג (איז ער אַזוי אָנגערופען).
9 און דוד האָט זיך געפירכטעט פאַר גאָט אין דעם זעלביגען טאָג און ער
האָט געזאָגט : ווי זאָל צו מיר קומען דער ארון פון גאָט ?
10 און דוד האָט ניט געוואָלט אַז מען זאָל צו איהם ברענגען דעם אָרון
פון גאָט, צו דער שטאָדט דוד, און דוד האָט איהם אָן אַ זייט אָפּגעפיהרט
צו דעם הויז פון עבד אדום פון גת.
11 און דער ארון פון גאָט איז געבליעבען אין דעם הויז פון עבד אדום פון
גת, דריי חדשים. און גאָט האָט געבענשט עבד אדום, און זיין גאַנצעס
הויז געזינד.
12 און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו דעם קעניג דוד, אַזוי : גאָט האָט
געבענשט דאָס הויזגעזינד פון עבד אדום און אַלעס וואָס ער האָט, פון
וועגען דעם ארון פון גאָט, און דוד איז אַהינגעגאַנגען און האָט אַרויפ־
געבראַכט דעם ארון פון גאָט פון דעם הויז פון עבד אדום, נאָך דער
שטאָדט דוד מיט פרייד.
13 און עס איז געוועזען, אַז ווען די טרעגער פון דעם ארון פון גאָט האָבען גע־
טראָטען זעקס טריט, אַזוי האָט ער געאָפּפערט אַן אָקס און אַ געשטאָפּ־
טע פיה.
14 און דוד האָט געטאַנצט מיט אַלע קרעפטען פאַר גאָט, און דוד איז גע־
ווען אָנגעגאַרטעלט מיט אַ ליינענעם אפוד.
15 און דוד און דאָס גאַנצע הויז ישראל האָבען אַרויפגעבראַכט דעם ארון
פון גאָט מיט שאַללען און מיט דעם קול פון שופר.
16 און עס איז געוועזען ווען דער ארון פון גאָט איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט
פון דוד, און מיכל די טאָכטער פון שאול האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם
פענסטער, און זי האָט געזעהען ווי דער קעניג דוד שפּרינגט און טאַנצט
פאַר גאָט, און זי האָט איהם פעראַכטעט אין איהר האַרץ.
17 און זיי האָבען אַריינגעבראַכט דעם ארון פון גאָט, און זיי האָבען איהם
געשטעלט אויף זיין אָרט, אין מיטען פון דעם געצעלט וואָס דוד האָט
פאַר איהם אויסגעשפּרייט, און דוד האָט אויפגעבראַכט גאַנץ־אָפּפער און
פריעדען־אָפּפער פאַר גאָט.
18 און ווען דוד האָט אויפגעהערט אויפצוברענגען די גאַנץ־אָפּפער און די
פריעדען־אָפּפער, האָט ער געבענשט דאָס פאָלק אין דעם נאָמען פון גאָט
פון די הערשאַרען.
19 און ער האָט פערטהיילט צו דעם גאַנצען פאָלק ; צו דער גאַנצער מענגע

לְכָל־הֲמוֹן יִשְׂרָאֵל לְמֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה לְאִישׁ חַלַּת לֶחֶם
אַחַת וְאֶשְׁפָּר אֶחָד וַאֲשִׁישָׁה אֶחָת וַיֵּלֶךְ כָּל־הָעָם אִישׁ
כ לְבֵיתוֹ׃ וַיָּשָׁב דָּוִד לְבָרֵךְ אֶת־בֵּיתוֹ * וַתֵּצֵא
מִיכַל בַּת־שָׁאוּל לִקְרַאת דָּוִד וַתֹּאמֶר מַה־נִּכְבַּד הַיּוֹם
מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר נִגְלָה הַיּוֹם לְעֵינֵי אַמְהוֹת עֲבָדָיו
21 כְּהִגָּלוֹת נִגְלוֹת אַחַד הָרֵקִים׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־מִיכַל לִפְנֵי
יְהוָה אֲשֶׁר בָּחַר־בִּי מֵאָבִיךְ וּמִכָּל־בֵּיתוֹ לְצַוֺּת אֹתִי נָגִיד
22 עַל־עַם יְהוָה עַל־יִשְׂרָאֵל וְשִׂחַקְתִּי לִפְנֵי יְהוָה׃ וּנְקַלֹּתִי
עוֹד מִזֹּאת וְהָיִיתִי שָׁפָל בְּעֵינָי וְעִם־הָאֲמָהוֹת אֲשֶׁר אָמַרְתְּ
23 עִמָּם אִכָּבֵדָה׃ וּלְמִיכַל בַּת־שָׁאוּל לֹא־הָיָה לָהּ יָלֶד עַד
יוֹם מוֹתָהּ׃

## CAP. VII. ז

א וַיְהִי כִּי־יָשַׁב הַמֶּלֶךְ בְּבֵיתוֹ וַיהוָה הֵנִיחַ־לוֹ מִסָּבִיב מִכָּל־
2 אֹיְבָיו׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־נָתָן הַנָּבִיא רְאֵה נָא אָנֹכִי
יוֹשֵׁב בְּבֵית אֲרָזִים וַאֲרוֹן הָאֱלֹהִים יֹשֵׁב בְּתוֹךְ הַיְרִיעָה׃
3 וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־הַמֶּלֶךְ כֹּל אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ לֵךְ עֲשֵׂה כִּי
4 יְהוָה עִמָּךְ׃ וַיְהִי בַּלַּיְלָה הַהוּא * וַיְהִי דְּבַר־
ה יְהוָה אֶל־נָתָן לֵאמֹר׃ לֵךְ וְאָמַרְתָּ אֶל־עַבְדִּי אֶל־דָּוִד
6 כֹּה אָמַר יְהוָה הַאַתָּה תִּבְנֶה־לִּי בַיִת לְשִׁבְתִּי׃ כִּי לֹא
יָשַׁבְתִּי בְּבַיִת לְמִיּוֹם הַעֲלֹתִי אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם
7 וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה וָאֶהְיֶה מִתְהַלֵּךְ בְּאֹהֶל וּבְמִשְׁכָּן׃ בְּכֹל
אֲשֶׁר־הִתְהַלַּכְתִּי בְּכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֲדָבָר דִּבַּרְתִּי אֶת־אַחַד
שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר צִוִּיתִי לִרְעוֹת אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל
8 לֵאמֹר לָמָּה לֹא־בְנִיתֶם לִי בֵּית אֲרָזִים׃ וְעַתָּה כֹּה־תֹאמַר
לְעַבְדִּי לְדָוִד כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֲנִי לְקַחְתִּיךָ מִן־
הַנָּוֶה מֵאַחַר הַצֹּאן לִהְיוֹת נָגִיד עַל־עַמִּי עַל־יִשְׂרָאֵל׃
9 וָאֶהְיֶה עִמְּךָ בְּכֹל אֲשֶׁר הָלַכְתָּ וָאַכְרִתָה אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ

מפניך

ד v. 19 ע״כ ibid. פסקא באמצע פסוק v. 23. כצ״ל ד v. 4. פסקא באמצע פסוק

פון ישראל, פון מאַן ביז ווייב, צו איטליכען איין חלה ברויט, און איין פלייש־פּאָרציאָן און איין טרויבען־קוכען, און דאָס גאַנצע פאָלק איז אוועקגעגאַנגען איטליכער צו זיין הויז.

20 און דוד האָט צוריקגעקעהרט צו בענשען זיין הויז געזינד, און מיכל די טאָכטער פון שאול איז אַרויסגעגאַנגען ענטקעגען דוד, און זי האָט געזאָגט: ווי פערהערליכט איז געוואָרען היינט דער קעניג פון ישראל, וועלכער האָט זיך בעוויזען היינט פאַר די אויגען פון די דיענסט־מוידען פון זיינע קנעכט, ווי עס קען זיך נאָר ארויסווייזען איינער פון די לעדיג־געהער !

21 און דוד האָט געזאָגט צו מיכל : (עס איז געווען) פאַר גאָט, וועלכער האָט מיך אויסערוועהלט מעהר ווי דיין פאָטער, און מעהר ווי זיין גאַנצע הויזגעזינד, מיך צו בעפעהלען צו זיין אַ פירסט איבער דעם פאָלק פון גאָט. און איך וועל זיך נאָך (מעהר) פרעהליך מאַכען פאַר גאָט.

22 און איך וועל זיך נאָך מעהר קלענער האַלטען ווי דאָס, און איך וועל זיין ניעדעריג אין מיינע אויגען. דאָך, מיט די דיענסט־מיידען, וואָס דו האָסט געזאָגט — מיט זיי וועל איך געעהרט זיין (מיט זיי שטאָלציר איך).

23 און מיכל די טאָכטער פון שאול האָט קיין קינד ניט געהאַט ביז צו דעם טאָג פון איהר טוידט.

## קאַפּיטעל ז

1 און עס איז געווען ווען דער קעניג האָט געוואָהנט אין זיין הויז, און גאָט האָט איהם געלאָזט רוהען, פון אַלע זיינע פיינד אַרינגס ארום.

2 און דער קעניג האָט געזאָגט צו נתן הנביא : זעה דאָך, איך וואָהן אין אַ הויז פון צעדער־בוימער, און דער ארון פון גאָט וואָהנט אין די פאָר־האַנגען.

3 און נתן האָט געזאָגט צו דעם קעניג : אַלעס וואָס אין דיין האַרץ טהו, דען גאָט איז מיט דיר.

4 און עס איז געווען אין יענע נאַכט, און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו נתן, אַזוי צו זאָגען :

5 געה און זאָג צו מיין קנעכט, צו דוד : אַזוי זאָגט גאָט : ווילסטו פאַר מיר בויען אַ הויז פאַר מיין וואָהנונג ?

6 דען איך האָב ניט געוואָהנט אין אַ הויז פון דעם טאָג אָן, וואָס איך האָב אַרויפגעבראַכט די קינדער ישראל פון מצרים, און ביז דעם היינטיגען טאָג, נאָר איך בין אַרומגעגאַנגען אין אַ געצעלט און אין אַ משכן.

7 איבעראַל, אַוואו איך בין אַרומגעגאַנגען אין מיטען פון די אַלע קינדער ישראל, צו האָב איך ווען גערעדט אַ וואָרט צו איינעם פון די (פאָר־שטעהער) כון די שבטים ישראל, וועלכען איך האָב בעשטימט צו פיטער־רען מיין פאָלק, ישראל, צו זאָגען : וואָרום האָט איהר מיר ניט געבויט אַ הויז פון צעדערען ?

8 און יעצט, זאָלסטו אַזוי זאָגען צו מיין קנעכט, צו דוד : אַזוי האָט גע־זאָגט דער גאָט פון די הערשאַרען : איך האָב דיך גענומען פון אַ שאָף־שטאַהל, פון הינטער די שאָף, אַז דו זאָלסט זיין אַ פירסט איבער מיין פאָלק, איבער ישראל.

9 און איך בין מיט דיר געווען איבעראַל אַוואו דו ביזט געגאַנגען, און איך האָב אויסגעראָטהען אַלע דיינע פיינד פאַר דיר, און איך האָב דיר גע־

מִפָּנֶיךָ וְעָשִׂתִי לְךָ שֵׁם גָּדוֹל כְּשֵׁם הַגְּדֹלִים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃
י וְשַׂמְתִּי מָקוֹם לְעַמִּי לְיִשְׂרָאֵל וּנְטַעְתִּיו וְשָׁכַן תַּחְתָּיו וְלֹא
יִרְגַּז עוֹד וְלֹא־יֹסִיפוּ בְנֵי־עַוְלָה לְעַנּוֹתוֹ כַּאֲשֶׁר בָּרִאשׁוֹנָה׃
11 וּלְמִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר צִוִּיתִי שֹׁפְטִים עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וַהֲנִיחֹתִי
לְךָ מִכָּל־אֹיְבֶיךָ וְהִגִּיד לְךָ יְהוָה כִּי־בַיִת יַעֲשֶׂה־לְּךָ יְהוָה׃
12 כִּי ׀ יִמְלְאוּ יָמֶיךָ וְשָׁכַבְתָּ אֶת־אֲבֹתֶיךָ וַהֲקִימֹתִי אֶת־זַרְעֲךָ
13 אַחֲרֶיךָ אֲשֶׁר יֵצֵא מִמֵּעֶיךָ וַהֲכִינֹתִי אֶת־מַמְלַכְתּוֹ׃ הוּא
יִבְנֶה־בַּיִת לִשְׁמִי וְכֹנַנְתִּי אֶת־כִּסֵּא מַמְלַכְתּוֹ עַד־עוֹלָם׃
14 אֲנִי אֶהְיֶה־לּוֹ לְאָב וְהוּא יִהְיֶה־לִּי לְבֵן אֲשֶׁר בְּהַעֲוֺתוֹ
טו וְהֹכַחְתִּיו בְּשֵׁבֶט אֲנָשִׁים וּבְנִגְעֵי בְּנֵי אָדָם׃ וְחַסְדִּי לֹא־
יָסוּר מִמֶּנּוּ כַּאֲשֶׁר הֲסִרֹתִי מֵעִם שָׁאוּל אֲשֶׁר הֲסִרֹתִי
16 מִלְּפָנֶיךָ׃ וְנֶאְמַן בֵּיתְךָ וּמַמְלַכְתְּךָ עַד־עוֹלָם לְפָנֶיךָ כִּסְאֲךָ
17 יִהְיֶה נָכוֹן עַד־עוֹלָם׃ כְּכֹל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וּכְכֹל הַחִזָּיוֹן
18 הַזֶּה כֵּן דִּבֶּר נָתָן אֶל־דָּוִד׃ וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיֵּשֶׁב
לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמֶר מִי אָנֹכִי אֲדֹנָי יֱהוִה וּמִי בֵיתִי כִּי הֲבִיאֹתַנִי
19 עַד־הֲלֹם׃ וַתִּקְטַן עוֹד זֹאת בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנָי יֱהוִה וַתְּדַבֵּר
גַּם אֶל־בֵּית־עַבְדְּךָ לְמֵרָחוֹק וְזֹאת תּוֹרַת הָאָדָם אֲדֹנָי
כ יֱהוִה׃ וּמַה־יּוֹסִיף דָּוִד עוֹד לְדַבֵּר אֵלֶיךָ וְאַתָּה יָדַעְתָּ
21 אֶת־עַבְדְּךָ אֲדֹנָי יֱהוִה׃ בַּעֲבוּר דְּבָרְךָ וּכְלִבְּךָ עָשִׂיתָ
22 אֵת כָּל־הַגְּדוּלָּה הַזֹּאת לְהוֹדִיעַ אֶת־עַבְדֶּךָ׃ עַל־כֵּן גָּדַלְתָּ
יְהוָה אֱלֹהִים כִּי־אֵין כָּמוֹךָ וְאֵין אֱלֹהִים זוּלָתֶךָ בְּכֹל
23 אֲשֶׁר־שָׁמַעְנוּ בְּאָזְנֵינוּ׃ וּמִי כְעַמְּךָ כְּיִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד
בָּאָרֶץ אֲשֶׁר הָלְכוּ־אֱלֹהִים לִפְדּוֹת־לוֹ לְעָם וְלָשׂוּם לוֹ
שֵׁם וְלַעֲשׂוֹת לָכֶם הַגְּדוּלָּה וְנֹרָאוֹת לְאַרְצֶךָ מִפְּנֵי עַמְּךָ
24 אֲשֶׁר פָּדִיתָ לְּךָ מִמִּצְרַיִם גּוֹיִם וֵאלֹהָיו׃ וַתְּכוֹנֵן לְךָ אֶת־
עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל ׀ לְךָ לְעָם עַד־עוֹלָם וְאַתָּה יְהוָה הָיִיתָ לָהֶם
כה לֵאלֹהִים׃ וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהִים הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ עַל־

עבדך

v. 21. 23. דגש אחר שורק

מאַכט אַ גרויסען נאָמען, ווי דער נאָמען פון די גרויסע לייט וואָס זיינען
אויף דער ערד.
10 און איך האָב געמאַכט איין אָרט פאַר מיין פאָלק, פאַר ישראל, און איך
האָב איהם איינגעפלאַנצט, און ער זיצט רוהיג אין זיין פּלאַץ, און ער דאַרף
ניט מעהר ציטערען, און די שענדליכע מענשען דריקען איהם ניט מעהר
ווי פריהער.
11 און (ווי זיי האָבען איהם געדריקט) פון דעם טאָג אָן, וואָס איך האָב
געזעצט ריכטער איבער מיין פאָלק ישראל, און איך האָב דיר געגעבען
רוה פון אַלע דיינע פיינד, און גאָט לאָזט דיר אָנזאָגען, אַז גאָט וועט דיר
מאַכען אַ הויז.
12 ווען דיינע טעג וועלען דערפילט ווערען, און דו וועסט ליגען מיט דיינע
עלטערען, אַזוי וועל איך אויפשטעלען דיין זאָמען נאָך דיר, דער וואָס
וועט אַרויסקומען פון דיין לייב, און איך וועל פעסטשטעלען זיין רע־
גיערונג.
13 ער וועט אויפבויען אַ הויז צו מיין נאָמען, און איך וועל פעסטשטעלען
דעם שטוהל פון זיין רעגיערונג אויף אייביג.
14 איך וועל צו איהם זיין אַלס אַ פאָטער און ער וועט צו מיר זיין אַלס אַ
זוהן, דאָס, ווען ער וועט פערברעכען וועל איך איהם שטראָפען מיט דעם
רוט פון מענשען (מענשליך) און מיט די שמערצען פון מענשענקינדער.
15 אָבער מיין גנאָד זאָל פון איהם ניט אָבגעטהאָן ווערען (אין גאַנצען),
אַזוי ווי איך האָב עס אָבגעטהאָן פון שאול, וועמען איך האָב אָבגע־
טהאָן פון פאַר דיר.
16 און דיין הויז און דיין קעניגרייך וועט זיכער זיין אויף אייביג פאַר
דיר. דיין טהראָן וועט זיין פעסטגעשטעלט אויף אייביג.
17 נאָך אַלע די דאָזיגע ווערטער און נאָך דער דאָזיגער ערשיינונג האָט נתן
גערעדט צו דוד.
18 און דער קעניג דוד איז געקומען און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַר
גאָט (דעם ארון) און ער האָט געזאָגט: ווער בין איך, הערר, אָ גאָט!
און וואָס איז מיין הויז, דאָס דו האָסט מיר געבראַכט ביז אַהער (צו אַזאַ
גדולה)?
19 און דאָס איז נאָך געווען צו קליין אין דיינע אויגען, אָ, הערר גאָט!
און דו האָסט נאָך גערעדט וועגען דעם הויז פון דיין קנעכט אויף שפּע־
טער, און דאָס קומט דאָך נאָר דעם אויסגעצייכענטען מאַן, אָ, הערר גאָט!
20 און וואָס זאָל דוד נאָך מעהר צו דיר ריידען? אָבער דו קענסט דאָך,
דיין קנעכט, אָ, הערר גאָט!
21 פון וועגען דיין וואָרט, און אַזוי ווי עס איז אין דיין האַרץ, האָסט דאָס
געטהאָן, צו לאָזען וויסען דיין קנעכט די דאָזיגע גאַנצע גרויסקייט.
22 דאַרום ביזטו דאָך גרויס, הערר גאָט! דען קיינער איז ניט גלייך צו דיר,
און עס איז ניטאָ אַ גאָט אויסער דיר (ריכטיג) אַזוי ווי מיר האָבען גע־
הערט מיט אונזערע אויערען.
23 און ווער איז ווי דיין פאָלק, ווי ישראל? איין איינציגעס פאָלק אויף
דער ערד, וואָס גאָט איז געגאַנגען צו בעפרייען, פאַר זיך אַלס אַ פאָלק,
און איהם צו מאַכען (אַ גרויסען) נאָמען, און צו טהאָן פאַר אייך די
גרויסקייט און שרעקליכע טהאטען, אַזוי ווי דו האָסט געטהאָן צו דיין
לאַנד, פון וועגען דיין פאָלק וועלכע דו האָסט אויסגעלייזט פון
מצרים, פון (די האַנד פון) די פעלקער און זייערע געצען.
24 און דו האָסט צו דיר דיין פאָלק ישראל געגרינדעט, אַז עס זאָל זיין צו
דיר אַ פאָלק אויף אייביג, און דו, אָ גאָט, ביזט געוואָרען צו זיי אַ גאָט.
25 און יעצט, אָ הערר, גאָט! דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט וועגען

עַבְדְּךָ֙ וְעַל־בֵּית֔וֹ הָקֵ֖ם עַד־עוֹלָ֑ם וַעֲשֵׂ֖ה כַּאֲשֶׁ֥ר דִּבַּֽרְתָּ׃
26 וְיִגְדַּ֨ל שִׁמְךָ֤ עַד־עוֹלָם֙ לֵאמֹ֔ר יְהוָ֣ה צְבָא֔וֹת אֱלֹהִ֖ים עַל־
27 יִשְׂרָאֵ֑ל וּבֵית֙ עַבְדְּךָ֣ דָוִ֔ד יִהְיֶ֥ה נָכ֖וֹן לְפָנֶֽיךָ׃ כִּֽי־אַתָּ֞ה יְהוָ֨ה
צְבָא֜וֹת אֱלֹהֵ֣י יִשְׂרָאֵ֗ל גָּלִ֜יתָה אֶת־אֹ֤זֶן עַבְדְּךָ֙ לֵאמֹ֔ר בַּ֖יִת
אֶבְנֶה־לָּ֑ךְ עַל־כֵּ֗ן מָצָ֤א עַבְדְּךָ֙ אֶת־לִבּ֔וֹ לְהִתְפַּלֵּ֣ל אֵלֶ֔יךָ אֶת־
28 הַתְּפִלָּ֖ה הַזֹּֽאת׃ וְעַתָּ֣ה ׀ אֲדֹנָ֣י יֱהֹוִ֗ה אַתָּה־הוּא֙ הָֽאֱלֹהִ֔ים
וּדְבָרֶ֖יךָ יִהְי֣וּ אֱמֶ֑ת וַתְּדַבֵּר֙ אֶל־עַבְדְּךָ֔ אֶת־הַטּוֹבָ֖ה הַזֹּֽאת׃
29 וְעַתָּ֗ה הוֹאֵל֙ וּבָרֵךְ֙ אֶת־בֵּ֣ית עַבְדְּךָ֔ לִהְי֥וֹת לְעוֹלָ֖ם לְפָנֶ֑יךָ כִּֽי־
אַתָּ֞ה אֲדֹנָ֤י יֱהֹוִה֙ דִּבַּ֔רְתָּ וּמִֽבִּרְכָ֣תְךָ֔ יְבֹרַ֥ךְ בֵּית־עַבְדְּךָ֖ לְעוֹלָֽם׃

## Cap. VIII. ח

א וַיְהִי֙ אַחֲרֵי־כֵ֔ן וַיַּ֥ךְ דָּוִ֛ד אֶת־פְּלִשְׁתִּ֖ים וַיַּכְנִיעֵ֑ם וַיִּקַּ֥ח דָּוִ֛ד
2 אֶת־מֶ֥תֶג הָאַמָּ֖ה מִיַּ֥ד פְּלִשְׁתִּֽים׃ וַיַּ֨ךְ אֶת־מוֹאָ֜ב וַֽיְמַדְּדֵ֣ם
בַּחֶ֗בֶל הַשְׁכֵּ֤ב אוֹתָם֙ אַ֔רְצָה וַיְמַדֵּ֤ד שְׁנֵֽי־חֲבָלִים֙ לְהָמִ֔ית
וּמְלֹ֥א הַחֶ֖בֶל לְהַחֲי֑וֹת וַתְּהִ֤י מוֹאָב֙ לְדָוִ֔ד לַעֲבָדִ֖ים נֹשְׂאֵ֥י
3 מִנְחָֽה׃ וַיַּ֣ךְ דָּוִ֔ד אֶת־הֲדַדְעֶ֥זֶר בֶּן־רְחֹ֖ב מֶ֣לֶךְ צוֹבָ֑ה בְּלֶכְתּ֕וֹ
4 לְהָשִׁ֥יב יָד֖וֹ בִּנְהַר־׃ וַיִּלְכֹּ֨ד דָּוִ֜ד מִמֶּ֗נּוּ אֶ֤לֶף וּשְׁבַע־
מֵאוֹת֙ פָּֽרָשִׁ֔ים וְעֶשְׂרִ֥ים אֶ֖לֶף אִ֣ישׁ רַגְלִ֑י וַיְעַקֵּ֤ר דָּוִד֙ אֶת־
ה כָּל־הָרֶ֔כֶב וַיּוֹתֵ֥ר מִמֶּ֖נּוּ מֵ֥אָה רָֽכֶב׃ וַתָּבֹא֙ אֲרַ֣ם דַּמֶּ֔שֶׂק
לַעְזֹ֕ר לַהֲדַדְעֶ֖זֶר מֶ֣לֶךְ צוֹבָ֑ה וַיַּ֤ךְ דָּוִד֙ בַּאֲרָ֔ם עֶשְׂרִֽים־
6 וּשְׁנַ֥יִם אֶ֖לֶף אִֽישׁ׃ וַיָּ֨שֶׂם דָּוִ֥ד נְצִבִים֮ בַּאֲרַ֣ם דַּמֶּשֶׂק֒ וַתְּהִ֤י
אֲרָם֙ לְדָוִ֔ד לַעֲבָדִ֖ים נוֹשְׂאֵ֣י מִנְחָ֑ה וַיֹּ֤שַׁע יְהוָה֙ אֶת־דָּוִ֔ד
7 בְּכֹ֖ל אֲשֶׁ֥ר הָלָֽךְ׃ וַיִּקַּ֣ח דָּוִ֗ד אֵ֚ת שִׁלְטֵ֣י הַזָּהָ֔ב אֲשֶׁ֣ר הָי֔וּ
8 אֶ֖ל עַבְדֵ֣י הֲדַדְעָ֑זֶר וַיְבִיאֵ֖ם יְרוּשָׁלִָֽם׃ וּמִבֶּ֥טַח וּמִבֵּרֹתַ֖י
עָרֵ֣י הֲדַדְעָ֑זֶר לָקַ֞ח הַמֶּ֧לֶךְ דָּוִ֛ד נְחֹ֖שֶׁת הַרְבֵּ֥ה מְאֹֽד׃
9 וַיִּשְׁמַ֕ע תֹּ֖עִי מֶ֣לֶךְ חֲמָ֑ת כִּ֚י הִכָּ֣ה דָוִ֔ד אֵ֖ת כָּל־חֵ֥יל הֲדַדְעָֽזֶר׃
י וַיִּשְׁלַ֣ח תֹּ֣עִי אֶת־יוֹרָם־בְּנ֣וֹ אֶל־הַמֶּלֶךְ־דָּ֠וִד לִשְׁאָל־ל֨וֹ
לְשָׁל֜וֹם וּֽלְבָרֲכ֗וֹ עַל֩ אֲשֶׁ֨ר נִלְחַ֤ם בַּהֲדַדְעֶ֙זֶר֙ וַיַּכֵּ֔הוּ כִּֽי־

אִישׁ

ז v. 25. פתח בס״פ ח v. 3. פרת קרי ולא כתיב

דיין קנעכט, און וועגען זיין הויז, לאָז עס בעשטעהען אויף אייביג, און טהו עס אַזוי ווי דו האָסט גערעדט.

26 און לאָז דיין נאָמען גרויס ווערען אויף אייביג, מען וועט זאָגען: דער גאָט פון די הערשאַרען איז דער גאָט איבער ישראל, און דאָס הויז פון דיין קנעכט דוד זאָל זיין פעסטגעשטעלט פאַר דיר.

27 דען דו, גאָט פון די הערשארען, דער גאָט פון ישראל האָסט אָפענבארט צו דעם אויער פון דיין קנעכט, אַזוי צו זאָגען: איין הויז וועל איך דיר אויפבויען, דארום האָט דיין קנעכט אין זיין האַרץ (מוטה) צו בעטען צו דיר די דאָזיגע געבעט.

28 און יעצט, אָ הערר גאָט! דו ביזט דער גאָט, און דיינע רייד וועלען געוויס זיין אמת, און דו האָסט גערעדט וועגען דיין קנעכט דאָס דאָזיגע גוטסקייט.

29 און יעצט, זיי וויליג, און בענש דאָס הויז פון דיין קנעכט, עס זאָל פאַר דיר זיין אויף אייביג, דען דו, הערר גאָט, האָסט עס גערעדט, און דורך דיין זעגען וועט געבענשט ווערען דאָס הויז פון דיין קנעכט אויף אייביג.

## קאַפּיטעל ח

1 און עס איז געוועזן נאָכדעם, האָט דוד געשלאָגען די פלשתים, און ער האָט זיי אונטערטעהניג געמאַכט, און דוד האָט אַוועקגענומען די רעגיערונגס־שטאָדט (גת) פון דער האַנד פון די פלשתים.

2 און ער האָט געשלאָגען מואָב, און ער האָט זיי געמאָסטען מיט אַ שטריק; זיי געמאַכט לעגען זיך אויף דער ערד און ער האָט געמאָסטען, די לענג פון צוויי שטריק צו טַוידטען, און איין שטריק לאַנג צו לאָזען לעבען; און מואָב איז געוואָרען קנעכט צו דוד, זיי האָבען געבראַכט אָבגאַבען.

3 און דוד האָט געשלאָגען הדדעזר דער זוהן פון רחב, קעניג פון צובה, ווען ער איז געגאַנגען צוריק צוהאַלטען זיין (דוד'ס) מאַכט ביי דעם טייך פרת.

4 און דוד האָט געפאַנגען פון איהם טויזענד זיעבען הונדערט רייטער, און צוואַנציג טויזענד מאַן פוס־געהער, און דוד האָט אויסגעריסען (הינקעדיג געמאַכט) אַלע רייטוועגען (פערד), און ער האָט נאָר פון זיי איבערגעלאָזען הונדערט רייטוועגען.

5 און ארם דמשק איז געקומען צו העלפען הדדעזר דעם קעניג פון צובה, און דוד האָט געשלאָגען פון ארם צוויי און צוואנציג טויזענד מאַן.

6 און דוד האָט געשטעלט מיליטער בעאַמטע אין ארם דמשק, און ארם איז געוואָרען קנעכט צו דוד, זיי האָבען געבראַכט אָבגאַבען. און גאָט האָט געהאָלפען איבעראל דוד אַוואו ער איז געגאַנגען.

7 און דוד האָט גענומען די גאָלדענע שילדען וואָס די קנעכט פון הדדעזר האָבען געהאַט, און ער האָט זיי געבראכט נאָך ירושלים.

8 און פון בטח, און פון ברותי, די שטעדט פון הדדעזר, האָט דער קעניג דוד גענומען זעהר פיעל קופער.

9 און ווען תעי דער קעניג פון חמת האָט געהערט אַז דוד האָט געשלאָגען די גאַנצע מאַכט פון הדדעזר.

10 אַזוי האָט תעי געשיקט זיין זוהן יורם צו דעם קעניג דוד, איהם צו פרעגען נאָך זיין פריעדען, און איהם צו דאַנקען, ווייל ער האָט געשטריטען מיט הדדעזר און ער האָט איהם געשלאָגען, דען הדדעזר האָט אימער גע־

אִישׁ מִלְחֲמוֹת תֹּעִי הָיָה הֲדַדְעָזֶר וּבְיָדוֹ הָיוּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי־
11 זָהָב וּכְלֵי נְחֹשֶׁת׃ גַּם־אֹתָם הִקְדִּישׁ הַמֶּלֶךְ דָּוִד לַיהוָה עִם־
הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב אֲשֶׁר הִקְדִּישׁ מִכָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר כִּבֵּשׁ׃
12 מֵאֲרָם וּמִמּוֹאָב וּמִבְּנֵי עַמּוֹן וּמִפְּלִשְׁתִּים וּמֵעֲמָלֵק וּמִשְּׁלַל
13 הֲדַדְעֶזֶר בֶּן־רְחֹב מֶלֶךְ צוֹבָה׃ וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם בְּשֻׁבוֹ
14 מֵהַכּוֹתוֹ אֶת־אֲרָם בְּגֵיא־מֶלַח שְׁמוֹנָה עָשָׂר אָלֶף׃ וַיָּשֶׂם
בֶּאֱדוֹם נְצִבִים בְּכָל־אֱדוֹם שָׂם נְצִבִים וַיְהִי כָל־אֱדוֹם
טו עֲבָדִים לְדָוִד וַיּוֹשַׁע יְהוָה אֶת־דָּוִד בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃ וַיִּמְלֹךְ
דָּוִד עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיְהִי דָוִד עֹשֶׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה לְכָל־
16 עַמּוֹ׃ וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה עַל־הַצָּבָא וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד
17 מַזְכִּיר׃ וְצָדוֹק בֶּן־אֲחִיטוּב וַאֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֶבְיָתָר כֹּהֲנִים
18 וּשְׂרָיָה סוֹפֵר׃ וּבְנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וּבְנֵי
דָוִד כֹּהֲנִים הָיוּ׃

## ט CAP. IX. ט

א וַיֹּאמֶר דָּוִד הֲכִי יֶשׁ־עוֹד אֲשֶׁר נוֹתַר לְבֵית שָׁאוּל וְאֶעֱשֶׂה
2 עִמּוֹ חֶסֶד בַּעֲבוּר יְהוֹנָתָן׃ וּלְבֵית שָׁאוּל עֶבֶד וּשְׁמוֹ
צִיבָא וַיִּקְרְאוּ־לוֹ אֶל־דָּוִד וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֵלָיו הַאַתָּה
3 צִיבָא וַיֹּאמֶר עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ הַאֶפֶס עוֹד אִישׁ
לְבֵית שָׁאוּל וְאֶעֱשֶׂה עִמּוֹ חֶסֶד אֱלֹהִים וַיֹּאמֶר צִיבָא
4 אֶל־הַמֶּלֶךְ עוֹד בֵּן לִיהוֹנָתָן נְכֵה רַגְלָיִם׃ וַיֹּאמֶר־לוֹ הַמֶּלֶךְ
אֵיפֹה הוּא וַיֹּאמֶר צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ הִנֵּה־הוּא בֵּית מָכִיר
ה בֶּן־עַמִּיאֵל בְּלוֹ דְבָר׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיִּקָּחֵהוּ מִבֵּית
6 מָכִיר בֶּן־עַמִּיאֵל מִלּוֹ דְבָר׃ וַיָּבֹא מְפִיבֹשֶׁת בֶּן־יְהוֹנָתָן
בֶּן־שָׁאוּל אֶל־דָּוִד וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו וַיִּשְׁתָּחוּ וַיֹּאמֶר דָּוִד
7 מְפִיבֹשֶׁת וַיֹּאמֶר הִנֵּה עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ דָוִד אַל־תִּירָא
כִּי עָשֹׂה אֶעֱשֶׂה עִמְּךָ חֶסֶד בַּעֲבוּר יְהוֹנָתָן אָבִיךָ וַהֲשִׁבֹתִי
לְךָ אֶת־כָּל־שְׂדֵה שָׁאוּל אָבִיךָ וְאַתָּה תֹּאכַל לֶחֶם עַל־
8 שֻׁלְחָנִי תָּמִיד׃ וַיִּשְׁתַּחוּ וַיֹּאמֶר מָה עַבְדֶּךָ כִּי פָנִיתָ אֶל־

פיהרט קריעג מיט תעי, און ער (יורם) האָט געבראַכט מיט זיך זילבערנע געפעס, און גאָלדענע געפעס, און קופּערנע געפעס.
11 אויך זיי האָט דער קעניג דוד פערהייליגט צו גאָט, מיט דעם זילבער און דעם גאָלד וואָס ער האָט פערהייליגט פון אַלע פעלקער וועלכע ער האָט איינגענומען.
12 פון ארם, און פון מואב, און פון די קינדער פון עמון, פון די פּלשתּים, און פון עמלק, און פון די רויב פון הדדעזר זוהן פון רחוב דעם קעניג פון צובה.
13 און דוד האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין שלאָגען ארם אין זאַלצטהאָל אַכטצעהן טויזענד מאַן.
14 און דוד האָט געשטעלט מיליטער־בעאַמטע אין אדום, אין גאַנץ אדום האָט ער געשטעלט מיליטער־בעאַמטע, און גאַנץ אדום זיינען געוואָרען קנעכט צו דוד, און גאָט האָט געהאָלפען דוד איבעראַל, וואו ער איז גע־גאַנגען.
15 און דוד האָט רעגירט איבער גאַנץ ישראל, און דוד האָט געטהאָן געריכט מיט גערעכטיגקייט צו זיין גאַנצען פאָלק.
16 און יואָב דער זוהן פון צרויה איז געוועזן איבער די מיליטער, און יהושפט דער זוהן פון אחילוד, אַ סעקרעטאַר.
17 און צדוק דער זוהן פון אַחיטוב, און אַחימלך דער זוהן פון אביתר זיינען געוועזן (הויכע) פּריעסטער, און שריה — אַ שרייבער.
18 און בניהו דער זוהן פון יהוידע איז געוועזן איבער די כרתים און פּלתים (די גווארדי), און די זיהן פון דוד זיינען געוועזן כהנים (גרויסע בעאַמטע).

## קאַפּיטעל ט

1 און דוד האָט געזאָגט: צו איז נאָך ווער דאָ, וואָס איז איבערגעבליעבען פון דעם הויזגעזינד פון שאול, אז איך זאָל אָן איהם טהאָן גנאָד וועגען יהונתן?
2 און דאָס הויזגעזינד פון שאול האָט געהאַט אַ קנעכט, און זיין נאָמען איז געוועזן ציבא, און מען האָט איהם גערופען צו דוד, און דער קעניג האָט צו איהם געזאָגט: ביזטו ציבא? און ער האָט געזאָגט: דיין קנעכט (איז עס).
3 און דער קעניג האָט געזאָגט: צו איז מעהר ניטאָ אַ מאַן פון דעם הויז־געזינד פון שאול, אַז איך זאָל מיט איהם טהאָן אַ גנאָד פון גאָט (גרויסע גנאָד)? און ציבא האָט געזאָגט צו דעם קעניג: עס איז נאָך דאָ אַ זוהן פון יהונתן, אַ הינקעדיגער.
4 און דער קעניג האָט צו איהם געזאָגט: וואו איז ער? און ציבא האָט געזאָגט צו דעם קעניג: זעה, ער איז אין דעם הויז פון מכיר זוהן פון עמיאל פון לו דבר.
5 און דער קעניג האָט געשיקט און האָט איהם געלאָזט ברענגען פון דעם הויז פון מכיר זוהן פון עמיאל פון לו דבר.
6 און מפיבשת דער זוהן פון יהונתן, זוהן פון שאול איז געקומען צו דוד, און ער איז געפאַלען אויף זיין געזיכט און ער האָט זיך געבוקט; און דוד האָט געזאָגט: מפיבשת, און ער האָט געזאָגט: דאָ איז דיין קנעכט.
7 און דוד האָט צו איהם געזאָגט: פּירכט ניט, דען איך וועל געוויס טהאָן גנאָד מיט דיר וועגען יהונתן דיין פאָטער, און איך וועל דיר צוריקגעבען אַלע פעלדער פון שאול דיין פאָטער, און דו זאָלסט עסען ברויט ביי מיין טיש שטענדיג.

9 הַכֶּלֶב הַמֵּת אֲשֶׁר כָּמוֹנִי׃ וַיִּקְרָא הַמֶּלֶךְ אֶל־צִיבָא נַעַר
שָׁאוּל וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּל אֲשֶׁר הָיָה לְשָׁאוּל וּלְכָל־בֵּיתוֹ נָתַתִּי
לְבֶן־אֲדֹנֶיךָ׃ וְעָבַדְתָּ לּוֹ אֶת־הָאֲדָמָה אַתָּה וּבָנֶיךָ וַעֲבָדֶיךָ
וְהֵבֵאתָ וְהָיָה לְבֶן־אֲדֹנֶיךָ לֶחֶם וַאֲכָלוֹ וּמְפִיבֹשֶׁת בֶּן־
אֲדֹנֶיךָ יֹאכַל תָּמִיד לֶחֶם עַל־שֻׁלְחָנִי וּלְצִיבָא חֲמִשָּׁה עָשָׂר
11 בָּנִים וְעֶשְׂרִים עֲבָדִים׃ וַיֹּאמֶר צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ כְּכֹל אֲשֶׁר
יְצַוֶּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶת־עַבְדּוֹ כֵּן יַעֲשֶׂה עַבְדֶּךָ וּמְפִיבֹשֶׁת
12 אֹכֵל עַל־שֻׁלְחָנִי כְּאַחַד מִבְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וְלִמְפִיבֹשֶׁת בֵּן־קָטָן
וּשְׁמוֹ מִיכָא וְכֹל מוֹשַׁב בֵּית־צִיבָא עֲבָדִים לִמְפִיבֹשֶׁת׃
13 וּמְפִיבֹשֶׁת יֹשֵׁב בִּירוּשָׁלִַם כִּי עַל־שֻׁלְחַן הַמֶּלֶךְ תָּמִיד הוּא
אֹכֵל וְהוּא פִּסֵּחַ שְׁתֵּי רַגְלָיו׃

## CAP. X. י

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיָּמָת מֶלֶךְ בְּנֵי עַמּוֹן וַיִּמְלֹךְ חָנוּן בְּנוֹ
2 תַּחְתָּיו׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶעֱשֶׂה־חֶסֶד ׀ עִם־חָנוּן בֶּן־נָחָשׁ
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה אָבִיו עִמָּדִי חֶסֶד וַיִּשְׁלַח דָּוִד לְנַחֲמוֹ בְּיַד־
3 עֲבָדָיו אֶל־אָבִיו וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי דָוִד אֶרֶץ בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמְרוּ
שָׂרֵי בְנֵי־עַמּוֹן אֶל־חָנוּן אֲדֹנֵיהֶם הַמְכַבֵּד דָּוִד אֶת־אָבִיךָ
בְּעֵינֶיךָ כִּי־שָׁלַח לְךָ מְנַחֲמִים הֲלוֹא בַּעֲבוּר חֲקֹר אֶת־
הָעִיר וּלְרַגְּלָהּ וּלְהָפְכָהּ שָׁלַח דָּוִד אֶת־עֲבָדָיו אֵלֶיךָ׃
4 וַיִּקַּח חָנוּן אֶת־עַבְדֵי דָוִד וַיְגַלַּח אֶת־חֲצִי זְקָנָם וַיִּכְרֹת
ה אֶת־מַדְוֵיהֶם בַּחֵצִי עַד־שְׁתוֹתֵיהֶם וַיְשַׁלְּחֵם׃ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד
וַיִּשְׁלַח לִקְרָאתָם כִּי־הָיוּ הָאֲנָשִׁים נִכְלָמִים מְאֹד וַיֹּאמֶר
6 הַמֶּלֶךְ שְׁבוּ בִירֵחוֹ עַד־יְצַמַּח זְקַנְכֶם וְשַׁבְתֶּם׃ וַיִּרְאוּ
בְּנֵי עַמּוֹן כִּי נִבְאֲשׁוּ בְּדָוִד וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־עַמּוֹן וַיִּשְׂכְּרוּ
אֶת־אֲרַם בֵּית־רְחוֹב וְאֶת־אֲרַם צוֹבָא עֶשְׂרִים אֶלֶף רַגְלִי
וְאֶת־מֶלֶךְ מַעֲכָה אֶלֶף אִישׁ וְאִישׁ טוֹב שְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף
7 אִישׁ׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד וַיִּשְׁלַח אֶת־יוֹאָב וְאֵת כָּל־הַצָּבָא

הגבורים

ט v. 12. דכ׳ בצרי · י v. 3. כ״א דארץ

8 און ער האָט זיך געבוקט, און ער האָט געזאָגט : וואָס איז דיין קנעכט,
דאָס דו קעהרסט זיך צו אַזאַ טוידטען הונד ווי איך בין ?
9 און דער קעניג האָט גערופען צו ציבא דעם יונג פון שאול, און ער האָט צו
איהם געזאָגט : אַלעס וואָס האָט געהערט צו שאול און צו זיין גאַנצע
הויזגעזינד האָב איך געגעבען צו דעם זוהן פון דיין הערר.
10 און דו זאָלסט בעאַרבייטען פאַר איהם דאָס לאַנד, דו, און דיינע זיהן
און דיינע קנעכט, און דו וועסט אריינברענגען (די תבואה), און עס וועט
זיין פאַר דעם זוהן פון דיין הערר שפּייז און ער וועט עס עסען. אָבער
מפיבשת דער זוהן פון דיין הערר זאָל שטענדיג עסען ברויט ביי מיין
טיש — און ציבא האָט געהאַט פופצעהן זיהן און צוואַנציג קנעכט.
11 און ציבא האָט געזאָגט צו דעם קעניג : נאָך אַלעס אַזוי ווי מיין הערר
דער קעניג וועט בעפעהלען צו זיין קנעכט, אַזוי וועט דיין קנעכט טהאָן.
(און דוד האָט געזאָגט :) אָבער מפיבשת זאָל עסען ביי מיין טיש ווי
איינער פון דעם קעניג׳ס זיהן.
12 און מפיבשת האָט געהאַט אַ קליינעם זוהן, און זיין נאָמען איז געווען
מיכא. און די אַלע הויזלייט פון ציבא זיינען געווען קנעכט צו מפיבשת.
13 און מפיבשת האָט (פון יעצט אָן) געוואָהנט אין ירושלים, דען ער האָט
געגעסען שטענדיג ביי דעם טיש פון דעם קעניג ; ער איז אָבער געווען
הינקעדיג אויף ביידע פיס.

## קאַפּיטעל י

1 און עס איז געווען נאָכדעם, איז דער קעניג פון די זיהן פון עמון גע־
שטאָרבען, און חנון זיין זוהן האָט רעגיערט נאָך איהם.
2 און דוד האָט געזאָגט : איך וועל טהאָן גנאָד מיט חנון דעם זוהן פון
נחש, אַזוי ווי זיין פאָטער האָט מיט מיר גנאָד געטהאָן ; און דוד האָט
געשיקט דורך זיינע קנעכט איהם צו טרייסטען וועגען זיין פאָטער, און
דוד׳ס קנעכט זיינען געקומען צו דעם לאַנד פון די זיהן פון עמון.
3 און די פירסטען פון די זיהן פון עמון האָבען געזאָגט צו חנון זייער הערר :
מיינסטו דאָס דוד עהרט דיין פאָטער אין דיינע אויגען, דאָס ער האָט צו
דיר געשיקט טרייסטער ? געוויס, נאָר אום אויסצופאָרשען די שטאָדט,
און נאָכזעהען איהר, און איהר איבערצוקעהרען האָט דוד געשיקט זיינע
קנעכט צו דיר.
4 און חנון האָט גענומען די קנעכט פון דוד און ער האָט אָבגעגאָלט די
העלפט פון זייערע בערד, און ער האָט אָבגעשניטען זייערע קליידער ביז
אין די העלפט, און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט.
5 און מען האָט עס אָנגעזאָגט צו דוד, און ער האָט געשיקט (לייטע) זיי
צו בעגעגענען, דען די מענער זיינען געווען זעהר פערשעהמט, און דער
קעניג האָט געזאָגט : בלייבט אין יריחו ביז אייער באָרד וועט אָבוואַק־
סען, און דערנאָך וועט איהר צוריקקעהרען.
6 און די זיהן פון עמון האָבען געזעהען אַז זיי זיינען פערהאַסט געוואָרען ביי
דוד, און די זיהן פון עמון האָבען געשיקט און געדונגען די ארם פון בית
רחוב און ארם צובא, צוואַנציג טויזענד פוסגעהער, און פון דעם קעניג
פון מעכה טויזענד מאַן, און פון די מענער פון טוב צוועלף טויזענד מאַן.
7 און דוד האָט עס געהערט, און ער האָט געשיקט יואב, און די גאַנצע
אַרמעע, די העלדען.

8 הַגִּבֹּרִים׃ וַיֵּצְאוּ בְּנֵי עַמּוֹן וַיַּעַרְכוּ מִלְחָמָה פֶּתַח הַשָּׁעַר
וַאֲרַם צוֹבָא וּרְחוֹב וְאִישׁ־טוֹב וּמַעֲכָה לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה׃
9 וַיַּרְא יוֹאָב כִּי־הָיְתָה אֵלָיו פְּנֵי הַמִּלְחָמָה מִפָּנִים וּמֵאָחוֹר
י וַיִּבְחַר מִכֹּל בְּחוּרֵי בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּעֲרֹךְ לִקְרַאת אֲרָם׃ וְאֵת
יֶתֶר הָעָם נָתַן בְּיַד אַבְשַׁי אָחִיו וַיַּעֲרֹךְ לִקְרַאת בְּנֵי עַמּוֹן׃
11 וַיֹּאמֶר אִם־תֶּחֱזַק אֲרָם מִמֶּנִּי וְהָיְתָה לִּי לִישׁוּעָה וְאִם־
12 בְּנֵי עַמּוֹן יֶחֶזְקוּ מִמְּךָ וְהָלַכְתִּי לְהוֹשִׁיעַ לָךְ׃ חֲזַק וְנִתְחַזַּק
בְּעַד עַמֵּנוּ וּבְעַד עָרֵי אֱלֹהֵינוּ וַיהוָה יַעֲשֶׂה הַטּוֹב בְּעֵינָיו׃
13 וַיִּגַּשׁ יוֹאָב וְהָעָם אֲשֶׁר עִמּוֹ לַמִּלְחָמָה בַּאֲרָם וַיָּנֻסוּ
14 מִפָּנָיו׃ וּבְנֵי עַמּוֹן רָאוּ כִּי־נָס אֲרָם וַיָּנֻסוּ מִפְּנֵי אֲבִישַׁי
וַיָּבֹאוּ הָעִיר וַיָּשָׁב יוֹאָב מֵעַל בְּנֵי עַמּוֹן וַיָּבֹא יְרוּשָׁלִָם׃
טו 16 וַיַּרְא אֲרָם כִּי נִגַּף לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּאָסְפוּ יָחַד׃ וַיִּשְׁלַח
הֲדַרְעֶזֶר וַיֹּצֵא אֶת־אֲרָם אֲשֶׁר מֵעֵבֶר הַנָּהָר וַיָּבֹאוּ
17 חֵילָם וְשׁוֹבַךְ שַׂר־צְבָא הֲדַרְעֶזֶר לִפְנֵיהֶם׃ וַיֻּגַּד לְדָוִד
וַיֶּאֱסֹף אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן וַיָּבֹא חֵלָאמָה
18 וַיַּעַרְכוּ אֲרָם לִקְרַאת דָּוִד וַיִּלָּחֲמוּ עִמּוֹ׃ וַיָּנָס אֲרָם
מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּהֲרֹג דָּוִד מֵאֲרָם שְׁבַע מֵאוֹת רֶכֶב וְאַרְבָּעִים
אֶלֶף פָּרָשִׁים וְאֵת שׁוֹבַךְ שַׂר־צְבָאוֹ הִכָּה וַיָּמָת שָׁם׃
19 וַיִּרְאוּ כָל־הַמְּלָכִים עַבְדֵי הֲדַרְעֶזֶר כִּי נִגְּפוּ לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל
וַיַּשְׁלִמוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיַּעַבְדוּם וַיִּרְאוּ אֲרָם לְהוֹשִׁיעַ עוֹד
אֶת־בְּנֵי עַמּוֹן׃

## יא Cap. XI. יא

א וַיְהִי לִתְשׁוּבַת הַשָּׁנָה לְעֵת צֵאת הַמְּלָאכִים וַיִּשְׁלַח
דָּוִד אֶת־יוֹאָב וְאֶת־עֲבָדָיו עִמּוֹ וְאֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּשְׁחִתוּ
אֶת־בְּנֵי עַמּוֹן וַיָּצֻרוּ עַל־רַבָּה וְדָוִד יוֹשֵׁב בִּירוּשָׁלִָם׃
2 וַיְהִי לְעֵת הָעֶרֶב וַיָּקָם דָּוִד מֵעַל מִשְׁכָּבוֹ וַיִּתְהַלֵּךְ עַל־
גַּג בֵּית־הַמֶּלֶךְ וַיַּרְא אִשָּׁה רֹחֶצֶת מֵעַל הַגָּג וְהָאִשָּׁה טוֹבַת
מַרְאֶה

י v. 9. ישראל ק׳   v. 17. יתיר א׳   י״א v. 1. ~ יתיר א׳

8 און די זיהן פון עמון זיינען ארויסגעגאַנגען און זיי האָבען אָנגעברייט די
מלחמה ביי דעם אַריינגאַנג פון דעם טהויער (פון זייער שטאָדט רבה).
און ארם צובאָ, און רחוב און די מענער פון טוב און מעכה זיינען אַליין
געווען אויף דעם פעלד.
9 און ווען יואָב האָט געזעהען אַז דאָס אָנגעזיכט פון דעם שטרייט איז קעג־
גען איהם פון פאָרענט און פון הינטען, האָט ער אויסערוועהלט פון אַלע
אויסגעקליבענע (חעלדען) פון ישראל, און ער האָט זיך אָנגעריכט קעגען
ארם.
10 און דאָס איבעריגע פון דאָס פאָלק האָט ער איבערגעגעבען אין די האַנד פון
אבישי זיין ברודער, און ער האָט זיך אָנגעריכט קעגען די זיהן פון עמון.
11 און ער (יואָב) האָט געזאָגט: אויב ארם וועט שטאַרקער זיין פון מיר
וועסטו מיר העלפען, און אויב די זיהן פון עמון וועלען שטאַרקער זיין
פון דיר וועל איך קומען דיר העלפען.
12 שטאַרק זיך, און לאָמיר זיך שטאַרקען וועגען אונזער פאָלק און וועגען
די שטעדט פון אונזער גאָט, און לאָז גאָט טהאָן וואָס עס איז גוט אין
זיינע אויגען.
13 און יואָב האָט גענעהענט מיט דאָס פאָלק וואָס איז מיט איהם געווען
צו דער מלחמה קעגען ארם, און זיי זיינען פאַר איהם אַנטלאָפען.
14 און די זיהן פון עמון האָבען געזעהען דאָס ארם איז אַנטלאָפען, זיינען
זיי אויך אַנטלאָפען געוואָרען פון פאַר אבישי און זיי זיינען אריין אין
שטאָדט. און יואָב האָט צוריקגעקעהרט פון די זיהן פון עמון און ער איז
געקומען אין ירושלים.
15 און ארם האָט געזעהען אַז ער איז געשלאָגען געוואָרען פאַר ישראל, האָבען
זיי זיך פערזאַמעלט צוזאַמען.
16 און הדדעזר האָט געשיקט און ער האָט אַרויסגעבראַכט די ארם וואָס איז
אויף דער אַנדער זייט פון דעם טייך (פרת) און זיי זיינען געקומען נאָך
חילם, און שובך דער הויפּטמאַן פון דער אַרמעע פון הדדעזר איז געווען
זייער אָנפיהרער.
17 און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו דוד, און ער האָט פערזאַמעלט גאַנץ
ישראל, און ער איז אַריבערגעגאַנגען איבער דעם ירדן און ער איז גע־
קומען נאָך חילם, און די ארם האָבען זיך אָנגעברייט קעגען דוד, און זיי
האָבען מיט איהם געשטריטען.
18 און ארם איז אַנטלאָפען פאַר ישראל, און דוד האָט ערשלאָגען פון ארם
זיעבען הונדערט (מאַן פון די) רייטוואגען און פערציג טויזענד רייטער,
שובך זיין הויפּטמאַן האָט ער ערשלאָגען, און ער איז דאָרט געשטאָרבען.
19 און די אַלע קעניגע, די קנעכט פון הדדעזר האָבען געזעהען דאָס זיי זיינען
געשלאָגען געוואָרען פאַר ישראל, האָבען זיי פריעדען געשלאָסען מיט
ישראל און זיי האָבען זיי געדיענט, און די ארם האָבען געפירכטעט צו
העלפען מעהר די זיהן פון עמון.

## קאַפּיטעל יא

1 און עס איז געווען אין אַ יאָהר אַרום, צו דער צייט ווען די קעניגע געהן
אַרויס (צו מלחמה), האָט דוד געשיקט יואב און זיינע קנעכט מיט איהם
און גאַנץ ישראל, און זיי האָבען פערדאָרבען די זיהן פון עמון, און זיי האָ־
בען בעלאַגערט רבה. און דוד אָבער איז געזעסען אין ירושלים.
2 און עס איז געווען צו דער אבענדצייט, און דוד איז אויפגעשטאַנען פון
זיין געלעגער, און ער איז אַרומגעגאַנגען אויף דעם דאַך פון דעם קעניגלי־
כען הויז, און ער האָט געזעהען פון דעם דאַך אַז אַ פרוי האָט זיך געוואַ־
שען, און די פרוי איז געווען זעהר שעהן.

3 מַרְאֶה מְאֹד׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיִּדְרֹשׁ לָאִשָּׁה וַיֹּאמֶר הֲלוֹא־
4 זֹאת בַּת־שֶׁבַע בַּת־אֱלִיעָם אֵשֶׁת אוּרִיָּה הַחִתִּי׃ וַיִּשְׁלַח
דָּוִד מַלְאָכִים וַיִּקָּחֶהָ וַתָּבוֹא אֵלָיו וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ וְהִיא
ה מִתְקַדֶּשֶׁת מִטֻּמְאָתָהּ וַתָּשָׁב אֶל־בֵּיתָהּ׃ וַתַּהַר הָאִשָּׁה
6 וַתִּשְׁלַח וַתַּגֵּד לְדָוִד וַתֹּאמֶר הָרָה אָנֹכִי׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד אֶל־
יוֹאָב שְׁלַח אֵלַי אֶת־אוּרִיָּה הַחִתִּי וַיִּשְׁלַח יוֹאָב אֶת־אוּרִיָּה
7 אֶל־דָּוִד׃ וַיָּבֹא אוּרִיָּה אֵלָיו וַיִּשְׁאַל דָּוִד לִשְׁלוֹם יוֹאָב
8 וְלִשְׁלוֹם הָעָם וְלִשְׁלוֹם הַמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לְאוּרִיָּה
רֵד לְבֵיתְךָ וּרְחַץ רַגְלֶיךָ וַיֵּצֵא אוּרִיָּה מִבֵּית הַמֶּלֶךְ וַתֵּצֵא
9 אַחֲרָיו מַשְׂאַת הַמֶּלֶךְ׃ וַיִּשְׁכַּב אוּרִיָּה פֶּתַח בֵּית הַמֶּלֶךְ
י אֵת כָּל־עַבְדֵי אֲדֹנָיו וְלֹא יָרַד אֶל־בֵּיתוֹ׃ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד
לֵאמֹר לֹא־יָרַד אוּרִיָּה אֶל־בֵּיתוֹ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אוּרִיָּה
11 הֲלוֹא מִדֶּרֶךְ אַתָּה בָא מַדּוּעַ לֹא־יָרַדְתָּ אֶל־בֵּיתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר
אוּרִיָּה אֶל־דָּוִד הָאָרוֹן וְיִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה יֹשְׁבִים בַּסֻּכּוֹת
וַאדֹנִי יוֹאָב וְעַבְדֵי אֲדֹנִי עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה חֹנִים וַאֲנִי אָבוֹא
אֶל־בֵּיתִי לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׁכַּב עִם־אִשְׁתִּי חַיֶּךָ וְחֵי
12 נַפְשֶׁךָ אִם־אֶעֱשֶׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־
אוּרִיָּה שֵׁב בָּזֶה גַּם־הַיּוֹם וּמָחָר אֲשַׁלְּחֶךָּ וַיֵּשֶׁב אוּרִיָּה
13 בִירוּשָׁלִַם בַּיּוֹם הַהוּא וּמִמָּחֳרָת׃ וַיִּקְרָא־לוֹ דָוִד וַיֹּאכַל
לְפָנָיו וַיֵּשְׁתְּ וַיְשַׁכְּרֵהוּ וַיֵּצֵא בָעֶרֶב לִשְׁכַּב בְּמִשְׁכָּבוֹ עִם־
14 עַבְדֵי אֲדֹנָיו וְאֶל־בֵּיתוֹ לֹא יָרָד׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיִּכְתֹּב דָּוִד סֵפֶר
טו אֶל־יוֹאָב וַיִּשְׁלַח בְּיַד אוּרִיָּה׃ וַיִּכְתֹּב בַּסֵּפֶר לֵאמֹר הָבוּ
אֶת־אוּרִיָּה אֶל־מוּל פְּנֵי הַמִּלְחָמָה הַחֲזָקָה וְשַׁבְתֶּם מֵאַחֲרָיו
16 וְנִכָּה וָמֵת׃ וַיְהִי בִּשְׁמוֹר יוֹאָב אֶל־הָעִיר וַיִּתֵּן אֶת־אוּרִיָּה
17 אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יָדַע כִּי אַנְשֵׁי־חַיִל שָׁם׃ וַיֵּצְאוּ אַנְשֵׁי
הָעִיר וַיִּלָּחֲמוּ אֶת־יוֹאָב וַיִּפֹּל מִן־הָעָם מֵעַבְדֵי דָוִד וַיָּמָת
18 גַּם אוּרִיָּה הַחִתִּי׃ וַיִּשְׁלַח יוֹאָב וַיַּגֵּד לְדָוִד אֶת כָּל־דִּבְרֵי

המלחמה

v. 11. חסר

3 און דוד האָט געשיקט און האָט נאָכגעפרעגט וועגען דער פרוי, און מען
האָט געזאָגט: דאָס איז דאָך בת שבע די טאָכטער פון אליעם, דאָס
ווייב פון אוריה דעם חתי.
4 און דוד האָט געשיקט שלוחים און ער האָט איהר געלאָזט ברענגען און
זי איז געקומען צו איהם, און ער איז מיט איהר געווען, און (דאַן)
האָט זי זיך גערייניגט פון איהר אונריינקייט, און זי האָט צוריקגעקעהרט
צו איהר הויז.
5 און דאָס ווייב איז שוואַנגער געוואָרען, און זי האָט געשיקט און האָט עס
געלאָזט זאָגען צו דוד, און זי האָט געזאָגט: איך בין שוואַנגער.
6 און דוד האָט געשיקט צו יואָב (אַ בעפעהל): שיק צו מיר אוריה דעם
חתי, און יואָב האָט געשיקט אוריה צו דוד.
7 און אוריה איז געקומען צו איהם, און דוד האָט געפרעגט וועגען דעם פריע־
דען פון יואָב און וועגען דעם פריעדען פון דעם פאָלק, און ווי עס האַלט
מיט דער מלחמה.
8 און דוד האָט געזאָגט צו אוריה: געה אַראָפּ צו דיין הויז, און וואַש דיינע
פיס, און אוריה איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם קעניג׳ס הויז, און הינטער
איהם איז נאָכגעגאַנגען אַ געשאַנק פון קעניג.
9 און אוריה האָט זיך געלעגט ביי דעם איינגאַנג פון דעם קעניג׳ס הויז,
מיט די אַלע קנעכט פון זיין הערר, אָבער צו זיין הויז איז ער ניט אַראָפּ־
געגאַנגען.
10 און מען האָט געזאָגט צו דוד, אַזוי: אוריה איז ניט אַראָפּגעגאַנגען צו
זיין הויז, און דוד האָט געזאָגט צו אוריה: דו קומסט דאָך פון וועג, און
וואָרום ביזטו ניט אַראָפּגעגאַנגען צו דיין הויז?
11 און אוריה האָט געזאָגט צו דוד: דער ארון, און ישראל און יהודה האַל־
טען זיך (יעצט) אין ביידליך, און מיין הערר יואָב, און די קנעכט פון
מיין הערר לאַגערען אויף דעם הוילען פעלד, און איך אַליין זאָל געהן צו
מיין הויז צו עסען און צו טרינקען און זיין מיט מיין ווייב? ביי
דיין לעבען און ביי דעם לעבען פון דיין זעעל (שווער איך), דאָס איך וועל
ניט טהאָן די דאָזיגע זאַך.
12 און דוד האָט געזאָגט צו אוריה: בלייב דאָך היינט אויך דאָ, און מאָר־
גען וועל איך דיך אוועקשיקען, אַזוי איז אוריה געבליעבען אין ירושלים
אין דעם זעלבען טאָג און דעם אַנדער טאָג.
13 און דוד האָט איהם גערופען און ער האָט ביי איהם געגעסען און געטרונ־
קען, און ער האָט איהם געמאַכט בעטרונקען, און ער איז אַרויסגעגאַנגען
אין אָבענד זיך צו לעגען אויף זיין געלעגער מיט די קנעכט פון זיין הערר,
אָבער צו זיין הויז איז ער ניט אַראָפּגעגאַנגען.
14 און עס איז געווען אין דער פריה, האָט דוד געשריעבען אַ בריעף צו יואָב,
און ער האָט איהם געשיקט דורך אוריה.
15 און ער האָט אין דעם בריעף געשריעבען, אַזוי: שטעלט אוריה קעגען
איבער וואו די מלחמה איז אַם שטאַרקסטען, און איהר זאָלט אייך צוריק־
קעהרען פון הינטער איהם און ער וועט געשלאָגען ווערען און ער וועט
שטאַרבען.
16 און עס איז געווען ווען יואָב האָט בעוואַכט די שטאָדט, האָט ער געשטעלט
אוריה ביי דעם אָרט וואָס ער האָט געוואוסט אַז מענער העלדען זיינען
דאָרט (פון דעם שונא).
17 און די מענער פון דער שטאָדט זיינען אַרויסגעגאַנגען און האָבען גע־
שטריטען מיט יואָב, און פון דעם פאָלק פון די קנעכט פון דוד זיינען גע־
פאַלען, און אויך אוריה דער חתי איז געשטאָרבען.

הַמִּלְחָמָה׃ וַיְצַו אֶת־הַמַּלְאָךְ לֵאמֹר כְּכַלּוֹתְךָ אֵת כָּל־ 19
דִּבְרֵי הַמִּלְחָמָה לְדַבֵּר אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וְהָיָה אִם־תַּעֲלֶה כ
חֲמַת הַמֶּלֶךְ וְאָמַר לְךָ מַדּוּעַ נִגַּשְׁתֶּם אֶל־הָעִיר לְהִלָּחֵם
הֲלוֹא יְדַעְתֶּם אֵת אֲשֶׁר־יֹרוּ מֵעַל הַחוֹמָה׃ מִי־הִכָּה אֶת־ 21
אֲבִימֶלֶךְ בֶּן־יְרֻבֶּשֶׁת הֲלוֹא אִשָּׁה הִשְׁלִיכָה עָלָיו פֶּלַח
רֶכֶב מֵעַל הַחוֹמָה וַיָּמָת בְּתֵבֵץ לָמָּה נִגַּשְׁתֶּם אֶל־הַחוֹמָה
וְאָמַרְתָּ גַּם עַבְדְּךָ אוּרִיָּה הַחִתִּי מֵת׃ וַיֵּלֶךְ הַמַּלְאָךְ וַיָּבֹא 22
וַיַּגֵּד לְדָוִד אֵת כָּל־אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ יוֹאָב׃ וַיֹּאמֶר הַמַּלְאָךְ אֶל־ 23
דָּוִד כִּי־גָבְרוּ עָלֵינוּ הָאֲנָשִׁים וַיֵּצְאוּ אֵלֵינוּ הַשָּׂדֶה וַנִּהְיֶה
עֲלֵיהֶם עַד־פֶּתַח הַשָּׁעַר׃ וַיֹּרְאוּ הַמּוֹרְאִים אֶל־עֲבָדֶיךָ 24
מֵעַל הַחוֹמָה וַיָּמוּתוּ מֵעַבְדֵי הַמֶּלֶךְ וְגַם עַבְדְּךָ אוּרִיָּה
הַחִתִּי מֵת׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַמַּלְאָךְ כֹּה־תֹאמַר אֶל־יוֹאָב כה
אַל־יֵרַע בְּעֵינֶיךָ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כִּי־כָזֹה וְכָזֶה תֹּאכַל
הֶחָרֶב הַחֲזֵק מִלְחַמְתְּךָ אֶל־הָעִיר וְהָרְסָהּ וְחַזְּקֵהוּ׃
וַתִּשְׁמַע אֵשֶׁת אוּרִיָּה כִּי־מֵת אוּרִיָּה אִישָׁהּ וַתִּסְפֹּד עַל־ 26
בַּעְלָהּ׃ וַיַּעֲבֹר הָאֵבֶל וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיַּאַסְפָהּ אֶל־בֵּיתוֹ 27
וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ בֵּן וַיֵּרַע הַדָּבָר אֲשֶׁר־עָשָׂה דָוִד
בְּעֵינֵי יְהֹוָה׃

## יב CAP. XII. יב

וַיִּשְׁלַח יְהֹוָה אֶת־נָתָן אֶל־דָּוִד וַיָּבֹא אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ שְׁנֵי א
אֲנָשִׁים הָיוּ בְּעִיר אֶחָת אֶחָד עָשִׁיר וְאֶחָד רָאשׁ׃ לְעָשִׁיר 2
הָיָה צֹאן וּבָקָר הַרְבֵּה מְאֹד׃ וְלָרָשׁ אֵין־כֹּל כִּי אִם־ 3
כִּבְשָׂה אַחַת קְטַנָּה אֲשֶׁר קָנָה וַיְחַיֶּהָ וַתִּגְדַּל עִמּוֹ וְעִם־
בָּנָיו יַחְדָּו מִפִּתּוֹ תֹאכַל וּמִכֹּסוֹ תִשְׁתֶּה וּבְחֵיקוֹ תִשְׁכָּב
וַתְּהִי־לוֹ כְּבַת׃ וַיָּבֹא הֵלֶךְ לְאִישׁ הֶעָשִׁיר וַיַּחְמֹל לָקַחַת 4
מִצֹּאנוֹ וּמִבְּקָרוֹ לַעֲשׂוֹת לָאֹרֵחַ הַבָּא לוֹ וַיִּקַּח אֶת־כִּבְשַׂת
הָאִישׁ הָרָאשׁ וַיַּעֲשֶׂהָ לָאִישׁ הַבָּא אֵלָיו׃ וַיִּחַר־אַף דָּוִד ה

באיש

ח״א v. 24. יתיר א׳ ibid. יתיר א׳ ח״ב v. 1. יתיר א׳ v. 3. קמץ בז״ק v. 4. יתיר א׳

18 און יואָב האָט געשיקט און האָט געלאָזט אָנזאָגן צו דוד די אַלע פּאַסי־
רונגען פון דעם קריעג.
19 און ער האָט געבאָטען דעם שליח אַזוי צו זאָגען: ווען דו וועסט ענדיגען
צו ריידען צו דעם קעניג וועגען די אַלע פּאַסירונגען פון דעם קריעג.
20 און עס וועט זיין, אַז אויב דעם קעניג'ס צאָרן וועט אויפגעהען, און ער
וועט צו דיר זאָגען: וואָרום זייט איהר געגאַנגען אַזוי נאָהענט צו דער
שטאָדט צו שטרייטען? האָט איהר דען ניט געוואוסט דאָס מען שיסט
פון דעם מויער?
21 ווער האָט געשלאָגען אבימלך דעם זוהן פון ירבשת? האָט דען ניט אַ
פרוי געוואָרפען אויף איהם אַ האַלבען מילשטיין פון די מויער, און ער
איז געשטאָרבען אין תבץ? פאַר וואָס האָט איהר גענעהנט ביז צו דעם
מויער? זאָלסטו זאָגען: אויך דיין קנעכט אוריה דער חתי איז גע־
שטאָרבען.
22 און דער שליח איז געגאַנגען, און ער איז געקומען און ער האָט געזאָגט
צו דוד אַלעס וואָס יואָב האָט איהם געשיקט.
23 און דער שליח האָט געזאָגט צו דוד: דען די לייט האָבען זיך איבער
אונז געשטאַרקט, און זיי זיינען קעגען אונז אַרויסגעגאַנגען אויף דעם
פעלד, און מיר האָבען געיאָגט נאָך זיי ביז צו דעם אַריינגאַנג פון דעם
טהויער.
24 און די שיסער האָבען געשאָסען אויף דיינע קנעכט פון דער מויער, און
עס זיינען געשטאָרבען (איינינגע) פון דעם קעניג'ס קנעכט, און אויך דיין
קנעכט אוריה דער חתי איז געשטאָרבען.
25 און דוד האָט געזאָגט צו דעם שליח: אַזוי זאָלסטו זאָגען צו יואָב:
לאָז די דאָזיגע זאַך ניט איבעל זיין אין דיינע אויגען, דען נאָך אַ מאָל
אַזוי פיעל, און נאָך אַ מאָל אַזוי פיעל פערצעהרט די שווערד (אין מלחמה),
פערשטאַרק דיין שטרייט קעגען דער שטאָדט און צושטער איהר, און ער־
מוטהיג איהם (יואָב'ן) דער צו.
26 און אוריה'ס ווייב האָט געהערט, אַז איהר מאַן אוריה איז טוידט, האָט
זי געקלאָגט אויף איהר מאַן.
27 און ווען די טרויער צייט איז פאַראיבער געגאַנגען, האָט דוד געשיקט
און ער האָט איהר אַריינגעבראַכט צו זיין הויז, און זי איז געוואָרען זיין
ווייב, און זי האָט איהם געבאָרען אַ זוהן; אָבער די זאַך וואָס דוד
האָט געטהאָן איז געווען שלעכט אין די אויגען פון גאָט.

## קאַפּיטעל יב

1 און גאָט האָט געשיקט נתן צו דוד, און ער איז צו איהם געקומען און ער
האָט צו איהם געזאָגט: עס זיינען געווען צוויי מענשען אין איין שטאָדט,
איינער איז געווען רייך און איינער אָרעם.
2 דער רייכער האָט געהאַט שאָף און רינדער, זעהר פיעל.
3 און דער אָרעמער האָט גאָר ניט געהאַט, נייערט איין קליין שעפּעלע וואָס
ער האָט געקויפט, און ער האָט עס געהאָדעוועט, און עס איז מיט איהם
אויפגעוואַקסען און מיט זיינע קינדער צוזאַמען, פון זיין ברויט פלעגט
עס עסען און פון זיין בעכער פלעגט עס טרינקען, און אין זיין שויס
פלעגט עס ליעגען, און עס איז צו איהם געווען ווי אַ טאָכטער.
4 און אַ וואַנדערער איז געקומען צו דעם רייכען מאַן, און ער האָט געזאַלע־
וועט צו נעהמען פון זיינע שאָף און פון זיינע רינדער צו מאַכען (אַ מאָהל־
צייט) פאַר דעם גאַסט וואָס איז געקומען צו איהם, נאָר ער האָט גענומען
דאָס שעפּעלע פון דעם אָרעמאַן, און ער האָט עס געמאַכט (אַ מאָהלצייט)
פאַר דעם מאַן וואָס איז צו איהם געקומען.

בָּאִישׁ מְאֹד וַיֹּאמֶר אֶל־נָתָן חַי־יְהוָה כִּי בֶן־מָוֶת הָאִישׁ
6 הָעֹשֶׂה זֹאת׃ וְאֶת־הַכִּבְשָׂה יְשַׁלֵּם אַרְבַּעְתָּיִם עֵקֶב אֲשֶׁר
7 עָשָׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְעַל אֲשֶׁר לֹא־חָמָל׃ וַיֹּאמֶר
נָתָן אֶל־דָּוִד אַתָּה הָאִישׁ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אָנֹכִי מְשַׁחְתִּיךָ לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל וְאָנֹכִי הִצַּלְתִּיךָ מִיַּד
8 שָׁאוּל׃ וָאֶתְּנָה לְךָ אֶת־בֵּית אֲדֹנֶיךָ וְאֶת־נְשֵׁי אֲדֹנֶיךָ בְּחֵיקֶךָ
וָאֶתְּנָה לְךָ אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה וְאִם־מְעָט וְאֹסִפָה
9 לְּךָ כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה׃ מַדּוּעַ בָּזִיתָ ׀ אֶת־דְּבַר יְהוָה לַעֲשׂוֹת
הָרַע בְּעֵינָו אֵת אוּרִיָּה הַחִתִּי הִכִּיתָ בַחֶרֶב וְאֶת־אִשְׁתּוֹ
י לָקַחְתָּ לְּךָ לְאִשָּׁה וְאֹתוֹ הָרַגְתָּ בְּחֶרֶב בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְעַתָּה
לֹא־תָסוּר חֶרֶב מִבֵּיתְךָ עַד־עוֹלָם עֵקֶב כִּי בְזִתָנִי וַתִּקַּח
11 אֶת־אֵשֶׁת אוּרִיָּה הַחִתִּי לִהְיוֹת לְךָ לְאִשָּׁה׃ כֹּה ׀
אָמַר יְהוָה הִנְנִי מֵקִים עָלֶיךָ רָעָה מִבֵּיתֶךָ וְלָקַחְתִּי אֶת־
נָשֶׁיךָ לְעֵינֶיךָ וְנָתַתִּי לְרֵעֶיךָ וְשָׁכַב עִם־נָשֶׁיךָ לְעֵינֵי
12 הַשֶּׁמֶשׁ הַזֹּאת׃ כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ בַסָּתֶר וַאֲנִי אֶעֱשֶׂה אֶת־
13 הַדָּבָר הַזֶּה נֶגֶד כָּל־יִשְׂרָאֵל וְנֶגֶד הַשָּׁמֶשׁ׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־נָתָן חָטָאתִי לַיהוָה * וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־
14 דָּוִד גַּם־יְהוָה הֶעֱבִיר חַטָּאתְךָ לֹא תָמוּת׃ אֶפֶס כִּי־נִאֵץ
נִאַצְתָּ אֶת־אֹיְבֵי יְהוָה בַּדָּבָר הַזֶּה גַּם הַבֵּן הַיִּלּוֹד לְךָ
טו מוֹת יָמוּת׃ וַיֵּלֶךְ נָתָן אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּגֹּף יְהוָה אֶת־הַיֶּלֶד
16 אֲשֶׁר יָלְדָה אֵשֶׁת־אוּרִיָּה לְדָוִד וַיֵּאָנַשׁ׃ וַיְבַקֵּשׁ דָּוִד אֶת־
הָאֱלֹהִים בְּעַד הַנָּעַר וַיָּצָם דָּוִד צוֹם וּבָא וְלָן וְשָׁכַב
17 אָרְצָה׃ וַיָּקֻמוּ זִקְנֵי בֵיתוֹ עָלָיו לַהֲקִימוֹ מִן־הָאָרֶץ וְלֹא
18 אָבָה וְלֹא־בָרָא אִתָּם לָחֶם׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיָּמָת
הַיָּלֶד וַיִּרְאוּ עַבְדֵי דָוִד לְהַגִּיד לוֹ ׀ כִּי־מֵת הַיֶּלֶד כִּי
אָמְרוּ הִנֵּה בִהְיוֹת הַיֶּלֶד חַי דִּבַּרְנוּ אֵלָיו וְלֹא־שָׁמַע
19 בְּקוֹלֵנוּ וְאֵיךְ נֹאמַר אֵלָיו מֵת הַיֶּלֶד וְעָשָׂה רָעָה׃ וַיַּרְא

דוד

8. ᵛ קמץ בז״ק v. 9. בעיני ק׳ v. 13. פסקא באמצ״ע פסוק v. 15. הג׳ בפתח

5 און דוד'ס צאָרן האָט שטאַרק געגרימט קעגען דעם מאַן, און ער האָט גע־
זאָגט צו נתן: אַזוי ווי גאָט לעבט אַז דער מאַן וואָס האָט דאָס געטהאָן
פאַרדיענט דעם טוידט.
6 און פאַר דעם שעפּעלע זאָל ער בעצאָהלען פיער מאָל אַזוי פיעל, ווייל
ער האָט געטהאָן די דאָזיגע זאַך, און ווייל ער האָט זיך ניט דערבארעמט,
7 און נתן האָט געזאָגט צו דוד: דו ביזט עס דער מאַן, אַזוי האָט געזאָגט
גאָט, דער גאָט פון ישראל: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ קעניג אי־
בער ישראל, און איך האָב דיך גערעטעט פון דער האַנד פון שאול.
8 און איך האָב דיר געגעבען דאָס הויז פון דיין הערר, און די ווייבער פון
דיין הערר אין דיין שויס, און איך האָב דיר געגעבען דאָס הויז ישראל
און יהודה, און אויב דאָס איז נאָך (פאר דיר געווען) צו ווענינ, האָב
איך געקענט דיר צו לעגען נאָך אַזוי פיעל און נאָך אַזוי פיעל.
9 און וואָרום האָסטו פעראַכטעט דאָס וואָרט פון גאָט, צו טהאָן דאָס וואָס
איז שלעכט אין זיינע אויגען; אוריה דעם חתי האָסטו דערשלאָגען דורך
דעם שווערד און זיין ווייב האָסטו צו דיר גענומען פאַר אַ ווייב. און
איהם האָסטו אומגעבראַכט מיט דעם שווערד פון די זיהן פון עמון!
10 און יעצט זאָל דאָס שווערד ניט אָבגעטהאָן ווערען פון דיין הויז אויף
אייביג, ווייל דו האָסט מיך פעראַכטעט און דו האָסט גענומען דאָס
ווייב פון אוריה דעם חתי אַז זי זאָל זיין דיין ווייב.
11 אזוי זאָגט גאָט: זעה, איך וועל אויפשטעלען קעגען דיר בייזעס פון
דיין (אייגענעם) הויז, און איך וועל אַוועקנעהמען דיינע ווייבער פאַר
דיינע אויגען און איך וועל זיי איבערגעבען צו דיין פריינד, און ער וועט
זיין מיט דיינע ווייבער (עפענטליך) פאַר דעם שיין פון דיעזער זונן.
12 דען דו האָסט עס געטהאָן אין פערבאָרגענעם, אָבער איך וועל טהאָן די
דאָזיגע זאַך אין דער געגענוואַרט פון גאַנץ ישראל און אין דער געגענ־
וואַרט פון דער זונן.
13 און דוד האָט געזאָגט צו נתן: איך האָב געזינדיגט קעגען גאָט, און
נתן האָט געזאָגט צו דוד: אויך גאָט האָט פערגעבען דיין זינד; דו
וועסט ניט שטאַרבען.
14 נאָר ווייל דו האָסט שטאַרק ערצאָרנט די פיינד פון גאָט (דאָס מיינט:
גאָט) מיט די דאָזיגע זאַך, אַזוי זאָל אויך דער זוהן וואָס וועט צו דיר גע־
באָרען ווערען געוויס שטאַרבען.
15 און נתן איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין הויז. און גאָט האָט געפּלאַגט דאָס
קינד וואָס אוריה'ס ווייב האָט געבאָרען צו דוד, און עס איז געפעהרליך
קראַנק געוואָרען.
16 און דוד האָט גאָט געבעטען וועגען דעם יונג, און דוד האָט געפאַסט, און
ער איז געקומען פון דעם ארון צו הויז, און איז די גאַנצע נאַכט געלעגען
אויף דער ערד.
17 און די עלטסטע פון זיין הויז זיינען אויף איהם בעשטאַנען, איהם אויפ־
צושטעלען פון דער ערד, אָבער ער האָט ניט געוואָלט, און ער האָט ניט גע־
נאָסען מיט זיי קיין שפּייז.
18 און עס איז געווען אין דעם זיעבעטען טאָג, אַזוי איז דאָס קינד געשטאָר־
בען, און די קנעכט פון דוד האָבען געפירכטעט איהם אָנצוזאָגען אַז דאָס
קינד איז געשטאָרבען, דען זיי האָבען געטראַכט; זעה, ווען דאָס קינד
האָט געלעבט האָבען מיר צו איהם גערעדט און ער האָט ניט געהערט צו
אונזער שטים, און ווי זאָלען מיר (יעצט) צו איהם זאָגען: דאָס קינד
איז געשטאָרבען? און ער קען נאָך (זיך) עטוואָס שלעכטס טהאָן.
19 און דוד האָט געזעהען אַז זיינע קנעכט ריידען (איינער צום אַנדערען)
שטילערהייט, און דוד האָט פערשטאַנען אַז דאָס קינד איז געשטאָרבען.

דָּוִד כִּי עֲבָדָיו מִתְלַחֲשִׁים וַיָּבֶן דָּוִד כִּי־מֵת הַיָּלֶד וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־עֲבָדָיו הֲמֵת הַיֶּלֶד וַיֹּאמְרוּ מֵת׃ וַיָּקָם דָּוִד כ
מֵהָאָרֶץ וַיִּרְחַץ וַיָּסֶךְ וַיְחַלֵּף שִׂמְלֹתָו וַיָּבֹא בֵית־יְהוָה
וַיִּשְׁתָּחוּ וַיָּבֹא אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּשְׁאַל וַיָּשִׂימוּ לוֹ לֶחֶם וַיֹּאכַל׃
21 וַיֹּאמְרוּ עֲבָדָיו אֵלָיו מֶה הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָה
בַּעֲבוּר הַיֶּלֶד חַי צַמְתָּ וַתֵּבְךְּ וְכַאֲשֶׁר מֵת הַיֶּלֶד קַמְתָּ
22 וַתֹּאכַל לָחֶם׃ וַיֹּאמֶר בְּעוֹד הַיֶּלֶד חַי צַמְתִּי וָאֶבְכֶּה
23 כִּי אָמַרְתִּי מִי יוֹדֵעַ יְחָנַּנִי יְהוָה וְחַי הַיָּלֶד׃ וְעַתָּה ׀ מֵת
לָמָּה זֶּה אֲנִי צָם הַאוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ עוֹד אֲנִי הֹלֵךְ אֵלָיו
24 וְהוּא לֹא־יָשׁוּב אֵלָי׃ וַיְנַחֵם דָּוִד אֵת בַּת־שֶׁבַע אִשְׁתּוֹ
וַיָּבֹא אֵלֶיהָ וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ וַתֵּלֶד בֵּן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ
שְׁלֹמֹה וַיהוָה אֲהֵבוֹ׃ וַיִּשְׁלַח בְּיַד נָתָן הַנָּבִיא וַיִּקְרָא כה
26 אֶת־שְׁמוֹ יְדִידְיָהּ בַּעֲבוּר יְהוָה׃ וַיִּלָּחֶם יוֹאָב בְּרַבַּת
27 בְּנֵי עַמּוֹן וַיִּלְכֹּד אֶת־עִיר הַמְּלוּכָה׃ וַיִּשְׁלַח יוֹאָב
מַלְאָכִים אֶל־דָּוִד וַיֹּאמֶר נִלְחַמְתִּי בְרַבָּה גַּם־לָכַדְתִּי
28 אֶת־עִיר הַמָּיִם׃ וְעַתָּה אֱסֹף אֶת־יֶתֶר הָעָם וַחֲנֵה עַל־
הָעִיר וְלָכְדָהּ פֶּן־אֶלְכֹּד אֲנִי אֶת־הָעִיר וְנִקְרָא שְׁמִי עָלֶיהָ׃
29 וַיֶּאֱסֹף דָּוִד אֶת־כָּל־הָעָם וַיֵּלֶךְ רַבָּתָה וַיִּלָּחֶם בָּהּ וַיִּלְכְּדָהּ׃
וַיִּקַּח אֶת־עֲטֶרֶת מַלְכָּם מֵעַל רֹאשׁוֹ וּמִשְׁקָלָהּ כִּכַּר ל
זָהָב וְאֶבֶן יְקָרָה וַתְּהִי עַל־רֹאשׁ דָּוִד וּשְׁלַל הָעִיר הוֹצִיא
31 הַרְבֵּה מְאֹד׃ וְאֶת־הָעָם אֲשֶׁר־בָּהּ הוֹצִיא וַיָּשֶׂם בַּמְּגֵרָה
וּבַחֲרִצֵי הַבַּרְזֶל וּבְמַגְזְרֹת הַבַּרְזֶל וְהֶעֱבִיר אוֹתָם בַּמַּלְבֵּן
וְכֵן יַעֲשֶׂה לְכֹל עָרֵי בְנֵי־עַמּוֹן וַיָּשָׁב דָּוִד וְכָל־הָעָם
יְרוּשָׁלִָם׃

## CAP. XIII. יג

יג
וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וּלְאַבְשָׁלוֹם בֶּן־דָּוִד אָחוֹת יָפָה וּשְׁמָהּ א
תָּמָר וַיֶּאֱהָבֶהָ אַמְנוֹן בֶּן־דָּוִד׃ וַיֵּצֶר לְאַמְנוֹן לְהִתְחַלּוֹת 2

בעבור

ויב v. 20 שמלתיו קרי v. 22 וחנני קרי v. 24 ותקרא קרי v. 31 במלכן קרי

און דוד האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט איז דאָס קינד געשטאָרבען? און
זיי האָבען געזאָגט: עס איז געשטאָרבען.
20 און דוד איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד, און ער האָט זיך געוואַשען און
ער האָט זיך געזאַלבט, און ער האָט איבערגעביטען זיינע קליידער, און ער
איז אַריינגעקומען אין דעם הויז פון גאָט און ער האָט זיך געבוקט, און
ער האָט צוריקגעקעהרט נאָך זיין הויז און ער האָט געבעטען (עסען), און
זיי האָבען איהם געבראַכט שפּייז און ער האָט געגעסען.
21 און זיינע קנעכט האָבען צו איהם געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך
וואָס דו האָסט געטהאָן? ווען דאָס קינד האָט געלעבט האָסטו גע־
פאַסט און געוויינט, און ווען דאָס קינד איז געשטאָרבען ביזטו אויפ־
געשטאַנען און האָסט געגעסען שפּייז.
22 און ער האָט געזאָגט: ווי לאַנג דאָס קינד האָט נאָך געלעבט האָב איך
געפאַסט און געוויינט, דען איך האָב געדאַכט; ווער ווייס, פיעלייכט
וועט מיר גאָט בעגנאַדיגען, אַז דאָס קינד זאָל בלייבען לעבען.
23 אָבער יעצט אַז דאָס (קינד) איז געשטאָרבען, וואָרום זאָל איך דען פאַס־
טען? קען איך איהם דען ווידער צוריקברענגען? איך געה צו איהם
אָבער ער וועט ניט צוריקקעהרען צו מיר.
24 און דוד האָט געטרייסט זיין ווייב בת שבע, און ער איז צו איהר געקו־
מען, און ער איז מיט איהר געווען. און זי האָט געבאָרען אַ זוהן, און ער
האָט גערופען זיין נאָמען שלמה. און גאָט האָט איהם ליעב געהאַט.
25 און ער (גאָט) האָט געשיקט דורך נתן דעם נביא, און ער האָט זיין נאָמען
גערופען ידידיה, פון וועגען גאָט (דער געליעבטער פון גאָט).
26 און יואָב האָט געשטריטען קעגען רבה פון די זיהן פון עמון, און ער האָט
איינגענומען די קעניגליכע שטאָדט.
27 און יואָב האָט געשיקט שלוחים צו דוד, און ער האָט געזאָגט: איך האָב
געשטריטען קעגען רבה, און איך האָב אויך די וואַסער־שטאָדט איינגע־
נומען.
28 און יעצט, זאַמעל איין דאָס איבעריגע פון דעם פאָלק און בעלאַגער די
שטאָדט און נעהם זי איין; דען אויב ניט מוז איך זי איינעהמען, און
מיין נאָמען וועט אויף איהר גערופען ווערען.
29 און דוד האָט איינגעזאַמעלט דאָס גאַנצע פאָלק, און ער איז געגאַנגען
נאָך רבה, און ער האָט קעגען איהר געשטריטען, און ער האָט זי איינגע־
נומען.
30 און ער האָט אַראָפגענומען די קרוין פון דעם קאָפּ פון זייער געץ מולך,
און איהר געוויכט איז געווען אַ צעהנטער גאָלד, און אויף איהר איז געווען
אַ טהייערער שטיין, און זי איז אויפגעזעצט געוואָרען אויף דוד'ס קאָפּ.
און ער האָט אַרויסגעפיהרט פון דער שטאָדט זעהר פיל רויב.
31 און דאָס פאָלק וואָס איז אין איהר געווען האָט ער אַרויסגעבראַכט, און
ער האָט זיי צוטהיילט אין זעגמיהלען, און (ער האָט זיי געמאַכט אַרביי־
טען) ביי אייזערנע דרעשפליעגלען און ביי אייזערנע העק, אויך האָט ער
זיי געמאַכט אַרבייטען ביי ציעגעל אויוועגס. און אַזוי האָט ער געטהאָן
צו אַלע שטעדט פון די זיהן פון עמון, און דוד און דאָס גאַנצע פאָלק האָ־
בען זיך צוריקגעקעהרט נאָך ירושלים.

## קאַפּיטעל יג

1 און עס איז געשעהען נאָכדעם: אַבשלום, דוד'ס זוהן, האָט געהאַט אַ
שעהנע שוועסטער, איהר נאָמען איז געווען תמר, און אַמנון, דוד'ס זוהן
האָט זי געליעבט.
2 און אַמנון האָט זיך געערגערט וועגען תמר זיין (שטיף) שוועסטער, ביז

בַּעֲבוּר תָּמָר אֲחֹתוֹ כִּי בְתוּלָה הִיא וַיִּפָּלֵא בְּעֵינֵי אַמְנוֹן
3 לַעֲשׂוֹת לָהּ מְאוּמָה׃ וּלְאַמְנוֹן רֵעַ וּשְׁמוֹ יוֹנָדָב בֶּן־שִׁמְעָה
4 אֲחִי דָוִד וְיוֹנָדָב אִישׁ חָכָם מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר לוֹ מַדּוּעַ אַתָּה
כָּכָה דַּל בֶּן־הַמֶּלֶךְ בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר הֲלוֹא תַּגִּיד לִי וַיֹּאמֶר
ה לוֹ אַמְנוֹן אֶת־תָּמָר אֲחוֹת אַבְשָׁלֹם אָחִי אֲנִי אֹהֵב׃ וַיֹּאמֶר
לוֹ יְהוֹנָדָב שְׁכַב עַל־מִשְׁכָּבְךָ וְהִתְחָל וּבָא אָבִיךָ לִרְאוֹתֶךָ
וְאָמַרְתָּ אֵלָיו תָּבֹא נָא תָמָר אֲחוֹתִי וְתַבְרֵנִי לֶחֶם וְעָשְׂתָה
לְעֵינַי אֶת־הַבִּרְיָה לְמַעַן אֲשֶׁר אֶרְאֶה וְאָכַלְתִּי מִיָּדָהּ׃
6 וַיִּשְׁכַּב אַמְנוֹן וַיִּתְחָל וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ לִרְאוֹתוֹ וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן
אֶל־הַמֶּלֶךְ תָּבוֹא־נָא תָּמָר אֲחוֹתִי וּתְלַבֵּב לְעֵינַי שְׁתֵּי
7 לְבִבוֹת וְאֶבְרֶה מִיָּדָהּ׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד אֶל־תָּמָר הַבַּיְתָה
8 לֵאמֹר לְכִי נָא בֵּית אַמְנוֹן אָחִיךְ וַעֲשִׂי־לוֹ הַבִּרְיָה׃ וַתֵּלֶךְ
תָּמָר בֵּית אַמְנוֹן אָחִיהָ וְהוּא שֹׁכֵב וַתִּקַּח אֶת־הַבָּצֵק
9 וַתָּלוֹשׁ וַתְּלַבֵּב לְעֵינָיו וַתְּבַשֵּׁל אֶת־הַלְּבִבוֹת׃ וַתִּקַּח אֶת־
הַמַּשְׂרֵת וַתִּצֹּק לְפָנָיו וַיְמָאֵן לֶאֱכוֹל וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן הוֹצִיאוּ
י כָל־אִישׁ מֵעָלַי וַיֵּצְאוּ כָל־אִישׁ מֵעָלָיו׃ וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן
אֶל־תָּמָר הָבִיאִי הַבִּרְיָה הַחֶדֶר וְאֶבְרֶה מִיָּדֵךְ וַתִּקַּח
תָּמָר אֶת־הַלְּבִבוֹת אֲשֶׁר עָשָׂתָה וַתָּבֵא לְאַמְנוֹן אָחִיהָ
11 הֶחָדְרָה׃ וַתַּגֵּשׁ אֵלָיו לֶאֱכֹל וַיַּחֲזֶק־בָּהּ וַיֹּאמֶר לָהּ בּוֹאִי
12 שִׁכְבִי עִמִּי אֲחוֹתִי׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אַל־אָחִי אַל־תְּעַנֵּנִי כִּי
לֹא־יֵעָשֶׂה כֵן בְּיִשְׂרָאֵל אַל־תַּעֲשֵׂה אֶת־הַנְּבָלָה הַזֹּאת׃
13 וַאֲנִי אָנָה אוֹלִיךְ אֶת־חֶרְפָּתִי וְאַתָּה תִּהְיֶה כְּאַחַד הַנְּבָלִים
בְּיִשְׂרָאֵל וְעַתָּה דַּבֶּר־נָא אֶל־הַמֶּלֶךְ כִּי לֹא יִמְנָעֵנִי מִמֶּךָּ׃
14 וְלֹא אָבָה לִשְׁמֹעַ בְּקוֹלָהּ וַיֶּחֱזַק מִמֶּנָּה וַיְעַנֶּהָ וַיִּשְׁכַּב
טו אֹתָהּ׃ וַיִּשְׂנָאֶהָ אַמְנוֹן שִׂנְאָה גְּדוֹלָה מְאֹד כִּי גְדוֹלָה
הַשִּׂנְאָה אֲשֶׁר שְׂנֵאָהּ מֵאַהֲבָה אֲשֶׁר אֲהֵבָהּ וַיֹּאמֶר־לָהּ
16 אַמְנוֹן קוּמִי לֵכִי׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אַל־אוֹדֹת הָרָעָה הַגְּדוֹלָה

הזאת

v. 8. יתיר ו   v. 10. קמץ בדיק   v. 12. תעש׳ בצרי

ער איז קראַנק געוואָרען, דען זי איז געווען (אַן אַנשטענדיגע) יונגפרוי,
און עס איז געווען אַמנון׳ען אונמעגליך איהר עטוואָס צו טהאָן.
3 און אַמנון האָט געהאַט אַ פריינד, און זיין נאָמען איז געווען יונדב, זוהן
פון שמעה דוד׳ס ברודער; און יונדב איז געווען זעהר אַ קלוגער מאַן.
4 און ער האָט געזאָגט צו איהם: וואָרום ביזטו אַזוי מאָגער, קעניג׳ס
זוהן, פון מאָרגען צו מאָרגען? ווילסטו מיר עס ניט זאָגען? און אַמנון
האָט צו איהם געזאָגט: תמר, די שוועסטער פון מיין ברודער אַבשלום
ליעב איך.
5 און יהונדב האָט צו איהם געזאָגט: לעג דיך אויף דיין בעט און מאַך דיך
קראַנק, און ווען דיין פאָטער וועט דיך קומען זעהען זאָלסטו צו איהם
זאָגען: לאָז דאָך קומען מיין שוועסטער תמר און מיר געבען שפּייז, און
זי זאָל די שפּייז צובערייטען פאַר מיינע אויגען, אַז איך זאָל עס זעהען,
און פון איהר האַנד וועל איך עסען.
6 און אַמנון האָט זיך געלעגט, און ער האָט זיך געמאַכט קראַנק; און
דער קעניג איז געקומען איהם צו זעהען. און אַמנון האָט געזאָגט צו דעם
קעניג: לאָז דאָך קומען מיין שוועסטער תמר, און זי זאָל פאַרמישען
פאַר מיינע אויגען צוויי פיינקוכען, און פון איהר האַנד וועל איך עסען.
7 און דוד האָט געשיקט צו תמר אין איהר וואָהנונג אַזוי צו זאָגען: געה
דאָך צו דיין ברודער אַמנון׳ס הויז, און בערייט איהם די שפּייז.
8 און תמר איז אַהינגעגאַנגען צו איהר ברודער אַמנון׳ס הויז און ער איז
געלעגען, און זי האָט גענומען דעם טייג און האָט עס געקנעטען, און
האָט עס פערמישט פאַר זיינע אויגען און זי האָט געבאַקט די פיינקוכען.
9 און זי האָט גענומען די פאַן, און זי האָט עס אויסגעגאָסען פאַר איהם,
אָבער ער האָט ניט געוואָלט עסען, און אַמנון האָט געזאָגט: מאַכט
ארויסגעהען יעדער מענשען פון מיר (פון מיין חדר), און יעדער מענש
איז אַרויסגעגאַנגען פון איהם.
10 און אַמנון האָט געזאָגט צו תמר: ברענג די שפּייז אין (מיין) צימער
און איך וועל עסען פון דיין האַנד, און תמר האָט גענומען די פיינקוכען
וואָס זי האָט געמאַכט, און זי האָט זיי אַריינגעבראַכט צו איהר ברודער
אַמנון אין זיין צימער.
11 און ווען זי האָט עס צו איהם נאָהענט געבראַכט צו עסען, האָט ער איהר
שטאַרק ערגריפען און ער האָט צו איהר געזאָגט: זיי מיט מיר מיין
שוועסטער.
12 און זי האָט צו איהם געזאָגט: ניט, מיין ברודער! דו זאָלסט מיך ניט
פּייניגען, דען אַזעלכעס טהאָר ניט געשעהען אין ישראל, דו זאָלסט ניט
טהאָן דיעזע שענדליכע זאַך.
13 און איך, אַוואו וועל איך אַוועקברענגען מיין שאַנד, און דו וועסט געהאַל-
טען ווערען ווי איינער פון די שענדליכסטע (מענשען) אין ישראל; און
יעצט, רייד דאָך צו דעם קעניג, דען ער וועט מיך ניט פערמיידען פון דיר.
14 אָבער ער האָט ניט געוואָלט האָרכען צו איהר שטים, און ער איז געווען
שטאַרקער פון איהר, און ער האָט איהר געפּייניגט און ער איז געווען מיט
איהר.
15 און אַמנון האָט זי (דערנאָך) געהאַסט מיט אַ זעהר גרויסען האַס; דען
דער האַס מיט וואָס ער האָט זי געהאַסט איז גרעסער געווען ווי די ליעבע
מיט וועלכע ער האָט זי (פריהער) געליעבט; און אַמנון האָט צו איהר
געזאָגט: שטעה אויף, געה!
16 און זי האָט צו איהם געזאָגט: טהו דאָך דאָס ניט מיט מיר ארויסצושי-

הַזֹּאת מֵאַחֶרֶת אֲשֶׁר־עָשִׂיתָ עִמִּי לְשַׁלְּחֵנִי וְלֹא אָבָה
17 לִשְׁמֹעַ לָהּ׃ וַיִּקְרָא אֶת־נַעֲרוֹ מְשָׁרְתוֹ וַיֹּאמֶר שִׁלְחוּ־נָא
18 אֶת־זֹאת מֵעָלַי הַחוּצָה וּנְעֹל הַדֶּלֶת אַחֲרֶיהָ׃ וְעָלֶיהָ
כְּתֹנֶת פַּסִּים כִּי כֵן תִּלְבַּשְׁןָ בְנוֹת־הַמֶּלֶךְ הַבְּתוּלֹת
מְעִילִים וַיֹּצֵא אוֹתָהּ מְשָׁרְתוֹ הַחוּץ וְנָעַל הַדֶּלֶת אַחֲרֶיהָ׃
19 וַתִּקַּח תָּמָר אֵפֶר עַל־רֹאשָׁהּ וּכְתֹנֶת הַפַּסִּים אֲשֶׁר עָלֶיהָ
קָרָעָה וַתָּשֶׂם יָדָהּ עַל־רֹאשָׁהּ וַתֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְזָעָקָה׃
כ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אַבְשָׁלוֹם אָחִיהָ הַאֲמִינוֹן אָחִיךְ הָיָה עִמָּךְ
וְעַתָּה אֲחוֹתִי הַחֲרִישִׁי אָחִיךְ הוּא אַל־תָּשִׁיתִי אֶת־לִבֵּךְ
לַדָּבָר הַזֶּה וַתֵּשֶׁב תָּמָר וְשֹׁמֵמָה בֵּית אַבְשָׁלוֹם אָחִיהָ׃
21 וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד שָׁמַע אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּחַר לוֹ מְאֹד׃
22 וְלֹא־דִבֶּר אַבְשָׁלוֹם עִם־אַמְנוֹן לְמֵרָע וְעַד־טוֹב כִּי־שָׂנֵא
אַבְשָׁלוֹם אֶת־אַמְנוֹן עַל־דְּבַר אֲשֶׁר עִנָּה אֵת תָּמָר אֲחֹתוֹ׃
23 וַיְהִי לִשְׁנָתַיִם יָמִים וַיִּהְיוּ גֹזְזִים לְאַבְשָׁלוֹם בְּבַעַל
חָצוֹר אֲשֶׁר עִם־אֶפְרָיִם וַיִּקְרָא אַבְשָׁלוֹם לְכָל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃
24 וַיָּבֹא אַבְשָׁלוֹם אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הִנֵּה־נָא גֹזְזִים לְעַבְדֶּךָ
כה יֵלֶךְ־נָא הַמֶּלֶךְ וַעֲבָדָיו עִם־עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
אַבְשָׁלוֹם אַל־בְּנִי אַל־נָא נֵלֵךְ כֻּלָּנוּ וְלֹא נִכְבַּד עָלֶיךָ
26 וַיִּפְרָץ־בּוֹ וְלֹא־אָבָה לָלֶכֶת וַיְבָרְכֵהוּ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם
וָלֹא יֵלֶךְ־נָא אִתָּנוּ אַמְנוֹן אָחִי וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה
27 יֵלֵךְ עִמָּךְ׃ וַיִּפְרָץ־בּוֹ אַבְשָׁלוֹם וַיִּשְׁלַח אִתּוֹ אֶת־אַמְנוֹן
28 וְאֵת כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְצַו אַבְשָׁלוֹם אֶת־נְעָרָיו לֵאמֹר
רְאוּ־נָא כְּטוֹב לֵב־אַמְנוֹן בַּיַּיִן וְאָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם הַכּוּ אֶת־
אַמְנוֹן וַהֲמִתֶּם אֹתוֹ אַל־תִּירָאוּ הֲלוֹא כִּי אָנֹכִי צִוִּיתִי
29 אֶתְכֶם חִזְקוּ וִהְיוּ לִבְנֵי־חָיִל׃ וַיַּעֲשׂוּ נַעֲרֵי אַבְשָׁלוֹם
לְאַמְנוֹן כַּאֲשֶׁר צִוָּה אַבְשָׁלוֹם וַיָּקֻמוּ ׀ כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ
ל וַיִּרְכְּבוּ אִישׁ עַל־פִּרְדּוֹ וַיָּנֻסוּ׃ וַיְהִי הֵמָּה בַדֶּרֶךְ וְהַשְּׁמֻעָה
בָאָה אֶל־דָּוִד לֵאמֹר הִכָּה אַבְשָׁלוֹם אֶת־כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ

ולא

קען, דען דאָס דאָזיגע שלעכטקייט איז נאָך גרעסער פון די אַנדערע וואָס
דו האָסט מיט מיר געטהאָן. אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערען צו איהר.
17 און ער האָט גערופען זיין יונג, זיין דיענער, און ער האָט געזאָגט:
טרייבט דאָך אַרויס די דאָזיגע פון מיר אויף דער גאַס, און מען זאָל פער־
שליעסען די טהיר הינטער איהר.
18 און זי האָט אויף זיך געהאַט אַן אויבערקלייד פון פערשיעדענע פאַרבען;
דען אַזוי פלעגען זיך קליידען דעם קעניג'ס טעכטער די יונגפרויען, מיט
אויבערמאַנטלען, און זיין דיענער האָט זי אַרויסגעבראַכט אויף דער גאַס,
און ער האָט פערשלאָסען די טהיר הינטער איהר.
19 און תמר האָט געלעגט אַש אויף איהר קאָפּ, און דאָס קלייד פון פערשיע־
דענע פאַרבען האָט זי צוריסען, און זי האָט געלעגט איהר האַנד אויף
איהר קאָפּ, און זי איז געגאַנגען, און האָט שטאַרק געוויינט.
20 און אַבשלום איהר ברודער האָט צו איהר געזאָגט: איז אַמנון דיין ברו־
דער געווען מיט דיר? אָבער יעצט מיין שוועסטער, שווייג דאָך, ער
איז דיין ברודער; נעהם דיר דיעזע זאַך ניט צו האַרצען; און תמר
איז געבליעבען וואָהנען ווי אַ פערוויסטע אין דעם הויז פון אַבשלום איהר
ברודער.
21 און דער קעניג דוד האָט געהערט אַלע די דאָזיגע זאַכען, און עס האָט איהם
שטאַרק געקריינקט.
22 און אַבשלום האָט ניט גערעדט מיט אַמנון, ניט שלעכט ניט גוט, דען
אַבשלום האָט געהאַסט אַמנון וועגען דעם וואָס ער האָט געפייניגט זיין
שוועסטער תמר.
23 און עס איז געווען אין צוויי יאָהר אַרום, דאָס אַבשלום האָט געהאַט שאָף
שערערס אין בעל חצור וואָס איז ביי אפרים, און אַבשלום האָט איינגע־
לאַדען אַלע זיהן פון דעם קעניג.
24 און אַבשלום איז געקומען צו דעם קעניג און ער האָט געזאָגט: זעה
דאָך, דיין קנעכט האָט שאָף שערערס, לאָז דאָך דער קעניג און זיינע
קנעכט געהען מיט דיין קנעכט.
25 און דער קעניג האָט געזאָגט צו אַבשלום: ניט אַזוי, מיין זוהן, מיר
אַלע וועלען דאָך ניט געהען, מיר זאָלען אויף דיר ניט שווער זיין (צו
לאַסט). און ער האָט איהם שטאַרק געבעטען, און ער האָט ניט געוואָלט
געהען, און ער האָט איהם געבענשט.
26 און אַבשלום האָט געזאָגט: ווען ניט, (טו) לאָז דאָך אַמנון מיין ברודער
מיט אונז געהען, און דער קעניג האָט צו איהם געזאָגט: וואָרום זאָל
ער מיט דיר געהען?
27 און אַבשלום האָט איהם שטאַרק געבעטען, און ער האָט מיט איהם גע־
שיקט אַמנון און די אַלע זיהן פון דעם קעניג.
28 און אַבשלום האָט געבאָטען צו זיינע יונגען, אַזוי: זעהט דאָך, — ווען
אַמנון'ס האַרץ וועט זיין פרעהליך מיט דעם וויין, און איך וועל זאָגען
צו אייך: שלאָגט אַמנון, זאָלט איהר איהם טוידטען און איהר זאָלט
ניט פירכטען, דען איך בין עס דאָך, דער וואָס האָט אייך (דאָס) געבאָ־
טען, שטאַרקט אייך און זייט העלדען.
29 און אַבשלום'ס יונגען האָבען געטהאָן צו אַמנון אַזוי ווי אַבשלום האָט
געבאָטען, און די אַלע זיהן פון דעם קעניג זיינען אויפגעשטאַנען און זיי
זיינען געריטען, יעדער אויף זיין מויל־עזעל און זיי זיינען אַנטלאָפען.
30 און עס איז געווען ווען זיי זיינען געווען אויף דעם וועג, איז אָנגעקומען
די נאַכריכט צו דוד, אַזוי: אַבשלום האָט דערשלאָגען די אַלע זיהן
פון דעם קעניג, און ניט איינער פון זיי איז איבערגעבליעבען.

31 וְלֹא־נוֹתַר מֵהֶם אֶחָד׃ וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו
32 וַיִּשְׁכַּב אָרְצָה וְכָל־עֲבָדָיו נִצָּבִים קְרֻעֵי בְגָדִים׃ וַיַּעַן
יוֹנָדָב ׀ בֶּן־שִׁמְעָה אֲחִי־דָוִד וַיֹּאמֶר אַל־יֹאמַר אֲדֹנִי אֵת
כָּל־הַנְּעָרִים בְּנֵי־הַמֶּלֶךְ הֵמִיתוּ כִּי־אַמְנוֹן לְבַדּוֹ מֵת כִּי־
עַל־פִּי אַבְשָׁלוֹם הָיְתָה שִׂימָה מִיּוֹם עַנֹּתוֹ אֵת תָּמָר אֲחֹתוֹ׃
33 וְעַתָּה אַל־יָשֵׂם אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶל־לִבּוֹ דָּבָר לֵאמֹר כָּל־
34 בְּנֵי הַמֶּלֶךְ מֵתוּ כִּי־אם אַמְנוֹן לְבַדּוֹ מֵת׃ וַיִּבְרַח אַבְשָׁלוֹם
וַיִּשָּׂא הַנַּעַר הַצֹּפֶה אֶת־עֵינָו וַיַּרְא וְהִנֵּה עַם־רַב הֹלְכִים
לה מִדֶּרֶךְ אַחֲרָיו מִצַּד הָהָר׃ וַיֹּאמֶר יוֹנָדָב אֶל־הַמֶּלֶךְ הִנֵּה
36 בְנֵי־הַמֶּלֶךְ בָּאוּ כִּדְבַר עַבְדְּךָ כֵּן הָיָה׃ וַיְהִי ׀ כְּכַלֹּתוֹ
לְדַבֵּר וְהִנֵּה בְנֵי־הַמֶּלֶךְ בָּאוּ וַיִּשְׂאוּ קוֹלָם וַיִּבְכּוּ וְגַם־
37 הַמֶּלֶךְ וְכָל־עֲבָדָיו בָּכוּ בְּכִי גָּדוֹל מְאֹד׃ וְאַבְשָׁלוֹם בָּרַח
וַיֵּלֶךְ אֶל־תַּלְמַי בֶּן־עַמִּיחוּר מֶלֶךְ גְּשׁוּר וַיִּתְאַבֵּל עַל־בְּנוֹ
38 כָּל־הַיָּמִים׃ וְאַבְשָׁלוֹם בָּרַח וַיֵּלֶךְ גְּשׁוּר וַיְהִי־שָׁם שָׁלֹשׁ
39 שָׁנִים׃ וַתְּכַל דָּוִד הַמֶּלֶךְ לָצֵאת אֶל־אַבְשָׁלוֹם כִּי־נִחַם
עַל־אַמְנוֹן כִּי־מֵת׃

## יד CAP. XIV. יד

2 א וַיֵּדַע יוֹאָב בֶּן־צְרֻיָה כִּי־לֵב הַמֶּלֶךְ עַל־אַבְשָׁלוֹם׃ וַיִּשְׁלַח
יוֹאָב תְּקוֹעָה וַיִּקַּח מִשָּׁם אִשָּׁה חֲכָמָה וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ
הִתְאַבְּלִי־נָא וְלִבְשִׁי־נָא בִגְדֵי־אֵבֶל וְאַל־תָּסוּכִי שֶׁמֶן וְהָיִית
3 כְּאִשָּׁה זֶה יָמִים רַבִּים מִתְאַבֶּלֶת עַל־מֵת׃ וּבָאת אֶל־
הַמֶּלֶךְ וְדִבַּרְתְּ אֵלָיו כַּדָּבָר הַזֶּה וַיָּשֶׂם יוֹאָב אֶת־הַדְּבָרִים
4 בְּפִיהָ׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַתְּקֹעִית אֶל־הַמֶּלֶךְ וַתִּפֹּל עַל־
אַפֶּיהָ אַרְצָה וַתִּשְׁתָּחוּ וַתֹּאמֶר הוֹשִׁעָה הַמֶּלֶךְ׃
ה וַיֹּאמֶר־לָהּ הַמֶּלֶךְ מַה־לָּךְ וַתֹּאמֶר אֲבָל אִשָּׁה־אַלְמָנָה אָנִי
6 וַיָּמָת אִישִׁי׃ וּלְשִׁפְחָתְךָ שְׁנֵי בָנִים וַיִּנָּצוּ שְׁנֵיהֶם בַּשָּׂדֶה
וְאֵין מַצִּיל בֵּינֵיהֶם וַיַּכּוּ הָאֶחָד אֶת־הָאֶחָד וַיָּמֶת אֹתוֹ׃

והנה

י״ג v. 32. שומה קרי v. 33. למדנחאי על
ibid. כתיב ולא קי v. 34. עינו קי v. 37. עמיהוד ק

31 און דער קעניג איז אויפגעשטאנען און ער האט צוריסען זיינע קליידער, און ער האט זיך געלעגט אויף דער ערד, און אלע זיינע קנעכט זיינען געשטאנען מיט צוריסענע קליידער.
32 און יונדב, דער זוהן פון שמעה דוד'ס ברודער האט געענטפערט און געזאגט: לאז ניט מיין הערר זאגען, אז אלע יונגען, דעם קעניג'ס זיהן האט מען געטוידט, גיווים, איז נאר אמנון אליין טוידט, דען מיט דעם בעפעהל פון אבשלום איז דאס געטהאן געווארען, פון דעם טאג אן דאס ער האט געפייניגט זיין שוועסטער תמר.
33 און יעצט לאז ניט מיין הערר דער קעניג נעהמען צו זיין הארץ אזא געדאנקען צו זאגען; אז אלע זיהן פון דעם קעניג זיינען געשטארבען, פאר געוויס איז נאר אמנון אליין געשטארבען.
34 און אבשלום איז אנטלאפען. און דער יונג דער וועכטער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער האט געזעהען, און זעה, פיעל פאלק קומען פון דעם וועג הינטער איהם, פון דער זייט פון דעם בארג.
35 און יונדב האט געזאגט צו דעם קעניג: זעה, די זיהן פון דעם קעניג זיינען געקומען, אזוי ווי דיין קנעכט האט געזאגט: אזוי איז עס געשעהן.
36 און עס איז געוועזן ווען ער האט געענדיגט רעדען, און זעה, די זיהן פון דעם קעניג זיינען אנגעקומען, און זיי האבען אויפגעהויבען זייער שטים און זיי האבען געוויינט, און אויך דער קעניג און זיינע קנעכט האבען זעהר שטארק געוויינט.
37 און אבשלום איז אנטלאפען, און ער איז געגאנגען צו תלמי זוהן פון עמיהוד דעם קעניג פון גשור (זיין מוטער'ס פאטער). און ער (דוד) האט געטרויערט וועגען זיין זוהן אלע טעג.
38 און אבשלום איז אנטלאפען, און ער איז געגאנגען נאך גשור, און ער איז דארט געוועזן דריי יאהר.
39 און (די זעעל פון דעם) קעניג דוד האט געבענקט ארויסצוגעהען צו אבשלום, דען ער האט זיך געטרייסט וועגען אמנון; ווייל ער איז (דאך שוין) געוועזן טוידט.

## קאפיטעל יד

1 און יואב דער זוהן פון צרויה האט געוואוסט אז דאס הארץ פון דעם קעניג איז גענייגט צו אבשלום.
2 און יואב האט געשיקט נאך תקועה און ער האט פון דארט גענומען א קלוגע פרוי, און ער האט צו איהר געזאגט: מאך זיך טרויעריג, און קלייד זיך אן טרויער־קליידער, און זאלב דיך ניט מיט אויל, און דו זאלסט זיין ווי א פרוי וואס טרויערט שוין לאנג אויף א טוידטען.
3 און דו זאלסט קומען צום קעניג און דו זאלסט צו איהם ריידען אונגעפעהר פאלגענדע רייד; און יואב האט געלעגט די רייד אין איהר מויל.
4 און די פרוי פון תקועה האט געזאגט צו דעם קעניג: און זי איז געפאלען אויף איהר געזיכט צו דער ערד און זי האט זיך געבוקט, און זי האט געזאגט: העלף, א קעניג!
5 און דער קעניג האט צו איהר געזאגט: וואס איז דיר? און זי האט געזאגט: פירוואהר, איך בין א פרוי אן אלמנה, און מיין מאן איז געשטארבען.
6 און דיין דיענסט האט געהאט צוויי זיהן, און זיי האבען זיך ביידע געקריעגט אין דעם פעלד, און עס איז ניט געוועזן צווישען זיי איינער וואס זאל רעטען, אזוי האט איינער דעם אנדערען געשלאגען און ער האט איהם געטוידט.

7 וְהִנֵּה קָמָה כָל־הַמִּשְׁפָּחָה עַל־שִׁפְחָתֶךָ וַיֹּאמְרוּ תְּנִי ׀
אֶת־מַכֵּה אָחִיו וּנְמִתֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אָחִיו אֲשֶׁר הָרָג וְנַשְׁמִידָה
גַּם אֶת־הַיּוֹרֵשׁ וְכִבּוּ אֶת־גַּחַלְתִּי אֲשֶׁר נִשְׁאָרָה לְבִלְתִּי
8 שׂוּם־לְאִישִׁי שֵׁם וּשְׁאֵרִית עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיֹּאמֶר
9 הַמֶּלֶךְ אֶל־הָאִשָּׁה לְכִי לְבֵיתֵךְ וַאֲנִי אֲצַוֶּה עָלָיִךְ׃ וַתֹּאמֶר
הָאִשָּׁה הַתְּקוֹעִית אֶל־הַמֶּלֶךְ עָלַי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ הֶעָוֺן וְעַל־
י בֵּית אָבִי וְהַמֶּלֶךְ וְכִסְאוֹ נָקִי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
הַמְדַבֵּר אֵלַיִךְ וַהֲבֵאתוֹ אֵלַי וְלֹא־יֹסִיף עוֹד לָגַעַת בָּךְ׃
11 וַתֹּאמֶר יִזְכָּר־נָא הַמֶּלֶךְ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מֵהַרְבַּית גֹּאֵל
הַדָּם לְשַׁחֵת וְלֹא יַשְׁמִידוּ אֶת־בְּנִי וַיֹּאמֶר חַי־יְהוָה אִם־
12 יִפֹּל מִשַּׂעֲרַת בְּנֵךְ אָרְצָה׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה תְּדַבֶּר־נָא
13 שִׁפְחָתְךָ אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ דָּבָר וַיֹּאמֶר דַּבֵּרִי׃ וַתֹּאמֶר
הָאִשָּׁה וְלָמָּה חָשַׁבְתָּה כָּזֹאת עַל־עַם אֱלֹהִים וּמִדַּבֵּר
הַמֶּלֶךְ הַדָּבָר הַזֶּה כְּאָשֵׁם לְבִלְתִּי הָשִׁיב הַמֶּלֶךְ אֶת־נִדְּחוֹ׃
14 כִּי־מוֹת נָמוּת וְכַמַּיִם הַנִּגָּרִים אַרְצָה אֲשֶׁר לֹא יֵאָסֵפוּ
וְלֹא־יִשָּׂא אֱלֹהִים נֶפֶשׁ וְחָשַׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבִלְתִּי יִדַּח
טו מִמֶּנּוּ נִדָּח׃ וְעַתָּה אֲשֶׁר־בָּאתִי לְדַבֵּר אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲדֹנִי
אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כִּי יֵרְאֻנִי הָעָם וַתֹּאמֶר שִׁפְחָתְךָ אֲדַבְּרָה־
16 נָּא אֶל־הַמֶּלֶךְ אוּלַי יַעֲשֶׂה הַמֶּלֶךְ אֶת־דְּבַר אֲמָתוֹ׃ כִּי
יִשְׁמַע הַמֶּלֶךְ לְהַצִּיל אֶת־אֲמָתוֹ מִכַּף הָאִישׁ לְהַשְׁמִיד
17 אֹתִי וְאֶת־בְּנִי יַחַד מִנַּחֲלַת אֱלֹהִים׃ וַתֹּאמֶר שִׁפְחָתְךָ
יִהְיֶה־נָּא דְּבַר־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ לִמְנֻחָה כִּי ׀ כְּמַלְאַךְ הָאֱלֹהִים
כֵּן אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ לִשְׁמֹעַ הַטּוֹב וְהָרָע וַיהוָה אֱלֹהֶיךָ יְהִי
18 עִמָּךְ׃ וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר אֶל־הָאִשָּׁה אַל־נָא
תְכַחֲדִי מִמֶּנִּי דָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁאֵל אֹתָךְ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה
19 יְדַבֶּר־נָא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ הֲיַד יוֹאָב אִתָּךְ
בְּכָל־זֹאת וַתַּעַן הָאִשָּׁה וַתֹּאמֶר חֵי נַפְשְׁךָ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ

אִם־

v. 7. קמץ בז״ק ibid. שים קרי v. 11. מהרבת קי

7 און זעה, די גאַנצע פאַמיליע איז אויפגעשטאַנען קעגען דיין דיענסט און
זיי האָבען געזאָגט : גיעב אהער דעם וואָס האָט זיין ברודער דערשלאָגען
און מיר ווע‍לען איהם טוידטען, פון וועגען דעם לעבען פון זיין ברודער
וואָס ער האָט אומגעבראַכט, און מיר ווע‍לען אויסראָטהען אויך דעם (דיין
לעצטען) יורש, און אַזוי ווע‍לען זיי פערלעשען מיין קויל וואָס איז נאָך
איבערגעבליעבען, אום ניט צו לאָזען צו מיין מאַן איין נאָמען אָדער
איבערבלייבונג אויף דער ערד.
8 און דער קעניג האָט געזאָגט צו דער פרוי : געה צו דיין הויז, און איך
וועל אַ בעפעהל געבען (צו מיינע בעאַמטע) וועגען דיר.
9 און די פרוי פון תקועה האָט געזאָגט צו דעם קעניג : אויף מיר, אָ
הערר קעניג, און אויף מיין פאָטער'ס הויזגעזינד וועט דאָך זיין די זינד,
(אויב איינער וועט מיין זוהן גלייך דערשלאָגען) אָבער דער קעניג און
זיין טהראָן וועט זיין ריין.
10 און דער קעניג האָט געזאָגט : דער וואָס וועט צו דיר ריידען, דעם
זאָלסטו צו מיר ברענגען, און ער וועט דיך ניט מעהר אָנריהרען.
11 און זי האָט געזאָגט : לאָז דאָך דער קעניג געדענקען אָן גאָט דיין גאָט,
דאָס דער בלוטרעכטער זאָל ניט פערמעהרען צו פערדאַרבען, און זיי זאָ־
לען ניט פערטיליגען מיין זוהן, און ער האָט געזאָגט : אַזוי ווי גאָט
לעבט, דאָס עס וועט ניט פאַלען אַ האָאר פון דיין זוהן'ס קאָפּ צו דער ערד.
12 און די פרוי האָט געזאָגט : לאָז דאָך דיין דיענסט ריידען אַ וואָרט צו
מיין הערר דעם קעניג, און ער האָט געזאָגט : רייד.
13 און די פרוי האָט געזאָגט : און וואָרום האָסטו געדאַכט אַזאַ זאַך אויף דעם
פאָלק פון גאָט ? און ווען דער קעניג רעדט די זאַך (אַז דו שווערסט, ניט
צו לאָזען טוידטען מיין זוהן), איז ער דאָך ווי שולדיג, וואָס דער קעניג
וויל ניט צוריקברענגען זיין פערשטויסענעם (זוהן, אַבשלום).
14 דען שטאַרבען מוזען מיר דאָך, און (מיר זיינען) ווי די וואַסער וואָס ווערט
אויסגערונען אויף דער ערד, וואָס קען ניט מעהר איינגעזאַמעלט ווערען ;
אָבער זאָל ניט דער ריכטער פערשווינען אַ זעעל ? און זאָל ער ניט אויס־
טראַכטען אַלע מיטלען אַז עס זאָלען ניט פערשטויסען ווערען פון אונז
די פערשטויסענע ?
15 און דאָס וואָס איך בין יעצט געקומען צו דעם קעניג מיין הערר, צו
ריידען דאָס דאָזיגע וואָרט (דעם משל), איז ווייל דאָס פאָלק האָבען מיך
געשראָקען, און דיין דיענסט האָט געטראַכט ; איך וועל דאָך ריידען צו
דעם קעניג, טאָמער וועט דער קעניג טהאָן (דעם פערלאַנג) די זאַך פון
זיין דיענסט ;
16 אויב דער קעניג וועט הערען צו רעטען זיין דיענסט פון דער האַנד פון
דעם מאַן, וואָס וויל פערטיליגען מיך און מיין זוהן צוזאַמען, פון דעם
ערבטהייל פון גאָט.
17 און דיין דיענסט האָט געזאָגט : לאָז דאָך זיין דאָס וואָרט פון מיין הערר
דעם קעניג צו אַ בערוהיגונג (פאַר דעם קעניג זעלבסט), דען אַזוי ווי אַ
מלאך פון גאָט אַזוי איז מיין הערר דער קעניג, צו פערשטעהען וואָס איז
גוט און וואָס איז שלעכט ; און גאָט דיין גאָט זאָל זיין מיט דיר.
18 און דער קעניג האָט געענטפערט און האָט געזאָגט צו דער פרוי : לייקען
דאָך ניט פון מיר אַ זאַך וואָס איך וועל דיך פרעגען, און די פרוי האָט גע־
זאָגט : לאָז דאָך מיין הערר דער קעניג ריידען.
19 און דער קעניג האָט געזאָגט : איז די האַנד פון יואב מיט דיר אין דאָס
אַלעם ? און די פרוי האָט געענטפערט, און זי האָט געזאָגט : אַזוי־ווי

אִם־אִ֣שׁ ׀ לְהֵמִ֣ין וּלְהַשְׂמִ֗יל מִכֹּ֛ל אֲשֶׁר־דִּבֶּ֖ר אֲדֹנִ֣י הַמֶּ֑לֶךְ
כִּֽי־עַבְדְּךָ֤ יוֹאָב֙ ה֣וּא צִוָּ֔נִי וְה֗וּא שָׂ֚ם בְּפִ֣י שִׁפְחָתְךָ֔ אֵ֥ת
כ כָּל־הַדְּבָרִ֖ים הָאֵֽלֶּה׃ לְבַֽעֲב֞וּר סַבֵּב֙ אֶת־פְּנֵ֣י הַדָּבָ֔ר עָשָׂ֛ה
עַבְדְּךָ֥ יוֹאָ֖ב אֶת־הַדָּבָ֣ר הַזֶּ֑ה וַאדֹנִ֣י חָכָ֗ם כְּחָכְמַת֙ מַלְאַ֣ךְ
21 הָֽאֱלֹהִ֔ים לָדַ֖עַת אֶת־כָּל־אֲשֶׁ֥ר בָּאָֽרֶץ׃ וַיֹּ֤אמֶר
הַמֶּ֙לֶךְ֙ אֶל־יוֹאָ֔ב הִנֵּה־נָ֥א עָשִׂ֖יתִי אֶת־הַדָּבָ֣ר הַזֶּ֑ה וְלֵ֕ךְ
22 הָשֵׁ֥ב אֶת־הַנַּ֖עַר אֶת־אַבְשָׁלֽוֹם׃ וַיִּפֹּ֨ל יוֹאָ֧ב אֶל־פָּנָ֛יו אַ֖רְצָה
וַיִּשְׁתַּ֑חוּ וַיְבָ֖רֶךְ אֶת־הַמֶּ֑לֶךְ וַיֹּ֣אמֶר יוֹאָ֗ב הַיּ֨וֹם יָדַ֤ע עַבְדְּךָ֙
כִּֽי־מָצָ֨אתִי חֵ֤ן בְּעֵינֶ֙יךָ֙ אֲדֹנִ֣י הַמֶּ֔לֶךְ אֲשֶׁר־עָשָׂ֥ה הַמֶּ֖לֶךְ
23 אֶת־דְּבַ֥ר עַבְדֶּֽו׃ וַיָּ֥קָם יוֹאָ֖ב וַיֵּ֣לֶךְ גְּשׁ֑וּרָה וַיָּבֵ֥א אֶת־
24 אַבְשָׁל֖וֹם יְרוּשָׁלָֽ͏ִם׃ וַיֹּ֤אמֶר הַמֶּ֙לֶךְ֙ יִסֹּ֣ב אֶל־בֵּית֔וֹ
וּפָנַ֖י לֹ֣א יִרְאֶ֑ה וַיִּסֹּ֤ב אַבְשָׁלוֹם֙ אֶל־בֵּית֔וֹ וּפְנֵ֥י הַמֶּ֖לֶךְ לֹ֥א
כה רָאָֽה׃ וּכְאַבְשָׁל֗וֹם לֹא־הָיָ֧ה אִישׁ־יָפֶ֛ה בְּכָל־יִשְׂרָאֵ֖ל
לְהַלֵּ֣ל מְאֹ֑ד מִכַּ֤ף רַגְלוֹ֙ וְעַ֣ד קָדְקֳד֔וֹ לֹא־הָ֥יָה ב֖וֹ מֽוּם׃
26 וּֽבְגַלְּחוֹ֙ אֶת־רֹאשׁ֔וֹ וְֽהָיָה֩ מִקֵּ֨ץ יָמִ֤ים ׀ לַיָּמִים֙ אֲשֶׁ֣ר יְגַלֵּ֔חַ
כִּֽי־כָבֵ֥ד עָלָ֖יו וְגִלְּח֑וֹ וְשָׁקַל֙ אֶת־שְׂעַ֣ר רֹאשׁ֔וֹ מָאתַ֥יִם
27 שְׁקָלִ֖ים בְּאֶ֥בֶן הַמֶּֽלֶךְ׃ וַיִּוָּלְד֤וּ לְאַבְשָׁלוֹם֙ שְׁלוֹשָׁ֣ה בָנִ֔ים
וּבַ֥ת אַחַ֖ת וּשְׁמָ֣הּ תָּמָ֑ר הִ֣יא הָֽיְתָ֔ה אִשָּׁ֖ה יְפַ֥ת מַרְאֶֽה׃
28 וַיֵּ֧שֶׁב אַבְשָׁל֛וֹם בִּירוּשָׁלַ֖͏ִם שְׁנָתַ֣יִם יָמִ֑ים וּפְנֵ֥י
29 הַמֶּ֖לֶךְ לֹ֥א רָאָֽה׃ וַיִּשְׁלַ֨ח אַבְשָׁל֜וֹם אֶל־יוֹאָ֗ב לִשְׁלֹ֤חַ אֹתוֹ֙
אֶל־הַמֶּ֔לֶךְ וְלֹ֥א אָבָ֖ה לָב֣וֹא אֵלָ֑יו וַיִּשְׁלַ֥ח ע֛וֹד שֵׁנִ֖ית וְלֹ֥א
ל אָבָ֖ה לָבֽוֹא׃ וַיֹּ֨אמֶר אֶל־עֲבָדָ֜יו רְא֗וּ חֶלְקַ֤ת יוֹאָב֙ אֶל־
יָדִי֙ וְלוֹ־שָׁ֣ם שְׂעֹרִ֔ים לְכ֖וּ וְהוֹצִתִ֣יהָ בָאֵ֑שׁ וַיַּצִּ֜תוּ עַבְדֵ֧י
31 אַבְשָׁל֛וֹם אֶת־הַחֶלְקָ֖ה בָּאֵֽשׁ׃ וַיָּ֣קָם יוֹאָ֔ב וַיָּבֹ֥א
אֶל־אַבְשָׁל֖וֹם הַבָּ֑יְתָה וַיֹּ֣אמֶר אֵלָ֗יו לָ֣מָּה הִצִּ֧יתוּ עֲבָדֶ֛יךָ
32 אֶת־הַחֶלְקָ֥ה אֲשֶׁר־לִ֖י בָּאֵֽשׁ׃ וַיֹּ֨אמֶר אַבְשָׁל֜וֹם אֶל־יוֹאָ֗ב
הִנֵּ֣ה שָׁלַ֣חְתִּי אֵלֶ֣יךָ ׀ לֵאמֹ֡ר בֹּ֣א הֵ֠נָּה וְאֶשְׁלְחָ֨ה אֹתְךָ֜ אֶל־

המלך

19 ע כצ״ל ibid. חסר א׳ v. 22 עבדך קרי v. 30 והציתיה ק׳

דיין זעעל לעבט, מיין הערר קעניג, אויב מען קען גיהן רעכטס אָדער לינקס (אויב מען קען זאָגן אַנדערש), פון דעם אַלעם וואָס מיין הערר דער קעניג האָט גערעדט, דען דיין קנעכט יואב, ער האָט עס מיר געבאָטען, און ער האָט אַלע דיזע ווערטער געלעגט אין דעם מויל פון דיין דיענסט.
20 אום צו ענדערען דאָס געזיכט פון דער זאַך האָט דיין קנעכט יואב די דאָזיגע זאַך געטהאָן, און מיין הערר איז קלוג ווי די קלוגהייט פון אַ מלאך פון גאָט, צו וויסען אַלעם וואָס עס געהט אָן אויף דער ערד.
21 און דער קעניג האָט געזאָגט צו יואב: זעה דאָך, איך האָב געטהאָן די דאָזיגע זאַך, און געה און ברענג צוריק דעם יונג, אַבשלום.
22 און יואָב איז געפאַלען מיט זיין געזיכט אויף דער ערד און ער האָט זיך געבוקט, און ער האָט געבענשט דעם קעניג. און יואָב האָט געזאָגט: היינט וויים דיין קנעכט, דאָס איך האָב געפונען גונסט אין דיינע אויגען, מיין הערר קעניג, ווייל דער קעניג האָט געטהאָן דאָס וואָרט פון דיין קנעכט.
23 און יואָב איז אויפגעשטאַנען און ער איז געגאַנגען נאָך גשור, און ער האָט געבראַכט אַבשלום נאָך ירושלים.
24 און דער קעניג האָט געזאָגט: ער זאָל זיך ווענדען נאָך זיין הויז, אָבער מיין געזיכט זאָל ער ניט זעהען, און אַבשלום האָט זיך געווענדעט נאָך זיין הויז, און ער האָט ניט געזעהען דאָס געזיכט פון דעם קעניג.
25 און אַזוי ווי אבשלום איז ניט געווען קיין שעהנערער מאַן אין גאַנץ ישראל, מען האָט איהם זייער געריהמט, פון דעם טריט פון זיין פוס ביז צו זיין קאָפּ איז ניט געווען אין איהם אַ פעהלער.
26 און ווען ער פלעגט אָפּשערען די האָאר פון זיין קאָפּ, און דאָס איז געווען (דאָס פלעגט ער טהאָן) פון דעם ענד פון יעדעם יאָהר דאָס ער פלעגט זיך אָפּשערען, דען די האָאר זיינען אויף איהם שווער געוואָרען, אַזוי איז פון זיינע האָאר געווען צוויי הונדערט שקלים נאָך דעם געוויכט פון דעם קעניג.
27 און עס זיינען געבאָרען געוואָרען צו אַבשלום דריי זיהן און איין טאָכ־טער, און איהר נאָמען איז געווען תמר, זי איז געווען אַ פרוי פון אַ שעה־נעם אַנזעהען.
28 און אַבשלום איז געזעסען אין ירושלים צוויי יאָהר, אָבער ער האָט ניט געזעהען דאָס געזיכט פון דעם קעניג.
29 און אַבשלום האָט געשיקט נאָך יואָב איהם צו שיקען צו דעם קעניג, און ער האָט ניט געוואָלט צו איהם קומען, און ער האָט נאָך אַ מאָל צו איהם געשיקט, אָבער ער האָט ניט געוואָלט קומען.
30 און ער האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: זעהט, די פעלד פון יואָב איז נאָהענט פון מיין (פעלד), און ער האָט דאָרטען גערשטען, געהט און צינדט איהר אָן מיט פייער, און אַבשלום'ס קנעכט האָבען אָנגעצונדען די פעלד מיט פייער.
31 און יואָב איז אויפגעשטאַנען און ער איז געקומען צו אַבשלום אין זיין הויז, און ער האָט געזאָגט צו איהם: וואָרום האָבען דיינע קנעכט אָנ־געצונדען מיין פעלד מיט פייער?
32 און אַבשלום האָט געזאָגט צו איהם: זעה, איך האָב צו דיר געשיקט אַזוי צו זאָגען: קום אַהער, און איך וועל דיך שיקען צו דעם קעניג צו זאָגען: וואָרום בין איך געקומען פון גשור? עס וואָלט מיר בעסער געווען אַז

הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר לָמָּה בָּאתִי מִגְּשׁוּר טוֹב לִי עֹד אֲנִי־שָׁם
וְעַתָּה אֶרְאֶה פְּנֵי הַמֶּלֶךְ וְאִם־יֶשׁ־בִּי עָוֺן וֶהֱמִתָנִי׃ וַיָּבֹא 33
יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיַּגֶּד־לוֹ וַיִּקְרָא אֶל־אַבְשָׁלוֹם וַיָּבֹא אֶל־
הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁתַּחוּ לוֹ עַל־אַפָּיו אַרְצָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וַיִּשַּׁק
הַמֶּלֶךְ לְאַבְשָׁלוֹם׃

## Cap. XV. טו

וַיְהִי מֵאַחֲרֵי כֵן וַיַּעַשׂ לוֹ אַבְשָׁלוֹם מֶרְכָּבָה וְסֻסִים א
וַחֲמִשִּׁים אִישׁ רָצִים לְפָנָיו׃ וְהִשְׁכִּים אַבְשָׁלוֹם וְעָמַד 2
עַל־יַד דֶּרֶךְ הַשָּׁעַר וַיְהִי כָּל־הָאִישׁ אֲשֶׁר־יִהְיֶה־לּוֹ רִיב
לָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ לַמִּשְׁפָּט וַיִּקְרָא אַבְשָׁלוֹם אֵלָיו וַיֹּאמֶר
אֵי־מִזֶּה עִיר אַתָּה וַיֹּאמֶר מֵאַחַד שִׁבְטֵי־יִשְׂרָאֵל עַבְדֶּךָ׃
וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְשָׁלוֹם רְאֵה דְבָרֶךָ טוֹבִים וּנְכֹחִים וְשֹׁמֵעַ 3
אֵין־לְךָ מֵאֵת הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם מִי־יְשִׂמֵנִי שֹׁפֵט 4
בָּאָרֶץ וְעָלַי יָבוֹא כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר־יִהְיֶה־לּוֹ־רִיב וּמִשְׁפָּט
וְהִצְדַּקְתִּיו׃ וְהָיָה בִּקְרָב־אִישׁ לְהִשְׁתַּחֲוֺת לוֹ וְשָׁלַח אֶת־ ה
יָדוֹ וְהֶחֱזִיק לוֹ וְנָשַׁק לוֹ׃ וַיַּעַשׂ אַבְשָׁלוֹם כַּדָּבָר הַזֶּה 6
לְכָל־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־יָבֹאוּ לַמִּשְׁפָּט אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיְגַנֵּב
אַבְשָׁלוֹם אֶת־לֵב אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי מִקֵּץ אַרְבָּעִים 7
שָׁנָה וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֶל־הַמֶּלֶךְ אֵלְכָה נָּא וַאֲשַׁלֵּם אֶת־
נִדְרִי אֲשֶׁר־נָדַרְתִּי לַיהוָה בְּחֶבְרוֹן׃ כִּי־נֵדֶר נָדַר עַבְדְּךָ 8
בְּשִׁבְתִּי בִגְשׁוּר בַּאֲרָם לֵאמֹר אִם־יָשִׁיב יְשִׁיבֵנִי יְהוָה
יְרוּשָׁלַםִ וְעָבַדְתִּי אֶת־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר־לוֹ הַמֶּלֶךְ לֵךְ בְּשָׁלוֹם 9
וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ חֶבְרוֹנָה׃ וַיִּשְׁלַח אַבְשָׁלוֹם מְרַגְּלִים י
בְּכָל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר כְּשָׁמְעֲכֶם אֶת־קוֹל הַשֹּׁפָר
וַאֲמַרְתֶּם מָלַךְ אַבְשָׁלוֹם בְּחֶבְרוֹן׃ וְאֶת־אַבְשָׁלוֹם הָלְכוּ 11
מָאתַיִם אִישׁ מִירוּשָׁלַםִ קְרֻאִים וְהֹלְכִים לְתֻמָּם וְלֹא יָדְעוּ
כָּל־דָּבָר׃ וַיִּשְׁלַח אַבְשָׁלוֹם אֶת־אֲחִיתֹפֶל הַגִּילֹנִי יוֹעֵץ 12

דוד

---

ט״ו v. 8. ישוב קרי

איך וואָלט נאָך דאָרט געווען, און יעצט, לאָז מיך זעהען דעם אַנגעזיכט
פון דעם קעניג, און אויב עס געפינט זיך אין מיר אַ פערברעכען זאָל ער
מיך טוידטען.

33 און יואָב איז געקומען צו דעם קעניג, און ער האָט עס צו איהם געזאָגט:
און ער האָט גערופען אַבשלום און ער איז געקומען צו דעם קעניג, און
ער האָט זיך צו איהם געבוקט מיט זיין געזיכט צו דער ערד, פאַר דעם קע־
ניג. און דער קעניג האָט געקושט אַבשלום.

## קאַפּיטעל טו

1 און עס איז געווען נאָכדעם אַזוי האָט זיך אַבשלום געמאַכט אַ רייטוואָגען
און פערד, און פופציג מאַן זיינען פאַר איהם געלאָפען.

2 און אַבשלום פלעגט פריה אויפשטעהען, און איז געשטאַנען ביי דער זייט
פון דעם וועג פון דעם טהויער, (פון קעניג'ס הויז), און עס איז געווען
דאָס יעדער מאַן וואָס האָט געהאַט אַ שטרייט, צו קומען פאַר דעם קעניג
פאַר דאָס געריכט, אַזוי האָט איהם אַבשלום גערופען און ער האָט געזאָגט:
„פון וועלכער שטאָדט ביזטו“? און ווען ער האָט געזאָגט:
דיין קנעכט איז פון איינע פון (די שטעדט) פון די שבטים ישראל.

3 און אַבשלום האָט צו איהם געזאָגט: זעה, דיינע רייד זיינען גוט און
גערעכט, אָבער קיינער וועט דאָס דיר ניט אויסהערען ביי דעם קעניג.

4 און אַבשלום האָט ווייטער געזאָגט: ווער וואָלט מיך מאַכען פאַר אַ ריכ־
טער אין דעם לאַנד, און יעדער וואָס האָט אַ שטרייט און אַ ריכט וואָלט
צו מיר געקומען אַזוי וואָלט איך איהם געריכט מיט גערעכטיגקייט.

5 און עס איז געווען ווען איינער האָט גענעהנט צו איהם זיך צו בוקען,
אַזוי האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנד און האָט איהם אָנגענומען, און
איהם געקושט.

6 און אַזוי האָט אַבשלום געטהאָן צו גאַנץ ישראל וואָס זיינען געקומען צו
דעם קעניג פאַר דאָס געריכט; און אַבשלום האָט געשטוילען (גע'גנב'עט)
דאָס האַרץ פון די מענער ישראל.

7 און עס איז געווען אין דעם ענד פון פיערציג יאָהר (פון דוד'ס מלוכה,
עס מיינט, אין זיינע לעצטע יאָהרען) און אַבשלום האָט געזאָגט צו דעם
קעניג: לאָז מיך געהען, איך בעט דיך, און איך וועל בעצאָהלען מיין נדר
וואָס איך האָב אַ נדר געטהאָן צו גאָט אין חברון.

8 דען דיין קנעכט האָט אַ נדר געטהאָן, ווען איך בין געזעסען אין גשור
און ארם אַזוי צו זאָגען: אויב גאָט וועט מיך נאָר צוריקברענגען נאָך
ירושלים, וועל איך דיענען גאָט (מיט קרבנות).

9 און דער קעניג האָט צו איהם געזאָגט: געה אין פריעדען, און ער איז
אויפגעשטאַנען און ער איז געגאַנגען נאָך חברון.

10 און אַבשלום האָט געשיקט שפּיאָנען אין די אַלע שבטים פון ישראל, אַזוי:
ווען איהר וועט הערען דעם שטים פון דעם שופר, זאָלט איהר זאָגען:
אַבשלום איז געוואָרען קעניג אין חברון.

11 און מיט אַבשלום זיינען מיטגעגאַנגען צוויי הונדערט מאַן פון ירושלים,
גערופענע און זיי זיינען געגאַנגען אונשולדיג, און זיי האָבען ניט געוואוסט
פון קיין זאַך.

12 און אַבשלום האָט געשיקט (רופען) אַחיתפל פון גילה, דוד'ס ראַטגעבער,
פון זיין שטאָדט, ווען ער האָט געשלאַכט די שלאַכט־אָפּפער, און דער בונד

דָּוִ֗ד מֵֽעִירוֹ֙ מִגִּלֹ֔ה בְּזָבְח֖וֹ אֶת־הַזְּבָחִ֑ים וַיְהִ֤י הַקֶּ֙שֶׁר֙ אַמִּ֔ץ
13 וְהָעָ֛ם הוֹלֵ֥ךְ וָרָ֖ב אֶת־אַבְשָׁלֽוֹם׃ וַיָּבֹא֙ הַמַּגִּ֔יד אֶל־דָּוִ֖ד
14 לֵאמֹ֑ר הָיָ֛ה לֶב־אִ֥ישׁ יִשְׂרָאֵ֖ל אַחֲרֵ֥י אַבְשָׁלֽוֹם׃ וַיֹּ֣אמֶר דָּ֠וִד
לְכָל־עֲבָדָ֨יו אֲשֶׁר־אִתּ֜וֹ בִירוּשָׁלִַ֗ם ק֚וּמוּ וְנִבְרָ֔חָה כִּ֛י לֹא־
תִֽהְיֶה־לָּ֥נוּ פְלֵיטָ֖ה מִפְּנֵ֣י אַבְשָׁלֹ֑ם מַהֲר֣וּ לָלֶ֗כֶת פֶּן־יְמַהֵ֨ר
וְהִשִּׂגֻ֜נוּ וְהִדִּ֤יחַ עָלֵ֙ינוּ֙ אֶת־הָ֣רָעָ֔ה וְהִכָּ֥ה הָעִ֖יר לְפִי־
טו חָֽרֶב׃ וַיֹּאמְר֥וּ עַבְדֵֽי־הַמֶּ֖לֶךְ אֶל־הַמֶּ֑לֶךְ כְּכֹ֧ל אֲשֶׁר־יִבְחַ֛ר
16 אֲדֹנִ֥י הַמֶּ֖לֶךְ הִנֵּ֥ה עֲבָדֶֽיךָ׃ וַיֵּצֵ֥א הַמֶּ֛לֶךְ וְכָל־בֵּית֖וֹ בְּרַגְלָ֑יו
וַיַּעֲזֹ֣ב הַמֶּ֗לֶךְ אֵ֣ת עֶ֧שֶׂר נָשִׁ֛ים פִּֽלַגְשִׁ֖ים לִשְׁמֹ֥ר הַבָּֽיִת׃
17 וַיֵּצֵ֥א הַמֶּ֛לֶךְ וְכָל־הָעָ֖ם בְּרַגְלָ֑יו וַיַּֽעַמְד֖וּ בֵּ֥ית הַמֶּרְחָֽק׃
18 וְכָל־עֲבָדָיו֙ עֹבְרִ֣ים עַל־יָד֔וֹ וְכָל־הַכְּרֵתִ֖י וְכָל־הַפְּלֵתִ֑י וְכָל־
הַגִּתִּ֞ים שֵׁשׁ־מֵא֣וֹת אִ֗ישׁ אֲשֶׁר־בָּ֤אוּ בְרַגְלוֹ֙ מִגַּ֔ת עֹבְרִ֖ים
19 עַל־פְּנֵ֥י הַמֶּֽלֶךְ׃ וַיֹּ֤אמֶר הַמֶּ֙לֶךְ֙ אֶל־אִתַּ֣י הַגִּתִּ֔י לָ֥מָּה תֵלֵ֛ךְ
גַּם־אַתָּ֖ה אִתָּ֑נוּ שׁ֣וּב וְשֵׁ֤ב עִם־הַמֶּ֙לֶךְ֙ כִּֽי־נָכְרִ֣י אַתָּ֔ה וְגַם־
כ גֹּלֶ֥ה אַתָּ֖ה לִמְקוֹמֶֽךָ׃ תְּמ֣וֹל ׀ בּוֹאֶ֗ךָ וְהַיּ֞וֹם אֲנוּעֲךָ֤ עִמָּ֙נוּ֙
לָלֶ֔כֶת וַאֲנִ֣י הוֹלֵ֔ךְ עַ֥ל אֲשֶׁר־אֲנִ֖י הוֹלֵ֑ךְ שׁ֣וּב וְהָשֵׁ֧ב אֶת־
21 אַחֶ֛יךָ עִמָּ֖ךְ חֶ֥סֶד וֶאֱמֶֽת׃ וַיַּ֧עַן אִתַּ֛י אֶת־הַמֶּ֖לֶךְ וַיֹּאמַ֑ר
חַי־יְהוָ֗ה וְחֵי֙ אֲדֹנִ֣י הַמֶּ֔לֶךְ כִּ֡י אִם֩ בִּמְק֨וֹם אֲשֶׁ֜ר יִֽהְיֶה־
שָּׁ֣ם ׀ אֲדֹנִ֣י הַמֶּ֗לֶךְ אִם־לְמָ֙וֶת֙ אִם־לְחַיִּ֔ים כִּי־שָׁ֖ם יִֽהְיֶ֥ה
22 עַבְדֶּֽךָ׃ וַיֹּ֧אמֶר דָּוִ֛ד אֶל־אִתַּ֖י לֵ֣ךְ וַעֲבֹ֑ר וַיַּעֲבֹ֞ר אִתַּ֤י הַגִּתִּי֙
23 וְכָל־אֲנָשָׁ֔יו וְכָל־הַטַּ֖ף אֲשֶׁ֥ר אִתּֽוֹ׃ וְכָל־הָאָ֗רֶץ בּוֹכִים֙ ק֣וֹל
גָּד֔וֹל וְכָל־הָעָ֖ם עֹבְרִ֑ים וְהַמֶּ֙לֶךְ֙ עֹבֵ֣ר בְּנַ֣חַל קִדְר֔וֹן וְכָל־
24 הָעָם֙ עֹבְרִ֔ים עַל־פְּנֵי־דֶ֖רֶךְ אֶת־הַמִּדְבָּֽר׃ וְהִנֵּ֨ה גַם־צָד֜וֹק
וְכָל־הַלְוִיִּ֣ם אִתּ֗וֹ נֹֽשְׂאִים֙ אֶת־אֲרוֹן֙ בְּרִ֣ית הָאֱלֹהִ֔ים וַיַּצִּ֙קוּ֙
אֶת־אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֔ים וַיַּ֖עַל אֶבְיָתָ֑ר עַד־תֹּ֥ם כָּל־הָעָ֖ם לַעֲב֥וֹר
כה מִן־הָעִֽיר׃ וַיֹּ֤אמֶר הַמֶּ֙לֶךְ֙ לְצָד֔וֹק הָשֵׁ֛ב אֶת־אֲר֥וֹן
הָאֱלֹהִ֖ים הָעִ֑יר אִם־אֶמְצָ֥א חֵן֙ בְּעֵינֵ֣י יְהוָ֔ה וֶֽהֱשִׁבַ֕נִי

והראני

v. 14. קמץ בז״ק   v. 20 אניעך קרי   v. 21 כתיב ולא קרי

איז געוואָרען שטאַרק, און דאָס פאָלק האָט זיך געמעהרט און געמעהרט מיט אבשלום.
13 און עס איז געקומען דער אָנזאָגער צו דוד, און האָט אַזוי געזאָגט: דאָס האַרץ פון גאַנץ ישראל האָט זיך געווענדעט נאָך אבשלום.
14 און דוד האָט געזאָגט צו זיינע אַלע קנעכט וואָס זיינען מיט איהם געווען אין ירושלים: שטעהט אויף און מיר וועלען אַנטלויפען; דען מיר וועט לען ניט האָבען קיין רעטונג פון אבשלום, איילט אייך אַוועקצוגעהען, אַז ער זאָל ניט איילען און (וועט) אונז ערגרייכען, און ער וועט ברענגען אויף אונז אַן אונגליק, און ער וועט די שטאָדט שלאָגען מיט דעם שאַרף פון די שווערד.
15 און די קנעכט פון דעם קעניג האָבען געזאָגט צו דעם קעניג: אַלעס, וואָס מיין העדר דער קעניג וועט נאָר אויסדערוועהלען, זעה, דיינע קנעכט (זיינען בערייט).
16 און דער קעניג איז אַרויסגעגאַנגען, און זיין גאַנצע הויזגעזינד זיינען איהם נאָכגעגאַנגען; און דער קעניג האָט איבערגעלאָזען צעהן קעבסווייבער צו היטען דאָס הויז.
17 און דער קעניג איז אַרויסגעגאַנגען און דאָס גאַנצע פאָלק זיינען איהם נאָכגעגאַנגען, און זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי אַ הויז פון ווייטען (פון ירושלים).
18 און אַלע זיינע קנעכט זיינען ביי זיין זייט פאַראיבערגעגאַנגען, און די אַלע כרתי, און די אַלע פלתי, און די אַלע מענער פון גת, זעקס הונדערט מאַן וואָס זיינען מיט איהם מיטגעגאַנגען פון גת זיינען פאַראיבערגעגאַנגען פאַר דעם קעניג.
19 און דער קעניג האָט געזאָגט צו אתי פון גת: צו וואָס זאָלסטו אויך געהן מיט אונז? קעהר צוריק, און בלייב מיט דעם (נייעם) קעניג (אבשלום), דען דו ביזט דאָך אַ פרעמדער, און צו וואָס זאָלסטו אויך זיך אַרומטרייבען, געה צו דיין אָרט.
20 נעכטען ביזטו ערשט אָנגעקומען, און היינט זאָל איך דיר לאָזען פערוואָגעלט ווערען צו געהען מיט אונז? און איך געה, אַוואו איך געה. קעהר דו צוריק און נעהם דיינע ברידער מיט דיר צוריק, (איך דאַנק דיר פאַר דיינע) געטרייהייט און וואהרהייט.
21 און אתי האָט געענטפערט דעם קעניג און ער האָט געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי מיין העדר דער קעניג לעבט; דאָס נאָר אין דעם אָרט אַוואו דאָרט וועט זיין מיין העדר דער קעניג, אויב צום טוידט, אויב צום לעבען, דאָס נאָר דאָרט וועט דיין קנעכט אויך זיין.
22 און דוד האָט געזאָגט צו אתי: געה, און פאַראיבער (פאַראויס); און אתי דער גתי איז איבערגעפאָהרען מיט זיינע אַלע לייט, און מיט די אַלע קליינע קינדער וואָס זיינען מיט איהם געווען.
23 און אַלע לייט פון דעם לאַנד האָבען געוויינט מיט אַ גרויס קול, און דאָס גאַנצע פאָלק זיינען פאַראיבערגעגאַנגען, און דער קעניג איז אַריבערגעגאַנגען איבער דעם טייך קדרון, און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען אויף דעם וועג נאָך דער ווידטע צו.
24 און זעה, אויך צדוק און די אַלע לוים מיט איהם (זיינען געקומען), זיי האָבען געטראָגען דעם ארון פון דעם בונד פון גאָט; פאַרדעם האָבען זיי געהאַט אַוועקגעשטעלט דעם ארון פון גאָט, און ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיגט צו פאַראיבער געהען (פאַר דעם ארון, און אַרויסגעהען) פון שטאָדט, דאַן איז אביתר אויך אַרויפגעגאַנגען.
25 און דער קעניג האָט געזאָגט צו צדוק: ברענג צוריק דעם ארון פון גאָט אין די שטאָדט; אויב איך וועל געפינען גונסט אין די אויגען פון גאָט,

26 וְהִרְאַנִי אֹתוֹ וְאֶת־נָוֵהוּ׃ וְאִם כֹּה יֹאמַר לֹא חָפַצְתִּי בָּךְ
27 הִנְנִי יַעֲשֶׂה־לִּי כַּאֲשֶׁר טוֹב בְּעֵינָיו׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
אֶל־צָדוֹק הַכֹּהֵן הֲרוֹאֶה אַתָּה שֻׁבָה הָעִיר בְּשָׁלוֹם
וַאֲחִימַעַץ בִּנְךָ וִיהוֹנָתָן בֶּן־אֶבְיָתָר שְׁנֵי בְנֵיכֶם אִתְּכֶם׃
28 רְאוּ אָנֹכִי מִתְמַהְמֵהַּ בְּעַבְרוֹת* הַמִּדְבָּר עַד־בּוֹא דָבָר
29 מֵעִמָּכֶם לְהַגִּיד לִי׃ וַיָּשֶׁב צָדוֹק וְאֶבְיָתָר אֶת־אֲרוֹן
הָאֱלֹהִים יְרוּשָׁלָ͏ִם וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃ וְדָוִד עֹלֶה בְמַעֲלֵה הַזֵּיתִים ל
עֹלֶה ׀ וּבוֹכֶה וְרֹאשׁ לוֹ חָפוּי וְהוּא הֹלֵךְ יָחֵף וְכָל־הָעָם
31 אֲשֶׁר־אִתּוֹ חָפוּ אִישׁ רֹאשׁוֹ וְעָלוּ עָלֹה וּבָכֹה׃ וְדָוִד הִגִּיד
לֵאמֹר אֲחִיתֹפֶל בַּקֹּשְׁרִים עִם־אַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר דָּוִד סַכֶּל־
32 נָא אֶת־עֲצַת אֲחִיתֹפֶל יְהוָה׃ וַיְהִי דָוִד בָּא עַד־הָרֹאשׁ
אֲשֶׁר־יִשְׁתַּחֲוֶה שָׁם לֵאלֹהִים וְהִנֵּה לִקְרָאתוֹ חוּשַׁי
33 הָאַרְכִּי קָרוּעַ כֻּתָּנְתּוֹ וַאֲדָמָה עַל־רֹאשׁוֹ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ דָּוִד
34 אִם עָבַרְתָּ אִתִּי וְהָיִתָ* עָלַי לְמַשָּׂא׃ וְאִם־הָעִיר תָּשׁוּב
וְאָמַרְתָּ לְאַבְשָׁלוֹם עַבְדְּךָ אֲנִי הַמֶּלֶךְ אֶהְיֶה עֶבֶד אָבִיךָ
וַאֲנִי מֵאָז וְעַתָּה וַאֲנִי עַבְדֶּךָ וְהֵפַרְתָּה לִי אֵת עֲצַת
אֲחִיתֹפֶל׃ וַהֲלוֹא עִמְּךָ שָׁם צָדוֹק וְאֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים לה
וְהָיָה כָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר תִּשְׁמַע מִבֵּית הַמֶּלֶךְ תַּגִּיד לְצָדוֹק
36 וּלְאֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים׃ הִנֵּה־שָׁם עִמָּם שְׁנֵי בְנֵיהֶם אֲחִימַעַץ
לְצָדוֹק וִיהוֹנָתָן לְאֶבְיָתָר וּשְׁלַחְתֶּם בְּיָדָם אֵלַי כָּל־דָּבָר
37 אֲשֶׁר תִּשְׁמָעוּ׃ וַיָּבֹא חוּשַׁי רֵעֶה דָוִד הָעִיר וְאַבְשָׁלוֹם
יָבוֹא יְרוּשָׁלָ͏ִם׃

## טז Cap. XVI. טז

וְדָוִד עָבַר מְעַט מֵהָרֹאשׁ וְהִנֵּה צִיבָא נַעַר מְפִיבֹשֶׁת א
לִקְרָאתוֹ וְצֶמֶד חֲמֹרִים חֲבֻשִׁים וַעֲלֵיהֶם מָאתַיִם לֶחֶם
2 וּמֵאָה צִמּוּקִים וּמֵאָה קַיִץ וְנֵבֶל יָיִן׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
צִיבָא מָה־אֵלֶּה לָּךְ וַיֹּאמֶר צִיבָא הַחֲמוֹרִים לְבֵית־הַמֶּלֶךְ
לרכב

ס״א v. 28. בערבות קרי v. 33. כצ״ל

וועט ער מיך צוריקברענגען און ער וועט מיר ווייזען, איהם און זיין וואָה־
נונג.
26 אָבער אויב ער וועט אַזוי זאָגען: איך פערלאַנג דיך ניט, בין איך בע־
רייט, לאָז ער צו מיר טהאָן ווי עס איז גוט אין זיינע אויגען.
27 און דער קעניג האָט ווייטער געזאָגט צו צדוק דעם כהן: זעהסטו?
קעהר דיך צוריק אין די שטאָדט אין פריעדען, און אַחימעץ דיין זוהן,
און יהונתן דער זוהן פון אביתר, אייערע ביידע זיהן (וועלען זיין) מיט
אייך.
28 זעהט, איך וועל זיך פערזאַמען אין דעם פּלוין פון דער וויסטע, ביז עס
וועט קומען אַ וואָרט פון אייך מיר אָנצוזאָגען.
29 און צדוק און אביתר האָבען צוריקגעבראַכט דעם ארון פון גאָט נאָך
ירושלים, און זיי זיינען דאָרטען פערבליעבען.
30 און דוד איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם אויפגאַנג פון דעם אוילבארג (הר
הזיתים), וויינענדיג ביים אַרויפגעהען, זיין קאָפּ איז געווען צוגעדעקט (ווי
אַ אבל), און ער איז געגאַנגען בארפוס, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז
מיט איהם געווען, האָט יעדער צוגעדעקט זיין קאָפּ, און זיי זיינען אַרויפ־
געגאַנגען וויינענדיג.
31 און צו דוד האָט מען אָנגעזאָגט אַזוי: אחיתפל איז מיט די וואָס האָבען
זיך פערבונדען מיט אַבשלום. און דוד האָט געזאָגט: פערנאַריש דאָך
דעם ראַטה פון אחיתפל, אָ גאָט!
32 און עס איז געווען אַז ווען דוד איז געקומען ביז צום שפּיטץ בארג אוואו
ער פלעגט זיך דאָרט בוקען צו גאָט, און זעה, חושי דער ארכי איז איהם
אַנטקעגען געקומען, מיט זיין ראָק צוריסען און ערד אויף זיין קאָפּ.
33 און דוד האָט צו איהם געזאָגט: אויב דו וועסט מיטגעהען מיט מיר,
וועסטו נאָר זיין צו מיר אַ לאַסט.
34 אָבער אויב דו וועסט צוריקקעהרען אין די שטאָדט, זאָלסטו זאָגען צו
אבשלום: דיין קנעכט וויל איך זיין, אָ קעניג. איך בין געווען דער קנעכט
פון דיין פאָטער פון לאַנג אָן, און יעצט וויל איך זיין דיין קנעכט, און
דו וועסט צושטערען פאַר מיר דעם ראַטה פון אחיתפל.
35 און דאָרט זיינען דאָך מיט דיר צדוק און אביתר די כהנים, און עס וועט
זיין אַז יעדער זאַך וואָס דו וועסט הערען פון דעם קעניג'ס הויז זאָלסטו
זאָגען צו צדוק און צו אביתר די כהנים.
36 זעה, דאָרטען זיינען מיט זיי זייערע צוויי זיהן, אחימעץ צו צדוק, און
יהונתן צו אביתר, און דורך זיי זאָלט איהר צו מיר שיקען יעדע זאַך
וואָס איהר וועט הערען.
37 און חושי דער פריינד פון דוד איז געקומען אין די שטאָדט, (אין דער
צייט) ווען אבשלום האָט געדאַרפט אָנקומען אין ירושלים.

## קאַפּיטעל טז

1 און אַלס דוד איז אַוועקגעגאַנגען איין וועניג פון דעם שפּיטץ פון בארג,
און זעה, ציבא דער יונג פון מפיבשת איז איהם אַנטקעגען געקומען, מיט
אַ פּאָאר געזאָטעלטע עזלען, און אויף זיי איז געווען צוויי הונדערט (לאַ־
בענם) ברויט, און הונדערט בינטלאַך ראָזינקעס און הונדערט בינטלאַך
זומער־פרוכט און אַ פלאַש וויין.
2 און דער קעניג האָט געזאָגט צו ציבא: וואָס ווילסטו דאָמיט? און
ציבא האָט געזאָגט: די עזלען זיינען פאַר דעם קעניג'ס הויזגעזינד אויף
זיי צו רייטען, און דאָס ברויט און די זומער־פרוכט זיינען פאַר די יונגען

לִרְכֹּב וּלְהַלֶּחֶם וְהַקַּיִץ לֶאֱכוֹל הַנְּעָרִים וְהַיַּיִן לִשְׁתּוֹת
3 הַיָּעֵף בַּמִּדְבָּר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ וְאַיֵּה בֶּן־אֲדֹנֶיךָ וַיֹּאמֶר
צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ הִנֵּה יוֹשֵׁב בִּירוּשָׁלַ͏ִם כִּי אָמַר הַיּוֹם
4 יָשִׁיבוּ לִי בֵּית יִשְׂרָאֵל אֵת מַמְלְכוּת אָבִי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לְצִבָא הִנֵּה לְךָ כֹּל אֲשֶׁר לִמְפִיבֹשֶׁת וַיֹּאמֶר צִיבָא
ה הִשְׁתַּחֲוֵיתִי אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וּבָא הַמֶּלֶךְ
דָּוִד עַד־בַּחוּרִים וְהִנֵּה מִשָּׁם אִישׁ יוֹצֵא מִמִּשְׁפַּחַת בֵּית־
6 שָׁאוּל וּשְׁמוֹ שִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא יֹצֵא יָצוֹא וּמְקַלֵּל׃ וַיְסַקֵּל
בָּאֲבָנִים אֶת־דָּוִד וְאֶת־כָּל־עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ דָּוִד וְכָל־הָעָם
7 וְכָל־הַגִּבֹּרִים מִימִינוֹ וּמִשְּׂמֹאלוֹ׃ וְכֹה־אָמַר שִׁמְעִי בְּקַלְלוֹ
8 צֵא צֵא אִישׁ הַדָּמִים וְאִישׁ הַבְּלִיָּעַל׃ הֵשִׁיב עָלֶיךָ יְהוָה
כֹּל ׀ דְּמֵי בֵית־שָׁאוּל אֲשֶׁר מָלַכְתָּ תַּחְתָּו וַיִּתֵּן יְהוָה אֶת־
הַמְּלוּכָה בְּיַד אַבְשָׁלוֹם בְּנֶךָ וְהִנְּךָ בְּרָעָתֶךָ כִּי אִישׁ דָּמִים
9 אָתָּה׃ וַיֹּאמֶר אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה אֶל־הַמֶּלֶךְ לָמָּה יְקַלֵּל
הַכֶּלֶב הַמֵּת הַזֶּה אֶת־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶעְבְּרָה־נָּא וְאָסִירָה
י אֶת־רֹאשׁוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מַה־לִּי וְלָכֶם בְּנֵי צְרֻיָה כִּי
יְקַלֵּל וְכִי יְהוָה אָמַר לוֹ קַלֵּל אֶת־דָּוִד וּמִי יֹאמַר מַדּוּעַ
11 עָשִׂיתָה כֵּן׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי וְאֶל־כָּל־עֲבָדָיו הִנֵּה
בְנִי אֲשֶׁר־יָצָא מִמֵּעַי מְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשִׁי וְאַף כִּי־עַתָּה בֶּן
12 הַיְמִינִי הַנִּחוּ לוֹ וִיקַלֵּל כִּי־אָמַר לוֹ יְהוָה׃ אוּלַי יִרְאֶה
יְהוָה בְּעֵונִי וְהֵשִׁיב יְהוָה לִי טוֹבָה תַּחַת קִלְלָתוֹ הַיּוֹם
13 הַזֶּה׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַאֲנָשָׁיו בַּדָּרֶךְ * וְשִׁמְעִי
הֹלֵךְ בְּצֵלַע הָהָר לְעֻמָּתוֹ הָלוֹךְ וַיְקַלֵּל וַיְסַקֵּל בָּאֲבָנִים
14 לְעֻמָּתוֹ וְעִפַּר בֶּעָפָר׃ וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ וְכָל־הָעָם
טו אֲשֶׁר־אִתּוֹ עֲיֵפִים וַיִּנָּפֵשׁ שָׁם׃ וְאַבְשָׁלוֹם וְכָל־הָעָם אִישׁ
16 יִשְׂרָאֵל בָּאוּ יְרוּשָׁלָ͏ִם וַאֲחִיתֹפֶל אִתּוֹ׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־בָּא
חוּשַׁי הָאַרְכִּי רֵעֶה דָוִד אֶל־אַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אֶל־

אבשלום

v. 2. ק׳ והלחם v. 8. ק׳ תחתיו v. 10. ק׳ כה ibid. ק׳ כי v. 12. ק׳ בעיני v. 13. פסקא באמצע פסוק

צו עסען, און דער ווײן צו טרינקען פאַר דעם וואָס וועט זײן מיעד אין דער מדבר.

3 און דער קעניג האָט געזאָגט : און וואו איז דער זוהן פון דײן הערר ? און ציבא האָט געזאָגט צו דעם קעניג : זעה, ער איז געבליעבען אין ירושלים, דען ער האָט געזאָגט : הײנט וועט דאָס הויז פון ישראל מיר צוריקגעבען דאָס קעניגרײך פון מײן פאָטער.

4 און דער קעניג האָט געזאָגט צו ציבא : זעה, אַלעס וואָס געהערט צו מפיבשת זאָל זײן דײן, און ציבא האָט געזאָגט : איך בוק מיך, איך וויל (ווײטער) געפינען גונסט אין דײנע אויגען, מײן הערר קעניג.

5 און אַלס דער קעניג דוד איז אָנגעקומען פאַר בחורים, און זעה, פון דאָרט איז אַרויסגעקומען אַ מאַן פון דער פאַמיליע פון שאול'ס הויזגעזינד, און זײן נאָמען איז געווען שמעי דער זוהן פון גרא, און ער איז געגאַנגען און געשאָלטען.

6 און ער האָט געוואָרפען שטײנער אויף דוד, און אויף די אַלע קנעכט פון דעם קעניג דוד. און דאָס גאַנצע פאָלק און אַלע שטאַרקע העלדען זײנען געווען בײ זײן רעכטע האַנד און בײ זײן לינקע האַנד.

7 און אַזוי האָט שמעי געזאָגט ווען ער האָט געשאָלטען : אַרויס, אַרויס, דו בלוט־שולדיגער מענש און דו ניעדערטרעכטיגער מענש.

8 גאָט האָט איבער דיר צוריקגעבראַכט דאָס גאַנצע בלוט פון דעם הויז פון שאול, וואָס דו רעגיערסט אָנשטאָט איהם, און גאָט האָט געגעבען די מלוכה אין דער האַנד פון אבשלום דײן זוהן, און דו ביזט יעצט אין דײן אומגליק, דען דו ביזט אַ בלוט־שולדיגער מענש.

9 און אַבישי דער זוהן פון צרויה האָט געזאָגט צו דעם קעניג : וואָרום זאָל דער דאָזיגער טוידטער הונד שילטען מײן הערר דעם קעניג ? לאָז מיך דאָך אריבערגעהען, איך בעט דיך, און איך וועל איהם אַראָפּנעהמען זײן קאָפּ.

10 און דער קעניג האָט געזאָגט : וואָס האָב איך מיט אײך צו טהאָן, איהר זיהן פון צרויה ? לאָז ער אַזוי שילטען, דען גאָט האָט צו איהם געזאָגט : שילט דוד ; און ווער קען זאָגען (צו גאָט) וואָרום האָסטו אַזוי געטהאָן ?

11 און דוד האָט געזאָגט צו אַבישי און צו אַלע זײנע קנעכט : זעהט, מײן זוהן וואָס איז אַרויסגעקומען פון מײן לײב זוכט מײן לעבען צו נעהמען, ווי פיעל מעהר (מכל שכן) יעצט דער מאַן פון בנימין, לאָזט איהם, לאָז ער שילטען , דען גאָט האָט עס צו איהם געהייסען.

12 פיעלײכט וועט גאָט זעהען (די טרערהרען) פון מײנע אויגען, און גאָט וועט מיר גוטעס געבען פאַר זײן שילטען דעם הײנטיגען טאָג.

13 און דוד און זײנע לײט זײנען געגאַנגען ווײטער אויף דעם וועג, און שמעי איז געגאַנגען אויף דער זײט פון דעם באַרג קעגען איהם, געגאַנגען און געשאָלטען, און ער האָט געוואָרפען שטײנער קעגען איהם, און ער האָט געוואָרפען מיט שטויב.

14 און דער קעניג און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז מיט איהם זײנען אָנגעקומען (אין בחורים) פערמאַטערט, און ער האָט דאָרט גערוהט.

15 און אַבשלום און דאָס גאַנצע פאָלק, די מענער פון ישראל זײנען אָנגעקומען אין ירושלים, און אַחיתפל מיט איהם.

16 און ווען חושי דער ארכי, דוד'ס פרײנד איז אָנגעקומען צו אַבשלום, האָט חושי געזאָגט צו אַבשלום : דער קעניג זאָל לעבען, דער קעניג זאָל לעבען.

17 אַבְשָׁלוֹם יְחִי הַמֶּלֶךְ יְחִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֶל־
חוּשַׁי זֶה חַסְדְּךָ אֶת־רֵעֶךָ לָמָּה לֹא־הָלַכְתָּ אֶת־רֵעֶךָ׃
18 וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אֶל־אַבְשָׁלֹם לֹא כִּי אֲשֶׁר בָּחַר יְהוָה וְהָעָם
19 הַזֶּה וְכָל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל לֹא אֶהְיֶה וְאִתּוֹ אֵשֵׁב׃ וְהַשֵּׁנִית
לְמִי אֲנִי אֶעֱבֹד הֲלוֹא לִפְנֵי בְנוֹ כַּאֲשֶׁר עָבַדְתִּי לִפְנֵי אָבִיךָ
כ כֵּן אֶהְיֶה לְפָנֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֶל־אֲחִיתֹפֶל הָבוּ
21 לָכֶם עֵצָה מַה־נַּעֲשֶׂה׃ וַיֹּאמֶר אֲחִיתֹפֶל אֶל־אַבְשָׁלֹם בֹּא
אֶל־פִּלַגְשֵׁי אָבִיךָ אֲשֶׁר הִנִּיחַ לִשְׁמוֹר הַבָּיִת וְשָׁמַע כָּל־
יִשְׂרָאֵל כִּי־נִבְאַשְׁתָּ אֶת־אָבִיךָ וְחָזְקוּ יְדֵי כָּל־אֲשֶׁר אִתָּךְ׃
22 וַיַּטּוּ לְאַבְשָׁלוֹם הָאֹהֶל עַל־הַגָּג וַיָּבֹא אַבְשָׁלוֹם אֶל־פִּלַגְשֵׁי
23 אָבִיו לְעֵינֵי כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַעֲצַת אֲחִיתֹפֶל אֲשֶׁר יָעַץ בַּיָּמִים
הָהֵם כַּאֲשֶׁר יִשְׁאַל־ ֯ בִּדְבַר הָאֱלֹהִים כֵּן כָּל־עֲצַת
אֲחִיתֹפֶל גַּם־לְדָוִד גַּם־לְאַבְשָׁלֹם׃

## יז Cap. XVII. יז

א וַיֹּאמֶר אֲחִיתֹפֶל אֶל־אַבְשָׁלֹם אֶבְחֲרָה־נָּא שְׁנֵים־עָשָׂר
2 אֶלֶף אִישׁ וְאָקוּמָה וְאֶרְדְּפָה אַחֲרֵי־דָוִד הַלָּיְלָה׃ וְאָבוֹא
עָלָיו וְהוּא יָגֵעַ וּרְפֵה יָדַיִם וְהַחֲרַדְתִּי אֹתוֹ וְנָס כָּל־
3 הָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ וְהִכֵּיתִי אֶת־הַמֶּלֶךְ לְבַדּוֹ׃ וְאָשִׁיבָה כָל־
הָעָם אֵלֶיךָ כְּשׁוּב הַכֹּל הָאִישׁ אֲשֶׁר־אַתָּה מְבַקֵּשׁ כָּל־
4 הָעָם יִהְיֶה שָׁלוֹם׃ וַיִּישַׁר הַדָּבָר בְּעֵינֵי אַבְשָׁלֹם וּבְעֵינֵי
ה כָּל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם קְרָא נָא גַּם
6 לְחוּשַׁי הָאַרְכִּי וְנִשְׁמְעָה מַה־בְּפִיו גַּם־הוּא׃ וַיָּבֹא חוּשַׁי
אֶל־אַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֵלָיו לֵאמֹר כַּדָּבָר הַזֶּה
דִּבֶּר אֲחִיתֹפֶל הֲנַעֲשֶׂה אֶת־דְּבָרוֹ אִם־אַיִן אַתָּה דַבֵּר׃
7 וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אֶל־אַבְשָׁלוֹם לֹא־טוֹבָה הָעֵצָה אֲשֶׁר־
8 יָעַץ אֲחִיתֹפֶל בַּפַּעַם הַזֹּאת׃ וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אַתָּה יָדַעְתָּ
אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אֲנָשָׁיו כִּי גִבֹּרִים הֵמָּה וּמָרֵי נֶפֶשׁ הֵמָּה

כדוב

טז v. 18. לו קרי 23. ״ איש קרי ולא כתיב

17 און אבשלום האָט געזאָגט צו חושי: איז דאָס דיין געטרייהייט צו דיין פריינד (דוד)? וואָרום ביזטו ניט מיטגעגאַנגען מיט דיין פריינד?
18 און חושי האָט געזאָגט צו אבשלום: ניין, נאָר דעם וואָס גאָט האָט אויס־ערוועהלט און דאָס דאָזיגע פאָלק און אַלע מענער פון ישראל, מיט איהם מוז איך (אויך) זיין, און מיט איהם מוז איך בלייבען.
19 און צווייטענס, צו וועמען דען וועל איך יעצט דיענען? איז דאָס ניט פאַר זיין זוהן? אַזוי ווי איך האָב געדיענט פאַר דיין פאָטער אַזוי וועל איך זיין פאַר דיר.
20 און אבשלום האָט געזאָגט צו אחיתפל, גיט אַן עצה וואָס מיר זאָלען טהאָן.
21 און אחיתפל האָט געזאָגט צו אבשלום: קום צו דיין פאָטער׳ס קעבס־ווייבער, וואָס ער האָט געלאָזען צו היטען דאָס הויז; און אַזוי וועט הע־רען גאַנץ ישראל דאָס דו ביזט פערהאַסט געוואָרען ביי דיין פאָטער, און עס וועלען געשטאַרקט ווערען די הענד פון אַלע וואָס זיינען מיט דיר.
22 און מען האָט אויפגעשטעלט פאַר אבשלום אַ געצעלט אויף דעם דאַך, און אבשלום איז געקומען צו זיין פאָטער׳ס קעבסווייבער, פאַר די אויגען פון גאַנץ ישראל.
23 און דער ראַטה פון אחיתפל, וואָס ער פלעגט ראַטהען, (האָט מען גע־האַלטען) אין יענע צייטען, אַזוי (ריכטיג) ווי אַ מענש וואָלט פרעגען דאָס וואָרט פון גאָט, אַזוי איז געווען יעדער ראַטה פון אחיתפל וואָס ער האָט געגעבען סיי צו דוד, סיי צו אבשלום.

## קאַפּיטעל יז

1 און אחיתפל האָט געזאָגט צו אבשלום: איך וועל דיר אויסערוועהלען צוועלף טויזענד מאַן, און איך וועל אויפשטעהן און וועל נאָכיאָגען דוד אין די דאָזיגע נאַכט.
2 און איך וועל קומען איבער איהם און ער איז פערמאַטערט און מוטהלאָז, און איך וועל איהם דערשרעקען און דאָס גאַנצע פאָלק וועלכע מיט איהם וועט אַנטלויפען, און איך וועל דערשלאָגען (נאָר) דעם קעניג אַליין.
3 און איך וועל צוריקברענגען דאָס גאַנצע פאָלק צו דיר, ווען אַלעס וועט צוריקקעהרען, (אויסער) דעם מאַן (דוד) וואָס דו זוכסט, אַזוי וועט דאָס גאַנצע פאָלק בלייבען אין פריעדען.
4 און די זאַך איז געפעליג געווען אין די אויגען פון אבשלום און אין די אויגען פון אַלע עלצטע פון ישראל.
5 און אבשלום האָט געזאָגט: רוף דאָך אויך חושי דעם ארכי, און לאָמיר (אויך) הערען, וואָס אויך ער האָט וואָס (צו זאָגען) אין זיין מויל.
6 און חושי איז געקומען צו אבשלום, און אבשלום האָט צו איהם געזאָגט אַזוי: אַזאַ זאַך האָט אחיתפל גערעדט, זאָלען מיר טהאָן נאָך זיין וואָרט? און אויב ניט, דען רייד דו.
7 און חושי האָט געזאָגט צו אבשלום: דער ראַטה וואָס אחיתפל האָט געגעבען דאָס דאָזיגע מאָל איז ניט גוט.
8 און חושי האָט (ווייטער) געזאָגט: דו קענסט דאָך דיין פאָטער און זיי־נע לייט, דאָס זיי זיינען העלדען, און דאָס זיי זיינען ערביטערטע גע־מיטהער, ווי אַ בער וואָס איז בערויבט פון זיינע קינדער, אויף דעם פעלד,

כְּד֥וֹב שַׁכּ֖וּל בַּשָּׂדֶ֑ה וְאָבִ֙יךָ֙ אִ֣ישׁ מִלְחָמָ֔ה וְלֹ֥א יָלִ֖ין אֶת־
9 הָעָֽם׃ הִנֵּ֨ה עַתָּ֤ה הֽוּא־נֶחְבָּא֙ בְּאַחַ֣ת הַפְּחָתִ֔ים א֖וֹ בְּאַחַ֣ד
הַמְּקוֹמֹ֑ת וְהָיָ֗ה כִּנְפֹ֤ל בָּהֶם֙ בַּתְּחִלָּ֔ה וְשָׁמַ֤ע הַשֹּׁמֵ֙עַ֙ וְאָמַ֔ר
י הָיְתָ֣ה מַגֵּפָ֔ה בָּעָ֕ם אֲשֶׁ֖ר אַחֲרֵ֥י אַבְשָׁלֹֽם׃ וְה֣וּא גַם־בֶּן־
חַ֗יִל אֲשֶׁ֥ר לִבּ֛וֹ כְּלֵ֥ב הָאַרְיֵ֖ה הִמֵּ֣ס יִמָּ֑ס כִּֽי־יֹדֵ֤עַ כָּל־
11 יִשְׂרָאֵל֙ כִּֽי־גִבּ֣וֹר אָבִ֔יךָ וּבְנֵי־חַ֖יִל אֲשֶׁ֥ר אִתּֽוֹ׃ כִּ֣י יָעַ֗צְתִּי
הֵאָסֹ֨ף יֵאָסֵ֤ף עָלֶ֙יךָ֙ כָל־יִשְׂרָאֵ֔ל מִדָּן֙ וְעַד־בְּאֵ֣ר שֶׁ֔בַע
12 כַּח֥וֹל אֲשֶׁר־עַל־הַיָּ֖ם לָרֹ֑ב וּפָנֶ֖יךָ הֹלְכִ֥ים בַּקְרָֽב׃ וּבָ֣אנוּ
אֵלָ֗יו בְּאַחַ֤ת הַמְּקוֹמֹת֙ אֲשֶׁ֣ר נִמְצָ֣א שָׁ֔ם וְנַ֣חְנוּ עָלָ֔יו כַּאֲשֶׁ֛ר
יִפֹּ֥ל הַטַּ֖ל עַל־הָאֲדָמָ֑ה וְלֹֽא־נ֥וֹתַר בּ֛וֹ וּבְכָל־הָאֲנָשִׁ֥ים אֲשֶׁר־
13 אִתּ֖וֹ גַּם־אֶחָֽד׃ וְאִם־אֶל־עִיר֙ יֵאָסֵ֔ף וְהִשִּׂ֧יאוּ כָֽל־יִשְׂרָאֵ֛ל
אֶל־הָעִ֥יר הַהִ֖יא חֲבָלִ֑ים וְסָחַ֤בְנוּ אֹתוֹ֙ עַד־הַנַּ֔חַל עַ֛ד אֲשֶׁר־
14 לֹא־נִמְצָ֥א שָׁ֖ם גַּם־צְרֽוֹר׃ וַיֹּ֤אמֶר אַבְשָׁלוֹם֙ וְכָל־אִ֣ישׁ
יִשְׂרָאֵ֔ל טוֹבָ֗ה עֲצַת֙ חוּשַׁ֣י הָאַרְכִּ֔י מֵעֲצַ֖ת אֲחִיתֹ֑פֶל
וַיהוָ֣ה צִוָּ֗ה לְהָפֵ֞ר אֶת־עֲצַ֤ת אֲחִיתֹ֙פֶל֙ הַטּוֹבָ֔ה לְבַֽעֲב֗וּר
טו הָבִ֧יא יְהוָ֛ה אֶל־אַבְשָׁל֖וֹם אֶת־הָרָעָֽה׃ וַיֹּ֣אמֶר חוּשַׁ֗י
אֶל־צָד֤וֹק וְאֶל־אֶבְיָתָר֙ הַכֹּ֣הֲנִ֔ים כָּזֹ֣את וְכָזֹ֗את יָעַ֤ץ אֲחִיתֹ֙פֶל֙
אֶת־אַבְשָׁלֹ֔ם וְאֵ֖ת זִקְנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל וְכָזֹ֥את וְכָזֹ֖את יָעַ֥צְתִּי אָֽנִי׃
16 וְעַתָּ֗ה שִׁלְח֨וּ מְהֵרָ֜ה וְהַגִּ֤ידוּ לְדָוִד֙ לֵאמֹ֔ר אַל־תָּ֤לֶן הַלַּ֙יְלָה֙
בְּעַֽרְב֣וֹת הַמִּדְבָּ֔ר וְגַ֖ם עָב֣וֹר תַּעֲב֑וֹר פֶּ֚ן יְבֻלַּ֣ע לַמֶּ֔לֶךְ
17 וּלְכָל־הָעָ֖ם אֲשֶׁ֥ר אִתּֽוֹ׃ וִיהוֹנָתָ֨ן וַאֲחִימַ֜עַץ עֹמְדִ֣ים בְּעֵין־
רֹגֵ֗ל וְהָלְכָ֤ה הַשִּׁפְחָה֙ וְהִגִּ֣ידָה לָהֶ֔ם וְהֵ֣ם יֵלְכ֔וּ וְהִגִּ֖ידוּ
18 לַמֶּ֣לֶךְ דָּוִ֑ד כִּ֣י לֹ֤א יוּכְלוּ֙ לְהֵֽרָא֔וֹת לָב֖וֹא הָעִֽירָה׃ וַיַּ֤רְא
אֹתָם֙ נַ֔עַר וַיַּגֵּ֖ד לְאַבְשָׁלֹ֑ם וַיֵּ֨לְכ֜וּ שְׁנֵיהֶ֤ם מְהֵרָה֙ וַיָּבֹ֣אוּ ׀
אֶל־בֵּית־אִישׁ֙ בְּבַח֔וּרִים וְל֥וֹ בְאֵ֖ר בַּחֲצֵר֑וֹ וַיֵּ֖רְדוּ שָֽׁם׃
19 וַתִּקַּ֣ח הָאִשָּׁ֗ה וַתִּפְרֹ֤שׂ אֶת־הַמָּסָךְ֙ עַל־פְּנֵ֣י הַבְּאֵ֔ר וַתִּשְׁטַ֥ח
כ עָלָ֖יו הָרִפ֑וֹת וְלֹ֥א נוֹדַ֖ע דָּבָֽר׃ וַיָּבֹ֣אוּ עַבְדֵי֩ אַבְשָׁל֨וֹם אֶל־

האשה

v. 12. באחד ק׳ ibid. מלעיל v. 14. פסקא באמצע פסוק ibid. נ״א על

און דיין פאָטער איז אַ (געוואָהנטער) קריעגסמאַן, און ער וועט ניט נעכ־
טיגען מיט דעם פאָלק.

9 זעה, געוויס איז ער שוין יעצט בעהאַלטען אין איינע פון די גריבער
אָדער אין איינעם פון די ערטער, און עס וועט זיין אַז אייניגע פון זיי
(פון דיינע לייט) וועלען פעהלען אין אָנפאַנג (פון דער מלחמה), און דער
יעניגער וואָס וועט עס הערען וועט זאָגען : אַ פּלאָג (מפלה) איז געווען
אונטער דעם פאָלק וואָס געהט נאָך אבשלום.

10 און ער (וואָס וועט עס הערען) זאָל אפילו אויך זיין אַ העלד, וועלכענס
הארץ איז ווי דאָס הארץ פון אַ לייב, וועט עס געוויס צוגאַנגען ווערען,
ווייל גאַנץ ישראל ווייס, דאָס דיין פאָטער איז אַ העלד, און די וואָס זיי־
נען מיט איהם זיינען העלדען.

11 דאָרום ראָטה איך, לאָז צוערשט איינגעזאַמעלט ווערען גאַנץ ישראל, פון
דן ביז באר שבע, אַזוי פיעל ווי דער זאַמד וואָס איז ביים ים, און דאָס
דיין אַנגעזיכט (דו אַליין) זאָל געהען אין דעם קריעג.

12 און מיר וועלען קומען צו איהם אין איינעם פון די ערטער, וואו ער איז
דאָרט געפונען, און מיר וועלען לאַגערען אויף איהם, אַזוי ווי דער טהוי
פאַלט אויף דער ערד, און מיר וועלען ניט איבערלאָזען פון איהם און
פון אַלע מענער וואָס זיינען מיט איהם אויך איין איינציגען.

13 און אויב ער וועט זיך צוריקציהען אין אַ שטאָדט, וועט גאַנץ ישראל ברענ־
גען שטריק צו יענער שטאָדט, און מיר וועלען (דעם פעסטונג) שלעפּען
ביז אין דעם טייך, ביז עס וועט דאָרט קיין שטיינדעל געפונען ווערען.

14 און אבשלום און אַלע מענער פון ישראל האָבען געזאָגט : דער ראָטה
פון חושי דער ארכי איז בעסער דען דער ראָטה פון אחיתפל. אָבער גאָט
האָט עס (אַזוי) בעפוילען צו צושטערען דעם גוטען ראָטה פון אחיתפל.
פון וועגען דאָס גאָט זאָל ברענגען די שלעכטס איבער אבשלום.

15 און חושי האָט געזאָגט צו צדוק און אביתר די כהנים : אַזוי און אַזוי
האָט אחיתפל איין עצה געגעבען צו אבשלום און צו די עלצטע פון ישראל,
און אַזוי און אַזוי האָב איך איין עצה געגעבען.

16 און יעצט שיקט געשווינד און זאָגט אָן צו דוד, אַזוי : דו זאָלסט ניט
נעכטיגען דיעזע נאַכט אין דעם פּלוין פון דער וויסטע, און אויך זאָלסטו
גלייך איבערפאָהרען דעם (ירדן) ; אַז דער קעניג און דאָס גאַנצע פאָלק
וואָס איז מיט איהם זאָלען ניט פערשלונגען ווערען.

17 און יהונתן און אחימעץ זיינען געשטאַנען אין עין רגל, און אַ דיענסט
איז געגאַנגען און האָט עס צו זיי געזאָגט : אַז זיי זאָלען געהען און דאָס
זאָגען צו דעם קעניג דוד, דען זיי האָבען ניט געטאָרט געזעהען ווערען
אָדער אריינקומען אין דער שטאָדט.

18 און אַ יונג האָט זיי געזעהען, און ער האָט עס געזאָגט צו אבשלום, אָבער
זיי ביידע זיינען געשווינד אוועקגעגאַנגען, און זיי זיינען געקומען אין דעם
הויז פון אַ מאַן אין בחורים, און ער האָט געהאַט אין זיין הויף אַ ברונען,
און זיי זיינען אראָפּגעגאַנגען דאָרט.

19 און די פרוי (פון דעם מאַן) האָט גענומען אַ פאָרהאַנג און זי האָט פער־
שפּרייט איבער דעם ברונען, און זי האָט דארויף אויסגעשפּרייט די גריץ,
און קיין זאַך איז ניט קענטיג געווען.

20 און די קנעכט פון אבשלום זיינען געקומען צו דער פרוי אין דער הויז,

הָאִשָּׁה הַבַּיְתָה וַיֹּאמְרוּ אַיֵּה אֲחִימַעַץ וִיהוֹנָתָן וַתֹּאמֶר
לָהֶם הָאִשָּׁה עָבְרוּ מִיכַל הַמָּיִם וַיְבַקְשׁוּ וְלֹא מָצָאוּ וַיָּשֻׁבוּ
יְרוּשָׁלָֽם׃ וַיְהִי ׀ אַחֲרֵי לֶכְתָּם וַיַּעֲלוּ מֵהַבְּאֵר וַיֵּלְכוּ 21
וַיַּגִּדוּ לַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיֹּאמְרוּ אֶל־דָּוִד קוּמוּ וְעִבְרוּ מְהֵרָה
אֶת־הַמַּיִם כִּי־כָכָה יָעַץ עֲלֵיכֶם אֲחִיתֹֽפֶל׃ וַיָּקָם דָּוִד 22
וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן עַד־אוֹר הַבֹּקֶר
עַד־אַחַד לֹא נֶעְדָּר אֲשֶׁר לֹא־עָבַר אֶת־הַיַּרְדֵּֽן׃ וַאֲחִיתֹפֶל 23
רָאָה כִּי לֹא־נֶעֶשְׂתָה עֲצָתוֹ וַיַּחֲבֹשׁ אֶת־הַחֲמוֹר וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ
אֶל־בֵּיתוֹ אֶל־עִירוֹ וַיְצַו אֶל־בֵּיתוֹ וַיֵּחָנַק וַיָּמָת וַיִּקָּבֵר בְּקֶבֶר
אָבִֽיו׃ וְדָוִד בָּא מַחֲנָיְמָה וְאַבְשָׁלֹם עָבַר אֶת־ 24
הַיַּרְדֵּן הוּא וְכָל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל עִמּֽוֹ׃ וְאֶת־עֲמָשָׂא שָׂם כה
אַבְשָׁלֹם תַּחַת יוֹאָב עַל־הַצָּבָא וַעֲמָשָׂא בֶן־אִישׁ וּשְׁמוֹ
יִתְרָא הַיִּשְׂרְאֵלִי אֲשֶׁר־בָּא אֶל־אֲבִיגַל בַּת־נָחָשׁ אֲחוֹת
צְרוּיָה אֵם יוֹאָֽב׃ וַיִּחַן יִשְׂרָאֵל וְאַבְשָׁלֹם אֶרֶץ הַגִּלְעָֽד׃ 26
וַיְהִי כְּבוֹא דָוִד מַחֲנָיְמָה וְשֹׁבִי בֶן־נָחָשׁ מֵרַבַּת 27
בְּנֵי־עַמּוֹן וּמָכִיר בֶּן־עַמִּיאֵל מִלֹּא דְבָר וּבַרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי
מֵרֹגְלִֽים׃ מִשְׁכָּב וְסַפּוֹת וּכְלִי יוֹצֵר וְחִטִּים וּשְׂעֹרִים וְקֶמַח 28
וְקָלִי וּפוֹל וַעֲדָשִׁים וְקָלִֽי׃ וּדְבַשׁ וְחֶמְאָה וְצֹאן וּשְׁפוֹת 29
בָּקָר הִגִּישׁוּ לְדָוִד וְלָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ לֶאֱכוֹל כִּי אָמְרוּ הָעָם
רָעֵב וְעָיֵף וְצָמֵא בַּמִּדְבָּֽר׃

## יח Cap. XVIII. יח

וַיִּפְקֹד דָּוִד אֶת־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיָּשֶׂם עֲלֵיהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים א
וְשָׂרֵי מֵאֽוֹת׃ וַיְשַׁלַּח דָּוִד אֶת־הָעָם הַשְּׁלִשִׁית בְּיַד־יוֹאָב 2
וְהַשְּׁלִשִׁית בְּיַד אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה אֲחִי יוֹאָב וְהַשְּׁלִשִׁת
בְּיַד אִתַּי הַגִּתִּי * וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־הָעָם יָצֹא
אֵצֵא גַּם־אֲנִי עִמָּכֶֽם׃ וַיֹּאמֶר הָעָם לֹא תֵצֵא כִּי אִם־נֹס 3
נָנוּס לֹא־יָשִׂימוּ אֵלֵינוּ לֵב וְאִם־יָמֻתוּ חֶצְיֵנוּ לֹא־יָשִׂימוּ

אלינו

יז v. 20. 22. קמץ בז"ק   יח v. 2. פסקא באמצע פסוק

און זיי האָבען געזאָגט : אוואו זיינען אַחימעץ און יהונתן ? און די פרוי
האָט צו זיי געזאָגט : זיי זיינען אריבערגעגאַנגען איבער דעם שטראָם
וואַסער. און זיי האָבען געזוכט און זיי האָבען (זיי) ניט געפונען, און זיי
זיינען צוריקגעקעהרט נאָך ירושלים.
21 און עס איז געווען נאָך זייער אַוועקגעהען, זיינען זיי אַרויפגעקומען פון
דעם ברונען, און זיי זיינען געגאַנגען און זיי האָבען עס געזאָגט צו דעם
קעניג דוד : שטעהט אויף, און געהט געשווינד איבער דעם וואַסער, דען
אַזוי האָט אַחיתפל קעגען אייך געגעבען אַ ראַטה.
22 און דוד איז אויפגעשטאַנען און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז מיט איהם
געווען, און זיי זיינען אַריבערגעפאָהרען דעם ירדן. ביז צו דעם מאָרגענ־
ליכט האָט קיין איינציגער ניט געפעהלט וואָס איז ניט אַריבערגעגאַנגען
דעם ירדן.
23 און ווען אַחיתפל האָט געזעהען אַז זיין ראַטה איז ניט געטהאָן געוואָרען,
האָט ער געזאָטעלט דעם עזעל, און ער איז אויפגעשטאַנען און ער איז
געגאַנגען צו זיין הויז, צו זיין שטאָדט, און ער האָט געלאָזען אַ צואה צו
זיין הויזגעזינד (ער האָט בעפוילען צו זיין הויז), און ער האָט זיך דער־
שטיקט, און ער איז געשטאָרבען, און ער איז באַגראָבען געוואָרען אין
דעם קבר פון זיין פאָטער.
24 און דוד איז געקומען נאָך מחנים. און אַבשלום איז אַריבערגעגאַנגען דעם
ירדן, ער און אַלע מענער פון ישראל מיט איהם.
25 און עמשא'ן האָט אַבשלום געמאַכט פאַר אַן הויפטמאַן איבער דער אַרמעע
אנשטאט יואָב, און עמשא איז געווען דער זוהן פון אַ מאַן וואָס זיין נאָ־
מען איז געווען יתרא דער ישראלי, וועלכער איז געקומען צו אַביגיל די
טאָכטער פון נחש, די שוועסטער פון צרויה די מוטער פון יואָב.
26 און די ישראל און אַבשלום האָבען געלאַגערט אין דעם לאַנד גלעד.
27 און עס איז געווען אַז ווען דוד איז געקומען נאָך מחנים, און שבי דער זוהן
פון נחש פון רבה פון די קינדער פון עמון, און מכיר דער זוהן פון עמיאל
פון לא דבר, און ברזילי דער גלעדי פון רגלים.
28 האָבען געבראַכט בעטגעוואַנד און בעקען אין ליימענע געשיר, און
ווייץ, און גערשטען, און מעהל, און געטריקענטע זאַנגען, און באָב, און
לינזען, און געטריקענטע פרוכט.
29 און האָניג, און פוטער, און שאָף, און קעז, און זיי האָבען עס געגעבען
צו דוד און צו דעם פאָלק וואָס איז מיט איהם געווען צו עסען ; דען
זיי האָבען געזאָגט : דאָס פאָלק איז הונגעריג און פערמאַטערט און דור־
שטיג אין דער מדבר.

## קאַפּיטעל יח

1 און דוד האָט געמוסטירט דאָס פאָלק וואָס איז מיט איהם געווען, און ער
האָט איבער זיי געמאַכט הויפטלייט איבער טויזענד און הויפטלייט איבער
הונדערט.
2 און דוד האָט אויסגעשיקט דאָס פאָלק, אַ דריטע טהייל אונטער יואָב, און
אַ דריטע טהייל אונטער אבישי דעם זוהן פון צרויה, יואָב'ס ברודער, און
אַ דריטע טהייל אונטער אתי דעם גתי, און דער קעניג האָט געזאָגט צו
דעם פאָלק : אויך איך וועל מיט אייך אַרויסגעהען.
3 און דאָס פאָלק האָט געזאָגט : דו זאָלסט ניט אַרויסגעהען ; דען אויב
מיר וועלען אַנטלויפען (פאַר דעם שונא) וועלען זיי ניט לעגען זייער הארץ
צו אונז, די העלפט פון אונז וועלען שטאַרבען וועלען זיי ניט לעגען זייער

אֵלֵינוּ לֵב כִּֽי־עַתָּה כָמֹנוּ עֲשָׂרָה אֲלָפִים וְעַתָּה טוֹב כִּֽי־
4 תִֽהְיֶה־לָּנוּ מֵעִיר לַעְזִֽיר׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־
יִיטַב בְּעֵינֵיכֶם אֶעֱשֶׂה וַיַּעֲמֹד הַמֶּלֶךְ אֶל־יַד הַשַּׁעַר וְכָל־
ה הָעָם יָצְאוּ לְמֵאוֹת וְלַאֲלָפִֽים׃ וַיְצַו הַמֶּלֶךְ אֶת־יוֹאָב
וְאֶת־אֲבִישַׁי וְאֶת־אִתַּי לֵאמֹר לְאַט־לִי לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם
וְכָל־הָעָם שָֽׁמְעוּ בְּצַוֺּת הַמֶּלֶךְ אֶת־כָּל־הַשָּׂרִים עַל־דְּבַר
6 אַבְשָׁלֽוֹם׃ וַיֵּצֵא הָעָם הַשָּׂדֶה לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל וַתְּהִי
7 הַמִּלְחָמָה בְּיַעַר אֶפְרָֽיִם׃ וַיִּנָּגְפוּ שָׁם עַם יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי
עַבְדֵי דָוִד וַתְּהִי־שָׁם הַמַּגֵּפָה גְדוֹלָה בַּיּוֹם הַהוּא עֶשְׂרִים
8 אָֽלֶף׃ וַתְּהִי־שָׁם הַמִּלְחָמָה נְפֹצֶות עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ
וַיֶּרֶב הַיַּעַר לֶאֱכֹל בָּעָם מֵאֲשֶׁר אָכְלָה הַחֶרֶב בַּיּוֹם הַהֽוּא׃
9 וַיִּקָּרֵא אַבְשָׁלוֹם לִפְנֵי עַבְדֵי דָוִד וְאַבְשָׁלוֹם רֹכֵב עַל־
הַפֶּרֶד וַיָּבֹא הַפֶּרֶד תַּחַת שׂוֹבֶךְ הָאֵלָה הַגְּדוֹלָה וַיֶּחֱזַק
רֹאשׁוֹ בָאֵלָה וַיֻּתַּן בֵּין הַשָּׁמַיִם וּבֵין הָאָרֶץ וְהַפֶּרֶד אֲשֶׁר־
י תַּחְתָּיו עָבָֽר׃ וַיַּרְא אִישׁ אֶחָד וַיַּגֵּד לְיוֹאָב וַיֹּאמֶר הִנֵּה
11 רָאִיתִי אֶת־אַבְשָׁלֹם תָּלוּי בָּאֵלָֽה׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לָאִישׁ
הַמַּגִּיד לוֹ וְהִנֵּה רָאִיתָ וּמַדּוּעַ לֹֽא־הִכִּיתוֹ שָׁם אָרְצָה
12 וְעָלַי לָתֶת לְךָ עֲשָׂרָה כֶסֶף וַחֲגֹרָה אֶחָֽת׃ וַיֹּאמֶר הָאִישׁ
אֶל־יוֹאָב וְלֹא אָנֹכִי שֹׁקֵל עַל־כַּפַּי אֶלֶף כֶּסֶף לֹֽא־אֶשְׁלַח
יָדִי אֶל־בֶּן־הַמֶּלֶךְ כִּי בְאָזְנֵינוּ צִוָּה הַמֶּלֶךְ אֹתְךָ וְאֶת־
אֲבִישַׁי וְאֶת־אִתַּי לֵאמֹר שִׁמְרוּ־מִי בַּנַּעַר בְּאַבְשָׁלֽוֹם׃
13 אֽוֹ־עָשִׂיתִי בְנַפְשׁוֹ שֶׁקֶר וְכָל־דָּבָר לֹֽא־יִכָּחֵד מִן־הַמֶּלֶךְ
14 וְאַתָּה תִּתְיַצֵּב מִנֶּֽגֶד׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לֹא־כֵן אֹחִילָה לְפָנֶיךָ
וַיִּקַּח שְׁלֹשָׁה שְׁבָטִים בְּכַפּוֹ וַיִּתְקָעֵם בְּלֵב אַבְשָׁלוֹם
טו עוֹדֶנּוּ חַי בְּלֵב הָאֵלָֽה׃ וַיָּסֹבּוּ עֲשָׂרָה נְעָרִים נֹשְׂאֵי
16 כְּלֵי יוֹאָב וַיַּכּוּ אֶת־אַבְשָׁלוֹם וַיְמִתֻֽהוּ׃ וַיִּתְקַע יוֹאָב בַּשֹּׁפָר
וַיָּשָׁב הָעָם מִרְדֹף אַחֲרֵי יִשְׂרָאֵל כִּֽי־חָשַׂךְ יוֹאָב אֶת־הָעָֽם׃

ויקחו

v. 3. לעזור קרי   v. 8. נפוצת קרי   v. 12. ולו קרי   v. 13. בנפשי קרי

האַרץ צו אונז, אָבער יעצט ביזטו אַזוי ווי צעהן טויזענד מאַן פון אונז
(זיי וועלען לויערען נאָר אויף דיר), און יעצט איז עס בעסער אַז דו זאָלסט
צו אונז זיין צו הילף פון דער שטאָדט (מיט עצות).
4 און דער קעניג האָט צו זיי געזאָגט: וואָס עס איז געפעליג אין אייערע
אויגען דאָס וועל איך טהאָן. און דער קעניג האָט זיך געשטעלט ביי דער
זייט פון דעם טהויער, און דאָס גאַנצע פאָלק זיינען ארויסגעגאַנגען, צו
הונדערטע און צו טויזענדע.
5 און דער קעניג האָט בעפוילען יואָב, און אבישי, און אתי, אַזוי: האַנ־
דעלט לאַנגזאַם, פון מיינעטוועגען, מיט דעם יונג, מיט אבשלום, און דאָס
גאַנצע פאָלק האָט געהערט ווי דער קעניג האָט בעפוילען אַלע הויפטמע־
נער וועגען אבשלום.
6 און דאָס פאָלק איז ארויסגעגאַנגען אויף דעם פעלד קעגען ישראל, און די
מלחמה איז געווען אין דעם וואַלד פון אפרים.
7 און דאָס פאָלק ישראל איז דאָרטען געפּלאַגט געוואָרען פאַר די קנעכט
פון דוד, און עס איז דאָרטען געווען די ניעדערלאַגע (מפלה) גרויס אין
יענעם טאָג, צוואַנציג טויזענד מאַן (זיינען געפאַלען).
8 און די מלחמה איז דאָרטען געווען צושפּרייט איבער דעם גאַנצען לאַנד,
און דער וואַלד האָט מעהר פערדאָרבען פון דעם פאָלק ווי דאָס שווערד
האָט פערדאָרבען אין יענעם טאָג.
9 און אבשלום האָט זיך געטראָפען פאַר די קנעכט פון דוד; און אבשלום
האָט געריטען אויף זיין מויל־עזעל, און דער מויל־עזעל איז געקומען אונ־
טער די פערפלאָכטענע צווייגען פון אַ גרויסען אייכענבוים, און (די
האָאר פון) זיין קאָפּ האָט זיך אָנגענומען אָן דעם אייכענבוים, און ער
האָט געשוועבט צווישען הימעל און ערד, און דער מויל־עזעל אונטער
איהם איז אַוועקגעלאָפען.
10 און איין מאַן האָט עס געזעהען און ער האָט עס געזאָגט צו יואָב'ן, און ער
האָט געזאָגט: זעה, איך האָב געזעהען אבשלום הענגען אויף אַן איי־
כענבוים.
11 און יואָב האָט געזאָגט צו דעם מאַן וואָס האָט איהם דאָס אָנגעזאָגט:
זעה, אַז דו האָסט עס געזעהען, וואָרום האָסטו איהם ניט דאָרטען גע־
שלאָגען צו דער ערד? און איך וואָלט דיר געגעבען צעהן זילבערשטיק,
און איין גאַרטעל.
12 און דער מאַן האָט געזאָגט צו יואָב: און אַז איך זאָל אַפילו וועגען (צעה־
לען) אין מיינע הענד טויזענד זילבערשטיק, וועל איך ניט אויסשטרעקען
מיין האַנד קעגען דעם זוהן פון דעם קעניג, דען פאַר אונזערע אויערען האָט
דער קעניג בעפוילען דיר, און אבישי און אתי, אַזוי: זייט פאָרזיכטיג,
ווער עס איז נאָר מיט דעם יונג, מיט אבשלום.
13 אָדער זאָל איך קעגען מיין אייגענעם לעבען האַנדלען פאַלש? אָבער
קיין זאַך וועט ניט פערבאָרגען בלייבען פון דעם קעניג, און דו וועסט
שטעהען פון וויטען.
14 און יואָב האָט געזאָגט: איך וועל מיך ניט אַזוי פיעל בעטען ביי דיר,
ער האָט גענומען דריי שפּיטציגע ריטער און ער האָט זיי אריינגעשטעקט
אין דעם האַרץ פון אבשלום, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין דער מיטען
פון דעם אייכענבוים.
15 און צעהן יונגען די וואַפענטרעגער פון יואָב האָבען איהם ארומגערינגעלט,
און זיי האָבען געשלאָגען אבשלום און זיי האָבען איהם געטוידט.
16 און יואָב האָט געבלאָזען דעם שופר, און דאָס פאָלק האָט זיך אומגעקעהרט
פון נאָכצויאָגען ישראל, דען יואָב האָט דאָס פאָלק אָבגעהאַלטען.

17 וַיִּקְחוּ אֶת־אַבְשָׁלוֹם וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ בַיַּעַר אֶל־הַפַּחַת
הַגָּדוֹל וַיַּצִּבוּ עָלָיו גַּל־אֲבָנִים גָּדוֹל מְאֹד וְכָל־יִשְׂרָאֵל נָסוּ
18 אִישׁ לְאֹהָלָו׃ וְאַבְשָׁלֹם לָקַח וַיַּצֶּב־לוֹ בְחַיָּו אֶת־מַצֶּבֶת
אֲשֶׁר בְּעֵמֶק־הַמֶּלֶךְ כִּי אָמַר אֵין־לִי בֵן בַּעֲבוּר הַזְכִּיר
שְׁמִי וַיִּקְרָא לַמַּצֶּבֶת עַל־שְׁמוֹ וַיִּקָּרֵא לָהּ יַד אַבְשָׁלוֹם
19 עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַאֲחִימַעַץ בֶּן־צָדוֹק אָמַר אָרוּצָה
נָּא וַאֲבַשְּׂרָה אֶת־הַמֶּלֶךְ כִּי־שְׁפָטוֹ יְהוָה מִיַּד אֹיְבָיו׃
כ וַיֹּאמֶר לוֹ יוֹאָב לֹא אִישׁ בְּשֹׂרָה אַתָּה הַיּוֹם הַזֶּה וּבִשַּׂרְתָּ
בְּיוֹם אַחֵר וְהַיּוֹם הַזֶּה לֹא תְבַשֵּׂר כִּי עַל־ * בֶּן־הַמֶּלֶךְ
21 מֵת׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לַכּוּשִׁי לֵךְ הַגֵּד לַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר
22 רָאִיתָה וַיִּשְׁתַּחוּ כוּשִׁי לְיוֹאָב וַיָּרֹץ׃ וַיֹּסֶף עוֹד אֲחִימַעַץ
בֶּן־צָדוֹק וַיֹּאמֶר אֶל־יוֹאָב וִיהִי מָה אָרֻצָה־נָּא גַם־אָנִי
אַחֲרֵי הַכּוּשִׁי וַיֹּאמֶר יוֹאָב לָמָּה זֶּה אַתָּה רָץ בְּנִי וּלְכָה
23 אֵין־בְּשׂוֹרָה מֹצֵאת׃ וִיהִי־מָה אָרוּץ וַיֹּאמֶר לוֹ רוּץ וַיָּרָץ
24 אֲחִימַעַץ דֶּרֶךְ הַכִּכָּר וַיַּעֲבֹר אֶת־הַכּוּשִׁי׃ וְדָוִד יוֹשֵׁב
בֵּין־שְׁנֵי הַשְּׁעָרִים וַיֵּלֶךְ הַצֹּפֶה אֶל־גַּג הַשַּׁעַר אֶל־הַחוֹמָה
כה וַיִּשָּׂא אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה־אִישׁ רָץ לְבַדּוֹ׃ וַיִּקְרָא
הַצֹּפֶה וַיַּגֵּד לַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אִם־לְבַדּוֹ בְּשׂוֹרָה בְּפִיו
26 וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְקָרֵב׃ וַיַּרְא הַצֹּפֶה אִישׁ־אַחֵר רָץ וַיִּקְרָא
הַצֹּפֶה אֶל־הַשֹּׁעֵר וַיֹּאמֶר הִנֵּה־אִישׁ רָץ לְבַדּוֹ וַיֹּאמֶר
27 הַמֶּלֶךְ גַּם־זֶה מְבַשֵּׂר׃ וַיֹּאמֶר הַצֹּפֶה אֲנִי רֹאֶה אֶת־
מְרוּצַת הָרִאשׁוֹן כִּמְרֻצַת אֲחִימַעַץ בֶּן־צָדוֹק וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
28 אִישׁ־טוֹב זֶה וְאֶל־בְּשׂוֹרָה טוֹבָה יָבוֹא׃ וַיִּקְרָא אֲחִימַעַץ
וַיֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ שָׁלוֹם וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ לְאַפָּיו אָרְצָה
וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר סִגַּר אֶת־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־
29 נָשְׂאוּ אֶת־יָדָם בַּאדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
שָׁלוֹם לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר אֲחִימַעַץ רָאִיתִי הֶהָמוֹן

הגדול

v. 17 לאהליו ק׳ v. 18 בחייו ק׳ v. 20 * כן קרי ולא כתיב

17 און זיי האָבען גענומען אַבשלום און זיי האָבען איהם אַריינגעוואָרפען אין
אַ גרויסע גרוב אין דעם וואַלד, און זיי האָבען איבער איהם אַרויפגע־
שטעלט, אַ זעהר גרויסען הויפען שטיינער, און גאַנץ ישראל זיינען אַנט־
לאָפען געוואָרען, יעדער צו זיינע געצעלטען.
18 און אַבשלום האָט גענומען און ער האָט זיך ביי זיין לעבען אויפגעשטעלט
אַ דענקמאָל, וואָס איז אין דעם טהאָל פון דעם קעניג, דען ער האָט גע־
זאָגט: איך האָב ניט אַ זוהן, וואָס זאָל מאַכען דערמאָהנען מיין נאָמען,
און ער האָט גערופען דעם דענקמאָל נאָך זיין נאָמען, און עס איז גערופען
געוואָרען דער דענקמאָל פון אַבשלום ביז דעם היינטיגען טאָג.
19 און אַחימעץ דער זוהן פון צדוק האָט געזאָגט: איך וועל דאָך לויפען און
איך וועל אָנזאָגען דעם קעניג, דאָס גאָט האָט איהם פערשאַפט גערעכטיג־
קייט, (און איהם גערעטעט) פון דער האַנד פון זיינע פיינד.
20 און יואָב האָט צו איהם געזאָגט: היינט ביזטו ניט אַ מאַן מיט אַ פרעה־
ליכע בשורה, און דו וועסט אָנזאָגען (בשורות) אַן אַנדער טאָג, אָבער
אין דעם טאָג דאַרפסטו ניט אָנזאָגען, ווייל דעם קעניג׳ס זוהן איז גע־
שטאָרבען.
21 און יואָב האָט געזאָגט צו דעם כשי: געה זאָג דעם קעניג וואָס דו האָסט
געזעהען, און דער כשי האָט זיך געבוקט צו יואָב און ער איז געלאָפען.
22 און אַחימעץ דער זוהן פון צדוק האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט צו יואָב: עס
קען זיין וואָס עס וועט זיין, לאָז דאָך מיך אויך לויפען, איך בעט דיך,
נאָך דעם כשי, און יואָב האָט געזאָגט: צו וואָס איז עס נעטהיג דאָס דו
זאָלסט לויפען, מיין זוהן, און די נאַכריכט וועט דיר גאָר ניט איינברענגען.
23 און (אַחימעץ האָט געזאָגט): עס קען זיין וואָס עס וועט זיין, איך וועל
לויפען, און ער האָט צו איהם געזאָגט: לויף, און אַחימעץ איז געלאָפען
אויף דעם וועג פון דעם פלוין (פון ירדן) און ער האָט איבערגעיאָגט דעם
כשי.
24 און דוד איז געזעסען צווישען די צוויי טהויערען, און דער וועכטער איז
אַרומגעגאַנגען אויף דעם דאַך פון דעם טהויער און פון דעם מויער, און
ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער האָט געזעהען אַז אַ מאַן לויפט
אַליין.
25 און דער וועכטער האָט גערופען, און ער האָט עס אָנגעזאָגט דעם קעניג,
און דער קעניג האָט געזאָגט: ווען ער איז אַליין, האָט ער אַ גוטע נאַכ־
ריכט אין זיין מויל, און דער איז געקומען נעהנטער און נעהנטער.
26 און דער וועכטער האָט געזעהען איין אַנדער מאַן לויפען, און דער וועכ־
טער האָט גערופען צו דעם טהויער היטער און ער האָט געזאָגט: זעה, אַ
מאַן לויפט אַליין, און דער קעניג האָט געזאָגט: דער איז אויך אַן אָנזאָגער.
27 און דער וועכטער האָט געזאָגט: איך זעה דאָס לויפען פון דעם ערשטען
ווי דאָס לויפען פון אַחימעץ דעם זוהן פון צדוק און דער קעניג האט גע־
זאָגט: דער איז אַ גוטער מאַן און ער קומט מיט אַ גוטע בשורה
28 און אַחימעץ האָט גערופען און ער האָט געזאָגט צו דעם קעניג: פריעדען,
און ער האָט זיך געבוקט פאַר דעם קעניג מיט זיין געזיכט צו דער ערד.
און ער האָט געזאָגט: געלויבט איז גאָט דיין גאָט, וואָס האָט איבער־
געגעבען די לייט וואָס האָבען אויפגעהויבען זייערע הענד געגען מיין
הערר דעם קעניג.
29 און דער קעניג האָט געזאָגט: איז פריעדען צו דעם יונג, צו אַבשלום?
און אַחימעץ האָט געזאָגט: איך האָב געזעהען אַ גרויס געטומעל, ווען

הַגָּדוֹל לִשְׁלֹחַ אֶת־עֶבֶד הַמֶּלֶךְ יוֹאָב וְאֶת־עַבְדֶּךָ וְלֹא
ל יָדַעְתִּי מָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ סֹב הִתְיַצֵּב כֹּה וַיִּסֹּב וַיַּעֲמֹד׃
31 וְהִנֵּה הַכּוּשִׁי בָּא וַיֹּאמֶר הַכּוּשִׁי יִתְבַּשֵּׂר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
כִּי־שְׁפָטְךָ יְהוָה הַיּוֹם מִיַּד כָּל־הַקָּמִים עָלֶיךָ׃
32 וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־הַכּוּשִׁי הֲשָׁלוֹם לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר
הַכּוּשִׁי יִהְיוּ כַנַּעַר אֹיְבֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וְכֹל אֲשֶׁר־קָמוּ
עָלֶיךָ לְרָעָה׃

## CAP. XIX. יט

יט

א וַיִּרְגַּז הַמֶּלֶךְ וַיַּעַל עַל־עֲלִיַּת הַשַּׁעַר וַיֵּבְךְּ וְכֹה ׀ אָמַר
בְּלֶכְתּוֹ בְּנִי אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְנִי אַבְשָׁלוֹם מִי־יִתֵּן מוּתִי אֲנִי
2 תַחְתֶּיךָ אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְנִי׃ וַיֻּגַּד לְיוֹאָב הִנֵּה הַמֶּלֶךְ בֹּכֶה
3 וַיִּתְאַבֵּל עַל־אַבְשָׁלוֹם׃ וַתְּהִי הַתְּשֻׁעָה בַּיּוֹם הַהוּא לְאֵבֶל
לְכָל־הָעָם כִּי־שָׁמַע הָעָם בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר נֶעֱצַב הַמֶּלֶךְ
4 עַל־בְּנוֹ׃ וַיִּתְגַּנֵּב הָעָם בַּיּוֹם הַהוּא לָבוֹא הָעִיר כַּאֲשֶׁר
ה יִתְגַּנֵּב הָעָם הַנִּכְלָמִים בְּנוּסָם בַּמִּלְחָמָה׃ וְהַמֶּלֶךְ לָאַט
אֶת־פָּנָיו וַיִּזְעַק הַמֶּלֶךְ קוֹל גָּדוֹל בְּנִי אַבְשָׁלוֹם אַבְשָׁלוֹם
6 בְּנִי בְנִי׃ וַיָּבֹא יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ הַבָּיִת וַיֹּאמֶר הֹבַשְׁתָּ
הַיּוֹם אֶת־פְּנֵי כָל־עֲבָדֶיךָ הַמְמַלְּטִים אֶת־נַפְשְׁךָ הַיּוֹם
וְאֵת נֶפֶשׁ בָּנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ וְנֶפֶשׁ נָשֶׁיךָ וְנֶפֶשׁ פִּלַגְשֶׁיךָ׃
7 לְאַהֲבָה אֶת־שֹׂנְאֶיךָ וְלִשְׂנֹא אֶת־אֹהֲבֶיךָ כִּי ׀ הִגַּדְתָּ הַיּוֹם
כִּי אֵין לְךָ שָׂרִים וַעֲבָדִים כִּי ׀ יָדַעְתִּי הַיּוֹם כִּי לֹא
אַבְשָׁלוֹם חַי וְכֻלָּנוּ הַיּוֹם מֵתִים כִּי־אָז יָשָׁר בְּעֵינֶיךָ׃
8 וְעַתָּה קוּם צֵא וְדַבֵּר עַל־לֵב עֲבָדֶיךָ כִּי בַיהוָה נִשְׁבַּעְתִּי
כִּי־אֵינְךָ יוֹצֵא אִם־יָלִין אִישׁ אִתְּךָ הַלַּיְלָה וְרָעָה לְךָ זֹאת
מִכָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר־בָּאָה עָלֶיךָ מִנְּעֻרֶיךָ עַד־עָתָּה׃
9 וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ וַיֵּשֶׁב בַּשָּׁעַר וּלְכָל־הָעָם הִגִּידוּ לֵאמֹר הִנֵּה
הַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב בַּשַּׁעַר וַיָּבֹא כָל־הָעָם לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְיִשְׂרָאֵל

יט v. 7. לו קרי

יואָב האָט אַוועקגעשיקט דעם קנעכט פון דעם קעניג (דעם כושי), און
(מיך) דיין קנעכט, אָבער איך ווייס ניט געטוי וואָס עס איז געשעהען.
30 און דער קעניג האָט געזאָגט : קעהר דיך אָפּ און שטעל דיך דאָ אָן אַ
זייט, און ער האָט זיך אַוועקגעקעהרט און איז געשטאַנען (אָן אַ זייט).
31 און זעה, דער כושי איז אָנגעקומען, און דער כושי האָט געזאָגט : בעד
קום די נאַכריכט, מיין הערר קעניג, דאָס גאָט האָט פאַר דיר פערשאַפט
גערעכטיגקייט. פון דער האַנד פון אַלע וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגען
דיר.
32 און דער קעניג האָט געזאָגט צו דעם כושי : איז פריעדען צו דעם יונג,
צו אַבשלום ? און דער כושי האָט געזאָגט :„ ווי דער יונג אַזוי זאָלען
זיין אַלע די פיינד פון מיין הערר דעם, קעניג, און אַלע וואָס זיינען אויפ־
געשטאַנען קעגען דיר צו דעם בייזען.

## קאַפּיטעל יט

1 און דער קעניג האָט געציטערט, און ער איז ארויפגעגאַנגען אויפ'ן דאַך
צימער פון דעם טהויער און ער האָט געוויינט, און אַזוי האָט ער געזאָגט
ווי ער איז געגאַנגען : מיין זוהן אַבשלום ! מיין זוהן, מיין זוהן אַבשלום!
הלואי וואָלט איך געשטאָרבען אנשטאט דיר, אַבשלום מיין זוהן ! מיין
זוהן !
2 און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען צו יואָב : זעה, דער קעניג וויינט און
טרויערט אויף אַבשלום.
3 און די הילף איז אין יענעם טאָג געוואָרען צו דעם גאַנצען פאָלק צו אַ
טרויער, דען דאָס פאָלק האָט אין דעם זעלביגען טאָג געהערט זאָגען :
דער קעניג איז טרויעריג וועגען זיין זוהן.
4 און דאָס פאָלק האָט זיך אין יענעם טאָג אַריינגעגנב'עט אין די שטאָדט
צו קומען, אַזוי ווי עס גנב'עט זיך אַריין אַ פאָלק פערשעהמט ווען זיי אַנט־
לויפען פון דער מלחמה.
5 און דער קעניג האָט פערדעקט זיין געזיכט, און דער קעניג האָט געשריען
מיט אַ גרויס קול : מיין זוהן אַבשלום ! אַבשלום, מיין זוהן, מיין זוהן !
6 און יואָב איז געקומען צו דעם קעניג אין הויז. און ער האָט געזאָגט : דו
האָסט היינט פערשעהמט דאָס אַנגעזיכט פון דיינע אַלע קנעכט, וואָס האָ־
בען היינט געראַטעוועט דיין לעבען, און דעם לעבען פון דיינע זיהן און דיינע
טעכטער, און דעם לעבען פון דיינע ווייבער און קעבסווייבער.
7 צו ליעבען דיינע פיינד, און צו האסען דיינע פריינד, דען דאַמיט האסטו
היינט אַרויסגעזאָגט דאָס דו האָסט ניט קיין הויפּטלייט און קיין קנעכט,
דען היינט ווייס איך ; אַז ווען אַבשלום וואָלט נאָר געבליעבען לעבען, און
מיר אַלע וואָלטען היינט געשטאָרבען, דאָס וואָלט רעכט געווען אין דיינע
אויגען.
8 און יעצט, שטעה אויף, געה אַרויס און רייד פריינדליך צו דעם הארץ
פון דיינע קנעכט, דען ביי גאָט שווער איך, דאָס אויב דו געהסט ניט
אַרויס, אויב עס וועט מיט דיר דיעזע נאַכט אַ מאַן איבערנעכטיגען, און
דאָס וועט דיר ערגער זיין פאַר אַלע אומגליקען וואס איז איבער דיר גע־
קומען פון דיין יוגענד אָן ביז יעצט.
9 און דער קעניג איז אויפגעשטאַנען און ער האָט זיך געזעצט ביי דעם
דעם טהויער, און צו דעם גאַנצען פאָלק האָט מען אָנגעזאָגט, אַזוי : זעה,
דער קעניג זיצט ביי דעם טהויער, און דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען
פאַר דעם קעניג, אָבער ישראל איז אַנטלאָפען יעדער צו זיינע געצעלטען.

י גַּם אִישׁ לְאֹהָלָיו׃ וַיְהִי כָל־הָעָם נָדוֹן בְּכָל־שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הַמֶּלֶךְ הִצִּילָנוּ ׀ מִכַּף אֹיְבֵינוּ וְהוּא מִלְּטָנוּ
מִכַּף פְּלִשְׁתִּים וְעַתָּה בָּרַח מִן־הָאָרֶץ מֵעַל אַבְשָׁלוֹם׃
11 וְאַבְשָׁלוֹם אֲשֶׁר מָשַׁחְנוּ עָלֵינוּ מֵת בַּמִּלְחָמָה וְעַתָּה לָמָּה
12 אַתֶּם מַחֲרִשִׁים לְהָשִׁיב אֶת־הַמֶּלֶךְ׃ וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד
שָׁלַח אֶל־צָדוֹק וְאֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר דַּבְּרוּ אֶל־
זִקְנֵי יְהוּדָה לֵאמֹר לָמָּה תִהְיוּ אַחֲרֹנִים לְהָשִׁיב אֶת־
הַמֶּלֶךְ אֶל־בֵּיתוֹ וּדְבַר כָּל־יִשְׂרָאֵל בָּא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֶל־
13 בֵּיתוֹ׃ אַחַי אַתֶּם עַצְמִי וּבְשָׂרִי אַתֶּם וְלָמָּה תִהְיוּ אַחֲרֹנִים
14 לְהָשִׁיב אֶת־הַמֶּלֶךְ׃ וְלַעֲמָשָׂא תֹּמְרוּ הֲלוֹא עַצְמִי וּבְשָׂרִי
אָתָּה כֹּה יַעֲשֶׂה־לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִף אִם־לֹא שַׂר־צָבָא
טו תִּהְיֶה לְפָנַי כָּל־הַיָּמִים תַּחַת יוֹאָב׃ וַיַּט אֶת־לְבַב כָּל־
אִישׁ־יְהוּדָה כְּאִישׁ אֶחָד וַיִּשְׁלְחוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ שׁוּב אַתָּה
16 וְכָל־עֲבָדֶיךָ׃ וַיָּשָׁב הַמֶּלֶךְ וַיָּבֹא עַד־הַיַּרְדֵּן וִיהוּדָה בָּא
הַגִּלְגָּלָה לָלֶכֶת לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ לְהַעֲבִיר אֶת־הַמֶּלֶךְ
17 אֶת־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְמַהֵר שִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא בֶּן־הַיְמִינִי אֲשֶׁר
מִבַּחוּרִים וַיֵּרֶד עִם־אִישׁ יְהוּדָה לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ דָּוִד׃
18 וְאֶלֶף אִישׁ עִמּוֹ מִבִּנְיָמִן וְצִיבָא נַעַר בֵּית שָׁאוּל וַחֲמֵשֶׁת
עָשָׂר בָּנָיו וְעֶשְׂרִים עֲבָדָיו אִתּוֹ וְצָלְחוּ הַיַּרְדֵּן לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃
19 וְעָבְרָה הָעֲבָרָה לַעֲבִיר אֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ וְלַעֲשׂוֹת הַטּוֹב
בְּעֵינָו וְשִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא נָפַל לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ בְּעָבְרוֹ בַּיַּרְדֵּן׃
כ וַיֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ אַל־יַחֲשָׁב־לִי אֲדֹנִי עָוֺן וְאַל־תִּזְכֹּר
אֵת אֲשֶׁר הֶעֱוָה עַבְדְּךָ בַּיּוֹם אֲשֶׁר־יָצָא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ
21 מִירוּשָׁלָם לָשׂוּם הַמֶּלֶךְ אֶל־לִבּוֹ׃ כִּי יָדַע עַבְדְּךָ כִּי
אֲנִי חָטָאתִי וְהִנֵּה־בָאתִי הַיּוֹם רִאשׁוֹן לְכָל־בֵּית יוֹסֵף
22 לָרֶדֶת לִקְרַאת אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיַּעַן אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה
וַיֹּאמֶר הֲתַחַת זֹאת לֹא יוּמַת שִׁמְעִי כִּי קִלֵּל אֶת־מְשִׁיחַ

יהוה

v. 14 חסר אליף   v. 17 בעיניו קרי   v. 20 נקוד על יצא

10 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געשטריטען צווישען זיך, און די אַלע שבטים
פון ישראל, אַזוי : דער קעניג האָט אונז געראַטעוועט פון דער האַנד פון אונ־
זערע פיינד, און ער האָט אונז געראַטעוועט פון די האַנד פון די פלשתים, און
יעצט איז ער אַנטלאָפען פון דעם לאַנד פון וועגען אַבשלום.

11 און אַבשלום, וועמען מיר האָבען געזאַלבט איבער אונז איז געשטאָרבען
אין דער מלחמה, און יעצט, פאַרוואָס שווייגט איהר, (און זעהט ניט)
צוריק צו ברענגען דעם קעניג (נאָך זיין הויז).

12 און דער קעניג דוד האָט געשיקט (זאָגען) צו צדוק און צו אביתר די כהנים
אַזוי : רעדט צו די עלטסטע פון יהודה אַזוי צו זאָגען : וואָרום
זאָלט איהר זיין די לעצטע דעם קעניג צוריק צו ברענגען צו זיין הויז ?
ווען דאָס וואָרט פון גאַנץ ישראל איז געקומען צו דעם קעניג, וועגען
(איהם צו ברענגען) צו זיין הויז.

13 איהר זייט דאָך מיינע ברידער, מיין ביין און מיין פלייש זייט איהר, און
וואָרום זאָלט איהר זיין די לעצטע אום דעם קעניג צוריק צו ברענגען.

14 און צו עמשא זאָלט איהר זאָגען : דו ביזט דאָך מיין ביין און מיין פלייש,
גאָט זאָל מיר אַזוי טהאָן, און נאָך מעהר, אויב דו וועסט ניט זיין אַ הויפּט־
מאַן פאַר מיר שטענדיג אָנשטאָט יואָב.

15 און ער (עמשא) האָט גענייגט דאָס האַרץ פון די אַלע מענער פון יהודה,
אַזוי ווי איין מאַן, און זיי האָבען געשיקט צו דעם קעניג : קעהר דו צו־
ריק, און אַלע דיינע קנעכט.

16 און דער קעניג האָט צוריקגעקעהרט און ער איז געקומען ביז צו דעם
ירדן, און יהודה איז געקומען נאָך גלגל, אום צו קומען ענטקעגען דעם
קעניג ; אַריבערצופיהרען דעם קעניג איבער דעם ירדן.

17 און שמעי דער זוהן פון גרא, פון שבט בנימין, וואָס איז געוועזען פון
בחורים, האָט געאַיילט און ער איז אַראָפּגעגאַנגען מיט די מענער פון
יהודה צו באַגעגענען דעם קעניג.

18 און מיט איהם זיינען געווען טויזענד מאַן פון בנימין, און ציבא דער יונג
פון שאול'ס הויזגעזינד, און זיינע פופצעהן זיהן און זיינע צוואַנציג
קנעכט זיינען מיט איהם געווען, און זיי זיינען געשווינד אַריבערגע־
פאָהרען דעם ירדן פאַר דעם קעניג.

19 און עס איז אַריבערגעגאַנגען אַ קליינע שיף אַריבערצוברענגען דעם קע־
ניג'ס הויזגעזינד, און צו טהאָן וואָס עס איז געפעליג אין זיינע אויגען,
און שמעי דער זוהן פון גרא איז געפאַלען פאַר דעם קעניג, אין דער צייט
וואָס ער איז אַריבערגעפאָהרען דעם ירדן.

20 און ער האָט געזאָגט צו דעם קעניג : לאָז מיין הערר ניט רעכענען מיר
די זינד, און דו זאָלסט ניט געדענקען דאָס וואָס דיין קנעכט האָט פער־
בראָכען, אָן דעם טאָג וואָס מיין הערר דער קעניג איז אַרויסגעגאַנגען
פון ירושלים, און לאָז ער דער קעניג ניט לעגען צו זיין האַרץ.

21 דען דיין קנעכט ווייס, אַז איך האָב געזינדיגט, און זעה, איך בין היינט
געקומען דער ערשטער פון דעם גאַנצען הויזגעזינד פון יוסף, אַראָפּצו־
ניעדערען צו בעגעגענען מיין הערר דעם קעניג.

22 און אבישי דער זוהן פון צרויה האָט געענטפערט און ער האָט געזאָגט :
ווי זאָל שמעי, טראָץ דעם ניט געטוידטעט ווערען ? ער האָט דאָך גע־
פלוכט דעם געזאַלבטען פון גאָט.

23 יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד מַה־לִּי וְלָכֶם בְּנֵי צְרוּיָה כִּי־תִהְיוּ־לִי
הַיּוֹם לְשָׂטָן הַיּוֹם יוּמַת אִישׁ בְּיִשְׂרָאֵל כִּי הֲלוֹא יָדַעְתִּי
24 כִּי הַיּוֹם אֲנִי־מֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־שִׁמְעִי
כה לֹא תָמוּת וַיִּשָּׁבַע לוֹ הַמֶּלֶךְ׃ וּמְפִבֹשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל
יָרַד לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ וְלֹא־עָשָׂה רַגְלָיו וְלֹא־עָשָׂה שְׂפָמוֹ
וְאֶת־בְּגָדָיו לֹא כִבֵּס לְמִן־הַיּוֹם לֶכֶת הַמֶּלֶךְ עַד־הַיּוֹם
26 אֲשֶׁר־בָּא בְשָׁלוֹם׃ וַיְהִי כִּי־בָא יְרוּשָׁלַםִ לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ
27 וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה לֹא־הָלַכְתָּ עִמִּי מְפִיבֹשֶׁת׃ וַיֹּאמַר
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ עַבְדִּי רִמָּנִי כִּי־אָמַר עַבְדְּךָ אֶחְבְּשָׁה־לִּי
הַחֲמוֹר וְאֶרְכַּב עָלֶיהָ וְאֵלֵךְ אֶת־הַמֶּלֶךְ כִּי פִסֵּחַ עַבְדֶּךָ׃
28 וַיְרַגֵּל בְּעַבְדְּךָ אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ כְּמַלְאַךְ
29 הָאֱלֹהִים וַעֲשֵׂה הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ׃ כִּי לֹא הָיָה כָּל־בֵּית
אָבִי כִּי אִם־אַנְשֵׁי־מָוֶת לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַתָּשֶׁת אֶת־עַבְדְּךָ
בְּאֹכְלֵי שֻׁלְחָנֶךָ וּמַה־יֶּשׁ־לִי עוֹד צְדָקָה וְלִזְעֹק עוֹד אֶל־
ל הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה תְּדַבֵּר עוֹד דְּבָרֶיךָ
31 אָמַרְתִּי אַתָּה וְצִיבָא תַּחְלְקוּ אֶת־הַשָּׂדֶה׃ וַיֹּאמֶר מְפִיבֹשֶׁת
אֶל־הַמֶּלֶךְ גַּם אֶת־הַכֹּל יִקָּח אַחֲרֵי אֲשֶׁר־בָּא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
32 בְּשָׁלוֹם אֶל־בֵּיתוֹ׃ וּבַרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי יָרַד מֵרֹגְלִים
33 וַיַּעֲבֹר אֶת־הַמֶּלֶךְ הַיַּרְדֵּן לְשַׁלְּחוֹ אֶת־בַּיַּרְדֵּן׃ וּבַרְזִלַּי זָקֵן
מְאֹד בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה וְהוּא־כִלְכַּל אֶת־הַמֶּלֶךְ בְּשִׁיבָתוֹ
34 בְמַחֲנַיִם כִּי־אִישׁ גָּדוֹל הוּא מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
בַּרְזִלָּי אַתָּה עֲבֹר אִתִּי וְכִלְכַּלְתִּי אֹתְךָ עִמָּדִי בִּירוּשָׁלִָם׃
לה וַיֹּאמֶר בַּרְזִלַּי אֶל־הַמֶּלֶךְ כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיַּי כִּי־אֶעֱלֶה
36 אֶת־הַמֶּלֶךְ יְרוּשָׁלִָם׃ בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם הַאֵדַע ׀
בֵּין־טוֹב לְרָע אִם־יִטְעַם עַבְדְּךָ אֶת־אֲשֶׁר אֹכַל וְאֶת־אֲשֶׁר
אֶשְׁתֶּה אִם־אֶשְׁמַע עוֹד בְּקוֹל שָׁרִים וְשָׁרוֹת וְלָמָּה יִהְיֶה
37 עַבְדְּךָ עוֹד לְמַשָּׂא אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ כִּמְעַט יַעֲבֹר עַבְדְּךָ

אֶת

v. 27 נ״א אֶל   v. 32 הירדן קרי

23 און דוד האָט געזאָגט: וואָס האָב איך מיט אײַך צו טהאָן, איהר זיהן פון צרויה, אַז איהר זאָלט היינט צו מיר זיין צו אַ שטערונג? זאָל דען היינט אַ מאַן אין ישראל געטוידט ווערען? דען ווייס איך דען ניט, דאָס היינט בין איך אַ (נייער) קעניג איבער ישראל?

24 און דער קעניג האָט געזאָגט צו שמעי: דו זאָלסט ניט שטאַרבען, און דער קעניג האָט צו איהם געשוואָרען.

25 און מפיבשת דער זוהן פון שאול איז אַראָפּגעקומען צו בעגעגענען דעם קעניג, און ער האָט ניט צורעכט געמאַכט זיינע פיס, און ער האָט ניט צו־רעכט געמאַכט זיין ליפּענבאָרד, און ער האָט אויך ניט געוואַשען זיינע קליידער פון דעם טאָג אָן, ווען דער קעניג איז אַוועקגעגאַנגען ביז צו דעם טאָג ווען ער איז צוריקגעקומען אין פריעדען.

26 און עס איז געשעהען ווען ער איז געקומען אין ירושלים צו בעגעגענען דעם קעניג, האָט דער קעניג צו איהם געזאָגט: וואָרום ביזטו ניט מיט מיר געגאַנגען, מפיבשת?

27 און ער (מפיבשת) האָט געזאָגט: מיין הערר קעניג, מיין קנעכט האָט מיך גענאַרט, דען דיין קנעכט האָט געדאַכט; איך וועל מיר זאָטלען איין עזעל, און איך וועל רייטען אויף איהר, און איך וועל געהען מיט דעם קעניג, ווייל דיין קנעכט איז אַ הינקעדיגער.

28 און ער האָט אָנגערעדט אויף דיין קנעכט צו מיין הערר, דעם קעניג. אָבער מיין הערר דער קעניג איז דאָך ווי אַ מלאך פון גאָט, טהו דאָס וואָס איז גוט אין דיינע אויגען.

29 דען דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון מיין פאָטער, זיינען דאָך ניט געווען נאָר מענשען וואָס פערדיענען דעם טוידט קעגען מיין הערר דעם קעניג. אָבער דו האָסט געזעצט דיין קנעכט צווישען די וואָס עסען ביי דיין טיש, און וואָס האָב איך נאָך צו פערלאַנגען נאָך מעהר גערעכטיגקייט? און נאָך מעהר צו שרייען (פאַר גנאָד) צו דעם קעניג?

30 און דער קעניג האָט צו איהם געזאָגט: צו וואָס זאָלסטו נאָך ריידען דיינע רייד, איך האָב שוין איין מאָל געזאָגט (צו ציבא, ער זאָל האָבען אַלעס), נאָר לאָז זיין, אַז דו און ציבא, איהר זאָלט אײַך טהיילען דאָס לאַנד.

31 און מפיבשת האָט געזאָגט צו דעם קעניג: אויך דאָס גאַנצע מעג ער נעהמען, אַז נאָר מיין הערר דער קעניג איז געקומען אין פריעדען צו זיין הויז.

32 און ברזלי דער גלעדי איז אַראָפּגעקומען פון רגלים, און ער איז אריבער־געפאָהרען מיט דעם קעניג איבער דעם ירדן, איהם צו בעגלייטען איבער דעם ירדן.

33 און ברזלי איז געווען זעהר אַלט, ער איז אַכטציג יאָהר אַלט געווען, און ער האָט געשפּייזט דעם קעניג ווען ער איז געזעסען אין מחנים, דען ער איז (געווען) אַ זעהר גרויסער מאַן.

34 און דער קעניג האָט געזאָגט צו ברזלי: קום דו אריבער מיט מיר, און איך וועל דיר שפּייזען ביי מיר, אין ירושלים.

35 און ברזלי האָט געזאָגט, צו דעם קעניג: וויפיעל נאָך זיינען די טעג פון די יאָהרען פון מיין לעבען אַז איך זאָל ארויפגעהן מיט דעם קעניג נאָך ירושלים?

36 איך בין היינט אַכטציג יאָהר אַלט, ווייס איך דען אונטערשיידען צווישען גוט און שלעכט? אָדער פיהלט דיין קנעכט אַ געשמאַק אין דאָס וואָס איך עס און וואָס איך טרינק? אָדער זאָל איך זיך נאָך אַיינהערען צו דער שטים פון זינגער און זינגערינען? און וואָרום זאָל נאָך דיין קנעכט זיין אַ לאַסט צו מיין הערר דעם קעניג?

אֶת־הַיַּרְדֵּן אֶת־הַמֶּלֶךְ וְלָמָּה יִגְמְלֵנִי הַמֶּלֶךְ הַגְּמוּלָה
38 הַזֹּאת׃ יָשָׁב־נָא עַבְדְּךָ וְאָמֻת בְּעִירִי עִם קֶבֶר אָבִי וְאִמִּי
וְהִנֵּה ׀ עַבְדְּךָ כִמְהָם יַעֲבֹר עִם־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַעֲשֵׂה־לוֹ
39 אֵת אֲשֶׁר־טוֹב בְּעֵינֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אִתִּי יַעֲבֹר כִּמְהָם
וַאֲנִי אֶעֱשֶׂה־לּוֹ אֶת־הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ וְכֹל אֲשֶׁר־תִּבְחַר עָלַי
מ אֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיַּעֲבֹר כָּל־הָעָם אֶת־הַיַּרְדֵּן וְהַמֶּלֶךְ עָבָר וַיִּשַּׁק
41 הַמֶּלֶךְ לְבַרְזִלַּי וַיְבָרְכֵהוּ וַיָּשָׁב לִמְקֹמוֹ׃ וַיַּעֲבֹר הַמֶּלֶךְ
הַגִּלְגָּלָה וְכִמְהָן עָבַר עִמּוֹ וְכָל־עַם יְהוּדָה וַיַּעֲבִירוּ אֶת־
42 הַמֶּלֶךְ וְגַם חֲצִי עַם יִשְׂרָאֵל׃ וְהִנֵּה כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל
בָּאִים אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמְרוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ מַדּוּעַ גְּנָבוּךָ אַחֵינוּ
אִישׁ יְהוּדָה וַיַּעֲבִרוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־בֵּיתוֹ אֶת־הַיַּרְדֵּן
43 וְכָל־אַנְשֵׁי דָוִד עִמּוֹ׃ וַיַּעַן כָּל־אִישׁ יְהוּדָה עַל־אִישׁ
יִשְׂרָאֵל כִּי־קָרוֹב הַמֶּלֶךְ אֵלַי וְלָמָּה זֶּה חָרָה לְךָ עַל־
הַדָּבָר הַזֶּה הֶאָכוֹל אָכַלְנוּ מִן־הַמֶּלֶךְ אִם־נִשֵּׂאת נִשָּׂא לָנוּ׃
44 וַיַּעַן אִישׁ־יִשְׂרָאֵל אֶת־אִישׁ יְהוּדָה וַיֹּאמֶר עֶשֶׂר־
יָדוֹת לִי בַמֶּלֶךְ וְגַם־בְּדָוִד אֲנִי מִמְּךָ וּמַדּוּעַ הֱקִלֹּתַנִי וְלֹא־
הָיָה דְבָרִי רִאשׁוֹן לִי לְהָשִׁיב אֶת־מַלְכִּי וַיִּקֶשׁ דְּבַר־אִישׁ
יְהוּדָה מִדְּבַר אִישׁ יִשְׂרָאֵל׃

## כ Cap. XX. כ

א וְשָׁם נִקְרָא אִישׁ בְּלִיַּעַל וּשְׁמוֹ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי אִישׁ יְמִינִי
וַיִּתְקַע בַּשֹּׁפָר וַיֹּאמֶר אֵין־לָנוּ חֵלֶק בְּדָוִד וְלֹא נַחֲלָה־
2 לָנוּ בְּבֶן־יִשַׁי אִישׁ לְאֹהָלָיו יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעַל כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל
מֵאַחֲרֵי דָוִד אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי וְאִישׁ יְהוּדָה דָּבְקוּ
3 בְמַלְכָּם מִן־הַיַּרְדֵּן וְעַד־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיָּבֹא דָוִד אֶל־בֵּיתוֹ
יְרוּשָׁלִַם וַיִּקַּח הַמֶּלֶךְ אֵת עֶשֶׂר־נָשִׁים ׀ פִּלַגְשִׁים אֲשֶׁר
הִנִּיחַ לִשְׁמֹר הַבַּיִת וַיִּתְּנֵם בֵּית־מִשְׁמֶרֶת וַיְכַלְכְּלֵם
וַאֲלֵיהֶם לֹא־בָא וַתִּהְיֶינָה צְרֻרוֹת עַד־יוֹם מֻתָן אַלְמְנוּת

חַיּוּת

יט v. 41 העבירו קרי

37 קוים קען דיין קנעכט אריבער געהען דעם ירדן מיט דעם קעניג, און צו
וואָס איז דאָס נעטהיג דאָס דער קעניג זאָל מיר בעלאָהנען מיט די דאָזיגע
בעלוינונג.
38 לאָז דאָך דיין קנעכט צוריקגעהען, און איך וועל שטארבען אין מיין
שטאָדט, און רוהען ביי דעם קבר פון מיין פאָטער און פון מיין מוטער,
און זעה, דיין קנעכט כמהם (ברזלי'ס זוהן), לאָז ער אריבערגעהען מיט
מיין הערר דעם קעניג, און טהו צו איהם דאָס וואָס געפעליג אין דיינע
אויגען.
39 און דער קעניג האָט געזאָגט : כמהם זאָל מיט מיר אריבערגעהען, און
איך וועל טהאָן צו איהם וואָס עס איז נאָר געפעליג אין דיינע אויגען, און
אַלעס, וואָס דו ווינשסט, וועל איך פאַר דיר טהאָן.
40 און דאָס גאַנצע פאָלק איז אריבערגעפאָהרען דעם ירדן, און דער קעניג
איז אריבערגעפאָהרען, און דער קעניג האָט געקושט ברזלי און ער האָט
איהם געבענשט, און ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיין ארט.
41 און דער קעניג איז אריבערגעגאַנגען נאָך גלגל, און כמהם איז אריבער מיט
איהם, און דאָס גאַנצע פאָלק יהודה האָבען אריבערגעפיהרט דעם קעניג,
און אויך די העלפט פון דעם פאָלק ישראל.
42 און זעה, די אַלע מענער פון ישראל זיינען געקומען צו דעם קעניג, און
זיי האָבען געזאָגט צו דעם קעניג : פאַרוואָס האָבען דיך אונזערע ברי־
דער, די מענער פון יהודה אוועק גע'גנב'עט, און זיי האָבען אריבערגע־
פיהרט דעם קעניג און זיין הויזגעזינד איבער דעם ירדן, און די אַלע מענער
פון דוד מיט איהם ?
43 און די אַלע מענער פון יהודה האָבען געענטפערט צו די מענער פון
ישראל : ווייל דער קעניג איז צו מיר נאָהענט ( א קרוב) ; און וואָרום
גרימט עס דיר איבער די זאַך ? האָבען מיר דען פיעל געגעסען פון דעם
קעניג'ס טיש, אָדער האָבען מיר דען בעקומען געשענק פון דעם קעניג ?
44 און די מענער פון ישראל האָבען געענטפערט צו די מענער פון יהודה,
און זיי האָבען געזאָגט : צעהן טהייל האָב איך אין דעם קעניג, און
אויך אין דוד האָב איך מעהר רעכט ווי דו, און וואָרום האָסטו מיך גרינג
געשעצט ? און איז דען ניט געוועזען מיין וואָרט דער ערשטער, צוריק צו־
ברענגען מיין קעניג ? און די רייד פון די מענער פון יהודה זיינען האַר־
טער געוועזען ווי די רייד פון די מענער פון ישראל.

## קאַפּיטעל כ

1 און דאָרטען האָט זיך געטראָפען א ניעדערטרעכטיגער מאַן, און זיין נאָ־
מען איז געוועזען שבע דער זוהן פון בכרי, פון שבט בנימין, און ער האָט גע־
בלאָזען דעם שופר און ער האָט געזאָגט : מיר האָבען קיין אנטהייל אין
דוד, און מיר האָבען ניט קיין ערבטהייל אין דעם זוהן פון ישי, יעדער
זאָל געהען צו זיינע געצעלטען, איהר ישראל !
2 און אַלע מענער פון ישראל זיינען אוועקגעגאַנגען פון דוד, און זיינען
נאָכגעגאַנגען נאָך שבע דעם זוהן פון בכרי, אָבער די מענער פון יהודה
האָבען זיך בעהעפט אָן זייער קעניג, פון דעם ירדן אָן ביז נאָך ירושלים.
3 און דוד איז געקומען צו זיין הויז אין ירושלים, און דער קעניג האָט גע־
נומען די צעהן קעבסווייבער וואָס ער האָט איבערגעלאָזען צו היטען דאָס
הויז, און ער האָט זיי אריינגעזעצט אין א וואכהויז, און ער האָט זיי
געשפייזט, אָבער ער איז צו זיי מעהר ניט געקומען, און זיי זיינען גע־
ווען פערשלאָסען ביז צו דעם טאָג פון זייער טויטט, ווי וויטווען אויפ'ן
גאַנצען לעבען.

4 חָיוֹת׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־עֲמָשָׂא הַזְעֶק־לִי אֶת־אִישׁ־
ה יְהוּדָה שְׁלֹשֶׁת יָמִים וְאַתָּה פֹּה עֲמֹד׃ וַיֵּלֶךְ עֲמָשָׂא
6 לְהַזְעִיק אֶת־יְהוּדָה וַיִּיחֶר מִן־הַמּוֹעֵד אֲשֶׁר יְעָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי עַתָּה יֵרַע לָנוּ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי מִן־אַבְשָׁלוֹם
אַתָּה קַח אֶת־עַבְדֵי אֲדֹנֶיךָ וּרְדֹף אַחֲרָיו פֶּן־מָצָא לוֹ
7 עָרִים בְּצֻרוֹת וְהִצִּיל עֵינֵנוּ׃ וַיֵּצְאוּ אַחֲרָיו אַנְשֵׁי יוֹאָב
וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וְכָל־הַגִּבֹּרִים וַיֵּצְאוּ מִירוּשָׁלַם לִרְדֹּף
8 אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ הֵם עִם־הָאֶבֶן הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר
בְּגִבְעוֹן וַעֲמָשָׂא בָּא לִפְנֵיהֶם וְיוֹאָב חָגוּר ׀ מִדּוֹ לְבֻשׁוֹ
וְעָלָו חֲגוֹר חֶרֶב מְצֻמֶּדֶת עַל־מָתְנָיו בְּתַעְרָהּ וְהוּא יָצָא
9 וַתִּפֹּל׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לַעֲמָשָׂא הֲשָׁלוֹם אַתָּה אָחִי וַתֹּחֶז
י יַד־יְמִין יוֹאָב בִּזְקַן עֲמָשָׂא לִנְשָׁק־לוֹ׃ וַעֲמָשָׂא לֹא־נִשְׁמַר
בַּחֶרֶב ׀ אֲשֶׁר בְּיַד־יוֹאָב וַיַּכֵּהוּ בָהּ אֶל־הַחֹמֶשׁ וַיִּשְׁפֹּךְ
מֵעָיו אַרְצָה וְלֹא־שָׁנָה לוֹ וַיָּמֹת וְיוֹאָב וַאֲבִישַׁי אָחִיו
11 רָדַף אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ וְאִישׁ עָמַד עָלָיו מִנַּעֲרֵי יוֹאָב
וַיֹּאמֶר מִי אֲשֶׁר חָפֵץ בְּיוֹאָב וּמִי אֲשֶׁר־לְדָוִד אַחֲרֵי יוֹאָב׃
12 וַעֲמָשָׂא מִתְגֹּלֵל בַּדָּם בְּתוֹךְ הַמְסִלָּה וַיַּרְא הָאִישׁ כִּי־
עָמַד כָּל־הָעָם וַיַּסֵּב אֶת־עֲמָשָׂא מִן־הַמְסִלָּה הַשָּׂדֶה וַיַּשְׁלֵךְ
13 עָלָיו בֶּגֶד כַּאֲשֶׁר רָאָה כָּל־הַבָּא עָלָיו וְעָמָד׃ כַּאֲשֶׁר
הֹגָה מִן־הַמְסִלָּה עָבַר כָּל־אִישׁ אַחֲרֵי יוֹאָב לִרְדֹּף
14 אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ וַיַּעֲבֹר בְּכָל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אָבֵלָה
וּבֵית מַעֲכָה וְכָל־הַבֵּרִים וַיִּקָּלְהוּ וַיָּבֹאוּ אַף־אַחֲרָיו׃
טו וַיָּבֹאוּ וַיָּצֻרוּ עָלָיו בְּאָבֵלָה בֵּית הַמַּעֲכָה וַיִּשְׁפְּכוּ סֹלְלָה
אֶל־הָעִיר וַתַּעֲמֹד בַּחֵל וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אֶת־יוֹאָב
16 מַשְׁחִיתִם לְהַפִּיל הַחוֹמָה׃ וַתִּקְרָא אִשָּׁה חֲכָמָה מִן־
הָעִיר שִׁמְעוּ אִמְרוּ־נָא אֶל־יוֹאָב קְרַב עַד־הֵנָּה
17 וַאֲדַבְּרָה אֵלֶיךָ׃ וַיִּקְרַב אֵלֶיהָ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַאַתָּה

יואב

v. 5. ויוחר קרי   v. 8. ועליו קרי   v. 9. חסר א׳   v. 14. ויקהלו קרי

4 און דער קעניג האָט געזאָגט צו עמשא : פערזאַמעל צו מיר די מענער פון
יהודה אין דריי טעג, און דו שטעל זיך דאָ איין.
5 און עמשא איז געגאַנגען צו פערזאַמלען יהודה; און ער האָט פערזאַמעלט
פון דער בעשטימטער צייט וואָס ער האָט איהם בעשטימט.
6 און דער קעניג האָט געזאָגט צו אַבישי : יעצט וועט אונז שבע דער
זוהן פון בכרי מעהר שלעכטס טהאָן ווי אַבשלום, יעצט נעהם די קנעכט
פון דיין הערר, און יאָג איהם נאָך, אַז ער זאָל ניט אויסגעפינען פעסטע
שטעדט און ער וועט זיך רעטען פון אונזערע אויגען.
7 און נאָך איהם זיינען ארויסגעגאַנגען די מענער פון יואָב, און די כרתי
און די פלתי און די אַלע העלדען, און זיי זיינען ארויסגעגאַנגען פון
ירושלים נאָכצויאָגען נאָך שבע דעם זוהן פון בכרי.
8 ווען זיי זיינען געווען ביי דעם גרויסען שטיין וואָס איז אין גבעון, איז
עמשא אָנגעקומען ענטקעגען זיי, און יואָב איז געווען אָנגעגורט אין זיי־
נע שטרייט־קליידער, און דאריבער איז געווען אָנגעגורט איין שווערד
בעפעסטיגט צו זיינע לענדען, מיט די שייד ; און ער (דער שייד) איז
אַרויסגעקומען (יעצט פון גאַרטעל) און דאָס שווערד איז אַרויסגעפאַלען
(געווען ארוים פון שייד).
9 און יואָב האָט געזאָגט צו עמשא : ביזטו אין פריעדען (געזונד), און
די רעכטע האַנד פון יואָב האָט אָנגענומען דעם באָרט פון עמשא, אום
איהם צו קושען.
10 און עמשא האָט זיך ניט געהיט פאַר דעם שווערד וואָס איז געווען אין
יואָב׳ס האַנד, און ער האָט איהם דאַמיט געשלאָגען אין דער פינפטער ריפּ
און ער האָט אויסגעגאָסען זיינע איינגעווייד צו דער ערד, און ער האָט
איהם ניט געשטאָכען א צווייטען מאָהל, און ער איז געשטאָרבען. און
יואָב און אַבישי זיין ברודער האָבען נאָכגעיאָגט נאָך שבע דעם זוהן פון
בכרי.
11 און איינער פון יואָב׳ס מענער, פון זיינע יונגען, איז ביי איהם שטעהען
געבליעבען, און ער האָט געזאָגט : דער, וואָס ליעבט יואָב, און דער וואָס
איז געטריי צו דוד זאָל געהען נאָך יואָב.
12 און עמשא איז געלעגען איינגעשמוצט אין דעם בלוט אויף דעם וועג, און
ווען דער מאַן האָט געזעהען אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז שטעהען געבליע־
בען, האָט ער אָבגעקעהרט עמשא פון דעם וועג אין די פעלד, און ער האָט
איבער איהם אַ קלייד געוואָרפען, ווען ער האָט געזעהען אַז יעדער וואָס
איז געקומען נעבען איהם איז שטעהען געבליעבען.
13 ווען ער איז צוגענומען געוואָרען פון דעם וועג, איז יעדער מאַן אריבער־
געגאַנגען הינטער יואָב, נאָכצויאָגען נאָך שבע דעם זוהן פון בכרי.
14 און ער (יואָב) איז דורכגעגאַנגען אין אַלע שבטים פון ישראל, ביז נאָך
אבל פון בית מעכה, און אין די אַלע (שטעדט) פון די ברים, און זיי האָבען
זיך פערזאַמעלט, און זיי זיינען אויך איהם נאָכגעקומען.
15 און זיי זיינען געקומען און זיי האָבען איהם בעלאַגערט אין אבל פון בית
מעכה, און זיי האָבען געשאָטען אַ שאַנץ אַרום די שטאָדט, און זי איז
געשטאַנען (דער שאַנץ ; די באַטעריי) אין גראָבען, און דאָס גאַנצע פאָלק
וואָס איז געווען מיט יואָב האָבען געשטורעמט, איינצוואַרפען די מויער.
16 אין אַ קלוגע פרוי האָט גערופען פון דער שטאָדט : הערט, הערט, זאָגט
דאָך צו יואָב, גענעהען דאָ אהער, און איך וועל ריידען צו דיר.
17 און ער האָט גענעהנט צו איהר, און די פרוי האָט געזאָגט : ביזטו יואָב ?
און ער האָט געזאָגט : איך בין עס, און זי האָט איהם געזאָגט : הער
צו די רייד פון דיין דיענסט. און ער האָט געזאָגט : איך הער.

יוֹאָב וַיֹּאמֶר אָנִי וַתֹּאמֶר לוֹ שְׁמַע דִּבְרֵי אֲמָתֶךָ וַיֹּאמֶר
18 שֹׁמֵעַ אָנֹכִי׃ וַתֹּאמֶר לֵאמֹר דַּבֵּר יְדַבְּרוּ בָרִאשֹׁנָה לֵאמֹר
19 שָׁאוֹל יְשָׁאֲלוּ בְּאָבֵל וְכֵן הֵתַמּוּ׃ אָנֹכִי שְׁלֻמֵי אֱמוּנֵי
יִשְׂרָאֵל אַתָּה מְבַקֵּשׁ לְהָמִית עִיר וְאֵם בְּיִשְׂרָאֵל לָמָּה
כ תְבַלַּע נַחֲלַת יְהוָה׃ וַיַּעַן יוֹאָב וַיֹּאמַר חָלִילָה חָלִילָה
21 לִי אִם־אֲבַלַּע וְאִם־אַשְׁחִית׃ לֹא־כֵן הַדָּבָר כִּי אִישׁ מֵהַר
אֶפְרַיִם שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי שְׁמוֹ נָשָׂא יָדוֹ בַּמֶּלֶךְ בְּדָוִד תְּנוּ
אֹתוֹ לְבַדּוֹ וְאֵלְכָה מֵעַל הָעִיר וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־יוֹאָב
22 הִנֵּה רֹאשׁוֹ מֻשְׁלָךְ אֵלֶיךָ בְּעַד הַחוֹמָה׃ וַתָּבוֹא הָאִשָּׁה
אֶל־כָּל־הָעָם בְּחָכְמָתָהּ וַיִּכְרְתוּ אֶת־רֹאשׁ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי
וַיַּשְׁלִכוּ אֶל־יוֹאָב וַיִּתְקַע בַּשֹּׁפָר וַיָּפֻצוּ מֵעַל־הָעִיר אִישׁ
23 לְאֹהָלָיו וְיוֹאָב שָׁב יְרוּשָׁלַםִ אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וְיוֹאָב אֶל
כָּל־הַצָּבָא יִשְׂרָאֵל וּבְנָיָה בֶּן־יְהוֹיָדָע עַל־הַכְּרֵי וְעַל־
24 הַפְּלֵתִי׃ וַאֲדֹרָם עַל־הַמַּס וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד הַמַּזְכִּיר׃
כה 26 וּשְׁיָא סֹפֵר וְצָדוֹק וְאֶבְיָתָר כֹּהֲנִים׃ וְגַם עִירָא הַיָּאִרִי הָיָה
כֹהֵן לְדָוִד׃

## כא Cap. XXI. כא

א וַיְהִי רָעָב בִּימֵי דָוִד שָׁלֹשׁ שָׁנִים שָׁנָה אַחֲרֵי שָׁנָה וַיְבַקֵּשׁ
דָּוִד אֶת־פְּנֵי יְהוָה ・ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שָׁאוּל
2 וְאֶל־בֵּית הַדָּמִים עַל אֲשֶׁר־הֵמִית אֶת־הַגִּבְעֹנִים׃ וַיִּקְרָא
הַמֶּלֶךְ לַגִּבְעֹנִים וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם וְהַגִּבְעֹנִים לֹא מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל
הֵמָּה כִּי אִם־מִיֶּתֶר הָאֱמֹרִי וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נִשְׁבְּעוּ לָהֶם
וַיְבַקֵּשׁ שָׁאוּל לְהַכֹּתָם בְּקַנֹּאתוֹ לִבְנֵי־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה׃
3 וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַגִּבְעֹנִים מָה אֶעֱשֶׂה לָכֶם וּבַמָּה אֲכַפֵּר
4 וּבָרְכוּ אֶת־נַחֲלַת יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ הַגִּבְעֹנִים אֵין־לִי
כֶּסֶף וְזָהָב עִם־שָׁאוּל וְעִם־בֵּיתוֹ וְאֵין־לָנוּ אִישׁ לְהָמִית
ה בְּיִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר מָה־אַתֶּם אֹמְרִים אֶעֱשֶׂה לָכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ

אל־

כ׳ v. 23. הכרתי קרי   v 24. פתח באתנח   v. 25. ושוא קרי

כ״א v 1 פסקא באמצע פסוק   v 4. לנו קרי

18 און זי האָט געזאָגט: געווים האָט מען דאָך אין אָנפאַנג גערעדט ריידען, דאָס מיינט: מען האָט דאָך גערעדט אָנפרעגען ביי אָבל, און אַזוי וואָלט מען געענדיגט (אַ מלחמה).

19 איך (די שטאָדט אָבל) בין פון די פריעדליכע און פון די טרייע (שטעדט) אין ישראל, און דו זוכסט צו טוידטען אַ שטאָדט און אַ מוטער (אַ וויכטיגע שטאָדט) אין ישראל, וואָרום ווילכטו פערדארבען די ערבטהייל פון גאָט?

20 און יואָב האָט געענטפערט און געזאָגט: חלילה, חלילה צו מיר אויב איך וועל פערדאַרבען און אויב איך וועל צושטערען.

21 די זאַך איז ניט אַזוי, נאָר אַ מאַן פון דעם באַרג אפרים, שבע דער זוהן פון בכרי איז זיין נאָמען, האָט אויפגעהויבען זיין האַנד קעגען דעם קעניג, קעגען דוד, גיעט איהם אַליין אַרויס, און איך וועל אַוועקגעהען פון דער שטאָדט, און די פרוי האָט געזאָגט צו יואָב: זעה, זיין קאָפּ ווערט גלייך אַראָפּגעוואָרפען צו דיר איבער די מויער.

22 און די פרוי איז געקומען צו דעם גאַנצען פאָלק מיט איהר קלוגהייט, און זיי האָבען אָבגעשניטען דעם קאָפּ פון שבע דעם זוהן פון בכרי, און זיי האָבען איהם אַראָפּגעוואָרפען צו יואָב. און ער האָט געבלאָזען דעם שופר, און זיי האָבען זיך צערשפּרייט פון דער שטאָדט, יעדער צו זיינע געצעלטען, און יואָב איז צוריקגעקעהרט נאָך ירושלים צו דעם קעניג.

23 און יואָב איז ווידער געווען איבער דער גאַנצער אַרמעע פון ישראל, און בניה דער זוהן פון יהוידע איז געווען איבער די כרתי און איבער די פלתי.

24 און אדרם איבער די אָפּגאַבען, און יהושפט דער זוהן פון אַחילוד איז געווען דער סעקרעטער.

25 און שוא איז געווען דער שרייבער, און צדוק און אביתר די כהנים.

26 און אויך עירא, דער יאירי, איז געווען אַ הויכער בעאַמטער ביי דוד.

## קאַפּיטעל כא

1 און עס איז געווען אַ הונגערסנויט אין די צייטען פון דוד, דריי יאָהר, אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר, און דוד האָט געבעטען פאַר דעם געזיכט פון גאָט. און גאָט האָט געזאָגט: עס איז צוליעב שאול, און צוליעב (זיין) דאָס בלוטשולדיגע הויז, ווייל ער האָט געטוידט די גבעונים.

2 און דער קעניג האָט גערופען די גבעונים און ער האָט צו זיי גערעדט, און די גבעונים זיינען ניט געווען פון די קינדער פון ישראל, נאָר פון די איבערגעבליעבענע פון דעם אמרי, און די קינדער פון ישראל האָבען צו זיי געשוואָרען, אָבער שאול האָט געזוכט זיי צו טוידטען, ווייל ער האָט געאייפערט פאַר די קינדער פון ישראל און יהודה.

3 און דוד האָט געזאָגט צו די גבעונים: וואָס זאָל איך טהאָן פאַר אַייך? און מיט וואָס זאָל איך אַייך פערגיטיגען? און בענשט דעם ערבטהייל פון גאָט.

4 און די גבעונים האָבען צו איהם געזאָגט: מיר זוכען ניט קיין זילבער און קיין גאָלד פון שאול און פון זיין הויזגעזינד, און מיר זוכען ניט צו טוידטען קיין מענשען פון ישראל, און ער האָט געזאָגט: וואָס דען זאָגט איהר? איך וועל טהאָן פאַר אַייך (אייער פערלאַנג).

5 און זיי האָבען געזאָגט צו דעם קעניג: דער מאַן וואָס האָט אונז פער־

אֶל־הַמֶּלֶךְ הָאִישׁ אֲשֶׁר כִּלָּנוּ וַאֲשֶׁר דִּמָּה־לָנוּ נִשְׁמַדְנוּ
6 מֵהִתְיַצֵּב בְּכָל־גְּבֻל יִשְׂרָאֵל׃ יֻנְתַּן־לָנוּ שִׁבְעָה אֲנָשִׁים
מִבָּנָיו וְהוֹקַעֲנוּם לַיהוָה בְּגִבְעַת שָׁאוּל בְּחִיר יְהוָה
7 • וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲנִי אֶתֵּן׃ וַיַּחְמֹל הַמֶּלֶךְ עַל־מְפִיבֹשֶׁת
בֶּן־יְהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל עַל־שְׁבֻעַת יְהוָה אֲשֶׁר בֵּינֹתָם בֵּין
8 דָּוִד וּבֵין יְהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל׃ וַיִּקַּח הַמֶּלֶךְ אֶת־שְׁנֵי בְּנֵי
רִצְפָּה בַת־אַיָּה אֲשֶׁר יָלְדָה לְשָׁאוּל אֶת־אַרְמֹנִי וְאֶת־
מְפִבֹשֶׁת וְאֶת־חֲמֵשֶׁת בְּנֵי מִיכַל בַּת־שָׁאוּל אֲשֶׁר יָלְדָה
9 לְעַדְרִיאֵל בֶּן־בַּרְזִלַּי הַמְּחֹלָתִי׃ וַיִּתְּנֵם בְּיַד הַגִּבְעֹנִים
וַיֹּקִיעֻם בָּהָר לִפְנֵי יְהוָה וַיִּפְּלוּ שְׁבַעְתָּים יָחַד וְהֵם הֻמְתוּ
י בִּימֵי קָצִיר בָּרִאשֹׁנִים תְּחִלַּת קְצִיר שְׂעֹרִים׃ וַתִּקַּח
רִצְפָּה בַת־אַיָּה אֶת־הַשַּׂק וַתַּטֵּהוּ לָהּ אֶל־הַצּוּר מִתְּחִלַּת
קָצִיר עַד נִתַּךְ־מַיִם עֲלֵיהֶם מִן־הַשָּׁמָיִם וְלֹא־נָתְנָה עוֹף
הַשָּׁמַיִם לָנוּחַ עֲלֵיהֶם יוֹמָם וְאֶת־חַיַּת הַשָּׂדֶה לָיְלָה׃
11 וַיֻּגַּד לְדָוִד אֵת אֲשֶׁר־עָשְׂתָה רִצְפָּה בַת־אַיָּה
12 פִּלֶגֶשׁ שָׁאוּל׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַיִּקַּח אֶת־עַצְמוֹת שָׁאוּל וְאֶת־
עַצְמוֹת יְהוֹנָתָן בְּנוֹ מֵאֵת בַּעֲלֵי יָבֵישׁ גִּלְעָד אֲשֶׁר גָּנְבוּ
אֹתָם מֵרְחֹב בֵּית־שַׁן אֲשֶׁר תְּלָוּם שָׁם הַפְּלִשְׁתִּים בְּיוֹם
13 הַכּוֹת פְּלִשְׁתִּים אֶת־שָׁאוּל בַּגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּעַל מִשָּׁם אֶת־
עַצְמוֹת שָׁאוּל וְאֶת־עַצְמוֹת יְהוֹנָתָן בְּנוֹ וַיַּאַסְפוּ אֶת־עַצְמוֹת
14 הַמּוּקָעִים׃ וַיִּקְבְּרוּ אֶת־עַצְמוֹת־שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן בְּנוֹ בְּאֶרֶץ
בִּנְיָמִן בְּצֵלָע בְּקֶבֶר קִישׁ אָבִיו וַיַּעֲשׂוּ כֹּל אֲשֶׁר־צִוָּה
טו הַמֶּלֶךְ וַיֵּעָתֵר אֱלֹהִים לָאָרֶץ אַחֲרֵי־כֵן׃ וַתְּהִי־עוֹד
מִלְחָמָה לַפְּלִשְׁתִּים אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיֵּרֶד דָּוִד וַעֲבָדָיו עִמּוֹ
16 וַיִּלָּחֲמוּ אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיָּעַף דָּוִד׃ וְיִשְׁבּוֹ בְּנֹב אֲשֶׁר ׀
בִּילִידֵי הָרָפָה וּמִשְׁקַל קֵינוֹ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת מִשְׁקַל נְחֹשֶׁת

והוא

v. 6. יתן קרי ibid. פסקא באמצע פסוק v. 9. יתיר י ibid. המה קרי
ibid. בתחלת קרי v. 12. תלאום קרי ibid. שמה פלשתים קרי v 16. וישבי קרי

ניכטעט, און וואָס ער האָט געטראַכט אונז גענצליך צו פערניכטען, אַז מיר זאָלען ניט קיין בעשטאַנד האָבען אין אַלע גרענעצען פון ישראל.

6 עס זאָל אונז געגעבען ווערען זיעבען מענער פון זיינע זיהן, און מיר ווע־לען זיי אויפהענגען פאַר גאָט אין דעם היגעל פון שאול. דו, ערוועהלטער פון גאָט ! און דער קעניג האָט געזאָגט : איך וועל געבען.

7 און דער קעניג האָט זיך ערבאַרעמט איבער מפיבשת דעם זוהן פון יהונתן, זוהן פון שאול, וועגען די שבועה פון גאָט וואָס איז געוועזען צווישען זיי, צווישען דוד און צווישען יהונתן דעם זוהן פון שאול.

8 און דער קעניג האָט גענומען די צוויי זיהן פון רצפה, די טאָכטער פון איה, וואָס זי האָט געבאָרען צו שאול : ארמני און מפיבשת, און די פינף זיהן פון מיכל די טאָכטער פון שאול, וואָס זי האָט געבאָרען צו עדריאל דעם זוהן פון ברזלי פון מחלת.

9 און ער האָט זיי געגעבען אין די האַנד פון די גבעונים, און זיי האָבען זיי אויפגעהאַנגען אויף דעם באַרג, פאַר גאָט, און זיי זיינען אַלע זיעבען געפאַלען צוזאַמען, און זיי זיינען געטוידט געוואָרען אין די ערשטע טעג פון דעם שניט, אין דעם אָנפאַנג פון דעם גערשטען־שניט.

10 און רצפה די טאָכטער פון איה האָט גענומען אַ זאַק, און זי האָט איהם פערשפּרייט אויפ'ן פעלז, פון אָנפאַנג פון דעם שניט ביז די צייט וואָס עס איז געגאָסען געוואָרען וואַסער אויף זיי פון דעם הימעל (ביז די רע־גענצייט) און זי האָט ניט צוגעלאָזען די פויגעלאך פון הימעל צו רוהען אויף זיי ביי טאָג, און די ווילדע חיות פון דעם פעלד ביי נאַכט.

11 און מען האָט אָנגעזאָגט צו דוד וואָס רצפה די טאָכטער פון איה, דאָס קעבסווייב פון שאול האָט געטהאָן.

12 און דוד איז געגאַנגען און ער האָט גענומען די ביינער פון שאול, און די ביינער פון יהונתן זיין זוהן פון די מענער פון יבש גלעד, וואָס זיי האָבען זיי געשטוילען פון דעם ברייטען מויער פון בית־שן וואָס די פלשתים האָבען זיי דאָרטען אויפגעהאַנגען, אין דעם טאָג ווען די פלשתים האָבען געשלאָגען שאול אין גלבע.

13 און ער האָט אַרויפגעבראַכט פון דאָרטען די ביינער פון שאול און די ביינער פון יהונתן זיין זוהן, און זיי האָבען איינגעזאַמעלט די ביינער פון די אויפגעהאַנגענע.

14 און זיי האָבען באַגראָבען די ביינער פון שאול און יהונתן זיין זוהן, אין דעם לאַנד בנימין, אין צלע, אין דעם קבר פון קיש זיין פאָטער, און זיי האָבען געטהאָן אַלעס וואָס דער קעניג האָט געבאָטען. און גאָט איז איבערגעבעטען געוואָרען צו דעם לאַנד נאָכדעם.

15 און עס איז געוועזען נאָך אַ מלחמה פון די פלשתים מיט ישראל, און דוד האָט אַראָפּגעניידערט און זיינע קנעכט מיט איהם און זיי האָבען גע־שטריטען מיט די פלשתים. און דוד איז מיעד געוואָרען.

16 און ישבי פון נב, וועלכער קומט פון די קינדער פון רפה (ריעזען) און דאָס געוויכט פון זיין שפּיז איז געוועזען דריי הונדערט שקל קופּער, און ער איז

17 וְהוּא חָגוּר חֲדָשָׁה וַיֹּאמֶר לְהַכּוֹת אֶת־דָּוִד׃ וַיַּעֲזָר־לוֹ
אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה וַיַּךְ אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיְמִתֵהוּ אָז נִשְׁבְּעוּ
אַנְשֵׁי־דָוִד לוֹ לֵאמֹר לֹא־תֵצֵא עוֹד אִתָּנוּ לַמִּלְחָמָה וְלֹא
18 תְכַבֶּה אֶת־נֵר יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַתְּהִי־עוֹד
הַמִּלְחָמָה בְּגוֹב עִם־פְּלִשְׁתִּים אָז הִכָּה סִבְּכַי הַחֻשָׁתִי אֶת־
19 סַף אֲשֶׁר בִּילִדֵי הָרָפָה׃ וַתְּהִי־עוֹד הַמִּלְחָמָה
בְּגוֹב עִם־פְּלִשְׁתִּים וַיַּךְ אֶלְחָנָן בֶּן־יַעְרֵי* אֹרְגִים בֵּית הַלַּחְמִי
כ אֵת גָּלְיַת הַגִּתִּי וְעֵץ חֲנִיתוֹ כִּמְנוֹר אֹרְגִים׃ וַתְּהִי־
עוֹד מִלְחָמָה בְּגַת וַיְהִי ׀ אִישׁ מָדִין* וְאֶצְבְּעֹת יָדָיו וְאֶצְבְּעוֹת
רַגְלָיו שֵׁשׁ וָשֵׁשׁ עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע מִסְפָּר וְגַם־הוּא יֻלַּד
21 לְהָרָפָה׃ וַיְחָרֵף אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיַּכֵּהוּ יְהוֹנָתָן בֶּן־שִׁמְעֵי* אֲחִי
22 דָוִד׃ אֶת־אַרְבַּעַת אֵלֶּה יֻלְּדוּ לְהָרָפָה בְּגַת וַיִּפְּלוּ בְיַד־
דָּוִד וּבְיַד עֲבָדָיו׃

## כב CAP. XXII. כב

א וַיְדַבֵּר דָּוִד לַיהוָה אֶת־דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת בְּיוֹם הִצִּיל
יְהוָה אֹתוֹ מִכַּף כָּל־אֹיְבָיו וּמִכַּף שָׁאוּל׃
2 3 וַיֹּאמַר יְהוָה סַלְעִי וּמְצֻדָתִי וּמְפַלְטִי־לִי׃ אֱלֹהֵי
צוּרִי אֶחֱסֶה־בּוֹ מָגִנִּי וְקֶרֶן יִשְׁעִי מִשְׂגַּבִּי
4 וּמְנוּסִי מֹשִׁעִי מֵחָמָס תֹּשִׁעֵנִי׃ מְהֻלָּל
ה אֶקְרָא יְהוָה וּמֵאֹיְבַי אִוָּשֵׁעַ׃ כִּי אֲפָפֻנִי מִשְׁבְּרֵי־
6 מָוֶת נַחֲלֵי בְלִיַּעַל יְבַעֲתֻנִי׃ חֶבְלֵי
שְׁאוֹל סַבֻּנִי קִדְּמֻנִי מֹקְשֵׁי־
7 מָוֶת׃ בַּצַּר־לִי אֶקְרָא יְהוָה וְאֶל־
אֱלֹהַי אֶקְרָא וַיִּשְׁמַע מֵהֵיכָלוֹ
8 קוֹלִי וְשַׁוְעָתִי בְּאָזְנָיו׃ וַיִּתְגָּעַשׁ
וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ מוֹסְדוֹת הַשָּׁמַיִם
9 יִרְגָּזוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ כִּי־חָרָה לוֹ׃ עָלָה

עשן

כ״א v. 19. ר׳ זעירא v. 20. מדון קרי v. 21. שמעא קרי
כ״ב v. 1. הפטרת האזינו ויום ז׳ של פסח v. 8. ויתגעש קרי

געווען אָנגעגאַרטעלט מיט אַ נייעם שווערד, ער האָט געדאַכט צו שלאָגען
דוד.

17 אָבער אבישי דער זוהן פון צרויה האָט איהם געהאָלפען, און ער האָט ער־
שלאָגען דעם פלשתי און האָט איהם געטוידט ; דאַמאָלס האָבען געשוואָ־
רען דוד׳ס מענער וועגען איהם, אַזוי : דו זאָלסט ניט מעהר מיט אונז
אַרויסגעהען אין דער מלחמה, דאָס דו זאָלסט ניט אויסלעשען דאָס ליכט
פון ישראל.

18 און עס איז געווען נאָכדעם, און עס איז נאָך אַ מאָל געווען אַ מלחמה אין
גוב מיט די פלשתים, דאַמאָלס האָט דערשלאָגען סבכי דער חשתי דעם
סף וועלכער קומט פון די קינדער פון רפה.

19 און עס איז נאָך אַ מאָל געווען געווען אַ מלחמה אין גב מיט די פלשתים,
און אלחנן דער זוהן פון יערי ארגים פון בית לחם האָט געשלאָגען גלית
דעם גתי, און דאָס האָלץ פון זיין שפיז איז געווען ווי אַ וועבערס בוים.

20 און עס איז געווען נאָך אַ מלחמה אין גת, און דאָרט איז געווען איין
געוויקסיגער מאַן, און די פינגער פון זיינע הענד און די פינגער פון זיינע
פיס זיינען געווען צו זעקס, פיער און צוואַנציג אין צאָהל, און אויך ער
איז געבאָרען געוואָרען צו רפה.

21 און ער האָט געלעסטערט ישראל, און יהונתן דער זוהן פון שמעא דוד׳ס
ברודער, האָט איהם דערשלאָגען.

22 די פיער זיינען געבאָרען געוואָרען צו רפה אין גת, און זיי זיינען געפאַלען
דורך די האַנד פון דוד, און דורך די האַנד פון זיינע קנעכט.

## קאַפּיטעל כב

1 און דוד האָט גערעדט צו גאָט די רייד פון דעם דאָזיגען געזאַנג, אין דעם
טאָג ווען גאָט האָט איהם גערעטעט פון דער האַנד פון אַלע זיינע פיינד,
און פון דער האַנד פון שאול.

2 און ער האָט געזאָגט : גאָט איז מיין פעלז און מיין פעסטונג, און ער
דער וואָס רעטעט מיך.

3 גאָט איז מיין פעלז אין איהם בעשיץ איך מיך, מיין שיצער און מיין
הילפס־קראַפט, מיין שוטץ און מיין רעטונגס־אָרט, מיין העלפער, פון רויב
העלפסטו מיר.

4 געריהמטער ! אייביגער ! טהו איך רופען, און (גלייך) ווער איך געהאָל־
פען פון מיינע פיינד,

5 דען עס האָבען מיר ארומגערינגעלט די וועללען פון טוידט, פערדערבליכע
שטראָמען האָבען מיך דערשראָקען.

6 טוידט שמערצען האָבען מיך אַרומגערינגעלט, די נעצען פון טוידט האָבען
מיר בעגעגענט.

7 אין מיין נויטה האָב איך גערופען גאָט, און צו מיין גאָט האָב איך גע־
שריען, און ער האָט געהערט פון זיין פּאַלאַץ מיין שטים, און מיין גע־
שריי (איז געקומען) אין זיינע אויערען.

8 און די ערד האָט געשטורעמט און געציטערט, די גרונד פעסטען פון הימעל
האָבען געציטערט ; און זיי האָבען זיך געשאָקעלט, ווייל ער האָט געצי־
רענט.

עָשָׁן בְּאַפּוֹ   וְאֵשׁ מִפִּיו

י תֹּאכֵל   גֶּחָלִים בָּעֲרוּ מִמֶּנּוּ׃   וַיֵּט

שָׁמַיִם וַיֵּרַד   וַעֲרָפֶל תַּחַת

11 רַגְלָיו׃   וַיִּרְכַּב עַל־כְּרוּב וַיָּעֹף   וַיֵּרָא

12 עַל־כַּנְפֵי־רוּחַ׃   וַיָּשֶׁת חֹשֶׁךְ סְבִיבֹתָיו

13 סֻכּוֹת   חַשְׁרַת־מַיִם עָבֵי שְׁחָקִים׃   מִנֹּגַה

14 נֶגְדּוֹ בָּעֲרוּ גַּחֲלֵי־אֵשׁ׃   יַרְעֵם מִן־שָׁמַיִם

טו יְהוָה   וְעֶלְיוֹן יִתֵּן קוֹלוֹ׃   וַיִּשְׁלַח

16 חִצִּים וַיְפִיצֵם בָּרָק וַיָּהֹמֹם׃   וַיֵּרָאוּ אֲפִקֵי

יָם   יִגָּלוּ מֹסְדוֹת תֵּבֵל   בְּגַעֲרַת

17 יְהוָה מִנִּשְׁמַת רוּחַ אַפּוֹ׃   יִשְׁלַח מִמָּרוֹם

18 יִקָּחֵנִי   יַמְשֵׁנִי מִמַּיִם רַבִּים׃   יַצִּילֵנִי

מֵאֹיְבִי עָז   מִשֹּׂנְאַי כִּי אָמְצוּ

19 מִמֶּנִּי׃   יְקַדְּמֻנִי בְּיוֹם אֵידִי   וַיְהִי

כ יְהוָה מִשְׁעָן לִי׃   וַיֵּצֵא לַמֶּרְחָב

21 אֹתִי   יְחַלְּצֵנִי כִּי־חָפֵץ בִּי׃   יִגְמְלֵנִי

יְהוָה כְּצִדְקָתִי   כְּבֹר יָדַי יָשִׁיב

22 לִי׃   כִּי שָׁמַרְתִּי דַּרְכֵי יְהוָה   וְלֹא

23 רָשַׁעְתִּי מֵאֱלֹהָי׃   כִּי כָל־מִשְׁפָּטָו

24 לְנֶגְדִּי   וְחֻקֹּתָיו לֹא־אָסוּר מִמֶּנָּה׃   וָאֶהְיֶה

כה תָמִים לוֹ וָאֶשְׁתַּמְּרָה מֵעֲוֺנִי׃   וַיָּשֶׁב יְהוָה לִי

26 כְּצִדְקָתִי   כְּבֹרִי לְנֶגֶד עֵינָיו׃   עִם־

חָסִיד תִּתְחַסָּד   עִם־גִּבּוֹר תָּמִים

27 תִּתַּמָּם׃   עִם־נָבָר תִּתָּבָר   וְעִם־

28 עִקֵּשׁ תִּתַּפָּל׃   וְאֶת־עַם עָנִי

29 תּוֹשִׁיעַ   וְעֵינֶיךָ עַל־רָמִים תַּשְׁפִּיל׃   כִּי־

אַתָּה נֵירִי יְהוָה   וַיהוָה יַגִּיהַּ

חשכי

v. 15. ויהם קרי   v. 23. משפטיו קרי

9 אַ רויך איז אַרויפגעגאַנגען אין זיין צאָרן, און אַ פייער האָט געפלאַקערט פון זיין מויל, קאָהלען האָבען פון איהר געפלאַמט.

10 און געבויגען האָט ער דעם הימעל און איז אַראָפּגעקומען, און וואָלקענס האָבען זיך געשפּרייט אונטער זיינע פיס.

11 און ער האָט געריטען אויף אַ כרוב און האָט געשוועבט, און ער האָט זיך בעוויזען אויף די פליגלען פון דעם ווינד.

12 און ער האָט געמאַכט פינסטערניס רינגם ארום איהם צו איין איינוויק־לונג ; וואַסערגוסען פון די וואָלקענס.

13 פון דעם גלאַנץ וואָס איז געגאַנגען איהם פאַראויס האָבען געפלאַקערט פייערדיגע קאָהלען.

14 פון הימעל האָט געדונערט גאָט, און דער אויבערשטער האָט געלאָזט הע־רען זיין שטים.

15 און ער געוואָרפען פיילען און ער האָט זיי (מיינע פיינד) צערשפּרייט, ער האָט געשאָסען בליצען און ער האָט זיי צוטומעלט.

16 און עס זיינען געזעהען געוואָרען די קוואַלען פון ים, אויפגעדעקט זיינען געוואָרען די פונדאַמענטען פון דער וועלט, דורך דעם געשריי פון גאָט, דורך דעם אָטהעם פון זיין צאָרן, דורך דעם הויך פון זיין צאָרן.

17 ער האָט אויסגעשטרעקט פון דער הויך (זיין האַנד) און האָט מיך צוגע־נומען, ער האָט מיך אַרויסגעצויגען פון די שטאַרקע וואַסערען.

18 ער האָט מיך געראַטעט פון מיין שטאַרקען פיינד, פון די וואָס האָסען מיך וועלכע זיינען געווען שטאַרקער פון מיר.

19 זיי זיינען מיר ענטקעגען געקומען אין דעם טאָג פון מיין אונגליק, אָבער גאָט איז געווען מיין שטיצע.

20 און ער האָט מיך אַרויסגעבראַכט אין אַ ברייטען אָרט, ער האָט מיך גע־רעטעט, ווייל ער האָט מיך געליעבט.

21 גאָט האָט מיר בעלאָהנט נאָך מיינע גערעכטיגקייט, נאָך די ריינהייט פון מיינע הענד האָט ער מיר געצאָהלט.

22 דען איך האָב געהיט די וועגען פון גאָט, און איך האָב ניט פערבראָכען קעגען מיין גאָט.

23 דען זיינע אַלע געבאָט זיינען פאַר מיינע אויגען, און זיינע געזעץ, ניט פון איינע האָב איך אָפּגעקעהרט.

24 און איך בין געווען געטריי (גאָט) צו איהם, און איך האָב מיך געהיט; פון מיינע זינד.

25 און גאָט האָט מיר געצאָהלט נאָך מיינע גערעכטיגקייט, נאָך מיינע ריינ־הייט וואָס איז (געווען) פאַר זיינע אויגען.

26 מיט דעם גנעדיגען (חסיד) מאַן בעגעהסטו זיך גנעדיג, מיט דעם העלד, דעם געטרייען בעגעהסטו זיך געטריי.

27 מיט דעם ריינעם בעגעהסטו זיך מיט ריינקייט, און מיט דעם פערקרימ־טען (זינדיגער) בעגעהסטו זיך שטרענג.

28 און דעם אָרעמען פאָלק העלפסטו, אָבער דיינע אויגען זיינען אויף די שטאָלצע, דו מאַכסט זיי ניעדעריג.

29 דען דו ביזט מיין ליכט, אָ אייביגער ! און גאָט מאַכט שיינען מיין פינסטערניס.

חָשְׁכִּֽי׃ כִּ֥י בְכָ֖ה אָר֣וּץ גְּד֑וּד בֵּאלֹהַ֖י ל
אֲדַלֶּג־שֽׁוּר׃ הָאֵ֖ל תָּמִ֣ים 31
דַּרְכּ֑וֹ אִמְרַ֤ת יְהוָה֙ צְרוּפָ֔ה מָגֵ֣ן
ה֔וּא לְכֹ֖ל הַחֹסִ֥ים בּֽוֹ׃ כִּ֥י מִי־אֵ֖ל מִבַּלְעֲדֵ֣י 32
יְהוָ֑ה וּמִ֥י צ֖וּר מִבַּלְעֲדֵ֥י אֱלֹהֵֽינוּ׃ הָאֵ֖ל 33
מָעוּזִּ֣י חָ֑יִל וַיַּתֵּ֥ר תָּמִ֖ים
דַּרְכּֽוֹ׃ מְשַׁוֶּ֥ה רַגְלָ֖יו כָּאַיָּל֑וֹת וְעַל־ 34
בָּמֹתַ֖י יַעֲמִדֵֽנִי׃ מְלַמֵּ֥ד יָדַ֖י לה
לַמִּלְחָמָ֑ה וְנִחַ֥ת קֶֽשֶׁת־נְחוּשָׁ֖ה זְרֹעֹתָֽי׃ וַתִּתֶּ֥ן 36
לִ֖י מָגֵ֣ן יִשְׁעֶ֑ךָ וַעֲנֹתְךָ֖ תַּרְבֵּֽנִי׃ תַּרְחִ֥יב צַעֲדִ֖י 37
תַּחְתֵּ֑נִי וְלֹ֥א מָעֲד֖וּ קַרְסֻלָּֽי׃ אֶרְדְּפָ֥ה 38
אֹיְבַ֖י וָאַשְׁמִידֵ֑ם וְלֹ֥א אָשׁ֖וּב עַד־
כַּלּוֹתָֽם׃ וָאֲכַלֵּ֥ם וָאֶמְחָצֵ֖ם וְלֹ֣א יְקוּמ֑וּן וַֽיִּפְּל֖וּ 39
תַּ֥חַת רַגְלָֽי׃ וַתַּזְרֵ֥נִי חַ֖יִל מ
לַמִּלְחָמָ֑ה תַּכְרִ֥יעַ קָמַ֖י תַּחְתֵּֽנִי׃ וְאֹ֣יְבַ֔י 41
תַּ֥תָּה לִּ֖י עֹ֑רֶף מְשַׂנְאַ֖י וָאַצְמִיתֵֽם׃ יִשְׁע֖וּ וְאֵ֣ין 42
מֹשִׁ֑יעַ אֶל־יְהוָ֖ה וְלֹ֥א עָנָֽם׃ וְאֶשְׁחָקֵ֖ם 43
כַּעֲפַר־אָ֑רֶץ כְּטִיט־חוּצ֥וֹת אֲדִקֵּ֖ם
אֶרְקָעֵֽם׃ וַתְּפַלְּטֵ֔נִי מֵרִיבֵ֖י עַמִּ֑י תִּשְׁמְרֵ֨נִי֙ 44
לְרֹ֣אשׁ גּוֹיִ֔ם עַ֥ם לֹא־יָדַ֖עְתִּי
יַעַבְדֻֽנִי׃ בְּנֵ֥י נֵכָ֖ר יִתְכַּחֲשׁוּ־לִ֑י לִשְׁמ֥וֹעַ מה
אֹ֖זֶן יִשָּׁ֥מְעוּ לִֽי׃ בְּנֵ֥י נֵכָ֖ר יִבֹּ֑לוּ וְיַחְגְּר֖וּ 46
מִֽמִּסְגְּרוֹתָֽם׃ חַי־יְהוָ֖ה וּבָר֣וּךְ צוּרִ֑י וְיָרֻ֕ם 47
אֱלֹהֵ֖י צ֥וּר יִשְׁעִֽי׃ הָאֵ֕ל הַנֹּתֵ֥ן נְקָמֹ֖ת 48
לִ֑י וּמוֹרִ֥יד עַמִּ֖ים תַּחְתֵּֽנִי׃ וּמוֹצִיאִ֖י 49
מֵאֹֽיְבָ֑י וּמִקָּמַי֙ תְּרוֹמְמֵ֔נִי מֵאִ֥ישׁ חֲמָסִ֖ים
תַּצִּילֵֽנִי׃ עַל־כֵּ֛ן אוֹדְךָ֥ יְהוָ֖ה בַּגּוֹיִ֑ם וּלְשִׁמְךָ֖ אֲזַמֵּֽר׃ מִגְדִּ֨יל נ 51

ישועות

v. 33. דרכי קרי  v. 34. רגלי קרי  v. 40. חסר א׳  v. 51. מגדול קרי

30 דען מיט דיין הילף, לויף איך קעגען פולקען (שונאים), מיט מיין גאָט שפּרינג איך איבער די מויער.

31 גאָט — זיין וועג איז אויפריכטיג (גאַנץ), דאָס וואָרט פון גאָט איז גע־לייטערט, ער איז אַ שילד צו אַלע וואָס בעשיצען זיך אין איהם.

32 דען ווער איז אַ גאָט אויסער גאָט, און ווער איז אַ פעלז (אַ שטאַרקייט) אויסער אונזער גאָט.

33 גאָט איז מיין שטאַרקע פעסטונג, און ער מאַכט פריי און גאַנץ מיין וועג.

34 ער מאַכט גראד מיינע פיס ווי הירשען, און ער שטעלט מיך אויף מיינע הויכע ערטער.

35 ער לעהרענט מיינע הענד צו פיהרען קריעג, און מיינע אָרעמס צוברעכען אַ קופּערנעם בויגען.

36 און דו האָסט מיר געגעבען פאַר אַ שיעלד — דיין הילף, און דיינע דע־מוטהיגקייט מאַכט מיר גרויס.

37 דו מאַכסט ברייט מיינע טריט אונטער מיר, און מיינע קנעכלען וואַנקען ניט.

38 איך וועל נאָכיאָגען מיינע פיינד, און איך וועל זיי פערטיליגען, און איך וועל ניט צוריקקערען ביז איך וועל זיי האָבען פערניכטעט.

39 און איך האָב געמאַכט פון זיי אַן ענד, און איך האָב זיי פערוואונדעט און זיי וועלען ניט אויפשטעהען, זיי זיינען געפאַלען אונטער מיינע פיס.

40 און דו האָסט מיך אָנגעגורט מיט קראַפט צו דער מלחמה, דו האָסט אונ־טערטהעניג געמאַכט מיינע פיינד אונטער מיר.

41 און מיינע פיינד, דעם (זייער) נאַקען האָסטו מיר געגעבען. און די וואָס האַסען מיך (זייער נאַקען האָסטו מיר געגעבען) און איך פערניכט זיי.

42 זיי קעהרען זיך ארום, אָבער קיינער העלפט זיי ניט. צו גאָט (קעהרען זיי זיך) — און ער ענטפערט זיי ניט.

43 און איך וועל זיי צורייבען ווי דעם שטויב פון דער ערד, ווי גאַסענקאָט וועל איך זיי צומאַהלען, איך וועל זיי צוטרעטען.

44 און דו האָסט מיר געראַטעוועט פון די קריעגער פון מיין פאָלק. דו האָסט מיך געהיט, און מיך געמאַכט פאַר אַ הויפּט איבער פעלקער, פעלקער אונ־בעקאַנטע צו מיר, דיענען מיר.

45 קינדער פון פרעמדע פעלקער שמייכלען מיר, נאָר פון הערען מיין בערוף (מיט זייער אויער), ווערען זיי געהאָרכזאַם צו מיר.

46 די קינדער פון פרעמדע וועלען פערוועלקען, און זיי וועלען הינקען פון זייערע פּצרשליסונג (די קייטען וואָס פערשליעסען זייערע פיס).
47 גאָט לעבט, און געבענשט איז מיין שטאַרקער פעלז, און ערהאָבען איז
48 מיין גאָט ; מיין שטאַרקייט און מיין הילף. דער גאָט, דער וואָס גיט
49 ראַכע צו מיר, און ער שטירצט פעלקער אונטער מיך. און ער ציהט מיך
אַרויס פון מיינע פיינד, און איבער די וואָס שטעהען אויף קעגען מיר
האָסטו מיר דערהויבען, דו האָסט מיר מציל געווען פון דעם רויבערישען
50 מאַן. דאַרום וועל איך דיך לויבען, אָ גאָט ! פאַר די פעלקער, און צו
דיין נאָמען וועל איך זינגען.
51 (צו איהם) וואָס איז אַ טהורעם פון הילף פאַר זיין קעניג, און טהוט גנאָד

יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה־חֶסֶד
לִמְשִׁיחוֹ לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד־עוֹלָם׃

## כג CAP. XXIII. כג

א וְאֵלֶּה דִּבְרֵי דָוִד הָאַחֲרֹנִים נְאֻם דָּוִד בֶּן־יִשַׁי וּנְאֻם הַגֶּבֶר
2 הֻקַם עָל מְשִׁיחַ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל׃ רוּחַ
3 יְהוָה דִּבֶּר־בִּי וּמִלָּתוֹ עַל־לְשׁוֹנִי׃ אָמַר אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
לִי דִבֶּר צוּר יִשְׂרָאֵל מוֹשֵׁל בָּאָדָם צַדִּיק מוֹשֵׁל יִרְאַת
4 אֱלֹהִים׃ וּכְאוֹר בֹּקֶר יִזְרַח־שָׁמֶשׁ בֹּקֶר לֹא עָבוֹת מִנֹּגַהּ
ה מִמָּטָר דֶּשֶׁא מֵאָרֶץ׃ כִּי־לֹא־כֵן בֵּיתִי עִם־אֵל כִּי בְרִית
עוֹלָם שָׂם לִי עֲרוּכָה בַכֹּל וּשְׁמֻרָה כִּי־כָל־יִשְׁעִי וְכָל־
6 חֵפֶץ כִּי־לֹא יַצְמִיחַ׃ וּבְלִיַּעַל כְּקוֹץ מֻנָד כֻּלָּהֶם כִּי־לֹא
7 בְיָד יִקָּחוּ׃ וְאִישׁ יִגַּע בָּהֶם יִמָּלֵא בַרְזֶל וְעֵץ חֲנִית
8 וּבָאֵשׁ שָׂרוֹף יִשָּׂרְפוּ בַּשָּׁבֶת׃ אֵלֶּה שְׁמוֹת הַגִּבֹּרִים
אֲשֶׁר לְדָוִד יֹשֵׁב בַּשֶּׁבֶת תַּחְכְּמֹנִי ׀ רֹאשׁ הַשָּׁלִשִׁי הוּא
עֲדִינוֹ הָעֶצְנוֹ עַל־שְׁמֹנֶה מֵאוֹת חָלָל בְּפַעַם אֶחָד׃
9 וְאַחֲרוֹ אֶלְעָזָר בֶּן־דֹּדוֹ בֶּן־אֲחֹחִי בִּשְׁלֹשָׁה גִבֹּרִים עִם־
דָּוִד בְּחָרְפָם בַּפְּלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ־שָׁם לַמִּלְחָמָה וַיַּעֲלוּ
י אִישׁ יִשְׂרָאֵל׃ הוּא קָם וַיַּךְ בַּפְּלִשְׁתִּים עַד ׀ כִּי־יָגְעָה יָדוֹ
וַתִּדְבַּק יָדוֹ אֶל־הַחֶרֶב וַיַּעַשׂ יְהוָה תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה בַּיּוֹם
11 הַהוּא וְהָעָם יָשֻׁבוּ אַחֲרָיו אַךְ לְפַשֵּׁט׃ וְאַחֲרָיו
שַׁמָּה בֶן־אָגֵא הָרָרִי וַיֵּאָסְפוּ פְלִשְׁתִּים לַחַיָּה וַתְּהִי־שָׁם
חֶלְקַת הַשָּׂדֶה מְלֵאָה עֲדָשִׁים וְהָעָם נָס מִפְּנֵי פְלִשְׁתִּים׃
12 וַיִּתְיַצֵּב בְּתוֹךְ־הַחֶלְקָה וַיַּצִּילֶהָ וַיַּךְ אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיַּעַשׂ
13 יְהוָה תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה׃ וַיֵּרְדוּ שְׁלֹשִׁים מֵהַשְּׁלֹשִׁים רֹאשׁ
וַיָּבֹאוּ אֶל־קָצִיר אֶל־דָּוִד אֶל־מְעָרַת עֲדֻלָּם וְחַיַּת פְּלִשְׁתִּים
14 חֹנָה בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וְדָוִד אָז בַּמְּצוּדָה וּמַצַּב פְּלִשְׁתִּים
טו אָז בֵּית לָחֶם׃ וַיִּתְאַוֶּה דָוִד וַיֹּאמַר מִי יַשְׁקֵנִי מַיִם

מבאר

v. 1. קמץ בזיק   v. 8. העצני קרי   ibid. אחת קרי   v. 9. ואחריו קרי
ibid. דודו קרי   ibid, הגבורים קרי   v. 11. ואחריו קרי   v. 13. שלשה קרי

צו זיין געזאַלבטען, צו דוד און צו זיינע קינדער (וועט ער טהאָן גנאָד)
אויף אייביג.

## קאַפּיטעל כג

1 און דאָס זיינען די לעצטע ווערטער פון דוד: די רייד פון דעם זוהן פון
ישי, און די רייד פון דעם מאַן וועלכער איז געשטעלט געוואָרען הויך,
דער געזאַלבטער פון דעם גאָט פון יעקב, און דער ליעבליכער זינגער פון
ישראל.
2 דער גייסט פון גאָט רעדט דורך מיר, און זיין וואָרט איז אויף מיין צונג.
3 צו מיר האָט געזאָגט דער גאָט פון ישראל, גערעדט צו מיר האָט דער
שטאַרקער פעלז פון ישראל: אז הערשען איבער מענשען קען נאָר דער
גערעכטער, הערשען (קען נאָר) די גאָטעספורכט.
4 און אַזוי ווי דאָס ליכט פון פריהמאָרגען ווען די זונן שיינט, אַזוי ווי אַ
פריה מאָרגען אָהן וואָלקענס, אַזוי ווי פון דעם זונן־שיין און פון דעם רע־
גען שפּראָצט אַרויס די גראָז פון דער ערד, (אַזוי איז די רעגיערונג פון
דעם גערעכטען).
5 איז דען ניט אַזוי מיין הויז מיט גאָט? דען אַן אייביגען בונד האָט ער
מיט מיר געמאַכט, עס איז געאָרדענט מיט אַלעם, און גוט בעוואַכט, דען
דאָס איז מיין גאַנצער ווילען און פערלאַנג (צו טהאָן גערעכטיגקייט) וועט
ער דען ניט מאַכען שפּראָצען (מיין הויז)?
6 אָבער די ניעדערטרעכטיגע, זיינען אַלע ווי אַ דאָרן וואָס ווערט אַוועקגע־
וואָרפען, וואָס מען קען ניט אָננעהמען מיט די הענד.
7 און דער מאַן וואָס וויל זיי אָנריהרען מוז זיך בעוואָפנען מיט אייזען
(געוועהר) און מיט אַ שטאַנג פון אַ שפּיז, און מיט פייער מוזען זיי פער־
ברענט ווערען אויף זייער אָרט.
8 דאָס זיינען די נעמען פון די העלדען, וואָס דוד האָט געהאַט; דער פאַר־
זיצענדער אין דעם זיץ פון די מיניסטאָרען איז געווען עדינו דער עצני;
ער איז געווען דער עלצטער פון די הויפּטלייט, וועגען וואָס ער האָט ער־
שלאָגען אַכט הונדערט מאַן אויף איין מאָל.
9 און נאָך איהם איז געווען אלעזר דער זוהן פון דודו, דער זוהן פון אחחי,
ער איז געווען צווישען די דריי העלדען וואָס זיינען געווען מיט דוד, ווען
זיי האָבען געלעסטערט די פּלשתים וואָס זיינען דאָרטען פערזאַמעלט גע־
וואָרען צו דער מלחמה, און די מענער פון ישראל זיינען אַרויסגעגאַנגען
(צום שטרייט).
10 ער איז אויפגעשטאַנען און האָט געשלאָגען די פּלשתים ביז זיין האַנד איז
מיעד געוואָרען, און זיין האַנד האָט זיך צוגעקלעבט אָן דעם שווערד, און
גאָט האָט געמאַכט אין יענעם טאָג אַ גרויסע הילף. און דאָס פאָלק האָט
זיך אומגעקעהרט הינטער איהם, נאָר צו פּלינדערען.
11 און נאָך איהם איז געווען שמה דער זוהן פון אגא, אַ מאָל האָבען זיך
פערזאַמעלט די פּלשתים אין לאַגער, און דאָרט איז געווען אַ שטיק
פעלד פול מיט לינזען, און דאָס פאָלק איז אַנטלאָפען געוואָרען פון פאַר
די פּלשתים.
12 און ער האָט זיך געשטעלט אין דער מיטען פון דעם פעלד און ער האָט
עס גערעטעט, און ער האָט געשלאָגען די פּלשתים, און גאָט האָט געמאַכט
אַ גרויסע הילף.
13 און עס זיינען אַראָפּגעגאַנגען דריי פון די דרייסיג הויפּטלייט, און זיי
זיינען געקומען אין דער צייט פון דעם שניט צו דוד, צו דער הייהל פון
עדלם, און דער לאַגער פון פּלשתים איז געווען אין דעם טהאָל רפאים.
14 און דוד איז דאַמאָלס געווען אין־דער פעסטונג, און די מיליטער פון די
פּלשתים זיינען דאַמאָלס געווען אין בית לחם.

16 מִבֹּאר בֵּית־לֶחֶם אֲשֶׁר בַּשָּׁעַר׃ וַיִּבְקְעוּ שְׁלֹשֶׁת הַגִּבֹּרִים
בְּמַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיִּשְׁאֲבוּ־מַיִם מִבֹּאר בֵּית־לֶחֶם אֲשֶׁר
בַּשַּׁעַר וַיִּשְׂאוּ וַיָּבִאוּ אֶל־דָּוִד וְלֹא אָבָה לִשְׁתּוֹתָם וַיַּסֵּךְ
17 אֹתָם לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר חָלִילָה לִּי יְהוָה מֵעֲשֹׂתִי זֹאת
הֲדַם הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים בְּנַפְשׁוֹתָם וְלֹא אָבָה לִשְׁתּוֹתָם
18 אֵלֶּה עָשׂוּ שְׁלֹשֶׁת הַגִּבֹּרִים׃ וַאֲבִישַׁי אֲחִי ׀ יוֹאָב
בֶּן־צְרוּיָה הוּא רֹאשׁ הַשְּׁלֹשִׁי וְהוּא עוֹרֵר אֶת־חֲנִיתוֹ
19 עַל־שְׁלֹשׁ מֵאוֹת חָלָל וְלוֹ־שֵׁם בַּשְּׁלֹשָׁה׃ מִן־הַשְּׁלֹשָׁה
הֲכִי נִכְבָּד וַיְהִי לָהֶם לְשָׂר וְעַד־הַשְּׁלֹשָׁה לֹא־בָא׃
כ וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע בֶּן־אִישׁ־חַי רַב־פְּעָלִים
מִקַּבְצְאֵל הוּא הִכָּה אֵת שְׁנֵי אֲרִאֵל מוֹאָב וְהוּא יָרַד
21 וְהִכָּה אֶת־הָאֲרִיֵּה בְּתוֹךְ הַבֹּאר בְּיוֹם הַשָּׁלֶג׃ וְהוּא
הִכָּה אֶת־אִישׁ מִצְרִי אֲשֶׁר מַרְאֶה וּבְיַד הַמִּצְרִי חֲנִית
וַיֵּרֶד אֵלָיו בַּשָּׁבֶט וַיִּגְזֹל אֶת־הַחֲנִית מִיַּד הַמִּצְרִי וַיַּהַרְגֵהוּ
22 בַּחֲנִיתוֹ׃ אֵלֶּה עָשָׂה בְּנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וְלוֹ־שֵׁם בִּשְׁלֹשָׁה
23 הַגִּבֹּרִים׃ מִן־הַשְּׁלֹשִׁים נִכְבָּד וְאֶל־הַשְּׁלֹשָׁה לֹא־בָא
24 וַיְשִׂמֵהוּ דָוִד אֶל־מִשְׁמַעְתּוֹ׃ עֲשָׂה־אֵל אֲחִי־יוֹאָב
כה בַּשְּׁלֹשִׁים אֶלְחָנָן בֶּן־דֹּדוֹ בֵּית לָחֶם׃ שַׁמָּה
26 הַחֲרֹדִי אֱלִיקָא הַחֲרֹדִי׃ חֶלֶץ הַפַּלְטִי עִירָא
27 בֶן־עִקֵּשׁ הַתְּקוֹעִי׃ אֲבִיעֶזֶר הָעַנְּתֹתִי מְבֻנַּי הַחֻשָׁתִי׃
28 29 צַלְמוֹן הָאֲחֹחִי מַהְרַי הַנְּטֹפָתִי׃ חֵלֶב בֶּן
בַּעֲנָה הַנְּטֹפָתִי אִתַּי בֶּן־רִיבַי מִגִּבְעַת בְּנֵי בִנְיָמִן׃
ל 31 בְּנָיָהוּ פִּרְעָתֹנִי הִדַּי מִנַּחֲלֵי־גָעַשׁ׃ אֲבִי־עַלְבוֹן
32 הָעַרְבָתִי עַזְמָוֶת הַבַּרְחֻמִי׃ אֶלְיַחְבָּא הַשַּׁעַלְבֹנִי
33 בְּנֵי יָשֵׁן יְהוֹנָתָן׃ שַׁמָּה הַהֲרָרִי אֲחִיאָם בֶּן־שָׁרָר
34 הָאֲרָרִי׃ אֱלִיפֶלֶט בֶּן־אֲחַסְבַּי בֶּן־הַמַּעֲכָתִי אֱלִיעָם

בן

v. 15 מבר קרי v. 16 מבר קרי v. 18 השלשה קרי v. 20 חיל קרי
ibid. הארי קרי ibid. הבור קרי v. 21 איש קרי

15 און דוד האָט געגלוסט, און ער האָט געזאָגט: ווער וואָלט מיר געבען
טרינקען וואַסער פון דעם ברונען פון בית לחם וואָס איז ביי דעם טהויער?
16 און די דריי העלדען האָבען זיך דורכגעבראָכען דורך דעם לאַגער פון די
פלשתים, און זיי האָבען אָנגעשעפּט וואַסער פון דעם ברונען פון בית לחם
וואָס איז ביי דעם טהויער, און זיי האָבען עס געטראָגען און געבראַכט
צו דוד. אָבער ער האָט עס ניט געוואָלט טרינקען, און ער האָט עס אויסגע־
גאָסען פאַר גאָט.
17 און ער האָט געזאָגט: פערמיטען (חלילה) זאָל עס זיין צו מיר, אָ גאָט!
צו טהאָן אַזאַ זאַך, ווי? דאָס בלוט פון די מענער וואָס זיי זיינען געגאַנ־
גען מיט דעם געפאַהר פון זייער לעבען, (זאָל איך טרינקען)? און ער האָט
עס ניט געוואָלט טרינקען, דאָס האָבען געטהאָן די דריי העלדען.
18 און אַבישי, דער ברודער פון יואָב דער זוהן פון צרויה, ער איז געווען דער
הויפּטמאַן איבער די דריי, ער האָט אויפגעהויבען זיין שפּיז קעגען דריי
הונדערט (פיינד) און ער־האָט זיי ערשלאָגען, און ער האָט געהאַט אַ נאָ־
מען אונטער די דריי.
19 ער האָט געהאַט אַ העכערע שטעלע פאַר די דריי, און ער איז געווען זייער
אַנפיהרער, אָבער אין שטאַרקייט איז ער צו די דריי ניט געקומען.
20 און בניהו דער זוהן פון יהוידע, ער איז געווען דער זוהן פון אַ טאַפּפערען
מאַן, דער וואָס האָט אויפגעטהאָן וויכטיגעס ווערק, פון קבצאל, ער האָט
ערשלאָגען די צוויי העלדען (שטאַרק ווי לייבען) פון מואב, און ער איז
אַראָפּגעגאַנגען און ער האָט ערשלאָגען דעם לייב אין דער גרוב, אין אַ
טאָג פון אַ שנעע־שטורעם.
21 און ער האָט ערשלאָגען אַ מאַן אַ מצרי, אַ מאַן פון אַנזעהען, און אין דער
האַנד פון דעם מצרי איז געווען אַ שפּיז, און ער איז אַראָפּגעגאַנגען צו
איהם מיט אַ רוט, און ער האָט אַוועקגענומען דעם שפּיז פון דער האַנד
פון דעם מצרי, און ער האָט איהם ערשלאָגען מיט זיין אייגענעם שפּיז.
22 דאָס האָט געטהאָן בניהו דער זוהן פון יהוידע, און ער האָט געהאַט אַ נאָ־
מען אונטער די דריי העלדען.
23 ער האָט געהאַט אַ העכערע שטעלע פאַר די דרייסיג העלדען, אָבער צו
די ערשטע דריי איז ער ניט געקומען אין שטאַרקייט, איהם האָט דוד
געהאַלטען אונטער זיין לייבוואַך.
24 עשהאל דער ברודער פון יואָב איז געווען אונטער די דרייסיג, אלחנן
דער זוהן פון דודו פון בית לחם.
25 שמה דער חרדי; אליקא דער חרדי.
26 חלץ דער פּלטי, עירא דער זוהן פון עקש דער תקעי.
27 אביעזר פון ענתות, מבני פון חושה.
28 צלמון דער אחח, מהרי פון נטפה.
29 חלב דער זוהן פון בענה פון נטפה, אתי דער זוהן פון ריבי, פון דער
שטאָדט גבעה פון די זיהן פון בנימין.
30 בניהו פון פּרעתון, הדי פון די טייכען פון געש.
31 אבי עלבון פון ערבה, עזמות דער ברחמי.
32 אליחבא פון שלעבן, פון די זיהן פון ישן, דאָס איז יהונתן.
33 שמה דער באַרגמאַן, אחיאם דער זוהן פון שרר פון ארר (אָדער דער באַרג־
מאַן).
34 אליפלט דער זוהן פון אחסבי פון מעכה, אליעם דער זוהן פון אחיתפל
פון גילה.

לה בֶּן־אֲחִיתֹפֶל הַגִּלֹנִי׃ חֶצְרוֹ הַכַּרְמְלִי פַּעֲרַי הָאַרְבִּי׃
36 37 יִגְאָל בֶּן־נָתָן מִצֹּבָה בָּנִי הַגָּדִי׃ צֶלֶק הָעַמֹּנִי
38 נַחְרַי הַבְּאֵרֹתִי נֹשְׂאֵי כְּלֵי יוֹאָב בֶּן־צְרֻיָה׃ עִירָא
39 הַיִּתְרִי גָּרֵב הַיִּתְרִי׃ אוּרִיָּה הַחִתִּי כֹּל שְׁלֹשִׁים
וְשִׁבְעָה׃

## כד CAP. XXIV. כד

א וַיֹּסֶף אַף־יְהוָה לַחֲרוֹת בְּיִשְׂרָאֵל וַיָּסֶת אֶת־דָּוִד בָּהֶם
2 לֵאמֹר לֵךְ מְנֵה אֶת־יִשְׂרָאֵל וְאֶת־יְהוּדָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
אֶל־יוֹאָב ׀ שַׂר־הַחַיִל אֲשֶׁר־אִתּוֹ שׁוּט־נָא בְּכָל־שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שֶׁבַע וּפִקְדוּ אֶת־הָעָם וְיָדַעְתִּי
3 אֵת מִסְפַּר הָעָם׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ וְיוֹסֵף יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ אֶל־הָעָם כָּהֵם ׀ וְכָהֵם מֵאָה פְעָמִים וְעֵינֵי אֲדֹנִי־
הַמֶּלֶךְ רֹאוֹת וַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ לָמָּה חָפֵץ בַּדָּבָר הַזֶּה׃
4 וַיֶּחֱזַק דְּבַר־הַמֶּלֶךְ אֶל־יוֹאָב וְעַל שָׂרֵי הֶחָיִל וַיֵּצֵא יוֹאָב
וְשָׂרֵי הַחַיִל לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ לִפְקֹד אֶת־הָעָם אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
ה וַיַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן וַיַּחֲנוּ בַעֲרוֹעֵר יְמִין הָעִיר אֲשֶׁר
6 בְּתוֹךְ־הַנַּחַל הַגָּד וְאֶל־יַעְזֵר׃ וַיָּבֹאוּ הַגִּלְעָדָה וְאֶל־אֶרֶץ
7 תַּחְתִּים חָדְשִׁי וַיָּבֹאוּ דָּנָה יַּעַן וְסָבִיב אֶל־צִידוֹן׃ וַיָּבֹאוּ
מִבְצַר־צֹר וְכָל־עָרֵי הַחִוִּי וְהַכְּנַעֲנִי וַיֵּצְאוּ אֶל־נֶגֶב יְהוּדָה
8 בְּאֵר שָׁבַע׃ וַיָּשֻׁטוּ בְּכָל־הָאָרֶץ וַיָּבֹאוּ מִקְצֵה תִשְׁעָה
9 חֳדָשִׁים וְעֶשְׂרִים יוֹם יְרוּשָׁלָם׃ וַיִּתֵּן יוֹאָב אֶת־מִסְפַּר
מִפְקַד־הָעָם אֶל־הַמֶּלֶךְ וַתְּהִי יִשְׂרָאֵל שְׁמֹנֶה מֵאוֹת אֶלֶף
אִישׁ־חַיִל שֹׁלֵף חֶרֶב וְאִישׁ יְהוּדָה חֲמֵשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף
י אִישׁ׃ וַיַּךְ לֵב־דָּוִד אֹתוֹ אַחֲרֵי־כֵן סָפַר אֶת־הָעָם
וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוָה חָטָאתִי מְאֹד אֲשֶׁר עָשִׂיתִי וְעַתָּה
11 יְהוָה הַעֲבֶר־נָא אֶת־עֲוֹן עַבְדְּךָ כִּי נִסְכַּלְתִּי מְאֹד׃ וַיָּקָם
דָּוִד בַּבֹּקֶר ׃ וּדְבַר־יְהוָה הָיָה אֶל־גָּד הַנָּבִיא

חוה

כ״ג v. 35. חצרי קרי v. 37. יותר י׳ כ״ד v. 10. v. 11. פסקא באמצע פסוק

35 חצרי פון כרמל, פערי פון ארב.

36 יגאל דער זוהן פון נתן פון צובה, בני פון גד.

37 צלק פון עמון, נחרי פון בארות, ער איז געווען דער וואפענטרעגער פון יואב דעם זוהן פון צרויה.

38 עירא פון יתר, גרב פון יתר.

39 אוריה דער חתי, אלע צוזאמען זיעבען און דרייסיג.

## קאפיטעל כד

1 און דער צארן פון גאט האט נאך א מאל געברענט איבער ישראל, דען איינער האט אנגערעדט דוד'ן, אזוי: געה, און צעהל די ישראל און יהודה.

2 און דער קעניג האט געזאגט צו יואב דעם הויפטמאן פון דער ארמעע, (און צו די אנפיהרער) וואס מיט איהם: געה דאך דורך אין אלע שבטים פון ישראל, פון דן ביז באר שבע, און צעהלט דאס פאלק, אז איך זאל וויסען די צאהל פון דעם פאלק.

3 און יואב האט געזאגט צו דעם קעניג: לאז דאך גאט דיין גאט פער־מעהרען צו דעם פאלק נאך א מאל אזוי פיעל ווי זיי זיינען, ביז א הונדערט מאל, און די אויגען פון מיין הערר זאלען עס זעהען, אבער ווארום פער־לאנגט מיין הערר דער קעניג אזא זאך?

4 אבער דאס ווארט פון דעם קעניג איז געווען שטרענג צו יואב און צו די אנפיהרער פון דער ארמעע. און יואב איז ארויסגעגאנגען מיט די אנפיה־רער פון די ארמעע פון פאר דעם קעניג צו צעהלען דאס פאלק, די ישראל.

5 און זיי זיינען אריבער דעם ירדן, און זיי האבען געלאגערט אין ערוער, אויף דער רעכטער זייט פון די שטאדט וואס ליעגט ביי דעם טייך פון גד און נעבען יעזר.

6 און זיי זיינען געקומען נאך גלעד, און נאך דעם לאנד פון די תחתים, (און נאך) חדשי, און זיי זיינען געקומען נאך דן יען, אין די געגענד פון צידון.

7 און זיי זיינען געקומען נאך מבצר צר, און אין אלע שטעדט פון דעם חוי און דעם כנעני, און זיי זיינען ארויסגעקומען צו דער דרום זייט פון יהודה נאך באר שבע.

8 און זיי זיינען דורכגעגאנגען אין דעם גאנצען לאנד, און זיי זיינען אנגע־קומען אין דעם ענד פון ניין חדשים און צוואנציג טעג נאך ירושלים.

9 און יואב האט געגעבען די צאהל פון די געצעהלטע פון דעם פאלק צו דעם קעניג; און די ישראל זיינען געווען אכט הונדערט טויזענד קריעגס־מענער, וואס קענען ציהען א שווערד, און די מענער פון יהודה פינף הונדערט טויזענד מאן.

10 און דאס הארץ פון דוד האט איהם געקלאפט נאכדעם אז ער האט גע־צעהלט דאס פאלק. און דוד האט געזאגט צו גאט: איך האב זעהר גע־זינדיגט מיט דעם וואס איך האב געטהאן, און יעצט, א גאט, נעהם דאך אוועק די שולד פון דיין קנעכט, דען איך בין געווען זעהר נאריש.

11 און דוד איז אויפגעשטאנען אין דער פריה, און דאס ווארט פון גאט איז געווען צו דעם פראפעט גד, דוד'ס נביא, אזוי:

12 חֹזֵה דָוִד לֵאמֹר׃ הָלוֹךְ וְדִבַּרְתָּ אֶל־דָּוִד כֹּה אָמַר יְהוָה
שָׁלֹשׁ אָנֹכִי נוֹטֵל עָלֶיךָ בְּחַר־לְךָ אַחַת־מֵהֶם וְאֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃
13 וַיָּבֹא־גָד אֶל־דָּוִד וַיַּגֶּד־לוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ הֲתָבוֹא לְךָ שֶׁבַע־
שָׁנִים ׀ רָעָב ׀ בְּאַרְצֶךָ וְאִם־שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים נֻסְךָ לִפְנֵי־
צָרֶיךָ וְהוּא רֹדְפֶךָ וְאִם־הֱיוֹת שְׁלֹשֶׁת יָמִים דֶּבֶר בְּאַרְצְךָ
14 עַתָּה דַּע וּרְאֵה מָה־אָשִׁיב שֹׁלְחִי דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־גָּד צַר־לִי מְאֹד נִפְּלָה־נָּא בְיַד־יְהוָה כִּי־רַבִּים
טו רַחֲמָו וּבְיַד־אָדָם אַל־אֶפֹּלָה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה דֶּבֶר בְּיִשְׂרָאֵל
מֵהַבֹּקֶר וְעַד־עֵת מוֹעֵד וַיָּמָת מִן־הָעָם מִדָּן וְעַד־בְּאֵר
16 שֶׁבַע שִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ׃ וַיִּשְׁלַח יָדוֹ הַמַּלְאָךְ ׀ יְרוּשָׁלַםִ
לְשַׁחֲתָהּ וַיִּנָּחֶם יְהוָה אֶל־הָרָעָה וַיֹּאמֶר לַמַּלְאָךְ הַמַּשְׁחִית
בָּעָם רַב עַתָּה הֶרֶף יָדֶךָ וּמַלְאַךְ יְהוָה הָיָה עִם־גֹּרֶן
17 הָאֲוַרְנָה הַיְבֻסִי׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוָה בִּרְאֹתוֹ ׀
אֶת־הַמַּלְאָךְ ׀ הַמַּכֶּה בָעָם וַיֹּאמֶר הִנֵּה אָנֹכִי חָטָאתִי
וְאָנֹכִי הֶעֱוֵיתִי וְאֵלֶּה הַצֹּאן מֶה עָשׂוּ תְּהִי נָא יָדְךָ בִּי
18 וּבְבֵית אָבִי׃ וַיָּבֹא־גָד אֶל־דָּוִד בַּיּוֹם הַהוּא וַיֹּאמֶר
19 לוֹ עֲלֵה הָקֵם לַיהוָה מִזְבֵּחַ בְּגֹרֶן אֲרַנְיָה הַיְבֻסִי׃ וַיַּעַל
כ דָּוִד כִּדְבַר־גָּד כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃ וַיַּשְׁקֵף אֲרַוְנָה
וַיַּרְא אֶת־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־עֲבָדָיו עֹבְרִים עָלָיו וַיֵּצֵא אֲרַוְנָה
21 וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ אַפָּיו אָרְצָה׃ וַיֹּאמֶר אֲרַוְנָה מַדּוּעַ
בָּא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ אֶל־עַבְדּוֹ וַיֹּאמֶר דָּוִד לִקְנוֹת מֵעִמְּךָ
אֶת־הַגֹּרֶן לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ לַיהוָה וְתֵעָצַר הַמַּגֵּפָה מֵעַל
22 הָעָם׃ וַיֹּאמֶר אֲרַוְנָה אֶל־דָּוִד יִקַּח וְיַעַל אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
הַטּוֹב בְּעֵינָו רְאֵה הַבָּקָר לָעֹלָה וְהַמֹּרִגִּים וּכְלֵי הַבָּקָר
23 לָעֵצִים׃ הַכֹּל נָתַן אֲרַוְנָה הַמֶּלֶךְ לַמֶּלֶךְ    וַיֹּאמֶר
24 אֲרַוְנָה אֶל־הַמֶּלֶךְ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ יִרְצֶךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
אֶל־אֲרַוְנָה לֹא כִּי־קָנוֹ אֶקְנֶה מֵאוֹתְךָ בִּמְחִיר וְלֹא אַעֲלֶה

ליהוה

v. 14. רחמיו ק v. 16. הארונה ק v. 18. ארנה ק v. 22. בעיניו ק v. 23. פסקא באמצע פסוק

12 געה און רייד צו דוד: אַזוי זאָגט גאָט; איך לעג דיר פֿאָר דריי זאַכען,
וועהל דיר אויס איינע פֿון זיי אַז איך זאָל עס צו דיר טהאָן.
13 און גד איז געקומען צו דוד און ער האָט איהם אָנגעזאָגט, און ער האָט צו
איהם געזאָגט: זאָל צו דיר קומען זיבען יאָהר הונגער אין דיין לאַנד?
אָדער אַז דו זאָלסט מוזען לויפֿען דריי מאָנאַט פֿאַר דיינע פֿיינד, און ער
זאָל דיך נאָכיאָגען? אַז עס זאָל זיין דריי טעג אַ דבר (פּעסט) אין דיין
לאַנד? יעצט איבערלעג זיך און זעה, וואָס איך זאָל ענטפֿערען צו דעם
וואָס האָט מיך (צו דיר) געשיקט.
14 און דוד האָט געזאָגט צו גאָט: עס איז מיר זעהר לייד, דאָך וועלען מיר
בעסער פֿאַלען אין די האַנד פֿון גאָט, דען זיינע דערבאַרעמונג איז גרויס,
אָבער אין די האַנד פֿון מענשען וויל איך ניט פֿאַלען.
15 און גאָט האָט געשיקט אַ פּעסט אין ישראל, פֿון פֿריה מאָרגענס ביז די
בעשטימטע צייט, און עס איז פֿון דעם פֿאָלק אויסגעשטאָרבען פֿון דן ביז
באר שבע זיעבציג טויזענד מאַן.
16 און דער ענגעל (מלאך) האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד קעגען ירושלים
זי צו פֿערדאַרבען, אָבער גאָט האָט געהאַט מיטלייד וועגען דעם אונגליק,
און ער האָט געזאָגט צו דעם מלאך וואָס האָט פֿערדאַרבען אַזוי פֿיעל פֿון
דעם פֿאָלק: גענוג, יעצט ציה צוריק דיין האַנד, און דער מלאך פֿון גאָט
איז שוין געוועזן ביי דער שייער פֿון ארונה דעם יבוסי.
17 און דוד האָט געזאָגט צו גאָט, ווען ער האָט דערזעהען דעם מלאך וואָס
שלאָגט דאָס פֿאָלק, און ער האָט געזאָגט: איך האָב געזינדיגט און איך
האָב פֿערבראָכען, אָבער די דאָזיגע שאָף וואָס האָבען זיי געטהאָן? לאָז
דאָך דיין האַנד זיין קעגען מיר און קעגען מיין פֿאָטער'ס הויז.
18 און גד איז אין דעם זעלביגען טאָג געקומען צו דוד און ער האָט צו איהם
געזאָגט: געה אַרויף, און שטעל אויף אַ מזבח פֿאַר גאָט אין דעם שייער
פֿון ארונה דעם יבוסי.
19 און דוד איז אַרויפֿגעגאַנגען נאָך דעם וואָרט פֿון גד, אַזוי ווי גאָט האָט
בעפֿוילען.
20 און ארונה האָט געקוקט און ער האָט געזעהען דעם קעניג און זיינע קנעכט
געהען פֿאַר איהם פֿאַרביי, און ארונה איז אַרויסגעגאַנגען און ער האָט זיך
געבוקט פֿאַר דעם קעניג מיט זיין געזיכט צו דער ערד.
21 און ארונה האָט געזאָגט: וועגען וואָס איז געקומען מיין העדר דער קעניג
צו זיין קנעכט? און דוד האָט געזאָגט: פֿון דיר צו קויפֿען די שייער,
אום אויפֿצובויען אַ מזבח צו גאָט, אום דאָס די מגפה (פּעסט) זאָל אָפּ־
געהאַלטען ווערען פֿון דעם פֿאָלק.
22 און ארונה האָט געזאָגט צו דוד: לאָז דאָך מיין העדר דער קעניג נעה־
מען און (ער קען) אויפֿברענגען (קרבנות) ווי פֿיעל עס איז גוט אין זיינע
אויגען, זעה, דאָ זיינען דאָ אָקסען פֿאַר אַ בראַנד־אָפּפֿער, און די דרעש־
געצייג און די געשיר פֿון די רינדער קענען זיין פֿאַר האָלץ.
23 דאָס אַלעס האָט געגעבען דער קעניג ארונה צו דעם קעניג (דוד); און
ארונה האָט געזאָגט צו דעם קעניג: גאָט דיין גאָט זאָל דיר גנעדיג זיין.
24 און דער קעניג האָט געזאָגט צו ארונה: ניין, נאָר איך וועל עס דורכ־
אויס קויפֿען פֿון דיר פֿאַר אַ פּרייז, און איך וועל ניט אָפּפֿערען צו גאָט

לַיהוָה אֱלֹהַי עֹלוֹת חִנָּם וַיִּקֶן דָּוִד אֶת־הַגֹּרֶן וְאֶת־הַבָּקָר
כה בְּכֶסֶף שְׁקָלִים חֲמִשִּׁים׃ וַיִּבֶן שָׁם דָּוִד מִזְבֵּחַ לַיהוָה
וַיַּעַל עֹלוֹת וּשְׁלָמִים וַיֵּעָתֵר יְהוָה לָאָרֶץ וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה
מֵעַל יִשְׂרָאֵל׃

# חזק

סכום הפסוקים של ספר שמואל אלף וחמש מאות וששה. וסימנו אשרו חמוץ: וסדריו ל״ד. וסימנו פותח את ידך: וחציו ולאשה
כגל מרבק:

---

מיין גאָט גאַנץ־אָפּפער אומזיסט, און דוד האָט געקויפט די שייער און די
רינדער פאַר פונפציג זילבערנע שקלים.
25 און דוד האָט דאָרטען געבויט אַ מזבח צו גאָט, און ער האָט געאָפּפערט
גאַנץ־אָפּפער און פריעדען־אָפּפער, און גאָט איז איבערגעבעטען געוואָרען
צו דעם לאַנד, און די מגפה איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען פון ישראל.

# חזק.

אַלע פסוקים פון שמואל א, און ב, זיינען איין טויזענד פינף הונדערט און זעכס ; און די העלפט איז שמואל א, קאַפּיטעל כח, פסוק כד ; און זיי האָבען צוזאַמען פינף און פונפציג קאַפּיטעל.

# מלכים א

# LIBER I. REGUM.

## CAPUT I. א

א וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַיְכַסֻּהוּ בַּבְּגָדִים וְלֹא יִחַם לוֹ׃
2 וַיֹּאמְרוּ לוֹ עֲבָדָיו יְבַקְשׁוּ לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ נַעֲרָה בְתוּלָה
וְעָמְדָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וּתְהִי־לוֹ סֹכֶנֶת וְשָׁכְבָה בְחֵיקֶךָ וְחַם
3 לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְבַקְשׁוּ נַעֲרָה יָפָה בְּכֹל גְּבוּל יִשְׂרָאֵל
4 וַיִּמְצְאוּ אֶת־אֲבִישַׁג הַשּׁוּנַמִּית וַיָּבִאוּ אֹתָהּ לַמֶּלֶךְ׃ וְהַנַּעֲרָה
יָפָה עַד־מְאֹד וַתְּהִי לַמֶּלֶךְ סֹכֶנֶת וַתְּשָׁרְתֵהוּ וְהַמֶּלֶךְ לֹא
ה יְדָעָהּ׃ וַאֲדֹנִיָּה בֶן־חַגִּית מִתְנַשֵּׂא לֵאמֹר אֲנִי אֶמְלֹךְ וַיַּעַשׂ
6 לוֹ רֶכֶב וּפָרָשִׁים וַחֲמִשִּׁים אִישׁ רָצִים לְפָנָיו׃ וְלֹא־עֲצָבוֹ
אָבִיו מִיָּמָיו לֵאמֹר מַדּוּעַ כָּכָה עָשִׂיתָ וְגַם־הוּא טוֹב־תֹּאַר
7 מְאֹד וְאֹתוֹ יָלְדָה אַחֲרֵי אַבְשָׁלוֹם׃ וַיִּהְיוּ דְבָרָיו עִם יוֹאָב
8 בֶּן־צְרוּיָה וְעִם אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן וַיַּעְזְרוּ אַחֲרֵי אֲדֹנִיָּה׃ וְצָדוֹק
הַכֹּהֵן וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע וְנָתָן הַנָּבִיא וְשִׁמְעִי וְרֵעִי וְהַגִּבּוֹרִים
9 אֲשֶׁר לְדָוִד לֹא הָיוּ עִם־אֲדֹנִיָּהוּ׃ וַיִּזְבַּח אֲדֹנִיָּהוּ צֹאן וּבָקָר
וּמְרִיא עִם אֶבֶן הַזֹּחֶלֶת אֲשֶׁר־אֵצֶל עֵין רֹגֵל וַיִּקְרָא אֶת־
כָּל־אֶחָיו בְּנֵי הַמֶּלֶךְ וּלְכָל־אַנְשֵׁי יְהוּדָה עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ׃
י וְאֶת־נָתָן הַנָּבִיא וּבְנָיָהוּ וְאֶת־הַגִּבּוֹרִים וְאֶת־שְׁלֹמֹה אָחִיו
11 לֹא קָרָא׃ וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־בַּת־שֶׁבַע אֵם־שְׁלֹמֹה לֵאמֹר
הֲלוֹא שָׁמַעַתְּ כִּי מָלַךְ אֲדֹנִיָּהוּ בֶן־חַגִּית וַאֲדֹנֵינוּ דָוִד לֹא
12 יָדָע׃ וְעַתָּה לְכִי אִיעָצֵךְ נָא עֵצָה וּמַלְּטִי אֶת־נַפְשֵׁךְ וְאֶת־
13 נֶפֶשׁ בְּנֵךְ שְׁלֹמֹה׃ לְכִי וּבֹאִי אֶל־הַמֶּלֶךְ דָּוִד וְאָמַרְתְּ אֵלָיו

הלא־

v. 1 הפטרת חיי שרה

# מלכים

## קאַפּיטעל א

1 אַז דער קעניג דוד איז אַלט געוואָרען האָט מען איהם איינגעדעקט מיט קליידער, עס האָט איהם אָבער ניט געוואָרעמט.

2 האָבען זיינע דיענער צו איהם געזאָגט: „זאָל מען אויסזוכען פאַר דעם הערן קעניג אַ יונגע מיידעל, זי זאָל אָנגעשטעלט זיין ביי'ן קעניג און זאָל זיין אויפפּאַסערין זיין; זי זאָל זיך אימער נעבען איהם געפינען, וועט דעם הערן קעניג וואַרעם זיין."

3 מ'האָט געזוכט די שעהנסטע מיידעל פון גאַנצען לאַנד ישראל און מ'האָט געפונען אבישג, די שונמית, און געבראַכט איהר צום קעניג.

4 דאָס מיידעל איז זעהר שעהן געווען; זי איז געוואָרען דעם קעניגס אויפפּאַסערין און האָט איהם בעדיענט. דער קעניג האָט איהר בעפּאָר ניט געקענט.

5 אדניה, חגית'ס זוהן, האָט זיך אַליין איבערגענומען, זאָגענדיג: „איך וועל קעניג זיין!" ער האָט זיך אויך פערשאַפט וועגען מיט רייטער און פופציג מענער וואָס זיינען איהם פאָראויסגעלאָפען.

6 זיין פאָטער האָט איהם קיין מאָל ניט אויפמערקזאַם געמאַכט זאָגענדיג: „וואָרום טהוסטו אַזוי?" ווייל ער איז זעהר שעהן געווען, און איז נאָך אבשלום'ן געבוירען געוואָרען.

7 ער האָט זיך אויפגערעדט מיט יואב, צרויה'ס זוהן און מיט אביתר דעם כהן, זיי האָבען אונטערשטיצט אדניה'ן.

8 אָבער צדוק דער כהן, בניהו יהוידע'ס זוהן, נתן דער פּראָפעט, אויך שמעי, רעי און דוד'ס העלדען זיינען ניט געווען מיט אדניהו'ן.

9 אדניהו האָט שוין געשאַכטען שעפּסען, רינדער און מאַסטפיה נעבען שטיין זחלת, וואָס איז ביי'ן קוואַל רגל, און האָט געלאַדען זיינע ברידער, דעם קעניגס זיהן, אויך אַלע מענער פון יהודה, דעם קעניגס דיענער.

10 נתן דעם פּראָפעט, בניהו'ן, די העלדען און זיין ברודער שלמה, האָט ער ניט געלאַדען.

11 דאַן האָט נתן געזאָגט צו בת־שבע, שלמה'ס מוטער אַזוי צו זאָגען: „האָסטו ניט געהערט אַז אדניהו, חגית'ס זוהן איז קעניג געוואָרען און אונזער הערר דוד ווייס דערפון ניט?

12 אַלזאָ אָט וואָס איך וועל דיר ראַטהען, אום דו זאָלסט רעטען זיך אויך דיין זוהן שלמה —

13 געה און קום צום קעניג דוד און זאָג צו איהם: „האָסטו, הערר קעניג,

הֲלֹא־אַתָּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲמָתְךָ לֵאמֹר כִּֽי־שְׁלֹמֹה
בְנֵךְ יִמְלֹךְ אַחֲרַי וְהוּא יֵשֵׁב עַל־כִּסְאִי וּמַדּוּעַ מָלַךְ
14 אֲדֹנִיָּהוּ׃ הִנֵּה עוֹדָךְ מְדַבֶּרֶת שָׁם עִם־הַמֶּלֶךְ וַאֲנִי אָבוֹא
טו אַחֲרַיִךְ וּמִלֵּאתִי אֶת־דְּבָרָיִךְ׃ וַתָּבֹא בַת־שֶׁבַע אֶל־הַמֶּלֶךְ
הַחַדְרָה וְהַמֶּלֶךְ זָקֵן מְאֹד וַאֲבִישַׁג הַשּׁוּנַמִּית מְשָׁרַת אֶת־
16 הַמֶּלֶךְ׃ וַתִּקֹּד בַּת־שֶׁבַע וַתִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
17 מַה־לָּךְ׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אֲדֹנִי אַתָּה נִשְׁבַּעְתָּ בַּיהוָה אֱלֹהֶיךָ
לַאֲמָתֶךָ כִּֽי־שְׁלֹמֹה בְנֵךְ יִמְלֹךְ אַחֲרָי וְהוּא יֵשֵׁב עַל־כִּסְאִי׃
18 וְעַתָּה הִנֵּה אֲדֹנִיָּה מָלָךְ וְעַתָּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ לֹא יָדָעְתָּ׃
19 וַיִּזְבַּח שׁוֹר וּמְרִיא־וְצֹאן לָרֹב וַיִּקְרָא לְכָל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ
וּלְאֶבְיָתָר הַכֹּהֵן וּלְיֹאָב שַׂר הַצָּבָא וְלִשְׁלֹמֹה עַבְדְּךָ לֹא
כ קָרָא׃ וְאַתָּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ עֵינֵי כָל־יִשְׂרָאֵל עָלֶיךָ לְהַגִּיד
21 לָהֶם מִי יֵשֵׁב עַל־כִּסֵּא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ אַחֲרָיו׃ וְהָיָה
כִּשְׁכַב אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ עִם־אֲבֹתָיו וְהָיִיתִי אֲנִי וּבְנִי שְׁלֹמֹה
22 חַטָּאִים׃ וְהִנֵּה עוֹדֶנָּה מְדַבֶּרֶת עִם־הַמֶּלֶךְ וְנָתָן הַנָּבִיא
23 בָּא׃ וַיַּגִּידוּ לַמֶּלֶךְ לֵאמֹר הִנֵּה נָתָן הַנָּבִיא וַיָּבֹא לִפְנֵי
24 הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ עַל־אַפָּיו אָרְצָה׃ וַיֹּאמֶר נָתָן
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אַתָּה אָמַרְתָּ אֲדֹנִיָּהוּ יִמְלֹךְ אַחֲרָי וְהוּא
כה יֵשֵׁב עַל־כִּסְאִי׃ כִּי ׀ יָרַד הַיּוֹם וַיִּזְבַּח שׁוֹר וּמְרִיא־וְצֹאן
לָרֹב וַיִּקְרָא לְכָל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ וּלְשָׂרֵי הַצָּבָא וּלְאֶבְיָתָר
הַכֹּהֵן וְהִנָּם אֹכְלִים וְשֹׁתִים לְפָנָיו וַיֹּאמְרוּ יְחִי הַמֶּלֶךְ
26 אֲדֹנִיָּהוּ׃ וְלִי אֲנִי־עַבְדֶּךָ וּלְצָדֹק הַכֹּהֵן וְלִבְנָיָהוּ בֶן־
27 יְהוֹיָדָע וְלִשְׁלֹמֹה עַבְדְּךָ לֹא קָרָא׃ אִם מֵאֵת אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
נִהְיָה הַדָּבָר הַזֶּה וְלֹא הוֹדַעְתָּ אֶת־עַבְדֶּיךָ מִי יֵשֵׁב עַל־
28 כִּסֵּא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ אַחֲרָיו׃ וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיֹּאמֶר קִרְאוּ־
לִי לְבַת־שָׁבַע וַתָּבֹא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וַתַּעֲמֹד לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃
29 וַיִּשָּׁבַע הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמַר חַי־יְהוָה אֲשֶׁר־פָּדָה אֶת־נַפְשִׁי

מכל־

v. 27. עבדך קרי

ניט געשוואָרען דיין דיענסט זאָגענדיג: „נאָר שלמה דיין זוהן וועט
קעניג זיין נאָך מיר, און נאָר ער וועט אויף מיין טהראָן זיצען?״
ווארים זשע איז גאָר אדניהו קעניג געוואָרען?!״

14 דו וועסט נאָך דאָרטען האַלטען אין ריידען מיט׳ן קעניג, און איך וועל
קומען און דייטליכער ערקלעהרען דיינע רייד.

15 בת־שבע איז אוועק צום קעניג (דער קעניג איז זעהר אלט געווען און די
שונמית האָט איהם בעדיענט).

16 זי האָט זיך פארנייגט און געבוקט צום קעניג. אז דער קעניג האָט גע־
זאָגט: „וואָס פערלאַנגסטו?״

17 האָט זי צו איהם געזאָגט: „מיין הערר! דו האָסט געשוואָרען דיין
דיענסט ביי דיין גאָט, „נאָר שלמה דיין זוהן וועט קעניג זיין נאָך מיר
און נאָר ער וועט זיצען אויף מיין טהראָן —

18 און יעצט איז אדניהו קעניג געוואָרען, און דו מיין הערר קעניג, ווייסט עס
גאָר ניט...

19 ער האָט דאָך געשאַכטען אָקסען, מאַסט־פיה און שעפּסען זעהר פיעל;
ער האָט אויך געלאַדען אַלע זיהן דעם קעניגס, אביתר דעם כהן און
יואב דעם פעלד־מאַרשאַל, נאָר דיין געהאָרכזאַמען שלמה האָט ער ניט
געלאַדען.

20 אַלזאָ, מיין הערר קעניג, גאַנץ ישראל קוקען יעצט אויף דיר, דו
זאָלסט זיי זאָגען ווער עס דאַרף זיצען אויפ׳ן טהראָן פון מיין הערר׳ן
קעניג נאָך איהם.

21 אויב דאָס וועט אזוי פערבלייבען וועלען מיר, איך און מיין זוהן שלמה,
נאָך דיין שטאַרבען, אַלס פערברעכער ערקלעהרט ווערען.

22 זי האָט נאָך גערעדט מיט׳ן קעניג איז נתן דער פּראָפעט געקומען.

23 מ׳האָט געמעלדעט דעם קעניג אז נתן דער פּראָפעט איז דאָ. ער איז
אריין צום קעניג און געבוקט זיך פאר איהם מיט׳ן געזיכט צו דר׳ערד.

24 און נתן האָט געזאָגט: „מיין הערר קעניג! האָסטו עס געזאָגט:
„אדניהו וועט קעניג זיין נאָך מיר און וועט זיצען אויף מיין טהראָן?״

25 ווארים ער איז היינט געגאַנגען און געשאַכטען אָקסען, מאַסטפיה און
שעפּסען זעהר פיעל; ער האָט אויך גערופען אַלע זיהן דעם קעניגס
די מיליטער בעאַמטע און אביתר דעם כהן; זיי עסען און טרינקען צו־
זאַמען און זיי האָבען שוין געזאָגט: „עס לעבע דער קעניג אדניהו!״

26 אָבער מיר, דיין קנעכט, אויך צדוק דעם כהן, בניהו יהוידע׳ס זוהן
און דיין געהאָרכזאַמען שלמה האָט ער ניט געלאַדען,

27 איז עס ווירקליך געשעהען מיט דעם איינשטימונג פון מיין הערר׳ן
דעם קעניג, און דו האָסט עס ניט בעקאַנט געמאַכט דיין קנעכט ווער
עס זאָל זיצען אויפ׳ן טהראָן פון מיין הערר׳ן קעניג נאָך איהם?״

28 דער קעניג דוד האָט געענטפערט און געזאָגט: „רופט מיר אריין בת־
שבע!״ זי איז אריין און שטעהן געבליבען פאר׳ן קעניג.

29 דאַן האָט דער קעניג געשוואָרען זאָגענדיג: „ווי עס לעבט דער גאָט
וואָס האָט מיר בעפרייט פון אַלע אונגליקען,

ל מִכָּל־צָרָה׃ כִּי כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לָךְ בַּיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
לֵאמֹר כִּי־שְׁלֹמֹה בְנֵךְ יִמְלֹךְ אַחֲרַי וְהוּא יֵשֵׁב עַל־כִּסְאִי
31 תַּחְתָּי כִּי כֵּן אֶעֱשֶׂה הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַתִּקֹּד בַּת־שֶׁבַע אַפַּיִם
אֶרֶץ וַתִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ וַתֹּאמֶר יְחִי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ דָּוִד לְעֹלָם׃
32 וַיֹּאמֶר ׀ הַמֶּלֶךְ דָּוִד קִרְאוּ־לִי לְצָדוֹק הַכֹּהֵן וּלְנָתָן
33 הַנָּבִיא וְלִבְנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וַיָּבֹאוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר
הַמֶּלֶךְ לָהֶם קְחוּ עִמָּכֶם אֶת־עַבְדֵי אֲדֹנֵיכֶם וְהִרְכַּבְתֶּם
אֶת־שְׁלֹמֹה בְנִי עַל־הַפִּרְדָּה אֲשֶׁר־לִי וְהוֹרַדְתֶּם אֹתוֹ אֶל־
34 גִּחוֹן׃ וּמָשַׁח אֹתוֹ שָׁם צָדוֹק הַכֹּהֵן וְנָתָן הַנָּבִיא לְמֶלֶךְ
עַל־יִשְׂרָאֵל וּתְקַעְתֶּם בַּשּׁוֹפָר וַאֲמַרְתֶּם יְחִי הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃
לה וַעֲלִיתֶם אַחֲרָיו וּבָא וְיָשַׁב עַל־כִּסְאִי וְהוּא יִמְלֹךְ תַּחְתָּי
36 וְאֹתוֹ צִוִּיתִי לִהְיוֹת נָגִיד עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַל־יְהוּדָה׃ וַיַּעַן
בְּנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר ׀ אָמֵן כֵּן יֹאמַר יְהוָה
37 אֱלֹהֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ כַּאֲשֶׁר הָיָה יְהוָה עִם־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
כֵּן יְהִי עִם־שְׁלֹמֹה וִיגַדֵּל אֶת־כִּסְאוֹ מִכִּסֵּא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
38 דָּוִד׃ וַיֵּרֶד צָדוֹק הַכֹּהֵן וְנָתָן הַנָּבִיא וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע
וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וַיַּרְכִּבוּ אֶת־שְׁלֹמֹה עַל־פִּרְדַּת הַמֶּלֶךְ
39 דָּוִד וַיֹּלִכוּ אֹתוֹ עַל־גִּחוֹן׃ וַיִּקַּח צָדוֹק הַכֹּהֵן אֶת־קֶרֶן
הַשֶּׁמֶן מִן־הָאֹהֶל וַיִּמְשַׁח אֶת־שְׁלֹמֹה וַיִּתְקְעוּ בַּשּׁוֹפָר
מ וַיֹּאמְרוּ כָּל־הָעָם יְחִי הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃ וַיַּעֲלוּ כָל־הָעָם
אַחֲרָיו וְהָעָם מְחַלְּלִים בַּחֲלִלִים וּשְׂמֵחִים שִׂמְחָה גְדוֹלָה
41 וַתִּבָּקַע הָאָרֶץ בְּקוֹלָם׃ וַיִּשְׁמַע אֲדֹנִיָּהוּ וְכָל־הַקְּרֻאִים
אֲשֶׁר אִתּוֹ וְהֵם כִּלּוּ לֶאֱכֹל וַיִּשְׁמַע יוֹאָב אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר
42 וַיֹּאמֶר מַדּוּעַ קוֹל־הַקִּרְיָה הוֹמָה׃ עוֹדֶנּוּ מְדַבֵּר וְהִנֵּה יוֹנָתָן
בֶּן־אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן בָּא וַיֹּאמֶר אֲדֹנִיָּהוּ בֹּא כִּי אִישׁ חַיִל
43 אַתָּה וְטוֹב תְּבַשֵּׂר׃ וַיַּעַן יוֹנָתָן וַיֹּאמֶר לַאֲדֹנִיָּהוּ אֲבָל
44 אֲדֹנֵינוּ הַמֶּלֶךְ־דָּוִד הִמְלִיךְ אֶת־שְׁלֹמֹה׃ וַיִּשְׁלַח אִתּוֹ

המלך

v. 31. עד כאן v. 37. יהיה קרי

30 אזוי ווי איך האָב דיר געשוואָרען ביי דעם גאָט פון ישראל און געזאָגט אז נאָר דיין זוהן שלמה וועט קעניג זיין נאָך מיר און ער וועט זיצען נאָך מיר אויף מיין טהראָן, אזוי וועל איך נאָך היינט טהאָן !"

31 בת־שבע האָט זיך פערנייגט מיט'ן געזיכט צו דר'ערד ; זי האָט זיך געבוקט פאר דעם קעניג און געזאָגט : „לאנג לעבען זאָל מיין הערר, דער קעניג דוד !"

32 דער קעניג דוד האָט געזאָגט : „רופט מיר צדוק דעם כהן, נתן דעם פּראָפעט און בניהו, יהוידע'ס זוהן ! אז זיי זיינען אריין צום קעניג,

33 האָט דער קעניג צו זיי געזאָגט : נעהמט מיט־זיך אייער העררן'ס קנעכט, זעצט אַרויף שלמה'ן אויף מיין מוילעזעל און פיהרט איהם אוועק צום גיחון —

34 דאָרט זאָלען איהם זאַלבען צדוק דער כהן און נתן דער פּראָפעט אלס קעניג איבער ישראל ; נאָכדעם זאָלט איהר בלאָזען מיט א שופר און בעגריסען : „עס לעבע דער קעניג שלמה !"

35 איהר זאָלט איהם נאָכגעהן ביז ער וועט קומען און זיצען אויף מיין טהראָן — ער וועט נאָך מיר קעניג זיין ; איהם בעשטים איך צו זיין א פיהרער פאר ישראל און יהודה."

36 בניהו, יהוידע'ס זוהן, האָט געענטפערט דעם קעניג און געזאָגט : „אזוי זאָל דאָס זיין ! זאָל אויך דער גאָט פון מיין הערר קעניג צושטי־מען דערצו !

37 אזוי ווי גאָט איז געווען מיט מיין העררן, דעם קעניג, אזוי זאָל ער אויך אימער זיין מיט שלמה'ן ; זאָל ער זיין טהראָן נאָך גרעסער מאַ־כען אלס דעם טהראָן פון מיין העררן, דעם קעניג דוד."

38 דאן איז געגאנגען צדוק דער כהן, נתן דער פּראָפעט, בניהו יהוידע'ס זוהן און די העלדען פון כרתים און פלשתים, זיי האָבען ארויפגעזעצט שלמה'ן אויף קעניג דוד'ס מוילעזעל און האָבען איהם אוועקגעפיהרט ביז גיחון.

39 צדוק דער כהן האָט גענומען פון געצעלט דעם אייל־האָרן און האָט גע־זאַלבט שלמה'ן ; נאָכדעם האָט מען געבלאָזען מיט א שופר און דאָס גאנצע פאָלק האָט אויסגעשריען : „עס לעבע דער קעניג שלמה !"

40 דאָס גאנצע פאָלק איז נאָכגעגאנגען, זיי האָבען געפייפט מיט פייפלאָך און זעהר פרעהליך געווען — די ערד האָט זיך געבראכען פון זייער שרייען !

41 אדניהו מיט אלע זיינע געסט האָבען עס דערהערט. ווען זיי האָבען געענדיגט עסען האָט יואב דערהערט די שטים פון שופר און געזאָגט : „וואָס איז דאָס פאר א ליארעם אין שטאָדט ?"

42 ער האָט נאָך געהאלטען אין ריידען, ערשט יונתן, אביתר דעם כהן'ס זוהן איז געקומען. האָט אדוניהו געזאָגט : „קום אריין ! דו ביזט א פעהיגער מענש און וועסט גוטעס אָנזאָגען !"

43 האָט יונתן געענטפערט און געזאָגט צו אדניהו'ן : „אונזער הערר, דער קעניג דוד, האָט דאָך שלמה'ן אלס קעניג ערקלעהרט !

44 דער קעניג האָט מיט איהם געשיקט צדוק דעם כהן, נתן דעם פּראָפעט,

הַמֶּלֶךְ אֶת־צָדוֹק הַכֹּהֵן וְאֶת־נָתָן הַנָּבִיא וּבְנָיָהוּ בֶּן
יְהוֹיָדָע וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וַיַּרְכִּבוּ אֹתוֹ עַל פִּרְדַּת הַמֶּלֶךְ׃
מה וַיִּמְשְׁחוּ אֹתוֹ צָדוֹק הַכֹּהֵן וְנָתָן הַנָּבִיא לְמֶלֶךְ בְּגִחוֹן
וַיַּעֲלוּ מִשָּׁם שְׂמֵחִים וַתֵּהֹם הַקִּרְיָה הוּא הַקּוֹל אֲשֶׁר
46 47 שְׁמַעְתֶּם׃ וְגַם יָשַׁב שְׁלֹמֹה עַל כִּסֵּא הַמְּלוּכָה׃ וְגַם־בָּאוּ
עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ לְבָרֵךְ אֶת־אֲדֹנֵינוּ הַמֶּלֶךְ דָּוִד לֵאמֹר יֵיטֵב
אֱלֹהֶיךָ אֶת־שֵׁם שְׁלֹמֹה מִשְּׁמֶךָ וִיגַדֵּל אֶת־כִּסְאוֹ מִכִּסְאֶךָ
48 וַיִּשְׁתַּחוּ הַמֶּלֶךְ עַל־הַמִּשְׁכָּב׃ וְגַם־כָּכָה אָמַר הַמֶּלֶךְ בָּרוּךְ
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר נָתַן הַיּוֹם יֹשֵׁב עַל־כִּסְאִי וְעֵינַי
49 רֹאוֹת׃ וַיֶּחֶרְדוּ וַיָּקֻמוּ כָּל־הַקְּרֻאִים אֲשֶׁר לַאֲדֹנִיָּהוּ וַיֵּלְכוּ
נ אִישׁ לְדַרְכּוֹ׃ וַאֲדֹנִיָּהוּ יָרֵא מִפְּנֵי שְׁלֹמֹה וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ וַיַּחֲזֵק
51 בְּקַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיֻּגַּד לִשְׁלֹמֹה לֵאמֹר הִנֵּה אֲדֹנִיָּהוּ יָרֵא
אֶת־הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וְהִנֵּה אָחַז בְּקַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ לֵאמֹר
יִשָּׁבַע־לִי כַיּוֹם הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה אִם־יָמִית אֶת־עַבְדּוֹ בֶּחָרֶב׃
52 וַיֹּאמֶר שְׁלֹמֹה אִם יִהְיֶה לְבֶן־חַיִל לֹא־יִפֹּל מִשַּׂעֲרָתוֹ אָרְצָה
53 וְאִם־רָעָה תִמָּצֵא־בוֹ וָמֵת׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וַיֹּרִדֻהוּ
מֵעַל הַמִּזְבֵּחַ וַיָּבֹא וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וַיֹּאמֶר־לוֹ
שְׁלֹמֹה לֵךְ לְבֵיתֶךָ׃

## CAP. II. ב

ב

א וַיִּקְרְבוּ יְמֵי־דָוִד לָמוּת וַיְצַו אֶת־שְׁלֹמֹה בְנוֹ לֵאמֹר׃
2 3 אָנֹכִי הֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ כָּל־הָאָרֶץ וְחָזַקְתָּ וְהָיִיתָ לְאִישׁ׃ וְשָׁמַרְתָּ
אֶת־מִשְׁמֶרֶת ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו לִשְׁמֹר חֻקֹּתָיו
מִצְוֹתָיו וּמִשְׁפָּטָיו וְעֵדְוֹתָיו כַּכָּתוּב בְּתוֹרַת מֹשֶׁה לְמַעַן
תַּשְׂכִּיל אֵת כָּל־אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר תִּפְנֶה שָׁם׃
4 לְמַעַן יָקִים יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ אֲשֶׁר דִּבֶּר עָלַי לֵאמֹר אִם־
יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ אֶת־דַּרְכָּם לָלֶכֶת לְפָנַי בֶּאֱמֶת בְּכָל־לְבָבָם
וּבְכָל־נַפְשָׁם לֵאמֹר לֹא־יִכָּרֵת לְךָ אִישׁ מֵעַל כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל׃

תם

א׳ 47. ▾ אלהים ק׳ ב׳ 1. ▾ הפטרות ויחי יעקב

בניהו יהוידע'ס זוהן און די העלדען פון כרתים און פלשתים; זיי האָ־
בען איהם אַרויפגעזעצט אויפ'ן קעניגס מוילעזעל —
45 און צדוק דער כהן מיט נתן דעם פּראָפעט האָבען איהם געזאַלבט אַלס קעניג נעבען גיחון. פון דאָרטען זיינען זיי אַוועק אַזוי פרעהליך אַז די שטאָדט האָט געליאַרעמט; אָט דאָס איז דער געריש וואָס איהר האָט געהערט!
46 שלמה האָט זיך שוין געזעצט אויפ'ן קעניגליכען טהראָן
47 און דעם קעניגס קנעכט זיינען געגאַנגען ווינשען אונזער העררן, דעם קעניג דוד, אַזוי צו זאָגען: „זאָל דיין גאָט מאַכען שלמה'ס נאָמען נאָך בעסער פאַר דיינעם, און זיין טהראָן גרעסער פאַר דיינעם!" דער קעניג האָט זיך געבוקט ליגענדיג אויפ'ן בעט.
48 אויך דאָס האָט דער קעניג געזאָגט: „געלויבט איז גאָט פון ישראל וואָס האָט היינט בעשטימט איינעם צו זיצען אויף מיין טהראָן ווען מיינע אויגען זעהען נאָך!"
49 דאַ זיינען אַלע אדניהו'ס געסט דערשראָקענע אויפגעשטאַנען און אַוועק יעדער אין זיין וועג.
50 אויך אדניהו האָט זיך געשראָקען פאַר שלמה'ן, ער איז גלייך אַוועק און פעסט אָנגענומען זיך אָן די ווינקלען פון מזבח.
51 אַז מ'האָט דערצעהלט שלמה'ן אַזוי צו זאָגען: אדניהו שרעקט זיך פאַר'ן קעניג שלמה און ער האַלט זיך אָן די ווינקלען פון מזבח זאָגענ־דיג: „זאָל מיר קעניג שלמה היינט שווערען אַז ער וועט ניט טוידטען זיין קנעכט מיט'ן שווערד".
52 האָט שלמה געזאָגט: „וועט ער אנשטענדיג זיין וועט פון איהם אַ האָאַר ניט אַראָבפאַלען, וועט ער זיך אָבער אין וואָס פערשולדיגען, וועט ער מיט'ן טוידט בעשטראָפט ווערען."
53 דער קעניג שלמה האָט געשיקט מ'זאָל איהם אַרונטער נעהמען פון מזבח. ער איז געקומען און געבוקט זיך צום קעניג שלמה און שלמה האָט צו איהם געזאָגט: „געה אַהיים!"

## קאַפּיטעל ב

1 אַז עס איז געקומען דוד'ס צייט צו שטאַרבען, האָט ער אָנגעזאָגט זיין זוהן שלמה, אַזוי צו זאָגען:
2 איך געה אַוועק אינ'ם וועג וואו אַלע לעבעדיגע געהען, פאַס מוטה און זיי אַ מאַן!
3 איבערהויפּט היט אָב די בעפעהלען פון דיין גאָט — צו געהן אין זיינע וועגען, אָבהיטען זיינע געזעצען, בעפעהלען, רעכטע און פער־אָרדענונגען, לויט ווי עס איז געשריבען אין משה'ס לעהרע: אום דו זאָלסט גליקען אין אַלץ וואָס דו וועסט טהאָן און וואו נאָר דו וועסט זיך ווענדען.
4 אום גאָט זאָל האַלטען זיין וואָרט, וואָס ער האָט וועגען מיר גערעדט, זאָגענדיג: „אויב דיינע קינדער וועלען היטען זייער וועג צו געהן פאַר מיר מיט ריכטיגקייט, מיט זייער גאַנצען הארצען און זעלע; זאָג איך צו אַז עס וועט ניט אויפהערען פון דיר אַ מאַן וואָס וועט פאַרנעהמען דעם טהראָן פון ישראל."

ה וְגַם אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה לִי יוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה אֲשֶׁר
עָשָׂה לִשְׁנֵי־שָׂרֵי צִבְאוֹת יִשְׂרָאֵל לְאַבְנֵר בֶּן־נֵר וְלַעֲמָשָׂא
בֶן־יֶתֶר וַיַּהַרְגֵם וַיָּשֶׂם דְּמֵי־מִלְחָמָה בְּשָׁלֹם וַיִּתֵּן דְּמֵי
מִלְחָמָה בַּחֲגֹרָתוֹ אֲשֶׁר בְּמָתְנָיו וּבְנַעֲלוֹ אֲשֶׁר בְּרַגְלָיו׃
6 וְעָשִׂיתָ כְּחָכְמָתֶךָ וְלֹא־תוֹרֵד שֵׂיבָתוֹ בְּשָׁלֹם שְׁאֹל׃
7 וְלִבְנֵי בַרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי תַּעֲשֶׂה־חֶסֶד וְהָיוּ בְּאֹכְלֵי שֻׁלְחָנֶךָ
8 כִּי־כֵן קָרְבוּ אֵלַי בְּבָרְחִי מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם אָחִיךָ׃ וְהִנֵּה
עִמְּךָ שִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא בֶן־הַיְמִינִי מִבַּחֻרִים וְהוּא קִלְלַנִי
קְלָלָה נִמְרֶצֶת בְּיוֹם לֶכְתִּי מַחֲנָיִם וְהוּא־יָרַד לִקְרָאתִי
הַיַּרְדֵּן וָאֶשָּׁבַע לוֹ בַיהוָה לֵאמֹר אִם־אֲמִיתְךָ בֶּחָרֶב׃
9 וְעַתָּה אַל־תְּנַקֵּהוּ כִּי אִישׁ חָכָם אָתָּה וְיָדַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר
י תַּעֲשֶׂה־לּוֹ וְהוֹרַדְתָּ אֶת־שֵׂיבָתוֹ בְּדָם שְׁאוֹל׃ וַיִּשְׁכַּב דָּוִד
11 עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּעִיר דָּוִד׃ וְהַיָּמִים אֲשֶׁר מָלַךְ דָּוִד
עַל־יִשְׂרָאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה בְּחֶבְרוֹן מָלַךְ שֶׁבַע שָׁנִים
12 וּבִירוּשָׁלַםִ מָלַךְ שְׁלֹשִׁים וְשָׁלֹשׁ שָׁנִים׃ וּשְׁלֹמֹה יָשַׁב
13 עַל־כִּסֵּא דָּוִד אָבִיו וַתִּכֹּן מַלְכֻתוֹ מְאֹד׃ וַיָּבֹא
אֲדֹנִיָּהוּ בֶן־חַגִּית אֶל־בַּת־שֶׁבַע אֵם־שְׁלֹמֹה וַתֹּאמֶר
14 הֲשָׁלוֹם בֹּאֶךָ וַיֹּאמֶר שָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר דָּבָר לִי אֵלָיִךְ וַתֹּאמֶר
טו דַּבֵּר׃ וַיֹּאמֶר אַתְּ יָדַעַתְּ כִּי־לִי הָיְתָה הַמְּלוּכָה וְעָלַי
שָׂמוּ כָל־יִשְׂרָאֵל פְּנֵיהֶם לִמְלֹךְ וַתִּסֹּב הַמְּלוּכָה וַתְּהִי
16 לְאָחִי כִּי מֵיְהוָה הָיְתָה לּוֹ׃ וְעַתָּה שְׁאֵלָה אַחַת אָנֹכִי
17 שֹׁאֵל מֵאִתָּךְ אַל־תָּשִׁבִי אֶת־פָּנָי וַתֹּאמֶר אֵלָיו דַּבֵּר׃ וַיֹּאמֶר
אִמְרִי־נָא לִשְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ כִּי לֹא־יָשִׁיב אֶת־פָּנָיִךְ וְיִתֶּן־לִי
18 אֶת־אֲבִישַׁג הַשּׁוּנַמִּית לְאִשָּׁה׃ וַתֹּאמֶר בַּת־שֶׁבַע טוֹב
19 אָנֹכִי אֲדַבֵּר עָלֶיךָ אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וַתָּבֹא בַת־שֶׁבַע אֶל־הַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה לְדַבֶּר־לוֹ עַל־אֲדֹנִיָּהוּ וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ לִקְרָאתָהּ
וַיִּשְׁתַּחוּ לָהּ וַיֵּשֶׁב עַל־כִּסְאוֹ וַיָּשֶׂם כִּסֵּא לְאֵם הַמֶּלֶךְ

ותשב

v. 12. עד כאן

5 דו ווייסט דאָך וואָס יואב, צרויה׳ס זוהן, האָט מיר געטהאָן מיט זיין בעהאַנדלען די צוויי פעלדמאַרשאַלען פון ישראל — אבנר׳ן נר׳ס זוהן און עמשא׳ן יתר׳ס זוהן — ער האָט זיי ערשלאַגען און האָט אין פריעדען־שטאַנד בלוט פערגאָסען ווי אין קריעגס־שטאַנד; דאָס בלוט פון די ערשלאַגענע האָט ער פאַרדעקט מיט דעם גאַרטעל פון זיינע לענדען און דעם שוך פון זיין פוס . . .

6 דו זאָלסט האַנדלען נאָך דיין פערשטאַנד און לאָז איהם ניט פריעדליך שטאַרבען.

7 מיט ברזלי דעם גלעדי׳ס קינדער בעגעה־זיך פריינדליך, זיי זאָלען זיין אונטער די וואָס עסען ביי דיין טיש; זיי האָבען מיך אויך פריינדשאַפט געוויזען ווען איך בין אנטלאָפען פון דיין ברודער אבשלום.

8 עס געפינט זיך ביי דיר איינער אַ שמעי, גרא׳ס זוהן, אַ ימין׳ער פון בחורים, ער האָט מיר שרעקליך געשאָלטען ווען איך בין געגאַנגען אין מחנים. ער איז מיר זאָגאַר אנטקעגען געקומען ביי׳ן ירדן און איך האָב איהם ביי גאָט געשוואָרען „איך וועל דיר ניט ערשלאַגען מיט׳ן שווערד";

9 אָבער דו לאָז איהם ניט אונבעשטראָפט, דו ביזט דאָך אַ קלוגער מענש, ועסטו שוין וויסען וואָס מיט איהם צו טהאָן — ברייננ ארונטער זיין אַלטער אין גראָב מיט בלוט . . ."

10 דוד איז געשטאָרבען און בעערדיגט געוואָרען אין דוד׳ס שטאָדט.

11 די צייט וואָס דוד האָט רעגירט איבער ישראל איז פערציג יאָהר — אין חברון האָט ער רעגירט זיעבען יאָהר און אין ירושלים דריי־און־דרייסיג יאָהר.

12 דאַן האָט שלמה פערנומען דעם טהראָן פון זיין פאָטער דוד, און זיין רעגירונג האָט זיך גוט איינגעאָרדענט.

13 אַ מאָל איז אדניהו, חגית׳ס זוהן, געקומען צו בת־שבע, שלמה׳ס מוטער. זי האָט איהם געפרעגט: „קומסטו מיט פריעדען?" האָט ער געענטפערט: „פריעדען!"

14 נאָכדעם האָט ער געזאָגט: „איך וויל מיט דיר וואָס ריידען"; האָט זי געענטפערט: „רייד!"

15 און ער האָט געזאָגט: „דו ווייסט דאָך אז די קעניגרייך האָט געהערט צו מיר, און גאַנץ ישראל האָבען געהאָפט איך זאָל קעניג ווערען; נאָר עס האָט זיך איבערגעדרעהט און די רעגיערונג איז געבליבען ביי מיין ברודער — עס איז בעשערט פון גאָט!

16 יעצט וויל איך דיר עטוואָס בעטען, זאָלסט מיר נאָר ניט ענטזאָגען." — זי האָט איהם געענטפערט: „רייד ווייטער!"

17 און ער האָט געזאָגט: „רייד איבער מיט קעניג שלמה, דיר וועט ער ניט ענטזאָגען, און זאָל ער מיר ערלויבען הייראַטהען אבישג די שונמית."

18 בת־שבע האָט געענטפערט: „גוט, איך וועל וועגען דיר ריידען מיט׳ן קעניג!"

19 און בת־שבע איז אַוועק צום קעניג שלמה, אום מיט איהם צו ריידען וועגען אדניהו׳ן. דער קעניג האָט זיך פאַר איהר אוועקגעשטעלט און פערניינט זיך צו איהר, דאַן האָט ער זיך געזעצט אויף זיין טהראָן. מ׳האָט דערלאַנגט אַ שטוהל דעם קעניגס מוטער, זי האָט זיך געזעצט ביי זיין רעכטע האַנד,

כ וַתֵּשֶׁב לִימִינוֹ׃ וַתֹּאמֶר שְׁאֵלָה אַחַת קְטַנָּה אָנֹכִי שֹׁאֶלֶת
מֵאִתָּךְ אַל־תָּשֶׁב אֶת־פָּנָי וַיֹּאמֶר לָהּ הַמֶּלֶךְ שַׁאֲלִי אִמִּי
21 כִּי לֹא־אָשִׁיב אֶת־פָּנָיִךְ׃ וַתֹּאמֶר יֻתַּן אֶת־אֲבִישַׁג הַשֻּׁנַמִּית
22 לַאֲדֹנִיָּהוּ אָחִיךָ לְאִשָּׁה׃ וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וַיֹּאמֶר לְאִמּוֹ
וְלָמָה אַתְּ שֹׁאֶלֶת אֶת־אֲבִישַׁג הַשֻּׁנַמִּית לַאֲדֹנִיָּהוּ וְשַׁאֲלִי־
לוֹ אֶת־הַמְּלוּכָה כִּי הוּא אָחִי הַגָּדוֹל מִמֶּנִּי וְלוֹ וּלְאֶבְיָתָר
23 הַכֹּהֵן וּלְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה׃ וַיִּשָּׁבַע הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
בַּיהוָה לֵאמֹר כֹּה יַעֲשֶׂה־לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִיף כִּי
24 בְנַפְשׁוֹ דִּבֶּר אֲדֹנִיָּהוּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה חַי־יְהוָה
אֲשֶׁר הֱכִינַנִי וַיּוֹשִׁיבַנִי עַל־כִּסֵּא דָּוִד אָבִי וַאֲשֶׁר עָשָׂה־
כה לִי בַּיִת כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר כִּי הַיּוֹם יוּמַת אֲדֹנִיָּהוּ׃ וַיִּשְׁלַח
הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בְּיַד בְּנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע וַיִּפְגַּע־בּוֹ וַיָּמֹת׃
26 וּלְאֶבְיָתָר הַכֹּהֵן אָמַר הַמֶּלֶךְ עֲנָתֹת לֵךְ עַל־שָׂדֶיךָ
כִּי אִישׁ מָוֶת אָתָּה וּבַיּוֹם הַזֶּה לֹא אֲמִיתֶךָ כִּי־נָשָׂאתָ
אֶת־אֲרוֹן אֲדֹנָי יְהוִה לִפְנֵי דָּוִד אָבִי וְכִי הִתְעַנִּיתָ בְּכֹל
27 אֲשֶׁר־הִתְעַנָּה אָבִי׃ וַיְגָרֶשׁ שְׁלֹמֹה אֶת־אֶבְיָתָר מִהְיוֹת
כֹּהֵן לַיהוָה לְמַלֵּא אֶת־דְּבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר עַל־בֵּית
28 עֵלִי בְּשִׁלֹה׃ וְהַשְּׁמֻעָה בָּאָה עַד־יוֹאָב כִּי יוֹאָב
נָטָה אַחֲרֵי אֲדֹנִיָּה וְאַחֲרֵי אַבְשָׁלוֹם לֹא נָטָה וַיָּנָס יוֹאָב
29 אֶל־אֹהֶל יְהוָה וַיַּחֲזֵק בְּקַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיֻּגַּד לַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה כִּי נָס יוֹאָב אֶל־אֹהֶל יְהוָה וְהִנֵּה אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ
וַיִּשְׁלַח שְׁלֹמֹה אֶת־בְּנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע לֵאמֹר לֵךְ פְּגַע־בּוֹ׃
ל וַיָּבֹא בְנָיָהוּ אֶל־אֹהֶל יְהוָה וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּה־אָמַר הַמֶּלֶךְ
צֵא וַיֹּאמֶר ׀ לֹא כִּי־פֹה אָמוּת וַיָּשֶׁב בְּנָיָהוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ
31 דָּבָר לֵאמֹר כֹּה־דִבֶּר יוֹאָב וְכֹה עָנָנִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ
עֲשֵׂה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר וּפְגַע־בּוֹ וּקְבַרְתּוֹ וַהֲסִירֹתָ ׀ דְּמֵי חִנָּם
32 אֲשֶׁר שָׁפַךְ יוֹאָב מֵעָלַי וּמֵעַל בֵּית אָבִי׃ וְהֵשִׁיב יְהוָה

את

v. 24. יתיר י

20 און געזאָגט: „איך האָב צו דיר אַ קליינע ביטטע, זאָלסט מיר ניט
ענטזאגען.״ דער קעניג האָט איהר געענטפערט: „בעט, מיין מוטער,
געוויס וועל איך דיר ניט ענטזאגען!״

21 האָט זי געזאָגט: „זאָל עס ערלויבט זיין דיין ברודער אדניהו צו הייראַ־
טען אבישג די שונמית!״

22 אָבער דער קעניג שלמה האָט זיין מוטער געענטפערט און געזאָגט:
„ווארום בעטסטו נאָר אבישג די שונמית פאר אדניהו׳ן? בעט שוין
פאר איהם אויך די רעגירונג, ער איז דאָך מיין עלטערער ברודער...
פאר איינם אויך פאר אביתר דעם כהן און יואב, צרויה׳ס זוהן!״

23 דאן האָט שלמה געשוואָרען ביי גאָט זאָגענדיג: „זאָל גאָט מיר אַזוי
העלפען יעצט און אלע מאָל — די רייד אדניהו׳ס וועלען איהם דאָס
לעבען קאָסטען...

24 אַלזאָ ווי עס לעבט גאָט, וועלכער האָט מיר ביז אַהער געבראַכט און
ארויפגעזעצט אויף מיין פאטער דוד׳ס טהראָן און מיר אַ הויז געשאַפען,
ווי ער האָט פערשפּראָכען, היינט מוז אדניהו שטאַרבען!״

25 און דער קעניג האָט געשיקט בניהו, יהוידע׳ס זוהן, ער האָט איהם צו
טוידט ערשלאָגען.

26 צו אביתר דעם כהן האָט דער קעניג געזאָגט: „געה אַוועק אין ענתות,
אויף דיינע פעלדער; אייגענטליך ביזטו צום טוידט פעראורטהיילט,
נאָר היינט וועל איך דיר ניט הייסען טוידטען, ווייל דו האָסט גאָטס
קאסטען געטראגען פאר מיין פאטער דוד און ביזט אויך אָבגעקומען
ווען מיין פאטער האָט געליטען.״

27 אַזוי האָט שלמה פארטריבען אביתר׳ן אום ער זאָל מעהר קיין כהן ניט
זיין פאר גאָט. דערמיט איז ערפילט געוואָרען דאָס וואָרט פון גאָט,
וואָס ער האָט גערעדט אין שילה וועגען עלי׳ס הויז.

28 אַז די נאכריכט איז אָנגעקומען צו יואב׳ן (יואב האָט געהאַלטען מיט
אדניהו, האָט ער דען ניט געהאַלטען אויך מיט אבשלום׳ן?), איז
יואב אריינגעלאָפען אין גאָט׳ס געצעלט און פעסט געהאַלטען זיך פאר
די ווינקלען פון מזבח.

29 מ׳האָט אָנגעזאָגט דעם קעניג שלמה אַז יואב איז אריינגעלאָפען אין
גאָט׳ס געצעלט און שטעהט נעבען מזבח. האָט שלמה געשיקט זאָגען
בניהו׳ן, יהוידע׳ס זוהן: „ערשלאָג איהם!״

30 בניהו איז אריין אין גאָט׳ס געצעלט און געזאָגט צו איהם: „דער קע־
ניג שלמה האָט דיר געהייסען ארויסגעהן״. האָט ער געענטפערט:
„ניין, נאָר אָט דאָ וועל איך שטאַרבען!״ בניהו האָט עס איבערגעגע־
בען שלמה׳ן, דערצעהלענדיג וואָס יואב האָט גערעדט און געענטפערט
איהם.

31 האָט דער קעניג צו איהם געזאָגט: „טהו ווי ער פארלאַנגט — ער־
שלאָג איהם און בעגראָב איהם! און זאָל דערמיט אראָבגענומען ווערען
פון מיר און מיין פאטער׳ס הויז דער שולד פון דאָס אומזיסטע בלוט
וואָס יואב האָט פערגאָסען.

32 זאָל זיין בלוט־פערברעכען פאַלען אויף׳ן זיין קאָפּ; ער, וואָס האָט גע־

אֶת־דָּמוֹ עַל־רֹאשׁוֹ אֲשֶׁר פָּגַע בִּשְׁנֵי־אֲנָשִׁים צַדִּקִים
וְטֹבִים מִמֶּנּוּ וַיַּהַרְגֵם בַּחֶרֶב וְאָבִי דָוִד לֹא יָדָע אֶת־
אַבְנֵר בֶּן־נֵר שַׂר־צְבָא יִשְׂרָאֵל וְאֶת־עֲמָשָׂא בֶן־יֶתֶר שַׂר־
33 צְבָא יְהוּדָה׃ וְשָׁבוּ דְמֵיהֶם בְּרֹאשׁ יוֹאָב וּבְרֹאשׁ זַרְעוֹ
לְעֹלָם וּלְדָוִד וּלְזַרְעוֹ וּלְבֵיתוֹ וּלְכִסְאוֹ יִהְיֶה שָׁלוֹם עַד־
34 עוֹלָם מֵעִם יְהוָה׃ וַיַּעַל בְּנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וַיִּפְגַּע־בּוֹ
לה וַיְמִתֵהוּ וַיִּקָּבֵר בְּבֵיתוֹ בַּמִּדְבָּר׃ וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ אֶת־בְּנָיָהוּ
בֶן־יְהוֹיָדָע תַּחְתָּיו עַל־הַצָּבָא וְאֶת־צָדוֹק הַכֹּהֵן נָתַן הַמֶּלֶךְ
36 תַּחַת אֶבְיָתָר׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ וַיִּקְרָא לְשִׁמְעִי וַיֹּאמֶר
לוֹ בְּנֵה־לְךָ בַיִת בִּירוּשָׁלַם וְיָשַׁבְתָּ שָׁם וְלֹא־תֵצֵא מִשָּׁם
37 אָנֶה וָאָנָה׃ וְהָיָה ׀ בְּיוֹם צֵאתְךָ וְעָבַרְתָּ אֶת־נַחַל קִדְרוֹן
38 יָדֹעַ תֵּדַע כִּי־מוֹת תָּמוּת דָּמְךָ יִהְיֶה בְרֹאשֶׁךָ׃ וַיֹּאמֶר
שִׁמְעִי לַמֶּלֶךְ טוֹב הַדָּבָר כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ כֵּן
יַעֲשֶׂה עַבְדֶּךָ וַיֵּשֶׁב שִׁמְעִי בִּירוּשָׁלַם יָמִים רַבִּים׃
39 וַיְהִי מִקֵּץ שָׁלֹשׁ שָׁנִים וַיִּבְרְחוּ שְׁנֵי־עֲבָדִים לְשִׁמְעִי אֶל־
אָכִישׁ בֶּן־מַעֲכָה מֶלֶךְ גַּת וַיַּגִּידוּ לְשִׁמְעִי לֵאמֹר הִנֵּה
מ עֲבָדֶיךָ בְּגַת׃ וַיָּקָם שִׁמְעִי וַיַּחֲבֹשׁ אֶת־חֲמֹרוֹ וַיֵּלֶךְ גַּתָה
אֶל־אָכִישׁ לְבַקֵּשׁ אֶת־עֲבָדָיו וַיֵּלֶךְ שִׁמְעִי וַיָּבֵא אֶת־
41 עֲבָדָיו מִגַּת׃ וַיֻּגַּד לִשְׁלֹמֹה כִּי־הָלַךְ שִׁמְעִי מִירוּשָׁלַם
42 גַּת וַיָּשֹׁב׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ וַיִּקְרָא לְשִׁמְעִי וַיֹּאמֶר אֵלָיו הֲלוֹא
הִשְׁבַּעְתִּיךָ בַיהוָה וָאָעִד בְּךָ לֵאמֹר בְּיוֹם צֵאתְךָ וְהָלַכְתָּ
אָנֶה וָאָנָה יָדֹעַ תֵּדַע כִּי־מוֹת תָּמוּת וַתֹּאמֶר אֵלַי טוֹב
43 הַדָּבָר שָׁמָעְתִּי׃ וּמַדּוּעַ לֹא שָׁמַרְתָּ אֵת שְׁבֻעַת יְהוָה וְאֶת־
44 הַמִּצְוָה אֲשֶׁר־צִוִּיתִי עָלֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־שִׁמְעִי אַתָּה
יָדַעְתָּ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר יָדַע לְבָבְךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ לְדָוִד
מה אָבִי וְהֵשִׁיב יְהוָה אֶת־רָעָתְךָ בְּרֹאשֶׁךָ׃ וְהַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
46 בָּרוּךְ וְכִסֵּא דָוִד יִהְיֶה נָכוֹן לִפְנֵי יְהוָה עַד־עוֹלָם׃ וַיְצַו

הַמֶּלֶךְ

v. 39. 40. פתח באס״ף

טראָפֿען צוויי מענער פֿרומערע און בעסערע פֿאַר איהם און ערשלאָגען זיי מיט'ן שווערד, אָהן דעם וויסען פֿון מיין פֿאטער דוד — אבנר'ן, נר'ס זוהן, דעם פֿעלדמארשאל פֿון ישראל און עמשא'ן, יתר'ס זוהן, דעם פֿעלדמארשאל פֿון יהודה.

33 זאָל זייער בלוט אייביג פֿאַלען אויף יואב'ס קאָפּ און די קעפּ פֿון זיינע קינדער; אָבער פֿאַר דוד'ן און זיינע קינדער, זיין הויז און זיין טהראָן זאָל זיין אימער גאָט'ס פֿריעדען."

34 דאַן איז בניהו, יהוידע'ס זוהן געגאַנגען, ער איז איהם בעפֿאַלען און איהם געטוידטעט; בעגראָבען האָט מען איהם אין זיין הויז אינ'ם מדבר.

35 אויף זיין אָרט האָט דער קעניג אַנגעשטעלט אויף די אַרמעע בניהו יהוידע'ס זוהן, אנשטאט אביתר'ן האָט ער אַנגעשטעלט צדוק דעם כהן.

36 דאַן האָט דער קעניג געשיקט רופֿען שמעי'ן און האָט איהם געזאָגט: „בוי זיך אויס אַ הויז אין ירושלים, וואוין דאָרטען און זאָלסט ניט ארויס פֿון דאָרט אירגענד וואו —

37 ווארים אין דעם זעלבּיגען טאָג וואָס דו וועסט אַרויס פֿון דיין הויז און אריבער געהן דעם טייך קדרון, זאָלסטו וויסען, וועסטו גלייך שטאַרבען, דו וועסט אַליין שולדיג זיין!"

38 האָט שמעי געזאָגט צום קעניג: זאָל אַזוי זיין! וואָס מיין הערר דער קעניג האָט גערעדט וועט דיין קנעכט פֿאָלגען.

39 אַז עס זיינען אריבער דריי יאָהר זיינען שמעי'ס צוויי קנעכט אַנטלאָפֿען צו אכיש, מעכה'ס זוהן, דער קעניג פֿון גת — און מ'האָט שמעי'ן דערצעהלט אַזוי צו זאָגען: ביידע קנעכט דיינע זיינען אין גת.

40 שמעי איז אויפֿגעשטאַנען, אָנגעזאָטעלט זיין אייזעל און אוועק צו אכיש'ן אין גת אויפֿצווזוכען זיינע קנעכט. שמעי איז געגאַנגען און געבראַכט זיינע קנעכט פֿון גת.

41 דאַן האָט מען רעפּאָרטעט שלמה'ן אַז שמעי איז אוועק פֿון ירושלים אין גת און איז צוריק געקומען.

42 האָט דער קעניג געשיקט רופֿען שמעי'ן און געזאָגט צו איהם: „האָב איך דיר ניט באַשוואָרען ביי גאָט און געוואָרענט דיר זאָגענדיג: אין'ן דעם טאָג וואָס דו וועסט פֿון שטאָדט אַרויס און געהן אירגענד וואו, זאָלסטו וויסען אַז דו וועסט שטאַרבען? דו האָסט מיר געזאָגט: „זאָל אַזוי זיין, איך פֿאָלג!"

43 פֿאַר וואָס זשע האָסטו ניט געהיט די באַשווערונג ביי גאָט, אויך דעם בעפֿעהל וואָס איך האָב דיר בעפֿעהלען?"

44 און דער קעניג האָט געזאָגט צו שמעי'ן: „דו ווייסט דאָך אַז אַל־דאָס־בייז וואָס דיין הארץ קען נאָר אויסטראַכטען האָסטו געטהאָן צו מיין פֿאטער דוד — היינט ברייגנט גאָט דאָס בייז אויף דיין קאָפּ.

45 דער קעניג שלמה אָבער איז געבענשט און זיין טהראָן וועט אימער געשטאַרקט זיין פֿון גאָט!"

46 דער קעניג האָט אַ בעפֿעהל געגעבען צו בניהו, יהוידע'ס זוהן, און יע־

הַמֶּ֗לֶךְ אֶת־בְּנָיָ֙הוּ֙ בֶּן־יְה֣וֹיָדָ֔ע וַיֵּצֵ֕א וַיִּפְגַּע־בּ֖וֹ וַיָּמֹ֑ת וְהַמַּמְלָכָ֥ה
נָכ֖וֹנָה בְּיַד־שְׁלֹמֹֽה׃

## ג Cap. III. ג

א וַיִּתְחַתֵּ֣ן שְׁלֹמֹ֔ה אֶת־פַּרְעֹ֖ה מֶ֣לֶךְ מִצְרָ֑יִם וַיִּקַּ֣ח אֶת־בַּת־
פַּרְעֹ֗ה וַיְבִיאֶ֙הָ֙ אֶל־עִ֣יר דָּוִ֔ד עַ֣ד כַּלֹּת֗וֹ לִבְנ֤וֹת אֶת־בֵּיתוֹ֙
2 וְאֶת־בֵּ֣ית יְהוָ֔ה וְאֶת־חוֹמַ֥ת יְרוּשָׁלִַ֖ם סָבִֽיב׃ רַ֣ק הָעָ֔ם
מְזַבְּחִ֖ים בַּבָּמ֑וֹת כִּ֠י לֹא־נִבְנָ֥ה בַ֙יִת֙ לְשֵׁ֣ם יְהוָ֔ה עַ֖ד הַיָּמִ֥ים
3 הָהֵֽם׃ וַיֶּאֱהַ֤ב שְׁלֹמֹה֙ אֶת־יְהוָ֔ה לָלֶ֕כֶת בְּחֻקּ֖וֹת דָּוִ֣ד
4 אָבִ֑יו רַ֣ק בַּבָּמ֔וֹת ה֖וּא מְזַבֵּ֥חַ וּמַקְטִֽיר׃ וַיֵּ֨לֶךְ הַמֶּ֜לֶךְ
גִּבְעֹ֙נָה֙ לִזְבֹּ֣חַ שָׁ֔ם כִּי־הִ֖יא הַבָּמָ֣ה הַגְּדוֹלָ֑ה אֶ֤לֶף עֹלוֹת֙
ה יַעֲלֶ֣ה שְׁלֹמֹ֔ה עַ֖ל הַמִּזְבֵּ֥חַ הַהֽוּא׃ בְּגִבְע֗וֹן נִרְאָ֧ה יְהוָ֛ה
אֶל־שְׁלֹמֹ֖ה בַּחֲל֣וֹם הַלָּ֑יְלָה וַיֹּ֣אמֶר אֱלֹהִ֔ים שְׁאַ֖ל מָ֥ה
6 אֶתֶּן־לָֽךְ׃ וַיֹּ֣אמֶר שְׁלֹמֹ֗ה אַתָּ֨ה עָשִׂ֜יתָ עִם־עַבְדְּךָ֨ דָוִ֣ד אָבִי֮
חֶ֣סֶד גָּדוֹל֒ כַּאֲשֶׁר֩ הָלַ֨ךְ לְפָנֶ֜יךָ בֶּאֱמֶ֧ת וּבִצְדָקָ֛ה וּבְיִשְׁרַ֥ת
לֵבָ֖ב עִמָּ֑ךְ וַתִּשְׁמָר־ל֗וֹ אֶת־הַחֶ֤סֶד הַגָּדוֹל֙ הַזֶּ֔ה וַתִּתֶּן־ל֛וֹ
7 בֵ֛ן יֹשֵׁ֥ב עַל־כִּסְא֖וֹ כַּיּ֥וֹם הַזֶּֽה׃ וְעַתָּה֙ יְהוָ֣ה אֱלֹהָ֔י אַתָּה֙
הִמְלַ֣כְתָּ אֶת־עַבְדְּךָ֔ תַּ֖חַת דָּוִ֣ד אָבִ֑י וְאָֽנֹכִי֙ נַ֣עַר קָטֹ֔ן לֹ֥א
8 אֵדַ֖ע צֵ֥את וָבֹֽא׃ וְעַ֨בְדְּךָ֔ בְּת֥וֹךְ עַמְּךָ֖ אֲשֶׁ֣ר בָּחָ֑רְתָּ עַם־
9 רָ֕ב אֲשֶׁ֧ר לֹֽא־יִמָּנֶ֛ה וְלֹ֥א יִסָּפֵ֖ר מֵרֹֽב׃ וְנָתַתָּ֨ לְעַבְדְּךָ֜ לֵ֤ב
שֹׁמֵ֙עַ֙ לִשְׁפֹּ֣ט אֶת־עַמְּךָ֔ לְהָבִ֖ין בֵּֽין־ט֣וֹב לְרָ֑ע כִּ֣י מִ֤י יוּכַל֙
י לִשְׁפֹּ֔ט אֶת־עַמְּךָ֥ הַכָּבֵ֖ד הַזֶּֽה׃ וַיִּיטַ֥ב הַדָּבָ֖ר בְּעֵינֵ֣י אֲדֹנָ֑י
11 כִּ֚י שָׁאַ֣ל שְׁלֹמֹ֔ה אֶת־הַדָּבָ֖ר הַזֶּֽה׃ וַיֹּ֨אמֶר אֱלֹהִ֜ים אֵלָ֗יו
יַ֡עַן אֲשֶׁ֣ר שָׁאַלְתָּ֩ אֶת־הַדָּבָ֨ר הַזֶּ֜ה וְלֹֽא־שָׁאַ֨לְתָּ לְּךָ֜ יָמִ֣ים
רַבִּ֗ים וְלֹא־שָׁ֤אַלְתָּ לְּךָ֙ עֹ֔שֶׁר וְלֹ֥א שָׁאַ֖לְתָּ נֶ֣פֶשׁ אֹיְבֶ֑יךָ
12 וְשָׁאַ֧לְתָּ לְּךָ֛ הָבִ֖ין לִשְׁמֹ֥עַ מִשְׁפָּֽט׃ הִנֵּ֥ה עָשִׂ֖יתִי כִּדְבָרֶ֑יךָ
הִנֵּ֣ה ׀ נָתַ֣תִּי לְךָ֗ לֵ֚ב חָכָ֣ם וְנָב֔וֹן אֲשֶׁ֤ר כָּמ֙וֹךָ֙ לֹא־הָיָ֣ה
13 לְפָנֶ֔יךָ וְאַחֲרֶ֖יךָ לֹא־יָק֥וּם כָּמֽוֹךָ׃ וְגַ֨ם אֲשֶׁ֤ר לֹֽא־שָׁאַ֙לְתָּ֙

נתתי

ג׳ v. קמץ בז״ק

נער איז אוועק, איז איהם בעפאלען און געטוידט איהם. דאן איז די רעגירונג פעסט געבליבען ביי שלמה׳ן.

## קאפיטעל ג

1 שלמה האט זיך פערשוואגערט מיט פרעה, קעניג פון מצרים — ער האט געהייראט פרעה׳ס טאכטער און געבראכט איהר אין דוד׳ס שטאדט ביז ער האט געענדיגט בויען זיין הויז, גאט׳ס הויז און די מויער־וואנד ארום ירושלים.

2 אבוואהל דאס פאלק האט נאך געאפפערט אויף בארג־אלטארען, ווייל עס איז נאך ניט אויסגעבויט געווען א הויז פאר גאט׳ס נאמען ביז יענע צייט —

3 האט שלמה געליעבט גאט, ד. ה. צו געהן אין די גזעצען פון זיין פא־טער דוד, נאר געאפפערט און גערויכערט האט ער אויף די בארג־אל־טארען.

4 א מאל איז דער קעניג געגאנגען אין גבעון אפפערס צו ברייגגען, ווייל דארטען איז געווען דער גרעסטער בארג־אלטאר. [— טויזענד גאנץ־אפפערס פלעגט שלמה פארברענגען אויף יענעם אלטאר.]

5 אין גבעון האט זיך גאט געוויזען צו שלמה׳ן אין נאכט־טרוים און גע־זאגט: „בעט! וואס זאל איך דיר געבען?״

6 האט שלמה געזאגט: „דו האסט געטהאן מיט דיין קנעכט, מיין פאטער דוד, גרוים גנאדע, ווייל ער האט זיך אויפגעפיהרט קעגען דיר מיט וואהרהייט, טוגענד און א ריכטיגע הארץ; דו האסט פאר איהם ביז יעצט דיין גרוים גנאדע געהאלטען און געגעבען איהם א זוהן וואס זיצט אויף זיין טהראן.

7 אלזא, מיין גאט! דו האסט מיר, דיין קנעכט קעניג געמאכט נאך מיין פאטער דוד; איך בין אבער א קליינער אינגעל און ווייס ניט ארוים אדער אריין —

8 און דיין קנעכט איז צווישען דיין פאלק וועלכע דו האסט אויסערוויילט, א גרויסע פאלק וואס קען ניט געצעהלט און גערעכענט ווערען פון גרויסקייט;

9 גיב־זשע דיין קנעכט א פערשטענדליכע הארץ ביי׳ן ריכטען דיין פאלק, אום איך זאל אונטערשיידען צווישען גוטעס און שלעכטעס; ווארים ווער קען עס ריכטען דיין גרויסע פאלק דיעזע?״

10 דער ענטפער איז גאט געפעהלען געווארען, ווייל שלמה האט נאר דאס פערלאנגט;

11 און גאט האט צו איהם געזאגט: ווייל דו האסט נאר דאס געבעטען, דו האסט ניט געבעטען לאנג לעבען פאר זיך און האסט אויך ניט גע־בעטען רייכטהום פאר זיך און ניט דעם לעבען פון דיינע פיינד; דו האסט נאר געבעטען פארשטאנד אויסצוהערען א גערעכטעס קלאגע,

12 דערפאר האב איך געטהאן דיין פערלאנג: „איך האב דיר געגעבען אזא קלוגע און בעטראכטענדע הארץ, אז פאר דיר איז אזוינס ניט געווען אויך נאך דיר וועט אזוינס ניט זיין.

13 אויך וואס דו האסט ניט געבעטען האב איך דיר געגעבען — רייכטהום

נָתַתִּי לָךְ גַּם־עֹשֶׁר גַּם־כָּבוֹד אֲשֶׁר לֹא־הָיָה כָמוֹךָ אִישׁ
בַּמְּלָכִים כָּל־יָמֶיךָ׃ וְאִם ׀ תֵּלֵךְ בִּדְרָכַי לִשְׁמֹר חֻקַּי וּמִצְוֺתַי 14
כַּאֲשֶׁר הָלַךְ דָּוִיד אָבִיךָ וְהַאֲרַכְתִּי אֶת־יָמֶיךָ׃ *וַיִּקַץ טו
שְׁלֹמֹה וְהִנֵּה חֲלוֹם וַיָּבוֹא יְרוּשָׁלַםִ וַיַּעֲמֹד ׀ לִפְנֵי ׀ אֲרוֹן
בְּרִית־אֲדֹנָי וַיַּעַל עֹלוֹת וַיַּעַשׂ שְׁלָמִים וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה לְכָל־
עֲבָדָיו׃ אָז תָּבֹאנָה שְׁתַּיִם נָשִׁים זֹנוֹת אֶל־הַמֶּלֶךְ 16
וַתַּעֲמֹדְנָה לְפָנָיו׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הָאַחַת בִּי אֲדֹנִי אֲנִי 17
וְהָאִשָּׁה הַזֹּאת יֹשְׁבֹת בְּבַיִת אֶחָד וָאֵלֵד עִמָּהּ בַּבָּיִת׃ וַיְהִי 18
בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי לְלִדְתִּי וַתֵּלֶד גַּם־הָאִשָּׁה הַזֹּאת וַאֲנַחְנוּ יַחְדָּו
אֵין־זָר אִתָּנוּ בַּבַּיִת זוּלָתִי שְׁתַּיִם אֲנַחְנוּ בַּבָּיִת׃ וַיָּמָת בֶּן־ 19
הָאִשָּׁה הַזֹּאת לָיְלָה אֲשֶׁר שָׁכְבָה עָלָיו׃ וַתָּקָם בְּתוֹךְ כ
הַלַּיְלָה וַתִּקַּח אֶת־בְּנִי מֵאֶצְלִי וַאֲמָתְךָ יְשֵׁנָה וַתַּשְׁכִּיבֵהוּ
בְּחֵיקָהּ וְאֶת־בְּנָהּ הַמֵּת הִשְׁכִּיבָה בְחֵיקִי׃ וָאָקֻם בַּבֹּקֶר 21
לְהֵינִיק אֶת־בְּנִי וְהִנֵּה־מֵת וָאֶתְבּוֹנֵן אֵלָיו בַּבֹּקֶר וְהִנֵּה
לֹא־הָיָה בְנִי אֲשֶׁר יָלָדְתִּי׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הָאַחֶרֶת 22
לֹא כִי בְּנִי הַחַי וּבְנֵךְ הַמֵּת וְזֹאת אֹמֶרֶת לֹא כִי בְּנֵךְ הַמֵּת
וּבְנִי הֶחָי וַתְּדַבֵּרְנָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ זֹאת 23
אֹמֶרֶת זֶה־בְּנִי הַחַי וּבְנֵךְ הַמֵּת וְזֹאת אֹמֶרֶת לֹא כִי בְּנֵךְ
הַמֵּת וּבְנִי הֶחָי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ קְחוּ לִי־חָרֶב וַיָּבִאוּ הַחֶרֶב 24
לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ גִּזְרוּ אֶת־הַיֶּלֶד הַחַי לִשְׁנָיִם כה
וּתְנוּ אֶת־הַחֲצִי לְאַחַת וְאֶת־הַחֲצִי לְאֶחָת׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה 26
אֲשֶׁר־בְּנָהּ הַחַי אֶל־הַמֶּלֶךְ כִּי־נִכְמְרוּ רַחֲמֶיהָ עַל־בְּנָהּ
וַתֹּאמֶר ׀ בִּי אֲדֹנִי תְּנוּ־לָהּ אֶת־הַיָּלוּד הַחַי וְהָמֵת אַל־
תְּמִיתֻהוּ וְזֹאת אֹמֶרֶת גַּם־לִי גַם־לָךְ לֹא יִהְיֶה גְּזֹרוּ׃ וַיַּעַן 27
הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר תְּנוּ־לָהּ אֶת־הַיָּלוּד הַחַי וְהָמֵת לֹא תְמִיתֻהוּ
הִיא אִמּוֹ׃ וַיִּשְׁמְעוּ כָל־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַמִּשְׁפָּט אֲשֶׁר שָׁפַט 28
המלך

* הפטרת מקץ v. 15.

און עהרע — אַז עס איז אונטער די קעניגע פון דיין צייט דיין גלייכען ניטאָ.

14 און אויב דו וועסט געהן אין מיינע וועגען ווי עס איז געגאַנגען דיין פאָ־טער דוד, וועסט היטען מיינע געזעצען און בעפעהלען, וועל איך אויך דערלייִנגערן דיינע יאָהרען.״

15 שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט עס איז אַ חלום. ער איז אַוועק אין ירושלים, געשטעלט זיך פאַר׳ן קאַסטען פון גאָט׳ס בונד און געבראַכט גאַנץ־אָפּפערס אויך פריעדען־אָפּפערס און געמאַכט אַ באַל פאַר אַלע זיינע קנעכט.

16 דאַן זיינען געקומען צוויי גאַסען־פרויען צום קעניג און געשטעלט זיך פאַר איהם.

17 איין פרוי האָט געזאָגט : ביטע, מיין הערר ! איך און דיעזע פרוי וואוינען אין איין הויז און איך האָב וואוינענדיג מיט איהר צוזאַמען געבוירען אַ קינד אין דאָס זעלביגע הויז,

18 אויפ׳ן דריטען טאָג פון מיין געבוירען האָט אויך דיעזע פרוי אַ קינד געבוירען, מיר זיינען געוועזען גאַנץ אַליין — קיין פרעמדער איז ביי אונז אין הויז ניטאָ — נאָר מיר ביידע זיינען אין הויז,

19 ביי נאַכט איז געשטאָרבען דיעזער פרוי׳ס קינד, ווייל זי האָט זיך אויף איהם אַרויפגעלעגט,

20 זי איז אָבער אויפגעשטאַנען אין מיטען נאַכט, האָט צוגענומען מיין קינד פון נעבען מיר, ווען איך, דיין דיענסט, האָב געשלאָפען, און האָט איהם אַוועקגעלייגט אין איהר שויס ; איהר טוידטען קינד האָט זי אַוועקגעלעגט אין מיין שויס.

21 אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער פריה מיין קינד צו זייגען, ערשט ער איז טוידט ; איך האָב זיך אין מאָרגענשיין גוט איינגעקוקט אויף איהם ערשט עס איז גאָר ניט מיין קינד וואָס איך האָב געבוירען.

22 די אַנדערע פרוי האָט געזאָגט : „ניין, מיין קינד איז דער לעבעדיגער און דיינער דער טוידטער !״ און די ערשטע זאָגט : „ניין, דיינער איז דער טוידטער און מיינער דער לעבעדיגער !״ אַזוי האָבען זיי גע־רעדט פאַר׳ן קעניג.

23 דער קעניג אָבער האָט בעטראַכט : „די זאָגט „דער לעבעדיגער איז מיין זוהן — און דער טוידטער איז דיינער״ און די זאָגט : „ניין ! דיין קינד איז דער טוידטער און מיין קינד דער לעבעדיגער״ . . .

24 האָט דער קעניג געזאָגט : „ברייַנגט מיר אַ שווערד !״ אַז מ׳האָט געבראַכט דעם קעניג אַ שווערד,

25 האָט דער קעניג געזאָגט : „צושניידט דאָס לעבעדיגע קינד אויף צווייען און גיט איין העלפט צו איינע און די צווייטע צו די אַנדערע !״

26 דאַן האָט די פרוי, וועמעס דער לעבעדיגער קינד איז געוועזען, געענט־פערט דעם קעניג (איהרע געפיהלען האָבען זיך פונאַנדערגעפלאַמט אויף איהר קינד) און האָט געזאָגט : „ביטע, מיין הערר ! „גיט איהר אַוועק דאָס לעבעדיגע קינד, נאָר טוידט עס ניט !״ און די אַנדערע האַלט אין איין זאָגען : „זאָל זיין ניט מיר און ניט דיר ! שניידט איבער !״

27 דאַן האָט דער קעניג הויך געזאָגט : „גיט איהר אָב דאָס לעבעדיגע קינד, טוידט עס ניט — זי איז די מוטער !״

28 אַז גאַנץ ישראל האָבען דערהערט דעם אורטהייל וואָס שלמה האָט

הַמֶּלֶךְ וַיִּרְאוּ מִפְּנֵי הַמֶּלֶךְ כִּי רָאוּ כִּי־חָכְמַת אֱלֹהִים
בְּקִרְבּוֹ לַעֲשׂוֹת מִשְׁפָּט׃

## CAP. IV. ד

ד

2 א וַיְהִי הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מֶלֶךְ עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וְאֵלֶּה
3 הַשָּׂרִים אֲשֶׁר־לוֹ עֲזַרְיָהוּ בֶן־צָדוֹק הַכֹּהֵן׃ אֱלִיחֹרֶף
וַאֲחִיָּה בְּנֵי שִׁישָׁא סֹפְרִים יְהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד הַמַּזְכִּיר׃
4 וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע עַל־הַצָּבָא וְצָדוֹק וְאֶבְיָתָר כֹּהֲנִים׃
ה וַעֲזַרְיָהוּ בֶן־נָתָן עַל־הַנִּצָּבִים וְזָבוּד בֶּן־נָתָן כֹּהֵן רֵעֶה
6 הַמֶּלֶךְ׃ וַאֲחִישָׁר עַל־הַבָּיִת וַאֲדֹנִירָם בֶּן־עַבְדָּא עַל־הַמַּס׃
7 וְלִשְׁלֹמֹה שְׁנֵים־עָשָׂר נִצָּבִים עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וְכִלְכְּלוּ
אֶת־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־בֵּיתוֹ חֹדֶשׁ בַּשָּׁנָה יִהְיֶה עַל־אֶחָד לְכַלְכֵּל׃
8 9 וְאֵלֶּה שְׁמוֹתָם בֶּן־חוּר בְּהַר אֶפְרָיִם׃ בֶּן־דֶּקֶר בְּמָקַץ
י וּבְשַׁעַלְבִים וּבֵית שָׁמֶשׁ וְאֵילוֹן בֵּית־חָנָן׃ בֶּן־חֶסֶד בָּאֲרֻבּוֹת
11 לוֹ שֹׂכֹה וְכָל־אֶרֶץ חֵפֶר׃ בֶּן־אֲבִינָדָב כָּל־נָפַת דֹּאר טָפַת
12 בַּת־שְׁלֹמֹה הָיְתָה לּוֹ לְאִשָּׁה׃ בַּעֲנָא בֶּן־אֲחִילוּד
תַּעְנַךְ וּמְגִדּוֹ וְכָל־בֵּית שְׁאָן אֲשֶׁר אֵצֶל צָרְתַנָה מִתַּחַת
לְיִזְרְעֶאל מִבֵּית שְׁאָן עַד אָבֵל מְחוֹלָה עַד מֵעֵבֶר לְיָקְמְעָם׃
13 בֶּן־גֶּבֶר בְּרָמֹת גִּלְעָד לוֹ חַוֹּת יָאִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה אֲשֶׁר
בַּגִּלְעָד לוֹ חֶבֶל אַרְגֹּב אֲשֶׁר בַּבָּשָׁן שִׁשִּׁים עָרִים גְּדֹלוֹת
14 חוֹמָה וּבְרִיחַ נְחֹשֶׁת׃ אֲחִינָדָב בֶּן־עִדֹּא מַחֲנָיְמָה׃
טו אֲחִימַעַץ בְּנַפְתָּלִי גַּם־הוּא לָקַח אֶת־בָּשְׂמַת בַּת־
16 שְׁלֹמֹה לְאִשָּׁה׃ בַּעֲנָא בֶּן־חוּשַׁי בְּאָשֵׁר וּבְעָלוֹת׃
17 18 יְהוֹשָׁפָט בֶּן־פָּרוּחַ בְּיִשָּׂשכָר׃ שִׁמְעִי בֶן־
19 אֵלָא בְּבִנְיָמִן׃ גֶּבֶר בֶּן־אֻרִי בְּאֶרֶץ גִּלְעָד אֶרֶץ
סִיחוֹן ׀ מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי וְעֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וּנְצִיב אֶחָד אֲשֶׁר
כ בָּאָרֶץ׃ יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל רַבִּים כַּחוֹל אֲשֶׁר־עַל־הַיָּם לָרֹב
אֹכְלִים וְשֹׁתִים וּשְׂמֵחִים׃

וּשְׁלֹמֹה

ד׳ v. 6. פתח בס״פ 7 v. האחד קרי

ארויסגעגעבען, האָבען זיי רעספּעקט בעקומען פאַר'ן קעניג; זיי האָ־
בען זיך איבערצייגט אַז ער בעזיצט אַ געטליכען פערשטאַנד אין ענט־
שיידען אַן אורטהייל.

## קאַפּיטעל ד.

1 דער קעניג שלמה איז קעניג געוואָרען איבער גאַנץ ישראל.
2 דאָס זיינען זיינע בעאַמטע: עזריהו, צדוק'ס זוהן — דער כהן;
3 אליחרף און אחיה, שישא'ס זיהן — שרייבערס; יהושפט, אחילוד'ס
זוהן — סעקרעטער;
4 בניהו, יהוידע'ס זוהן — איבער מיליטער אַנגעלעגענהייטען; צדוק
און אביתר — כהנים;
5 עזריהו, נתן'ס זוהן — איבער די פערוואַלטערס; זבוד, נתן דעם
דעם כהן'ס זוהן — דעם קעניגס אַדיוטאַנט;
6 אחישר — איבער'ן הויז; אדנירם, עבדא'ס זוהן — איבער די אָב־
צאָהל.
7 אויך האָט שלמה געהאַט צוועלף פערטרעטער איבער גאַנץ ישראל, זיי
האָבען צוגעשטעלט שפּייז פאַר'ן קעניג און זיין הויז, איין מאָנאַט אין
יאָהר האָט יעדער געדאַרפט צושטעלען.
8 דאָס זיינען זייערע נעמען: בן־חור — אויפ'ן באַרג אפרים;
9 בן־דקר — איבער מקץ, שעלבים, בית־שמש און אילון־בית־חנן;
10 בן־חסד — איבער ארבות, איהם איז אויך איינגעטהיילט געווען שכה
און דאָס גאַנצע לאַנד חפר;
11 בן־אבינדב — איבער'ן גאַנצען פּראָווינץ דאר; טפת, שלמה'ס טאָכ־
טער, איז זיין פרוי געווען.
12 בענא, אחילוד'ס זוהן — איבער תענך, מגדו און גאַנץ בית־שאן וואָס
ליגט נעבען צרתן ניעדעריגער פון יזרעאל; פון בית־שאן ביז אבל־
מחולה און אריבער יקמעם.
13 בן־גבר — איבער רמת־גלעד, איהם זיינען אויך איינגעטהיילט געווען
די דערפער פון יאיר, מנשה'ס זוהן, וואָס אין גלעד אויך אַ טהייל
פון ארגב וואָס אין בשן — זעכציג גרויסע שטעדט מיט מויער־ווענד
און קופּערנע ריגלען.
14 אחינדב, עדא'ס זוהן — איבער מחנים.
15 אחימעץ — איבער נפתלי, ער האָט אויך געהייראַט בשמת, שלמה'ס אַ
טאָכטער.
16 בענא, חושי'ס זוהן — איבער אשר און בעלות;
17 יהושפט, פרוח'ס זוהן — איבער יששכר;
18 שמעי, אלא'ס זוהן — איבער בנימין;
19 גבר, ארי'ס זוהן — איבער דאָס לאַנד גלעד, דאָס לאַנד פון סיחון
קעניג פון אמרי און עג קעניג פון בשן; אויך איין פאַרטרעטער אין
לאַנד.
20 יהודה און ישראל זיינען געווען פיעל ווי די זאַמד ביי'ן ים; זיי האָבען
געגעסען, געטרונקען און פרעהליך געווען.

## ה Cap. V. ה

א וּשְׁלֹמֹה הָיָה מוֹשֵׁל בְּכָל־הַמַּמְלָכוֹת מִן־הַנָּהָר אֶרֶץ
פְּלִשְׁתִּים וְעַד גְּבוּל מִצְרָיִם מַגִּשִׁים מִנְחָה וְעֹבְדִים אֶת־
2 שְׁלֹמֹה כָּל־יְמֵי חַיָּיו׃ וַיְהִי לֶחֶם־שְׁלֹמֹה לְיוֹם אֶחָד
3 שְׁלֹשִׁים כֹּר סֹלֶת וְשִׁשִּׁים כֹּר קָמַח׃ עֲשָׂרָה בָקָר בְּרִאִים
וְעֶשְׂרִים בָּקָר רְעִי וּמֵאָה צֹאן לְבַד מֵאַיָּל וּצְבִי וְיַחְמוּר
4 וּבַרְבֻּרִים אֲבוּסִים׃ כִּי־הוּא רֹדֶה ׀ בְּכָל־עֵבֶר הַנָּהָר
מִתִּפְסַח וְעַד־עַזָּה בְּכָל־מַלְכֵי עֵבֶר הַנָּהָר וְשָׁלוֹם הָיָה
ה לוֹ מִכָּל־עֲבָרָיו מִסָּבִיב׃ וַיֵּשֶׁב יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל לָבֶטַח
אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְתַחַת תְּאֵנָתוֹ מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שָׁבַע כֹּל
6 יְמֵי שְׁלֹמֹה׃ וַיְהִי לִשְׁלֹמֹה אַרְבָּעִים אֶלֶף אֻרְוֹת
7 סוּסִים לְמֶרְכָּבוֹ וּשְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף פָּרָשִׁים׃ וְכִלְכְּלוּ
הַנִּצָּבִים הָאֵלֶּה אֶת־הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וְאֵת כָּל־הַקָּרֵב אֶל־
שֻׁלְחַן הַמֶּלֶךְ־שְׁלֹמֹה אִישׁ חָדְשׁוֹ לֹא יְעַדְּרוּ דָּבָר׃
8 וְהַשְּׂעֹרִים וְהַתֶּבֶן לַסּוּסִים וְלָרֶכֶשׁ יָבִאוּ אֶל־הַמָּקוֹם
9 אֲשֶׁר יִהְיֶה־שָּׁם אִישׁ כְּמִשְׁפָּטוֹ׃ וַיִּתֵּן אֱלֹהִים חָכְמָה
לִשְׁלֹמֹה וּתְבוּנָה הַרְבֵּה מְאֹד וְרֹחַב לֵב כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל־
י שְׂפַת הַיָּם׃ וַתֵּרֶב חָכְמַת שְׁלֹמֹה מֵחָכְמַת כָּל־בְּנֵי־קֶדֶם
11 וּמִכֹּל חָכְמַת מִצְרָיִם׃ וַיֶּחְכַּם מִכָּל־הָאָדָם מֵאֵיתָן הָאֶזְרָחִי
וְהֵימָן וְכַלְכֹּל וְדַרְדַּע בְּנֵי מָחוֹל וַיְהִי־שְׁמוֹ בְכָל־הַגּוֹיִם
12 סָבִיב׃ וַיְדַבֵּר שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים מָשָׁל וַיְהִי שִׁירוֹ חֲמִשָּׁה
13 וָאָלֶף׃ וַיְדַבֵּר עַל־הָעֵצִים מִן־הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וְעַד
הָאֵזוֹב אֲשֶׁר יֹצֵא בַּקִּיר וַיְדַבֵּר עַל־הַבְּהֵמָה וְעַל־הָעוֹף
14 וְעַל־הָרֶמֶשׂ וְעַל־הַדָּגִים׃ וַיָּבֹאוּ מִכָּל־הָעַמִּים לִשְׁמֹעַ אֵת
חָכְמַת שְׁלֹמֹה מֵאֵת כָּל־מַלְכֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר שָׁמְעוּ אֶת־
טו חָכְמָתוֹ׃ וַיִּשְׁלַח חִירָם מֶלֶךְ־צוֹר אֶת־עֲבָדָיו אֶל־
שְׁלֹמֹה כִּי שָׁמַע כִּי אֹתוֹ מָשְׁחוּ לְמֶלֶךְ תַּחַת אָבִיהוּ כִּי
16 אֹהֵב הָיָה חִירָם לְדָוִד כָּל־הַיָּמִים׃ וַיִּשְׁלַח שְׁלֹמֹה

אֶל־

## קאַפּיטעל ה

1 שלמה האָט געהערשט איבער אַלע קעניגרייכען — פון דעם טייך וואָס אין לאַנד פּלשתּים ביז׳ן גרענעץ פון מצרים האָט מען געבראַכט פּרעזענטען און געדיענט שלמה׳ן זיין גאַנצען לעבען.

2 דער פערצעהרען פון שפּייז אין איין טאָג איז געווען ביי שלמה׳ן: דרייסיג כּר פיין־מעהל און זעכציג כּר געוועהנליכע מעהל.

3 צעהען געמאַסטעטע רינדער, צוואַנציג ווייִדע רינדער און הונדערט שעפּסען; אויסער רעהען, הירשען, מאָשוס־טהיערען און געשטאָפּטע ענדיקעס.

4 ער האָט בעהערשט דעם גאַנצען ברעג פון טייך — פון תּפסח ביז עזה, איבער אַלע קעניגע פון ברעג טייך, און האָט פריעדען געהאַט פון אַלע זייטען רינגס אַרום.

5 יהודה און ישׂראל זיינען געזעסען זיכער, יעדער אונטער זיין וויינבוים און פייגענבוים, פון דן ביז באר שבע, די גאַנצע צייט פון שלמה׳ס רעגירונג.

6 שלמה האָט געהאַט פערציג טויזענד שטאַלען מיט פערד פאַר זיין קאַוואַלעריע און צוועלף טויזענד רייטער.

7 די אויבענדערמאַנטע פערטרעטער האָבען צוגעשטעלט שפּייז פאַר׳ן קעניג שלמה און אַלע וואָס האָבען זיך בעקעסטיגט אויף שלמה׳ס טיש, יעדער אין זיין בעשטימטען מאָנאַט — זיי האָבען נישט פאַרפעהלט.

8 אויך גערשטען און שטרוי פאַר די רייט־ און וועגען־פערד, פלעגען זיי ברייִנגען ביז דעם אָרט וואו זיי האָבען זיך איינגעפונען; יעדער נאָך זיין פעראָרדנונג.

9 און גאָט האָט געגעבען שלמה׳ן קלוגקייט, זעהר פיעל ווי די זאַמד וואָס אויפ׳ן ברעג ים. אויך פערשטאַנד און אַ ברייטע האַרץ. —

10 שלמה׳ס קלוגהייט איז גרעסער געווען אַלס די קלוגהייט פון אַלע אָסטליכע איינוואוינער, אויך גרעסער אַלס די קלוגהייט פון מצרים —

11 ער איז געווען קליגער פאַר אַלע מענשען, פאַר איתן דעם אזרחי, הימן כּלכּל און דרדע, מחול׳ס זיהן; זיין נאָמען איז בעוואוסט געווען אונטער אַלע פעלקער פון אַרום.

12 ער האָט געזאָגט דריי טויזענד שפּריכווערטער און זיינע ליעדער זיינען געווען טויזענד מיט פינף.

13 ער האָט גערעדט וועגען ביימער — פון דעם צעדער וואָס וואַקסט אין לבנון ביז דעם מאָך וואָס וואַקסט אַרויס אויפ׳ן וואַנד; ער האָט אויך גערעדט איבער פיהע, פויגלען, קריכענדע און פיש.

14 מען איז געקומען פון אַלע פעלקער צו הערען שלמה׳ס קלוגהייט — פון די אַלע פעלקער פון לאַנד וועלכע האָבען געהערט וועגען זיין קלוגהייט.

15 און חירם, קעניג פון צור, האָט געשיקט זיינע קנעכט צו שלמה׳ן ווען ער האָט דערהערט אַז מ׳האָט איהם געזאַלבט אַלס קעניג נאָך זיין פאָטער; חירם איז אימער געווען דוד׳ס אַ פריינד.

16 האָט שלמה געשיקט צו חירם׳ן אַזוי צו זאָגען:

17 אֶל־חִירָם לֵאמֹר׃ אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת־דָּוִד אָבִי כִּי לֹא יָכֹל
לִבְנוֹת בַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהָיו מִפְּנֵי הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר
18 סְבָבֻהוּ עַד תֵּת־יְהוָה אֹתָם תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלָו׃ וְעַתָּה
הֵנִיחַ יְהוָה אֱלֹהַי לִי מִסָּבִיב אֵין שָׂטָן וְאֵין פֶּגַע רָע׃
19 וְהִנְנִי אֹמֵר לִבְנוֹת בַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהָי כַּאֲשֶׁר ׀ דִּבֶּר
יְהוָה אֶל־דָּוִד אָבִי לֵאמֹר בִּנְךָ אֲשֶׁר אֶתֵּן תַּחְתֶּיךָ עַל־
כ כִּסְאֶךָ הוּא־יִבְנֶה הַבַּיִת לִשְׁמִי׃ וְעַתָּה צַוֵּה וְיִכְרְתוּ־לִי
אֲרָזִים מִן־הַלְּבָנוֹן וַעֲבָדַי יִהְיוּ עִם־עֲבָדֶיךָ וּשְׂכַר עֲבָדֶיךָ
אֶתֵּן לְךָ כְּכֹל אֲשֶׁר תֹּאמֵר כִּי ׀ אַתָּה יָדַעְתָּ כִּי אֵין בָּנוּ
21 אִישׁ יֹדֵעַ לִכְרָת־עֵצִים כַּצִּדֹנִים׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ חִירָם
אֶת־דִּבְרֵי שְׁלֹמֹה וַיִּשְׂמַח מְאֹד וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה הַיּוֹם
22 אֲשֶׁר נָתַן לְדָוִד בֵּן חָכָם עַל־הָעָם הָרָב הַזֶּה׃ וַיִּשְׁלַח
חִירָם אֶל־שְׁלֹמֹה לֵאמֹר שָׁמַעְתִּי אֵת אֲשֶׁר־שָׁלַחְתָּ אֵלָי
אֲנִי אֶעֱשֶׂה אֶת־כָּל־חֶפְצְךָ בַּעֲצֵי אֲרָזִים וּבַעֲצֵי בְרוֹשִׁים׃
23 עֲבָדַי יֹרִדוּ מִן־הַלְּבָנוֹן יָמָּה וַאֲנִי אֲשִׂימֵם דֹּבְרוֹת בַּיָּם
עַד־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־תִּשְׁלַח אֵלַי וְנִפַּצְתִּים שָׁם וְאַתָּה תִשָּׂא
24 וְאַתָּה תַּעֲשֶׂה אֶת־חֶפְצִי לָתֵת לֶחֶם בֵּיתִי׃ וַיְהִי חִירוֹם
כה נֹתֵן לִשְׁלֹמֹה עֲצֵי אֲרָזִים וַעֲצֵי בְרוֹשִׁים כָּל־חֶפְצוֹ׃ וּשְׁלֹמֹה
נָתַן לְחִירָם עֶשְׂרִים אֶלֶף כֹּר חִטִּים מַכֹּלֶת לְבֵיתוֹ
וְעֶשְׂרִים כֹּר שֶׁמֶן כָּתִית כֹּה־יִתֵּן שְׁלֹמֹה לְחִירָם שָׁנָה
26 בְשָׁנָה׃ וַיהוָה נָתַן חָכְמָה לִשְׁלֹמֹה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר־
לוֹ וַיְהִי שָׁלֹם בֵּין חִירָם וּבֵין שְׁלֹמֹה וַיִּכְרְתוּ בְרִית
27 שְׁנֵיהֶם׃ וַיַּעַל הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מַס מִכָּל־יִשְׂרָאֵל וַיְהִי
28 הַמַּס שְׁלֹשִׁים אֶלֶף אִישׁ׃ וַיִּשְׁלָחֵם לְבָנוֹנָה עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים
בַּחֹדֶשׁ חֲלִיפוֹת חֹדֶשׁ יִהְיוּ בַלְּבָנוֹן שְׁנַיִם חֳדָשִׁים בְּבֵיתוֹ
29 וַאֲדֹנִירָם עַל־הַמַּס׃ וַיְהִי לִשְׁלֹמֹה שִׁבְעִים אֶלֶף נֹשֵׂא
ל סַבָּל וּשְׁמֹנִים אֶלֶף חֹצֵב בָּהָר׃ לְבַד מִשָּׂרֵי הַנִּצָּבִים

לשלמה

v. 17 רגלי קרי v. 20 המ׳ בצרי v. 26 הפטרת תרומה

17 „דו האָסט געקענט מיין פאטער דוד, איהם איז אונמעגליך געוועזן צו בויען אַ הויז פאר זיין גאָט איבער די קריעג־פעלקער וואָס ער האָט ארום זיך געהאַט, ביז גאָט האָט זיי אונטער זיינע פיס אונטערגעוואָרפען,

18 יעצט אָבער האָט מיר גאָט רוהע געגעבען פון ארום — איך האָב קיין שטערער און קיין שלעכטע בעגעגעניס,

19 אַלזאָ דיינק איך צו בויען אַ הויז פאר מיין גאָט, ווי גאָט האָט פערשפּראָכען מיין פאטער דוד זאָגענדיג : „דיין זוהן וועלכען איך וועל דיין טהראָן געבען נאָך דיר, ער וועט בויען דאָס הויז פאר מיין נאָמען.”

20 אַלזאָ גיב אַ בעפעהל אַז מ׳זאָל פאר מיר אויסשניידען האָלץ פון לבנון, מיינע קנעכט וועלען דיינע קנעכט העלפען ; בעצאָהלען וועל איך דיינע קנעכט ווי־פּיעל דו וועסט זאָגען. דו ווייסט דאָך אַז ביי אונז איז ניטאָ קיינער וואָס איז פּראקטיצירט אין האָלץ־שניידען ווי די צדנים.”

21 אז חירם האָט דערהערט שלמה׳ס ווערטער האָט ער זיך זעהר געפרעהט און געזאָגט : „געלויבט איז גאָט היינט, דער וואָס האָט געגעבען דוד׳ן אזא קלוגען זוהן צו רעגירען איבער דיעזע גרויסע פאָלק !”

22 און חירם האָט געשיקט זאָגען שלמה׳ן : איך האָב געהערט וואָס דו האָסט מיר געשיקט זאָגען, איך וועל ערפילען דיין פערלאנג וועגען צעדערן און ציפּריסען —

23 מיינע קנעכט וועלען זיי אראב־ברייננגען פון לבנון צום ים, איך וועל זיי אויך הייסען ברייננגען פליטענווייז אויפ׳ן ים ביז דעם אָרט וואָס דו וועסט מיר בעשטימען, דאָרט וועל איך זיי פונאַנדערנעהמען און דו וועסט זיי צונעהמען ; דערפאר וועסטו טהאָן מיין פערלאנג — צושטעלען שפּייז פאר מיין הויז.

24 אַזוי האָט חירם צוגעשטעלט שלמה׳ן צעדערן און ציפּריסען ווי־פּיעל ער האָט געדארפט,

25 און שלמה האָט חירם׳ן געגעבען צוואנציג טויזענד כר ווייץ, שפּייז פאר זיין הויז, און צוואנציג כר געפּרעסטע אייל. דאָס האָט שלמה חירם׳ן געגעבען יאָהר־יאָהרליך.

26 גאָט האָט שלמה׳ן בעשאנקען מיט קלוגהייט ווי ער האָט איהם פערשפּראָכען, און עס איז געווען פריעדען צווישען חירם און שלמה — זיי האָבען ביידע געשלאָסען אַ פריעדען פערבאנד.

27 דער קעניג שלמה האָט גענומען אָבצאהל פון גאַנץ ישראל, דער אבצאהל איז געווען דרייסיג טויזענד מאַן.

28 ער האָט זיי געשיקט אין לבנון, צו צעהען טויזענד אין אַ מאָנאַט, בייטענדיג — איין מאָנאַט פלעגען זיי זיין אין לבנון און צוויי מאָנאַטען אין דער היים. אדנירם איז געווען דער פערוואלטער איבער׳ן אבצאהל.

29 שלמה האָט אויך געהאַט זיעבציג טויזענד לאסט־טרעגער, און אכציג טויזענד שטיינשניידערס אין די בערג.

30 אויסער די פערטרעטער וואָס שלמה האָט געהאַט איבער די ארבייטער

לְשְׁלֹמֹה אֲשֶׁר עַל־הַמְּלָאכָה שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת
31 הָרֹדִים בָּעָם הָעֹשִׂים בַּמְּלָאכָה׃ וַיְצַו הַמֶּלֶךְ וַיַּסִּעוּ אֲבָנִים
32 גְּדֹלוֹת אֲבָנִים יְקָרוֹת לְיַסֵּד הַבָּיִת אַבְנֵי גָזִית׃ וַיִּפְסְלוּ
בֹּנֵי שְׁלֹמֹה וּבֹנֵי חִירוֹם וְהַגִּבְלִים וַיָּכִינוּ הָעֵצִים וְהָאֲבָנִים
לִבְנוֹת הַבָּיִת׃

## Cap. VI. ו

א וַיְהִי בִשְׁמוֹנִים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה לְצֵאת בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ־מִצְרַיִם בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית בְּחֹדֶשׁ זִו הוּא
הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי לִמְלֹךְ שְׁלֹמֹה עַל־יִשְׂרָאֵל וַיִּבֶן הַבַּיִת לַיהוָה׃
2 וְהַבַּיִת אֲשֶׁר בָּנָה הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה לַיהוָה שִׁשִּׁים־אַמָּה
3 אָרְכּוֹ וְעֶשְׂרִים רָחְבּוֹ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה קוֹמָתוֹ׃ וְהָאוּלָם עַל־
פְּנֵי הֵיכַל הַבַּיִת עֶשְׂרִים אַמָּה אָרְכּוֹ עַל־פְּנֵי רֹחַב הַבָּיִת
4 עֶשֶׂר בָּאַמָּה רָחְבּוֹ עַל־פְּנֵי הַבָּיִת׃ וַיַּעַשׂ לַבָּיִת חַלּוֹנֵי
ה שְׁקֻפִים אֲטֻמִים׃ וַיִּבֶן עַל־קִיר הַבַּיִת יָצוּעַ סָבִיב אֶת־
קִירוֹת הַבַּיִת סָבִיב לַהֵיכָל וְלַדְּבִיר וַיַּעַשׂ צְלָעוֹת סָבִיב׃
6 הַיָּצוּעַ הַתַּחְתֹּנָה חָמֵשׁ בָּאַמָּה רָחְבָּהּ וְהַתִּיכֹנָה שֵׁשׁ
בָּאַמָּה רָחְבָּהּ וְהַשְּׁלִישִׁית שֶׁבַע בָּאַמָּה רָחְבָּהּ כִּי מִגְרָעוֹת
נָתַן לַבַּיִת סָבִיב חוּצָה לְבִלְתִּי אֲחֹז בְּקִירוֹת הַבָּיִת׃
7 וְהַבַּיִת בְּהִבָּנֹתוֹ אֶבֶן שְׁלֵמָה מַסָּע נִבְנָה וּמַקָּבוֹת וְהַגַּרְזֶן
8 כָּל־כְּלִי בַרְזֶל לֹא־נִשְׁמַע בַּבַּיִת בְּהִבָּנֹתוֹ׃ פֶּתַח הַצֵּלָע
הַתִּיכֹנָה אֶל־כֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית וּבְלוּלִּים יַעֲלוּ עַל־
9 הַתִּיכֹנָה וּמִן־הַתִּיכֹנָה אֶל־הַשְּׁלִשִׁים׃ וַיִּבֶן אֶת־הַבַּיִת
י וַיְכַלֵּהוּ וַיִּסְפֹּן אֶת־הַבַּיִת גֵּבִים וּשְׂדֵרֹת בָּאֲרָזִים׃ וַיִּבֶן
אֶת־הַיָּצוּעַ עַל־כָּל־הַבַּיִת חָמֵשׁ אַמּוֹת קוֹמָתוֹ וַיֶּאֱחֹז אֶת־
11 הַבַּיִת בַּעֲצֵי אֲרָזִים׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־שְׁלֹמֹה
12 לֵאמֹר׃ הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר־אַתָּה בֹנֶה אִם־תֵּלֵךְ בְּחֻקֹּתַי
וְאֶת־מִשְׁפָּטַי תַּעֲשֶׂה וְשָׁמַרְתָּ אֶת־כָּל־מִצְוֹתַי לָלֶכֶת בָּהֶם

והקמתי

ה v. 31. קמץ בטרחא  ו v. 4. קמץ בזיק  v. 5. יציע ק
v. 6. היציע קרי  v. 8. דגש אחר שורק  10.

— דריי טויזענד דריי הונדערט האָבען פערוואַלטעט איבער די לייטע וואָס האָבען די ארבייט געטהאָן.

31 דער קעניג האָט געהייסען און מ'האָט אויסגעריסען גרויסע שטיינער, שווערע ארומגעהאַקטע שטיינער צו מאַכען דעם פונדאַמענט פון הויז.

32 שלמה'ס בוימייסטערס צוזאַמען מיט חירם'ס בוימייסטערס און די גבלים האָבען ארומגעהאַקט און צוגעגרייט די האָלץ מיט די שטיינער צו בויען דאָס הויז.

## קאַפּיטעל ו

1 אין פיער הונדערט און אַכטציגסטען יאָהר זינט די קינדער ישראל זייַנען ארויס פון מצרים, אין פיערטען יאָהר פון שלמה'ס רעגיערונג איבער ישראל, אין צווייטען מאָנאַט, ד. ה. זו, האָט ער אָנגעפאַנגען בויען דאָס הויז צו גאָט.

2 דאָס הויז, וועלכע שלמה האָט געבויט צו גאָט, איז געווען זעכציג איילען די לענג, צוואַנציג די ברייט און דרייסיג איילען די הויך.

3 דער אינערליכער צימער, איבער'ן גאַנצען טעמפּעל־הויז — צוואַנציג איילען זיין לענג, אין דער ברייט פון הויז, און צעהען איילען זיין ברייט, איבער די לענג פון הויז.

4 צום הויז האָט מען געמאַכט פענסטער דורכזיכטיגע פערמאַכטערהייט.

5 אויפ'ן וואַנד פון הויז ארום האָט ער געבויט אַ גאַללעריע — ארום די ווענד פון הויז, ביי'ן טעמפּעל און אריינגאַנג ; ער האָט ארום געמאַכט זייט־קאַמערן.

6 די אונטערסטע גאַללעריע פינף איילען די ברייט, די מיטעלסטע — זעקס איילען די ברייט און די דריטע — זיעבען איילען די ברייט ; ער האָט געמאַכט פערשמאַלונגען ארום אויסען־זייט פון הויז אום עס זאָל זיך ניט האַלטען אן די ווענד פון הויז.

7 ווען דאָס הויז איז געבויט געוואָרען איז עס געמאַכט געווען פון גאַנצע, אויסגעגראָבענע שטיינער ; האַמערס, פּיילען און אנדערע אייזערנע געצייג האָבען ניט געקלאַפּט אין הויז ביי'ן בויען.

8 דער איינגאַנג פון מיטעלסטע גאַללעריע איז געווען ביי'ן רעכטען זייט פון הויז ; אויף וואַנדעלטרעפּ איז מען ארויף צו די מיטעלסטע, און פון די מיטעלסטע צו די דריטע.

9 מ'האָט אויסגעבויט דאָס הויז, פאַרטיג געמאַכט עס און בעדעקט דאָס הויז מיט באַלקענס און רייהען צעדער־ברעטער.

10 די גאַללעריע האָט מען געמאַכט איבער'ן גאַנצען הויז, פינף איילען די הויך ; דאָס הויז האָט מען צוזאַמענגענומען מיט צעדער האָלץ.

11 דאַן איז גאָט'ס וואָרט געווען צו שלמה'ן אַזוי צו זאָגען :

12 „דיעזעס הויז, וועלכע דו בויסט, אויב דו וועסט געהן נאָך מיינע געזעצען, וועסט טהאָן מיינע פעראָרדנונגען און אבהיטען אַלע מיינע

וַהֲקִמֹתִי אֶת־דְּבָרִי אִתָּךְ אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־דָּוִד אָבִיךָ׃
13 וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא אֶעֱזֹב אֶת־עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃
14 טו וַיִּבֶן שְׁלֹמֹה אֶת־הַבַּיִת וַיְכַלֵּהוּ׃ וַיִּבֶן אֶת־
קִירוֹת הַבַּיִת מִבַּיְתָה בְּצַלְעוֹת אֲרָזִים מִקַּרְקַע הַבַּיִת עַד־
קִירוֹת הַסִּפֻּן צִפָּה עֵץ מִבָּיִת וַיְצַף אֶת־קַרְקַע הַבַּיִת
16 בְּצַלְעוֹת בְּרוֹשִׁים׃ וַיִּבֶן אֶת־עֶשְׂרִים אַמָּה מִיַּרְכּוֹתֵי* הַבַּיִת
בְּצַלְעוֹת אֲרָזִים מִן־הַקַּרְקַע עַד־הַקִּירוֹת וַיִּבֶן לוֹ מִבַּיִת
17 לִדְבִיר לְקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים׃ וְאַרְבָּעִים בָּאַמָּה הָיָה הַבָּיִת
18 הוּא הַהֵיכָל לִפְנָי׃ וְאֶרֶז אֶל־הַבַּיִת פְּנִימָה מִקְלַעַת
19 פְּקָעִים וּפְטוּרֵי צִצִּים הַכֹּל אֶרֶז אֵין אֶבֶן נִרְאָה׃ וּדְבִיר
בְּתוֹךְ־הַבַּיִת מִפְּנִימָה הֵכִין לְתִתֵּן שָׁם אֶת־אֲרוֹן בְּרִית
כ יְהוָה׃ וְלִפְנֵי הַדְּבִיר עֶשְׂרִים אַמָּה אֹרֶךְ וְעֶשְׂרִים אַמָּה
רֹחַב וְעֶשְׂרִים אַמָּה קוֹמָתוֹ וַיְצַפֵּהוּ זָהָב סָגוּר וַיְצַף מִזְבֵּחַ
21 אָרֶז׃ וַיְצַף שְׁלֹמֹה אֶת־הַבַּיִת מִפְּנִימָה זָהָב סָגוּר וַיְעַבֵּר
22 בְּרַתִּיקוֹת* זָהָב לִפְנֵי הַדְּבִיר וַיְצַפֵּהוּ זָהָב׃ וְאֶת־כָּל־
הַבַּיִת צִפָּה זָהָב עַד־תֹּם כָּל־הַבָּיִת וְכָל־הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר־
23 לַדְּבִיר צִפָּה זָהָב׃ וַיַּעַשׂ בַּדְּבִיר שְׁנֵי כְרוּבִים עֲצֵי־שָׁמֶן
24 עֶשֶׂר אַמּוֹת קוֹמָתוֹ׃ וְחָמֵשׁ אַמּוֹת כְּנַף הַכְּרוּב הָאֶחָת
וְחָמֵשׁ אַמּוֹת כְּנַף הַכְּרוּב הַשֵּׁנִית עֶשֶׂר אַמּוֹת מִקְצוֹת
כה כְּנָפָיו וְעַד־קְצוֹת כְּנָפָיו׃ וְעֶשֶׂר בָּאַמָּה הַכְּרוּב הַשֵּׁנִי
26 מִדָּה אַחַת וְקֶצֶב אֶחָד לִשְׁנֵי הַכְּרֻבִים׃ קוֹמַת הַכְּרוּב
27 הָאֶחָד עֶשֶׂר בָּאַמָּה וְכֵן הַכְּרוּב הַשֵּׁנִי׃ וַיִּתֵּן אֶת־הַכְּרוּבִים
בְּתוֹךְ ׀ הַבַּיִת הַפְּנִימִי וַיִּפְרְשׂוּ אֶת־כַּנְפֵי הַכְּרֻבִים וַתִּגַּע
כְּנַף־הָאֶחָד בַּקִּיר וּכְנַף הַכְּרוּב הַשֵּׁנִי נֹגַעַת בַּקִּיר הַשֵּׁנִי
28 וְכַנְפֵיהֶם אֶל־תּוֹךְ הַבַּיִת נֹגְעֹת כָּנָף אֶל־כָּנָף׃ וַיְצַף אֶת־
29 הַכְּרוּבִים זָהָב׃ וְאֵת כָּל־קִירוֹת הַבַּיִת מֵסַב ׀ קָלַע פִּתּוּחֵי
מִקְלְעוֹת כְּרוּבִים וְתִמֹרֹת וּפְטוּרֵי צִצִּים מִלִּפְנִים וְלַחִיצוֹן׃

ואת־

v. 13. ע״כ v. 16. יתיר ר v. 21. ברתוקת קרי

בעפעהלען, אויפצופיהרען זיך נאָך זיי, וועל איך האַלטען מיין פאַר־
שפּרעכען וועגען דיר, וואָס איך האָב פערשפּראָכען דיין פאָטער דוד ;
13 איך וועל זיך איינגעפינען צווישען די קינדער ישראל, און וועל ניט
פערלאָזען מיין פאָלק ישראל.
14 דאָס איז געווען נאָכדעם ווי שלמה האָט אויסגעבויט דאָס הויז און פאַר־
טיג געמאַכט עס.
15 די ווענד פון הויז אינווייניג האָט ער אַרומגעבויט מיט צעדער ברעטער ;
פון די דילען פון הויז ביז'ן סופיט פון די ווענד האָט ער אינווייניג
אויסגעדעקט מיט האָלץ. די דילען פונ'ם הויז האָט מען אויסגעלעגט
מיט ציפּריסען־האָלץ.
16 צוואַנציג איילען פון איין זייט הויז האָט ער אָבגעצאַמט מיט צעדער־
ברעטער פון די דילען ביז די קווער באַלקען, אַלס אַ אַללערהייליגסטען
צימער, ער האָט עס געמאַכט אינווייניג נאָכ'ן אַריינגאַנג.
17 די איבריגע פערציג איילען איז געווען דאָס הויז, ד. ה. דער אינערלי־
כער טעמפּעל.
18 די צעדער־ברעטער פונ'ם הויז אינווייניג זיינען געווען מיט אויסגע־
טאַקטע קנוילען און אָפענע בלומען ; אַלץ איז מיט צעדער באַדעקט
געווען, עס האָט זיך קיין שטיין ניט אַרויסגעזעהען.
19 און אַריינגאַנג צימער האָט ער געמאַכט אינווייניג אינ'ם הויז אום דאָרט
אַריינצושטעלען דעם קאַסטען מיט גאָט'ס געזעץ.
20 פאַר'ן איינגאַנג־צימער איז רוים געווען צוואַנציג איילען די לענג, צוואַנ־
ציג די ברייט און צוואַנציג די הויך ; מ'האָט איהם אויסגעדעקט מיט
ריינעם גאָלד, דעם אַלטאַר האָט ער אַרומגעלעגט מיט צעדער.
21 שלמה האָט געלאָזען אַרומלעגען דאָס הויז, פון אינווייניג, מיט ריי־
נעם גאָלד, די זייטען נעבען אינערליכען צימער האָט ער בעפּוצט מיט
גאָלדענע קייטלאַך און אַרומגעלייגט מיט גאָלד.
22 דאָס גאַנצע הויז האָט ער מיט גאָלד באַדעקט, ביז עס איז פאַרטיג גע־
וואָרען די גאַנצע הויז ; אויך דעם גאַנצען אַלטאַר וואָס אין אַריינגאַנג־
צימער האָט ער באַדעקט מיט גאָלד.
23 אין איינגאַנג־צימער האָט ער געמאַכט צוויי פויגעל־סטאַטוען פון אייל־
בוים האָלץ, צעהען איילען די הויך,
24 פינף איילען דער פליגעל פון איין סטאַטוע און פינף איילען דער פליגעל
פון דער צווייטער סטאַטוע — צעהען איילען פון ברעג פון די פליגלען
פון איינע ביז די ברעגען פון די פליגלען פון די צווייטע.
25 צעהען איילען אויך די צווייטע פויגעל־סטאַטוע — איין מאָס און איין
טאַקען האָבען געהאַט ביידע פויגעל־סטאַטוען ;
26 איין סטאַטוע איז געווען צעהען איילען די הויך און אַזוי אויך די אנדער
סטאַטוע.
27 אַז מ'האָט אַריינגעשטעלט די סטאַטוען אין אינערליכען טהייל פון הויז
האָט מען פונאַנדער געשפּרייט זייערע פליגלען, דער פליגעל פון איין
סטאַטוע האָט געגרייכט ביז'ן וואַנד און דער פליגעל פון דער אנדער
סטאַטוע האָט געגרייכט ביז די צווייטע וואַנד. די פליגלען אין הויז
אינווייניג האָבען אָנגעריהרט איינער דעם אנדערן.
28 אויך די סטאַטוען האָט מען באַדעקט מיט גאָלד.
29 אַלע קווער־באַלקענס פון הויז זיינען אַרומגעלעגט געווען מיט שטריק,
[געטאַקטע שטריק], סטאַטוען, פּאַלמען און אָפענע בלומען — אינווי־
ניג און אויסווייניג.

ל 31 וְאֶת־קַרְקַע הַבַּיִת צִפָּה זָהָב לִפְנִימָה וְלַחִיצוֹן׃ וְאֵת פֶּתַח
הַדְּבִיר עָשָׂה דַּלְתוֹת עֲצֵי־שָׁמֶן הָאַיִל מְזֻזוֹת חֲמִשִׁית׃
32 וּשְׁתֵּי דַּלְתוֹת עֲצֵי־שֶׁמֶן וְקָלַע עֲלֵיהֶם מִקְלְעוֹת כְּרוּבִים
וְתִמֹרֹת וּפְטוּרֵי צִצִּים וְצִפָּה זָהָב וַיָּרֶד עַל־הַכְּרוּבִים וְעַל־
33 הַתִּמֹרוֹת אֶת־הַזָּהָב׃ וְכֵן עָשָׂה לְפֶתַח הַהֵיכָל מְזוּזוֹת
34 עֲצֵי־שָׁמֶן מֵאֵת רְבִעִית׃ וּשְׁתֵּי דַלְתוֹת עֲצֵי בְרוֹשִׁים שְׁנֵי
צְלָעִים הַדֶּלֶת הָאַחַת גְּלִילִים וּשְׁנֵי קְלָעִים הַדֶּלֶת הַשֵּׁנִית
לה גְּלִילִים׃ וְקָלַע כְּרוּבִים וְתִמֹרוֹת וּפְטֻרֵי צִצִּים וְצִפָּה זָהָב
36 מְיֻשָּׁר עַל־הַמְּחֻקֶּה׃ וַיִּבֶן אֶת־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית שְׁלֹשָׁה
37 טוּרֵי גָזִית וְטוּר כְּרֻתֹת אֲרָזִים׃ בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית יֻסַּד בֵּית
38 יְהוָה בְּיֶרַח זִו׃ וּבַשָּׁנָה הָאַחַת עֶשְׂרֵה בְּיֶרַח בּוּל הוּא
הַחֹדֶשׁ הַשְּׁמִינִי כָּלָה הַבַּיִת לְכָל־דְּבָרָיו וּלְכָל־מִשְׁפָּטָו
וַיִּבְנֵהוּ שֶׁבַע שָׁנִים׃

## ז CAP. VII. ז

א וְאֶת־בֵּיתוֹ בָּנָה שְׁלֹמֹה שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיְכַל אֶת־כָּל־
2 בֵּיתוֹ׃ וַיִּבֶן אֶת־בֵּית ׀ יַעַר הַלְּבָנוֹן מֵאָה אַמָּה אָרְכּוֹ
וַחֲמִשִּׁים אַמָּה רָחְבּוֹ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה קוֹמָתוֹ עַל אַרְבָּעָה
3 טוּרֵי עַמּוּדֵי אֲרָזִים וּכְרֻתוֹת אֲרָזִים עַל־הָעַמּוּדִים׃ וְסָפֻן
בָּאֶרֶז מִמַּעַל עַל־הַצְּלָעֹת אֲשֶׁר עַל־הָעַמּוּדִים אַרְבָּעִים
4 וַחֲמִשָּׁה חֲמִשָּׁה עָשָׂר הַטּוּר׃ וּשְׁקֻפִים שְׁלֹשָׁה טוּרִים
ה וּמֶחֱזָה אֶל־מֶחֱזָה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים׃ וְכָל־הַפְּתָחִים וְהַמְּזוּזוֹת
6 רְבֻעִים שָׁקֶף וּמוּל מֶחֱזָה אֶל־מֶחֱזָה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים׃ וְאֵת
אוּלָם הָעַמּוּדִים עָשָׂה חֲמִשִּׁים אַמָּה אָרְכּוֹ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה
7 רָחְבּוֹ וְאוּלָם עַל־פְּנֵיהֶם וְעַמֻּדִים וְעָב עַל־פְּנֵיהֶם׃ וְאוּלָם
הַכִּסֵּא אֲשֶׁר יִשְׁפָּט־שָׁם אֻלָם הַמִּשְׁפָּט עָשָׂה וְסָפוּן בָּאֶרֶז
8 מֵהַקַּרְקַע עַד־הַקַּרְקָע׃ וּבֵיתוֹ אֲשֶׁר־יֵשֶׁב שָׁם חָצֵר
הָאַחֶרֶת מִבֵּית לָאוּלָם כַּמַּעֲשֶׂה הַזֶּה הָיָה וּבַיִת יַעֲשֶׂה

לבת־

ר׳ 38. ט משפטיו ק

30 די דילען פון הויז האָט מען אויסגעלעגט מיט גאָלד, ווי די אינערליכע צימערן אַזוי אויך די אויסערליכע.

31 אין אַריינגאַנג פון איינגאַנגס־צימער האָט מען געמאַכט טיהרען אַ פינפ־טעל פון איילבוים־האָלץ, אויף דער געשטעל און די פּאָסטען.

32 די צוויי איילבוים־האָלץ טיהרען האָט מען ארומגעוועבט מיט פויגעל־בילדער, פּאַלמען און אָפענע בלומען, און נאָכדעם בעדעקט מיט גאָלד, און באַצויגען אויף די פויגעל־בילדער און די פּאַלמען מיט גאָלד.

33 אויך אין אַריינגאַנג פון טעמפּעל האָט מען געמאַכט פּאָסטען אַ פערטעל פון איילבוים־האָלץ.

34 און צוויי טיהרען פון ציפּרעס־האָלץ, איין טיהר פון צוויי ברעטער צו־זאַמענגעשרויפט; אויך די צווייטע טיהר פון צוויי צוזאַמענגעשרויפטע ברעטער.

35 מיט אַ באַוועבונג פון פויגעל־בילדער, פּאַלמען און אָפענע בלומען; דאָס גאָלד באַדעקונג איז צוגעפּאַסט געווען צו די איינקריצונגען.

36 דעם אינערליכען הויף האָט מען געבויט פון דריי רייהען אָרומגעהאַקטע שטיינער און איין רייהע צעדער־ברעטער.

37 אין פערטען יאָהר איז געלעגט געווען דער פונדאַמענט פון גאָט'ס הויז, אין מאָנאַט זו,

38 און אין עלפטען יאָהר, אין מאָנאַט בול (דאָס איז דער אַכטער מאָנאַט) איז דאָס הויז פאַרטיג געוואָרען נאָך זיין פּלאַן און אָרדנונג; מ'האָט איהם געבויט זיבען יאָהר.

## קאַפּיטעל ז

1 זיין אייגענעם הויז האָט שלמה געבויט דרייצעהן יאָהר, ביז ער האָט זיין גאַנצע הויז פאַרטיג געמאַכט.

2 ער האָט אויך געבויט דאָס וואַלד־הויז אין לבנון, הונדערט איילען די לענג, פופציג איילען די ברייט און דרייסיג איילען די הויך, אויף פיער רייהען צעדער־זיילען און צעדער־ברעטער אויף די זיילען.

3 אויך געדעקט מיט צעדער פון אויבען, איבער די ברעטער וואָס אויף די זיילען [עס איז געווען פינף־און־פערציג זיילען, צו פופצעהן אין אַ רייהע].

4 און דריי רייהען שוועלען, אויך דריי מאָל אַ פענסטער קעגען אַ פענסטער.

5 אַלע איינגאַנגען און פּאָסטען האָבען אויסגעזעהען פיערעקיג, און קעגען איבער איז געווען אַ פענסטער קעגען אַ פענסטער; דריי מאָל.

6 איין צימער האָט מען געמאַכט פון זיילען, פופציג איילען די לענג און דרייסיג איילען די ברייט, דער אינווייניג פון די זיילען איז געווען דער צימער; אויבען איז בעדעקט געווען מיט דיקע ברעטער,

7 אויך אַ טהראָן־צימער, וואו ער האָט געריכטעט — אַ בעזונדער גע־ריכטס־צימער האָט מען געמאַכט — ער איז אויסגעלעגט געווען מיט צעדער פון איין זייט דילען ביז דעם צווייטען.

8 זיין הויז, וואו ער האָט געוואוינט, איז געווען אין אַנדער הויף פון דאָס אויסגעצימערטע הויז, עס איז געווען פון די זעלביגע אַרבייט. אין

9 לְבַת־פַּרְעֹ֔ה אֲשֶׁ֥ר לָקַ֖ח שְׁלֹמֹ֑ה כָּאוּלָ֖ם הַזֶּֽה׃ כָּל־אֵ֗לֶּה
אֲבָנִ֤ים יְקָרֹת֙ כְּמִדֹּ֣ת גָּזִ֔ית מְגֹרָר֥וֹת בַּמְּגֵרָ֖ה מִבַּ֣יִת וּמִח֑וּץ
וּמִמַּסָּד֙ עַד־הַטְּפָח֔וֹת וּמִח֖וּץ עַד־הֶחָצֵ֥ר הַגְּדוֹלָֽה׃
י וּמְיֻסָּ֕ד אֲבָנִ֥ים יְקָר֖וֹת אֲבָנִ֣ים גְּדֹל֑וֹת אַבְנֵי֙ עֶ֣שֶׂר אַמּ֔וֹת
11 וְאַבְנֵ֖י שְׁמֹנֶ֥ה אַמּֽוֹת׃ וּמִלְמַ֕עְלָה אֲבָנִ֥ים יְקָר֛וֹת כְּמִדּ֥וֹת
12 גָּזִ֖ית וָאָֽרֶז׃ וְחָצֵ֨ר הַגְּדוֹלָ֜ה סָבִ֗יב שְׁלֹשָׁה֙ טוּרִ֣ים גָּזִ֔ית
וְט֖וּר כְּרֻתֹ֣ת אֲרָזִ֑ים וְלַחֲצַ֧ר בֵּית־יְהוָ֛ה הַפְּנִימִ֖ית וּלְאֻלָ֥ם
13 הַבָּֽיִת׃ וַיִּשְׁלַח֙ הַמֶּ֣לֶךְ שְׁלֹמֹ֔ה וַיִּקַּ֥ח אֶת־חִירָ֖ם
14 מִצֹּֽר׃ בֶּן־אִשָּׁה֩ אַלְמָנָ֨ה ה֜וּא מִמַּטֵּ֣ה נַפְתָּלִ֗י וְאָבִ֣יו אִישׁ־
צֹרִי֮ חֹרֵ֣שׁ נְחֹשֶׁת֒ וַיִּמָּלֵ֞א אֶת־הַחָכְמָ֣ה וְאֶת־הַתְּבוּנָ֗ה
וְאֶת־הַדַּ֙עַת֙ לַעֲשׂ֥וֹת כָּל־מְלָאכָ֖ה בַּנְּחֹ֑שֶׁת וַיָּבוֹא֙ אֶל־
טו הַמֶּ֣לֶךְ שְׁלֹמֹ֔ה וַיַּ֖עַשׂ אֶת־כָּל־מְלַאכְתּֽוֹ׃ וַיָּ֛צַר אֶת־שְׁנֵ֥י
הָעַמּוּדִ֖ים נְחֹ֑שֶׁת שְׁמֹנֶ֨ה עֶשְׂרֵ֜ה אַמָּ֗ה קוֹמַת֙ הָעַמּ֣וּד
הָאֶחָ֔ד וְחוּט֙ שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵ֣ה אַמָּ֔ה יָסֹ֖ב אֶת־הָעַמּ֥וּד הַשֵּׁנִֽי׃
16 וּשְׁתֵּ֨י כֹתָרֹ֜ת עָשָׂ֗ה לָתֵ֛ת עַל־רָאשֵׁ֥י הָעַמּוּדִ֖ים מֻצַ֣ק
נְחֹ֑שֶׁת חָמֵ֣שׁ אַמּ֗וֹת קוֹמַת֙ הַכֹּתֶ֣רֶת הָאֶחָ֔ת וְחָמֵ֣שׁ אַמּ֔וֹת
17 קוֹמַ֖ת הַכֹּתֶ֥רֶת הַשֵּׁנִֽית׃ שְׂבָכִ֞ים מַעֲשֵׂ֣ה שְׂבָכָ֗ה גְּדִלִים֙
מַעֲשֵׂ֣ה שַׁרְשְׁר֔וֹת לַכֹּתָרֹ֕ת אֲשֶׁ֖ר עַל־רֹ֣אשׁ הָעַמּוּדִ֑ים שִׁבְעָה֙
18 לַכֹּתֶ֣רֶת הָאֶחָ֔ת וְשִׁבְעָ֖ה לַכֹּתֶ֥רֶת הַשֵּׁנִֽית׃ וַיַּ֖עַשׂ אֶת־
הָעַמּוּדִ֑ים וּשְׁנֵ֨י טוּרִ֜ים סָבִ֗יב עַל־הַשְּׂבָכָ֤ה הָאֶחָת֙ לְכַסּ֣וֹת
אֶת־הַכֹּתָרֹת֙ אֲשֶׁר֙ עַל־רֹ֣אשׁ הָרִמֹּנִ֔ים וְכֵ֣ן עָשָׂ֔ה לַכֹּתֶ֖רֶת
19 הַשֵּׁנִֽית׃ וְכֹֽתָרֹת֙ אֲשֶׁר֙ עַל־רֹ֣אשׁ הָעַמּוּדִ֔ים מַעֲשֵׂ֖ה שׁוּשַׁ֑ן
כ בָּֽאוּלָ֖ם אַרְבַּ֥ע אַמּֽוֹת׃ וְכֹתָרֹ֗ת עַל־שְׁנֵי֙ הָעַמּוּדִ֔ים גַּם־
מִמַּ֙עַל֙ מִלְּעֻמַּ֣ת הַבֶּ֔טֶן אֲשֶׁ֖ר לְעֵ֣בֶר ׳שְׂבָכָ֑ה וְהָרִמּוֹנִ֣ים
21 מָאתַ֔יִם טֻרִ֣ים סָבִ֔יב עַ֖ל הַכֹּתֶ֥רֶת הַשֵּׁנִֽית׃ וַיָּ֙קֶם֙ אֶת־
הָעַמֻּדִ֔ים לְאֻלָ֖ם הַהֵיכָ֑ל וַיָּ֜קֶם אֶת־הָעַמּ֣וּד הַיְמָנִ֗י וַיִּקְרָ֤א
אֶת־שְׁמוֹ֙ יָכִ֔ין וַיָּ֙קֶם֙ אֶת־הָעַמּ֣וּד הַשְּׂמָאלִ֔י וַיִּקְרָ֥א אֶת־

שמו

v. 13. הפטרת ויקהל כמנהג ספרדים  v. 18. קמץ ברביע  v. 20. השבכה ק׳

דעם זעלבען הויז האָט ער געמאַכט אויך אַ צימער פאַר פרעה'ס טאָכ־
טער (וועלכע שלמה האָט געהייראַטה).

9 אַלעם פון שווערע שטיינער אַרומגעהאַקט מיט אַ מאָס, גלאַט־געפּיילט
מיט פּיילען פון אינווייניג און אויסוויינינג, פון פונדאַמענט ביז'ן דאַך,
און פון אויסווייניג ביז'ן גרויסען הויף.

10 דער פונדאַמענט איז געלעגט געווען פון גרויסע שווערע שטיינער, צעהענ־
איילינגע און אַכט־איילינגע שטיינער.

11 אויף די שווערע שטיינער זיינען געווען נאָכ'ן מאָס אַרומגעהאַקטע שטיי־
נער און צעדער־האָלץ.

12 און אַ גרויסער הויף, דריי רייהען געהאַקטע שטיינער און איין רייהע
צעדער־ברעטער אַרום, אויך אַרום דעם אינערליכען הויף פון גאָט'ס
הויז, און דאָס בעצימערטע הויז.

13 דאַן האָט קעניג שלמה געשיקט און געבראַכט חירם'ן פון צר,

14 אַ זוהן פון אַ וויטווע, ער און זיין פאַטער זיינען געווען צרי'ער,
פונ'ם שטאַם נפתלי'ס, אַ קופּערשמידט, ער האָט געהאַט גענוג קלוגהייט
פערשטאַנד און וויסענשאַפט צו טהאָן אַלערליי אַרבייט אין קופּער;
ער איז געקומען צום קעניג שלמה און געטהאָן אַלע אַרבייט.

15 ער האָט די פאָרם געמאַכט פון צוויי קופּערנע זיילען, אַכטצעהן איילען
די הויך פון אַ זייל, און אַ שנור פון צוועלף איילען האָט איהם
אַרומגערינגעלט, אויך דעם צווייטען זייל.

16 אויך צוויי קאַרניזען האָט ער געמאַכט אַרויפצולעגען אויף די שפּיצען
פון די זיילען, פון קופּער געגאָסען, פינף איילען די הויך פון איין קאַרניז
און פינף איילען די הויך פון אַנדער קאַרניז.

17 נעצען (נעץ־אַרבייט) געפלאָכטענע, געמאַכט ווי קייטלאַך אויף די
קאַרניזען וואָס אויף די שפּיץ־זיילען — זיעבען פאַר איין קאַרניז און
זיעבען פאַר'ן צווייטען.

18 ער האָט געמאַכט די זיילען מיט צוויי ציילען פון גראַנאַטעפּעל אַרום
אויף איין נעץ צו בעדעקען דעם קאַרניז וואָס אויפ'ן שפּיץ, דאָס זעלבע
האָט ער געמאַכט צום צווייטען קראַניז.

19 די ליליענפאָרמיגע קרוינען וואָס אויפ'ן שפּיץ פון די זיילען האָבען פער־
נומען אין צימער פיער איילען.

20 אויף די צוויי זיילען זיינען געווען קרוינען אויך עטוואָס העכער פון די־
קען אָרט צום נעץ־צו; צוויי הונדערט גראַנאַטעפּעל אין רייהען אַרום אי־
בער'ן צווייטען קרוין.

21 ער האָט אווקגעשטעלט די זיילען פון טעמפּעל־צימער, דעם רעכטען
זייל וואָס ער האָט אווקגעשטעלט האָט ער גערופען יכין, דעם לינקען
זייל וואָס ער האָט אווקגעשטעלט האָט ער גערופען בעז.

שְׁמוֹ בֹּעַז׃ וְעַל רֹאשׁ הָעַמּוּדִים מַעֲשֵׂה שׁוֹשָׁן וַתִּתֹּם 22
מְלֶאכֶת הָעַמּוּדִים׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַיָּם מוּצָק עֶשֶׂר 23
בָּאַמָּה מִשְּׂפָתוֹ עַד־שְׂפָתוֹ עָגֹל ׀ סָבִיב וְחָמֵשׁ בָּאַמָּה
קוֹמָתוֹ וְקָוֹה שְׁלֹשִׁים בָּאַמָּה יָסֹב אֹתוֹ סָבִיב׃ וּפְקָעִים 24
מִתַּחַת לִשְׂפָתוֹ ׀ סָבִיב סֹבְבִים אֹתוֹ עֶשֶׂר בָּאַמָּה מַקִּפִים
אֶת־הַיָּם סָבִיב שְׁנֵי טוּרִים הַפְּקָעִים יְצֻקִים בִּיצֻקָתוֹ׃
עֹמֵד עַל־שְׁנֵי עָשָׂר בָּקָר שְׁלֹשָׁה פֹנִים ׀ צָפוֹנָה וּשְׁלֹשָׁה כה
פֹנִים יָמָּה וּשְׁלֹשָׁה ׀ פֹּנִים נֶגְבָּה וּשְׁלֹשָׁה פֹּנִים מִזְרָחָה
וְהַיָּם עֲלֵיהֶם מִלְמָעְלָה וְכָל־אֲחֹרֵיהֶם בָּיְתָה׃ וְעָבְיוֹ טֶפַח 26
וּשְׂפָתוֹ כְּמַעֲשֵׂה שְׂפַת־כּוֹס פֶּרַח שׁוֹשָׁן אַלְפַּיִם בַּת יָכִיל׃
וַיַּעַשׂ אֶת־הַמְּכֹנוֹת עֶשֶׂר נְחֹשֶׁת אַרְבַּע בָּאַמָּה 27
אֹרֶךְ הַמְּכוֹנָה הָאֶחָת וְאַרְבַּע בָּאַמָּה רָחְבָּהּ וְשָׁלֹשׁ בָּאַמָּה
קוֹמָתָהּ׃ וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּכוֹנָה מִסְגְּרֹת לָהֶם וּמִסְגְּרֹת 28
בֵּין הַשְׁלַבִּים׃ וְעַל־הַמִּסְגְּרוֹת אֲשֶׁר ׀ בֵּין הַשְׁלַבִּים אֲרָיוֹת ׀ 29
בָּקָר וּכְרוּבִים וְעַל־הַשְׁלַבִּים כֵּן מִמָּעַל וּמִתַּחַת לַאֲרָיוֹת
וְלַבָּקָר לֹיוֹת מַעֲשֵׂה מוֹרָד׃ וְאַרְבָּעָה אוֹפַנֵּי נְחֹשֶׁת ל
לַמְּכוֹנָה הָאַחַת וְסַרְנֵי נְחֹשֶׁת וְאַרְבָּעָה פַעֲמֹתָיו כְּתֵפֹת
לָהֶם מִתַּחַת לַכִּיֹּר הַכְּתֵפוֹת יְצֻקוֹת מֵעֵבֶר אִישׁ לֹיוֹת׃
וּפִיהוּ מִבֵּית לַכֹּתֶרֶת וָמַעְלָה בָּאַמָּה וּפִיהָ עָגֹל מַעֲשֵׂה־ 31
כֵן אַמָּה וַחֲצִי הָאַמָּה וְגַם־עַל־פִּיהָ מִקְלָעוֹת וּמִסְגְּרֹתֵיהֶם
מְרֻבָּעוֹת לֹא־עֲגֻלּוֹת׃ וְאַרְבַּעַת הָאוֹפַנִּים לְמִתַּחַת 32
לַמִּסְגְּרוֹת וִידוֹת הָאוֹפַנִּים בַּמְּכוֹנָה וְקוֹמַת הָאוֹפַן הָאֶחָד
אַמָּה וַחֲצִי הָאַמָּה׃ וּמַעֲשֵׂה הָאוֹפַנִּים כְּמַעֲשֵׂה אוֹפַן 33
הַמֶּרְכָּבָה יְדוֹתָם וְגַבֵּיהֶם וְחִשֻּׁקֵיהֶם וְחִשֻּׁרֵיהֶם הַכֹּל מוּצָק׃
וְאַרְבַּע כְּתֵפוֹת אֶל אַרְבַּע פִּנּוֹת הַמְּכֹנָה הָאֶחָת מִן־ 34
הַמְּכֹנָה כְּתֵפֶיהָ׃ וּבְרֹאשׁ הַמְּכוֹנָה חֲצִי הָאַמָּה קוֹמָה לה
עָגֹל סָבִיב וְעַל רֹאשׁ הַמְּכֹנָה יְדֹתֶיהָ וּמִסְגְּרֹתֶיהָ מִמֶּנָּה׃

וַיְפַתַּח

v. 22 כצ״ל   v. 23 וקו קרי   v. 26 כצ״ל   ibid. ע״כ

22 איבער די שפּיצען פון די זיילען איז געווען ליליענפאָרמיגע בעפּוצונג; אַז די אַרבייט פון די זיילען איז פאַרטיג געוואָרען,

23 האָט ער געמאַכט דעם שטעהענדיגען קובעל צעהען איילען פון ברעג צו ברעג רונד אַרום, און פינף איילען די הויך; אַ שנור פון דרייסיג איילען האָט איהם אַרומגערינגעלט.

24 אונטער זיין ראַנד זיינען געווען קנוילען, ריינגס אַרום, צו צעהען אין אַן אייל רינגס אַרום דעם קובעל. צוויי רייהען קנוילען זיינען געווען אויס־געגאָסען פון די זעלביגע גוס.

25 ער איז געשטאַנען אויף צוועלף רינדער: דריי געווענדעט צו צפון, דריי געווענדעט צו מערב, דריי צו דרום און דריי צו מזרח, פון אויבען אויף זיי איז געשטאַנען דער קובעל, זייערע הינטענס זיינען געווען איינ־וויניג.

26 דיק איז ער געווען איין טפח, זיין זוים איז געווען ווי פון אַ בעכער, אַ ליליענבלום; צוויי טויזענד בת האָט ער געהאַלטען.

27 ער האָט אויך געמאַכט צעהען געשטעלען פון קופּער; פיער איילען די לענג פון יעדער געשטעל, פיער איילען די ברייט און דריי איילען די הויך.

28 די אַרבייט פון יעדער געשטעל איז אַזוי געווען: זיי האָבען געהאַט לייסטען, די לייסטען זיינען געווען צווישען די שטאַפּלען.

29 אויף די לייסטען וואָס צווישען די שטאַפּלען זיינען געווען פיגורען פון לייבען, רינדער און פויגלען; דאָס זעלביגע אויך העכער, איבער די שטאַפּלען. אונטער די לייבען און די רינדער זיינען אַראָבגעהאַנגען קראַנצען.

30 יעדער געשטעל האָט געהאַט פיער קופּערנע רעדער מיט קופּערנע אַקסען, אויף די פיער ווינקלען האָבען זיי געהאַט שפּיצען. פון אונטער דעם בעקען זיינען די שפּיצען אויסגעגאָסען געווען, און נעבען יעדער זייט קראַנצען.

31 אַן עפנונג איז געווען פון אינוויינינג, אַן אייל העכער פאַר'ן קרוין, די עפנונג איז אַ רונדע געווען, ווי עס ווערט געמאַכט אַ געשטעל, אַן אייל מיט אַ האַלב; אויך אויף די עפנונג זיינען געווען בעפּוצונגען און פיערעקיגע לייסטען — ניט קייילעכדיגע.

32 די פיער רעדער זיינען געווען אונטער די לייסטען, די אַקסען פון די רעדער — אין געשטעל. דער דיאַמעטער פון יעדער ראָד איז געווען אַן אייל און אַ האַלב.

33 די רעדער זיינען געמאַכט געווען ווי וואַגען־רעדער, זייערע שפּיצען, נאַבען, רייפען און שיענען — אַלץ געגאָסען.

34 פיער ראַנדען זיינען געווען אויף די פיער ווינקלען פון יעדער געשטעל; פון געשטעל זיינען אַרויס די ראַנדען.

35 אויפ'ן שפּיץ פון געשטעל איז געווען אַ רונדער קאַרניז, אויך איהרע צאַפּען און לייסטען זיינען אַרויסגעקומען אויפ'ן שפּיץ געשטעל.

36 וַיְפַתַּח עַל־הַלֻּחֹת יְדֹתֶיהָ וְעַל וּמִסְגְּרֹתֶיהָ כְּרוּבִים
37 אֲרָיוֹת וְתִמֹרֹת כְּמַעַר־אִישׁ וְלֹיוֹת סָבִיב׃ כָּזֹאת עָשָׂה
אֵת עֶשֶׂר הַמְּכֹנוֹת מוּצָק אֶחָד מִדָּה אַחַת קֶצֶב אֶחָד
38 לְכֻלָּהְנָה׃ וַיַּעַשׂ עֲשָׂרָה כִיֹּרוֹת נְחֹשֶׁת אַרְבָּעִים
בַּת יָכִיל ׀ הַכִּיּוֹר הָאֶחָד אַרְבַּע בָּאַמָּה הַכִּיּוֹר הָאֶחָד
39 כִּיּוֹר אֶחָד עַל־הַמְּכוֹנָה הָאַחַת לְעֶשֶׂר הַמְּכֹנוֹת׃ וַיִּתֵּן
אֶת־הַמְּכֹנוֹת חָמֵשׁ עַל־כֶּתֶף הַבַּיִת מִיָּמִין וְחָמֵשׁ עַל־
כֶּתֶף הַבַּיִת מִשְּׂמֹאלוֹ וְאֶת־הַיָּם נָתַן מִכֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית
מ קֵדְמָה מִמּוּל נֶגֶב׃ * וַיַּעַשׂ חִירוֹם אֶת־הַכִּיֹּרוֹת
וְאֶת־הַיָּעִים וְאֶת־הַמִּזְרָקוֹת וַיְכַל חִירָם לַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־
41 הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר עָשָׂה לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בֵּית יְהוָה׃ עַמֻּדִים
שְׁנַיִם וְגֻלֹּת הַכֹּתָרֹת אֲשֶׁר־עַל־רֹאשׁ הָעַמֻּדִים שְׁתָּיִם
וְהַשְּׂבָכוֹת שְׁתַּיִם לְכַסּוֹת אֶת־שְׁתֵּי גֻּלֹּת הַכֹּתָרֹת אֲשֶׁר
42 עַל־רֹאשׁ הָעַמּוּדִים׃ וְאֶת־הָרִמֹּנִים אַרְבַּע מֵאוֹת לִשְׁתֵּי
הַשְּׂבָכוֹת שְׁנֵי־טוּרִים רִמֹּנִים לַשְּׂבָכָה הָאֶחָת לְכַסּוֹת אֶת־
43 שְׁתֵּי גֻּלֹּת הַכֹּתָרֹת אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָעַמּוּדִים׃ וְאֶת־הַמְּכֹנוֹת
44 עֶשֶׂר וְאֶת־הַכִּיֹּרֹת עֲשָׂרָה עַל־הַמְּכֹנוֹת׃ וְאֶת־הַיָּם הָאֶחָד
מה וְאֶת־הַבָּקָר שְׁנֵים־עָשָׂר תַּחַת הַיָּם׃ וְאֶת־הַסִּירוֹת וְאֶת־
הַיָּעִים וְאֶת־הַמִּזְרָקוֹת וְאֵת כָּל־הַכֵּלִים הָאֹהֶל אֲשֶׁר עָשָׂה
46 חִירָם לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בֵּית יְהוָה נְחֹשֶׁת מְמֹרָט׃ בְּכִכַּר
הַיַּרְדֵּן יְצָקָם הַמֶּלֶךְ בְּמַעֲבֵה הָאֲדָמָה בֵּין סֻכּוֹת וּבֵין
47 צָרְתָן׃ וַיַּנַּח שְׁלֹמֹה אֶת־כָּל־הַכֵּלִים מֵרֹב מְאֹד מְאֹד לֹא
48 נֶחְקַר מִשְׁקַל הַנְּחֹשֶׁת׃ וַיַּעַשׂ שְׁלֹמֹה אֵת כָּל־הַכֵּלִים
אֲשֶׁר בֵּית יְהוָה אֵת מִזְבַּח הַזָּהָב וְאֶת־הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר עָלָיו
49 לֶחֶם הַפָּנִים זָהָב׃ וְאֶת־הַמְּנֹרוֹת חָמֵשׁ מִיָּמִין וְחָמֵשׁ מִשְּׂמֹאול
לִפְנֵי הַדְּבִיר זָהָב סָגוּר וְהַפֶּרַח וְהַנֵּרֹת וְהַמֶּלְקַחַיִם זָהָב׃
נ וְהַסִּפּוֹת וְהַמְזַמְּרוֹת וְהַמִּזְרָקוֹת וְהַכַּפּוֹת וְהַמַּחְתּוֹת זָהָב

סגור

v. 36. מסגרתיה קרי    v. 40 הפטרת ויקהל כמנהג אשכנזים והיא הפטרת פקודי כפי הספרדים    v. 45 האלה קרי

36 אויף די פלאכהייט פון די אקסען און לייסטען האט מען אויסגעקריצט פויגעל־בילדער, לייבען און פאלמען ; יעדער פיגור טיעף איינגעשני־טען מיט א קראנץ ארום.

37 אזוי האט ער געמאכט די צעהען געשטעלען, פון איין שטיק געגאסען, איין מאס און די זעלביגע אויסטאקונג פאר אלע.

38 ער האט אויך געמאכט צעהען קופערנע וואשבעקענס, פערציג בת האט געהאלטען יעדער וואשבעקען, פיער איילען יעדער וואשבעקען ; יע־דער פון די צעהען וואשבעקענס איז געשטאנען אויף א געשטעל.

39 פינף געשטעלען האט ער אוועקגעשטעלט אין רעכטען זייט פון הויז און פינף — אין לינקען זייט פון הויז, דעם ים האט ער אוועקגעשטעלט אין מזרח פון רעכטען זייט הויז, דרום־צו.

40 חירום האט אויך געמאכט די טעפ, די שופלען און די בעקענס ; ער האט אויך פארטיג געמאכט די גאנצע ארבייט וואס שלמה האט געהאט צו טהאן אין גאט'ס הויז.

41 צוויי זיילען און צוויי רונדע קארניזען אויף די שפיץ זיילען, אויך צוויי נעצען צו פארדעקען די צוויי רונדע קארניזען וואס אויף די שפיץ זיילען.

42 אויך די פיער הונדערט גראנאטעפעל אויף די צוויי נעצען — צוויי ריי־הען גראנאטעפעל אויף יעדער נעץ וועלכע פארדעקען די צוויי רונדע קארניזען וואס אויף די זיילען.

43 ער האט אויך געמאכט די צעהען געשטעלען און די צעהען וואשבעקענס וואס אויף די געשטעלען.

44 דעם איין באסיין און די צוועלף רינדער־פיגורען וואס אונטער'ן באסיין.

45 אויך די טעפ, די שופלען, די בעקענס און אלע געשיר פון געצעלט, וואס חירם האט געמאכט פאר'ן קעניג שלמה — פאר גאט'ס הויז — פון גלאנציגע קופער.

46 אין געגענד פון ירדן האט עס שלמה געלאזען גיסען, אין געדיכטע ערד, צווישען סכות און צרתן.

47 דאן האט שלמה אבגעלייגט די אלע כלים, עס האט אזוי פיעל געוועגען אז מ'האט ניט געקענט אויסגעפינען דעם געוויכט.

48 נאכהער האט שלמה געלאזען מאכען אלע כלים פאר גאט'ס הויז : דעם גאלדענעם מזבח, דעם גאלדענעם טיש, אויף וועלכען עס איז געלעגען די אנגעזועהענע ברויט.

49 אויך די לייכטער — פינף אין רעכטען זייט און פינף אין לינקען זייט — ביי'ן אריינגאנג, פון ריינעם גאלד ; אויך די ליכט־האלטערס, די רעה־רען און די קנויט־שערען פון גאלד.

50 אויף די בעקענס, מעסערס, שיסלען, לעפלען און פאנען — פון גר־

סָגוּר וְהַפֹּתוֹת לְדַלְתוֹת הַבַּיִת הַפְּנִימִי לְקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים
51 לְדַלְתֵי הַבַּיִת לַהֵיכָל זָהָב׃ וַתִּשְׁלַם כָּל־הַמְּלָאכָה
אֲשֶׁר עָשָׂה הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בֵּית יְהוָה וַיָּבֵא שְׁלֹמֹה אֶת־
קָדְשֵׁי ׀ דָּוִד אָבִיו אֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַכֵּלִים נָתַן
בְּאֹצְרוֹת בֵּית יְהוָה׃

## ח Cap. VIII. ח

א אָז יַקְהֵל שְׁלֹמֹה אֶת־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶת־כָּל־רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת
נְשִׂיאֵי הָאָבוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה יְרוּשָׁלָם
לְהַעֲלוֹת אֶת־אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה מֵעִיר דָּוִד הִיא צִיּוֹן׃
2 וַיִּקָּהֲלוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל בְּיֶרַח
3 הָאֵתָנִים בֶּחָג הוּא הַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי׃ וַיָּבֹאוּ כֹּל זִקְנֵי
4 יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׂאוּ הַכֹּהֲנִים אֶת־הָאָרוֹן׃ וַיַּעֲלוּ אֶת־אֲרוֹן יְהוָה
וְאֶת־אֹהֶל מוֹעֵד וְאֶת־כָּל־כְּלֵי הַקֹּדֶשׁ אֲשֶׁר בָּאֹהֶל וַיַּעֲלוּ
ה אֹתָם הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם׃ וְהַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וְכָל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל
הַנּוֹעָדִים עָלָיו אִתּוֹ לִפְנֵי הָאָרוֹן מְזַבְּחִים צֹאן וּבָקָר
6 אֲשֶׁר לֹא־יִסָּפְרוּ וְלֹא יִמָּנוּ מֵרֹב׃ וַיָּבִאוּ הַכֹּהֲנִים אֶת־
אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה אֶל־מְקוֹמוֹ אֶל־דְּבִיר הַבַּיִת אֶל־קֹדֶשׁ
7 הַקֳּדָשִׁים אֶל־תַּחַת כַּנְפֵי הַכְּרוּבִים׃ כִּי הַכְּרוּבִים פֹּרְשִׂים
כְּנָפַיִם אֶל־מְקוֹם הָאָרוֹן וַיָּסֹכּוּ הַכְּרֻבִים עַל־הָאָרוֹן וְעַל־
8 בַּדָּיו מִלְמָעְלָה׃ וַיַּאֲרִכוּ הַבַּדִּים וַיֵּרָאוּ רָאשֵׁי הַבַּדִּים
מִן־הַקֹּדֶשׁ עַל־פְּנֵי הַדְּבִיר וְלֹא יֵרָאוּ הַחוּצָה וַיִּהְיוּ שָׁם
9 עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ אֵין בָּאָרוֹן רַק שְׁנֵי לֻחוֹת הָאֲבָנִים אֲשֶׁר
הִנִּחַ שָׁם מֹשֶׁה בְּחֹרֵב אֲשֶׁר כָּרַת יְהוָה עִם־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
י בְּצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיְהִי בְּצֵאת הַכֹּהֲנִים מִן־הַקֹּדֶשׁ
11 וְהֶעָנָן מָלֵא אֶת־בֵּית יְהוָה׃ וְלֹא־יָכְלוּ הַכֹּהֲנִים לַעֲמֹד
לְשָׁרֵת מִפְּנֵי הֶעָנָן כִּי־מָלֵא כְבוֹד־יְהוָה אֶת־בֵּית יְהוָה׃
12 13 אָז אָמַר שְׁלֹמֹה יְהוָה אָמַר לִשְׁכֹּן בָּעֲרָפֶל׃ בָּנֹה

בָּנִיתִי

ז v. 50. ע״כ v. 51. הפטרת פקודי כמנהג אשכנזים
ח v. 1 ב״א את־ v. 2. הפטרת יום שני של סוכות

טען גאָלד ; אויך די הענטלאַך צו די טיהרען פון אינערליכען צימער (דער אַללערהייליגסטער) אויך צו די טיהרען פון טעמפּעל צימער, זיינען געווען פון גאָלד.

51 דערמיט איז פאַרטיג געוואָרען די גאַנצע אַרבייט, וואָס קעניג שלמה האָט געמאַכט אין גאָט׳ס הויז ; דאַן האָט שלמה אַריינגעבראַכט די הייליגטהימער פון זיין פאָטער דוד, די זילבער און גאָלד אויך די גאַנצע געשיר האָט ער אַריינגעשטעלט אין זאַמלונגס-צימער פון גאָט׳ס הויז.

## קאַפּיטעל ח

1 דאַן האָט שלמה פערזאַמעלט אַלע עלטסטע פון ישראל, אַלע שטאַמען פאָרשטעהער אויך די פאַמיליען פאָרשטעהער פון די קינדער ישראל, צום קעניג שלמה, אין ירושלים ; אום אַריבערצוברייננגען דעם קאַסטען מיט גאָט׳ס בונד פון דוד׳ס שטאָדט, ד. ה. ציון.

2 אַלע מענער פון ישראל האָבען זיך פערזאַמעלט צום קעניג שלמה אין פייערטאָג וואָס אין מאָנאַט איתנים, ד. ה. דער זיעבענטער מאָנאַט.

3 אַז אַלע עלטסטע פון ישראל זיינען צוזאַמענגעקומען האָבען די כהנים אויפגעהויבען דעם קאַסטען,

4 זיי האָבען מיט גאָט׳ס ארון געבראַכט אויך דעם פערזאַמלונג געצעלט מיט אַלע הייליגע כלים פון געצעלט, דאָס האָבען געטראָגען די כהנים אויך די לוים.

5 דער קעניג שלמה און די גאַנצע געמיינדע ישראל וואָס האָבען זיך צו איהם פערזאַמעלט האָבען געאָפּפערט אַזוי פיעל שעפּסען און רינדער אַז מ׳האָט ניט געקענט איבערצעהלען און בערעכנען.

6 די כהנים האָבען אַריינגעבראַכט דעם קאַסטען פון גאָט׳ס בונד אויף זיין אָרט — פון איינגאַנג-צימער צום אַללערהייליגסטען, אונטער די פליגעלען פון די פויגעל-סטאַטוען ;

7 ווארים די פויגעל-סטאַטוען האָבען אויסגעשפּרייט די פליגלען איבער׳ן אָרט פון קאַסטען, און די פויגעל-סטאַטוען האָבען פון אויבען אַריבערגעדעקט דעם קאַסטען און זיינע טראַג-שטאַנגען.

8 די טראַג-שטאַנגען זיינען אַזוי לאַנג געווען אַז די שפּיצען פון די שטאַנגען האָבען אַרויסגעשטעקט פון הייליגען צימער איבער׳ן איינגאַנג-צימער, זיי האָבען אָבער ניט אַרויסגעשטעקט אַרויס [פון איינגאַנג-צימער] ; זיי זיינען דאָרטען פאַרבליבען ביז יעצט.

9 אין קאַסטען איז קיין זאַך ניט געווען אויסער די צוויי שטיינערנע טאָפּלען, וועלכע משה האָט דאָרט אַוועקגעלייגט אין חרב, מיט וועלכע גאָט האָט זיין בונד געשלאָסען מיט די קינדער ישראל אין זייער אַרויסגעהן פון מצרים.

10 ווי נאָר די כהנים זיינען אַרויס פון הייליגען צימער האָט אַ וואָלקען פול געמאַכט גאָט׳ס הויז,

11 און די כהנים האָבען ניט געקענט איינשטעהן ביי׳ן דיענסט איבער׳ן וואָלקען, ווארים גאָט׳ס הויז איז פול געוואָרען מיט גאָט׳ס עהרע.

12 דאַן האָט שלמה געזאָגט : „גאָט האָט בעשלאָסען צו וואוינען אין׳ם וואָלקען —

14 בָּנֹה בָנִיתִי בֵּית זְבֻל לָךְ מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ עוֹלָמִים׃ וַיַּסֵּב הַמֶּלֶךְ
אֶת־פָּנָיו וַיְבָרֶךְ אֵת כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל וְכָל־קְהַל יִשְׂרָאֵל
טו עֹמֵד׃ וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּפִיו
16 אֵת דָּוִד אָבִי וּבְיָדוֹ מִלֵּא לֵאמֹר׃ מִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי
אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם לֹא־בָחַרְתִּי בְעִיר מִכֹּל שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל לִבְנוֹת בַּיִת לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם וָאֶבְחַר בְּדָוִד לִהְיוֹת
17 עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי עִם־לְבַב דָּוִד אָבִי לִבְנוֹת בַּיִת
18 לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־דָּוִד אָבִי יַעַן
אֲשֶׁר הָיָה עִם־לְבָבְךָ לִבְנוֹת בַּיִת לִשְׁמִי הֱטִיבֹתָ כִּי הָיָה
19 עִם־לְבָבֶךָ׃ רַק אַתָּה לֹא תִבְנֶה הַבָּיִת כִּי אִם־בִּנְךָ הַיֹּצֵא
כ מֵחֲלָצֶיךָ הוּא־יִבְנֶה הַבַּיִת לִשְׁמִי׃ וַיָּקֶם יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ
אֲשֶׁר דִּבֵּר וָאָקֻם תַּחַת דָּוִד אָבִי וָאֵשֵׁב ׀ עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה וָאֶבְנֶה הַבַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃
21 וָאָשִׂם שָׁם מָקוֹם לָאָרוֹן אֲשֶׁר־שָׁם בְּרִית יְהוָה אֲשֶׁר
כָּרַת עִם־אֲבֹתֵינוּ בְּהוֹצִיאוֹ אֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ *
22 וַיַּעֲמֹד שְׁלֹמֹה לִפְנֵי מִזְבַּח יְהוָה נֶגֶד כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל
23 וַיִּפְרֹשׂ כַּפָּיו הַשָּׁמָיִם׃ וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֵין־
כָּמוֹךָ אֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל־הָאָרֶץ מִתָּחַת שֹׁמֵר
הַבְּרִית וְהַחֶסֶד לַעֲבָדֶיךָ הַהֹלְכִים לְפָנֶיךָ בְּכָל־לִבָּם׃
24 אֲשֶׁר שָׁמַרְתָּ לְעַבְדְּךָ דָּוִד אָבִי אֵת אֲשֶׁר־דִּבַּרְתָּ לוֹ
כה וַתְּדַבֵּר בְּפִיךָ וּבְיָדְךָ מִלֵּאתָ כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְעַתָּה יְהוָה ׀
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שְׁמֹר לְעַבְדְּךָ דָוִד אָבִי אֵת אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ
לּוֹ לֵאמֹר לֹא־יִכָּרֵת לְךָ אִישׁ מִלְּפָנַי יֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא
יִשְׂרָאֵל רַק אִם־יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ אֶת־דַּרְכָּם לָלֶכֶת לְפָנַי
26 כַּאֲשֶׁר הָלַכְתָּ לְפָנָי׃ וְעַתָּה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יֵאָמֶן נָא
27 דְּבָרְיךָ אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ לְעַבְדְּךָ דָּוִד אָבִי׃ כִּי הַאֻמְנָם יֵשֵׁב
אֱלֹהִים עַל־הָאָרֶץ הִנֵּה הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם לֹא יְכַלְכְּלוּךָ

אף

v. 21. ע״כ v. 26. דבּך קרי

13 אבער איך האָב אויסגעבויט אַ וואוינונג פאר דיר, אַן אָרט וואו דו זאָלסטו אייביג וואוינען.״

14 נאָכהער האָט דער קעניג אַ קעהר געטהאָן זיין געזיכט און געבענשט דאָס גאַנצע פערזאמלונג פון ישראל — אַלע פערזאמעלטע פון ישראל זיינען געשטאַנען —

15 און ער האָט געזאָגט: „געלויבט איז גאָט פון ישראל, וועלכער האָט פערשפּראָכען מיין פאטער דוד (און יעצט דורכגעפיהרט דאָס) זאָגענדיג:

16 זינט איך האָב מיין פאָלק אַרויסגענומען פון מצרים האָב איך ניט אויסגעקליבען קיין שטאָדט פון אלע שטאַמען ישראל׳ס, דאָרט אַ הויז צו בויען וואו מיין נאָמען זאָל זיין, ביז איך האָב ערוועהלט דוד׳ן רעגירער צו זיין איבער מיין פאָלק ישראל,

17 און מיין פאטער דוד האָט געהאַט בעשלאָסען צו בויען אַ הויז פאר׳ן נאָמען פון גאָט פון ישראל,

18 נאָר גאָט האָט געזאָגט צו מיין פאטער דוד: „דאָס וואָס דו האָסט אין דיין הארצען געהאַט אַ הויז צו בויען פאַר מיין נאָמען, איז אַ גוטער געדאנק געוועזן;

19 נאָר דו וועסט דאָס הויז ניט בויען — דיין זוהן, וואָס וועט ביי דיר געבוירען ווערען, ער וועט דאָס הויז בויען פאר מיין נאָמען,

20 און גאָט האָט וואָרט געהאַלטען ווי ער האָט פערשפּראָכען — אָט בין איך געקומען נאָך מיין פאטער דוד און איך זיץ אויפ׳ן טהראָן פון ישראל, ווי גאָט האָט גערעדט, און האָב אויסגעבויט דאָס הויז פאר דעם גאָט פון ישראל.

21 איך האָב דאָרט געמאַכט אַן אָרט פאר׳ן קאסטען, אין וועלכען עס איז גאָט׳ס בונד, וואָס ער האָט אָבגעמאַכט מיט אונזערע עלטערן, אַרויסנעהמענדיג זיי פונ׳ם לאנד מצרים.״

22 דאן האָט זיך שלמה געשטעלט פאר גאָט׳ס מזבח, קעגען די גאַנצע פערזאמלונג פון ישראל, ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענד צום הימעל

23 און געזאָגט: „אָ, גאָט פון ישראל! עס איז ניטאָ דיין גלייכען קיין גאָט אינ׳ם הימעל אויבען ווי אויף דער ערד אונטען; דו היטסט דעם אָבמאַך פון גנאדע פאר דיינע קנעכט וואָס געהען פאר דיר מיט׳ן גאנצען הארצען.

24 דו האָסט געהאַלטען דיין פערשפּרעכען וואָס דו האָסט דיין קנעכט, מיין פאטער דוד געגעבען, וואָס דו האָסט דאן גערעדט האָסטו ערפילט היינטיגען טאָג.

25 אלזאָ, גאָט פון ישראל, היט אויך פאר דיין קנעכט, מיין פאטער דוד וואָס דו האָסט איהם פערשפּראָכען, זאָגענדיג: עס וועט פון דיר ניט אויפהערן אַ מאַן וואָס וועט פון מיר זיצען אויפ׳ן טהראָן פון ישראל, נאָר אויב דיינע קינדער וועלען אָבהיטען זייער וועג אויפצופיהרען זיך קעגען מיר ווי דו האָסט זיך אויפגעפיהרט;

26 יעצט, אָ גאָט פון ישראל! זאָל ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען דיין פערשפּרעכען וואָס דו האָסט פערשפּראָכען דיין קנעכט מיין פאטער דוד —

27 ווארים ריכטיג גערעדט: קען דען גאָט וואוינען אויף דער ערד? אַז די הימלען און אָבער־הימלען קענען דיר ניט אויפהאלטען, זעלבסטפערשטענדיג דיעזע הויז וואָס איך האָב געבויט . . .

אַ֗ף כִּֽי־הַבַּ֥יִת הַזֶּ֖ה אֲשֶׁ֥ר בָּנִֽיתִי׃ וּפָנִ֨יתָ֜ אֶל־תְּפִלַּ֧ת עַבְדְּךָ֛ 28
וְאֶל־תְּחִנָּת֖וֹ יְהוָ֣ה אֱלֹהָ֑י לִשְׁמֹ֤עַ אֶל־הָֽרִנָּה֙ וְאֶל־הַתְּפִלָּ֔ה
אֲשֶׁ֨ר עַבְדְּךָ֜ מִתְפַּלֵּ֛ל לְפָנֶ֖יךָ הַיּֽוֹם׃ לִהְיוֹת֩ עֵינֶ֨ךָ פְתֻחֹ֜ת 29
אֶל־הַבַּ֤יִת הַזֶּה֙ לַ֣יְלָה וָי֔וֹם אֶל־הַ֨מָּק֔וֹם אֲשֶׁ֣ר אָמַ֔רְתָּ יִהְיֶ֥ה
שְׁמִ֖י שָׁ֑ם לִשְׁמֹ֙עַ֙ אֶל־הַתְּפִלָּ֔ה אֲשֶׁ֣ר יִתְפַּלֵּ֣ל עַבְדְּךָ֔ אֶל־
הַמָּק֖וֹם הַזֶּֽה׃ וְשָׁמַעְתָּ֞ אֶל־תְּחִנַּ֤ת עַבְדְּךָ֙ וְעַמְּךָ֣ יִשְׂרָאֵ֔ל ל
אֲשֶׁ֥ר יִֽתְפַּלְל֖וּ אֶל־הַמָּק֣וֹם הַזֶּ֑ה וְ֠אַתָּה תִּשְׁמַ֞ע אֶל־מְק֤וֹם
שִׁבְתְּךָ֙ אֶל־הַשָּׁמַ֔יִם וְשָׁמַעְתָּ֖ וְסָלָֽחְתָּ׃ אֵת֩ אֲשֶׁ֨ר יֶחֱטָ֥א 31
אִישׁ֙ לְרֵעֵ֔הוּ וְנָֽשָׁא־ב֥וֹ אָלָ֖ה לְהַֽאֲלֹת֑וֹ וּבָ֗א אָלָ֛ה לִפְנֵ֥י
מִזְבַּחֲךָ֖ בַּבַּ֥יִת הַזֶּֽה׃ וְאַתָּ֣ה ׀ תִּשְׁמַ֣ע הַשָּׁמַ֗יִם וְעָשִׂ֙יתָ֙ 32
וְשָׁפַטְתָּ֣ אֶת־עֲבָדֶ֔יךָ לְהַרְשִׁ֣יעַ רָשָׁ֔ע לָתֵ֥ת דַּרְכּ֖וֹ בְּרֹאשׁ֑וֹ
וּלְהַצְדִּ֣יק צַדִּ֔יק לָ֥תֶת ל֖וֹ כְּצִדְקָתֽוֹ׃ בְּהִנָּגֵ֛ף עַמְּךָ֥ 33
יִשְׂרָאֵ֖ל לִפְנֵ֣י אוֹיֵ֑ב אֲשֶׁ֥ר יֶחֶטְאוּ־לָ֖ךְ וְשָׁ֤בוּ אֵלֶ֙יךָ֙ וְהוֹד֣וּ
אֶת־שְׁמֶ֔ךָ וְהִֽתְפַּלְל֧וּ וְהִֽתְחַנְּנ֛וּ אֵלֶ֖יךָ בַּבַּ֥יִת הַזֶּֽה׃ וְאַתָּה֙ 34
תִּשְׁמַ֣ע הַשָּׁמַ֔יִם וְסָ֣לַחְתָּ֔ לְחַטַּ֖את עַמְּךָ֣ יִשְׂרָאֵ֑ל וַהֲשֵֽׁבֹתָם֙
אֶל־הָ֣אֲדָמָ֔ה אֲשֶׁ֥ר נָתַ֖תָּ לַאֲבוֹתָֽם׃ בְּהֵעָצֵ֥ר שָׁמַ֛יִם לה
וְלֹא־יִֽהְיֶ֥ה מָטָ֖ר כִּ֣י יֶחֶטְאוּ־לָ֑ךְ וְהִֽתְפַּלְל֞וּ אֶל־הַמָּק֤וֹם הַזֶּה֙
וְהוֹד֣וּ אֶת־שְׁמֶ֔ךָ וּמֵחַטָּאתָ֥ם יְשׁוּב֖וּן כִּ֥י תַעֲנֵֽם׃ וְאַתָּ֣ה ׀ 36
תִּשְׁמַ֣ע הַשָּׁמַ֗יִם וְֽסָלַחְתָּ֞ לְחַטַּ֤את עֲבָדֶ֙יךָ֙ וְעַמְּךָ֣ יִשְׂרָאֵ֔ל
כִּ֣י תוֹרֵ֔ם אֶת־הַדֶּ֥רֶךְ הַטּוֹבָ֖ה אֲשֶׁ֣ר יֵֽלְכוּ־בָ֑הּ וְנָתַתָּ֤ה מָטָר֙
עַל־אַרְצְךָ֔ אֲשֶׁר־נָתַ֥תָּה לְעַמְּךָ֖ לְנַחֲלָֽה׃ רָעָ֞ב כִּֽי־ 37
יִהְיֶ֣ה בָאָ֗רֶץ דֶּ֣בֶר כִּֽי־יִ֠הְיֶה שִׁדָּפ֨וֹן יֵרָק֜וֹן אַרְבֶּ֤ה חָסִיל֙ כִּ֣י
יִֽהְיֶ֔ה כִּ֧י יָֽצַר־ל֛וֹ אֹיְב֖וֹ בְּאֶ֣רֶץ שְׁעָרָ֑יו כָּל־נֶ֖גַע כָּֽל־מַחֲלָֽה׃
כָּל־תְּפִלָּ֣ה כָל־תְּחִנָּ֗ה אֲשֶׁ֤ר תִֽהְיֶה֙ לְכָל־הָ֣אָדָ֔ם לְכֹ֖ל עַמְּךָ֣ 38
יִשְׂרָאֵ֑ל אֲשֶׁ֣ר יֵדְע֗וּן אִ֚ישׁ נֶ֣גַע לְבָב֔וֹ וּפָרַ֥שׂ כַּפָּ֖יו אֶל־
הַבַּ֥יִת הַזֶּֽה׃ וְ֠אַתָּה תִּשְׁמַ֨ע הַשָּׁמַ֜יִם מְכ֤וֹן שִׁבְתֶּ֙ךָ֙ וְסָלַחְתָּ֣ 39
וְעָשִׂ֗יתָ וְנָתַתָּ֤ לָאִישׁ֙ כְּכָל־דְּרָכָ֔יו אֲשֶׁ֥ר תֵּדַ֖ע אֶת־לְבָב֑וֹ
כִּֽי־אַתָּ֤ה יָדַ֙עְתָּ֙ לְבַדְּךָ֔ אֶת־לְבַ֖ב כָּל־בְּנֵ֥י הָאָדָֽם׃ לְמַ֙עַן֙ מ

28 ווענדע זיך נאָר, אָ מיין גאָט ! צו דאָס געבעט און ביטטע פון דיין קנעכט, אום אויסצוהערען דאָס געזאַנג און געבעט וואָס דיין קנעכט בעט פאָר דיר היינט.

29 דיינע אויגען זאָלען אויף אָפען זיין איבער דיעזע הויז נאַכט און טאָג, אויף דעם אָרט וואָס דו האָסט געזאָגט „מיין נאָמען ווערט דאָרט זיין“, אום אויסצוהערען דאָס געבעט וואָס דיין קנעכט בעט אין דיעזען אָרט.

30 דו זאָלסט אימער אויסהערען די ביטטע פון דיין קנעכט און דיין פאָלק ישראל, ווען זיי וועלען בעטען אין דעם אָרט, דו זאָלסט עס הערען פון דיין וואוינונג אָרט (פון הימעל) — זאָלסט הערען און פערצייהען !

31 אויב איינער וועט אַ פערברעכען בעגעהן קעגען צווייטען און ער וועט איהם אויפפאָדערן צו שווערען און די בעשווערונג וועט פאָרקומען פאָר דיין מזבח אין דיעזע הויז,

32 זאָלסטו פון הימעל הערען און דורכפיהרען, דו זאָלסט אורטהיילען דיינע קנעכט — דעם שלעכטען שולדיג מאַכען און צאָהלען איהם נאָך זיין אויפפיהרונג, דעם עהרליכען גערעכט מאַכען און צאָהלען איהם נאָך זיין ריכטיגקייט.

33 ווען דיין פאָלק ישראל וועט פון פיינד געשלאָגען ווערען, ווייל זיי וועלען קעגען דיר פאַרברעכען, און זיי וועלען זיך צו דיר קעהרען, זיי וועלען אנערקענען דיין נאָמען און בעטען צו דיר אין דיעזע הויז,

34 זאָלסטו הערען פון הימעל און פערצייהען דעם פארברעכען פון דיין פאָלק ישראל, און זאָלסט זיי צוריק ברייננגען צו דאָס לאַנד וואָס דו האָסט געגעבען צו זייערע עלטערן.

35 אויב דער הימעל וועט פארהאַלטען זיין — עס וועט קיין רעגען זיין — ווייל זיי האָבען קעגען דיר פערבראָכען, און זיי וועלען בעטען צו דעם אָרט ; זיי וועלען אנערקענען דיין נאָמען און צוריק קעהרען זיך פון זייערע זינד, נאָכדעם ווי דו וועסט זיין אונטערדריקען,

36 זאָלסטו הערען פון הימעל און פערצייהען דעם פערברעכען פון דיינע קנעכט און דיין פאָלק ישראל, בעלעהרענדיג זיי די גוטע וועג אויף וועלכע זיי זאָלען געהן ; און זאָלסט רעגען געבען אויף דיין לאַנד וועלכע דו האָסט דיין פאָלק געגעבען אלס אַ בעזיץ.

37 אויב עס וועט זיין אַ הונגער אין לאַנד, אויב עס וועט זיין אַ פעסט, אַ קארענבראַנד, אַ פערגעלונג, אַ היישעריק אָדער אַ אפפרעסונג אויב עס וועט זיין, אויב זיין פיינד וועט איהם בעלאַגערן זיינע פעסטע שטעדט, אַ פלאָג אָדער אַ וועלכער עס־איז קראַנקהייט — — —

38 יעדער געבעט, יעדער ביטטע וואָס עס וועט האָבען יעדער איינציגער פון דיין גאַנצע פאָלק ישראל (יעדער פון זיי וויים דאָך זיין אינער־ליכען פלאָג !) און ער וועט אויסשפרייטען זיינע הענד צו דיעזע הויז,

39 זאָלסטו הערען פון הימעל, דיין וואוינונגס אָרט, און פערצייהען און בעזאָרגען ; גיב יעדערן נאָך זיין אויפפיהרונג, ווי דו געפינסט זיין הארץ [נאָר דו אַליין ווייסט דאָך דאָס הארץ פון יעדער מענשען . . .]

יִרָאוּךָ כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר־הֵם חַיִּים עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר
41 נָתַתָּה לַאֲבֹתֵינוּ׃ וְגַם אֶל־הַנָּכְרִי אֲשֶׁר לֹא־מֵעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל
42 הוּא וּבָא מֵאֶרֶץ רְחוֹקָה לְמַעַן שְׁמֶךָ׃ כִּי יִשְׁמְעוּן אֶת־
שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְאֶת־יָדְךָ הַחֲזָקָה וּזְרֹעֲךָ הַנְּטוּיָה וּבָא
43 וְהִתְפַּלֵּל אֶל־הַבַּיִת הַזֶּה׃ אַתָּה תִּשְׁמַע הַשָּׁמַיִם מְכוֹן
שִׁבְתֶּךָ וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר־יִקְרָא אֵלֶיךָ הַנָּכְרִי לְמַעַן
יֵדְעוּן כָּל־עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת־שְׁמֶךָ לְיִרְאָה אֹתְךָ כְּעַמְּךָ
יִשְׂרָאֵל וְלָדַעַת כִּי־שִׁמְךָ נִקְרָא עַל־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר
44 בָּנִיתִי׃ כִּי־יֵצֵא עַמְּךָ לַמִּלְחָמָה עַל־אֹיְבוֹ בַּדֶּרֶךְ
אֲשֶׁר תִּשְׁלָחֵם וְהִתְפַּלְלוּ אֶל־יְהוָה דֶּרֶךְ הָעִיר אֲשֶׁר
מה בָּחַרְתָּ בָּהּ וְהַבַּיִת אֲשֶׁר־בָּנִתִי לִשְׁמֶךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ הַשָּׁמַיִם
46 אֶת־תְּפִלָּתָם וְאֶת־תְּחִנָּתָם וְעָשִׂיתָ מִשְׁפָּטָם׃ כִּי יֶחֶטְאוּ־
לָךְ כִּי אֵין אָדָם אֲשֶׁר לֹא־יֶחֱטָא וְאָנַפְתָּ בָם וּנְתַתָּם לִפְנֵי
אוֹיֵב וְשָׁבוּם שֹׁבֵיהֶם אֶל־אֶרֶץ הָאוֹיֵב רְחוֹקָה אוֹ קְרוֹבָה׃
47 וְהֵשִׁיבוּ אֶל־לִבָּם בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבּוּ־שָׁם וְשָׁבוּ ׀ וְהִתְחַנְּנוּ
אֵלֶיךָ בְּאֶרֶץ שֹׁבֵיהֶם לֵאמֹר חָטָאנוּ וְהֶעֱוִינוּ רָשָׁעְנוּ׃
48 וְשָׁבוּ אֵלֶיךָ בְּכָל־לְבָבָם וּבְכָל־נַפְשָׁם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם
אֲשֶׁר־שָׁבוּ אֹתָם וְהִתְפַּלְלוּ אֵלֶיךָ דֶּרֶךְ אַרְצָם אֲשֶׁר־
נָתַתָּה לַאֲבוֹתָם הָעִיר אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ וְהַבַּיִת אֲשֶׁר־בָּנִית*
49 לִשְׁמֶךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ הַשָּׁמַיִם מְכוֹן שִׁבְתְּךָ אֶת־תְּפִלָּתָם
נ וְאֶת־תְּחִנָּתָם וְעָשִׂיתָ מִשְׁפָּטָם׃ וְסָלַחְתָּ לְעַמְּךָ אֲשֶׁר
חָטְאוּ־לָךְ וּלְכָל־פִּשְׁעֵיהֶם אֲשֶׁר פָּשְׁעוּ־בָךְ וּנְתַתָּם לְרַחֲמִים
51 לִפְנֵי שֹׁבֵיהֶם וְרִחֲמוּם׃ כִּי־עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ
52 מִמִּצְרַיִם מִתּוֹךְ כּוּר הַבַּרְזֶל׃ לִהְיוֹת עֵינֶיךָ פְתֻחֹת אֶל־
תְּחִנַּת עַבְדְּךָ וְאֶל־תְּחִנַּת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל לִשְׁמֹעַ אֲלֵיהֶם
53 בְּכֹל קָרְאָם אֵלֶיךָ׃ כִּי־אַתָּה הִבְדַּלְתָּם לְךָ לְנַחֲלָה מִכֹּל
עַמֵּי הָאָרֶץ כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּיַד ׀ מֹשֶׁה עַבְדֶּךָ בְּהוֹצִיאֲךָ

את

v. 48. בניתי ק׳

40 אום זיי זאָלען פאַר דיר פורכט האָבען די גאַנצע צייט וואָס זיי לעבען אויף דער ערד וואָס דו האָסט געגעבען צו אונזערע עלטערן.

41 זאָגאר דעם פרעמדען, וואָס שטאַמט ניט פון דיין פאָלק ישראל, אויב ער וועט קומען פון אַ ווייטע לאַנד צוליעב דיין נאָמען,

42 ווייל זיי וועלען הערען פון דיין גרויסען נאָמען, דיין שטאַרקע האַנד און אויסגעשטרעקטען אָרם, אויב ער וועט קומען בעטען אין דיעזע הויז —

43 זאָלסטו אויסהערען פון הימעל, דיין וואוינונג, און זאָלסט ערפילען אַלץ וואָס דער פרעמדער וועט פון דיר בעטען, אום אַלע פעלקער דער וועלט זאָלען ערקענען דיין נאָמען און פורכט האָבען פאַר דיר ווי דיין פאָלק ישראל ; זאָלען זיי אויך וויסען אַז דיין נאָמען ווערט גערופען אויף דיעזע הויז וואָס איך האָב געבויט.

44 ווען דיין פאָלק וועט אַרויס אין קריעג קעגען זיין פיינד, אויף דעם וועג וואָס דו וועסט זיי שיקען, און זיי וועלען בעטען צו דיר, גאָט, פון דער שטאָדט וועלכע דו האָסט אויסגעקליבען און דאָס הויז וואָס איך האָב פאַר דיין נאָמען געבויט —

45 זאָלסטו הערען פון הימעל זייער געבעט און ביטטע, און זאָלסט טהאָן זייער פערלאַנג.

46 ווען זיי וועלען קעגען דיר זינדיגען [עס גיט דאָך ניט אַ מענש וואָס זאָל ניט זינדיגען !] און דו וועסט אויף זיי בייז ווערען און וועסט זיי איבערגעבען צום פיינד ביז זייערע פאַנגער וועלען זיי אַוועקפיהרען אין דעם פיינד'ס לאַנד — ווייט אָדער נאָהענט —

47 און זיי וועלען זיך נעהמען צום האַרצען אין די לאַנד וואוהין זיי זיינען געפאַנגענע אַוועקגעפיהרט, זיי וועלען זיך בעדיינקען און בעטען דיר פון זייערע פאַנגערס לאַנד זאָגענדיג : „מיר האָבען געזינדיגט, קרום און שלעכט געטהאָן"

48 און זיי וועלען זיך קעהרען צו דיר מיט'ן גאַנצען האַרצען און זעעלע, פון זייער פיינד'ס לאַנד וואוהין מ'האָט זיי אַוועקגעפיהרט, און וועלען דיר בעטען אין די ריכטונג פון זייער לאַנד, וואָס דו האָסט צו זייערע עלטערן געגעבען, די שטאָדט וועלכע דו האָסט אויסגעקליבען און דאָס הויז וואָס איך האָב געבויט פאַר דיין נאָמען,

49 זאָלסטו הערען פון הימעל, דיין וואוינונג אָרט, זייער געבעט און ביטטע און זאָלסט אַרויסגעבען זייער אורטהייל.

50 דו זאָלסט פערצייהען דיין פאָלק וואָס האָבען צו דיר געזינדיגט און זייע־רע פערברעכען וואָס זיי האָבען קעגען דיר בעגאַנגען ; גיב זיי באַרעמ־הערציגקייט פון זייערע פאַנגער אום זיי זאָלען זיי מילד בעהאַנדלען.

51 זיי זיינען דאָך דיין פאָלק און בעזיץ, וועלכען דו האָסט אַרויסגענומען פון מצרים, פון אייזערנעם שמעלץ־אייווען.

52 זאָלען דיינע אויגען אָפען זיין פאַר די ביטטע פון דיין קנעכט און די ביטטע פון דיין פאָלק ישראל, דו זאָלסט זיי אויסהערען ווען נאָר זיי וועלען צו דיר רופען.

53 דו האָסט דאָך זיי אָבגעזונדערט פון אַלע פעלקער דער וועלט אַלס אַ

אֶת־אֲבֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם אֲדֹנָי יְהוִה׃ וַיְהִי ׀ כְּכַלּוֹת 54
שְׁלֹמֹה לְהִתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה אֵת כָּל־הַתְּפִלָּה וְהַתְּחִנָּה
הַזֹּאת קָם מִלִּפְנֵי מִזְבַּח יְהוָה מִכְּרֹעַ עַל־בִּרְכָּיו וְכַפָּיו
פְּרֻשׂוֹת הַשָּׁמָיִם׃ וַיַּעֲמֹד וַיְבָרֶךְ אֵת כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל נה
קוֹל גָּדוֹל לֵאמֹר׃ בָּרוּךְ יְהוָה אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה לְעַמּוֹ 56
יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר דִּבֵּר לֹא־נָפַל דָּבָר אֶחָד מִכֹּל דְּבָרוֹ
הַטּוֹב אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד מֹשֶׁה עַבְדּוֹ׃ יְהִי יְהוָה אֱלֹהֵינוּ 57
עִמָּנוּ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם־אֲבֹתֵינוּ אַל־יַעַזְבֵנוּ וְאַל־יִטְּשֵׁנוּ׃
לְהַטּוֹת לְבָבֵנוּ אֵלָיו לָלֶכֶת בְּכָל־דְּרָכָיו וְלִשְׁמֹר מִצְוֹתָיו 58
וְחֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו אֲשֶׁר צִוָּה אֶת־אֲבֹתֵינוּ׃ וְיִהְיוּ דְבָרַי 59
אֵלֶּה אֲשֶׁר הִתְחַנַּנְתִּי לִפְנֵי יְהוָה קְרֹבִים אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
יוֹמָם וָלָיְלָה לַעֲשׂוֹת ׀ מִשְׁפַּט עַבְדּוֹ וּמִשְׁפַּט עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל
דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ׃ לְמַעַן דַּעַת כָּל־עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי יְהוָה הוּא ס
הָאֱלֹהִים אֵין עוֹד׃ וְהָיָה לְבַבְכֶם שָׁלֵם עִם יְהוָה אֱלֹהֵינוּ 61
לָלֶכֶת בְּחֻקָּיו וְלִשְׁמֹר מִצְוֹתָיו כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַמֶּלֶךְ וְכָל־ 62
יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ זֹבְחִים זֶבַח לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּזְבַּח שְׁלֹמֹה אֵת־ 63
זֶבַח הַשְּׁלָמִים אֲשֶׁר זָבַח לַיהוָה בָּקָר עֶשְׂרִים וּשְׁנַיִם אֶלֶף
וְצֹאן מֵאָה וְעֶשְׂרִים אָלֶף וַיַּחְנְכוּ אֶת־בֵּית יְהוָה הַמֶּלֶךְ
וְכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ בַּיּוֹם הַהוּא קִדַּשׁ הַמֶּלֶךְ אֶת־תּוֹךְ 64
הֶחָצֵר אֲשֶׁר לִפְנֵי בֵית־יְהוָה כִּי־עָשָׂה שָׁם אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־
הַמִּנְחָה וְאֵת חֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים כִּי־מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר
לִפְנֵי יְהוָה קָטֹן מֵהָכִיל אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַמִּנְחָה וְאֵת חֶלְבֵי
הַשְּׁלָמִים׃ וַיַּעַשׂ שְׁלֹמֹה בָעֵת־הַהִיא ׀ אֶת־הֶחָג וְכָל־ סה
יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ קָהָל גָּדוֹל מִלְּבוֹא חֲמָת ׀ עַד־נַחַל מִצְרַיִם
לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵינוּ שִׁבְעַת יָמִים וְשִׁבְעַת יָמִים אַרְבָּעָה
עָשָׂר יוֹם׃ בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי שִׁלַּח אֶת־הָעָם וַיְבָרְכוּ אֶת־ 66

המלך

v. 54. הפטרת שמיני עצרת

בעזיץ פאר דיר, ווי דו האָסט גערעדט דורך משה דיין דיענער, ווען דו, גאָט, האָסט ארויסגעפיהרט אונזערע אור־עלטערן פון מצרים.״

54 אז שלמה האָט געענדיגט בעטען צו גאָט דאָס גאנצע געבעט און ביטטע, האָט ער אויפגעהערט קניען זיך פאר גאָט׳ס מזבח און אויסשפרייטען די הענד צום הימעל,

54 ער האָט זיך אוועקגעשטעלט און געבענשט אין דער הויף דאָס גאנצע פערזאמלונג פון ישראל, אזוי צו זאָגען:

56 „געלויבט איז גאָט וואָס האָט געגעבען רוהע צו זיין פאָלק ישראל, ווי ער האָט פערשפּראָכען; עס איז איין וואָרט ניט אָבגעפאלען פון זיין גאנצען גוטען צוזאָג, וואָס ער האָט גערעדט דורך משה, זיין דיענער!

57 זאָל אונזער גאָט זיין מיט אונז ווי ער איז געוועזען מיט אונזערע עלטערן— ער זאָל אונז ניט פערלאָזען און פערוואַרפען.

58 ער זאָל אימער נייגען אונזער הארץ צו איהם אום צו געהן אין זיינע וועגען און היטען זיינע געבאָט, געזעצען און פעראָרדנונגען, וועלכע ער האָט אונזערע עלטערן געגעבען.

59 און זאָלען דיעזע ווערטער מיינע, מיט וועלכע איך האָב צו גאָט גע־בעטען, זיין נאָהענט צו אונזער גאָט ווי טאָג אזוי נאַכט; אום ער זאָל אורטהיילען פאר זיין קנעכט און זיין פאָלק ישראל, טאָג־טעגליך.

60 דאן וועלען אַלע פעלקער דער וועלט אנערקענען אז עס איז ניטאָ אויסער אונזער גאָט.

61 אָבער אייער הארץ זאָל אימער גאנץ איבערגעבען זיין אונזער גאָט, זיך אויפצופיהרען נאָך זיינע געזעצען און אבהיטען זיינע בעפעהלען אַזוי ווי היינט.״

62 דער קעניג אויך גאנץ ישראל מיט איהם האָבען געאָפּפערט פאר גאָט אָפּפערס.

63 צוערשט האָט שלמה געאָפּפערט. די פריעדענ־אָפּפערס וואָס ער האָט פאר גאָט געבראכט איז בעשטאַנען פון צוויי־און־צוואנציג טויזענד רינדער און הונדערט צוואנציג טויזענד שעפּסען. דערמיט האָט דער קעניג און אַלע קינדער ישראל איינגעווייהעט גאָט׳ס הויז.

64 אין דעם זעלביגען טאָג האָט שלמה געהייליגט דעם אינערליכען הויף וואָס פאר גאָט׳ס הויז, מאַכענדיג דאָרטען די גאנץ־ און שפּייז־אָפּפערס, אויך דאָס פעטס פון די פריעדענ־אָפּפערס; ווארים דער קופּערנער מזבח וואָס פאר גאָט איז צו קליין געוועזען אויפצוהאַלטען אַלע גאנץ־ און שפּייז־אָפּפערס מיט די פעטס פון די פריעדענ־אָפּפערס.

65 דאן האָט שלמה און גאנץ ישראל מיט איהם, אַ גרויסע פערזאמלונג [פון אריינגאַנג צו חמת ביז׳ן טייך מצרים], געמאַכט אַ פייערטאָג פאר אונזער גאָט זיעבען טעג און נאָך אַ מאָל זיעבען טעג — פיערצען טעג.

66 אויפ׳ן אכטען טאָג האָט ער פונאַנדערגעלאָזען דאָס פאָלק. זיי האָבען געבענשט דעם קעניג און פונאַנדער געגאַנגען זיך צו זייערע געצעלטען

הַמֶּלֶךְ וַיֵּלְכוּ לְאָהֳלֵיהֶם שְׂמֵחִים וְטוֹבֵי לֵב עַל כָּל־הַטּוֹבָה
אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה לְדָוִד עַבְדּוֹ וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ׃

## CAP. IX. ט

א וַיְהִי כְּכַלּוֹת שְׁלֹמֹה לִבְנוֹת אֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ
2 וְאֵת כָּל־חֵשֶׁק שְׁלֹמֹה אֲשֶׁר חָפֵץ לַעֲשׂוֹת׃ וַיֵּרָא
יְהוָה אֶל־שְׁלֹמֹה שֵׁנִית כַּאֲשֶׁר נִרְאָה אֵלָיו בְּגִבְעוֹן׃
3 וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו שָׁמַעְתִּי אֶת־תְּפִלָּתְךָ וְאֶת־תְּחִנָּתְךָ
אֲשֶׁר הִתְחַנַּנְתָּה לְפָנַי הִקְדַּשְׁתִּי אֶת־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר
בָּנִתָה לָשׂוּם שְׁמִי־שָׁם עַד־עוֹלָם וְהָיוּ עֵינַי וְלִבִּי שָׁם כָּל־
4 הַיָּמִים׃ וְאַתָּה אִם־תֵּלֵךְ לְפָנַי כַּאֲשֶׁר הָלַךְ דָּוִד אָבִיךָ
בְּתָם־לֵבָב וּבְיֹשֶׁר לַעֲשׂוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ חֻקַּי וּמִשְׁפָּטַי
ה תִּשְׁמֹר׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־כִּסֵּא מַמְלַכְתְּךָ עַל־יִשְׂרָאֵל לְעֹלָם
כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עַל־דָּוִד אָבִיךָ לֵאמֹר לֹא־יִכָּרֵת לְךָ אִישׁ
6 מֵעַל כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל׃ אִם־שׁוֹב תְּשֻׁבוּן אַתֶּם וּבְנֵיכֶם מֵאַחֲרַי
וְלֹא תִשְׁמְרוּ מִצְוֺתַי חֻקֹּתַי אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵיכֶם וַהֲלַכְתֶּם
7 וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם׃ וְהִכְרַתִּי
אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לָהֶם וְאֶת־
הַבַּיִת אֲשֶׁר הִקְדַּשְׁתִּי לִשְׁמִי אֲשַׁלַּח מֵעַל פָּנָי וְהָיָה
8 יִשְׂרָאֵל לְמָשָׁל וְלִשְׁנִינָה בְּכָל־הָעַמִּים׃ וְהַבַּיִת הַזֶּה יִהְיֶה
עֶלְיוֹן כָּל־עֹבֵר עָלָיו יִשֹּׁם וְשָׁרָק וְאָמְרוּ עַל־מֶה עָשָׂה
9 יְהוָה כָּכָה לָאָרֶץ הַזֹּאת וְלַבַּיִת הַזֶּה׃ וְאָמְרוּ עַל אֲשֶׁר
עָזְבוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם אֲשֶׁר הוֹצִיא אֶת־אֲבֹתָם מֵאֶרֶץ
מִצְרַיִם וַיַּחֲזִקוּ בֵּאלֹהִים אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲוֻ לָהֶם וַיַּעַבְדֻם
עַל־כֵּן הֵבִיא יְהוָה עֲלֵיהֶם אֵת כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת׃
י וַיְהִי מִקְצֵה עֶשְׂרִים שָׁנָה אֲשֶׁר־בָּנָה שְׁלֹמֹה אֶת־שְׁנֵי
11 הַבָּתִּים אֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ חִירָם מֶלֶךְ־צֹר
נִשָּׂא אֶת־שְׁלֹמֹה בַּעֲצֵי אֲרָזִים וּבַעֲצֵי בְרוֹשִׁים וּבַזָּהָב
לְכָל

ח׳ v. 66. פ״ט ט׳ v. 9. וישתחוו קרי

פרעהליך און צופריעדען מיט אל־דאס־גוטס וואס גאט האט פערשאפען
דוד'ן זיין קנעכט און זיין פאלק ישראל.

## קאפיטעל ט

1 אז שלמה האט געענדיגט בויען גאט'ס הויז, דעם קעניג'ס הויז און דעם
גאנצען שלאס וואס שלמה האט געפלאנט צו מאכען,

2 האט זיך גאט א צווייטען מאל בעוויזען צו שלמה אזוי ווי ער האט זיך
צו איהם בעוויזען אין גבעון.

3 און גאט האט צו איהם געזאגט: איך האב אויסגעהערט דיין געבעט
און ביטטע וואס דו האסט צו מיר געבעטען, איך האב געהייליגט
דיזע הויז, וואס דו האסט געבויט, אום צו האלטען דארט מיין נא־
מען אויף אימער; אלע מאל וועלען מיינע אויגען און הארץ זיין דאר־
טען.

4 וועגען דיר איז אזוי — אויב דו וועסט זיך אויפפיהרען קעגען מיר ווי
עס האט זיך אויפגעפיהרט דיין פאטער דוד, מיט הערצענס אויפריכ־
טיגקייט און ערנטליכקייט צו טהאן אליץ וואס איך האב דיר בעפעהלען
און היטען מיינע געזעצען און פעראָרדנונגען,

5 וועל איך בעפעסטיגען דיין קעניגליכען טהראן איבער ישראל אויף איי־
ביג, אזוי ווי איך האב פערשפראכען דיין פאטער דוד, זאגענדיג: עס
וועט פון דיר ניט אויפהערען א מאן פון טהראן ישראל'ס.

6 וועט איהר און אייערע קינדער אבער אבווענדען זיך פון מיר — איהר
וועט ניט אבהיטען מיינע בעפעהלען און געזעצען וואס איך האב נאך
בעפאר אייך געגעבען, איהר וועט געהן דיענען אנדערע געטער און
בוקען זיך צו זיי —

7 וועל איך אויסראטען ישראל פון דעם לאנד וואס איך האב זיי געגעבען,
אויך דאס הויז, וועלכען איך האב געהייליגט צו מיין נאמען וועל איך
פון זיך אבשטויסען, ביז ישראל וועט ווערען אונטער אלע פעלקער
אלס א ביישפיל און א ווארנונג.

8 און דיזע הויז וואס האט געקענט זיין דאס העכסטע, ווער נאר עס וועט
איהם פערבייגעהן וועט זיך וואונדערן און פייפען, זיי וועלען
זאגען: „ווארום האט עס גאט אזוי געטהאן צו דיזע לאנד און דיזע
הויז?"

9 וועט מען ענטפערן: „ווייל זיי האבען פערלאזען זייער גאט, וועלכער
האט זייערע אור־עלטערן ארויסגענומען פונ'ם לאנד מצרים, און הא־
בען זיך געהאלטען אהן אנדערע געטער, געבוקט זיך צו זיי און גע־
דיענט זיי; דערפאר האט גאט אויף זיי געבראכט דאס דאזיגע
שלעכטס."

10 עס איז פערלאפען צוואנציג יאהר ביז שלמה האט אויפגעבויט ביידע
הייזער — גאט'ס הויז און דעם קעניגס הויז.

11 חירם, קעניג פון צר, האט פערשאפט דעם קעניג שלמה צעדער־ און

לְכָל־חֶפְצוֹ אָז יִתֵּן הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה לְחִירָם עֶשְׂרִים עִיר
12 בְּאֶרֶץ הַגָּלִיל׃ וַיֵּצֵא חִירָם מִצֹּר לִרְאוֹת אֶת־הֶעָרִים
13 אֲשֶׁר נָתַן־לוֹ שְׁלֹמֹה וְלֹא יָשְׁרוּ בְּעֵינָיו׃ וַיֹּאמֶר מָה
הֶעָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר־נָתַתָּה לִּי אָחִי וַיִּקְרָא לָהֶם אֶרֶץ
14 כָּבוּל עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּשְׁלַח חִירָם לַמֶּלֶךְ מֵאָה
טו וְעֶשְׂרִים כִּכַּר זָהָב׃ וְזֶה דְבַר־הַמַּס אֲשֶׁר־הֶעֱלָה ׀ הַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה לִבְנוֹת אֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־בֵּיתוֹ וְאֶת־הַמִּלּוֹא וְאֵת
16 חוֹמַת יְרוּשָׁלִָם וְאֶת־חָצֹר וְאֶת־מְגִדּוֹ וְאֶת־גָּזֶר׃ פַּרְעֹה
מֶלֶךְ־מִצְרַיִם עָלָה וַיִּלְכֹּד אֶת־גֶּזֶר וַיִּשְׂרְפָהּ בָּאֵשׁ וְאֶת־
הַכְּנַעֲנִי הַיֹּשֵׁב בָּעִיר הָרָג וַיִּתְּנָהּ שִׁלֻּחִים לְבִתּוֹ אֵשֶׁת
17 18 שְׁלֹמֹה׃ וַיִּבֶן שְׁלֹמֹה אֶת־גֶּזֶר וְאֶת־בֵּית חֹרֹן תַּחְתּוֹן׃ וְאֶת־
19 בַּעֲלָת וְאֶת־תַּ*מֹר בַּמִּדְבָּר בָּאָרֶץ׃ וְאֵת כָּל־עָרֵי הַמִּסְכְּנוֹת
אֲשֶׁר הָיוּ לִשְׁלֹמֹה וְאֵת עָרֵי הָרֶכֶב וְאֵת עָרֵי הַפָּרָשִׁים
וְאֵת ׀ חֵשֶׁק שְׁלֹמֹה אֲשֶׁר חָשַׁק לִבְנוֹת בִּירוּשָׁלִַם וּבַלְּבָנוֹן
כ וּבְכֹל אֶרֶץ מֶמְשַׁלְתּוֹ׃ כָּל־הָעָם הַנּוֹתָר מִן־הָאֱמֹרִי הַחִתִּי
הַפְּרִזִּי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי אֲשֶׁר לֹא־מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה׃
21 בְּנֵיהֶם אֲשֶׁר נֹתְרוּ אַחֲרֵיהֶם בָּאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא־יָכְלוּ בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל לְהַחֲרִימָם וַיַּעֲלֵם שְׁלֹמֹה לְמַס־עֹבֵד עַד הַיּוֹם
22 הַזֶּה׃ וּמִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא־נָתַן שְׁלֹמֹה עָבֶד כִּי־הֵם אַנְשֵׁי
הַמִּלְחָמָה וַעֲבָדָיו וְשָׂרָיו וְשָׁלִשָׁיו וְשָׂרֵי רִכְבּוֹ וּפָרָשָׁיו׃
23 אֵלֶּה ׀ שָׂרֵי הַנִּצָּבִים אֲשֶׁר עַל־הַמְּלָאכָה לִשְׁלֹמֹה
חֲמִשִּׁים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת הָרֹדִים בָּעָם הָעֹשִׂים בַּמְּלָאכָה׃
24 אַךְ בַּת־פַּרְעֹה עָלְתָה מֵעִיר דָּוִד אֶל־בֵּיתָהּ אֲשֶׁר בָּנָה־
כה לָהּ אָז בָּנָה אֶת־הַמִּלּוֹא׃ וְהֶעֱלָה שְׁלֹמֹה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים
בַּשָּׁנָה עֹלוֹת וּשְׁלָמִים עַל־הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר בָּנָה לַיהוָה
26 וְהַקְטֵיר אִתּוֹ אֲשֶׁר לִפְנֵי יְהוָה וְשִׁלַּם אֶת־הַבָּיִת׃ וָאֳנִי
עָשָׂה הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בְּעֶצְיוֹן־גֶּבֶר אֲשֶׁר אֶת־אֵלוֹת עַל־

שפת

v. 17. קמץ בז״ק v. 18. תדמר ק

ציפּרים האָלץ אויך גאָלד וויפיעל ער האָט פערלאַנגט; דאַן האָט שלמה געגעבען חירם'ן צוואַנציג שטעדט און פּראָווינץ גליל.

12 ווען חירם איז געקומען פון צר בעקוקען די שטעדט, וועלכע שלמה האָט איהם געגעבען, זיינען זיי איהם ניט געפעהלען,

13 און ער האָט געזאָגט: „וואָס פאַר שטעדט זיינען דאָס, וואָס דו האָסט מיר געגעבען, מיין פריינד?" מ'רופט זיי „לעהם לאַנד" ביז יעצט.

14 חירם האָט דעם קעניג צוגעשיקט הונדערט מיט צוואַנציג צענטנער גאָלד.

15 דאָס איז די אורזאכע פון'ם אבצאהל וואָס קעניג שלמה האָט געלעגט: אום צו בויען גאָט'ס הויז, זיין הויז, די פעסטונג, די מויער־וואַנד פון ירושלים, אויך חצור, מגדו און גזר.

16 [פּרעה, קעניג פון מצרים איז אַרויף, האָט צוגענומען גזר און אָנגעצונדען מיט פייער; דעם כנעני, וואָס האָט בעוואוינט די שטאָדט האָט ער אויסגע'הרג'עט און האָט עס געגעבען אַלס האָכצייט־פּרעזענט צו זיין טאָכטער, שלמה'ס פרוי,

17 האָט שלמה אָבגעבויט גזר.] אויך דעם אונטערשטען בית־חרן,

18 אויך בעלת און תדמר אינ'ם מדבר נעבען בעוואוינטע לאַנד.

19 אויך אַלע מאַגאַזינען שטעדט וואָס שלמה האָט געהאַט, די געביידען פאַר די רייט־פערד און פאַר די רייטער, אויך שלמה'ס שלעסער וואָס ער האָט געוואָלט בויען אין ירושלים, אין לבנון און איבער דאָס גאַנצע לאַנד פון זיין רעגירונג.

20 די גאַנצע בעפעלקערונג וואָס איז פאַרבליבען פון אמרי, חתי, פּרזי, חוי, און יבוסי, וועלכע שטאַמען ניט פון די קינדער ישראל,

21 זייערע קינדער וואָס זיינען נאָך זיי פאַרבליבען אינ'ם לאַנד, די וועלכע די קינדער ישראל האָבען ניט געקענט פערניכטען, האָט שלמה אויף זיי געלייגט אַן ארבייט־שטייער ביז היינטיגען טאָג.

22 פון די קינדער ישראל האָט שלמה קיינע קנעכט געמאַכט, זיי זיינען געווען די קריעגס־לייט, זיינע הויפּדיענער, פירסטען, הויכע בעאַמטע און פערוואַלטער איבער די רייט־פערד און זיינע רייטער —

23 די הויפּט פערוואַלטער איבער שלמה'ס ארבייט, פינף הונדערט און פופציג וואָס האָבען פערוואַלטעט איבער די מאַסע אַרבייטער.

24 ווי נאָר פּרעה'ס טאָכטער איז אַריבער פון דוד'ס שטאָדט אין איהר הויז וואָס ער האָט פאַר איהר געבויט, דאַן האָט ער די פעסטונג געבויט.

25 דריי מאָהל יעהרליך האָט שלמה געבראַכט גאַנץ־ און פריעדען־אָפּפערים אויף גאָט'ס מזבח וואָס ער האָט אויפגעבויט, ער האָט אויך געראויכערט אויף דעם מזבח וואָס פאַר גאָט; אַזוי האָט ער פאַרטיג געמאַכט דאָס הויז.

26 אויך אַ שיף האָט שלמה געלאָזען מאַכען אין עציון־גבר, נעבען אילות ביי'ן ברעג ים־סוף, אין פּראָווינץ אדום.

27 שְׂפַת יַם־סוּף בְּאֶרֶץ אֱדוֹם׃ וַיִּשְׁלַח חִירָם בָּאֳנִי אֶת־עֲבָדָיו
28 אַנְשֵׁי אֳנִיּוֹת יֹדְעֵי הַיָּם עִם עַבְדֵי שְׁלֹמֹה׃ וַיָּבֹאוּ אוֹפִירָה
וַיִּקְחוּ מִשָּׁם זָהָב אַרְבַּע־מֵאוֹת וְעֶשְׂרִים כִּכָּר וַיָּבִאוּ אֶל־
הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃

## CAP. X. י

א וּמַלְכַּת־שְׁבָא שֹׁמַעַת אֶת־שֵׁמַע שְׁלֹמֹה לְשֵׁם יְהוָה וַתָּבֹא
2 לְנַסֹּתוֹ בְּחִידוֹת׃ וַתָּבֹא יְרוּשָׁלְַמָה בְּחַיִל כָּבֵד מְאֹד גְּמַלִּים
נֹשְׂאִים בְּשָׂמִים וְזָהָב רַב־מְאֹד וְאֶבֶן יְקָרָה וַתָּבֹא אֶל־
3 שְׁלֹמֹה וַתְּדַבֵּר אֵלָיו אֵת כָּל־אֲשֶׁר הָיָה עִם־לְבָבָהּ׃ וַיַּגֶּד־
לָהּ שְׁלֹמֹה אֶת־כָּל־דְּבָרֶיהָ לֹא־הָיָה דָּבָר נֶעְלָם מִן־הַמֶּלֶךְ
4 אֲשֶׁר לֹא הִגִּיד לָהּ׃ וַתֵּרֶא מַלְכַּת־שְׁבָא אֵת כָּל־חָכְמַת
ה שְׁלֹמֹה וְהַבַּיִת אֲשֶׁר בָּנָה׃ וּמַאֲכַל שֻׁלְחָנוֹ וּמוֹשַׁב עֲבָדָיו
וּמַעֲמַד מְשָׁרְתוֹ° וּמַלְבֻּשֵׁיהֶם וּמַשְׁקָיו וְעֹלָתוֹ אֲשֶׁר יַעֲלֶה
6 בֵּית יְהוָה וְלֹא־הָיָה בָהּ עוֹד רוּחַ׃ וַתֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ
אֱמֶת הָיָה הַדָּבָר אֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי בְּאַרְצִי עַל־דְּבָרֶיךָ וְעַל־
7 חָכְמָתֶךָ׃ וְלֹא־הֶאֱמַנְתִּי לַדְּבָרִים עַד אֲשֶׁר־בָּאתִי וַתִּרְאֶינָה
עֵינַי וְהִנֵּה לֹא־הֻגַּד־לִי הַחֵצִי הוֹסַפְתָּ חָכְמָה וָטוֹב אֶל־
8 הַשְּׁמוּעָה אֲשֶׁר שָׁמָעְתִּי׃ אַשְׁרֵי אֲנָשֶׁיךָ אַשְׁרֵי עֲבָדֶיךָ
9 אֵלֶּה הָעֹמְדִים לְפָנֶיךָ תָּמִיד הַשֹּׁמְעִים אֶת־חָכְמָתֶךָ׃ יְהִי
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בָּרוּךְ אֲשֶׁר חָפֵץ בְּךָ לְתִתְּךָ עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל
בְּאַהֲבַת יְהוָה אֶת־יִשְׂרָאֵל לְעֹלָם וַיְשִׂימְךָ לְמֶלֶךְ לַעֲשׂוֹת
י מִשְׁפָּט וּצְדָקָה׃ וַתִּתֵּן לַמֶּלֶךְ מֵאָה וְעֶשְׂרִים ׀ כִּכַּר זָהָב
וּבְשָׂמִים הַרְבֵּה מְאֹד וְאֶבֶן יְקָרָה לֹא בָא כַבֹּשֶׂם הַהוּא
11 עוֹד לָרֹב אֲשֶׁר־נָתְנָה מַלְכַּת־שְׁבָא לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃ וְגַם
אֳנִי חִירָם אֲשֶׁר־נָשָׂא זָהָב מֵאוֹפִיר הֵבִיא מֵאֹפִיר עֲצֵי
12 אַלְמֻגִּים הַרְבֵּה מְאֹד וְאֶבֶן יְקָרָה׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ אֶת־עֲצֵי
הָאַלְמֻגִּים מִסְעָד לְבֵית־יְהוָה וּלְבֵית הַמֶּלֶךְ וְכִנֹּרוֹת

וּנְבָלִים

° v. 5. משרתיו קרי

27 חירם האט מיט געשיקט אין דעם שיף שיף־ארבייטער פון זיינע קנעכט, געאיבטע אויפ׳ן ים, מיט שלמה׳ס קנעכט.

28 זיי זיינען אין אופיר געקומען און צוזאמענגענומען דארטען גאלד פיער הונדערט מיט צוואנציג צענטנער און געבראכט צום קעניג שלמה.

## קאפיטעל י

1 אז די קעניגין פון שבא האט דערהערט וועגען שלמה׳ס בערוף אז עס איז ביז צום פארגעטערן, איז זי געקומען פרובירען איהם מיט רעטעניסען.

2 זי איז געקומען אין ירושלים מיט זעהר א גרויסע ארמעע, מיט קעמלען בעלאדענע מיט געווירצען אויך זעהר פיעל גאלד און קאסטבארע שטיינער; זי איז געקומען צום קעניג און גערעדט מיט איהם וואס זי האט אויפ׳ן הארצען געהאט.

3 שלמה האט איהר געענטפערט אויף אלע איהרע רייד, קיין זאך איז איהם ניט אונבעקאנט געווען ער זאל איהר ניט קענען ערקלעהרען.

4 ווען די קעניגין פון שבא האט איינגעזעהען שלמה׳ס קלוגהייט, די געביידען וואס ער האט געבויט,

5 די שפייז פון זיין טיש, דעם זיץ־ארדנונג פון זיינע קנעכט, דעם צושטאנד פון זיינע דיענער און זייער קליידונג, אויך זיינע וויינשענקערס און די פראצעסיע ווען ער געהט אין גאט׳ס הויז — האט איהר דער אטהעם פערנומען.

6 זי האט צום קעניג געזאגט: „די נאכריכט וואס איך האב אין מיין לאנד געהערט וועגען דיין אויפפיהרונג און קלוגהייט איז ריכטיג געווען!

7 איך האב דאס ניט געגלויבט ביז איך בין געקומען און מיט מיינע אויגען געזעהן, ערשט מ׳האט מיר קיין העלפט ניט איבערגעגעבען — דו האסט פיעל מעהר קלוגהייט און גוטסקייט וואס דאס וואס איך האב געהערט!

8 גליקליך זיינען דיינע מענשען, גליקליך זיינען דיעזע קנעכט דיינע, וועלכע שטעהען אימער נעבען דיר און הערען דיין קלוגהייט.

9 געבענשט זאל זיין דיין גאט וואס דו ביזט איהם געפעהלען דיר אויף דעם טהראן פון ישראל צו זעצען; וויל גאט ליעבט שטארק ישראל האט ער דיר אלס קעניג געזעצט אום צו טהאן רעכט און גערעכטיגקייט.״

10 דאן האט זי דעם קעניג געגעבען הונדערט מיט צוואנציג צענטנער גאלד, אויך זעהר פיעל געווירצען און קאסטבארע שטיינער; עס איז נאך קיין מאהל ניט אריינגעקומען אזוי פיעל געווירצען וויפיעל די קעניגין פון שבא האט שלמה׳ן געגעבען.

11 אויך חירם׳ס שיף וואס האט געפיהרט גאלד פון אופיר, האט פון אופיר געבראכט זעהר פיעל סאנדעל־האלץ און קאסטבארע שטיינער.

12 פון די סאנדעל־האלץ האט דער קעניג געלאזען מאכען א פארענטש אין גאט׳ס הויז אויך אין קעניגס הויז; אויך פיעדלען און הארפען פאר

וּנְבָלִ֖ים לַשָּׁרִ֑ים לֹֽא־בָא֩ כֵ֨ן עֲצֵ֤י אַלְמֻגִּים֙ וְלֹ֣א נִרְאָ֔ה עַ֖ד
13 הַיּ֥וֹם הַזֶּֽה׃ וְהַמֶּ֨לֶךְ שְׁלֹמֹ֜ה נָתַ֣ן לְמַֽלְכַּת־שְׁבָ֗א אֶת־כָּל־
חֶפְצָהּ֙ אֲשֶׁ֣ר שָׁאָ֔לָה מִלְּבַד֙ אֲשֶׁ֣ר נָתַן־לָ֔הּ כְּיַ֖ד הַמֶּ֣לֶךְ
14 שְׁלֹמֹ֑ה וַתֵּ֛פֶן וַתֵּ֥לֶךְ לְאַרְצָ֖הּ הִ֥יא וַעֲבָדֶֽיהָ׃ וַיְהִ֗י
31 כָּל־הַיָּמִים׃ וַיִּשְׁכַּב רְחַבְעָם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו
בְּעִיר דָּוִד וְשֵׁם אִמּוֹ נַעֲמָה הָעַמֹּנִית וַיִּמְלֹךְ אֲבִיָּם
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

## טו CAP. XV. טו

א וּבִשְׁנַת שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה לַמֶּלֶךְ יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט מָלַךְ אֲבִיָּם
2 עַל־יְהוּדָה׃ שָׁלֹשׁ שָׁנִים מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ מַעֲכָה
3 בַּת־אֲבִישָׁלוֹם׃ וַיֵּלֶךְ בְּכָל־חַטֹּאות אָבִיו אֲשֶׁר־עָשָׂה
לְפָנָיו וְלֹא־הָיָה לְבָבוֹ שָׁלֵם עִם־יְהוָה אֱלֹהָיו כִּלְבַב דָּוִד
4 אָבִיו׃ כִּי לְמַעַן דָּוִד נָתַן יְהוָה אֱלֹהָיו לוֹ נִיר בִּירוּשָׁלִָם
ה לְהָקִים אֶת־בְּנוֹ אַחֲרָיו וּלְהַעֲמִיד אֶת־יְרוּשָׁלִָם׃ אֲשֶׁר
עָשָׂה דָוִד אֶת־הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה וְלֹא־סָר מִכֹּל ׀ אֲשֶׁר
6 צִוָּהוּ כֹּל יְמֵי חַיָּיו רַק בִּדְבַר אוּרִיָּה הַחִתִּי׃ וּמִלְחָמָה
7 הָיְתָה בֵין־רְחַבְעָם וּבֵין יָרָבְעָם כָּל־יְמֵי חַיָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי
אֲבִיָּם וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה וּמִלְחָמָה הָיְתָה בֵּין אֲבִיָּם וּבֵין
8 יָרָבְעָם׃ וַיִּשְׁכַּב אֲבִיָּם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ בְּעִיר דָּוִד
9 וַיִּמְלֹךְ אָסָא בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וּבִשְׁנַת עֶשְׂרִים לְיָרָבְעָם
מלך

יד v. 25. שישק ק׳ ט״ו v. 3. מלא ק

ווירדיגקייט פון אלע פעלקער, וועלכע גאָט האָט פאַרטריבען פאַר די קינדער ישראל.

25 אין פינפטען יאָהר פון קעניג רחבעם איז שישק, קעניג פון מצרים ארויף אויף ירושלים,

26 און האָט צוגענומען די רייכטהימער פון גאָט'ס הויז אויך די רייכטהי־מער פון קעניגס הויז — אלץ האָט ער צוגענומען! ער האָט אויך צו־גענומען אלע גאָלדענע פאַנצערס וואָס שלמה האָט געמאַכט.

37 דער קעניג רחבעם האָט אנשטאָדט זיי אבגעמאַכט קופערנע פאַנצערס און האָט זיי איבערגעגעבען די אָבער־שנעל־לויפערס, וועלכע האָבען בעוואכט דעם אריינגאַנג פון קעניגס הויז.

28 ווען דער קעניג פלעגט קומען אין גאָט'ס הויז פלעגען עס די שנעל־לויפערס ארויסטראָגען, דערנאָך פלעגען זיי עס צוריק אריינטראָגען אין געביידע פאַר די שנעל־לויפערס.

29 די איבריגע פאַסירונגען רחבעם'ס און אלץ וואָס ער האָט אויפגעטהאָן, זיינען פאַרשריבען אין בוך „צייטפאַסירונגען פון די קעניגע יהודה'ס".

30 רחבעם און ירבעם האָבען אימער קריעג געפיהרט צווישען זיך.

31 אז רחבעם איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט נעבען זיינע עלטערן אין דוד'ס שטאָדט. (זיין מוטער האָט מען גערופען נעמה די עמנית) נאָך איהם האָט רעגירט זיין זוהן אבים.

## קאַפּיטעל טו

1 אין אכטצעהנטען יאָהר זינט ירבעם, נבט'ס זוהן, האָט רעגירט, איז אבים קעניג געוואָרען איבער יהודה.

2 דריי יאָהר האָט ער רעגירט אין ירושלים; זיין מוטער האָט מען גע־רופען מעכה, אבישלום'ס טאָכטער.

3 ער איז געגאנגען אין זיין פאטער'ס זינד וואָס ער האָט געטהאָן איידער ער איז קעניג געוואָרען, זיין הארץ איז ניט געווען אין גאנצען איבער־געגעבען זיין גאָט ווי דאָס הארץ פון זיין אור־פאטער דוד.

4 נאָר צוליעב דוד'ן האָט זיין גאָט איהם געגעבען א פעלד אין ירושלים, אום צו ערהויבען זיין זוהן נאָך איהם און אויפהאַלטען ירושלים.

5 ווייל דוד האָט געטהאָן וואָס עס געפעהלט גאָט און האָט ניט אָבגע־קעהרט, צייט זיין לעבען, פון אלץ וואָס ער האָט איהם געבאָטען, אויסער ווענען אוריה דעם חתי . . .

6 אזוי ווי עס איז אימער קריעג געווען צווישען רחבעם און ירבעם,

7 איז אויך אימער קריעג געווען צווישען אבים און ירבעם. די איבריגע פאַסירונגען אבים'ס און אלץ וואָס ער האָט אויפגעטהאָן איז פארשרי־בען אין בוך „צייטפאַסירונגען פון די קעניגע יהודה'ס".

8 אז אבים איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין דוד'ס שטאָדט, און זיין זוהן אסא האָט רעגירט נאָך איהם.

9 אין צוואנציגסטען יאָהר זינט עס האָט רעגירט ירבעם איבער ישראל איז אסא קעניג געוואָרען איבער יהודה.

י מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל מָלַךְ אָסָא עַל־יְהוּדָה׃ וְאַרְבָּעִים וְאַחַת
שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ מַעֲכָה בַּת־אֲבִישָׁלוֹם׃
11 12 וַיַּעַשׂ אָסָא הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּדָוִד אָבִיו׃ וַיַּעֲבֵר
הַקְּדֵשִׁים מִן־הָאָרֶץ וַיָּסַר אֶת־כָּל־הַגִּלֻּלִים אֲשֶׁר עָשׂוּ
13 אֲבֹתָיו׃ וְגַם ׀ אֶת־מַעֲכָה אִמּוֹ וַיְסִרֶהָ מִגְּבִירָה אֲשֶׁר־
עָשְׂתָה מִפְלֶצֶת לָאֲשֵׁרָה וַיִּכְרֹת אָסָא אֶת־מִפְלַצְתָּהּ
14 וַיִּשְׂרֹף בְּנַחַל קִדְרוֹן׃ וְהַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ רַק לְבַב־אָסָא
טו הָיָה שָׁלֵם עִם־יְהוָה כָּל־יָמָיו׃ וַיָּבֵא אֶת־קָדְשֵׁי אָבִיו וְקָדְשָׁו*
16 בֵּית יְהוָה כֶּסֶף וְזָהָב וְכֵלִים׃ וּמִלְחָמָה הָיְתָה בֵּין אָסָא
17 וּבֵין בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל כָּל־יְמֵיהֶם׃ וַיַּעַל בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־
יִשְׂרָאֵל עַל־יְהוּדָה וַיִּבֶן אֶת־הָרָמָה לְבִלְתִּי תֵּת יֹצֵא וָבָא
18 לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ וַיִּקַּח אָסָא אֶת־כָּל־הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב
הַנּוֹתָרִים ׀ בְּאוֹצְרוֹת בֵּית־יְהוָה וְאֶת־אוֹצְרוֹת בֵּית *מֶלֶךְ
וַיִּתְּנֵם בְּיַד־עֲבָדָיו וַיִּשְׁלָחֵם הַמֶּלֶךְ אָסָא אֶל־בֶּן־הֲדַד בֶּן־
טַבְרִמֹּן בֶּן־חֶזְיוֹן מֶלֶךְ אֲרָם הַיֹּשֵׁב בְּדַמֶּשֶׂק לֵאמֹר׃
19 בְּרִית בֵּינִי וּבֵינֶךָ בֵּין אָבִי וּבֵין אָבִיךָ הִנֵּה שָׁלַחְתִּי לְךָ
שֹׁחַד כֶּסֶף וְזָהָב לֵךְ הָפֵרָה אֶת־בְּרִיתְךָ אֶת־בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־
כ יִשְׂרָאֵל וְיַעֲלֶה מֵעָלָי׃ וַיִּשְׁמַע בֶּן־הֲדַד אֶל־הַמֶּלֶךְ אָסָא
וַיִּשְׁלַח אֶת־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר־לוֹ עַל־עָרֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּךְ
אֶת־עִיּוֹן וְאֶת־דָּן וְאֵת אָבֵל בֵּית־מַעֲכָה וְאֵת כָּל־כִּנְּרוֹת
21 עַל כָּל־אֶרֶץ נַפְתָּלִי׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ בַּעְשָׁא וַיֶּחְדַּל מִבְּנוֹת
22 אֶת־הָרָמָה וַיֵּשֶׁב בְּתִרְצָה׃ וְהַמֶּלֶךְ אָסָא הִשְׁמִיעַ אֶת־
כָּל־יְהוּדָה אֵין נָקִי וַיִּשְׂאוּ אֶת־אַבְנֵי הָרָמָה וְאֶת־עֵצֶיהָ
אֲשֶׁר בָּנָה בַּעְשָׁא וַיִּבֶן בָּם הַמֶּלֶךְ אָסָא אֶת־גֶּבַע בִּנְיָמִן
23 וְאֶת־הַמִּצְפָּה׃ וְיֶתֶר כָּל־דִּבְרֵי־אָסָא וְכָל־גְּבוּרָתוֹ וְכָל־
אֲשֶׁר עָשָׂה וְהֶעָרִים אֲשֶׁר בָּנָה הֲלֹא־הֵמָּה כְתוּבִים עַל־
סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה רַק לְעֵת זִקְנָתוֹ חָלָה
אֶת־

15 * וקדשי קרי ‏ 18 * המלך קרי

10 איין־און־פערציג יאָהר האָט ער רעגירט אין ירושלים (זיין מוטער האָט מען גערופען מעכה, אבישלום׳ס טאָכטער).

11 אסא האָט געטהאָן וואָס עס געפעהלט גאָט ווי דוד זיין אור־פאטער.

12 ער האָט אָבגעשאַפט פון לאַנד די אויסגעלאַסענע, אויך האָט ער פאַר־וואָרפען אַלע אבשטויסענדע געצען וואָס זיינע עלטערן האָבען געמאַכט.

13 אויך זיין מוטער מעכה האָט ער אראָבגעזעצט פון איהר גרויסקייט, ווייל זי האָט געמאַכט אַ שרעק־בילד אַלס אַ געצען־בוים. אסא האָט אָבגע־שניטען דעם שרעק־בילד און פערברענט נעבען טייך קדרון.

14 די בארג־אַלטאַרען האָט מען ניט אָבגעשאַפט; אָבער אסא׳ס האַרץ איז צייט זיין לעבען גאַנץ איבערגעבען געווען גאָט.

15 ער האָט אַריינגעבראַכט אין גאָט׳ס הויז זיינע און זיין פאטערס הייליג־טהימער, אויך זילבער, גאָלד און פערשידענע געשיר.

16 צווישען אסא און בעשא, קעניג פון ישראל איז אימער קריעג געווען.

17 איינמאַל איז בעשא, קעניג פון ישראל ארויף אויף יהודה און האָט אויסגעבויט אַ הויכע וואַנד אום ניט ארויס אָדער אַריינצולאָזען קיינעם פון די לייטע פון אסא קעניג פון יהודה.

18 האָט אסא גענומען די גאַנצע זילבער און גאָלד וועלכע זיינען איבער־געבליבען אין די שאַטצקאַמערען פון גאָט׳ס הויז אויך פון קעניגס הויז און האָט עס געגעבען זיינע קנעכט און דער קעניג אסא האָט זיי געשיקט צו בן־הדד, זוהן פון טברמן זוהן פון חזיון, קעניג פון ארם, וועלכער האָט געוואוינט אין דמשק, אַזוי צו זאָגען:

19 „אַ פערבינדונג איז צווישען מיר און דיר ווי צווישען מיין פאטער און דיין פאטער; אָט שיק איך דיר אַ געשענק זילבער און גאָלד, געה און ברעך דיין פערבינדונג מיט בעשא קעניג פון ישראל און זאָל ער פון מיר אוועק.״

20 בן־הדד האָט איינגעשטימט צום קעניג אסא און האָט געשיקט זיינע מי־ליטער בעאַמטע אויף די שטעדט פון ישראל; ער האָט אונטערדריקט עיון, דן, אבל בית־מעכה און דעם גאַנצען פראָווינץ כנרות וואָס נעבען לאַנדטהייל פון נפתלי.

21 אַז בעשא האָט דאָס דערהערט האָט ער אויפגעהערט בויען די הויכע וואַנד און צוריק געגאַנגען אין תרצה.

22 דאַן האָט דער קעניג אסא צוזאַמענגערופען גאַנץ יהודה, אָהן אויס־נאַהמע, און מ׳האָט צוטראָגען די שטיינער און האָלץ מיט וועלכע בעשא האָט געבויט די הויכע וואַנט, מיט דעם האָט קעניג אסא פאַר־בויט גבע־בנימין און מצפה.

23 די איבריגע פאַסירונגען אסא׳ס, זיינע אַלע העלדענטהאַטען, אַלץ וואָס ער האָט אויפגעטהאָן אין די שטעדט וואו ער האָט געבויט — איז פאַרשריבען אין בוך „צייטפאַסירונגען פון די קעניגע יהודה׳ס״; אויף דער עלטער איז ער קראַנק געווען אויף די פיס.

24 אֶת־רַגְלָֽיו׃ וַיִּשְׁכַּ֤ב אָסָא֙ עִם־אֲבֹתָ֔יו וַיִּקָּבֵר֙ עִם־אֲבֹתָ֔יו
כה בְּעִ֖יר דָּוִ֣ד אָבִ֑יו וַיִּמְלֹ֛ךְ יְהוֹשָׁפָ֥ט בְּנ֖וֹ תַּחְתָּֽיו׃ וְנָדָ֣ב
בֶּן־יָֽרָבְעָ֗ם מָלַךְ֙ עַל־יִשְׂרָאֵ֔ל בִּשְׁנַ֣ת שְׁתַּ֔יִם לְאָסָ֖א מֶ֣לֶךְ
26 יְהוּדָ֑ה וַיִּמְלֹ֥ךְ עַל־יִשְׂרָאֵ֖ל שְׁנָתָֽיִם׃ וַיַּ֥עַשׂ הָרַ֖ע בְּעֵינֵ֣י יְהוָ֑ה
וַיֵּ֙לֶךְ֙ בְּדֶ֣רֶךְ אָבִ֔יו וּבְחַ֨טָּאת֔וֹ אֲשֶׁ֥ר הֶחֱטִ֖יא אֶת־יִשְׂרָאֵֽל׃
27 וַיִּקְשֹׁ֨ר עָלָ֜יו בַּעְשָׁ֤א בֶן־אֲחִיָּה֙ לְבֵ֣ית יִשָׂשכָ֔ר וַיַּכֵּ֣הוּ בַעְשָׁ֔א
בְּגִבְּת֖וֹן אֲשֶׁ֣ר לַפְּלִשְׁתִּ֑ים וְנָדָב֙ וְכָל־יִשְׂרָאֵ֔ל צָרִ֖ים עַל־
28 גִּבְּתֽוֹן׃ וַיְמִתֵ֣הוּ בַעְשָׁ֔א בִּשְׁנַ֣ת שָׁלֹ֔שׁ לְאָסָ֖א מֶ֣לֶךְ יְהוּדָ֑ה
29 וַיִּמְלֹ֖ךְ תַּחְתָּֽיו׃ וַיְהִ֣י כְמָלְכ֗וֹ הִכָּה֙ אֶת־כָּל־בֵּ֣ית יָֽרָבְעָ֔ם לֹֽא־
הִשְׁאִ֧יר כָּל־נְשָׁמָ֛ה לְיָרָבְעָ֖ם עַד־הִשְׁמִד֑וֹ כִּדְבַ֣ר יְהוָ֔ה אֲשֶׁ֣ר
ל דִּבֶּ֔ר בְּיַד־עַבְדּ֖וֹ אֲחִיָּ֥ה הַשִּׁילֹנִֽי׃ עַל־חַטֹּ֤אות יָרָבְעָם֙ אֲשֶׁ֣ר
חָטָ֔א וַאֲשֶׁ֥ר הֶחֱטִ֖יא אֶת־יִשְׂרָאֵ֑ל בְּכַעְס֕וֹ אֲשֶׁ֣ר הִכְעִ֔יס אֶת־
31 יְהוָ֖ה אֱלֹהֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ וְיֶ֛תֶר דִּבְרֵ֥י נָדָ֖ב וְכָל־אֲשֶׁ֣ר עָשָׂ֑ה
הֲלֹא־הֵ֣ם כְּתוּבִ֗ים עַל־סֵ֛פֶר דִּבְרֵ֥י הַיָּמִ֖ים לְמַלְכֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃
32 וּמִלְחָמָ֣ה הָֽיְתָ֗ה בֵּ֚ין אָסָא֙ וּבֵ֣ין בַּעְשָׁ֔א מֶֽלֶךְ־יִשְׂרָאֵ֖ל כָּל־
33 יְמֵיהֶֽם׃ בִּשְׁנַ֨ת שָׁלֹ֜שׁ לְאָסָ֨א מֶ֣לֶךְ יְהוּדָ֗ה מָ֠לַךְ בַּעְשָׁ֨א
בֶן־אֲחִיָּ֤ה עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל֙ בְּתִרְצָ֔ה עֶשְׂרִ֥ים וְאַרְבַּ֖ע שָׁנָֽה׃
34 וַיַּ֥עַשׂ הָרַ֖ע בְּעֵינֵ֣י יְהוָ֑ה וַיֵּ֙לֶךְ֙ בְּדֶ֣רֶךְ יָֽרָבְעָ֔ם וּבְחַ֨טָּאת֔וֹ אֲשֶׁ֥ר
הֶחֱטִ֖יא אֶת־יִשְׂרָאֵֽל׃

## CAP. XVI. טז

טז

א וַיְהִ֤י דְבַר־יְהוָה֙ אֶל־יֵה֣וּא בֶן־חֲנָ֔נִי עַל־בַּעְשָׁ֖א לֵאמֹֽר׃
2 יַ֗עַן אֲשֶׁ֤ר הֲרִימֹתִ֙יךָ֙ מִן־הֶ֣עָפָ֔ר וָאֶתֶּנְךָ֣ נָגִ֔יד עַ֖ל עַמִּ֣י
יִשְׂרָאֵ֑ל וַתֵּ֣לֶךְ ׀ בְּדֶ֣רֶךְ יָרָבְעָ֗ם וַתַּחֲטִא֙ אֶת־עַמִּ֣י יִשְׂרָאֵ֔ל
3 לְהַכְעִיסֵ֖נִי בְּחַטֹּאתָֽם׃ הִנְנִ֥י מַבְעִ֛יר אַחֲרֵ֥י בַעְשָׁ֖א וְאַחֲרֵ֣י
4 בֵית֑וֹ וְנָתַתִּי֙ אֶת־בֵּ֣יתְךָ֔ כְּבֵ֖ית יָרָבְעָ֥ם בֶּן־נְבָֽט׃ הַמֵּ֤ת
לְבַעְשָׁא֙ בָּעִ֔יר יֹאכְל֖וּ הַכְּלָבִ֑ים וְהַמֵּ֥ת לוֹ֙ בַּשָּׂדֶ֔ה יֹאכְל֖וּ
ה ע֥וֹף הַשָּׁמָֽיִם׃ וְיֶ֨תֶר דִּבְרֵ֤י בַעְשָׁא֙ וַאֲשֶׁ֣ר עָשָׂ֔ה וּגְבוּרָת֑וֹ
הלא־

כ״ז v. 30. מלא ף

24 אַז אסא איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט נעבען זיינע עלטערן אין דער שטאָדט פון זיין פאטער דוד; זיין זוהן יהושפט האָט רעגירט נאָך איהם.
25 נדב, ירבעם׳ס זוהן איז קעניג געוואָרען איבער ישראל אין צווייטען רע־גיערונגס יאָהר פון אסא, קעניג פון יהודה, ער האָט רעגירט איבער ישראל צוויי יאָהר.
26 ער האָט געטהאָן שלעכטס אין גאָט׳ס אויגען — ער איז געגאנגען אין זיין פאטער׳ס וועג און אין זיינע זינד מיט וועלכע ער האָט זינדיג גע־מאַכט ישראל.
27 קעגען איהם האָט אַ פערשווערונג געמאַכט בעשא אחיה׳ס זוהן, פונ׳ם הויז יששכר; דער בעשא האָט איהם ערשלאָגען אין גבתון וואָס בע־לאנגט צו פלשתים ווען נדב מיט גאַנץ ישראל האָבען בעלאָגערט גבתון.
28 בעשא האָט איהם ערשלאָגען אין דריטען יאָהר פון אסא, קעניג איבער יהודה, און האָט נאָך איהם רעגירט.
29 אַז ער איז קעניג געוואָרען האָט ער אויסגע׳הרג׳עט דאָס גאַנצע הויז ירבעם׳ס, ער האָט ניט איין לעבעדיגע פערזאָן איבערגעלאָזען פון ירבעם׳ס פאמיליע — אין גאַנצען פערטיליגט, ווי גאָט האָט גערעדט דורך זיין קנעכט, אחיה דעם שילון׳ער.
30 איבער ירבעם׳ס זינד, וואָס ער האָט אַליין געזינדיגט און זינדיג גע־מאַכט ישראל, דורך זיינע שענדליכע טהאַטען מיט וועלכע ער האָט ערצאָרענט דעם גאָט פון ישראל.
31 די איבריגע פאסירונגען נדב׳ס און אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן איז פארשריבען אינ׳ם בוך „צייטפאסירונגען פון די קעניגע ישראל׳ס״.
32 אסא און בעשא קעניג פון ישראל האָבען צייט זייער לעבען צווישען זיך קריעג געפיהרט.
33 אין דריטען יאָהר פון אסא, קעניג פון יהודה, איז בעשא, אחיה׳ס זוהן קעניג געוואָרען איבער גאַנץ ישראל אין תרצה, ער האָט רעגירט פיער־און־צוואַנציג יאָהר.
34 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט׳ס אויגען, ער איז גע־גאַנגען אינ׳ם וועג פון ירבעם און זיין פערברעכען וואָס ער האָט זינדיג געמאַכט ישראל.

## קאפיטעל טז

1 דאַן איז געוועזן גאָט׳ס וואָרט צו יהוא חנני׳ס זוהן, וועגען בעשא׳ן, אַזוי צו זאָגען:
2 דערפאר וואָס איך האָב דיר אויפגעהויבען פון דער ערד און געמאַכט דיר אַ פיהרער איבער מיין פאָלק ישראל, און דו ביזט געגאַנגען אינ׳ם וועג פון ירבעם און האָסט זינדיג געמאַכט מיין פאָלק ישראל און ער־צאָרענט מיר מיט זייערע זינד
3 וועל איך פערטיליגען בעשא און זיין הויז — איך וועל מאַכען דיין הויז ווי דאָס הויז פון ירבעם, נבט׳ס זוהן.
4 דער, פון בעשא׳ס הויז, וואָס וועט שטאַרבען אין שטאָדט וועלען איהם הינט עסען, און דער פון זיינע וואָס וועט שטאַרבען אין פעלד וועלען עסען די פויגלען פון הימעל.״
5 די איבריגע פאסירונגען בעשא׳ס, וואָס ער האָט געטהאָן און זיין

הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
וַיִּשְׁכַּב בַּעְשָׁא עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּתִרְצָה וַיִּמְלֹךְ אֵלָה 6
בְנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְגַם בְּיַד יֵהוּא בֶן־חֲנָנִי הַנָּבִיא דְּבַר־יְהוָה 7
הָיָה אֶל־בַּעְשָׁא וְאֶל־בֵּיתוֹ וְעַל כָּל־הָרָעָה ׀ אֲשֶׁר־עָשָׂה ׀
בְּעֵינֵי יְהוָה לְהַכְעִיסוֹ בְּמַעֲשֵׂה יָדָיו לִהְיוֹת כְּבֵית יָרָבְעָם
וְעַל אֲשֶׁר־הִכָּה אֹתוֹ׃ בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וָשֵׁשׁ שָׁנָה 8
לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ אֵלָה בֶן־בַּעְשָׁא עַל־יִשְׂרָאֵל
בְּתִרְצָה שְׁנָתָיִם׃ וַיִּקְשֹׁר עָלָיו עַבְדּוֹ זִמְרִי שַׂר מַחֲצִית 9
הָרָכֶב וְהוּא בְתִרְצָה שֹׁתֶה שִׁכּוֹר בֵּית אַרְצָא אֲשֶׁר עַל־
הַבַּיִת בְּתִרְצָה׃ וַיָּבֹא זִמְרִי וַיַּכֵּהוּ וַיְמִיתֵהוּ בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים י
וָשֶׁבַע לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו׃ וַיְהִי בְמָלְכוֹ 11
כְּשִׁבְתּוֹ עַל־כִּסְאוֹ הִכָּה אֶת־כָּל־בֵּית בַּעְשָׁא לֹא־הִשְׁאִיר
לוֹ מַשְׁתִּין בְּקִיר וְגֹאֲלָיו וְרֵעֵהוּ׃ וַיַּשְׁמֵד זִמְרִי אֵת כָּל־ 12
בֵּית בַּעְשָׁא כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר אֶל־בַּעְשָׁא בְּיַד
יֵהוּא הַנָּבִיא׃ אֶל כָּל־חַטֹּאות בַּעְשָׁא וְחַטֹּאות אֵלָה בְנוֹ 13
אֲשֶׁר חָטְאוּ וַאֲשֶׁר הֶחֱטִיאוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל לְהַכְעִיס אֶת־
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַבְלֵיהֶם׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֵלָה וְכָל־ 14
אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים
לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וָשֶׁבַע שָׁנָה לְאָסָא טו
מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ זִמְרִי שִׁבְעַת יָמִים בְּתִרְצָה וְהָעָם
חֹנִים עַל־גִּבְּתוֹן אֲשֶׁר לַפְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּשְׁמַע הָעָם הַחֹנִים 16
לֵאמֹר קָשַׁר זִמְרִי וְגַם הִכָּה אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיַּמְלִכוּ כָל־יִשְׂרָאֵל
אֶת־עָמְרִי שַׂר־צָבָא עַל־יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַהוּא בַּמַּחֲנֶה׃
וַיַּעֲלֶה עָמְרִי וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ מִגִּבְּתוֹן וַיָּצֻרוּ עַל־תִּרְצָה׃ 17
וַיְהִי כִּרְאוֹת זִמְרִי כִּי־נִלְכְּדָה הָעִיר וַיָּבֹא אֶל־אַרְמוֹן 18
בֵּית־הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׂרֹף עָלָיו אֶת־בֵּית־מֶלֶךְ בָּאֵשׁ וַיָּמֹת׃ עַל־ 19
חַטֹּאתָיו אֲשֶׁר חָטָא לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לָלֶכֶת

בדרך

v. 12. למדנחאי על v. 13. מלא ף

העלדענטהאַט, איז פאַרשריבען אין בוך „צייטפּאַסירונגען פון די קע־ניגע ישראל'ס".

6 אז בעשא איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין תרצה און זיין זוהן אלה האָט רעגירט נאָך איהם.

7 אָבער דורך דעם פּראָפעט יהוא, זוהן פון חנני דעם נביא, איז געווען גאָט'ס וואָרט וועגען בעשא און זיין הויז, [ווייל ער האָט אַל־דאָס־בייז געטהאָן קעגען גאָט, אום צו ערצאָרנען איהם מיט זיינע טהאַטען] אַז עס וועט זיין ווי ירבעם'ס הויז, וועלכען ער האָט פערניכטעט.

8 אין זעקס־און־צוואַנציגסטען יאָהר פון אסא, קעניג פון יהודה איז אלה בעשא'ס זוהן קעניג געוואָרען איבער ישראל (אין תרצה) ער האָט רע־גירט צוויי יאָהר.

9 קעגען איהם האָט אַ פערשווערונג געמאַכט זיין קנעכט זמרי, אַ פער־וואַלטער איבער אַ העלפט פון די קאַוואַלעריע, ווען ער איז שטאַרק בעטרונקען געווען אין תרצה, אינ'ם הויז פון ארצא, דער פערוואַלטער פון קעניגליכען הויז וואָס אין תרצה,

10 איז זמרי געקומען און האָט איהם טוידט געשלאָגען אין זיעבען־און־צוואַנציגסטען יאָהר פון אסא, קעניג פון יהודה, און איז אַליין קעניג געוואָרען נאָך איהם.

11 ווי נאָר ער איז קעניג געוואָרען און געזעצט זיך אויף זיין טהראָן, האָט ער פערניכטעט דאָס גאַנצע הויז בעשא'ס, ניט איבערלאָזענדיג אַ קינד, אַ פערוואַנדטען אָדער אַ פריינד.

12 זמרי האָט פערניכטעט בעשא'ס גאַנצע הויז, לויט גאָט'ס וואָרט וואָס ער האָט גערעדט וועגען בעשא'ן דורך יהוא דעם פּראָפעט.

13 איבער די זינד פון בעשא'ן אויך די זינד פון זיין זוהן אלה, וואָס זיי האָבען אַליין געזינדיגט און נאָך זינדיג געמאַכט ישראל, אום צו ער־צאָרנען דעם גאָט פון ישראל מיט זייערע נאַרישע טהאַטען.

14 די איבריגע פּאַסירונגען אלה'ס און אלץ וואָס ער האָט געטהאָן איז פאַר־שריבען אין בוך „צייטפּאַסירונגען פון די קעניגע ישראל'ס".

15 אין זיעבען־און־צוואַנציגסטען יאָהר פון אסא, קעניג פון יהודה, האָט זמרי געקעניגט אין תרצה זיעבען טעג; דאָס פאָלק האָט דאַן געלאַ־גערט נעבען גבתון וואָס בעלאַנגט צו פלשתים.

16 אַז דאָס פאָלק, וואָס האָט געלאַגערט, האָט דערהערט זאָגענדיג: „זמרי האָט אַ פאַרשווערונג געמאַכט און האָט ערשלאָגען דעם קעניג"; האָ־בען גאַנץ ישראל קעניג געמאַכט עמרי'ן, דער פעלד־מאַרשאַל פון ישראל, נאָך יענעם טאָג, אין לאַגער.

17 דאַן איז עמרי און גאַנץ ישראל מיט איהם אַוועק פון גבתון און בעלאַגערט תרצה.

18 אַז זמרי האָט דערזעהען אַז די שטאָדט איז געפאַנגען, איז ער אַריין אין פּאַלאַסט [אין קעניגס הויז] האָט אָנגעצונדען דעם קעניגס הויז מיט פייער און ער איז אויך פאַרברענט געוואָרען און געשטאָרבען.

19 איבער זיינע זינד וואָס ער האָט געזינדיגט צו טהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען צו געהן אינ'ם וועג פון ירבעם אין זיינע זינד מיט וועלכע ער האָט גאַנץ ישראל זינדיג געמאַכט.

בְּדֶרֶךְ יָרָבְעָם וּבְחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה לְהַחֲטִיא אֶת־
כ יִשְׂרָאֵל׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי זִמְרִי וְקִשְׁרוֹ אֲשֶׁר קָשָׁר הֲלֹא־הֵם
כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
21 אָז יֵחָלֵק הָעָם יִשְׂרָאֵל לַחֵצִי חֲצִי הָעָם הָיָה אַחֲרֵי תִבְנִי
22 בֶן־גִּינַת לְהַמְלִיכוֹ וְהַחֲצִי אַחֲרֵי עָמְרִי׃ וַיֶּחֱזַק הָעָם אֲשֶׁר
אַחֲרֵי עָמְרִי אֶת־הָעָם אֲשֶׁר אַחֲרֵי תִּבְנִי בֶן־גִּינַת וַיָּמָת
23 תִּבְנִי וַיִּמְלֹךְ עָמְרִי׃ בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וְאַחַת שָׁנָה לְאָסָא
מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ עָמְרִי עַל־יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה
24 בְּתִרְצָה מָלַךְ שֵׁשׁ־שָׁנִים׃ וַיִּקֶן אֶת־הָהָר שֹׁמְרוֹן מֵאֶת
שֶׁמֶר בְּכִכְּרַיִם כָּסֶף וַיִּבֶן אֶת־הָהָר וַיִּקְרָא אֶת־שֵׁם הָעִיר
כה אֲשֶׁר בָּנָה עַל שֶׁם־שֶׁמֶר אֲדֹנֵי הָהָר שֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעֲשֶׂה
26 עָמְרִי הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיָּרַע מִכֹּל אֲשֶׁר לְפָנָיו׃ וַיֵּלֶךְ
בְּכָל־דֶּרֶךְ יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט וּבְחַטֹּאתָיו אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־
יִשְׂרָאֵל לְהַכְעִיס אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַבְלֵיהֶם׃
27 וְיֶתֶר דִּבְרֵי עָמְרִי אֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־
הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
28 וַיִּשְׁכַּב עָמְרִי עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּשֹׁמְרוֹן וַיִּמְלֹךְ אַחְאָב
29 בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְאַחְאָב בֶּן־עָמְרִי מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל
בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ
אַחְאָב בֶּן־עָמְרִי עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם
ל שָׁנָה׃ וַיַּעַשׂ אַחְאָב בֶּן־עָמְרִי הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה מִכֹּל אֲשֶׁר
31 לְפָנָיו׃ וַיְהִי הֲנָקֵל לֶכְתּוֹ בְּחַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט וַיִּקַּח
אִשָּׁה אֶת־אִיזֶבֶל בַּת־אֶתְבַּעַל מֶלֶךְ צִידֹנִים וַיֵּלֶךְ וַיַּעֲבֹד
32 אֶת־הַבַּעַל וַיִּשְׁתַּחוּ לוֹ׃ וַיָּקֶם מִזְבֵּחַ לַבָּעַל בֵּית הַבַּעַל
33 אֲשֶׁר בָּנָה בְּשֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעַשׂ אַחְאָב אֶת־הָאֲשֵׁרָה וַיּוֹסֶף
אַחְאָב לַעֲשׂוֹת לְהַכְעִיס אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מִכֹּל
34 מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיוּ לְפָנָיו׃ בְּיָמָיו בָּנָה חִיאֵל בֵּית
הָאֱלִי

v. 24. דא בסגול   v. 26. ובחטאתו קרי   v. 31. מלא ואיו

20 די איבעריגע פּאַסירונגען זמרי'ס און זיין פֿערשווערונג, זיינען פֿאַר־
שריבען אין בוך „צייטפּאַסירונגען פֿון די קעניגע ישראל'ס".

21 דאַן האָט זיך דאָס פֿאָלק ישראל צוטהיילט אויף צווי — אַ העלפֿט
פֿונ'ם פֿאָלק האָט געוואָלט קעניג מאַכען תבני גינת'ס זוהן, און די
אַנדער העלפֿט איז געווען מיט עמרי'ן.

22 די וואָס האָבען געהאַלטען מיט עמרי'ן זיינען שטאַרקער געווען פֿאַר
די וואָס האָבען געהאַלטען מיט תבני, גינת'ס זוהן, האָט מען תבני'ן
געטוידט און עמרי איז פֿערבליבען קעניג.

23 אין איין־און־דרייסיגסטען יאָהר פֿון אסא קעניג פֿון יהודה איז עמרי
קעניג געוואָרען איבער ישראל; ער האָט רעגירט צוועלף יאָהר. אין
תרצה האָט ער רעגירט זעקס יאָהר.

24 ער האָט אָבגעקויפֿט דעם באַרג שמרון פֿון שמר'ן פֿאַר צוויי צענטנער
זילבער, ער האָט דעם באַרג פֿאַרבויט און האָט אַ נאָמען געגעבען
די שטאָדט וואָס ער האָט געבויט, נאָכ'ן נאָמען פֿון שמר, דער אייגענ־
טהימער פֿון באַרג — שמרון.

25 עמרי האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, פֿיעל ערגער
אַלס די וועלכע זיינען פֿאַר איהם געווען.

26 ער איז געגאַנגען אין אַלע וועגען פֿון ירבעם, נבט'ס זוהן, און לויט
זיינע זינד האָט ער ישראל זינדיג געמאַכט צו ערצאָרנען דעם גאָט פֿון
ישראל מיט נאַרישע טהאַטען.

27 די איבעריגע פּאַסירונגען עמרי'ס, אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן און זיינע
העלדענטהאַטען, איז פֿאַרשריבען אינ'ם בוך „צייטפּאַסירונגען פֿון די
קעניגע ישראל'ס".

28 עמרי איז געשטאָרבען און בעערדיגט געוואָרען אין שמרון, נאָך איהם
האָט רעגירט זיין זוהן אחאב.

29 אחאב'ס עמרי'ס זוהן איז קעניג געוואָרען איבער ישראל אין אכט־און־
דרייסיגסטען יאָהר פֿון אסא, קעניג פֿון יהודה. אחאב, עמרי'ס זוהן,
האָט רעגירט איבער ישראל, אין שמרון, צוויי־און־צוואַנציג יאָהר.

30 אחאב, עמרי'ס זוהן, האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס
אויגען, מעהר ווי די וואָס זיינען פֿאַר איהם געווען.

31 דאָס קלענסטע איז ביי איהם געווען זיין געהן אין די זינד פֿון ירבעם,
נבט'ס זוהן; ער האָט געהייראַטה איזבל, אַ טאָכטער פֿון אתבעל,
קעניג פֿון צידנים; אַהין געהענדיג האָט ער געדיענט דעם בעל און
געבוקט זיך צו איהם.

32 ער האָט אויך אויפֿגעשטעלט אַ מזבח צום בעל — דאָס בעל־הויז וועלכע
ער האָט געבויט אין שמרון.

33 אויסער וואָס אחאב האָט געמאַכט אַ געצען־בוים, האָט אחאב ערצאָרנט
דעם גאָט פֿון ישראל מעהר פֿאַר אַלע קעניגע פֿון ישראל, וואָס זיינען
געווען פֿאַר איהם.

34 אין זיין צייט האָט חיאל פֿון בית־אל אויפֿגעבויט יריחה. מיט אבירם
זיין ערשטלינג האָט ער דעם פֿונדאַמענט געלעגט און מיט שגוב זיין

הָאֱלִי אֶת־יְרִיחֹה בַּאֲבִירָם בְּכֹרוֹ יִסְּדָהּ וּבִשְׂגִיב צְעִירוֹ
הִצִּיב דְּלָתֶיהָ כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן׃

## ין Cap. XVII. יז

וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי מִתֹּשָׁבֵי גִלְעָד אֶל־אַחְאָב חַי־ א
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עָמַדְתִּי לְפָנָיו אִם־יִהְיֶה
2 הַשָּׁנִים הָאֵלֶּה טַל וּמָטָר כִּי אִם־לְפִי דְבָרִי׃ וַיְהִי
3 דְבַר־יְהוָה אֵלָיו לֵאמֹר׃ לֵךְ מִזֶּה וּפָנִיתָ לְּךָ קֵדְמָה
4 וְנִסְתַּרְתָּ בְּנַחַל כְּרִית אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הַיַּרְדֵּן׃ וְהָיָה
מֵהַנַּחַל תִּשְׁתֶּה וְאֶת־הָעֹרְבִים צִוִּיתִי לְכַלְכֶּלְךָ שָׁם׃ וַיֵּלֶךְ ה
וַיַּעַשׂ כִּדְבַר יְהוָה וַיֵּלֶךְ וַיֵּשֶׁב בְּנַחַל כְּרִית אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי
6 הַיַּרְדֵּן׃ וְהָעֹרְבִים מְבִיאִים לוֹ לֶחֶם וּבָשָׂר בַּבֹּקֶר וְלֶחֶם
7 וּבָשָׂר בָּעָרֶב וּמִן־הַנַּחַל יִשְׁתֶּה׃ וַיְהִי מִקֵּץ יָמִים וַיִּיבַשׁ
8 הַנָּחַל כִּי לֹא־הָיָה גֶשֶׁם בָּאָרֶץ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה
9 אֵלָיו לֵאמֹר׃ קוּם לֵךְ צָרְפַתָה אֲשֶׁר לְצִידוֹן וְיָשַׁבְתָּ שָׁם
הִנֵּה צִוִּיתִי שָׁם אִשָּׁה אַלְמָנָה לְכַלְכְּלֶךָ׃ וַיָּקָם ׀ וַיֵּלֶךְ י
צָרְפַתָה וַיָּבֹא אֶל־פֶּתַח הָעִיר וְהִנֵּה־שָׁם אִשָּׁה אַלְמָנָה
מְקֹשֶׁשֶׁת עֵצִים וַיִּקְרָא אֵלֶיהָ וַיֹּאמַר קְחִי־נָא לִי מְעַט־
11 מַיִם בַּכְּלִי וְאֶשְׁתֶּה׃ וַתֵּלֶךְ לָקַחַת וַיִּקְרָא אֵלֶיהָ וַיֹּאמַר
12 לִקְחִי־נָא לִי פַּת־לֶחֶם בְּיָדֵךְ׃ וַתֹּאמֶר חַי־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
אִם־יֶשׁ־לִי מָעוֹג כִּי אִם־מְלֹא כַף־קֶמַח בַּכַּד וּמְעַט־שֶׁמֶן
בַּצַּפָּחַת וְהִנְנִי מְקֹשֶׁשֶׁת שְׁנַיִם עֵצִים וּבָאתִי וַעֲשִׂיתִיהוּ
13 לִי וְלִבְנִי וַאֲכַלְנֻהוּ וָמָתְנוּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אֵלִיָּהוּ אַל־
תִּירְאִי בֹּאִי עֲשִׂי כִדְבָרֵךְ אַךְ עֲשִׂי־לִי מִשָּׁם עֻגָה קְטַנָּה
14 בָרִאשֹׁנָה וְהוֹצֵאתְ לִי וְלָךְ וְלִבְנֵךְ תַּעֲשִׂי בָּאַחֲרֹנָה׃ כִּי
כֹה אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּד הַקֶּמַח לֹא תִכְלָה
וְצַפַּחַת הַשֶּׁמֶן לֹא תֶחְסָר עַד יוֹם תֵּתֵן־יְהוָה גֶּשֶׁם עַל־
פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַתֵּלֶךְ וַתַּעֲשֶׂה כִּדְבַר אֵלִיָּהוּ וַתֹּאכַל הוּא־ טו

והיא

טז 34 v ובשגוב קרי. יז 14 v תת קרי. 15 v היא ק

אינגסטען האָט ער איהרע טהויערן געשטעלט, לויט גאָט'ס וואָרט וואָס
ער האָט גערעדט דורך יהושע, נון'ס זוהן.*)

## קאפיטעל יז

1 אליהו דער תשבי (פון תושב נעבען גלעד) האָט געזאָגט צו אחאב'ן:
„ווי עס לעבט גאָט פון ישראל, וועלכער האָט מיר אַלס נביא אָנגע־
שטעלט, אויב עס וועט זיין אין דיעזע יאָהרען טהוי אָדער רעגען אויב
איך וועל ניט מיין וואָרט געבען!"
2 דאן איז גאָט'ס וואָרט געווען צו איהם אַזוי צו זאָגען:
3 „געה פון דאנען, קעהר זיך מזרח־צו און בעהאַלט זיך נעבען טייך
כרית, וואָס ביי'ן ירדן.
4 פון טייך וועסטו טרינקען און די ערב'יער האָב איך בעשטימט צו שפּיי־
זען דיר דאָרט."
5 ער איז אַוועק און געטהאָן ווי גאָט האָט געזאָגט — ער איז אוועק און
באַזעצט זיך ביי'ן טייך כרית וואָס נעבען ירדן,
6 די ערב'יער האָבען צו איהם געבראַכט ברויט מיט פלייש אין דער פריה
און אויך אין אבענד, און געטרונקען האָט ער פון טייך.
7 אין פערלויף פון אייניגע טעג האָט דער טייך אויסגעטריקענט ווייל אין
יענע לאַנד איז קיין רעגען געווען,
8 איז גאָט'ס וואָרט געווען צו איהם אַזוי צו זאָגען:
9 „שטעה אויף געה אין צרפת, וואָס נעבען צידון, און באַזעץ זיך
דאָרט; איך האָב שוין בעשטימט דאָרט אַ עלענדע פרוי צו שפּיי־
זען דיר.
10 ער איז אויפגעשטאַנען און אוועק אין צרפת. אַז ער איז געקומען צום
טהויער פון שטאָדט ערשט אַן עלענדע פרוי קלייבט דאָרט האָלץ; ער
האָט איהר אַ רוף געטהאָן און געזאָגט: „נעהם פאַר מיר אין וואָס אַ
ביסעל וואסער, איך וויל טרינקען";
11 און אַז זי איז געגאַנגען ברייגגען, האָט ער איהר אַ רוף געטהאָן און
געזאָגט: „נעהם שוין דאָרט אויך אַ שטיקעל ברויט מיט!"
12 זי האָט אָבער געענטפערט: „ווי עס לעבט דיין גאָט! איך האָב
קיינע געבעק, נאָר אַ האַנדפול מעהל אין קרוג און אַ ביסעל בוימאייל
אין פלאַש; איך קלייב נאָר אַן אַ פּאָאָר שפּענדליך דאַן וועל איך געהן
און מאַכען וואָס פאַר מיר מיט מיין זוהן, מיר וועלען אָבעסען און נאָכ־
הער שטאַרבען..."
13 האָט אליהו צו איהר געזאָגט: „שרעק זיך ניט! געה און טהו ווי
דו זאָגסט, נאָר צוערשט מאַך פון דאָס פאַר מיר אַ קליין קיבעל און
ברייגג עס מיר — פאַר דיר מיט דיין זוהן וועסטו נאָכדעם מאַכען —
14 ווארים אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט פון ישראל: דער מעהל וועט זיך
ניט אויסנעהמען פון קרוג און דער אייל — פון פלאַש, ביז דעם טאָג
ווען גאָט וועט געבען רעגען אויף דער ערד."
15 זי איז געגאַנגען און געטהאָן ווי אליהו האָט געזאָגט, עס האָבען דער־
פון געגעסען ער, זי און איהר געזינד אַ לאַנגע צייט.

*) זעה יהושע קאַפּ. ו' פסוק 26 (ח. ש. נ.)

16 וְהִ֖יא וּבֵיתָ֥הּ יָמִֽים׃ כַּ֤ד הַקֶּ֙מַח֙ לֹ֣א כָלָ֔תָה וְצַפַּ֥חַת
הַשֶּׁ֖מֶן לֹ֣א חָסֵ֑ר כִּדְבַ֣ר יְהוָ֔ה אֲשֶׁ֥ר דִּבֶּ֖ר בְּיַ֥ד אֵלִיָּֽהוּ׃
17 וַיְהִ֗י אַחַר֙ הַדְּבָרִ֣ים הָאֵ֔לֶּה חָלָ֕ה בֶּן־הָאִשָּׁ֖ה בַּעֲלַ֣ת
הַבָּ֑יִת וַיְהִ֤י חָלְיוֹ֙ חָזָ֣ק מְאֹ֔ד עַ֛ד אֲשֶׁ֥ר לֹא־נֽוֹתְרָה־בּ֖וֹ
18 נְשָׁמָֽה׃ וַתֹּ֙אמֶר֙ אֶל־אֵ֣לִיָּ֔הוּ מַה־לִּ֥י וָלָ֖ךְ אִ֣ישׁ הָאֱלֹהִ֑ים
19 בָּ֧אתָ אֵלַ֛י לְהַזְכִּ֥יר אֶת־עֲוֺנִ֖י וּלְהָמִ֥ית אֶת־בְּנִֽי׃ וַיֹּ֥אמֶר
אֵלֶ֖יהָ תְּנִֽי־לִ֣י אֶת־בְּנֵ֑ךְ וַיִּקָּחֵ֣הוּ מֵחֵיקָ֗הּ וַֽיַּעֲלֵ֙הוּ֙ אֶל־
כ הָעֲלִיָּ֗ה אֲשֶׁר־הוּא֙ יֹשֵׁ֣ב שָׁ֔ם וַיַּשְׁכִּבֵ֖הוּ עַל־מִטָּתֽוֹ׃ וַיִּקְרָ֥א
אֶל־יְהוָ֖ה וַיֹּאמַ֑ר יְהוָ֣ה אֱלֹהָ֔י הֲ֠גַם עַל־הָאַלְמָנָ֞ה אֲשֶׁר־
21 אֲנִ֨י מִתְגּוֹרֵ֥ר עִמָּ֛הּ הֲרֵע֖וֹתָ לְהָמִ֥ית אֶת־בְּנָֽהּ׃ וַיִּתְמֹדֵ֤ד
עַל־הַיֶּ֙לֶד֙ שָׁלֹ֣שׁ פְּעָמִ֔ים וַיִּקְרָ֥א אֶל־יְהוָ֖ה וַיֹּאמַ֑ר יְהוָ֣ה
22 אֱלֹהָ֔י תָּ֥שָׁב נָ֛א נֶֽפֶשׁ־הַיֶּ֥לֶד הַזֶּ֖ה עַל־קִרְבּֽוֹ׃ וַיִּשְׁמַ֥ע יְהוָ֖ה
23 בְּק֣וֹל אֵלִיָּ֑הוּ וַתָּ֧שָׁב נֶֽפֶשׁ־הַיֶּ֛לֶד עַל־קִרְבּ֖וֹ וַיֶּֽחִי׃ וַיִּקַּ֨ח
אֵלִיָּ֜הוּ אֶת־הַיֶּ֗לֶד וַיֹּרִדֵ֤הוּ מִן־הָעֲלִיָּה֙ הַבַּ֔יְתָה וַֽיִּתְּנֵ֖הוּ
24 לְאִמּ֑וֹ וַיֹּ֙אמֶר֙ אֵֽלִיָּ֔הוּ רְאִ֖י חַ֥י בְּנֵֽךְ׃ וַתֹּ֤אמֶר הָֽאִשָּׁה֙ אֶל־
אֵ֣לִיָּ֔הוּ עַתָּה֙ זֶ֣ה יָדַ֔עְתִּי כִּ֛י אִ֥ישׁ אֱלֹהִ֖ים אָ֑תָּה וּדְבַר־יְהוָ֥ה
בְּפִ֖יךָ אֱמֶֽת׃

## יח Cap. XVIII. יח

א וַיְהִי֙ יָמִ֣ים רַבִּ֔ים וּדְבַר־יְהוָ֗ה הָיָה֙ אֶל־אֵ֣לִיָּ֔הוּ בַּשָּׁנָ֥ה
הַשְּׁלִישִׁ֖ית לֵאמֹ֑ר לֵ֚ךְ הֵרָאֵ֣ה אֶל־אַחְאָ֔ב וְאֶתְּנָ֥ה מָטָ֖ר
2 עַל־פְּנֵ֥י הָאֲדָמָֽה׃ וַיֵּ֙לֶךְ֙ אֵֽלִיָּ֔הוּ לְהֵרָא֖וֹת אֶל־אַחְאָ֑ב
3 וְהָרָעָ֖ב חָזָ֥ק בְּשֹׁמְרֽוֹן׃ וַיִּקְרָ֣א אַחְאָ֔ב אֶל־עֹבַדְיָ֖הוּ אֲשֶׁ֣ר
4 עַל־הַבָּ֑יִת וְעֹֽבַדְיָ֗הוּ הָיָ֛ה יָרֵ֥א אֶת־יְהוָ֖ה מְאֹֽד׃ וַיְהִ֗י
בְּהַכְרִ֣ית אִיזֶ֔בֶל אֵ֖ת נְבִיאֵ֣י יְהוָ֑ה וַיִּקַּ֨ח עֹֽבַדְיָ֜הוּ מֵאָ֣ה
נְבִאִ֗ים וַֽיַּחְבִּיאֵ֞ם חֲמִשִּׁ֥ים אִישׁ֙ בַּמְּעָרָ֔ה וְכִלְכְּלָ֖ם לֶ֥חֶם
ה וָמָֽיִם׃ וַיֹּ֤אמֶר אַחְאָב֙ אֶל־עֹ֣בַדְיָ֔הוּ לֵ֤ךְ בָּאָ֙רֶץ֙ אֶל־כָּל־
מַעְיְנֵ֣י הַמַּ֔יִם וְאֶ֖ל כָּל־הַנְּחָלִ֑ים אוּלַ֣י ׀ נִמְצָ֣א חָצִ֗יר וּנְחַיֶּה֙

סוס

יז v. 15. והוא ק׳ v. 16. 20. 21. קמץ בז״ק יח v. 1. הפטרת כי תשא כמנהג האשכנזים

16 דער מעהל האָט זיך ניט אויסגענומען פון קרוג, און דער אייל — פון
פלאַש, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט דורך אליהו'ן.

17 נאָך די פּאַסירונג איז קראַנק געוואָרען דער זוהן פון די פרוי, די הויז־
ווירטהין, זיין קראַנקהייט איז אַזוי שטאַרק געווען אַז ער האָט שוין
קיין אָטהעם ניט געהאַט.

18 האָט זי געזאָגט צו אליהו'ן: „וואָס האָסטו צו מיר, געטליכער מאַן?
ביזטו געקומען צו מיר אום מיינע זינד צו דערמאָהנען און טוידטען
מיין קינד?"

19 האָט ער צו איהר געזאָגט: „גיב אַהער דיין קינד!" ער האָט איהם
גענומען פון איהרע הענד און ארויפגעטראָגען אין אויבער־שטיבעל,
דאָרט וואו ער האָט געוואוינט און אַוועקגעלעגט איהם אויף זיין בעט.

20 דאַן האָט ער גאָט געבעטען און געזאָגט: „מיין גאָט! אויך אויף די
עלענדע, ביי וועמען איך וואוין, האָסטו אַן אונגליק געבראַכט איהר
זוהן צו טוידטען?"

21 ער האָט זיך דריי מאָהל אויסגעצויגען אויפ'ן קינד בעטענדיג גאָט און
האָט געזאָגט: „מיין גאָט! זאָל דער קינד צוריק געזונד ווערען!"

22 און גאָט האָט געהערט אליהו'ס שטימע — דער קינד האָט אָבגעלעבט
און געזונד געוואָרען.

23 דאַן האָט אליהו גענומען דעם קינד, ער האָט איהם אַראָב געטראָגען
פון אויבערשטיבעל אין הויז אַריין און איבערגעגעבען זיין מוטער;
אליהו האָט געזאָגט: „זעהסטו, דיין קינד איז געזונד!"

24 די פרוי האָט אליהו'ן געענטפערט: יעצט בין איך איבערצייגט אַז
דו ביזט אַ געטליכער מאַן און וואָס דו זאָגסט אין גאָט'ס נאָמען איז
ריכטיג.

## קאַפּיטעל יח

1 אין אַ צייט אַרום, אַז עס איז אַריבער דריי יאָהר, איז גאָט'ס וואָרט
געווען צו אליהו'ן אַזוי צו זאָגען: „געה בעוויז זיך צו אחאב'ן, איך
וועל שוין געבען רעגען אויף דער ערד".

2 איז אליהו אַוועק ווייזען זיך צו אחאב'ן. דער הונגער איז דאַן שטאַרק
געווען אין שמרון,

3 און אחאב האָט גערופען עבדיהו'ן דעם הויז־פערוואַלטער [עובדיהו איז
געווען זעהר אַ פרומער,

4 און ווען איזבל האָט אומגעבראַכט גאָט'ס נביאים האָט עבדיהו גענומען
הונדערט נביאים, ער האָט זיי בעהאַלטען צו פופציג אין אַ הייהל און
געשפּייזט זיי מיט ברויט און וואַסער.],

5 און אחאב האָט געזאָגט צו עבדיהו'ן: „לאָמיר געהן איבער'ן לאַנד
נעבען אַלע וואַסער־קוואַלען און אַלע טייכען, פיעללייכט וועלען מיר
געפינען גראָז און מיר וועלען קענען אויפהאַלטען אַ פערד אָדער אַ מויל־
עזעל, אַז עס זאָל ניט אויסגעראָטעט ווערען די פיה".

6 סוּס וָפֶרֶד וְלוֹא נַכְרִית מֵהַבְּהֵמָה׃ וַיְחַלְּקוּ לָהֶם אֶת־
הָאָרֶץ לַעֲבָר־בָּהּ אַחְאָב הָלַךְ בְּדֶרֶךְ אֶחָד לְבַדּוֹ וְעֹבַדְיָהוּ
7 הָלַךְ בְּדֶרֶךְ־אֶחָד לְבַדּוֹ׃ וַיְהִי עֹבַדְיָהוּ בַּדֶּרֶךְ וְהִנֵּה
אֵלִיָּהוּ לִקְרָאתוֹ וַיַּכִּרֵהוּ וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו וַיֹּאמֶר הַאַתָּה זֶה
8 אֲדֹנִי אֵלִיָּהוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אָנִי לֵךְ אֱמֹר לַאדֹנֶיךָ הִנֵּה אֵלִיָּהוּ׃
9 וַיֹּאמֶר מֶה חָטָאתִי כִּי־אַתָּה נֹתֵן אֶת־עַבְדְּךָ בְּיַד אַחְאָב
י לַהֲמִיתֵנִי׃ חַי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אִם־יֶשׁ־גּוֹי וּמַמְלָכָה אֲשֶׁר
לֹא־שָׁלַח אֲדֹנִי שָׁם לְבַקֶּשְׁךָ וְאָמְרוּ אָיִן וְהִשְׁבִּיעַ אֶת־
11 הַמַּמְלָכָה וְאֶת־הַגּוֹי כִּי לֹא יִמְצָאֶכָּה׃ וְעַתָּה אַתָּה אֹמֵר
12 לֵךְ אֱמֹר לַאדֹנֶיךָ הִנֵּה אֵלִיָּהוּ׃ וְהָיָה אֲנִי ׀ אֵלֵךְ מֵאִתָּךְ
וְרוּחַ יְהוָה ׀ יִשָּׂאֲךָ עַל־אֲשֶׁר לֹא־אֵדָע וּבָאתִי לְהַגִּיד לְאַחְאָב
13 וְלֹא יִמְצָאֲךָ וַהֲרָגָנִי וְעַבְדְּךָ יָרֵא אֶת־יְהוָה מִנְּעֻרָי׃ הֲלֹא־
הֻגַּד לַאדֹנִי אֵת אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי בַּהֲרֹג אִיזֶבֶל אֵת נְבִיאֵי
יְהוָה וָאַחְבִּא מִנְּבִיאֵי יְהוָה מֵאָה אִישׁ חֲמִשִּׁים חֲמִשִּׁים
14 אִישׁ בַּמְּעָרָה וָאֲכַלְכְּלֵם לֶחֶם וָמָיִם׃ וְעַתָּה אַתָּה אֹמֵר
טו לֵךְ אֱמֹר לַאדֹנֶיךָ הִנֵּה אֵלִיָּהוּ וַהֲרָגָנִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ
חַי יְהוָה צְבָאוֹת אֲשֶׁר עָמַדְתִּי לְפָנָיו כִּי הַיּוֹם אֵרָאֶה
16 אֵלָיו׃ וַיֵּלֶךְ עֹבַדְיָהוּ לִקְרַאת אַחְאָב וַיַּגֶּד־לוֹ וַיֵּלֶךְ אַחְאָב
17 לִקְרַאת אֵלִיָּהוּ׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת אַחְאָב אֶת־אֵלִיָּהוּ וַיֹּאמֶר
18 אַחְאָב אֵלָיו הַאַתָּה זֶה עֹכֵר יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר לֹא עָכַרְתִּי
אֶת־יִשְׂרָאֵל כִּי אִם־אַתָּה וּבֵית אָבִיךָ בַּעֲזָבְכֶם אֶת־מִצְוֺת
19 יְהוָה וַתֵּלֶךְ אַחֲרֵי הַבְּעָלִים׃ וְעַתָּה שְׁלַח קְבֹץ אֵלַי אֶת־
כָּל־יִשְׂרָאֵל אֶל־הַר הַכַּרְמֶל וְאֶת־נְבִיאֵי הַבַּעַל אַרְבַּע־
מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים וּנְבִיאֵי הָאֲשֵׁרָה אַרְבַּע מֵאוֹת אֹכְלֵי שֻׁלְחַן
כ אִיזָבֶל׃ וַיִּשְׁלַח אַחְאָב בְּכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּקְבֹּץ אֶת־
21 הַנְּבִיאִים אֶל־הַר הַכַּרְמֶל׃ וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ אֶל־כָּל־הָעָם
וַיֹּאמֶר עַד־מָתַי אַתֶּם פֹּסְחִים עַל־שְׁתֵּי הַסְּעִפִּים אִם־יְהוָה

האלהים

v. 5. כצ״ל כתיב וקרי 12 v קמץ בז״ק. 20 v הפטרת כי תשא כמנהג הספרדים. 21 v הפ׳ דגושה

6 זיי האָבען זיך צוטהיילט דאָס לאַנד אין געהן — אחאב איז געגאַנגען
אין איין וועג אַליין און עבדיהו איז געגאַנגען אַליין אין די אַנדער וועג.

7 אַז עבדיהו האָט גענומען געהן ערשט אליהו שטעהט קעגען איהם; ער
האָט איהם דערקענט. ער איז אויפ׳ן געזיכט געפאַלען און געזאָגט:
„ביזטו דאָס, מיין הערר אליהו ? !"

8 ער האָט געענטפערט: „איך בין דאָס ! געה זאָג דיין הערר׳ן — אליהו
איז דאָ !"

9 האָט ער געענטפערט: „וואָס האָב איך אַזוי געזינדיגט אַז דו ווילסט
איבערגעבען דיין קנעכט אחאב׳ן אין האַנד אום צו טויטען מיר ?

10 ווי עס לעבט דיין גאָט ! אויב עס איז דאָ אַ פאָלק אָדער אַ קעניגרייך
וואָס מיין הערר האָט דאָרט ניט געשיקט דיר זוכען, און אַז זיי האָבען
געזאָגט: „ער איז ניטאָ !" האָט ער באַשוואָרען די קעניגרייך אָדער
דאָס פאָלק אַז מ׳זאָל דיר דאָרט ניט געפינען —

11 יעצט זאָגסטו: „געה זאָג דיין הערר׳ן — אָט איז אליהו !"

12 און ווי איך וועל פון דיר אַוועק געהן וועט דיר גאָט׳ס גייסט פאָרטראָ-
גען, איך ווייס אויך ניט וואו; אַז איך וועל קומען און זאָגען אחאב׳ן
און ער וועט דיר ניט געפינען וועט ער מיר הרג׳נען, און איך, דיין קנעכט,
בין אַ פרומער פון קינדוויז אָן . . .

13 געוויס האָט מען מיין הערר׳ן דערצעהלט וואָס איך האָב געטהאָן ווען
איזבל האָט אויסגע׳הרג׳עט גאָט׳ס נביאים ? — איך האָב הונדערט מאַן
פון גאָט׳ס נביאים בעהאַלטען צו פופציג אין אַ הייהל און געשפייזט זיי
מיט ברויט און וואַסער . . ."

14 און יעצט זאָגסטו „געה זאָג דיין הערר׳ן אָט איז אליהו . . . וועט ער
מיר הרג׳נען" ?

15 און אליהו האָט ווידער גערעדט: „ווי עס לעבט דער גאָט פון אַלע
באַשעפעניסען, וועלכע האָט מיר אַלס נביא אָנגעשטעלט, אַז נאָך
היינט בעוויז איך זיך צו איהם !"

16 דאַן איז עבדיהו געגאַנגען טרעפען אחאב׳ן און האָט עס איהם געזאָגט;
אחאב איז אַוועק טרעפען אליהו׳ן.

17 אַז אחאב האָט דערזעהען אליהו׳ן האָט ער צו איהם געזאָגט: „ביזטו
דאָס דער וואָס האָט פאַראומגליקט ישראל ?"

18 ער האָט אָבער געענטפערט: „ניט איך האָב פאַראומגליקט ישראל! נאָר דו
און דיין פאָטער׳ס הויז, ווייל איהר האָט פאַרלאָזען גאָט׳ס געבאָט און
געגאַנגען נאָך די בעל-געצען.

19 יעצט שיק און קלייב מיר צוזאַמען גאַנץ ישראל צום באַרג כרמל, אויך
די פיער הונדערט פופציג בעל-פּראָפעטען און די פיער הונדערט געצען-
בוים פּראָפעטען, וועלכע עסען ביי איזבל׳ס טיש".

20 אחאב האָט פונאַנדערגעשיקט איבער גאַנץ ישראל, ער האָט פערזאַמעלט
די נביאים ביי׳ן באַרג כרמל.

21 דאַן איז אליהו צוגעגאַנגען צום גאַנצען פאָלק און געזאָגט: „ווי לאַנג
נאָך וועט איהר אַרומשפּרינגען מיט צוויי מיינונגען ? איז דער עוויגער

הָאֱלֹהִים֙ לְכ֣וּ אַחֲרָ֔יו וְאִם־הַבַּ֖עַל לְכ֣וּ אַחֲרָ֑יו וְלֹא־עָנ֥וּ
22 הָעָ֛ם אֹת֖וֹ דָּבָֽר׃ וַיֹּ֤אמֶר אֵלִיָּ֙הוּ֙ אֶל־הָעָ֔ם אֲנִ֞י נוֹתַ֧רְתִּי
נָבִ֛יא לַיהוָ֖ה לְבַדִּ֑י וּנְבִיאֵ֣י הַבַּ֔עַל אַרְבַּע־מֵא֥וֹת וַחֲמִשִּׁ֖ים
23 אִֽישׁ׃ וְיִתְּנוּ־לָ֜נוּ שְׁנַ֣יִם פָּרִ֗ים וְיִבְחֲר֣וּ לָהֶם֩ הַפָּ֨ר הָאֶחָ֜ד
וִֽינַתְּחֻ֗הוּ וְיָשִׂ֙ימוּ֙ עַל־הָ֣עֵצִ֔ים וְאֵ֖שׁ לֹ֣א יָשִׂ֑ימוּ וַאֲנִ֞י אֶעֱשֶׂ֣ה ׀
אֶת־הַפָּ֣ר הָאֶחָ֗ד וְנָֽתַתִּי֙ עַל־הָ֣עֵצִ֔ים וְאֵ֖שׁ לֹ֥א אָשִֽׂים׃
24 וּקְרָאתֶ֞ם בְּשֵׁ֣ם אֱלֹֽהֵיכֶ֗ם וַאֲנִי֙ אֶקְרָ֣א בְשֵׁם־יְהוָ֔ה וְהָיָ֧ה
הָאֱלֹהִ֛ים אֲשֶׁר־יַעֲנֶ֥ה בָאֵ֖שׁ ה֣וּא הָאֱלֹהִ֑ים וַיַּ֧עַן כָּל־הָעָ֛ם
כה וַיֹּאמְר֖וּ ט֥וֹב הַדָּבָֽר׃ וַיֹּ֨אמֶר אֵלִיָּ֜הוּ לִנְבִיאֵ֣י הַבַּ֗עַל בַּחֲר֨וּ
לָכֶ֜ם הַפָּ֤ר הָֽאֶחָד֙ וַעֲשׂ֣וּ רִאשֹׁנָ֔ה כִּ֥י אַתֶּ֖ם הָֽרַבִּ֑ים וְקִרְאוּ֙
26 בְּשֵׁ֣ם אֱלֹֽהֵיכֶ֔ם וְאֵ֖שׁ לֹ֥א תָשִֽׂימוּ׃ וַיִּקְח֨וּ אֶת־הַפָּ֜ר אֲשֶׁר־
נָתַ֣ן לָהֶם֮ וַיַּעֲשׂוּ֒ וַיִּקְרְא֣וּ בְשֵׁם־הַ֠בַּעַל מֵהַבֹּ֨קֶר וְעַד־
הַצָּהֳרַ֤יִם לֵאמֹר֙ הַבַּ֣עַל עֲנֵ֔נוּ וְאֵ֥ין ק֖וֹל וְאֵ֣ין עֹנֶ֑ה וַיְפַסְּח֔וּ
27 עַל־הַמִּזְבֵּ֖חַ אֲשֶׁ֥ר עָשָֽׂה׃ וַיְהִ֨י בַֽצָּהֳרַ֜יִם וַיְהַתֵּ֧ל בָּהֶ֣ם
אֵלִיָּ֗הוּ וַיֹּאמֶר֙ קִרְא֣וּ בְקוֹל־גָּד֔וֹל כִּֽי־אֱלֹהִ֖ים ה֑וּא כִּ֣י־שִׂ֧יחַ
28 וְכִֽי־שִׂ֛יג ל֖וֹ וְכִֽי־דֶ֣רֶךְ ל֑וֹ אוּלַ֛י יָשֵׁ֥ן ה֖וּא וְיִקָֽץ׃ וַֽיִּקְרְאוּ֙
בְּק֣וֹל גָּד֔וֹל וַיִּתְגֹּֽדְדוּ֙ כְּמִשְׁפָּטָ֔ם בַּחֲרָב֖וֹת וּבָֽרְמָחִ֑ים עַד־
29 שְׁפָךְ־דָּ֖ם עֲלֵיהֶֽם׃ וַיְהִי֙ כַּעֲבֹ֣ר הַֽצָּהֳרַ֔יִם וַיִּֽתְנַבְּא֔וּ עַ֖ד
ל לַעֲל֣וֹת הַמִּנְחָ֑ה וְאֵין־ק֥וֹל וְאֵין־עֹנֶ֖ה וְאֵ֥ין קָֽשֶׁב׃ וַיֹּ֨אמֶר
אֵלִיָּ֤הוּ לְכָל־הָעָם֙ גְּשׁ֣וּ אֵלַ֔י וַיִּגְּשׁ֥וּ כָל־הָעָ֖ם אֵלָ֑יו וַיְרַפֵּ֛א
31 אֶת־מִזְבַּ֥ח יְהוָ֖ה הֶהָרֽוּס׃ וַיִּקַּ֣ח אֵלִיָּ֗הוּ שְׁתֵּ֤ים עֶשְׂרֵה֙
אֲבָנִ֔ים כְּמִסְפַּ֖ר שִׁבְטֵ֣י בְנֵֽי־יַעֲקֹ֑ב אֲשֶׁ֨ר הָיָ֤ה דְבַר־יְהוָה֙
32 אֵלָיו֙ לֵאמֹ֔ר יִשְׂרָאֵ֖ל יִהְיֶ֥ה שְׁמֶֽךָ׃ וַיִּבְנֶ֧ה אֶת־הָאֲבָנִ֛ים
מִזְבֵּ֖חַ בְּשֵׁ֣ם יְהוָ֑ה וַיַּ֣עַשׂ תְּעָלָ֗ה כְּבֵית֙ סָאתַ֣יִם זֶ֔רַע סָבִ֖יב
33 לַמִּזְבֵּֽחַ׃ וַיַּעֲרֹ֖ךְ אֶת־הָעֵצִ֑ים וַיְנַתַּח֙ אֶת־הַפָּ֔ר וַיָּ֖שֶׂם עַל־
34 הָעֵצִֽים׃ וַיֹּ֗אמֶר מִלְא֨וּ אַרְבָּעָ֤ה כַדִּים֙ מַ֔יִם וְיִצְקוּ֙ עַל־
הָעֹלָ֖ה וְעַל־הָעֵצִ֑ים וַיֹּ֤אמֶר שְׁנוּ֙ וַיִּשְׁנ֔וּ וַיֹּ֥אמֶר שַׁלֵּ֖שׁוּ

וישלשו

v. 27. יהק׳ יפסח

דער גאָט גערט נאָך איהם, אויב־זשע דער בעל — געהט נאָך איהם!״ . . . דאָס פאָלק האָט אָבער אַ וואָרט ניט געענטפערט.

22 דאַן האָט אליהו ווידער גערעדט צום פאָלק: „איך בין פערבליבען דער איין־איינציגער נביא צו גאָט, די בעל־נביאים אָבער זיינען פיער הונ־דערט פופציג מאַן —

23 זאָל מען אונז געבען צוויי אָקסען; זיי זאָלען זיך אויסקלייבען איין אָקס, צושניידען איהם און ארויפלעגען אויף די האָלץ, פייער זאָלען זיי ניט מאַכען; איך וועל צורעכט מאַכען דעם צווייטען אָקס, ארויפ־לעגען איהם אויף די האָלץ און אויך ניט מאַכען קיין פייער —

24 דאַן וועט איהר רופען צו אייער גאָט און איך וועל רופען צום עוויגען, און זאָל עס זיין אַז דער גאָט וואָס וועט ענטפערן מיט אַ פייער יענער איז דער אַלמעכטיגער!״ דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט און געזאָגט: „דער פאָרשלאַג איז גוט!״

25 און אליהו האָט געזאָגט צו די בעל־נביאים: „קלייבט איהר זיך די ערשטע אויס איין אָקס און גרייט צו, איהר זייט דאָך די מעהרערע; רופט צו אייער גאָט — קיין פייער מאַכט ניט!״

26 זיי האָבען גענומען דעם אָקס וואָס מ׳האָט זיי דערלאַנגט, זיי האָבען אַלץ געטהאָן און גערופען דעם בעל מיט׳ן נאָמען פון פריהמאָרגען ביז׳ן מיטען טאָג, זאָגענדיג: „אָ, בעל, ענטפער אונז!״ עס איז אָבער קיין שטימע און קיין ענטפער. . . זיי זיינען געשפרונגען ארום מזבח וואָס מ׳האָט געמאַכט.

27 מיטאָג צייט האָט אליהו פון זיי שפּאָס געמאַכט און געזאָגט: „שרייט הויך! ער איז דאָך אַ גאָט, פיעלייכט האָט ער אַ געשפּרעך אָדער אַ אונטערהאַלטונג; פילייכט איז ער אין וועג, אויב ער שלאָפט, וועט ער זיך אויפכאַפּען . . .״

28 דאַן האָבען זיי הויך געשריען, זיי האָבען זיך, לויט זייער געוואָהנ־הייט וואונדען געמאַכט מיט שווערדען און שפּיעזען ביז עס האָט זיך פון זיי בלוט געגאָסען.

29 נאָך האַלבען טאָג האָבען זיי צווישען זיך גערעדט ביז מ׳האָט דעם שפּייז־אָפּפער געבראַכט, מ׳האָט אָבער ניט געהערט קיין שטימע, קיין ענטפער און קיין אויפמערקזאַמקייט.

30 האָט אליהו געזאָגט צום גאַנצען פאָלק: „קומט נעהנטער אַהער!״ דאָס גאַנצע פאָלק איז צו איהם צו געגאַנגען, און ער האָט פאַרריכט גאָט׳ס מזבח, וואָס איז צובראָכען געווען.

31 דאַן האָט אליהו גענומען צוועלף שטיינער, נאָך דעם צאָהל פון די שבטים, יעקב׳ס קינדער, צו וועמען גאָט׳ס וואָרט איז געווען אַזוי צו זאָגען:*) „ישראל״ זאָל דיין נאָמען זיין!״

32 פון די שטיינער האָט ער געבויט אַ מזבח פאַר גאָט און האָט געמאַכט אַ גראָבען, רוים פון צוויי סאה זוימען, ארום מזבח.

33 ער האָט צונויפגעלייגט די האָלץ און צושניטען דעם אָקס און אוועק־געלעגט אויף די האָלץ.

34 ער האָט אויך געהייסען אנשעפּען פיער קריגע וואַסער און גיסען אויפ׳ן פייער־אָפּפער און אויף די האָלץ; דאַן האָט ער געזאָגט: „נאָך אַ מאָל!״

*) זעה בראשית קאַפּ. ל״ב פסוק 29 (ח. ש. ג.)

וַיְשַׁלֵּשׁוּ׃ וַיֵּלְכוּ הַמַּיִם סָבִיב לַמִּזְבֵּחַ וְגַם אֶת־הַתְּעָלָה לה
מִלֵּא־מָיִם׃ וַיְהִי ׀ בַּעֲלוֹת הַמִּנְחָה וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא 36
וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיִשְׂרָאֵל הַיּוֹם יִוָּדַע כִּי־
אַתָּה אֱלֹהִים בְּיִשְׂרָאֵל וַאֲנִי עַבְדֶּךָ וּבִדְבָרְיךָ עָשִׂיתִי אֵת
כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ עֲנֵנִי יְהוָה עֲנֵנִי וְיֵדְעוּ הָעָם הַזֶּה 37
כִּי־אַתָּה יְהוָה הָאֱלֹהִים וְאַתָּה הֲסִבֹּתָ אֶת־לִבָּם אֲחֹרַנִּית׃
וַתִּפֹּל אֵשׁ־יְהוָה וַתֹּאכַל אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הָעֵצִים וְאֶת־ 38
הָאֲבָנִים וְאֶת־הֶעָפָר וְאֶת־הַמַּיִם אֲשֶׁר־בַּתְּעָלָה לִחֵכָה׃
וַיַּרְא כָּל־הָעָם וַיִּפְּלוּ עַל־פְּנֵיהֶם וַיֹּאמְרוּ יְהוָה הוּא 39
הָאֱלֹהִים יְהוָה הוּא הָאֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ לָהֶם מ
תִּפְשׂוּ ׀ אֶת־נְבִיאֵי הַבַּעַל אִישׁ אַל־יִמָּלֵט מֵהֶם וַיִּתְפְּשׂוּם
וַיּוֹרִדֵם אֵלִיָּהוּ אֶל־נַחַל קִישׁוֹן וַיִּשְׁחָטֵם שָׁם׃ וַיֹּאמֶר 41
אֵלִיָּהוּ לְאַחְאָב עֲלֵה אֱכֹל וּשְׁתֵה כִּי־קוֹל הֲמוֹן הַגָּשֶׁם׃
וַיַּעֲלֶה אַחְאָב לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְאֵלִיָּהוּ עָלָה אֶל־רֹאשׁ 42
הַכַּרְמֶל וַיִּגְהַר אַרְצָה וַיָּשֶׂם פָּנָיו בֵּין בִּרְכָּו׃ וַיֹּאמֶר אֶל־ 43
נַעֲרוֹ עֲלֵה־נָא הַבֵּט דֶּרֶךְ־יָם וַיַּעַל וַיַּבֵּט וַיֹּאמֶר אֵין
מְאוּמָה וַיֹּאמֶר שֻׁב שֶׁבַע פְּעָמִים׃ וַיְהִי בַּשְּׁבִעִית וַיֹּאמֶר 44
הִנֵּה־עָב קְטַנָּה כְּכַף־אִישׁ עֹלָה מִיָּם וַיֹּאמֶר עֲלֵה אֱמֹר
אֶל־אַחְאָב אֱסֹר וָרֵד וְלֹא יַעַצָרְכָה הַגָּשֶׁם׃ וַיְהִי ׀ עַד־ מה
כֹּה וְעַד־כֹּה וְהַשָּׁמַיִם הִתְקַדְּרוּ עָבִים וְרוּחַ וַיְהִי גֶּשֶׁם
גָּדוֹל וַיִּרְכַּב אַחְאָב וַיֵּלֶךְ יִזְרְעֶאלָה׃ ·וְיַד־יְהוָה הָיְתָה 46
אֶל־אֵלִיָּהוּ וַיְשַׁנֵּס מָתְנָיו וַיָּרָץ לִפְנֵי אַחְאָב עַד־בֹּאֲכָה
יִזְרְעֶאלָה׃

## Cap. XIX. יט

יט

וַיַּגֵּד אַחְאָב לְאִיזֶבֶל אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה אֵלִיָּהוּ וְאֵת כָּל־ א
אֲשֶׁר הָרַג אֶת־כָּל־הַנְּבִיאִים בֶּחָרֶב׃ וַתִּשְׁלַח אִיזֶבֶל ב
מַלְאָךְ אֶל־אֵלִיָּהוּ לֵאמֹר כֹּה־יַעֲשׂוּן אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִפוּן

כִּי־

יח v. 36. כ״א לישראל ibid. יתיר ה v. 39 ע״ב v. 42 סבירין קרי v. 46 הפטרת פנחס

האָבען זיי אַ צווייטען מאָל אָנגעשעפּט, ער האָט געזאָגט: „אַ דריטען
מאָל!" און זיי האָבען צום דריטען מאָל אָנגעשעפּט,

35 ביז דאָס וואסער איז גערונען אַרום מזבח; אויך דעם גראבען האָט מען
מיט וואסער פול געמאַכט.

36 צו דער צייט פון שפּייז־אָפּפער איז אליהו דער נביא צוגעגאַנגען און
געזאָגט: „גאָט פון אברהם, יצחק און ישראל! זאָל היינט בעקאַנט
ווערען אַז דו ביזט דער גאָט פון ישראל און איך בין דיין קנעכט, און
האָב לויט דיינע רייד דאָס אַלץ געטהאָן.

37 ענטפער מיר, גאָט, ענטפער מיר! זאָל דאָס פאָלק וויסען אַז דו ביזט
גאָט און דו האָסט עם זייער האַרץ צוריק געקעהרט..."

38 דאַן איז אַראָב אַ גרויסער פייער און פאַרברענט דעם אָפּפער, די האָלץ,
די שטיינער און די ערד; אויך די וואסער פון גראבען האָט עס אויס־
געלעקט.

39 אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט דאָס דערזעהען זיינען זיי אויפ'ן געזיכט
געפאַלען און געזאָגט: „דער עוויגער איז גאָט! נאָר דער עוויגער
איז גאָט!"

40 אליהו האָט צו זיי געזאָגט: כאַפּט זשע די בעל־נביאים, איינער פון
זיי זאָל ניט ענטרונען ווערען! אַז מ'האָט זיי געכאַפּט, האָט אליהו זיי
אַרונטערגעפיהרט צום טייך קישון און געקוילעט זיי דאָרטען.

41 דאַן האָט אליהו געזאָגט צו אחאב'ן: „געה, עסס און טרינק, וואָרים
עס פיהלט זיך דער גערויש פון אַ גרויסען רעגען."

42 אחאב איז אַוועק עסען און טרינקען און אליהו איז אַרויף אויפ'ן שפּיץ
כרמל, ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דר'ערד און געהאַלטען זיין גע־
זיכט צווישען זיינע קניע.

43 ער האָט געזאָגט צו זיין דינער: „געה־נאָר, טהו אַ קוק צום ים־צו!"
ער איז געגאַנגען, אַ קוק געטהאָן און געזאָגט: „נישט צו מערקען!"
האָט ער געענטפערט: „געה זיבען מאָל!"

44 דעם זיבענטען מאָל האָט ער געזאָגט: „עס הויבט זיך אַ קליינער
וואָלקען פון ים, ווי אַ מענשענס האַנד די גרויס". האָט ער געענט־
פערט: „געה זאָג אחאב'ן: „שפּאַן און פאָהר! ווען ניט וועט דיר
דער רעגען אָבהאַלטען."

45 דערווייל איז דער הימעל שוואַרץ געוואָרען פון וואָלקענס און עס איז
געוואָרען אַ גרויסער רעגען מיט אַ ווינד; אחאב איז רייטענדיג אַוועק
אין יזרעאל.

46 און גאָט האָט אַ וואונק געטהאָן אליהו'ן, האָט ער אָנגעגאַרטעלט זיינע
לענדען און געלאָפען פאָראויס אחאב'ן, ביז צום איינגאַנג פון יזרעאל.

## קאַפּיטעל יט

1 אַז אחאב האָט דערצעהלט איזבל'ן אַלץ וואָס אליהו האָט געטהאָן און
אַז ער האָט אויסגעה'רג'ט אַלע בעל־נביאים מיט'ן שווערד,

2 האָט איזבל געשיקט אַ מאַן צו אליהו'ן אַזוי צו זאָגען: „זאָל מיר גאָט

3 כִּי־כָעֵת מָחָר אָשִׂים אֶת־נַפְשְׁךָ כְּנֶפֶשׁ אַחַד מֵהֶם׃ וַיַּרְא
וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אֶל־נַפְשׁוֹ וַיָּבֹא בְּאֵר שֶׁבַע אֲשֶׁר לִיהוּדָה וַיַּנַּח
4 אֶת־נַעֲרוֹ שָׁם׃ וְהוּא־הָלַךְ בַּמִּדְבָּר דֶּרֶךְ יוֹם וַיָּבֹא וַיֵּשֶׁב
תַּחַת רֹתֶם אֶחָת וַיִּשְׁאַל אֶת־נַפְשׁוֹ לָמוּת וַיֹּאמֶר ׀ רַב
ה עַתָּה יְהוָה קַח נַפְשִׁי כִּי־לֹא־טוֹב אָנֹכִי מֵאֲבֹתָי׃ וַיִּשְׁכַּב
וַיִּישַׁן תַּחַת רֹתֶם אֶחָד וְהִנֵּה־זֶה מַלְאָךְ נֹגֵעַ בּוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ
6 קוּם אֱכוֹל׃ וַיַּבֵּט וְהִנֵּה מְרַאֲשֹׁתָיו עֻגַת רְצָפִים וְצַפַּחַת
7 מָיִם וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיָּשָׁב וַיִּשְׁכָּב׃ וַיָּשָׁב מַלְאַךְ יְהוָה ׀
שֵׁנִית וַיִּגַּע־בּוֹ וַיֹּאמֶר קוּם אֱכֹל כִּי רַב מִמְּךָ הַדָּרֶךְ׃
8 וַיָּקָם וַיֹּאכַל וַיִּשְׁתֶּה וַיֵּלֶךְ בְּכֹחַ ׀ הָאֲכִילָה הַהִיא אַרְבָּעִים
9 יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה עַד הַר הָאֱלֹהִים חֹרֵב׃ וַיָּבֹא־שָׁם
אֶל־הַמְּעָרָה וַיָּלֶן שָׁם וְהִנֵּה דְבַר־יְהוָה אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ
י מַה־לְּךָ פֹה אֵלִיָּהוּ׃ וַיֹּאמֶר קַנֹּא קִנֵּאתִי לַיהוָה ׀ אֱלֹהֵי
צְבָאוֹת כִּי־עָזְבוּ בְרִיתְךָ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־מִזְבְּחֹתֶיךָ הָרָסוּ
וְאֶת־נְבִיאֶיךָ הָרְגוּ בֶחָרֶב וָאִוָּתֵר אֲנִי לְבַדִּי וַיְבַקְשׁוּ אֶת־
11 נַפְשִׁי לְקַחְתָּהּ׃ וַיֹּאמֶר צֵא וְעָמַדְתָּ בָהָר לִפְנֵי יְהוָה
וְהִנֵּה יְהוָה עֹבֵר וְרוּחַ גְּדוֹלָה וְחָזָק מְפָרֵק הָרִים וּמְשַׁבֵּר
סְלָעִים לִפְנֵי יְהוָה לֹא בָרוּחַ יְהוָה וְאַחַר הָרוּחַ רַעַשׁ לֹא
12 בָרַעַשׁ יְהוָה׃ וְאַחַר הָרַעַשׁ אֵשׁ לֹא בָאֵשׁ יְהוָה וְאַחַר
13 הָאֵשׁ קוֹל דְּמָמָה דַקָּה׃ וַיְהִי ׀ כִּשְׁמֹעַ אֵלִיָּהוּ וַיָּלֶט פָּנָיו
בְּאַדַּרְתּוֹ וַיֵּצֵא וַיַּעֲמֹד פֶּתַח הַמְּעָרָה וְהִנֵּה אֵלָיו קוֹל וַיֹּאמֶר
14 מַה־לְּךָ פֹה אֵלִיָּהוּ׃ וַיֹּאמֶר קַנֹּא קִנֵּאתִי לַיהוָה ׀ אֱלֹהֵי
צְבָאוֹת כִּי־עָזְבוּ בְרִיתְךָ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־מִזְבְּחֹתֶיךָ
הָרָסוּ וְאֶת־נְבִיאֶיךָ הָרְגוּ בֶחָרֶב וָאִוָּתֵר אֲנִי לְבַדִּי וַיְבַקְשׁוּ
טו אֶת־נַפְשִׁי לְקַחְתָּהּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו לֵךְ שׁוּב
לְדַרְכְּךָ מִדְבַּרָה דַמָּשֶׂק וּבָאתָ וּמָשַׁחְתָּ אֶת־חֲזָאֵל לְמֶלֶךְ
16 עַל־אֲרָם׃ וְאֵת יֵהוּא בֶן־נִמְשִׁי תִּמְשַׁח לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל

ואת

למדנחאי על v. 4. אחד קרי v. 10. 14. קמץ בז"ק v. 15. הב' בפתח

אַזוי העלפֿען היינט און אַלע מאָל, אַז פּונקט מאָרגען וועל איך דיר
טהאָן וואָס דו האָסט זיי געטהאָן.״
3 ער האָט זיך דערשראָקען, איז אויפגעשטאַנען און איז זיך אַוועק געגאַנ־
גען ביז ער איז געקומען אין באר שבע וואָס נעבען יהודה, דאָרט האָט
ער איבערגעלאָזען זיין דיענער
4 און ער איז אַוועק, איין טאָג גאַנג, אין׳ם מדבר; ער איז געקומען
אונטער אַ וואַכהאָלדער און אַוועקגעזעצט זיך. ער האָט זיך דעם טוידט
געוואונשען און געזאָגט: „גענוג! יעצט, גאָט, נעהם צו מיין לעבען
— איך בין ניט בעסער פאַר מיינע עלטערן!״
5 ער האָט זיך אַוועקגעלייגט און איינגעשלאָפען אונטער אַ וואַכהאָלדער
ערשט אַ מלאך ריהרט איהם אָן און זאָגט צו איהם: „שטעה אויף, עסס!״
6 ער האָט זיך אַרומגעקוקט ערשט ביי זיין צוקאָפּענס איז אַ געבאַקטע
קיכעל און אַ גלאָז וואַסער; ער האָט געגעססען, געטרונקען און ווידער
געלעגט זיך.
7 גאָט׳ס מלאך האָט איהם ווידער אָנגעריהרט און געזאָגט: „שטעה־אויף
און עסס, דו האָסט אַ ווייטען וועג!״
8 ער איז אויפגעשטאַנען, האָט געגעססען און געטרונקען און איז געגאַנגען
מיט דעם קראַפט פון דעם עסען פערציג טעג און פערציג נעכט, ביז
גאָט׳ס באַרג — חרב.
9 ער איז דאָרט אַריין אין אַ הייהל און פערבליבען דאָרט, ערשט גאָט׳ס
וואָרט האָט צו איהם גערעדט און געזאָגט: „וואָס טהוסטו דאָ, אליהו?״
10 האָט ער געענטפערט: „איך בין זעהר אויפגערעגט צוליעב דיר, גאָט
פון אַלע בעשעפעניסען — די קינדער ישראל האָבען דיין געזעץ פער־
לאָזען, צובראָכען דיינע אַלטאַרען און גע׳הרג׳עט דיינע נביאים מיט׳ן
שווערד; איך נאָר אַליין בין געבליבען האָבען זיי מיר אויך געוואָלט
דאָס לעבען נעהמען...״
11 האָט ער געענטפערט: „געה, שטעה אויף׳ן באַרג און וואַרט אויף
גאָט! און אָט קומט גאָט אָן... אַ גרויסער שטאַרקער ווינד וואָס
ברעקעלט בערג און ברעכט די גרעססטע שטיינער — ניט אין ווינד איז
גאָט! נאָכ׳ן ווינד קומט אַ שטורעם — ניט אין שטורעם איז גאָט!
12 נאָכ׳ן שטורעם קומט אַ פייער — ניט אין פייער איז גאָט! נאָכ׳ן
פייער קומט אַ קליין, שטיל גערויש...״
13 אַז אליהו האָט עס דערהערט האָט ער איינגעהילט זיין געזיכט אין זיין
מאַנטעל, ער איז אַרויס און געשטעלט זיך אין איינגאַנג פון הייהל,
ערשט אַ שטימע רופט איהם און זאָגט: „וואָס טהוסטו דאָ, אליהו?״
14 ער האָט געענטפערט: „איך בין זעהר אויפגערעגט צוליעב דיר, גאָט
פון אַלע בעשעפעניסען — די קינדער ישראל האָבען דיין געזעץ פער־
לאָזען, דיינע אַלטאַרען האָבען זיי צובראָכען און גע׳הרג׳עט דיינע
נביאים מיט׳ן שווערד; איך נאָר אַליין בין געבליבען, האָבען זיי מיר
אויך געוואָלט דאָס לעבען נעהמען.״
15 אָבער גאָט האָט צו איהם געזאָגט: „געה זיך מיט דיין וועג צוריק צום
מדבר דמשק; אַז דו וועסט אַהין קומען זאָלסטו חזאל׳ן זאַלבען אַלס
קעניג איבער ארם,
16 און יהוא׳ן, נמשי׳ס זוהן, זאַלב אַלס קעניג איבער ישראל; אלישע,

וְאֶת־אֱלִישָׁע בֶּן־שָׁפָט מֵאָבֵל מְחוֹלָה תִּמְשַׁח לְנָבִיא
17 תַּחְתֶּיךָ׃ וְהָיָה הַנִּמְלָט מֵחֶרֶב חֲזָאֵל יָמִית יֵהוּא וְהַנִּמְלָט
18 מֵחֶרֶב יֵהוּא יָמִית אֱלִישָׁע׃ וְהִשְׁאַרְתִּי בְיִשְׂרָאֵל שִׁבְעַת
אֲלָפִים כָּל־הַבִּרְכַּיִם אֲשֶׁר לֹא־כָרְעוּ לַבַּעַל וְכָל־הַפֶּה
19 אֲשֶׁר לֹא־נָשַׁק לוֹ׃ וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם וַיִּמְצָא אֶת־אֱלִישָׁע בֶּן־
שָׁפָט וְהוּא חֹרֵשׁ שְׁנֵים־עָשָׂר צְמָדִים לְפָנָיו וְהוּא בִּשְׁנֵים
כ הֶעָשָׂר וַיַּעֲבֹר אֵלִיָּהוּ אֵלָיו וַיַּשְׁלֵךְ אַדַּרְתּוֹ אֵלָיו׃ וַיַּעֲזֹב
ה וְחֵי־נַפְשְׁךָ אִם־אֶעֶזְבֶךָּ וַיָּבֹאוּ יְרִיחוֹ׃ וַיִּגְּשׁוּ בְנֵי־הַנְּבִיאִים ׀
אֲשֶׁר־בִּירִיחוֹ אֶל־אֱלִישָׁע וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הֲיָדַעְתָּ כִּי הַיּוֹם
יְהוָה לֹקֵחַ אֶת־אֲדֹנֶיךָ מֵעַל רֹאשֶׁךָ וַיֹּאמֶר גַּם־אֲנִי יָדַעְתִּי
6 הֶחֱשׁוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אֵלִיָּהוּ שֵׁב־נָא פֹה כִּי יְהוָה שְׁלָחַנִי
הַיַּרְדֵּנָה וַיֹּאמֶר חַי־יְהוָה וְחֵי־נַפְשְׁךָ אִם־אֶעֶזְבֶךָּ וַיֵּלְכוּ
7 שְׁנֵיהֶם׃ וַחֲמִשִּׁים אִישׁ מִבְּנֵי הַנְּבִיאִים הָלְכוּ וַיַּעַמְדוּ
8 מִנֶּגֶד מֵרָחוֹק וּשְׁנֵיהֶם עָמְדוּ עַל־הַיַּרְדֵּן׃ וַיִּקַּח אֵלִיָּהוּ
אֶת־אַדַּרְתּוֹ וַיִּגְלֹם וַיַּכֶּה אֶת־הַמַּיִם וַיֵּחָצוּ הֵנָּה וָהֵנָּה
9 וַיַּעַבְרוּ שְׁנֵיהֶם בֶּחָרָבָה׃ וַיְהִי כְעָבְרָם וְאֵלִיָּהוּ אָמַר
אֶל־אֱלִישָׁע שְׁאַל מָה אֶעֱשֶׂה־לָּךְ בְּטֶרֶם אֶלָּקַח מֵעִמָּךְ
י וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע וִיהִי־נָא פִּי־שְׁנַיִם בְּרוּחֲךָ אֵלָי׃ וַיֹּאמֶר
הִקְשִׁיתָ לִשְׁאוֹל אִם־תִּרְאֶה אֹתִי לֻקָּח מֵאִתָּךְ יְהִי־לְךָ כֵן
11 וְאִם־אַיִן לֹא יִהְיֶה׃ וַיְהִי הֵמָּה הֹלְכִים הָלוֹךְ וְדַבֵּר
וְהִנֵּה רֶכֶב־אֵשׁ וְסוּסֵי אֵשׁ וַיַּפְרִדוּ בֵּין שְׁנֵיהֶם וַיַּעַל
12 אֵלִיָּהוּ בַּסְּעָרָה הַשָּׁמָיִם׃ וֶאֱלִישָׁע רֹאֶה וְהוּא מְצַעֵק
אָבִי ׀ אָבִי רֶכֶב יִשְׂרָאֵל וּפָרָשָׁיו וְלֹא רָאָהוּ עוֹד וַיַּחֲזֵק
13 בִּבְגָדָיו וַיִּקְרָעֵם לִשְׁנַיִם קְרָעִים׃ וַיָּרֶם אֶת־אַדֶּרֶת אֵלִיָּהוּ
14 אֲשֶׁר נָפְלָה מֵעָלָיו וַיָּשָׁב וַיַּעֲמֹד עַל־שְׂפַת הַיַּרְדֵּן׃ וַיִּקַּח

אֶת־

v. 1. הס׳ בחטף קמץ    v. 3 סבירין בבית    v. 11. הס׳ בחירק

## קאַפּיטעל ב

1 אזוי איז דאָס צוגעגאַנגען ווען גאָט האָט אליהו'ן אויפגעהויבען אין דער
הויך מיט אַ שטורם־ווינד: אליהו און אלישע זיינען געגאַנגען פון גלגל.
2 האָט אליהו געזאָגט צו אלישע'ן: „בלייב דאָ, ווארים גאָט שיקט מיר
ביז בית־אל". האָט אלישע געזאָגט: „ביי גאָט און ביי דיין לעבען,
אויב איך וועל דיר פערלאָזען!" און זיי זיינען צוזאַמען געגאַנגען ביז
בית־אל.
3 די יונגע נביאים פון בית־אל זיינען ארויס צו אלישע'ן און געזאָגט צו
איהם: „ווייסטו אז היינט נעהמט גאָט צו דיין הערן פון דיר?" האָט
ער געענטפערט: „איך ווייס שוין, שווייגט!"
4 דאַן האָט אליהו צו איהם געזאָגט: „בלייב דאָ, ווארים גאָט שיקט
מיר אין יריחו!" ער האָט געענטפערט: „ביי גאָט און ביי דיין לעבען,
אויב איך וועל דיר פערלאָזען!" אַז זיי זיינען געקומען אין יריחו,
5 זיינען די יריחו'ער יונגע נביאים צוגעגאַנגען צו אלישע'ן און געזאָגט
צו איהם: „ווייסטו אז היינט נעהמט גאָט צו דיין הערן פון דיר?"
האָט ער געענטפערט: „איך ווייס שוין, שווייגט!"
6 דאַן האָט אליהו צו איהם געזאָגט: „בלייב דאָ, ווארים גאָט שיקט
מיר ביז צום ירדן!" האָט ער געענטפערט: „ביי גאָט און ביי דיין
לעבען, אויב איך וועל דיר פערלאָזען!" און זיי זיינען אַוועק צו־
זאַמען.
7 פופציג מאַן פון די יונגע נביאים זיינען נאָכגעגאַנגען פון וויטען און
אָבגעשטעלט זיך ווען זיי ביידע זיינען געבליבען שטעהן ביי'ן ירדן.
8 דאַן האָט אליהו אראָבגענומען זיין מאַנטעל, האָט איהם צונויפגעווי־
קעלט און אַ קלאַפּ געטהאָן אויפ'ן וואסער. די וואסער האָט זיך צו־
טהיילט הין און הער און זיי זיינען ביידע אריבער אין טרוקענעם.
9 אַז זיי זיינען אַריבער האָט אליהו געזאָגט צו אלישע'ן: „בעט, וואָס
זאָל איך פאַר דיר טהאָן איידער איך ווער צוגענומען פון דיר?" האָט
אלישע געזאָגט: „מיין בעגייסטערונג זאָל זיין צוויי מאָל אַזוי שטארק
ווי דיינע! . . ."
10 ער האָט געענטפערט: „דו בעטסט אַ צו־שווערע זאַך! אויב דו וועסט
זעהן ווי איך ווער צוגענומען פון דיר וועט דיין וואונש ערפילט ווערען,
אָבער אויב ניט — וועט עס ניט זיין! . . ."
11 זיי זיינען זיך אזוי געגאַנגען, ריידענדיג געהענדיג, ערשט אַ פייער־
דיגער וואגען און פייערדיגע פערד האָבען זיי פונאַנדערגעטהיילט, און
דער ווינט האָט אליהו'ן אויפגעהויבען אין דער הויך . . .
12 אלישע האָט געקוקט און געשריען: „פאַטער, פאַטער! וועגען און
רייטערס פון ישראל!" אַז ער האָט איהם מעהר ניט געזעהען האָט ער
אָנגענומען זיינע קליידער און צוריסען זיי אויף צוויי שטיקער.
13 דאַן האָט ער אויפגעהייבען אליהו'ס מאַנטעל, וואָס איז פון איהם אראָב־
געפאַלען און ווידער געשטעלט זיך ביי'ן ברעג ירדן.
14 ער האָט גענומען אליהו'ס מאַנטעל, וואָס איז פון איהם אראָבגעפאַלען

אֶת־אַדֶּרֶת אֵלִיָּהוּ אֲשֶׁר־נָפְלָה מֵעָלָיו וַיַּכֶּה אֶת־הַמַּיִם
וַיֹּאמַר אַיֵּה יְהוָה אֱלֹהֵי אֵלִיָּהוּ אַף־הוּא ׀ וַיַּכֶּה אֶת־הַמַּיִם
וַיֵּחָצוּ הֵנָּה וָהֵנָּה וַיַּעֲבֹר אֱלִישָׁע׃ וַיִּרְאֻהוּ בְנֵי־הַנְּבִיאִים טו
אֲשֶׁר־בִּירִיחוֹ מִנֶּגֶד וַיֹּאמְרוּ נָחָה רוּחַ אֵלִיָּהוּ עַל־אֱלִישָׁע
וַיָּבֹאוּ לִקְרָאתוֹ וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ אָרְצָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הִנֵּה־ 16
נָא יֵשׁ־אֶת־עֲבָדֶיךָ חֲמִשִּׁים אֲנָשִׁים בְּנֵי־חַיִל יֵלְכוּ־נָא
וִיבַקְשׁוּ אֶת־אֲדֹנֶיךָ פֶּן־נְשָׂאוֹ רוּחַ יְהוָה וַיַּשְׁלִכֵהוּ בְּאַחַד
הֶהָרִים אוֹ בְּאַחַת הַגֵּיאָוֹת וַיֹּאמֶר לֹא תִשְׁלָחוּ׃ וַיִּפְצְרוּ־ 17
בוֹ עַד־בֹּשׁ וַיֹּאמֶר שְׁלָחוּ וַיִּשְׁלְחוּ חֲמִשִּׁים אִישׁ וַיְבַקְשׁוּ
שְׁלֹשָׁה יָמִים וְלֹא מְצָאֻהוּ׃ וַיָּשֻׁבוּ אֵלָיו וְהוּא יֹשֵׁב בִּירִיחוֹ 18
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם הֲלוֹא־אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם אַל־תֵּלֵכוּ׃
וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי הָעִיר אֶל־אֱלִישָׁע הִנֵּה־נָא מוֹשַׁב הָעִיר טוֹב 19
כַּאֲשֶׁר אֲדֹנִי רֹאֶה וְהַמַּיִם רָעִים וְהָאָרֶץ מְשַׁכָּלֶת׃ וַיֹּאמֶר כ
קְחוּ־לִי צְלֹחִית חֲדָשָׁה וְשִׂימוּ שָׁם מֶלַח וַיִּקְחוּ אֵלָיו׃ וַיֵּצֵא 21
אֶל־מוֹצָא הַמַּיִם וַיַּשְׁלֶךְ־שָׁם מֶלַח וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר יְהוָה
רִפִּאתִי לַמַּיִם הָאֵלֶּה לֹא־יִהְיֶה מִשָּׁם עוֹד מָוֶת וּמְשַׁכָּלֶת׃
וַיֵּרָפוּ הַמַּיִם עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּדְבַר אֱלִישָׁע אֲשֶׁר דִּבֵּר׃ 22
וַיַּעַל מִשָּׁם בֵּית־אֵל וְהוּא ׀ עֹלֶה בַדֶּרֶךְ וּנְעָרִים 23
קְטַנִּים יָצְאוּ מִן־הָעִיר וַיִּתְקַלְּסוּ־בוֹ וַיֹּאמְרוּ לוֹ עֲלֵה
קֵרֵחַ עֲלֵה קֵרֵחַ׃ וַיִּפֶן אַחֲרָיו וַיִּרְאֵם וַיְקַלְלֵם בְּשֵׁם 24
יְהוָה וַתֵּצֶאנָה שְׁתַּיִם דֻּבִּים מִן־הַיַּעַר וַתְּבַקַּעְנָה מֵהֶם
אַרְבָּעִים וּשְׁנֵי יְלָדִים׃ וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם אֶל־הַר הַכַּרְמֶל וּמִשָּׁם כה
שָׁב שֹׁמְרוֹן׃

## CAP. III. ג

ג

וִיהוֹרָם בֶּן־אַחְאָב מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן בִּשְׁנַת א
שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה לִיהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ שְׁתֵּים־
עֶשְׂרֵה שָׁנָה׃ וַיַּעֲשֶׂה הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה רַק לֹא כְאָבִיו 2

וכאמו

ב׳ v. 16. הגאיות קי׳ v. 22. חסר א

און קלאַפּענדיג איבער'ן וואַסער האָט ער געזאָגט: „וואו איז אליהו'ס
גאָט? !..." נאָכהער האָט ער אויך אַ קלאַפּ געגעבען איבער'ן וואַ־
סער און זיי האָבען זיך צוטהיילט אהער און אהין ביז אלישע איז דורכ־
געגאַנגען.

15 אַז די יונגע נביאים פון יריחו האָבען איהם פון ווייטען דערזעהען, האָ־
בען זיי געזאָגט: אליהו'ס גייסט רוהט אויף אלישע'ן! זיי זיינען
איהם אנקעגען געגאַנגען און געבוקט זיך צו איהם ביז דער ערד.

16 זיי האָבען צו איהם געזאָגט: „אָט זיינען מיר דאָ, דיינע קנעכט,
פופציג שטאַרקע מענשען, זיי ווילען געהן זוכען דיין העררן פיליכט
האָט איהם אַ שטאַרקער ווינט פאָרטראָגען און אראָבגעוואָרפען אויף
איינעם פון די בערג אָדער טהאָלען"... ער האָט געזאָגט: „שיקט
ניט!"

17 אַז זיי האָבען איהם שטאַרק געבעטען האָט ער געזאָגט: „שיקט!"
האָבען זיי געשיקט פופציג מענשען, זיי האָבען דריי טעג געזוכט און האָ־
בען איהם ניט געפונען.

18 אַז זיי זיינען צו איהם צוריק געקומען [ער איז שוין געווען אין יריחו],
האָט ער צו זיי געזאָגט: „האָב איך אייך ניט געזאָגט — געהט ניט!"

19 די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען געזאָגט צו אלישע'ן: „וואוינען
אין שטאָדט איז גוט, ווי דער הערר זעהט; אָבער דאָס וואַסער איז
שלעכט און דאָס לאַנד איז פאַרדאַרבענד!"

20 האָט ער געזאָגט: „ברייננט מיר אַ נייע גלאָז און לעגט דאָרט אריין
זאַלץ!" זיי האָבען עס געבראַכט צו איהם.

21 ער איז אַרויס צום וואַסער־קוואַל און אַריינגעוואָרפען דאָרט דאָס זאַלץ און
געזאָגט: „אַזוי זאָגט גאָט — איך האָב דאָס וואַסער געזונד געמאַכט,
עס וועט פון דאָרט מעהר ניט זיין טוידט און פערדאַרבונג!"

22 דאָס וואַסער איז טרינקבאַר געוואָרען ביז יעצט, ווי אלישע האָט גע־
זאָגט.

23 פון דאָרט איז ער אַוועק אין בית־אל. אַז ער איז אויפ'ן וועג אַרויף
זיינען אַרויס פון שטאָדט קליינע אינגלאַך און שפּאָס געמאַכט פון איהם,
זיי האָבען צו איהם געזאָגט: געה אַוועק, פּליכעוואַטער! געה אַוועק,
פּליכעוואַטער!"

24 אַז ער האָט זיך אַ קעהר געגעבען אַהינטער און האָט זיי דערזעהען, האָט
ער זיי געשאָלטען מיט גאָט'ס נאָמען. דאַן זיינען אַרויס פון וואַלד צוויי
בערען און האָבען צוריסען פון זיי צוויי־און־פערציג אינגלאַך.

25 ער איז אַוועק פון דאָרט צום באַרג כרמל און פון דאָרטען איז ער צוריק
געגאַנגען אין שמרון.

## קאַפּיטעל ג

1 יהורם, אחאב'ס זוהן, איז קעניג געוואָרען איבער ישראל, אין שמרון,
אין אכטצעהנטען יאָהר פון יהושפט, קעניג פון יהודה; ער האָט רע־
גירט צוועלף יאָהר,

2 און האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, נאָר ניט ווי

3 וּכְאִמּ֑וֹ וַיָּ֙סַר֙ אֶת־מַצְּבַ֣ת הַבַּ֔עַל אֲשֶׁ֖ר עָשָׂ֥ה אָבִֽיו׃ רַ֠ק
בְּחַטֹּ֨אות יָרָבְעָ֧ם בֶּן־נְבָ֛ט אֲשֶׁר־הֶחֱטִ֥יא אֶת־יִשְׂרָאֵ֖ל דָּבֵ֑ק
4 לֹא־סָ֖ר מִמֶּֽנָּה׃ וּמֵישַׁ֥ע מֶֽלֶךְ־מוֹאָ֖ב הָיָ֣ה נֹקֵ֑ד
וְהֵשִׁ֣יב לְמֶֽלֶךְ־יִשְׂרָאֵ֗ל מֵאָה־אֶ֣לֶף כָּרִ֔ים וּמֵאָ֥ה אֶ֖לֶף
ה אֵילִ֥ים צָֽמֶר׃ וַיְהִ֖י כְּמ֣וֹת אַחְאָ֑ב וַיִּפְשַׁ֥ע מֶֽלֶךְ־מוֹאָ֖ב בְּמֶ֥לֶךְ
6 יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיֵּצֵ֞א הַמֶּ֧לֶךְ יְהוֹרָ֛ם בַּיּ֥וֹם הַה֖וּא מִשֹּׁמְר֑וֹן וַיִּפְקֹ֖ד
7 אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵֽל׃ וַ֠יֵּלֶךְ וַיִּשְׁלַ֨ח אֶל־יְהוֹשָׁפָ֜ט מֶֽלֶךְ־יְהוּדָ֣ה
לֵאמֹ֗ר מֶ֤לֶךְ מוֹאָב֙ פָּשַׁ֣ע בִּ֔י הֲתֵלֵ֥ךְ אִתִּ֛י אֶל־מוֹאָ֖ב
לַמִּלְחָמָ֑ה וַיֹּ֣אמֶר אֶעֱלֶ֔ה כָּמ֥וֹנִי כָמ֛וֹךָ כְּעַמִּ֥י כְעַמֶּ֖ךָ כְּסוּסַ֥י
8 כְּסוּסֶֽיךָ׃ וַיֹּ֕אמֶר אֵי־זֶ֥ה הַדֶּ֖רֶךְ נַעֲלֶ֑ה וַיֹּ֕אמֶר דֶּ֖רֶךְ מִדְבַּ֥ר
9 אֱדֽוֹם׃ וַיֵּלֶךְ֩ מֶ֨לֶךְ יִשְׂרָאֵ֜ל וּמֶֽלֶךְ־יְהוּדָ֗ה וּמֶ֣לֶךְ אֱד֔וֹם
וַיָּסֹ֕בּוּ דֶּ֖רֶךְ שִׁבְעַ֣ת יָמִ֑ים וְלֹא־הָיָ֨ה מַ֧יִם לַֽמַּחֲנֶ֛ה וְלַבְּהֵמָ֖ה
י אֲשֶׁ֥ר בְּרַגְלֵיהֶֽם׃ וַיֹּ֖אמֶר מֶ֣לֶךְ יִשְׂרָאֵ֑ל אֲהָ֕הּ כִּֽי־קָרָ֣א
יְהוָ֗ה לִשְׁלֹ֙שֶׁת֙ הַמְּלָכִ֣ים הָאֵ֔לֶּה לָתֵ֥ת אוֹתָ֖ם בְּיַד־מוֹאָֽב׃
11 וַיֹּ֣אמֶר יְהוֹשָׁפָ֗ט הַאֵ֨ין פֹּ֤ה נָבִיא֙ לַֽיהוָ֔ה וְנִדְרְשָׁ֥ה אֶת־יְהוָ֖ה
מֵאוֹת֑וֹ וַ֠יַּעַן אֶחָ֞ד מֵעַבְדֵ֤י מֶֽלֶךְ־יִשְׂרָאֵל֙ וַיֹּ֔אמֶר פֹּ֚ה אֱלִישָׁ֣ע
12 בֶּן־שָׁפָ֔ט אֲשֶׁר־יָ֥צַק מַ֖יִם עַל־יְדֵ֥י אֵלִיָּֽהוּ׃ וַיֹּ֙אמֶר֙ יְה֣וֹשָׁפָ֔ט
יֵ֥שׁ אוֹת֖וֹ דְּבַר־יְהוָ֑ה וַיֵּרְד֣וּ אֵלָ֗יו מֶ֧לֶךְ יִשְׂרָאֵ֛ל וִיהֽוֹשָׁפָ֖ט
13 וּמֶ֥לֶךְ אֱדֽוֹם׃ וַיֹּ֨אמֶר אֱלִישָׁ֜ע אֶל־מֶ֤לֶךְ יִשְׂרָאֵל֙ מַה־לִּ֣י
וָלָ֔ךְ לֵ֚ךְ אֶל־נְבִיאֵ֣י אָבִ֔יךָ וְאֶל־נְבִיאֵ֖י אִמֶּ֑ךָ וַיֹּ֤אמֶר לוֹ֙ מֶ֣לֶךְ
יִשְׂרָאֵ֔ל אַ֗ל כִּֽי־קָרָ֤א יְהוָה֙ לִשְׁלֹ֙שֶׁת֙ הַמְּלָכִ֣ים הָאֵ֔לֶּה לָתֵ֥ת
14 אוֹתָ֖ם בְּיַד־מוֹאָֽב׃ וַיֹּ֣אמֶר אֱלִישָׁ֗ע חַי־יְהוָ֤ה צְבָאוֹת֙ אֲשֶׁ֣ר
עָמַ֣דְתִּי לְפָנָ֔יו כִּ֗י לוּלֵ֛י פְּנֵ֥י־יְהוֹשָׁפָ֥ט מֶֽלֶךְ־יְהוּדָ֖ה אֲנִ֣י נֹשֵׂ֑א
טו אִם־אַבִּ֥יט אֵלֶ֖יךָ וְאִם־אֶרְאֶֽךָּ׃ וְעַתָּ֖ה קְחוּ־לִ֣י מְנַגֵּ֑ן וְהָיָה֙
16 כְּנַגֵּ֣ן הַֽמְנַגֵּ֔ן וַתְּהִ֥י עָלָ֖יו יַד־יְהוָֽה׃ וַיֹּ֕אמֶר כֹּ֖ה אָמַ֣ר יְהוָ֑ה
17 עָשֹׂ֛ה הַנַּ֥חַל הַזֶּ֖ה גֵּבִ֥ים ׀ גֵּבִֽים׃ כִּי־כֹ֣ה ׀ אָמַ֣ר יְהוָ֗ה לֹֽא־
תִרְא֥וּ ר֙וּחַ֙ וְלֹֽא־תִרְא֣וּ גֶ֔שֶׁם וְהַנַּ֥חַל הַה֖וּא יִמָּ֣לֵא מָ֑יִם

ושתיתם

v. 3 מלא ו

זיין פאטער און מוטער — ער האָט אָבגעשאַפט די סטאטועס פון בעל,
וואָס זיין פאטער האָט געמאַכט.
3 ער האָט זיך געהאַלטען ביי די זינד פון ירבעם, נבט׳ס זוהן, וועלכער
האָט זינדיג געמאַכט גאנץ ישראל. ער איז פון זיי ניט אָבגעטרעטען.
4 מישע, קעניג פון מואב, איז געווען אַ פיה־הענדלער. ער פלעגט צו־
שטעלען דעם קעניג פון ישראל הונדערט טויזענד פעטע שעפסען און
הונדערט טויזענד וואליגע ווידערס.
5 זינט אחאב איז געשטאָרבען האָט דער קעניג פון מואב רעוואָלטירט קע־
גען קעניג פון ישראל.
6 דאן איז דער קעניג יהורם ארויס פון שמרון און האָט בעשטעלט גאנץ
ישראל.
7 ער איז אַוועק און געשיקט צו יהושפט, קעניג פון יהודה, אַזוי צו זאָ־
גען: „דער קעניג פון מואב האָט קעגען מיר רעוואָלטירט, וועסטו
געהן מיט מיר אין קריעג קעגען מואב?" האָט ער געענטפערט: „איך
געה גלייך מיט דיר, מיין פאָלק — ווי דיין פאָלק, און מיינע פערד —
ווי דיינע פערד."
8 האָט ער געפרעגט: „מיט וועלכען וועג וועלען מיר געהן?" האָט ער
געזאָגט: „דורך די וויסטע אדום!"
9 דאן איז געגאנגען דער קעניג פון ישראל, דער קעניג פון יהודה און דער
קעניג פון אדום; זיי זיינען ארומגעגאנגען זיעבען טעג און האָבען ניט
געהאַט קיין וואסער פאר׳ן לאגער און די פיה וואָס מיט זיי.
10 האָט דער קעניג פון ישראל געזאָגט: „וועה! גאָט האָט צוזאמענגע־
רופען דיעזע דריי קעניגע אום איבערצוגעבען זיי מואב׳ן אין האנד..."
11 האָט יהושפט געזאָגט: „איז דאָ ניטאָ גאָט׳ס אַ נביא וואָס מיר זאָ־
לען דורך איהם קענען גאָט פרעגען?" איינער פון קעניגס קנעכט האָט
געענטפערט און געזאָגט: „דאָ געפינט זיך אלישע, שפט׳ס זוהן, דער
וואָס האָט ביי אליהו׳ן די וואסער געגאסען."
12 האָט יהושפט געזאָגט: „ער וועט געווים ריכטיג זאָגען!" זיינען זיי
אוועק צו איהם דער קעניג פון ישראל, יהושפט און דער קעניג פון
אדום.
13 אָבער אלישע האָט געזאָגט צום קעניג פון ישראל: „וואָס האָב איך
מיט דיר צו טהאָן? געה צו דיין פאטערס נביאים אָדער צו דיין מו־
טערס נביאים!" האָט דער קעניג פון ישראל צו איהם געזאָגט: „זאָג
דאָס ניט! האָט דען גאָט צונויפגערופען די דריי קעניגע אום איבער־
צוגעבען זיי מואב׳ן אין האנד?"
14 האָט אלישע געזאָגט: „ווי עס לעבט גאָט פון אלע בעשעפעניסען, ביי
וועמען איך בין אַנגעשטעלט — ווען איך וואָלט ניט שוינען יהושפט,
קעניג פון יהודה, וואָלט איך אויף דיר אַ קוק ניט געטהאָן און וואָלט
דיר ניט אנגעזעהען...
15 יעצט בריינגט מיר אַ שפּיעלער!" אַז דער שפּיעלער האָט גענומען
שפּיעלען האָט גאָט׳ס קראַפט געווירקט אויף איהם,
16 און ער האָט געזאָגט: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט: „מאַכט אין טהאל
פיעל גריבער!
17 ווארים אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איהר וועט ניט זעהען קיין ווינט
און וועט ניט זעהען קיין רעגען; דאָך וועט דער טהאל פול ווערען

וּשְׁתִיתֶ֛ם אַתֶּ֥ם וּמִקְנֵיכֶ֖ם וּבְהֶמְתְּכֶֽם׃ וְנָקַ֥ל זֹ֖את בְּעֵינֵ֣י 18
יְהוָ֑ה וְנָתַ֥ן אֶת־מוֹאָ֖ב בְּיֶדְכֶֽם׃ וְהִכִּיתֶ֞ם כָּל־עִ֤יר מִבְצָר֙ 19
וְכָל־עִ֣יר מִבְח֔וֹר וְכָל־עֵ֥ץ טוֹב֙ תַּפִּ֔ילוּ וְכָֽל־מַעְיְנֵי־מַ֖יִם
תִּסְתֹּ֑מוּ וְכֹל֙ הַחֶלְקָ֣ה הַטּוֹבָ֔ה תַּכְאִ֖בוּ בָּאֲבָנִֽים׃ וַיְהִ֤י כ
בַבֹּ֙קֶר֙ כַּעֲל֣וֹת הַמִּנְחָ֔ה וְהִנֵּה־מַ֥יִם בָּאִ֖ים מִדֶּ֣רֶךְ אֱד֑וֹם
וַתִּמָּלֵ֥א הָאָ֖רֶץ אֶת־הַמָּֽיִם׃ וְכָל־מוֹאָב֙ שָֽׁמְע֔וּ כִּי־עָל֥וּ 21
הַמְּלָכִ֖ים לְהִלָּ֣חֶם בָּ֑ם וַיִּצָּעֲק֗וּ מִכֹּל֙ חֹגֵ֣ר חֲגֹרָ֔ה וָמָ֖עְלָה
וַיַּֽעַמְד֖וּ עַֽל־הַגְּבֽוּל׃ וַיַּשְׁכִּ֣ימוּ בַבֹּ֔קֶר וְהַשֶּׁ֖מֶשׁ זָרְחָ֣ה עַל־ 22
הַמָּ֑יִם וַיִּרְא֨וּ מוֹאָ֥ב מִנֶּ֛גֶד אֶת הַמַּ֖יִם אֲדֻמִּ֥ים כַּדָּֽם׃ וַיֹּאמְרוּ֙ 23
דָּ֣ם זֶ֔ה הָחֳרֵ֤ב נֶחֶרְבוּ֙ הַמְּלָכִ֔ים וַיַּכּ֖וּ אִ֣ישׁ אֶת־רֵעֵ֑הוּ וְעַתָּ֥ה
לַשָּׁלָ֖ל מוֹאָֽב׃ וַיָּבֹ֜אוּ אֶל־מַחֲנֵ֣ה יִשְׂרָאֵ֗ל וַיָּקֻ֤מוּ יִשְׂרָאֵל֙ 24
וַיַּכּ֣וּ אֶת־מוֹאָ֔ב וַיָּנֻ֖סוּ מִפְּנֵיהֶ֑ם וַיַּבּוּ־בָ֕הּ וְהַכּ֖וֹת אֶת־מוֹאָֽב׃
וְהֶעָרִ֣ים יַהֲרֹ֗סוּ וְכָל־חֶלְקָ֨ה טוֹבָ֜ה יַשְׁלִ֤יכוּ אִישׁ־אַבְנוֹ֙ כה
וּמִלְא֔וּהָ וְכָל־מַעְיַן־מַ֤יִם יִסְתֹּ֙מוּ֙ וְכָל־עֵֽץ־ט֣וֹב יַפִּ֔ילוּ עַד־
הִשְׁאִ֧יר אֲבָנֶ֛יהָ בַּקִּ֥יר חֲרָ֖שֶׂת וַיָּסֹ֥בּוּ הַקַּלָּעִ֖ים וַיַּכּֽוּהָ׃
וַיַּרְא֙ מֶ֣לֶךְ מוֹאָ֔ב כִּֽי־חָזַ֥ק מִמֶּ֖נּוּ הַמִּלְחָמָ֑ה וַיִּקַּ֣ח אוֹת֡וֹ 26
שְֽׁבַע־מֵא֨וֹת אִ֜ישׁ שֹׁ֣לֵֽף חֶ֗רֶב לְהַבְקִ֛יעַ אֶל־מֶ֥לֶךְ אֱד֖וֹם
וְלֹ֥א יָכֹֽלוּ׃ וַיִּקַּ֞ח אֶת־בְּנ֣וֹ הַבְּכ֗וֹר אֲשֶׁר־יִמְלֹ֣ךְ תַּחְתָּ֗יו 27
וַיַּעֲלֵ֤הוּ עֹלָה֙ עַל־הַ֣חֹמָ֔ה וַיְהִ֥י קֶצֶף־גָּד֖וֹל עַל־יִשְׂרָאֵ֑ל וַיִּסְעוּ֙
מֵֽעָלָ֔יו וַיָּשֻׁ֖בוּ לָאָֽרֶץ׃

## ד CAP. IV. ד

׳ וְאִשָּׁ֣ה אַחַ֣ת מִנְּשֵׁ֣י בְנֵֽי־הַ֠נְּבִיאִים צָעֲקָ֨ה אֶל־אֱלִישָׁ֜ע א
לֵאמֹ֗ר עַבְדְּךָ֤ אִישִׁי֙ מֵ֔ת וְאַתָּ֣ה יָדַ֔עְתָּ כִּ֣י עַבְדְּךָ֔ הָיָ֥ה יָרֵ֖א
אֶת־יְהוָ֑ה וְהַ֨נֹּשֶׁ֔ה בָּ֗א לָקַ֜חַת אֶת־שְׁנֵ֧י יְלָדַ֛י ל֖וֹ לַעֲבָדִֽים׃
וַיֹּ֨אמֶר אֵלֶ֤יהָ אֱלִישָׁע֙ מָ֣ה אֶֽעֱשֶׂה־לָּ֔ךְ הַגִּ֣ידִי לִ֔י מַה־יֶּשׁ־ 2
לָ֖כִי בַּבָּ֑יִת וַתֹּ֗אמֶר אֵ֣ין לְשִׁפְחָתְךָ֥ כֹל֙ בַּבַּ֔יִת כִּ֖י אִם־אָס֥וּךְ
שָֽׁמֶן׃ וַיֹּ֗אמֶר לְכִ֨י שַֽׁאֲלִי־לָ֤ךְ כֵּלִים֙ מִן־הַח֔וּץ מֵאֵ֖ת כָּל־ 3

שכניכי

ג׳ v. 24. ויכו ק   ד׳ v. 1. הפטרת וירא   v. 2. לך קרי

מיט וואסער — עס וועט זיין צו טרינקען פאר אייך, אויך פאר אייערע קליינע און גרויסע פיה.
18 דאָס איז נאָך ביי גאָט א קלייניגקייט — ער וועט נאָך אויך מואב איבער־געבען אין אייער האנד!
19 איהר וועט צוברעכען יעדער פעסטע שטאָדט און יעדער גוטע שטאָדט; אַלע בוימער וואַרפט איין, אַלע וואסער־קוואַלען פערשטאָפּט און אַלע גוטע פעלדער פארלייגט מיט שטיינער."
20 דאָס איז געוועזען אין דער פריה, אַבענד־צו איז אנגעקומען וואסער פון אדום־זייט און דער אָרט איז פול געוואָרען מיט וואסער.
21 אין מואב האָט מען דערהערט אַז די קעניגע זיינען געקומען קריעג פיה־רען מיט זיי, האָבען זיי זיך פערזאמעלט ווער עס קען נאָר אַ גארטעל אנגארטלען און האָבען זיך אויסגעשטעלט ביי'ן גרענעץ.
22 אין דער פריה, ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען האָט די זון אָבגעשיינט אין וואסער, ביי די מואב'ער האָט פון ווייטען אויסגעזעהן די וואסער רויטה ווי בלוט;
23 האָבען זיי געזאָגט: „דאָס איז בלוט! די קעניגע האָבען זיך געשלאָ־גען צווישען זיך און האָבען זיך פערניכטעט — אַלזאָ איז עס רויב פאר מואב!"
24 אַז זיי זיינען געקומען צום לאַגער פון ישראל, האָבען ישראל זיך קעגען זיי געשטעלט און געשלאָגען מואב ביז זיי זיינען פון זיי אנטלאָפען. זיי האָבען געשלאָגען מואב,
25 און צובראָכען די שטעדט, אין יעדער גוטע פעלד האָט מען פול שטיי־נער אַנגעוואָרפען, אַלע וואסער־קוואַלען האָט מען פערשטאָפּט און אַלע גוטע בוימער איינגעוואָרפען. זאָגאר די שטיינערנע וואנד פון קיר הרשת האָבען די שיסער רונד אַרום צובראָכען.
26 אַז דער קעניג פון מואב האָט געזעהען אַז די קריעג איז צו שטארק פאר איהם, האָט ער מיט זיך גענומען זיעבען הונדערט מאַן געאיבטע מיט'ן שווערד דורכצוברעכען דורכ'ן קעניג פון אדום; זיי האָבען אָבער ניט געקענט.
27 דאן האָט ער גענומען זיין ערשט געבאָרענעם זוהן, וואָס דאַרף קעניג ווערען נאָך איהם און האָט איהם אַלס אָפּפער פארברענט אויפ'ן מויער־וואנד. דאָס האָט ישראל זעהר פארדראָסען און זיי זיינען פון איהם אוועק און צוריק געגאנגען אין זייער לאַנד.

## קאַפּיטעל ד

1 איינע, אַ פרוי פון אַ יונגען נביא האָט זיך בעקלאָגט פאר אלישע'ן אַזוי צו זאָגען: דיין קנעכט, מיין מאַן, איז געשטאָרבען, דו ווייסט דאָך אַז ער איז אַ פרומער געוועזען, און יעצט איז דער מאהנער געקומען צונעהמען מיינע צוויי קינדער אַלס קנעכט.
2 האָט אלישע צו איהר געזאָגט: „וואָס זאָל איך דיר טהאָן? זאָג מיר וואָס פארמאגסטו אין הויז?!" זי האָט געענטפערט „איך האָב קיין זאַך ניט אין הויז, אויסער אַ קריגעל אייל."
3 האָט ער געזאָגט: „געה אין גאַס לייה־אָן כלים ביי אַלע שכנים דיינע, ליידיגע כלים, ניט ווייניג —

שְׁכֵנָכְי* כֵּלִים רֵקִים אַל־תַּמְעִיטִי׃ וּבָאת וְסָגַרְתְּ הַדֶּלֶת
בַּעֲדֵךְ וּבְעַד־בָּנַיִךְ וְיָצַקְתְּ עַל כָּל־הַכֵּלִים הָאֵלֶּה וְהַמָּלֵא
ה תַּסִּיעִי׃ וַתֵּלֶךְ מֵאִתּוֹ וַתִּסְגֹּר הַדֶּלֶת בַּעֲדָהּ וּבְעַד בָּנֶיהָ
6 הֵם מַגִּשִׁים אֵלֶיהָ וְהִיא מֹיצָקֶת׃ וַיְהִי ׀ כִּמְלֹאת הַכֵּלִים
וַתֹּאמֶר אֶל־בְּנָהּ הַגִּישָׁה אֵלַי עוֹד כֶּלִי וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אֵין
7 עוֹד כֶּלִי וַיַּעֲמֹד הַשָּׁמֶן׃ וַתָּבֹא וַתַּגֵּד לְאִישׁ הָאֱלֹהִים
וַיֹּאמֶר לְכִי מִכְרִי אֶת־הַשֶּׁמֶן וְשַׁלְּמִי אֶת־נִשְׁיֵכְי* וְאַתְּ
8 בָּנַיִכְי* תִּחְיִי בַּנּוֹתָר׃ וַיְהִי הַיּוֹם וַיַּעֲבֹר אֱלִישָׁע
אֶל־שׁוּנֵם וְשָׁם אִשָּׁה גְדוֹלָה וַתַּחֲזֶק־בּוֹ לֶאֱכָל־לָחֶם וַיְהִי
9 מִדֵּי עָבְרוֹ יָסֻר שָׁמָּה לֶאֱכָל־לָחֶם׃ וַתֹּאמֶר אֶל־אִישָׁהּ
הִנֵּה־נָא יָדַעְתִּי כִּי אִישׁ אֱלֹהִים קָדוֹשׁ הוּא עֹבֵר עָלֵינוּ
י תָּמִיד׃ נַעֲשֶׂה־נָּא עֲלִיַּת־קִיר קְטַנָּה וְנָשִׂים לוֹ שָׁם מִטָּה
וְשֻׁלְחָן וְכִסֵּא וּמְנוֹרָה וְהָיָה בְּבֹאוֹ אֵלֵינוּ יָסוּר שָׁמָּה׃
11 וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹא שָׁמָּה וַיָּסַר אֶל־הָעֲלִיָּה וַיִּשְׁכַּב־שָׁמָּה׃
12 וַיֹּאמֶר אֶל־גֵּיחֲזִי נַעֲרוֹ קְרָא לַשּׁוּנַמִּית הַזֹּאת וַיִּקְרָא־
13 לָהּ וַתַּעֲמֹד לְפָנָיו׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אֱמָר־נָא אֵלֶיהָ הִנֵּה
חָרַדְתְּ ׀ אֵלֵינוּ אֶת־כָּל־הַחֲרָדָה הַזֹּאת מֶה לַעֲשׂוֹת לָךְ
הֲיֵשׁ לְדַבֶּר־לָךְ אֶל־הַמֶּלֶךְ אוֹ אֶל־שַׂר הַצָּבָא וַתֹּאמֶר
14 בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת׃ וַיֹּאמֶר וּמֶה לַעֲשׂוֹת לָהּ וַיֹּאמֶר
טו גֵּיחֲזִי אֲבָל בֵּן אֵין־לָהּ וְאִישָׁהּ זָקֵן׃ וַיֹּאמֶר קְרָא־לָהּ
16 וַיִּקְרָא־לָהּ וַתַּעֲמֹד בַּפָּתַח׃ וַיֹּאמֶר לַמּוֹעֵד הַזֶּה כָּעֵת
חַיָּה אַתִּי* חֹבֶקֶת בֵּן וַתֹּאמֶר אַל־אֲדֹנִי אִישׁ הָאֱלֹהִים
17 אַל־תְּכַזֵּב בְּשִׁפְחָתֶךָ׃ וַתַּהַר הָאִשָּׁה וַתֵּלֶד בֵּן לַמּוֹעֵד
18 הַזֶּה כָּעֵת חַיָּה אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֵלֶיהָ אֱלִישָׁע׃ וַיִּגְדַּל הַיָּלֶד
19 וַיְהִי הַיּוֹם וַיֵּצֵא אֶל־אָבִיו אֶל־הַקֹּצְרִים׃ וַיֹּאמֶר אֶל־אָבִיו
כ רֹאשִׁי ׀ רֹאשִׁי וַיֹּאמֶר אֶל־הַנַּעַר שָׂאֵהוּ אֶל־אִמּוֹ׃ וַיִּשָּׂאֵהוּ
וַיְבִיאֵהוּ אֶל־אִמּוֹ וַיֵּשֶׁב עַל־בִּרְכֶּיהָ עַד־הַצָּהֳרַיִם וַיָּמֹת׃

ותעל

v. 3. שכנך ק  v. 5. מוצקת קרי  v. 7. נשיך ק  ibid. ובניך ק  v. 16. את ק

4 אַז דו וועסט קומען פאַרשפּאַר זיך די טיהר הינטער דיר און דיינע קינ־
דער און גיס אין די כלים; די פולע זאָלסטו אָברוקען.״

5 זי איז פון איהם אַוועק, האָט פאַרשלאָסען די טיהר הינטער איהר מיט
איהרע קינדער — זיי האָבען איהר דערלאַנגט און זי האָט אָנגעגאָסען.

6 אַז די כלים זיינען שוין פול געווען האָט זי געזאָגט צו איהר זוהן:
„דערלאַנג נאָך אַ כלי!״ אַז ער האָט איהר געענטפערט: „עס איז
מעהר קיין כלים ניטאָ!״ האָט אויפגעהערט די אייל.

7 זי איז אַוועק און דערצעהלט דעם געטליכען מאַן, האָט ער געזאָגט:
„געה פערקויף די אייל און בעצאָהל דיינע שולדען — דו מיט דיינע
קינדער וועסטו לעבען פון די איבריגע!״

8 אַ מאָל איז אלישע געקומען אין שונם; דאָרט איז געווען אַ וואָהלהאָ־
בענדע פרוי, האָט זי איהם שטאַרק געבעטען ער זאָל ביי איהר עסען,
און ווען ער פלעגט אַהין קומען פלעגט ער אַריין ביי איהר עסען.

9 זי האָט צו איהר מאַן געזאָגט: „איך ווייס אַז דער מאַן וואָס קומט
אָפט צו אונז איז אַ הייליגער און געטליכער מענש,

10 לאָמיר מאַכען אַ קליין אויבער־שטיבעל און אַוועקשטעלען דאָרט פאַר
איהם אַ בעט, אַ טיש, אַ שטוהל און אַ לאָמפּ, אַז ווען ער וועט צו
אונז קומען זאָל ער דאָרטען זיין.״

11 איין טאָג איז ער אַהין געקומען, איז אַריין אין אויבער־שטיבעל און
אַוועקגעלייגט זיך דאָרטען.

12 דאַן האָט ער געזאָגט צו גיחזי׳ן, זיין דיענער: „רוף אַריין די שונמית!״
ער האָט איהר אַריינגערופען. אַז זי איז געשטאַנען פאַר איהם,

13 האָט ער צו איהם געזאָגט: „זאָג איהר — דו האָסט פאַר אונז אַזוי
פיעל געזאָרגט, וואָס קען איך יעצט פאַר דיר טהאָן? האָסטו פיליכט
וואָס צו ריידען צום קעניג אָדער צום פעלד־מאַרשאַל?״ זי האָט גע־
ענטפערט: „איך וואוין צווישען איינפאַכען פאָלק!...״

14 האָט ער געזאָגט: „וואָס פאָרט קען מען טהאָן פאַר איהר?״ אָבער
גיחזי האָט געענטפערט: „זי האָט דאָך קיין זוהן ניט און איהר מאַן
איז שוין אַלט...״

15 האָט ער געזאָגט: „רוף איהר אַריין!״ גיחזי האָט איהר אַריינגערו־
פען און זי איז געבליבען שטעהן אין טיהר.

16 דאַן האָט אלישע געזאָגט: „פּונקט אין דער צייט, אויב מיר וועלען
לעבען, וועסטו אַ זוהן האַלטען אין דיינע אָרעמס!״ זי האָט אָבער
געענטפערט: „ניין, מיין העֶרר, געטליכער מאַן! דו וועסט דיין
דיענסט ניט נאַרען!...״

17 אָבער די פרוי האָט געשוואַנגערט און געבוירען אַ זוהן, פּונקט אין דער
בעשטימטער צייט, ווי אלישע האָט איהר געזאָגט.

18 אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרען איז ער אַמאָל אַוועק צום פאָטער,
אין שניט צייט,

19 און האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: „מיין קאָפּ! מיין קאָפּ!...״
האָט ער געזאָגט צו אַ דיענער: „טראָג איהם אַוועק צו זיין מוטער!״

20 יענער האָט איהם געטראָגען און געבראַכט צו זיין מוטער. ער איז ביז
מיטאָג געזעסען אויף איהרע קניע און איז געפעהרליך קראַנק גע־
וואָרען.

21 וַתַּעַל וַתַּשְׁכִּבֵהוּ עַל־מִטַּת אִישׁ הָאֱלֹהִים וַתִּסְגֹּר בַּעֲדוֹ
22 וַתֵּצֵא׃ וַתִּקְרָא אֶל־אִישָׁהּ וַתֹּאמֶר שִׁלְחָה נָא לִי אֶחָד
מִן־הַנְּעָרִים וְאַחַת הָאֲתֹנוֹת וְאָרוּצָה עַד־אִישׁ הָאֱלֹהִים
23 וְאָשׁוּבָה׃ וַיֹּאמֶר מַדּוּעַ אַתְּי הֹלַכְתִּי אֵלָיו הַיּוֹם לֹא־
24 חֹדֶשׁ וְלֹא שַׁבָּת וַתֹּאמֶר שָׁלוֹם׃ וַתַּחֲבֹשׁ הָאָתוֹן וַתֹּאמֶר
אֶל־נַעֲרָהּ נְהַג וָלֵךְ אַל־תַּעֲצָר־לִי לִרְכֹּב כִּי אִם־אָמַרְתִּי
לָךְ׃ וַתֵּלֶךְ וַתָּבוֹא אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים אֶל־הַר הַכַּרְמֶל כה
וַיְהִי כִּרְאוֹת אִישׁ־הָאֱלֹהִים אֹתָהּ מִנֶּגֶד וַיֹּאמֶר אֶל־גֵּיחֲזִי
26 נַעֲרוֹ הִנֵּה הַשּׁוּנַמִּית הַלָּז׃ עַתָּה רוּץ־נָא לִקְרָאתָהּ וֶאֱמָר־
לָהּ הֲשָׁלוֹם לָךְ הֲשָׁלוֹם לְאִישֵׁךְ הֲשָׁלוֹם לַיָּלֶד וַתֹּאמֶר
27 שָׁלוֹם׃ וַתָּבֹא אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים אֶל־הָהָר וַתַּחֲזֵק בְּרַגְלָיו
וַיִּגַּשׁ גֵּיחֲזִי לְהָדְפָהּ וַיֹּאמֶר אִישׁ הָאֱלֹהִים הַרְפֵּה־לָהּ
כִּי־נַפְשָׁהּ מָרָה־לָהּ וַיהוָה הֶעְלִים מִמֶּנִּי וְלֹא הִגִּיד לִי׃
28 וַתֹּאמֶר הֲשָׁאַלְתִּי בֵן מֵאֵת אֲדֹנִי הֲלֹא אָמַרְתִּי לֹא תַשְׁלֶה
29 אֹתִי׃ וַיֹּאמֶר לְגֵיחֲזִי חֲגֹר מָתְנֶיךָ וְקַח מִשְׁעַנְתִּי בְיָדְךָ
וָלֵךְ כִּי־תִמְצָא אִישׁ לֹא תְבָרְכֶנּוּ וְכִי־יְבָרֶכְךָ אִישׁ לֹא
תַעֲנֶנּוּ וְשַׂמְתָּ מִשְׁעַנְתִּי עַל־פְּנֵי הַנָּעַר׃ וַתֹּאמֶר אֵם הַנַּעַר ל
31 חַי־יְהוָה וְחֵי־נַפְשְׁךָ אִם־אֶעֶזְבֶךָּ וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אַחֲרֶיהָ׃ וְגֵחֲזִי
עָבַר לִפְנֵיהֶם וַיָּשֶׂם אֶת־הַמִּשְׁעֶנֶת עַל־פְּנֵי הַנַּעַר וְאֵין
קוֹל וְאֵין קָשֶׁב וַיָּשָׁב לִקְרָאתוֹ וַיַּגֶּד־לוֹ לֵאמֹר לֹא הֵקִיץ
32 הַנָּעַר׃ וַיָּבֹא אֱלִישָׁע הַבָּיְתָה וְהִנֵּה הַנַּעַר מֵת מֻשְׁכָּב
33 עַל־מִטָּתוֹ׃ וַיָּבֹא וַיִּסְגֹּר הַדֶּלֶת בְּעַד שְׁנֵיהֶם וַיִּתְפַּלֵּל
34 אֶל־יְהוָה׃ וַיַּעַל וַיִּשְׁכַּב עַל־הַיֶּלֶד וַיָּשֶׂם פִּיו עַל־פִּיו
וְעֵינָיו עַל־עֵינָיו וְכַפָּיו עַל־כַּפָּו וַיִּגְהַר עָלָיו וַיָּחָם בְּשַׂר
הַיָּלֶד׃ וַיָּשָׁב וַיֵּלֶךְ בַּבַּיִת אַחַת הֵנָּה וְאַחַת הֵנָּה וַיַּעַל לה
וַיִּגְהַר עָלָיו וַיְזוֹרֵר הַנַּעַר עַד־שֶׁבַע פְּעָמִים וַיִּפְקַח הַנַּעַר
36 אֶת־עֵינָיו׃ וַיִּקְרָא אֶל־גֵּיחֲזִי וַיֹּאמֶר קְרָא אֶל־הַשֻּׁנַמִּית

הזאת

v 23 את קרי ibid. הולכת ק׳ ibid. עד כאן v 34. כפו קרי

21 זי האָט איהם אַרויפגעטראָגען און אַנידערגעלעגט אויף דעם געטליכען מאַן'ס בעט, האָט פאַרשלאָסען די טיהר און אַרויסגעגאַנגען.

22 דאַן האָט זי גערופען איהר מאַן און געזאָגט: שיק מיר איינעם פון די דיענערס און אַן עזעלין, איך וויל שנעל געהן צום געטליכען מאַן און קומען צוריק.

23 האָט ער געזאָגט: וואָרום געהסטו היינט צו איהם? עס איז דאָך היינט קיין מאָנאַט־פעסט און ניט שבת? האָט זי געענטפערט: „אום צו בעגריסען איהם!"

24 זי האָט געהייסען זאָטלען די עזעלין און געזאָגט צו איהר דיענער: טרייב פאָראויס! זאָלסט מיר ניט אָבהאַלטען פון רייטען סיידען איך וועל דיר הייסען.

25 אַזוי איז זי געגאַנגען ביז זי איז געקומען צום געטליכען מאַן, צום באַרג כרמל. אז דער געטליכער מאַן האָט איהר פון ווייטען דערזעהען האָט ער געזאָגט צו גיחזי, זיין דיענער: — יענע שונמית איז דאָ!

26 אלזאָ לויף אַנטקעגען און פרעג איהר וואָס זי מאַכט, אויך איהר מאַן און דער קינד. זי האָט איהם געענטפערט: וואויל!

27 און זי איז צוגעגאַנגען צום געטליכען מאַן און אָנגענומען איהם ביי זיינע פיס, איז גיחזי צוגעגאַנגען אָבשטופען איהר. אָבער דער געטלי־כער מאַן האָט געזאָגט: „לאָז איהר! זי האָט עפּעס פערדרוס און גאָט האָט עס פון מיר בעהאַלטען און ניט געזאָגט מיר."

28 האָט זי געזאָגט: „האָב איך ביי מיין העררן אַ זוהן געבעטען? האָב איך דיר ניט געזאָגט — בעאונרוהיג מיר ניט?"

29 האָט ער געזאָגט צו גיחזי'ן: „גאַרטעל אָן דיינע לענדען, נעהם מיין שטעקען אין האַנד און געה! אַז דו וועסט וועמען טרעפען זאָלסטו איהם ניט בעגריסען, און אויב ווער וועט דיר בעגריסען ענטפער איהם ניט, און לעג אַוועק מיין שטעקען אויפ'ן אינגעל'ס געזיכט."

30 אָבער דעם אינגעל'ס מוטער האָט געזאָגט: ביי גאָט און ביי דיין לעבען, אויב איך וועל דיר אבלאָזען! איז ער אויפגעשטאַנען און געגאַנגען מיט איהר.

31 גיחזי איז אַוועק פאָראויס, ער האָט אַרויפגעלעגט דעם שטעקען אויפ'ן אינגעל'ס געזיכט; עס איז אָבער געווען ניט צו הערען און ניט צו מערקען . . . איז ער איהם אַנטקעגען געגאַנגען און געזאָגט איהם: „דער אינגעל האָט ניט ערוואַכט!"

32 אַז אלישע איז אין הויז אַריין איז דער אינגעל געלעגען אויף זיין בעט ווי טויטט.

33 ער איז אַריין, פאַרשלאָסען די טיהר הינטער זיי ביידען און געבעטען צו גאָט.

34 דאַן איז ער ארויף און געלעגט זיך אויפ'ן אינגעל — מויל אויף מויל, אויגען אויף אויגען און הענד אויף הענד, ער האָט זיך אויף איהם אויסגעצויגען ביז דעם קינדס קערפּער איז וואַרעם געוואָרען.

35 ער איז אראָב און געגאַנגען הין און צוריק איבער'ן הויז און ווידער אויסגעצויגען זיך אויף איהם. אַז דער אינגעל האָט זיעבען מאָל גע־נאָסען און געפענט זיינע אויגען,

36 האָט ער צוגערופען גיחזי'ן און געזאָגט: רוף אַריין די שנמית! ער

37 הַזֹּאת וַיִּקְרָאֶהָ וַתָּבוֹא אֵלָיו וַיֹּאמֶר שְׂאִי בְנֵךְ׃ וַתָּבֹא
וַתִּפֹּל עַל־רַגְלָיו וַתִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה וַתִּשָּׂא אֶת־בְּנָהּ וַתֵּצֵא׃
38 וֶאֱלִישָׁע שָׁב הַגִּלְגָּלָה וְהָרָעָב בָּאָרֶץ וּבְנֵי הַנְּבִיאִים
יֹשְׁבִים לְפָנָיו וַיֹּאמֶר לְנַעֲרוֹ שְׁפֹת הַסִּיר הַגְּדוֹלָה וּבַשֵּׁל
39 נָזִיד לִבְנֵי הַנְּבִיאִים׃ וַיֵּצֵא אֶחָד אֶל־הַשָּׂדֶה לְלַקֵּט אֹרֹת
וַיִּמְצָא גֶּפֶן שָׂדֶה וַיְלַקֵּט מִמֶּנּוּ פַּקֻּעֹת שָׂדֶה מְלֹא בִגְדוֹ
מ וַיָּבֹא וַיְפַלַּח אֶל־סִיר הַנָּזִיד כִּי־לֹא יָדָעוּ׃ וַיִּצְקוּ לַאֲנָשִׁים
לֶאֱכוֹל וַיְהִי כְּאָכְלָם מֵהַנָּזִיד וְהֵמָּה צָעָקוּ וַיֹּאמְרוּ מָוֶת
41 בַּסִּיר אִישׁ הָאֱלֹהִים וְלֹא יָכְלוּ לֶאֱכֹל׃ וַיֹּאמֶר וּקְחוּ־
קֶמַח וַיַּשְׁלֵךְ אֶל־הַסִּיר וַיֹּאמֶר צַק לָעָם וְיֹאכֵלוּ וְלֹא
42 הָיָה דָּבָר רָע בַּסִּיר׃ וְאִישׁ בָּא מִבַּעַל שָׁלִשָׁה
וַיָּבֵא לְאִישׁ הָאֱלֹהִים לֶחֶם בִּכּוּרִים עֶשְׂרִים־לֶחֶם שְׂעֹרִים
43 וְכַרְמֶל בְּצִקְלֹנוֹ וַיֹּאמֶר תֵּן לָעָם וְיֹאכֵלוּ׃ וַיֹּאמֶר מְשָׁרְתוֹ
מָה אֶתֵּן זֶה לִפְנֵי מֵאָה אִישׁ וַיֹּאמֶר תֵּן לָעָם וְיֹאכֵלוּ כִּי
44 כֹה אָמַר יְהוָה אָכֹל וְהוֹתֵר׃ וַיִּתֵּן לִפְנֵיהֶם וַיֹּאכְלוּ וַיּוֹתִרוּ
כִּדְבַר יְהוָה׃

## CAP. V. ה

ה

א וְנַעֲמָן שַׂר־צְבָא מֶלֶךְ־אֲרָם הָיָה אִישׁ גָּדוֹל לִפְנֵי אֲדֹנָיו
וּנְשֻׂא פָנִים כִּי־בוֹ נָתַן־יְהוָה תְּשׁוּעָה לַאֲרָם וְהָאִישׁ הָיָה
2 גִּבּוֹר חַיִל מְצֹרָע׃ וַאֲרָם יָצְאוּ גְדוּדִים וַיִּשְׁבּוּ מֵאֶרֶץ
3 יִשְׂרָאֵל נַעֲרָה קְטַנָּה וַתְּהִי לִפְנֵי אֵשֶׁת נַעֲמָן׃ וַתֹּאמֶר
אֶל־גְּבִרְתָּהּ אַחֲלֵי אֲדֹנִי לִפְנֵי הַנָּבִיא אֲשֶׁר בְּשֹׁמְרוֹן אָז
4 יֶאֱסֹף אֹתוֹ מִצָּרַעְתּוֹ׃ וַיָּבֹא וַיַּגֵּד לַאדֹנָיו לֵאמֹר כָּזֹאת
ה וְכָזֹאת דִּבְּרָה הַנַּעֲרָה אֲשֶׁר מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־
אֲרָם לֶךְ־בֹּא וְאֶשְׁלְחָה סֵפֶר אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיֵּלֶךְ וַיִּקַּח
בְּיָדוֹ עֶשֶׂר כִּכְּרֵי־כֶסֶף וְשֵׁשֶׁת אֲלָפִים זָהָב וְעֶשֶׂר חֲלִיפוֹת
6 בְּגָדִים׃ וַיָּבֵא הַסֵּפֶר אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר וְעַתָּה כְּבוֹא

הספר

ד׳ v. 40. קמץ ברביע  v. 42. הפטרת תזריע

האָט איהר גערופען. אַז זי איז אַריין צו איהם האָט ער געזאָגט: נעהם דיין זוהן!

37 זי איז אַריין, געפאַלען צו זיינע פיס און געבוקט זיך ביז דער ערד; זי האָט גענומען איהר קינד און אַרויס.

38 אלישע איז אַוועק צוריק אין גלגל. אין׳ם לאַנד איז דאַן געוועזען הונגער און אַלע יונגע נביאים זיינען געזעסען אַרום איהם. האָט ער געהייסען זיין דיענער: גרייט צו דעם גרויסען טאָפּ און קאָך עפּעס פאַר די נביאים!

39 איז איינער אַרויס אין פעלד אָנקלייבען קרייטער, האָט ער געפונען אַ ווילדען וויינבוים און האָט דערפון אָנגעקליבען ווילדע יאַגדעס אַ פולען קלייד, ער איז געקומען און האָט עס צושניטען אין טאָפּ אַריין; זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס דאָס איז.

40 און מ׳האָט אָנגעגאָסען די מענשען עסען; אָבער ווי זיי האָבען גענומען עסען האָבען זיי געשריען און געזאָגט: גיפט איז אין טאָפּ, געטליכער מאַן! זיי האָבען עס ניט געקענט עסען.

41 האָט ער געזאָגט: ברענגט מעהל! ער האָט עס אַריינגעשאָטען אין טאָפּ און געזאָגט: גיס אַריין פאַר די לייטע, זאָלען זיי עסען! מ׳האָט מעהר קיין שלעכטס געפיהלט אין טאָפּ.

42 אַמאָל איז אַ מאַן געקומען פון בעל־שלשה און געבראַכט פאַר׳ן געטליכען מאַן פרישע ברויט — צוואַנציג גערשטען ברויט און גרינע זאַנגען אין זיין זאַק. האָט ער געזאָגט: גיב די לייטע און זאָלען זיי עסען!

43 זיין דיענער האָט אָבער געזאָגט: וואָס זאָל איך דאָס געבען פאַר הונדערט מאַן? האָט ער געזאָגט: גיב די לייטע און זאָלען זיי עסען; ווארים אַזוי האָט גאָט געזאָגט: „מ׳וועט עסען און נאָך איבערלאָזען!“

44 ער האָט עס זיי געגעבען, האָבען זיי געגעסען און נאָך איבערגעלאָזען; ווי גאָט האָט געזאָגט.

## קאַפּיטעל ה

1 נעמן, פעלדמאַרשאַל ביי׳ן קעניג פון ארם, איז זעהר געשעצט געוועזען ביי זיין הערן און געאַכטעט, ווארים דורך איהם האָט גאָט ארם געהאָלפען. דער מאַן איז געוועזען דער העלד פון אַרמעע, אָבער קרעציג.

2 אַמאָל איז אַרויס פון ארם אַ רויבערבאַנדע און האָבען געפאַנגען פון׳ם לאַנד ישראל אַ קליין מיידעל. זי האָט בעדיענט נעמן׳ס פרוי.

3 זי האָט געזאָגט צו איהר ווירטהין: זאָל עס מיין הערר צו וויסען געבען דעם נביא פון שמרון, וועט ער איהם אויסהיילען פון זיין קרעציגקייט.

4 איז ער אַוועק און דערצעהלט זיין הערן אַזוי צו זאָגען: דאָס מיידעל פון׳ם לאַנד ישראל האָט אַזוי און אַזוי געזאָגט.

5 האָט דער קעניג פון ארם געזאָגט: געה, איך וועל שיקען אַ בריעף צום קעניג פון ישראל. ער איז אַוועק און מיטגענומען צעהען צענטנער זילבער און זעקס טויזענד גאָלד שטיק מיט צעהען אַנצוגען.

6 ער האָט דעם בריעף געבראַכט צום קעניג פון ישראל, אין בריעף האָט

הַסֵּפֶר הַזֶּה אֵלֶיךָ הִנֵּה שָׁלַחְתִּי אֵלֶיךָ אֶת־נַעֲמָן עַבְדִּי
7 וַאֲסַפְתּוֹ מִצָּרַעְתּוֹ׃ וַיְהִי כִּקְרֹא מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַסֵּפֶר
וַיִּקְרַע בְּגָדָיו וַיֹּאמֶר הַאֱלֹהִים אָנִי לְהָמִית וּלְהַחֲיוֹת
כִּי־זֶה שֹׁלֵחַ אֵלַי לֶאֱסֹף אִישׁ מִצָּרַעְתּוֹ כִּי אַךְ־דְּעוּ־נָא
8 וּרְאוּ כִּי־מִתְאַנֶּה הוּא לִי׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ ׀ אֱלִישָׁע אִישׁ־
הָאֱלֹהִים כִּי־קָרַע מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶת־בְּגָדָיו וַיִּשְׁלַח אֶל־
הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר לָמָּה קָרַעְתָּ בְּגָדֶיךָ יָבֹא־נָא אֵלַי וְיֵדַע כִּי
9 יֵשׁ נָבִיא בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹא נַעֲמָן בְּסוּסָו וּבְרִכְבּוֹ וַיַּעֲמֹד
פֶּתַח־הַבַּיִת לֶאֱלִישָׁע׃ וַיִּשְׁלַח אֵלָיו אֱלִישָׁע מַלְאָךְ לֵאמֹר י
הָלוֹךְ וְרָחַצְתָּ שֶׁבַע־פְּעָמִים בַּיַּרְדֵּן וְיָשֹׁב בְּשָׂרְךָ לְךָ וּטְהָר׃
11 וַיִּקְצֹף נַעֲמָן וַיֵּלַךְ וַיֹּאמֶר הִנֵּה אָמַרְתִּי אֵלַי ׀ יֵצֵא יָצוֹא
וְעָמַד וְקָרָא בְּשֵׁם־יְהוָה אֱלֹהָיו וְהֵנִיף יָדוֹ אֶל־הַמָּקוֹם
12 וְאָסַף הַמְּצוֹרָע׃ הֲלֹא טוֹב אֲבָנָה וּפַרְפַּר נַהֲרוֹת דַּמֶּשֶׂק
מִכֹּל מֵימֵי יִשְׂרָאֵל הֲלֹא־אֶרְחַץ בָּהֶם וְטָהָרְתִּי וַיִּפֶן
13 וַיֵּלֶךְ בְּחֵמָה׃ וַיִּגְּשׁוּ עֲבָדָיו וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו וַיֹּאמְרוּ אָבִי
דָּבָר גָּדוֹל הַנָּבִיא דִּבֶּר אֵלֶיךָ הֲלוֹא תַעֲשֶׂה וְאַף כִּי־אָמַר
14 אֵלֶיךָ רְחַץ וּטְהָר׃ וַיֵּרֶד וַיִּטְבֹּל בַּיַּרְדֵּן שֶׁבַע פְּעָמִים
כִּדְבַר אִישׁ הָאֱלֹהִים וַיָּשָׁב בְּשָׂרוֹ כִּבְשַׂר נַעַר קָטֹן וַיִּטְהָר׃
טו וַיָּשָׁב אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים הוּא וְכָל־מַחֲנֵהוּ וַיָּבֹא וַיַּעֲמֹד
לְפָנָיו וַיֹּאמֶר הִנֵּה־נָא יָדַעְתִּי כִּי אֵין אֱלֹהִים בְּכָל־הָאָרֶץ
16 כִּי אִם־בְּיִשְׂרָאֵל וְעַתָּה קַח־נָא בְרָכָה מֵאֵת עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר
חַי־יְהוָה אֲשֶׁר־עָמַדְתִּי לְפָנָיו אִם־אֶקָּח וַיִּפְצַר־בּוֹ לָקַחַת
17 וַיְמָאֵן׃ וַיֹּאמֶר נַעֲמָן וָלֹא יֻתַּן־נָא לְעַבְדְּךָ מַשָּׂא צֶמֶד־
פְּרָדִים אֲדָמָה כִּי לוֹא־יַעֲשֶׂה עוֹד עַבְדְּךָ עֹלָה וָזֶבַח
18 לֵאלֹהִים אֲחֵרִים כִּי אִם־לַיהוָה׃ לַדָּבָר הַזֶּה יִסְלַח
יְהוָה לְעַבְדֶּךָ בְּבוֹא אֲדֹנִי בֵית־רִמּוֹן לְהִשְׁתַּחֲוֹת שָׁמָּה
וְהוּא ׀ נִשְׁעָן עַל־יָדִי וְהִשְׁתַּחֲוֵיתִי בֵּית רִמֹּן בְּהִשְׁתַּחֲוָיָתִי

בית

v. 9. בסוסיו ק. v. 12. אמנה ק. v. 18. כתיב ולא ק

ער געזאָגט: „צוזאמען מיט דעם בריעף שיק איך צו דיר מיין קנעכט נעמן, און דו הייל איהם אויס פון זיינע קרעץ.״

7 אַז דער קעניג פון ישראל האָט איבערגעלייענט דעם בריעף, האָט ער צוריסען זיינע קליידער און געזאָגט: בין איך דען אַ גאָט צו מאַכען טוידט אָדער לעבעדיג וואָס דער שיקט צו מיר אויסהיילען אַ מענשען פון זיין קרעציגקייט? אַלזאָ זייט וויסען און פערשטעהט אַז ער זוכט נאָר אַ אורזאכע קעגען מיר!

8 אַז אלישע, דער געטליכער מאַן, האָט דערהערט אַז דער קעניג פון ישראל האָט זיינע קליידער צוריסען, האָט ער געשיקט צום קעניג זאָגען: „וואָרום האָסטו דיינע קליידער געריסען? זאָל ער צו מיר קומען, און וויסען אַז עס איז דאָ אַ נביא אין ישראל!״

9 איז נעמן געקומען מיט זיינע פערד און וואָגען און איז שטעהן געבליבען ביים איינגאַנג פון אלישע׳ס הויז.

10 האָט אלישע צו איהם געשיקט אַ מאַן זאָגען: „געה וואַש זיך זיעבען מאָל אין ירדן וועט דיין קערפּער צוריק ריין ווערען.״

11 נעמן איז בייז געוואָרען און אַוועק זאָגענדיג: איך האָב געדענקט ער וועט צו מיר אַרויס, ער וועט זיך שטעלען און אָנרופען זיין גאָט, אָדער בעוועגען זיין האַנד איבער דעם קראַנקען אָרט ביז די קרעציגקייט וועט אַראָב;

12 איז ניט בעסער אמנה און פּרפּר, דמשק׳ר טייכען פאַר אַלע וואַסערן אין ישראל? קען איך זיך ניט וואַשען אין זיי אום ריין צו ווערען? ער האָט זיך אַ קעהר געגעבען און אַוועק בייזערהייד.

13 זיינען זיינע קנעכט צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט: הערר! ווען דער נביא וואָלט דיר הייסען אַ גרויסע זאַך טהאָן, וואָלסטו דען ניט געפאָלגט? דאָס זעלביגע טהו אַז ער האָט דיר געזאָגט: „וואַש זיך און ווער ריין! . . .״

14 ער איז אַראָב און איינגעטונקט זיך אין ירדן זיעבען מאָל, ווי דער געטליכער מאַן האָט געהייסען, איז זיין לייב געוואָרען ריין ווי די לייב פון אַ קליין קינד.

15 דאַן איז ער צוריק געקומען צום געטליכען מאַן, ער און אַלע בעגלייטער זיינע; אַז ער איז געקומען איז ער שטעהן געבליבען און געזאָגט: יעצט בין איך איבערצייגט אַז עס איז ערגעץ קיין גאָט ניטאָ אויסער אין ישראל! אַלזאָ נעהם אַ געשאַנק פון דיין קנעכט!

16 אָבער ער האָט געזאָגט: ביי גאָט, וועלכער האָט מיר אָנגעשטעלט! אויב איך וועל נעהמען. ער האָט איהם זעהר געבעטען ער זאָל נעהמען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט.

17 האָט נעמן געזאָגט: ווען ניט, הייס מען זאָל דיין קנעכט געבען ערד וויפיעל אַ פּאָאַר מוילעזלען קענען פיהרען, וואָרום דיין קנעכט וועט שוין מעהר ניט אָפּפערן צו אַן אַנדער גאָט אויסער דעם עוויגען.

18 די איין זאַך וועט דער עוויגער פערצייהען דיין קנעכט — ווען מיין הערר קומט אין טעמפּעל רמון, זיך בוקען דאָרטען, און ער איז אָנגעשפּאַרט אויף מיין האַנד מוז איך זיך אויך בוקען אין טעמפּעל רמון ווען ער

19 בית רמן יסלח־נא יהוה לעבדך בדבר הזה: ויאמר
כ לו לך לשלום וילך מאתו כברת ארץ: ויאמר גיחזי
נער אלישע איש־האלהים הנה ׀ חשך אדני את נעמן
הארמי הזה מקחת מידו את אשר־הביא חי־יהוה כי־
21 אם־רצתי אחריו ולקחתי מאתו מאומה: וירדף גיחזי
אחרי נעמן ויראה נעמן רץ אחריו ויפל מעל המרכבה
22 לקראתו ויאמר השלום: ויאמר ׀ שלום אדני שלחני
לאמר הנה עתה זה באו אלי שני־נערים מהר אפרים
מבני הנביאים תנה־נא להם ככר־כסף ושתי חלפות
23 בגדים: ויאמר נעמן הואל קח ככרים ויפרץ־בו ויצר
ככרים כסף בשני חרטים ושתי חלפות בגדים ויתן אל־
24 שני נעריו וישאו לפניו: ויבא אל־העפל ויקח מידם
כה ויפקד בבית וישלח את־האנשים וילכו: והוא־בא ויעמד
אל־אדניו ויאמר אליו אלישע מאן גחזי ויאמר לא־הלך
26 עבדך אנה ואנה: ויאמר אליו לא־לבי הלך כאשר
הפך־איש מעל מרכבתו לקראתך העת לקחת את־
הכסף ולקחת בגדים וזיתים וכרמים וצאן ובקר ועבדים
27 ושפחות: וצרעת נעמן תדבק־בך ובזרעך לעולם ויצא
מלפניו מצרע כשלג:

## CAP. VI. ו

ו

א ויאמרו בני־הנביאים אל־אלישע הנה־נא המקום אשר
2 אנחנו ישבים שם לפניך צר ממנו: נלכה־נא עד־הירדן
ונקחה משם איש קורה אחת ונעשה־לנו שם מקום
3 לשבת שם ויאמר לכו: ויאמר האחד הואל נא ולך
4 את־עבדיך ויאמר אני אלך: וילך אתם ויבאו הירדנה
ה ויגזרו העצים: ויהי האחד מפיל הקורה ואת־הברזל
נפל אל־המים ויצעק ויאמר אהה אדני והוא שאול:

ויאמר

ה v. 18. כתיב ולא ק׳ v. 19. עד כאן v. 20. כ״א מומה v. 25. מאון ק׳

בוקט זיך דאָרט — דאָס וועט דער עוויגער דיין קנעכט פערצייהען.
19 אלישע האָט צו איהם געזאָגט: „געה אין פריעדען!“ ווען ער איז שוין
געוועזן אָבגעגאַנגען אַ שטיק וועג
20 האָט גיחזי, אלישע דעם געטליכען מאַן׳ס דיענער, געטראַכט: מיין
הערר האָט נעמן׳ען, דיעזען ארמי, ענטזאָגט פון איהם צו נעהמען
וואָס ער האָט געבראַכט; ביי גאָט! איך וועל איהם נאָכלויפען און
נעהמען עפעס פון איהם . . .
21 און גיחזי האָט זיך געלאָזען לויפען נאָך נעמן׳ען. אז נעמן האָט דער־
זעהען איינער לויפט איהם נאָך איז ער אראָבגעשפרונגען קעגען איהם
פון וואגען און געזאָגט: „וואָס איז געשעהען?“
22 האָט ער געענטפערט: פריעדען! מיין הערר האָט מיר געשיקט זאָ־
גען דיר: „אָט נאָר וואָס זיינען צו מיר געקומען צוויי יונגע לייט פון
באַרג אפרים, יונגע נביאים, גיב פאַר זיי איין צענטנער זילבער און
צוויי אנצוגען.
23 האָט נעמן געזאָגט: ביטטע, נעהם צוויי צענטנער! ער האָט איהם
שטאַרק געבעטען און האָט איינגעבונדען צוויי צענטנער זילבער אין
צוויי טיכער אויך צוויי אנצוגען. ער האָט עס דערלאַנגט זיינע צוויי
דיענער און זיי האָבען דאָס פאַר איהם געטראָגען.
24 אז ער איז געקומען ביז׳ן עפל האָט ער דאָס פון זיי צוגענומען בע־
האַלטען אין הויז און אָבגעשיקט די מענער; זיי זיינען אוועק.
25 אז ער איז געקומען און געשטאַנען פאַר זיין הערן, האָט אלישע צו
איהם געזאָגט: פון וואַנען קומסטו, גיחזי? האָט ער געענטפערט:
דיין קנעכט איז אין ערגעץ ניט געגאַנגען . . .
26 האָט אלישע צו איהם געזאָגט: מיין אויפמערקזאַמקייט האָט ניט
אויפגעהערט ווען יענער מאַן האָט זיך פון זיין וואגען אומגעקעהרט צו־
ליעב דיר . . . איז יעצט אַ צייט צו נעהמען דאָס זילבער, אָדער
נעהמען קליידער, איילבוים פרוכט און וויינפרוכט, אָדער שעפסען,
רינדער, קנעכט און דיענסטען? . . .
27 דערפאַר זאָל נעמן׳ס קרעץ ארויף אויף דיר און אויף דיינע קינדער
ביז אייביג. אז ער איז פון איהם אוועק איז ער שוין געוועזן קרעציג,
ווייס ווי שנעע.

## קאַפיטעל ו

1 איין מאָל האָבען די יונגע נביאים געזאָגט צו אלישע׳ן: דער אָרט
וואו מיר וואוינען דאָ מיט דיר, איז אונז ענג;
2 לאָמיר געהן ביז׳ן ירדן און מיר וועלען פון דאָרטען נעהמען יעדער אַ
באַלקען און מיר וועלען זיך דאָרט אויסבויען אַן אָרט צום וואוינען. האָט
ער געזאָגט: „געהט זיך!“
3 האָט איינער געזאָגט: ביטטע, קום אויך מיט דיינע קנעכט! האָט
ער געזאָגט: איך געה!
4 און ער איז מיט זיי געגאַנגען. זיי זיינען געקומען צום ירדן און געשני־
טען קלעצער.
5 ווען איינער האָט איינגעוואָרפען אַ באַלקען איז דאָס אייזערנע האַק
אַריינגעפאַלען אין וואַסער. האָט ער געשריען: אָ, מיין הערר! עס
איז אַ געליהענע! . . .

וַיֹּ֥אמֶר אִישׁ־הָאֱלֹהִ֖ים אָ֣נָה נָפָ֑ל וַיַּרְאֵ֙הוּ֙ אֶת־הַמָּק֔וֹם 6
וַיִּקְצָב־עֵ֙ץ וַיַּשְׁלֶךְ־שָׁ֔מָּה וַיָּ֖צֶף הַבַּרְזֶֽל׃ וַיֹּ֖אמֶר הָ֣רֶם לָ֑ךְ 7
וַיִּשְׁלַ֥ח יָד֖וֹ וַיִּקָּחֵֽהוּ׃ וּמֶ֣לֶךְ אֲרָ֔ם הָיָ֥ה נִלְחָ֖ם בְּיִשְׂרָאֵ֑ל 8
וַיִּוָּעַץ֙ אֶל־עֲבָדָ֣יו לֵאמֹ֔ר אֶל־מְק֛וֹם פְּלֹנִ֥י אַלְמֹנִ֖י תַּחֲנֹתִֽי׃
וַיִּשְׁלַ֞ח אִ֣ישׁ הָאֱלֹהִ֗ים אֶל־מֶ֤לֶךְ יִשְׂרָאֵל֙ לֵאמֹ֔ר הִשָּׁ֕מֶר 9
מֵעֲבֹ֖ר הַמָּק֣וֹם הַזֶּ֑ה כִּֽי־שָׁ֥ם אֲרָ֖ם נְחִתִּֽים׃ וַיִּשְׁלַ֞ח מֶ֣לֶךְ י
יִשְׂרָאֵ֗ל אֶל־הַמָּקוֹם֙ אֲשֶׁ֣ר אָֽמַר־ל֧וֹ אִישׁ־הָאֱלֹהִ֛ים וְהִזְהִירֹ֖ה
וְנִשְׁמַ֣ר שָׁ֑ם לֹ֥א אַחַ֖ת וְלֹ֥א שְׁתָּֽיִם׃ וַיִּסָּעֵר֙ לֵ֣ב מֶֽלֶךְ־אֲרָ֔ם 11
עַל־הַדָּבָ֖ר הַזֶּ֑ה וַיִּקְרָ֤א אֶל־עֲבָדָיו֙ וַיֹּ֣אמֶר אֲלֵיהֶ֔ם הֲלוֹא֙
תַּגִּ֣ידוּ לִ֔י מִ֥י מִשֶּׁלָּ֖נוּ אֶל־מֶ֥לֶךְ יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיֹּ֨אמֶר אַחַ֤ד 12
מֵֽעֲבָדָיו֙ ל֔וֹא אֲדֹנִ֖י הַמֶּ֑לֶךְ כִּֽי־אֱלִישָׁ֤ע הַנָּבִיא֙ אֲשֶׁ֣ר
בְּיִשְׂרָאֵ֔ל יַגִּיד֙ לְמֶ֣לֶךְ יִשְׂרָאֵ֔ל אֶת־הַדְּבָרִ֔ים אֲשֶׁ֥ר תְּדַבֵּ֖ר
בַּחֲדַ֥ר מִשְׁכָּבֶֽךָ׃ וַיֹּ֗אמֶר לְכ֤וּ וּרְאוּ֙ אֵיכֹ֣ה ה֔וּא וְאֶשְׁלַ֖ח 13
וְאֶקָּחֵ֑הוּ וַיֻּגַּד־ל֥וֹ לֵאמֹ֖ר הִנֵּ֥ה בְדֹתָֽן׃ וַיִּשְׁלַח־שָׁ֛מָּה סוּסִ֥ים 14
וְרֶ֖כֶב וְחַ֣יִל כָּבֵ֑ד וַיָּבֹ֣אוּ לַ֔יְלָה וַיַּקִּ֖פוּ עַל־הָעִֽיר׃ וַיַּשְׁכֵּ֞ם טו
מְשָׁרֵ֨ת אִ֤ישׁ הָאֱלֹהִים֙ לָק֔וּם וַיֵּצֵ֕א וְהִנֵּה־חַ֛יִל סוֹבֵ֥ב אֶת־
הָעִ֖יר וְס֣וּס וָרָ֑כֶב וַיֹּ֨אמֶר נַעֲר֥וֹ אֵלָ֛יו אֲהָ֥הּ אֲדֹנִ֖י אֵיכָ֥ה
נַעֲשֶֽׂה׃ וַיֹּ֖אמֶר אַל־תִּירָ֑א כִּ֣י רַבִּ֔ים אֲשֶׁ֣ר אִתָּ֔נוּ מֵאֲשֶׁ֖ר 16
אוֹתָֽם׃ וַיִּתְפַּלֵּ֤ל אֱלִישָׁע֙ וַיֹּאמַ֔ר יְהוָ֕ה פְּקַח־נָ֥א אֶת־עֵינָ֖יו 17
וְיִרְאֶ֑ה וַיִּפְקַ֤ח יְהוָה֙ אֶת־עֵינֵ֣י הַנַּ֔עַר וַיַּ֕רְא וְהִנֵּ֨ה הָהָ֜ר מָלֵ֨א
סוּסִ֥ים וְרֶ֛כֶב אֵ֖שׁ סְבִיבֹ֥ת אֱלִישָֽׁע׃ וַיֵּרְדוּ֮ אֵלָיו֒ וַיִּתְפַּלֵּ֨ל 18
אֱלִישָׁ֤ע אֶל־יְהוָה֙ וַיֹּאמַ֔ר הַךְ־נָ֥א אֶת־הַגּוֹי־הַזֶּ֖ה בַּסַּנְוֵרִ֑ים
וַיַּכֵּ֥ם בַּסַּנְוֵרִ֖ים כִּדְבַ֥ר אֱלִישָֽׁע׃ וַיֹּ֨אמֶר אֲלֵהֶ֜ם אֱלִישָׁ֗ע 19
לֹ֣א זֶ֣ה הַדֶּ֗רֶךְ וְלֹ֨א זֹ֣ה הָעִיר֮ לְכ֣וּ אַחֲרַי֒ וְאוֹלִ֣יכָה אֶתְכֶ֔ם
אֶל־הָאִ֖ישׁ אֲשֶׁ֣ר תְּבַקֵּשׁ֑וּן וַיֹּ֥לֶךְ אוֹתָ֖ם שֹׁמְרֽוֹנָה׃ וַיְהִי֮ כ
כְּבֹאָ֣ם שֹׁמְרוֹן֒ וַיֹּ֣אמֶר אֱלִישָׁ֔ע יְהוָ֕ה פְּקַ֥ח אֶת־עֵינֵי־אֵ֖לֶּה
וְיִרְא֑וּ וַיִּפְקַ֤ח יְהוָה֙ אֶת־עֵ֣ינֵיהֶ֔ם וַיִּרְא֕וּ וְהִנֵּ֖ה בְּת֥וֹךְ שֹׁמְרֽוֹן׃

ויאמר

v. 10. והזהירו קרי

6 האָט דער געטליכער מאַן געפרעגט : וואו איז עס אַריינגעפאַלען ? אַז
מ'האָט איהם אָנגעוויזען דעם אָרט, האָט ער אָבגעהאַקט אַ שטיק
האָלץ און אריינגעוואָרפען דאָרט, איז דאָס אייזערנע האַק אַרויפגע־
שוואומען.

7 און ער האָט געזאָגט : הויב איהם אויף ! יענער האָט אויסגעצויגען
זיין האַנד און צוגענומען איהם.

8 דער קעניג פון ארם האָט אַמאָל ישראל קריעג ערקלעהרט, האָט ער
זיך בעראטהען מיט זיינע דיענער און אָבגערעדט צו לאַגערן אין אַ
אונבעוואוסטען אָרט.

9 האָט דער געטליכער מאַן געשיקט זאָגען צום קעניג פון ישראל : „זיי
פאָרזיכטיג פארביי צו געהן דיעזען אָרט, דאָרטען איז אַ געהיימער
לאַגער פון ארם !"

10 האָט דער קעניג פון ישראל עטליכע מאָל אן ארמעע געשיקט צו דעם
אָרט וואָס דער געטליכער מאַן האָט איהם געזאָגט און געווארענט, און
דערמיט האָט ער זיך פון אונגליק פארהיט.

11 דעם קעניג פון ארם האָט דאָס זעהר פארדראָסען, ער האָט צוזאמענגע־
רופען זיינע קנעכט און געזאָגט צו זיי : „קענט איהר מיר זאָגען ווער
פון אונזערע גיט אַלץ איבער דעם קעניג פון ישראל ?"

12 האָט איינער פון זיינע קנעכט געזאָגט : עס איז ניט אַזוי, מיין הערר
קעניג ! אלישע, דער נביא וואָס אין ישראל דערצעהלט דעם קעניג
פון ישראל זאָגאר אלץ וואָס דו רעדסט אין דיין שלאָפצימער . . ."

13 האָט ער געזאָגט : „געהט געפינט אויס וואו ער איז, וועל איך שיקען
ברייננגען איהם". אַז מען האָט איהם רעפּאָרטעט אַז ער איז אין דתן,

14 האָט ער אַהין געשיקט אַ גרויסע אַרמעע מיט פערד און וועגען ; זיי
זיינען געקומען ביי־נאַכט און בעלאַגערט די שטאָדט.

15 דעם געטליכען מאַן'ס דיענער איז פריה אויפגעשטאַנען און אַרויס־
געגאַנגען, ערשט אן ארמעע מיט פערד און וועגען זיינען אַרום שטאָדט.
האָט זיין דיענער צו איהם געזאָגט : וועה, מיין הערר ! וואָס וועלען
מיר יעצט טהאָן ?

16 האָט ער געענטפערט : שרעק זיך ניט ! אונזער ארמעע איז גרעסער
פאר זייערע . . .

17 און אלישע האָט גאָט געבעטען און געזאָגט : עפען, גאָט, זיינע
אויגען און זאָל ער זעהען ! גאָט האָט דעם אינגעל די אויגען געעפענט
און ער האָט דערזעהען אַז אויפ'ן באַרג, ארום אלישע'ן; איז פול
פייערדיגע פערד און וועגען,

18 וועלכע זיינען צו איהם אראָב. דאן האָט אלישע גאָט געבעטען און גע־
זאָגט : בעשטראָף דאָס פאָלק מיט בלענדענים ! האָט זיי גאָט גע־
שטראָפט מיט בלענדענים, ווי אלישע האָט פערלאנגט.

19 האָט אלישע צו זיי געזאָגט : ניט דאָס איז דער וועג, און ניט דאָ איז
די שטאָדט ! געהט מיר נאָך, איך וועל אייך פיהרען צום מאַן וואָס
איהר זוכט. ער האָט זיי אַוועקגעפיהרט אין שמרון.

20 אַז זיי זיינען געקומען אין שמרון האָט אלישע געזאָגט : עפען, גאָט,
זייערע אויגען און זאָלען זיי זעהען ! האָט גאָט געעפענט זייערע אויגען
און זיי האָבען דערזעהען אַז זיי זיינען אין שמרון.

21 וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־אֱלִישָׁע כִּרְאֹתוֹ אוֹתָם הַאַכֶּה
22 אַכֶּה אָבִי׃ וַיֹּאמֶר לֹא תַכֶּה הַאֲשֶׁר שָׁבִיתָ בְּחַרְבְּךָ
וּבְקַשְׁתְּךָ אַתָּה מַכֶּה שִׂים לֶחֶם וָמַיִם לִפְנֵיהֶם וְיֹאכְלוּ
23 וְיִשְׁתּוּ וְיֵלְכוּ אֶל־אֲדֹנֵיהֶם׃ וַיִּכְרֶה לָהֶם כֵּרָה גְדוֹלָה
וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ וַיְשַׁלְּחֵם וַיֵּלְכוּ אֶל־אֲדֹנֵיהֶם וְלֹא־יָסְפוּ עוֹד
24 גְּדוּדֵי אֲרָם לָבוֹא בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן
וַיִּקְבֹּץ בֶּן־הֲדַד מֶלֶךְ־אֲרָם אֶת־כָּל־מַחֲנֵהוּ וַיַּעַל וַיָּצַר עַל־
כה שֹׁמְרוֹן׃ וַיְהִי רָעָב גָּדוֹל בְּשֹׁמְרוֹן וְהִנֵּה צָרִים עָלֶיהָ עַד
הֱיוֹת רֹאשׁ־חֲמוֹר בִּשְׁמֹנִים כֶּסֶף וְרֹבַע הַקַּב חֲרייוֹנִים
26 בַּחֲמִשָּׁה כָסֶף׃ וַיְהִי מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל עֹבֵר עַל־הַחֹמָה וְאִשָּׁה
27 צָעֲקָה אֵלָיו לֵאמֹר הוֹשִׁיעָה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר אַל־
28 יוֹשִׁעֵךְ יְהוָה מֵאַיִן אוֹשִׁיעֵךְ הֲמִן־הַגֹּרֶן אוֹ מִן־הַיָּקֶב׃ וַיֹּאמֶר־
לָהּ הַמֶּלֶךְ מַה־לָּךְ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַזֹּאת אָמְרָה אֵלַי תְּנִי
29 אֶת־בְּנֵךְ וְנֹאכְלֶנּוּ הַיּוֹם וְאֶת־בְּנִי נֹאכַל מָחָר׃ וַנְּבַשֵּׁל
אֶת־בְּנִי וַנֹּאכְלֵהוּ וָאֹמַר אֵלֶיהָ בַּיּוֹם הָאַחֵר תְּנִי אֶת־בְּנֵךְ
ל וְנֹאכְלֶנּוּ וַתַּחְבִּא אֶת־בְּנָהּ׃ וַיְהִי כִשְׁמֹעַ הַמֶּלֶךְ אֶת־דִּבְרֵי
הָאִשָּׁה וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו וְהוּא עֹבֵר עַל־הַחֹמָה וַיַּרְא
31 הָעָם וְהִנֵּה הַשַּׂק עַל־בְּשָׂרוֹ מִבָּיִת׃ וַיֹּאמֶר כֹּה־יַעֲשֶׂה־
לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִף אִם־יַעֲמֹד רֹאשׁ אֱלִישָׁע בֶּן־שָׁפָט
32 עָלָיו הַיּוֹם׃ וֶאֱלִישָׁע יֹשֵׁב בְּבֵיתוֹ וְהַזְּקֵנִים יֹשְׁבִים אִתּוֹ
וַיִּשְׁלַח אִישׁ מִלְּפָנָיו בְּטֶרֶם יָבֹא הַמַּלְאָךְ אֵלָיו וְהוּא ׀
אָמַר אֶל־הַזְּקֵנִים הַרְּאִיתֶם כִּי־שָׁלַח בֶּן־הַמְרַצֵּחַ הַזֶּה
לְהָסִיר אֶת־רֹאשִׁי רְאוּ ׀ כְּבֹא הַמַּלְאָךְ סִגְרוּ הַדֶּלֶת
33 וּלְחַצְתֶּם אֹתוֹ בַּדֶּלֶת הֲלוֹא קוֹל רַגְלֵי אֲדֹנָיו אַחֲרָיו׃ עוֹדֶנּוּ
מְדַבֵּר עִמָּם וְהִנֵּה הַמַּלְאָךְ יֹרֵד אֵלָיו וַיֹּאמֶר הִנֵּה־זֹאת
הָרָעָה מֵאֵת יְהוָה מָה־אוֹחִיל לַיהוָה עוֹד׃



v. 25. דביונים ק  v. 32. הר׳ דגושה

21 אַז דער קעניג פון ישראל האָט זיי דערזעהען האָט ער געזאָגט צו אלישע'ן: זאָל איך זיי שלאָגען, מיין הערר?

22 האָט ער געענטפערט: „דו זאָלסט ניט שלאָגען; דו קענסט נאָר שלאָגען די, וועלכע דו נעהמסט געפאַנגען מיט דיין שווערד און בויגען . . . זיי אָבער גיב ברויט און וואַסער — זאָלען זיי עסען און טרינקען און געהן צו זייער הערן.״

23 ער האָט פאַר זיי צוגעגרייט פיעל שפּייז, זיי האָבען געגעסען און געטרונקען; נאָכהער האָט ער זיי בעפרייט און זיי זיינען אַוועק צו זייער הערן. ארם'ער רויבער־באַנדעס זיינען שוין מעהר ניט געקומען אין לאַנד פון ישראל.

24 נאָכדעם האָט בן־הדד, קעניג פון ארם, פערזאַמעלט זיין גאַנצע אַרמעע און איז געקומען און בעלאַגערט שמרון.

25 אין שמרון איז געוואָרען אַזאַ גרויסער הונגער, ווען זיי האָבען איהר בעלאַגערט, אַז אַ קאָפּ פון אַ עזעל האָט געקאָסט אַכציג זילבער־שטיק און איין פערטיל קב טויבענמיסט — פינף זילבער־שטיק.

26 ווען דער קעניג פון ישראל איז געגאַנגען אויפ'ן מויער־וואַנד האָט אַ פרוי צו איהם געשריען און געזאָגט: „העלף, הערר קעניג!״

27 האָט ער געזאָגט: זאָל דיר גאָט ניט העלפען! פון וואַנען קען איך דיר העלפען?! פון ליידיגען שייער אָדער טרוקענעם קעלטער? . . .

28 דאַן האָט דער קעניג צו איהר געזאָגט: וואָס ווילסטו?! האָט זי געזאָגט: אָט דיזע פרוי האָט צו מיר געזאָגט „גיב דיין קינד, לאָמיר איהם אויפעסען היינט, און מיין קינד וועלען מיר אויפעסען מאָרגען.״

29 האָבען מיר אויסגעקאָכט מיין קינד און אויפגעגעסען איהם; און אַז איך האָב אויפ'ן צווייטען טאָג געזאָגט צו איהר: „גיב דיין קינד, לאָמיר איהם אויפעסען״ האָט זי איהר קינד בעהאַלטען . . .

30 אַז דער קעניג האָט דערהערט דער פרוי'ס רייד האָט ער צוריסען זיינע קליידער, געהענדיג אויפ'ן מויער־וואַנד [און דאָס פאָלק האָט דערזעהען אַז אויף זיין קערפּער אונטער די קליידער איז אַ זאַק],

31 און ער האָט געזאָגט: זאָל מיר גאָט יעצט אַזוי העלפען און אַלע מאָל, אויב ביי אלישע, שפט'ס זוהן, וועט היינט בלייבען זיין קאָפּ! . . .

32 אלישע איז דאַן געזעסען אין זיין הויז און די עלטסטע זיינען אויך געזעסען ביי איהם, אָבער ער האָט אַלעמען אַרויסגעשיקט; און נאָך איידער דער געשיקטער פון קעניג איז צו איהם געקומען, האָט ער געזאָגט צו די עלטסטע: זעהט נאָר! דער מערדערס זוהן האָט געשיקט מיר דעם קאָפּ אַראָבנעהמען. ווי נאָר דער געשיקטער וועט אין הויז אַריין, שפּאַרט צו די טיהר און קוועטש איהם איין אין טיהר — נאָך איהם הער איך זיין הערר'ס טריט . . .

33 ער האָט נאָך גערעדט צו זיי איז שוין דער קעניג אַריין און געזאָגט: אַז אַזאַ אונגליק איז פון גאָט — קען איך נאָך צו גאָט האָפען? . . .

## Cap. VII. ז

ז

וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה כָּעֵת ׀ א
מָחָר סְאָה־סֹלֶת בְּשֶׁקֶל וְסָאתַיִם שְׂעֹרִים בְּשֶׁקֶל בְּשַׁעַר
שֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעַן הַשָּׁלִישׁ אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ נִשְׁעָן עַל־יָדוֹ אֶת־אִישׁ 2
הָאֱלֹהִים וַיֹּאמַר הִנֵּה יְהוָה עֹשֶׂה אֲרֻבּוֹת בַּשָּׁמַיִם
הֲיִהְיֶה הַדָּבָר הַזֶּה וַיֹּאמֶר הִנְּכָה רֹאֶה בְּעֵינֶיךָ וּמִשָּׁם
לֹא תֹאכֵל׃ וְאַרְבָּעָה אֲנָשִׁים הָיוּ מְצֹרָעִים פֶּתַח 3
הַשָּׁעַר וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ מָה אֲנַחְנוּ יֹשְׁבִים פֹּה
עַד־מָתְנוּ׃ אִם־אָמַרְנוּ נָבוֹא הָעִיר וְהָרָעָב בָּעִיר וָמַתְנוּ 4
שָׁם וְאִם־יָשַׁבְנוּ פֹה וָמָתְנוּ וְעַתָּה לְכוּ וְנִפְּלָה אֶל־מַחֲנֵה
אֲרָם אִם־יְחַיֻּנוּ נִחְיֶה וְאִם־יְמִיתֻנוּ וָמָתְנוּ׃ וַיָּקֻמוּ בַנֶּשֶׁף ה
לָבוֹא אֶל־מַחֲנֵה אֲרָם וַיָּבֹאוּ עַד־קְצֵה מַחֲנֵה אֲרָם וְהִנֵּה
אֵין־שָׁם אִישׁ׃ וַאדֹנָי הִשְׁמִיעַ ׀ אֶת־מַחֲנֵה אֲרָם קוֹל 6
רֶכֶב וְקוֹל סוּס קוֹל חַיִל גָּדוֹל וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־אָחִיו
הִנֵּה שָׂכַר־עָלֵינוּ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֶת־מַלְכֵי הַחִתִּים וְאֶת־
מַלְכֵי מִצְרַיִם לָבוֹא עָלֵינוּ׃ וַיָּקוּמוּ וַיָּנוּסוּ בַנֶּשֶׁף וַיַּעַזְבוּ 7
אֶת־אָהֳלֵיהֶם וְאֶת־סוּסֵיהֶם וְאֶת־חֲמֹרֵיהֶם הַמַּחֲנֶה כַּאֲשֶׁר
הִיא וַיָּנֻסוּ אֶל־נַפְשָׁם׃ וַיָּבֹאוּ הַמְצֹרָעִים הָאֵלֶּה עַד־ 8
קְצֵה הַמַּחֲנֶה וַיָּבֹאוּ אֶל־אֹהֶל אֶחָד וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ וַיִּשְׂאוּ
מִשָּׁם כֶּסֶף וְזָהָב וּבְגָדִים וַיֵּלְכוּ וַיַּטְמִנוּ וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ
אֶל־אֹהֶל אַחֵר וַיִּשְׂאוּ מִשָּׁם וַיֵּלְכוּ וַיַּטְמִנוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ 9
אֶל־רֵעֵהוּ לֹא־כֵן ׀ אֲנַחְנוּ עֹשִׂים הַיּוֹם הַזֶּה יוֹם־בְּשֹׂרָה
הוּא וַאֲנַחְנוּ מַחְשִׁים וְחִכִּינוּ עַד־אוֹר הַבֹּקֶר וּמְצָאָנוּ
עָוֺן וְעַתָּה לְכוּ וְנָבֹאָה וְנַגִּידָה בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ וַיָּבֹאוּ י
וַיִּקְרְאוּ אֶל־שֹׁעֵר הָעִיר וַיַּגִּידוּ לָהֶם לֵאמֹר בָּאנוּ אֶל־
מַחֲנֵה אֲרָם וְהִנֵּה אֵין־שָׁם אִישׁ וְקוֹל אָדָם כִּי אִם־
הַסּוּס אָסוּר וְהַחֲמוֹר אָסוּר וְאֹהָלִים כַּאֲשֶׁר הֵמָּה׃

ויקרא

ב v. לא המלך   8 ٭ הפטרת מצרע

# קאפיטעל ז

1 דאן האָט אלישע געזאָגט: „הערט זשע גאָט'ס וואָרט! אזוי האָט גאָט געזאָגט — מאָרגען אין דער צייט וועט ביי'ן טהויער פון שמרון קאָסטען אַ גאַנצע סאה פיינמעהל — איין שקל, און צוויי סאה גערשטען אויך איין שקל!"

2 האָט דער אַדיוטאַנט, וואָס דער קעניג איז אן איהם אָנגעשפּארט געווען, געענטפערט דעם געטליכען מאַן און געזאָגט: און אז גאָט זאָל זאָגאר מאַכען פענסטער אין הימעל, איז אזא זאך דען מעגליך?! האָט דער נביא געזאָגט: „דו וועסט דאָס זעהען מיט דיינע אויגען אָבער ניט געניסען דערפון..."

3 פיער קרעציגע מענשען האָבען זיך אויפגעהאַלטען נעבען איינגאַנג פון טהויער. איין מאָל האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס זיצען מיר דאָ ביז מיר וועלען שטאַרבען?!

4 זאָלען מיר אין שטאָדט אריין, איז דאָך אין שטאָדט אַ הונגער און מיר וועלען פון הונגער שטאַרבען; אלזאָ קומט לאָמיר אַריבער געהן אין לאגער פון ארם: וועלען זיי אונז דעם לעבען אויפהאַלטען — וועלען מיר לעבען בלייבען; וועלען זיי אונז דער'הרג'נען — וועלען מיר שטאַרבען...

5 אבענד־צייט האָבען זיי זיך געלאָזען געהן צום לאגער פון ארם. אז זיי זיינען געקומען צום גרענעץ פון ארם'ס לאגער ערשט דאָרט איז קיין מענש ניטאָ.

6 [גאָט האָט עס געמאַכט אַז דעם לאגער פון ארם האָט זיך געדוכט אַז זיי הערען אַ גערויש פון אַ גרויסע ארמעע מיט וועגען און פערד; האָבען זיי איינער צום צווייטען געזאָגט: דאָס האָט דער קעניג פון ישראל קעגען אונז געדונגען די חת'ישע קעניגע אויך די קעניגע פון מצרים...

7 זיינען זיי אבענד־צייט אויפגעשטאַנען און אנטלאָפען, זיי האָבען איבערגעלאָזען זייערע געצעלטען, זייערע פערד און עזלען — דעם גאַנצען לאגער ווי ער איז — און זיינען מיט'ן לעבען אנטלאָפען.]

8 די קרעציגע זיינען צו ערשט צוגעגאַנגען צום גרענעץ פון לאגער, דאן זיינען זיי אַריין אין איין געצעלט און געגעסען און געטרונקען; זיי האָבען אויך אַרויסגעטראָגען פון דאָרט זילבער, גאָלד און קליידער. זיי זיינען אַוועק, בעהאַלטען דאָס און זיינען צוריק געקומען. זיי זיינען אַריין אין אן אנדער געצעלט, פון דאָרטען אַלץ אַרויסגעטראָגען, אַוועק און בעהאַלטען...

9 דאן האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: מיר טהוען ניט ריכטיג! היינט איז אַ טאָג פון גוטע נאכריכט, און מיר שווייגען... אַז מיר וועלען אבלייגען ביז עס וועט טאָג ווערען וועלען מיר בעגעהן אַ פערברעכען. אַלזאָ קומט, לאָמיר געהן און דערצעהלען דאָס אינ'ם קעניגס הויז!

10 זיינען זיי געקומען און דערצעהלט דעם היטער פון שטאָדט טהויער, אַזוי צו זאָגען: מיר זיינען געוועזן אין לאגער פון ארם ערשט דאָרט איז קיין מענש ניטאָ — קיין מענשעשע שטימע; די פערד זיינען אָנגעבונדען, די עזלען אָנגעבונדען, און די געצעלטען אָט ווי זיי זיינען.

11 12 וַיִּקְרָא הַשֹּׁעֲרִים וַיַּגִּידוּ בֵּית הַמֶּלֶךְ פְּנִימָה׃ וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ
לַיְלָה וַיֹּאמֶר אֶל־עֲבָדָיו אַגִּידָה־נָּא לָכֶם אֵת אֲשֶׁר־עָשׂוּ
לָנוּ אֲרָם יָדְעוּ כִּי־רְעֵבִים אֲנַחְנוּ וַיֵּצְאוּ מִן־הַמַּחֲנֶה
לְהֵחָבֵה בַהשָּׂדֶה לֵאמֹר כִּי־יֵצְאוּ מִן־הָעִיר וְנִתְפְּשֵׂם
13 חַיִּים וְאֶל־הָעִיר נָבֹא׃ וַיַּעַן אֶחָד מֵעֲבָדָיו וַיֹּאמֶר וְיִקְחוּ־
נָא חֲמִשָּׁה מִן־הַסּוּסִים הַנִּשְׁאָרִים אֲשֶׁר נִשְׁאֲרוּ־בָהּ
הִנָּם כְּכָל־הֶהָמוֹן יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר נִשְׁאֲרוּ־בָהּ הִנָּם כְּכָל־
14 הֲמוֹן יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־תָּמּוּ וְנִשְׁלְחָה וְנִרְאֶה׃ וַיִּקְחוּ שְׁנֵי
רֶכֶב סוּסִים וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ אַחֲרֵי מַחֲנֵה־אֲרָם לֵאמֹר
טו לְכוּ וּרְאוּ׃ וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵיהֶם עַד־הַיַּרְדֵּן וְהִנֵּה כָל־הַדֶּרֶךְ
מְלֵאָה בְגָדִים וְכֵלִים אֲשֶׁר־הִשְׁלִיכוּ אֲרָם בְּהֵחָפְזָם וַיָּשֻׁבוּ
16 הַמַּלְאָכִים וַיַּגִּדוּ לַמֶּלֶךְ׃ וַיֵּצֵא הָעָם וַיָּבֹזּוּ אֵת מַחֲנֵה
אֲרָם וַיְהִי סְאָה־סֹלֶת בְּשֶׁקֶל וְסָאתַיִם שְׂעֹרִים בְּשֶׁקֶל
17 כִּדְבַר יְהוָה׃ וְהַמֶּלֶךְ הִפְקִיד אֶת־הַשָּׁלִישׁ אֲשֶׁר נִשְׁעָן
עַל־יָדוֹ עַל־הַשַּׁעַר וַיִּרְמְסֻהוּ הָעָם בַּשַּׁעַר וַיָּמֹת כַּאֲשֶׁר
18 דִּבֶּר אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּרֶדֶת הַמֶּלֶךְ אֵלָיו׃ וַיְהִי
כְּדַבֵּר אִישׁ הָאֱלֹהִים אֶל־הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר סָאתַיִם שְׂעֹרִים
בְּשֶׁקֶל וּסְאָה־סֹלֶת בְּשֶׁקֶל יִהְיֶה כָּעֵת מָחָר בְּשַׁעַר
19 שֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעַן הַשָּׁלִישׁ אֶת־אִישׁ הָאֱלֹהִים וַיֹּאמַר וְהִנֵּה
יְהוָה עֹשֶׂה אֲרֻבּוֹת בַּשָּׁמַיִם הֲיִהְיֶה כַּדָּבָר הַזֶּה וַיֹּאמֶר
כ הִנְּךָ רֹאֶה בְּעֵינֶיךָ וּמִשָּׁם לֹא תֹאכֵל׃ וַיְהִי־לוֹ כֵּן וַיִּרְמְסוּ
אֹתוֹ הָעָם בַּשַּׁעַר וַיָּמֹת׃ *

## CAP. VIII. ח

ח

א וֶאֱלִישָׁע דִּבֶּר אֶל־הָאִשָּׁה אֲשֶׁר־הֶחֱיָה אֶת־בְּנָהּ לֵאמֹר
קוּמִי וּלְכִי אַתְּי וּבֵיתֵךְ וְגוּרִי בַּאֲשֶׁר תָּגוּרִי כִּי־קָרָא יְהוָה
2 לָרָעָב וְגַם־בָּא אֶל־הָאָרֶץ שֶׁבַע שָׁנִים׃ וַתָּקָם הָאִשָּׁה
וַתַּעַשׂ כִּדְבַר אִישׁ הָאֱלֹהִים וַתֵּלֶךְ הִיא וּבֵיתָהּ וַתָּגָר

בארץ

v. 11. כיא ויקראו ק׳ v. 12. בשדה ק׳ v. 13. ההמון ק׳ v. 15. בחפזם ק׳ v. 20. עד כאן. ח׳ v. 1. את ק׳

11 די טהויער היטערס האָבען דאָס איבערגעגעבען אין קעניגס הויז, אינ־ווייניג.

12 דער קעניג איז אויפגעשטאַנען אין מיטען נאַכט; ער האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: איך וועל אייך זאָגען וואָס ארם האָט אונז אָבגעטהאָן — זיי ווייסען אַז מיר הונגערן, זיינען זיי ארוים פון לאַגער און בע־האַלטען זיך אין פעלד; זיי דענקען „צו וואָס זאָלען מיר געהן אין שטאָדט? זיי וועלען ארויס פון שטאָדט וועלען מיר זיי כאַפּען לע־בעדיגערהייט".

13 אָבער איינער פון זיינע קנעכט האָט געענטפערט: זאָלען מיר נעהמען פינף פון די איבערגעבליבענע פערד, וועלכע זיינען דאָ, [דאָס אַלץ איז וואָס ביי גאַנץ ישראל איז פארבליבען, זיי זיינען אויך אויסגעגאַנ־גען ווי פיעלע פון ישראל] און לאָמיר שיקען זעהען.

14 מ'האָט גענומען צוויי רייט־פערד און דער קעניג האָט געשיקט אין לאַ־גער פון ארם, ער האָט געזאָגט: „געהט און זעהט נאָך!"

15 מען איז זיי נאָכגעגאַנגען ביז'ן ירדן, ערשט דער גאַנצער וועג איז פול מיט קליידער און כלים, וואָס די ארם'ער האָבען צו־וואָרפען פון היילע־ניש. די געשיקטע זיינען געקומען און דערצעהלט דעם קעניג.

16 דאַן איז דאָס פאָלק ארויס און האָבען צורויבט דעם לאַגער פון ארם, איז געוואָרען אַ סאה פיינמעהל פאר איין שקל און צוויי סאה גערשטען פאר איין שקל, ווי גאָט האָט גערעדט.

17 דער קעניג האָט אָנגעשטעלט דעם אַדיוטאַנט, אויף וועלכען ער איז אָנגעשפאַרט געווען; אָבער דאָס פאָלק האָט איהם צוטראָטען אין טהויער אויף טוידט, אַזוי ווי דער געטליכער מאַן האָט גערעדט ווען דער קעניג איז צו איהם געקומען.

18 [ווען דער געטליכער מאַן האָט געזאָגט דעם קעניג: צוויי סאה גערש־טען פאר איין שקל און אַ סאה פיינמעהל פאר איין שקל וועט זיין מאָר־גען ביי'ן טהויער פון שמרון,

19 האָט דער אדיוטאַנט געענטפערט דעם געטליכען מאַן און געזאָגט: „און אַז גאָט זאָל זאָגאר מאַכען פענסטער אינ'ם הימעל קען דאָס זיין?" האָט דער נביא געזאָגט: דערפאר וועסטו דאָס זעהען מיט דיינע אוי־גען אָבער ניט געניסען דערפון;

20 און אַזוי האָט מיט איהם פאַסירט — דאָס פאָלק האָט איהם אויף טוידט צוטראָטען ביי'ן טהויער . . .].

## קאַפּיטעל ח

1 אלישע האָט געזאָגט צו דער פרוי, וועמעס קינד ער האָט געזונד גע־מאַכט, אַזוי צו זאָגען: שטעה אויף און געה דו מיט דיין געזינד און בעזעצט זיך וואו־עס־איז; ווארים גאָט האָט בעשטימט אַ זיעבען־יאָהריגען הונגער אינ'ם לאַנד, און ער פאַנגט זיך שוין אָן.

2 די פרוי האָט גלייך געטהאָן ווי דער געטליכער מאַן האָט געהייסען — זי איז אַוועק מיט איהר געזינד און געוואוינט זיעבען יאָהר אינ'ם לאַנד פלשתים.

בְּאֶרֶץ־פְּלִשְׁתִּים שֶׁבַע שָׁנִים׃ וַיְהִי מִקְצֵה שֶׁבַע שָׁנִים 3
וַתָּשָׁב הָאִשָּׁה מֵאֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וַתֵּצֵא לִצְעֹק אֶל־הַמֶּלֶךְ
אֶל־בֵּיתָהּ וְאֶל־שָׂדָהּ׃ וְהַמֶּלֶךְ מְדַבֵּר אֶל־גֵּחֲזִי 4
נַעַר אִישׁ־הָאֱלֹהִים לֵאמֹר סַפְּרָה־נָּא לִי אֵת כָּל־הַגְּדֹלוֹת
אֲשֶׁר־עָשָׂה אֱלִישָׁע׃ וַיְהִי הוּא־מְסַפֵּר לַמֶּלֶךְ אֵת אֲשֶׁר־ ה
הֶחֱיָה אֶת־הַמֵּת וְהִנֵּה הָאִשָּׁה אֲשֶׁר־הֶחֱיָה אֶת־בְּנָהּ
צֹעֶקֶת אֶל־הַמֶּלֶךְ עַל־בֵּיתָהּ וְעַל־שָׂדָהּ וַיֹּאמֶר גֵּחֲזִי אֲדֹנִי
הַמֶּלֶךְ זֹאת הָאִשָּׁה וְזֶה־בְּנָה אֲשֶׁר־הֶחֱיָה אֱלִישָׁע׃ וַיִּשְׁאַל 6
הַמֶּלֶךְ לָאִשָּׁה וַתְּסַפֶּר־לוֹ וַיִּתֶּן־לָהּ הַמֶּלֶךְ סָרִיס אֶחָד
לֵאמֹר הָשֵׁיב אֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ וְאֵת כָּל־תְּבוּאֹת הַשָּׂדֶה
מִיּוֹם עָזְבָה אֶת־הָאָרֶץ וְעַד־עָתָּה׃ וַיָּבֹא אֱלִישָׁע 7
דַּמֶּשֶׂק וּבֶן־הֲדַד מֶלֶךְ־אֲרָם חֹלֶה וַיֻּגַּד־לוֹ לֵאמֹר בָּא אִישׁ
הָאֱלֹהִים עַד־הֵנָּה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־חֲזָהאֵל קַח בְּיָדְךָ 8
מִנְחָה וְלֵךְ לִקְרַאת אִישׁ הָאֱלֹהִים וְדָרַשְׁתָּ אֶת־יְהוָה
מֵאוֹתוֹ לֵאמֹר הַאֶחְיֶה מֵחֳלִי זֶה׃ וַיֵּלֶךְ חֲזָאֵל לִקְרָאתוֹ 9
וַיִּקַּח מִנְחָה בְיָדוֹ וְכָל־טוּב דַּמֶּשֶׂק מַשָּׂא אַרְבָּעִים גָּמָל
וַיָּבֹא וַיַּעֲמֹד לְפָנָיו וַיֹּאמֶר בִּנְךָ בֶן־הֲדַד מֶלֶךְ־אֲרָם
שְׁלָחַנִי אֵלֶיךָ לֵאמֹר הַאֶחְיֶה מֵחֳלִי זֶה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו י
אֱלִישָׁע לֵךְ אֱמָר־לא חָיֹה תִחְיֶה וְהִרְאַנִי יְהוָה כִּי־מוֹת
יָמוּת׃ וַיַּעֲמֵד אֶת־פָּנָיו וַיָּשֶׂם עַד־בֹּשׁ וַיֵּבְךְּ אִישׁ הָאֱלֹהִים׃ 11
וַיֹּאמֶר חֲזָאֵל מַדּוּעַ אֲדֹנִי בֹכֶה וַיֹּאמֶר כִּי־יָדַעְתִּי אֵת 12
אֲשֶׁר־תַּעֲשֶׂה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל רָעָה מִבְצְרֵיהֶם תְּשַׁלַּח
בָּאֵשׁ וּבַחֻרֵיהֶם בַּחֶרֶב תַּהֲרֹג וְעֹלְלֵיהֶם תְּרַטֵּשׁ וְהָרֹתֵיהֶם
תְּבַקֵּעַ׃ וַיֹּאמֶר חֲזָהאֵל כִּי מָה עַבְדְּךָ הַכֶּלֶב כִּי יַעֲשֶׂה 13
הַדָּבָר הַגָּדוֹל הַזֶּה וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע הִרְאַנִי יְהוָה אֹתְךָ
מֶלֶךְ עַל־אֲרָם׃ וַיֵּלֶךְ ׀ מֵאֵת אֱלִישָׁע וַיָּבֹא אֶל־אֲדֹנָיו 14
וַיֹּאמֶר לוֹ מָה־אָמַר לְךָ אֱלִישָׁע וַיֹּאמֶר אָמַר לִי חָיֹה

תחיה.

v. 6 לא מפיק ה. v. 10 לו קרי

3 נאָכ'ן פערלויף פון די זיבען יאָהר איז די פרוי צוריק געקומען פון
פלשתים לאַנד, און זי איז געקומען צום קעניג בעקלאַגען זיך וועגען
איהר הויז און פעלד.

4 גראַדע דאַן האָט דער קעניג גערעדט צו גיחזי, דעם געטליכען מאַן'ס
דיענער, אַזוי צו זאָגען: דערצעהל מיר נאָר וועגען די גרויסע טהאַטען
וואָס אלישע האָט אויפגעטהאָן.

5 און ווען ער האָט דעם קעניג דערצעהלט ווי ער האָט געזונד געמאַכט
דעם געפעהרליך־קראַנקען, ערשט די פרוי, וועמעס זוהן ער האָט גע־
זונד געמאַכט, האָט זיך בעקלאַגט פאַר'ן קעניג וועגען איהר הויז און
פעלד; האָט גיחזי געזאָגט: הערר קעניג! אָט דאָס איז די פרוי
און דאָס איז איהר זוהן וואָס אלישע האָט געזונד געמאַכט!

6 דער קעניג האָט די פרוי געפרעגט און זי האָט איהם דערצעהלט; דאַן
האָט דער קעניג איהר קלאַגע איבערגעגעבען איינעם פון די הויפדיענער
און געזאָגט: נעהם פאַר איהר אָב צוריק אַלץ וואָס איז איהרע געוועזען,
אויך די גאַנצע פעלד פּראָדוקטען זינט זי האָט די לאַנד פערלאָזען ביז
יעצט.

7 אַ מאָל איז אלישע געקומען אין דמשק, בן־הדד, קעניג פון ארם איז
דאַן קראַנק געוועזען; האָט מען איהם געזאָגט: דער געטליכע מאַן איז
אַהער געקומען.

8 האָט דער קעניג געזאָגט צו חזאל'ן: נעהם מיט זיך אַ געשאַנק, געה
און טרעף דעם געטליכען מאַן און פרעג ביי איהם וואָס האָט גאָט בע־
שלאָסען — אויב איך וועל געזונד ווערען פון דיעזע קראַנקהייט.

9 חזאל איז אַוועק טרעפען איהם. ער האָט מיטגענומען אַ געשאַנק און
פון אַל־דאָס־גוטס פון דמשק אנגעלאַדען פערציג קעמלען. אַז ער איז
געקומען האָט ער זיך געשטעלט פאַר איהם און געזאָגט: דיין זוהן בן־הדד,
קעניג פון ארם, האָט מיר געשיקט צו דיר פרעגען: „וועל איך געזונד
ווערען פון דיעזע קראַנקהייט?"

10 האָט איהם אלישע געזאָגט: דו געה זאָג איהם „דו וועסט געזונד ווע־
רען!" אָבער מיר האָט גאָט געוויזען אַז ער וועט שטאַרבען.

11 ער האָט איינגעהאַלטען זיינע געפיהלען און האָט זיך אַ צייט געשטאַרקט,
נאָכדעם האָט זיך דער געטליכער מאַן פונאַנדערגעוויינט.

12 חזאל האָט געפרעגט: וואָרום וויינט, מיין הערר? האָט ער געענט־
פערט: ווייל איך ווייס שוין אַז דו וועסט טהאָן שלעכטס צו די קינ־
דער ישראל — זייערע פעסטונגען וועסטו אנצינדען מיט פייער, זייערע
יונגע לייט וועסטו מיט'ן שווערד טוידטען, זייערע קליינע קינדער
וועסטו צושמעטערן און זייערע שוואַנגערע פרויען וועסטו די בייכער
צושפּאַלטען . . .

13 האָט חזאל געזאָגט: איז דען דיין קנעכט אַזאַ הונט אַז ער איז פיהיג
אַזאַ שרעקליכע זאַך צו טהאָן? דאַרויף האָט אלישע געענטפערט:
„גאָט האָט מיר דיר געוויזען אַלס קעניג איבער ארם . . ."

14 ער איז אַוועק פון אלישע'ן. אַז ער איז געקומען צו זיין העררן, האָט
יענער איהם געפרעגט: „וואָס האָט דיר אלישע געזאָגט?" האָט ער
געענטפערט: „ער האָט מיר געזאָגט אַז דו וועסט געזונד ווערען."

טו תִּחְיֶה׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיִּקַּח הַמַּכְבֵּר וַיִּטְבֹּל בַּמַּיִם
וַיִּפְרֹשׂ עַל־פָּנָיו וַיָּמֹת וַיִּמְלֹךְ חֲזָהאֵל תַּחְתָּיו׃
16 וּבִשְׁנַת חָמֵשׁ לְיוֹרָם בֶּן־אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וִיהוֹשָׁפָט
17 מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ יְהוֹרָם בֶּן־יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן
שְׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה הָיָה בְמָלְכוֹ וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה מָלַךְ
18 בִּירוּשָׁלִָם׃ וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ ׀ מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ בֵּית
אַחְאָב כִּי בַּת־אַחְאָב הָיְתָה־לּוֹ לְאִשָּׁה וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי
19 יְהוָה׃ וְלֹא־אָבָה יְהוָה לְהַשְׁחִית אֶת־יְהוּדָה לְמַעַן דָּוִד
עַבְדּוֹ כַּאֲשֶׁר אָמַר־לוֹ לָתֵת לוֹ נִיר וּלְבָנָיו כָּל־הַיָּמִים׃
כ בְּיָמָיו פָּשַׁע אֱדוֹם מִתַּחַת יַד־יְהוּדָה וַיַּמְלִכוּ עֲלֵיהֶם
21 מֶלֶךְ׃ וַיַּעֲבֹר יוֹרָם צָעִירָה וְכָל־הָרֶכֶב עִמּוֹ וַיְהִי־הוּא
קָם לַיְלָה וַיַּכֶּה אֶת־אֱדוֹם הַסֹּבֵיב אֵלָיו וְאֵת שָׂרֵי הָרֶכֶב
22 וַיָּנָס הָעָם לְאֹהָלָיו׃ וַיִּפְשַׁע אֱדוֹם מִתַּחַת יַד־יְהוּדָה עַד
23 הַיּוֹם הַזֶּה אָז תִּפְשַׁע לִבְנָה בָּעֵת הַהִיא׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי
יוֹרָם וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
24 הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב יוֹרָם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר
עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד וַיִּמְלֹךְ אֲחַזְיָהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃
כה בִּשְׁנַת שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְיוֹרָם בֶּן־אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל
26 מָלַךְ אֲחַזְיָהוּ בֶן־יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם
שָׁנָה אֲחַזְיָהוּ בְמָלְכוֹ וְשָׁנָה אַחַת מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם
27 אִמּוֹ עֲתַלְיָהוּ בַּת־עָמְרִי מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ בֵּית
אַחְאָב וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כְּבֵית אַחְאָב כִּי חֲתַן
28 בֵּית־אַחְאָב הוּא׃ וַיֵּלֶךְ אֶת־יוֹרָם בֶּן־אַחְאָב לַמִּלְחָמָה
עִם־חֲזָהאֵל מֶלֶךְ־אֲרָם בְּרָמֹת גִּלְעָד וַיַּכּוּ אֲרַמִּים אֶת־יוֹרָם׃
29 וַיָּשָׁב יוֹרָם הַמֶּלֶךְ לְהִתְרַפֵּא בְיִזְרְעֶאל מִן־הַמַּכִּים אֲשֶׁר
יַכֻּהוּ אֲרַמִּים בָּרָמָה בְּהִלָּחֲמוֹ אֶת־חֲזָהאֵל מֶלֶךְ אֲרָם

ואחזיהו

v. 17. שנים ק׳ v. 21. יתיר י׳

15 אויף מאָרגען האָט ער גענומען אַ דעקע איינגעטונקט אין וואסער און
אויסגעשפרייט אויף זיין געזיכט ביז ער איז געשטאָרבען. חזהאל האָט
נאָך איהם רעגירט.

16 אין פינפטען יאָהר פון יורם, אחאב׳ס זוהן, קעניג פון ישראל און
(יהושפט) יהודה, איז יהורם, יהושפט׳ס זוהן געוואָרען קעניג פון
יהודה.

17 צוויי־און־דרייסיג יאָהר אלט איז ער קעניג געוואָרען און אכטצעהן יאָהר
האָט ער רעגירט אין ירושלים.

18 ער איז געגאַנגען אין די וועגען פון די קעניגע ישראל׳ס, ווי אחאב׳ס
הויז האָט געטהאָן, ווארים אחאב׳ס אַ טאָכטער איז זיין פרוי געוועז.
ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט׳ס אויגען;

19 נאָר גאָט האָט ניט געוואָלט אונטערברייננגען יהודה צוליעב זיין קנעכט
דוד, ווען ער האָט פערשפּראָכען אַז ער וועט אימער געבען זיינע
קינדער די הערשונג.

20 אין זיין צייט איז אדום ארויסגעטראטען פון די פערוואלטונג פון יהודה
און האָבען פון זיך אַ קעניג געמאַכט.

21 איז יורם אַוועק אין צעיר און די גאַנצע קאוואלערי מיט איהם. נאָר
ווען ער איז אויפגעשטאַנען ביי־נאַכט מיט די קאוואלערי בעאמטע און
געשלאָגען דעם טהייל פון אדום וואָס איז נעבען איהם, איז דאָס פאָלק
אנטלאָפען יעדער צו זיינע געצעלטען. —

22 דערפאר האָט אדום אַרויסגעטראָטען פון אונטער די פערוואלטונג פון
יהודה ביז יעצט. אין יענער צייט האָט אויך לבנה ארויסגעטראָטען.

23 די איבריגע פאסירונגען יורם׳ס אויך אלץ וואָס ער האָט געטהאָן איז
פארשריבען אין בוך „צייטפאסירונגען פון די קעניגע יהודה׳ס".

24 אַז יורם איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעגראבען נעבען זיינע על־
טערן, אין דוד׳ס שטאָדט, און זיין זוהן אחזיהו האָט רעגירט נאָך
איהם.

25 אין צוועלפטען יאָהר פון יורם, אחאב׳ס זוהן קעניג פון ישראל, איז
קעניג געוואָרען אחזיהו יהורם׳ס זוהן, קעניג פון יהודה.

26 צוויי־און־צוואנציג יאָהר אלט איז אחזיהו קעניג געוואָרען און איין
יאָהר האָט ער רעגירט אין ירושלים. זיין מוטער האָט מען גערופען
עתליהו, עמרי׳ס טאָכטער, דער קעניג פון ישראל.

27 ער איז געגאַנגען אין די וועגען פון אחאב׳ס הויז, ער האָט אויך געטהאָן
וואָס עס איז שלעכט אין גאָט׳ס אויגען אַזוי ווי אחאב׳ס הויז — ווייל
ער איז געוועזען אחאב׳ס אַן איידעם.

28 ער איז געגאַנגען מיט יורם, אחאב׳ס זוהן, אין קריעג קעגען חזאל,
קעניג פון ארם, אין רמת־גלעד, האָבען די ארם׳ער פערוואונדעט
יורם׳ן.

29 דאַן איז קעניג יורם אַוועק אין יזרעאל היילען זיך פון די וואונדען וואָס
די ארם׳ער האָבען איהם פארוואונדעט אין רמה, [ווען ער האָט קריעג
געפיהרט קעגען חזהאל, קעניג פון ארם] און אחזיהו, יהורם׳ס זוהן,

וַאֲחַזְיָהוּ בֶן־יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה יָרַד לִרְאוֹת אֶת־יוֹרָם
בֶּן־אַחְאָב בְּיִזְרְעֶאל כִּי־חֹלֶה הוּא׃

## ט Cap. IX. ט

א וֶאֱלִישָׁע הַנָּבִיא קָרָא לְאַחַד מִבְּנֵי הַנְּבִיאִים וַיֹּאמֶר לוֹ
חֲגֹר מָתְנֶיךָ וְקַח פַּךְ הַשֶּׁמֶן הַזֶּה בְּיָדֶךָ וְלֵךְ רָמֹת גִּלְעָד׃
2 וּבָאתָ שָׁמָּה וּרְאֵה־שָׁם יֵהוּא בֶן־יְהוֹשָׁפָט בֶּן־נִמְשִׁי
וּבָאתָ וַהֲקֵמֹתוֹ מִתּוֹךְ אֶחָיו וְהֵבֵיאתָ אֹתוֹ חֶדֶר בְּחָדֶר׃
3 וְלָקַחְתָּ פַךְ־הַשֶּׁמֶן וְיָצַקְתָּ עַל־רֹאשׁוֹ וְאָמַרְתָּ כֹּה־אָמַר
יְהוָה מְשַׁחְתִּיךָ לְמֶלֶךְ אֶל־יִשְׂרָאֵל וּפָתַחְתָּ הַדֶּלֶת וְנַסְתָּה
4 ה וְלֹא תְחַכֶּה׃ וַיֵּלֶךְ הַנַּעַר הַנַּעַר הַנָּבִיא רָמֹת גִּלְעָד׃ וַיָּבֹא
וְהִנֵּה שָׂרֵי הַחַיִל יֹשְׁבִים וַיֹּאמֶר דָּבָר לִי אֵלֶיךָ הַשָּׂר וַיֹּאמֶר
6 יֵהוּא אֶל־מִי מִכֻּלָּנוּ וַיֹּאמֶר אֵלֶיךָ הַשָּׂר׃ וַיָּקָם וַיָּבֹא
הַבַּיְתָה וַיִּצֹק הַשֶּׁמֶן אֶל־רֹאשׁוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה־אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מְשַׁחְתִּיךָ לְמֶלֶךְ אֶל־עַם יְהוָה אֶל־יִשְׂרָאֵל׃
7 וְהִכִּיתָה אֶת־בֵּית אַחְאָב אֲדֹנֶיךָ וְנִקַּמְתִּי דְּמֵי ׀ עֲבָדַי
8 הַנְּבִיאִים וּדְמֵי כָּל־עַבְדֵי יְהוָה מִיַּד אִיזָבֶל׃ וְאָבַד כָּל־
בֵּית אַחְאָב וְהִכְרַתִּי לְאַחְאָב מַשְׁתִּין בְּקִיר וְעָצוּר וְעָזוּב
9 בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְנָתַתִּי אֶת־בֵּית אַחְאָב כְּבֵית יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט
י וּכְבֵית בַּעְשָׁא בֶן־אֲחִיָּה׃ וְאֶת־אִיזֶבֶל יֹאכְלוּ הַכְּלָבִים
11 בְּחֵלֶק יִזְרְעֶאל וְאֵין קֹבֵר וַיִּפְתַּח הַדֶּלֶת וַיָּנֹס׃ וְיֵהוּא
יָצָא אֶל־עַבְדֵי אֲדֹנָיו וַיֹּאמֶר לוֹ הֲשָׁלוֹם מַדּוּעַ בָּא־
הַמְשֻׁגָּע הַזֶּה אֵלֶיךָ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אַתֶּם יְדַעְתֶּם אֶת־
12 הָאִישׁ וְאֶת־שִׂיחוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ שֶׁקֶר הַגֶּד־נָא לָנוּ וַיֹּאמֶר
כָּזֹאת וְכָזֹאת אָמַר אֵלַי לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה מְשַׁחְתִּיךָ
13 לְמֶלֶךְ אֶל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיְמַהֲרוּ וַיִּקְחוּ אִישׁ בִּגְדוֹ וַיָּשִׂימוּ
תַחְתָּיו אֶל־גֶּרֶם הַמַּעֲלוֹת וַיִּתְקְעוּ בַּשּׁוֹפָר וַיֹּאמְרוּ מָלַךְ
14 יֵהוּא׃ וַיִּתְקַשֵּׁר יֵהוּא בֶּן־יְהוֹשָׁפָט בֶּן־נִמְשִׁי אֶל־יוֹרָם

ויורם

ט v. 2. כצ״ל ibid. מלא ו׳ v. 3. כ״א על־

קעניג פון יהודה איז אוועק אין יזרעאל זעהען יורם'ן, אחאב'ס זוהן, וועלכער איז קראנק געווען.

## קאפיטעל ט

1 אלישע דער נביא האט צוגערופען איינעם פון די יונגע נביאים און געזאגט צו איהם: פארגארטעל דיינע לענדען, נעהם דעם קריגעל אייל אין דיין האנד און געה אין רמת־גלעד.

2 אז דו וועסט דארטען קומען און דו וועסט דארט זעהען יהוא זוהן פון יהושפט, זוהן פון נמשי, זאלסטו אריינגעהן, אויפהויבען איהם פון מיטען זיינע פריינד און אריינפיהרען איהם אין א אינערליכען צימער.

3 דאן נעהם א קריגעל אייל, גיס ארויף אויף זיין קאפ און זאג: „אזוי האט גאט געזאגט — איך האב דיר געזאלבט אלס קעניג איבער ישראל!" דאן עפען די טיהר און אנטלויף —ווארט ניט!

4 און דער יונגע, דעם נביא'ס דיענער, איז אוועק אין רמת־גלעד.

5 ער איז אריין, ערשט אלע מיליטער בעאמטע זיצען. האט ער געזאגט: „איך וויל דיר וואס זאגען, הערר!" יהוא האט געפרעגט: וועמען פון אונז אלעמען? האט ער געענטפערט: „דיר, מיין הערר!"

6 אז ער איז אויפגעשטאנען און אריין אין הויז, האט ער געגאסען אייל אויף זיין קאפ און געזאגט צו איהם: „אזוי האט געזאגט גאט פון ישראל — איך האב דיר געזאלבט אלס קעניג אויף גאט'ס פאלק — איבער ישראל!

7 דו זאלסט ערשלאגען דאס הויז פון אחאב דיין העררן, אום איך זאל ראכע נעהמען פון איזבל פאר די בלוט פון מיינע קנעכט די נביאים און די בלוט פון אלע גאט'ס קנעכט.

8 דאס גאנצע הויז אחאב'ס זאל אונטערגעהן, איך וועל פערניכטען ביי אחאב'ן פון א קינד ביז א הערשער אדער א פיהרער אין ישראל.

9 איך וועל מאכען אחאב'ס הויז ווי די הויז פון ירבעם, נבט'ס זוהן און ווי די הויז פון בעשא, אחיה'ס זוהן.

10 איזבל'ן וועלען הינט עסען אינ'ם פעלד יזרעאל, מ'וועט איהר ניט בעערדיגען!" ער האט געעפענט די טהיר און אנטלאפען.

11 יהוא איז אריין צוריק צו זיין העררן'ס קנעכט; האבען זיי צו איהם געזאגט: „איז עס צו גוטען? נאך וואס איז דער משגע'נער צו דיר געקומען?" האט ער זיי געענטפערט: „איהר קענט דאך דעם מאן מיט זיינע געשפרעכען!"

12 זיי האבען אבער געזאגט: „ליעגען! זאג אונז די ריכטיגקייט!" האט ער זיי געזאגט: „אט וואס דער מאן האט מיר געזאגט — „אזוי האט גאט געזאגט: איך האב דיר געזאלבט אלס קעניג איבער ישראל!"

13 דאן האבען זיי שנעל אראבגענומען יעדער זיין ראק און אוועק געלעגט אונטער איהם ווי א הויכען טרעפ; זיי האבען געבלאזען אין א שופר און געזאגט: „עס קעניגט יהוא!"

14 דאן האט יהוא זוהן פון יהושפט, זוהן פון נמשי, געמאכט א פארשווע־

וְיוֹרָם הָיָה שֹׁמֵר בְּרָמֹת גִּלְעָד הוּא וְכָל־יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי
טו חֲזָאֵל מֶלֶךְ אֲרָם׃ וַיָּשָׁב יְהוֹרָם הַמֶּלֶךְ לְהִתְרַפֵּא בְיִזְרְעֶאל
מִן־הַמַּכִּים אֲשֶׁר יַכֻּהוּ אֲרַמִּים בְּהִלָּחֲמוֹ אֶת־חֲזָאֵל מֶלֶךְ
אֲרָם וַיֹּאמֶר יֵהוּא אִם־יֵשׁ נַפְשְׁכֶם אַל־יֵצֵא פָלִיט מִן־
16 הָעִיר לָלֶכֶת לְגִיד בְּיִזְרְעֶאל׃ וַיִּרְכַּב יֵהוּא וַיֵּלֶךְ יִזְרְעֶאלָה
כִּי יוֹרָם שֹׁכֵב שָׁמָּה וַאֲחַזְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה יָרַד לִרְאוֹת
17 אֶת־יוֹרָם׃ וְהַצֹּפֶה עֹמֵד עַל־הַמִּגְדָּל בְּיִזְרְעֶאל וַיַּרְא אֶת־
שִׁפְעַת יֵהוּא בְּבֹאוֹ וַיֹּאמֶר שִׁפְעַת אֲנִי רֹאֶה וַיֹּאמֶר
18 יְהוֹרָם קַח רַכָּב וּשְׁלַח לִקְרָאתָם וְיֹאמַר הֲשָׁלוֹם׃ וַיֵּלֶךְ
רֹכֵב הַסּוּס לִקְרָאתוֹ וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר הַמֶּלֶךְ הֲשָׁלוֹם
וַיֹּאמֶר יֵהוּא מַה־לְּךָ וּלְשָׁלוֹם סֹב אֶל־אַחֲרָי וַיַּגֵּד הַצֹּפֶה
19 לֵאמֹר בָּא־הַמַּלְאָךְ עַד־הֵם וְלֹא־שָׁב׃ וַיִּשְׁלַח רֹכֵב סוּס
שֵׁנִי וַיָּבֹא אֲלֵהֶם וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר הַמֶּלֶךְ שָׁלוֹם וַיֹּאמֶר
כ יֵהוּא מַה־לְּךָ וּלְשָׁלוֹם סֹב אֶל־אַחֲרָי׃ וַיַּגֵּד הַצֹּפֶה לֵאמֹר
בָּא עַד־אֲלֵיהֶם וְלֹא־שָׁב וְהַמִּנְהָג כְּמִנְהַג יֵהוּא בֶן־נִמְשִׁי
21 כִּי בְשִׁגָּעוֹן יִנְהָג׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹרָם אֱסֹר וַיֶּאְסֹר רִכְבּוֹ
וַיֵּצֵא יְהוֹרָם מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַאֲחַזְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה אִישׁ
בְּרִכְבּוֹ וַיֵּצְאוּ לִקְרַאת יֵהוּא וַיִּמְצָאֻהוּ בְּחֶלְקַת נָבוֹת
22 הַיִּזְרְעֵאלִי׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת יְהוֹרָם אֶת־יֵהוּא וַיֹּאמֶר הֲשָׁלוֹם
יֵהוּא וַיֹּאמֶר מָה הַשָּׁלוֹם עַד־זְנוּנֵי אִיזֶבֶל אִמְּךָ וּכְשָׁפֶיהָ
23 הָרַבִּים׃ וַיַּהֲפֹךְ יְהוֹרָם יָדָיו וַיָּנֹס וַיֹּאמֶר אֶל־אֲחַזְיָהוּ
24 מִרְמָה אֲחַזְיָה׃ וְיֵהוּא מִלֵּא יָדוֹ בַקֶּשֶׁת וַיַּךְ אֶת־יְהוֹרָם
כה בֵּין זְרֹעָיו וַיֵּצֵא הַחֵצִי מִלִּבּוֹ וַיִּכְרַע בְּרִכְבּוֹ׃ וַיֹּאמֶר
אֶל־בִּדְקַר שָׁלִשֹׁה שָׂא הַשְׁלִכֵהוּ בְּחֶלְקַת שְׂדֵה נָבוֹת
הַיִּזְרְעֵאלִי כִּי־זְכֹר אֲנִי וָאַתָּה אֵת רֹכְבִים צְמָדִים אַחֲרֵי
26 אַחְאָב אָבִיו וַיהוָה נָשָׂא עָלָיו אֶת־הַמַּשָּׂא הַזֶּה׃ אִם־
לֹא אֶת־דְּמֵי נָבוֹת וְאֶת־דְּמֵי בָנָיו רָאִיתִי אֶמֶשׁ נְאֻם־יְהוָה

ושלמתי

v. 15. להגיד ק  v. 25. שלשו קר

רונג קעגען יורם׳ן ; יורם און גאנץ ישראל האָבען בעוואכט רמת־גלעד פון חזאל קעניג פון ארם.

15 [יהורם איז שוין צוריק געקומען פון היילען זיך אין יזרעאל פון די וואונדען וואָס די ארם׳ער האָבען איהם פארוואונדעט ווען ער איז אין קריעג געוועזען קעגען חזאל קעניג פון ארם] האָט יהוא געזאָגט : אויב איהר זייט איינשטימיג — זאָל קיין שנעל־לויפער ניט ארויס פון שטאָדט אום צו געהן דערצעהלען אין יזרעאל.

16 יהוא איז אוועקגעריטען אין יזרעאל וואו יורם איז געלעגען קראנק. [דאָס האָט פאסירט ווען אחזיה, קעניג פון יהודה, איז געגאנגען זעהען יורם׳ן.]

17 דער וועכטער וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן טהורעם אין יזרעאל האָט דערזעהען די פערזאמלונג אָנקומענדיג מיט יהוא׳ן, האָט ער רעפּאָר־טעט : „איך זעה אַ פערזאמלונג !“ האָט יהורם געזאָגט : „נעהם שיק אַ רייטער זיי אנטקעגען און זאָל ער פרעגען אויב דאָס מיינט פריע־דען.“

18 דער רייטער איז איהם אנטקעגען געקומען און געזאָגט : „דער קעניג פרעגט אויב דאָס מיינט פריעדען“ ; האָט יהוא געענטפערט : וואָס האָסטו צו פרעגען וועגען פריעדען ? געה מיר נאָך פון הינטען ! דער וועכטער האָט רעפּאָרטעט אַזוי צו זאָגען : „דער געשיקטער איז ביז זיי צוגעגאנגען און געהט ניט צוריק !“

19 האָט מען געשיקט אַ צווייטען רייטער. ער איז צו זיי צוגעגאנגען און געזאָגט : „דער קעניג פרעגט אויב דאָס מיינט פריעדען !“ האָט יהוא געענטפערט : „וואָס האָסטו צו פרעגען וועגען פריעדען ? געה מיר נאָך פון הינטען !“

20 דער טהורעם־וועכטער האָט רעפּאָרטעט אַזוי צו זאָגען : ער איז צו־געגאנגען צו זיי און געהט ניט צוריק ! [דער אויפפיהרונג איז ווי יהוא׳ס אויפפיהרונג — ער האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ משגע׳נער.]

21 האָט יהורם געזאָגט : „שפּאַן !“ מען האָט זיין וואגען געשפּאַנט. יהורם, קעניג פון ישראל, און אחזיהו, קעניג פון יהודה, זיינען ארויס יעדער אין זיין וואגען קעגען יהוא׳ן. זיי האָבען איהם געטראָפען אינ׳ם פעלד פון נבות דעם יזרעאל׳ער.

22 אַז יהורם האָט דערזעהען יהוא׳ן, האָט ער געזאָגט : מיינט דאָס פריעדען, יהוא ? האָט ער געענטפערט : „וואָס פאר פריעדען ? פיליכט צוליעב די אויסגעלאַסענהייט פון דיין מוטער איזבל און איהרע פיעל צויבערייען ! . . .“

23 יהורם האָט זיך אַ קעהר געטהאָן אום צו אנטלויפען און האָט געזאָגט צו אחזיהו׳ן : „דאָס איז אַ פארשווערונג, אחזיהו !“

24 אָבער יהוא האָט מיט זיין האַנד שטאַרק אַ ציה געטהאָן דעם בויגען און אריינגעשאָסען יהורם׳ן צווישען די אַרעמס און דער פייל איז דורך זיין האַרץ, ער איז געפאַלען אין וואגען.

25 דאן האָט יהוא געזאָגט צו בדקר, זיין אדיוטאַנט : „נעהם ווארף איהם אַריין אינ׳ם פעלד־טהייל פון נבות דעם יזרעאל׳ער ! איך מיט דיר געדיינקען דאָך נאָך זינט מיר האָבען צוזאַמען נאָכגעריטען זיין פאַטער אחאב, אַז גאָט האָט באַשטימט פאר איהם דיעזע שטראָף. . .

26 אַט נאָך ווי לעצטע נאַכט וואָלט איך געזעהען נבות׳ס בלוט און די בלוט פון זיינע קינדער, פאר וועלכע גאָט האָט געזאָגט : „אויף דעם זעלבי־

וְשִׁלַּמְתִּי לְךָ בַּחֶלְקָה הַזֹּאת נְאֻם־יְהוָה וְעַתָּה שָׂא הַשְׁלִכֵהוּ
27 בַּחֶלְקָה כִּדְבַר יְהוָה׃ וַאֲחַזְיָה מֶלֶךְ־יְהוּדָה רָאָה וַיָּנָס
דֶּרֶךְ בֵּית הַגָּן וַיִּרְדֹּף אַחֲרָיו יֵהוּא וַיֹּאמֶר גַּם־אֹתוֹ הַכֻּהוּ
אֶל־הַמֶּרְכָּבָה בְּמַעֲלֵה־גוּר אֲשֶׁר אֶת־יִבְלְעָם וַיָּנָס מְגִדּוֹ
28 וַיָּמָת שָׁם׃ וַיַּרְכִּבוּ אֹתוֹ עֲבָדָיו יְרוּשָׁלָמָה וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ
29 בִקְבֻרָתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד׃ וּבִשְׁנַת אַחַת עֶשְׂרֵה
ל שָׁנָה לְיוֹרָם בֶּן־אַחְאָב מָלַךְ אֲחַזְיָה עַל־יְהוּדָה׃ וַיָּבוֹא
יֵהוּא יִזְרְעֶאלָה וְאִיזֶבֶל שָׁמְעָה וַתָּשֶׂם בַּפּוּךְ עֵינֶיהָ וַתֵּיטֶב
31 אֶת־רֹאשָׁהּ וַתַּשְׁקֵף בְּעַד הַחַלּוֹן׃ וְיֵהוּא בָּא בַשָּׁעַר
32 וַתֹּאמֶר הֲשָׁלוֹם זִמְרִי הֹרֵג אֲדֹנָיו׃ וַיִּשָּׂא פָנָיו אֶל־הַחַלּוֹן
וַיֹּאמֶר מִי אִתִּי מִי וַיַּשְׁקִיפוּ אֵלָיו שְׁנַיִם שְׁלֹשָׁה סָרִיסִים׃
33 וַיֹּאמֶר שִׁמְטֻהוּ וַיִּשְׁמְטוּהָ וַיִּז מִדָּמָהּ אֶל־הַקִּיר וְאֶל־
34 הַסּוּסִים וַיִּרְמְסֶנָּה׃ וַיָּבֹא וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיֹּאמֶר פִּקְדוּ־נָא
לה אֶת־הָאֲרוּרָה הַזֹּאת וְקִבְרוּהָ כִּי בַת־מֶלֶךְ הִיא׃ וַיֵּלְכוּ
לְקָבְרָהּ וְלֹא־מָצְאוּ בָהּ כִּי אִם־הַגֻּלְגֹּלֶת וְהָרַגְלַיִם וְכַפּוֹת
36 הַיָּדָיִם׃ וַיָּשֻׁבוּ וַיַּגִּידוּ לוֹ וַיֹּאמֶר דְּבַר־יְהוָה הוּא אֲשֶׁר
דִּבֶּר בְּיַד־עַבְדּוֹ אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי לֵאמֹר בְּחֵלֶק יִזְרְעֶאל
37 יֹאכְלוּ הַכְּלָבִים אֶת־בְּשַׂר אִיזָבֶל׃ וְהָיְתָ נִבְלַת אִיזֶבֶל
כְּדֹמֶן עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה בְּחֵלֶק יִזְרְעֶאל אֲשֶׁר לֹא־יֹאמְרוּ
זֹאת אִיזָבֶל׃

## י CAP. X. י

א וּלְאַחְאָב שִׁבְעִים בָּנִים בְּשֹׁמְרוֹן וַיִּכְתֹּב יֵהוּא סְפָרִים
וַיִּשְׁלַח שֹׁמְרוֹן אֶל־שָׂרֵי יִזְרְעֶאל הַזְּקֵנִים וְאֶל־הָאֹמְנִים
2 אַחְאָב לֵאמֹר׃ וְעַתָּה כְּבֹא הַסֵּפֶר הַזֶּה אֲלֵיכֶם וְאִתְּכֶם
בְּנֵי אֲדֹנֵיכֶם וְאִתְּכֶם הָרֶכֶב וְהַסּוּסִים וְעִיר מִבְצָר וְהַנָּשֶׁק׃
3 וּרְאִיתֶם הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר מִבְּנֵי אֲדֹנֵיכֶם וְשַׂמְתֶּם עַל־כִּסֵּא
4 אָבִיו וְהִלָּחֲמוּ עַל־בֵּית אֲדֹנֵיכֶם׃ וַיִּרְאוּ מְאֹד מְאֹד וַיֹּאמְרוּ

הנה

ט׳ 33 ׳ שמטוה ק׳ ׳ 37 והיתה ק׳

גען פעלד־טהייל וועל איך דיר בעצאָהלען!״ . . . אַלזאָ נעהם וואַרף איהם אַריין אין דיזען פעלד־טהייל, ווי גאָט האָט געזאָגט.״

27 אַז אחזיהו, קעניג פון יהודה, האָט דאָס געזעהען, איז ער אַנטלאָפען דורכ׳ן גאַרטען־הויז; אָבער יהוא האָט איהם אָנגעיאָגט ביי׳ן אַרויפ־גאַנג פון גור, נעבען יבלעם, און געזאָגט: „הרג׳עט איהם אויך!״ ער איז דערלאָפען ביז מגדו און געשטאָרבען דאָרט.

28 זיינע קנעכט האָבען איהם געבראַכט אין ירושלים און בעערדיגט איהם נעבען זיינע עלטערן, אין דוד׳ס שטאָדט.

29 [אין עלפטען יאָהר פון יורם, אחאב׳ס זוהן, איז אחזיהו קעניג גע־וואָרען איבער יהודה.]

30 און יהוא איז אַוועק אין יזרעאל. אַז איזבל האָט וועגען זיין אָנקומען דערהערט האָט זי געשמינקט איהרע אויגען, פאַרפוצט איהרע האָאָר און אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער.

31 אַז יהוא איז אַריין אין טהויער האָט זי געזאָגט: געהט עס דיר גוט, זמרי, דו הערן־מערדער*)?

32 ער האָט אויפגעהויבען זיין געזיכט צום פענסטער און געזאָגט: „ווער פון מיינע איז דאָ מיט מיר?״ צוויי־דריי הויפדיענער האָבען צו איהם אַרויסגעקוקט,

33 האָט ער געזאָגט: „שלעפט איהר אַרויס!״ שלעפענדיג האָט מען איהר צוטראָטען און איהר בלוט האָט געשפּריצט אויפ׳ן וואַנד און אויף די פערד.

34 ער איז אַריין, האָט געגעסען און געטרונקען. דאַן האָט ער געזאָגט: „געפינט די פאַרפלוכטע און בעגראָבט איהר — זי איז דאָך אַ קעניגס טאָכטער!״

35 אַז זיי זיינען געגאַנגען בעגראָבען איהר, האָבען זיי פון איהר אויסער דעם שאַרבען, די פיס און די הענד־געלענקען קיין זאַך ניט גע־פונען.

36 מען איז געקומען און דערצעהלט איהם, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז גאָט׳ס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט דורך זיין קנעכט אליהו דעם תשב׳ער אַזוי צו זאָגען: „אינ׳ם פעלד יזרעאל וועלען הינט עסען איזבל׳ס קערפּער.

37 און איזבל׳ס טוידטער קערפער וועט ליגען אינ׳ם פעלד יזרעאל ווי מיסט אויפ׳ן פעלד — אום קיינער זאָל ניט זאָגען „דאָס איז איזבל!...״

## קאַפּיטעל י

1 אחאב האָט געהאַט אין שמרון זיעבציג זיהן. האָט יהוא געשריבען בריעף צו די עלטסטע בעאַמטע פון יזרעאל אויך צו אחאב׳ס קינדער ערציהער, אַזוי צו זאָגען:

2 גלייך ווי איהר וועט דיזען בריעף ערהאַלטען (איהר האָט דאָך ביי אייך אייער הערן׳ס קינדער, אויך וועגען און פערד, פעסטונגען און געוועהר)

3 זאָלט איהר בעטראַכטען דעם בעסטען און פעהיגסטען פון אייער הערן׳ס קינדער און אַוועקזעצען איהם אויף זיין פאָטער׳ס טהראָן. קעמפּפט פאַר אייער הערן׳ס הויז!״

4 זיי האָבען זיך זעהר דערשראָקען און גערעדט צווישען זיך: „אַז צוויי

*) זעה מלכים א׳ ט״ז, ט׳—י״ב. (ה. ש. נ.)

הִנֵּה֙ שְׁנֵ֣י הַמְּלָכִ֔ים לֹ֥א עָמְד֖וּ לְפָנָ֑יו וְאֵ֥יךְ נַעֲמֹ֖ד אֲנָֽחְנוּ׃
ה וַיִּשְׁלַ֣ח אֲשֶׁר־עַל־הַ֠בַּיִת וַאֲשֶׁ֨ר עַל־הָעִ֜יר וְהַזְּקֵנִ֣ים וְהָאֹמְנִ֗ים
אֶל־יֵה֤וּא ׀ לֵאמֹר֙ עֲבָדֶ֣יךָ אֲנַ֔חְנוּ וְכֹ֛ל אֲשֶׁר־תֹּאמַ֥ר אֵלֵ֖ינוּ
6 נַעֲשֶׂ֑ה לֹֽא־נַמְלִ֣יךְ אִ֔ישׁ הַטּ֥וֹב בְּעֵינֶ֖יךָ עֲשֵֽׂה׃ וַיִּכְתֹּ֣ב אֲלֵיהֶ֣ם
סֵ֣פֶר ׀ שֵׁנִ֣ית לֵאמֹ֡ר אִם־לִ֣י אַתֶּ֣ם וּֽלְקֹלִ֣י ׀ אַתֶּ֣ם שֹׁמְעִ֗ים
קְח֞וּ אֶת־רָאשֵׁ֨י אַנְשֵׁ֤י בְנֵֽי־אֲדֹנֵיכֶם֙ וּבֹ֣אוּ אֵלַ֔י כָּעֵ֥ת מָחָ֖ר
יִזְרְעֶ֑אלָה וּבְנֵ֣י הַמֶּ֗לֶךְ שִׁבְעִ֥ים אִ֛ישׁ אֶת־גְּדֹלֵ֥י הָעִ֖יר
7 מְגַדְּלִ֥ים אוֹתָֽם׃ וַיְהִ֗י כְּבֹ֤א הַסֵּ֙פֶר֙ אֲלֵיהֶ֔ם וַיִּקְחוּ֙ אֶת־בְּנֵ֣י
הַמֶּ֔לֶךְ וַֽיִּשְׁחֲט֖וּ שִׁבְעִ֣ים אִ֑ישׁ וַיָּשִׂ֤ימוּ אֶת־רָאשֵׁיהֶם֙ בַּדּוּדִ֔ים
8 וַיִּשְׁלְח֥וּ אֵלָ֖יו יִזְרְעֶֽאלָה׃ וַיָּבֹ֤א הַמַּלְאָךְ֙ וַיַּגֶּד־ל֣וֹ לֵאמֹ֔ר
הֵבִ֖יאוּ רָאשֵׁ֣י בְנֵֽי־הַמֶּ֑לֶךְ וַיֹּ֗אמֶר שִׂ֣ימוּ אֹתָ֞ם שְׁנֵ֧י צִבֻּרִ֛ים
9 פֶּ֥תַח הַשַּׁ֖עַר עַד־הַבֹּֽקֶר׃ וַיְהִ֤י בַבֹּ֙קֶר֙ וַיֵּצֵ֣א וַֽיַּעֲמֹ֔ד וַיֹּ֙אמֶר֙
אֶל־כָּל־הָעָ֔ם צַדִּקִ֖ים אַתֶּ֑ם הִנֵּ֨ה אֲנִ֜י קָשַׁ֤רְתִּי עַל־אֲדֹנִי֙
י וָאֶ֣הֶרְגֵ֔הוּ וּמִ֥י הִכָּ֖ה אֶת־כָּל־אֵֽלֶּה׃ דְּע֣וּ אֵפ֗וֹא כִּי֩ לֹ֨א יִפֹּ֜ל
מִדְּבַ֤ר יְהוָה֙ אַ֔רְצָה אֲשֶׁר־דִּבֶּ֥ר יְהוָ֖ה עַל־בֵּ֣ית אַחְאָ֑ב
11 וַֽיהוָ֣ה עָשָׂ֔ה אֵ֣ת אֲשֶׁ֥ר דִּבֶּ֖ר בְּיַ֥ד עַבְדּ֖וֹ אֵלִיָּֽהוּ׃ וַיַּ֣ךְ יֵה֗וּא
אֵ֣ת כָּל־הַנִּשְׁאָרִ֤ים לְבֵית־אַחְאָב֙ בְּיִזְרְעֶ֔אל וְכָל־גְּדֹלָ֖יו
12 וּמְיֻדָּעָ֣יו וְכֹהֲנָ֑יו עַד־בִּלְתִּ֥י הִשְׁאִֽיר־ל֖וֹ שָׂרִֽיד׃ וַיָּ֙קָם֙ וַיָּבֹ֔א
13 וַיֵּ֖לֶךְ שֹׁמְר֑וֹן ה֛וּא בֵּית־עֵ֥קֶד הָרֹעִ֖ים בַּדָּֽרֶךְ׃ וְיֵה֗וּא מָצָא֙
אֶת־אֲחֵי֙ אֲחַזְיָ֣הוּ מֶֽלֶךְ־יְהוּדָ֔ה וַיֹּ֖אמֶר מִ֣י אַתֶּ֑ם וַיֹּאמְר֗וּ
אֲחֵ֤י אֲחַזְיָ֙הוּ֙ אֲנַ֔חְנוּ וַנֵּ֗רֶד לִשְׁל֛וֹם בְּנֵֽי־הַמֶּ֖לֶךְ וּבְנֵ֥י הַגְּבִירָֽה׃
14 וַיֹּ֙אמֶר֙ תִּפְשׂ֣וּם חַיִּ֔ים וַֽיִּתְפְּשׂ֖וּם חַיִּ֑ים וַֽיִּשְׁחָט֞וּם אֶל־בּ֣וֹר
בֵּֽית־עֵ֗קֶד אַרְבָּעִ֤ים וּשְׁנַ֙יִם֙ אִ֔ישׁ וְלֹֽא־הִשְׁאִ֥יר אִ֖ישׁ מֵהֶֽם׃
טו וַיֵּ֣לֶךְ מִשָּׁ֡ם וַיִּמְצָ֣א אֶת־יְהוֹנָדָ֣ב בֶּן־רֵכָ֣ב לִקְרָאתוֹ֮
וַֽיְבָרְכֵהוּ֒ וַיֹּ֨אמֶר אֵלָ֜יו הֲיֵ֧שׁ אֶת־לְבָבְךָ֣ יָשָׁ֗ר כַּאֲשֶׁ֤ר לְבָבִי֙
עִם־לְבָבֶ֔ךָ וַיֹּ֨אמֶר יְהוֹנָדָ֥ב יֵ֛שׁ וָיֵ֖שׁ תְּנָ֣ה אֶת־יָדֶ֑ךָ וַיִּתֵּ֣ן
16 יָד֔וֹ וַיַּעֲלֵ֥הוּ אֵלָ֖יו אֶל־הַמֶּרְכָּבָֽה׃ וַיֹּ֗אמֶר לְכָ֤ה אִתִּי֙ וּרְאֵ֔ה
17 בְּקִנְאָתִ֖י לַֽיהוָ֑ה וַיַּרְכִּ֥בוּ אֹת֖וֹ בְּרִכְבּֽוֹ׃ וַיָּבֹא֙ שֹׁמְר֔וֹן וַיַּ֗ךְ

אֶת־

קעניגע האָבען קעגען איהם ניט געקענט שטעהן, ווי קענען מיר איהם
ווידערשטעהן ? . . ."
5 דאן האָבען די פערוואלטערס פון הויז, און שטאָדט, אויך די עלטסטע
און די קינדערער ערציהער געשיקט זאָגען יהוא'ן אזוי : „מיר זיינען
דיינע קנעכט, און וואָס דו וועסט אונז זאָגען וועלען מיר טהאָן —
מיר וועלען קיין קעניג ניט ערקלעהרען, דו טהו וואָס דו ווילסט !"
6 האָט ער זיי אַ צווייטען בריעף געשריבען אזוי : אויב איהר זייט אין
מיין זייט און ווילט מיר פאָלגען — דאן נעהמט מיט די מענשעשע קעפּ
פון אייער הערר'ס קינדער און קומט צו מיר מאָרגען אין יזרעאל."
[דעם קעניג'ס זיעבציג קינדער האָבען ערצויגען די גרעסטע מענשען
פונ'ם שטאָדט.]
7 אַז דער בריעף איז צו זיי אָנגעקומען האָבען זיי גענומען דעם קעניג'ס קינ־
דער און אויסגעקוילעט אַלע זיעבציג ; זייערע קעפּ האָבען זיי אַריינגע־
לייגט אין קערב און אַוועקגעשיקט צו איהם אין יזרעאל.
8 אַז דער געשיקטער איז אריין און האָט איהם געזאָגט : „מ'האָט גע־
בראכט די קעפּ פון דעם קעניגס קינדער !" האָט ער געזאָגט : „לעגט
זיי צונויף אין צוויי קופּקעס ביי'ן אַריינגאנג פון טהויער, ביז אין
דער פריה !"
9 אין דער פריה איז ער ארויס און שטעהענדיג האָט ער געזאָגט צום
גאנצען פאָלק : „אָט איהר זייט אונשולדיגע ! איך האָב אַ פארשווע־
רונג געמאַכט קעגען מיין הערן און גע'הרג'עט איהם ; ווער אָבער
האָט די אַלע גע'הרג'עט ? . . .
10 אלזאָ זייט וויסען אַז פון גאָט'ס רייד, וואָס ער האָט גערעדט וועגען
אחאב'ס הויז וועט איין וואָרט ניט פעהלען — דאָס האָט גאָט געטהאָן
וואָס ער האָט גערעדט דורך זיין קנעכט אליהו."
11 דאן האָט יהוא גע'הרג'עט אַלע די וואָס זיינען געבליבען פון אחאב'ס
פאמיליע אין יזרעאל, אויך אַלע זיינען גרויסע מענשען, זיינע פריינד
און פּריסטער — ער האָט איינעם ניט איבערגעלאָזען.
12 ער איז אויפגעשטאַנען געהן אין שמרון. אז ער איז געהענדיג געקומען
ביז דעם הויז וואו די פּיטערער פערזאמלען זיך,
13 האָט יהוא געטראָפען די ברידער פון אחזיהו, קעניג פון יהודה ; האָט
ער געזאָגט : „ווער זייט איהר ?" זיי האָבען געענטפערט : „מיר
זיינען אחזיהו'ס ברידער און געהען בעזוכען דעם קעניגס קינדער אויך
דער קעניגין'ס קינדער."
14 האָט ער געזאָגט : כאַפּט זיי גלייך ! מ'האָט זיי גלייך געכאַפּט און
געקוילעט אינ'ם גרוב, נעבען פערזאמלונגס הויז — צוויי־און־פערציג
מאַן, איינער פון זיי איז ניט געבליבען.
15 אַז ער איז פון דאָרטען אַוועק האָט ער געטראָפען יהונדב, רכב'ס זוהן,
געהענדיג איהם אנטקעגען. ער האָט איהם באַגריסט און געזאָגט צו
איהם : „ביזטו אין מיר אַזוי איינגעטרויט ווי איך אין דיר ?" האָט
יהונדב געענטפערט : „געוויס ! גיב מיר דיין האַנד !" ער האָט
איהם זיין האַנד געגעבען און ארויפגענומען צו זיך אויפ'ן וואגען.
16 אַז מ'האָט איהם אַריינגענומען אין זיין וואגען האָט ער געזאָגט : קום
מיט מיר און זעה ווי איך נעהם זיך אַן פאַר גאָט !
17 אַז ער איז געקומען אין שמרון האָט ער אויסגע'הרג'עט אַלע די וואָס

אֶת־כָּל־הַנִּשְׁאָרִים לְאַחְאָב בְּשֹׁמְרוֹן עַד־הִשְׁמִדוֹ כִּדְבַר
18 יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר אֶל־אֵלִיָּהוּ׃ וַיִּקְבֹּץ יֵהוּא אֶת־כָּל־
הָעָם וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַחְאָב עָבַד אֶת־הַבַּעַל מְעָט יֵהוּא
19 יַעַבְדֶנּוּ הַרְבֵּה׃ וְעַתָּה כָל־נְבִיאֵי הַבַּעַל כָּל־עֹבְדָיו וְכָל־
כֹּהֲנָיו קִרְאוּ אֵלַי אִישׁ אַל־יִפָּקֵד כִּי זֶבַח גָּדוֹל לִי לַבַּעַל
כֹּל אֲשֶׁר־יִפָּקֵד לֹא יִחְיֶה וְיֵהוּא עָשָׂה בְעָקְבָּה לְמַעַן
כ הַאֲבִיד אֶת־עֹבְדֵי הַבָּעַל׃ וַיֹּאמֶר יֵהוּא קַדְּשׁוּ עֲצָרָה
21 לַבַּעַל וַיִּקְרָאוּ׃ וַיִּשְׁלַח יֵהוּא בְּכָל־יִשְׂרָאֵל וַיָּבֹאוּ כָּל־
עֹבְדֵי הַבַּעַל וְלֹא־נִשְׁאַר אִישׁ אֲשֶׁר לֹא־בָא וַיָּבֹאוּ בֵּית
22 הַבַּעַל וַיִּמָּלֵא בֵית־הַבַּעַל פֶּה לָפֶה׃ וַיֹּאמֶר לַאֲשֶׁר עַל־
הַמֶּלְתָּחָה הוֹצֵא לְבוּשׁ לְכֹל עֹבְדֵי הַבָּעַל וַיֹּצֵא לָהֶם
23 הַמַּלְבּוּשׁ׃ וַיָּבֹא יֵהוּא וִיהוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב בֵּית הַבָּעַל
וַיֹּאמֶר לְעֹבְדֵי הַבַּעַל חַפְּשׂוּ וּרְאוּ פֶּן־יֶשׁ־פֹּה עִמָּכֶם מֵעַבְדֵי
24 יְהוָה כִּי אִם־עֹבְדֵי הַבַּעַל לְבַדָּם׃ וַיָּבֹאוּ לַעֲשׂוֹת זְבָחִים
וְעֹלוֹת וְיֵהוּא שָׂם־לוֹ בַחוּץ שְׁמֹנִים אִישׁ וַיֹּאמֶר הָאִישׁ
אֲשֶׁר־יִמָּלֵט מִן־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא עַל־יְדֵיכֶם נַפְשׁוֹ
כה תַּחַת נַפְשׁוֹ׃ וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ ׀ לַעֲשׂוֹת הָעֹלָה וַיֹּאמֶר יֵהוּא
לָרָצִים וְלַשָּׁלִשִׁים בֹּאוּ הַכּוּם אִישׁ אַל־יֵצֵא וַיַּכּוּם לְפִי־
חָרֶב וַיַּשְׁלִכוּ הָרָצִים וְהַשָּׁלִשִׁים וַיֵּלְכוּ עַד־עִיר בֵּית־
26 27 הַבָּעַל׃ וַיֹּצִאוּ אֶת־מַצְּבוֹת בֵּית־הַבַּעַל וַיִּשְׂרְפוּהָ׃ וַיִּתְּצוּ
אֵת מַצְּבַת הַבָּעַל וַיִּתְּצוּ אֶת־בֵּית־הַבַּעַל וַיְשִׂמֻהוּ
28 לְמַחֲרָאוֹת עַד־הַיּוֹם׃ וַיַּשְׁמֵד יֵהוּא אֶת־הַבַּעַל מִיִּשְׂרָאֵל׃
29 רַק חֲטָאֵי יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל לֹא־
סָר יֵהוּא מֵאַחֲרֵיהֶם עֶגְלֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר בֵּית־אֵל וַאֲשֶׁר
ל בְּדָן׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יֵהוּא יַעַן אֲשֶׁר־הֱטִיבֹתָ
לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינַי כְּכֹל אֲשֶׁר בִּלְבָבִי עָשִׂיתָ לְבֵית
31 אַחְאָב בְּנֵי רְבִעִים יֵשְׁבוּ לְךָ עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל׃ וְיֵהוּא

לא

v. 19. ב׳ דגושה   v. 27. למוצאות קרי   v. 29. סבירין בבית

זיינען פון אחאב'ס פאַמיליע געבליבען אין שמרון, ביז ער האָט אַלע־
מען פערניכטעט; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו אליהו'ן.

18 דאַן האָט יהוא צוזאַמענגעקליבען דאָס גאַנצע פאָלק און געזאָגט צו זיי:
אחאב האָט דעם בעל וועניג געדיענט, יהוא וועט איהם פיעל מעהר
דיענען!

19 אַלזאָ רופט מיר צוזאַמען אַלע נביאים פון בעל, אַלע זיינע דיענער
און אַלע זיינע פריסטער — איינער זאָל ניט פעהלען, ווארים איך וויל
א גרויסען אָפּפער ברייננען צום בעל. דער וואָס וועט ניט קומען וועט
מעהר ניט לעבען . . . [יהוא האָט עס אבזיכטליך געטהאָן, אום צו
פערניכטען אַלע בעל־דיענער.]

20 אויך האָט יהוא געזאָגט: „רופט אַ פערזאַמלונג אין עהרע פון בעל!"
זיי האָבען גערופען.

21 יהוא האָט געשיקט איבער גאַנץ ישראל און אַלע בעל־דיענער זיינען
געקומען — עס איז ניט געוועזען איינער וואָס איז ניט געקומען. אַז זיי
זיינען אַריין אינ'ם הויז פון בעל איז דאָס הויז פול געוועזען פון ברעג
צו ברעג.

22 דאַן האָט ער געזאָגט צום פערוואַלטער פון קליידער קאַמער: „נעהם
ארויס קליידער פאַר אַלע בעל־דיענער!" מען האָט זיי דערלאַנגט
קליידער.

23 יהוא מיט יהונדב, רכב'ס זוהן, זיינען אַריין אינ'ם בעל־הויז, און
ער האָט געזאָגט צו די בעל־דיענער: „זוכט און געפינט אויס פילייכט
איז דאָ ווער פון גאָט'ס קנעכט — נור בעל־דיענער אַליין זאָלען דאָ
זיין!"

24 דאַן איז מען אַריין אָפּפערן שלאַכט־ און גאַנץ אָפּפערס. יהוא אָבער
האָט בעשטעלט אין גאַס אכטציג מאַן און האָט צו זיי געזאָגט: „אויב
איינער פון די וואָס איך ברייננ אַהער וועט דורך אייך געראַטעוועט ווערען,
וועט איהר מיט אייער לעבען פאַר איהם באַצאָהלען! . . ."

25 אַז מ'האָט געענדיגט אָפּפערן די גאַנץ אָפּפערס האָט יהוא געזאָגט צו
די שנעל־לויפערס און אדיוטאַנטען: „געהט, ערשלאָגט זיי — איי־
נער זאָל ניט ארויס!" אַז זיי האָבען זיי ערשלאָגען מיט'ן שאַרפען
שווערד האָבען די שנעל־לויפער און אדיוטאַנטען זיי איבערגעלאָזען און
זיינען אַוועק צו דער שטאָדט בית־בעל.

26 דאָרט האָבען זיי ארויסגענומען די סטאַטוע פון בית בעל און פאַרברענט
איהר.

27 זיי האָבען צובראָכען די סטאַטוע פון בעל, אויך האָבען זיי צובראָכען
דאָס בעל־הויז און בעשטימט עס פאַר אַ מיסט־פּלאַץ ביז היינט.

28 אַזוי האָט יהוא פערטיליגט דעם בעל פון ישראל.

29 אָבער פון די זינד פון ירבעם, נבט'ס זוהן, וועלכער האָט גאַנץ ישראל
זינדיג געמאַכט, האָט ער ניט אָבגעטראָטען, ד. ה. די גאָלדענע קעל־
בער וואָס אין בית־אל און דן.

30 דאַן האָט גאָט געזאָגט צו יהוא'ן: ווייל דו ביזט גוט געווען און געטהאָן
וואָס מיר געפעהלט, אויך האָסטו מיין פערלאַנג דורכגעפיהרט אויף
אחאב'ס הויז, וועלען אויך דיינע אור־אור־אייניקלאַך זיצען אויפ'ן
טהראָן פון ישראל.

לֹא שָׁמַר לָלֶכֶת בְּתוֹרַת־יְהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל בְּכָל־
לְבָבוֹ לֹא סָר מֵעַל חַטֹּאות יָרָבְעָם אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־
32 יִשְׂרָאֵל׃ בַּיָּמִים הָהֵם הֵחֵל יְהוָה לְקַצּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּכֵּם
33 חֲזָאֵל בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל׃ מִן־הַיַּרְדֵּן מִזְרַח הַשֶּׁמֶשׁ אֵת
כָּל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד הַגָּדִי וְהָרֻאוּבֵנִי וְהַמְנַשִּׁי מֵעֲרֹעֵר אֲשֶׁר
34 עַל־נַחַל אַרְנֹן וְהַגִּלְעָד וְהַבָּשָׁן׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יֵהוּא וְכָל־
אֲשֶׁר עָשָׂה וְכָל־גְּבוּרָתוֹ הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר
לה דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב יֵהוּא עִם־אֲבֹתָיו
36 וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ בְּשֹׁמְרוֹן וַיִּמְלֹךְ יְהוֹאָחָז בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְהַיָּמִים
אֲשֶׁר מָלַךְ יֵהוּא עַל־יִשְׂרָאֵל עֶשְׂרִים־וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה בְּשֹׁמְרוֹן׃

## CAP. XI. יא

יא

א וַעֲתַלְיָה אֵם אֲחַזְיָהוּ וְרָאֲתָה כִּי מֵת בְּנָהּ וַתָּקָם וַתְּאַבֵּד
2 אֵת כָּל־זֶרַע הַמַּמְלָכָה׃ וַתִּקַּח יְהוֹשֶׁבַע בַּת־הַמֶּלֶךְ־יוֹרָם
אֲחוֹת אֲחַזְיָהוּ אֶת־יוֹאָשׁ בֶּן־אֲחַזְיָה וַתִּגְנֹב אֹתוֹ מִתּוֹךְ
בְּנֵי־הַמֶּלֶךְ הַמֻּמוֹתִים אֹתוֹ וְאֶת־מֵינִקְתּוֹ בַּחֲדַר הַמִּטּוֹת
3 וַיַּסְתִּרוּ אֹתוֹ מִפְּנֵי עֲתַלְיָהוּ וְלֹא הוּמָת׃ וַיְהִי אִתָּהּ בֵּית
יְהוָה מִתְחַבֵּא שֵׁשׁ שָׁנִים וַעֲתַלְיָה מֹלֶכֶת עַל־הָאָרֶץ׃
4 וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית שָׁלַח יְהוֹיָדָע וַיִּקַּח ׀ אֶת־שָׂרֵי
הַמֵּאיוֹת לַכָּרִי וְלָרָצִים וַיָּבֵא אֹתָם אֵלָיו בֵּית יְהוָה וַיִּכְרֹת
לָהֶם בְּרִית וַיַּשְׁבַּע אֹתָם בְּבֵית יְהוָה וַיַּרְא אֹתָם אֶת־בֶּן־
ה הַמֶּלֶךְ׃ וַיְצַוֵּם לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן הַשְּׁלִשִׁית
6 מִכֶּם בָּאֵי הַשַּׁבָּת וְשֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ וְהַשְּׁלִשִׁית
בְּשַׁעַר סוּר וְהַשְּׁלִשִׁית בַּשַּׁעַר אַחַר הָרָצִים וּשְׁמַרְתֶּם
7 אֶת־מִשְׁמֶרֶת הַבַּיִת מַסָּח׃ וּשְׁתֵּי הַיָּדוֹת בָּכֶם כֹּל יֹצְאֵי
הַשַּׁבָּת וְשָׁמְרוּ אֶת־מִשְׁמֶרֶת בֵּית־יְהוָה אֶל־הַמֶּלֶךְ׃
8 וְהִקַּפְתֶּם עַל־הַמֶּלֶךְ סָבִיב אִישׁ וְכֵלָיו בְּיָדוֹ וְהַבָּא אֶל־
9 הַשְּׂדֵרוֹת יוּמָת וִהְיוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ בְּצֵאתוֹ וּבְבֹאוֹ׃ וַיַּעֲשׂוּ

שרי

v. 31. למדינחאי חסר ו   י״א v. 1. וראתה קרי   v. 2. הממתים קרי   v. 4. המאות קרי

31 יהוא האָט אָבער ניט געהיט צו געהן מיט'ן גאַנצען הארצען אין די לעה־
רע פון גאָט פון ישראל, ער איז אויך ניט אוועק פון ירבעם'ס זינד,
מיט וועלכע ער האָט גאַנץ ישראל זינדיג געמאַכט.
32 אין יענע צייט האָט גאָט אָנגעפאַנגען אבשניידען פון די גרענעצען
פונ'ם לאנד ישראל און חזאל האָט זיי גערדיקט ביי אַלע גרענעצען פון
ישראל —
33 פון ירדן, זון אויפגאנג־צו, דאָס גאַנצע פּראָווינץ גלעד: גד, ראובן
און מנשה; פון ערער וואָס נעבען טייך ארנן אויך גלעד און בשן.
34 די איבריגע פּאסירונגען יהוא'ס, אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן און זיינע
העלדענטהאטען, זיינען געשריעבען אין בוך „צייטפּאסירונגען פון די
קעניגע ישראל'ס".
35 אַז יהוא איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין שמרון און זיין
זוהן יהואחז האָט נאָך איהם רעגירט.
36 די צייט וואָס יהוא האָט רעגירט איבער ישראל אין שמרון איז אכט־און־
צוואנציג יאָהר.

## קאפּיטעל יא

1 אַז עתליה, אחזיהו'ס מוטער, האָט געזעהען אַז איהר זוהן איז טוידט,
האָט זי גענומען און פערניכטעט אַלע קעניגליכע קינדער.
2 אָבער יהושבע, קעניג יורם'ס טאָכטער, אחזיהו'ס שוועסטער, האָט
גענומען יואש'ן, אחזיהו'ס זוהן; זי האָט איהם ארויסגעגנב'עט פון
צווישען די קעניגליכע קינדער וועלכע מ'האָט געטוידט, איהם מיט
זיין אַם. מ'האָט איהם בעהאַלטען פון עתליהו'ן אין שלאָף־צימער און
ער איז ניט געטוידט געוואָרען.
3 אַזוי איז ער ביי איהר געווען בעהאַלטען אין גאָט'ס הויז זעקס יאָהר,
און עתליהו האָט רעגירט אינ'ם לאַנד.
4 אויפ'ן זיעבענטען יאָהר האָט יהוידע געשיקט און גענומען די בעאַמטע
איבער הונדערטע, איבער די וויידע־פּלעצער און די שנעל־לויפער, ער
איז מיט זיי אַריין אין גאָט'ס הויז; דאָרט האָט ער מיט זיי אַ פערבינ־
דונג געמאַכט. נאָכדעם ווי ער האָט זיי באַשוואָרען, האָט ער זיי גע־
וויזען דעם קעניג'ס זוהן אין גאָט'ס הויז.
5 און האָט זיי בעפעהלען זאָגענדיג: „אַט וואָס איהר זאָלט טהאָן —
איין דריטעל פון אייך, די וואָס קומען יעדען שבת אום צו היטען
אינ'ם וואך ביי'ן קעניגס הויז,
6 און איין דריטעל אינ'ם טהויער סור, איין דריטעל אין טהויער נעבען
די געביידע פאר די שנעל־לויפערס. איהר אַלע זאָלט היטען די בע־
וואכונג פונ'ם הויז בייטענדיג זיך.
7 צוויי טהייל פון אייך, אַלע וואָס געהען ארויס שבת, זאָלען היטען די
בעוואכונג פון גאָט'ס הויז, איבערהויפּט דעם קעניג.
8 איהר זאָלט אימער שטעהן ארום דעם קעניג, יעדער פון אייך מיט זיינע
געוועהר אין האַנד, ווער עס וועט אין אייערע רייהען אריין זאָל גע־
טוידט ווערען — איהר מוזט זיין מיט'ן קעניג ווען ער געהט אַרויס
און קומט אַריין!..."

שָׂרֵי הַמֵּאוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן וַיִּקְחוּ אִישׁ
אֶת־אֲנָשָׁיו בָּאֵי הַשַּׁבָּת עִם יֹצְאֵי הַשַּׁבָּת וַיָּבֹאוּ אֶל־יְהוֹיָדָע
הַכֹּהֵן׃ וַיִּתֵּן הַכֹּהֵן לְשָׂרֵי הַמֵּאיוֹת אֶת־הַחֲנִית וְאֶת־ י
11 הַשְּׁלָטִים אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ דָּוִד אֲשֶׁר בְּבֵית יְהוָה׃ וַיַּעַמְדוּ
הָרָצִים אִישׁ ׀ וְכֵלָיו בְּיָדוֹ מִכֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית עַד־כֶּתֶף
12 הַבַּיִת הַשְּׂמָאלִית לַמִּזְבֵּחַ וְלַבָּיִת עַל־הַמֶּלֶךְ סָבִיב׃ וַיּוֹצִא
אֶת־בֶּן־הַמֶּלֶךְ וַיִּתֵּן עָלָיו אֶת־הַנֵּזֶר וְאֶת־הָעֵדוּת וַיַּמְלִכוּ
אֹתוֹ וַיִּמְשָׁחֻהוּ וַיַּכּוּ־כָף וַיֹּאמְרוּ יְחִי הַמֶּלֶךְ׃
13 וַתִּשְׁמַע עֲתַלְיָה אֶת־קוֹל הָרָצִין הָעָם וַתָּבֹא אֶל־הָעָם בֵּית
14 יְהוָה׃ וַתֵּרֶא וְהִנֵּה הַמֶּלֶךְ עֹמֵד עַל־הָעַמּוּד כַּמִּשְׁפָּט
וְהַשָּׂרִים וְהַחֲצֹצְרוֹת אֶל־הַמֶּלֶךְ וְכָל־עַם הָאָרֶץ שָׂמֵחַ
וְתֹקֵעַ בַּחֲצֹצְרוֹת וַתִּקְרַע עֲתַלְיָה אֶת־בְּגָדֶיהָ וַתִּקְרָא קֶשֶׁר
טו קָשֶׁר׃ וַיְצַו יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן אֶת־שָׂרֵי הַמֵּאיוֹת ׀ פְּקֻדֵי הַחַיִל
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם הוֹצִיאוּ אֹתָהּ אֶל־מִבֵּית לַשְּׂדֵרֹת וְהַבָּא
אַחֲרֶיהָ הָמֵת בֶּחָרֶב כִּי אָמַר הַכֹּהֵן אַל־תּוּמַת בֵּית יְהוָה׃
16 וַיָּשִׂמוּ לָהּ יָדַיִם וַתָּבוֹא דֶּרֶךְ־מְבוֹא הַסּוּסִים בֵּית הַמֶּלֶךְ
17 וַתּוּמַת שָׁם׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹיָדָע אֶת־הַבְּרִית בֵּין יְהוָה
וּבֵין הַמֶּלֶךְ וּבֵין הָעָם לִהְיוֹת לְעָם לַיהוָה וּבֵין הַמֶּלֶךְ וּבֵין
18 הָעָם׃ וַיָּבֹאוּ כָל־עַם הָאָרֶץ בֵּית־הַבַּעַל וַיִּתְּצֻהוּ אֶת־
מִזְבְּחֹתָו וְאֶת־צְלָמָיו שִׁבְּרוּ הֵיטֵב וְאֵת מַתָּן כֹּהֵן הַבַּעַל
הָרְגוּ לִפְנֵי הַמִּזְבְּחוֹת וַיָּשֶׂם הַכֹּהֵן פְּקֻדֹּת עַל־בֵּית יְהוָה׃
19 וַיִּקַּח אֶת־שָׂרֵי הַמֵּאוֹת וְאֶת־הַכָּרִי וְאֶת־הָרָצִים וְאֵת ׀ כָּל־
עַם הָאָרֶץ וַיֹּרִידוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ מִבֵּית יְהוָה וַיָּבוֹאוּ דֶּרֶךְ־
כ שַׁעַר הָרָצִים בֵּית הַמֶּלֶךְ וַיֵּשֶׁב עַל־כִּסֵּא הַמְּלָכִים׃ וַיִּשְׂמַח
כָּל־עַם־הָאָרֶץ וְהָעִיר שָׁקָטָה וְאֶת־עֲתַלְיָהוּ הֵמִיתוּ בַחֶרֶב
בֵּית ׳מֶלֶךְ׃

בן

v. 9. 10. המאות קרי   v. 12. קמץ בזק   v. 15. המאות קרי
v. 17 הפטרת פ׳ שקלים   v. 18. מזבחותיו קרי   v. 20. המלך קרי

9 די בעאמטע איבער הונדערטע האָבען געטהאָן אַלץ וואָס יהוידע דער כהן האָט זיי בעפעהלען. זיי האָבען צוזאַמענגענומען יעדער זיינע לייטע, ווי די וועלכע קומען שבת אַזוי אויך די וועלכע געהען אַוועק שבת, און זיינען געקומען צו יהוידע דעם כהן.

10 דאַן האָט דער כהן געגעבען די בעאמטע איבער הונדערט דעם קעניג דוד׳ס שפּיעזען און פאַנצערס וואָס זיינען געווען אין גאָט׳ס הויז.

11 די שנעל־לויפערס האָבען זיך אויסגעשטעלט יעדער מיט זיינע געוועהר אין׳ם האַנד, פון רעכטען זייט הויז ביז דעם לינקען זייט הויז, פון מזבח אינוויינינג־צו ארום קעניג.

12 דאַן האָט ער ארויסגעפיהרט דעם קעניג׳ס זוהן, ער האָט איהם אָנגעטהאָן די קרוין און דערלאַנגט איהם דאָס געזעצבוך; מ׳האָט איהם אַלס קעניג ערקלעהרט און געזאַלבט איהם. אַלע האָבען מיט די הענד געקלאַפּט און געזאָגט: „עס לעבע דער קעניג!”

13 אַז עתליהו האָט דערהערט דעם רויש פון לויפענדען פאָלק, איז זי אַריינגעקומען צום פאָלק אין גאָט׳ס הויז.

14 און אַז זי האָט דערזעהען דעם קעניג שטעהענדיג אויפ׳ן ביהנע און די זינגערס מיט די טראָמפּייטען שפּילער נעבען קעניג, ווי עס פיהרט זיך, אויך אַז דאָס גאַנצע פאָלק פונ׳ם לאַנד איז פרעהליך און בלאָזען אין טראָמפּייטען — האָט עתליהו צוריסען איהרע קליידער און אויסגעשריען: „אַ פערשווערונג! אַ פערשווערונג!”

15 יהוידע דער כהן האָט אַ בעפעהל געגעבען די בעאמטע איבער הונדערט, ד. ה. די מיליטער־בעאמטע, און געזאָגט צו זיי: „פיהרט איהר ארויס אויסער די רייהען און ווער עס וועט איהר נאָכגעהען זאָל געטוידט ווערען מיט׳ן שווערד!” דער כהן האָט געוואָלט זי זאָל ניט געטוידט ווערען אין גאָט׳ס הויז.

16 מ׳האָט פאַר איהר אַן אָרט געמאַכט און זי איז דורך דעם פערד־אַריינגאַנג אַריין אין קעניג׳ס הויז — דאָרט האָט מען איהר געטוידט.

17 יהוידע האָט געשלאָסען אַ פאַרבינדונג צווישען גאָט, קעניג און פאָלק — דאָס פאָלק זאָל צו גאָט געהערען און זאָל אין פערבינדונג שטעהן מיט׳ן קעניג.

18 דאַן איז דאָס גאַנצע פאָלק אריין אין בעל־הויז און צושמעטערט זיינע אַלטאַרען אויך גוט צובראָכען זיינע בילדער; מתן, דעם כהן פון בעל, האָבען זיי ביי׳ן מזבח דער׳הרג׳עט. דער כהן האָט אָנגעשטעלט בעאמטע איבער׳ן גאָט׳ס הויז.

19 דאַן האָט ער גענומען די בעאמטע איבער הונדערט, איבער די ווידעפּלעצער און די שנעל־לויפערס אויך דאָס גאַנצע פאָלק פונ׳ם לאַנד, און זיי האָבען אוועקגעפיהרט דעם קעניג פון גאָט׳ס הויז, און דורך דעם טהויער פון די שנעל־לויפערס זיינען זיי אריין אין קעניגס הויז; דאָרט האָט ער זיך געזעצט אויפ׳ן קעניגליכען טהראָן.

20 דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד איז פרעהליך געווען, און נאָכדעם ווי מ׳האָט עתליהו׳ן געטוידט מיט׳ן שווערד אינ׳ם קעניגס הויז איז אין שטאָדט שטיל געוואָרען.

## יב CAP. XII. יב

2 א בֶּן־שֶׁבַע שָׁנִים יְהוֹאָשׁ בְּמָלְכוֹ׃ בִּשְׁנַת־שֶׁבַע לְיֵהוּא מָלַךְ
יְהוֹאָשׁ וְאַרְבָּעִים שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ צִבְיָה
3 מִבְּאֵר שָׁבַע׃ וַיַּעַשׂ יְהוֹאָשׁ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כָּל־יָמָיו
4 אֲשֶׁר הוֹרָהוּ יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן׃ רַק הַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ עוֹד
ה הָעָם מְזַבְּחִים וּמְקַטְּרִים בַּבָּמוֹת׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹאָשׁ אֶל־
הַכֹּהֲנִים כֹּל כֶּסֶף הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר יוּבָא בֵית־יְהוָה כֶּסֶף
עוֹבֵר אִישׁ כֶּסֶף נַפְשׁוֹת עֶרְכּוֹ כָּל־כֶּסֶף אֲשֶׁר יַעֲלֶה עַל
6 לֶב־אִישׁ לְהָבִיא בֵּית יְהוָה׃ יִקְחוּ לָהֶם הַכֹּהֲנִים אִישׁ
מֵאֵת מַכָּרוֹ וְהֵם יְחַזְּקוּ אֶת־בֶּדֶק הַבַּיִת לְכֹל אֲשֶׁר־יִמָּצֵא
7 שָׁם בָּדֶק׃ וַיְהִי בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה לַמֶּלֶךְ
8 יְהוֹאָשׁ לֹא־חִזְּקוּ הַכֹּהֲנִים אֶת־בֶּדֶק הַבָּיִת׃ וַיִּקְרָא הַמֶּלֶךְ
יְהוֹאָשׁ לִיהוֹיָדָע הַכֹּהֵן וְלַכֹּהֲנִים וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מַדּוּעַ
אֵינְכֶם מְחַזְּקִים אֶת־בֶּדֶק הַבָּיִת וְעַתָּה אַל־תִּקְחוּ־כֶסֶף
9 מֵאֵת מַכָּרֵיכֶם כִּי־לְבֶדֶק הַבַּיִת תִּתְּנֻהוּ׃ וַיֵּאֹתוּ הַכֹּהֲנִים
לְבִלְתִּי קְחַת־כֶּסֶף מֵאֵת הָעָם וּלְבִלְתִּי חַזֵּק אֶת־בֶּדֶק
י הַבָּיִת׃ וַיִּקַּח יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן אֲרוֹן אֶחָד וַיִּקֹּב חֹר בְּדַלְתּוֹ
וַיִּתֵּן אֹתוֹ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ בִּימִין בְּבוֹא־אִישׁ בֵּית יְהוָה
וְנָתְנוּ־שָׁמָּה הַכֹּהֲנִים שֹׁמְרֵי הַסַּף אֶת־כָּל־הַכֶּסֶף הַמּוּבָא
11 בֵית־יְהוָה׃ וַיְהִי כִּרְאוֹתָם כִּי־רַב הַכֶּסֶף בָּאָרוֹן וַיַּעַל
סֹפֵר הַמֶּלֶךְ וְהַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וַיָּצֻרוּ וַיִּמְנוּ אֶת־הַכֶּסֶף הַנִּמְצָא
12 בֵית־יְהוָה׃ וְנָתְנוּ אֶת־הַכֶּסֶף הַמְתֻכָּן עַל־יַד עֹשֵׂי הַמְּלָאכָה
הַפְּקֻדִים בֵּית יְהוָה וַיּוֹצִיאֻהוּ לְחָרָשֵׁי הָעֵץ וְלַבֹּנִים
13 הָעֹשִׂים בֵּית יְהוָה׃ וְלַגֹּדְרִים וּלְחֹצְבֵי הָאֶבֶן וְלִקְנוֹת
עֵצִים וְאַבְנֵי מַחְצֵב לְחַזֵּק אֶת־בֶּדֶק בֵּית־יְהוָה וּלְכֹל
14 אֲשֶׁר־יֵצֵא עַל־הַבַּיִת לְחָזְקָה׃ אַךְ לֹא יֵעָשֶׂה בֵּית יְהוָה
סִפּוֹת כֶּסֶף מְזַמְּרוֹת מִזְרָקוֹת חֲצֹצְרוֹת כָּל־כְּלִי זָהָב וּכְלִי־

כסף

v. 10. מימין קרי v. 12. ידי קרי ibid. המפקדים קרי

# קאַפּיטעל יב

1 זיבען יאָהר אַלט איז יהואש קעניג געוואָרען.

2 אין זיבענטען יאָהר פון יהוא איז יהואש קעניג געוואָרען און פערציג
יאָהר האָט ער רעגירט איבער ירושלים, זיין מוטער האָט מען גערופען
צביה פון באר שבע.

3 זיין גאנצען לעבען האָט יהואש געטהאָן וואָס עס געפעהלט גאָט, דאָס
האָט איהם געלערענט יהוידע דער כהן.

4 אָבער די בארג־אַלטארען האָט מען ניט אָבגעשאַפט — דאָס פאָלק האָט
געאָפּפערט און גערויכערט אויף די בארג אַלטארען.

5 יהואש האָט דאן געזאָגט צו די כהנים: אַלע געהייליגטע זילבער וואָס
ווערט געבראכט אין גאָט׳ס הויז, ווי די זילבער פון צעהלען אַזוי די
זילבער פון פּערזאָנען שאַטצונג, אָדער זילבער פון פריייוויליגע גאַבען
וואָס מ׳בריינגט אין גאָט׳ס הויז,

6 זאָלען דאָס די כהנים צונויפנעהמען יעדער פון זיינעם בעקאַנטען, און
זיי זאָלען פאַרריכטען די צובראָכענע ערטער פונ׳ם הויז וואו עס וועט
נאָר זיין צובראָכען.

7 אָבער ביז דעם דריי־און־צוואַנציגסטען יאָהר פון קעניג יהואש האָבען
די כהנים ניט פאַרריכט די צובראָכענע ערטער פונ׳ם הויז.

8 האָט קעניג יהואש גערופען כהן יהוידע און די איבריגע כהנים און האָט
צו זיי געזאָגט: „פאַר וואָס פאַרריכט איהר ניט די צובראָכענקייט פונ׳ם
הויז? פון יעצט אָן זאָלט איהר מעהר קיין זילבער נעהמען פון אייערע
בעקאַנטע, דאָס זאָל געהערען צום הויז פאַרריכטונג!״

9 די כהנים האָבען איינגעשטימט מעהר ניט צו נעהמען זילבער פונ׳ם
פאָלק און אויך ניט צו פאַרריכטען די צובראָכענע ערטער פונ׳ם הויז.

10 דאן האָט יהוידע דער כהן גענומען אַ קאַסטען און געמאַכט אַ לאָך אין
זיין טיהר׳ל. ער האָט איהם אַוועקגעשטעלט פון רעכטען זייט מזבח,
וואו מען געהט אַריין אין גאָט׳ס הויז, דאָרט פלעגען די כהנים, וואָס
האָבען געהיט דעם שוועל, אַריינלייגען דאָס גאַנצע זילבער וואָס מ׳האָט
געבראַכט אין גאָט׳ס הויז.

11 און אַז זיי האָבען געזעהען אַז אין קאַסטען איז שוין פיעל זילבער דאָ, איז
געקומען דעם קעניגס שרייבער מיט׳ן אָבער־כהן, זיי האָבען אויס־
געצעהלט דאָס געלד וואָס האָט זיך געפונען אין גאָט׳ס הויז און פאַר־
בונדען.

12 דאָס אויסגעצעהלטע געלד האָבען זיי אַוועק געגעבען די פערוואַלטער
איבער די אַרבייט פון גאָט׳ס הויז; יענע האָבען עס אויסגעגעבען
אויף האָלץ־אַרבייטער און בוי־מייסטערס, וועלכע האָבען געאַרבייט אין
גאָט׳ס הויז.

13 אויך פאַר די צאַם־מאַכערס, פאַר די שטיין האַקערס און צו קויפען
האָלץ און געהאַקטע שטיינער צו פאַרריכטען די צובראָכענע ערטער
פון גאָט׳ס הויז, אויך אויף אַלץ וואָס מען האָט אויסגעגעבען אום צו
פאַרשטאַרקען דאָס הויז.

14 פון דעם זילבער וואָס מ׳האָט געבראַכט אין גאָט׳ס הויז, האָט מען

כֶּסֶף מִן־הַכֶּסֶף הַמּוּבָא בֵית־יְהוָה׃ כִּי־לְעֹשֵׂי הַמְּלָאכָה טו
יִתְּנֻהוּ וְחִזְּקוּ־בוֹ אֶת־בֵּית יְהוָה׃ וְלֹא יְחַשְּׁבוּ אֶת־ 16
הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר יִתְּנוּ אֶת־הַכֶּסֶף עַל־יָדָם לָתֵת לְעֹשֵׂי
הַמְּלָאכָה כִּי בֶאֱמֻנָה הֵם עֹשִׂים׃ כֶּסֶף אָשָׁם וְכֶסֶף חַטָּאוֹת 17
לֹא יוּבָא בֵּית יְהוָה לַכֹּהֲנִים יִהְיוּ׃ אָז יַעֲלֶה חֲזָאֵל 18
מֶלֶךְ אֲרָם וַיִּלָּחֶם עַל־גַּת וַיִּלְכְּדָהּ וַיָּשֶׂם חֲזָאֵל פָּנָיו לַעֲלוֹת
עַל־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּקַּח יְהוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֵת כָּל־הַקֳּדָשִׁים 19
אֲשֶׁר־הִקְדִּישׁוּ יְהוֹשָׁפָט וִיהוֹרָם וַאֲחַזְיָהוּ אֲבֹתָיו מַלְכֵי
יְהוּדָה וְאֶת־קֳדָשָׁיו וְאֵת כָּל־הַזָּהָב הַנִּמְצָא בְּאֹצְרוֹת בֵּית־
יְהוָה וּבֵית הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁלַח לַחֲזָאֵל מֶלֶךְ אֲרָם וַיַּעַל מֵעַל
יְרוּשָׁלִָם׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יוֹאָשׁ וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלוֹא־הֵם כ
כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיָּקֻמוּ 21
עֲבָדָיו וַיִּקְשְׁרוּ־קָשֶׁר וַיַּכּוּ אֶת־יוֹאָשׁ בֵּית מִלֹּא הַיֹּרֵד
סִלָּא׃ וְיוֹזָכָר בֶּן־שִׁמְעָת וִיהוֹזָבָד בֶּן־שֹׁמֵר ׀ עֲבָדָיו הִכֻּהוּ 22
וַיָּמֹת וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד וַיִּמְלֹךְ אֲמַצְיָה
בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## CAP. XIII. יג

יג

בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה לְיוֹאָשׁ בֶּן־אֲחַזְיָהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה א
מָלַךְ יְהוֹאָחָז בֶּן־יֵהוּא עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן שְׁבַע עֶשְׂרֵה
שָׁנָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיֵּלֶךְ אַחַר חַטֹּאת יָרָבְעָם 2
בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר־הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל לֹא־סָר מִמֶּנָּה׃ וַיִּחַר־ 3
אַף יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּתְּנֵם בְּיַד ׀ חֲזָאֵל מֶלֶךְ־אֲרָם וּבְיַד
בֶּן־הֲדַד בֶּן־חֲזָאֵל כָּל־הַיָּמִים׃ וַיְחַל יְהוֹאָחָז אֶת־פְּנֵי יְהוָה 4
וַיִּשְׁמַע אֵלָיו יְהוָה כִּי רָאָה אֶת־לַחַץ יִשְׂרָאֵל כִּי־לָחַץ
אֹתָם מֶלֶךְ אֲרָם׃ וַיִּתֵּן יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעַ וַיֵּצְאוּ ה
מִתַּחַת יַד־אֲרָם וַיֵּשְׁבוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּאָהֳלֵיהֶם כִּתְמוֹל
שִׁלְשׁוֹם׃ אַךְ לֹא־סָרוּ מֵחַטֹּאות בֵּית־יָרָבְעָם אֲשֶׁר־הֶחֱטִי 6

את־

י״ב v. 17 ע״כ  י״ג v. 6 החטיא קרי

ניט געמאַכט אין גאָט'ס הויז זילבער־שאַלען, מעסערס, בעקענס, טראָמפּייטען — קיינע גאָלד אָדער זילבער כלים.

15 מ'האָט עס די אַרבייטער געגעבען, זיי האָבען מיט דעם בעפעסטיגט גאָט'ס הויז.

16 מ'האָט ניט נאָכגערעכענט די לייטע, וועלכע מ'האָט דאָס זילבער אויפ'ן האַנד געגעבען אַז זיי זאָלען צאָהלען די אַרבייטער, וואָרים זיי האָבען ריכטיג געטהאָן.

17 [זילבער פון שולד־אָפּפערס און זינד־אָפּפערס האָט מען ניט געבראַכט אין גאָט'ס הויז — דאָס איז געוועזען פאַר די כהנים.]

18 אין יענער צייט איז געקומען חזאל, קעניג פון ארם, ער האָט געפיהרט קריעג קעגען גת און האָט איהר איינגענומען, פון דאָרטען האָט ער בעשלאָסען געהן אויף ירושלים.

19 האָט יהואש, קעניג פון יהודה, גענומען אַלע היילִיגטהימער וואָס יהושפט, יהורם און אחזיהו זיינע עלטערן, די קעניגע פון יהודה, האָבען אנגעזאַמעלט, אויך זיינע אייגענטהימער און די גאַנצע גאָלד וואָס האָט זיך געפונען אין די שאַטצקאַמערן פון גאָט'ס הויז און דעם קעניגס הויז, און האָט דאָס אַוועקגעשיקט צו חזאל, קעניג פון ארם, איז ער אַוועק פון ירושלים.

20 די איבריגע פּאַסירונגען, און אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן, איז פאַרשריבען אין בוך „צייטפּאַסירונגען פון די קעניגע יהודה'ס".

21 זיינע קנעכט האָבען זיך קעגען איהם געשטעלט און געמאַכט אַ פאַרשווערונג, זיי האָבען יואש'ן ערשלאַגען אין פעסטונג וואָס איז נעבען סלא.

22 זיינע אייגענע קנעכט — יוזכר שמעת'ס זוהן און יהוזבד שמר'ס זוהן, האָבען איהם ערשלאַגען. ער איז געשטאָרבען און מ'האָט איהם בעערדיגט נעבען זיינע עלטערן אין דוד'ס שטאָדט; זיין זוהן אמציה האָט רעגירט נאָך איהם.

## קאַפּיטעל יג

1 אין דריי־און־צוואַנציגסטען יאָהר פון יואש, אחזיהו'ס זוהן, קעניג פון יהודה, איז יהואחז, יהוא'ס זוהן, קעניג געוואָרען איבער ישראל אין שמרון; ער האָט רעגירט זיעבצעהן יאָהר.

2 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, און נאָכגעגאַנגען די זינד פון ירבעם, נבט'ס זוהן, וועלכער האָט זינדיג געמאַכט גאַנץ ישראל, ער האָט פון דעם ניט אָבגעקעהרט.

3 דאַן האָט גאָט'ס צאָרען געברענט אויף ישראל און ער האָט זיי איבערגעגעבען אין האַנד פון חזאל, קעניג פון ארם, אויך אין האַנד פון בן־הדד, חזאל'ס זוהן, אויף אַ לאַנגע צייט.

4 אָבער אַז יהואחז האָט גאָט געבעטען, האָט גאָט איהם געהערט און בעטראַכט דעם דריקונג פון ישראל מיט וועלכען דער קעניג פון ארם האָט זיי געדריקט.

5 און גאָט האָט ישראל געגעבען אַ בעפרייער, זיי זיינען אַרויס פון ארם'ס מאַכט און געזעסען אין זייערע געצעלטען ווי נעכטען און עהערנעכטען.

6 זיי האָבען אָבער ניט אָבגעטרעטען פון די זינד פון ירבעם'ס הויז, וועל־

7 אֶת־יִשְׂרָאֵל בָּהּ הָלָךְ וְגַם הָאֲשֵׁרָה עָמְדָה בְּשֹׁמְרוֹן: כִּי
לֹא הִשְׁאִיר לִיהוֹאָחָז עָם כִּי אִם־חֲמִשִּׁים פָּרָשִׁים וַעֲשָׂרָה
רֶכֶב וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים רַגְלִי כִּי אִבְּדָם מֶלֶךְ אֲרָם וַיְשִׂמֵם
8 כֶּעָפָר לָדֻשׁ: וְיֶתֶר דִּבְרֵי יְהוֹאָחָז וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ
הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל:
9 וַיִּשְׁכַּב יְהוֹאָחָז עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּשֹׁמְרוֹן וַיִּמְלֹךְ יוֹאָשׁ
י בְּנוֹ תַּחְתָּיו: בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וָשֶׁבַע שָׁנָה לְיוֹאָשׁ מֶלֶךְ
יְהוּדָה מָלַךְ יְהוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן שֵׁשׁ
11 עֶשְׂרֵה שָׁנָה: וַיַּעֲשֶׂה הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לֹא סָר מִכָּל־
חַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר־הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל בָּהּ
12 הָלָךְ: וְיֶתֶר דִּבְרֵי יוֹאָשׁ וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ אֲשֶׁר
נִלְחַם עִם־אֲמַצְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־
13 סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל: וַיִּשְׁכַּב יוֹאָשׁ עִם
אֲבֹתָיו וְיָרָבְעָם יָשַׁב עַל־כִּסְאוֹ וַיִּקָּבֵר יוֹאָשׁ בְּשֹׁמְרוֹן עִם
14 מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל: וֶאֱלִישָׁע חָלָה אֶת־חָלְיוֹ אֲשֶׁר יָמוּת
בּוֹ וַיֵּרֶד אֵלָיו יוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיֵּבְךְּ עַל־פָּנָיו וַיֹּאמַר
טו אָבִי ׀ אָבִי רֶכֶב יִשְׂרָאֵל וּפָרָשָׁיו: וַיֹּאמֶר לוֹ אֱלִישָׁע קַח
16 קֶשֶׁת וְחִצִּים וַיִּקַּח אֵלָיו קֶשֶׁת וְחִצִּים: וַיֹּאמֶר ׀ לְמֶלֶךְ
יִשְׂרָאֵל הַרְכֵּב יָדְךָ עַל־הַקֶּשֶׁת וַיַּרְכֵּב יָדוֹ וַיָּשֶׂם אֱלִישָׁע
17 יָדָיו עַל־יְדֵי הַמֶּלֶךְ: וַיֹּאמֶר פְּתַח הַחַלּוֹן קֵדְמָה וַיִּפְתָּח
וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע יְרֵה וַיּוֹר וַיֹּאמֶר חֵץ־תְּשׁוּעָה לַיהוָה וְחֵץ
18 תְּשׁוּעָה בַאֲרָם וְהִכִּיתָ אֶת־אֲרָם בַּאֲפֵק עַד־כַּלֵּה: וַיֹּאמֶר
קַח הַחִצִּים וַיִּקָּח וַיֹּאמֶר לְמֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל הַךְ־אַרְצָה וַיַּךְ
19 שָׁלֹשׁ־פְּעָמִים וַיַּעֲמֹד: וַיִּקְצֹף עָלָיו אִישׁ הָאֱלֹהִים וַיֹּאמֶר
לְהַכּוֹת חָמֵשׁ אוֹ־שֵׁשׁ פְּעָמִים אָז הִכִּיתָ אֶת־אֲרָם עַד־
כַּלֵּה וְעַתָּה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים תַּכֶּה אֶת־אֲרָם:
כ וַיָּמָת אֱלִישָׁע וַיִּקְבְּרֻהוּ וּגְדוּדֵי מוֹאָב יָבֹאוּ בָאָרֶץ בָּא

שנה

11. ע׳ מלא ו

כער האָט זינדיג געמאַכט ישראל; ער איז אין זיי געגאַנגען. אויך דער געצען־בוים איז נאָך געשטאַנען אין שמרון.

7 זאָגאר ווען יהואחז האָט מעהר ניט געהאַט ווי פופציג רייטער, צעהען וועגען און צעהען טויזענד פוס־געהער; ווייל דער קעניג פון ארם האָט זיי פערניכטעט און געמאַכט זיי ווי דער שטויב אויף וועלכען מען טרעט.

8 די איבריגע פאַסירונגען יהואחז'ס, אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן און זיינע העלדענטהאַטען, איז פארשריבען אין בוך „צייטפּאסירונגען פון די קעניגע ישראל'ס".

9 אַז יהואחז איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין שמרון און יואש זיין זוהן האָט רעגירט נאָך איהם.

10 אין זיעבען־און־דרייסיגסטען יאָהר פון יואש קעניג פון יהודה איז יהואש, יהואחז'ס זוהן געוואָרען קעניג איבער ישראל אין שמרון, און רעגירט זעכצעהן יאָהר.

11 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען און איז ניט אוועק פון אַלע זינד ירבעם'ס, נבט'ס זוהן, וועלכער האָט זינדיג גע־מאַכט ישראל, אין זיין וועג איז ער געגאַנגען.

12 די איבריגע פאַסירונגען יואש'ס, אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן, זיין העל־דענטהאַט און זיין קריעג וואָס ער האָט געפיהרט מיט אמציהו, קעניג פון יהודה, איז פארשריבען אין בוך „צייטפּאסירונגען פון די קעניגע ישראל'ס".

13 אַז יואש איז געשטאָרבען איז ער בעערדיגט געוואָרען אין שמרון נעבען די קעניגע פון ישראל, אויף זיין טהראָן איז געזעסען ירבעם.

14 אלישע איז קראַנק געוואָרען אויף אַ קראַנקהייט פון וועלכע ער איז געשטאָרבען, איז יואש, קעניג פון ישראל, געקומען צו איהם, ער האָט פאר איהם געוויינט און געזאָגט: „מיין הערר! מיין הערר! דו ביזט די וועגען פון ישראל און זייערע רייטער!*)..."

15 האָט אלישע צו איהם געזאָגט: „נעהם אַ בויגען און פיילען", אַז ער האָט געבראַכט אַ בויגען און פיילען,

16 האָט ער געזאָגט צום קעניג פון ישראל: „לעג ארויף דיין האַנד אויפ'ן בויגען!" אַז ער האָט ארויפגעלעגט זיין האַנד, האָט אלישע ארויפ־געלעגט זיינע הענד אויף דעם קעניגס הענד

17 און ער האָט געזאָגט: עפען דעם מזרח פענסטער! אַז ער האָט געעפענט האָט אלישע געזאָגט: „שיס!" אַז ער האָט אויסגעשאָסען האָט אלישע געזאָגט: „דאָס איז אַ זיעג־פייל פון גאָט — אַ זיעג־פייל איבער ארם!! אָט אַזוי וועסטו אין אפק אויס'הרג'נען גאַנץ ארם..."

18 ער האָט ווידער געזאָגט: „נעהם די פיילען!" אַז ער האָט זיי גענו־מען האָט אלישע געזאָגט צום קעניג פון ישראל: „קלאַפּ אן דר'ערד!" האָט ער דריי מאָל אַ קלאַפּ געטהאָן און אויפגעהערט.

19 דאַן איז דער געטליכער מאַן אויף איהם בייז געוואָרען און געזאָגט: ווען דו וואָלסט פינף אָדער זעקס מאָל געקלאַפּט, דאַן וואָלסטו גאַנץ ארם אויסגע'הרג'עט; אָבער יעצט וועסטו נאָר דריי מאָל בעזיגען ארם.

20 אַז אלישע איז געשטאָרבען און מ'האָט איהם בעערדיגט האָבען אָנגע־פאַנגען רויבער־באַנדעס פון מואב צו קומען אינ'ם לאַנד יאָהר־יעהרליך.

*) זעה קאפּיטעל ב, 12. (ח. ש. נ.)

שָׁנָה׃ וַיְהִ֗י הֵ֣ם ׀ קֹבְרִ֣ים אִ֗ישׁ וְהִנֵּה֙ רָא֣וּ אֶת־הַגְּד֔וּד 21
וַיַּשְׁלִ֥יכוּ אֶת־הָאִ֖ישׁ בְּקֶ֣בֶר אֱלִישָׁ֑ע וַיֵּ֜לֶךְ וַיִּגַּ֤ע הָאִישׁ֙
בְּעַצְמ֣וֹת אֱלִישָׁ֔ע וַיְחִ֖י וַיָּ֥קָם עַל־רַגְלָֽיו׃ וַחֲזָאֵל֙ מֶ֣לֶךְ 22
אֲרָ֔ם לָחַ֖ץ אֶת־יִשְׂרָאֵ֑ל כֹּ֖ל יְמֵ֥י יְהוֹאָחָֽז׃ וַיָּחָן֩ יְהוָ֨ה אֹתָ֜ם 23
וַֽיְרַחֲמֵ֗ם וַיִּ֣פֶן אֲלֵיהֶ֔ם לְמַ֣עַן בְּרִית֔וֹ אֶת־אַבְרָהָ֖ם יִצְחָ֣ק
וְיַעֲקֹ֑ב וְלֹ֤א אָבָה֙ הַשְׁחִיתָ֔ם וְלֹֽא־הִשְׁלִיכָ֥ם מֵעַל־פָּנָ֖יו עַד־
עָֽתָּה׃ וַיָּ֖מָת חֲזָאֵ֣ל מֶלֶךְ־אֲרָ֑ם וַיִּמְלֹ֛ךְ בֶּן־הֲדַ֥ד בְּנ֖וֹ תַּחְתָּֽיו׃ 24
וַיָּ֡שָׁב יְהוֹאָ֣שׁ בֶּן־יְהוֹאָחָ֡ז וַיִּקַּ֣ח אֶת־הֶעָרִים֩ מִיַּ֨ד בֶּן־הֲדַ֜ד כה
בֶּן־חֲזָאֵ֗ל אֲשֶׁ֤ר לָקַח֙ מִיַּ֔ד יְהוֹאָחָ֥ז אָבִ֖יו בַּמִּלְחָמָ֑ה שָׁלֹ֤שׁ
פְּעָמִים֙ הִכָּ֣הוּ יוֹאָ֔שׁ וַיָּ֖שֶׁב אֶת־עָרֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃

## יד Cap. XIV. יד

בִּשְׁנַ֣ת שְׁתַּ֔יִם לְיוֹאָ֥שׁ בֶּן־יוֹאָחָ֖ז מֶ֣לֶךְ יִשְׂרָאֵ֑ל מָלַ֛ךְ אֲמַצְיָ֥הוּ א
בֶּן־יוֹאָ֖שׁ מֶ֥לֶךְ יְהוּדָֽה׃ בֶּן־עֶשְׂרִ֨ים וְחָמֵ֤שׁ שָׁנָה֙ הָיָ֣ה 2
בְמָלְכ֔וֹ וְעֶשְׂרִ֣ים וָתֵ֗שַׁע שָׁנָ֔ה מָלַ֖ךְ בִּירוּשָׁלָ֑͏ִם וְשֵׁ֣ם אִמּ֔וֹ
יְהוֹעַדָּ֖ין מִן־יְרוּשָׁלָֽ͏ִם׃ וַיַּ֤עַשׂ הַיָּשָׁר֙ בְּעֵינֵ֣י יְהוָ֔ה רַ֕ק לֹ֖א 3
כְּדָוִ֣ד אָבִ֑יו כְּכֹ֛ל אֲשֶׁר־עָשָׂ֛ה יוֹאָ֥שׁ אָבִ֖יו עָשָֽׂה׃ רַ֥ק הַבָּמ֖וֹת 4
לֹא־סָ֑רוּ ע֥וֹד הָעָ֛ם מְזַבְּחִ֥ים וּֽמְקַטְּרִ֖ים בַּבָּמֽוֹת׃ וַיְהִ֕י ה
כַּאֲשֶׁ֛ר חָזְקָ֥ה הַמַּמְלָכָ֖ה בְּיָד֑וֹ וַיַּךְ֙ אֶת־עֲבָדָ֔יו הַמַּכִּ֖ים אֶת־
הַמֶּ֥לֶךְ אָבִֽיו׃ וְאֶת־בְּנֵ֥י הַמַּכִּ֖ים לֹ֣א הֵמִ֑ית כַּכָּת֣וּב בְּסֵ֣פֶר 6
תּֽוֹרַת־מֹשֶׁה֩ אֲשֶׁר־צִוָּ֨ה יְהוָ֜ה לֵאמֹ֗ר לֹא־יוּמְת֨וּ אָב֤וֹת עַל־
בָּנִים֙ וּבָנִ֞ים לֹא־יוּמְת֣וּ עַל־אָב֔וֹת כִּ֛י אִם־אִ֥ישׁ בְּחֶטְא֖וֹ
יָמֽוּת׃ הֽוּא־הִכָּ֨ה אֶת־אֱד֤וֹם בְּגֵיא־הַמֶּ֙לַח֙ עֲשֶׂ֣רֶת אֲלָפִ֔ים 7
וְתָפַ֥שׂ אֶת־הַסֶּ֖לַע בַּמִּלְחָמָ֑ה וַיִּקְרָ֤א אֶת־שְׁמָהּ֙ יָקְתְאֵ֔ל עַ֖ד
הַיּ֥וֹם הַזֶּֽה׃ אָ֣ז שָׁלַ֤ח אֲמַצְיָה֙ מַלְאָכִ֔ים אֶל־יְהוֹאָ֧שׁ 8
בֶּן־יְהוֹאָחָ֛ז בֶּן־יֵה֖וּא מֶ֣לֶךְ יִשְׂרָאֵ֑ל לֵאמֹ֕ר לְכָ֖ה נִתְרָאֶ֥ה
פָנִֽים׃ וַיִּשְׁלַ֞ח יְהוֹאָ֣שׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵ֗ל אֶל־אֲמַצְיָ֤הוּ מֶֽלֶךְ־ 9
יְהוּדָה֙ לֵאמֹ֔ר הַח֙וֹחַ֙ אֲשֶׁ֣ר בַּלְּבָנ֗וֹן שָׁלַ֞ח אֶל־הָאֶ֙רֶז֙ אֲשֶׁ֣ר

בלבנון

יד v. 2. יתיר י v. 6. יומת קרי v. 7. מלח קרי

21 איין מאָל האָט מען בעערדיגט אַ מאַן, ערשט זיי האָבען דערזעהען די
רויבער־באַנדע, האָבען זיי דעם טוידטען אַריינגעוואָרפען אין אלישע'ס
קבר, פאַלענדיג האָט זיך דעם מענשענס קערפּער אָנגערירט אַן אלישע'ס
גליעדער, איז ער גלייך לעבעדיג געוואָרען און געשטעלט זיך אויף
זיינע פיס.
22 חזאל, קעניג פון ארם, האָט איינג געמאַכט ישראל די גאַנצע צייט
פון יהואחז,
23 ביז גאָט האָט זיי בעגנאַדיגט, ערבאַרמט זיך אויף זיי און געווענדעט
זיך צו זיי, צוליעב זיין בונד מיט אברהם, יצחק און יעקב, ער האָט
זיי נאָך ניט געוואָלט אונטערברייינגען און פערוואָרפען זיי פון זיין
געזיכט.
24 אַז חזאל קעניג פון ארם איז געשטאָרבען האָט זיין זוהן בן־הדד רעגירט
נאָך איהם.
25 דאַן האָט יהואש, יהואחז'ס זוהן, צוריק אָבגענומען פון בן־הדד, חזאל'ס
זוהן, די שטעדט וועלכע ער האָט אין קריעג צוגענומען פון זיין פאַטער.
דריי מאָל האָט איהם יואש געשלאָגען ביז ער האָט צוריק צוגענומען די
שטעדט פון ישראל.

## קאַפּיטעל יד

1 אין צווייטען יאָהר פון יואש, יואחז'ס זוהן, קעניג פון ישראל, איז
קעניג געוואָרען אמציהו, יואש'ס זוהן, קעניג פון יהודה.
2 פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט איז ער קעניג געוואָרען און ניין־און־
צוואַנציג יאָהר האָט ער רעגירט אין ירושלים, זיין מוטער האָט מען
גערופען יהועדן פון ירושלים.
3 ער האָט געטהאָן וואָס עס געפעהלט גאָט, אַלץ אַזוי ווי זיין פאַטער
יואש האָט געטהאָן, אָבער ניט ווי זיין אור־פאַטער דוד.
4 די באַרג־אַלטאַרען זיינען ניט אָבגעשאַפט געוואָרען — דאָס פאָלק האָט
נאָך געאָפּפערט און גערויכערט אויף די באַרג־אַלטאַרען.
5 אַז די רעגיערונג איז פעסט געוואָרען אין זיין האַנד, האָט ער געטוידט
זיינע קנעכט וועלכע האָבען ערשלאָגען זיין פאַטער, דעם קעניג.
6 די קינדער פון די שלאָגער האָט ער ניט געטוידט, אַזוי ווי עס איז גע־
שריבען אין משה'ס געזעץ בוך, וואָס גאָט האָט איהם בעפעהלען זאָ־
גענדיג: „עלטערן זאָלען ניט געטוידט ווערען איבער דעם פאַרברעכען
פון קינדער, און קינדער זאָלען ניט געטוידט ווערען איבער דעם פאַר־
ברעכען פון די עלטערן — נאָר פאַר זיינע אייגענע זינד קען אַ מענש
געטוידט ווערען."
7 ער האָט אין זאַלץ־טהאל ערשלאָגען צעהען טויזענד פון אדום אין אָב־
גענומען סלע אין קריעג, ער האָט עס אַ נאָמען געגעבען יקתאל [און
דאָס איז איהר נאָמען] ביז יעצט.
8 דאַן האָט אמציה געשיקט לייטע צו יהואש זוהן פון יהואחז, זוהן פון
יהוא, קעניג פון ישראל, אַזוי צו זאָגען: „קום, לאָמיר איינער דעם
אַנדערן אַנקוקען! . . ."
9 האָט יהואש, קעניג פון ישראל, געשיקט זאָגען אמציהו, קע־
ניג פון יהודה: „דער קליינער דאָרן פון לבנון האָט געשיקט

בַּלְּבָנוֹן לֵאמֹר תְּנָה אֶת־בִּתְּךָ לִבְנִי לְאִשָּׁה וַתַּעֲבֹר חַיַּת
י הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וַתִּרְמֹס אֶת־הַחוֹחַ׃ הַכֵּה הִכִּיתָ
אֶת־אֱדוֹם וּנְשָׂאֲךָ לִבֶּךָ הִכָּבֵד וְשֵׁב בְּבֵיתֶךָ וְלָמָּה תִתְגָּרֶה
11 בְּרָעָה וְנָפַלְתָּה אַתָּה וִיהוּדָה עִמָּךְ׃ וְלֹא־שָׁמַע אֲמַצְיָהוּ
וַיַּעַל יְהוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיִּתְרָאוּ פָנִים הוּא וַאֲמַצְיָהוּ
12 מֶלֶךְ־יְהוּדָה בְּבֵית שֶׁמֶשׁ אֲשֶׁר לִיהוּדָה׃ וַיִּנָּגֶף יְהוּדָה
13 לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיָּנֻסוּ אִישׁ לְאֹהָלָו׃ וְאֵת אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־
יְהוּדָה בֶּן־יְהוֹאָשׁ בֶּן־אֲחַזְיָהוּ תָּפַשׂ יְהוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל
בְּבֵית שָׁמֶשׁ וַיָּבֹאוּ יְרוּשָׁלַםִ וַיִּפְרֹץ בְּחוֹמַת יְרוּשָׁלַםִ
בְּשַׁעַר אֶפְרַיִם עַד־שַׁעַר הַפִּנָּה אַרְבַּע מֵאוֹת אַמָּה׃
14 וְלָקַח אֶת־כָּל־הַזָּהָב וְהַכֶּסֶף וְאֵת כָּל־הַכֵּלִים הַנִּמְצְאִים
בֵּית־יְהוָה וּבְאֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֵת בְּנֵי הַתַּעֲרֻבוֹת
טו וַיָּשָׁב שֹׁמְרוֹנָה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יְהוֹאָשׁ אֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ
וַאֲשֶׁר נִלְחַם עִם אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים
16 עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב יְהוֹאָשׁ
עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּשֹׁמְרוֹן עִם מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּמְלֹךְ
17 יָרָבְעָם בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וַיְחִי אֲמַצְיָהוּ בֶן־יוֹאָשׁ מֶלֶךְ
יְהוּדָה אַחֲרֵי מוֹת יְהוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חֲמֵשׁ
18 עֶשְׂרֵה שָׁנָה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֲמַצְיָהוּ הֲלֹא־הֵם כְּתֻבִים
19 עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּקְשְׁרוּ עָלָיו
קֶשֶׁר בִּירוּשָׁלַםִ וַיָּנָס לָכִישָׁה וַיִּשְׁלְחוּ אַחֲרָיו לָכִישָׁה
כ וַיְמִתֻהוּ שָׁם׃ וַיִּשְׂאוּ אֹתוֹ עַל־הַסּוּסִים וַיִּקָּבֵר בִּירוּשָׁלַםִ
21 עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד׃ וַיִּקְחוּ כָּל־עַם יְהוּדָה אֶת־עֲזַרְיָה
וְהוּא בֶּן־שֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיַּמְלִכוּ אֹתוֹ תַּחַת אָבִיו
22 אֲמַצְיָהוּ׃ הוּא בָּנָה אֶת־אֵילַת וַיְשִׁבֶהָ לִיהוּדָה אַחֲרֵי
23 שְׁכַב־הַמֶּלֶךְ עִם־אֲבֹתָיו׃ בִּשְׁנַת חֲמֵשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה
לַאֲמַצְיָהוּ בֶן־יוֹאָשׁ מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ יָרָבְעָם בֶּן־יוֹאָשׁ

מלך

v. 12 לאהליו קרי. v. 13 ויבא קרי

צום גרויסען צעדער פון לבנון אזוי צו זאָגען : „פארהייראַט דיין טאָכ־
טער פאר מיין זוהן !" איז ארוים די פעלד־ארמעע פון לבנון און צו־
טראָטען דעם קליינעם דאָרן . . .

10 דו האָסט איינינע מאָל בעזיגט אדום, האָסטו שוין מוטה בעקומען . . .
היט דיין עהרע און בלייב אין דער היים ! רייץ ניט דעם אונגליק ! דו
וועסט נאָך דורכפאלען און גאנץ יהודה מיט דיר . . ."

11 אמציהו האָט אָבער ניט געוואָלט הערען, איז יהואש, קעניג פון
ישראל געקומען אויף אמציהו, קעניג פון יהודה, און זיי האָבען זיך
אָנגעקוקט אין בית שמש, וואָס אין יהודה.

12 אָבער יהודה איז געשלאָגען געוואָרען פאר ישראל און זיי זיינען צולאָ־
פען יעדער צו זיינע געצעלטען.

13 אמציהו'ן דעם קעניג פון יהודה (זוהן פון יהואש, זוהן פון אחזיהו)
האָט יהואש, קעניג פון ישראל געכאַפּט. דאן איז ער אריין אין
ירושלים און האָט צובראָכען די מויער־וואנד פונ'ם טהויער אפרים ביז'ן
ווינקעל־טהויער — פיער הונדערט איילען.

14 ער האָט אויך צוגענומען דאָס גאנצע גאָלד און זילבער און אלע געשיר
(כלים) וואָס זיינען געווען אין גאָט'ס הויז און אין קעניגס שאַטצקאַמערן,
אויך די פער'משכונ'טע קינדער, און אוועק צוריק אין שמרון.

15 די איבריגע פאסירונגען יהואש'ס, אלץ וואָס ער האָט געטהאָן, זיין
העלדענטהאַט און וועגען די קריעג מיט אמציהו קעניג פון יהודה, איז
פארשריבען אין בוך „צייטפאסירונגען פון די קעניגע ישראל'ס".

16 אז יהואש איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין שמרון נעבען
די קעניגע פון ישראל ; זיין זוהן ירבעם האָט רעגירט נאָך איהם.

17 אמציהו, יואש'ס זוהן, קעניג פון יהודה האָט געלעבט נאָך דעם טוידט
פון יהואש, יהואחז'ס זוהן, קעניג פון ישראל, פופצעהן יאָהר.

18 די איבריגע פאסירונגען אמציהו'ס זיינען פארשריבען אין בוך „צייט־
פאסירונגען פון די קעניגע יהודה'ס".

19 מ'האָט קעגען איהם אַ פארשווערונג געמאַכט אין ירושלים איז ער
אנטלאָפען אין לכיש ; האָט מען אָבער נאָך איהם געשיקט אין לכיש
און געטוידט איהם דאָרטען.

20 מ'האָט איהם אויף פערד געבראַכט אין ירושלים און בעערדיגט נעבען
זיינע עלטערן אין דוד'ס שטאָדט.

21 דאן האָט די גאנצע באפעלקערונג פון יהודה גענומען עזריהו'ן [ער
איז אלט געווען זעכצעהן יאָהר] און האָבען איהם אלס קעניג ערקלעהרט
אנשטאַט זיין פאטער אמציהו.

22 נאָך זיין פאטער'ס טוידט האָט ער איבערגעבויט אילת און צוגעגעבען
עס צו יהודה.

23 אין פופצעהנטען יאָהר פון אמציהו, יואש'ס זוהן, קעניג פון יהודה,
איז ירבעם, יואש'ס זוהן, קעניג געוואָרען איבער ישראל ; איין־און־
פערציג יאָהר האָט ער רעגירט אין שמרון.

מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן אַרְבָּעִים וְאַחַת שָׁנָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע 24
בְּעֵינֵי יְהוָה לֹא סָר מִכָּל־חַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר
הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ הוּא הֵשִׁיב אֶת־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל כה
מִלְּבוֹא חֲמָת עַד־יָם הָעֲרָבָה כִּדְבַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד עַבְדּוֹ יוֹנָה בֶן־אֲמִתַּי הַנָּבִיא אֲשֶׁר מִגַּת
הַחֵפֶר׃ כִּי־רָאָה יְהוָה אֶת־עֳנִי יִשְׂרָאֵל מֹרֶה מְאֹד וְאֶפֶס 26
עָצוּר וְאֶפֶס עָזוּב וְאֵין עֹזֵר לְיִשְׂרָאֵל׃ וְלֹא־דִבֶּר יְהוָה 27
לִמְחוֹת אֶת־שֵׁם יִשְׂרָאֵל מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם וַיּוֹשִׁיעֵם בְּיַד
יָרָבְעָם בֶּן־יוֹאָשׁ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יָרָבְעָם וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה 28
וּגְבוּרָתוֹ אֲשֶׁר־נִלְחָם וַאֲשֶׁר הֵשִׁיב אֶת־דַּמֶּשֶׂק וְאֶת־חֲמָת
לִיהוּדָה בְּיִשְׂרָאֵל הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים
לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב יָרָבְעָם עִם־אֲבֹתָיו עִם מַלְכֵי 29
יִשְׂרָאֵל וַיִּמְלֹךְ זְכַרְיָה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## טו Cap. XV. טו

בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וָשֶׁבַע שָׁנָה לְיָרָבְעָם מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל מָלַךְ א
עֲזַרְיָה בֶן־אֲמַצְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־שֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה 2
הָיָה בְמָלְכוֹ וַחֲמִשִּׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם
אִמּוֹ יְכָלְיָהוּ מִירוּשָׁלִָם׃ וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל 3
אֲשֶׁר־עָשָׂה אֲמַצְיָהוּ אָבִיו׃ רַק הַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ עוֹד 4
הָעָם מְזַבְּחִים וּמְקַטְּרִים בַּבָּמוֹת׃ וַיְנַגַּע יְהוָה אֶת־הַמֶּלֶךְ ה
וַיְהִי מְצֹרָע עַד־יוֹם מֹתוֹ וַיֵּשֶׁב בְּבֵית הַחָפְשִׁית וְיוֹתָם
בֶּן־הַמֶּלֶךְ עַל־הַבַּיִת שֹׁפֵט אֶת־עַם הָאָרֶץ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי 6
עֲזַרְיָהוּ וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב עֲזַרְיָה עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרוּ 7
אֹתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד וַיִּמְלֹךְ יוֹתָם בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃
בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה לַעֲזַרְיָהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ 8
זְכַרְיָהוּ בֶן־יָרָבְעָם עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן שִׁשָּׁה חֳדָשִׁים׃



יד v. 23. כ״א על v. 24. מלא ה v. 28. קמץ בז״ק

24 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, ניט אוועק־
געהענדיג פון אלע זינד פון ירבעם, נבט'ס זוהן, וועלכער האָט זינדיג
געמאַכט גאַנץ ישראל.

25 ער האָט צוגעגעבען צום גרענעץ פון ישראל פון אריינגאַנג צו חמת
ביז'ן ים פון ערב, ווי עס האָט פארשפּראָכען גאָט פון ישראל ווען ער
האָט גערעדט דורך זיין קנעכט יונה, אמתי דעם נביא'ס זוהן, פון
גת־חפר.

26 ווען גאָט האָט געזעהען אז ישראל איז זעהר ניעדערגעשלאָגען און עס
איז ניטאָ קיין הערשער, קיין פערשטאַרקער און קיין רעטער אין
ישראל.

27 גאָט האָט שוין ניט גערעדט אויסצומעקען דעם נאָמען ישראל פון
אונטער'ן הימעל, נאָר ער האָט זיי געהאָלפען דורך ירבעם'ן יואש'ס
זוהן.

28 די איבריגע פּאַסירונגען ירבעם'ס, אלץ וואָס ער האָט געטהאָן, זיין
העלדענטהאַט, זיין קריעג פיהרען און ווי ער האָט צוריקגענומען דמשק
און חמת פאַר יהודה און ישראל, זיינען פארשריבען אין בוך „צייט־
פּאַסירונגען פון די קעניגע ישראל'ס".

29 ירבעם איז געשטאָרבען (און בעערדיגט געוואָרען) נעבען זיינע עלטערן,
די קעניגע פון ישראל; נאָך איהם האָט רעגירט זיין זוהן זכריה.

## קאַפּיטעל טו

1 אין זיעבען־און־צוואַנציגסטען יאָהר פון ירבעם, קעניג פון ישראל, איז
קעניג געוואָרען עזריה, אמציהו'ס זוהן, קעניג פון יהודה.

2 זעכצעהן יאָהר אַלט איז ער קעניג געוואָרען און צוויי־און־פופציג יאָהר
האָט ער רעגירט אין ירושלים; זיין מוטער האָט מען גערופען יכליהו
פון ירושלים.

3 ער האָט געטהאָן אלץ וואָס איז גאָט געפעהלען, אלץ אַזוי ווי עס האָט
געטהאָן זיין פאָטער אמציהו.

4 נאָר די באַרג־אַלטאַרען זיינען ניט אָבגעשאַפט געווען, דאָס פאָלק
האָט נאָך געאָפּפערט און גערויכערט אויף די באַרג־אַלטאַרען.

5 גאָט האָט דעם קעניג געשטראָפט — ער איז געווען קרעציג און ביז זיין
שטאַרבען איז ער געווען אין אַ אָבגעזונדערטע הויז. יותם, דעם קע־
ניגס זוהן, דער פערוואַלטער פונ'ם הויז איז דער ריכטער פונ'ם פאָלק
געווען.

6 די איבריגע פּאַסירונגען עזריהו'ס און אלץ וואָס ער האָט געטהאָן איז
פארשריבען אין בוך „צייטפּאַסירונגען פון די קעניגע יהודה'ס".

7 אז עזריה איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט נעבען זיינע על־
טערן אין דוד'ס שטאָדט. נאָך איהם האָט רעגירט זיין זוהן יותם.

8 אין אכט־און־דרייסיגסטען יאָהר פון עזריהו, קעניג פון יהודה, איז
זכריהו, ירבעם'ס זוהן קעניג געוואָרען איבער ישראל. [ער האָט רע־
גירט] אין שמרון זעקס מאָנאַטען.

9 וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ אֲבֹתָיו לֹא סָר
מֵחַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
י וַיִּקְשֹׁר עָלָיו שַׁלֻּם בֶּן־יָבֵשׁ וַיַּכֵּהוּ קָבָל־עָם וַיְמִיתֵהוּ וַיִּמְלֹךְ
11 תַּחְתָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי זְכַרְיָה הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
12 הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ הוּא דְבַר־יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר אֶל־
יֵהוּא לֵאמֹר בְּנֵי רְבִיעִים יֵשְׁבוּ לְךָ עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל
13 וַיְהִי־כֵן׃ שַׁלּוּם בֶּן־יָבֵישׁ מָלַךְ בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים
וָתֵשַׁע שָׁנָה לְעֻזִּיָּה מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ יֶרַח־יָמִים בְּשֹׁמְרוֹן׃
14 וַיַּעַל מְנַחֵם בֶּן־גָּדִי מִתִּרְצָה וַיָּבֹא שֹׁמְרוֹן וַיַּךְ אֶת־שַׁלּוּם
טו בֶּן־יָבֵישׁ בְּשֹׁמְרוֹן וַיְמִיתֵהוּ וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי
שַׁלּוּם וְקִשְׁרוֹ אֲשֶׁר קָשָׁר הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
16 הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ אָז יַכֶּה־מְנַחֵם אֶת־תִּפְסַח
וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בָּהּ וְאֶת־גְּבוּלֶיהָ מִתִּרְצָה כִּי לֹא פָתַח
17 וַיַּךְ אֵת כָּל־הֶהָרוֹתֶיהָ בִּקֵּעַ׃ בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וָתֵשַׁע
שָׁנָה לַעֲזַרְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ מְנַחֵם בֶּן־גָּדִי עַל־יִשְׂרָאֵל
18 עֶשֶׂר שָׁנִים בְּשֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לֹא־סָר
מֵעַל חַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר־הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל
19 כָּל־יָמָיו׃ בָּא פוּל מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל־הָאָרֶץ וַיִּתֵּן מְנַחֵם
לְפוּל אֶלֶף כִּכַּר־כָּסֶף לִהְיוֹת יָדָיו אִתּוֹ לְהַחֲזִיק הַמַּמְלָכָה
כ בְּיָדוֹ׃ וַיֹּצֵא מְנַחֵם אֶת־הַכֶּסֶף עַל־יִשְׂרָאֵל עַל כָּל־גִּבּוֹרֵי
הַחַיִל לָתֵת לְמֶלֶךְ אַשּׁוּר חֲמִשִּׁים שְׁקָלִים כֶּסֶף לְאִישׁ
21 אֶחָד וַיָּשָׁב מֶלֶךְ אַשּׁוּר וְלֹא־עָמַד שָׁם בָּאָרֶץ׃ וְיֶתֶר
דִּבְרֵי מְנַחֵם וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־
22 סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב מְנַחֵם עִם־
23 אֲבֹתָיו וַיִּמְלֹךְ פְּקַחְיָה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃ בִּשְׁנַת חֲמִשִּׁים
שָׁנָה לַעֲזַרְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ פְּקַחְיָה בֶן־מְנַחֵם עַל־
24 יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן שְׁנָתָיִם׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לֹא



v. 9. מלא ו v. 16. כצ״ל v. 18. מלא ה

9 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, (ווי זיינע עלטערן האָבען געטהאָן) ער האָט ניט אָבגעטראָטען פון די זינד פון ירבעם, נבט'ס זוהן, וועלכער האָט גאַנץ ישראל זינדיג געמאַכט.

10 קעגען איהם האָט אַ פערשווערונג געמאַכט שלם, יבש'ס זוהן ; אין געגענוואַרט פון פאָלק האָט ער איהם ערשלאָגען און געטוידט. ער האָט נאָך איהם רעגירט.

11 די איבריגע פאַסירונגען זכריה'ס זיינען פאַרשריבען אין בוך „צייטפאַסי־רונגען פון די קעניגע ישראל'ס".

12 דערמיט איז ערפילט געוואָרען גאָט'ס וואָרט וואָס ער האָט גערעדט צו יהוא'ן זאָגענדיג : „דיינע אור־אור־אייניקלאך וועלען זיצען אויפ'ן טהראָן פון ישראל" ; אַזוי איז עס געווען.

13 שלום, יבש'ס זוהן, איז קעניג געוואָרען אין ניין־און־דרייסיגסטען יאָהר פון עזיה, קעניג פון יהודה ; ער האָט רעגירט אין שמרון איין מאָנאַט.

14 דאן איז ארויס מנחם, גדי'ס זוהן, פון תרצה, און געקומען אין שמרון ; ער האָט אין שמרון ערשלאָגען און געטוידט שלום'ן, יבש'ס זוהן, און רעגירט נאָך איהם.

15 די איבריגע פאסירונגען שלום'ס און זיין פערשווערונג וואָס ער האָט געמאַכט, זיינען פארשריבען אין בוך „צייטפאסירונגען פון די קעניגע ישראל'ס."

16 אין יענער צייט האָט מנחם צושלאָגען תפסח, און איהרע איינוואוינער און גרענעץ בעוואוינער, ווייל מ'האָט איהם ניט געעפענט האָט ער זיי ערשלאָגען, ער האָט אויך אַלע איהרע בארג פעסטונגען צו־שמעטערט.

17 אין ניין־און־דרייסיגסטען יאָהר פון עזריה, קעניג פון יהודה, איז קע־ניג געוואָרען מנחם, גדי'ס זוהן, איבער ישראל. צעהען יאָהר האָט ער רעגירט אין שמרון.

18 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, ער איז זיין גאנצען לעבען ניט אַוועק פון די זינד פון ירבעם, נבט'ס זוהן, וועלכער האָט זינדיג געמאַכט גאַנץ ישראל.

19 פול, קעניג פון אשור, איז אַרויף אויפ'ן לאַנד, האָט מנחם געגעבען פול'ן טויזענד צענטנער זילבער אום ער זאָל איהם בעהילפיג זיין אַז די רעגירונג זאָל ביי איהם פעסטער זיין.

20 מנחם האָט דעם געלד אבצאהל געלעגט אויף ישראל, יעדער שטאַרקער מאַן האָט גערדאַרפט צאָהלען פאַר אשור'ס קעניג פופציג זילבער שקלים ; דאן איז דער קעניג פון אשור אַוועק, און איז ניט געבליבען אין לאַנד.

21 די איבריגע פאסירונגען מנחם'ס און אלץ וואָס ער האָט געטהאָן איז פארשריבען אין בוך „צייטפאסירונגען פון די קעניגע ישראל'ס".

22 אַז מנחם איז געשטאָרבען האָט פקחיה זיין זוהן רעגירט נאָך איהם.

23 אין פופציגסטען יאָהר פון עזריה, קעניג פון יהודה, איז פקחיה מנחם'ס זוהן קעניג געוואָרען איבער ישראל ; צוויי יאָהר האָט ער רעגירט אין שמרון.

24 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, און האָט ניט

סָר מֵחַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
כה וַיִּקְשֹׁר עָלָיו פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ שָׁלִישׁוֹ וַיַּכֵּהוּ בְשֹׁמְרוֹן
בְּאַרְמוֹן בֵּית־מֶלֶךְ אֶת־אַרְגֹּב וְאֶת־הָאַרְיֵה וְעִמּוֹ חֲמִשִּׁים
26 אִישׁ מִבְּנֵי גִלְעָדִים וַיְמִתֵהוּ וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי
פְקַחְיָה וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
27 הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ בִּשְׁנַת חֲמִשִּׁים וּשְׁתַּיִם
שָׁנָה לַעֲזַרְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ עַל־
28 יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן עֶשְׂרִים שָׁנָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה
לֹא סָר מֵחַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־
29 יִשְׂרָאֵל׃ בִּימֵי פֶּקַח מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל בָּא תִּגְלַת פִּלְאֶסֶר
מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיִּקַּח אֶת־עִיּוֹן וְאֶת־אָבֵל בֵּית־מַעֲכָה וְאֶת־
יָנוֹחַ וְאֶת־קֶדֶשׁ וְאֶת־חָצוֹר וְאֶת־הַגִּלְעָד וְאֶת־הַגָּלִילָה כֹּל
ל אֶרֶץ נַפְתָּלִי וַיַּגְלֵם אַשּׁוּרָה׃ וַיִּקְשָׁר־קֶשֶׁר הוֹשֵׁעַ בֶּן־אֵלָה
עַל־פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ וַיַּכֵּהוּ וַיְמִיתֵהוּ וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו
31 בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים לְיוֹתָם בֶּן־עֻזִּיָּה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי פֶקַח וְכָל־
אֲשֶׁר עָשָׂה הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי
32 יִשְׂרָאֵל׃ בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְפֶקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ מֶלֶךְ
33 יִשְׂרָאֵל מָלַךְ יוֹתָם בֶּן־עֻזִּיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־עֶשְׂרִים
וְחָמֵשׁ שָׁנָה הָיָה בְמָלְכוֹ וְשֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָם
34 וְשֵׁם אִמּוֹ יְרוּשָׁא בַּת־צָדוֹק׃ וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה
לה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה עֻזִּיָּהוּ אָבִיו עָשָׂה׃ רַק הַבָּמוֹת לֹא סָרוּ
עוֹד הָעָם מְזַבְּחִים וּמְקַטְּרִים בַּבָּמוֹת הוּא בָּנָה אֶת־
36 שַׁעַר בֵּית־יְהוָה הָעֶלְיוֹן׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יוֹתָם וְכָל־אֲשֶׁר
עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי
37 יְהוּדָה׃ בַּיָּמִים הָהֵם הֵחֵל יְהוָה לְהַשְׁלִיחַ בִּיהוּדָה
38 רְצִין מֶלֶךְ אֲרָם וְאֵת פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ׃ וַיִּשְׁכַּב יוֹתָם

עם

v. 24. מטא ר   v. 25. המלך קרי   v. 28. מלא ר

אבגעטראטען פון די זינד פון ירבעם, נבט'ס זוהן, וועלכער האט זינדיג געמאכט גאנץ ישראל.

25 פקח, רמליהו'ס זוהן, זיין אדיוטאנט, האט קעגען איהם א פערשווע־רונג געמאכט, ער מיט ארגב און אריה האבען איהם ערשלאגען אין שמרון, אין קעניגליכען פאלאץ מיט נאך פופציג מאן פון גלעד; ער האט איהם געטוידט און רעגירט נאך איהם.

26 די איבריגע פאסירונגען פקחיה'ס און אלץ וואס ער האט געטהאן, איז פארשריבען אין בוך „צייטפאסירונגען פון די קעניג ישראל'ס".

27 אין צוויי־און־פופציגסטען יאהר פון עזריה, קעניג פון יהודה, איז פקח, רמליהו'ס זוהן, קעניג געווארען איבער ישראל; צוואנציג יאהר האט ער רעגירט אין שמרון.

28 ער האט געטהאן דאס וואס עס איז שלעכט אין גאט'ס אויגען און ניט אבגעטראטען פון די זינד פון ירבעם, נבט'ס זוהן, וועלכער האט גאנץ ישראל זינדיג געמאכט.

29 אין דער צייט פון פקח, קעניג פון ישראל, איז געקומען תגלת פלאסר, קעניג פון אשור און האט צוגענומען עיון, אבל בית מעכה, ינוח, קדש, חצור, גלעד און גליל — דאס גאנצע לאנד פון נפתלי, און האט זיי פארטריבען אין אשור.

30 דאן האט הושע, אלה'ס זוהן, א פערשווערונג געמאכט קעגען פקח, רמליהו'ס זוהן, ער האט איהם טוידט געשלאגען און רעגירט נאך איהם. דאס האט פאסירט אין צוואנציגסטען יאהר פון יותם, עזיה'ס זוהן.

31 די איבריגע פאסירונגען פקח'ס און אלץ וואס ער האט געטהאן, איז פארשריבען אין בוך „צייטפאסירונגען פון די קעניגע ישראל'ס".

32 אין צוועלפטען יאהר פון פקח, רמליהו'ס זוהן, קעניג פון ישראל, איז קעניג געווארען יותם, עזיהו'ס זוהן, קעניג פון יהודה.

33 פינף־און־צוואנציג יאהר אלט איז ער קעניג געווארען, און זעכצעהן יאהר האט ער רעגירט איבער ירושלים; זיין מוטער האט מען גערופען ירושא, צדוק'ס טאכטער.

34 ער האט געטהאן וואס עס איז גאט געפעהלען, אלץ ווי עס האט געטהאן זיין פאטער עזיהו.

35 נאר די בארג־אלטארען זיינען ניט אבגעשאפט געווארען, דאס פאלק האט נאך געאפפערט און גערויכערט אויף די בארג־אלטארען. ער האט געבויט דעם אויבערשטען טהויער צו גאט'ס הויז.

36 די איבריגע פאסירונגען יותם'ס און אלץ וואס ער האט געטהאן איז פאר־שריבען אין בוך „צייטפאסירונגען פון די קעניגע יהודה'ס".

37 אין יענער צייט האט גאט אנגעפאנגען אנשיקען אויף יהודה רצין, קעניג פון ארם, און פקח רמליהו'ס זוהן.

עִם־אֲבֹתָ֔יו וַיִּקָּבֵ֥ר עִם־אֲבֹתָ֖יו בְּעִ֣יר דָּוִ֣ד אָבִ֑יו וַיִּמְלֹ֛ךְ אָחָ֥ז
בְּנ֖וֹ תַּחְתָּֽיו׃

## טז CAP. XVI. טז

א בִּשְׁנַ֗ת שְׁבַֽע־עֶשְׂרֵה֙ שָׁנָ֔ה לְפֶ֖קַח בֶּן־רְמַלְיָ֑הוּ מָלַ֛ךְ אָחָ֥ז
2 בֶּן־יוֹתָ֖ם מֶ֥לֶךְ יְהוּדָֽה׃ בֶּן־עֶשְׂרִ֤ים שָׁנָה֙ אָחָ֣ז בְּמָלְכ֔וֹ
וְשֵׁשׁ־עֶשְׂרֵ֣ה שָׁנָ֔ה מָלַ֖ךְ בִּירוּשָׁלִָ֑ם וְלֹא־עָשָׂ֣ה הַיָּשָׁ֗ר
3 בְּעֵינֵ֛י יְהוָ֥ה אֱלֹהָ֖יו כְּדָוִ֥ד אָבִֽיו׃ וַיֵּ֕לֶךְ בְּדֶ֖רֶךְ מַלְכֵ֣י
יִשְׂרָאֵ֑ל וְגַ֤ם אֶת־בְּנוֹ֙ הֶעֱבִ֣יר בָּאֵ֔שׁ כְּתֹֽעֲבוֹת֙ הַגּוֹיִ֔ם אֲשֶׁ֨ר
4 הוֹרִ֤ישׁ יְהוָה֙ אֹתָ֔ם מִפְּנֵ֖י בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיְזַבֵּ֧חַ וַיְקַטֵּ֛ר
ה בַּבָּמ֖וֹת וְעַל־הַגְּבָע֑וֹת וְתַ֖חַת כָּל־עֵ֥ץ רַעֲנָֽן׃ אָ֣ז יַעֲלֶה֩ רְצִ֨ין
מֶֽלֶךְ־אֲרָ֜ם וּפֶ֨קַח בֶּן־רְמַלְיָ֧הוּ מֶֽלֶךְ־יִשְׂרָאֵ֛ל יְרוּשָׁלִַ֖ם
לַמִּלְחָמָ֑ה וַיָּצֻ֙רוּ֙ עַל־אָחָ֔ז וְלֹ֥א יָכְל֖וּ לְהִלָּחֵֽם׃
6 בָּעֵ֣ת הַהִ֗יא הֵ֠שִׁיב רְצִ֨ין מֶלֶךְ־אֲרָ֤ם אֶת־אֵילַת֙ לַֽאֲרָ֔ם
וַיְנַשֵּׁ֥ל אֶת־הַיְהוּדִ֖ים מֵֽאֵיל֑וֹת וַאֲרוֹמִים֙ בָּ֣אוּ אֵילַ֔ת וַיֵּ֣שְׁבוּ
7 שָׁ֔ם עַ֖ד הַיּ֥וֹם הַזֶּֽה׃ וַיִּשְׁלַ֨ח אָחָ֜ז מַלְאָכִ֗ים אֶל־תִּ֠גְלַת
פְּלֶ֤סֶר מֶֽלֶךְ־אַשּׁוּר֙ לֵאמֹ֔ר עַבְדְּךָ֥ וּבִנְךָ֖ אָ֑נִי עֲלֵ֨ה וְהוֹשִׁעֵ֜נִי
8 מִכַּ֣ף מֶֽלֶךְ־אֲרָ֗ם וּמִכַּף֙ מֶ֣לֶךְ יִשְׂרָאֵ֔ל הַקּוֹמִ֖ים עָלָֽי׃ וַיִּקַּ֨ח
אָחָ֜ז אֶת־הַכֶּ֣סֶף וְאֶת־הַזָּהָ֗ב הַנִּמְצָא֙ בֵּ֣ית יְהוָ֔ה וּבְאֹצְר֖וֹת
9 בֵּ֣ית הַמֶּ֑לֶךְ וַיִּשְׁלַ֥ח לְמֶלֶךְ־אַשּׁ֖וּר שֹֽׁחַד׃ וַיִּשְׁמַ֤ע אֵלָיו֙
מֶ֣לֶךְ אַשּׁ֔וּר וַיַּ֨עַל מֶ֤לֶךְ אַשּׁוּר֙ אֶל־דַּמֶּ֔שֶׂק וַֽיִּתְפְּשֶׂ֑הָ וַיַּגְלֶ֣הָ
י קִ֔ירָה וְאֶת־רְצִ֖ין הֵמִֽית׃ וַיֵּלֶךְ֩ הַמֶּ֨לֶךְ אָחָ֜ז לִקְרַ֨את תִּגְלַ֤ת
פִּלְאֶ֙סֶר֙ מֶֽלֶךְ־אַשּׁוּר֙ דּוּמֶּ֔שֶׂק וַיַּ֖רְא אֶת־הַמִּזְבֵּ֣חַ אֲשֶׁ֣ר
בְּדַמָּ֑שֶׂק וַיִּשְׁלַח֩ הַמֶּ֨לֶךְ אָחָ֜ז אֶל־אוּרִיָּ֣ה הַכֹּהֵ֗ן אֶת־דְּמ֧וּת
11 הַמִּזְבֵּ֛חַ וְאֶת־תַּבְנִית֖וֹ לְכָל־מַעֲשֵֽׂהוּ׃ וַיִּ֛בֶן אוּרִיָּ֥ה הַכֹּהֵ֖ן
אֶת־הַמִּזְבֵּ֑חַ כְּכֹ֨ל אֲשֶׁר־שָׁלַ֜ח הַמֶּ֤לֶךְ אָחָז֙ מִדַּמֶּ֔שֶׂק כֵּ֤ן
12 עָשָׂה֙ אוּרִיָּ֣ה הַכֹּהֵ֔ן עַד־בּ֥וֹא הַמֶּֽלֶךְ־אָחָ֖ז מִדַּמָּֽשֶׂק׃ וַיָּבֹ֤א
הַמֶּ֙לֶךְ֙ מִדַּמֶּ֔שֶׂק וַיַּ֥רְא הַמֶּ֖לֶךְ אֶת־הַמִּזְבֵּ֑חַ וַיִּקְרַ֥ב הַמֶּ֛לֶךְ

עַל

v. 6. ואדומים קרי    v. 10. בשירק ודגש אחריו

38 אז יותם איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט נעבען זיינע עלטערן
אין דוד'ס שטאָדט. נאָך איהם האָט רעגירט זיין זוהן אחז.

## קאפיטעל טז

1 אין זיעבצעהנטען יאָהר פון פקח, רמליהו'ס זוהן, איז קעניג געוואָרען
אחז, יותם'ס זוהן, קעניג פון יהודה.

2 צוואנציג יאָהר אלט איז אחז קעניג געוואָרען און זעכצעהן יאָהר האָט
ער רעגירט אין ירושלים. ער האָט ניט געטהאָן וואָס עס איז גאָט גע־
פעהלען ווי זיין אור־פאטער דוד.

3 ער איז געגאנגען אין די וועגען פון די קעניגע פון ישראל, אויך האָט
ער זיין זוהן דורכגעפיהרט דורך פייער, ווי די גרויל־טהאַטען פון די
פעלקער, וואָס גאָט האָט זיי פארטריבען צוליעב די קינדער ישראל.

4 ער האָט געאָפּפערט אויף די בארג־אַלטאַרען און אויף די בערג, און
גערויכערט אונטער יעדער גרינעם בוים.

5 אין יענער צייט איז געקומען רצין קעניג פון ארם מיט פקח, רמליהו'ס
זוהן, קעניג פון ישראל אין קריעג קעגען ירושלים; זיי האָבען אחז'ן
בעלאגערט, האָבען איהם אָבער ניט בעזיגט.

6 אין דער זעלבער צייט האָט רצין, קעניג פון ארם, צוריק צוגענומען
אילת פאר ארם; ער האָט פון אילת ארויסגעטריבען די יהודים און
אדומים זיינען אין אילת געקומען און באזעצט זיך דאָרט ביז יעצט.

7 דאן האָט אחז געשיקט לייטע צו תגלת פלסר, קעניג פון אשור, אזוי
צו זאָגען: „איך בין אי דיין קנעכט אי דיין זוהן! קום און העלף מיר
פון די האַנד פונ'ם ארם'ס קעניג אויך פון די האַנד פון ישראל'ס קעניג,
וואָס האָבען זיך קעגען מיר געשטעלט."

8 און אחז האָט גענומען דאָס זילבער און גאָלד, וואָס האָט זיך געפונען
אין גאָט'ס הויז און אין די שאַטצקאמערן פון גאָט'ס הויז, ער האָט עס
אַוועקגעשיקט אַלס בעלוינונג.

9 דער קעניג פון אשור האָט מיט איהם איינגעשטימט, ער איז ארויף
אויף דמשק און צוגענומען איהר; רצין'ען האָט ער געטויטעט און די
איינוואוינער פארטריבען אין קיר.

10 דאן איז קעניג אחז אנטקעגען געגאנגען תגלת פלאסר'ן, דעם קעניג פון
אשור, אין דמשק, ער האָט בעטראכט דעם מזבח אין דמשק און האָט
געשיקט צו אוריה דעם כהן דעם אויסזעהען פון מזבח, זיין פלאַן און
ארבייט.

11 האָט אוריה דער כהן אויסגעבויט אַ מזבח, לויט דעם פלאַן וואָס קעניג
אחז האָט איהם געשיקט פון דמשק האָט אוריה דער כהן ריכטיג נאָכ־
געמאַכט, איידער קעניג אחז איז צוריקגעקומען פון דמשק.

12 ווען דער קעניג איז געקומען פון דמשק און ער האָט דערזעהען דעם מזבח,
איז דער קעניג צום מזבח צוגעגאנגען און געאָפּפערט אויף איהם.

13 עַל־הַמִּזְבֵּחַ וַיַּעַל עָלָיו׃ וַיַּקְטֵר אֶת־עֹלָתוֹ וְאֶת־מִנְחָתוֹ
וַיַּסֵּךְ אֶת־נִסְכּוֹ וַיִּזְרֹק אֶת־דַּם־הַשְּׁלָמִים אֲשֶׁר־לוֹ עַל־
14 הַמִּזְבֵּחַ׃ וְאֵת הַמִּזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר לִפְנֵי יְהוָה וַיַּקְרֵב
מֵאֵת פְּנֵי הַבַּיִת מִבֵּין הַמִּזְבֵּחַ וּמִבֵּין בֵּית יְהוָה וַיִּתֵּן אֹתוֹ
טו עַל־יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפוֹנָה׃ וַיְצַוֵּהוּ הַמֶּלֶךְ אָחָז אֶת־אוּרִיָּה
הַכֹּהֵן לֵאמֹר עַל־הַמִּזְבֵּחַ הַגָּדוֹל הַקְטֵר אֶת־עֹלַת־הַבֹּקֶר
וְאֶת־מִנְחַת הָעֶרֶב וְאֶת־עֹלַת הַמֶּלֶךְ וְאֶת־מִנְחָתוֹ וְאֵת
עֹלַת כָּל־עַם הָאָרֶץ וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם וְכָל־דַּם עֹלָה
וְכָל־דַּם זֶבַח עָלָיו תִּזְרֹק וּמִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת יִהְיֶה־לִּי לְבַקֵּר׃
16 17 וַיַּעַשׂ אוּרִיָּה הַכֹּהֵן כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה הַמֶּלֶךְ אָחָז׃ וַיְקַצֵּץ
הַמֶּלֶךְ אָחָז אֶת־הַמִּסְגְּרוֹת הַמְּכֹנוֹת וַיָּסַר מֵעֲלֵיהֶם וְאֶת־
הַכִּיֹּר וְאֶת־הַיָּם הוֹרִד מֵעַל הַבָּקָר הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר תַּחְתֶּיהָ
18 וַיִּתֵּן אֹתוֹ עַל מַרְצֶפֶת אֲבָנִים׃ וְאֶת־מֵיסַךְ הַשַּׁבָּת אֲשֶׁר־
בָּנוּ בַבַּיִת וְאֶת־מְבוֹא הַמֶּלֶךְ הַחִיצוֹנָה הֵסֵב בֵּית יְהוָה
19 מִפְּנֵי מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אָחָז אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־
כ הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב
אָחָז עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד וַיִּמְלֹךְ
חִזְקִיָּהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## CAP. XVII. יז

א בִּשְׁנַת שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה לְאָחָז מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ הוֹשֵׁעַ
2 בֶּן־אֵלָה בְשֹׁמְרוֹן עַל־יִשְׂרָאֵל תֵּשַׁע שָׁנִים׃ וַיַּעַשׂ הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה רַק לֹא כְּמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיוּ לְפָנָיו׃
3 עָלָיו עָלָה שַׁלְמַנְאֶסֶר מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיְהִי־לוֹ הוֹשֵׁעַ עֶבֶד
4 וַיָּשֶׁב לוֹ מִנְחָה׃ וַיִּמְצָא מֶלֶךְ־אַשּׁוּר בְּהוֹשֵׁעַ קֶשֶׁר אֲשֶׁר
שָׁלַח מַלְאָכִים אֶל־סוֹא מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וְלֹא־הֶעֱלָה מִנְחָה
לְמֶלֶךְ אַשּׁוּר כְּשָׁנָה בְשָׁנָה וַיַּעַצְרֵהוּ מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיַּאַסְרֵהוּ
ה בֵּית כֶּלֶא׃ וַיַּעַל מֶלֶךְ־אַשּׁוּר בְּכָל־הָאָרֶץ וַיַּעַל שֹׁמְרוֹן

ויצר

ט״ז v. 15 ויצוה קרי. v. 17 את קרי. v. 18 מוסך קרי. ibid מלעיל

13 ער האָט פאַרברענט זיין גאַנץ־אָפּפער און שפּייז־אָפּפער, אויך האָט ער
זיין גיס־אָפּפער געגאָסען און געשפּריצט דאָס בלוט פון זיין פריעדען־
אָפּפער אויפ'ן מזבח.

14 דעם קופּערנעם מזבח, וואָס איז געשטאַנען אינוויינּיג נעבען הייליג־
טהום, האָט ער אָבגערוקט פון אינערליכען צימער און האָט אַוועק־
געשטעלט צווישען נייען מזבח און דעם הייליגען צימער — ביי'ן צפון־
זייט פון מזבח.

15 דער קעניג אחז האָט אַ בעפעהל געגעבען אוריה דעם כהן, זאָגענדיג:
„אויפ'ן גרויסען מזבח זאָל מען רויכערן דעם מאָרגען־אָפּפער, דעם
אבענד־אָפּפער, אויך דעם קעניגס גאַנץ־אָפּפער און זיין שפּייז־אָפּפער,
די אָפּפערס פונ'ם גאַנצען פאָלק, זייער שפּייז־אָפּפער און גיס־אָפּפערס.
אויף איהם זאָל מען אויך שפּריצען דאָס בלוט פון אַלע גאַנץ־אָפּפערס
און שלאַכט־אָפּפערס — דער קופּערנער מזבח זאָל זיין נאָר פאַר מיר
ווען איך וועל אַ בעזוך מאַכען.

16 דער כהן אוריה האָט געטהאָן אַלץ וואָס קעניג אחז האָט איהם גע־
הייסען.

17 דאַן האָט דער קעניג אחז אָבגעהאַקט די לייסטען פון די געשטעלען און
האָט פון זיי אַראָבגענומען דעם וואַש־בעקען, אויך האָט ער אַראָב־
גענומען דעם קובעל פון די קופּערנע רינדער פיגורען וואָס אונטער איהם,
און האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטיינערנעם געשטעל.

18 דעם צוגעדעקטען זיץ־באַלקאָן וואָס מ'האָט געמאַכט נעבען הויז אויך
דעם אויסערליכען אַריינגאַנג פאַר'ן קעניג, האָט ער אַריבערגעטראָגען
אין גאָט'ס הויז, צוליעב דעם קעניג פון אשור.

19 די איבריגע פּאַסירונגען אחז'ס און אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן איז
פאַרשריבען אין בוך „צייטפּאַסירונגען פון די קעניגע יהודה'ס".

20 אַז אחז איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט נעבען זיינע עלטערן
אין דוד'ס שטאָדט און זיין זוהן חזקיהו האָט רעגירט נאָך איהם.

## קאַפּיטעל יז

1 אין צוועלפטען יאָהר פון אחז, קעניג פון יהודה, איז הושע, אלה'ס
זוהן, קעניג געוואָרען איבער ישראל; ער האָט רעגירט אין שמרון
ניין יאָהר.

2 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, אָבער ניט ווי
די קעניגע פון ישראל, וואָס זיינען פאַר איהם געווען.

3 שלמנאסר, קעניג פון אשור, איז איהם בעפאַלען, הושע איז זיין
אונטערטהאַן געוואָרען און האָט איהם געשענקע געגעבען.

4 אָבער דער קעניג פון אשור האָט אויסגעפונען אין הושע'ן אַ פעררעאַט אין
דעם וואָס ער האָט געשיקט געזאַנדטע צו סוא, קעניג פון מצרים און
ניט מעהר געבראַכט דעם יאָהרליכען פּרעזענט צום קעניג פון אשור;
האָט איהם דער קעניג פון אשור אַרעסטירט און געשמידט אין גע־
פענגניס.

5 אויך איז דער קעניג פון אשור דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לאַנד, ער
איז אַרויף אויף שמרון און האָט איהר בעלאַגערט דריי יאָהר צייט.

6 וַיָּצַר עָלֶיהָ שָׁלֹשׁ שָׁנִים׃ בִּשְׁנַת הַתְּשִׁיעִית לְהוֹשֵׁעַ לָכַד
מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אֶת־שֹׁמְרוֹן וַיֶּגֶל אֶת־יִשְׂרָאֵל אַשּׁוּרָה וַיֹּשֶׁב
אֹתָם בַּחְלַח וּבְחָבוֹר נְהַר גּוֹזָן וְעָרֵי מָדָי׃
7 וַיְהִי כִּי־חָטְאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לַיהוָה אֱלֹהֵיהֶם הַמַּעֲלֶה
אֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִתַּחַת יַד פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרָיִם
8 וַיִּירְאוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ וַיֵּלְכוּ בְּחֻקּוֹת הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
הוֹרִישׁ יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עָשׂוּ׃
9 וַיְחַפְּאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל דְּבָרִים אֲשֶׁר לֹא־כֵן עַל־יְהוָה
אֱלֹהֵיהֶם וַיִּבְנוּ לָהֶם בָּמוֹת בְּכָל־עָרֵיהֶם מִמִּגְדַּל נוֹצְרִים
י עַד־עִיר מִבְצָר׃ וַיַּצִּבוּ לָהֶם מַצֵּבוֹת וַאֲשֵׁרִים עַל כָּל־
11 גִּבְעָה גְבֹהָה וְתַחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן׃ וַיְקַטְּרוּ־שָׁם בְּכָל־בָּמוֹת
כַּגּוֹיִם אֲשֶׁר־הֶגְלָה יְהוָה מִפְּנֵיהֶם וַיַּעֲשׂוּ דְּבָרִים רָעִים
12 לְהַכְעִיס אֶת־יְהוָה׃ וַיַּעַבְדוּ הַגִּלֻּלִים אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה
13 לָהֶם לֹא תַעֲשׂוּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיָּעַד יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל
וּבִיהוּדָה בְּיַד כָּל־נְבִיאוֹ כָל־חֹזֶה לֵאמֹר שֻׁבוּ מִדַּרְכֵיכֶם
הָרָעִים וְשִׁמְרוּ מִצְוֺתַי חֻקּוֹתַי כְּכָל־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוִּיתִי
אֶת־אֲבֹתֵיכֶם וַאֲשֶׁר שָׁלַחְתִּי אֲלֵיכֶם בְּיַד עֲבָדַי הַנְּבִיאִים׃
14 וְלֹא שָׁמֵעוּ וַיַּקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם כְּעֹרֶף אֲבוֹתָם אֲשֶׁר לֹא
טו הֶאֱמִינוּ בַּיהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃ וַיִּמְאֲסוּ אֶת־חֻקָּיו וְאֶת־בְּרִיתוֹ
אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אֲבוֹתָם וְאֵת עֵדְוֺתָיו אֲשֶׁר הֵעִיד בָּם
וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי הַהֶבֶל וַיֶּהְבָּלוּ וְאַחֲרֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבֹתָם
16 אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתָם לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת כָּהֶם׃ וַיַּעַזְבוּ
אֶת־כָּל־מִצְוֺת יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם מַסֵּכָה שְׁנַיִם
עֲגָלִים וַיַּעֲשׂוּ אֲשֵׁירָה וַיִּשְׁתַּחֲווּ לְכָל־צְבָא הַשָּׁמַיִם
17 וַיַּעַבְדוּ אֶת־הַבָּעַל׃ וַיַּעֲבִירוּ אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנוֹתֵיהֶם
בָּאֵשׁ וַיִּקְסְמוּ קְסָמִים וַיְנַחֵשׁוּ וַיִּתְמַכְּרוּ לַעֲשׂוֹת הָרַע
18 בְּעֵינֵי יְהוָה לְהַכְעִיסוֹ׃ וַיִּתְאַנַּף יְהוָה מְאֹד בְּיִשְׂרָאֵל

ויסרם

v. 13. נביאו קרי ibid. ב׳ טעמים במלה א׳ v. 15. קמץ בז״ק v. 18. שני קרי

6 אין ניינטען יאָהר צו הושע האָט דער קעניג פון אשור אָבגענומען שמרון
און פארטריבען ישראל און אשור, דאָרטען האָט ער זיי באזעצט אין
חלח, חבור, ארום טייך גוזן און אין פערשיעדענע שטעדט פון מדי.

7 דאָס איז געשעהען ווייל די קינדער ישראל האָבען געזינדיגט קעגען
זייער גאָט, וועלכער האָט זיי ארויסגענומען פונ'ם לאנד מצרים [פון
אונטער דעם יאָך פון פרעה, קעניג פון מצרים] און האָבען עהרע גוז־
געבען אַנדערע געטער,

8 זיי זיינען געגאנגען נאָך די געזעצען פון די פעלקער, וועלכע גאָט האָט
פארטריבען צוליעב די קינדער ישראל, ווי די קעניגע פון ישראל האָ־
בען איינגעפיהרט.

9 זיי האָבען אין געהיים געטהאָן אונרעכט קעגען זייער גאָט — זיי האָ־
בען אנגעבויט באַרג־אַלטאַרען אין אַלע שטעדט זייערע, פון וואַך־
טהורם ביז'ן באפעסטיגטע שטאָדט.

10 זיי האָבען אויך אָנגעשטעלט איבעראל סטאַטועו און געצען־בוימער —
אויף יעדער הויכען באַרג און אונטער יעדער גרינעם בוים.

11 דאָרט, אויף אַלע באַרג־אַלטאַרען, האָבען זיי געררויכערט ווי די פעל־
קער וועלכע גאָט האָט צוליעב זיי פארטריבען, און האָבען אויך אנדערע
שלעכטע זאכען געטהאָן אום גאָט צו ערצאָרנען.

12 זיי האָבען אויך געצען געדיענט, אָבוואָהל גאָט האָט זיי פארזאָגט זיי
זאָלען דאָס ניט טהאָן.

13 גאָט האָט געוואָרענט ישראל און יהודה דורך אַלע זיינע נביאים און פאָר־
אויסזעהער, זאָגענדיג: „קעהרט זיך צוריק פון אייערע שלעכטע
וועגען און היט מיינע בעפעהלען און געזעצען, לויט די לעהרע וואָס
איך האָב געגעבען אייערע עלטערן און וועלכע איך האָב צו אייך געשיקט
דורך מיינע קנעכט די פּראָפעטען."

14 זיי האָבען אָבער ניט געהערט. זיי האָבען שטייף געמאַכט זייער נאַקען
ווי זייערע עלטערן וואָס האָבען ניט געגלויבט אין זייער גאָט.

15 זיי האָבען פעראכטעט זיינע געזעצען און זיין בונד וואָס ער האָט מיט
זייערע עלטערן געשלאָסען, אויך זיין ווארנונג וואָס ער האָט זיי גע־
ווארענט ; זיי זיינען געגאנגען נאָך נארישקייטען און זיינען נארען גע־
וואָרען, אויך נאָך די פעלקער וואָס ארום זיי, די וועגען וועלכע גאָט
האָט זיי בעפעהלען ניט נאָכצוטהאָן זיי.

16 זיי האָבען אָבער פארלאָזען אַלע בעפעהלען פון זייער גאָט — זיי האָ־
בען זיך געמאַכט צוויי געגאָסענע קעלבער און געצען־בוימער, און האָבען
זיך געבוקט צו אַלע הימעל־פּלאנעטען אויך געדיענט דעם בעל.

17 זייערע זיהן און טעכטער האָבען זיי דורכגעפיהרט דורך פייער, זיי
האָבען צויבעריי געטריבען און שלאנגען־בעשווערריי — זיי האָבען זיך
איבערגעגעבען צו טהאָן דאָס וואָס גאָט געפעהלט ניט, אום איהם צו
ערצאָרנען.

18 דערפאר איז גאָט זעהר בייז געוואָרען אויף ישראל און האָט זיי ערוויי־
טערט פון זיין געזיכט, נאָר דער שטאם יהודה אַליין איז געבליבען.

וַיְסִרֵם מֵעַל פָּנָיו לֹא נִשְׁאַר רַק שֵׁבֶט יְהוּדָה לְבַדּוֹ׃
גַּם־יְהוּדָה לֹא שָׁמַר אֶת־מִצְוֹת יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיֵּלְכוּ 19
כ בְּחֻקּוֹת יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עָשׂוּ׃ וַיִּמְאַס יְהוָה בְּכָל־זֶרַע יִשְׂרָאֵל
וַיְעַנֵּם וַיִּתְּנֵם בְּיַד שֹׁסִים עַד אֲשֶׁר הִשְׁלִיכָם מִפָּנָיו׃ כִּי־ 21
קָרַע יִשְׂרָאֵל מֵעַל בֵּית דָּוִד וַיַּמְלִיכוּ אֶת־יָרָבְעָם בֶּן־
נְבָט וַיַּדָּא יָרָבְעָם אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְהֶחֱטִיאָם
חֲטָאָה גְדוֹלָה׃ וַיֵּלְכוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּכָל־חַטֹּאות יָרָבְעָם 22
אֲשֶׁר עָשָׂה לֹא־סָרוּ מִמֶּנָּה׃ עַד אֲשֶׁר־הֵסִיר יְהוָה אֶת־ 23
יִשְׂרָאֵל מֵעַל פָּנָיו כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד כָּל־עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים
וַיִּגֶל יִשְׂרָאֵל מֵעַל אַדְמָתוֹ אַשּׁוּרָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
וַיָּבֵא מֶלֶךְ־אַשּׁוּר מִבָּבֶל וּמִכּוּתָה וּמֵעַוָּא וּמֵחֲמָת וּסְפַרְוַיִם 24
וַיֹּשֶׁב בְּעָרֵי שֹׁמְרוֹן תַּחַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּרְשׁוּ אֶת־שֹׁמְרוֹן
כה וַיֵּשְׁבוּ בְּעָרֶיהָ׃ וַיְהִי בִּתְחִלַּת שִׁבְתָּם שָׁם לֹא יָרְאוּ אֶת־
יְהוָה וַיְשַׁלַּח יְהוָה בָּהֶם אֶת־הָאֲרָיוֹת וַיִּהְיוּ הֹרְגִים
בָּהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ לְמֶלֶךְ אַשּׁוּר לֵאמֹר הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִגְלִיתָ 26
וַתּוֹשֶׁב בְּעָרֵי שֹׁמְרוֹן לֹא יָדְעוּ אֶת־מִשְׁפַּט אֱלֹהֵי הָאָרֶץ
וַיְשַׁלַּח־בָּם אֶת־הָאֲרָיוֹת וְהִנָּם מְמִיתִים אוֹתָם כַּאֲשֶׁר
אֵינָם יֹדְעִים אֶת־מִשְׁפַּט אֱלֹהֵי הָאָרֶץ׃ וַיְצַו מֶלֶךְ־אַשּׁוּר 27
לֵאמֹר הֹלִיכוּ שָׁמָּה אֶחָד מֵהַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר הִגְלִיתֶם מִשָּׁם
וְיֵלְכוּ וְיֵשְׁבוּ שָׁם וְיֹרֵם אֶת־מִשְׁפַּט אֱלֹהֵי הָאָרֶץ׃ וַיָּבֹא 28
אֶחָד מֵהַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר הִגְלוּ מִשֹּׁמְרוֹן וַיֵּשֶׁב בְּבֵית־אֵל
וַיְהִי מוֹרֶה אֹתָם אֵיךְ יִירְאוּ אֶת־יְהוָה׃ וַיִּהְיוּ עֹשִׂים גּוֹי 29
גּוֹי אֱלֹהָיו וַיַּנִּיחוּ ׀ בְּבֵית הַבָּמוֹת אֲשֶׁר עָשׂוּ הַשֹּׁמְרֹנִים
ל גּוֹי גּוֹי בְּעָרֵיהֶם אֲשֶׁר הֵם יֹשְׁבִים שָׁם׃ וְאַנְשֵׁי בָבֶל
עָשׂוּ אֶת־סֻכּוֹת בְּנוֹת וְאַנְשֵׁי־כוּת עָשׂוּ אֶת־נֵרְגַל וְאַנְשֵׁי
חֲמָת עָשׂוּ אֶת־אֲשִׁימָא׃ וְהָעַוִּים עָשׂוּ נִבְחַז וְאֶת־ 31
תַּרְתָּק וְהַסְפַרְוִים שֹׂרְפִים אֶת־בְּנֵיהֶם בָּאֵשׁ לְאַדְרַמֶּלֶךְ

וענמלך

v. 21 וידח ק. v. 23 מלא ו. v. 24 ומספרוים ק. v. 31 זין רבתא

19 אָבער אויך יהודה האָט ניט אָבגעהיט די בעפעהלען פון זייער גאָט און זיינען געגאַנגען נאָך דעם פיהרונג פון ישראל און אַלץ וואָס זיי האָבען געטהאָן.

20 ביז גאָט האָט פערהאַסט אַלע קינדער פון ישראל, ער האָט זיי ערניעדערט און איבערגעגעבען צו רויבער ביז ער האָט זיי פון זיך פאַרוואָרפען.

21 פריהער האָט גאָט אָבגעריסען ישראל פון דוד'ס הויז, האָבען זיי פאַר קעניג געמאַכט ירבעם, נבט'ס זוהן; דער ירבעם האָט דערווייטערט ישראל פון גאָט און האָט זיי זעהר זינדיג געמאַכט.

22 ישראל זיינען געגאַנגען אין ירבעם'ס זינדיגע וועגען, אַלץ וואָס ער האָט געטהאָן האָבען זיי דערפון ניט אָבגעטראָטען.

23 ביז גאָט האָט ערווייטערט ישראל פון זיין געזיכט, אַזוי ווי ער האָט געערעדט דורך די פּראָפעטען זיינע קנעכט, און האָט פאַרטריבען ישראל פון זיין לאַנד אין אשור, ביז יעצט.

24 דער קעניג פון אשור האָט געבראַכט מענשען פון בבל, כותא, עוא, חמת, און ספרוים און באַזעצט זיי אין די שטעדט פון שמרון אַנשטאָט די קינדער ישראל; זיי האָבען צוגענומען שמרון און באַזעצט זיך אין איהרע שטעדט.

25 אין אַנפאַנג פון זייער באַזעצען זיך דאָרטען האָבען זיי ניט געעהרט גאָט. האָט גאָט אויף זיי אָנגעשיקט לייבען און זיי פלעגען זיי טוידטען.

26 ביז מ'האָט אָנגעזאָגט דעם קעניג פון אשור, אַזוי צו זאָגען: „די פעלקער וועלכע דו האָסט פאַרטריבען און באַזעצט אין די שטעדט פון שמרון, ווייסען ניט די פאָדערונגען פונ'ם גאָט פון דאָס לאַנד און דערפאַר האָט ער אויף זיי אָנגעשיקט לייבען און זיי טוידטען זיי — דאָס איז ווייל זיי ווייסען ניט די פאָדערונגען פונ'ם גאָט פון דאָס לאַנד."

27 האָט דער קעניג פון אשור געהייסען אַזוי: פיהרט אַהין אַוועק איינינגע פון די כהנים, וועלכע מ'האָט פון דאָרטען פאַרטריבען; זיי זאָלען דאָרטען בלייבען וואוינען, און לערנען זיי די געזעצען פונ'ם גאָט פון דאָס לאַנד.

28 איז געקומען איינער פון די כהנים, וועלכע מ'האָט פאַרטריבען פון שמרון, און האָט זיך באַזעצט אין בית־אל; ער האָט זיי געלעהרענט ווי גאָט צו עהרען.

29 זיי פלעגען זיך אויך מאַכען יעדער פאָלק זיין געץ און געהאַלטען זיי אין אַלטאַר־הויז וואָס די שמרון'ער האָבען געמאַכט — אַזוי ווי יעדער פאָלק אין זייערע שטעדט, אין וועלכע זיי האָבען געוואוינט.

30 די לייטע פון בבל האָבען זיך געמאַכט סכות־בנות; די לייטע פון כות — נרגל; די לייטע פון חמת — אשימא.

31 די לייטע פון עוה האָבען זיך געמאַכט נבחז און תרתק; די לייטע פון ספרוים פלעגען פאַרברענען זייערע קינדער אין פייער פאַר אדרמלך און ענמלך די געצען פון ספרוים.

32 וְעַנַמֶּ֖לֶךְ אֱלֹהַ֥ סְפַרְיִֽם׃ וַיִּהְי֥וּ יְרֵאִ֖ים אֶת־יְהוָ֑ה וַיַּעֲשׂ֨וּ
לָהֶ֤ם מִקְצוֹתָם֙ כֹּהֲנֵ֣י בָמ֔וֹת וַיִּהְי֛וּ עֹשִׂ֥ים לָהֶ֖ם בְּבֵ֥ית
33 הַבָּמֽוֹת׃ אֶת־יְהוָ֖ה הָי֣וּ יְרֵאִ֑ים וְאֶת־אֱלֹֽהֵיהֶם֙ הָי֣וּ עֹֽבְדִ֔ים
34 כְּמִשְׁפַּט֙ הַגּוֹיִ֔ם אֲשֶׁר־הִגְל֥וּ אֹתָ֖ם מִשָּֽׁם׃ עַ֣ד הַיּ֤וֹם הַזֶּה֙
הֵ֣ם עֹשִׂ֔ים כַּמִּשְׁפָּטִ֖ים הָרִאשֹׁנִ֑ים אֵינָ֤ם יְרֵאִים֙ אֶת־יְהוָ֔ה
וְאֵינָ֣ם עֹשִׂ֗ים כְּחֻקֹּתָם֙ וּכְמִשְׁפָּטָ֔ם וְכַתּוֹרָ֣ה וְכַמִּצְוָ֗ה אֲשֶׁ֨ר
לה צִוָּ֤ה יְהוָה֙ אֶת־בְּנֵ֣י יַעֲקֹ֔ב אֲשֶׁר־שָׂ֥ם שְׁמ֖וֹ יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיִּכְרֹ֨ת
יְהוָ֤ה אִתָּם֙ בְּרִ֔ית וַיְצַוֵּ֣ם לֵאמֹ֔ר לֹ֥א תִֽירְא֖וּ אֱלֹהִ֣ים אֲחֵרִ֑ים
וְלֹא־תִשְׁתַּחֲו֣וּ לָהֶ֔ם וְלֹ֣א תַעַבְד֔וּם וְלֹ֥א תִזְבְּח֖וּ לָהֶֽם׃
36 כִּ֣י ׀ אִם־אֶת־יְהוָ֡ה אֲשֶׁר֩ הֶעֱלָ֨ה אֶתְכֶ֜ם מֵאֶ֧רֶץ מִצְרַ֛יִם
בְּכֹ֥חַ גָּד֛וֹל וּבִזְר֥וֹעַ נְטוּיָ֖ה אֹת֣וֹ תִירָ֑אוּ וְל֥וֹ תִשְׁתַּחֲו֖וּ וְל֥וֹ
37 תִזְבָּֽחוּ׃ וְאֶת־הַחֻקִּ֨ים וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִ֜ים וְהַתּוֹרָ֣ה וְהַמִּצְוָ֗ה
אֲשֶׁ֤ר כָּתַב֙ לָכֶ֔ם תִּשְׁמְר֥וּן לַעֲשׂ֖וֹת כָּל־הַיָּמִ֑ים וְלֹ֥א תִֽירְא֖וּ
38 אֱלֹהִ֥ים אֲחֵרִֽים׃ וְהַבְּרִ֛ית אֲשֶׁר־כָּרַ֥תִּי אִתְּכֶ֖ם לֹ֣א תִשְׁכָּ֑חוּ
39 וְלֹ֥א תִֽירְא֖וּ אֱלֹהִ֥ים אֲחֵרִֽים׃ כִּ֛י אִֽם־אֶת־יְהוָ֥ה אֱלֹהֵיכֶ֖ם
מ תִּירָ֑אוּ וְהוּא֙ יַצִּ֣יל אֶתְכֶ֔ם מִיַּ֖ד כָּל־אֹיְבֵיכֶֽם׃ וְלֹ֖א שָׁמֵ֑עוּ
41 כִּ֛י אִם־כְּמִשְׁפָּטָ֥ם הָרִאשׁ֖וֹן הֵ֥ם עֹשִֽׂים׃ וַיִּהְי֣וּ ׀ הַגּוֹיִ֣ם
הָאֵ֗לֶּה יְרֵאִים֙ אֶת־יְהוָ֔ה וְאֶת־פְּסִילֵיהֶ֖ם הָי֣וּ עֹֽבְדִ֑ים גַּם־
בְּנֵיהֶ֣ם ׀ וּבְנֵ֣י בְנֵיהֶ֗ם כַּאֲשֶׁ֨ר עָשׂ֤וּ אֲבֹתָם֙ הֵ֣ם עֹשִׂ֔ים עַ֖ד
הַיּ֥וֹם הַזֶּֽה׃

## CAP. XVIII. יח

א וַיְהִ֗י בִּשְׁנַ֤ת שָׁלֹשׁ֙ לְהוֹשֵׁ֣עַ בֶּן־אֵלָ֔ה מֶ֖לֶךְ יִשְׂרָאֵ֑ל מָלַ֛ךְ
2 חִזְקִיָּ֥ה בֶן־אָחָ֖ז מֶ֥לֶךְ יְהוּדָֽה׃ בֶּן־עֶשְׂרִ֨ים וְחָמֵ֤שׁ שָׁנָה֙
הָיָ֣ה בְמָלְכ֔וֹ וְעֶשְׂרִ֤ים וָתֵ֨שַׁע֙ שָׁנָ֔ה מָלַ֖ךְ בִּירוּשָׁלִָ֑ם וְשֵׁ֣ם
3 אִמּ֔וֹ אֲבִ֖י בַּת־זְכַרְיָֽה׃ וַיַּ֥עַשׂ הַיָּשָׁ֖ר בְּעֵינֵ֣י יְהוָ֑ה כְּכֹ֥ל
4 אֲשֶׁר־עָשָׂ֖ה דָּוִ֥ד אָבִֽיו׃ ה֣וּא ׀ הֵסִ֣יר אֶת־הַבָּמ֗וֹת וְשִׁבַּר֙
אֶת־הַמַּצֵּבֹ֔ת וְכָרַ֖ת אֶת־הָאֲשֵׁרָ֑ה וְכִתַּת֩ נְחַ֨שׁ הַנְּחֹ֜שֶׁת

אשר־

v. 31. אלהי ק׳ ibid. ספרוים ק׳

32 און אָבוואָהל זיי האָבען געעהרט גאָט האָבען זיי איינינע פון זיך אָנ־
געשטעלט אַלס אַלטאַר־פּריסטערס און פלעגען זיך אָפּפערן אין די אַל־
טאַר־הייזער —

33 גאָט האָבען זיי געעהרט און זייערע געצען האָבען זיי געדיענט, נאָך
די געזעצען פון די פעלקער, פון וועלכע מ׳האָט זיי אַהער פאַרטריבען.

34 [אָבער די קינדער ישראל] טהוען נאָך יעצט אויך ווי זיי האָבען פריהער
געטהאָן — זיי עהרען ניט גאָט און היטען ניט זייערע געזעצען, רעכטע,
לעהרע און בעפעהלען וואָס גאָט האָט געגעבען יעקב׳ס קינדער, וועמעס
נאָמען ער האָט איבערגעמאַכט אויף „ישראל״.*)

35 ווען גאָט האָט מיט זיי געשלאָסען אַ בונד, האָט ער זיי אַזוי געזאָגט :
„עהרט ניט פרעמדע געטער, בוקט זיך צו זיי ניט, דיענט זיי ניט און
אָפּפערט ניט פאַר זיי —

36 איהר זאָלט עהרען נאָר דעם גאָט וואָס האָט אייך מיט גרוים מאַכט און
אויסגעשטרעקטען אָרעם אַרויסגענומען פונ׳ם לאַנד מצרים, צו איהם
זאָלט איהר זיך בוקען און צו איהם אָפּפערן.

37 די געזעצען, די רעכטע, די לעהרע און בעפעהלען וואָס ער האָט אייך
פאַרגעשריבען זאָלט איהר אָבהיטען צו טהאָן אימער — קיינע אַנדערע
געטער זאָלט איהר ניט עהרען.

38 דעם בונד וואָס איך האָב מיט אייך געשלאָסען זאָלט איהר ניט פאַרגע־
סען, אום ניט צו עהרען קיינע אַנדערע געטער —

39 עהרט נאָר אייער גאָט וועט ער אייך רעטען פון אַלע אייערע פיינדע !״

40 זיי האָבען אָבער ניט געהערט און האָבען געטהאָן לויט זייער פריהעריגע
געוואָהנהייט.

41 די פעלקער אָבער האָבען געעהרט גאָט אָבוואָהל זיי האָבען געדיענט
זייערע געצענ־בילדער, זיי אויך זייערע קינדער און קינדס קינדער —
ווי זייערע עלטערן האָבען געטהאָן, טהוען זיי נאָך היינט.

## קאַפּיטעל יח

1 אין דריטען יאָהר פון הושע, אלה׳ס זוהן, קעניג פון ישראל, איז קע־
ניג געוואָרען חזקיהו, אחז׳ס זוהן, קעניג פון יהודה.

2 פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט איז ער קעניג געוואָרען אין ירושלים זיין
מוטער האָט מען גערופען אבי, זכריה׳ס טאָכטער.

3 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז גאָט געפעהלען, אַלץ ווי זיין פאָטער
דוד האָט געטהאָן.

4 ער האָט אָבגעשאַפט די באַרג־אַלטאַרען, צובראָכען די סטאַטוען, אָב־
געשניטען דעם געצען־בוים און צושמעטערט דעם קופּערנעם שלאַנג וואָס

*) זעה בראשית קאַפּ. ל״ב פסוק כ״ט (ח. ש. נ.)

אֲשֶׁר־עָשָׂה מֹשֶׁה כִּי עַד־הַיָּמִים הָהֵמָּה הָיוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
ה מְקַטְּרִים לוֹ וַיִּקְרָא־לוֹ נְחֻשְׁתָּן׃ בַּיהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל
בָּטָח וְאַחֲרָיו לֹא־הָיָה כָמֹהוּ בְּכֹל מַלְכֵי יְהוּדָה וַאֲשֶׁר
6 הָיוּ לְפָנָיו׃ וַיִּדְבַּק בַּיהוָה לֹא־סָר מֵאַחֲרָיו וַיִּשְׁמֹר
7 מִצְוֹתָיו אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וְהָיָה יְהוָה עִמּוֹ
בְּכֹל אֲשֶׁר־יֵצֵא יַשְׂכִּיל וַיִּמְרֹד בְּמֶלֶךְ־אַשּׁוּר וְלֹא עֲבָדוֹ׃
8 הוּא הִכָּה אֶת־פְּלִשְׁתִּים עַד־עַזָּה וְאֶת־גְּבוּלֶיהָ מִמִּגְדַּל
9 נוֹצְרִים עַד־עִיר מִבְצָר׃ וַיְהִי בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית
לַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ הִיא הַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית לְהוֹשֵׁעַ בֶּן־אֵלָה
מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל עָלָה שַׁלְמַנְאֶסֶר מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל־שֹׁמְרוֹן
י וַיָּצַר עָלֶיהָ׃ וַיִּלְכְּדֻהָ מִקְצֵה שָׁלֹשׁ שָׁנִים בִּשְׁנַת־שֵׁשׁ
לְחִזְקִיָּה הִיא שְׁנַת־תֵּשַׁע לְהוֹשֵׁעַ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל נִלְכְּדָה
11 שֹׁמְרוֹן׃ וַיֶּגֶל מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אֶת־יִשְׂרָאֵל אַשּׁוּרָה וַיַּנְחֵם
12 בַּחְלַח וּבְחָבוֹר נְהַר גּוֹזָן וְעָרֵי מָדָי׃ עַל ׀ אֲשֶׁר לֹא־
שָׁמְעוּ בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיַּעַבְרוּ אֶת־בְּרִיתוֹ אֵת כָּל־
אֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה וְלֹא שָׁמְעוּ וְלֹא עָשׂוּ׃
13 וּבְאַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה לַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ עָלָה סַנְחֵרִיב
מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל כָּל־עָרֵי יְהוּדָה הַבְּצֻרוֹת וַיִּתְפְּשֵׂם׃
14 וַיִּשְׁלַח חִזְקִיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֶל־מֶלֶךְ־אַשּׁוּר ׀ לָכִישָׁה ׀
לֵאמֹר ׀ חָטָאתִי שׁוּב מֵעָלַי אֵת אֲשֶׁר־תִּתֵּן עָלַי אֶשָּׂא
וַיָּשֶׂם מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל־חִזְקִיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
טו כִּכַּר־כֶּסֶף וּשְׁלֹשִׁים כִּכַּר זָהָב׃ וַיִּתֵּן חִזְקִיָּה אֶת־כָּל־
16 הַכֶּסֶף הַנִּמְצָא בֵית־יְהוָה וּבְאוֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ בָּעֵת
הַהִיא קִצַּץ חִזְקִיָּה אֶת־דַּלְתוֹת הֵיכַל יְהוָה וְאֶת־
הָאֹמְנוֹת אֲשֶׁר צִפָּה חִזְקִיָּה מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּתְּנֵם לְמֶלֶךְ
17 אַשּׁוּר׃ וַיִּשְׁלַח מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אֶת־תַּרְתָּן וְאֶת־רַב־
סָרִיס ׀ וְאֶת־רַבְשָׁקֵה מִן־לָכִישׁ אֶל־הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ בְּחֵיל
כָּבֵד יְרוּשָׁלָם וַיַּעֲלוּ וַיָּבֹאוּ יְרוּשָׁלַם וַיַּעֲלוּ וַיָּבֹאוּ וַיַּעַמְדוּ

משה האָט געמאַכט; ווארום ביז יענער צייט האָבען די קינדער ישראל
גערויכערט צו איהם, מ'האָט איהם גערופען „נחשתן".

5 אויף דעם גאָט פון ישראל האָט ער פערטרויט — עס איז אזוי ווי ער
ניט געוועזען אונטער אַלע קעניגע פון יהודה, וועלכע זיינען געוועזען פאר
איהם און נאָך איהם.

6 ער האָט זיך פעסטגעהאַלטען אן גאָט און האָט פון איהם ניט אָבגע־
קעהרט, ער האָט אָבגעהיט די בעפעהלען וואָס גאָט האָט משה'ן גע־
באָטען.

7 דערפאר איז גאָט געוועזען מיט איהם און וואו ער איז געגאַנגען האָט איהם
געגליקט; ער האָט אויך ווידערשפעניגט קעגען קעניג פון אשור און
ניט געוועזען איהם אונטערטהאַן.

8 ער האָט געשלאָגען די פלשתים ביז די גרענעצען פון עזה [פון וואך
טהורם ביז באפעסטיגטע שטעדט].

9 אין פערטען יאָהר פון קעניג חזקיהו, ד. ה. אין זיעבענטען יאָהר פון
הושע, אלה'ס זוהן, קעניג פון ישראל, איז שלמנאסר קעניג פון אשור
ארויף אויף שמרון און בעלאַגערט איהר.

10 ער האָט איהר צוגענומען נאָך אַ פערלויף פון דריי יאָהר, ד. ה. אין זעקס־
טען יאָהר פון חזקיהו'ס רעגירען, אָדער אין נייַנטען יאָהר פון הושע,
קעניג פון ישראל, איז שמרון צוגענומען געוואָרען.

11 דאן האָט דער קעניג פון אשור פארטריבען ישראל אין אשור, און האָט
זיי צושפרייט איבער חלח, חבור, ארום טייך גוזן און פערשיעדענע
שטעדט פון מדי —

12 ווייל זיי האָבען ניט געהערט די שטימע פון זייער גאָט און האָבען אי־
בערטראָטען זיין געזעץ: אַלץ וואָס משה גאָט'ס קנעכט האָט זיי אָנ־
געזאָגט האָבען זיי ניט געהערט און ניט געטהאָן.

13 און אין פערצעהנטען יאָהר פון קעניג חזקיהו, איז סנחריב, קעניג
פון אשור בעפאַלען אַלע באפעסטיגטע שטעדט פון יהודה און האָט זיי
איינגענומען.

14 האָט חזקיה, קעניג פון יהודה, געשיקט זאָגען צום קעניג פון אשור
אין לכיש: „איך האָב געזינדיגט. געה אַוועק פון מיר, און וואָס פיר
אַ שטראָף דו וועסט אויף מיר לעגען וועל איך געבען". דער קעניג פון
אשור האָט אַרויף געלעגט אויף חזקיה, קעניג פון יהודה אן אבצאהל
פון דריי הונדערט צענטנער זילבער און דרייסיג צענטנער גאָלד.

15 דאן האָט חזקיה אַוועקגעגעבען דאָס גאַנצע זילבער וואָס האָט זיך גע־
פונען אין גאָט'ס הויז און אין די שאַטצקאַמערן פון קעניגס הויז.

16 אין דער זעלביגער צייט האָט חזקיה אָבגעהאַקט די טיהרען פון גאָט'ס
טעמפעל אויך די ווינקעל־זיילען, וועלכע ער (חזקיה, קעניג פון יהודה)
האָט באדעקט, האָט ער אַוועקגעגעבען דעם קעניג פון אשור.

17 דאָך האָט דער קעניג פון אשור געשיקט תרתן, רב־סרים און רבשקה
פון לכיש צום קעניג חזקיהו אין ירושלים מיט אַ גרויסע ארמעע. זיי

בִּתְעָלַת הַבְּרֵכָה הָעֶלְיוֹנָה אֲשֶׁר בִּמְסִלַּת שְׂדֵה כוֹבֵס׃
18 וַיִּקְרְאוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֵּצֵא אֲלֵהֶם אֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּהוּ
אֲשֶׁר עַל־הַבָּיִת וְשֶׁבְנָה הַסֹּפֵר וְיוֹאָח בֶּן־אָסָף הַמַּזְכִּיר׃
19 וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם רַבְשָׁקֵה אִמְרוּ־נָא אֶל־חִזְקִיָּהוּ כֹּה־אָמַר
הַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל מֶלֶךְ אַשּׁוּר מָה הַבִּטָּחוֹן הַזֶּה אֲשֶׁר
כ בָּטָחְתָּ׃ אָמַרְתָּ אַךְ־דְּבַר־שְׂפָתַיִם עֵצָה וּגְבוּרָה לַמִּלְחָמָה
21 עַתָּה עַל־מִי בָטַחְתָּ כִּי מָרַדְתָּ בִּי׃ עַתָּה הִנֵּה בָטַחְתָּ
לְּךָ עַל־מִשְׁעֶנֶת הַקָּנֶה הָרָצוּץ הַזֶּה עַל־מִצְרַיִם אֲשֶׁר
יִסָּמֵךְ אִישׁ עָלָיו וּבָא בְכַפּוֹ וּנְקָבָהּ כֵּן פַּרְעֹה מֶלֶךְ־
22 מִצְרַיִם לְכָל־הַבֹּטְחִים עָלָיו׃ וְכִי־תֹאמְרוּן אֵלַי אֶל־יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ בָּטָחְנוּ הֲלוֹא־הוּא אֲשֶׁר הֵסִיר חִזְקִיָּהוּ אֶת־
בָּמֹתָיו וְאֶת־מִזְבְּחֹתָיו וַיֹּאמֶר לִיהוּדָה וְלִירוּשָׁלִַם לִפְנֵי
23 הַמִּזְבֵּחַ הַזֶּה תִּשְׁתַּחֲווּ בִּירוּשָׁלִָם׃ וְעַתָּה הִתְעָרֶב נָא
אֶת־אֲדֹנִי אֶת־מֶלֶךְ אַשּׁוּר וְאֶתְּנָה לְךָ אַלְפַּיִם סוּסִים אִם־
24 תּוּכַל לָתֶת לְךָ רֹכְבִים עֲלֵיהֶם׃ וְאֵיךְ תָּשִׁיב אֵת פְּנֵי
פַּחַת אַחַד עַבְדֵי אֲדֹנִי הַקְּטַנִּים וַתִּבְטַח לְךָ עַל־מִצְרַיִם
כה לְרֶכֶב וּלְפָרָשִׁים׃ עַתָּה הֲמִבַּלְעֲדֵי יְהוָה עָלִיתִי עַל־
הַמָּקוֹם הַזֶּה לְהַשְׁחִתוֹ יְהוָה אָמַר אֵלַי עֲלֵה עַל־הָאָרֶץ
26 הַזֹּאת וְהַשְׁחִיתָהּ׃ וַיֹּאמֶר אֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּהוּ וְשֶׁבְנָה
וְיוֹאָח אֶל־רַבְשָׁקֵה דַּבֶּר־נָא אֶל־עֲבָדֶיךָ אֲרָמִית כִּי
שֹׁמְעִים אֲנָחְנוּ וְאַל־תְּדַבֵּר עִמָּנוּ יְהוּדִית בְּאָזְנֵי הָעָם
27 אֲשֶׁר עַל־הַחֹמָה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם רַבְשָׁקֵה הַעַל אֲדֹנֶיךָ
וְאֵלֶיךָ שְׁלָחַנִי אֲדֹנִי לְדַבֵּר אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הֲלֹא
עַל־הָאֲנָשִׁים הַיֹּשְׁבִים עַל־הַחֹמָה לֶאֱכֹל אֶת־חֲרֵיהֶם
28 וְלִשְׁתּוֹת אֶת־שֵׁינֵיהֶם עִמָּכֶם׃ וַיַּעֲמֹד רַבְשָׁקֵה וַיִּקְרָא
בְקוֹל־גָּדוֹל יְהוּדִית וַיְדַבֵּר וַיֹּאמֶר שִׁמְעוּ דְּבַר־הַמֶּלֶךְ
29 הַגָּדוֹל מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ כֹּה אָמַר הַמֶּלֶךְ אַל־יַשִּׁא לָכֶם

חזקיהו

v. 27 צואתם ק׳ ibid. מימי רגליהם ק׳

זיינען געקומען אין ירושלים און זיינען ארויף און געשטעלט זיך ביי׳ן
גראבען פון אויבערשטען טייך, וואס נעבען וועג פון וואש־פעלד,

18 און האָבען גערופען דעם קעניג. איז צו זיי ארויס אליקים, חלקיהו׳ס
זוהן, דער פערוואלטער פון הויז מיט שבנה דעם שרייבער און יואח,
אסף׳ס זוהן, דער סעקרעטער.

19 דאן האָט רבשקה צו זיי געזאָגט: „זאָגט צו חזקיהו — אזוי האָט גע־
זאָגט דער גרויסער קעניג, אשור׳ס קעניג: וואָס ביזטו דאָס אזוי
זיכער?

20 דו דענקסט עס איז נאָר מיט די ליפען גערעדט — ראטה און מאַכט
האָב איך צום קריעג! . . . אויף וועמען ביזטו יעצט פערטרויט וואָס
דו ווידערשפעניגסט קעגען מיר?

21 געוויס ביזטו פערטרויט אויף די שטיצע פונ׳ם צובראָכענעם שטעקען
— מצרים — וואָס אז מ׳שפארט זיך אויף איהם אָן שטעכט ער זיך אריין
אין האנד און מאַכט אַ לאָך . . . אָט דאָס איז פרעה, קעניג פון
מצרים, פאר אַלע די וואָס זיינען פארטרויט אויף איהם!

22 פיליכט וועט איהר מיר זאָגען: „אויף אונזער גאָט פארטרויען מיר,
ער איז דאָך דער זעלביגער וואָס חזקיהו האָט צוליעב איהם אָבגעשאפט
די באַרג־אַלטאַרען און מזבחות, און האָט געזאָגט צו די איינוואוינער
פון יהודה און ירושלים „נאָר פאר דעם מזבח זאָלט איהר זיך בוקען
אין ירושלים!”

23 אַלזאָ האָב נאָר אַ וועט מיט מיין העררן, אשור׳ס קעניג, איך וועל
דיר געבען צוויי טויזענד פערד אויב דו וועסט קענען ארויפזעצען רייי־
טער אויף זיי . . .

24 און ווי קענסטו ענטזאגען זאָגאר איינעם פון די קלענסטע קנעכט מיין
הערר׳ס? זאָגאר ווען דו האָסט צוטרויען צו מצרים מיט זייערע וועגען
און פערד? . . .

25 דענק נאָר, בין איך דען אָהן גאָט׳ס צושטימונג געקומען פערניכטען
דעם אָרט? — גאָט אַליין האָט צו מיר געזאָגט: „געה ארויף אויף
דיעזע לאנד און פערניכטע איהר!”

26 אליקים, חלקיהו׳ס זוהן, אויך שבנה און יואח האָבען געזאָגט צו רבשקה:
„רייד צו דיינע קנעכט ארמית, וואָס נאָר מיר פארשטעהן, און רייד
צו אונז ניט העבּרעאיש אין געגענווארט פונ׳ם פאָלק וואָס אויפ׳ן מויער־
וואַנד”.

27 אָבער רבשקה האָט זיי געענטפערט: „האָט מיר מיין הערר געשיקט
ריידען דיעזע ווערטער נאָר צו דיין העררן און צו דיר? ניין! ווי
צו אייך אזוי אויך צו די מענשען וואָס זיצען אויפ׳ן מויער־וואַנד און
עסען שמוץ און טרינקען אונרייניגקייטען”.

28 און רבשקה האָט זיך אַוועקגעשטעלט און אויסגעשריען הויך אין העב־
רעאיש, אזוי צו זאָגען: הערט די רייד פון גרויסען קעניג, אשור׳ס
קעניג!

29 אזוי האָט דער קעניג געזאָגט: „לאָזט זיך פון חזקיהו׳ן ניט איינריי־
דען — פון מיין האנד וועט ער אייך ניט קענען רעטען!

חִזְקִיָּהוּ כִּי־לֹא יוּכַל לְהַצִּיל אֶתְכֶם מִיָּדוֹ׃ וְאַל־יַבְטַח ל
אֶתְכֶם חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְהוָה לֵאמֹר הַצֵּל יַצִּילֵנוּ יְהוָה וְלֹא
31 תִנָּתֵן אֶת־הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ אַל־תִּשְׁמְעוּ אֶל־
חִזְקִיָּהוּ כִּי כֹה אָמַר מֶלֶךְ אַשּׁוּר עֲשׂוּ אִתִּי בְרָכָה וּצְאוּ
אֵלַי וְאִכְלוּ אִישׁ־גַּפְנוֹ וְאִישׁ תְּאֵנָתוֹ וּשְׁתוּ אִישׁ מֵי־בֹרוֹ׃
32 עַד־בֹּאִי וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם אֶל־אֶרֶץ כְּאַרְצְכֶם אֶרֶץ דָּגָן
וְתִירוֹשׁ אֶרֶץ לֶחֶם וּכְרָמִים אֶרֶץ זֵית יִצְהָר וּדְבַשׁ וִחְיוּ
וְלֹא תָמֻתוּ וְאַל־תִּשְׁמְעוּ אֶל־חִזְקִיָּהוּ כִּי־יַסִּית אֶתְכֶם
33 לֵאמֹר יְהוָה יַצִּילֵנוּ׃ הַהַצֵּל הִצִּילוּ אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם אִישׁ
34 אֶת־אַרְצוֹ מִיַּד מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ אַיֵּה אֱלֹהֵי חֲמָת וְאַרְפָּד
אַיֵּה אֱלֹהֵי סְפַרְוַיִם הֵנַע וְעִוָּה כִּי־הִצִּילוּ אֶת־שֹׁמְרוֹן
מִיָּדִי׃ מִי בְּכָל־אֱלֹהֵי הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר־הִצִּילוּ אֶת־אַרְצָם לה
36 מִיָּדִי כִּי־יַצִּיל יְהוָה אֶת־יְרוּשָׁלִַם מִיָּדִי׃ וְהֶחֱרִישׁוּ הָעָם
וְלֹא־עָנוּ אֹתוֹ דָּבָר כִּי־מִצְוַת הַמֶּלֶךְ הִיא לֵאמֹר לֹא
37 תַעֲנֻהוּ׃ וַיָּבֹא אֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּה אֲשֶׁר־עַל־הַבַּיִת וְשֶׁבְנָא
הַסֹּפֵר וְיוֹאָח בֶּן־אָסָף הַמַּזְכִּיר אֶל־חִזְקִיָּהוּ קְרוּעֵי בְגָדִים
וַיַּגִּדוּ לוֹ אֵת דִּבְרֵי רַבְשָׁקֵה׃

## יט Cap. XIX. יט

א וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו וַיִּתְכַּס
2 בַּשָּׂק וַיָּבֹא בֵּית יְהוָה׃ וַיִּשְׁלַח אֶת־אֶלְיָקִים אֲשֶׁר־עַל־
הַבַּיִת וְשֶׁבְנָא הַסֹּפֵר וְאֵת זִקְנֵי הַכֹּהֲנִים מִתְכַּסִּים
3 בַּשַּׂקִּים אֶל־יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא בֶּן־אָמוֹץ׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו
כֹּה אָמַר חִזְקִיָּהוּ יוֹם־צָרָה וְתוֹכֵחָה וּנְאָצָה הַיּוֹם הַזֶּה
4 כִּי־בָאוּ בָנִים עַד־מַשְׁבֵּר וְכֹחַ אַיִן לְלֵדָה׃ אוּלַי יִשְׁמַע
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֵת ׀ כָּל־דִּבְרֵי רַבְשָׁקֵה אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ מֶלֶךְ־
אַשּׁוּר ׀ אֲדֹנָיו לְחָרֵף אֱלֹהִים חַי וְהוֹכִיחַ בַּדְּבָרִים אֲשֶׁר
שָׁמַע יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְנָשָׂאתָ תְפִלָּה בְּעַד הַשְּׁאֵרִית

הנמצאה

י״ח v. 37. למערבאי בלא מלה את

30 אומזיסט פארזיכערט אייך חזקיהו פון גאָט'ס וועגן זאָגענדיג: „אונ־
זער גאָט וועט אונז רעטען און די שטאָדט וועט ניט איבערגעגעבען ווע־
רען אין האַנד פון אשור'ם קעניג!"

31 וואָס הערט איהר חזקיהו'ן ווען דער קעניג פון אשור האָט אַזוי געזאָגט:
„טהוט מיר אַ געפעליגקייט — קומט אַרויס צו מיר און עסט יעדער פון
זיין וויינבוים און טרינקט יעדער זיינע אייגענע ברונען־וואַסער,

32 ביז איך וועל קומען און אַוועקפיהרען אייך אין אַ לאַנד אַזאַ ווי אייער
לאַנד — אַ לאַנד פון געטריידע און וויין, ברויט־פעלדער און וויין־גערט־
נער, אייל־בערען, אליוועז און האָניג; איהר קענט בעסער לעבען
איידער שטאַרבען... הערט ניט חזקיהו'ן, וועלכער רעדט אייך
איין זאָגענדיג: „גאָט וועט אונז רעטען!"

33 האָבען די געטער פון אַנדערע פעלקער געראַטעט יעדער זיין לאַנד פון
די הענד פון אשור'ם קעניג?

34 וואו זיינען די געטער פון חמת און ארפד? וואו זיינען די געטער פון
ספרוים, הנע און עוה? האָבען זיי געראַטעט שמרון פון מיין האַנד?

35 ווער פון די געטער פון די־אַלע לענדער האט דאָס לאַנד פון מיין מאַכט
בעפרייט? אַזוי וועט אויך אייער גאָט ירושלים פון מיין מאַכט בע־
פרייען..."

36 דאָס פאָלק האָט געשוויגען און קיין וואָרט ניט געענטפערט איהם, וואָ־
רים אַזוי האָט דער קעניג פאַרזאָגט: „איהר זאָלט איהם ניט ענט־
פערן!"

37 דאַן איז אליקים, חלקיה'ס זוהן, דער הויז־פערוואַלטער, אויך שבנא
דער שרייבער און יואח, אסף'ס זוהן, דער סעקרעטער, געקומען צו
חזקיהו'ן אין צוריסענע קליידער; זיי האָבען איהם דערצעהלט וואָס
רבשקה האָט גערעדט.

## קאַפּיטעל יט

1 אַז קעניג חזקיהו האָט דאָס דערהערט האָט ער זיינע קליידער צוריסען;
ער האָט זיך באַדעקט מיט אַ זאַק און געקומען אין גאָט'ס הויז.

2 ער האָט געשיקט אליקים'ן, דעם הויז־פערוואַלטער און שבנא דעם
שרייבער מיט די עלטסטע כהנים, באַדעקטע מיט זעק צו ישעיהו דעם
נביא, אמוץ'ס זוהן.

3 זיי האָבען צו איהם געזאָגט: „אַזוי האָט חזקיהו געזאָגט — אַ טאָג
פון אונגליק, פאַרווירפע און פערדרוס איז היינטיגער טאָג — די קינ־
דער האַלטען שוין ביי'ן דורכברעכען און עס איז קיין קרעפטען ניטאָ
צו געבוירען...

4 פיליכט וועט דיין גאָט הערען רבשקה'ס אַלע רייד, וואָס זיין הערר,
דער קעניג פון אשור, האָט איהם געשיקט צו לעסטערן דעם עוויגען
גאָט. איבערצייג זיך וועגען דעם אויב דיין גאָט האָט דאָס געהערט און
בעט פאַר די לעצט־געבליבענע.

ה הַנִּמְצָאָה׃ וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְשַׁעְיָהוּ׃
6 וַיֹּאמֶר לָהֶם יְשַׁעְיָהוּ כֹּה תֹאמְרוּן אֶל־אֲדֹנֵיכֶם כֹּה ׀ אָמַר
יְהוָה אַל־תִּירָא מִפְּנֵי הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ אֲשֶׁר גִּדְּפוּ
7 נַעֲרֵי מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אֹתִי׃ הִנְנִי נֹתֵן בּוֹ רוּחַ וְשָׁמַע שְׁמוּעָה
8 וְשָׁב לְאַרְצוֹ וְהִפַּלְתִּיו בַּחֶרֶב בְּאַרְצוֹ׃ וַיָּשָׁב רַבְשָׁקֵה
וַיִּמְצָא אֶת־מֶלֶךְ אַשּׁוּר נִלְחָם עַל־לִבְנָה כִּי שָׁמַע כִּי נָסַע
9 מִלָּכִישׁ׃ וַיִּשְׁמַע אֶל־תִּרְהָקָה מֶלֶךְ־כּוּשׁ לֵאמֹר הִנֵּה יָצָא
לְהִלָּחֵם אִתָּךְ וַיָּשָׁב וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל־חִזְקִיָּהוּ לֵאמֹר׃
י כֹּה תֹאמְרוּן אֶל־חִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה לֵאמֹר אַל־יַשִּׁאֲךָ
אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר אַתָּה בֹּטֵחַ בּוֹ לֵאמֹר לֹא תִנָּתֵן יְרוּשָׁלִַם
11 בְּיַד מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ הִנֵּה ׀ אַתָּה שָׁמַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר עָשׂוּ מַלְכֵי
12 אַשּׁוּר לְכָל־הָאֲרָצוֹת לְהַחֲרִימָם וְאַתָּה תִּנָּצֵל׃ הַהִצִּילוּ
אֹתָם אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר שִׁחֲתוּ אֲבוֹתַי אֶת־גּוֹזָן וְאֶת־
13 חָרָן וְרֶצֶף וּבְנֵי־עֶדֶן אֲשֶׁר בִּתְלַאשָּׂר׃ אַיּוֹ מֶלֶךְ־חֲמָת
14 וּמֶלֶךְ אַרְפָּד וּמֶלֶךְ לָעִיר סְפַרְוָיִם הֵנַע וְעִוָּה׃ וַיִּקַּח
חִזְקִיָּהוּ אֶת־הַסְּפָרִים מִיַּד הַמַּלְאָכִים וַיִּקְרָאֵם וַיַּעַל בֵּית
טו יְהוָה וַיִּפְרְשֵׂהוּ חִזְקִיָּהוּ לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּתְפַּלֵּל
חִזְקִיָּהוּ לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יֹשֵׁב
הַכְּרֻבִים אַתָּה־הוּא הָאֱלֹהִים לְבַדְּךָ לְכֹל מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ
16 אַתָּה עָשִׂיתָ אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ׃ הַטֵּה יְהוָה ׀ אָזְנְךָ
וּשְׁמָע פְּקַח יְהוָה עֵינֶיךָ וּרְאֵה וּשְׁמַע אֵת דִּבְרֵי סַנְחֵרִיב
17 אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ לְחָרֵף אֱלֹהִים חָי׃ אָמְנָם יְהוָה הֶחֱרִיבוּ
18 מַלְכֵי אַשּׁוּר אֶת־הַגּוֹיִם וְאֶת־אַרְצָם׃ וְנָתְנוּ אֶת־אֱלֹהֵיהֶם
בָּאֵשׁ כִּי לֹא אֱלֹהִים הֵמָּה כִּי אִם־מַעֲשֵׂה יְדֵי־אָדָם עֵץ
19 וָאֶבֶן וַיְאַבְּדוּם׃ וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הוֹשִׁיעֵנוּ נָא מִיָּדוֹ
וְיֵדְעוּ כָּל־מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ כִּי אַתָּה יְהוָה אֱלֹהִים לְבַדֶּךָ׃
כ וַיִּשְׁלַח יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ אֶל־חִזְקִיָּהוּ לֵאמֹר כֹּה

אמר

v. 16. קמץ ס״פ

5 אַז קעניג חזקיהו'ס קנעכט זיינען געקומען צו ישעיהו,

6 האָט ישעיהו צו זיי געזאָגט: אָט וואָס איהר זאָלט זאָגען אייער העררן — אַזוי האָט גאָט געזאָגט: „שרעק זיך ניט פאר די רייד וואָס דו האָסט געהערט ווען די אינגלעך פון אשור'ס קעניג האָבען מיר געלעסטערט.

7 איך וועל איהם אריינגעבען אַ געדאנק און ווי ער וועט הערען אַ נאַכריכט וועט ער צוריק געהן אין זיין לאַנד, דאָרטען, אין זיין לאַנד, וועל איך איהם מאַכען פאַלען פון שווערד."

8 אַז רבשקה איז אַוועק האָט ער אויסגעפונען אַז דער קעניג פון אשור איז אין שטרייט קעגען לבנה. אַז ער האָט ערפאהרען אַז ער איז אַוועק פון לכיש,

9 האָט ער איהם געלאָזען וויסען דורך תרהקה, קעניג פון כוש, אַזוי צו זאָגען: „ער [חזקיהו] האָט בעשלאָסען צו שטרייטען מיט דיר." האָט ער [קעניג פון אשור] ווידער געשיקט לייטע צו חזקיהו'ן זאָגענדיג:

10 אַזוי זאָלט איהר זאָגען צו חזקיהו, קעניג פון יהודה: „זאָל דיר דיין גאָט, אויף וועמען דו ביזט זיכער, ניט איינריידען אַזוי צו זאָגען — „ירושלים וועט ניט געגעבען ווערען אין האַנד פון אשור'ס קעניג";

11 געוויס האָסטו געהערט וואָס די קעניגע פון אשור האָבען געטהאָן צו פערשיעדענע לענדער פערניכטענדיג זיי, און דו וועסט זיך רעטען?!

12 האָבען די געטער פון די פעלקער וועלכע מיינע עלטערן האָבען פארניכ־טעט, צב"ש — גוזן, חרן, רצף און עדן'ער פון תלאשר, געראטעוועט זיי?

13 וואו איז דער קעניג פון חמת, דער קעניג פון ארפד, דער קעניג פונ'ם שטאָדט ספרוים, פון הנע און עוה? . . ."

14 חזקיהו האָט צוגענומען פון די לייטע די בריעף און האָט זיי דורכגע־לייענט, דאַן איז ער אריין אין גאָט'ס הויז און האָט דעם בריעף אויס־געשפרייט פאר גאָט.

15 חזקיהו האָט גאָט געבעטען און געזאָגט: „גאָט פון ישראל, וואָס זיצט אויף די כרובים! דו אליין ביזט דער גאָט פאר אלע רעגירונגען דער וועלט, דו האָסט געמאַכט דעם הימעל און די ערד —

16 לעג צו, אַ גאָט, דיין אויער און הער; עפען, אַ גאָט, דיינע אויגען און זעה! הער די ווערטער פון סנחריב'ס בריעף, וואָס ער האָט געשיקט צו לעסטערן דיר, אַ עוויגער גאָט!

17 עס איז ריכטיג, אַ גאָט! אשור'ס קעניגע האָבען פערוויסטעט יענע פעלקער און זייערע לענדער,

18 און פארברענט זייערע געטער אין פייער — וויל זיי זיינען קיינע גע־טער געווען נאָר שטיין אָדער האָלץ אויסגעארבייט מיט מענשעשע הענד, דערפאר האָט ער זיי צושמעטערט;

19 אָבער דו, אונזער גאָט, העלף אונז גלייך פון זיין האַנד, און זאָלען אַלע קעניגרייכען דער וועלט וויסען אַז נאָר דו אליין ביזט אַ מעכטיגער גאָט!"

20 דאַן האָט ישעיהו, אמוץ'ס זוהן, געשיקט זאָגען חזקיהו'ן: „אַזוי האָט

אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הִתְפַּלַּלְתָּ אֵלַי אֶל־
21 סַנְחֵרִב מֶלֶךְ־אַשּׁוּר שָׁמָעְתִּי׃ זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה
עָלָיו בָּזָה לְךָ לָעֲגָה לְךָ בְּתוּלַת בַּת־צִיּוֹן אַחֲרֶיךָ רֹאשׁ
22 הֵנִיעָה בַּת יְרוּשָׁלִָם׃ אֶת־מִי חֵרַפְתָּ וְגִדַּפְתָּ וְעַל־מִי
23 הֲרִימוֹתָ קּוֹל וַתִּשָּׂא מָרוֹם עֵינֶיךָ עַל־קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃ בְּיַד
מַלְאָכֶיךָ חֵרַפְתָּ ׀ אֲדֹנָי וַתֹּאמֶר בְּרֹכֶב רִכְבִּי אֲנִי עָלִיתִי
מְרוֹם הָרִים יַרְכְּתֵי לְבָנוֹן וְאֶכְרֹת קוֹמַת אֲרָזָיו מִבְחוֹר
24 בְּרֹשָׁיו וְאָבוֹאָה מְלוֹן קִצֹּה יַעַר כַּרְמִלּוֹ׃ אֲנִי קַרְתִּי
וְשָׁתִיתִי מַיִם זָרִים וְאַחְרִב בְּכַף־פְּעָמַי כֹּל יְאֹרֵי מָצוֹר׃
כה הֲלֹא־שָׁמַעְתָּ לְמֵרָחוֹק אֹתָהּ עָשִׂיתִי לְמִימֵי קֶדֶם וִיצַרְתִּיהָ
עַתָּה הֲבֵיאתִיהָ וּתְהִי לְהַשְׁאוֹת גַּלִּים נִצִּים עָרִים בְּצֻרוֹת׃
26 וְיֹשְׁבֵיהֶן קִצְרֵי־יָד חַתּוּ וַיֵּבֹשׁוּ הָיוּ עֵשֶׂב שָׂדֶה וִירַק דֶּשֶׁא
27 חֲצִיר גַּגּוֹת וּשְׁדֵפָה לִפְנֵי קָמָה׃ וְשִׁבְתְּךָ וְצֵאתְךָ וּבֹאֲךָ
28 יָדָעְתִּי וְאֵת הִתְרַגֶּזְךָ אֵלָי׃ יַעַן הִתְרַגֶּזְךָ אֵלַי וְשַׁאֲנַנְךָ
עָלָה בְאָזְנָי וְשַׂמְתִּי חַחִי בְּאַפֶּךָ וּמִתְגִּי בִּשְׂפָתֶיךָ וַהֲשִׁבֹתִיךָ
29 בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־בָּאתָ בָּהּ׃ וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת אָכוֹל הַשָּׁנָה
סָפִיחַ וּבַשָּׁנָה הַשֵּׁנִית סָחִישׁ וּבַשָּׁנָה הַשְּׁלִישִׁית זִרְעוּ
ל וְקִצְרוּ וְנִטְעוּ כְרָמִים וְאִכְלוּ פִרְיָם׃ וְיָסְפָה פְּלֵיטַת בֵּית־
31 יְהוּדָה הַנִּשְׁאָרָה שֹׁרֶשׁ לְמָטָּה וְעָשָׂה פְרִי לְמָעְלָה׃ כִּי
מִירוּשָׁלִַם תֵּצֵא שְׁאֵרִית וּפְלֵיטָה מֵהַר צִיּוֹן קִנְאַת יְהוָה
32 תַּעֲשֶׂה־זֹּאת׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֶל־מֶלֶךְ
אַשּׁוּר לֹא יָבֹא אֶל־הָעִיר הַזֹּאת וְלֹא־יוֹרֶה שָׁם חֵץ וְלֹא־
33 יְקַדְּמֶנָּה מָגֵן וְלֹא־יִשְׁפֹּךְ עָלֶיהָ סֹלְלָה׃ בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־
יָבֹא בָּהּ יָשׁוּב וְאֶל־הָעִיר הַזֹּאת לֹא יָבֹא נְאֻם־יְהוָה׃
34 וְגַנּוֹתִי אֶל־הָעִיר הַזֹּאת לְהוֹשִׁיעָהּ לְמַעֲנִי וּלְמַעַן דָּוִד
לה עַבְדִּי׃ וַיְהִי בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיֵּצֵא ׀ מַלְאַךְ יְהוָה
וַיַּךְ בְּמַחֲנֵה אַשּׁוּר מֵאָה שְׁמוֹנִים וַחֲמִשָּׁה אֶלֶף וַיַּשְׁכִּימוּ

בבקר

20 v למדנחאי עַל. 23. v ברב ק. ibid. קצו קרי

30. v כ״א בת. 31. v צבאות קרי ולא כתיב. 33. v כ״א על־

געזאָגט דער עוויגער, גאָט פון ישראל — „וואָס דו האָסט צו מיר גע־
בעטען וועגען סנחרב, קעניג פון אשור, האָב איך געהערט״.
21 אָט וואָס גאָט האָט וועגען איהם גערעדט : „עס מאַכט דיר צו שאַנד
און לאַכט פון דיר די יונגפרויליכע ציון־טאָכטער, ירושלים־טאָכטער שאָ־
קעלט דעם קאָפּ נאָך דיר !
22 וועמען האָסטו געלעסטערט און בעליידיגט ? קעגען וועמען האָסטו
דיין שטימע אויפגעהויבען ? אָ, דו האָסט צו הויך דיינע אויגען אויף־
געהויבען — אזש קעגען דעם הייליגען גאָט פון ישראל . . .
23 דורך דיינע לייטע האָסטו גאָט געלעסטערט און געזאָגט : „איך בין
מיט מיין קאַוואַלעריע אַרויף די העכסטע בערג, אזש ביז די ווינקלען פון
לבנון, דאָרט וועל איך אָבשניידען זיינע העכסטע צעדערן, די בעסטע
ציפּרעסען און ווי אין אַ נאַכט געלעגער אַריינקומען אין לעצטען ברעג
פון זיין וואַלדיגען גאָרטען —
24 פאַר זיך האָב איך אויסגעגראָבען שטראָם־וואַסער צום טרינקען ווען מיט
די טריט פון מיין פוס־אַרמעע מאַך איך טרוקען אַלע טייכלעך פון די
בעלאַגערטע.״
25 האָסטו ניט געהערט פון אמאָל וואָס איך האָב געטהאָן ? פון גאַנץ
אַלטע צייטען — וואָס איך האָב בעשאַפען ? איך ברייננ עס יעצט
ווידער אום באַפעסטיגטע שטעדט צו פערניכטען ווי בעוואַקסענע רו־
אינען . . .
26 זייערע בעוואוינער זיינען קורץ־מעכטיג, זיי זיינען צושראָקען און פאַר־
שעהמט. די וואָס זיינען געוועזן ווי גראָז פון פעלד — פריש־גרינע גראָז
— זיינען געוואָרען ווי מאָך פון די דעכער, די וועלכע זיינען געווען
ווי פאַרטיגע געטריידע, זיינען ווי צושלאָגענע קאָרן געוואָרען.
27 דיין זיצען, דיין אַרויסגעהן, דיין אַריינגעהן אויך דיין פרעכהייט קע־
גען מיר איז מיר בעוואוסט —
28 ווייל איך האָב דערהערט דיין פרעכהייט קעגען מיר און דיין טומלען,
וועל איך מיין רינג אויף דיין נאָז אַרויפטהאָן אין מיין צוים אויף
דיינע ליפּען, און אַזוי וועל איך דיר צוריקשיקען מיט די זעלביגע וועג,
אויף וועלכע דו ביזט געקומען . . .״
29 און דאָס וועט דיר (חזקיהו) אלס בעווייז דיענען — דיעזען יאָהר וועט
איהר די ערשטע נאָכגעוויקס עסען און דעם אנדער יאָהר — די צווייטע
נאָכגעוויקסע ; דעם דריטען יאָהר אבער — וועט איהר זעען אייערע
פעלדער און שניידען די געטריידע, איהר וועט פלאַנצען אייערע וויינ־
גערטנער און עסען זייער פרוכט !
30 די לעצטע גערעטעטע פונ׳ם הויז יהודה וועט ווידער האָבען וואָרצלען אונ־
טען און פרוכט וועט וואַקסען אויבען . . .
31 פון ירושלים וועט זיך אָנפאַנגען דאָס איבערבלייבונג און פונ׳ם באַרג
ציון — דאָס רעטונג, גאָט׳ס אנגעהמען זיך פאַר אייך וועט דאָס
מאַכען . . .
32 ווייל גאָט האָט אַזוי געזאָגט וועגען קעניג פון אשור : „ער וועט ניט
דערגעהן ביז די שטאָדט, ער וועט דאָרט קיין איין פייל ניט אריינשי־
סען, ער וועט איהר ניט אנטקעגען קומען מיט אַ פאַנצער און וועט
ארום איהר ניט אַרומשיטען קיין זאַמד־באַרג —
33 מיט דעם וועג דורך וועלכען ער איז געקומען וועט ער צוריק געהן, ער
וועט ניט דערגעהן ביז׳ן שטאָדט ! — אַזוי זאָגט גאָט —
34 איך זעלבסט וועל שיצען די שטאָדט אום צו העלפען איהר, צוליעב
מיר זעלבסט אויך צוליעב מיין קנעכט דוד . . .״
35 אין די זעלביגע נאַכט איז ארוים גאָט׳ס אַ מלאך און ערשלאָגען אין

36 בַּבֹּקֶר וְהִנֵּה כֻלָּם פְּגָרִים מֵתִים׃ וַיִּסַּע וַיֵּלֶךְ וַיָּשָׁב
37 סַנְחֵרִיב מֶלֶךְ־אַשּׁוּר וַיֵּשֶׁב בְּנִינְוֵה׃ וַיְהִי הוּא מִשְׁתַּחֲוֶה
בֵּית ׀ נִסְרֹךְ אֱלֹהָיו וְאַדְרַמֶּלֶךְ וְשַׂרְאֶצֶר * הִכֻּהוּ
בַחֶרֶב וְהֵמָּה נִמְלְטוּ אֶרֶץ אֲרָרָט וַיִּמְלֹךְ אֵסַר־חַדֹּן
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

## כ CAP. XX. כ

א בַּיָּמִים הָהֵם חָלָה חִזְקִיָּהוּ לָמוּת וַיָּבֹא אֵלָיו יְשַׁעְיָהוּ
בֶן־אָמוֹץ הַנָּבִיא וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּה־אָמַר יְהוָה צַו לְבֵיתֶךָ
2 כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה׃ וַיַּסֵּב אֶת־פָּנָיו אֶל־הַקִּיר וַיִּתְפַּלֵּל
3 אֶל־יְהוָה לֵאמֹר׃ אָנָּה יְהוָה זְכָר־נָא אֵת אֲשֶׁר הִתְהַלַּכְתִּי
לְפָנֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵבָב שָׁלֵם וְהַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי וַיֵּבְךְּ
4 חִזְקִיָּהוּ בְּכִי גָדוֹל׃ וַיְהִי יְשַׁעְיָהוּ לֹא יָצָא הָעִיר
ה הַתִּיכֹנָה וּדְבַר יְהוָה הָיָה אֵלָיו לֵאמֹר׃ שׁוּב וְאָמַרְתָּ אֶל־
חִזְקִיָּהוּ ׀ נְגִיד עַמִּי כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי דָּוִד אָבִיךָ
שָׁמַעְתִּי אֶת־תְּפִלָּתֶךָ רָאִיתִי אֶת־דִּמְעָתֶךָ הִנְנִי רֹפֶא לָךְ
6 בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי תַּעֲלֶה בֵּית יְהוָה׃ וְהֹסַפְתִּי עַל־יָמֶיךָ
חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּמִכַּף מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אַצִּילְךָ וְאֵת הָעִיר
הַזֹּאת וְגַנּוֹתִי עַל־הָעִיר הַזֹּאת לְמַעֲנִי וּלְמַעַן דָּוִד עַבְדִּי׃
וַיֹּאמֶר יְשַׁעְיָהוּ קְחוּ דְּבֶלֶת תְּאֵנִים וַיִּקְחוּ וַיָּשִׂימוּ עַל־
8 הַשְּׁחִין וַיֶּחִי׃ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְשַׁעְיָהוּ מָה אוֹת כִּי־
9 יִרְפָּא יְהוָה לִי וְעָלִיתִי בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי בֵּית יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר
יְשַׁעְיָהוּ זֶה־לְּךָ הָאוֹת מֵאֵת יְהוָה כִּי יַעֲשֶׂה יְהוָה אֶת־
הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבֵּר הָלַךְ הַצֵּל עֶשֶׂר מַעֲלוֹת אִם־יָשׁוּב
י עֶשֶׂר מַעֲלוֹת׃ וַיֹּאמֶר יְחִזְקִיָּהוּ נָקֵל לַצֵּל לִנְטוֹת עֶשֶׂר
11 מַעֲלוֹת לֹא כִי יָשׁוּב הַצֵּל אֲחֹרַנִּית עֶשֶׂר מַעֲלוֹת׃ וַיִּקְרָא
יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־יְהוָה וַיָּשֶׁב אֶת־הַצֵּל בַּמַּעֲלוֹת אֲשֶׁר
12 יָרְדָה בְּמַעֲלוֹת אָחָז אֲחֹרַנִּית עֶשֶׂר מַעֲלוֹת׃ בָּעֵת

ההיא

י"ט v. 37. בניו ק' ולא כתיב כ' v. 4. חצר קרי

אשור'ס לאַגער הונדערט פינף און אכציג טויזענד מאַן. אז מ'איז אויפ־
געשטאַנען אין דער פריה ערשט זיי זיינען אַלע טוידטע קערפּערס.
36 דאַן איז סנחריב, קעניג פון אשור, אַוועק צוריק און איז געבליבען
אין נינוה ;
37 ווען ער האָט זיך געבוקט אינ'ם הויז פון זיין גאָט נסרך האָבען איהם
ערשלאַגען זיינע זיהן אדרמלך און שראצר מיט אַ שווערד און זיינען
אנטלאָפען אין לאַנד אררט. זיין זוהן אסר־חדן האָט רעגירט נאָך
איהם.

## קאַפּיטעל כ

1 אין יענע צייט איז חזקיהו געפעהרליך קראַנק געוואָרען, איז ישעיהו
דער נביא, אמוץ'ס זוהן געקומען צו איהם און געזאָגט איהם : מאַך
אָרדנונג אין דיין הויז, ווארים דו וועסט שטאַרבען, דו קענסט ניט
געזונד ווערען !"
2 האָט ער זיין געזיכט צום וואַנד געקעהרט און גאָט געבעטען, זאָ־
גענדיג :
3 אָ, גאָט ! געדיינק ווי איך בין געגאַנגען פאַר דיר אין וואַרהייט און
מיט'ן גאַנצען האַרצען, איך האָב געטהאָן אַלץ וואָס עס איז דיר גע־
פעלען !" דערביי האָט חזקיהו זעהר געוויינט.
4 אַז ישעיהו איז נאָך ניט געווען דורכגעגאַנגען דעם מיטעלסטען הויף
איז גאָט'ס וואָרט געוועזן צו איהם, אַזוי צו זאָגען :
5 געה צוריק און זאָג חזקיהו'ן, דעם פיהרער פון מיין פאָלק, אַזוי האָט
געזאָגט גאָט פון דוד דיין אור־פאַטער : „איך האָב געהערט דיין געבעט,
איך האָב געזעהען דיינע טרעהרען — איך וועל דיר געזונד מאַכען ! אין
דריי טעג ארום וועסטו געהן אין גאָט'ס הויז.
6 איך וועל אויך צולעגען צו דיינע יאָהרען פופצעהן יאָהר און וועל דיר
רעטען פון דער האַנד פון אשור'ס קעניג צוזאַמען מיט דיעזע שטאָדט.
איך זעלבסט וועל שיצען די שטאָדט צוליעב מיר און צוליעב מיין קנעכט
דוד."
7 דאַן האָט ישעיהו געזאָגט : „ברייננגט מיר אַ פייגען־קוכען !" מ'האָט
געבראַכט אַ פייגען־קוכען און ארויפגעלעגט אויפ'ן ענטצינדונג און ער
איז געזונד געוואָרען.
8 האָט חזקיהו געזאָגט צו ישעיהו'ן : „וואָס איז דער בעוויז אַז נאָכ־
דעם ווי גאָט וועט מיר געזונד מאַכען וועל איך אויפ'ן דריטען טאָג קע־
נען געהן אין גאָט'ס הויז ?"
9 האָט ישעיהו געזאָגט: „אָט דאָס וועט דיר דיענען אַלס אַ ריכטיגער צייכ־
כען אַז גאָט וועט טהאָן ווי ער האָט גערעדט — דער שאָטען־זייגער
וועט צעהען גראַד פאַראויס געהן, אָדער צעהען גראַד צוריק געהן."
10 יחזקיהו אָבער האָט געענטפערט : „עס איז גאַנץ לייכט דער שאָטען
זאָל זיך צעהען גראַד נייגען און פאָראויס, אָבער ניט אַז דער שאָטען
זאָל צעהען גראַד צוריק געהן."
11 דאַן האָט ישעיהו דער נביא גאָט געבעטען, איז דער שאָטען־זייגער
צוריק אַרויף צעהען גראַד, די גראַדען וואָס ער איז שוין אַראָבגעגאַנגען
[די גראַדען פון אחז'ס שאָטען־זייגער].

הַהִיא שָׁלַח בְּרֹאדַךְ בַּלְאֲדָן בֶּן־בַּלְאֲדָן מֶלֶךְ־בָּבֶל סְפָרִים
וּמִנְחָה אֶל־חִזְקִיָּהוּ כִּי שָׁמַע כִּי חָלָה חִזְקִיָּהוּ׃ וַיִּשְׁמַע 13
עֲלֵיהֶם חִזְקִיָּהוּ וַיַּרְאֵם אֶת־כָּל־בֵּית נְכֹתֹה אֶת־הַכֶּסֶף
וְאֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַבְּשָׂמִים וְאֵת ׀ שֶׁמֶן הַטּוֹב וְאֵת בֵּית
כֵּלָיו וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר נִמְצָא בְּאוֹצְרֹתָיו לֹא־הָיָה דָבָר
אֲשֶׁר לֹא־הֶרְאָם חִזְקִיָּהוּ בְּבֵיתוֹ וּבְכָל־מֶמְשַׁלְתּוֹ׃ וַיָּבֹא 14
יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ וַיֹּאמֶר אֵלָיו מָה־אָמְרוּ ׀
הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה וּמֵאַיִן יָבֹאוּ אֵלֶיךָ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ מֵאֶרֶץ
רְחוֹקָה בָּאוּ מִבָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר מָה רָאוּ בְּבֵיתֶךָ וַיֹּאמֶר טו
חִזְקִיָּהוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר בְּבֵיתִי רָאוּ לֹא־הָיָה דָבָר אֲשֶׁר
לֹא־הֶרְאִיתִם בְּאֹצְרֹתָי׃ וַיֹּאמֶר יְשַׁעְיָהוּ אֶל־חִזְקִיָּהוּ 16
שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים וְנִשָּׂא ׀ כָּל־אֲשֶׁר 17
בְּבֵיתֶךָ וַאֲשֶׁר אָצְרוּ אֲבֹתֶיךָ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה בָּבֶלָה לֹא־
יִוָּתֵר דָּבָר אָמַר יְהוָה׃ וּמִבָּנֶיךָ אֲשֶׁר יֵצְאוּ מִמְּךָ אֲשֶׁר 18
תּוֹלִיד יִקָּח וְהָיוּ סָרִיסִים בְּהֵיכַל מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר 19
חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְשַׁעְיָהוּ טוֹב דְּבַר־יְהוָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ וַיֹּאמֶר
הֲלוֹא אִם־שָׁלוֹם וֶאֱמֶת יִהְיֶה בְיָמָי׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי חִזְקִיָּהוּ כ
וְכָל־גְּבוּרָתוֹ וַאֲשֶׁר עָשָׂה אֶת־הַבְּרֵכָה וְאֶת־הַתְּעָלָה וַיָּבֵא
אֶת־הַמַּיִם הָעִירָה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב חִזְקִיָּהוּ עִם־אֲבֹתָיו וַיִּמְלֹךְ 21
מְנַשֶּׁה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## כא — Cap. XXI. כא

בֶּן־שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה מְנַשֶּׁה בְמָלְכוֹ וַחֲמִשִּׁים וְחָמֵשׁ א
שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ חֶפְצִי־בָהּ׃ וַיַּעַשׂ הָרַע 2
בְּעֵינֵי יְהוָה כְּתוֹעֲבֹת הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הוֹרִישׁ יְהוָה מִפְּנֵי
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשָׁב וַיִּבֶן אֶת־הַבָּמוֹת אֲשֶׁר אִבַּד חִזְקִיָּהוּ 3
אָבִיו וַיָּקֶם מִזְבְּחֹת לַבַּעַל וַיַּעַשׂ אֲשֵׁרָה כַּאֲשֶׁר עָשָׂה

אחאב

כ׳ v. 13 נכתו ק׳ ibid. כ״א בכל־בית v. 18. יקחו ק׳ v. 14. פתח באתנח

12 אין דער זעלביגער צייט האָט בראדך בלאדן, בלאדן'ס זוהן, קעניג פון בבל, געשיקט בריעף און געשאנקען צו חזקיהו'ן, ווען ער האָט דערהערט אַז חזקיהו איז קראנק געווען.

13 חזקיהו האָט זיי אויסגעהערט און האָט זיי געוויזען זיין גאנצע שאַטץ־הויז: דאָס זילבער, גאָלד, געווירצען, גוטען אייל, אַלע כלים פון זיין הויז און אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין זיינע זאמלונגען — עס איז ניט געווען קיין זאַך אין זיין אייגענעם הויז און אין די רעגירונגס הייזער, וואָס ער האָט זיי ניט געוויזען.

14 דאַן איז ישעיהו דער נביא געקומען צום קעניג חזקיהו, און געזאָגט צו איהם: „וואָס האָבען די לייטע דערצעהלט און פון וואַנען זיינען זיי געקומען צו דיר?" האָט חזקיהו געזאָגט: זיי זיינען געקומען פון א וויטען לאַנד — פון בבל!

15 האָט ישעיהו געזאָגט: „וואָס האָבען זיי אין דיין הויז געזעהען?" חזקיהו האָט געענטפערט: זיי האָבען געזעהען אַלץ וואָס אין מיין הויז איז דאָ! עס איז ניט געווען איין זאַך אין מיינע זאמלונגען וואָס איך האָב זיי ניט געוויזען!

16 האָט ישעיהו געזאָגט צו חזקיהו'ן: „הער־זשע גאָט'ס וואָרט!

17 „עס וועט קומען אַ צייט ווען אַלץ וואָס עס איז דאָ אין דיין הויז און אַלץ וואָס דיינע עלטערן האָבען ביז דיזען טאָג אָנגעזאַמעלט, וועט אַוועק געטראָגען ווערען אין בבל. עס וועט קיין זאַך ניט בלייבען" — זאָגט גאָט —

18 מ'וועט אויך צונעהמען פון דיינע קינדער, די אבשטאַמונג פון די וואָס דו וועסט געבוירען, זיי וועלען הויפדיענער זיין אין טעמפעל ביי'ן קעניג פון בבל."

19 האָט חזקיהו געזאָגט צו ישעיהו'ן: איך נעהם אָן פאַר גוט אויף דעם וואָרט גאָט'ס וואָס דו האָסט אַרויסגערעדט! ער האָט געמיינט: אָבער אין מיין צייט וועט דאָך געוויס פריעדען זיין! . . .

20 די איבריגע פאַסירונגען חזקיהו'ס, זיין העלדענטהאַט, וואָס ער האָט געמאַכט אַ טייכעל און אַ קאַנאַל, אום וואַסער צו ברייננען אין שטאָדט, איז פאַרשריבען אין בוך „צייטפאַסירונגען פון די קעניגע יהודה'ס".

21 אַז חזקיהו איז געשטאָרבען האָט זיין זוהן מנשה רעגירט נאָך איהם.

## קאַפּיטעל כא

1 צוועלף יאָהר אַלט איז מנשה קעניג געוואָרען אין ירושלים און פינף־און־פופציג יאָהר האָט ער רעגירט. זיין מוטער האָט מען גערופען חפצי־בה.

2 ער האָט געטהאָן וואָס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, לויט די גרויל־טהאַטען פון די פעלקער, וועלכע גאָט האָט פאַרטריבען פאַר די קינדער ישראל.

3 ער האָט צוריק אויפגעבויט די באַרג־אַלטאַרען, וועלכע זיין פאָטער חזקיהו האָט פאַרניכטעט; ער האָט אויפגעשטעלט אַלטאַרען פאַר בעל

אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁתַּחוּ לְכָל־צְבָא הַשָּׁמַיִם וַיַּעֲבֹד
4 אֹתָם׃ וּבָנָה מִזְבְּחֹת בְּבֵית יְהוָה אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה
ה בִּירוּשָׁלִַם אָשִׂים אֶת־שְׁמִי׃ וַיִּבֶן מִזְבְּחוֹת לְכָל־צְבָא
6 הַשָּׁמָיִם בִּשְׁתֵּי חַצְרוֹת בֵּית־יְהוָה׃ וְהֶעֱבִיר אֶת־בְּנוֹ
בָּאֵשׁ וְעוֹנֵן וְנִחֵשׁ וְעָשָׂה אוֹב וְיִדְּעֹנִים הִרְבָּה לַעֲשׂוֹת
7 הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לְהַכְעִיס׃ וַיָּשֶׂם אֶת־פֶּסֶל הָאֲשֵׁרָה
אֲשֶׁר עָשָׂה בַּבַּיִת אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה אֶל־דָּוִד וְאֶל־שְׁלֹמֹה
בְנוֹ בַּבַּיִת הַזֶּה וּבִירוּשָׁלִַם אֲשֶׁר בָּחַרְתִּי מִכֹּל שִׁבְטֵי
8 יִשְׂרָאֵל אָשִׂים אֶת־שְׁמִי לְעוֹלָם׃ וְלֹא אֹסִיף לְהָנִיד רֶגֶל
יִשְׂרָאֵל מִן־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לַאֲבוֹתָם רַק ׀ אִם־יִשְׁמְרוּ
לַעֲשׂוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִים וּלְכָל־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר־צִוָּה אֹתָם
9 עַבְדִּי מֹשֶׁה׃ וְלֹא שָׁמֵעוּ וַיַּתְעֵם מְנַשֶּׁה לַעֲשׂוֹת אֶת־הָרָע
מִן־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִשְׁמִיד יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
11 וַיְדַבֵּר יְהוָה בְּיַד־עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים לֵאמֹר׃ יַעַן אֲשֶׁר
עָשָׂה מְנַשֶּׁה מֶלֶךְ־יְהוּדָה הַתֹּעֵבוֹת הָאֵלֶּה הֵרַע מִכֹּל
אֲשֶׁר־עָשׂוּ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר לְפָנָיו וַיַּחֲטִא גַם־אֶת־יְהוּדָה
12 בְּגִלּוּלָיו׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי
מֵבִיא רָעָה עַל־יְרוּשָׁלִַם וִיהוּדָה אֲשֶׁר כָּל־שֹׁמְעָיו תִּצַּלְנָה
13 שְׁתֵּי אָזְנָיו׃ וְנָטִיתִי עַל־יְרוּשָׁלִַם אֵת קָו שֹׁמְרוֹן וְאֶת־
מִשְׁקֹלֶת בֵּית אַחְאָב וּמָחִיתִי אֶת־יְרוּשָׁלִַם כַּאֲשֶׁר־יִמְחֶה
14 אֶת־הַצַּלַּחַת מָחָה וְהָפַךְ עַל־פָּנֶיהָ׃ וְנָטַשְׁתִּי אֵת שְׁאֵרִית
נַחֲלָתִי וּנְתַתִּים בְּיַד אֹיְבֵיהֶם וְהָיוּ לְבַז וְלִמְשִׁסָּה לְכָל־
טו אֹיְבֵיהֶם׃ יַעַן אֲשֶׁר עָשׂוּ אֶת־הָרַע בְּעֵינַי וַיִּהְיוּ מַכְעִסִים
אֹתִי מִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר יָצְאוּ אֲבוֹתָם מִמִּצְרַיִם וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
16 וְגַם דָּם נָקִי שָׁפַךְ מְנַשֶּׁה הַרְבֵּה מְאֹד עַד אֲשֶׁר־מִלֵּא
אֶת־יְרוּשָׁלִַם פֶּה לָפֶה לְבַד מֵחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־
17 יְהוּדָה לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי מְנַשֶּׁה
וכל

v. 9. קמץ בז״ק   v. 12. שמעה קרי

און געפלאנצט א געצען־בוים, אזוי ווי אחאב קעניג פון ישראל האט
געמאכט. ער האט זיך אויך געבוקט צו אלע פלאנעטען פון הימעל און
געדיענט זיי.
4 ער האט אויך אזעלכע אלטארען געבויט אינ׳ם הויז פון גאט, דער גאט
וואס האט געזאגט אויף ירושלים וועל איך מיין נאמען רופען.
5 אויך צו אלע הימעל פלאנעטען האט ער אלטארען געבויט איןביידע
הויפען פון גאט׳ס הויז.
6 זיין זוהן האט ער דורך פייער דורכגעפיהרט, ער האט צויבעריי געטרי־
בען, שלאנגענבעשווערעריי, שווארצקינסטלעריי און פאראויסטרעפונג
— ער האט זעהר פיעל שלעכטס געטהאן קעגען גאט, אום איהם צו
ערצארנען.
7 דעם בילד פון געצען־בוים, וואס ער האט געמאכט, האט ער אריינגע־
שטעלט אין דעם זעלבינגען הויז, וואס גאט האט געזאגט צו דוד און
שלמה זיין זוהן: „אין דעם הויז, און אין ירושלים, וואס איך האב
אויסגעקליבען פון אלע שטאמען ישראל׳ס, וועל איך אימער לאזען
רופען מיין נאמען —
8 און איך וועל שוין מעהר ניט מאכען וואנדערן די פיס פון ישראל פונ׳ם
